STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00693

LEKSIKON FUN DER YIDISHER LITERATUR, PRESE UN FILOLOGYE

Zalman Rejzen

Permanent preservation of this book was made possible
by The Rohr Family
in memory of
Bashevis Singer (In My Fathers Court)

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן רייזען

לעקסיקאָן

פון דער יידישער ליטעראַטור פּרעסע און פילאָלאָגיע

צווייטע אינגאַנצן איבערגעאַרבעטע פאַר־
מערטע און פאַרפולשטענדיקטע אויסגאַבע

פערטער באַנד
(ר — ת)

תר״צ ווילנע 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Copyright 1929 by „Wilner Varlag“ B. Kleckin, Wilno.

Z. Rejzen. Leksykon literatury, prasy i filologji żydowskiej. Tom IV.

Drukarnia „Wydawnictwo Wilenskie“ B. Kleckina, Wilno.

הקדמה צו דעם פערטן באַנד

מיט דעם דאָזיקן פערטן באַנד, וואָס אַנטהאַלט די לעצטע אותיות פון דעם אלף־בית, ר—ת, איז נאָך ניט אָפגעשלאָסן דער „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פרעסע און פילאָלאָגיע". ניט קוקנדיק אויף אַלע מיינע באַמיִונגען און אויף דער הילף פון קאָלעגן און פריינד, איז מיר, אַזוי ווי ביי די פריערדיקע בענד, ניט געלונגען באַצייטנס צו באַקומען דעם אויטענטישן ביאָביבליאָגראַפישן מאַטעריאַל פון אַ גאַנצער ריי שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן, און איך בין געווען געצוואונגען אַריבערצוטראָגן די אַרטיקלען וועגן זיי אין אַ ספעציעלן, פינפטן, באַנד, וואָס ווערט איצט צוגעגרייט צום דרוק און וועט אַחוץ די ביזאַהער דורכגעלאָזטע פערזאָנען אויך אַנטהאַלטן דעם רעגיסטער פון די נעמען און פסעוודאָנימען צו דעם גאַנצן ווערק. אַ ווייטערער באַנד, דער זעקסטער, וועט זיין געווידמעט דער עלטערער יידישער ליטעראַטור ביז דער מענדעלע־עפאָכע.

דער פערטער באַנד האָט זיך געזעצט אין משך פון די יאָרן 1928 און 1929 און ווען ניט די פאַרשיידענע מניעות, וועגן וועלכע איך האָב שוין דערמאָנט אין די באַמערקונגען צום דריטן באַנד, וואָלט ער שוין באַדאַרפט ערשיינען מיט אַ היבשער צייט פריער, אַזוי אַז די צוגעהעריקע פאַקטן און ערשיינונגען פון דעם לעצטן יאָר האָב איך שוין ניט געהאַט די מעגלעכקייט אויפצונעמען און די דאַטן דערפירט בלויז ביז צו 1929. צ"אַ האָב איך אויך ניט געהאַט שוין די מעגלעכקייט אין דעם באַנד צו ברענגען די אויטענטישע ביאָגראַפיע פון מ. ראַשקעס אָנשטאָט די צופעליקע און ניט־פינקטלעכע ידיעות, וואָס איך האָב באַקומען וועגן אים פון דער צווייטער האַנט; דאָסגלייכן זיינען אַריין אַ פאָר אומפינקטלעכקייטן אין דעם אַרטיקל וועגן אבא רובענטשיק, יעקב שטערנבערג א"אַ; דער לעצטנס פאָפולער געוואָרענער י. ראַבאָן פיגורירט נאָך אין דעם באַנד אַלס אָנפאַנגער אונטער זיין אָריגינעלן נאָמען ישראל רובין אאַז"וו. איך האָף אָבער אין די נייע אויפלאַגעס פון דעם לעקסיקאָן, בפרט אָבער אין דעם סופלעמענט־באַנד, מתקן און ממלא צו זיין די בלויזן, פעלערן און גרייזן, ווי אויך צו באַזאָרגן אין די געהעריקע ערטער די בילדער, וואָס איך האָב ליידער ניט געקענט באַקומען צו דער צייט. דערביי בין איך זיכער, אַז אַלע אין באַטראַכט קומענדיקע פערזאָנען וועלן זיך ענדלעך אָפרופן אויף מיין ווענדונג און וועלן מיר צושטעלן דעם געהעריקן ביאָביבליאָגראַפישן מאַטע־יאַל (לויט דער אַנקעטע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין דער הקדמה צו דעם ערשטן באַנד).

* * *

איך האָב שוין אין דער הקדמה צו דעם ערשטן באַנד פון לעקסיקאָן אָנגעוויזן אויף דער הויפּט־הנחה, פון וועלכער איך בין אַרויסגעגאַנגען אין מיין לעקסיקאָגראַפישער אַרבעט — צו ברענגען וואָס מער פאַקטישן מאַטעריאַל, ביאָגראַפישן, ביבליאָגראַפישן, קולטור־היסטאָרישן. איך האַלט פאַר נייטיק איצט נאָכאַמאָל אונטערצושטרייכן דעם דאָזיקן מאָמענט. עס איז פאַראַן אַ קאַרדינאַלער אונטערשייד צווישן מיין לעקסיקאָן און ענלעכע נאָכקוק־ווערק אין אַנדערע שפּראַכן. די אויפגאַבע פון די דאָזיקע נאָכקוק־ווערק איז בלויז צו געבן געוויסע אינפאָרמאַטיווע סך־הכּלען פון דעם אָדער יענעם שריפטשטע־לער, אָבער ניט צונויפברענגען ערשט דעם מאַטעריאַל וועגן זיי. דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז ביי די אומות עולם בדרך־כּלל צונויפגעבראַכט אין פאַרשיידענע מאָנאָגראַפיעס, ליטעראַטור־היסטאָרישע ווערק וכדומה. אין מיין לעקסיקאָן אָבער האָב איך נאָר טיילווייז געהאַט פאַר זיך פאָראַרבעטן וועגן די שייכות־דיקע פּערזאָנען. אין די מערסטע פאַלן אָבער האָב איך דעם מאַטעריאַל אַליין ערשט באַדאַרפט אַרויסבאַקומען. אַזוי־אַרום איז דער לעקסיקאָן גלייכצייטיק אי אַ נאָכקוק־ווערק, וואָס גיט אינפאָרמאַציע וועגן דעם אָדער יענעם פאָרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע אָדער פילאָלאָגיע, אי אַ קוועלנזאַמלונג פון דעם שייכותדיקן מאַטעריאַל. פון דעם שטאַנדפּונקט אויס האָב איך זיך ניט אָפּגעשראָקן אָפּצוגעבן אפשר אַ גרעסערן אָרט אַ ווייניקער באַדייטנדן שריפט־שטעלער, אויב דער מאַטעריאַל וועגן אים פאַר זיך גופא איז אַן אָריגינעלער און אַ ווערטפולער אין וועלכן עס איז פּרט. סוף־כּל־סוף וואָלט געווען לע־כערלעך צו מעסטן דעם ווערט פון אַ שרייבער לויט דער צאָל שורות, וואָס ער פאַרנעמט אין דעם לעקסיקאָן. איך האָב דערויף שוין אָנגעוויזן אין מיין דערמאָנטער הקדמה. איך וויל נאָך צוגעבן, אַז דער מאַטעריאַל וועגן אַ באַ־דייטנדערן שריפטשטעלער איז אַמאָל אָביעקטיוו ווייניקער ווי וועגן איינעם פון אַ סך אַ קלענערן ווערט, שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס ניט תמיד איז מיר געלונגען אויף דעם אָביעקטיוו פאַרהאַנענעם ביאָביבליאָגראַפישן מאַטעריאַל צו באַקומען. האָב איך געזאָלט צוליב דעם פאַרמינערן די דאַטן און ערשיינונגען, וואָס איך האָב יאָ געהאַט אין מיין רשות וועגן אַנדערע, אפילו ווייניקער וויכ־טיקע שריפטשטעלער? אין מיין לעקסיקאָגראַפישער אַרבעט האָב איך זיך אויסגעלערנט טייער צו שאַצן יעדן פאַקט, וואָס איז פאַרבונדן מיט די טרעגער פון אונזער ליטעראַטור; צי פאַר דעם דירעקטן צוועק פון מיין לעקסיקאָן, צי אין אַנדערן אופן וועט ער זיין נוצן ברענגען און וועט זיך באַרעכטיקן.

אַ באַזונדערע התנצלות פאָדערט פון מיר דער ענין ביבליאָגראַפיע. נאָר אין זעלטענע פאַלן איז מיר געלונגען אַ מער־ווייניקער פולע ביבליאָגראַפיע וועגן אַ שריפטשטעלער; ביי דעם היינטיקן צושטאַנד פון דער יידישער ביב־ליאָגראַפיע איז עס איבער די כּוחות פון איין מענטשן צונויפצוברענגען די גאַנ־צע ביבליאָגראַפיע, וואָס איז שייך צו דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע או פילאָלאָגיע. עס איז ניט נאָר די פראַגע פון דער אומגעהייערער טעכנישער

קראַפֿט, וואָס די דאָזיקע אויפֿגאַבע פֿאָדערט; עס פֿעלט נאָך דער מאַטעריאַל גופֿא. ערשט דורך איינזאַמלען דעם דאָזיקן מאַטעריאַל וועט מעגלעך זיין די דאָזיקע זייער וויכטיקע און ווייניקער האַרבע אויפֿגאַבע צו פֿאַרווירקלעכן. דער יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט, וואָס האָט שוין אין זיין אַרכיוו צונויפֿגעבראַכט די רייכסטע זאַמלונג פֿון יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן, וועט האָבן צו זאָרגן די דאָזיקע פֿולשטענדיקע יידישע ביבליאָגראַפֿיע צושטאַנדצוברענגען און פֿון יאָר 1926 האָט ער שוין די אויפֿגאַבע רעאַליזירט דורך זיין ביבליאָגראַפֿישער צענטראַלע, וועלכע רעגיסטרירט די גאַנצע יידישע דרוק-פּראָדוקציע אין דער גאַנצער וועלט. דערווייַלע אָבער האָב איך זיך געמוזט צופֿרידנשטעלן מיט ריין צופֿעליקע ביבליאָגראַפֿישע ידיעות, וואָס מיר איז מעגלעך געווען צו באַקומען. דאָ וואָלטן מיר שטאַרק געקענט צו הילף קומען די קאָלעגן, וואָס האָבן מיר צוגעשטעלט זייער ביאָביבליאָגראַפֿישן מאַטעריאַל. אָבער נאָר זעלטן האָט מען מיר אָנגעגעבן אַ גענויע ביבליאָגראַפֿיע. אויב מיר פֿלעגט נאָך, אויך דאָס רוב מיט גרויס מי און דורך פֿילפֿאַליקער דערמאָנונג, ווי עס איז געלינגען אַרויסצובאַקומען אַ אַוטאָביאָגראַפֿישע נאָטיץ, איז אָבער די ביבליאָגראַפֿיע זייער זעלטן דערביי אויטענטיש אָנגעגעבן געוואָרן, אַזוי אַז אויך מיר איז געבליבן די זייער שווערע אַרבעט אַליין זי נאָכצוזוכן.

מיט אויסרעכענען אין לעקסיקאָן איינצלנע אַרטיקלען פֿון דעם אָדער יענעם שריפֿטשטעלער האָב איך ניט אַזוי אין זינען געהאַט די ביבליאָגראַפֿישע פֿולשטענדיקייט (וועלכע איז דאָך סיי ווי סיי געווען פֿאַר מיר אַ אומדערגרייכלעכע זאַך), ווי צוצוגעבן נאָך אַ שטריך צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון דער ליטעראַרישער טעטיקייט פֿון דעם באַטרעפֿנדיקן שריפֿטשטעלער.

איך האָב שוין אין דער הקדמה צום ערשטן באַנד אָנגעוויזן, אַז איך האָב זיך אין מיין לעקסיקאָגראַפֿישער אַרבעט ניט געקענט באַנוגענען מיט בלויז רעגיסטרירן און באַשרייבן, נאָר אין דעם אָדער אין יענעם פֿאַל האָב איך אויך געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו געבן אָפּשאַצונגען. די דאָזיקע אָפּשאַצונגען האָב איך אָבער אָפֿט געבראַכט אין דער פֿאָרם פֿון ציטאַטן פֿון דעם אָדער יענעם קריטיקער. איך האָב עס געטאָן סיי כּדי צו פֿאַרהיטן זיך ווי ווייט מעגלעך פֿון אַרויכברענגען איינענע מיינונגען, סיי צוליב דעם וואָס מיר איז אָפֿט ניט צוגענגלעך געווען דאָס ווערק פֿון דעם באַטרעפֿנדיקן שריפֿטשטעלער און אַ באַגריף וועגן אים האָב איך געקענט געבן נאָר פֿון דער צווייטער האַנט. וואָרים סוף-כּל-סוף איז פֿאַר מיר דער עיקר צונויפֿברענגען אין מיין לעקסיקאָן וואָס מער פֿאַקטן און דאַטן, און אַן אויסצוג פֿון אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכער אָפּהאַנדלונג איבער שריפֿטשטעלער איז אויך אַ דאַטע און אַ שטריך צו זיין כאַראַקטעריסטיק.

* * *

ביים אָפּשליסן דעם הויפּט-קאָרפּוס פֿון לעקסיקאָן ניץ איך אויס די געלעגנהייט אויסצודריקן מיין האַרציקסטן דאַנק די קאָלעגן און פֿריינד, וואָס האָבן מיר מיטגעהאָלפֿן אין מיין אַרבעט פֿאַרן לעקסיקאָן מיט פֿאַרשיידענע מאַטע-

ריאַלן און ידיעות, קודם-כל ק. מרמרן, וועמען איך האָב צו פאַרדאַנקען אַ גרויסן טייל פון דעם מאַטעריאַל וועגן די יידישע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן פון אַמעריקע, דאַן אויך ש״ל ציטראָנען (ווילנע), א. גורשטיינען (מאָסקווע), ש. ק. שנייפאַלן און מ. קאַדישעוויטשן (כאַרקאָוו), נחמן מייזילן (וואַרשע), ש״ס-ראָמאַנען (בוקאַרעשט), ש. ערנסטן (תל-אביב), מ. קיטאַיען (ריגע), ש. שווערדשאַרפן (וואַרשע) און נאָך אַנדערע, וועלכע איך האָב ניט בכיוון דורכגעלאָזט, ווי אויך די ביבליאָטעקאַרן פון דער שטראַשון-ביבליאָטעק חייקל לונסקי און יצחק שטראַשון און י. אַנילאָוויטשן פון דער ביבליאָגראַפישער צענטראַלע פון ייוו״א. איך דאַנק אויך דעם פאַרלאַג ב. קלעצקין, זיין פאַרוואַלטער י. קאַמערמאַכער, די מעטראַנפּאַזשן י. סטעקין און מ. ציאַרקאָ און די חברים זעצער, וואָס האָבן יעדערער אין זיין אופן מיר מיטגעהאָלפן אַרויסצוברענגען מיין אַרבעט אויף דער ליכטיקער שיין.

צום סוף חזר איך ווידעראַמאָל דאָ איבער מיין בקשה צו אַלע יידישע שריפטשטעלער זשורנאַליסטן, פילאָלאָגן, איבערזעצער, פאַרלעגער, בכלל צו אַלע פריינד פון יידישן וואָרט: העלפט מיר מיט אין דער אַרבעט צו פאַרבעסערן און פאַרפולקומען דעם לעקסיקאָן! שיקט צו *) ביאָגראַפיעס און בילדער פון יידישע שריפטשטעלער, בפרט פון עלטערע, פאַרשטאָרבענע, פון ווייניק באַקאַנטע; ברענגט מילואים צו דעם מאַטעריאַל, וואָס איז שוין צונויפגעבראַכט אין לעקסיקאָן; שיקט צו ביבליאָגראַפישע ידיעות וועגן זעלטענע יידישע ביכער, צייטשריפטן, מאַנוסקריפטן אדג״ל, און אויב מעגלעך — די אָביעקטן גופא! ווייזט אָן דעם אַוטאָר די פעלערן און גרייזן פון זיין ווערק! די דאָזיקע אַלע דאַטן און תיקונים וועלן מיט דאַנק אויסגענוצט ווערן!

ז ל מ ן ר י י ז ע ן

ווילנע, דעצעמבער 1929

---

*) אויפן אַדרעס: ז. רייזען, גרויס-פּאָהוליאַנקע 17, וו' 10, ווילנע

לעקסיקאָן

פון דער יידישער ליטעראַטור, פרעסע
און פילאָלאָגיע

ראַבאָי אײַזיק (IX/ 1882 —) געב׳ אין זאַוואַליע, קאָנגרעס־פּוילן. זיין פאָטער, יוסף־חיים, אַ חסיד און זייער אַ פרומער, איז געווען אַ וואַלד־קאַסיר, אָבער באַלד נאָך אײַזיקס געבורט זיך אַריבערגעצויגן קיין רישקאַן, בעסאַראַביע, וואו ער האָט אַרענדירט די קרוינישע פּאָסט; געשפּילט האָט יוסף־חיים אין שטעטל אַ גרויסע ראָלע אַדאַנק זיין לומדות און שיינער פּערזענלעכקייט. זיין בכור אײַזיקן האָט ער אויך געשטרעבט צו מאַכן פאַר אַ גרויסן למדן, און ביז 14 יאָר האָט ר׳ געלערנט ביי די בעסטע מלמדים, וואָס דער פאָטער פלעגט אַראָפּברענגען פון פּוילן און אַמאָל אויך פון דער ליטע, אָבער ניט אַרויסגעוויזן קיין פעיִקייטן צום לערנען, בלויז צייטנווייז דורך גרויס התמדה באַוויזן, אַז אויב מ׳וויל, קען מען. צו יענער צייט איז דעם פאָטערס פּאָסט אונטערגעגאַנגען און צוליב פּרנסה פלעגט ער אַוועקפאָרן פון דער היים, קומענדיק צום הויזגעזינד נאָר אויף יום־טוב, און אײַזיק האָט אָנגעהויבן צו לערנען אין בית־מדרש, פון זיינע עלטערע קלויז־חברים זיך אָנגעשטעקט מיט השכלה, זיך גענומען צו רוסיש, העברעיִש, גראַמאַטיק, געלייענט דעם „אהבת ציון" אאַז״וו, זיך אָפּגעשוירן די פּאות, ביז מ׳האָט אים צו 15 יאָר אַרויסגעטריבן פון דער חסידישער קלויז און דאַן האָט ער אויך אָנגעטאָן קורצע קליידער, און אַז דער פאָטער איז אויף יום־טוב געקומען אַהיים, האָט ער געפונען זיין זון גאָר אַ פאַרענדערטן, געפּרוּווט ווירקן אויף אים אויך מיט פעטש, אָבער די מוטער האָט זיך אַריינגעמישט און עס איז געבליבן, אַז אײַזיק איז „אַן אַנדער מענטש". צו דער צייט זיך אָנגעהויבן צו באַקענען מיט דער רוסישער ליטעראַטור, באַקומענדיק ביכער ביי דעם לערער פון דער רוסישער פאָלקסשול, געשלונגען גאָגאָלן, דאָסטאָיעווסקין, טאָלסטאָיען, טשעכאָוון, אַליין אָנגעהויבן צו שרייבן אין רוסיש, העברעיִש, יידיש, און ביים לערער, ווי אויך ביי זיינע באַקאַנטע, אויסגענומען מיט זיינע ערשטע פּראָבן, און באַקומען מוט, האָט ער אָנגעהויבן צו שיקן זיינע זאַכן צום דרוק, אָבער קיין ענטפער פון די רעדאַקציעס האָט ער זיך ניט דערוואַרט. דאַן האָט ער זיך ביי יעקב מאַרק אויסגעלערנט בוכהאַלטעריע און לויט דעם פאָטערס רעקאָמענדאַציע אָנגעקומען אין אַ גרויס געשעפט אין וויניצע, אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום געמוזט צוריקפאָרן אַהיים און ביזן פּריזיוו פאַרבראַכט אין שטעטל, זיך אָפּגעגעבן מיט כלל־טוערײַ, אַ סך געלייענט און זייער פיל געשריבן, אָבער אים איז ניט געראָטן אַפילו קיין שורה אָפּצודרוקן פון זיינע בערג מאַנוסקריפּטן. 1904 האָט ר׳ אויסגעוואַנ־



דערט קיין אַמעריקע, וואו זיך אויסגעלערנט אַ מלאכה, אין דער פרייער צייט ווייטער געשריבן, אָבער אין די רעדאַקציעס אַלץ ניט געהאַט קיין מזל, ביז ער האָט זיך 1906 באַקענט מיט יואל ענטינען, וועלכער האָט אים צונויפגעפירט מיט דוד פינסקין, און פינסקי האָט אין זיין וואָכנבלאַט „דער אַרבייטער" פאַרעפנטלעכט אייניקע זאַכן ר'ס, אָבער באַלד זיך מיט אים ווידער צעגאַנגען, ווייל ער „פאַרקריכט אויף משוגענע וועגן". דאַן האָט ר' זיך באַקענט מיט דער גרופע אָנפאַנגער, מאַני-לייב, איגנאַטאָוו א"אַ, וועלכע האָבן זיך אָפגעהיט פון צו דרוקן אין די טעגלעכע צייטונגען און אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די זמ"ב „יוגענד" — די ערשטע אָרגאַניזירטע מאַניפעסטאַציע פון די שפעטער אַזוי באַרימט געוואָרענע „יונגע" — וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין דערציילונג „די רויטע בלום", וואָס האָט זיך שוין אויסגעצייכנט מיט דעם אייגנאַרטיקן ר'-טאָן. אַרום 1908 האָט ר' באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די גרויסע שטאָט און ווערן אַ פאַרמער און נאָך צוויי יאָר שטודירן אין אַ אַגריקולטורשול האָט ער באַקומען אַ שטעלע אויף אַ פאַרם פון פערד אין שטאַט נאָרד-דאַקאָטאַ, וואו ער האָט פאַרבראַכט אייניקע יאָר, זיך מיט לייב און לעבן אָפגעבנדיק דער נייער מלאכה, און די גאַנצע צייט ניט געשריבן. ערשט 1913 צוריקגעקומען קיין נ"י, האָט ער חתונה געהאַט, געוואָרן אַ געשעפטסמאַן, אין משך פון אַ האַלב יאָר צוגעלייגט זיין קליינעם קאַפיטאַל, וואָס ער האָט געמאַכט פון אַגריקולטור, און געמוזט צוריקגיין אין דער פאַבריק. צו יענער צייט האָט ר' אָנגעשריבן זיין ערשטן ראָמאַן „הערר גאָלדענבאַרג" (צוערשט פאַרעפנטלעכט אין די „שריפטען", III, ז' 100), וואָס איז מיט פרייד אויפגענומען געוואָרן פון דער קריטיק און פון דעם לעזער אַלס די ערשטע ברייטע שילדערונג פון דעם יידישן לעבן אויף דעם שויס פון דער אַמעריקאַנער נאַטור. אַ גרויסן ערפאָלג האָט אויך געהאַט זיין צווייטער ראָמאַן „דער פאַס פון ים" (אין זמ"ב „דער אינזעל", 1917) און דער דריטער „דאָס ווילדע לאַנד" („שריפטען", V, 1919). פון צייט צו צייט האָט ר' געדרוקט אויך קליינע דערציילונגען אין פאַרשיידענע יידישע צייטשריפטן פון אַמעריקע, דערהויפט אין די אויסגאַבן פון די „יונגע", ווי „טרוימען און ווירקליכקייט", „ליטעראַטור און לעבען", „פון מענש צו מענש", „וועלט אַיין וועלט אויס", „שריפטען", „אינזעל", „איסט בראָדוויי", „פאָעזיע", „פעדער", „אין זיך", „דאָס וואָרט", „נייע וועלט", „פיהרער", „קולטור", „אונדזער בוך" א"אַ. ציענדיק חיונה פון זיין מלאכה (צו מאַכן פאָרמען פון פרויענהיטעלעך), פלעגט ער דאָס רוב דרוקן זיינע זאַכן אָן געלט, אונטערשטיצנדיק דערמיט די אויסגאַבן פון די יונגע. די לעצטע יאָרן האָט ער באַזונדערס אָפט זיך באַטייליקט אין „דער צוקונפט", וואו ער האָט צ"אַ פאַרעפנטלעכט זיינע ראָמאַנען „בעסאַראַבער אידען" (1922 — 23) און „געקומען אַ איד קיין אַמעריקע" (1926 — 1927), די דראַמע אין 3 אַקטן „אידישע מנהגים" (1926, I). 1928 איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „דער פרייהייט", וואו ער האָט אויך פריער פון צייט צו צייט געדרוקט דערציילונגען (למשל, „די בייטש"—צען בילדער פון ניו-יאָרק, 1922) און פון דעם חודש-זשורנאַל „דער האַמער".—איינער פון די באַדייטנדסטע און אָריגינעלסטע פאָר-

שטייער פון דער נייער יידישער פּראָזע, האָט ר׳ אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ נייעם אינהאַלט — דעם יידישן ערדאַרבעטער, די יידישע בענקשאַפט נאָך ערד. אין זיינע ווערק קומט צום אויסדרוק אַן עכטער דיכטער מיט אַ שיר ניט פּרימיטיוון אינסטינקט, מיט געזונטע חושים, מיט אַ טיפער ליבשאַפט צו דער נאַטור, צו דער פרייקייט און שטילקייט פון דער פּרעריע, מיט אַ טיף מענטשלעכער באַציִונג צו די שטומע באַשעפענישן. דער ספּעציפישער ר׳ס „חן" נעמט זיך פון יענעם נאַטירלעכן געמיש פון נאַיִוויטעט און ראַפינירטקייט, וועלכער גיט אַריין אַזאַ מאָדנעם טעם און קלינגט אַזוי פּאַרצייטיק און אַזוי פריש אין אַלץ, וואָס א. ראַבאָי שרייבט"... —

„...די דריי ראָמאַנען פון א. ר׳ („הער גאָלדענבאַרג", „אַ פּאַס פון ים" און „דאָס ווילדע לאַנד") זיינען אייגנטלעך איין פּאָעמע פון — פערד, מענטשן, אָקסן, פּרעריעס, וועלדער, וועגן, בערג, בענקענישן, טרויער, פרייד, זון, רעגן, גאָט...

...די געשטאַלטן פון זיינע ווערק ווערן אונז אָדער געצייגט נאָר פון איין זייט, אָדער עס ווערן געגעבן בלויז אָנצוהערענישן אויף זייער כאַראַקטער, און עס באַקומען זיך סילועטנצייכענונגען אָנשטאָט קענטיקע קאָנטורן. ער איז אויך ניט קיין בריה אויף פּסיכאָלאָגישע „פאַרטיפונגען" און זייליש „אויסגראָבונגען". ער איז אויך ניט קיין דערציילונגסמייסטער; ער האָט ניט קיין גוסט צו „פאַבולירן" גלאַט אין דער וועלט אַריין און צו שפּינען לאַנגע און פאַרדרייטע דערציילונגספעדים... ניט מיט די מעשיות און ניט מיט דער „פּסיכאָלאָגיע" און די „דראַמעס" פון זיינע העלדן און אַפילו ניט מיט דער בייקייט פון דער מיליע, וואָס ער שילדערט, פאַראינטערעסירט אונז ר׳, נאָר — מיט זיך אַליין, מיט זיין אייגענער, געזעענער און געטרוימטער וועלט, מיט זיין ווילדן, פרישן סטיל, וואָס האָט אין זיך אַזאַ, גאָר ניט היינטיקע, תמימות און אַזאַ ניט שטאָטישע, נאַטירלעכקייט און בילדלעכע אָנגעזעטיקטקייט... ניט מיט זיינע עצם ווערק נעמט ער אונז, נאָר מיט דעם אייגנאַרטיקן (קנוט האַמסונישן? ניין, ראַבאָיִשן) נעפּלדיקן הייטל, וואָס איז אויף זיי אַרויפגעצויגן, און מיט די איינציקע, ליכטיקע אָדער טונקעלע, לעבעדיקע פלעקן, וואָס מיר זעען דורך דעם נעפּל... ר׳ איז ניט קיין ראָמאַניסט און ניט קיין דערציילער אין דעם געוויינלעכן זינען. ער איז אַ — פאַרשטעלטער — ליריקער, און זיינע ראָמאַנען זיינען שטיקער פאַרגליווערטע ליריק... ר׳ געהערט צו דעם טיפּ פון די לירישע קינסטלער... לירישע שרייבער שרייבן דערהויפּט וועגן זאַכן, וואָס זיי ליבן. און די דריי ראָמאַנען ר׳ס זיינען טאַקע ניט מער, אָבער אויך ניט ווייניקער, ווי די פּאָעמע פון ר׳ס ליבע. פון זיין ליבע צו פערד, צו פעלדער, צו וועלדער, צו מענטשנקינדער, וואָס לעבן צווישן זיי און צו אַלע גאָטס באַשעפענישן, אַחוץ די גרויסשטאָטישע. זיי האָט ניט גאָט באַשאַפן נאָר דער טייוול"... — ...„די כאַראַקטערן זיינען אין די אַלע ראָמאַנען ר׳ס מער ליריש אויסגעזונגען ווי אָפּגעמאָלן, עס איז דאָ אַ געוויסע אַטמאָספערע אַרום יעדער פון די פּערזאָנען, אָבער קיין באָדן אונטער זיי איז ניטאָ. מיר זעען זיי אין דער לופטן שוועבנדיק, מיר קאָנען דערשפּירן זייער צאַרטן אָטעם מיט אונזערע איידעלערע אינעווייניקסטע חושים, אָבער קיין ממשות, קיין פעסטקייט האָבן זיי ניט. דער גאַנצער טאָן איז עפּעס אַ

ווייטער, אַן אומבאַשטימטער, כ'וואָלט געזאָגט אַ לירישער". (ש. ניגער). — די בענקשאַפט צו דער ערד און דער פּאַר ר'ן אַזוי כאַראַקטעריסטישער ווייכער ליריזם דרינגען אויך דורך זיין בוך „אייגענע ערד", וואו ער שילדערט שוין ניט די אַמעריקאַנישע פּרעריע, נאָר זיין היימישע בעסאַראַביע. „פּאַר אונזער דיכטער איז זיין בעסאַראַביש שטעטל שוין אַ ווייטע שאָטנהאַפטיקע ערינערונג, ניט קיין רעאַליטעט. אָדער, ריכטיקער, עס איז פאַר אים ביידע זאַכן—אי וואָר, אי עפּעס געחלומטס, אי אַ שטיק לעבן, אי עפּעס כאַנטאַסטישס. עפּעס אַמין ליריש־רעאַליסטישער גראָטעסק. עס האָט אין זיך עפּעס פון שאַגאַלס וויטעבסקער בילדער. אָבער דער ליריש־גראָטעסקער טאָן... רייסט זיך איבער, ברעכט זיך. אָט זיינען די בילדער איינפאַך רעאַליסטיש געמאָלן און אָט כאַפּן זיך פּלוצלונג אַריין אין זיי שאַגאַלישע ליניעס און שאַגאַלישע פאַרבן" (ניגער). ר'ס ליבע צו מענטשן, פּרימיטיווע און פּשוטע, שטילע אָבער קרעפטיקע, קומט אויך צום אויסדרוק אין זיינע הערלעכע בילדער „געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע", וואו ער דערציילט אַזוי איינפאַך און אויפריכטיק, אַזוי רויק און מיט אַזאַ מילדן הומאָר דאָס טאָגטעגלעכע לעבן פון אַ יידישן אימיגראַנט, זיין רירנדע אומבאַהאָלפנקייט אין דער נייער סביבה, קעגן דעם שפּיל פון די פאַרבאָרגענע לעבנס־כוחות. שיין זיינען ר'ס קליינע דערציילונגען, די מעשיות פון פערד, קעץ, קי און אַז"וו, די נאָוועלן פון שטאָט, וואָס צייכענען זיך אויך אויס מיט זיין אייגנאַרטיקן סטיל, וואו די גרענעץ צווישן פּאָעזיע און פּראָזע ווערט ווי אָפּגעווישט. — אַ זאַמלונג פון ר'ס ווערק איז אַרויס אין 3 ב' אין פ"ג „אַמעריקאַ" מיט באַצירונגען פון א. הערריטאַן: „אין דער ווייטער וועלט / הערר גאָלדענבאַרג און אַנדערע דערצעהלונגען" (1918, ז' 196); „ביי־ענגלאַנד / דער פּאַס פון ים", ראָמאַן אין דריי טייל (1918, ז' 201); „איך דערצעהל / שטאָט נאָוועלען" (1920, ז' 267). זיין ראָמאַן „הער גאָלדענבאַרג" איז אויך אַרויס אין דער „פּרץ־ביבליאָטעק" פון די געקליבענע ביכער פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור, צוזאַמענגעשטעלט פון ב. מייזיל און מ. ראַוויטש (וואַרשע, 1923, ז' 116). פון דער אויסגאַבע „געקליבענע ווערק פון א. ראַבאָי", ווילנער פ"ג ב. קלעצקין, זיינען שוין אַרויס די ראָמאַנען: „אייגענע ערד" („בעסאַראַבער יידן" — 1928, ז' 284) און „איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע" (ז' 394). — „הער גאָלדענבאַרג" איז פון אים אויך באַאַרבעט געוואָרן אין אַ דראַמע א"ט „שטעכיק דראָט", אויפגעפירט מיט ערפאָלג אין „אונזער טעאַטער" אין מערץ 1925.

נח שטיינבערג, „יונג־אמעריקא", ז' 61—84; משה נאדיר, „מיינע הענט האָבן פארגאָסן דאָס ראָזיקע בלוט", ז' 90—91; ד"ר מ. קאנפער, „דער דיכטער פון בענקשאפט", אין Nasz Kurjer, 1922 (?); ב. מייזיל, אין „ביכער־וועלט", 1923, I; א. גלאנץ, אין דער יובליי־אויסגאבע פון „טאָג", נאָוועמבער 1924; ס. דינגאָל, וועגן דער אויפפירונג פון ר'ס „שטעכיק דראָט", אין „טאָג" פון 20/III 1925; הערמאן גאָלד, „עקסקורסיעס אין דער אידישער דראמאטורגיע", אין „אונדזער בוך", 1926, I; id, „דרייצן אמעריקאנער שרייבער", id, 1928, III; שמואל ראָזשאנסקי, אין דער בוענאָס־איירעסער „אידישער צייטונג" פון 13/V 1928; סימורדען, אין דער בוענאָס־איירעסער „פּרעסע" פון 9/VIII 1928; ש. ניגער, אין „שמועסן וועגן ביכער", „דריי ראמאנען", ז' 254—261; id, אין „טאָג" פון 25/XI 1928; ב. ריווקין, ס. טשעסטערס דאָרף־בוך „וואלד־ברונים", אין „פעדער", 1928, I—III.

ראַבאַק אברהם-אהרן (19/VI 1890–) געב' אין גאַניאַנדז, ביאַלי-סטאָקער קרייז. אין עלטער פון צוויי יאָר געבראַכט געוואָרן קיין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, וואו דער-

צויגן געוואָרן אין אַ ענגליש-פראַנצויזישער סביבה, אָבער אַדאַנק דער מוטערס אָנשטרענגונגען באַקומען אַ יידישע דער-ציונג אין די תלמוד-תורהס פון מאָנטרעאַל און ביי פריוואַטע לערערס, צו 9 יאָר אָנגעהויבן צו לערנען גמרא, שפּעטער זיך פאַראינטערעסירט מיט קבלה, מיט דער טעאָלאָגישער ליטעראַטור בכלל, פאַר זיך געלערנט דיקדוק פון געזעניוסעס גראַמאַטיק אין ענגליש, געלייענט יידיש — קעגן דעם וואונטש פון די עלטערן. דורכגעמאַכט די אַלגעמיינע פאָלקסשול און מיטלשול, איז ער צו 17 יאָר אָנגעקומען אין מעקגיל-אוניווערסיטעט, לכתחילה — מיט דער כוונה זיך צו ספּעציאַליזירן אין פילאָלאָגיע, שפּעטער אַריבער צום שטודיום פון פילאָסאָפיע און פסיכאָלאָגיע, 1912 געענדיקט דעם פילאָסאָפישן פאַקולטעט מיט דער „גאָלדענער מעדאַיל פון פרינץ וועלס" (אַן אויסצייכענונג, וואָס קיין אַנדערער האָט ניט באַקומען פאַר די יאָרן 1903 – 17), דאַן שטודירט אין דעם באַרימטן האַרוואַרדער אוניווערסיטעט אין קעמברידזש ביי מינסטערבערגן, 1913 באַקומען דעם מאַגיסטעריאַט, געהאַלטן לעקציעס אין דער באָסטאָנער „שול פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן", 1916 געשיקט געוואָרן פון האַרוואַרד קיין פּרינסטאָן אַלס „פעלאָר", 1917 באַקומען פון האַרוואַרדער אוניווערסיטעט דעם טיטל ד"ר פילאָסאָפיע, געוואָרן אונטעררעכטער אין פסיכאָלאָגיע אין פּיטסבורגער אוניווער-סיטעט, זינט 1918 – דאָצענט אין פסיכאָלאָגיע אין האַרוואַרד און פּראָפעסאָר פון יורידישער פסיכאָלאָגיע אין „נאָרט-איסטערן קאָלעדזש", שפּעטער אינ-סטרוקטאָר פון פסיכאָלאָגיע אין האַר-וואַרדער אוניווערסיטעט און לעקטאָר פון דער אָנגעוואַנדטער פסיכאָלאָגיע אין קלאַרק-אוניווערסיטעט, פון 1923—1925 „פעלאָו" אין די ביאָלאָגישע וויסנ-שאַפטן אין דעם נאַציאָנאַלן פאָרשונגס-ראַט, פון 1926 – לעקטאָר אויף פסיכאָ-לאָגיע אין די רעגירונגס-קורסן פון שטאַט מאַסאַטשוסעטס, וואו געהאַט אַ קלאַס פון 931 סטודענטן. האָט געגעבן אין 1927 אַ קורס פון פסיכאָלאָגיע דורך ראַדיאָ פאַר סטודענטן אויף אַ מרחק פון טויזנ-טער מיילן. — זיין ליטעראַרישע טע-טיקייט האָט ר' אָנגעהויבן צו 17 יאָר גלייכצייטיק אין ענגליש און אין יידיש— אין „קענעדער אָדלער", וועלכע צייטונג 1909 אויך רעדאַקטירט און אויך שפּע-טער אין איר מיטגעאַרבעט, זינט 1913 זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע יידישע און ענגליש-יידישע צייטשריפטן, ווי ד"ר זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבען", „די ליטעראַרישע וועלט", „ליטעראַטור און לעבען", „דאָס אידישע פאָלק", „דער אידישער קעמפפער", „פ. א. ש.", מיט סינדיקאַטירטע אַרטיקלען אין דער טעגלעכער פרעסע פון נ"י און פּראָווינץ, ווי „מאָרגען זשורנאַל", פי-לאַדעלפיער „אידישע וועלט", שיקאַ-גער „אידישער קוריער" א"אַ, 1918 צוזאַמען מיט ד"ר ה. זאָלאָטאַראָוו געווען הויפּטפּובליציסט פון דער „וואַרהייט", פאַרעפנטלעכט איבער 1000 אַרטיקלען אין ענגליש און יידיש, דערהויפּט איבער

יידישע קולטור=פראַגן, יידישן פאָלקלאָר
און יידישער מוזיק, יידישן הומאָר אאַז"וו,
זיך אויך אָפּגעגעבן מיט פּובליציסטיק,
ליטעראַטור=קריטיק, רעליגיאָנס=פאָרשונג
אאַז"וו. אויך געדרוקט אין דער ענגלי=
שער אָפּטיילונג פון „טאָג" און פאָר=
ווערטס". איינער פון די געציילטע יידי=
שע שריפטשטעלער, וואָס האָבן זייער
דערציִונג פון דער פריסטער קינדהייט
אָן שוין באַקומען אין דער נייער וועלט,
האָט ר' אויך באַוויזן אויפצוהיטן די
ריינקייט און פאָלקסטימלעכקייט פון זיין
יידישן סטיל, איז געווען איינער פון
די פּיאָניערן פון דער יידישער זשור=
נאַליסטיק אין קאַנאַדע און אַ געוויסע
צייט אַ ווירקנדיקע קראַפט אין איר,
געווען אויך איינער פון די פּיאָניערן
פון דער יידישער שול=באַוועגונג אין
זיין לאַנד אַלס מיטגרינדער פון דער
יידישער פאָלקסשול אין מאָנטרעאַל
1912 — איינער פון די ערשטע יידישע
שולן אין דער וועלט, פּאָפּולאַריזירט
די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור אין
דער יאַהודישער און אַלגעמיינער פּרע=
סע, פּאָלעמיזירט לטובת יידיש מיט ד"ר
דייוויד פיליפּסאָן, דעם כהן=גדול פון
אַמעריקאַנער רעפאָרם=יידנטום (זיין
אַרטיקל Yiddish Books and their Rea-
ders אין The Nation פון 12/X 1918
און פיליפּסאָנס ענטפער אין נומ' פון
2/XI 1918), אין זיין סינדיקאַטירטן אַר=
טיקל „העברעיִש אין אַמעריקאַנער אוני=
ווערזיטעטן" — אין שיקאַגער „אידישען
קוריער" פון 13/XI 1917—זיך אויך אָפּ=
געשטעלט אויף דעם ענין יידיש אין די
הויכשולן *), האָט געווירקט לטובת יידיש
אין האַרוואַרדער אוניווערסיטעט. לעצטנס
זיך פאַראינטערעסירט מיט דער פאַר=
וואָרלאָזטער יידישער אָפּטיילונג פון דער
האַרוואַרדער אוניווערסיטעטס=ביבליאָ=
טעק (האָט זי באַשריבן אין Jewish
Tribune פון 26/II 1926 און אין די
„פילאָלאָגישע שריפטן" פון יידישן וויסנ=
שאַפטלעכן אינסטיטוט, ב' II, ז' 381 —
400, אין וועלכן אַרטיקל ער שטעלט
זיך באַזונדערס אָפּ אויף „דעם צוכט=
שפּיגל" פון זעליקמאַן אולמא, „דעם יודי=
שען טירייאַק" פון זלמן צבי אופּהויזן
און דעם „לקח טוב" פון משה שערטלס),
מיט דער הילף פון איניקע מעצענאַטן
ווי ל. באַמבערגער, פעליקס פולד, לואיס
מאַרשאַל, זי קאַטאַלאָגירט און באַרייכערט
מיט נייע אויסגאַבן אאַז"וו. האָט געלייענט
לעקציעס איבער יידישע פאָלקסלידער
(מיט געזאַנג=אילוסטראַציעס פון אסתר ר'
אין באָסטאָן), האָט געגעבן אַ קורס לעק=
ציעס פון פּסיכאָלאָגיע אין יידיש אי
אַ רעגירונגסשול אין באָסטאָן (1915),
האָט געהאָלפן דער אַמעריקאַנער
דיכטערין אַליס סטאָן בלעקוועל (Alice
Stone Blackwell) אין אירע איבערזעצונ=
גען אויף ענגליש פון הונדערטער יידי=
שע שירים פון מאָריס ראָזענפעלד, ח"נ
ביאַליק א"אַ. אַחוץ אַ גאַנצער ריי אַרבעטן
איבער פּסיכאָלאָגיע אין די אָנגעזעענסטע
וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן פון אַמעריקע
און ענגלאַנד, אויך אין דער נייער
Encyclopedia of Social 15בענדיקער
Sciences, האָט ר' אַרויסגעגעבן אַ ריי
וויכטיקע ווערק אין בוכפאָרם, ווי: Inter-
ference of Will-Impulses — אַן עקס=
פּערימענטאַלע אונטערזוכונג איבער די
שטערונגען פון ווילנס=האַנדלונגען מיט
אָנווענדונג אויף דערציִונג, מאָראַל און
אינדוסטריעלע פּראָבלעמען (1918, ז'
166), Roback Mentality Tests for Su-

*) אין קאָלומביא=אוניווערסיטעט האָט פּראָפ'
פּרינס געהאַט דורכגעפירט, אַז מ'זאָל געבן קורסן אין
יידיש, און ד"ר מאַרגוליס האָט געהאַט איבערגענומען
די אַרבעט, אָבער פּראָפ' גאָטהייל, אַ קעגנער פון
יידיש, האָט ניט דערלאָזט דערצו; אויך אין וויסקאָנ=
סין האָט פּראָפ' וואָלפענסאָן געגעבן קורסן אין יידיש.

perior Adults — אַ סעריע אינטעליגענץ-
פּרוּוואונגען פאַר הויך געבילדעטע מענטשן"
(ז' 4+24, באָסטאָן, 1920, 6טע אויפלאַ-
גע 1928); Behaviorism aud Psychology
(אוניווערסיטעטס-בוכהאַנדלונג, קעמ-
ברידזש, 1923, ז' 284); / Psychology
with Chapters on Character Analysis
and Mental Measurement (פ"ג The
American College Society, קעמברידזש,
1923, ז' XII + 155, 2טע פאַרגרע-
סערטע אויפלאַגע, 1928, ז' XXIV+605);
*) The Psychology of Character
(דערז' פ"ג, Kegan Paul, ענגלאַנד;
גייט אַרויס אויך אויף דייטש אין פ"ג
פון פעליקס מיינער, לייפּציג, און אין
שפּאַניש, אין פ"ג פון דאַניעל כאָראָ,
מאַדריד); A Biblography of Character
and Personality (פ"ג Sci-Art Publishers,
קעמברידזש, 1927, ז' 340); Popular
Psychology (פ"ג Sci-Art, קעמברידזש,
1928, ז' 267); Jewish Influence in
Modern Thougth (דערז' פ"ג, אַרום
350 ז'). האָט צ"אַ רעדאַקטירט מאַר-
טאָן פּרינס' שריפטן א"ט Clinical and
Experimental Studies in Pesonality;
האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ זמ"ב פון פּראָ-
מינענטע פּסיכאָלאָגן וועגן דער פּסיכאָ-
לאָגיע פון כאַראַקטער א"ט Problems
of Personality (1925). פון זיינע אַר-
בעטן אין יידיש איז צו דערמאָנען:
„די פילפאַכע פערזענליכקייט" (אין
„דאָס נייע לעבען", 1913), „נאַציאָנאַ-
ליטעט און פערזענליכקייט" (אַ סעריע
אַרטיקלען אין „דאָס אידישע פאָלק"),
„פּרץ אַלס פּסיכאָלאָג" (אין פּרץ-בוך
פון „ליטעראַטור און לעבען"), „די קאָ-
עקטיווע פּסיכאָלאָגיע ביי פּרץ" (אין

*) אגב מיט אויסצוגן פון יידישע ווערטלעך, אפשר דאָס ערשטע אינטערנאַציאָנאַל וויסנשאַפט-לעכע בוך, וואָס שעפּט אויך פון יידישן קוואַל.

זמ"ב „שריפטן" VIII), פּרץ דער טראַנס-
צענדענטאַליסט" אין „ביכערוועלט", 1928
V) „באַציהונגען צו אידען אין אַמערי-
קאַנער אוניווערזיטעטען" (אין „מאָרגען
זשורנאַל" פון 7/VII 1917), וועגן אַ פּאַר-
איין פון יידישע געלערנטע אין אַמע-
ריקע (ib, 13/XII 1917), „די אידישע
חתימה אויף דער אַמעריקאַנער מוזיק"
(ib, 18/XII 1917), „אידישע ענינים אין
אַמעריקאַנער ענציקלאָפּעדיעס" (ib, 17/III
1918), איבער יידישער קונסט און יידי-
שע קינסטלער (אין „דאָס אידישע פאָלק"
פון 12/X און 9/XI 1917), „די נאַציאָ-
נאַל-ראַדיקאַלע שולע / אַן אַמעריקאַנער
אינסטיטוציע, וואָס הייבט אָן ביסלעכ-
ווייז צו קאָנקורירען מיט דעם טראַדי-
ציאָנעלען חדר" (אין בוענאָס-איירעסער
„אידישער צייטונג" פון 17/X 1917),
וועגן אַ פּראָגראַם פון יידישער קולטור-
אַרבעט (אין פילאַדעלפיער „אידישער
וועלט" פון 27/VIII און 1/IX 1918),
„אידישע טיפּען אין דער אַמעריקאַנער
ליטעראַטור" (אין שיקאַגער „אידישען
קוריער" פון 21/IX 1917) און אַ ריי
אַרטיקלען אויף דעם געביט פון דער
יידישער פילאָלאָגיע, וועלכע ער גרייט
צו אַרויסצוגעבן אין בוכפאָרם, ווי ד
סעריעס אַרטיקלען איבער יידישע ווערט-
לעך (וואָס ער זאַמלט זינט זיינע גימ-
נאַזיסטישע יאָרן) און איבער דער השפּעה
פון יידיש אויף ענגליש אין מאָנטרעאַ-
לער Canadian Jewish Chronicle (1914),
אַ וואָכנבלאַט, וועלכעס ער האָט דאַן
רעדאַקטירט, „אייפעמיזמען אין יידיש" —
אין Jewish Forum, „פּאַראַלעליזם און
אַסאָנאַנץ אין יידיש" — א. רייזענס „ביי-
אידיש", I, 1922, אַ רעצענזיע איבער
ז. רייזענס גראַמאַטיק — אין Journal of
English and German Philology (1922),
ווי אויך איבער פּאַראַזיטישע און פּאַראַ-

גאגישע אותיות, פאראכטלעכע פארמען אין יידיש מיט א פסיכאלאגישן אויספיר איבער דעם שרעק־אינסטינקט פון יידן, אנגליציזמען אין יידיש, אדווערביאלע געניטיווישע פארמען, אנאמאלע מערצאל־בילדונגען אאז"וו. פאר דער אויסגאבע „געקליבענע שריפטען" פון פערדינאנד לאסאל איבערגעזעצט „באסטיאשולצע אדער קאפיטאל און ארבייט" (נ"י, 1916, ז' 434) מיט אן ארייינפיר און מיט הונדערטער ביאגראפישע, קריטישע און טעקסטועלע הגהות פון איבערזעצער, וועלכער האט דערביי געשטרעבט איבערצוגעבן געטריי אין יידיש לאסאלס סטיל און אידיאם. רעדאקטירט א וואכנבלאט „דער אידישער זשורנאל", ארויסגעגעבן זינט הארבסט 1922 אין באסטאן פון ס. שערמאן ביי דער מיטארבעטערשאפט פון ד"ר י"מ לעווינסאן, ד"ר בנציון ווייס, א. אלמי, י"י סיגאל און ב. עפשטיין. האט געשריבן אויך א"פ פילהארמאניקוס, היסטאריקוס, בר ברקא, אב., המתבונן, א. גאניאנדזער, פסיכיקוס, בן עם הספר א"א. איז מיטגליד פון פארשיידענע אמעריקאנער און יידישע וויסנשאפטלעכע געזעלשאפטן פאר פסיכאלאגיע, פילאסאפיע, אייגענישער פארשונג אאז"וו, מיטגליד־ראטגעבער ביי דער רעדאקציאנעלער קאלעגיע פון דעם לעקסיקאן פון יידישע אנשי־שם אין אמעריקע א"ט Who's Who in American Jewry (ארויסגעגעבן פון „דעם יידישן ביאגראפישן ביורא", נ"י).

אחוץ א מאסע ארטיקלען און רעצענזיעס וועגן ר'ס ווערק אויפן געביט פון דער פסיכאלאגיע אין די אנגעזעענסטע וויסנשאפטלעכע אויסגאבן פון אמעריקע, ענגלאנד, פראנקרייך, זע: American Men of Science 1921; Menorah Journal 1914; יובילייענומער פון „יידישן טאגעבלאט", 1915; יובילייענומער פון „קענעדער אדלער", 1917; The American Jewish Chronicle; 1917, ז' 466; Who's Who in American Jewry, 1926; „ביכער־וועלט", 1928, V.

ראבין ניסן (1868 —) געב' אין פאניעוועזש, קאוונער געגנט, אלס זון פון דעם ארטיקן דיין און מורה־הוראה, ר' משה־יצחק, וועמעס רבנישע חיבורים און לעבנסבאשרייבונג ער האט ארויסגעגעבן נאך זיין טויט (1903). אחוץ מאמרים אין דעם ארטאדאקסישן ארגאן „המודיע" און הערות צו דעם חיבור וועגן חינוך א"ט „ברומו של עולם" פון זאב קאפלאן (1910) האט ער פארעפנטלעכט אויף יידיש א ביכל א"ט „די ווירקליכע עקאנאמיע / א ערקלערונג איבער די עקאנאמישע רעכט פון דער תורה אלס פארגלייך צום סאציאליזם" א"פ בן־רב (ווילנע, 1906) און א זאמלונג בילדער און דערציילונגען א"ט „די יודישע שטימע" א"פ ריב"ן (ווילנע, 1911, ז' 189).—וואוינט אין ווילנע.

ראבינאוויטש איבר (15/XI 1895—) געב' אין פאלעשט, בעסאראביע, אין א מיוחסדיקער משפחה אויס פוילן. שרייבט ארטיקלען און נאטיצן, רעצענזיעס אאז"וו, אויך א"פ אביר, א. ר., אין טשערנאוויצער „ארבעטערצייטונג", קעשעניעווער „ערד און ארבעט", „אונזער צייט", רעדאקטירט די העברעיש־יידישע יוגנטשריפט „הנער", סעקרעטאר פון דער רעדאקציע „ערד און ארבעט", לעצטנס אויך קארעספאנדענט פון „העולם".

ראבינאוויטש יחזקאל (IX/ 1890) געב' אין זוואניץ־פאדאליער. זיין פאטער, אן אייניקל פון דעם רב פייוול חריף גריידינגער, איז געווען א סוחר, א ייד א משכיל און א חובב־ציון. ביז 13 יאר געלערנט אין חדר־מתוקן העברעיש און רוסיש, אויך ביי פריוואטע לערער, דאן באזוכט די גימנאזיע אין טשערנאוויץ, צוליב קראנקהייט צו 16 יאר צוריקגעפארן

אַהיים, אַלס עקסטערן דורכגעמאַכט 6 קלאַסן גימנאַזיע אין קאַמעניץ-פּאָדאָלסק, באָברויסק און האָמעל. שפּעטער אַוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו שטודירט אין טערקישן אוניווערסיטעט צוערשט אויף דעם פילאָסאָפיש-טעאָלאָגישן פאַקולטעט, דערנאָך אויפן יורידישן. אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט מיט צוויי מאמרים אין טשערנאָוויצער „יודישען וואָכענבלאַט" א"ר פון לייבל טויביש און אין „השלח", האָט ער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל זיך באַטייליקט אין וואָכנבלאַט „המבשר", פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען אין די נ"י'ער ציוניסטישע אָרגאַנען „דאָס אידישע פאָלק" און „דער אידישער קעמפּפער" א"ר פון ק. מרמר, קאָרעספּאָנדירט אין „יידישען טאַגעבלאַט" וועגן דעם יידישן און אַלגעמיינעם לעבן אין טערקיי, אויך אין „מאָמענט", „אונזער לעבען" און „הצפירה". ערב דעם אַריינטריט פון טערקיי אין דער מלחמה געמוזט פאַרלאָזן קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, וואו געשריבן אין „טאָג", „דאָס אידישע פאָלק", געווען געהילפסרעדאַקטאָר פון „אידישען פאָלק" און סעקרעטאַר פון הערמאַן בערנשטיינס „היינט", דערנאָך אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון „טאָג", 1923—מיטגרינדער און אַרום 14 חדשים דער ערשטער פאַרוואַלטער פון דער „יידישער טעלעגראַפן-אַגענטור". געשריבן א"פ יחזקאל בן-חיים, ל. רייזעסאָן און עפּענדי. האָט איבערגעזעצט פון דייטש טעאָדאָר הערצלס „געזאַמעלטע שריפטען" אין 2 ב' („ליטעראַרישער פ"ג", נ"י, 1920). גענומען אַן אָנטייל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אויפן 12טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד געווען דעלעגאַט פון די „צ"צ—התאחדות" אין אַמעריקע. לעצטנס צוריקגעצויגן פון דער זשורנאַליסטישער טעטיקייט און באַשעפטיקט אַלס ביזנעסמאַן אין דער מיטלוועסט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

ראַבינאָוויטש (אליהו-) עקיבא (י"ג אייר 1862 — כ"ד ניסן 1917) געב' אין שילעל, קאָוונער געגנט, אַלס זון פון דעם אָרטיקן אב"ד דוב-בער. צו 18 יאָר באַקומען סמיכה, חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון דעם גביר ר' אליהו ראָזנבערג פון לאָמזשע (דערנאָך אין וואַרשע) און געזעסן ביים שווער אויף קעסט 5 יאָר, לערנענדיק ווייטער תורה און אויך רוסיש און פויליש, 1889 אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף קרוינישן רב, זיך באַזעצט אין זאַמבראָוו, וואו געפירט מסחר, דערנאָך פיר יאָר פאַרטרעטן זיין קראַנקן פאָטער אַלס רב אין פּיאַטניצע, 1893 לויט דער רעקאָמענדאַציע פון רב שמואל מאָהליווער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין פּאָלטאַווע, וואו ער איז שוין פאַרבליבן ביזן טויט. צוגעשטאַנען צוערשט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז ער ביי דעם אויפקומען פון דער קולטור-פראַגע אַריבער אין לאַגער פון אירע קעגנערס און מיט דער גרעסטער פאַרביסנקייט באַקעמפט דעם ציוניזם, ווי אויך די ראַדיקאַלע יידישע באַוועגונגען, געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און פירער פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע און א"נ „דער פּאָלטאַווער רב" יאָרנלאַנג געווען פּאָפּולער אין רוסלאַנד אַלס דער סימבאָל פון דעם עקסטן יידישן קלעריקאַליזם. ער האָט געדרוקט אַ סך מאמרים אין העברעישע צייטונגען, געשריבן אויך חידושים אין „כנסת הגדולה", אַרויסגעגעבן אַ פירוש אויף מגילת „רות", אַ חיבור וועגן ציוניזם א"ט „משפט בציון" (1900) אאַז"וו. 1903—6 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ אָרטאָדאָקסישן חודש-זשורנאַל א"ט „הפלס" און זינט 1910 — אַ וואָכנבלאַט

„המודיע" (אין פּאָלטאַווע), וועלכן ער האָט אָקטאָבער 1914 אַריבערגעפירט אויף יידיש, „אויף זשאַרגאָן, כּדי ס'זאָלען עס קענען לייענען אַלע שיכטען פון אונזער פאָלק, פון קליין ביז גרויס: מאַנסלייט, פרויען, קינדער און ווער נאָר ס'פאַרשטעהט און שעמט זיך ניט מיט אונזער יודישען מאַמע=לשון"... אין דער דאָזיקער צייטשריפט האָט ער אויך געשריבן אַרטיקלען אין אַ רוסיפיצירטן יידיש.

„דור רבניו וסופריו", II; ЕЭ, XIII; צו ר'ס צענטן יאָרצייט, אין „יוד", וואַרשע, כ"ה ניסן 1927.

ראַבּינאָוויטש אליעזר=שלמה (כ"ז אייר 1864 —) געב' אין יאַגאָטין, פּאָלטאַווער גוב' אין אַ חסידישער פאַמיליע. באַקומען אַ שטרענג רעליגיעזע דערציִונג, האָט ער לערנענדיק אין פּערעיאַסלאַוו גמרא און פוסקים, אָנגעהויבן אויך צו לייענען די השכלה=ליטעראַטור אין העברעיִש און יידיש, צו 18 יאָר חתונה געהאַט קיין זאָלאָטאָנאָשע, פון וואַנען פון צייט צו צייט קאָרעספּאָנדירט אין „המליץ", „הצפירה", „יודישען פאָלקסבלאַט" א"פ אשר, אשר בן משה, זיך אויך דורכגעשריבן מיט ש"ע (זע ש"ע'ס בריוו צו אים אין „צייטשריפט", I), געזאַמלט יידישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן פאַר מ. ספּעקטאָר (וועלכע זיינען דערנאָך אַריין אין איגנאַץ בערנשטיינס גרויסער זאַמלונג), וויצן יידישע און אַלגעמיינע, פון וועלכע אַ קליינער טייל איז — פאַרגרייזטערהייט — אָפּגעדרוקט אין „הויזפריינד" II. באַשעפטיקנדיק זיך די לעצטע 25 יאָר אַלס בוכהאַלטער אין קיעוו, האָט ער אין דער פרייער צייט זינט 1904 געאַרבעט אויף זיין גרויסן לעבנסווערק „דער העבּראַיזמען=אוצר / אַ פולשטענדיקער ווערטערבוך פון אַלע העברעיִשע גרונדווערטער און זייטיקע געברויכלעכע העבּראַיזמען אין דער יידישער שפּראַך מיט דערקלערונגען, באַמערקונגען, באַלייכטונגען און ביישפּילן אין וואָסערע פאַלן, פאָרמען און באַדייטונגען זיי ווערן געברויכט, אויך מיט מראה=מקומות פון זייערע מקורים און אָפּשטאַמונגען"; אַלס ביילאַגן צו דעם ווערק קומען: אַ זאַמלונג פון אַלע געוויינלעכע ראשי=תיבותן און פאַרקירצונגען אין בריוו און אין דער יידישער ליטעראַטור מיט באַשיידונגען און דערקלערונגען און אַ זאַמלונג פון העברעיִשע פּערזאָנען=נעמען און פאַמיליענעמען אין רוסלאַנד און פוילן. דאָס דאָזיקע גרעסטע און פולסטע ווערטערבוך פון העבּראַיזמען אין יידיש — איבער 50 דרוקבויגן — איז נאָך אין 1910 אַפּראָבירט געוואָרן פון אַ קאָמיסיע פון דער „יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט" אין קיעוו מיט מ"נ סירקין בראש און שפּעטער אָנגענומען געוואָרן צום אַרויסגעבן פון דעם „יידישי פאָלקספאַרלאַג" אין קיעוו, אָבערביידע אָרגאַניזאַציעס זיינען אונטערגעגאַנגען, איידער זיי האָבן באַוויזן צו רעאַליזירן די גרויסע אונטערנעמונג. בלויז דער אָנהייב פון זיין דערמאָנטער גרויסער אַרבעט וועגן העברעיִשע פאַמיליענעמען („כנויי משפחה עבריים"), צונויפגעשטעלט אויפן סמך פון די פאַרשיידנסטע מאַטעריאַלן (אַרום 1300 נעמען) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן (ביז אות כ) דורך ח"נ ביאַליקן אין זיינע „רשומות" V. האָט אויך באַאַרבעט די ערשטע דריי אותיות (5000 ווערטער) פון אַ גרויסן רוסיש=יידישן ווערטערבוך, וועלכעס האָט געזאָלט אַרויסגעגעבן ווערן א"ר פון אַ קאָמיסיע ביי דער יידישער קאַטעדער פון דער אוקראַינישער אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפטן אונטערן פאָרזיץ פון

נחום שטיף, אָבער אויך פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג איז גאָרנישט געוואָרן. אַרבעט לעצטנס אויף צונויפשטעלן אַ גרויסע זאַמלונג פון יידישע שפּריכווערטער, ווערטלעך, רעדנסאַרטן, גלייבענישן, סימנים, סגולות אאַז"וו. אין דער מינסקער „צייטשריפט" I און II פאַרעפנטלעכט אייניקע נאָטיצן, ווי: „וועגן אייניקע פּערסאָנאַזשן אין ש"ע'ס ווערק", מאַטעריאַלן וועגן בדחן משה מאַראָכאָווסקי, „וועגן אייניקע סעמיטיזמען אין יידיש". — איז פון דער פריסטער יוגנט אָן געוועזן טעטיק אין פאַרשיידענע ציוניסטישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און פאַראייגען אין פּערעיאַסלאַוו און שפּעטער אין קיעוו, געוועזן פּרעזידיום-מיטגליד און פאָרזיצער פון פאַרשיידענע ביבליאָטעק-קאָמיסיעס, מיטגליד פון דער ליטעראַרישער סעקציע פון דער קולטור-ליגע פאַר די קאָמיסיעס פון אָרטאָגראַפיע און טערמינאָלאָגיע.

ג. מ., אין „היינט", 1927, 154; „צוקונפט", 1927, XI; „די פּרעסע", בוענאָס-איירעס, פון 15/VIII 1927.

ראַבינאָוויטש אַלכּסנדר-זיסקינד (כ"ד שבט 1854 —) געב' אין ליאַדי, מאָהליעווער גוב', אַלס זון פון אַן אָרעמען דאָרפסהענדלער, צבי-הירש, וועלכער האָט אים אָבער געגעבן לערנען צו די בעסטע מלמדים. אין דער יוגנט אַ פאַרברענטער חסיד, אַ חב"דניק, וואָס פלעגט פאָרן קיין ליבאַוויטש אויפן קבר פון ר' מענדעלע, האָט ער צו 15 יאָר זיך באַקענט מיט דער העברעישער השכלה-ליטעראַטור, צו 18 יאָר חתונה געהאַט קיין ראָמאַנאָווע, 3 יאָר געזעסן ביים שווער אויף קעסט, מיט דער הילף פון מאַנדעלשטאַמס ווערטערבוך זיך אויסגעלערנט רוסיש, דאַן זיך געקויפט אַ פערד און וועגעלע און געפּרוּווט מזל אַלס דאָרפסהענדלער, אָבער געפּטרט דערביי זיין ביסל נדן, געוואָרן אַ לערער אין מינסק, אין לובטש, אין אַ דאָרף ערגעץ, געפאָרן זוכן גליק קיין מאָסקווע, דערנאָך זיך באַזעצט אַלס העברעישער לערער אין וויאַזמע, פון וואַנען ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן זיינע ערשטע אַרטיקלען אין Русскiй Еврей א"פ ליאַדיער און Сынъ Отечества (1882), דאַן ווידער געפאָרן קיין מאָסקווע אַריינצוטרעטן אַלס מיטאַרבעטער אין Новости Дня, אָבער ניט צוגעפּאַסט צו זשורנאַליסטישער אַרבעט אין אַ טאָגצייטונג, האָט ער זיך ווידער געמוזט נעמען צום וואַנדערשטעקן, באַזוכט קאַלוגע, אָריאָל, בעלגאָראָד אַלס „זאָגער" איבער דעם רעיון פון ישוב א"י, מיט וועלכן ער האָט זיך דורכגעדרונגען אין מאָסקווע, אין בעלגאָראָד פאַרבראַכט 3 יאָר אַלס לערער אין דעם הויז פון אַ געוויסן יהודה-לייב קאַצמאַן, צו יענער צייט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין העברעיש מיט פעליעטאָנען אין „המליץ" 1889, דאַן געוואָרן אַ בעקער, אָבער דאָס ליטווישע געבעקס האָט ניט אויסגענומען ביי די בעלגאָראָדער, און ער האָט געפּרוּווט פּעדלען מיט זיין ערשטער דערציילונג „על הפרק", 1882, איבער דרום-רוסלאַנד, ביז ער איז 1888 געקומען קיין פּאָלטאַווע, וואו ער איז אָנגענומען געוואָרן אַלס לערער אין דער תלמוד-תורה, וועלכן פּאָסטן ער האָט פאַרנומען אין משך פון 17 יאָר, אַנטוויקלט אויך אַ פרוכטבאַרע ליטעראַרישע אַרבעט אין העברעיש, זיך באַפריינדעט מיט וולאַדימיר קאָראָלענקאָ, ברוך סטאָלפּנער און דעם טאָלסטאָיאַנער פיינערמאַן, אונטער דער השפעה פון דעם לעצטן באַשלאָסן צו ווערן אַן אַרבעטער און מיט דעם צוועק 1905 זיך באַזעצט אין א"י

צו פאַרבינדן די אידעע פון ציוניזם מיט דעם טאָלסטאָיאַנישן אַרבעטס-אידעאַל, אָבער צוליב פאַרשיידענע סיבות געוואָרן אַ ביבליאָטעקאַר אין יפו, זיך אויך פאַרנומען מיט פּעדאַגאָגישער טעטיקייט און די לעצטע יאָר זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער ליטעראַטור. אין משך פון זיין 40-יעריקער ליטעראַרישער טעטיקייט אין העבּרעיִש האָט ר' געשריבן ראָמאַנען, דערציילונגען, סקיצן, אַרטיקלען, באַטראַכטונגען, פאַרפאַסט אַ יידישע געשיכטע פאַר דער יוגנט, אַ כרעסטאָמאַטיע, געמאַכט איבערזעצונגען פון בעלעטריסטישע און וויסנשאַפטלעכע ווערק, און הגם אין אַלע זיינע אַרבעטן ניט אַרויסגעוויזן קיין אָריגינעלע שעפערישע אינדיווידואַליטעט און קיין זעלבשטענדיקן סטיל, אָבער שטענדיק אונטערגעקויפט דעם לעזער מיט זיין ערלעכקייט, גוטהאַרציקייט, ליבשאַפט צו מענטשן און געטריישאַפט צו אַ אידעע, וואָס ס'האָט אים געמאַכט פאַר איינער פון די באַליבטסטע פּערזענלעכקייטן אין א"י סיי ביי די אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן סיי אין די אַרבעטער-קרייזן. — זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין יידיש האָט ר' אָנגעהויבן אין „יוד" 1899 מיט אַ דערציילונג „די צעלניקערין". שפּעטער האָט ער פאַרעפנטלעכט אין „פריינד" 1904 אַ גרויסע היסטאָרישע דערציילונג א"ט „היידאַמאַטשינאַ" (וועלכע ער האָט מיט געוויסע ענדערונגען איבערגעזעצט אין העבּרעיִש א"ט „בימי חמלניצקי", קראָקע, תרס"ז, ז' 86, און פון העבּרעיִש איז זי ווידער איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש א"ט אין „חמעלניצקיס צייטען", פ"ג „פּאַמיליענבלאַט", נאַדוואָרנע, 1911, ווייזט אויס — אָן דעם וויסן פון מחבר, דערצו נאָך מיט דער צושריפט Alle Rechte vorbehalten!); אַחוצדעם האָט ער נאָך אָפּגעדרוקט אין יידיש אייניקע קאַפּיטלען פון אַ היסטאָרישער ניט פאַרענדיקטער דערציילונג א"ט „אונטערן פּרעס"— אויס די צייטן פון ניקאָלאַי I (אין „פריינד", 1907, 155 — 180) און אַ פּאָליטישע אַלעגאָריע „די צושניטענע לאָקשען / אַ מעשה פון אַ תלמוד-תורה-יונגעל" (פ"ג „די ביהן", אָדעס, 1905, ז' 16), וועלכע האָט בשעתו, אין דער צייט פון דעם רוסישן „פרילינג", געמאַכט אַ גרויסן רושם, האָט זוכה געווען צו צוויי איבערזעצונגען אין רוסיש (אין העבּרעיִש האָט דער מחבר אַליין זי שפּעטער איבערגעזעצט; אין דעם ב' III פון זיינע „כל כתבי" און דער צענזאָר לאַנדוי מיט דעם אַרויסגעבער האָבן פאַר איר געדאַרפט ענטפערן דער מאַכט). זינט ער האָט זיך באַזעצט אין א"י האָט ער שוין מער ניט געשריבן אין יידיש און אַפילו דאָ לעצטנס עפנטלעך אויפגעטרעטן קעגן „זשאַרגאָן" (הגם אין אַ פּריוואַטן בריוו שרייבט ער, אַז ער קען ניט זיין קיין קעגנער פון דער שפּראַך, וועלכע האָט געמאַכט זיין מוטער פאַר אַ למדנטע).

ז. פישמאַן, „א. ז. ר' (ביוגרפיה וביבליוגרפית מפורטת מכל כתבי א. ז. ר' ומכל מה שנכתב עליו)"; „ספר הזכרון לא. ז. ר' (ליובל השבעים)", פ"ג „הסתדרות הסופרים", תל-אביב; EƏ, XIII; ראובן ברײנין, „שריפטשטעלער און פּעדאַגאָג", אין „טאָג" פון 8/II 1924.

ראַבינאָוויטש בנימין זאב — פּאַרפאַסער פון אַ ביכעלע א"ט „דער דישפּוט פון אַ שילער מיט אַ קלויזניק / אונ דער צוא מיינע ברידער / נאָך צווייא הערליכע לידער / וויא מיט גרויס פערגעניגין / טוט אַ מוטער „דאָס קינד פערוויגין" / אויך וויא אויף „דעם זאָרג" שטעלין זיך פערשידענע צום טאָרג" (ווילנע, דרוק פין-ראָזענקראַנץ, 1877, ז' 62) — גאַנץ שוואַכע מוסטערן פון

בדחנישע גראַמען (הגם „קיין בדחן האָט דאָס גיטאָן שטראָיען, / פאַר אַמעלאדיא האָט מיר ניט געאַרט" — זאָגט דער פּראָפעסער אין דער הקדמה „צום לעזער"). דאָך האָט דאָס ערשטע ליד, וואָס שטעלט פאָר אַ דיאַלאָג צווישן אַ גימנאַזיסט און אַ קלויזנער, אַ שטיקל קולטור=היסטאָרישן אינטערעס אַלס אילוסטראַציע פון דער באַציִונג פון דעם האַלב אויפגעקלערטן יידישן באַלעבאָס אין דער ליטע צו די פּראַגן פון וועלטלעכער בילדונג און אַלטמאָדישער יידישקייט מיט אַ האַלב יאָרהונדערט צוריק.

ראַבינאָוויטש הירש הכהן (23/II 1832 — 16/I 1889) געב' אין לינקאָווע, קאָוונער געגנט. זיין פאָטער, דער רב פון שטעטל, האָט אים געגעבן אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, אָבער דעם וויסנסדאָרשטיקן יינגל האָט פון קינדווייז אויף געצויגן צו מאַטעמאַטיק און נאַטורוויסנשאַפט. די ערשטע ידיעות אויף דעם געביט האָט ער געשעפּט פון דער מיטלעלטערלעכער העברעִישער ליטעראַטור, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעלערנט דייטש און אַדאַנק זיינע זעלטענע פעִיקייטן און התמדה האָט ער אָן זייטיקער הילף דערוואָרבן אַזעלכע גרינדלעכע קענטענישן אין נאַטורוויסנשאַפט, אַז צו 20 יאָר איז ער שוין צוגעטראָטן צו נויפצושטעלן אויף העברעִיש אַ גרויס ווערק, וואָס איז ערשט שפּעטער אַרויס טיילנווייז א"ט „המנוחה והתנועה" — וועגן סטאַטיק און דינאַמיק (1867), „משפטי המגבילים" — איבערזעצונג פון פינעטאָס אַרבעט וועגן וואָרצלען, מדרגות און לאָגאַריטמען (1872), „הוספה מדעית" — פּאָפּולערע נאַטורוויסנשאַפט (1871), „תולדות האש והמים" (1876), „אבן השואבת" — וועגן מאַגנעטיזם און דער אייגנהייט פון שטאָף און ענערגיע (1876), „ההרכבה והפרדה" — פּאָפּולערע כעמיע (1876). אַחוץ 9 ב' אויף מאַטעמאַטיק, מעטעאָראָלאָגיע, געאָלאָגיע, אָרגאַנישער כעמיע אאַז"וו, וואָס זיינען געבליבן אין כתב=יד. ר'ס ביכער האָבן בשעתו געהאַט אַ שם און אויף זיי האָט זיך געבילדעט אַ גאַנצער דור משכילים און ישיבה=בחורים. — אַ גרויסער ליבהאָבער פון יידיש, האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט אַ סעריע פּאָפּולער=וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין „קול מבשר" 1871 א"ט „ערהאַלטונג דער געזונדהייט (פערשטענדליך פאַר יעדען, וואָס קענן נאָר לייענען)", וועלכע זיינען, טראָץ דעם דייטשמערישן טיטל, באמת געשריבן אין אַ זייער איינפאַכן און קלאָרן סטיל און מאַכן אים פאַר איינעם פון די ערשטע און די בעסטע פּאָפּולאַריזאַטאָרס פון נאַטורוויסנשאַפט אויף יידיש. ער האָט אויך איבערגעלאָזט אין זיין עזבון פאַרשיידענע אַרטיקלען אויף יידיש. — ר' האָט זיך זייער פיל אָפּגעגעבן מיט געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, געווען איניציאַטאָר פון גרינדן אַ יידישע האַנטווערקערשול אין דענעבאָרג, וואו ער האָט אָפּגעלעבט אַ צייט מיט יאָרן, שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין פּט"ב, וואו ער האָט מיטגעאַרבעט אין דער העברעִישער און רוסישיידישער פּרעסע, געווען מיטרעדאַקטאָר פון וואָכנבלאַט Рус. Еврей (1879—84) און אַרויסגעגעבן א"ר פון י"ל קאַנטאָר דעם חודש=זשורנאַל Евр. Обозрѣніе, הגם אַליין שוואַך באַהערשט די רוסישע שפּראַך, און זיינע אַרטיקלען און פעליעטאָנען פלעגן איבערגעזעצט ווערן פון העברעִישן אָדער דייטשן אָריגינאַל. — אַ שאַרפזיניקער מיטשמועסער, איז ער געווען זייער פּאָפּולער אין די קרייזן פון דער יידישער אינטעליגענץ.

זאַגאָראָדסקי, אין „האסיף" III און V; „אוצר הספרות", תר"מ; „הויזפריינד", II, ז' 146; י"ל קאַנטאָר אין „השלח", I; EЭ, XIII.

ראַבינאָוויטש יהודה־לייב (לעאָן) (ב' שבט 1862 —) געב' אין ברעסטאָוויץ, גראָדנער געגנט, אין אַ משפּחה, וואָס פירט איר יחוס פון ר' יום־טוב ליפּמאַן העלער. האָט געלערנט אין די ישיבות פון דער מיר און וואָלאָזשין, 1881 אַוועק קיין קיניגסבערג, וואו ער האָט שטודירט מעדיצין,



1884 אָנגעקומען אין דער פּאַריזער סאָרבאָנע, פיל געאַרבעט אויף פיזיק און כעמיע, אויף דער פּאַריזער אויסשטעלונג 1890 באַקומען אַ גאָלדענע מעדאַיל פאַר אייניקע פיזיקאַלישע מכשירים, וואָס ער האָט אויסגעפונען. אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט 1887 מיט אַ סעריע פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין „המליץ" און „כנסת ישראל", איז ר' 1888 געווען מיטרעדאַקטאָר פון „המגיד", 1890 איינגעלאַדן געוואָרן פון א. צעדערבוים אַלס מיטרעדאַקטאָר פון „המליץ" און נאָך צעדערבוימס טויט — 1893 — געוואָרן שעף־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, און זיינע פובליציסטישע אַרטיקלען, דאָס רוב א"פ איש יהודי, זיינען בשעתו געווען גאַנץ פּאָפּולער (אַן אויסוואַל פון זיי איז אַרויס אין בוכפאָרם א"ט „הירושה והחנוך"). ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט זאַפּט געפירט אין זיין „המליץ" אַ ליניע קעגן יידיש (זע, למשל, „המליץ" 1897, 281), האָט ר' א"פ איש יהודי זינט אָנהייב 1900 ביז יוני (און אפשר שפּעטער?) 1902 אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל אין יידיש א"ט „בלעטער פון אַ טאָגבוך / אַרטיקעלען פון לעבען און נאַטור, וויסענשאַפט און קונסט", יעדעס ה' — צו 32 ז' — מיט אַ באַזונדערן אונטערטיטל, דהיינו: „דער אוצר", „די בלומען", „דער גאָרטען", „די דימענטין", „די הילף", „דער וואַלד", „די זאַנגען", „די חברה", „דער טויא", „דער ירדן", „דער כלל", „ליכט", „מנורה", „נר חנוכה", „סנאָפּ", „אַנבאַר", „בוקעט", „גיטאַרע", „דובראַווע", „המן טאַש", „וואַזע", „זאַל", „ציון אין לונדון", „יציאת מצרים", „כרמל", „לירא", „מאַגנעט", „נאַטור", „סיני", „עכאָ", „פּאַרק", „צייט", „קלאָגטאָג", „רעגענבויגען", „שופר", „תרבות", „אַקוואַריום", „בת קול", „גירליאַנדע", „הנרות הללו", „דעפּאָ", „ועד", „זיצונג", „חרוסת", „טרעפּ", „ירקות", כרפּס", „לפּיד". אויך די דאָזיקע אַ ביסל משונהדיקע צייטשריפט ר'ס איז געפירט געוואָרן אין אַלטמאָדיש־העברעיִסטישן גייסט, הגם דער זשורנאַל באַשטייט דערהויפּט פון פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען; פון בעלעטריסטיק זיינען דאָרט פאַרעפנטלעכט די דראַמען „יהודית" און „שמשון אונ דלילה" — אין גאַנץ שלעכטע דייטשמערישע פערזן, אַ קאָמעדיע אין 4 אַ' א"ט „דער אומגעריכטער גליק אָדער חרטה אויפ'ן שידוך" און אַ ריי דערציילונגען, ווי „אַ מעשה מיט אַ האַלבען רוביל", „אַ מעשה מיט אַ בעל־עגלה", „אַ מעשה מיט אַ שניידער", „אַ מעשה מיט אַ ווייסען האָן" (ווייזט אויס יכנה"זס; קיין זאַך איז אין די „בלעטער" ניט אונטערגעשריבן), אויך אַ פּאָר איבערזעצונגען, ווי „פייגעלע זינג" („שירת הזמיר") פון בוקי בן יגלי, דניאל מאָרדאָוויצעווס אַ דערציילונג און אַ איבערדערציילונג פון דזשאָן מילטאָנס עפּאָפּעע „דער פאַרלוירענער גן־עדן" א"ט „דער שטן און זיין ערשטער

סעקרעטאר וועלזעוואול"; פון די פאר „ליטעראַרישע" אַרטיקלען איז איינער וועגן פאָלקסלידער און אַ צווייטער וועגן י"ל פרץ צו זיין יובילײ, דערביי ווערט געבראַכט פרצעס „ווענוס און שולמית", אָבער אין אַ איבערזעצונג פון העברעיש, ווייל „מיר באַמערקען מיט פאַרגעניגען — שרייבט די רעדאַקציע אין דעם אַרטיקל — אַז זיינע (פרצעס) העברייאישע ווערק זיינען פיל בעסער און לעבהאַפטער פון די זעלבע ווערק, אין ז'אַרגאָן געשריבען. אין דער העברייאישער שפּראַך, וואָס זי איז אַליין העכסט פּאָעטיש, זיינען די ערציילונגען געשריבען אויך פּאָעטישער, שענער, אָנגענעהמער; און אין ז'אַרגאָן וואָס קען זיך ווייניג באַריהמען מיט זיין פּאָעטישען קלאַנג זיינען אויך זיינע ערציילונגען פּראָסטער טריקענער". ר' האָט זיך לאַנג משתדל געווען וועגן אַ יידישער צייטונג, האָט אָבער ניט געקענט פועלן אַפילו, אַז זיינע „בלעטער" זאָלן אַרויסגיין אַלס וואָכנבלאַט און ערשט נאָך דעם גרויסן ערפאָלג פון „דעם פריינד", וואָס האָט געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ דעם „המליץ", אַזוי אַז די דאָזיקע צייטונג האָט זיך ענדלעך געמוזט אָפּשטעלן נאָך אַ עקסיסטענץ פון עטלעכע און פערציק יאָר, האָט ר' אויסגעפועלט אַ דערלויבעניש אויף אַ צווייטער טעגלעכער יידישער צייטונג, וועלכע האָט אָנגעהויבן צו ערשיינען זינט 1904 אין פּט"ב א"ט „דער טאָג" ביי דער הויפּט־מיטאַרבעט פון זלמן עפּשטיין, ש"ל ציטראָן, ה. ש. בעלענקי א"אַ און ביי דעם אָנטייל פון די אָנגעזעענע יידישע און העברעישע שריפטשטעלער, אָבער די נייע צייטונג האָט ניט געקענט קאָנקורירן מיטן „פריינד" און אין 6 חדשים אַרום האָט זי זיך פאַרמאַכט, אייגנטלעך פאַרקויפט געוואָרן דעם פאַרלאַג פון „פריינד", וועלכער האָט זי נאָך אַ קורצע צייט געפּרוווט אַרויסגעבן אַלס ווילנער אויסגאַבע פון „פריינד" אונטער דער אַדמיניסטראַציע פון אברהם קונין, אָבער אָן שום ערפאָלג (זע אויך „ש"ע־בוך"). ר' האָט נאָך אין משך פון עטלעכע יאָר געשריבן פון צייט צו צייט אין „פריינד" וויסנשאַפטלעכע פעליעטאָנען א"פ ד"ר אַליעניסט, אויסגעצייכנט דורך זייער לייכטן און פּאָפּולערן סטיל, דאַן זיך צוריקגעצויגן פון דער זשורנאַליסטיק. ערשט גאָר די לעצטע צייט האָט די נויט אים געצוואונגען ווידער זיך צו נעמען צו דער פען און ער דרוקט פון צייט צו צייט אין „מאָמענט" און אין נ"יער „טאָג" בריוו פון לענינגראַד, דערהויפּט פון דעם רעליגיעז־קהלישן לעבן. די ידיעות פון דער יידישער פּרעסע, אַז ער איז לעצטנס אַ שמש אין אַ לענינגראַדער מנין, זאָגט אויך תהילים און האַלט דרשות פאַר 20 רובל אַ חודש, וואָס די „חברה תהילים" צאָלט אים, זיינען שפּעטער אָפּגעלייקנט געוואָרן.

JE, X; EЭ, XIII; „דור רבניו וספריו", ח' א; יאפ"ז, אין „אוצר הספרות", III; „אחיאסף", III; ש. ל. ציטראָן, אין „העולם" 1927; id, אין „ווילנער טאָג", יובילײ־נומער (2500); א. רייזען, „עפּיזאָדן", אין פרייהייט"; „כתובים", 15; נתן גרינבלאַט, „דער סוף פון אַ שריפטשטעלער", אין קאָוונער „אידישער שטימע" און ריגער „פריימאָרגען"; „ש"ע־בוך"; צ. דרוק, „צו דער געשיכטע פון דער יודישער פּרעסע", ז' 31—32.

ראַבינאָוויטש יצחק (13/X 1846 — 9/III 1900) געב' אין קאָוונע אין אַ פרומער פאַרמעגלעכער פאַמיליע. געלערנט ביי אַלטמאָדישע מלמדים, אָן שום סיסטעם, דערפאַר קנאַפּ־וואָס געקענט תנך, אָבער שוין יינגלווייז אַרויסגעוויזן גרויסע פעיקייטן און געפּרוווט שרייבן מליצות און שירים, צו 14 יאָר זיך באַקענט מיט אברהם מאַפּו, וועלכער איז אויפ־

מערקזאַם געוואָרן אויף זיין באַגאַבונג, געלערנט מיט אים העברעיש, דיקדוק און דייטש; דערנאָך האָט אים דער פאָטער אָוועקגעשיקט קיין סאָפּעזשישעק צו לערנען ביי הרב ר' שמואל־מאיר, 1865 אַוועק קיין ווילנע אריינ־צוטרעטן אין דער ראַבינערשול, אָבער קראַנק גע־וואָרן און צוריק־געפאָרן אַהיים.

1867 חתונה געהאַט קיין טעלז, וואו ער האָט זיך באַפריינדעט מיט מרדכי נאַטאַנסאָן (זיין גרויס זיידע) און מיט יהודה־לייב גאָרדאָן. ער האָט פאַר־עפנטלעכט שירים, לירישע און נאַציאָ־נאַלע, אין „המליץ", „הבוקר אור", „האסיף", „הכנסת", „הכרם" א"אַ און זיי האָבן געמאַכט אַ רושם אַדאַנק דער קלאַנגפולקייט פון פערז און דער אויפ־ריכטיקייט פון געפיל, אָבער די אומ־גינסטיקע פאַרהעלטענישן האָבן געשטערט די אַנטוויקלונג פון זיין פּאָעטישער באַ־גאַבונג. 1887 האָט ער זיך באַזעצט אין ווילקאָמיר, אין 2 יאָר אַרום אויסגעוואַנדערט קיין נ"י צו זיינע קינדער. דאָ האָט ער אויך אָנגעהויבן זיין ליטע־ראַרישע טעטיקייט אין יידיש, וועלכע איז באַשטאַנען דערהויפּט אין איבער־זעצן אָדער באַאַרבעטן „העכסט־אינטע־רעסאַנטע" ראָמאַנען, פאַר די יידישע צייטונגען און פאַרלאַגן, דערהויפּט פאַר „היברו פּאָבלישינג קאָ". זיין ראָמאַן „דער מענשענפרעסער" האַלט 26 בענד! ניט קליין זיינען אויך די אי־בעריקע, ווי „אונשולדיג געליטען" (1895), „דאָס גערויבטע קינד", „דער פרויענ־הענדלער", „אונשולדיג אין משוגעים־הויז" אַאַז"וו, וואָס באַשטייען פון 10 — 12 ב' יעדערער. אַחוץ דעם האָט ער איבערזעצט אויף יידיש פּרץ סמאָלענסקינס ראָמאַנען „קבורת חמור" א"ט „דער שטאָדט־מסור" און „שמחת חנף" א"ט „שווינדלער". פון זיינע שירים זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „זמירות ישראל" (1891, 2 ט'), „נגינות בת יהודה" (1896), „על נהר כבר" (נ"י, 1897), „פרחי חרף" (נ"י, 1900). האָט אויך אָנגעשריבן אייניקע יידישע לידער, פון קנאַפּן פּאָעטישן ווערט, אָבער אין אַן אויסגעצייכנטן יידיש.

JE, X; EƏ, XIII; „דור רבניו וסופריו", ח' א; „חכמי ישראל באמריקא"; „אוצר הספרות", III; 74 — 82 (ר"ס אווטאָביאָגראַפיע); Gallery of Hebrew Poets, לאָנדאָן; מ. באַסין, „אַנטאָ־לאָגיע", I; ג. באַדער, „די וועלט", מאַי 1900.

ראַבינאָוויטש יעקב (1876 —) געב' אין וואָלקאָוויסק, גראָד־נער געגנט, אַלס זון פון אַ רב. האָט שטודירט, 1900 — 4, אין בערנער אוני־ווערסיטעט. דעביוטירט א"פ רב יוד מיט אַ ציוניסטישער בראָשור „וואו איז אונזער עולם? / אַ ערנסט וואָרט צום פאָלק" (באַרדיטשעוו, תרנ"ט). זינט 1901 באַטייליקט אין דער העברעישער ליטעראַטור, פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, פעליעטאָנען, דערציילונגען, דראַמען אַאַז"וו, האָט ער פון צייט צו צייט אויך געשריבן אין „אידישען קעמפפער" א"פ ציוני פּרולטרי און א"פ ציוני פשוט, פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור אין דער „ציוניסטישער קאָפּיקע־ביבליאָטעק". וואוינט זינט 1910 אין א"י, וואו ער האָט אַ נחלה.

ראַבינאָוויטש יוסף (23/IX 1837 — 12/V 1899) געב' אין אָרגעיעוו, בעסאַ־ראַביע. באַקומען אַ שטרענג חסידישע דערציִונג, פלעגט ער אין דער יוגנט נאָך, צוזאַמען מיטן פאָטער, פאָרן צום

בעלזער רבין און נאָך דער חתונה
געוואָרן אַ מקורב צום בעלזער הויף,
אַדאַנק זיינע פעיִקייטן באַקומען אַ שם
אין דער חסידישער סביבה, אָבער אונ=
טער דער השפעה פון אַ ליטווישן מלמד,
וואָס איז אָנגעקומען קיין אָרגיעוו, גע=
וואָרפן דעם חסידישן שטייגער, געוואָרן
אַ משכיל, האָט זיך מיט גרויס התמדה
גענומען צו אַלגעמיינע לימודים, אין
אַ קורצער צייט אויסגעהאַלטן דעם עק=
זאַמען אויף פּאָלקסלערער, געווען דער
איניציאַטאָר פון גרינדן אין אָרגעיעוו
אַ מוסטערהאַפטע תלמוד=תורה, אַליין אין
איר געלערנט מיט די תלמידים רוסיש
און זי אַוועקגעשטעלט אויף אַ הויכער
מדרגה, דאַן זיך באַזעצט אין קעשעניעוו,
וואו אַנטוויקלט נאָך אַ ברייטערע גע=
זעלשאַפטלעכע טעטיקייט אויפן געביט
פון חינוך און פון פאַרשפּרייטן צווישן
דער יידישער באַפעלקערונג ערדאַרבעט,
געשריבן מאמרים אין די העברעיִשע
צייטונגען, אין „הבוקר אור" (למשל —
וועגן פאַרבעסערן דעם מצב פון רבנות,
1878, 7–8) און דערהויפּט אין „המליץ"
(דעביוטירט האָט ער נאָך אין „קול
מבשר", 1870, ז' 61, מיט אַ קאָרעספּאָנ=
דענץ פון זיין שטעטל) און געקראָגן
אַ נאָמען צווישן די משכילים אין דרום=
רוסלאַנד (אַזוי, למשל, שרייבט וועגן
אים ליפּפּא אין „אסף המזכיר" I:
„מהחכם היקר הנ"ל נדפסו כמה מאמרים
יקרי ערך אשר כלם אומרים כבוד
לכותבם"). נאָך די פּאָגראָמען געוואָרן
איינער פון די איבערגעגעבנסטע חובבי=
ציון, געגרינדעט אין קעשעניעוו אַ חברה
פאַר ישוב א"י, געהאַלטן דרשות וועגן
דעם אין בתי=מדרשים, נאָך פּסח 1882
געפאָרן קיין א"י אַלס דעלעגאַט איינ=
צוקויפן פאַר דער חברה אַ נחלה, זיך
אָפּגעשטעלט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, כדי
זיך צו טרעפן מיט אָליפאַנטן, אָבער
יענער האָט אים ניט אויפגענומען, און
דאַן איז ר' אַרויס אין „המליץ" מיט
אַ לאַנגער קאָרעספּאָנדענץ קעגן דעם
באַרימטן ענגלישן פּאַלעסטינאָפיל, וואָס
ס'האָט אַרויסגערופן אַ רעש אין די
קרייזן פון די חובבי=ציון, און ווען ער
איז צוריקגעקומען פון א"י אַן אַנטוויש=
טער אין די מעגלעכקייטן פון אַ געזונטן
יידישן ישוב דאָרטן, האָט ער זיך דער=
ווייטערט פון דער באַוועגונג און אונ=
טער דער השפעה פון דעם פּראָטעס=
טאַנטישן מיסיאָנער פאַלטין איינגיכן
אויפגעטרעטן אַלס גרינדער פון אַ סעקטע
פון יידישע קריסטן („בייטעסטאַמענ=
טישע איזראַעליטן"). אַזוי=אַרום ממשיך
זייענדיק די רעליגיעז=רעפאָרמאַטאָרישע
באַוועגונג, וואָס עס האָבן פאַר אים
אָנגעהויבן אין דרום=רוסלאַנד די „גייסט=
לעך=ביבלישע ברודערשאַפט" פון יעקב
גאָרדין און די סעקטע „ניי=איזראַעל"
פון יעקב פּרילוקער. די עיקרים פון
דער נייער לערע האָט ר' פאָרמולירט
אין זיין העברעיִשן קאַטעכיזיס א"ט
„שלשה עשרה הנחות" (געדרוקט אין
קעשעניעוו), לויט וועלכע עס ווערן
אָנערקענט די עיקרים פון קריסטנטום,
אַחוץ בלויז איינִיקע, וואָס זיינען שוין
צו שטאַרק סותר דעם ביבלישן יידנטום,
און עס ווערן איבערגעלאָזט אייניקע
נאַציאָנאַל=יידישע אינסטיטוטן, ווי שבת
און מילה (להיפוך צו יעקב פּרילו=
קערס שיטה). אָבער פאַקטיש האָט די
נייע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך איינ=
גאַנצן געפונען אונטער דער ווירקונג
און ניט=אָפיציעלער אָנפירונג פון מיסיאָ=
נער פאַלטין, דעגענערירט אין אַ געוויינ=
לעכער מיסיאָנערישער אונטערנעמונג.
צוזאַמען מיט 11 חסידים זיינע, בתוכם
זיין יינגערן ברודער אפרים=יעקל, האָט

ר׳ געגרינדעט אַ יידיש־קריסטלעכע געמיינדע, פון מיניסטעריום פאַר אינעווייניקסטע ענינים באַקומען דערלויבעניש אויף אַ באַזונדער געבעטהויז, וועלכעס האָט זיך געעפנט אין דעצעמבער 1884 א״ט „בית־לחם״, וואו די עבודה פלעגט אָפּגעריכט ווערן אויף לשון־קודש און ר׳ פלעגט האַלטן דרשות אויף יידיש וועגן קריסטנטום (טיילמאָל האָט אויך פאַלטין געזאָגט אַ דרשה). די נייע געמיינדע, וועלכע האָט באַקומען אַ געלט־אונטערשטיצונג פון די מיסיאָנערן, האָט ניט געהאַט קיין ערפאָלג, און III/ 1885 האָט ער אין לייפּציג זיך געשמדט אויף אַ קאָנגרעגאַציאָנאַליסט (אַ פּראָטעסטאַנטישע שיטה, האַלב צווינגליש האַלב קאַלוויניסטיש) און דאַן האָבן אייניקע פון זיינע אָנהענגער אָנגענומען פּראָטעסטאַנטיזם. דער דאָזיקער אָפענער שמד האָט אויפגעדעקט דעם אמתן כאַראַקטער פון דער באַוועגונג. דער איבערגאַנג פון די ניי־איזראַעליטן ניט צו פּראַוואָסלאַוויע, נאָר צום פּראָטעסטאַנטיזם האָט דערצערנט ק. פּאָבעדאָנאָסצעוו און די סעקטע האָט פאַרלוירן די שטיצע פון דער רעגירונג. סוף די 80ער יאָרן איז די באַוועגונג, וואָס ר׳ האָט געשאַפן, אינגאַנצן פאַרשטאָקט געוואָרן און די „געמיינדע פון די יידישע קריסטן״ איז צעפאַלן. שפּעטער האָבן די משומדים־מיסיאָנערן, וואָס האָבן געפּרוווט פאַרשפּרייטן לוטעראַניזם צווישן די יידן אין דרום־רוסלאַנד, זיך באַטראַכט ווי ר׳ס אידעיִשע נאָכפאָלגער. ר׳ אַליין איז אויף דער עלטער אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה און ווי מ׳דערציילט, זאָל ער פאַרן טויט האָבן געבעטן, מ׳זאָל אים מקבר זיין אויפן יידישן בית־עלמין, וואָס ס׳האָט נאַטירלעך ניט געקענט אויסגעפירט ווערן.

זיין ליטעראַרישע ירושה אין יידיש איז אַ זאַמלונג מיסיאָנערישע שירים א״ט „פערשיעדענע ליעדער פון אַ אמת׳ען יודען־פריינד״ (לייפּציג, 1885).

JE, X; ЕЭ, XIII; א. טשעריקאָווער, Новый Израиль, ib, XI, ז׳ 769 — 771 (מיט אַ ביבליאָגראַפיע); ג. ה. דאַלמאַן, Jüdisch-deutsche Volkslieder aus Galizien und Russland; ש״ל ציטראָן, „משומדים״, I, ז׳ 122 — 138.

ראַבינאָוויטש ישראל (1894 —)

געב׳ אין בוטען, גראָדנער געגנט, אין אַן אָרעמער פאַמיליע. זיין פאָטער, משה־דוד, איז געווען אַ קלעזמער און אַ בדחן בן בדחן, באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, צו 13 יאָר אַריינגענומען געוואָרן אין דער שטעטלשער קלעזמער־קאַפּעליע, צוערשט אַלס פייקלער און דערנאָך אַלס צווייטע פידל. ווען דער פאָטער האָט צוליב קראַנקהייט מער ניט געקענט גיין אויף חתונות, האָט מען אויף דעם ייִנגל ישראל אַרויפגעוואָרפן אויך די ירושה פון בדחנות, און ער פלעגט פאַרפאַסן כלה־באַזעצעכצן און אַנדערע גראַמען, וועלכע האָבן שטאַרק אויסגענומען ביי דעם עלטערן עולם, וואָס האָט געזען אין אים „אַ גילגול פון דעם זיידן״— הירשל בדחן, וועלכער איז בשעתו געווען באַרימט אין זיין געגנט. 1911 אויסגעוואַנדערט קיין קאַנאַדע, וואו אַ צייט מיט יאָרן געאַרבעט אַלס שניידער, אָפּגעבנדיק זיך גלייכצייטיק מיט זעלבסטבילדונג און לערנענדיק מוזיק. יאַנואַר 1918 פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע אַר־

טיקלען — אַן אָפּהאַנדלונג איבער „דער קליאַטשע" פון מענדעלע מוכר=ספרים — אין „קענעדער אָדלער", אויך זיך באַטייליקט אין „אידישען זשורנאַל" פון טאָראָנטאָ, אין „דעם וועג" פון דעטראָיט, דאַן אַריין אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „קענעדער אָדלער", וואו דערהויפּט זיך אָפּגעגעבן מיט אימפּרעסיאָניסטישע באַריכטן פון מוזיקאַלישע קאָנצערטן, טעאַטער אדג"ל, געשריבן אויך פעליעטאָנען א"פּ ישראלי. לעצטנס מיטרעדאַקטאָר און הויפּטמיטאַרבעטער פון דער צייטונג, בכלל איינער פון די ערנסטסטע און בעסטע יידיש=קאַנאַדער פּובליציסטן, מיט אַ גרויסן אינטערעס פאַר די מאָדערנע יידישע קולטור=פּראָבלעמען, צייכנט זיך אויך אויס אַלס שריפטשטעלער איבער מוזיק, אויפן וועלכן געביט ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי אינטערעסאַנטע שטודיעס און עסייען, ווי די שטודיע איבער יידישער מוזיק, איר מקור און איר ווירקונג אויף דער וועלט=מוזיק (אין „קענעדער אָדלער"), „לעאָ אַרנשטיין" (אין „ביואַנסן", 1921), „מוזיק און טומל" (אין „איבאַיינעם", lll), „בעטהאָווענס סוד" (אין „קאַנאַדע", 1925, l — lll), „דיסאָנאַנסן" (ib, lll), „דזשעז און דער היימישער קלעזמער" (אין שיקאַגער „קולטור", 13 — 14), אאַז"וו. האָט אויך געשריבן עסייען איבער ליטעראַטור (צ"אַ אין „רויערד" 1927, I — וועגן יהואש), טעאַטער, יידישער שול, דער ספּעציפישער יידישער שול=פּראָגע אין קאַנאַדע — צוליב דעם קאַמף פון די פראַנצויזן=קאַטוילן און די ענגלענדער=פּראָטעסטאַנטן — געווידמעט אַ ספּעציעלע אַרבעט א"ט „די געשיכטע פון אידישען שול=פּראָבלעם אין קוויבעק", אויך מיט ענגלישען טעקסט (פּ"ג „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאַל, 1926, ז' 34).

צוזאַמען מיט א. ש. שקאָלניקאָוו האָט ר' געמאַכט אַ פּרוּוו צו גרינדן אַ ערנסטן אָרגאַן פאַר ליטעראַטור און קונסט א"ט „קאַנאַדע", אָבער מער ווי 3 ה' פון דעם דאָזיקן שיינעם זשורנאַל זיינען ניט אַרויס (יולי — דעצעמבער 1925). צוזאַמען מיט ה. וואָלאָפּסקי און ב. ג. זאַק רעדאַקטירט די גרויסע און אינהאַלטסרייכע יובליי=אויסגאַבע פון „קענעדער אָדלער", 1927, ז' 126.

ב. קאַצענעלסאָן, אין „פּעדער" 1925, VIII.

ראַבינאָוויטש מאָטי (1890 —) געב' אין יאַס, רומעניע. האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, געלערנט אין חדר און בית=מדרש, שפּעטער זיך גענומען צו וועלטלעכער בילדונג. זינט 1911 זיך געדרוקט אין „הצפירה", לעמבערגער „הצופה", מיטגעאַרבעט אין דער רומעניש=ציוניסטישער Hatikwah, אין Mantuirea, געווען איינער פון די וויכטיקסטע מיטאַרבעטער פון די זמ"ב „ליכט" (זע פרידמאַן מאַטעס) און פון דעם בראַילער „האַמער" (1915) א"אַ, אַרויסגעגעבן אַ הומאָריסטיש בלעטל „די פּאָהן" (2 נומ'). האָט געשריבן פּובליציסטישע אַרטיקלען און הומאָריסטישע צייט=פעליעטאָנען, באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע סאַטירישע לידער, אויך א"פּ ר. מאַקס, ר' מאָטי, דער היציקער, ד"ר אַספּערין. שפּעטער זיך באַזעצט אין בוקאַרעשט אַלס סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

פּריוואַטע מיטטיילונגען פון י. באָטאָשאַנסקי און י. גראָפּער.

ראַבינאָוויטש מיכאל (א' תמוז 1856 — 1914) געב' אין בריסק=דליטא אַלס זון פון דעם רב ישראל=צבי ר', אַן אָפּשטאַמלינג פון דעם גאון בעל „פּנים מאירות". אַלס סוחר אין בריסק,

הָאט ער זיך אויך אָפּגעגעבן מיט קהל=
שער און ציוניסטישער טעטיקייט, גע=
ווען איינער פון די ערשטע אַגיטאַטאָרן
פאַר „חיבת=ציון", זיך באַטייליקט אַלס
דעלעגאַט אין ציוניסטישע קאָנגרעסן,
פלעגט אָפּט אויפטרעטן מיט ציוניסטי=
שע רעדעס אין בריסק א"א שטעט.
ער האָט געדרוקט מאמרים אין „הצפירה",
„הלבנון", „הקול" א"א, אויך אין „יודי=
שען פאָלקסבלאַט" א"פ בן יצהר און
אַרויסגעגעבן אַ סיפּור א"ט „אור מתנה"
(וואַרשע, 1895).

„דור רבניו וסופריו", II.

ראַבינאָוויטש מיכל (=יצחק) (א׳ תמוז
1879 —) געב׳ אין דער מיר,
מינסקער געגנט. זיין פאָטער, ר׳ יעקב=
גרשון, רב אין שורווילישאַן, האָט גע=
שטאַמט פון אַ לאַנגער קייט רבנים; פון
דער מוטערס צד משפחה מיט די „ראַ=
זשענויער קדושים" (זקהם). האָט געלערנט
אין חדרים און אין די ישיבות פון טעלז
און סלאָבאָדקע, שוין צו בר=מצווה גע=
האַט דורכגעלערנט טויזנט בלאַט גמרא,
דאַן אָנגעהויבן צו לייענען לשון=קודש=
דיקע מליצה=ביכלעך, אונטער דעם גוואַל=
דיקן רושם פון מענדעלעס „קליין מענ=
טשעלע", וואָס ער האָט אויסגעלערנט
אויף אויסווייניק, זיך גענומען צו „קענ=
טעניש", פאַר אַפּיקורסות אַרויסגעטריבן
געוואָרן פון דער ישיבה, געווען אַ עקסטערן
אין פּאָניעוועזש, פון דאָרט פאַרפּנטלעכט
אַ סעריע אַרטיקלען איבער י"ל פּרץ אין
„הצפירה" און מ"ב סירקין האָט אים פאָר=
געלייגט שטענדיקע מיטאַרבעט. חתונה
געהאַט 1902 קיין מינסק, האָט ער צוזאַ=
מיט זיין שווער, מיכל האַלפּערן, דעם
מחבר פון דעם „ספר הנוטריקון",
געפירט אַ בוכהאַנדלונג=אַנטיקוואַריאַט,
וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט
צו דערלערנען די יידישע ביבליאָגראַפיע,
האָט אַ סך „הוספות, הגהות ותקונים" צו
בן=יעקבס „אוצר=הספרים", אויך פאַרטיק
געמאַכט אַ ווערק אין יידיש „די יידישע
בוכדרוקערייען אין ווייסרוסלאַנד" מיט
אַ ביבליאָגראַפישער רשימה פון די ווערק,
וואָס האָבן זיך געדרוקט אין די יאָרן
1783—1836 אין דובראָוונע, ליאָדי, מאָה=
ליעוו, מינסק, קאָפּוסט און שקלאָוו,
אויך צונויפגעזאַמלט אין יידיש אַ גרויסע
קאָלעקציע פון סגולות, אָפּשפּרעכענישן,
שפּריכווערטער, רעדנסאַרטן, וויצן, העב=
רעיִשע עלעמענטן — גלייכע און פּאַראָ=
דירטע. — זינט 1902 געשריבן אין „המליץ"
דעם קליינעם פעליעטאָן „בתפוצות ישראל"
א"פ צבי רבין; אין „פריינד" 1903, אין
ל. ראַבינאָוויטשעס „טאָג" 1904 און שפּע=
טער אין „היינט"—בריוו פון מינסק, אַר=
טיקלען א"פ אַ שיינער ייד, אויך דעם
קליינעם פעליעטאָן (אין „טאָג") א"ט
„אַ וועלט מיט וועלטעלעך" א"פ פּעמון,
אויך מיטגעאַרבעט אין „הזמן" — צ"אַ
מיט ליטעראַרישע רעצענזיעס א"פ בן=
אברהם און אין די מינסקער יידישע
צייטונגען און זמ"ב — אונטער פאַרשיי=
דענע פס"ג. XII/ 1918 — VII/ 1919
געווען רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער
צייטונג „דער איד" — אָרגאַן פון מינסקער
גליל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע,
צו וועלכער ער געהערט זינט 1897, און
אין דער צייטונג געדרוקט אַחוץ אַר=
טיקלען און פעליעטאָנען אויך פאָלקס=
טימלעכע מעשיות. 1919—20, בשעת מינסק
איז געווען פאַרנומען פון די פּאָליאַקן,
געדרוקט אין „הצפירה" אַ סעריע פאָלקס=
טימלעכע דערציילונגען, אַ אָנהייב פון
אַ גרויסער אַרבעט „אמונות והודיות,
סגולות ולחשים" (פאָלקלאָריסטישע פאָר=
שונגען) א"א און אין „היינט" אַרטיקלען
איבער די פויליש=יידישע באַציִונגען אין
אָקופּירטן ווייסרוסלאַנד, 1921—22 גע=

שריבן אין קאָמוניסטישן „וועקער“ וועגן יידישן פאָלקלאָר און צו דער געשיכטע פון די יידן אין ווייסרוסלאַנד. געווען פאַרוואַלטער פון דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע פאַר ווייסרוסלאַנד, געלייענט אויף לערער=קורסן (1921) אַ ציקל לעקציעס „דער אַלטער יידישער לעבנסשטייגער אין ווייסרוסלאַנד“, 1922 צוויי מאָל געווען אַרעסטירט אַלס ציוניסט, באַפרייט געוואָרן אָן אַ פּראָצעס אונטער אַ חתימה ניט צו פאַרנעמען זיך מיט קיין פּאָליטיש=געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אלול 1925 פאַרלאָזט מינסק און זיך באַזעצט אין ירושלים, וואו ער פירט אַ בוכהאַנדלונג, דרוקט פון צייט צו צייט אַרטיקלען אין „דבר“, צ"אַ זכרונות איבער ב. באָראָכאָוו, ביבליאָגראַפישע נאָטיצן און רעצענזיעס. האָט אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע קליינע דערציילונגען און פאָלקס=מעשיות, ווי „בזכות הרבנית“, „הראב"ד והמורה הוראה“, „תקון שבועות על הנהר“ (ירושלים תרפ"ו, סעפּאַראַטע אָפּדרוקן פון „התור“).

ראַבינאָוויטש צבי=הירש (20/XII 1863 —) געב' אין שאַוול, קאָוונער געגנט, אַלס זון פון אַ אָנגעזעענעם באַלעבאָס, וואָס איז געווען באַקאַנט אין שטאָט א"נ אליהו קעלמער. צו 6 יאָר שוין געלערנט תלמוד, צו 12 אַריין אין דער ישיבה, און ר' יוסף=זכריה שטערן האָט אים זייער ליב געהאַט פאַר זיין גרויס בקיאות, דערנאָך אַוועק קיין ווילנע און פון דאָרט — אויף דער עצה פון מ. פלונגיאַן — קיין ריגע, וואו אָנגעקומען אין פּאָליטעכניקום, אָבער צוליב דער קראַנקהייט פון די עלטערן דאָס שטודיום ניט געענדיקט און אַריבערגעפאָרן קיין לאָדז, דאָרט געווען אַ לערער אין דעם הויז פון דעם גביר שלאָסבערג און דערנאָך — בוכהאַלטער און קאָרעספּאָנדענט אין אַ גרויסער פאַבריק. נאָכן טויט פון זיינע עלטערן 1893 אַוועק קיין בערלין, דאָרט באַקומען דעם טיטל ד"ר מעדיצין, 1898 אויסגעוואַנדערט קיין נ"י, וואו ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון ר' יהושע=העשל יפה.—ר' האָט געדרוקט אַרטיקלען אין די ריגער דייטשע צייטונגען, אין Восходъ, Lodzer Tageblatt, אַרויסגעגעבן אַ בוך Популярное Электричество א"פ שאַוועלסקי (קיעוו, 1894), פאַרפאַסט אויך מעדיצינישע ווערק. אין נ"י האָט ער זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע יידישע צייטונגען.

„חכמי ישראל באמריקא“.

ראַבינאָוויטש שלום (פסח 1869 —) געב' אין וואַבאָלניק, קאָוונער געגנט. געלערנט ביי ר' א"י הכהן באָרוכאָוו און ביי זיין פעטער ר' מאיר=מיכל ר' און נאָכן באַקומען סמיכה אַוועק קיין אַמעריקע, וואו געווען רב און דרשן אין פאַרשיידענע קהילות, און זינט 1907 — אין ברוקלין. 1912 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ חודש=זשורנאַל א"ט „דער אידישער וועכטער“, אויך פאַרפאַסט אייניקע רבנישע ספרים און אין ענגליש די ביכער Labor and Liberty און Capitalism (1917).

בנציון אייזענשטאַדט, „לתולדות ישראל באמריקה“ („דורות האחרונים“), נ"י, 1917, ז' 51.

ראַבינאָוויטש שלמה (1880 —) געב' אין אורעטשע, מינסקער גוב'. צו 4 יאָר אַריבערגעפאָרן מיט די עלטערן קיין מינסק, וואו זיין פאָטער, אַ משכיל און אַ פריידענקער, איז געווען אַ באַן=עקספּעדיטאָר. פאַר זיין אָנטייל אין דער בונדישער באַוועגונג 1899 אַרעסטירט פון זובאַטאָוון, אין אַ יאָר אַרום ווידער אַרעסטירט, אַ יאָר אָפּגעזעסן אין די מאָסקווער טורמעס און דאַן

פאַרשיקט קיין אָליאַקמינסק, יאַקוטנקאַנט, פון וואַנען צוריקגעקומען 1904, געווען טעטיק אין מינסק אַלס „פּראָפעסיאָנאַל" פון דער רוסלענדישער ס"דישער פאַרטיי („איסקראַ"). 1907 אַנטלאָפן פון דער זשאַנדאַרמעריע קיין אַמעריקע. ניט רעכענענדיק זיין אַרטיקל „כל ישראל חברים" אין דעם מינסקער „פלוג=בלעטעל" 1899, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן ערשט אין אַמעריקע אין אברהם רייזענס „דאָס נייע לאַנד" (פּאָלעמישע אַרטיקלען קעגן ד"ר נ. סירקין און ד"ר נ. בירנבוים), דאַן זיך באַטייליקט אין „צוקונפט" א"ר פון א. ליעסין (מיט וועמעס שוועסטער ר' האָט חתונה געהאַט אין מינסק), „פאָרווערטס", „גערעכטיגקייט", „פריינד", „וועקער", פאַרטרעטנדיק אין זיינע אַרטיקלען דעם שטאַנדפּונקט פון אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיזם און אַרויסטרעטנדיק אי קעגן דעם באָלשעוויסטישן קאָמוניזם אי קעגן דעם רעפאָרמירטן סאָציאַליזם. 1910 געדרוקט אייניקע סקיצן אין דער ענגלישער צייטונג Sunday Call. איז באַשעפטיקט אַלס קאָרעקטאָר אין „פאָרווערטס".

ראַבינאָוויטש שמואל (אַרום 1865—) געב' אין גראָדנע אַלס זון פון שאול=פנחס ר' (שפ"ר) — דעם באַוואוסטן העברעישן שריפטשטעלער, חובבי=ציון און איבערזעצער פון היינריך גרעצס געשיכטע. אַלגעמיינע בילדונג באַקומען אין דער 2טער רוסישער גימנאַזיע אין וואַרשע, שוין אַלס גימנאַזיסט געהאַט פאַרבינדונגען מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַרויסגעוויזן אַ גרויסע נטיה צו טעאָרעטישע פראַגן, מיט זיין טעטיקייט אַרויסגערופן דעם חשד פון דער גימנאַזיאַלער מאַכט, צוליב דעם אַרויס פון 7טן קלאַס, אַוועק קיין אויסלאַנד, אין דער שווייץ צוגעשטאַנען צו אַ קרייז יידישע סטודענטן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו שאַפן אויף יידיש ליטעראַטור וועגן אַרבעטער=פראַגן (כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם קרייז איז, אַז אַלס ערשט ביכל איז אָנגעמערקט געוואָרן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער לאַגע פון די אַרבעטער אין דער אַמאָליקער פאַלעסטינע). ר' האָט איבערגעזעצט אויף יידיש די דעמאָלט זייער פּאָפּולערע בראָשור פון דעם יונג פאַרשטאָרבענעם פוילישן סאָציאַליסט ס. דיקשטיין (פּס"נ יאַן מלאָט) Kto z czego żyje, וועלכע אַנטהאַלט דעם אלף=בית פון סאָציאַליסטישן געדאַנק און האָט געהאַט זייער גרויס ערפאָלג סיי אין פוילישן אָריגינאַל סיי אין דער רוסישער איבערזעצונג, — און האָט זיך געווענדט צו סט' מענדעלסאָנען (דעם זון פון אַ וואַרשעווער באַנקיר, איינעם פון די שעפער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פוילן, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ „בעל=תשובה" און 1913 רעדאַקטירט אַ ליבעראַלע פויליש=יידישע צייטונג Przegląd Codzienny, וואַרשע) און צו זיין חבר דאַשינסקי (איינעם פון די פירער פון דער פפּ"ס), זיי זאָלן אים פאַרשאַפן יידישע שריפט ביי דער דרוקעריי, וואָס די פפּ"ס האָט שוין דאַן געהאַט אין זשענעווע, — אויף צו דרוקן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אין יידיש, אָבער זיי האָבן דעם דאָזיקן „משונה=דיקן" פאָרשלאָג וועגן „זשאַרגאָן" ניט אָנגענומען. שפּעטער, ווען ר' איז אָנגעקומען צו פּ. לאַווראָוון אַלס זיין פערזענלעכער סעקרעטאַר, האָט ער זיך געווענדט צו לאַווראָוון מיט דעם אייגענעם פאָרשלאָג — וועגן שאַפן יידישע שריפט ביי דער דרוקעריי פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אין פאַריז, אָבער אויך דאָ האָט ער גאָרנישט געפועלט און נאָך אַ ריי אונטערהאַנדלונגען מיט פאַרשיידענע פערזאָנען איז ער צוועק

קיין לאָנדאָן און ענדלעך (מיט דער
הילף פון דער פוילישער סאָציאַליסטי=
שער פאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט״ ?) אָפּ=
געדרוקט אין דער דרוקעריי פון „אַרבײ=
טער פריינד״ זיין איבערזעצונג מיטן
פאָלגנדיקן שער=בלעטל: „סאָציאַליס=
טישע ביבליאָטעק אין אידיש=דייטש. /
„פון וואָס איינער לעבט / Kto z czego
איבערזעטצט żyje. / Napisał Jan Młot. /
אויס דעם פאלנישען פון מרדכי בן
שאול / London. / Wernik & Solotkoff,
Printers, 5, Lower Chapman, St. Can-
non St. Rd. E. / 1887„. דאָס ביכל,
איינע פון די ערשטע סאָציאַליסטישע
אויסגאַבן אין יידיש *), אַנטהאַלט 64
זייטעלעך פון גאָר קליינעם פאָרמאַט;
די שפּראַך פון דער איבערזעצונג (רע=
דאַקטירט פון פיליפּ קראַנץ) איז אַזוי
ריין און קאָרעקט, אַז אין די שפּעטערע
אויסגאַבן, אַפילו די לעגאַלע — פון דעם
בונדישן פ״ג „די וועלט״ (די אויסגאַבע
פון בונדישן פ״ג „די אַרבייטער=שטימע״,
וואַרשע, 1905, ז׳ 34, מיט אַ ביילאַגע
פון ג. פּלעכאַנאָוו, ז׳ 35 — 39, איז
באַלד קאָנפיסקירט געוואָרן) איז דער
טעקסט כמעט גאָר ניט געענדערט, מיט
דער אויסנאַם פון אָרטאָגראַפישע און
גאָר קליינע סטיליסטישע שינויים. נאָכן
אָפּדרוקן די בראָשור האָט ר׳ זי אַליין
טראַנספּאָרטירט קיין רוסלאַנד, מ׳האָט
אים אָבער אַרעסטירט אויפן קאָוונער
וואָקזאַל און ער האָט באַצאָלט דערפאַר
מיט 10 יאָר סיביר. אין לאָנדאָן זאָל ר׳
אויך האָבן אָפּגעדרוקט אייניקע אַרטיקלען

*) די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע בראָשור
איז, ווי באַוואוסט, געווען מ. ווינטשעווסקיס
„יהי אור״, לאָנדאָן (1884), די צווייטע — די
איבערזעצונג פון דער רעדע, וואָס פ. לאַווראָוו
האָט אין פאַריז געהאַלטן פאַרן א״ג „יידישן
אַרבעטער=פאַראיין״ (1885).

אין „אַרבייטער פריינד״ און צוגעגרייט
אייניקע נייע ביכלעך, צ״אַ די יידישע
איבערזעצונג פון דעם „קאָמוניסטישן
מאַניפעסט״, אָבער דורך די 10 יאָר
סיביר איז ער שוין אָפּגעריסן געוואָרן
סיי פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג
סיי פון דער ליטעראַרישער טעטיקייט,
און צוריקגעקומען אַן אויסגעמאַטערטער,
אַ האַלב קראַנקער פון פאַרשיקונג —
זיך באַזעצט אין פינסק, וואו געאַרבעט
אַלס פּראָקורענט אין אַזאָוו=דאָנער באַנק,
צוזאַמען מיט דער באַנק בשעת דער
וועלט=מלחמה זיך עוואַקוירט קיין קאַ=
טערינאָסלאַוו, דאָרט דורכגעמאַכט אַלע
שרעקן פון דעם בירגער=קריג, דאַן זיך
צוריקגעקערט קיין פינסק, אַ געוויסע
צייט געווען באַנק=אָנגעשטעלטער אין
ווילנע, לעצטנס אָנגעשטעלטער אויף
דער פינסקער שוועבעלעך=פאַבריק פון
האַלפּערן.

אברהם קאַטיק, „דאָס לעבען פון אַ אידישן
אינטעליגענט״, ז׳ 168 — 180; ה. בורגין, „די
געשיכטע פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג״;
ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, הקדמה צו ראָזענבאַומס
„ערינערונגען פון אַ סאָציאַליסט=רעוואָלוציאָנער״.

ראַבינאָוויטש שרה 1880 (לויט דעם
מאַן — מאַרגאָלין) געב׳ אין
בערעזין, מינסקער גוב׳. 1898 — 1902
שטודירט פילאָסאָפיע און פּאָליטישע
עקאָנאָמיע ביים פּאָליטעכניקום אין
קאַרלסרו און ביי די אוניווערסי=
טעטן פון היידעלבערג און פריי=
בורג, וואו באַקומען דעם טיטל ד״ר
פון שטאַטס=וויסנשאַפטן פאַר איר דיסער=
טאַציע „די אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן
פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד״ — אַן
אַרבעט, וועלכע באַזירט אויף דער סטאַ=
טיסטישער אויספאָרשונג פון די יידישע
אַרבעטער=אָרגאַניזאַציעס פון דער שטאָט
מאָהליעוו=אויפן=דניעפּער און אין וועל=
כער עס ווערט צום ערשטן מאָל געגנו

אַנאַליזירט די יידישע בעל=מלאכישע
חברה, וואָס פירט איר אָפּשטאַמונג פון
די עלטסטע צייטן אָן און זיך שפּעטער
אַנטוויקלט אין די פאַרשיידנסטע מינים
פאַראיינען. 1903 האָט זי אין שליחות
פון דעם פראַנקפורטער „הילפספאַראיין"
און דער האַמבורגער יידישער אָפּטיילונג
פון דעם קאָמיטעט צו באַקעמפן דעם
אינטערנאַציאָנאַלן פרויענהאַנדל צוזאַמען
מיט בערטע פּאַפּענהיים באַרייזט גאַליציע
און די איינדרוקן פון דער דאָזיקער
נסיעה פאַרעפנטלעכט אין דער בראָשור
Zur Lage der jüd. Bevölkerung in Ga-
lizien, ווי אויך אין אירע אַרטיקלען אין
Восходъ 1903 און Евр. Школа 1904
(„די יידישע פאָלקסבילדונג אין גאַליציע").
פון אירע אַנדערע אַרבעטן אין די
רוסיש=יידישע און דייטש=יידישע אָרגאַ=
נען איז צו פאַרצייכענען „וועגן צוגרייטן
יידישע לערערינס" (אין Вѣстникъ Опе,
1911), „צו דער סטאַטיסטיק פון די יידי=
שע שולן אין רוסלאַנד" (אין Zeitschrift
für Demogr. und Statistik d. Juden
1911) אאַז"וו. האָט אויך געשריבן דער=
ציילונגען אין Міръ Божій 1904 און אין
Восходъ, Новый Восходъ א"אַ. אַ די=
רעקטע שייכות צו דער יידישער ליטע=
ראַטור האָט איר אָפּהאַנדלונג Жизнь
торговыхъ и трудящихся классовъ въ
изображеніи Перепа (אין Евр. Міръ
1909, V — VI, אויף יידיש באַאַרבעט
א"ט „האַנדעלס=קלאַס און אַרבייטער=
קלאַס ביי פּרץ'ן", אין זמ"ב „י. ל. פּרץ",
נ"י, 1915, ז' 83 — 97), אין וועלכער
זי זאָגט אַגב אַרויס אינטערעסאַנטע און
טיפע געדאַנקען וועגן דער שפּראַכפראַגע.
ЕЭ, XIII.

ראַבינזאָן מרדכי (ב' אב 1877 —
) געב' אין נאַוואַרעדאָק, מינ=
סקער געגנט. דערצויגן געוואָרן אין
קראָקי, קאָוונער געגנט, אין סווענציאַן
און ראַדאָשקאָוויטש, ווילנער געגנט, אין
וועלכע שטעטלעך זיין פאָטער, ר' מאיר,
איז געווען רב. צו 13 יאָר אָנגעהויבן
צו וואַנדערן איבער ישיבות און קיבוצים,
פאַרבראַכט יאָרן אין סלאָבאָדקע, טעלז,
סמאָרגאָן, וואָלאָזשין, ווילנע, קאָוונע, צו
21 יאָר זיך אַרויפגעשלאָגן אויף סמיכה
פון סמאָרגאָנער רב, אָבער פון רבנות
געווען גאַנץ ווייט, שוין געהאַט געלייענט
אַ סך השכלה=ליטעראַטור און אָפּגעדרוקט
זיין ערשטן אַרטיקל אין „הצפירה" תרנ"ז,
זינט דאַן אָנגעהויבן צו דרוקן אין
„הצפירה" אַ סעריע אַרטיקלען א"ט
„מקרב העם" און אַ ריי פעליעטאָנען,
וואָס האָבן זיך פאַרצויגן אויף יאָרן, און
זיין פס"נ מ. בר=רב איז באַקאַנט גע=
וואָרן אין דער רבנישער און ישיבהשער
וועלט, וועלכע האָט זיך געקוויקט פון
זיין האַלב תלמודישער שפּראַך און בית=
מדרש=וויץ. נאָך דער חתונה 1901 גע=
וואָלט פאָרן קיין דייטשלאַנד שטודירן,
אָבער דער פרומער פאָטער האָט דורך
בכיות און תחנונים ניט דערלאָזט דערצו,
דאַן האָט ער אין קאָוונע אַלס עקסטערן
דורכגעמאַכט דעם קורס פון גימנאַזיע,
סוף 1902 אַוועק קיין בערן, שטודירט
אויפן פילאָסאָפישן פאַקולטעט, 1903 אַרי=
בער אויפן ליטעראַרישן פאַקולטעט פון
דער פאַריזער סאָרבאָנע, באַזוכט קורסן
פון ליטעראַטור, געשיכטע, פילאָסאָפיע
און חכמת ישראל, ניט איבעררייסנדיק
די באַציִונגען מיט דער „הצפירה", גע=
דרוקט אויך אַ ריי בילדער פון סטודענ=
טישן לעבן אין די ביילאַגעס פון „הצפירה",
אין „הדור" און „העולם", וואו אויך פאַר=
עפנטלעכט היסטאָרישע אַרטיקלען, דאַן
אויך אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טע=
טיקייט אין יידיש מיט עסקיזן און ביל=
דער פון עמיגראַנטן=לעבן אין פאַריז אין

וואַרשעווער „וועג" און דער ווילנער „צייט". 1907 פאַרעפנטלעכט אין פראַנצויזיש זיין דיסערטאַציע „דער משיח־געדאַנק אין תלמוד און מדרשים", פאַר וועלכער באַקומען דעם טיטל ד"ר, געדרוקט היסטאָריש־ליטעראַרישע אַרטיקלען אין „השלח", געפרוווט אַרויסגעבן אַ יידיש וואָכנבלאַט „פאַריזער נאַכריכטען", אָבער אָן ערפאָלג, און שוין זייענדיק אַ מטופל מיט צוויי קינדער, געמוזט פאַרלאָזן פאַריז. 1908 זיך באַזעצט אין ווילנע אַלס מיטאַרבעטער פון „הד הזמן" און איבערזעצער פאַר פ' מאַרגאָלינס העברעיִשן פ"ג ביים „הזמן" („פאַלעסטינע" — פון מונק, „שפינאָזע" — פון פריידענטאַל, „אַנטיסעמיטיזם" — פון בערנאַר לאַזאַר, „קבלה" — פון פראַנק, „אַריינפיר אין תלמוד" — פון הערמאַן שטראַק און אַ טייל פון די „רוימישע זיטן" — פון פרידלענדער), אָבער די באַדינגונגען פון דער גאַנצער אַרבעט זיינען געווען „מאַשינאָווע" און קבצנישע, און דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויף איר ליטעראַרישן ווערט. 1910 אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין בן־אביגדורס „ביבליותיקה גדולה" אַלס סטיליזאַטאָר און אויף אַ האַלב ענציקלאָפעדישן העברעיִשן ווערטערבוך, געדרוקט אַ סעריע תלמודישע לעגענדעס אין „שטראַהל", אַ קליינע דראַמע „הקרבן" אין „השלח", באַאַרבעט אין יידיש פאַר ב. שימינס פ"ג „די וועלט־ביבליאָטעק" שאַנטעפי־דע־לאַ־שאָסייס „געשיכטע פון גלויבענס און רעליגיאָנען" (אַרום 1911), אויף אַ קורצער צייט אַריין אין דער רעדאַקציע פון דער באַנייטער „הצפירה", דאַן צוריק אַריבער אין „הד הזמן", די לאַגע איז אָבער געווען אַזאַ שווערע, אַז 1912 האָט ער אָנגענומען די קרוינישע ראַבינערשאַפט אין באָברויסק. אין 1913 אַרויסגעגעבן זיין „תולדות הספרות החדשה" (פ"ג ראָזענקראַנץ און שריפטזעצער), וועלכע די צענזור האָט לאַנג געאַטרט. 1919 אַריבערגעקומען קיין אוקראַינע, אַ האַלב יאָר געאַרבעט אין קרעמענטשוגער ביבליאָטעק, דערנאָך געווען אַ לערער אין קאַטערינעסלאַווער שולן, סוף 1925 אויסגעוואַנדערט קיין ירושלים, וואו ער אַרבעט אין „דואר היום" און פאַר דער אַמעריקאַנער יידישער פרעסע.

ראָבינס לעאָ (1895 —)

אַמעריקאַניזירטער נאָמען פון **אליעזר ראַבינאָוויטש**. געב' אין איוויע, ווילנער געגנט, אין אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע, אוראייניקל פון ר' דוד בן משה פון נאַוואַרעדאָק, מחבר פון „גליא מסכתא", האָט געלערנט אין חדר און אין ריינעסער ישיבה אין לידע, אויך ביי פריוואַטע לערער העברעיִש און רוסיש. צו 13 יאָר געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום, 1910 געקומען קיין אַמעריקע, באַזוכט ענגלישע שולן, אויך קורסן אין באָסטאָנער אוניווערסיטעט, געאַרבעט ביי פאַרשיידענע מלאכות. 1915 אָנגעהויבן צו שרייבן אין ענגליש אַלס מיטאַרבעטער פון ראַדיקאַלע וואָכנשריפטן און טעגלעכע צייטונגען אין באָסטאָן, פאַרעפנטלעכט לידער, דערציילונגען און אַרטיקלען, געשריבן קינאָ־דערציילונגען (1920), שטייענדיק נאָענט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, געווען טעטיק אַלס אַרבעטער־פובליציסט אין דער צייט פון אַ פאָר גרויסע שטרייקן, זינט אָנהייב 1921 מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", וואו ער שרייבט פאָפולערע אַרטיקלען א"פ ל. מאַלקעס, פאַרעפנטלעכט דאָרט אויך אַ סעריע שילדערונגען א"ט „קיידי די יענקי" — אַ טיפ פון אַ יידיש־אַמעריקאַנער מיידל, אויך אַ ראָמאַן א"פ ר. שאַיעווסקי. אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן אַ בוך דערציילונגען א"ט Mary The Ubersy and other Tales (פ"ג „סטרעטפאָרד־קאָ.", באָסטאָן, 1918), פאַרפאַסט אַ טעאַטערשטיק „מאַמע".

ראַבניצקי יהושע=חנה (י"ד אלול 1859 —) געב' אין אָדעס אין אַן אָרעמער פאַמיליע. באַקומען די ערשטע דערציִונג אין חדר און שפּעטער געלערנט אין דער אָרטיקער ישיבה, פון אַ רוסיש אַנאָנסבלעטל זיך אויסגעלערנט לייענען רוסיש. חתונה געהאַט צו 18 יאָר אין שטעטל מאַיאַק, האָט ער זיך דאָרט אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט אַלגעמיינע געגנשטאַנדן, באַזונדערס שטודירט שפּראַכן—דייטש און פראַנצויזיש.



זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין ראָדקינסאָנס „הקול", דערנאָך מיטגעאַרבעט אין „המליץ". 1887 האָט ער, שוין וואוינענדיק ווידער אין אָדעס, וואו ער האָט זיך באַשעפטיקט אַלס העברעיִשער לערער, צוזאַמען מיט צ"ז פראַנקפעלד רעדאַקטירט דאָס חובבי=ציוניִשע זמ"ב „דער יודישער וועקער" (אַלס נאָמינעלער רעדאַקטאָר פון דעם דאָזיקן בשעתו וויכטיקן זמ"ב איז אָנגעגעבן מ"ל ליליענבלום), וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין ערשטן אַרטיקל אין יידיש „דאָס פינטעלע יוד", ווי אויך אַ פּראָגראַם=שיר א"ט „יאי עניותא לישראל" — קעגן דער אַסימילאַציע. צו יענער צייט האָט ער אין דער „ביילאַגע צום יודישען פאָלקסבלאַט", 1888 (נומ' 4—5, 13—15, 32—33) פאַרעפנטלעכט א"פ רבי קצין זיין סעריע קריטישע אַרטיקלען א"ט „אַן עסק מיט שמאַטעס", וואו ער איז שאַרף אַרויס קעגן דער עם=הארצותדיקער שונד=ליטעראַטור פון שמ"ר, בעקערמאַן, א"י בוכבינדער. „מיט זיין ערנסטקייט, מיט זיין שטרענגער ערלעכער באַציִונג צו ליטעראַטור, מיט זיין קלאָרקייט פון סטיל, מיט זיין גוטן ליטעראַרישן געשמאַק און פיינעם טאַקט"—דערציילט י"ד בערקאָוויטש — האָט ר' דאַן געוואונען די ליבשאַפט פון ש"ע, וועלכע איז שפּעטער אַריבער אין אַ גרויסער אינטימער פריינדשאַפט אויפן גאַנצן לעבן. ש"ע האָט געהאַלטן ר'ן „פאַרן גרעסטן מבין צווישן די יונגע מבינים" („דערפאַר ווייל דער בר=קצין האָט אין זיין שרייבן אַ ביסעלע זאַלץ פון הומאָר און סאַטירע; דערפאַר ווייל בר=קצין, ווען ער שרייבט עפּעס וואָס סע ניט איז, איז דאָס צוקערזיס, געציילטע ווערטער, קורץ און שאַרף, אָן הכמות, אָן לאַנגע הקדמות, אָן מוסר=זאָגעכצן, אָן רעזאָניאָרסטווע") און האָט געדרוקט אין אָדעס אונטער זיין השגחה, שיר ניט אונטער זיין רעדאַקציע — זיינע ראָמאַנען „סטעמפּעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי", אים איבערגעגעבן אַ טייל פון דער ביבליאָגראַפיש=קריטישער רובריק פון זיין „יודישער פאָלקסביבליאָטעק" (מיט אַ האָנאָראַר פון 5 קאָפּ' אַ שורה). און דאָרט האָט ר' אָפּגעדרוקט אַ ריי אַרטיקלען און רעצענזיעס, וועלכע מאַכן אים פאַר איינעם פון די ערשטע — לויט דער צייט — יידישע קריטיקער. באַקעמפנדיק פון איין זייט די שונדווערק, האָט ער פון דער אַנדערער זייט אין די דאָזיקע אַרטיקלען זיך אָפּגערופן אויף די פּאָזיטיווע ערשיינונגען פון דער יידישער ליטעראַטור, געווען איינער פון די ערשטע אָפּשאַצער פון מענדעלע מוכר=ספרימס שאַפן, בכלל פיל מיטגעווירקט אין דער אויסבעסערונג און אַנטוויקלונג פון דעם געשמאַק פון דעם יידישן לעזער. צו יענער צייט האָט ר' זיך אויך באַטייליקט צוזאַמען מיט ש"ע, יהודה=לייב

גמזו א״אַ אין דער פּאָלעמיק קעגן א״ל לעווינסקין, וועלכער איז נאָך דער ערשיינונג פון „דער יודישער פּאָלקסביבליאָטעק״ אַרויס קעגן יידיש (זע ר״ס אַרטיקל „היש צורך בספרות הזשרגאנית״ — „המליץ״, 1889, 96–98). אויך שפּעטער פלעגט ער פון צייט צו צייט אויפטרעטן פאַר יידיש אַלס מיטל אויפצוקלערן דאָס פּאָלק און די אינטעליגענץ, וועלכע פאַרשטייט אויך ניט קיין העברעיִש (זע, למשל, זיין אַרטיקל „העברעאיש און יודיש״, אין „הויזפריינד״, V). נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער „יודישער פּאָלקסביבליאָטעק״, ווען דער צענטער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין וואַרשע (פּרץ), האָט ר׳ זיך אַלץ מער דערווייטערט פון יידיש און דאָס הויפּטגעביט פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט איז געוואָרן העברעיִש. זינט 1892 האָט ער צוזאַמען מיט ש״ע, וועלכער האָט דאַן געלעבט אין אָדעס, געשריבן אין „המליץ״ אַ סעריע הומאָריסטישע פעליעטאָנען א״ט „קבורת סופרים״ א״פ אלדד ומידד (ש״ע און ר׳) מיט דער כוונה צו רייניקן די העברעיִשע ליטעראַטור פון בטלנות. אין דערזעלבער צייט האָט ער אַרויסגעגעבן די זמ״ב „פּרדס״ (1892, 1894 און 1896), וואו עס זיינען געבראַכט געוואָרן צום אויסדרוק די אידעען פון גייסטיקן ציוניזם און וועלכע האָבן בשעתּם געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די העברעיִסטיש=ציוניסטישע קרייזן אַדאַנק זייער ערנסטן אינהאַלט (אין די זמ״ב האָבן זיך באַטייליקט צ״אַ אחד=העם, מענדעלע, ליליענבלום, לעווינסקי, דובנאָוו, האָט דעביוטירט ח״נ ביאַליק; זיי האָבן אויפגעהערט אַרויסצוגיין נאָך דער גרינדונג פון „השלח״). ווען די פ״גס=געזעלשאַפט „אחיאסף״ אין וואַרשע האָט אָנהייב 1899 געגרינדעט דאָס צווייוואָכנבלאַט „דער יוד״ (לכתחילה האָט עס געזאָלט הייסן „בת קול״), איז ר׳ איינגעלאַדן געוואָרן פאַר אַ רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער צייטשריפט, וועלכע האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער נייער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע. צ״אַ האָט ר׳ איינגעפירט אין „יוד״ אַ פאַרגרינגערטע יידישע אָרטאָגראַפיע, וועלכע האָט באַקומען בירגעררעכט, איז שפּעטער קולטיווירט געוואָרן אויך פון „פריינד״ און גילט נאָך עד=היום אין אַ געוויסן טייל יידישע אויסגאַבן א״נ „די אַלטע אָרטאָגראַפיע״. אויפן 20סטן נומ׳ פון ערשטן יאָרגאַנג „יוד״ (נאָוועמבער 1899) האָט די צייטשריפט איבערגענומען ד״ר יוסף לוריא, און ר׳ האָט זיך צוריקגעקערט קיין אָדעס, וואו ער האָט אינגיכן (אַרום 1901) צוזאַמען מיט זיינע פריינד ח״נ ביאַליק און בן=ציון געגרינדעט און אָנגעפירט דעם העברעיִשן פ״ג „מוריה״, בלויז פון צייט צו צייט זיך זינט דאַן באַטייליקט אין יידישע אויסגאַבן, דערהויפּט אין „יוד״ און „פריינד״, אויך אין זמ״ב „הילף״, ש. ניגערס „פּנקס״ א״אַ, וואו ער האָט אויסער פּובליציסטישע אַרטיקלען פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל רעצענזיעס און קריטישע אַרטיקלען אויך א״פ בר=קצין, ר., בת=קול, בקי, ראובן כץ, א. ירחי, צפנת פענח א״אַ. פאַר זיין שטעלונג צו יידיש אין דעם פּעריאָד איז כאַראַקטעריסטיש זיין אַרטיקל אין „פריינד״ 1903 א״פ אלדד „פאַר פייער און פאַר וואַסער״ (וואו ער לאַכט אויס די קעגנערס פון יידיש און דער יידישער ליטעראַטור פון כל=המינים, בפרט פון „אונזערע געניאַלן, אונזערע פאַנאַטיקער פון לשון

קודש, די וואָס שרייבן, רעדאַקטירן און
גיבן אַרויס העברעיִשע בלעטער, ריידן
אויס כּל מום רע אויפן אָרעמען זשאַר=
גאָן, לייגן אים אין דער ערד אַריין,
מאַכן פון אים אַש, און טאַקע אין דער
אייגענער צייט שיִטן זיי מיט „פּראָשע=
ניעס” אַהין וואו מען דאַרף, מען זאָל
זיי ערלויבן אַרויסגעבן בלעטער אויף
זשאַרגאָן”, אויך די כּלומרשט טיפערע
קריטיקער, וואָס „פאַרשטייען ניט, אַז
דעם גלות באַשרייבן קען מען נאָר אין
דער גלות=שפּראַך, שילדערן דאָס אמתע
לעבן קען מען נאָר מיט דער לעבנס=
שפּראַך... אומזיסט איז זייער מורא
פאַרן גלות, אונזער גלות איז אונזער
היסטאָריע, און מיר זיינען ניט די איינ=
ציקע, וואָס אונזער פאָלקסלשון איז אַ
מישמאַש” אאַז”וו). שפּעטער האָט ער
זיך צוריקגעקערט צו דער שפּראַכפראַגע
אין זיין גרויסן אַרטיקל „צי בין איך
אַ יודישיסט?”, פאַרעפנטלעכט אין דעם
פון אים רעדאַקטירטן ליטעראַרישן זמ”ב
„אונטערוועגס” (אָדעס, 1917). ער האָט
אויך רעדאַקטירט אַ טייל איבערזעצונ=
גען, וואָס דער מינסקער פ”ג „קולטור”
האָט 1905 אַרויסגעגעבן (ווי פּ. מוס=
קאַטבליטס בראָשור „די פאָלקספערטרע=
טונג”, איבערז’ פון ש. לעבענהאַרץ, א”אַ).
אָבער זיין הויפּטאַרבעט איז די לעצטע
25 יאָר פאַרבונדן מיט דעם העברעיִשן
בוך, פאַר וועלכן ער האָט זייער פיל אויפ=
געטאָן אַלס מיטרעדאַקטאָר פון „מוריה”
אין אָדעס און א”י (וואו ר’ לעבט
זינט אַווגוסט 1921), אין וועלכע פ”גן
ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי
ווערק, כּמעט אַלע — צוזאַמען מיט
ח”נ ביאַליק, ווי די באַאַרבעטונג פון
תנך און דער אגדה פאַר די שולן (א”ט
„ספורי המקרא”, „דברי נביאים”, „דברי
כתובים”, „דברי אגדה”), דאָס מאָנומענ=

טאַלע 6בענדיקע „ספר האגדה”, וואָס
איז פון די מחברים אויך באַאַרבעט
געוואָרן אויף יידיש א”ט „די יודישע
אגדות / פאָלקסטימליכע ערצעהלונגען,
זאַגען, לעגענדען, משלים, אַפאָריזמען
און שפּריכווערטער / געקליבען פון תלמוד
און מדרשים / נאָכן העברעאישען „ספר
האגדה” בעאַרבייט און גרופּירט נאָכ’ן
אינהאַלט דורך י. ח. ר’ און ח. נ. ביאַ=
ליק”, אין פיר ב’ (צווייטע אויפלאַגע —
פ”ג „מוריה”, בערלין, תרפ”ב, ז’ VIII +
180 + 201 + 152 + 130, די ב’ V און VI
זיינען אין יידיש נאָך אין כתב=יד).
פון זיינע אַנדערע אַרבעטן אין העברעיִש
אי’ צו דערמאָנען די אויסגאַבע פון
שלמה אבן גבירולס שירים, „פנינים מים
התלמוד”, „אגדות ארץ ישראל”, די
איבערזעצונג פון מאַלאָ (פון פראַנצויזיש)
„באין משפחה”, די מיטרעדאַקציע פון
די זמ”ב פאַר מעמואַרן, עטנאָגראַפיע
און פאָלקלאָר א”ט „רשומות”, פון וועלכע
עס זיינען שוין אַרויס 5 ב’, „דור וסופריו”
(פ”ג „דביר”, 1927), וואָס אַנטהאַלט
אָפּהאַנדלונגען, עטיודן און זכרונות אי=
בער יל”ג, אחד=העם, ש”ע, יצחק קאַמי=
נער, פרידבערג, לעווינסקי, פרוג, פריש=
מאַן, ח”נ ביאַליק. פון זיינע אַרבעטן
אין יידיש איז די וויכטיקסטע זיין
זאַמלונג „יודישע וויצען” (פ”ג „מוריה”,
בערלין, תרפ”ג, ז’ 264), וועלכע ער
האָט געקליבן פון פאָלקסמויל און פון
ביכער אין משך פון אַ סך יאָרן. ער
האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ ציוניסטישע
בראָשור „וואָס מיר זענען און וואָס וועט
פון אונז ווערען?/איבער דער לאַגע פון
אונזער פאָלק און זיין רפואה” (פ”ג
„עזרא”, באַרדיטשעוו, 1898, ז’ 35) ; „די
יודישע אוצרות” — וועגן קינדער=דער=
ציִונג (1902) ; די ביאָגראַפיע פון מענ=

דעלע מוכר=ספרים (זע), זכרונות וועגן ש"ע אין זמ"ב „צום אַנדענק פון ש"ע" אאז"וו.

„ספר זכרון"; JE, X; EЭ, XIII; „די יודישע וועלט", 1913, I, ז' 143; „ש"ע=בוך".

ראַגאָווי אברהם=מרדכי (1898 —) געב' אין לאָדז. באַקומען אַ שטרענג רעליגיעזע דערציִונג אין חדרים און ישיבות, צו 15 יאָר אַליין אָנגעהויבן צו לערנען שפּראַכן און זיך באַקענען מיט ליטעראַטור, אַרום 1917 אָנגעהויבן זיך צו דרוקן אין דער אָרטאָדאָקסישער יידישער און העברעישער פּרעסע פון פּוילן, ווי דאָס טאָגבלאַט „דאָס יודישע וואָרט", „הדרך", „דגלנו", אין ערשטן גילגול פון „דעם יוד" — אַלס וואָכנבלאַט, דערנאָך געאַרבעט אַ יאָר צייט אין „דעם יוד" אַלס טאָגבלאַט, געשריבן מאמרים אין די „אָרטאָדאָקסישע בלעטלעך", זמ"ב „פריהלינג", „בית יעקב" אאז"וו, אין משך פון אַנדערטהאַלבן יאָר אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט אין לאָדז „די יודישע שטימע", וועלכע האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע גילגולים פון אַ טאָגצייטונג צו אַ וואָכנבלאַט און פאַרקערט, אויך אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט די ערשטע אָרטאָדאָקסישע אַרבעטער=צייטונג א"ט „דער יודישער אַרבייטער" — אָרגאַן פון פּועלי=אמוני=ישראל (וועלכער ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָט געווידמעט אַ ספּעציעלן אַרטיקל אין „טאָג" א"ט „די פרום=אידישע אַרבייטער=באַוועגונג"). צ"אַ פאַרעפנטלעכט אין „יוד" קאַפּיטלען פון זיין איבערזעצונג פון ד"ר הירשס ספר „די פליכטען פון יודענטום (חורב)". פון יונגווייז אויף טעטיק אין דער אגודה=באַוועגונג, מיטגליד פון דער צענטראַלער עקזעקוטיווע פון דער אגודת ישראל אין פּוילן, געווען מיטגליד פון וועד = הפועל פון דער „צעירי=אמוני=ישראל"=צענטראַלע, ראַטמאַן אין לאָדזער שטאָטראַט אַלס פאַרשטייער פון די „פּועלי אמוני ישראל", גרינדער פון דער „קבוצת עסקנים סופרים ונואמים חרדים ע"י אגודת ישראל בפולניה", אַרויסגעגעבן דעם ערשטן נומער פון איר אָרגאַן „אונזער טרייבקראַפט" (די „קבוצה" האָט ניט מאריך ימים געווען), אַ לענגערע צייט געווען סעקרעטאַר פון דער קהילה אין וועלון, געגרינדעט דאָרט די יידישע קאָאָפּעראַטיווע פאָלקסבאַנק און געווען איר דירעקטאָר. לעצטנס מיטרעדאַקטאָר פון דעם טאָגבלאַט „דער יוד" אין וואַרשע. שרייבט אויך א"פ. ווי עוזיאל, בן=יאיר, א. דאַווידסאָן, בן דוד א"אַ.

ראַגאָף הילל (11/XII 1883 —) געב' אין בערעזין, מינסקער געגנט, אַלס זון פון יצחק ר'. אין עלטער פון 8 יאָר געקומען קיין אַמעריקע, געענדיקט די ישיבה „ר' יצחק אלחנן" און גלייכצייטיק באַזוכט דעם קאָלעדזש פון דער שטאָט נ"י, זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פעיִקייטן, דערהויפּט אין לאָגיק און מאַטעמאַטיק, נאָכן ענדיקן דעם קאָלעדזש, 1906, אַריינגעטרעטן אַלס מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס" (נאָך פריער מיט אַ יאָר אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין דער ענגלישער סאָציאַליסטישער פרעסע), 1908 האָט ער רעדאַקטירט „די אידישע אַרבייטער וועלט" אין שיקאַגאָ, דאַן ווידער אַריין אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס", זיך אויך באַטייליקט אין אַנדערע יידישע און ענגלישע סאָציאַליסטישע צייטשריפטן,

ווי „צוקונפט", „פ. א. ש.", „די נייע
וועלט", אויך א"פ יצחק=אלחנן, גר=
תושב. בשעת דער שפּאַלטונג אין דער
יידישער אַרבעטער=באַוועגונג, סעפּטעמ=
בער 1921, איז ער אַוועק מיט די
לינקע, צוליבדעם באַזייטיקט געוואָרן
פון „פאָרווערטס", אַ קורצע צייט מיט=
געאַרבעט אין דער פ"צ'יסטישער „צייט",
אָבער באַלד זיך צוריקגעקערט צום
„פאָרווערטס", וואו ער האָט די לעצטע
יאָרן פאַרנומען דעם פּאָסטן פון „מענע=
דזשינג=עדיטאָר" (געהילפס=רעדאַקטאָר),
פאַרטרעטנדיק דעם שעף=רעדאַקטאָר אב'
קאַהאַנען אין דער צייט פון זיין אָפּ=
וועזנהייט, איז איינער פון די הויפּט=
פּובליציסטן פון דער צייטונג, שרייבט
אַחוץ לייטאַרטיקלען אויך איבער דער
ענגלישער און טיילמאָל איבער דער
יידישער ליטעראַטור, אַלס שריפטשטע=
לער און לעקטאָר זיך דערהויפּט אָפּגע=
געבן מיט באַקענען די יידישע מאַסן
מיט דעם פּאָליטישן לעבן פון אַמעריקע,
פון וועלכן ער איז אַלס איינער פון
די ווייניקע אין אַמעריקע דערצויגענע
שריפטשטעלער אַ גוטער קענער, אויף
דעם געביט אַחוץ אַרטיקלען פאַרעפנט=
לעכט אייניקע גרויסע ווערק, היינו:
„סיוויקס / ווי אַזוי אַמעריקאַ ווערט רע=
גירט" (פ"ג „פאָרווערטס", נ"י, 1915, ז'
470); „די געשיכטע פון די פאַראייניגטע
שטאַטען", פון וועלכער עס זיינען דער=
ווײַלע אַרויס 3 ב': „די קאָלאָניעס / פון
1607 ביז 1760" (נ"י, 1925, ז' 304),
„די רעוואָלוציע / 1760 – 1783" (ז' 320),
„די ערשטע זעקס פּרעזידענטען / פון 1783
ביז 1830" (1926, ז' 407); די דאָזיקע
אַרבעט געהערט צו די בעסטע און מאָ=
דערנסטע ווערק איבער דער געשיכטע
פון די שטאַטן ניט נאָר אין יידיש, נאָר
אַפילו אין ענגליש. פון זיינע קלענערע

אַרבעטן איז צו דערמאָנען זיין אַריינפיר
צו אָלגינס איבערזעצונג פון דזשעק
לאָנדאָנס „די שטימע פון בלוט" („דזשעק
לאָנדאָן — זיין לעבן און שאַפן"),
ווי אויך פאַרשיידענע סאָציאַל=פּאָליטישע
אָפּהאַנדלונגען אין „צוקונפט", „וועקער"
א"אַ. — איינע פון די פּאָפּולערסטע
פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער אַר=
בעטער=באַוועגונג אין אַמעריקע, האָט
ער 1926 קאַנדידירט פון דער ס"פּ פאַר
אַ מיטגליד פון קאָנגרעס, צוויי מאָל
געווען פּרעזידענט פון דעם „י"ל פּרץ=
שרייבער=פאַראיין".

מ. איוועגסקי, אין „וועקער" פון 22/VIII 1925; ד"ר ל. פאַגעלמאַן, אין „צוקונפט", 1926 ז' 372; שלמה גאָרקין, אין „ליטעראַרישע בלע=טער", 91. אב. קאַהאַן, איז „פאָרווערטס" פון 6/X 1926.

ראַדאָשיצקי י. ה. (1883 —
) געב. אין ראַדאָשיץ, ראָדעמער
געגנט, אין אַ פרומער פאַמיליע. ביז 12
יאָר געלערנט אין חדר און בית=מדרש,
אָבער אויס נויט צו 12 יאָר אַוועק פאַר
אַ מלאכה, זינט 1904 געאַרבעט אין בער=
לין, אין דער פרייער צייט שטודירט די
דייטשע קלאַסיקער, 1906 צוריקגעקומען
קיין פּוילן און אונטער דער ווירקונג
פון דעם פאָלקסדיכטער הערשעלע אָנ=
געהויבן צו שרייבן לידער, דעביוטירט
מיט אַ זאַמלונג א"ט „אין דער שטיל"
(פ"ג „יוגענד", לאָדז, 1909), שפּעטער זיך
באַטייליקט מיט לידער און סקיצן אין
„דעם אידישער וואָך", 1912, „לאָדזער
טאַגעבלאַט" א"ר פון י. אוגער, „לאָדזער
פאָלקסבלאַט" א"ר פון ל. קאַהאַן און אין
פאַרשיידענע אַנדערע לאָדזער אויסגאַבן,
ווי „די יעצטיקע צייט" א"ר פון ה. סאָלניק,
„העפטען" א"ר פון ה"ל זשיטניצקי,
„יוגענד" א"ר פון צבי כהן, „ליטעראַ=
טור", „געזאַנגען", „ס'פעלד". געווען איי=

נער פון די גרינדער און פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דעם יידישן ליטעראַטן־פאַראיין אין לאָדז, 1920 פאַרלאָזט פוילן און זיך באַזעצט אין נ״י, באַטייליקט זיך אין „אידישען פאָלק“, „גרויזען קונדס“, אין „אַמעריקאַנער“, „קינדער־זשורנאַל“ אאַז״וו, „דער פעדער“ געשריבן אויך אַרטיקלען איבער יונגע יידישע דיכטער, צ״אַ די סעריע „רינגען אין דער קייט“ (1925 — 26). אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט: „בעגינען“ — לידער (פ״ג „טעאַטער און קונסט“, לאָדז, 1914, ז׳ 47); „די וועלט אין פלאַמען (פאָעמאַ)“ (פ״ג „געזאַנגען“, לאָדז, תר״פ, ז׳ 32, מיט צייכענונגען פון י. מיטלער); „ראַדאָשיץ/ לידער און פאָעמען“ (אַרויסגעגעבן פון דער גרופע „אייגענע“, נ״י, 1927, ז׳ 111, מיט צייכענונגען פון זיין שוועסטערקינד פינחס סקורקאַ), אַ בוך, אין וועלכן דער דיכטער האָט געפרוווט געבן אַן עפאָפעע פון זיין היימיש שטעטל, מיט זיין וואָך און שבת, מיט זיינע טראַדיציעס און מנהגים, מיט דעם גאַנצן יחוס פון זיינע מענטשן.

„לעבען און וויסענשאַפט“, 1909, V, ז׳ 141; „הצפירה“, 1914, 50; שבנא עפשטיין, „צווישן אַלטן און נייעם (וועגן דער גערעטעניש אויף לידער)“, אין „פרייהייט“ פון 9/X 1927; אַלפאַ, „דער טויט פון 115־יעהריגער הייבאַם“ (וועגן ר׳ס באָבע, באַזונגען פון אים אין בוך „ראַדאָשיץ“), אין „היינט“, הארבסט 1927.

ראַדוצקי אַברהם (20/V 1868 — 21/III 1928) געב׳ אין רזשישטשעוו, קיעווער גוב׳. זיין פאָטער, יעקב־נתן, אַ למדן און אַ חסיד, אָבער ניט איבעריקס פרום, איז געווען אָנגעשטעלט ביי זיין שווער אליהו קאַהאַנסקי ביי זיינע באַרלינעס, וואָס זיינען געגאַנגען מיט סחורה אויפן דניעפער, נאָכן שווערס טויט אַרענדירט אין דאָרף טערעשקע, ניט ווייט פון שפאָלע, ביים פירשט וואָראָנצאָוו אַ גוט מיט ערד, מיט אַ בראַנפנברויז, מיט סעדער און אַ טייך, און אין דער דאָזיקער סביבה פון פעלדער און וועלדער, וועלכע ער האָט שפּעטער באַזונגען אין זיינע לידער, האָט ר׳ פאַרבראַכט זיין קינדהייט פון 4 יאָר אָן, געלערנט ביי מלמדים, אַראָפּגעבראַכטע אַזש פון דער ליטע, הגם קיין איבעריקן

חשק צו די לימודים ניט אַרויסגעוויזן, אויך געגנאַשט אַ ביסל רוסיש ביי דעם דאָרפישן אונטערגלח. דורך אַ שלעכטן ווינטער, ווען די פאַרזייטע ווייצנפעלדער זיינען אויסגעפראָרן געוואָרן, האָט די פאַמיליע געמוזט פאַרלאָזן דאָס גוט און זיך באַזעצט אין אָבוכאָוו, וואו עס האָט געוואוינט ר׳ס זיידע, פון פאָטערס צד, ר׳ יצחק־שלמה דער מגיד, נאָך דעם ערשטן פאָגראָם זיך אַוועקגעלאָזט צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע פאָגראָם־געליטענע קיין אַמעריקע, אָבער פון בראָד זיך צוריקגעקערט און זיך באַזעצט אין קיעוו, און דער 13יעריקער ר׳ איז אַוועק אויף דער לער צו אַ שלאָסער, כדי ווי עס איז אונטערצוהאַלטן דעם קראַנקן פאָטער מיט נאָך 8 יונגע קינדער, אָבער זיך ניט געקענט איינהאַלטן ביים באַלעבאָס דעם שיכור און דער בייזער באַלעבאָסטע, אַוועק אויף אַ טאַבאַק־פאַבריק. צו יענער צייט אָנגעהויבן צו שרייבן לידער און דערציילונגען, פיל געלייענט, אין רוסיש און אין יידיש, צוערשט שונד־ליטעראַטור, דערנאָך די יידישע קלאַסיקער, וועלכע האָבן אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. 1890 אויסגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד, זיך באַזעצט

אין גלאַזגאָ, דאָרט דעביוטירט מיט אַ ליד
„די געלדזעק" אין לאָנדאָנער „אַרבייטער
פריינד", געשיקט אויך אין דער צייטונג
לירישע לידער, אָבער זיי זיינען ניט
געדרוקט געוואָרן, פונקט ווי „דער אידי=
שער עקספרעס" האָט ניט געוואָלט דרוקן
זיינע סאָציאַלע און פרייהייטלעכע לי=
דער, ביז ער האָט זיך „אַ ביסל אויסגע=
גריבט און געוואוסט וואָס און וואוהין
צו שיקן", אין משך פון 1892—1906 פאַר=
עפנטלעכט לידער און סקיצן אין כמעט
אַלע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן
פון ענגלאַנד, ווי „אַרבייטער פריינד",
„פרייהייט", „דער אידישער עקספרעס"
א"ר פון י"ל דאָלידאַנסקי, „דאָס פרייע
וואָרט" א"ר פון רודאָלף ראָקער, „דער
וואַנדערער", „די נייע וועלט", „דער
אידישער זשורנאַל", דאָס רוב א"פ ראַדיז,
א. ר., איש גלאַזגאָ, אַ גלאַזגאָווער יידענע,
משהלע א"אַ, אויך געווען מיטאַרבעטער אין
אַ קליין אָרטיק וואָכנבלעטל „דער אידענ=
פריינד", אַרויסגעגעבן פון אַ דרוקער לאַנג=
מאַן א"ר פון מ. אָפּענהיים, און אין זייער
„אידישער צייטונג" (1902 – 3, צוערשט
וואָכנבלאַט, דערנאָך טאָגבלאַט), 1905
קאָרעספּאָנדירט אין פּט"ב'ער „פריינד",
פאַר אַ ניט באַצאָלטן האָנאָראַר פון 4
קאָפּ' אַ שורה. געווען אין גלאַזגאָ איינער
פון די איניציאַטאָרן און גרינדער פון
בילדונגס=פאַראיינען און קורסן פאַר יידי=
שע אַרבעטער מיט לעקציעס און פאָר=
לעזונגען פון דער יידישער ליטעראַטור,
אַראָפּגעבראַכט זיי לעקטאָרן, געשריבן
וועגן די באַריכטן אין דער פרעסע אאַז"וו.
1906 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע,
אַ פאָר וואָכן געאַרבעט אין שיקאַגער
„אידישען קוריער", דאַן אַריין אַלס מיט=
אַרבעטער אין דער 1907 געגרינדע=
טער פילאַדעלפיער „מאָרגען צייטונג",
אַרויסגעגעבן פון די ברידער אזער בראָ=
דערס א"ר פון ישראל ציוני, געשריבן
דאָרט אַרטיקלען, לידער, סקיצן, געמאַכט
איבערזעצונגען פון פיקאַנטע מעשיות,
קאָרעקטירט אאַז"וו — אַלץ פאַר 12 דאָ=
לאַר אַ וואָך, אָבער ניט זייענדיק בטבע
קיין זשורנאַליסט האָט ער דערהויפּט
געדאַרפט ליווערן סקיצן, שיר ניט אַלע
טאָג אַ סקיצע, ביז די צייטונג האָט
זיך אין אַ חדשים 3 אַרום פאַרמאַכט.
דאַן האָט ער זיך באַטייליקט אין דער
„פ. א. ש.", „דאָס אידישע פאָלק" א"ר
פון ד"ר י. וואָרטסמאַן, „דער אידישער
קעמפּפער", „וואַרהייט", „טאָג", „קיבע=
צער", „קונדס", „לוסטיגע בלעטער", „אַר=
בייטער פרעסע" פון י. כייקין (זינט
יוני 1919 אַרויס 22 נומ'), פילאַדעלפיער
„אידישער וועלט", די לעצטע יאָרן זיך
געדרוקט רעגלמעסיק אין דער „גערעכ=
טיגקייט", פון צייט צו צייט אויך אין
„פאָרווערטס" און „וועקער"; פאַר זיין
שוואָגער א. פרומקין איבערגעזעצט אַ
פאָר הונדערט ז' פון אַלעקסאַנדער בערק=
מאַנס בוך „ערינערונגען פון געפענגניש",
מאַטעריעל זיך שווער געפּלאָגט, ניט
האָבנדיק קיין אויסקומעניש פון זיין
ליטעראַרישער טעטיקייט, געווען אַ פאַר=
זיכערונגס = אַגענט, אַ אינקאַסעט פון
געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, גע=
האַנדלט, געוואַנדלט, אָבער זיך אַלץ ניט
געקענט צופּאַסן צו די אַמעריקאַנער
אומשטענדן, און אַלס שטילער און צוריק=
געצויגענער מענטש אַפילו ניט באַוויזן
ביי זיין לעבן אַרויסצוגעבן אין בוכ=
פאָרם כאָטש אַ טייל פון דעם, וואָס ער
האָט אָנגעשריבן אין משך פון די איבער
30 יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטי=
קייט. האָט אויך איבערגעלאָזט אַ סך
זאַכן נאָך ניט געדרוקטע, צ"אַ זיינע
ערשטע נאָך אין רוסלאַנד אָנגעשריבענע
גרעסערע דערציילונגען „באַראָן הירשס

"מיליאָנען" און „די גוטע יידן". אין זיינע לידער איז ער דאָס רוב געווען אַ נאָכזינגער פון מאָריס ראָזענפעלד, אין די סקיצן דערהויפּט געשילדערט דאָס אַרבעטער-לעבן. אייניקע פון זיינע לידער זיינען אויך אַריין אין מאַני-לייבס אַנטאָלאָגיע „ניו-יאָרק אין פערזן".

מ. באַסין, „אַנטאָלאָגיע", II; מרמר „שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבן", אין „פרייהייט" פון 9/IV 1928.

ראַדין אָ. פּ. (ט' אב 1830 — ?) געב' אין וולאַדיסלאַוואָ, ביי דער פּרייסישער גרענעץ, אַלס זון פון אַ סוחר. צו 18 יאָר חתונה געהאַט אין אַ פּויליש שטעטל, בשעת דער קרימער מלחמה געווען אַ סוחר. האָט פאַרעפנטלעכט אַ בוך „עראיננערונגען אויס מיינער יוגענד" (וואַרשע, 1891, ז' 144, מיט אַ הסכמה פון יהושע מזה אין דייטשמעריש), וואָס איז געשריבן אין דייטש מיט יידישע אותיות — אַ גענוג משונהדיקע ערשיינונג פאַר די 90ער יאָרן — אפילו פאַר אַ מחבר אַ משכיל, וואָס ווערט נתפעל פון דער „שיין פון דער ציוויליזאַציע" אאַז"וו. ניט צונויפמישן אים מיט ד"ר אשר (אַדאָלף) ראַדין, וועלכער האָט אין די 60ער יאָרן אַרויסגעגעבן אין קעניגסבערג אַ יידיש-דייטשע צייטשריפט „דער גרענצבאָטע" און שפּעטער געווען ראַבינער אין אַמעריקע, מיטרעדאַקטאָר פון א"ח ראָזענבערגס „גר המערבי", א"אַ.

בן-תמר, אין „יודישער ביבליאָטעק", II.

ראַדין — דער איניציאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פון דער גרופּע סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן עמיגראַנטן, וואָס האָט אַרויסגעלאָזן אין יוני 1880 די אַ"ג זשענעווער פּראָקלאַמאַציע וועגן יידיש צו די יידישע סאָציאַליסטן פון רוסלאַנד, ענגלאַנד א"אַ לענדער מיט דעם ערשטן רוף צו אַ פּראָפּאַגאַנדע פון די רעוואָלוציאָנערע אידעען אויף יידיש, צום שאַפן אַ סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף יידיש. ווער האָט זיך באַהאַלטן א"נ ר' איז ניט געלונגען פעסטצושטעלן, און ס'איז אַ סברא, אַז די דאָזיקע דעקלאַראַציע וועגן יידיש איז גאָר אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די אוקראַאינישע סאָציאַליסטן, כדי מיטצווירקן אין דעם קאַמף קעגן די רוסיפיקאַטאָרישע טענדענצן פון די דעמאָלטיקע יידן-סאָציאַליסטן.

פּריוואַטע מיטטיילונג פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי.

ראַדין אלישע (14/I 1888 —) ליטעראַרישער נאָמען פון אברהם-אליהו בן משה-יעקב ר'. געב' אין מסטיסלעוו, געוו' מאָהליעווער גוב', שטאַמט פון פּאָטערס צד — פון שמוקלער, שניידער, הויזירער, פון דער מוטערס — פון רבנים. פון 5 יאָר ביז 14 געלערנט אין חדר, צו 17 יאָר אָנגעקומען אין אַ וואַלד-קאַנטאָר אין ראָסלעוו, סמאָלענסקער גוב', און זינט דאַן באַשעפטיקט זיך אַלס בוכהאַלטער. אין די יאָרן 1906—7 זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אַלס מיטגליד פון דער פּאַרטיי ס"ס און געווען אַגיטאַטאָר פאַר די קליינע שטעטלעך פון ווילנער געגנט און פון טשענסטאָכאָווער ראַיאָן א"פ דער מאָהליעווער. אַרום 1912 אַ געוויסע צייט געלעבט אין וואַרשע. — אָנגעהויבן צו שרייבן צו 13—14 יאָר, האָט ער דעביוטירט מיט אַ ליד און מיט אַ פראַגמענט פון אַ פּאָעמע „אַחר" אין „דער יודישער וועלט" 1913, XII, 1914. שפּעטער זיך באַטייליקט אין „דער נייער וועלט" א"ר פון

ש. ניגער, 1919, און אין דער כאַרקאָווער „רויטער וועלט", 1926, IV (זכרונות וועגן פּרצן). זיך אויך באַטייליקט אין דער זאַמלונג „לידער" — פון דוד מיטקעס, חיים גילדין, הירש ריקלין און מ. גורוויטש (מלוכה-פ"ג, האָמעל 1921). אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט: „לידער און פּאָעמען" (פ"ג „האָפנונג", כאַרקאָוו, 1918, ז' 40), „העראָאיק" — מיט אַ הקדמה פון ידידיה מרגלית (מלוכה-פ"ג, האָמעל, 1929, ז' 34); „אַחר" (דערז' פ"ג, 1921); „פון צוויי קוואַלן" (אייגענער פ"ג, פט"ב, 1924, ז' 32). „זיינע פּאָעטישע אַיינדרוקן ציען זייער יניקה פון דער שטאָט און פון איר קולטור; מחמת דער דאָזיקער גרונד-השפעה האָט א. ר' זיך אויסגעטאָן פון אַלע אוממיטלבאַרע סביבה-פאָלקסטימלעכע שאָלעכצן און איז געוואָרן קולטוריש-אַבסטראַקט מיט וועלט-געדאַנקען און וועלט-איבערלעבונגען... די עיקר טרייבקראַפט פון ר'ס מוזע איז התפעלות, די התפעלות, וואָס שאַפט אָדעס, פּיוטים, וואָס דערוועקט האַסטיקע מוזיקאַליש-אינטעלעקטועלע איבערלעבונגען, אָבער ניט קיין קילע קונסט, דעריבער איז ר' אַזוי שטאַרק אין גאַנצן טאָן און איז אַזוי אָפט אומבאַהאָלפן אין איינציקע פערזן, זאַצן און אויסדרוקן..." (י. מרגלית)

ראַדלער-פעלדמאַן יהושע (23/V 1880 —) געב' אין זבאָרעוו, מזרח-גאַליציע. באַקומען אַ שטרענגע חסידישע דערציִונג, געלערנט אין חדרים און בית-המדרש ש"ס און פּוסקים, אונטער דער זייער שטאַרקער השפעה פון זיין בית-מדרש-חבר אַהרן זשיפּניק, אויף וועמען ברוידעס האָט געזאָגט, אַז ער איז דער גרעסטער פילאָסאָף אין גאַליציע (זש' האָט אָנגעשריבן אַ ספר אויף שפּינאָזען), האָט ר' אַ סך געלייענט אין העברעיִש און דייטש, צו 20 יאָר אַוועק קיין בערלין, דורכגעמאַכט דעם קורס פון זעקס קלאַסן גימנאַזיע, דערנאָך — כדי צוצוגרייטן זיך פאַר א"י — שטודירט אין אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער הויכשול, געגרינדעט אַ ציוניסטישן פאַרבאַנד פון לאַנדווירטשאַפטלעכע סטודענטן (צו וועלכן עס האָט אַגב אויך געהערט יוליוס גאָלדע). אין בערלין האָט ר' אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט פּובליציסטישע און קריטישע אַרטיקלען איבער דער העברעיִשער ליטעראַטור אין פאַרשיידענע דייטש-יידישע צייטשריפטן, אין העברעיִש דעביוטירט מיט אַן אַרטיקל אין „לוח אחיאסף" תרס"ב קעגן אחד-העם, וועגן וועמעס שטעלונג צום ציוניזם עס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַ לעבעדיקע דיסקוסיע אין די ציוניסטישע קרייזן, צו יענער צייט אויך אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין בערלין די צייטשריפט „קשת" (אַרויס 6 נומ'), זיך באַטייליקט אין גרשם באַדערס לוח „חרמון", תרס"ו געקומען קיין לאָנדאָן, געהאָלפן י"ח ברענערן גרינדן דעם „המעורר", וואו געשריבן א"פ פעלדמאַן, ראַדלער, הנודד, ר' בנימין, וועלכער נאָמען איז פאַרבליבן זיין הויפּט-פּס"נ. דאַן געלעבט אַ געוויסע צייט אַלס דאָרפסלערער אין בוקאָווינע און מיט דעם שכר-לימוד אונטערגעשטיצט דעם „המעורר", דערנאָך אַוועק קיין א"י, געווען אַ שוואַרצאַרבעטער אין פּתח-תקווה, מיטגעאַרבעט אין דער יפוער גימנאַזיע, מיטגעאַרבעט ביי רופּינען אין א"י-אַמט, אין די העברעיִשע צייטשריפטן, געגרינדעט דעם פ"ג „יפת", בשעת דער וועלט-מלחמה געווען אַרעסטירט אַ געוויסע צייט פון די טערקן, דעמאָלט געוואָרן רעליגיעז געשטימט און אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין די רעליגיעזע

שולן, אַריין אין דער „מזרחי"־פּראַקציע.
וואוינט אין בית־הכרם — אַ שכונה אין
ירושלים—וואו ער באַזיצט צוויי אייגענע
הייזער, און אַרבעט אין דעם צייטונגס־
ביוראָ ביים קרן־היסוד. — אַן אויסוואַל פון
זיינע אַרטיקלען וועגן די קולטור־פּראַגן
פון א"י, עסייען און זכרונות, צ"אַ וועגן
גנעסינען, ברענערן, פּרצן, איז אַרויס
אין בוכפאָרם א"ט „על הגבולין" (ווין,
תרפ"ג, ז' 340). — ר' האָט זיך אויך
באַטייליקט פון ציים צו צייט אין דער
יידישער פּרעסע, ווי אין אַ סטאַניסלער
צייטשריפט א"ר פון אַרנשטיין און לעבנס־
אַרט (אַרום 1906), דער טשערנאָוויצער
„יודישער וואָכענשריפט" א"ר פון לייבל
טויביש א"פ משהלע דער בלינדער,
אין לעמבערגער „טאָגבלאַט" (פאַר דער
מלחמה — בריוו פון א"י), נ"י'ער „דאָס
אידישע פאָלק" (אַ סעריע מאמרים „דאָס
פינטעלע ארץ־ישראל"), נאָך דער מלחמה
קאָרעספּאָנדירט אין נ"י'ער „יידישען
טאַגעבלאַט". אין יידישער איבערזעצונג
זיינען אויך אַרויס זיין פּראָפּאַגאַנדע־
בראָשור „די תימנים" (1912) און „אוצר
דארץ" / אַ אויסוואַל פון שפּריכווערטער,
אגדות און מימרות וועגן ארץ־ישראל
און וועגן גאולה / אַרויסגענומען פון
תנ"ך, תלמוד, מדרשים און זוהר, ספרי
הקירה, דרוש און מוסר, קבלה און חסידות./
אידיש פון ז. ר. (ז. רובאַשאָוו? —
פ"ג „כנסת", ירושלים, תרפ"ו, ז' קיב).

ערנסט מיללער, אין Jüd. Rundschau,
יהודה ווארשאוויאַק, אין „הצפירה", 1927, 168;
מנשה אונגער, „ר' בנימין, 25 יאָהר פון זיין
ליטעראַרישען שאַפען", אין „יידישען טאַגעבלאַט"
פון 9/XII 1927.

ראַדקינסאָן מאַקס (... 186 —
) איז אין משך פון יאָרן געווען
פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער אַלס
שוישפּילער און פאַרפאַסער פון פּיעסן
א"פ רודאָלף מאַרקס, געווען איי־
נער פון די פּיאָניערן פון יידישן טעאַטער
אין לאָנדאָן, וואו זינט 1886 געשפּילט
אין „פּרינסעס־קלוב" צוזאַמען מיט יעקב
אַדלער, ישראל גראָדנער, פּרוי ליפּצין
א"אַ, שפּעטער אַריבערגעקומען קיין נ"י,
וואו אַ געוויסע צייט אויפגעטרעטן אַלס
קאָמיקער אין „ווינדזאָר־טעאַטער". פון
זיינע איבערגעזעצטע, אַדאַפּטירטע אָדער
אָדער אָריגינעלע טעאַטערשטיק פאַר־
צייכנט ב. גאָרין די פאָלגנדיקע: „פּע־
טער משה"; „די בליענדע יתומה" —
פאָלקסשטיק אין 5 אַ' (1889), דער
אַמעריקאַנער לאָיער" (1889); „די צוויי
שוועסטער אָדער ענגעל און טייוול",
„חיים אין אַמעריקע", „די פּרימאַדאָנע",
„דער יתום אין געפאַר", „דער בויערי־
טרעמפּ אָדער דער הויפּטטרעפּער", „די
שניידערין" (1890); „פּערעלע אָדער
פאַרלוירן אין ניו־יאָרק" (1896), „געלט
אָדער טרעמפּ" (1896). שפּעטער האָט
ער פאַרלאָזט די בינע, שטודירט יוריס־
פּרודענץ און איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער
אַדוואָקאַט אין נ"י.

ב. גאָרין, „געשיכטע פון אידישען טעאַטער",
II, ז' 49, 61, 151, 269; בערטאַ קאַליש, „מיין
לעבען", „טאָג" 26/IX 1925.

ראַדקינסאָן מיכאל־לווי (1845 —
1904 / I) געב' אין דובראָוונע, מאָה־
ליעווער גוב', אין אַ חסידישער פאַמיליע,
אַ ברודער פון ישראל־דוב פרומקין. אַן
אייניקל פון סטאַ־

ראָסעליער רבין
און געקענאָטן פון
דעם גרעסטן חסי־
דישן יחוס, האָט
ער פריי חתונה גע־
האַט מיט אַ טאָכ־
טער פון אַ רייכן
ישובניק, זיך גע־
נומען צו מסחר, אָבער באַלד געפּטרט
זיין נדן, אַריין אין חובות און געוואָרן

אַ מחבר, אויפטרעטנדיק צוערשט אין דער ראָלע פון אַ רעכטפאַרטיקן חסיד אַלס אַרויסגעבער פון אַ זאַמלונג אַפּאָקריפישע לעגענדעס וועגן חסידישע רביים („ספורי צדיקים", 1873) און אַ זאַמלונג ביאָגראַפיעס פון די גרינדער פון חסידות („תולדות בעלי שם טוב", 1873, אין 2 ט'; קיניגסבערגער אויסגאַבע 1876—„תולדות בעלי שם טוב / והיא קורות מיסדי כת החסידים וקורות ספריהם ויפיץ אור על תולדות אנשי שם המאורות הגדולים וכו'", און אַלס 2טער ט' — „תולדות עמודי החב"ד / יפיץ אור נוגה על כל דרכיהם שיטתם ומחלקותם וכו'"). מיט די דאָזיקע ספרים איז ער אומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און זיך דערפון מפרנס געווען. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט זוכן גליק קיין פט"ב, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די חסידישע מלבושים און געוואָרן אַ מעקלער אויף דער בערזע, געמאַכט אַ היבשן קאַפּיטאַל, געוואָרן אַ מלווה, צוליב ניט גאָר ראַיעלע וועקסלגעשעפטן שיר ניט אַרעסטירט געוואָרן, געמוזט עוקר זיין פון פט"ב, זיך משנה שם געווען פון פרומקין אויף ר' און 1876 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין קיניגסבערג אַ העברעיִש וואָכנבלאַט „הקול", באַשטימט פאַר די לעזער אין רוסלאַנד. ניט באַזיצנדיק די מינדסטע פעיִקייטן אַלס זשורנאַליסט, ניט באַהערשנדיק אַפילו ווי געהעריק די העברעיִשע שפּראַך, האָט ער אָבער אַדאַנק זיין ענערגיע און זיין געשעפטלעכן חוש אין משך פון אַ גאַנץ קורצער צייט דערוואָרבן פאַר זיין צייטונג אַ היבשן קאָנטינגענט לעזער, בפרט אַז דאַן האָט אויסגעבראָכן די רוסיש-טערקישע מלחמה און דער „המליץ" איז צו יענער צייט ניט אַרויסגעגאַנגען. „דער „הקול" האָט געקענט עקסיסטירן נאָר דאַן, ווען אין דער רעדאַקציע איז געזעסן אַ כמעט ניטבאַצאָלטער אונטעררעדאַקטאָר, בשעת דער שעף-רעדאַקטאָר איז אַרויסגעפאָרן אין רוסלאַנד „קלייבן אַבאָנענטן" (ווינטשעווסקי), איז ר' אַריין אין פאַרבינדונג מיט די יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין קיניגסבערג, מ. ווינטשעווסקי און וו. ראַבינאָוויטש (או"ר) און ער האָט זיי צוגעצויגן אַלס מיטאַרבעטער, און אַדאַנק זיי האָבן זיך אַרום דער צייטשריפט אָנגעהויבן צו גרופּירן די בעסטע העברעיִשע שריפטשטעלער פון ראַדיקאַלן לאַגער, ווי מ"ל ליליענבלום, יהל"ל, ד"ר יצחק קאַמינער א"אַ. אַליין אַ מענטש אָן אַ מאָראַלישן יסוד, אָן שום פּרינציפּן, האָט ר' ניט געשטערט זיינע מיטאַרבעטער אויסצוניצן זיין אָרגאַן פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פון די סאָציאַליסטישע אידעען, און נאָך דעם אונטערגאַנג פון ליבערמאַנס „אמת" האָט ער איבערגעגעבן ווינטשעווסקין די רעדאַקציע פון דעם צו יענער צייט פון אים געגרינדעטן העברעיִשן זשורנאַל „אספת חכמים", וועלכער האָט ממשיך געווען די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע אויף העברעיִש, ביז די רוסישע צענזור האָט דעם זשורנאַל פאַרווערט אַריינצופירן קיין רוסלאַנד און ער האָט זיך אויפן 8טן נומ' אָפּגעשטעלט.— גלייכצייטיק מיט דעם „הקול" האָט ר' אויך אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט אין יידיש א"ט „קול לעם", פון וועלכן דער פּראָבע-נומער איז אַרויס 6/VI 1876 מיט אַן „אַנשפּרוך פון דער רעדאַקציאָן", געשריבן אין אַ משונהדיקן דייטשמעריש, וואָס האָט געזאָלט אויסדריקן די פּראָגראַם פון דער צייטונג — איינצושפּאַנען „לטובת די אונשולדיגע קינדער"—די צוויי שוועסטער, רעליגיע און בילדונג. דער „קול לעם / פּאָליטיש ליטעראַרישעס

וואָכענבלאַט פיר איזראַעליטען" (1טער
נומ׳ 12/VIII 1876) איז אַרויס אין משך פון 3
יאָר מיט געוויסע הפסקות און איז
געוועזן דער איינציקער יידישער אָרגאַן
דאַן פאַר די יידן אין רוסלאַנד, צוערשט
אויסגעפילט פון ר׳ס משונהדיקע שריי=
בעכצן און דאַן אויך פון אַרטיקלען,
קאָרעספּאָנדענצן און בעלעטריסטיק פון
א"מ דיק, מ. ווינטשעווסקי ג. ראַוויטש,
מרדכי=ראובן סיני (אויך א"פ עמימר
מנהרדעי, מרס, ר׳ אהרן מיאַדלער א"אַ),
אליקום צונזער (אויך א"פ יקמואל, קונע
רויזל מאַץ, זימאַן לוקרעציאַ א"אַ), מיכל
גאָרדאָן א"אַ. פּובליציסטיש און ליטעראַ=
ריש איז דער „קול לעם" געוועזן אַ ניש=
טיק בלעטל, גאָר קיין פאַרגלייך ניט
מיט זיינע פאָרגייער — דעם „קול מבשר"
און ליגעצקיס „ישראליק", קעגן וועלכע
ר׳ איז אַרויסגעטרעטן אין זיין „אַנשפּרוך
דער רעדאַקציאָן", דערפאַר האָט דאָס
בלאַט קיין ערפאָלג ניט געהאַט. ר׳ האָט
געפּרווט צוציען אַלס רעדאַקטאָר מענ=
דעלען אָבער דערפון איז גאָרנישט גע=
וואָרן. נאָכדעם ווי דער „הקול" מיטן „קול
לעם" זיינען פאַרווערט געוואָרן אַריינ=
געפירט צו ווערן קיין רוסלאַנד, האָט
ר׳ געפּרווט אָפּראַטעווען זיינע ציישונגען
דורך ענדערן זייערע נעמען אויף „הכרם"
און „הצפה" אָנשטאָט „הקול" און אויך „קע=
ניגסבערגער איזראַעליט" אָנשטאָט „קול
לעם" (דער ערשטער נומ׳ 12/IX 1879).
שפּעטער האָט ער דורך אַ גרויסער מודעה
(אין „הקול" שנה חמישית נומ׳ 29) געמאָלדן
די ערשיינונג פון „השושנה Die Rose
(Früher Kol Loom) / יידישעס וואָכענ=
בלאַטט פיר יודעשע אָנגעלעגענהייטען
שפּעציעל פיר גאַליציען רומעניען אונגאַרן,
אויך פּאָליטיק וויסענשאַפּטליכעס, רייזע
בעשרייבונגען, בעלעטריסטיק אונד ער=
צעהלונגען. / פון מ. ל. ראָדקינסזאָהן/

פינפטער יאָהרגאַנג". אין דעם „אויפרוף",
געחתמעט „דיא רעדאַקטיאָן", ווערט צ"אַ
געזאָגט: „געעהרטע לעזער אונד לעזערי=
נען! אונזערע רונד=רייזע אין גאַליציען,
רומעניען אונגאַרן עטצ. אין וועלכע וויר
האָבען קענען גילערנט אונזערע ברי=
דער אין אַללע לענדער מיט זייערע
טהעטיגקייטען, טוגענד אונד פעהלערן,
האָט אונז איבערצייגט דאָס עס איז
זעהר נאָטווענדיג דאָס פאָלק זאָלל האָ=
בען איין בלאַטט אין דער ריינער פאָלקס=
שפּראַכע, וועלכע זאָלל זיך נור פאַרנע=
מען מיט די יידישע אָנגעלעגענהייטען
אין דיזע לענדער אונד אויף מאַכען
דיא אויגען פאָן דעם פאָלק אויף זיינע
אינטעררעסען איהם געבען איינע לעהרע
וויא ער זאָלל איין אָרדענטליכער ביר=
גער זיין אין זיין לאַנד און צו גלייך
אויך אָרדענטליכער יודע זיין צווישען
זיין פאָלק, איינע לעהרע פאָן קינדער=
ערציהונג וואָס דאָס איזט יעטצט גראַדע
דיא הויפּט פראַגע וועלכע מאן צו בע=
אַרבייטען דאַרף אונד צו גלייך אויף
צוא מונטערן דאָס פאָלק מיט איינע
בלאַטט פאָן וועלכער ער זאָלל קענען
פאַרגעניגען האָבען אין זיין רוהע צייט
אונד זאָלל זיך עראינערן דאָס ער איזט
געבאָרען איין יודע אונד איזט טרייא
זיינע גלויבען אונד זייגעם פאָלק ניכט
וועניגער אַלס אַללע פעלקער..." דער
אויפרוף זאָגט צו, אַז דאָס בלאַט „ווירד
זיין זעהר אינטרעסאַנט אין אַללער גע=
לעגענהייטען", אַז „דיא ראָזע"... וועט
ווירקליך זיין דיא „שושנת יעקב" וועלכע
וועט פעראייניגען אונזערע ברידער צו
איין צוועק" אאַז"וו און וועט „בליהען
וויא איינע „ראָזע" צו גונסטען אונזערע
גלויבענסגענאָססען" און זי וועט אַרויס
„אין דער ריינען פאָלקס שפּראַכע (ד"ה
אָהנע רוסישע אונד רומענישע אויס=

דריקע)", צוערשט וועכנטלעך און דאַן האַלבוועכנטלעך (אָנגעהויבן פון סעפּטעמבער) מיט אליעזר רוקח אַלס פאַרשפרייטער פון דעם בלאַט אין רומעניע און גאַליציע, אָבער ווייזט אויס, אַז פון דער גאַנצער אונטערנעמונג האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. דאַן האָט ער געפּרוווט אַרויסגעבן אין בערלין אַ וואָכנבלאַט אין העברעיִש א"ט „המדבר" (1881) און דערנאָך „החוזה" מיט אַ יידישער ביילאַגע „דער אַנצייגער" (1881 — 82). נאָך די פּאָגראָמען, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די רוסישע יידן אַ שטאַרקע עמיגראַציע קיין אַמעריקע, האָט ער געפּרוווט באַנייען זיין יידיש וואָכנבלאַט אין האַמבורג אַלס אָרגאַן פון די שיפסגעזעלשאַפטן און האָט אָנגעפירט אין דער צייטונג אַ שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר דער אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקע, שטרעבנדיק דערביי אויסצושפּילן לטובת זיין קעשענע די קאָנקורענץ צווישן די פאַרשיידענע שיפסגעזעלשאַפטן, אָבער זיינע קאָמבינאַציעס זיינען ניט געלונגען און דאָס בלאַט איז ענדגילטיק אונטערגעגאַנגען. דאַן איז ר' אַוועק קיין ב"י, וואו ער האָט 1889 געגרינדעט אַן אָרגאַן א"ט „תכונת רוח הישראלי". די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט אַרויסגעבן דעם תלמוד אויף ענגליש. — לויט בנציון האָפמאַן דערציילט, זאָל ר' האָבן געפירט אַ „אוממאָראַליש, שענדלעך לעבן", „פלעגט זיך שטענדיק אַרומשלעפּן אין די קיניגסבערגער לוסטיקע אויסגעלאַסענע הייזלעך און קומענדיק שטעטס אין דער נאַכט אַהיים אין אַ שיכּורן צושטאַנד, פלעגט ער כל חמתו אויסגיסן אויף זיין אומגליקלעכע פרוי, וועלכע איז גראַדע דער היפּוך פון אים געווען, אַ אינטעליגענטע יידישע פרוי פון אַ פיינער ווילנער משפּחה" אאַז"וו. גינסטיקער איז ווינטשעווסקיס כאַראַקטעריסטיק פון ר', אָבער אויך ווינטשעווסקי שרייבט וועגן אים בזה הלשון: „ער איז אין אמתן ניט קיין חסיד, בשעת ער באַשרייבט די שבחים פונעם בעש"ט; ער איז שפּעטער ניט קיין סאָציאַליסט אַלס רעדאַקטאָר און האָט קיין שום ענטוזיאַזם ניט פאַרן תלמוד, ווען ער ווערט זיין איבערזעצער... אָבער חוץ וואָס ר' איז אויף קיין פאַל ניט געווען היפּאָקריט אין דעם געוויינלעכן זין פון דעם וואָרט, — חוץ דעם איז מיט זיין גאַנצער קאַריערע פאַרבונדן אַן אַנדער מערקווירדיקע ערשיינונג: ר' האָט זיך נעמלעך גענומען צום בעל-שם-טוב, צום סאָציאַליזם און צום תלמוד, ניט האָבנדיק די נייטיקע קענטעניש אין דעם חסידיזם; ניט פאַרשטייענדיק (אין אָנהייב), מיט וואָס מע עסט ניט נאָר סאָציאַליזם, נאָר אַפילו צייטונגסשרייבעריי; ניט האָבנדיק גענוג שפּראַכקענטעניש אין ענגליש אום אויפצושרייבן אַ בריוו און דאַן צו איבערזעצן — טאַקע איבערזעצן, ניט נאָר אַזאַ זאַך בלויז אונטערנעמען — דעם תלמוד אויף ענגליש..." ר'ס „הקול" כאַראַקטעריזירט ווינטשעווסקי אַזוי: „די צייטונג האָט אין זיך געהאַט אַלץ, וואָס איז מיר געווען דערווידער אין אַלע אַנדערע צייטונגען: זי איז געווען אַ געדרוקטער צבֿועק אין פיר זייטן, ניט אַזוי גוט געשריבן ווי דער „המליץ", ניט אַזוי איראָפּעיִש ווי דער „המגיד", היפּאָקריטישער ווי דער „לבנון"... — ר' האָט נאָך פאַרעפנטלעכט די פאָלגנדיקע ספרים: „מצת מצוה" — וועגן עלילת-דם (1883), „תפילה למשה" — וועגן תפילין (1883), „אבני מילואים" — וועגן דער רעליגיעזער רעפאָרם (1884), „לבקר משפּט" — פּאָלעמישע אַרטיקלען (1884), „אגרת פתוחה" — אַן אָפענער

בריוו צו רבנים (1885), „ברקאי" — אַ זאַמלונג וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען (1886).

JE, X; EЭ, XIII; מ. ווינטשעווסקי, „ערינערונגען" I — II (אויך אין „צוקונפט", 1906, XII); ציִנבערג, История евр. печати, ז' 221 — 232; ש. ל. ציטראָן, „די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע", I; ג. ד. האָפמאַן, „ספר הזכרונות", ז' 47 — 50.

ראובני א. (י"א אב 1887 —

) אַדאַפּטירטער נאָמען פון אהרן שימשעלעוויטש, ייִנגערער ברודער פון יצחק בן־צבי (זע). געב' אין פּאָלטאַווע פון ליטווישע עלטערן *). דער פאָטער, צבי, איז געווען אַ אָנגעשטעלטער ביי אַ גרויסער מעלפאַבריק און איז דאָס רוב אַרומגעפאָרן וועגן די געשעפטן פון דער פירמע, קומענדיק אַהיים נאָר אויף יום־טוב. ביז 17 יאָר האָט ר' געלעבט אין פּאָלטאַווע, פון קינדוויַיז אויף אַרויסגעוויזן אַ אָפּנייגונג צו יעדן סיסטעמאַטישן לערנען, אַרומגעגאַנגען פוסט און פּאַס, געלייענט ביכלעך — צוערשט מאַין־רידס, גוסטאַוו עמאַרס אאַז"וו, דערנאָך — טורגעניעווס, טאָלסטאָיס א"אַ און נאָך שפּעטער — היסטאָרישע און פילאָסאָפישע ווערק, ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. האָט מען אים געפּרוווט אָפּגעבן פאַר אַ בעל־מלאכה, צו אַ שלאָסער, אָבער אויך צו דעם האָט ער ניט געטויגט און באין ברירה האָט מען אים געלאָזט פאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער האָט זיך אָפּגעוואַלגערט צוויי יאָר, צייטנווייז געאַרבעט, צייטנווייז געהונגערט, זומער 1906 צוריקגעקומען אַהיים. אין עטלעכע וואָכן נאָך זיין קומען, בשעת ביי זיי אין הויז האָט מען געפונען אַ קליינעם אוצר פאַרטיידיקונגסמיטלען פון דעם יידישן זעלבסטשוץ, האָט מען אים און דעם פאָטער אַרעסטירט (בן־צבי איז אַנטלאָפן), אָפּגעהאַלטן זיי אין טורמע 20 חדשים און פאַרמשפּט אויף אייביקער פאַרשיקונג קיין סיביר, אין דאָרף מאָרגאַ, אויפן ברעג פון דער אונטערשטער טונגוסקאַ, אירקוטסקער גוב', וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ יאָר צייט, פאַרפאַסט דאָרט אַ ווערטערבוך פון דער טונגוסישער שפּראַך, מיט אַ טונגוסישער גראַמאַטיק, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען בשעת זיין אַנטלויפן, דעצעמבער 1909. נאָך פאַרשיידענע גילגולים—איבער דייראַן און שאַנכאַי אָנגעקומען אָנהייב זומער 1910 קיין א"י און וואוינט זינט דאַן אין ירושלים, בלויז איינמאָל באַזוכט אייראָפּע — נאָכן ערשטן פּאָגראָם אין ירושלים, ווען ער איז צוזאַמען מיט דעם חכם־באַשי יעקב־מאיר און דוד יעלין אויסגעוויילט געוואָרן פון דעם וועד־העיר צו פאָרן קיין לאָנדאָן פאָדערן אַ משפּט אויף די שולדיקע, בפרט דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע מיט דעם פּאָגראָם־גענעראַל באָלס בראש. — נאָך ייִנגלווייז אין פּאָלטאַווע האָט ר' געשריבן אויף רוסיש ראָמאַנען פון גזלנים און ים־רויבער, עטלעכע שירים און אַ קריטישן טראַק־

*) די פאַמיליע ש' איז אָנהייב XIX י"ה געזעסן אין ליובטש, דער זיידע פון פאָטערס צד, ראובן־ישראל, האָט געוואוינט אין סמאָרגאָן, דער זיידע פון דער מוטערס צד, ישראל־לייב קאָפּעלעוויטש, אין איישישאָק; זיין פאָטערס מוטער שטאַמט פון ר' משהלע איוויער, וואָס זיין יחוס־בריוו ציט זיך ביז רש"י, געווען אַ למדן־וואָוניק, אַ מתבודד, געלעבט אין אַ וואַלד, געטראָגן אַ פּויערישן פעלץ אויס מורא פאַר שעטנז, ביז ער איז אויפן באַפעל פון ווילנער גאון נתגלה געוואָרן און געוואָרן רב אין וואַסילישעק, ווילנער גוב'.

טאַט וועגן ספּענסערס עטיק, וואָס זיין פריינד בער באָראָכאָוו האָט געפונען פאַר גאַנץ באַגרינדעט. קענענדיק יידיש פון קינדווייז אויף, אָבער אין אַ באַגרע־נעצטער מאָס, האָט ער אין אַמעריקע ערשט איינגעזאַפּט די אוצרות פון דער שפּראַך און דאָ־ט אויך אָנגעשריבן זיינע ערשטע צוויי דערציילונגען אין יידיש, אויף דער טונגוסקע געשריבן דערציי־לונגען אין רוסיש, אין א״י באַהערשט די יידישע שפּראַך פולשטענדיק און אָנ־געהויבן צו שיקן זיינע דערציילונגען און שירים אין פאַרשיידענע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון אייראָפּע און אַמעריקע. אין יידיש האָט ר׳ דע־ביוטירט מיט די לידער „אַ וועכטערס וואונש״ און „ירמיהו״ און דער דערציי־לונג פון קינדערלעבן „די ערשטע בעריה־רונג״ אין אברהם רייזענס וואָכנבלאַט „דאָס נייע לאַנד״ (1911, 11, 12, 15). גלייכ־צייטיק האָבן זיך זיינע דערציילונגען און שירים אויך געדרוקט אין „האחדות״ א״א העברעיִשע צייטשריפטן, דאָס רוב אין דער איבערזעצונג פון זיין פריינד י״ח ברענער (די ערשטע געדרוקטע דער־ציילונג ר׳ס אין העברעיִש איז געווען „אנשי בית סלע״ — אין „האחדות״, תרע״א, 10; אין יידישן אָריגינאַל פאַר־עפנטלעכט אין דער לאָנדאָנער „צייט״; מיט דער צייט האָט ער אויך באַהערשט די העברעיִשע שפּראַך און די ראָמאַנען, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה, האָט ער שפּעטער שוין אַליין איבערגעזעצט אויך אויף העברעיִש). שפּעטער האָט ער פאַרעפנטלעכט אין „דער יידישער וועלט״, 1913 — 14, די נאָוועלן „אַ שפּענדעל״ — אויס דעם לעבן פון יידישע טרעמפּס אין אַמעריקע — און כוחות״, ווי אויך די פּאָעמע „אישתאַר און אַלאַט־ערעשקי־גאַל״ — לויט בַּבלישן עפּאָס, און אין בוכפאָרם „אונטער׳ן וואַנד״ — אַ דערציי־לונג אויס דעם לעבן פון די יידישע שומרים אין די פּאַלעסטינער קאָלאָניעס (פ״ג „דאָס לאַנד״, ירושלים, תרע״ד, ד׳ 95) און „אין דולהויז״ — אַ שילדערונג פון אַ משוגעים־הויז („קליינע ביבליאָטעק״ פון „קונסט־פ״ג״, קיעוו, 1914). אין די דאָזיקע אַלע דערציילונגען האָט ר׳ זיך אַנטפּלעקט אַלס שריפטשטעלער מיט אַ שטאַרקער שילדערונגסקראַפט און אַ איינפאַכער פרישער און קלאָרער שפּראַך. אָבער די וועלט־מלחמה און שפּעטער דער תהום צווישן דעם העברעיִ־טישן ארץ־ישראל און דער ספערע פון דער יידישער קולטור האָט אים אָפּגע־ריסן פון דער יידישער ליטעראַטור, געשטערט אים צו פאַרנעמען אין איר דעם פּלאַץ, וואָס ער וואָלט לויט זיין באַ־גאַבונג געקענט פאַרנעמען ביי אַ אָרגאַ־נישער פאַרבינדונג מיט יידיש, בלויז פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט אין די יידישע אויסגאַבן אַ טייל פון זיינע 10 בענד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין יידיש, צ״אַ די דערציילונגען „שוים־שפּיל״ (אין „פריינד״), „דער פּיאָנער״ (אין „אידישען קעמפּפער״), „אין באַהן״ (אין אָדעסער „דאָס לעבן״, 1, און „דער נייער וועלט״ א״ר פון ש. ניגער), „דער ליבהאָבער״ (ווינער „קריטיק״), „אין תמוז״ — אויס דעם לעבן פון היינט (אין „דער יידישער וועלט״, 1928, V), די ראָמאַנען „פיין״ (בלויז דער ערשטער ט׳ פון די 3 — אין דער פּ״צ׳יסטישער „צייט״), „בלוט און שאַנד״ — אויס דעם יידישן לעבן אין א״י (אין „טאָג״, 1927), אַ ריי פּאָע־מען, ווי „אויפן פאַרכישופטען אינזעל״ (אין „וואַרהייט״), „אַ ירדן־מעשה״ (אין „רענעסאַנס״), „נעכט״ א״אַ (אין „צו־

קונפט"), און די זאַמלונג א"ט „בערג און וויסטע / (לידער)" (ירושלים, תר"עה, דרוק „אחדות", ז' 117), וואָס אַנטהאַלט די ציקלען „מזרחישע מאָטיוון" (צווישן זיי—איבערדיכטונגען פון היינע, מ. גאָרקי, איוואַן טורגעניעוו, פון דער אַראַבישער פאָלקס־פּאָעזיע), „לירישעס" און „מיניאַטורען" אין פּראָזע. אַן אויסצוג פון זיין אויסגעצייכנטער זאַפטיקער קינדער־דערציילונג „כּוחות" איז אַרויס אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע א"ט „קינדער" („שול־ביבליאָטעק" פון קיעווער פ"ג, אילוסטרירט פון י. טשייקאָוו; 1919, נייע אויפלאַגע — פ"ג „קולטור־ליגע", וואַרשע) און גייט אויך אַריין אין דער זאַמלונג „קויכעס / דערציילונגען" (מלוכה־פ"ג, קיעוו, 1921, ז' 120). אַ גאַנצע ריי ווערק ר'ס זיינען אַרויס דערווייל נאָר אין דער העברעיִשער איבערזעצונג און ניט אין דעם יידישן אָריגינאַל, צ"אַ די ארץ־ישראלדיקע מלחמה־ראָמאַנען „אין ערשטן טומל" („בראשית המבוכה" — אין „האדמה" תר"פ), „די לעצטע שיפן" („האניות האחרונות", פ"ג שטיבל, וואַרשע, תרפ"ג, ז' 146), „פאַרוויסטונגען" („שמות", דערז' פ"ג, תרפ"ה, ז' 234). אין העברעיִש איז אויך אַרויס דער I ב' פון זיינע „ספּורים" (פ"ג „אחיעבר", ירושלים, תרפ"ח, ז' 197) און אַ ריי קלענערע אויסגאַבן, ווי אויך די פּאָעמע „על ירדן יריחו" (בית־הכּרם", תרפ"ז, ז' 16). ניט פאַרעפנטלעכט נאָך אין יידיש איז אויך זיין פאַנטאַסטישער ראָמאַן־פּאָעמע „גומי־רינגל" און אַ ב' היסטאָרישע באַשרייבונגען, אַרטיקלען און פעליעטאָנען (צ"אַ „דער בוי פון דער יידישער געשיכטע" — געדרוקט אין זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבען" 1914, „העברעיִשע שבטים אויף דער גרענעץ פון א"י", „מאַראַל און אַמאָראַליזם", „אידעאַליזם און רעאַליזם", „טוריסטישע נביאות" — וועגן אחד־העם, „פאַרוואָס קען מען ניט אָפּשאַפן די באַלפור־דעקלאַראַציע", „פאַרוואָס קען ניט עקסיסטירן קיין אַראַבישע מדינה אין א"י", „אַן טאַלענט"—וועגן ב. באָראָכאָוו, „שמעון הצדיק" א"אַ).—וואוינט אין בית־הכּרם, ירושלים, וואו ער איז באַשעפטיקט מיט ביוראָ־אַרבעטן, איבערזעצונגען אאַז"וו.

ש. ניגער, אין „יודישער וועלט", 1914, IV; ח. ש. קאַזדאַן, אין „ביכער־וועלט", 1919, II, ז' 67; בנציון צאַנגען, אין „ליטעראַרישע בלעטער", 56; נ. מייזיל, אין „היינט", 1926, 131.

ראַוויטש גבריאל (1826 — 1892) געב' אין ווילנע. באַקומען אַ שטרענגע רעליגיעזע דערציִונג, האָט ער בסוד זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט השכּלה, באַהאַלטנדיק די דייטשע ביכלעך אונטער דער גמרא אָדער אַוועקגייענדיק מיט דעם טרייף־פּסול אויפן בוידעם. לויט די מיטטיילונגען פון זיין זון, איצט אַ ד"ר אין מאָסקווע, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פעִיקייטן, געווען אַ בקי אין תּלמוד, אַ בעל־לשון אין העברעיִש, געווען נאָענט מיט די גדולים פון דער השכּלה, ווי א"ב גאָטלאָבער, א"מ דיק, מאַפּו, יהושע שטיינבערג, קלמן שולמאַן, יל"ג, אברהם־אליהו הרכּבי א"אַ, און בשעת דער באַרימטער קאַראַיִמישער געלערנטער אברהם פירקאָוויטש האָט געזוכט מומחים, וואָס זאָלן אים מיטהעלפן אין אויספאָרשן די אַלטערטימלעכקייטן פון די קאַראַיִמען אין קרים, זאָל ער זיך האָבן אָפּגעשטעלט אויף ר'ן (אין דעם בוך פון פּראָפּ' שטראַק, וואו עס זיינען אויספירלעך באַשריבן די אַנטדעקונגען פירקאָוויטשעס, זאָלן אויך זיין אייניקע ביאָגראַפישע דאַטן וועגן ר'ן). אין דער יוגנט האָט ר' געהאַט אַ שטעלע אין דעם אַ"ג „אָט־

קופ" פון די גינצבורגס (זיי זיינען נאָך דאַן קיין באַראָנען ניט געווען), דערנאָך איז ער געווען געהילף ביים ראַבינער ד"ר גיימאַן אין פּט"ב און ביים ראַבינער ד"ר שוואַבאַכער אין אָדעס, בשעת דער רוסיש-טערקישער מלחמה געדינט אין וואַרשאַווסקיס קאָנטאָר אין בוקאַרעשט, אַ געוויסע צייט איז ער צוזאַמען מיטן דיכטער יצחק גאָלדמאַן געווען סעקרעטאַר פון „המליץ". די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער געווען שמש („אינספּעקטאָר") פון דער קאָרשול אין פּט"ב, וואו ער איז געשטאָרבן פון אַ האַרצפעלער און איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן פּרעאָבראַזשענסקער בית-עלמין. — ר' האָט פאַרפאַסט אַ ריי מעשה-ביכלעך, ווי: „יוסף דער יתום" (ווילנע, 1865), „ריב משפחה אָדער ר' שמואל האָפערדיג, / הערויסגעגעבן פון גבי"ר מווילנא" (ווילנע, תרכ"ה, ז' 84), „די קלוגע הדרכה" — דערציילונג (ווילנע, 1877), „דער גוואַלדריס" — דערציילונג (ווילנע), „די בעלוינונג / איינע וואַהרע ערציילונג וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איינעם וואָס האָט גוטעס געטאָן האָט ער בעקומען די בעלוינונג וויא דער פסוק זאָגט: / (שלח לחמך על פני המים כי ברוב הימים תמצאנו): / פערפאַסט פאָן גבי"ר" (נייע אויסגאַבן — ווילנע 1894, 1910, 1923 אאַז"וו, ז' 31), אויך א ביכל „דער גליק/ זעכס נאַייע לידער" (ווילנע, 1893), אָבער סיי שפּראַכלעך סיי לויט דעם אינהאַלט זיינען ר'ס דערציילונגען און לידער ווערטלאָז, הגם ער איז געווען איינער פון די ערשטע פאַרפאַסער פון דעם מין ביכלעך, וואָס האָט זיך נאָכדעם אַזוי צעוואַקסן. ר' איז אויך געווען איינער פון די אָפּטסטע מיטאַרבעטער פון ראָדקינסאָנס „קול לעם" און אונטער זיין פּס"נ גבי"ר האָט ער אין דעם דאָזיקן אָרגאַן פאַרעפנטלעכט קאָרעספּאָנדענצן פון פאַרשיידענע וועלטשטעט, איבערזעצנדיק זיי פון רוסישע צייטונגען, דערציילונגען, לידער, היסטאָרישע אַנעקדאָטן אאַז"וו. נאָך דער רוסיש-טערקישער מלחמה איז ער געווען מיטרעדאַקטאָר פון אַ יידישן וואָכנבלאַט אין לעמבערג א"ט „דער בלומענגאָרטען", פון וועלכן עס זיינען אַרויס בלויז 3 נומ'.

ראַוויטש מלך (27/XI 1893) פּס"נ פון **זכריה-חנה בערגנער**. געב' אין רעדעם (ראַדימנאָ), מזרח-גאַליציע. זיין פאָטער, אפרים, אַ סוחר, האָט אים געגעבן אַ פּשוטע בירגערלעכע דערציִונג; קיין שולן האָט ר' ניט באַזוכט, ניט קיין רעליגיעזע און ניט קיין וועלטלעכע. באַשעפטיקנדיק זיך אַלס ביוראַליסט און באַנקבאַאַמטער, האָט ער 1909 — 10 געוואוינט אין סטאַניסלע, 1911 — 12 אין לעמבערג. צו דער צייט האָט אויף אים אַ געוויסע השפעה געהאַט ש"י אימבער, וועלכער האָט אים מדריך געווען אין די עניינים פון די פּאָעטישע פאָרמען. אָפּגעריסן פון אַ יידישן ליטעראַרישן צענטער, האָט ער צוזאַמען מיט די „עלטערע" פאָרשטייער פון דער יידישער פּאָעזיע אין גאַליציע, ווי אימבער, מעסטעל, מ"ל האַלפּערן און די יונגע דוד קעניגסבערג, א"צ גרינבערג, א"מ פוקס מיט אמת יוגנטלעכער התלהבות זיך אינטערעסירט מיט אַלץ, וואָס ס'האָט געהאַט אַ שייכות צו דער יידישער ליטעראַטור, געבענקט נאָך אַ יידישער ליטעראַרישער סביבה. אָנגעהויבן צו שרייבן אין 1909 און דעביוטירט מיט אייניקע לידער אין אַ יאָר

אַרום, האָט ער אַרויסגעגעבן די ערשטע זאַמלונג פֿון זיין יוגנט=פּאָעזיע א"ט „אויף דער שוועל" (לעמבערג, 1912, ז' 64), וועלכע האָט געצויגן אויף דעם יונגן אָנפֿאַנגער די אויפֿמערקזאַמקייט אין די ליטעראַרישע קרייזן און זינט דאַן האָט ר' זיך באַטייליקט כּמעט אין אַלע ליטעראַרישע אויסגאַבן פֿון גאַליציע, פּוילן און אַמעריקע. 1913 זיך באַזעצט אין ווין, האָט ער בשעת דער וועלט=מלחמה דריטהאַלבן יאָר געדינט אין עסטרייכישן מיליטער, צו יענער צייט פֿאַרעפֿנטלעכט זיין צווייטע זאַמלונג לידער א"ט „רואינענגראַז" (ווין, 1917, ז' 48), זיך באַטייליקט אין דער אַנטאָלאָגיע Inter Arma פֿון ש"י אימבער, אַליין אַרויסגעגעבן אַ אַנטאָלאָגיע „טויט=ציקלוס", געווען איינער פֿון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פֿון דעם חודש=זשורנאַל „קריטיק" א"ר פֿון משה זילבורג, אַרויסגעגעבן אויף אַמעריקאַנער מיטלען, און מיטגרינדער פֿון פּ"ג „דער קוואַל". 1921 פֿאַרלאָזט ווין און זיך באַזעצט אין וואַרשע, ביז 1924 געאַרבעט אַלס באַאַמטער אין דער צענטראַלער יידישער שול=אָרגאַניזאַציע, גלייכצייטיק אַנטוויקלט אַ אינטענסיווע ליטעראַרישע טעטיקייט, אַרויסגעגעבן 4 ה' פֿון אַ חודש=זשורנאַל „די וואָג", 1922, זיך באַטייליקט אין די פֿאַרשיידנסטע ליטעראַרישע אויסגאַבן מיט לידער, פּאָעמען, עסייען און אַרטיקלען, צ"אַ אין „צוקונפט", „שריפטען", „רינגען", „רענעסאַנס", „סאַמבאַטיען", „קולטור" אפ"אַ, 1924 צוזאַמען מיט י. י. זינגער, פּרץ מאַרקיש, נחמן מייזיל און אַלטער קאַציזנע געגרינדעט די וואָכנשריפט „ליטעראַרישע בלעטער", טעטיק געווען אין דער רעדאַקציע ביז 1926, אויך נאָכדעם ווען זיי זיינען אַריבער צום קלעצקין=פּ"ג, און עד=היום אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פֿון דעם דאָזיקן אָרגאַן, אָבער אַזוי ווי די אַרבעט אין די „ליטעראַרישע בלעטער" האָבן אים ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט דורכצולעבן זיך — 1925 געוואָרן סעקרעטאַר פֿון דעם פֿאַראיין פֿון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן, זייער פֿיל אויפֿגעטאָן פֿאַר דער אָרגאַניזירונג פֿון דעם פֿאַראיין, אויך אַוועקגעלייגט די גרעסטע באַמיונגען אַרום דער גרינדונג פֿון דעם יידישן פּען=קלוב און איז די גאַנצע צייט סעקרעטאַר פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער בעלעטריסטן=פֿאַראייניקונג (איצט—וואַרשעווער גרופּע פֿון פּע"ן=קלוב), צוזאַמען מיט הלל צייטלין און ז. סעגאַלאָוויטש רעדאַקטירט דעם „וואַרשעווער אַלמאַנאַך", 1922, און צוזאַמען מיט אהרן צייטלין, ד"ר י. שיפּער, משה זילבורג און י. פּערלע — די „וואַרשעווער שריפטן". זינט יוני 1927 רעדאַקטירט די וועכנטלעכע ליטעראַרישע זייט פֿון דער „נייער פֿאָלקסצייטונג" א"ט „פֿאָלקסצייטונג פֿאַר ליטעראַטור", וואו ער שרייבט אַרטיקלען און רעצענזיעס איבער יידישער און אייראָפּעישער ליטעראַטור. זומער 1928 אויך אָנגעהויבן שרייבן אין „פֿאָרווערטס" אַ סעריע אַרטיקלען איבער דער פּוילישער ליטעראַטור. אַחוץ די צוויי אויבנדערמאָנטע לידערזאַמלונגען האָט ר' פֿאַרעפֿנטלעכט אין בוכפֿאָרם די פֿאָלגנדיקע ווערק: „שפּינאָזאַ" — פּאָעטישער פּרווו אין פֿיר ציקלען (ווין, 1918; 2טע פֿאַרענדערטע אויסגאַבע — פּ"ג „דער קוואַל", ווין, 1921, ז' 82); „נאַקעטע לידער" (דערז' פּ"ג, קאָאָפּעראַטיווע אָפּטיילונג „קריטיק", 1921, ז' 186); „דער קרן פֿון אַלע מיינע לידער" (פּ"ג „די צייט", וואַרשע, 1922, ז' 167); „פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפֿטן" (פּ"ג „קולטור=ליגע", וואַרשע, 1924,

ז׳ 156); „די פיר זייטן פון מיין וועלט"— פּאָעמען (פ"ג ב. קלעצקין, 1928). ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ פּאַמפלעט „געגען דעם קריטיקער דוד איינהאָרן" אַלס ענטפער אויף איינהאָרנס אַרטיקל וועגן ר'ס „שפּינאָזאַ" (ווין, 1920, ז' 15) און אַ בראָשור „צו דער יידישער יוגנט"— וועגן די פּראָבלעמען פון דער יידישער שפּראַך און קולטור, אויף וועלכער טעמע ער האָט אויך געהאַלטן לעקציעס אין צענדליגער שטעט און שטעטלעך פון פּוילן. — ר' פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער יידישער פּאָעזיע פון איר נאָכמלחמהדיקן עקספּרעסיאָניסטישן פּעריאָד. לויט זיין אייגענער כאַראַקטעריסטיק, געהערנדיק צו די „אידעאַליסטן" אין דער קונסט, איז ער אַ פאַרטרעטער פון דער שיטה, אַז גרויסע קונסט קען נאָר דעמאָלט געשאַפן ווערן, ווען זי האָט אונטער זיך אַ אידעיִשן הינטערגרונד. זיין ליריק איז שטאַרק דורכגעדרונגען מיט גריבלערישער רעפלעקסיע. „ר' רויעט זיך אין די פינסטערנישן פון זיינע מיליאָנען צווייפלען און זוכט דורך זיי אַ וועג דורכצוברעכן זיך צום ליכט פון זיין גלויבן, וואָס חלומט זיך אים... ר' איז אי פאָרם אי תוך: די נייקייט פון זיין פאָרם שפּראָצט פון אים אַרויס ווי די אָריגינעלקייט פון זיין דענקען און עמפינדן. ער גיט זיך קיין חשבון ניט אָפּ, כאָטש ער איז דורכאויס באַוואוסטזיניק אין זיין שאַפן..." (י. י. סיגאַל). „...באַגריף ווערט ביי אים פאַרוואַנדלט אין עמפינדונג, עמפינדונג — אין געדאַנק און אַלץ דערהייבט זיך צו דער הייך פון הייליקן גלויבן... דער אַבסטראַקטער באַגריף ווערט (ביי ר'ן) אַזוי פאַרבילדלעכט, אַז ער נעמט אָן די פאָרם פון בלוט און פלייש..." (ר. אייזלאַנד). אין זיין פּאָעמע „שפּינאָזע" — איינעם פון זיינע בעסטע ווערק, וואו די אינערלעכקייט און ריינקייט פון געפיל באַהעפט זיך מיט טעאָרעטיזירנדיקער חקירה, שילדערט ער מיט דיכטערישן ענטוזיאַזם, וואָס גרייכט ביז פּאַטאָס, שפּינאָזע דעם מענטש און דעם פילאָסאָף, זיין לעבן און זיין סיסטעם, די האַלבמיטלעלטערלעכע צייט, אין וועלכער ער האָט געלעבט. וועגן זיין בוך „נאַקעטע לידער" (אַנטהאַלט די ציקלען „געזאַנג פון געזאַנגען", „נויט", „שטאַרבן", „פרויען-נשמה", „ליבע פון יחידים", „דעם לעסטערערס לידער", „אין שטורעם", „וועגעטאַריש עוואַנגעליום") זאָגט ער אַליין אין דער הקדמה, אַז עס איז „נישט מיין טאַט, נור מיין מהות, נישט מיין ווערק, נור מיין קערן. מיין פיבער און מיין רו, מיין אָפּטימיזמוס און מיין פּעסימיזמוס, מיין באַציִונג צו דער וועלט און צו יחידים. מיין צעגריזשעטע שטאָט-נשמה און די לאַנגע דאָרפישע לייוונט פון מיין געזונטער בענקשאַפט, וואָס וויקלט זי איין. מיין געוויסן און דאָס, וואָס אַנדערע רופן ביי מיר: האַרץ. מיין סאַדיזמוס, מיין נזירות, מיין גלויבן אָן דער רעוואָלוציאָן (אַפילו אויך געגן שפּינאָזאַ) און מיין עלעמענטאַרער, פון טיפן ווייַ אַרויסגעשריִענער ביטול פון יעדן מין רעליגיאָזיטעט..." די „פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן און באַלאַדן" זענען אַ מער קינסטלערישער אויפטו פון מיין, מסתמא שוין גאַנץ דערגרייכטער, פאָרם-באַהערשונג, מיין פאָרם־זיכערקייט, דער ווילדסטער אַקאָרד פון די נאַקעטע לידער". אין דער הקדמה צום בוך פּאָעמען „די פיר זייטן פון

„מיין וועלט" שרייבט ער: „די נאַקעטע לידער" זענען געווען דאָס לעצטע בוך מיינס פון דער ערשטער העלפט פון לעבן. „די פיר זייטן פון מיין וועלט" וועלן זיין דאָס ערשטע בוך פון דער צווייטער העלפט פון מיין לעבן. די פיר פּאָעמען פון מיינע לעצטע זיבן יאָר, די פיר זייטן פון מיין גאַנצער וועלט.... דאָס געזאַנג צום מענטשלעכן קערפּער — עס זענען די לעצטע בליטן פון דעם אָפּגעדאַרטן בוים פון מיין אָפּטימיזם. עס איז נישט מיין געזאַנג. עס איז אַ פּאַראַפראַזע צו וואַלט וויטמאַן... דאָס געזאַנג צו דער זון — איז דאָס געזאַנג צו דער אייביק דערווייל דענקבאַרער און לאָגישער פאָרם פון גאָט. דאָס געזאַנג פון האַס און ליבע צום יידישן פאָלק — איז דער אָנהייב פון דער פּאָעטישער באַגרינדונג פון דער אַנאַציאָנאַליסטישער טעאָריע אין מיין וואַריאַנט... דורך די שורות פון דעם געזאַנג פון האַס און פון ליבע צום יידישן פאָלק ציט דער ליכטיקער שטראָם פון מיין יידישן גלויבן, אַז דעם יידישן פאָלק וועט עס זיין באַשערט צו זיין דאָס ערשטע אַנטפּלעקטע, די ערשטע פאַרמענטשטע עדה פון דער וועלט. דווקא דאָס געזאַנג פון האַס און פון ליבע איז די אָפּטימיסטישסטע זייט פון די פיר זייטן פון מיין וועלט. דער עפנטלעכער משפט איבער דעם טויט — איז אַ קעגנשטיק צום געזאַנג צו דער זון. געשריבן מיט מענטשלעכער נאַרישער שרעק פאַרן טויט, אָבער אָן אַ שאָטן פון פּעסימיזם." אין די לידער און פּאָעמען פון זיין ערשטן שאַפונגספּעריאָד שטאַרק אומבאַהאָלפן אין דער שפּראַך, האָט ר' שפּעטער אַלץ מער גובר געווען דאָס געמיש פון דייטשמעריש און פּראָווינציאַליזמען און אין זיין האַלב דערציילעריש-עפּישן האַלב מאַלעריש-לירישן סטיל געשאַפן זיין אייגענע פאָרם, וואָס צוזאַמען מיט דעם אינהאַלט, אָפט פּובליציסטישן, פּאָעטיש פאַרטיפטן, מאַכט עס אים פאַר איינעם פון די אָריגינעלסטע פאָרשטייער פון אונזער נייער ליריק.

משה ליטוויץ, אין דער יידישער „ווינער מאָרגנצייטונג"; ש"י אימבער, אין „גיילאַנד", יולי 1918; id, „דער חרם קעגן גראַם", אין „ליטעראַרישע פלוגשריפטען"; ראובן אייזלאַנד, אין „שריפטען", V; ש. א. סופר, אין טשערנאָוויצער „פרייהייט", 1920, 52 — 53; ש. ניגער, אין „צוקונפט" 1920, IX; id, אין „טאָג", 1920; id, אין „דאָס נייע לעבן", IV; י. י. סיגאַל, אין „עפּאָכע"; יוסף לעווי, אין דער „יידישער צייטונג", לייפּציג; ז. ווייַנפּער אין „דער פעדער", 1925, II; א. לעזער (דוד איינהאָרן), אין „לעבענס-פראַגען" 1920, 26; פּראָפ' מ. בינענשטאָק, אין לעמבערגער „טאָגבלאַט" און Chwila; ד"ר מ. קאַנפער, אין Nowy Dziennik; א. לעיעלעס, אין „אין זיך", 1920 III; יעקב גלאַטשטיין, אין זמ"ה „לאַגלען", 1921, I; בעל-מחשבות, אין דער קאָוונער „אידישער שטימע"; קריטיקוס, אין ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן" פון 29/VII 1921; „ליטעראַרישע בלעטער", 107 און 1928, 2.

ראַווין יוסף (10/II 1890 —) געב' אין גערמאַנאָוויטשי, ווילנער געגנט, אין אַ באַלעבאַטיש-איפּגעקלערטער פאַמיליע. ביז 13 יאָר געלערנט אין חדר, דאַן צוזאַמען מיט די עלטערן אַריבערגעפאָרן קיין לאָדז, וואו געענדיקט אַ רוסישע 4קלאַסיקע שול, דאַן געווען אַן אַפּטייק-שילער, 1913 באַקומען דעם דיפּלאָם פון אַ געהילפספּראָוויזאָר, אָבער געלאָזט דאָס שטודיום פון פאַרמאַציע, כדי זיך צו קענען אָפּגעבן דער אַרבעט פאַר דער יידישער פאָלקסשול, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן צו בויען בשעת דער וועלט-מלחמה (נאָך פריער איז ר' געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער יידישיסטישער באַוועגונג). אין משך פון עטלעכע יאָר איז ער געווען לערער אין

אַ יידישער פֿאָלקסשול און פּראָוואַלטער פֿון אַן אָוונטשול אין לאָדז, האָט זיך אויך באַטייליקט אין דעם ערשטן יידישן שול־צוזאַמענפֿאָר אין וואַרשע, 1921. 1916 אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויפֿן געביט פֿון קינדער־ליטעראַטור און 1917 — 21 פֿאַרעפֿנטלעכט אין זיין אייגענעם פֿ״ג „פֿאַר אונזער קליינוואַרג״ אַ סעריע „ראַווינס אילוסטרירטע קינדער־ביבליאָטעק״ פֿון קינדער־פּיעסן אין פֿערזן („רויט־היטעלע״, „ווייס שנייעלע״, „בערעלע און פֿערעלע״), לידלעך („פֿאַר די קליינטשיגע״), „מגלת אסתּר״ — אין פֿערזן (אילוסטרירט ל. ראָזענבערג), אַ בילדערבוך א״ט „די קינדערוועלט״ מיט בילדער פֿון קאַנעווקא, פֿריילין א״אַ, „מעשה׳לעך שיינע פֿאַר קינדערלעך קליינע״ מיט סילועטן־בילדער פֿון ע. בעם א״אַ; אין פֿ״ג לאַזאַר קאַהאַן אַ אַנטאָלאָגיע פֿאַר פֿרעבעל־ און פֿאָלקסשולן א״ט „פֿרילינג־לעבן״ (1918, ז׳ 64); אין פֿ״ג א. גיטלין: „די פֿאַרכּישופֿטע בת־מלכּה״ און „דער קאָטער אין שטיוול״ — פּיעסן אין פֿערזן מיט טענץ און געזאַנג, אַ סעריע ביכלעך מיט מעשהלעך („אַ קייט״, „יאַפּאַנישע פֿאָלקסמעשה׳לעך״, „עסטרייכישע פֿאָלקס־מעשה׳לעך״, „מעשה׳לעך פֿון חיות און פֿייגלוועלט״), זינט 1921 געדרוקט אויך אַ ריי אָריגינעלע און איבערזעצטע לידלעך און מעשה׳לעך אין פֿערזן אין די „גרינינקע ביימעלעך״. שפּעטער פֿאַרלאָזט לאָדז און אַריבערגעפֿאָרן קיין מינסק, וואו ער אַרבעט אַלס לערער אין די יידישע שולן און שטודירט אויפֿן יידישן פּעדפֿאַק פֿון דעם ווייסרוסלענדישן מלוכה־אוניווערסיטעט.

ש. קאַזדאַן, אין „ביכערוועלט״, 1919 I, ז׳ 32.

ראַוויצקי פֿישל־בער (8/XII 1892 —) געב׳ אין ציעכאָציניעק, וואַרשעווער געגנט, אַלס זון פֿון אַן איילפֿאַבריקאַנט, פֿון דער מוטערס צד אַ פּלימעניק פֿון א״ש פּאָזנאַנסקי. באַקומען הויז־בילדונג, האָט ער זיך שפּעטער באַזעצט אין וולאָצלאַוועק, וואו ער פֿירט אַ פֿאַבריק. זינט 1916 פֿאַרעפֿנטלעכט פֿון צייט צו צייט משלים אין „לאָדזער טאַגעבלאַט״, וויסענבערגס „יודישע זאַמעלביכער״, „היינט״, „מאָמענט״, „אילוסטרירטע וואָך״, „דאָס פֿאָלק״ (אויך א״פּ ראַוועך), אין פֿאַרשיידענע וויצבלעטער; פֿאַר די פֿאַראַנשטאַלטונגען פֿון דער וולאָצלאַווקער געזעלשאַפֿט „יידישע בינע״, פֿון וועלכער ער איז געווען פּרעזיצער, געשריבן סאַטירעס, פּאַראָדיעס, קופּלעטן, צייט־מאָנאָלאָגן, סצענדלעך אדג״ל. אַרבעט אויף דער איבערזעצונג פֿון „רייַנעקע־פֿוקס״ געטעס.

ראָוו אברהם (ז׳ אב 1864 —) אַדאָפּטירטער נאָמען פֿון א. ראָזשעצקין. געב׳ אין אַ פּאַרוואָרפֿענעם ווינקל פֿון סמאָלענסקער גוב. באַקומען אַ באַלעבאַטישע דערציִונג אין יידיש און אין רוסיש, האָט ער קיין יידישע ליטעראַטור און פּרעסע ניט אָנגעזען ביז זיין 40סטן לעבנסיאָר, ווען ער האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. אין רוסלאַנד איז ר׳ געווען אַ שרייבער ביי אַ פֿרידנסריכטער און האָט אָנגעשריבן אַ גרויסן ראָמאַן אין רוסיש אין 2 ט׳ א״ט Месть за любовь (פּט״ב, 1890). זינט 1903 אין ניו־יאָרק, האָט ער 1914 אָנגעהויבן צו שרייבן קורצע דערציילונגען אין פֿאַרשיידענע טעגלעכע, וועכנטלעכע און מאָנאַטלעכע צייטשריפֿטן, זינט 1917 געשריבן דראַמען און קאָמעדיעס פֿאַר דער יידישער בינע. אין בוכפֿאָרם אַרויסגעגעבן אַ ב׳ סקיצן און בילדער א״ט „דאָס לעבן — די טראַגישע און קאָמישע זייטען פֿון איהם״ (נ״י, 1921, ז״ז 224).

ראָוז דזשיין (אַרום 1880 — 14/VII 1927) געב׳ אין מינסק אין אַ באַלעבאַטישער, אָבער אָרעמער פאַמיליע. אַלס קינד אויסגעוואַנדערט קיין נ״י, וואו זי האָט אינגיכן געמוזט פאַרזוכן דעם טעם פון שאַפּ, אָבער אַדאַנק אירע פעיִקייטן באַהערשט די ענגלישע שפּראַך. אונטער דער ווירקונג פון איר ברודער, דעם דאַנטיסט צוקערמאַן, וואָס איז אַרום 1903 געווען שטאַרק טעטיק אין „פאָרווערטס" און בכלל אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, איז זי אַריין אין די קרייזן פון די יידישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, געוואָרן אַ הייסע סאָציאַליסטין, זיך נאָענט באַקענט מיט דער יידישער ליטעראַטור. שפּעטער האָט זי חתונה געהאַט מיט אירן אַ לאַנדסמאַן אַבעל ראָוז, אַ מיטגליד פון די ערשטע דראַמאַטישע קרייזן אין אַמעריקע, און אַז ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער „פּראָגרעסיווער דראַמאַטישער קלוב", איז זי צוזאַמען מיט איר מאַן געווען צווישן די אַקטיווסטע טוער פון דעם קלוב. צו יענער צייט, אַרום 1910, האָט זי אָנגעהויבן צו שרייבן, שאַפנדיק כמעט גלייכצייטיק אויף יידיש און אויף ענגליש. געטריי איר טיפער ליבע צו טעאַטער, האָט זי געשריבן דערהויפּט אין דראַמאַטישער פאָרם, פאַרעפנטלעכט אירע ענגלישע איינאַקטערס אין די זונטאָג=נומערן פון דער סאָציאַליסטישער The Call און די יידישע — אין דער „פ. א. ש.". דאָס רוב פון אירע איינאַקטערס זיינען געשפּילט געוואָרן און ווערן נאָך עד=היום געשפּילט פון פיל דראַמאַטישע קרייזן אין אַמעריקע, איר קינדער=פּיעסע „דאָס געפינס", צוערשט פאַרעפנטלעכט אין „דער אידישער קינדער=וועלט", אַרויסגעגעבן פון דער פעדעראַציע פון די נאַציאָנאַל=ראַדיקאַלע שולן, איז פיל מאָל אויפגעפירט געוואָרן פון די יידישע שולן. אין 1918 זיינען זיבן איינאַקטערס ר׳ס אַרויס אין בוכפאָרם. אַחוץ דער מלחמה=פּיעסע „איבערגעבליבענע", וואָס איז ניט מער ווי פאַציפיסטישע פּראָפּאַגאַנדע, זיינען די איבעריקע — עכט דראַמאַטיש און קענען פאַרנעמען אַ באַזונדערן אָרט צווישן די יידישע מיניאַטור=דראַמען מיט זייער געזונטן רעאַליזם; אייניקע פון זיי שטעלן פאָר אַ זיכערע קרעפטיקע שילדערונג פון די זיטן, מאָראַל און די קונסט=פאַרלאַנגען אין די הינטערקוליסן פון יידישן טעאַטער („אַרנאָ", „הינטער די קוליסן", טיילווייז „דער קריטיקער"); די פּיעסע „געפינס" שילדערט די פיינלעכע אָרעמקייט פון אַ טענעמענטהויז, ווי זי שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם לעבן פון קינדער; דער איינאַקטער „ענגשאַפט", איינער פון די פּסיכאָלאָגישסטע און סצענישסטע אין בוך, האָט אַלס אינהאַלט דעם חורבן פון שלום=בית צוליב דער תשוקה פון דער פרוי צו אַ גרינגן גענוספולן לעבן. אַן אויסגעצייכנטע שילדערונג פון אַ יידישער אַרבעטער=אינטעליגענטער פאַמיליע, מיט די פּראַגן פון אומגעזעצלעכע קינדער, געבורט=קאָנטראָלע, איז דער איינאַקטער „ניט מיט אַלעמען", וואָס באַזיצט פיינע סביבה=שילדערונג, לעבעדיקן, דיאַלאָג, געזונטן רעאַליזם. אַחוץ די פאַרעפנטלעכטע איינאַקטערס האָט ר׳ איבערגעלאָזט אין כתב=יד אייניקע אַנדערע דראַמאַטישע ווערק אויף ענגליש. און אויף יידיש — דעם איינאַקטער „האָפנונג", אַ פאַנטאַסטישער קינדער=איינאַקטער אין פערזן, געווידמעט די יידישע שולן, אויפן מאָטיוו פון יכנה״זס „צוויי מלאכים". ר׳ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פרוייִשער איידלקייט און עכט מענטלעכער ענערגיע און כאַראַקטער=פעסטקייט, מיט אַ טיפער ליבשאַפט צו דער יידישער ליטעראַטור, צו דער מאָדערנער יידישער קולטור.

אאוינענדיק זינט 1912 אין קליוולאַנד,
האָט זי איר הויז פאַרוואַנדלט אין דעם
יידישן ליטעראַריש=דראַמאַטישן צענטער
פון שטאָט, געהאָלפן גרינדן אַ דראַמאַ=
טישן פאַראיין, אין וועלכן זי אַליין האָט
זיך באַטייליקט אַלס שוישפּילערין און
דער מאַן אַלס רעזשיסער, צוזאַמען מיטן
מאַן פיל אויפגעטאָן פאַר דער קליוולאַנ=
דער יהואש=שול, פאַר דעם יידישן לע=
רער=סעמינאַר אין נ״י, האָט געפירט אַן
אָפטע קאָרעספּאָנדענץ מיט די שריפט=
שטעלער און אַרטיסטן פון נ״י. 1919 איז
זי שווער קראַנק געוואָרן און אין משך
פון 8 יאָר אַ פאַראַליזירטע געווען צוגע=
שמידט צום בעט, פון וועלכן זי איז שוין
ניט אויפגעשטאַנען.

יואל ענטין, „אויפן קבר פון אַ קולטור=
טוערין״, אין „צוקונפט״, 1927, IX.

ראַזומני מאַרק (מאיר) (1/I 1899 —
) געב׳ אין ריגע, לעטלאַנד,
אין אַ באַלעבאַטישער משפחה. פון 7
יאָר אָן געלערנט אין חדר, צו 9 יאָר
אָנגעקומען אין גימנאַזיע, אָבער צוליב
דער נויט אין דעם עלטערנהויז אַרויס
פון פערטן קלאַס און אָנגעקומען אין
אַ קאָנטאָר, נאָך דער רעוואָלוציע גע=
נומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פ״צ=
פּאַרטיי אין ריגע, 1918 זיך צוריקגע=
צויגן פון דער פּאַרטיי=אַרבעט, און כדי
צו אַנטוויקלען זיין איינגעבוירענע פעי=
קייט צום צייכענען און מאָלן — אָנגע=
קומען אין אַ קונסט=שול, 1919 געהערט
לעקציעס אויפן אַרכיטעקטור=פאַקולטעט
פון ריגער פּאָליטעכניקום, מאַי 1919
מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער
אַרמיי, נאָכן באַפרייען זיך פון מיליטער
אַוועק קיין קאָוונע און פון דאָרט קיין
בערלין, איבער אַ יאָר צייט געווען אָנ=
געשטעלט אין אַ באַנק אין האַמבורג,
זיך פאַרנעמענדיק גלייכצייטיק מיט
זעלבסטבילדונג, 1921 צוריקגעקומען
קיין ריגע, אונטער דער השפעה פון
זיין שוועסטערקינד מיכל קיטאַי אָנגע=
הויבן צו שרייבן פעליעטאָנען אין די
הומאָריסטישע זשורנאַלן א״ר פון קיטאַי,
1922 אַריין אַלס סעקרעטאַר פון דער
רעדאַקציע „דאָס פאָלק״, פאַרעפנטלעכט
דאָרט דערציילונגען, פעליעטאָנען, פּאָ=
ליטישע איבערזיכטן און רעצענזיעס,
נאָוועמבער 1922 צוזאַמען מיט אַלע
מיטאַרבעטער פאַרלאָזט „דאָס פאָלק״
(זע קיטאַי), שפּעטער געאַרבעט אין
וואָכנבלאַט „די נייע צייט״, „אשמדאי״
און אין די צייטונגען „דער וועג״ און
„אונזער וועג״, וואו צ״אַ פאַרעפנטלעכט
אַ גרעסערע היסטאָרישע דערציילונג
„אויפן שייטערהויפן״ און אַ איבערזע=
צונג פון פינגערמאַנס ראָמאַן Menschen
im Abgrunde א״ט „אין תהום פון לעבן״,
9/I — 7/III 1925 רעדאַקטירט אַ ציי=
טונג „ריגער מאָמענט״ (אַרויס 48 נומ׳),
זינט 1924 מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״
און זינט יאַנואַר 1926 אויך פון „פריי=
מאָרגן״, אין וועלכער צייטונג ער האָט
צ״אַ פאַרעפנטלעכט דעם ראָמאַן פון
דייוויד פרידמאַן „מענדל מאַראַנץ״
(איבערגעדרוקט אין „ווילנער טאָג״, סוף
1927). שרייבט אויך א״פ מ. אַרזעם,
מ. אויסלענדער, מאַרקוס רינג, עראַזם.
פון זיינע אַרבעטן זיינען אין בוכפאָרם
אַרויס: „אַראַנעאַ די שפּין״ (פ״ג „אָאַזיס״,
ריגע, 1924, ז׳ 96, מיט אַ הקדמה פון
מ. קיטאַי, הילע געצייכנט פון מיכאל
יאָ), עקזאָטישע נאָוועלן פון ליבע און
טויט, אין סאַנטימענטאַל = ראָמאַנטישן
טאָן; די איבערזעצונג פון לעאָן פויכט=
וואַנגערס היסטאָרישן ראָמאַן א״ט „געלט
און מאַכט״, דער איד זיס״ (פ״ג „ביכער
פאַר אַלעמען״, ריגע, 1928, ז׳ 207, בלויז
1טער ט׳), וועלכע האָט אגב אַרויסגערופן

אַ פּאָלעמיק צווישן משה שאַליט און דעם איבערזעצער (אין „ליטעראַרישע בלעטער" 1928, 20, 22 און 24. — וועגן ל. פויכטוואַנגערס ליטעראַרישער מיסטיפיקאַציע מיט דעם לידערביכל „פּעפּ" האָט ר' פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „ליטעראַרישע בלעטער", 1928, 13, ברענגענדיק אויך אין יידישער איבערזעצונג צוויי לידער פון דעם דאָזיקן ביכל). — נאָך ניט פאַרעפנטלעכט אַ בוך דערציילונגען פון יידישן לעבן אויס דער צייט פון בירגערקריג אין לעטלאַנד. — האָט 6 טעג פאַרבראַכט אויפן סאָוועטישן אייזשפּאַלטער „קראַסין" בעת זיינע זוכענישן נאָך דעם פאַרלוירענעם פּאָלוספאָרשער ראָמולד אַמונדסען און די איינדרוקן געשילדערט אין אַ ריי אַרטיקלען אין „פרימאָרגן", האַרבסט 1928.

ראָזנער מאיר (11/XI 1888 — 5/IV 1921) געב' אין דאָרנאַ-וואַטראַ, בוקאָווינער קאַרפּאַטן. די יוגנט פאַרבראַכט און געלערנט אין טשערנאָוויץ און באַקומען דעם טיטל ד"ר. פרי צוגעשטאַנען צו דער פּ"צ-באַוועגונג און געוואָרן איינער פון אירע פירער אין בוקאָווינע. בשעת דער מלחמה, ווען די

אַלטע פירער פון דער פּאַרטיי זיינען געווען פאַרנומען אין מיליטערדינסט אָדער אין אויסלאַנד, געווען פון די ערשטע פּאַרטיי-חברים אין ווין, וואָס האָבן באַנייט די עסטרייכישע פּ"צ-פּאַרטיי און איר אָרגאַן „דעם יודישען אַרבייטער" אַלס מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע און פון דער רעדאַקציע, נאָך דער רעוואָלוציע אין עסטרייך אַוועק צוריק קיין טשערנאָוויץ, וואו געשאַפן די בוקאָווינער פּ"צ-פּאַרטיי, אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן איר אָרגאַן די „פרייהייט", בשעת דעם קאַמף צווישן די רעכטע און לינקע געווען דער פירער פון די לינקע. געווען גרינדער פון דער יידישער קולטור-פעדעראַציע פאַר רומעניע, בוקאָווינע, בעסאַראַביע און טראַנסילוואַניע און מיטגליד פון איר צ"ק. זיין האַרציקער און דערביי מענלעך ערנסטער כאַראַקטער, זיין טאַקט, ענערגיע און איבערגעגעבנקייט האָבן אַרויסגערופן פאַרערונג צו אים אַפילו מצד זיינע פּאַרטיי-קעגנערס.

א. שטיינבאַרג, אין זמ"ב „קולטור", אַרויסגעגעבן פונם פ"ג „קולטור" ביי דער יידישער קולטור-פעדעראַציע, טשערנאָוויץ 1921, ז' 90—91; ד. ל(ייבל), אין „יידישן אַרבעטער-פּנקס", ז' 599—600.

ראָזעט אַבראַהם (1856 — /XII 1927) געב' אין דיסנע, ווילנער געגנט, אין אַ פאַרמעגלעכער סוחרישער פאַמיליע. באַקומען אַ יידישע און אַלגעמיינע דערציִונג, אין דער יוגנט אויך געלערנט אין קיניגסבערגער קאָמערצשול, אַ געוויסע צייט געלעבט אין פּט"ב, אין די 80ער יאָרן זיך באַזעצט אין ווילנע אַלס העברעיִשער לערער און דאָרט געלעבט ביזן טויט. האָט געשריבן קאָרעספּאָנדענצן אין „המגיד", „המליץ", „הצפירה", אויך שירים און סיפּורים, איבערגעזעצט פון דייטש אויף העברעיִש, צ"אַ — די לירישע אידיליע „רות" פון נ. יאַקאָבזאָן (ווילנע, 1904), באַאַרבעט דיזראַעלי-ביקאָנספילדס היסטאָרישן ראָמאַן „דוד אַלראָי" (וואַרשע, תרפ"ד). אונטער דער השפעה פון זיין איידעם פאָלק הײלפּערין געפּרוּווט אויך שרייבן אויף יידיש שירים, איבערגעלאָזט אין כתב-יד: „דער טאַנץ צום טויט / אַ היסטאָרישע ערצאַהלונג

וואָס האָט געפּאַסירט מיט יידען אין
טיהירינגען אין 14=טען יאָרהונדערט,
נאָך די מיטטיילונגען פון פּראָפעסאָר
דעליטש בעאַרבייטעט".

א"י גאָלדשמידט, אין „ווילנער טאָג" פון
26/XII 1927.

ראָזען אַהרן=צבי (25/IV 1893 —
) געב' אין מעזאַו קעוועשד,
אונגאַרן, אַלס זון פון ר' בצלאל ר' (געב'
אין טאַרנאָפּאָל, איצט רב אין דער גרוי=
סער רומענישער שול אין נ"י); פון דער
מוטערס צד משפחה מיט דער חזנישער
פאַמיליע מאַרכביין פון מעזריטש. גע=
לערנט אין די גרויסע ישיבות פון אַמע=
ריקע און אין די ענגלישע מיטלשולן,
אויך שטודירט מוזיק. די לעצטע 11—12
יאָר געאַרבעט אין דער רעדאַקציע פון
„יידישען טאַגעבלאַט" (זיך פאַראייניקט
מיטן „מאָרגען זשורנאַל", אַפּריל 1928),
וואו דערהויפּט געשריבן רעצענזיעס איבער
טעאַטער און מוזיק, אויך א"פ אַהרן צבי
הלוי, הלוי, אצ"ר, אַהר—ן, הערשל, נאָטע
זמרון. האָט פאַרפאַסט אייניקע ווערק
פאַר דער בינע, צ"אַ אַן אָפּערעטע „דער
יידישער זינגער" מיט מוזיק פון יוסף
רומשינסקי, „אונזער רביניו" מיט מוזיק
פון זאַוול זילבערטס א"אַ, צוזאַמען מיט
לעאָ ליאָוו געאַרבעט אויף אַן אָפּערע
„לילית", געבויט אויף י"ל פּרצעס באַלאַדע
„מאָניש". אויך געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר
אַ פילאָלאָגיש ווערק „יידישע סינאָ=
נימען". האָט רעדאַקטירט „די געשיכטע
פון חזנות — אַרויסגעגעבן צום 30 יאָה=
ריגען יובילעאום פון אַגודת חזנים
דאַמריקה וקנדה / זונטאָג דעם 3טען
פעברואַר 1924" (נ"י, ז"ז 272 + XXXII
ענגלישע, מיט אַ סך בילדער און ביאָג=
ראַפיעס פון חזנים) און אייניקע אַרטיק=
לען איבער חזנות.

ראָזען אַלטער (1884 —)
אַמעריקאַניזירטער נאָמען פון אַ. ראָ=
זענבורשט. געב' אין פּלאַנטש, ראָ=
דעמער געגנט, אַלס זון פון אַ לערער.
1906 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע,
עטלעכע יאָר געווען אַן אַרבעטער, 1910—
15 געווען אַ צייטונגס=אַגענט און בוכ=
הענדלער אין סיראַקיוז, וואו ער האָט
אַוגוסט און סעפּטעמבער 1915 אַרויס=
געגעבן 2 נומ' פון אַ מאָנאַטלעכן הומאָ=
ריסטישן זשורנאַל א"ט „די סיראַקיוזער
צייטונג". האָט אויך פון צייט צו צייט
געשריבן „פאָלקסשטימען" און קורצע
אינפאָרמאַטיווע אַרטיקלען אין „אידישען
קעמפפער", „יידישען טאַגבלאַט", 1910—
12, „פ. א. ש.", פילאַדעלפיער „אידישער
וועלט" א"אַ, אויך א"פ בן=דוד, זינט
1917 רייזנדער אַגענט פון דער „דזשויש
פּובליקיישן סאָסייעטי".

ראָזען בער=יצחק (29/XII 1899 —
) געב' אין וואַרשע אין אַן
אָרעמער פאַמיליע. פון קליינווייז אויף
דערצויגן געוואָרן אין אָטוואָצק אין
חסידישן גייסט, ביז 16 יאָר געלערנט
אין בית=מדרש פון פּאַריסאָווער רבין,
בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע געאַר=
בעט ביי די אָקאָפּעס, געווען אַ באַנ=
אַרבעטער, אַ שטיינהאַקער, אַ געוויסע
צייט — אויך אַ זייגערמאַכער. זיך באַ=
טייליקט אין דער יידישער קולטור=און
יוגנט=באַוועגונג, צוערשט אַלס פ"צ און
דערנאָך אַלס מיטגליד פון „בונד", גע=
ווען אַ מיטגליד פון דעם ערשטן צ"ק
פון דער יוגנט=אָרגאַניזאַציע „צוקונפט"
און אַלס אינסטרוקטאָר פון דער אָרגאַ=
ניזאַציע אַרומגעפאָרן 1919 — 20 איבער
דער פּוילישער פּראָווינץ, געווען אָנגע=
שטעלט אין פאַרשיידענע פּראָפ' אָר=
גאַניזאַציעס פון די יידישע אַרבעטער.
אַ געוויסע צייט געווען ש. אַנ—סקיס

סעקרעטאַר אין אָטוואָצק און נאָך זיין טויט סעקרעטאַר פון דעם אַנ—סקי=קאָמיטעט און דעם אַנ—סקי=פאַרלאַג, זיך באַשעפטיקט אַלס קאָרעקטאָר. געענדיקט די יידישע דראַמאַטישע שול אין וואַרשע און אין משך פון 1925 געאַרבעט אין דער דראַמאַטישע סטודיע אונטער דער אָנפירונג פון דוד הערמאַן. זינט 1926 רעפּאָרטער פון „פאָלקסצייטונג" און אונזער „עקספּרעס". האָט זיך באַטייליקט מיט לידער און אַרטיקלען אין די אָרגאַנען פון דער יוגנט=אָרגאַניזאַציע „צוקונפט" — „סאָציאַליסטישע יוגנט=שטימע", „צוקונפט" און „יוגנט=וועקער", אין דעם אַלמאַנאַך פון יידישן ליטעראַטנפאַראיין „וואַרשעווער שריפטן" (1927) פאַרעפנטלעכט אַ דערציילונג „אַ שגעון". אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג נאָוועלן א"ט „רויטע ערד" (פ"ג ח. בזשאָזאַ, 1926, ז"ז 112), וואו ער באַרירט מיט דער זיכערקייט פון אַ בעלעטריסט עראָטישע טעמעס אין דער אָרעמער ענגער סביבה פון יידישן קליינשטעטל.

א. קאַציזנע, אין „ליטעראַרישע בלעטער", 109.

ראָזען יוסף (13/II 1894 —)

געב' אין יעדוואַבנע, לאָמזשער געגנט, אין אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע. געלערנט אין חדרים און אין דער היים העברעיִש, גמרא, וועלטלעכע לימודים, 1909 — 15 באַזוכט קרינסקיס 8קלאַסיקע האַנדלסשול אין וואַרשע, פאַרדינענדיק צום לעבן דורך פריוואַטע לעקציעס, דאַן שטודירט אויפן יורידישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, געהערט צו דער ציוניסטישער סטודענטן=אָרגאַניזאַציע „ירדניה", אַ געוויסע צייט געווען איר פאָרזיצער, אַ קורצע צייט אויך געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פוילן, געפירט אַ קאַמף פאַר יידיש און קעגן דער אַסימילאַציע, וואָס באַהאַלט זיך אונטער אַ העברעיִסטישן מענטעלע, געווען צווישן די געציילטע טוער אין „ירדניה", וואָס פלעגט אַרויסטרעטן אין יידיש, נאָך דער פאַרנאַנטער „קאָנסאָלידאַציע" פון די ציוניסטן מיט די ענדעקעס ביי די וואַלן צום ערשטן וואַרשעווער שטאָטראַט 1916 זיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט אין ציוניסטישן צ"ק, אַ יאָר געאַרבעט אַלס לערער אין דער העברעיִשער גימנאַזיע „יבנה" אין לאָדז, 1918 אַוועק קיין אוקראַינע, אין פּאָלטאַווע צוגעשטאַנען צו דער אָרטיקער צעירי=ציון=אָרגאַניזאַציע, געווען איינער פון די אָנפירער פון איר סאָציאַליסטישן פליגל, בשעת דעם שאַרפן קאַמף צוליב דער באַציִונג צו די גרונדפראַגן פון דער רוסישער רעוואָלוציע — צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע מיטגלידער דורכגעפירט אַ שפּאַלטונג און אַריינגעטרעטן אין דער פּאַרטיי פון די לינקע פּ"צ, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פּאַרטיי=אַרבעט, אָנגעהויבן צו שרייבן אין דער אָרטיקער רוסישער אַרבעטער=צייטונג, שפּעטער אַ געוויסע צייט געוואוינט אין קאָוונע, וואו געאַרבעט אין דער פּאַרטיי און איר פּרעסע. סוף זומער 1921 צוריקגעקומען קיין וואַרשע, אַ פּאָר יאָר געווען טעטיק אַלס לערער אין די יידיש=וועלטלעכע פאָלקסשולן און אין די אָוונטשולן פאַר יוגנטלעכע אַרבעטער, געווען אַ מיטגליד פון צ"ק פון די יידישע סטודענטישע זעלבסטהילף=אָרגאַניזאַציעס אין פוילן, לעצטנס זיך אינגאַנצן געווידמעט דער זשורנאַליסטישער טעטיקייט אַלס נאָענטער מיטאַרבעטער פון די פּאַרטיי=אָרגאַנען „אַרבייטער=צייטונג" און „פרייע יוגנט", אויך א"פּ יוסף א"אַ. אין בראָשורפאָרם פאַרעפנטלעכט „קרימער טעריטאָריאַליזם

און פּראָלעטאַרישער פּאַלעסטיניזם" און
אַ ביאָגראַפיע פאַר דער יוגנט „בער
באָראָכאָוו לעבן". פאָרט אויך אַרום
מיט רעפעראַטן איבער פּאָליטישע פראַגן.
צייכנט זיך אויס צווישן די פּ"צ־פּובלי־
ציסטן אַלס סטיליסט און שאַרפער
פּאָלעמיסט.

ראָזענבוים מנחם = מענדל (שבט
1870 —) געב׳ אין פלעשטשע־
ניץ, מינסקער גוב׳, אַלס זון פון אַ סוחר,
אַ ייד אַ למדן און אַ הייסן חסיד, אַ מקורב



פון ליבאַוויטשער
הויף. ביז בר־
מצווה געלערנט
אין חדר און ביים
שטעטלשן רב
משכיל־לא־תן, זיך
גרייטנדיק צו
רבנות, בשתיקה
אָבער געלייענט
אין בית־מדרש ביז שפּעט אין דער נאַכט די
השכלה־ביכלעך, דאַן אַוועק ווייטער לער־
נען קיין ווילנע, אָבער אָנשטאָט ש"ס און
פּוסקים זיך גענומען צו אַלגעמיינער ביל־
דונג, דורכשלאָגנדיק זיך מיט געבן
שטונדן. אונטער דער ווירקונג פון חנן
(שאַרל) ראַפּאָפּאָרט — אַרום 1887 אַריינ־
געצויגן געוואָרן אין די סאָציאַליסטישע
קרייזלעך, אָנגעפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן
די תלמידים פון די ווילנער מיטלשולן
און פון יידישן לערער־אינסטיטוט און
צווישן ענגערע קרייזן יידישע אַרבעטער,
זיך אויך פאַרנומען מיט אַן אויפקלערונגס־
אַרבעט צווישן די ווילנער ישיבה־בחורים
(צווישן זיי זיינען דאַן געווען איסר גינז־
בורג און אברהם וואַלט־ליעסין). 1892 גע־
צוואונגען צו פאַרלאָזן רוסלאַנד — אַ גע־
וויסע צייט געהערט לעקציעס אין אוני־
ווערסיטעט, דאַן אַוועק קיין ציריך, וואו
באַלד צוגעשטאַנען צו דעם דאַן דורך
זיין חבר שאַרל ראַפּאָפּאָרט, ד"ר חיים
זשיטלאָווסקי, רוסאַנאָוו א"אַ געגרינדעטן
„פאַרבאַנד פון רוסישע סאָציאַליסטן־רע־
וואָלוציאָנערן" און — לויט זשיטלאָווסקי —
איז „נאָר מיט זיין צושטיין צריין אין
„פאַרבאַנד" יענע קראַפט, וואָס האָט
פאַרזיכערט זיין לעבן און זיין ווייטער־
דיקע אַנטוויקלונג" אַדאַנק די גלענצנדע
מעלות זיינע: „אַ שטרענג לאָגישער קאָפּ,
אַ קרעפטיקע העלע דענקקראַפט..., אַ קו־
ראַזשירטער גייסט..., געפּאָרט מיט אַ שטאַר־
קער ליבע צו אַלע ליידנדע און פאַר־
פאָלגטע, מיט אַ שאַרף אויסגעשפּראָכענעם
פליכט־געפיל און אַן אַלץ אין קאָן
שטעלנדער רעוואָלוציאָנערער ליידנשאַפט".
אַדאַנק ר'ן זיינען צו דער נייער פאַרטיי
צוגעצויגן געוואָרן אַזעלכע פערזענלעכ־
קייטן, ווי די באָבע פון דער רוסישער
רעוואָלוציע ברעשקאָ־ברעשקאָווסקאַיאַ,
גערשוני אפּ"א. ר' האָט זיך דערהויפּט
אָפּגעגעבן מיט טראַנספּאָרטירן אומלעגאַלע
ליטעראַטור פון אויסלאַנד קיין רוסלאַנד.
1898 אַרעסטירט און צום ערשטן מאָל
אַיינגעזעצט געוואָרן אין דער פּעטער־
פּאַוול־פעסטונג, 1900 אַרויסגעשיקט אונ־
טער פּאָליציי־אויפזיכט קיין טשערניגאָוו,
אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, געלעבט אין
שווייץ, פּאַריז, לאָנדאָן, בוקאַרעשט, לעמ־
בערג, באַזוכט 1903 צוליב געלט־פּראָפּאַ־
גאַנדע פאַר דער פּאַרטיי אַמעריקע און
זיך ווייטער פאַרנומען מיט טראַנספּאָר־
טירן ליטעראַטור קיין רוסלאַנד, ביז ער
איז 1903 ווידער אַרעסטירט געוואָרן,
אין דער איינזאַמקייט פון זיין קאַמער
קראַנק געוואָרן, סוף 1905 באַפרייט —
אַוועק קיין אַמעריקע, שטודירט אַגרי־
קולטור אין נ"יער אוניווערסיטעט, נאָכן
ענדיקן — 1910 פּראַקטיש געאַרבעט אַלס
פאַרמער, דאַן געווען אָנגעשטעלט ביי
דער יידישער אַגריקולטור־געזעלשאַפט.

1914 זיך באַזעצט מיט זיין פאַמיליע אויף אַן אייגענער פאַרם, וואו זיך דערהויפּט פאַרנומען מיט היגער=האָדעוואַניע. נאָך דער באַלפור=דעקלאַראַציע אונטער דער השפּעה פון זיין אינטימסטן פריינד ד״ר חיים זשיטלאָווסקי צוגעשטאַנען צו דער פ״צ=באַוועגונג, 1921 זיך באַזעצט אין נ״י, צו יענער צייט אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן אין „דעם טאָג״ און „דער צוקונפט״ זיינע „ערינערונגען פון אַ סאָציאַליסט=רעוואָלוציאָנער״, וועלכע זיינען אַרויס אין בוכפאָרם, אין 2 ב׳ (I ב׳— „ד״ר חיים זשיטלאָווסקי=פ״ג״, נ״י, 1921, ז׳ LVIII — „די אַנטשטעהונג פון דעם „סאָיוז רוסקיך סאָציאַליסטאָוו=רעוואָלוציאָנעראָוו״/אײַנלייטונג פון דר. ח. זשיטלאָווסקי + 262; II ב׳ — נ״י = וואַרשע, 1924, ז׳ 377, מיט אַ נאָמען=רייסטער און מיט בילדער פון אַ ריי סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן). די דאָזיקע „ערינערונגען״ געשריבן אין אַ זאַפטיקן יידיש מיט אַ פיינעם זין פאַר פלאַסטישער אויסדריקלעכקייט, מיט אַ ליכטיקן הומאָר און אַן אָפן אויער פאַר שטילע ריין מענטשלעכע טענער אינמיטן דעם שטורעם פון טעראָריסטישן קאַמף, זיינען אַן ערשטקלאַסיקער מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון דער רוסישער סאָציאַל=רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַחוצדעם פאַרעפנטלעכט אַ דערציילונג Ночь надъ Свѣтлое Воскресенье (זיין ערשטע געדרוקטע זאַך — אין אַמפיטעאַטעראָווס Красное Знамя 1905), אַ סעריע פּאָפּולערע שמועסן וועגן פיזיק אין דער פילאַדעלפיער „אידישער וועלט״ און אייניקע דערציילונגען און שירים אין דער פ״צ׳יסטישער „צייט״ און „דער צוקונפט״ א״פ מואַבנעזאַער. 1923 — 24 באַזוכט צוזאַמען מיט ד״ר זשיטלאָווסקין פוילן, שפּעטער באַזעצט זיך אין א״י (זע דעם אויסצוג פון זיינעם אַ בריוו צו י״א מעריסאָנען אויס חיפה — אין די „פרייע שריפטן״ III).

ראָזענבוים יעקב=חיים (ט״ו שבט 1890 —) געב׳ אין ראָזשישטש, וואָלין. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר, דאַן אַ געוויסע צייט געווען אַ עקסטערן אין זשיטאָמיר, אַרום 1908 געקומען קיין ווילנע, וואו געלעבט ביז 1920, אַרבעטנדיק אַלס אָנגעשטעלטער אין פאַרשיידענע קהלשע אינסטיטוציעס, דערנאָך געלעבט אין קאָוונע, בערלין און לעצטנס — אין ריגע אַלס באַאַמטער פון „היאַס״. האָט פון צייט צו צייט געדרוקט לידער, איינאַקטערס און אַרטיקלען, דערהויפּט וועגן טעאַטער, אין אייניקע ווילנער און קאָוונער אויסגאַבן, ווי ליפּמאַנ לעווינס „ווילנער וואָכנבלאַט״, „יידישער צייטונג״ 1919, שאַליטס „לעבען״, זינגמאַנס „וויספּע״ א״אַ, אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט אַן איינאַקטער „חתונה האָבען״ (ווילנע, 1913) און אַ דראַמע אין 3 אַ׳ א״ט „צוריק אַהיים״ (ווילנע, 1917). האָט אַרויסגעגעבן 2 נומ׳ „ליטעראַרישע העפטען״ 1916, אַ וואָכנבלאַט „דער עמיגראַנט״, קאָוונע — ריגע, 1922 — 23 (אַרויס 60 נומ׳) און אַ אילוסטרירטן זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, קונסט און טעאַטער „די וואָך״, ריגע 1927—28 (אַרויס 20 נומ׳).

ש. לאַנדינסקי, אין „לעבענס-פראַגען״, 1916, 33; מ. שאַליט, אין „ווילנער זאַמעלבוך״, II.

ראָזענבלאַט (אפרים) פראַנק (11/V 1884—7/XI 1927) געב׳ אין לאָבין, וואָלין, אין אַ פרומער לומדישער משפּחה. זיין פאָטער, בנימין, אַ ייד אַ למדן, גוט באַקאַנט מיט דער העברעישער און גריכישער פילאָסאָפיע, איז געווען אַ סוחר. ביז 12 יאָר האָט ר׳ געלערנט אין חדר

און בית־מדרש, שוין געהאַלטן ביי באַקומען סמיכות אויף רבנות. דאַן אָנגעהויבן צו לייענען די העברעיִשע ליטעראַטור, און ליליענבלומס „חטאת נעורים" האָט געמאַכט אויף אים

אַ באַזונדערס שטאַרקן רושם. צו 13 יאָר זיך אָנגעהויבן צו לערנען רוסיש, אין משך פון 4 חדשים געקענט גוט די רוסישע גראַמאַטיק, פאַרגעטערט באַגראָוון און פריזגן, שפּעטער — טורגעניעוון און טאָלסטאָיען, געשעפּט זיין גייסטיקע יניקה פון Восходъ און „המליץ", שפּעטער — פון Жизнь און Русское Богатство, געווען אונטערן גוואַלדיקן איינדרוק פון גאָרקי, אַנדרעיעוו, טשעכאָוו, מעטערלינק, מאָפּאַסאַן, אַלס אידעאַל פון אַ קריטיקער באַטראַכט פּיסאַרעוון. צו יענער צייט, אַרום 1900, האָט אויף אים געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג ד"ר הערצלס „אַלטנייַלאַנד" און די ציוניסטישע אידעע בכלל, אָבער אין אַ יאָר צוויי אַרום האָט אים די סאָציאַליסטישע און דערהויפּט די בונדיסטישע באַוועגונג אָפּגעצויגן פון דעם ציוניזם, הגם אין האַרצן האָט ער אויך שפּעטער געהאַט אַ סענטימענט צו דער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג און שוין אַלס בונדיסט אַפילו עטלעכע יאָר געקויפט אַ שקל. ער האָט פלייסיק שטודירט די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור און זינט 1902 געווען אַקטיוו אין „בונד" אין זשיטאָמיר, מאַי 1903 אַרעסטירט געוואָרן, אַנטלאָפן דורך גאַליציע אין דער שווייץ, 6 חדשים פאַרבראַכט אין ציריך און אין סעפּטעמבער געקומען קיין אַמעריקע. געאַרבעט צוערשט אין אַ שאַפּ, געהונגערט און שטודירט, 1907 געענדיקט דעם קאָלומביאַ־קאָלעדזש, 1910 — דעם קאָלומביאַ־אוניווערסיטעט מיטן טיטל ד"ר פילאָסאָפיע, 1910 — 12 געווען עקאָנאָמישער עקספּערט פון דעם טאַריף־ראַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, 1912 — 14 עקאָנאָמישער עקספּערט פון דעם אַרבעטס־דעפּאַרטאַמענט פון שטאַט נ"י און אַדאַנק אים איז אין די אַקטן פון דעם דעפּאַרטאַמענט אַריין אַ שטיק געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, 1914 — 16 גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג, 1917 — 18 דירעקטאָר פון ביוראָ פאַר פילאַנטראָפּישער אויספאָרשונג און פון ביוראָ פאַר אינפאָרמאַציעס ביי דער נ"יער קהילה, 1919 — 20 דירעקטאָר פון „דזשאָינט דיסטריביושן קאָמיטע" פאַר רוסלאַנד און סיביר, 1921 — 22 עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון „דזשאָינט" אין אַמעריקע, 1923 מיטגליד פון דעם אייראָפּעיִשן עקזעקוטיוו־ראַט פון „דזשאָינט", 1924 — 25 דירעקטאָר פון ביוראָ פאַר יידישע סאָציאַלע פאָרשונגען אין אַמעריקע, זינט 1925 געווען פּרעזידענט פון דער פאַרלאַגס־פירמע Frank Maurice. געווען טעטיק אין דער אַרבעטאָרישער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג, 1904 — 8 געווען מיטגליד פון „צענטראַלן פאַרבאַנד פון ,בונד' אין אַמעריקע", איינער פון די גרינדער פון „פּיפּלס־רעליף", גרינדער פון דעם „אַרבעטער־קאָמיטעט פאַר יידישע נאַציאָנאַלע רעכט" און פון „אַרבעטער־קאָמיטעט פאַר פּאַלעסטינע". — ייִנגלווייז געשריבן העברעיִשע שירים, צו 15 — 16 פאַרפאַסט אַן אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן, אונטער דער ווירקונג פון ש. פרוג אָנגעהויבן צו שרייבן לידער אין רוסיש, 1900 — 1 געדרוקט סקיצן אין Будущ-

ность און דעם זשיטאָמירער טאָגבלאַט Волынь, אין וועלכער צייטונג ער האָט 1903 פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און שפּעטער פון דער שווייץ קאָרעספּאָנדענצן און בילדער אויס דעם רוסישן סטודענטנלעבן, ערשט אין אַמעריקע אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין יידיש אַלס מיטאַרבעטער פון דער „פ. א. ש.", „צייטגייסט", „צוקונפט" א"אַ פּעראָדישע אויסגאַבן, 1905 — 6 געווען מיטרעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט". אַחוץ אַרטיקלען איבער סאָציאַל=פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן האָט ער דערהויפּט געשריבן איבער ליטעראַטור, יידישער און אַלגעמיינער, און פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי גרעסערע אָפּהאַנדלונגען איבער יידישע שריפטשטעלער, אַזוי אַז איין צייט איז ער געווען דער אָנגעזעענסטער יידישער קריטיקער אין אַמעריקע, א"פ בן=יקיר (האָט אויך געשריבן א"פ צעקוס). פון זיינע ליטעראַריש=קריטישע אָפּהאַנדלונגען אין „צוקונפט" איז צו דערמאָנען: „מיכאַילאָווסקיס פילאָזאָפיע", „מיכאַילאָווסקיס פּאָלעמיק מיט מאַרקסיסטען" (1904), ד. ל. מאָרדאָווצעוו, בעלינסקי, דאָבראָליובאָוו, פּיסאַרעוו, ש"ע (1905), מ. גאָרקי (1907), א. רייזען, י"מ ווייסענבערג (1909), מ. ווינטשעווסקי (1911, II), מאָריס ראָזענפעלד (1913, X) א"אַ. אַחוצדעם האָט ער איבערזעצט אויף ענגליש דאָס דייטשע בוך „די געלט=סיסטעמען אין דייטשלאַנד" (אַרויסגעגעבן פון דער פעדעראַלער רעגירונג, 1909, אַרום 300 ז') און פאַרפאַסט אַ אָריגינעל ווערק The Chartist Movement (פ"ג לאַנגמאַן און גרין, נ"י— לאָנדאָן, 1916), וואָס ווערט פאַררעכנט אַלס איינע פון די בעסטע אַרבעטן וועגן דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג.

האָט אויך רעדאַקטירט דעם זשורנאַל Jewish Social Service Quarterly, 1923—24. האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ערנסטקייט און באַשיידנקייט, מיט זיין גרויסער ערודיציע אין סאָציאַלע פראַגן, מיט זיין ליבשאַפט צו ליטעראַטור און קונסט. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געווען דערווייטערט פון יידישן קולטור=געזעלשאַפטלעכן לעבן און געשטאָרבן אַ האַלב פאַרגעסענער פון די יידישע מאַסן, פאַר וועלכע ער האָט אַזוי פיל געאַרבעט.

א. רייזען, „עפּיזאָדן פון מיין לעבן", קאַפּ' 55; ה. לאַנג, אין „פאָרווערטס" פון 9/XI 1927; איווענסקי, אין „וועקער", 314; מ. ר(עגאַלסקי), אין „אידישער צייטונג" פון 11/XI 1927; ב. וולאַדעק, אין „צוקונפט" 1927, XII; ib, 1914, XII.

ראָזענבערג אַברהם (186... —) 1882 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, צוערשט געאַרבעט ביי פאַרשיידענע מלאכות, געפּעדלט מיט שוועבעלעך, געווען אַ מצה=בעקער און אַ פּאַריקמאַכער, דאַן אָנגעקומען אין אַ שניידערשאַפּ, אָנגעהויבן צו נעמען אַן אָנטייל אין דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג, געווען גרינדער פון דעם אַנאַרכיסטישן „פאָרטבילדונגס=פאַראיין", איינער פון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון די יידישע יוניאָנס, מיטגליד פון דעם עקזעקוטיוו=ראַט פון דער קלאָוקמאַכער=יוניאָן און יאָרנלאַנג פּרעזידענט פון „דער אינטערניישאָנעל ליידיס גארמעט וואָירקערס יוניאָן". זינט 1910 האָט ער געדרוקט זיינע זכרונות אין „דער נייער פּאָסט" — דעם ערשטן וועכנטלעכן אָרגאַן פון דער קלאָוקמאַכער=יוניאָן, געגרינדעט נאָכן גענעראַל=שטרייק פון די יידישע שניידער 1910, אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט א"ט „די קלאָוקמאַכער און זייערע יוניאָנס" (אַרויסגעגעבן פון דער קלאָוק=

אָפּערייטאָרס יוניאָן, לאָקאַל 1, נ״י, 1920, ז׳ XVII+251), לעצטנס געשריבן אַ סעריע אַרטיקלען פון דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג אין אַמעריקע אין „מאָרגען זשורנאַל״.

אבּ. קאהאן, „בלעטער פון מיין לעבן״, III.

ראָזענבערג אברהם=חיים (17/X 1838 — 12/VII 1925) געב׳ אין קאַרלין (פּינסק), פּאָלעסיע. זיין פאָטער, עוזיאל יפה, אַ גרויסער למדן, דיין אין בית=דין פון ר׳ יעקב קאַרלינער, האָט געשטאַמט אין צענטן דור פון דעם בעל=הלבושים. צו 6 יאָר האָט ר׳ אָנגעהויבן צו לערנען מיטן פאָטער



דיקדוק און העברעיש און ערשט צו 9— גמרא און פּוסקים, געווען אַ חבר פון יצחק=יעקב ריינעס, דעם שפּעטער באַרימטן ראש=ישיבה פון לידע און גרינדער פון „מזרחי״, און צוזאַמען מיט אים געלערנט תּלמוד און גפ״ת. נאָך דער חתונה אָפּגעזעסן די פיר יאָר קעסט ביים שווער, ניט אויפהערנדיק דערביי צו לערנען און צו לייענען, אויך צו פּרווון שרייבן מאמרים און סיפּורים, האָט ר׳ אַדאַנק דער רעקאָמענדאַציע פון לאָמזשער רב ר׳ נח=יצחק דיסקין באַקומען די פאַרטרעטונג פון דער שטעטינער אויסגאַבע פון תּלמוד מיט די מפרשים, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן צו דרוקן, אָבער צוליב דעם פּוילישן אויפשטאַנד, וואָס האָט אַראָפּגעזעצט דעם קורס פון רובל צו 40 קאָפּ׳, האָט ער פאַרלוירן אין דעם געשעפט זיבעצן טויזנט רובל נדן. דערווײַלע איז געשטאָרבן זיין פרוי, אים איבערלאָזנדיק מיט פיר יתומים, און ער איז אַוועק זוכן חיונה קיין קיעוו, פון דאָרט איינגעלאַדן געוואָרן אַלס לערער פון העברעיש און אַלגעמיינע לימודים אין דעם הויז פון דעם גביר יונה בעלאַקאָווסקי קיין קאַניעוו פאַר טויזנט רובל אַ יאָר, אין צוויי יאָר אַרום אָנגעקומען אין דער ראַבינערשול אין זשיטאָמיר און נאָכן ענדיקן זי — 1872 אויסגעווײַלט געוואָרן אַלס ראַבינער אין פּינסק, וואו ער האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט, געגרינדעט דאָרט אַ שול מיט אַ ברייטער פּראָגראַם פאַר העברעישע לימודים, 1881 איינגעלאַדן געוואָרן אַלס ראַבינער קיין ניקאָלאַיעוו, אין דער דאָזיקער שטאָט זייער פיל אויפגעטאָן פאַר דער פאַרשפרייטונג פון העברעיש צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט, פאַרפאַסט אויך אַ יידישע געשיכטע אין רוסיש, אָבער צוליב די רדיפות פון דעם אַנטיסעמיטישן שעף פון דער ניקאָלאַיעווער זשאַנדאַרמעריע 1888 אַריבער אויף אַ ראַבינער=פּאָסטן קיין פּאָלטאַווע, נאָר אויך דאָ האָט אים געטראָפן דער צאַרישער פאַרפאָלגער. צו יענער צייט איז שוין ר׳ס נאָמען געווען גאַנץ פּאָפּולער דורך זיין אָנטייל אין דער רוסיש=יידישער און העברעישער פּרעסע, און שפ״ר האָט אים אַפילו איינגעלאַדן צו קומען קיין וואַרשע מיטאַרבעטן אין דער העברעישער ענציקלאָפּעדיע „האשכול״, אָבער מיד פון די רדיפות האָט ער 1891 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, כדי צו קענען זיך רויק אָפּגעבן דער שוין דאַן פאַרטראַכטער אַרבעט זיינער „אוצר השמות״. דאָ האָט ער אָפּגעקויפט ביי זיין שוואָגער שמ״ר זיין דרוקעריי, כדי ווי עס איז צו האָבן חיונה און צו דרוקן זיין „אוצר״, פון

וועלכן ער האָט די ערשטע צוויי חלקים אַליין געזעצט (אַרויס תרנ״ח און תרנ״ט). — נאָך אין רוסלאַנד אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט אַרטיקלען, דערהויפּט אויפן געביט פון חכמת ישראל, אויף וועלכן ער איז געווען אַ גרויסער בר=סמכא, און אויך מיט דערציילונגען—אין Русскiи Еврей, Восходъ, Разсвѣтъ, Еврейскiя Записки (ריגע), „המליץ״, „הכרמל״, „האשכול״ א״אַ. האָט ער אין נ״י רעדאַקטירט דאָס וואָכנבלאַט „העברי״ (אַרויסגעגעבן פון כתריאל שרהזאָן 1891) און שפּעטער אַרויסגעגעבן דעם העברעיִשן ליטעראַריש=וויסנשאַפטלעכן חודש = זשורנאַל „נר המערבי״ (1895, אַ געוויסע צייט — צוזאַמען מיט ד״ר אַדאָלף ראַדין), זיך אויך באַטייליקט אין „הלאום״, „היום״, „המודיע לחדשים״, אין אייזענשטיינס „אוצר ישראל״ א״אַ. זיין אויבנדערמאָנטע לעבנסאַרבעט איז געווען דאָס קאַפּיטאַלע און ווערטפולע ווערק אין 10 בענד „אוצר השמות / אשר בכתבי הקודש״ — אַ ענציקלאָפּעדיע פון די נעמען פון תנך (הוצאה שניה על ידי הועד הנוסד להשלמת הספר, נ״י, תרפ״ג). אין אַמעריקע האָט ר׳ אויך אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש, אין דעם וואָכנבלאַט „דער אידישער פאַרמער״ (אַרויסגעגעבן 1891 פון דעם באַראָן=הירש=פאָנד) פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען וועגן ערדאַרבעט ביי יידן אין דער צייט פון די נביאים און פון תלמוד, שפּעטער מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע יידישע צייטונגען, ווי „יידישעס טאַגעבלאַט״, מיניקעס „בלעטער״ א״אַ, געשריבן וועכנטלעך וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין „אַמעריקאַנער״ און אין „מאָרגען זשורנאַל״ (צ״אַ—אַ גרעסערע אַרבעט „די געשיכטע פון עלילת דם״). פון זיינע אַרבעטן אויף יידיש זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „אברהם אבינו׳ס לעבענס בעשרייבונג״ און „גירוש שפּאַניען״ (פ״ג „היברו פּאָבלישינג קאָ״, נ״י) און די 12בענדיקע אילוסטרירטע „וועלט = געשיכטע״ פון פּאָגט, איבערגעזעצט א״ר פון אלכסנדר האַרקאַווי, אַ פּראָדוקט פון 10 יאָר אַרבעט, ביי וועלכער עס זיינען אויך אויסגעניצט געוואָרן אַנדערע מקורים און ס׳איז אַריינגעפלאָכטן געוואָרן די יידישע געשיכטע ביז דער באַלפור=דעקלאַראַציע מיט אַ ספּעציעלן קאַפּיטל וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור, אָבער געשעפּט פון דעם פאַרעלטערטן ווערק פון פּראָפ׳ לעאָ ווינער (דערז׳ פ״ג, 1918).

„חכמי ישראל באמריקא״; „השלח״, VIII, ז׳ 547; JE, X; EƏ, XIII; ד״ר משה ראַבינסאָן, „עובדות ומאורעות מחיי ר״, אין דעם I ב׳ פון „אוצר השמות״; צבי טאַרלאָווסקי, אין ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן״, 1925, 207.

ראָזענבערג (יהודה=) יודל (1865 —) געב׳ אין סקאַרישעוו, ראַדעמער געגנט, אין אַ חשובער רבנישער משפּחה, וואָס ציט איר יחוס פון ר׳ יהודה החסיד; זיין פאָטער, ישראל=יצחק, האָט געשטאַמט פון דעם מקובל ר׳ יעקב=קאָפּל, דעם מחבר פון „שערי גן עדן״, די מוטער—פון ר׳ מאיר דעם



אַפּטער צדיק. דערצויגן אויף תורה און חסידות, אין דער יוגנט געשמט אין שטעטל און דער סביבה אַלס „סקאַרישעווער עילוי״, צו 17 יאָר חתונה געהאַט

קיין טאַרלע מיט אַן אָפּשטאַמלינג פון ר׳ מאיר אָסטראָווצער, צו 20 יאָר באַקומען סמיכה, צו 25 געוואָרן אבֿ״ד אין טאַרלע, אין אייניקע יאָר אַרום פון ר׳ שניאור-זלמן פון לובלין איינגעלאַדן געוואָרן אַלס דיין, אַז ר׳ שניאור-זלמן איז אַוועק קיין א״י, זיך באַזעצט אַלס דיין אין וואַרשע, שפּעטער אַריבער אַלס מורה-הוראה קיין לאָדז, 1912 איינגעלאַדן געוואָרן פון די פּוילישע יידן אַלס רב קיין טאָראָנטע, פון וואַנען ער איז דערנאָך אַריבער קיין מאָנטרעאַל, וואו ער איז די לעצטע יאָרן ראבֿ״ד פון דעם פאַרבאַנד פון די אָרטאָדאָקסישע קהילות. — ר׳ האָט פאַרפאַסט אַ ריי רבנישע חיבורים, ווי „ידות נדרים״—חידושים אויף דער מס׳ נדרים און שיטות הש״ס, „אור צח״, „דרשה צמר ופשתים״ — וועגן שעטנז, „מקוה יהודה״ ווי אַזוי צו מאַכן אַ קליינע מקוה אין יעדן הויז, „מאור החשמל״ — שו״ת וועגן עלעקטרישער באַלייכטונג אום שבת און יום-טוב (מאָנטרעאַל, 1924, ז׳ 16) א״אַ. פון זיין „ספר קריאה הקדושה / הוא שלחן ערוך על הלכות ומנהגים של קריאת התורה״ (נ״י, תרע״ט, ז׳ 128) איז „דער חלק שני מיט אַן איבערזעצונג אין אידיש אַז אַלע קלאַססען אידען זאָלען פערשטעהן די דינים״. אין דער העברעישער ליטעראַטור האָט ר׳ זיך געמאַכט אַ שם מיט זיין איבערזעצונג פון זוהר אויף לשון-קודש, פון וועלכער עס זיינען שוין אַרויס אַ 7 ט׳ א״ט „שערי זהר תורה״ (דער 7טער ט׳ איז אויף תהילים). אַ באַזונדערן אינטערעס האָבן זיינע פאָלקסביכער אין לשון-קודש און יידיש „ספר אליהו הנביא״, „ספר רפאל המלאך״, „נפלאות מהר״ל מפראג״, „תפארת מהרא״ל משפאלא״, „דברי הימים לשלמה המלך״, וואָס געהערן צו די פּאָפּולערסטע פון דעם מין און ווערן עד-היום אָפט איבערגעדרוקט אין פּוילן (למשל: „דער שפּאָלער זיידע... / וואונדערליכע מופתים... / זיין לעבענס-בעשרייבונג... איבערזעצונג פון דעם לשון-קודש׳ן ספר תפארת מהרא״ל... מיט דעם רשות פון בעל מחבר יודל ר׳... טאַרלער רבי פון לאָדז״, לאָדז, 1926, ז׳ 160). זיין ספר „נפלאות מהר״ל מפראג״ איז אַ זייער רייכע זאַמלונג לעגענדעס וועגן דעם פּראָגער גולם און זיין שעפער ר׳ בצלאל ליוואי; די דאָזיקע לעגענדעס האָט ר׳ באַאַרבעט פון אַ פּעקל כתבים, וואָס זיינער אַ קרוב, אַ מוכר-ספרים, האָט געפונען אין דער מעצער שטאָט-ביבליאָטעק און זיינען געשריבן פון דעם פּראָגער רבס איידעם ר׳ יצחק כץ; ביי דער באַאַרבעטונג האָט ר׳ ניט געענדערט זייער אָריגינעלן, נאַיִוון, פאָלקסטימלעך-טראַדיציאָנעלן סטיל און דער ספר איז דער איינציקער מקור פון דעם ציקל גולם-לעגענדעס, וואָס איז לעצטנס אַזוי פיל אויסגעניצט געוואָרן פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור. אין דעם זעלביקן גייסט און אין דער זעלביקער פאָלקסטימלעכער שפּראַך זיינען אויך געשריבן די מעשיות פון שפּאָלער זיידן, דער דאָזיקער אויסטערלישער געשטאַלט פון דעם חסידישן פאָלקס-עפּאָס, וועלכע ר׳ האָט באַאַרבעט אויפן גרונד פון אַ כתב-יד, וואָס ער האָט באַקומען פון דעם שפּאָלער זיידנס אוראורייניקלעך, ווי אויך אויפן גרונד פון עלטערע „ספורי מעשיות״ און מינדלעכע דערציילונגען. אַחוץ דעם ריין פאָלקלאָריסטישן ווערט האָבן די דאָזיקע ביידע זאַמלונגען אויך זייער אַ גרויסן קולטור-היסטאָרישן ווערט, ברענגענדיק זייער אַ רייכן מאַטעריאַל פאַר דעם פאָרשער פון דעם יידישן עקאָנאָמישן און גייסטיקן לעבן, פון די-

באַציִונגען צווישן דער יידישער וועלט
און ניט=יידישער אַז"וו. זיין ספר „רפאל
המלאך" אַנטהאַלט עצות און רעצעפּטן
פון דער פאָלקסמעדיצין און פאָלקס=
היגיענע און ווערט באַנוצט פון אַ סך
חסידישע רביים אין זייער פּראַקטיק. „ר'
באַזיצט אַ זאַפטיקן פאַרביקן העכסט
פאָלקסטימלעכן סטיל פון אַ דערציילער
סיי אין העברעיִש סיי אין יידיש; פון
זיינע מעשיות ווייט די תמימות, די באַ=
גייסטערונג, די גרויסע ליבע פון דעם
מחבר צו זיינע העלדן. ערטערווייז, באַ=
זונדערס אין די מעשיות וועגן דעם
שפּאָלער זיידן, דערהייבט זיך זיין סטיל
צו אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה,
ניט פאַרלירנדיק דערביי דעם חן פון
אומגעקינצלטער פאָלקסטימלעכער שאַ=
פונג. אַ מאַן פון אַ דיכטערישער נשמה,
מיט אַ שטאַרקער נייגונג צו מיסטיציזם,
האָט ער מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט זיך
געווידמעט די מערקווערדיקע לעגענדעס,
מיט וועלכע ס'איז אַרומגעוועבט אין
דער פאַנטאַזיע פון פאָלק דער אָפּשיין
פון די לעגענדאַרישע העלדן אליהו
הנביא, דער פּראָגער רב, דער שפּאָלער
זיידע". (א. ליטווין). — מיט יודל ר'
דאַרף מען משמעות ניט צונויפמישן
יהודה ראָזענבערג, דעם פאַר=
פאַסער פון דעם ביכעלע א"ט „הגיון
ליהודה", וואָס אַנטהאַלט צוויי לידער
אין יידיש און העברעיִש, צו דערוועקן
אין דער יוגנט ליבשאַפט צו א"י (אָדעס,
1901, ז' 15).

ב. אייזענשטאַדט, „דורות האחרונים", ז' 319—
320; א. ליטווין, „אַ רבֿ אַ פאָלקסשרייבער", אין
„פאַרבאַנד", 1925, 17; ג. זעליקאָוויטש, אין
„יודישען טאַגעבלאַט", פון 5/II 1926.

ראָזענבערג לייזער (א' אלול 1892—)

געב' אין באַדזשענטין, קעל=
צער געגנט. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע
חסידישע דערציִונג, צו 21 יאָר אויסגע=
וואַנדערט קיין טאָראָנטאָ, וואו ז'נט 1915
מיטגעאַרבעט אין אָרטיקן „אידישען זשור=
נאַל", זיך אויך באַטייליקט פון צייט צו
צייט אין אַנדערע יידישע אויסגאַבן פון
קאַנאַדע, געדרוקט מעשהלעך, סקיצן,
איינאַקטערס, פעליעטאָנען און לידער,
איבערזעצונגען (צ"אַ מאָריס מעטערלינקס
אַ דראַמע „לעבענס=סודות" — אין „אידי=
שען זשורנאַל", יולי 1918), אויך א"פּ
לייזערקע, לייזער מזיק, לייזער קאָוואַל
א"אַ, געווען צייכענער=קאַריקאַטוריסט פון
טאָראָנטער הומאָריסטישן וואָכנבלאַט „דער
מזיק" א"ר פון מ. ש. שאַפּיראָ (1920),
רעדאַקטירט אַ זמ"ב „קאַנאַדע" (פּ"ג „ווי=
סען", טאָראָנטאָ, 1919, ז' 96) — איינס
פון די ערשטע יידישע ביכער אין קאַ=
נאַדע, אָבער ליטעראַריש כמעט ווערט=
לאָז, ווי ווערטלאָז עס איז אויך ר'ס
ציקל לידער אין דעם זמ"ב — „בלעטער
פון מיין אַלבום". — איז געווען איניצי=
אַטאָר פון טאָראָנטער „ליטעראַרישן פאַר=
איין", טוער פון דער נאַציאָנאַל=ראַדיקאַ=
לער שול, גענעראַל=סעקרעטאַר פון דער
רעליף=אַרבעט און דער קאָנגרעס=באַוועֲ=
גונג פאַר דער פּראָווינץ אָנטאַריאָ בשעת
דער וועלט=מלחמה, דעלעגאַט צום קאַנאַ=
דער יידישן קאָנגרעס, מאָנטרעאַל 1918,
אאַז"וו.

ראָזענבערג שלמה (23/IV 1896—)

געב' אין דאָרף סאַדורקי,
לובלינער געגנט. דערצויגן געוואָרן אין
אַ דערבייִקן דאָרף — דער באַנסטאַציע
מאָטיטש, וואו דער פאָטער, אַ פאַר=
מעגלעכער ייד, האָט געהאַלטן צו אים
מלמדים ביז 18 יאָר, דאַן ערשט אָנגע=
הויבן צו לערנען לימודי חול, 1918
אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף 6
קלאַסן פּוילישע גימנאַזיע, 3 יאָר פאַר=

בראַכט אין א״י, וואו געיען באַשעפטיקט ביי פאַרשיידענע אַרבעטן, 1922 צוריקגעקומען קיין פוילן, זיך באַזעצט אין פולאַוו און ביז 1925 געאַרבעט אַלס זעצער, דערנאָך זיך אָפּגעגעבן מיט ליטעראַרישער אַרבעט. זיין וויכטיקסטע אַרבעט איז די איבערזעצונג פון דעם גרויסן, מיט י׳ער נאָבעל-פּרעמיע 1925 געקרוינטן ווערק פון וולאַדיסלאַוו ריימאָנט „פּויערן / עפּאָפּיי אין פיר בענדער איבערזעצט מיט דער דערלויבעניש פון מחבר״ (פ״ג „אָריענט״, וואַרשע, 1926, מיט אַן אריינפיר פון לעאָ פינקעלשטיין, I ב׳ „האַרבסט״— ז׳ XVIII+398, II ב׳ „ווינטער״, III ב׳ „פרילינג״ — ז׳ 520, IV ב׳ — 447, הילע געצייכנט י. טיקאָטשינסקי); די דאָזיקע איבערזעצונג, וואָס איז פאַרבונדן מיט די גרעסטע שוועריקייטן צוליב דער אייגנאַרטיקייט פון דער פויליש-פויערישער שפּראַך פון ריימאָנטס עפּאָפּעע, האָט צ״אַ אַרויסגערופן אַ באַגייסטערטן אָפּרוף פון שלום אַש (אין „היינט״, 1926, 212). פון זיינע אַנדערע איבערזעצונגען זיינען אַרויס: ה. סיענקעוויטשעס ראָמאַן פאַר יוגנט „איבער מדבריות און וויסטענישן״ (פ״ג ב. קלעצקין, 1928, ז׳ 436) און זשעראָמסקיס Popioły, אַחוצדעם האָט ר׳ פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט פּאָעמען און לידער, ווי אויך רייזע-בריוו פון פּאַלעסטינע, ווי אויך איינציקע קאַפּיטלען פון זיינע גרעסערע דערציילונגען „וואַלד-סוחרים״ — אויס דעם לעבן פון דער לעצטער האַסע-צייט אין פוילן, און „אידעאַליסטן״ — אויס דער חלוצישער באַוועגונג — אין וויסענבערגס „יודישע זאַמעלביכער״, II („עלי הכהנס טויט״), אַלטניילאַנד״ 1925, 11 („ביי די הרי גלבוע״), גראַפמאַנס „אילוסטרירטער וואָך״ (אויף דער זומער 1928 באַנייטער), בוענאָס-איירעסער „פאַר גרויס און קליין״, לובלינער „טאָגבלאַט״ א״אַ.

ראָזענטאַל אליעזר-דוד (כ׳ סיוון 1856 —) געב׳ אין כאָטין, בעסאַראַביע, אין דעם הויז פון זיין מוטערס פאָטער, זלמן יעווזאַראָוו — אַ מיטאַרבעטער פון באַראָן גינצבורג, וועלכער האָט אים אַראָפּגעבראַכט מיט זיך פון דער ליטע. פון פאָטערס צד שטאַמט פון אָסטרער רב ר׳ אברהם משולם



זלמן — דעם יינגסטן זון פון חכם צבי אשכנזי. אין עלטער פון 5 יאָר צוזאַמען מיט דער מוטער און מיט 3 יינגערע קינדער אַריבערגעפאָרן קיין טעלענעשט צו דעם פאָטער, ביז 11 יאָר געלערנט אין חדרים חומש, גמרא, תוספות, מהרש״א, פוסקים, דאַן געלערנט פאַר זיך אין בית-מדרש, וואו ער האָט געפונען אַ רייכע ביבליאָטעק און גאַנצע טעג פאַרבראַכט אויף די ספרי קבלה, ספרי מוסר, מדרשים, ספרי אגדה, שאלות ותשובות אאַז״וו. איינמאָל ביי אַ פאַקטרעגער באַקומען מאַפּוס „עיט צבוע״, וואָס האָט פאַר אים געעפנט אַ נייע וועלט און ער האָט באַשלאָסן זיך צו נעמען צו השכלה, געלערנט רוסיש פון מאַנדעלשטאַמס תנך-איבערזעצונג, אויך דייטש פון מענדעלסאָנס תנך-איבערזעצונג, באַהאַלטנדיק זיך מיט די דאָזיקע טרייף-פּסלען בחדרי-חדרים פון פאָטער, אָבער ווען ער האָט מנצח געווען דעם איינציקן קענער פון רוסיש

אין שטעטל, דעם קהלס=שרייבער, ביים פאַרטייטשן אַ שטיקל נייס פון דער רוסישער צייטונג וועגן דער פראַנצויזיש=פרייסישער מלחמה, האָט דער פאָטער אים מער ניט געשטערט און אַדאַנק אַ יידישן סטודענט, וואָס אַ אָרטיקער גוטסבאַזיצער האָט אַראָפגעבראַכט פון פט"ב אַלס לערער פאַר זיין זון, האָט ער זיך באַקענט מיט דער קלאַסישער און וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור פון יענער צייט, צ"אַ מיט די ווערק פון לאַסאַל, פרודאָן, לוי בלאַן, הערצען, טשערנישעווסקי א"אַ. שפעטער האָט ער געלעבט אַ לאַנגע צייט אין בעלץ, וואו צוזאַמען מיט זיין נאָענטן פריינד שבתי לערנער געפירט אַ אינטענסיווע אויפקלערערישע אַרבעט דורך פאָרלעזונגען און רעפעראַטן, פאָפולאַריזירט די העברעיִשע און יידישע ליטעראַטור, חיונה געצויגן פון לעקציעס און אָפטמאָל זיך קוים=קוים דורכגעשלאָגן מיט דער הילף פון לערנערס פרוי — דער גרעטעוועשערין. — זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ר' אָנגעהויבן מיט קאָרעספאָנדענצן און אַ פעליעטאָן „בהותר ולא באסור" אין „הצפירה", דאַן פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט אייניקע דערציילונגען אין „המליץ", „לוח אחיאסף", אין יוגנט=בוך „האביב" פון פ"ג „אחיאסף", אין „הצפה", „מולדת", I יאָרגאַנג. פון זיי איז אַרויס אין בוכפאָרם אַ זאַמלונג א"ט „כתבי א. ד. רוזנתל" (אָדעס, תרע"ד, I ט' ז' 48: „שבת", „שמועה רעה", „היתום", „שני קברים", „מתנת=התורה"). אין יידיש האָט ר' געשריבן זייער ווייניק און מיט גרויסע הפסקות. דעביוטירט אין „הויזפריינד" מיט דער דערציילונג „די תורה" (אויך געדרוקט געווען אין „המליץ" א"ט „מתנת התורה"), האָט ער שפעטער פאַרעפנטלעכט די דערציילונגען „שבת" (אין „יוד"), „דעם רופאס טאָכטער" (אין „דאָס לעבען", ד"ה „פריינד"), „אַ מוטער" (אין „מאָמענט"), ווי אויך אַ ריי פעליעטאָנען א"ט „בריף פון אַ נע=ונדניק" (אין אָדעסער „אונזער לעבען"). אין 1904 איז אונטער זיין רעדאַקציע אַרויס אַ סעריע פון 5 ביכער צו 96 ז' אַלס „ביבליאָטעק „דאָס לעבען", דהיינו: „אידיש" — אַ זאַמלונג פון 8 ר'ס דערציילונגען („דאָס אַלטע בית=מדרש", „לייבקע וואַטענמאַכער", „איטשעס תלמיד", „צווישען ווילדע", „אַ שלעכטע בשורה", „אברהמקע שוסטער", „יום=כפור", „שבת"); „אין דער פרעמד" — אַ זאַמלונג פון 8 דערציילונגען פון ווערעסאַיעוו, גאָרקי, טשעכאָוו, עדגאַר פאָ א"אַ, איבערגעזעצט פון שבתי לערנער און ר'; „די אידישע טאָרבע" — דערציילונגען פון ישעיהו לערנער; „אין קאַליפאָרניען" — דערציילונגען פון ברעטהאַרט, איבערגעזעצט פון ר'; „יוסעלע שלימזל" — ראָמאַן פון ח. טשיגירינסקי. שפעטער פאַרעפנטלעכט אויך אַ דערציילונג „די שלעכטע בשורה" (פ"ג „די ביהן", אָדעס, 1905). פאַרן קאָלעקטיוו „דעת", וואָס איז אין דער צייט פון דער בירגער=מלחמה געגרינדעט געוואָרן אין אָדעס, איבערגעזעצט פון רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש אַ 20 ביכלעך פאַר דער יידישער „אוניווערסאַל=ביבליאָטעק", וואָס דער קאָלעקטיוו האָט געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן, אָבער ווען דער פאָרשטייער פון קאָלעקטיוו, דער פאַרלעגער מ. קאַפלאַן, איז אָפגעפאָרן פון אָדעס קיין וואַרשע, האָט ער מיטגענומען די מאַנוסקריפטן מיט זיך. נאָך ניט פאַרעפנטלעכט איז אויך זיין יידישע איבערדיכטונג פון תהילים און

קהלת, אַ גרויסע דערציילונג „רחל", אַ דערציילונג פון מאָלדאַוואַנישן לעבן אין בעסאַראַביע „איוואַן דועלס חתונה", אַ גרויסע כרעסטאָמאַטיע, זיין אַוטאָביאָגראַפיע א"אַ. אין דעם לערניאָר 1918 — 19 איז ר' געווען לערער אין דער יידישער גימנאַזיע אין טעפּליק, פּאָדאָליע, דאָרט איבערגעלעבט איינעם פון די שוידערלעכסטע פּאָגראָמען און זינט דאַן אַוועקגעגעבן אַלע זיינע כוחות און צייט אויף צו זאַמלען און באַאַרבעטן די פּאָגראָם=מאַטעריאַלן, פון וועלכע ביז אַהער פאַרעפנטלעכט די מאָנאָגראַפיעס: „מעשה טעפּליק", „מאורעות טאַלנא", „חורבן ליובשובקה" און די ערשטע טיילן פון זיין פּאָגראָם=ענציקלאָפּעדיע „מגלת הפרעות" אין דעם זמ"ב „רשומות", V. פון זיינע פילע פּאָגראָם=אַרבעטן אויף יידיש (ווי „מעשה טעפּליק", „ליובאַשאָווקער חורבן", „טאַלנער געשעענישן", „קאַדימע און איוואַנאָווקע", „קריוואָאָזערער שחיטה", אויספירלעכע באַשרייבונגען פון פּאָגראָם=געשעענישן אין עטלעכע הונדערט פונקטן, גרויסע רעגיסטראַציע פון הרוגים) איז געדרוקט דערווייל נאָר „טעטיעווער חורבן" (אין חודש=זשורנאַל „אויפבוי", נ"י, 1922). געווען דער איינציקער אַרבעטער פון דער היסטאָרישער אָפּטיילונג ביים אָדעסער „יידגעזקאָם", זינט דאַן אַרבעטסלאָז און אין גרויס נויט. אין זיינע בעלעטריסטישע זאַכן שילדערט ר' בילדער און טיפן פון יידישן לעבן, גוטמוטיק און מיט דער ערלעכקייט פון אַ באַשיידענעם שריפטשטעלער.

א. שטיינמאַן, אין „מאָמענט", 1927, 138.

ראָזענטאַל אַננאַ (1/X 1872 —)

געב' אין וואָלקאָוויסק, גראָדנער געגנט, אין דער פאַמיליע העלער, וועלכע פירט איר יחוס פון תוספות=יום=טוב. פון 6 יאָר אָן פאַרבראַכט איר יוגנט אין אַ הויף ניט ווייט פון גראָדנע, וואָס איר פאָטער, אַ פאַרמעגלעכער סוחר און אַ ייד אַ משכיל, האָט אַרענדירט.

באַקומען דאָרט איר ערשטע בילדונג, שפּעטער אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אַלס הויזלערערין אין ווילנער בילדונגסקוראַטאָריום, שטודירט נאַטורוויסנשאַפט אין בערלינער אוניווערסיטעט, אָבער דאָס שטודיום ניט פאַרענדיקט. 1893—94 אַריינגעצויגן געוואָרן אין ווילנע אין דער חובבי=ציון'שער באַוועגונג, דאַן אַריבער צו דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג, אין וועלכער זי איז טעטיק פון 1896 ביז דעם היינטיקן טאָג, כמעט אָן אַן איבעררייס אַלס מיטגליד פון „בונד", 1917 אויך פון צ"ק פון דער פּאַרטיי אין רוסלאַנד. אַ סך זיך אָפּגעגעבן די ערשטע יאָרן מיט אַרויסגעבן פּאָפּולער=וויסנשאַפטלעכע און פּאָליטישע ליטעראַטור פאַר אַרבעטער אויף יידיש, געווען אַ מיטגליד פון די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן" צוזאַמען מיט איר מאַן פנחס ר'=אַנמאַן (חתונה געהאַט מיט אים 1899), געווען עטלעכע מאָל אַרעסטירט, דריי מאָל פאַרשיקט, מערץ 1904 גענומען אַן אָנטייל אין באַוואָפנטן אויפשטאַנד פון די פּאָליטישע פאַרשיקטע אין יאַקוטסק („ראָמאַנאָווקע"), פאַרמשפּט צו 12 יאָר קאַטאָרגע, נאָוועמבער 1905 צוזאַמען מיט אַלע „ראָמאַנאָווקער" אַמנעסטירט, צוריקגעקומען קיין ווילנע, אַלס מיטגליד פון ווילנער קאָמיטעט פון „בונד" געווען אַקטיוו אין דעם קאַמף פאַר

יידיש אין דער ווילנער אָפּטײלונג פון דער „חברה מפיצי השכלה", געווען מיטגרינדערין פון דער ביבליאָטעק פון דער חמ"ה אין ווילנע, וועלכע איז איצט איינע פון די באַדייטנדסטע יידישע ביבליאָטעקן אין פוילן, 1914 — 15 באַ־טייליקט זיך אין גרינדן די ערשטע יידישע קינדערהיימען אין ווילנע פאַר די קינדער פון די היימלאָזע, 1915—17 איז פט"ב גענומען אַן אַנטייל אין דער פעדאַגאָגישער אַרבעט פון „אָזע", 1919—20 זיך באַטייליקט אין ביבליאָטעק־אַרבעט פון דער קולטור־ליגע, דאַן צו־ריקגעקומען קיין ווילנע, זינט 1921 מיטגליד פון דעם יידישן צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט אין ווילנע און זינט 1925 — פון דער ציש"אָ אין פוילן און פון דער ביבליאָגראַפישער צענט־ראַלע פון ייוו"אָ. לויט דער פּראָפע־סיע אַ צאָנדאָקטאָרין, איז ר' דערהויפּט טעטיק אַלס לערערין און טוערין פאַר אויסערשול־אַרבעט, 1921 — 27 געווען פאַרוואַלטערין פון דער אָוונטשול א"ב י"ל פרץ אין ווילנע (געאַרבעט אין דער שול אויף יידיש נאָך פאַר דער מלחמה). פון צייט צו צייט זיך באַטייליקט אין דער בונדישער פּרעסע מיט קליינע אַרטיקלען אויף אַקטועלע פראַגן און מיט קאָרעספּאָנדענצן. צוזאַמען מיט פ. ר' אַרויסגעגעבן אַ בראָשור וועגן „קעטער־סיסטעם אין די יידישע ביב־ליאָטעקן" (פ"ג „קולטור־ליגע", קיעוו, 1921).

ראָזענטאַל זלמן (1892 —)

געב' אין טעלענעשט, בע־סאַראַביע, אין אַן אָרעמער, אָבער יחוס־דיקער פאַמיליע, וואָס שטאַמט פון חכם־צבי אשכנזי און יעקב עמדין. זיין פאָ־טער, אַ ברודער פון אליעזר־דוד ר', האָט אַ געוויסע צייט אַרענדירט לאַנקעס פאַר דער טשערעדע און פלעגט אָפט מיטנעמען ר'ן אין דאָרף אַריין, וואו ער האָט דערקענט די נאַטור, דאָס פעלד, דעם ווייַנגאָרטן, דאָס לעבן פון די פּויערים און

פון די דאָרפסיידן, און דאָס איז שפּע־טער געוואָרן דער לייטמאָטיוו פון זיי־נע בעלעטריסטי־שע ווערק. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר און — צו דער גרעסטער אומצופרידנקייט פון זיין פרומען זיידן — דערהויפּט תנך און העברעיש, אָבער אויך באַוויזן דורכצוגיין עטלעכע מסיכתות, דאַן צוליב שכר־לימוד אָפּגענומען געוואָרן פון חדר און אָנגע־הויבן צו לערנען רוסיש, כמעט אָן זיי־טיקער הילף, אויסגעהאַלטן עקזאַמען אין צווייטן קלאַס פון דער קעשעניעווער קאָמערץ־שול, אָבער ניט געהאַט קיין מיטלען צו פאַרבלייבן אין דער גרויסער שטאָט און געמוזט צוריקפאָרן אַהיים, ווייטער געלערנט, געשלונגען די יידישע צייטשריפטן, וואָס פלעגן אָנקומען אין שטעטל, מיט דער גרעסטער פאַראינטע־רעסירטקייט זיך צוגעהערט צו די פאַר־לעזונגען פון זיין פעטער, וועלכער האָט פון צייט צו צייט באַזוכט דאָס שטעטל צו זאַמלען חותמים פאַר זיין ביבליאָטעק „דאָס לעבן", אַלס 13יעריקער ייִנגל אַ ווינטער זיך אָפּגעפּלאָגט אין אַ דאָרף אַלס לערער, געגעבן לעקציעס אין שטעטל, דאַן זיך אַוועקגעלאָזט קיין אָדעס, וואו ראַבניצקי האָט אים מקרב געווען, אָפּגעדרוקט זיין ערשטע זאַך — אַ „מאָנאָלאָג פון אַ שוויגער" — אין ספּעקטאָרס „אונזער לעבן", א"פ ש. אשכנזי. דאַן זיך בראשו וברובו אַרייַנ־

געטאָן אין דער פּ״צ־באַוועגונג, שפּעטער פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט אין טאָגבלאַט „גוט מאָרגען״ א״ר פון משה טייטש קליינע בילדלעך, פון וועלכע עס האָבן ביי די לעזער באַזונדערס אויסגענומען די פעליעטאָנען איבער אָדעסער יידיש און יידישקייט א״פ יידל טשאַד, 1913 — 14 געדרוקט לידער אין בוענאָס־איירעסער זשורנאַל „דער שטראַהל״, דערציילונגען אין „העולם״, אין אָדעסער „אונזער לעבען״, 1914 געגרינדעט אין טעלענעשט אַ שול און 3 יאָר נאָכאַנאַנד זיך מוסר־נפש געווען פאַר דער שול־אַרבעט, ניט אויפהערנדיק דערביי צו שטודירן, 1914 זיך באַזעצט ווידער אין אָדעס, אין אַ יאָר אַרום באַקומען מאַטורע און שפּעטער אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט, אַריין אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דעם טאָגבלאַט „דאָס נייע לעבן״ א״ר פון אַלכּסנדר כּאַשין, וואו פאַרעפנטלעכט אויך אַ גאַנצע ריי דערציילונגען און אידיליעס, 1919 אָנגעשריבן אַ גאַנצע סעריע קינדער־מעשיות, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס אין די אָדעסער ליטעראַרישע קרייזן, פאַרעפנטלעכט אַ אילוסטרירטע זאַמלונג קינדער־לידער (פ״ג „בלימעלאַך״, אָדעס, 1919, ז׳ 15), פון וועלכע אייניקע זיינען געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער און ווערן עד־היום געזונגען דורכן פאָלק און אין די שולן, דערהויפּט אין רומעניע, אַרויסגעגעבן אויך אַ ב׳ דערציילונגען (פ״ג „דאָס נייע לעבן״, אָדעס, 1919, מיט אַן אַריינפיר פון א. כּאַשין), פאַרעפנטלעכט אויך אַ גרעסערע דערציילונג אין העברעיש אין זמ״ב „ארץ״, אין די שווערע טעג פון בירגערקריג אין אוקראַינע 1919 רעדאַקטירט אַ האַלבוועכנטלעכע צייטונג „אונזער וואָרט״, 1921 מיט סכּנות־נפשות זיך דורכגעקריגן איבערן דניעסטער צוריק אַהיים, איבערגענומען די רעדאַקציע פון דעם קעשעניעווער טאָגבלאַט „דער איד״. זינט 1923 רעדאַקטאָר פון דער קעשעניעווער „אונזער צייט״ — דער איינציקער יידישער טעגלעכער צייטונג אין רומעניע, געגרינדעט אויפן אָרט פון דעם אונטערגעגאַנגענעם „איד״. 1924 באַזוכט א״י, וואו פאַרבראַכט 3 חדשים, און די איינדרוקן באַשריבן אין אַ בוך, וואָס באַזונדערע קאַפּיטלען דערפון זיינען געווען געדרוקט אין אַ סך יידישע צייטונגען פון פאַרשיידענע לענדער. זינט 1925 אַרויסגעגעבן אין קעשעניעוו אַ חודש־זשורנאַל „פאַרן אידישן קינד״, מיטן אָנטייל פון אָנגעזעענע יידישע שריפטשטעלער (פ״ג „אונזער צייט״), וואָס איז זייער פּאָפּולער ביים יונגן יידישן לעזער אין רומעניע, זינט 1926 — אַ העברעיִשן קינדער־זשורנאַל „אשכּולות״, פאַרעפנטלעכט אויך אַ סך קלייניקע דערציילונגען און נאָוועלן פון בעסאַראַביער לעבן אין דער יידישער פּרעסע פון רומעניע, זיך אויך באַטייליקט אין „הדים״, „העולם״, „מולדת״, „צוקונפט״, „די וועלט״, בערלין, „דער טאָג״, „דאָס אידישע פאָלק״, „אילוסטרירטע וואָך״, „ליטעראַרישע בלעטער״, „היום״, „העתיד״, „אַלטניילאַנד״, „ארץ־ישראל־צייטונג״, אויך א״פ ש. אַשכּנזי, ז. ראָזען, פּעטער מאיר, בן ישראל, Beno א״אַ. אַרויסגעגעבן צוויי ביכעלעך אין א״י פ״ג „קופּת ספר״. זיך אויך באַשעפטיקט מיט יידישער עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר, געזאַמלט די מאָלדאַוואַנישע עלעמענטן פון דער יידישער שפּראַך, פאַרעפנטלעכט איבער 100 יידישע פאָלקסלידער פון בעסאַראַביע און אוקראַינע אין „רשומות״ II, אויך געגעבן מאַטעריאַל א. דרויאַנאָוון פאַר זיין „ספר הבדיחות״.

ראָזענטאַל ליטמאַן (ד׳ ניסן 1875 —) געב. אין ביאַליסטאָק אַלס זון פון לייב ר., אַ גרויסן טעקסטיל-אינדוסטריעלער. דערצויגן געוואָרן אין עלטערנהויז אויף גמרא און פוסקים, זיך אַנטוויקלט אונטער דער השפעה פון ר׳ שמואל מאָהליעווער, איינעם פון די ערשטע פירער פון חיבת-ציון,



1892 אָנגענומען געוואָרן אַלס „ברודער" אין דעם געהיימען אָרדען „בני משה", צו 18 יאָר לויט דער איניציאַטיווע פון ר׳ שמואל מאָהליעווער אויסגעווײלט אַלס דעלעגאַט צום אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון די חובבי-ציון אין אָדעס, 1893. ווען ד״ר הערצל האָט 1896 נאָך דער ערשיינונג פון זיין „יודנשטאַט" זיך געווענדט צו ר׳ שמואל מאָהליעווער וועגן זיין פלאַן פון אַ אַלוועלטלעכן ציוניסטישן קאָנגרעס, איז ר׳ אַלס קאָרעספּאָנדענט צווישן ר׳ שמואל מאָהליעווער און ד״ר הערצל געקומען אין אַ שריפטלעכן פאַרקער מיט דעם גרינדער פון דעם ציוניזם און געבילדעט אין ביאַליסטאָק אַן אַלרוסלענדישן אָרגאַניזירקאָמיטעט, וואָס האָט אָנגעפירט די אָרגאַניזאַציאָנעלע און פראָפּאַגאַנדיסטישע אַרבעט פאַרן ערשטן קאָנגרעס, אין וועלכן ר. האָט זיך אויך באַטייליקט. זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט האָט ר׳ אָנגעהויבן 1897 אין ווין אַלס מיטאַרבעטער פון דער ציוניסטישער Welt און זינט דאַן זיך באַטייליקט מיט זשורנאַליסטישע און פובליציסטישע אַרטיקלען אין פאַרשיידענע העברעיִשע, יידישע און פרעמדשפּראַכיקע צייטשריפטן פון אייראָפּע. 1914, אין אָנהייב פון דער וועלט-מלחמה, אַרעסטירט פון דער צאַרישער מאַכט אונטער אַ פאַלשער באַשולדיקונג און פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, וואו זיך אָפּגעפּלאָגט אָנדערטהאַלבן יאָר און דאַן איבער די סיבירער טייגעס, כינע, יאַפּאָניע אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, פאַרבראַכט דאָרט פערטהאַלבן יאָר, מיטגעאַרבעט אין יידישע, העברעיִשע און ענגלישע צייטשריפטן, דאַן צוריקגעקומען קיין ביאַליסטאָק. האָט די לעצטע יאָרן פאַרעפנטלעכט, דערהויפּט אין ביאַליסטאָקער „נייעם לעבן", אויך אין „היינט", גראָסמאַנס „טריבונע", 32, א״אַ, זכרונות פון זיין 30-יעריקער פּאָליטישער טעטיקייט. שרייבט אַ בוך איבער ד״ר הערצל, מיט וועלכן ער איז געווען זייער נאָענט זינט דעם אָנהייב פון זיין ציוניסטישער טעטיקייט ביזן די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

ראָזענפעלד אברהם (1884 —) געב׳ אין אָפּאָלע, לובלינער געגנט, אין אַ חסידישער פאַמיליע. ביז 18 יאָר געלערנט אין חדרים און בית-מדרש, זיך עוסק געווען אין חסידות און זיך געגרייט צו הוראה, שפּעטער געאַרבעט עטלעכע יאָר אונטערן פאָטערס אויפזיכט אַלס בראַקער אין אַ וואַלד, 1906 געקומען קיין וואַרשע, וואו אָנגעהויבן צו דרוקן זיך אין „אונזער לעבען" און אין אייניקע אַנדערע אויסגאַבן אין יידיש און העברעיִש, אין משך פון יאָרן אַרויסגעגעבן פון צייט צו צייט וויצבלעטער א״פּ באָנטשע שוויייג, אויך אַ סעריע יום-טובבלעטלעך א״ט „בלומען", 1912. זינט 1911 אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „מאָמענט", וואו ער שרייבט דערציילונגען, הומאָרעסקעס און פעליעטאָנען, 1916—20 געפירט אין דער צייטונג די אָפּטיילונג „דער קרומער שפּיגעל", 1919 רעדאַק-

טירט אַ וועכנטלעכן אילוסטרירטן הומאָ־ריסטישן זשורנאַל „דער פֿרייער פֿויגל“. אין בוכפֿאָרם פֿאַרעפֿנטלעכט אַ זאַמלונג דערציילונגען און בילדער אויס דער מלחמה־צייט א״ט „אינ׳ם רעש“ (פֿ״ג „אונזער וועלט“, וואַרשע, 1921; „די גרינע בריק“ — דערציילונגען (פֿ״ג ש. יאַטשקאָווסקי, וואַרשע 1924, ז׳ 191). האָט אויך פֿאַרפֿאַסט אַן אָפּערעטע א״ט „די פֿרויען־געגנער“, וועלכע איז 1918 אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין וואַרשע, לאָדז און אויף דער פּוילישער פּראָווינץ.

ראָזענפֿעלד הערש (15/III 1884—) געב׳ אין ראַהאַטשאָוו, וואָלין. זיין פֿאָטער, שמחה־בונם, פֿונעם פּאָלאָנאָיער מוכיחס משפּחה, איז געווען אַ דאָרפֿס־מלמד (די מוטער האָט געשטאַמט פֿון ר׳ שמואל קאַמינקער), איז אויך שטענדיק געווען טרוד אין פּרנסה. ר׳ איז דערצויגן געוואָרן אַן השגחה, געלערנט אין חדר, צו 10 — 11 יאָר געוואָרן אַ בית־מדרש־יינגל, שפּעטער אַ פּאָר יאָר געלערנט אין דער באַרדיטשעווער ישיבה, דאַן ווידער אַריין אין היימישן בית־מדרש, אונטער דער ווירקונג פֿון פֿאָטער, וועלכער איז געווען אַ משׂכּיל און צו יענער צייט געוואָרן אַ לערער אין דער מאָדערנער תּלמוד־תּורה, וואָס דער ענערגישער כּלל־טוער ד״ר טאַרגאָוועץ האָט דאַן געגרינדעט, זיך גענומען צו השׂכּלה, שטודירט רוסיש, דייטש, מאַטעמאַטיק, העברעיִש, זיך געגרייט צום עקזאַמען אויף מאַטורע, אָבער אַרום 1902 אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ בונדישן קרייז און אָנגעהויבן צו נעמען אַן אָנטייל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, צוליב רעפּרעסיעס פֿון דער זשאַנדאַרמעריע צוזאַמען מיט דעם פֿירער פֿון דעם קרייז, דעם לערער גרשן רבֿבֿי, אַנטלאָפֿן קיין באַרדיטשעוו, געוואָרן אומלעגאַל, אייניקע חדשים געזעסן אין זווי־הילער טורמע. סוף 1906 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, געאַרבעט שווער ביי אַן אַ שיר מלאכות, דאָס רוב אַלס פּרעסער פֿון העמדער אין אַ וועשעריי, פֿיר יאָר שטודירט כעמיע אין דער קופּער־יוניאָן־טעכנישער שול, אויך באַזוכט אַ מישיגאַנער קאַלעדזש. פֿון צייט צו צייט אָנגעשריבן אָדער איבערגעזעצט אַ ליד, אָבער ניט געדרוקט, ניט האָבנדיק קיין באַקאַנטשאַפֿט אין די ליטעראַרישע קרייזן, ביז זיין לערער און חבר מ. אָלגין האָט אים 1919 רעקאָמענדירט ליטעראַרישע אַרבעט, דערהויפּט איבערזעצערישע. ער האָט זיך באַטייליקט אין די לינקע אַרבעטער־אָרגאַנען „די נייע וועלט“, „דער קאַמף“, „דער אויפֿבוי“, „פֿרייהייט“, אויך אין „קינדער־זשורנאַל“ א״אַ. פֿון זיינע איבערזעצונגען זיינען אין בוכפֿאָרם אַרויס: אי. טורגעניעוו — אין אַ „פֿריצישען הויף“ (פֿ״ג מ. נ. מייזעל, נ״י), דזשעק לאָנדאָן — „דער וועג“ (פֿ״ג „ניי־צייט“, נ״י, 1919); ראָזאַ לוקסענבורג — „סאָציאַלע רעפֿאָרם און סאָציאַלע רעוואָלוציע“ (פֿ״ג „נייע וועלט“, נ״י); קאַרל קאַוטסקי — „די געשיכטע פֿון סאָציאַליסטישן געדאַנק“ (2טער ב׳, פֿ״ג „קולטור“, נ״י; על־פּי טעות אויפֿן שער אָנגעגעבן חיים ר׳ אַנשטאָט הערש ר׳), פּ. קראָפּאָטקין — „אידעאַלן און ווירקלעכקייט אין דער רוסישער ליטעראַטור“ (פֿ״ג „קראָפּאָטקין־ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט“, נ״י, 2 ב׳); אַרטור רענסאָם — „רוסלאַנד אין 1919“; ג. פּלעכאַנאָוו — „וועגן הענריק איבסען, וועגן קנוט האַמסון און וועגן דער פֿראַנצויזישער ליטעראַטור פֿון 18טן י״ה“ (צוליב דער שפּאַלטונג אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פֿעדעראַציע ניט ערשינען); יאַקאָב וואַסערמאַן — „קריסטיאַן

וואַנשאַפּע" (פאַרן פ"ג ט. גראָהאַר). אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער די לעצטע יאָרן אין „פרייהייט" האָט ער אין דער צייטונג פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי איבערזעצונגען פון רוסישע, דייטשע און ענגלישע שריפטשטעלער (צ"אַ פּאול די שאַאַ'ס „אין לאַנד פון די קאַרליקלאַך", דערציילונגען פון פּאַנטעלעימאָן ראָמאַנאָוו אאַז"וו, איליאַ ערענבורגס ראָמאַן „די ליבע פון זשאַננאַ נעי", איוואַן יעוודאָקימאָווס „די געשיכטע פון אַ לעבן" אפ"אַ), אויך אינפאָרמאַטיווע אַרטיקלען און נאָטיצן וועגן ביכער. די לעצטע יאָרן געאַרבעט אויף דער איבערזעצונג פון דעם באַרימטן פינישן פאָלקסעפּאָס „קאַלעוואַלאַ", פון וועלכער אָפּגעדרוקט אייניקע רונעס אין חודש-זשורנאַל „אינזל" — 1925, און אין זמ"ב „שריפטן" VIII מיט אַן אַריינפיר.

ראָזענפעלד יונה (1880) געב' אין טשאַרטאָריסק *), וואָלין, אין אַן אָרעמער פאַמיליע. זיין פאָטער איז געווען האַלב לערער האַלב מלמד, אַ פרומער ייד ביז פאַנאַטיזם, נאָר ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו לערנען אַלץ אויף „ד י י ט ש", ח ו מ ש, פ ס ו ק, פרק, ת ה י ל י ם, אַפילו די הגדה ביים סדר געזאָגט אויף דייטש, און מ'פלעגט צו אים שיקן קינדער, וואָס זייערע עלטערן האָבן געוואָלט, מ'זאָל מיט זיי לערנען „טרייף-פסול"; ער האָט אויך געשפּילט פידל און עס אַמאָל

אויסגעניצט צוליב פרנסה — שפּילנדיק אויף אַן אָרעמער חתונה; אָבער פון דעם אַלעם האָט מען קיין לעבן ניט געקענט מאַכן, ביי אַ געזינדל פון 7 קינדער, און די מוטער האָט צוגעהאַנדלט אויפן דאָרף. ביז 12 יאָר האָט ר' געלערנט אין חדר, און דער פאָטער האָט געלייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען, געוואָלט פון אים מאַכן אַ רב, אָבער צו 13 יאָר איז אים געשטאָרבן די מוטער פון דער כאָלערע און אין אַ האַלב יאָר אַרום אויך דער פאָטער און ר' האָט געמוזט פאַרלאָזן די ישיבה אין פּאָהאָסט, לעבן פינסק, וואו ער האָט געהאַט אָנגעהויבן צו לערנען, און איז אַוועק קיין אָדעס צו צוויי עלטערע ברידער, זיי האָבן אים אָבער אָפּגעשיקט צוריק, דאָסגלייכן אַ דריטער ברודער, וועלכער האָט געוואוינט אין ראָוונע; איז ער מגולגל געוואָרן צו פוס קיין אָליק, ניט ווייט פון ראָוונע, וואו ער איז אַ זמן אָפּגעווען אַלס באַהעלפער ביי אַ דרדקי-מלמד, דאַן ווידער זיך אַוועקגעלאָזט קיין אָדעס, וואו די ברידער האָבן אים אַוועקגעגעבן אויף פיר יאָר אויף דער לער צו אַ טאָקער, ביי וועלכן פאַך ער האָט געאַרבעט אַ יאָר צען און די גאַנצע צייט גאָרנישט געלייענט און קיינמאָל ניט געשריבן, הגם עס האָט אים געצויגן צו טינט און פעדער, נאָר ער האָט ניט געהאַט צו וועמען צו שרייבן. ערשט ביים שטעלן זיך צו מיליטער אין שטעטל וולאַדימערעץ האָט ער זיך באַקענט מיט אַ מיידל און זיך אין איר פאַרליבט און נאָך דער באַפרייונג פון פריזיוו — אין אָדעס שוין אָנגעשריבן צו איר אַ בריוו, וואָס איז געווען זיין ערשטע פעדער-פּראָבע, וועלכע האָט שטאַרקט אויסגענומען ניט נאָר ביי די חברים-טאָקערס, נאָר אַפילו ביי דעם לערער, וואָס איז

*) לויט דער ערשטער אויסגאַבע פון לעקסיקאָן — אין דאָרף ראַפּאַלאָווקע, ביי טשאַרטאָריסק.

געגאַנגען צו דעם ברודערס קינדער.
אויפן 23סטן יאָר, אונטער דער ווירקונג
פון דער אויפלעבונג, וואָס האָט זיך
דאַן אָנגעהויבן אין דער יידישער ליטע=
ראַטור, האָט ער אָנגעשריבן זיינע ערשטע
צוויי זאַכן און זיי געוויזן פּרצן, וועל=
כער האָט דאַן (1902) באַזוכט אָדעס,
און ער האָט איינע פון זיי — „דאָס
לערניונגעל" — אַ בילד פון טאָקער=
לעבן—אָפּגעדרוקט אין „פריינד", 1904.
פון דאַמאָלסט אָן האָט ער זיך אָנגע=
הויבן צו דרוקן אין „פריינד", „וועג"
און אַנדערע יידישע צייטשריפטן, אַזוי
אַז אין 1905 האָט ער געלאָזט זיין
מלאכה און זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן
דער ליטעראַטור. אַ באַזונדערס שטאַרקן
רושם האָט געמאַכט זיין דערציילונג
„קאָנקורענטען". אַרום 1912 האָט ער
פאַרעפנטלעכט זיין ערשטן ראָמאַן פון
דעם אַרבעטער=לעבן א"ט „אין דער
שטיל" — אין דעם אָדעסער טאָגבלאַט
„שלום=עליכם". ביז דער מלחמה האָט
ער געלעבט אין קאָוועל, דערנאָך אין
קיעוו, 1919 פון קיעוו זיך אַוועקגעלאָזט
צוריק קיין קאָוועל און די באַשרייבונג
פון דער דאָזיקער נסיעה אין דער פאָרם
פון אַ טאָגבוך (אויף קנאַפּע 10 דרוק=
בויגן) האַלט ר' פאַר דער בעסטער זאַך
זיינער. אָנהייב 1921 איז ר' געקומען
קיין אַמעריקע, וואו ער איז אַ שטענדי=
קער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס",
דרוקנדיק דאָרט רעגלמעסיק זייער פיל
דערציילונגען און ראָמאַנען, באַטייליקט
זיך אויך אין „צוקונפט", „וועקער",
„טעאַליט", „ליטעראַרישע בלעטער",
„מאָמענט", „יידישע וועלט" א"אַ צייט=
שריפטן.—איינער פון די אָנגעזעענסטע
פאָרשטייער פון דער יידישער ליטעראַ=
טור, האָט ר' שוין אין זיינע ערשטע,
אָפט נאָך גאַנץ אומבאַהאָלפענע דערציי=
לונגען אַרויסגעוויזן די באַזונדערע בייי=
גונגען פון זיין אָריגינעלן טאַלענט אַלס
שילדערער פון די פאַרקריפּלונגען פון
דער מענטשלעכער נשמה, און שוין אין
זיינע ערשטע זאַכן איז קענטיק די
שאַרפקייט פון זיין פסיכאָלאָגישן אַנאַליז.
ער האָט דער ערשטער קולטיווירט אין
דער יידישער ליטעראַטור די שילדערונג
פון אויסטערלישע, קרענקלעכע, פּאַטאָ=
לאָגישע ערשיינונגען פון דעם פסיכישן
לעבן, פון אויסערגעוויינלעכע צושטאַנדן, די
מאָטיוון פון טויט, שרעק, משוגעת, עראָטיק,
וועלכע ווערן ביי אים וואַריירט אויף די
פאַרשיידנסטע אופנים. „אינטעלעקטואַליזם,
באַוואוסטזיניקייט, שכלדיקייט—דאָס איז
דער שאַרפסטער סימן פון זיין שטייגער
שרייבן. פונקט אַזוי ווי פאַרקערט, דאָס
ווילדע, אומפאַרשטענדלעכע און אונ=
טערבאַוואוסטזיניקע איז זיין הויפּט=
טעמע... ר' האָט זיך ליב אָפּצוגעבן מיט
די קרענקלעכע, פאַרקריפּלטע, פאַרדריי=
טע, טונקעלע נשמות און טאַקע דערפאַר
אפשר דאַרשט ער אַזוי נאָכן ליכט פון
באַוואוסטזיין.—פון די טונקעלע, נאַכטי=
קע טיפענישן פון לעבן רייסט ער זיך
צו קלאָרקייט. ער וויל, ער מוז טרעפן
די רעטענישן, וואָס קוקן אויף אים פון
אַלע זייטן מיט זייערע ספינקס=געזיכטער.
ער זעט אומעטום געהיימעניש, אַלץ איז
אין זיינע אויגן סתירהדיק, צוויי=פּנימדיק,
איררעַציאָנעל, אומלאָגיש. זוכט ער רע=
טונג ביי לאָגיק און אַ באַהעלטעניש וויל
ער געפינען אין די רייכע קנייטשן פון
זיין בייגיקן, שלאַנגיקן געדאַנק.—אַזוי ווי
מיסטיק האָט זיך אָפט געפּאָרט מיט מאַ=
טעמאַטיק, אַזוי פלאָנטערט זיך דאָס גע=
היימע און אומבאַוואוסטע ביי יונה ר'
אין די נעצן פון לאָגיק, שכלדיקייט און
באַוואוסטזיין. — און אָט דאָס איז איינע
פון די סיבות, פאַרוואָס ער חקרנט זיך

אָפּט, פאַרוואָס ער מוז זיך חקרנען, פּילפּלען און שרייבן לענגער, ווי עס איז נייטיק פאַר דער עצם מעשה, וואָס ער דערציילט. וואָס אומגעריכטער, אומפאַרשטענדלעכער און טונקעלער עס איז די סיטואַציע, וואָס ער מאָלט, אַלץ מער מוז ער זיך מאַטערן עס צו געבן אונז צו פאַרשטיין. וואָס מער ער פאַרפלאָנטערט דעם לעזער, אַלץ מער מוז ער אים וועלן אויפקלערן.—אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיין געדאַנק פלאָנטערט אָפּט צו פיל און גיט אָפּט צו פיל צו פאַרשטיין, איז ער דאָך איינער פון די פיינסטע אינסטרומענטן און טיפסטע קוואַלן פון זיין שאַפן.—עס איז זעלטן צווישן שרייבער, וואָס קומען פון פאָלק און שעפּן אַלץ פון זיך אַליין, אַזאַ רייכקייט פון דעם געדאַנקלעכן לעבן און אַזאַ שאַרפקייט פון אינטעלעקט... ער איז (אינערלעך) אַ מענטש פון זייער אַ פיינער אינטעלעקטועלער קולטור... אין אָנהייב האָט זיך עס געפילט נאָר אין דעם אינהאַלט, ניט אין דעם סטיל פון זיינע ווערק, און עס איז דאַן אָפּט געווען אַ סתירה צווישן די פיין ביואַנסירטע געדאַנקען און געפילן, וואָס ער האָט געשילדערט, און דער פרימיטיווקייט און ניט-געהובלטקייט פון דעם אופן, ווי אַזוי ער האָט זיי געשילדערט. וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער ווערט די סתירה, וואָרעם וואָס ווייטער אַלץ מער ווערט אויך זיין סטיל און זיין שפּראַך פאַרצוויגן מיט אַ הייטל פון אינטעלעקטואַליטעט און געדאַנקלעכקייט. און מען קען שוין איצט דערקענען יונה ר'ס אַ דערציילונג לויט איר סטיל (און לויט דער אייגנאַרטיקער, ניט-שאַבלאָניקער צייכענונג פון איר קאָמפּאָזיציע), ניט נאָר לויט איר מאָטיוו און טעמע.—יונה ר' ווערט אַלץ באַוואוסטזיניקער קינסטלעריש, און ער איז איצט שוין אָפּט דרייסט אין דעם אופן, ווי אַזוי ער דערציילט זיינע מעשיות און פלאָנטערט זיינע פלאָנטערס, ניט נאָר אין דעם מאַטעריאַל, וואָס ער באַנוצט פאַר זיי". (ש. ניגער) — פון ר'ס דערציילונגען זיינען אַרויס אין בוכפאָרם: „שריפטען" (פ"ג „פּראָגרעס", וואַרשע, 1909, 2 ב', ז' 94 און 163), „נאַכט און טויט" — נאָוועלן און דערציילונגען (דערז' פ"ג, 1912, ז' 193), „אין די שמאָלע געסלעך" (פ"ג ב. שימין, „וועלט-ביבליאָטעק", 1910), פרויען. / דערציילונגען און „נאָוועלן" („אידישער פאָלקס-פ"ג", קיעוו, 1918). ביי דער פייערונג פון דעם 20יעריקן יובליי פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט איז אַרויס אַ פולערע, פון דעם אווטאָר איבערגעאַרבעטע אויסגאַבע פון זיינע „געזאַמעלטע שריפטען" אין 6 ב' („אַרויסגעגעבן פון דער יונה ראָזענפעלד קאָמיטע", נ"י, 1924): I „צווישען טאָג און נאַכט" (ז' 288); II „אין שאָטענס פון טויט"; III „פרויען" (ז' 288); IV „נאָהענטע און ווייטע" (ז' 288); V „איך" (אַנטהאַלט אויך אַ ריי גרעסערע זאַכן פון אַווטאָביאָגראַפישן און מעמואַריסטישן כאַראַקטער, די איבערלעבונגען דעם שריפטשטעלערס בעת דער מלחמה-אָקופּאַציע, דעניקיניאַדע אאַז"וו; ז' 318); VI „אויף גרענעצען" (ז' 285). אין בוכפאָרם איז אויך אַרויס זיין גרויסע דערציילונג „ער און זיי / אַ טאָגבוך פון אַ געוועזענעם שרייבער" (פ"ג „יונה ראָזענפעלד קאָמיטע", נ"י, 1927, איבער 250 ז'), וואו ער שילדערט די פּסיכאָלאָגיע און די איבערלעבונגען פון אַ שריפטשטעלער, וועלכער זאָגט זיך אָפּ פון זיין באַרוף, קען אָבער ניט געפינען קיין גייסטיק גלייכגעוויכט. — אייניקע דערציילונגען ר'ס זיינען אויך איבערגע-

זעצט געוואָרן אין פרעמדע שפּראַכן, צ״אַ אין ל. בלומענפעלדס אַנטאָלאָגיע (Veuvage).—ר׳ האָט אויך באַאַרבעט אייניקע זיינע דערציילונגען פאַרן טעאַטער, ווי, למשל, „קאָנקורענטן“, וואָס האָט געהאַט גרויס ערפאָלג אויף דער בינע; די קאָמעדיע „אַריינגעפאַלן“ (אויפגעפירט אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער“ סוף 1924).—1928 האָט ר׳ געמאַכט אַ באַזוך אין פּוילן, וואו ער איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דער פּרעסע און דעם לעזער-עולם.

נח פּרילוצקי, אין זמ״ב „דער יונגער גייסט“; מ. וואַנווילד, אין זמ״ב „די יודישע יוגענד“; זרובבל, „אין דער שטילער פינסטערניש“, אין זמ״ה „יוגענד“; ש. ניגער, „וועגען יודישע שרייבער“, id ll, „דאָס נאַכטיגע אין מענשען“ אין „צוקונפט“ 1921, lX; id, io 1925, lll (איבערגעדרוקט טיילווייז אין „פאָלקסצייטונג“, 1925, 80); id, ib, 1927; id „אַ „איך“-בוך“, אין „טאָג“, 1924; מ. בערלין, אין „ביכער-וועלט“, קיעוו, l, ז׳ 26; ד״ר א. מוקדוני, אין „מאָרגען זשורנאַל“ פון 26/XII 1927; ק—ן, אין „פ. א. ש.“, 1927, 28; פּסח מאַרקוס, אין „פעדער“, 1927, lll; ז. ווינפער, אין „פעדער“; 1926 „ליטעראַרישע בלעטער“, 1928.

ראָזענפעלד מאַקס (9/VII 1884 1919) געב׳ אין דראָהאָביטש, גאַליציע, אַלס זון פון אַ פאַרמעגלעכן סוחר, וועלכער האָט זיין בן-יחיד געגעבן אַלע מעגלעכקייטן פאַר אַן אַלזייטיקער בילדונג. נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע אין דראָהאָביטש האָט ער שטודירט אין לעמבערגער אוניווערסיטעט, צו 24 יאָר באַקומען דעם טיטל ד״ר יורי, אייניקע יאָר פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַטס-קאַנדידאַט אין זיין געבורטשטאָט, דאַן זיך באַזעצט אין לעמבערג, וואו ער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט צווישן דעם יונגן דור יוריסטן. נאָך אַלס סטודענט צוגעשטאַנען צו דער פּ״צ-באַוועגונג, וועלכע האָט זיך דאַן ערשט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין גאַליציע, צוזאַמען מיט ד״ר יוסף מעללער רעדאַקטירט אַ פּ״צ-שילער-זשורנאַל Nasze Hasła, אויפן 3טן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר, אָקטאָבער 1906, אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט זיך אַדאַנק אים פאַרוואַנדלט אין אַ קאָנסטיטואַנטע פון דער פּ״צ-באַוועגונג אין גאַליציע, זינט דאַן געוועזן איינער פון אירע פירער און טעאָרעטיקער, בפרט געהאַט פאַרדינסטן ביים אויסאַרבעטן די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי; אין דעם גלאַנץ-פּעריאָד פון דער באַוועגונג, 1907 — 11, האָט ער מיט זיין גרויס פאַרשטענדעניש פאַר פּראַקטישע פּאָליטישע ענינים אָנגעפירט דעם אויפקלערונגס-קאַמף פון דער פּאַרטיי דורך אַ גאַנצער ריי ערנסטע אַרטיקלען אין „יודישען אַרבייטער“, זיך באַזונדערס קונה-שם געווען מיט זיינע גרינדלעכע אַרבעטן (אין דייטש) אויפן געביט פון דער יידיש-נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע, יידישער קהילה און די יידיש-פּוילישע באַציִונגען, זיך באַטייליקט אין אַלע צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן פון דער פּאַרטיי, אויפגעטרעטן אויך אַלס רעדנער אויף פאָלקספאַרזאַמלונגען, בפרט אין דער צייט פון דעם קאַמף פאַר דער וואַל-רעפאָרם צום גאַליצישן סיים 1913. נאָכן אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה האָט ער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער הילפס-אַרבעט פאַר די מלחמה-געליטענע, 1916 מגולגל געוואָרן דורך די קריגס-געשעענישן קיין פּשעמישל אַלס מיליטערישער ריכטער, נאָך דער רעוואָלוציע אין עסטרייך 1918 געשאַפן דעם ערשטן פאָלקסראַט אָנשטאָט דער קהילה, פון וועלכן ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער (נאָך זיין טויט איז פאָרזיצער פון דער פּשעמישלער קהילה געוואָרן דער באַרימטער אַדוואָ-

קאַט, דער הויפּטפּאַרטייִדיקער פון סטאַניסלאַוו שטייגער, לייב לאַנדוי, איינער פון די גרינדער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין גאַליציע), אויך פון דעם דאַן געגרינדעטן נאַציאָנאַלראַט, געווען קאָמענדאַנט פון דער יידישער מיליציע אין פּשעמישל און פאַרהיט פון אַ פּאָגראָם בשעת דעם אַריבערגיין פון דער שטאָט צו דער פּוילישער מאַכט, אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט פון פּוילישן גרינדונגסיים פון דער יידישער באַפעלקערונג אין כעלם, אָבער אויפן וועג קיין בערן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ געשטאָרבן פון דער שפּאַנישער גריפּע (און אויף זיין אָרט איז אַריין אין סיים דער צווייטער פון דער פּ"צ-ליסטע ד"ר יצחק שיפּער). פון זיינע אַרבעטן זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: Juden und Polen (1917), און זיין הויפּטווערק פון 15 יאָר אַרבעט—Die polnische Judenfrage (1918).

ד"ר י. שיפּער, אין „אַרבעטער-צייטונג", 1919, 23 (איבערגעדרוקט אין „יידישן אַרבעטער-פּנקס").

ראָזענפעלד מאָריס (משה-יעקב, אַלטער) (28/XII 1862 — 22/VI 1923)

געב' אין דאָרף באָקשאַ, 3 מייל ווייט פון סייני, סוואַלקער געגנט, לויט זיין ביאָגראַף האַרקאַווי — אין אַ פאַמיליע פון פישפּאַכטערס. זיין פאָטער אפרים-לייב (געשטאָרבן אין נ"י 14/I 1916 אין עלטער פון 106 יאָר; זע „קונסט-פריינד" א"ר פון ק. מרמר, 1916), איז געווען, לויט די מיטטיילונגען פון ר'ס אלמנה צו ק. מרמר—אַ מיליטערישער שניידער; לעאָן גאָטליב, וועלכער האָט זיך מיט אים אויף דער גרענעץ פון יאָרהונדערט באַקענט אין לאָנדאָן, וואו ער האָט געאַרבעט אין אַ שניידער-שאַפּ, שילדערט אים אַלס פּשוטן פרומען ייד, וואָס פלעגט שבת און יום-טוב לערנען מיט די יידן אין שול („אַ הויכער ייד מיט אַ היבשער גרייז-גרויער באָרד, מיט געדיכטע גרויע ברעמען איבער אַ פּאָר גרויסע קלוגע אויגן. זיין גאַנצער אויסזען איז געווען ווי פון אַ רב — אַ הדרת פּנים. מיט אַ סימפּאַטישן פריינדלעכן שמייכל...").

אַלס קינד איז ר' צוזאַמען מיט זיינע עלטערן אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און דערנאָך, ווייזט אויס, קיין סוואַלק, האָט געלערנט אין חדר תנך און גמרא, שפּעטער זיך אַ ביסל אויך באַקענט מיט דייטש און פּויליש. די עלטערן האָבן אַלטערלען פאַרצערטלט ווי אַ בן-יחיד, געהאַלטן פון אים אַן עולם ומלואו; „ער איז געווען אַ לערנער, אַ וואויל-קענער, אַ מושלם, דערצו „אַ בחור אַ פלאַם", וואָס ברעכט מיידלשע הערצער מיט זיין בליק... האָט אויף יעדן איינעם געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט געהאַט אַ שיינעם וואוקס, זיין ברונע-טער פּנים האָט געלויכטן ווי די זון. זיינע שוואַרצע אויגן זיינען געווען צוויי שטיקער פייער. זיינע פּעך-שוואַרצע געקרייזלטע האָר האָבן אים געגעבן טויזנטער חנען. זיין זיסע שטים האָט אַלעמען באַצויבערט. ער האָט געקענט אויסווייניק אַלע לידער פון אליקום צונזער, מיכל גאָרדאָן, אברהם גאָלד-פאַדען א"אַ. ער פלעגט זיי זינגען אַזוי שיין און אַזוי זיס און מיט אַזוי פיל נשמה, אַז דאָס האַרץ פלעגט צעגיין פאַר נחת" (לויט די מיטטיילונגען פון

ר"ס אלמנה צו ק. מרמר). שוין ייִנגלוויז, צו 15 יאָר, האָט ער געהאַט געשריבן מליצות און שירים אין יידיש, אָבער די עלטערן און לערערס זייַנע האָבן דערפון ניט געהאַלטן און ער פלעגט זיי ווידמען און פאָרלייענען בלויז פאַר זיין חברטע פון די קינדעריאָרן אָן, אַסנה=ביילע, דער טאָכטער פון דעם סוואַלקער הענדלער אברהם=איטשע יאַוואָראָווסקי (אין אַמעריקע גוטענבערג). מיט וועלכער ער האָט צו 18 יאָר חתונה געהאַט. אַ פּאָר יאָר איז ער געזעסן ביי די שוויגער=עלטערן אויף קעסט, יעדן טאָג פאַרבראַכט אין בית=מדרש ביי אַ בלאַט גמרא, מיט חברה ש"ס, אין דערזעלבער צייט אויך געלייענט אַ סך דייטשע און העברעיִשע ביכער. אָבער נאָך דער געבורט פון דעם ערשטן קינד האָט ער אָנגעהויבן צו טראַכטן פון אַ תכלית, עס האָט אים אויך געצויגן אין דער גרויסער וועלט אַריין און 1882 — דעם יאָר פון דער גרויסער עמיגראַציע — האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַמעריקע, אויפן וועג זיך פאַרהאַלטן אויף עטלעכע חדשים אין אַמסטערדאַם, וואו ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט דימענט=שלייפעריי (אין בעסי'ס מיטטיילונגען ווערט ניט דערמאָנט זיין אויפהאַלט אין אַמסטערדאַם), אָבער אינגיכן איז ער פון אַמעריקע צוריקגעקומען אַן אַנטטוישטער אַהיים, נאָר דערווייל איז זיין עלטערנהויז צעפאַלן און איז מיט דער עמיגראַציע=כוואַליע פאַרטראָגן געוואָרן קיין לאָנדאָן, און ר' איז 1883 אויך אַוועק אַהינצו און זיך גענומען צו זיין פאָטערס מלאכה — צו שניידעריי. אין 6 חדשים אַרום האָט ער זיך ווידער צוריקגעקערט קיין סוואַלק, וואו זיין פרוי האָט זיך דערנערט פון איר אַלטער פּראָפעסיע — פאַרוקמאַכעריי, און האָט זי מיט די צוויי קינדער צוגענומען קיין לאָנדאָן, וואו עס האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן אַ צייט פון ביטערער נויט און אומגעהייערע ליידן. „דער שיינער שטאָלצער אַלטערל ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרדאַגהטן פאַרחושכטן לוינאַרבעטער מאָריס; זיין לוסטיקע ביילקע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרצרהטער פאַרשוואַרצטער אַרבעטער=פרוי בעסי”. אין לאָנדאָן איז ר' געשטאַנען נאָענט צו דער אַרבעטער=באַוועגונג, צו דעם אַנאַרכיסטישן „בערנער סטריט קלוב”, אָנגעהויבן צו שרייבן לידער פון אַרבעטערלעבן, אָבער זיי זיינען נאָך געוועזן אַזוי אומבאַהאָלפן אין דער פאָרם, אַז „דער אַרבייטער פריינד”, וועלכן ער האָט אונטערשטיצט, אויך שפּעטער פון ב"י אויס, מיט זיינע אָרעמע גראָשנס, האָט זיי ניט געדרוקט. אָפּגעמאַטערט זיך ביי אַ דריטהאַלבן יאָר אין לאָנדאָן, איז ר' סוף זומער 1886 ווידער אַוועק זוכן גליק קיין אַמעריקע. אין נ"י געאַרבעט אין די שניידער=שעפּער אַלס „בייסטער” און דערנאָך אַלס פרעסער ביי רעק, און דאָ איז אין נומ' 26 פון „דער יודישער פאָלקסצייטונג” פון 17/XII 1886 ענדלעך אָפּגעדרוקט געוואָרן צום ערשטן מאָל ר"ס אַ שיר „דאָס יאָהר 1886”, אַזוי אַז דער רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקסצייטונג”, משה מינץ, האָט זיך שפּעטער ניט אומזיסט איבערגענומען, וואָס ער איז געווען דער ערשטער צו אָנערקענען ר"ס טאַלענט. איבעריקנס איז סיי אין דעם אָ ליד, סיי אין דעם צווייטן, געווידמעט „פיר „דיא ניו יאָרקער יודישע פאָלקסצייטונג” (נומ' 28 פון 14/I 1887) נאָך שווער צו דערקענען דעם קומענדיקן גרויסן דיכטער; דאָס זיינען געווען געגראַמטע שטיקלעך פון סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע. ערשט

אין דעם דריטן ליד, „דאָס וויעגען־ליעד" (אין נומ׳ 30), הערן זיך שוין טענער, וואָס וועלן שפּעטער מיט אַזאַ קראַפט דורכקלינגען דורך זיין ליד „מיין יינגעלע". מיט דעם „וויעגען=ליעד" פאַרענדיקט זיך—ניט צו וויסן פאַרוואָס—דער אָנטייל ר׳ס אין דער „פאָלקסצייטונג", אָבער אין יענער צייט הייבט מען אים ענדלעך אויך אָן צו דרוקן אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד", וואו עס ערשיינען אין משך פון 1888—89 אַ ריי פון זיינע סאָציאַליסטיש-אַגיטאַציאָנעלע לידער, פון וועלכע די סאַטירע „ראַבינער און מאַשינער" האָט געמאַכט אַ באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק און עס איז דעקלאַמירט געוואָרן אַלס דער בעסטער אַגיטאַציע=מאַטעריאַל אויף די אַרבעטער=פאַרזאַמלונגען אין נ״י. אויך זיינע איבעריקע לידער אין „אַרבייטער פריינד" האָבן באַגייסטערט די פּיאָנירן פון דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג. צו יענער צייט האָט ער אויך אַרויסגעגעבן זיין ערשטע לידער=זאַמלונג א״ט „דיא גלאָקקע.../פאָלקס ליעדער אונד רעוואָלוציאָנערע געדיכטע... / פאַרפאַסט פון מ. י. ראָזענפעלד מיט הילפע פון י. מ." (נ״י, 1888, דרוק ה. ר. גאָרדאָן, ז׳ 68), וואָס אַנטהאַלט 28 לידער (פון זיי איינס פון י. מ. מעריסאָן, איינעם פון זיינע ערשטע לערער אין דער פּאָעטיק), און די דאָזיקע לידער, ביי זייער גאַנצער טענדענציעזקייט און די חסרונות פון פאָרם, דייטשמעריזמען, אומבאַהאָלפענע גראַמען צייכענען זיך שוין אויך אויס אָפט מיט אַ שטימונגספולן האַרציקן טאָן, מיט אמתדיקע פּאָעטישע שטעלן, ווי למשל די פּאָעמע „ביינאַכט אויפן ברוקלין=בריק" אָדער „די ליכט=פאַרקויפערין" פון דער אָפּטיילונג „לעבענס בילדער", וואו דער דיכטער שילדערט דאָס יידיש-אַמעריקאַנישע אַרבעטער=לעבן פון יענע ערשטע יאָרן פון דער גרויסער אימיגראַציע. אין אייניקע לידער מערקט זיך שוין אויך דער סאַטיריקער, אָבער ערשט אין זיין צווייטן בוך א״ט „די בלומענקעטטע" (נ״י, 1890) ווייזט זיך שוין בולט אַרויס דער שפּעטערדיקער ר׳, און עס איז ממש אַ וואונדער, ווי אַזוי דער דיכטער האָט זיך אַנטוויקלט אין משך פון די צוויי יאָר. „די בלוממענקעטטע" עפנט אַ נייעם פּעריאָד אין דעם שאַפן פון מאָריס ר׳, אָבער ביידע לידערזאַמלונגען האָבן ניט געהאַט קיין ערפאָלג (שפּעטער האָט ר׳ אָפּגעקויפט די איבערגעבליבענע עקזעמפּלאַרן פון „דער גלאָקקע" און האָט זיי פאַרניכט). צו יענער צייט האָט ער אויך רעגלמעסיק געשריבן אין דער ערשטער אַנאַרכיסטישער צייטונג „די וואַרהייט", אויך אין דער פּריוואַטער אַרבעטער=צייטונג „דער מאָרגענשטערן", אין פּט״ב׳ער „יודישען פאָלקסבלאַט". מיט דער ערשיינונג פון דער „אַרבייטער צייטונג" איז ר׳ געוואָרן איר אָפּיציעלער דיכטער, כמעט אין יעדן נומער פאַרעפנטלעכט אַ געדיכט, דאָרט אָפּגעדרוקט זיינע בעסטע אַרבעטער=לידער; זיינע לידער פלעגן געזונגען ווערן אין די שעפּער, אין די טענעמענטהייזער, אויף אַרבעטער=פאַרזאַמלונגען און אַרבעטער=קאָנצערטן. אַליין אַן אויסגעצייכנטער דעקלאַמאַטאָר, פלעגט ער אויך אויפטרעטן אויף די פאַרשיידענע אונטערנעמונגען פון די סאָציאַליסטן און יוניאָנס, ביז ער האָט פאַרלאָזט דעם שאַפּ און זיך געפּרווט דורכשלאָגן אַלס דעקלאַמאַטאָר אויף די אונטערנעמונגען, וואָס אַרבעטער=אָרגאַניזאַציעס האָבן פאַר אים אַראַנזשירט, ניט נאָר אין נ״י. ניט קוקנדיק אָבער אויף זיין קראַנקהייט,

האָט ער זיך געמוזט צוריקקערן אין שאַפּ, ווייל פון זיינע אונטערנעמונגען האָט ער קיין לעבן ניט געקענט מאַכן. ר׳ מיט זיין פאַמיליע האָט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט און די אַרבעט אין שאַפּ איז געווען ממש איבער זיינע כּוחות. פינף אַ זייגער באַגינען פלעגט ער אַוועק אין שאַפּ, וואוהין זיינס אַ טעכטערל פלעגט אים ברענגען זיין פרישטיק, און ער פלעגט צוריקקומען אַהיים שפּעט אין דער נאַכט. ביז דער אויסגעמוטשעטער פּרעסער־דיכטער איז קראַנק געוואָרן און געמוזט אויפהערן אַרבעטן, און דאַן האָט ער אָנגעהויבן צו פּעדלען מיט זיינע ביכלעך אין נ״י און איבערן לאַנד, זינגען זיינע לידער מיט זיין גאָר נישקשהדיקן טענאָר ביי מיטינגען און אונטערנעמונגען, פאַרלאַנגענדיק אַלס האָנאָראַר, מ׳זאָל אים בלויז געבן צו לייזן פאַר אַ ביכל. דורך די דאָזיקע אויפטריטן זיינע, ווי אויך אַדאַנק זיין אָנטייל אין די פאַרשיידענע יידישע אַרבעטער־אָרגאַנען פון יענער צייט, איז ער געוואָרן זייער פּאָפּולער אין דעם נ״י׳ער יידישן געטאָ. אָבער דער צושטאַנד פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע איז צו יענער צייט געווען אַזאַ, אַז יאָרנלאַנג האָט ר׳ ניט באַקומען פאַר זיינע לידער קיין שום געצאָלט, און ערשט שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן צו קריגן פאַר זיי ווען נישט ווען אַ דאָלאַר. אין „דער אַרבייטער צייטונג״, וואו זיינע לידער זיינען געוואָרן אַ צוציִונגס־קראַפט, האָט מען אים שוין געצאָלט 2 דאָלאַר פאַר אַ ליד, און ניט האָבנדיק קיין מוט אַליין עס איינצומאָנען, פלעגט ער שיקן זיין טעכטערל נאָך דעם האָנאָראַר צו דעם רעדאַקטאָר פיליפּ קראַנץ. אומגעפער צו יענער צייט האָט די „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס״, די שניידער־יוניאָן, וועלכע איז דאַן געווען אונטער די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס״, אויסגעוויילט ר׳ן אַלס „וואָקינג דעלעגאַט״ (געשעפטס־אַגענט), ער זאָל אַרומגיין „אַטענדן״ אין די שניידער־שעפּער; ער איז אָבער בלויז אַ פּאָר חדשים געווען אַ באַצאָלטער באַאַמטער אין דער שניידער־יוניאָן, אין וועלכער ער האָט דאַן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל. ער האָט די שטעלע ניט ליב געהאַט און האָט אינגיכן זיך פון איר אָפּגעזאָגט. אין 1894, פאַרביטערט איבער זיין גורל, האָט ר׳ צוזאַמען מיט א. מ. שאַרקאַנסקין אַרויסגעגעבן אַ סאַטיריש וואָכנבלעטל „דער אַשמדאי״ (מיט דעם מאָטאָ: „הך הכּפתור וירעשו הספּים—האַק אין מאָרדע אַז די ציינער זאָלן טרעשטשען!״), וואו ער האָט אומדערבאַרעמדיק און מיט פיל גאַל אָנגעגריפן די נ״י׳ער יידישע אַרויסגעבער און שרייבער; צ״אַ האָט ער דאָ פאַרעפנטלעכט זיין פּראַכטפול סאַטיריש געדיכט „לאַטוטיס״—אַלס ענטפער אויף דעם, וואָס מ׳האָט אים אויפגעוואָרפן זיין שניידעריי. אין די דאָזיקע יאָרן פון שווערער נויט און פּיין איז אים אַ שטיצע די ליבע און דאָס מיטגעפיל פון זיין פרוי, וועלכע פּרוּווט גיין אין שאַפּ, נעמט זיך שפּעטער ווידער צו פאַרוקן, אַפילו צו פּעדלעריי, אַבי אונטערצוהאַלטן דאָס געזונט און דעם קראַנקן געררייצטן מאַן. 1897 האָט ר׳ אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע זאַמלונג פון זיינע לידער א״ט „דאָס ליעדער בוך״. די דאָזיקע אונטערנעמונג האָט אויך ניט געהאַט קיין מאַטעריעלן ערפאָלג, דעם ערפאָלג, וועלכן ער האָט געזוכט, און ער האָט זיך געפונען אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע, זעענדיק זיך פאַרמשפּט אויף אייביק צום שוויצשאַפּ, אָבער צום גליק האָט דאָס בוך געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון פּראָפ׳ לעאָ ווינער (זע), וועלכער איז מיטגע-

ריסן געוואָרן פון זיין טאַלענט, און אַדאַנק דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין ר׳ס לעבן. איינער פון די ערשטע ביאָגראַפן ר׳ס פיליפ קראַנץ (י. ראָמבראָ) שילדערט אַזוי יענעם פעריאָד פון דעם דיכטערס לעבן: „געפלאָגט זיך אין די שוויצשעפער האָט אַ שניידער מאָריס ר׳ אַ יאָר פופצן. געאַרבעט שווער מיט נאָדל און אַייזן פון באַגינען ביז שפעט אין דער נאַכט און געלעבט אין אייביקן דחקות, גאַנץ אָפט ממש געהונגערט מיט זיין געזינד אין די אָרעמסטע און ענגסטע דירות פון געטאָ. אָבער די נאַטור האָט אים באַשאַפן אַ דיכטער און ווען ער האָט נאָר געקענט, האָט ער זיך גענומען פאַר דער פעדער און געצאָלט צינז דער מוזע. די בילדער און געשטאַלטן זיינען געווען פונקט אַזוי טרויעריק און פינסטער ווי זיין אָנגעווייטאָגטע נשמה. ער האָט ניט געקענט—ניט שאַפן, ער האָט ניט געקענט צווינגען זיין מוזע צום אַנטשוויגן ווערן. אָפט געפלייסט זיך גובר צו זיין, כדי איינגאַנצן זיך אָפצוגעבן דער אויסמאַטערנדיקער אַרבעט זיינער, ווי די אַלע שניידער אַרום אים, און פאַרדינען מער אַ ביסל, ער פלעגט אָבער ניט אויסהאַלטן די דאָזיקע עינויים, פלעגט זיך נעמען פאַר דער פען און האָט אויסגעגאָסן זיין נשמה אין לידער, וועלכע האָבן געקלונגען אַלץ שטאַרקער און שענער און פונדעסטוועגן ניט געפונען אין ערגעץ קיין אָפקלאַנג אַחוץ ווי ביי אַזעלכע אומגליקלעכע ווי ער. — מערקווערדיק איז, וואָס ער האָט געשריבן לידער פול דיכטערישע קראַפט און געפיל שוין דאַן, ווען ער האָט נאָך קיין שום אַנונג ניט געהאַט פון דער פערזיפיקאַציע... איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו לייענען און צו דרוקן די ערשטע לידער זיינע, ווען איך האָב געלעבט אין לאָנדאָן, און שטענדיק פלעג איך נשתומם ווערן פון זייער וואונדערלעכער קראַפט, טראָץ דעם פעלן פון די פעסטגעשטעלטע פאָרמען. עס האָט זיך ממש געוואָרפן אין די אויגן, אַז ר׳ קען ניט די כללים פון דער פערזיפיקאַציע, און פילנדיק ביים לייענען, אַז אין יעדער שורה שלאָגט אַ שטאַרקער טאַלענט, האָב איך אים אין אַ בריוו אָנגעוויזן אויף די ערשטע כללים פון משקל און געראָטן אים זיי צו שטודירן, ווי אויך—לייענען פאָעטישע ווערק. ווי ער האָט זיך מיר שפעטער מודה געווען, איז דאָס געווען זיין ערשטע לעקציע אין פערזיפיקאַציע. געוויינטלעך האָט ער גאָר גיך באַהערשט אַלע כללים און פאָרמען און גענומען שרייבן מוסטערהאַפטע שירים. — זיינע לידער האָבן שוין אַזוי שטאַרק און בולט אָפגעשפיגלט דאָס לעבן, בפרט פון די שניידער, אין געטאָ, זיי זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ שטאַרקן געפיל פון ליבע און ברידערלעכקייט, אַז ביסלעכווייז האָבן זיי געלאָזט שפורן אין געטאָ. ער פלעגט זיי אַליין דעקלאַמירן אויף פאַרזאַמלונגען און פאַרוויילונגס-אָוונטן, און אייניקע פון זיי האָט מען אָנגעהויבן צו זינגען אין די שעפער און הייזער פון יידישן קוואַרטאַל. ער האָט זיך געפלאָגט ווי געווען, געליטן נויט אויף וואָס די וועלט שטייט, אָבער די מער אַנטוויקלטע אַרבעטער האָבן אים שוין אָפגעשאַצט ווי ער האָט פאַרדינט און אים געשטיצט ווי ווייט זיי האָבן געקענט. — אָבער ר׳ וואָלט פאָרט געבליבן אַ טיפישער דלפנסאָן*), ווען זיינע שטאַמברידער, וואָס

*) דער העלד פון יעקב גאָרדינס אַ סאַטירישער דערציילונג, אַ אומגליקלעכער יידישער שרייבער, וואָס שטאַרבט אין גרויס דחקות און אין טיפער אומבאַוואוסטקייט.

האָבן זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג אין דער
ענגלישער זשורנאַליסטיק, וואָלטן ניט
אַנטשלאָסן זיך איבערצוזעצן אָדער אי=
בערצוגעבן דעם אינהאַלט פון אייניקע
לידער זיינע און וואָלטן אים דערביי
ניט פאָרגעשטעלט ווי עפּעס אַ מין פּע=
נאָמען. דער אומגליקלעכער שניידער,
דער קרבן פון דער שוויץ=סיסטעם,
וואָס פאַרבייט די נאָדל אויף אַ פּען און
דינט דער מוזע, האָט צוגעצויגן די
אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. די היגע
סענסאַציאָנעלע בלעטער, ווי World און
Journal, וואָס זיינען להוט אויף כּל=
ערליי נייסן און טשיקאַווע זאַכן, האָבן
עס אונטערגעכאַפּט און נאָך צעלייגט
אויף טעלערלעך אין באַשרייבונגען און
בילדער פון דער סביבה פון דעם געטאָ=
דיכטער. — דער פּועל=יוצא דערפון איז
אַלנפאַלס געווען, אַז ר׳ איז אַרויס פון
דער דלפונישער אומבאַוואוסטקייט און
אַז עטלעכע אַמעריקאַנער יידן, בפרט
פּראָפ׳ זעליגמאַן, האָבן זיך אונטערגע=
נומען אים צו העלפן מאַטעריעל און
אַרויספירן אים צווישן לייטן. — כּל=זמן
דער דיכטער האָט זיך געפּלאָגט ווי
דער אמתער דלפנסאָן אין די אָרעמסטע
טיילן פון געטאָ, ריזיקירנדיק יעדן חודש
אַרויסגעוואָרפן צו ווערן פון זיין אָרעם
ווינקעלע דורך די הויזווירטן, וואָס פאַר
זיי איז די גאַנצע פּאָעזיע אין דעם
קלאַנג פון די דאָלאַרן (און ניט איינמאָל
איז עס טאַקע געשעען), האָט זיך קיינער
מיט אים ניט אינטערעסירט, אַחוץ עט=
לעכע אָרעמע אַרבעטער, אָבער ווי נאָר
די אַמעריקאַנישע צייטונגען האָבן אָנגע=
הויבןריידן וועגן אים און לויבן זיינע
לידער, האָבן זיך געפונען פילאַנטראָפּן...—
זיין אומגעריכטן, הגם פאַרדינטן באַוואוסט
ווערן האָט מאָריס ר׳ דערהויפּט צו פאַר=
דאַנקען לעאָ ווינערן, דעם פּראָפ׳ פון
סלאַווישע שפּראַכן אין האַרוואַרדער או=
ניווערסיטעט, וועלכער האָט צוערשט
אָנגעשריבן וועגן אים און זיין פּאָעזיע
עטלעכע נישקשהדיקע אַרטיקלען אין
דער באָסטאָנער צייטונג Transcript און
דערנאָך איבערגעזעצט זיינע אַרבעטער=
לידער און אייניקע נאַציאָנאַלע לידער
אויף ענגליש און געפונען פאַר זיי אַ
גרויסן אַמעריקאַנישן פאַרלעגער. אויך
אין זיין געשיכטע פון דער יידישער לי=
טעראַטור אין XIX יר״ה גיט ווינער אָפּ
ר׳ן אַ סך אָרט, אָנערקענט אים פאַר אַ
באַדייטנדן דיכטער בכלל, פאַר דעם
באַדייטנדסטן פון די יידישע דיכטער אין
אַמעריקע און פירט אויס: „אויף דעם
גורל פון אַ רוסישן יידן איז אין סוף פון
XIX י״ה אויסגעפאַלן צו זען און צו
מאָלן דעם גיהנום מיט אַזעלכע פאַרבן,
וואָס זיינען ניט בנמצא געווען זינט
דאַנטען. אָבער דאַנטע האָט געשילדערט
דעם גיהנום פון יענער וועלט, און ר׳
מאָלט דעם גיהנום אויף דער ערד; דעם
גיהנום, וואָס ער האָט ניט בלויז באַ=
זוכט, נאָר וואו ער האָט אויך יאָרנלאַנג
געלעבט"... — ווי נאָר מ׳האָט אין די אַמע=
ריקאַנישע צייטונגען אָנגעהויבן צו שרייבן
וועגן ר׳ן וועגן דעם שניידער=דיכטער,
איז עס גלייך אויפגעכאַפּט געוואָרן פון
די אייראָפּעישע צייטונגען, און צו זיין
גרעסטער איבערראַשונג איז ער פון אַ
דלפנסאָן פלוצלונג פאַרוואַנדלט געוואָרן
אין אַ מין באַרימטהייט. ער האָט, קען
מען זאָגן, דאָס ערשטע מאָל דערהערט,
אַז אויך מחוץ דעם געטאָ האַלט מען
אים פאַר אַ פולבאַרעכטיקטן דיכטער.
באַזונדערס איז ער איבערראַשט געוואָרן,
ווען מ׳האָט אים איבערגעגעבן, אַז אין
דער פאַריזער צייטונג Temps איז גע=
ווען אָפּגעדרוקט אַ גאַנץ לאַנגער אַרטיקל,
וואו מ׳האָט אים גאַנץ שטאַרק געלויבט

(לויט מיין מיינונג איז דאָס געווען דער בעסטער אַרטיקל וועגן אים און זיין פּאָעזיע). דער שם זיינער האָט אַלזאָ דורכגעדרונגען אין אַזעלכע ערטער, וואָס אים האָט זיך גאָר קיינמאָל ניט געחלומט, און ענדלעך האָט ער אָנגעהויבן איבערצולעבן אויך גליקלעכע מינוטן אין זיין לעבן. די פאָרטונע איז אָבער דעם רום זיינעם ניט נאָכגעגאַנגען און נאָך איצט (1899) שלאָגט ער זיך קוים-קוים דורך טראָץ דער אונטערשטיצונג פון די פילאַנטראָפּן. ביי דעם איצטיגן מאָמענט גרייט ער צו אַ ניי בענדל לידער זיינע פאַר אַן אַמעריקאַנישן פאַרלאַג, און די וועלט וועט זיך ווידעראַמאָל איבערצייגן, אַז ער איז אַ דיכטער מיט אַ רוח הקודש, אַן עכטער זון פון דער מוזע. אפשר וועט די קריטיק אים איצט אָפּשאַצן לויט ווי ער האָט פאַרדינט; דערוויילע האָט מען דערהויפּט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ סענסאַציע; און זיינע וואונדערלעך שטאַרקע, שיינע און טיף דורכגעפילטע שירים זיינען באַטראַכט געוואָרן פון דעם לעבנסשטייגערישן שטאַנדפּונקט, אַלס בילדלעך פון אַ באַזונדערער סביבה, אַלס אויסדרוקן פון אַ באַזונדערן לעבן. אינטערעסירט האָט מען זיך דערהויפּט מיט זיינע אַרבעטער-לידער און טיילווייז מיט די נאַציאָנאַלע, בשעת ווען זיינע ריין לירישע לידער, פול לירישע באַגייסטערונג, זיינען אַפילו ניט איבערגעזעצט געוואָרן. ריכטיק איז אַלנפאַלס, אַז ווען ר' וואָלט געשריבן אויף אַן אייראָפּעישער שפּראַך און ניט אויף דעם אומגליקלעכן זשאַרגאָן, וועלכער איז פאַראַכט אַפילו ביי די יידן, וואָס קענען ריידן אויף אים, וואָלט ער אָנערקענט געוואָרן פאַר איינעם פון די גרעסטע דיכטער פון אונזער צייט". די Songs from the ghetto

האָבן ר'ן געשאַפן אַ אינטערנאַציאָנאַלע רעפּוטאַציע. ליטעראַרישע קרייזן אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, עסטרייך א"אַ לענדער האָבן זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט זיינע שירים, וועלכע זיינען זיי געוואָרן צוגענגלעך דורך ווינערס איבערזעצונג. ר' האָט געגעבן פאָרלעזונגען פון זיינע ווערק אין האַרוואַרדער אוניווערסיטעט (1898), אין שיקאַגער אוניווערסיטעט (1900), אין וועלסלער און ראָדקליף-קאַלעדזש (1902), 1900 איז ער געפאָרן אַלס דעלעגאַט אויפן 4טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן. ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דער פאַרהאַסטער שוויץ-שניידעריי און אַדאַנק זיין באַרימטקייט באַקומען אַ צוטריט צו דער פּרעסע אַלס פּראָפעסיאָנעלער זשורנאַליסט. אַרום 1901 האָט ער מיטגעאַרבעט אין „דעם טעגליכען העראָלד" פון מיכל מינץ, שפּעטער אַריבער אין דער גרויסער טעגלעכער צייטונג „די אידישע וועלט" (1902 — 4), אַרויסגעגעבן פון הירש מאַסליאַנסקי (זע), אַרום 1905 האָט ער רעדאַקטירט דאָס „ניו יאָרקער מאָרגענבלאַט", גלייכצייטיק געדרוקט זיינע לידער אין פאַרשיידענע יידישע צייטשריפטן פון אייראָפּע, ווי „דער יוד", „דער פריינד", „דאָס לעבען" א"אַ. 1904 האָט דער פ"ג פון א"מ עוואַלענקאָ „דיא אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק" אין נ"י אַרויסגעגעבן די „געזאַמעלטע לידער" פון מאָריס ר'" (ז' XIX+320), מיט אַ פאָרוואָרט פון די אַרויסגעבער, אַ ביאָגראַפיש-קריטישן אַריינפיר פון אַלכסנדר האַרקאַווי און ר'ס אַ פאָרוואָרט „פון דיכטער צום פאָלק". צו יענער צייט איז ר' געשטאַנען אויפן שפּיץ פון זיין רום. אָבער דאָס גליק האָט ניט לאַנג געדויערט, און ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן טעג פון גרעסטער

פיין פאַר דעם כיל געפרוּווטן דיכטער. עס איז אים געשטאָרבן זיין 15יעריקער איינציקער זון יוסף (וועלכער האָט שוין צו 10 יאָר געשריבן ענגלישע לידער; 3 פון זיי האָט ר׳ איבערגעזעצט אויף יידיש — אין דעם 2טן ב׳ פון זיינע „שריפטען", וואו ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט איייניקע קלאָגלידער וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם). דער דאָזיקער אומגליק האָט אים אינגאַנצן צעבראָכן. ער איז פאַראַליזירט געוואָרן אויף אַ האַלבן קערפער, און די שרעקלעכע מאַטעריעלע לאַגע, אין וועלכער ער איז געקומען צוליב דער דאָזיקער קראַנקהייט און דער סכנה בלינד צו ווערן, האָט דאַן געשאַפן אין דער יידישער פרעסע אַ באַוועגונג אַוועקצושטעלן דעם קראַנקן דיכטערס עקסיסטענץ אין בעסערע באַדינגונגען. צ"אַ האָט ש"ע דאַן פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף וועגן הילף פאַרן דיכטער. אָבער ממשותדיקס איז דערפון ניט אַרויסגעקומען און אין אַ בריוו פון 1/V 1906 צו ק. מרמרן שרייבט ר׳: „די לאַגע איז זייער אַ טרויעריקע. פון אַלע אומגעלומפערטע געשרייען אין די יידישע בלעטער וועגן הילף האָב איך ליידער אויסער חרפה קיין זאַך ניט גענאָסן"... בכלל איז אים די שטיצע פון יחידים ניט געווען צום האַרצן, ער האָט געוואָלט בלויז, אַז אָרגאַניזאַציעס זאָלן פאַר אים עפעס אונטערנעמען אין זיין שרעק ניט צו פאַרלירן די ראיה און בלייבן „שטיין אַ בלינדער בעטלער אין די אָפענע גאַסן" („מיינע אויגן — שרייבט ר׳ צו מרמרן דעם 8/X 1906 — אַנטזאָגן זיך מיר מער צו דינען. עס איז מעגלעך, איך זאָל פאַרלירן די ליכט פון מיינע אויגן יעדן אויגנבליק. די אָפטישע נערוון זיינען מיר רויִנירט פון דעם פאַראַליז אין פאָלשטענדיקע בלינדקייט קען איינטרעטן יעדע רגע"). אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין קראַנקהייט האָבן זיך אויך פאַרשפרייט קלאַנגען, אַז ר׳ איז געשטאָרבן, און ער האָט אַזוי־אַרום זוכה געווען צו לייענען אויף זיך הספדים פול מיט די גרעסטע שבחים. דערווייל איז ער דאָך געקומען צו זיך פון זיין קראַנקהייט, איז אַריינגעטרעטן אַלס מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס", וואו ער האָט רעגלמעסיק געשריבן צוויי מאָל אַ וואָך — מיטוואָך און שבת, און אויך זיין מאַטעריעלע לאַגע איז בעסער געוואָרן. 1908 האָט ער געמאַכט אַ נסיעה איבער מערב־אייראָפע און גאַליציע (די איינדרוקן פון איר באַשריבן אין זיינע רייזע־בילדער, איינעם פון זיינע בעסטע ווערק אין פראָזע) און די דאָזיקע נסיעה האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אמתן טריִומף פאַר דעם דיכטער. מיט באַגייסטערונג איז ער אויפגענומען געוואָרן פון דער יידישער באַפעלקערונג און אינטעליגענץ — אין קראָקע, טשערנאָוויץ, ווין, בודאַפעשט, לאָנדאָן א"אַ; די פרעסע האָט אים געווידמעט אַ סך אַרטיקלען, אויף זיינע אָוונטן זיינען אויפגעטרעטן די באַדייטנדסטע יידישע פערזענלעכקייטן, ווי ישראל זאַנגוויל א"אַ, דער גרויסער שוישפילער אַדאָלף פאָן זאָנענטאַל האָט רעציטירט זיינע לידער אאַז"וו. דאָס איז געווען דער צווייטער גליקלעכער פעריאָד אין ר׳ס לעבן. אַלס מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" האָט ער זיך אויך אַנטפלעקט אַלס פראָזאַיִקער און פעליעטאָניסט, איז אָפט אויפגעטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען און קאָנצערטן, וואו ער פלעגט אויפגענומען ווערן מיט באַגייסטערונג. אין 1913 איז געפייערט געוואָרן זיין 50יעריקער יובל אין אַ סך שטעט פון אַמעריקע. דאָס איז, ווייזט אויס, געווען דער לעצטער ליכטיקער

שטראַל אין זיין לעבן. אַרום 1913 צוליב סיכסוכים מיט דער רעדאַקציע איז ער אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון „פאָרווערטס" און האָט געמוזט אָנהייבן צו אַרבעטן אין „יידישען טאַגעבלאַט", אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין לעזער־קרייז, פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, זיך אָנגעהויבן צו פילן אַלץ עלנטער און פאַרגעסענער, און אין אַ גאַנצער ריי לידער האָט ער אויסגעדריקט זיין אומצופרידנקייט מיט זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט, וועלכע איז אים בכלל געווען צו לאַסט, בפרט — אין דער קאָנסערוואַטיווער צייטונג, און ער האָט באַדויערט שטאַרק, וואָס ער מוז זיין „פראָסט און מאָגער, / אַ טרוקענער שרייבער / אַ וואָכעדיקער זאָגער, / וואָס אַרבעט נאָר פאַר שכר". אויך דער שאַפונגס־גייסט האָט אים אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן און זיין סוף איז געווען זייער טרויעריק. דער דיכטער, וואָס האָט נאָך דאָ גאָר ניט לאַנג מרעיש עולם געווען, האָט קוים געקענט אָפּזעצן אַ ליד אָדער אַ פעליעטאָן אין זיין צייטונג, ביז די אַרויסגעבער פון „יידישען טאַגעבלאַט" האָבן אים דעם 4/III 1921 צוגעשיקט דאָס פאָלגנדיקע שוידערלעכע בריוועלע: „געעהרטער הערר! — מיר געפינען פאַר נעטהיג אייך צו לאָזען וויסען, אַז פון היינט אָן דאַרפט איהר פאַר אונז ניט שרייבען. די אורזאַכע איז ווייל אייער שרייבען איז ניט גענוג אין קוואַליטעט און קוואַנטיטעט. אַכטונגספאָל סאַראַזאָן און זון". — ער האָט נאָך פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט אַ ליד אין „מאָרגען זשורנאַל" אָדער „אַמעריקאַנער", מיט וועלכע צייטשריפטן ער איז געווען פאַרבונדן די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, און דאָס זיינען דאָס רוב געווען לידער פון יאוש און פאַרביטערונג, פון שרעקלעכער עלנטקייט, פיזישער און גייסטיקער. „אַן עלנטער, אַ פאַרלאָזענער, כמעט אַ פאַרוואָגלטער איז מ' ר' געווען די לעצטע יאָרן. קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט, קיינער האָט זיך ניט געקימערט וועגן אים און קיינער האָט ניט אַ טראַכט געטאָן ניט נאָר וועגן זיין עקאָנאָמישן זיין, נאָ׳ אויך וועגן זיין גייסטיקער עקסיסטענץ. נאָכמער, ווער עס האָט נאָר געקענט, האט אויפגעהויבן די פויסט אויף אים אָדער מיט אַ שמייכל פון לצנות גערעדט וועגן אים" (יואל סלאָנים). אויף דער עלטער האָט ער אויך פאַרלוירן זיין זכרון, אינגאַנצן זיך אָפּגעריסן פון דער ליטעראַרישער און לעזערישער סביבה, בלויז דער מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג — לויט דער איניציאַטיווע פון ק. מרמר — אַראַנזשירטער באַנקעט לכּבוד זיין 60יעריקן געבורטסטאָג האָט אים אַ ביסל אויפגעמונטערט, אָבער ניט אויף לאַנג. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָכן באַנקעט איז ער ׳ פערטל אויף איינס ביינאַכט געשטאָרבן פון אַ שווערן פּאַראַליטש, אין אַ אייבזאַם הויז, וואָס זיין איידעם ד"ר לעאָן גאָלדענטאַל האָט פאַר אים געקויפט ערגעץ אין פעלהאַם־קעי, אין אַ שטילער אָפּגעזונדערטקייט און אויף פרישער לופט. אַפילו זיין געטרייע בעסי איז ניט געווען ביי זיין גסיסה (זי איז געשטאָרבן דעם 16טן יולי 1927). אַ גרויסער עולם, פון 10 ביז 25 טויזנט מאַן, איז געקומען אויף זיין לוויה, אָבער די אַרבעטער־מאַסן, פאַר וועלכע ער האָט געזונגען זייגע בעסטע לידער, האָבן געפעלט. ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה לעבן די קברים פון ש"ע, פיליפ קראַנץ און וו. מעדעם.—אַ געזאַמלטע אויסגאַבע פון ר'ס ווערק איז אַרויס א"ט „שריפטען" אין 6 ב' (פ"ג „אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק", 7טע אויפלאַגע — נ"י־וואַר־

שע, 1910): I ב׳ — „פּאָעזיע" (דער אויב־דערמאָנטער ב׳ „געזאַמעלטע ליעדער" — „אַרבייטער און פרייהייטס־ליעדער", „נאַציאָנאַלע און פאָלקס־ליעדער", „לירישע ליעדער", „סאַטירישע ליעדער", ז׳ XXV + 320, מיט ר׳ס בילד און אַ פּאָר צייכענונגען פון ליליען), II ב׳ — „פּאָעזיע" („ליעבע און לעבען", „אידישע געזאַנגען", „פון דער אָרעמער גאַס", „פערשיעדענע מאָטיווען", „הומאָרעסקען און סאַטירען", ז׳ VII + 315), III ב׳ — „פּראָזאַ" („ליעדער אין פּראָזאַ", „בערל דער פּיסקאַטער" — אַ סעריע פעליעטאָנען, „אַרטיקלען און פעליעטאָנען", „פערשיעדענעס", ז׳ VI + 285, מיט אַ פּאָרוואָרט פון דיכטער), IV ב׳ — „פּאָעזיע" („הימעל און ערד", „אַרבייטער נגונים", „נאַציאָנאַלע האַרפּע", „מיט׳ן ליעבעס גאָט", „פערשיעדענעס", „שניידעריי... סאַטירע, הומאָר און פּאָלעמיק", „פונקען" — עפּיגראַמען, „לויזע גאַרבען" — לידער אין פּראָזע, ז׳ X + 348), V ב׳ — „פּראָזאַ" („בעזונדערע שריפטען", „ליטעראַטור", „גלויבען", „פאַמיליע", „אַרטיקלען און פעליעטאָנען", ז׳ III + 294), VI ב׳ — „פּראָזאַ" („רייזעבילדער — געדאַנקען און פּאַסירונגען אויף ים און יבשה", „אַמעריקאַ", ז׳ 346). שפּעטער האָט דער פ״ג פון „פּאָרווערטס" אַרויסגעגעבן נאָך 3 ב׳ פון ר׳ס לידער און פעליעטאָנען א״ט „געוועהלטע ווערק" („בייסטע שאַפונגען", 1912, ז׳ 800), אָבער די דאָזיקע אויסגאַבע איז אין אייראָפּע ניט באַקאַנט, ווי ס׳איז דאָ ניט באַקאַנט זיין בוך „גרינע צרות" (ז׳ 256), וואָס „דער טאָג" האָט אַנאָנסירט אַלס „מייסטערהאַפטע שילדערונגען פונ׳ם לעבען פון פּריש־אַריבערגעקומענע אימיגראַנטען אין ניו יאָרק, באַשריבען פון דעם גרעסטען אידישען פאָלקס־דיכטער". 1914 האָט דער דיכטער אַרויסגעגעבן אַ ב׳ לידער א״ט „דאָס בוך פון ליעבע / אין צוויי טייל" (הויפּט־פאַרקויף ביי מ. גורעוויטש, נ״י, געווידמעט זיינע דריי טעכטער — דאָראַ, פרידאַ אייאָנאַ און ראָזאַ, ז׳ VIII + 185, I ט׳ — „אָריגינעלע ליעדער — ליעבע, ליידענשאַפט און זינד", II ט׳ — „שיר השירים/נאָכגעדיכטעט", „לירישע ליעדער"). אַ קליינע זאַמלונג „געקליבענע ליעדער" איז אַרויס אין דער סעריע „קליינע פאָלקס־ביבליאָטעק" (פ״ג „פּראָגרעס", וואַרשע, 1905, ז׳ 30). פאַרהאַן אויך אַן אויסגאַבע פון ר׳ס לידער אין דער סעריע „שול־ביבליאָטעק" פון פ״ג „קולטור־ליגע". ר׳ האָט אויך אָנגעשריבן די ביאָגראַפיעס פון זיינע באַליבטסטע דיכטער יהודה הלוי און היינריך היינע (פ״ג „אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק"), האָט פאַרפאַסט אַ היסטאָרישע אָפּערעטע „דער לעצטער כהן גדול אָדער רעליגיאָן און ליעבע" (1896). די ביטול־באַציִונג מצד די ייִנגערע יידישע דיכטער צו דעם אויף זיין טאַלענט שטאָלצן און איינגעגלויבטן ר׳ האָט אים כסדר אָנגערעגט צו שאַפן אין ענגליש און זוכן צו ווערן אָנערקענט פאַר אַן ענגלישן דיכטער. די ענגלישע דיכטער האָבן אים באַהאַנדלט מיט מער דרך־ארץ; אַזוי למשל, האָט אַמעריקעס עלטסטער און אָנגעזעענסטער דיכטער עדווין מאַרקהאַם, וועמעס געדיכט „דער מאַן מיט דער גראַבליע" ר׳ האָט איבערגעזעצט אויף יידיש, געשריבן צו ר׳ן אין די טעג פון זיין ירידה (1919) ווי צו זיינס גלייכן, „אַ חבר אין וואָפן". אין די לעצטע יאָרן האָט ר׳ געפּלאַנט אַרויסצוגעבן עטלעכע נייע בענד שריפטן, לידער און פּראָזע, אין יידיש און ענגליש, פילאָסאָפישע פעליעטאָנען (פאַלשקייט, קינאה, ערגערניש, ליבע, גליק אד״ג), באַטורוויסנשאַפטלעכע עסייען (וועגן מילבן,

קאָמאַרעס, שפּינען, פּאָפּוגייען אאַז"וו),
סאַטירישע דערציילונגען און פּראָווינץ=
בילדער, „יידישע גאַסן און אַנשטאַלטן
מחוץ נ"י" אאַז"וו, באַזונדערס פלייסיק
געאַרבעט אויף אַ בוך „כּעס און שמייכל"—
„סאַטירעס, הומאָר, סאַרקאַזם, וויצן און
עפּיגראַמען", וואו ער האָט זיך אויך
אָפּגערעכנט מיט אַלע זיינע באַליידיקער
און חוזק=מאַכער (דאָס רוב פון דעם
בוך געדרוקט אין פאַרשיידענע צייטונ=
גען א"פ מטטרון און גוט=שבת), אויך אַ
בוך פון מלחמה= און אַרבעטער=לידער,
אָבער קראַנקהייט און טויט האָבן צעשטערט
זיינע פּלענער. האָט איבערגעלאָזט אַ
פּיראַקטיקע דראַמע, וואָס ער האָט גע=
זוכט אויפצופירן אויף דער יידישער
בינע, און אַ בוך ענגלישע לידער (וועגן
וועלכע אַ פּראָפעסיאָנעלער „רידער" (אַ מאַ=
נוסקריפּטן=לייענער) פון אַ אַמעריקאַנישן
פאַרלאַג, האָט געגעבן פאָלגנדיקע מיינונג:
„די לידער רעפּרעזענטירן עפּעס נייס
אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע; זיי זיינען
וואונדערבאַר עכט און איינפאַך, און
זיי מיינען עפּעס אַזוינס, וואָס קען באַ=
וועגן און געווינען דעם עולם"), אַ באַנד
שניידערישע געשיכטן אין ענגליש. —
אָנגעהויבן מיט ל. ווינערס Songs from
the Ghetto (באָסטאָן, 1898; די איבער=
זעצונג איז אין פּראָזע, אָבער — לויט
אַלכּסנדר האַרקאַווי — שיין און קרעפטיק;
ביי דער איבערזעצונג קומט דער יידישער
טעקסט מיט לאַטייניש אותיות), זיינען
ר'ס לידער איבערגעזעצט געוואָרן אויף
פאַרשיידענע שפּראַכן: אין פ ר אַ נ צ ו י=
ז י ש — אין דעם אַרטיקל וועגן אים אין
Le Temps 1899 (דאָס ליד „אין סוועט=
שאָפּ") און אין דעם אַרטיקל אין
Revue de Paris פון 1/VIII 1902 (אַ ריי
פון זיינע לידער), אין פלעגס אַנטאָלאָ=
גיע („ניט זוך מיך" און „מיין יינגעלע"—

איבערגעזעצט אין פּראָזע); אין ד י י ט ש —
פון בערטאָלד פייוועל, וועלכער איז
געווען אַזוי ענטוזיאַסטיש פאַר ר'ס
טאַלענט, אַז ער האָט זיך געשטעלט אין
פאַרבינדונג מיט דעם באַרימטן יידישן
גראַפיקער אפרים=משה ליליען, וועל=
כער האָט געצייכנט ספּעציעלע אי=
לוסטראַציעס צו פייוועלס איבערזעצונג
פון ר'ס Lieder vom Ghetto, און פון
ע. א. פישין (מילוואָקי, וויסקאָנסין, 1899);
אין ר ו מ ע נ י ש — פון מאַטעי רוסו (זע);
אין ט ש ע כ י ש-פון יאַראָסלאַוו ורכליצקי
(פּראָג, 1903), וועלכער האָט וועגן ר'ן
אויך אָנגעשריבן אַ ליד; אין פּ ו י ל י ש —
פון ישראל וואַלדמאַן (ווין, 1903), מאַריע
מאַרקאָווסקאַ, וו. עסדע, אַלפרעד טאָם, הירש=
האָרן, אויך פון מ. שערלאַג—אין Nowe
Życie (Wieczna Tajemnica); אין אונ=
גאַרן האָט אים פּאָפּולער געמאַכט פּאָס=
טאָר אַרפּאַד און אַרנאָלד קיש (זע);
איינציקע פון ר'ס לידער זיינען אויך איבער=
געזעצט אויף רוסיש, העברעיש — צ"אַ
פון מ. ברוינשטיין (מבש"ן), אַפילו אויף
יאַפּאַניש, אאַז"וו. ר' איז אויך פאַר=
טרעטן אין דער ענגלישער אַנטאָלאָגיע
פון די גרעסטע אַמעריקאַנער דיכטער.—
אַ סך פון זיינע לידער זיינען איבערגע=
לייגט אויף מוזיק און ווערן געזונגען
אין דער גאַנצער יידישער וועלט. זיין
מלחמה=ליד Pity, o Jsrael / A poem
of the Hour / to The Jwes of America
אין ענגליש און יידיש איז אַרויסגע=
געבן פון צענטראַל=קאָמיטעט פון רעליף
אין דער צייט פון דער וועלט=מלחמה.
— ר' פאַרנעמט איינעם פון די ערשטע
ערטער אין דער געשיכטע פון דער
יידישער פּאָעזיע, פון וועלכער ער איז
געווען אַ מיטשעפער צוזאַמען מיט ש.
פרוג, נאָך פאַר יהואשן און אברהם
רייזענען. אַ זון פון דער פּשוטער פאָלקס=

מאַסע, מיט ווייניק קולטור, האָט ער „זיך געראַנגלט מיט דעם אָ נ ה י י ב, מיט דער גרויער אומפּערזענלעכקייט פון אַ קולטור=התחלה. ער האָט זיך ניט געקענט שטאַרק דערהייבן אַריבער דער מאַסע, געבוירן ווערן גלייך אַ פּערזענלעכקייט אין דער אַטמאָספערע פון גייסטיקן דלות. ער איז אָבער געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן ריידן און זינגען" (מ. קולבאַק). ער האָט אין זיינע ווערק, סיי אין די לידער סיי אין די פּעליעטאָנען, געליטן אָפט פון אַ פּאַטאַלער פּראָסטקייט, אָפט געווען באַנאַל אָדער וואולגאַר, ווען אים איז אויסגעקומען צו באַהאַנדלען די אינטימערע באַוועגונגען און רעגונגען פון דער נשמה. אָבער דער גוואַלדיקער טעמפּעראַמענט פון זיין פּערזענלעכקייט האָט אים געמאַכט פאַר דעם ערשטן קראַפטפולסטן דיכטער אין יידיש. „בשעת פרוג האָט די שפּראַך פאַרווייכט און פאַרצערטלט—ניט אָן דעם איינפלוס פון דעם ווייגענדיקן נאַדסאָנען—האָט ר' אַריינגעגעבן אייזן אין זיינע שורות; בשעת פרוג האָט זיך מער געקימערט וועגן דער זילבערדיקייט פונעם פערז=קלאַנג, איז ר' געפאָרן מיט ברייטע שווערע רעדער אָדער געסווישטשעט מיט בייטשן" (אָלגין). ער האָט אַריינגעטראָגן אין דעם יידישן ליד דעם ווילדן ריטם פון אַ ווילדן, צערודערטן, הפקרדיקן שטראָם, האָט דער ערשטער געוויזן, אַז עס זיינען דאָ דונערדיקע טענער אין דער יידישער שפּראַך. „אין ר' האָט געשריען דער כאַאָס, אינאיינעם מיט דעם געבורטסווייטאָג פון דעם נייעם ישוב. דער תוהו=ובוהו אינאיינעם מיט דעם כוח אלהים האָבן געקאָכט און געזאָדן אין ר'ס נשמה, אין ר'ס פּאָעזיע.— אַלע יסודות פון דער יידישער שפּראַך, די איידעלסטע און די גראָבסטע, די יחוסדיקע און די גאַסיקע, די אַלט=היימישע און די ניי=אויפגעקומענע, די אַמעריקאַנישע—זיינען צונויפגעמישט און צונויפגעפלאָנטערט אין ר'ס ליריק, פּעליעטאָנען, פּאַמפלעטן. ר' איז געווען דער ערשטער הייסער שמעלצטאָפּ פון דעם אַמעריקאַנער יידיש" (ש. ניגער). ער האָט זיך געמאַכט אַ וועלטנאָמען מיט זיינע סאָציאַלע לידער, האָט אויך אָפט געשריבן אויף נאַציאָנאַלע מאָטיוון, ער איז אָבער דערהויפּט געווען אַ ליריקער פון דער אייגענער פּערזענלעכער איבערלעבונג, און די עכטסטע לידער זיינע זיינען די=יעניקע, אין וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך דאָס לעבעדיקע אוממיטלבאַרע געפיל פון דעם „איך"=דיכטער. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס די בעסטע לידער ר'ס געהערן צו דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין שאַפן, ווען זיין געפיל איז געווען אינטענסיווער, פרישער, נאַטירלעכער („מיין יינגעלע" — אַ פּערל אין דער וועלט=ליטעראַטור — איז פאַרעפנטלעכט אין „דער צוקונפט" 1892—3, און אויך אַזעלכע באַרימטע לידער זיינע, ווי „סוועט=שאַפּ", „דער טרערנמיליאָנער", „די נבואה", ווי „אויפן בוזעם פון ים", „דער יידישער מאַי", זיינען געשאַפן פון ר'ן, ווען ער איז נאָך אַליין געווען דער בלייכער אָפּרייטאָר). „ר' איז דער רוישיקסטער, דער ענטוזיאַסטישסטער פון אַלע יידישע ליריקער, אין זיין ליריק איז פאַראַן עפּעס ד ר אַ מ אַ ט י ש ע ס (זיינע שלעכטע לידער זיינען ט ע אַ ט ר אַ ל י ש)... אין זיין גאַנצער פּאָעזיע, אַפילו אין דעם בעסטן טייל אירן, איז פאַראַן עפּעס דעקלאַמאַטאָרישעס. ניט איין ליד האָט ער לכתחילה געשריבן צום דעקלאַמירן.—ביי פּאַסיקע באַדינגונגען וואָלט ער געשריבן הימנען, אָדעס, מאַרשן. אויך איצט האָט ער געשאַפן

עטלעכע פייערלעכע זאַכן, וואָס זיינען אים זייער געלונגען, ווי, צום ביישפּיל, „אויפן בוזעם פון ים", „איוב", „מתּן תּורה"... ר' ווירקט אויף אונז ניט דורך בילדער און געשטאַלטן, וואָס ווערן געשאַפן געוויינלעך מיט דער הילף פון דער קינסטלערישער פאַנטאַזיע: די בילדער און געשטאַלטן זיינען ביי אים זייער אַבסטראַקט, צעשוואומען (דאָס האָט אויך, קאָן זיין, אַ שייכות צום רעדנערישן כאַראַקטער פון זיין פּאָעזיע). עס ווירקט אויף אונז דורך דעם אומיטלבאַרן געפיל, וואָס ער לעבט איבער און וואָס ער שטעקט אונז אָן מיט דעם... ר' געפינט ווערטער פאַר זיינע געפילן, ער באַהאַלט זיי ניט פון אונז... ער האָט שטאַרקע, אָבער ניט קיין פאַרשיידענע געפילן.—געשריבן האָט ער וועגן אַלץ אין דער וועלט: וועגן מענטש און נאַטור, פרייהייט און ליבע אַרבעטער און יידישקייט, היינע און לינקאָלן, באַזעל און ירושלים, וועגן גאָט — און וועגן וואָס ניט? איר געפינט ביי אים אַלע מעגלעכע מאָטיוון: סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע, פאָלקסטימלעכע און נביאישע, ראָמאַנטישע און משׂכּילישע... דאָס איז אָבער נאָר אַ רייכקייט אין טעמעס, ניט אין געפילן. פון דער רייכקייט וואָלט עפּעס געקאָנט אַרויסקומען ביי אַ דיכטער, וואָס ווייס דעם סוד צו געבן שטיקער קונסט אויך ווען דאָס זיינען ניט שטיקער האַרץ און נשמה, אָבער ניט ביי ר'ן. ביי אים איז אַ ליד לעבעדיק נאָר, ווען דאָס געפיל, וואָס ער לעבט איבער שרייבנדיק, איז לעבעדיק. אויב ביי אים איז פאַרהאַן אַ סך טויטע לידער, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט אויך אַ סך טויטע געפילן. אַזוי, צום ביישפּיל, איז שוואַך כּמעט טויט זיין ליבע-געפיל (זיין האַס-געפיל איז ניט אַן ערך לעבעדיקער). צווישן זיינע פילע ליבע-לידער איז פאַרהאַן אפשר איינס אָדער צוויי, וואו עס אָטעמט דער אָטעם פון אַן אמתער איבערלעבונג. די איבעריקע זיינען טיילווייז (די בעסערע) היינעס, טיילווייז (די ערגערע) מליצה. — אין אַ טייל פון די נאַטורלידער איז שוין פאַרהאַן מער „געפיל", מער חיות. אויך דאָ זיינען די איינציקע בילדער און פאַרגלייכענישן שטענדיק כּמעט אַלגעמיין און אָפט מליצהדיק, דערפאַר אָבער גיט זיך דאָ ר'ן איין אַמאָל אין די בעסערע זאַכן אויסצודריקן דאָס מאַיעסטעטישע, דאָס פייערלעכע, דאָס פּאַטעטישע, וואָס אין דער נאַטור, און אין איינציקע פון זיינע לידער וואַקסט דער מעכטיקער איינדרוק, וואָס דער דיכטער באַקומט פון דער נאַטור, אויס ביז צום אמתן רעליגיעזן עקסטאַז"... (ש. ניגער). דער סוביעקטיווער, טיף פּערזענלעכער כאַראַקטער פון ר'ס ליריק אַנטפּלעקט זיך אויך אין זיינע שאַרפע און ליידנשאַפטלעכע סאַטירישע לידער און פּאַמפלעטן, וואָס עטעמען מיט כּעס און האַס און ביטערן חוזק קעגן זיינע פאַרפאָלגער. ער איז אָבער אויך אָפט הומאָרפול און פאָלקסטימלעך און פאַרשטייט אויך איבערצוגעבן די שטילע צאַרטע טענער פון געלייטערטער ליריק.—ניט קוק-דיק אויף דער אומגעלייטערטקייט פון זיין סטיל, [איז ר' געווען איינער פון די גרעסטע יידישע שפּראַכמייסטערס, און אין זיינע בעסערע לידער איז אויך זיין סטיל לויטער און ווערדיק. ער האָט באַרייכערט די יידישע פּאָעזיע מיט די פאַרשיידנסטע פאָרמען פון דער פערזיפיקאַציע, מיט אָריגינעלע און שטאַרקע גראַמען און מיט פאַרשיידנאַרטיקע ריטמען. ר' איז געווען דער ערשטער יידישער דיכטער, וואָס האָט אַריינגעפירט די יידישע פּאָעזיע

אין דער וועלט-ליטעראַטור, דער ערשטער, וואָס האָט אַנטפּלעקט פאַר דער גרויסער וועלט די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע ליידן פון דעם יידישן מענטש און אויך דערמיט האָט ער אומדירעקט שטאַרק מיטגעווירקט דער פּאָפּולאַריזירונג פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך. ער איז אויך געווען איינער פון די ערשטע יידישע דיכטער, וואָס האָבן באַגריפן דעם כוח און די ווערדע פון יידיש און האָט דער שפּראַך זיינער געזונגען באַגייסטערטע אָדעס, וואָס געהערן צו די בעסטע מוסטערן פון זיין פּאָעזיע, האָט די יידישע שפּראַך פּראָקלאַמירט אַלס דיכטעריש אויסדרוקמיטל. אַ שטאַרק אימפּולסיווע נאַטור, איז ר' אויך אין זיין פּערזענלעכן לעבן געווען פול טעמפּעראַמענט, אימפּעט, שאַרפזיניק-בייסיק און גאַליק-ביטער, אָבער גלייכצייטיק אויך סענטימענטאַל, אַמיזאַנט אין אַ געזעלשאַפט, וויציק, טיף דאַנקבאַר פאַר אַרויסגעוויזענער אויפמערקזאַמקייט. צוליב די טראַגישע אומשטענדן איז ער אָפט געצוואונגען געווען אַרויסצוווייזן זיך מיט נעגאַטיווע מאָמענטן אַלס מענטש, אָבער די, וואָס האָבן אים געקענט נעענטער, ווי ק. מרמר און א. רייזען, שילדערן אים אַלס העכסט פריינדלעכן און גוטמוטיקן מענטשן, אַן איידעלן און אין אַ געוויסער מאָס אפילו אַ ראַפינירטן און באַשיידענעם.

די ליטעראַטור וועגן מאָריס ר'ן אין פאַרשיידענע שפּראַכן איז זייער גרויס, זי באַשטייט אָבער בלויז פון צייטונגס- אָדער — אין בעסטן פאַל — פון זשורנאַל-אַרטיקלען, און עד-היום איז ניטאָ קיין ערנסטערע מאָנאָגראַפיע און אפילו קיין אויספירלעכערע ביאָגראַפיע פון דעם גרויסן יידישן דיכטער. ערשט גאָר די לעצטע צייט האָט ק. מרמר (און אויך מ. שטאַרקמאַן) געמאַכט די ערשטע פּרוּוון צו זאַמלען און באַאַרבעטן דעם מאַטעריאַל פאַר ר'ס ביאָגראַפיע.

מ'וועט דאַרפן אויך נאָך לאַנג מסתמא וואַרטן אויף אַ פולשטענדיקער ר'-ביבליאָגראַפיע. דאָ האָבן מיר בלויז די מעגלעכקייט צו ברענגען אַ קליינעם און צופעליקן טייל פון דער דאָזיקער ביבליאָגראַפיע: ל. קאָברין, אין „דער פילאַדעלפיער שטאָדט-צייטונג", 1894; ג. ישורון, „די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן", אין Восходъ, 1896, XI; י. ראַמבּאַ, „די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור אין אַמעריקע", ib, 1899, X; וויליאַם דיען האָועלס, אין זשורנאַל Literatur פון 10/II 1899; ד"ר רפאל-שאול לאַנדוי, אין קאַוטסקיס Neue Zeit פון 9/IX 1899; לעאָ ווינער, YL; איס. על(יאַשעוו), אין „יוד", 1899; ג. קראַסני, אין Будущность, 1903, ז' 120—134; „חכמי ישראל באמריקא"; יוליוס צאַדעק, אין Sozialistische Monatshefte, 1903, VI; JE, X; American Jewish Year Book תרס"ה; מ. ערענפּרייז, אין „השלח", XIII, ז' 458—464; ראובן ברײַנין, אין „שריפטען" (איבערגעדרוקט פון „יוד"); ד"ר פרידריך אַדלער, רעדאַקטאָר פון דער פּראָגער Bohemia, פאָררעדע צו דער פּאָפּולערער אויסגאַבע Gedichte von M. Rosenfeld (פּ"ג Jüd. Universal-bibliotek, פּראָג, 1909); נעקראָלאָגן צוליב די פאַלשע קלאַנגען וועגן ר'ס טויט אין „פריינד", 1907, 163, 176, אין „פאָלקס-צייטונג", 1907, 412, א"א יידישע צייטונגען פון יענער צייט; בּ. וולאַדעק, אין „דער האָפנונג", 1907, 35; יוסף באָביטש, „צוויי יודישע דיכטער" (מאָריס ראָזענפעלד און מ. מ. וואַרשאַווסקי), אין „ראָמאַנ-צייטונג", 1907; מ. לעאָנטיעף, אין „צוקונפט" 1904; בן-יקיר, ib, 1913, X; צינבערג, אין ЕЭ, XIII; משה-לייב האַלפּערן, אין „ליטעראַטור און לעבן", 1914—15; מ. אָלגין, „אין דער וועלט פון געזאַנגען", ז' 129—149; id, אין „פרייהייט" פון 24/V 1923; ק. מרמר, „באַמערקונגען און ערינערונגען צו דער געלעגנהייט פון זיין ערשטן יאָרצייט", אין „פרייהייט" פון 24/VI 1924; id, „די פּרווי פון אַ אידישן שרייבער / שטריכן און געדאַנקען וועגן דער ערשט פאַרשטאָרבענער אַלמנה פון דעם דיכטער מאָריס ר'", ib, 17 און 18 יולי 1927 (איבערגעדרוקט אין „ווילנער טאָג"); id, „פון מאָריס ר'ס ליטעראַרישער ירושה", אין „פנקס", 1928, III, ז' 200—212; ד"ר מ. פינעס, „די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור", II, ז' 65—115; ד"ר ח. זשיטלאָווסקי, אין „דאָס

נייע לעבען", 1909, III; בעל־דמיון, ib, 1910, III — IV; ב. ווייגשטיין, „40 יאָהר", ז' 151—155; אב' קאַהאַן, „בלעטער פון מיין לעבען", II, ז' 376 — 377; בן־קלמן, „דער נייער זשורנאַל", 2; ש. ניגער, אין „דער יודישער וועלט", 1913, V (איבערגעזעצט אויך אין פ"מ קויפמאַנס (di Freistatt; אין „דאָס נייע לעבן", 1923, X; משה שטאַרקמאַן, „מאָריס ר'ס אָנהויב", „פנקס" I—II, ז' 53 — 57 (איבערגעדרוקט אין דער „אידישער ליטעראַטור־געשיכטע / כרעסטאָמאַטיע פון ליטעראַטור און קריטיק" פון נ. אויסלענדער, ד. וואָלקענשטיין, נ. לוריע, ע. פינינבערג, קיעוו, 1928); א. קאַראַלניק, „פאָלקסקונסט", אין „טאָג" פון 25/VI 1923; ראובן בריינין, ib; יואל סלאָנים, „דער טראַגישער סוף פון אַ גרויסען דיכטער", ib, 26/IV 1923; א. רייזען, זכרונות, ib (איבערגעדרוקט אין „ווילנער טאָג" און „פאָלקסצייטונג", 1927, 135); id, „עפּיזאָדן פון מיין לעבן"; ל. קאָברין, „ר' און זיין צייט", „טאָג" פון 1/VII 1923; id, „פרינץ און בעטלער", ib פון 8/VII 1923; ד"ר א. מוקדוני, „דור הולך", אין „מאָרגען זשורנאַל" פון 24/VI 1923; ל. קוסמאַן, צו זיין ערשטן יאָרצייט, ז' תמוז, ib 1924; לעאָן גאָטליב, אין „פאָרווערטס" פון 29/VI 1923; ב. באָטוויניק, ib, יוני 1923; ז. ליבין, „ביי דער לוויה פון אַ אידישען דיכטער", ib; א. צ. ראַמאַנאָווסקי, אין „צייט" פון 12/VIII 1923; א. אַלמי, אין „פ.א.ש." פון 29/VI 1923; „וועקער", 91 — 92 (פון 14/VII 1923); מאיר הער, אין „ביכער־וועלט", 1923, I; נ. מייזיל, ib, 210 — 214; מלך ראַוויטש, „טראַגעדיע מאָריס ר'"ס, ib, 214 — 216; משה קולבאַק, „דער וועג צו פערזענלעכקייט", אין ווילנער „טאָג", 1923, 79; ש. ניגער, „מאָריס ר' דער דיכטער פון דער יידישער אמעריקע", ib, 103 (איבערגעדרוקט פון נ"י'ער „טאָג"); ע. בלום, אין „דרום־אפריקע"; וו. דיקלער, אין „ניי־וועלט", בוענאָס איירעס, 1927; „אויפקום" 1927, X—XI; „ליטעראַרישע בלעטער", 10; נ. מייזיל, ib, 1928, 30; מ. אולמינסקי, אין Krytyka, VIII, ה' 6; מ. באַסין, אַנטאָלאָגיע, II; זישע לאַנדוי, אַנטאָלאָגיע.

ראָזענפעלד שמואל (כ"ו ניסן 1869 *) —) געב' אין דאָרף הרוזסקאָיע, יעליסאַוועטגראַדער קרייז, כערסאָנער גוב'. זיין פאָטער, יעקב, אַ ראַכמעסטריווקער חסיד און אַ מקובל, שוחט און דיין אין דער דאָרפישער קהילה, האָט געשטאַמט פון ר' דוד פורקעס, אַ נאָענטן תלמיד פון בעש"ט (זיינע נעענטערע אבות זיינען אומגעקומען אין דער אומאַנער שחיטה, דער זיידע איז פון אומאַן אַנטלאָפן אין אַ דאָרף אַרום



יעליסאַוועטגראַד און זיינע פעטערס און ברידער זיינען געווען שוחטים און דיינים אין יידישע ישובים). ביז 15 יאָר האָט ר' געלערנט מיטן פאָטער (קיינמאָל אין קיין חדר ניט געגאַנגען), וועלכער האָט אים מקרב געווען אי צום רבין אי צו דער קבלה (אר"יס שטייגער), אַחוץ גמרא, פוסקים און יורה דעה; פאַר זיך האָט ער אויך געלערנט תנך; די ערשטע וועלטלעכע בילדונג האָט ער באַקומען פון דער מוטער (זי האָט אויך געשטאַמט פון כלי־קודש, פון די בראַסלעווער חסידים), וועלכע האָט אים געלערנט שרייבן, און פון שמו"ס ראָמאַנען, וואָס אונטער זייער השפעה האָט ער צו 13 יאָר אַליין אָנגעשריבן אַ ראָמאַן. אין דער צייט האָט ער אויך נעקנעלט מיט קינדער. אַדאַנק דעם יעליסאַוועטגראַדער רב ר' יהודה־לייב עפשטיין, וואָס ר' איז געווען ביי אים אַן אָפטער איינגייער, איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט דער מיטלעלטערלעכער העברעישער ליטעראַטור, וועלכע האָט געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן רושם. אונטערן איינדרוק פון

*) דאָס יאָר איז ניט גענוי זיכער; אַ צייט לאַנג איז ר' געווען אַ „נעלם", און ערשט שפּעטער ביים אַרויסגעבן אים אַ פּאַס האָט מען אויפן אויסזען באַשטימט, אַז ער איז אַלט 18 יאָר, הגם די עלטערן פלעגן טענהן, אַז ס'איז צו פיל.

דעם צופעליק אַ בערגעלייענטן „עמק הארזים" פרידבערגס, ווי אויך פון סמאָלענסקינס ווערק, פון יאָרגאַנג „היום", וואָס ער האָט באַקומען ביי יעליסאַוועטגראַדער באַקאַנטע, האָט ער זיך גענומען צו דיקדוק און איז געוואָרן אַ משכיל, וואָס ס'האָט געפירט צו גרויסע סיכסוכים מיטן פאָטער. דעמאָלט האָט ער אָנגעשריבן זיין אַוטאָביאָגראַפיע אין יידיש, דורכאויס אין גראַמען, אַ ווערק פון אַ 20 דרוקבויגן, וואָס האָט ביי די יעליסאַוועטגראַדער משכילים שטאַרק אויסגענומען, און מיט זייער הילף איז ער צו 18 יאָר אַוועק קיין קאָוונע, וואו ער איז געוואָרן אַ פרוש, מיט גרויס התמדה געלערנט, אָבער גלייכצייטיק זיך ווייטער עוסק געווען אין השכלה און זיך אָפגעגעבן מיט דער רוסישער שפראַך. 1889 האָט ער אָפגעדרוקט זיין ערשטן אַרטיקל אין „המליץ" א"ט „ישיבת מחזיקי עץ חיים בקאָוונא" — וועגן די אומאָרדענונגען אין דעם כולל פון די פרושים און אין די קאָוונער ישיבות — וואָס צוליב אים איז ער געצוואונגען געווען אַרויסצוגיין פון דער חברה פרושים און ער איז געוואָרן אַ העברעישער לערער. ערשט 1894 האָט ער אָנגעהויבן זיין רעגלמעסיקע זשורנאַליסטישע טעטיקייט מיט אַ סעריע בריוו פון דער יידישער פראָווינץ אין „המליץ", וואָס האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם מיט זייער שאַרפן קעמפערישן טאָן. זינט דאַן איז ער געוואָרן אַן אָפטער מיטאַרבעטער פון פאַרשיידענע העברעישע צייטשריפטן. 1899 איז ער אַוועק קיין בערן, וואו ער האָט שטודירט פילאָסאָפיע, געשיכטע און פאָליטישע עקאָנאָמיע און האָט אויך אָנגעשריבן אַ דיסערטאַציע (אין דייטש) „נחמן קראָכמאַל דער העגעליאַנער"; ער האָט אויך געהערט לעקציעס אין לייפציג און אין ווין. ביים אויפקומען פון דעם פאָליטישן ציוניזם צוגעשטאַנען צו דער דאָזיקער באַוועגונג, האָט ער זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין יידיש אָנגעהויבן אין דעם ערשטן נומער פון „דעם יוד", אין וועלכער צייטשריפט ער האָט זיך באַטייליקט — דערהויפט מיט ציוניסטישע אַרטיקלען — די גאַנצע צייט פון איר עקסיסטענץ. 1900 איז ער אין משך פון 3 חדשים געווען רעדאַקטאָר פון דעם יידישן ציוניסטישן וואָכנבלאַט „די וועלט", געגרינדעט פון ד"ר טעאָדאָר הערצל, אין ווין, צוערשט א"ר פון ראובן=אשר ברוידעס. ער איז אויך געשיקט געוואָרן פון ציוניסטישע צייטשריפטן אַלס קאָרעספאָנדענט אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן און זיין באַריכט פון 2טן און 3טן קאָנגרעס איז אַרויס אין בראָשור=פאָרם (פ"ג „אחיאסף", 1900). 1903 איז ער איינגעלאַדן געוואָרן קיין פט"ב אַלס נאָענטסטער מיטאַרבעטער פון די דאַן געגרינדעטע צייטונגען „הזמן" און „דער פריינד", זינט 1904 האָט ער געאַרבעט בלויז אין „פריינד" אַלס הויפט=פובליציסט און מיטרעדאַקטאָר און, נאָכדעם ווי ש. גינזבורג האָט זיך 1908 צוריקגעצויגן פון דער צייטונג, איז ער געוואָרן איר שעפרעדאַקטאָר, צוזאַמען מיט איר אַריבער 1909 קיין וואַרשע, ביז אָנהייב פון דער וועלט=מלחמה, ווען דער פ"ג „צענטראַל", וועלכער האָט די צייטונג מיט עטלעכע חדשים פריער געהאַט אָפגעקויפט פון איר אַרויסגעבער זלמן מייזנער, האָט זי אָפגעשטעלט. בשעת דער מלחמה איז ר' געווען באַפולמעכטיקטער פון די הילפסקאָמיטעטן פאַר די מלחמה=געליטענע „יעוואָפאָ" און „יעקאָפאָ" אין פוילן, כערסאָנער גוב' און פאָלטאַווער, ביי דער גרינדונג פון דעם „פעטראָ=

גראַדער טאָגבלאַט", מאַי 1917, אויף וועלכער צייטונג דער מאָסקווער גביר י"י ראַבינאָוויטש האָט מנדב געווען 100,000 רובל, אַריין אין דער רעדאַקציע צוזאַמען מיט יצחק גרינבוים און ח"ד הורוויטש אַלס הויפּט-מיטאַרבעטער, נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע זיך פאַרנומען מיט ליטעראַרישער און רעדאַקציאָנעלער אַרבעט אין פּט"ב ביי דעם קאָמיטעט פון „חברה מפיצי השכלה", מיט דער אונטערשטיצונג פון דעם קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע ענינים אונטער דער אָנפירונג פון זרח גרינבערג, צוזאַמען מיט שאול גינזבורג רעדאַקטירט די צוויי היסטאָרישע זמ"ב „העבר" (אַרויסגעגעבן 1919 פון די קינדער פון דעם 1916 פאַרשטאָרבענעם גביר חיים כהן, די גרינדער פון דעם פ"ג „חיים", וועלכע האָבן אויך אונטערשטיצט די אויסגאַבע פון „פּעטראָגראַדער טאָגבלאַט" און שפּעטער געגרינדעט די פ"גס-בוכהאַנדלונג „ילקוט" אין בערלין); זיך אויך באַטייליקט אין דער איניציאַטיווע פון דעם יידישן קאָמיסאַריאַט און דעם קאָמיטעט פון דער פּרץ-געזעלשאַפט אַרויסצוגעבן אַ ענציקלאָפּעדיע אויף יידיש, אַרויסטרעטנדיק פאַר אַ יידנטום-ענציקלאָפּעדיע קעגן דער מיינונג פון „פּרץ"-קאָמיטעט, וואָס האָט געהאַלטן פאַר אַן אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע, אָבער צוליב דעם פאַרשאַרפטן בירגער-קריג אין רוסלאַנד איז די איניציאַטיווע ניט רעאַליזירט געוואָרן. נאָך אַ קורצן אויפהאַלט אין באָברויסק איז ר' אָנהייב 1919 צוריקגעקומען קיין פּוילן, אַ שטיקל צייט געלעבט אין ווילנע, דאַן זיך באַזעצט אין וואַרשע אַלס מיטאַרבעטער פון „היינט", אָנהייב 1921 רעדאַקטירט דעם זשורנאַל „דער חודש", וואָס דער פ"ג „היינט" האָט אַרויסגעגעבן (אַרויס 3 ביכער), 1921 — 2 געווען רעדאַקטאָר פון „הצפירה", נאָוועמבער 1923 געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז זינט דאַן איינער פון די הויפּטמיטאַרבעטער פון „טאָג", שרייבט פּובליציסטישע אַרטיקלען, פעליעטאָנען, היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען, פירט אויך די אָפּטיילונגען „אין 7 טעג איבער דער יידישער וועלט" און „איבער אַמעריקאַנער שטעט און שטעטלעך". באַטייליקט זיך אויך רעגלמעסיק אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן „דאָס אידישע פאָלק", אין דער בוענאָס-איירעסער „אידישער צייטונג". פאַר דער צייט פון זיין 35יעריקער ליטעראַרישער טעטיקייט האָט ר' אויך מיטגעאַרבעט אין „המליץ", „פּרדס", „השלח", „הצפירה", „הזמן", „לוח אחיאסף", „העם", „העולם", „המגיד", „הדאר", „ילקוט הזמן", „האשכל", „הגרן", „העבר", „העדן", „צייט", „אונזער לעבען" (אָדעס), „וואַרהייט", „טאָג", די חודש-זשורנאַלן „יודישע וועלט" (פּט"ב און ווילנע), „צוקונפט", „טעאַליט" א"אַ, אויך אין די רוסיש-יידישע Евр. Мiръ, Пережитое, אויך א"פ בן-יעקב, דניאל, ש. הלוי, א. שמשי, גיטעלסאָן, Agrin, לאַגאָס, R, בן-זאב, שמאי אפ"אַ. האָט אַחוץ פּובליציסטישע און ליטעראַריש-קריטישע אַרטיקלען און פעליעטאָנען פאַרעפנטלעכט איייניקע גרעסערע מאָנאָגראַפיעס, ווי: „רבי ישראל סאַלאַנטער" (אין „פריינד", 1909, און אין בוכפאָרם — ב. שימינס „וועלט-ביבליאָטעק", 1910, ז' 112; אין רוסיש — אין זמ"ב Пережитое, I; אין העברעיש — אין „ביבליותיקה גדולה" פון פ"ג „תושיה"); „רבי מנשה איליער" (אין „צוקונפט", 1913; אין רוסיש — אין Пережитое, IV, ז' 65 — 98; אין העברעיש — אין „התקופה"); „משה לייב ליליענבלום /

זיין לעבען און אויפטהון" (פט"ב, פ"ג „חברת מפיצי השכלה בישראל", 1919, ז' 68); „די השכלה-באַוועגונג ביי יודען. / פון משה מענדעלסאָן ביז יצחק-בער לעווינזאָן (1750 — 1830)" (דערז' פ"ג, 1919, ז' 74; 2טע אויפלאַגע — „נייער פ"ג", וואַרשע, 1920, ז' 111); אַחוץ אַ ריי קלענערע אָפּהאַנדלונגען אין „טאָג", וואָס זיינען טיילווייז אַרויס אין בוכפאָרם א"ט „אידישע געשיכטע / (אין מאָנאָ-גראַפיעס)" (פ"ג „דער טאָג", נ"י, 1927, אין 2 ב': I ב' ז' 309 — ביז ר' יהודה הלוי; II ב' ז' 347 — רמב"ם, שלמה בן גבירול, משה די ליאָן, רש"י, מאָנטעפיאָרע, משה מענדלסאָן, נחמן קראָכמאַל, משה קאָר-דאָווערא, אר"י הקדוש, ר' חיים וויטאַל, שבתי-צבי, בעל-שם-ט.ב, ווילנער גאון, פרץ סמאָלענסקין, לעאָן פינסקער, מ"ל ליליענבלום, ד"ר הערצל א"אַ). פון זיינע אַנדערע אַרבעטן איז צו דער-מאָנען: די באַאַרבעטונג פון „דער וועלט-געשיכטע" — צוזאַמען מיט יעקב דינע-זאָן און ק. פאָרנבערג (פ"ג „דער יוד", 1900, ווערט איבערגעדרוקט עד-היום דורך דעם פ"ג „צענטראַל"); די איבער-זעצונג פון לעאָניד אַנדרעיעווס דער-ציילונג „דאָס רויטע געלעכטער" (פ"ג „קולטור", מינסק, 1905) און פון פּראָפ. רודאָלף קיטעלס „תנך-וויסנשאַפט / (די וויכטיקסטע אויספירן)" (פ"ג „קולטור-ליגע", וואַרשע, 1923, ז' 275, מיט 14 טאָוולבילדער און 21 בילדער אין טעקסט); „הקונגרס הציוני השנים עשר" (פ"ג „אחיאסף", 1922, ז' 126); אַרויסגעגעבן אַ פּאַמפלעט קעגן דער יידישע פרעסע א"ט „דאָס פלעט-צעטעל" וואַרשע (אַרום 1913). — איינער פון די בעסטע יידישע פובליציסטן מיט אַ שאַרפער פעדער, טעמ-פּעראַמענטפול און קאַמפּסלוטיק, מיט אַן אויג ספּעציעל אויף די נעגאַטיווע ערשיי-נונגען פון דעם פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָט ר' אַלס הויפּטמיטאַרבעטער און רעדאַקטאָר פון „פריינד" — דער דאָזיקער איינפלוסרייכסטער און בשעתּה פירנדיקער יידישער צייטונג — פ"ל אויפגע-טאָן פאַר דער אויפקלערונג פון די בריי-טסטע יידישע לעזערקרייזן אין דער ריכטונג פון ראַדיקאַלן יידישן נאַציאָנאַליזם. זינט 1919 ווידער פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג אין איר נאָכ-מלחמהדיקער אַנטיפּאָלקסטימלעכער גע-שטאַלט, איז ער איצט איינער פון די שאַרפסטע קעגנער און באַקעמפער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור-באַווע-גונג אין אַלע אירע פאָרמען און פון די ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע ריכטונגען אויף דער יידישער גאַס.

EӘ, XII; יעקב לעשטשינסקי, אין „ביכער-וועלט", 1919, IV — V, ז' 70 — 78; ז. גרינבערגס „קאַמף און לעבן", 1919, I — II (וועגן דער יידישער ענציקלאָפּעדיע); א. פּויבעל, אין „היינט" פון 16/X 1923; א. גאָלדבערג, „ש. ר' אַלס מענש און שריפטשטעלער", אין „טאָג" פון 11/XI 1923 און אין דער בוענאָס-איירעסער „אידישער צייטונג" פון 25/X 1923; ל. גוטמאַן, אין „אויפקום", 1928, VIII—IX, און די ענט-פער-בריוו פון ש. ר' ב. מאַזער און מענדל על-קין, ib, X און XI.

ראָזענצווייג א. (1888 —)

געב' אין זאַבלודאָווע, גראָדנער געגנט, אַלס זון פון שטעטלשן מורה-הוראה און דיין. ביז 18 יאָר דערצויגן געוואָרן אין חסידיש-רעליגיעזן גייסט, 1905 אונ-טער דער ווירקונג פון דער רעוואָלוציע און דער אַרבעטער-באַוועגונג פאַרלאָזן די ישיבה און אַריין אין דער ס"ס-פּאַרטיי, 1910 אָנגעקומען אויף די גראָדנער קורסן, וואו צוזאַמען מיט דער יידישיס-טישער גרופּע (צ"א ה. קאַזאַקעוויטש, יאַכינסאָן) געפירט אַ קאַמף פאַר יידיש. 1920 געגרינדעט אין וויטעבסק צוזאַמען מיט זשיוו די ערשטע יידישע שול פון

דער צווייטער מדרגה (מיטלשול) אין
ראַטנפאַרבאַנד. 1921 געגרינדעט אין
וויטעבסק צוזאַמען מיט קאַלעצקי און
פעלדמאַן דעם ערשטן יידישן פע=
דאַגאָגישן טעכניקום אין ראַטנפאַרבאַנד,
וואו ער איז עד=היום לערער פון
יידישער שפּראַך און ליטעראַטור און
פאַרוואַלטער פון פּעדאַגאָגישן פּראַקטי=
קום. 1920 אַרויסגעטרעטן אין באַוואוסטן
וויטעבסקער „משפּט איבערן חדר" אַלס
עקספּערט מצד דער באַשולדיקונג (זע
דאָס בוך „דער מישפּעט איבערן כיידער",
וויטעבסק 1921). אָנגעהויבן זיין ליטעראַ=
רישע טעטיקייט מיט אַן אַרטיקל אין
„פריינד" 1913, האָט ער זינט נאָך דער
אָקטאָבער=רעוואָלוציע פאַרעפנטלעכט
אַרטיקלען אויף פּעדאַגאָגישע, פּובלי=
ציסטישע, ליטעראַריש=קריטישע און
שפּראַכלעכע טעמעס אין „רויטן שטערן"
(טאָגבלאַט און וואָכנבלאַט), „וועקער",
„אָקטיאַבר", „עמעס", „אַף די וועגן צו
דער נייער שול", „די יידישע שפּראַך",
מינסקער „קולטור און בילדונג". אונטער
זיין רעדאַקציע און ביי זיין נאָענטסטער
מיטאַרבעטערשאַפט איז אַרויס אַ קינסט=
לערישע כרעסטאָמאַטיע פאַר דער ערש=
טער שטופע א"ט „אַרבעט און שאַף"
(מינסק, 1927).

ראָזענצווייג בנציון (בענעדיקט)
(26/III 1902 —) געב' אין
פּאָדוואָלאָטשיסק, מזרח=גאַליציע, אַלס זון
פון דעם באַנבאַאַמטן כתריאל ר'. באַ=
זוכט די פאָלקסשול און די ערשטע צוויי
קלאַסן גימנאַזיע אין שטעטל — ביים
אויסבראָך פון דער וועלט=מלחמה
געמוזט אַנטלויפן מיט די עלטערן קיין
לעמבערג און דאַן קיין נייהאָפן, לעבן
לינץ, 1915 צוריקגעקערט קיין גאַליציע,
מאַטורירט אין לעמבערג און דאָ שטו=
דירט צוערשט יוריספּרודענץ און דערנאָך
פילאָסאָפיע, דאַן געוואָרן לערער פון פּוי=
ליש און דייטש אין מיטלשולן, געענדיקט
אויך דאָס העברעיִשע פּעדאַגאָגיום אין
לעמבערג. זינט 1922 געדרוקט רעצענ=
זיעס וועגן יידישע און העברעיִשע ביי=
כער אין פּויליש=יידישן לעמבערגער
טאָגבלאַט Chwila, זינט 1923 געשריבן
כמעט וועכנטלעך ליטעראַרישע פעליע=
טאָנען אין לעמבערגער „טאָגבלאַט", צ"אַ
וועגן אָפּאַטאָשו, בראָדערזאָן, מאַסטבוים,
זינגער, אַנ—סקי, חסידים און גנבים אין
דער יידישער ליטעראַטור אאַז"וו, אויך
געפירט די רובריק רעצענזיעס אויף
יידישע און העברעיִשע ביכער, אויך
פּוילישע און דייטשע, אויך א"פ ב. צ.
ר—ג, ב. ר. אויך באַטייליקט אין קראָ=
קעווער Nowy Dziennik, אין Kurjer
Lwowski א"פ זביגניעוו מילאָנסקי, „לעמ=
בערגער מאָרגען", „פאָלק און לאַנד",
Morjah, איבערגעזעצט אויף פּויליש אָפּאַ=
טאָשוס „לינטשעריי" און קלענערע דער=
ציילונגען פון אָפּאַטאָשו, פּרץ, דעם
טונקעלן א"אַ, שרייבט אויך דערציי=
לונגען און שירים אין העברעיִש, פּויליש
און יידיש, וואָס זיינען ניט פאַרעפנטלעכט.

ראָזענצווייג גרשון (ניסן 1861 —
3/II 1914) געב' אין קאַראָטשין *), גראָד=
נער געגנט. זיין פאָטער, זלמן=לייב, אַ שמש
און אַ סופר סת"ם, האָט זיין זון, וועל=
כער האָט זיך פון קינדוויז אויף אויס=
געצייכנט מיט זיינע פעיִקייטן און זכרון,
געלאָזט לערנען ביי די בעסטע מלמדים
און צו 13 יאָר אים אַוועקגעשיקט אין
דער ביאַליסטאָקער ישיבה; שוין אַלס
ישיבה=בחור האָט ער געהאַט אַ שם מיט
זיינע סאַטירעס און אַפילו דער ראש=
ישיבה, ר' זבולון, פלעגט טיילמאָל אָנ=
קוועלן פון ר'ס שאַרפער הלצה. דערנאָך
האָט ער זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט

*) לויט JE — אין ביאַליסטאָק.

זעלבסטבילדונג, געלערנט רוסיש און דייטש, צו 19 יאָר חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אין סוכאָוואָליע (סוואַלק?), וואו ער האָט געעפנט אַ העברעיִשע שול, וועלכע האָט באַקומען אַ גוטן שם. 1888 האָט ער מיט דער פאַמיליע אויסגע-וואַנדערט קיין אַמעריקע, און אַז כּתריאל-צבי שׂרהזאָן (זע) האָט 1891 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דאָס העברעיִשע וואָכנבלאַט „העברי", האָט ער אײַנגעלאַדן ר'ן אַלס רעדאַקטאָר, און פון דאַן האָט ער זיך אינגאַנצן געווידמעט דער ליטעראַרישער טעטיקייט. אַז „העברי" האָט זיך 1898 פאַרמאַכט, האָט ער אין משך פון 1898—1902 רעדאַקטירט אַ העברעיִשן חודש-זשורנאַל „קדימה". אַרום 1911 האָט ער געגרינדעט אַ סאַטיריש וואָכנבלאַט „הדבורה". פון זײַנע העברעיִשע ווערק האָט אַ באַזונדערן רושם געמאַכט זײַן סאַטירע „מסכת אמריקא" (1891), געשריבן אין סיגנון פון דער גמרא, איינע פון די קלאַסישע פּאַראָדיעס אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. האָט אויך פאַרעפנטלעכט אין בוכפאָרם: „שירים ומשלים" (1893), „חמשה ואלף" — אַ זאַמלונג פון 1005 עפּיגראַמען, אויסגעצייכנט מיט זייער שאַרפזין (1903), „מזמרת הארץ" — העברעיִשע איבערזעצונג פון די אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע לידער. ער האָט אויך געשריבן לידער און עפּיגראַמען אין יידיש און איז די גאַנצע צייט געווען מיטאַרבעטער און מיטרעדאַקטאָר פון „יידישען טאַגעבלאַט" און די „יידישע גאַזעטטען" און אויך פון „דער אידישער וועלט", אין וועלכע צייטונגען ער האָט געדרוקט פעליעטאָנען („מכתבים יום יום", „ילקוט גרשוני").

„חכמי ישראל באמריקא"; JE, X; ЕЭ, XIII.

ראָזענצווייג העשל (1889 — 9/VIII 1918) געב' אין בריאַנסק, גראָדנער געגנט, אַלס זון פון אַ בעל-הוראה. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, האָט ער זיך שפּעטער גענומען צו וועלטלעכער בילדונג, געווען אַ עקסטערן אין ביאַליסטאָק, וואו ער איז אויך געשטאַנען נאָענט צו אַ פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע, אַ קורצע צייט נאָכן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם, זומער 1906, אַרעסטירט געוואָרן אין בזשעזין און ווען מ'האָט ביי אים געפונען אַ פּראָקלאַמאַציע קעגן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם פּאָגראָם, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען דער ביאַליסטאָקער פּאָליציימייסטער, וואָס אויף אים איז דאַן אויסגעפירט געוואָרן אַ טעראָריסטישער אַקט, איז ער פאַרמשפּט געוואָרן צו זייער אַ שטרענגער שטראָף — פאַרשיקט צו ווערן אויף 3 יאָר אין וויסטן טורכאַנסקער קאַנט. — נאָך יינגלווייז געשריבן שירים אין העברעיִש און אין יידיש, האָט ער אין סיביר געשריבן לידער און סקיצן אין רוסיש, נאָכן צוריקקומען פון פאַרשיקונג פאַרעפנטלעכט אין „הצפירה" אַ ריי פעליעטאָנען און בילדער אויס דעם לעבן פון די פּאָליטישע פאַרשיקטע, 1913 אײַנגעלאַדן געוואָרן אַלס מיטאַרבעטער פון „מאָמענט", אין וועלכער צייטונג ער האָט באַלד איבערגענומען די שטעלע פון סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע, געווען פרעסע-איבערזעצער פון העברעיִש, רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש, פון צייט צו צייט אויך געשריבן אַרטיקלען און נאָטיצן אויף פּובליציסטישע טעמעס, אויך א"פ הערצאָג, ה—ג, ה—ר און ר. נאָך דער גרינדונג פון דעם פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע אַ געוויסע צייט געווען סעקרעטאַר פון דעם פאַראיין און פאַר זײַן מוסטערהאַפטער אַרבעט אויסגעוויילט געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג. געשטאָרבן פון דער „שפּאַנקע" אין דער צייט פון

דעם 8וואָכעדיקן שטרייק פון דער יידי=
שער פּרעסע אין וואַרשע.

„מאָמענט“, 1918, 283.

ראָזענצווייג לעאָ (1869 — 23/XII
1916) געבּ׳ אין באָטאָשאַן, רומעניע,
אין אַן אָרעמער פרומער פאַמיליע. באַ=
קומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג,
האָט ער אַרום

1891 אויסגעוואַנ=
דערט קיין אַמע=
ריקע, געאַרבעט
אַלס טראַמוויי=
קאָנדוקטאָר, אויף
פאַבריקן, ניט
קוקנדיק אויף די
שווערסטע מאַטע=
ריעלע באַדינגונגען דאָך געפונען צייט
צו שטודירן און זיך דערשלאָגן צו דער
פּראָפעסיע פון אַן אַדוואָקאַט. ניט דורכ=
געמאַכט קיין שול, ניט באַקומען קיין
סיסטעמאַטישע בילדונג, האָט ער מיט
אַ באַזונדערער התמדה אין דער פרייער
צייט זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג
און האָט לסוף דערוואָרבן גרויסע קענ=
טענישן אין נאַטורוויסנשאַפט, בפרט אין
פיזיק. זינט זיין קומען קיין אַמעריקע
פאַרבונדן מיט דער יידישער אַרבעטער=
באַוועגונג, דערהויפּט זיך אָפּגעגעבן מיט
סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע און מיט אויפ=
קלערונגס=אַרבעט, אויפגעטרעטן אָפט מיט
לעקציעס אַלס איינער פון די ערשטע
פּאָפּולאַריזאַטאָרן פון נאַטורוויסנשאַפט אויף
דער יידישער גאַס אין נ״י און געשריבן
וויסנשאַפטלעכע און סאָציאַליסטישע אַרטיק=
לען אין „צוקונפט“ א״אַ אויסגאַבן, אויך
מיטגעאַרבעט אין „פאָרווערטס“, פאַרעפנט=
לעכט אַ ריי ביכער און בראָשורן קעגן
רעליגיע, פון וועלכע עס זיינען באַזונ=
דערס פּאָפּולער געווען: „סאָציאַליזם אין
בית=המדרש“, „דער אלף=בית פון סאָצי=
אַליזם“, „מעשה בראשית“, וועגן מילה
אאַז״וו. אַלס צווייטער גענעראַל=סעקרע=
טאַר פון „אַרבעטער=רינג“ (1903—1904)
האָט ר׳ דערהויפּט געזאָרגט פאַר דעם
געביט פון אויפקלערונג און קולטור אין
דעם דאָזיקן פאַרזיכערונגס=אָרדען, געווען
אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע און
פון דער בילדונגס=קאָמיסיע. סוף זומער
1913 האָט ער צוזאַמען מיט ד״ר אַב.
קאַספּע און א״ש זאַקס אַרויסגעגעבן „דעם
פאָלקס=אוניווערסיטעט דורך קאָרעספּאָנ=
דענץ“ — קורסן אין יידיש איבער אַלע
צווייגן פון וויסן. — געווען באַליבט פאַר
זיין איידעלן כאַראַקטער, אידעאַליזם,
טריישאַפט צו זיינע פּרינציפּן פון פרייען
געדאַנק און סאָציאַליזם. נאָך זיין טויט
האָט די 17טע קאָנווענשאָן פון „אַרבע=
טער=רינג“ (1917) אָנגענומען אַ באַשלוס
אַרויסצוגעבן זיינע שריפטן, אָבער ער
איז, ווייזט אויס, ניט פאַרווירקלעכט
געוואָרן.

ל. ר׳, „ביים וויגעלע פון אַרבייטער רינג“,
אין „פריינד“, 1916, XII; נעקראָלאָג, ib, 1917,
I; אַ. ש. זאַקס, „די געשיכטע פון אַרבעטער=
רינג“.

ראָזענקראַנץ אברהם=צבי (שמחת=
תורה 1815—כ״ז כיסלוו 1901) געבּ׳ אין
קלעצק, מינסקער גוב׳, אַלס זון פון דעם
קהלסשרייבער יוסף פ ע ד ע ר. כדי
אויסצומיידן מיליטער=דינסט, האָבן זיך
פּעדערס זין משנה שם געווען, אברהם=
צבי — אויף ר׳, מענדל — אויף שריפטזעצער
און שאול — אויף ציונסאָן. נאָך אין די
קינדער=יאָרן איז ר׳ מיט זיינע ברידער
געקומען קיין ווילנע און איז אַלס פאַ=
מיליענפריינד פון דער משפחה ראָם אָנ=
גענומען געוואָרן פאַר אַ זעצער אין דער
באַרימטער דרוקעריי, וועלכע איז נאָך
דאַן געווען אין דעם קליינעם שטעטל
אָזאָר ביי גראָדנע. אין 1862 האָט ער

צוזאַמען מיט שמואל=יוסף פין און מיט זיין יינגערן ברודער מענדל שריפטזעצער (א׳ טבת 1819 — י״ב כיסלוו 1906) געגרינדעט אַ פאַרלאַגסדרוקעריי, וועלכע עקסיסטירט ביז היינט אונטער דער פירמע „ר׳ און שריפטזעצער״ (נאָכן טויט פון ש״י פין האָט זיין זון ד״ר בנימין פין פאַרקויפט די שותּפים זיין חלק ירושה אין דער פירמע). אַחוץ אַ גאַנצע ריי רומל=ספרים, בתוכם אויך אַ היבשן טייל מיט עברי=טייטש, און אַזעלכע ווערק, ווי ש״ס, אַלפס, משניות, עין יעקב, רמב״ם, טורים אאַז״וו, השכלה=ליטעראַטור (צ״אַ די ווערק פון ש״י פין, צ. ה. ראַבינאָוויטש — „המנוחה והתנועה״ — אד״ם און מיכל לעבענזאָן, ש. מאַנדקלקערן, שולמאַן, גאָטלאָבער) און העברעישע לערנביכער, צ״אַ די אויסגאַבע פון תּנך „מקרא מפורש״ מיט אַ ביאור אין יידיש פון י. א. טריוואַוש, ניסן לעווין, ד. נאָטיק, א״י גאָלדשמידט, האָט דער ר׳=פ״ג אויך אַרויסגעגעבן ביז 100 ראָמאַנען און מעשה=ביכלעך אין יידיש, וועלכע ווערן נאָך עד=היום איבערגעדרוקט כמעט אַלע יאָר אין אַ צאָל ביז 5000 עקז׳, יעדעס און פאַרשפּרייט אין די פאַרשיידנסטע לענדער (די ערשטע יידישע אויסגאַבע פון פ״ג איז געווען „די יודישע געשיכטע״ פון שמואל רעזסער). 1918 איז דער פ״ג און די דרוקעריי פאַרקויפט געוואָרן דורך די יורשים פון ר׳ און שריפטזעצער צו ל. שאַלקאָוויטש (בן=אַביגדור), יעקב לידסקי, ח. בערמאַן און א. קאַגאַן (זיי אַלע זיינען געשטאָרבן). דער קאַטאַלאָג פון פ״ג אַנטהאַלט איצט ביז 350 נומ׳ אַחוץ די 100 אין יידיש.

ראָזענשטיין מרדכי — יליד באַלבירישאָק, סוּוואַלקער געגנט. אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געלעבט אין סלאָנים, זיך אַרומגעריסן מיט ר׳ אייזל סלאָנימער, געווען אַ גרויסער בקי אין תּלמוד שפּעטער האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ יאָר 20, אַרויסגעגעבן איינע פון די ערשטע יידישע צייטשריפטן אין ענגלאַנד א״ט „בעשיצער דעס יודענטהומס/The Judaism Protector / איין מאָנאַטליכער זשורנאַל/ דאָס איז איינע נייאע צייטונג, וואָס די צייט דאַרף דאָס נייטיג האָבען. זי איז ניט גלייך צו אַללע אַנדערע צייטונגען דען אַז מען לייענט זייא זאָגאַר ניט אינטערעסירט עס אויך ניט פיעל, נור דאָס איז אַזאַ בלאַט וואָס אינטערעסירט אַלעמען, אונד איבערהויפּט צוא דיא יעניקע וואָס אינטערעסירען זיך פיר דעם יודענטהום, די פפליכט איז פיר יעדען דאָס צו העלפען נאָך זיינע קרעפטען דאַמיט אונזער בלוט זאָלל ניט אירען אונטער די מענשען העגדלערן דערווייל גיבען מיר דאָס אַרויס אין אַ קליין פאָרמאַט אונד מאָנאַטליך, נור אַז מיר וועלען זעהן אַז אונזערע ברידער אינטערעסירען זיך אין דעם, וועלען מיר אַרויס געבען אין אַ גרעסערען פאָרמאַט און אַלע וואָך און מיט פיעל נייאיגקייטען פאָן דער אידעשער וועלט״ (לאָנדאָן, תּרמ״ו, 144 העמברי=סטריט, ווייטשעפּל). — ווייזט אויס, אַז די האָפענונגען פון דעם „הערויסגעבער״ ר׳ זיינען ניט מקוים געוואָרן, און מער ווי צוויי העפטלעך פון דעם „זשורנאַל״, ביי וועלכע ער האָט פאַרלוירן זיין גאַנצן „פאַרמעגן״, זיינען ניט אַרויס: די מיסיאָנערן, קעגן וועלכע „דער באַשיצער דעס יודענטהומס״ איז געווען געווענדט, האָבן זיך דערשראָקן און אויסנוצנדיק ר׳ס שווערע לאַגע פאַר 25 פונט געפועלט, ער זאָל די אויסגאַבע אָפּשטעלן. שפּעטער איז ר׳ אַוועק קיין אַמעריקע.

פּריוואַטע מיטטיילונג פון י״ת כהן=לאַסק.

ראָזשאַנסקי שמואל (14/IV 1902 —) געב׳ אין וואַרשע, ביי אינטעליגענטע ליטווישע עלטערן. געלערנט תנך, גמרא און אַלגעמיינע לימודים אין רוסיש. 1915 עוואַקויִרט געוואָרן קיין ווילנע, אַ יאָר צייט געווען קראַנק, 1921 געענדיקט קאָוואַלסקיס גימנאַזיע אין וואַרשע, זיך פלייסיק פאַרנומען מיט יידישער ליטעראַטור און פּראָפּאַגאַנדע פאַר יידיש אין אַסימילאַטאָרישע יוגנט-קרייזלעך, אַ געוויסע צייט געאַרבעט ביי די עלטערן אין האַנדלסהויז, ניט האָבנדיק קיין בירגערשאַפט אין פּוילן—סוף 1922 אויסגעוואַנדערט קיין בוענאָס-איירעס, וואו געוואָרן אַ שטריקער-אַרבעטער. 1925 געווען יידישער פּריוואַט-לערער אין אַ מאָדערנער יידישער פאָלקסשול אין מאָזעסוויל, אָנגעפירט אַ אָוונטשול פאַר יוגנטלעכע אין מאָזעסוויל פון דער שול-אָרגאַניזאַציע „י״ל פּרץ״ און דאָרט געגעבן לעקציעס אין יידישער שפּראַך, ליטעראַטור, געזעלשאַפט-קענטעניש אאַז״וו, געווען סעקרעטאַר פון „ליטעראַטנפאַראיין אין אַרגענטינע״, פון קלוב ביים פּראָפ׳ טעקסטיל-פאַראיין אין בוענאָס-איירעס, פון דעם „זשיטלאָווסקי-קאָמיטעט פאַר דרום-אַמעריקע״, טעטיק אין קולטור-געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, טרעט אויף אַלס לעקטאָר איבער ליטעראַטור און קולטור-פראַגן.—זינט יולי 1923 פאַרעפנטלעכט אין „דער פּרעסע״ אַ ריי סקיצן און דערציילונגען פון דער אַלטער היים, אויך פון אַרגענטינער לעבן, אויך אַן איינאַקטער „שפּיל״, ליטעראַריש-קריטישע אַרטיקלען, צ״אַ „י. קאָזשעניאָווסקיס „יידן״ און זיין „עפּאָכע״, פּראַגמענטן פון זיין איבערזעצונג פון קאָזשעניאָווסקיס דראַמע „יידן״ א״אַ. 1924 געווען מיטגרינדער פון דער ליטעראַרישער גרופּע „זעגלען״, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס ציל „ליטעראַרישע זויבערקייט״, און סעקרעטאַר און מיטרעדאַקטאָר פון איר אָרגאַן „זעגלען״ (2 נומ׳), וואו געשריבן די לייטאַרטיקלען א״ט „זיגזאַגן״, פּאָלעמישע נאָטיצן, אויך איבער לייב ניידוס, א״פּ אַבאַ שיין, א״פּ חיים פעלמאַן איבערגעזעצט י. קראַיעווסקיס „דער אמת״. שפּעטער זיך באַטייליקט מיט דערציילונגען און אַרטיקלען איבער ליטעראַטור און טעאַטער, שול אאַז״וו אין „דרום-אַמעריקע״ („פון י״ל פּרץ ביז פּרציוס״), „די פּען״, „פאַר גרויס און קליין״, „ראָזאַריער וואָכנבלאַט״, „אַלמאַנאַך פון יידיש-פּוילישן פאַרבאַנד אין אַרגענטינע״ 1925 (איבערזעצונג פון ה. סיענקעוויטש) אאַז״וו, ווי אויך אין „דער אידישער צייטונג״, פון וועלכער ער איז לעצטנס אַ נאָענטער מיטאַרבעטער. פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור „ד״ר חיים זשיטלאָווסקי — „דער שעפער פון יידישן מאָדערנעם קולטור-געדאַנק״ — צו זשיטלאָווסקיס 60-יעריקן יוביליי.

ראַטנער זלמן (15/V 1885 —) געב׳ אין סטאַראָבין, מינסקער גוב׳, אַלס זון פון אַ שניטקרעמער. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר, דאַן באַזוכט אַ אָנפאַנגסשול אין סלוצק, פון 16 יאָר אָן געאַרבעט אויף פאַרשיידענע שטעלעס אין מינסק, 1918—23 געווען פאַרוואַלטער פון יידישן ביכערלאַגער אין מאָסקווע, זינט 1924 אָנגעשטעלטער אין מלוכה-האַנדל אין מאָסקווע. — פון יונגווייז אויף אַ יידישער ביבליאָמאַן, האָט ער לעצטנס צונויפגעשטעלט די ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער בוך-פּראָדוקציע אין ראַטנפאַרבאַנד פאַר די יאָרן 1917—27 (אַ רשימה פון 1500 ביכער און בראָשורן), אין דעם זמ״ב „אַף די וועגן צו דער נייער שול״, I, 1928, פאַרעפנטלעכט אַ רשימה פון אַלע יידישע ביכער, וואָס זיינען אַרויס

אין ראַטנפאַרבאַנד פאַרן יאָר 1927, זינט 1926 ראַטנפאַרבאַנדישער קאָרעספּאָנדענט פון דער ביבליאָגראַפישער צענטראַלע פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, און זיינע מאַטעריאַלן ווערן אויסגעניצט אין דעם „ביבליאָגראַפישן יאָרבוך" פון דער צענטראַלע.

ראַטנער (מרדכי) מאַרק באַריסאָוויטש (5/IV 1871 — 8/II 1917) געב' אין קיעוו. זיין פאָטער, אַ פּריוואַטער אדוואָקאַט, אַ אָנגעזעענע פּערזאָן אין די דעמאָלטיקע משכילישעק רייזן, האָט,

ביט קוקנדיק אויף דעם ווידערשטאַנד פון דער פרומער מוטער, אים געלאָזט לערנען אין חדר בלויז אַ פּאָר יאָר און אויפן 9טן יאָר אים אָפּגעגעבן אין דער דריטער קיעווער גימנאַזיע, און זינט דאַן איז ר' אָפּגעריסן געוואָרן פון דער יידישער סביבה און פון יידישע אינטערעסן און איז אינגאַנצן אַריין אין דער ספערע פון רוסיפיקאַציע און אַסימילאַציע. פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער האַלטונג לגבי די קאַזאַרמע-שטרענגע לערערס אויסגעשלאָסן געוואָרן פון 5טן קלאַס גימנאַזיע מיט אַ „וואָלפישן בילעט" און געבליבן אַ יתום פון פאָטער, האָט ער זיך געמוטט זוכן אַ תכלית, איז געוואָרן אַ פאַרמאַצעווט און אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט אין אָדעס, שפּעטער, 1892, אַלס עקסטערן מאַטורירט און אָנגעקומען אויפן יורידישן פאַקולטעט פון קיעווער אוניווערסיטעט, אַלס סטודענט אָנגעהויבן זיין סאָציאַליסטישע טעטיקייט, גלייך געוואָרן פירער און טאָנגעבער אין די קרייזן פון דער ראַדיקאַלער קיעווער סטודענטנשאַפט. זיין גרויסע ערודיציע אין עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן און די אומדערמידלעכע אויפטוערישקייט פון זיין שפּעטערישער נאַטור האָבן אים געמאַכט פּאָפּולער אַפילו צווישן די פּראָפעסאָרן. דער אומרויִקער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון דעם יונגן ר' האָט געפונען פאַר זיך אַ ברייט פעלד פאַר טעטיקייט; ער האָט געשאַפן קרייזלעך, אויפגעטרעטן מיט פּאָרלעזונגען, קאָנצענטרירט אַרום זיך די בעסטע עלעמענטן פון דער יוגנט. דאָס איז געווען די צייט פון דעם צעפלאַקערטן קאַמף צווישן דעם וויסנשאַפטלעכן מאַרקסיזם און דעם רוסישן פאָלקיזם און ר' האָט זיך פאַרבונדן מיט דער צווייטער באַוועגונג, אַריינטראָגנדיק אין איר זיין אייגענע שיטה, שאַפנדיק אַ מין סינטעז צווישן ביידע; ער האָט, ווי ס'דריקט זיך אויס איינער פון זיינע פריינד, „אַריבערגעגאַנגען דעם וויסנשאַפטלעכן מאַרקסיזם אין אַ רוסישן פּורעם", און לויט דעם באַוואוסטן רוסישן פּובליציסט און מאַרקס-קענער וואָדאָוואָזאָוו „האָט דער יונגער ר' אין דער טיפקייט פון זיין קענען דעם מאַרקסיזם בכלל און די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור בפרט אַריבערגעשטייגט אַלעמען". ר'ס אָפטע אַרויסטרעטונגען און זיינע פּראָקלאַמאַציעס האָבן פיל מיטגעהאָלפן דעם אויסבראָך פון מאַסנשטרייקן אין קיעוו, ביז ער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אוניווערסיטעט און דערנאָך אויף 2 יאָר אַרויסגעשיקט געוואָרן אַדמיניסטראַטיוו קיין וואָסילקאָוו. צו יענער צייט האָט ער אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין דעם באַרימטן זשורנאַל פון די רוסישע פאָלקיסטן-סאָציאַליסטן און ס"ר Русское Богатство, פאַרעפנטלעכט אַ סך אַרטיקלען וועגן מאַרקסיזם אין אָנווענדונג צו די באַדינגונגען פון

דעם רוסישן לעבן, וועגן דער אַגראַר־פּראַגע, דער אַרבעטער־געזעצגעבונג. אַדאַנק די באַמיִונגען פון דעם באַרימטן רוסישן דענקער מיכאַילאָווסקי, וועלכער האָט געהאַלטן ר׳ן פאַר זיין באַגאַבסטן תלמיד, איז ר׳ צוגעלאָזט געוואָרן צו די מלוכה־עקזאַמענס, האָט ער גלענצנד אויסגעהאַלטן און זיך פאַרשריבן אין דעם אַדוואָקאַטן־שטאַנד פון קיעוו. די ערשטע צייט זיך דערהויפּט אָפּגעגעבן מיט ריין טעאָרעטישער אַרבעט אויפן געביט פון דער יוריספּרודענץ, און זיינע אַרבעטן אין דעם אָרגאַן פון דער רוסישער אַדוואָקאַטור Право האָבן אים געשאַפן אַ נאָמען פון אַן ערשטקלאַסיקן יוריסט. שפּעטער איז ער אויך באַרימט געוואָרן אַלס פאַרטיידיקער אין קרימינעלע פּראָצעסן, פאַררעכנט געוואָרן אין דרום־רוסלאַנד אַלס יורש פון דעם גרויסן אַדוואָקאַט קופּערניק, די גאַנצע קראַפט פון זיין רעדנערישן טאַלענט, פון זיין אײַזערנער לאָגיק און דרייסטן רעוואָלוציאָניזם אַרויסגעוויזן ערשט אין די פּאָליטישע פּראָצעסן, אין וועלכע ער פלעגט אויפטרעטן אין שליחות פון צ״ק פון די ס״ר. אַ גאַנץ באַזונדערן אָרט פאַרנעמען זיינע אַרויסטרעטונגען אַלס ציווילער מאָנער אין די פּאָגראָם־פּראָצעסן (קעשעניעוו, האָמעל, זשיטאָמיר, ביאַליסטאָק א״אַ), פון וועלכע ער איז אויך געוועזן דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר. אונטער דעם איינדרוק פון קעשעניעווער פּאָגראָם האָט ר׳ בכלל זיך אומגעקערט אין די יידישע רייען, מיט וועלכע ער האָט פריער כמעט קיין שום פאַרבינדונג ניט געהאַט, אָנטיילגענומען אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון דער אַ״ג „וואָזראָזשדיעניע" (קיעוו, סעפּטעמבער 1903), וועלכע האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער „יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי" („סערפּ", סיימיסטן), אין זיינע פּאַרטראָגן קלאָר און דייטלעך פאָרמולירט זיין נייע שטעלונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, דער ערשטער פּראָקלאַמירט די פּרינציפּן פון דער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אַווטאָנאָמיע, געוואָרן אַ צענטראַלע פיגור אין דער פּאַרטיי צוזאַמען מיט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי א״אַ. אין דער צייט פון דעם רוסישן „פרילינג" אַריינגעצויגן אין דעם קאָך פון דעם ברייטן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן, איז ר׳ אין די אָקטאָבער־טעג פון 1905 געוואָרן איינע פון די רעוואָלוציאָנערע פּאָפּולערסטע פּערזענלעכקייטן אין קיעוו און אויך אין גאַנצן דרום. אַרעסטירט און דאַן באַפרייט פון דעם אויפגעשטאַנענעם פּראָלעטאַריאַט, האָט ער בשעת די גרויזאַמע רעפּרעסיעס פון דער זיגנדיקער קאָנטררעוואָלוציע געמוזט פאַרלאָזן קיעוו, זיך באַזעצט אין פּט״ב, וואוהין ער איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם צ״ק פון דער דאַן מעכטיקסטער ס״ר־פּאַרטיי, זיך באַטייליקט אין דעם לויט זיין איניציאַטיוו צונויפגערופענעם צוזאַמענפאָר פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די אונטערדריקטע פעלקער פון רוסלאַנד (1907), שפּעטער געמאַכט אַ טורנע איבער די יידישע צענטערס פון תחום (וויטעבסק, ווילנע, קאָוונע, מינסק), וואו אויפגעטרעטן מיט רעפעראַטן וועגן דעם יידישן סאָציאַליזם, ביי די וואַל'ן צו דער דריטער דומע קאַנדידירט פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין וואָלין און דערנאָך אין מאָהליעווער גוב׳, אָבער די צאַרישע אַדמיניסטראַציע האָט אים אויסגעמעקט פון די ליסטעס, געפּסלט זיין קאַנדידאַטור, פאַרפירט קעגן אים אַ ריי פּראָצעסן און ער איז לסוף געצוואונגען געווען צו אַנטרינען אין דער עמיגראַציע, זיך באַזעצט אין

שווייץ, דערנאָך אין ווין. 1910 זיך באַטייליקט אַלס מיטגליד פון דער דעלעגאַציע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-פּאַרטיי אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין קאָפּנהאַגן, דאַן געמאַכט אַ רעפעראַטן-טורנע פאַר דער שטודירנדיקער יוגנט פון מערב-אייראָפּע און בכלל אָנגעפירט אַ אינטענסיווע רעוואָלוציאָנער-סאָציאַליסטישע אַרבעט. אָבער די שווערע באַדינגונגען פון זיין וואַנדערלעבן אין דער עמיגראַציע, די מאַטעריעלע נויט ביז הונגער און די גייסטיקע ליידן צוליב דעם נצחון פון דער שוואַרצסטער רעאַקציע אין רוסלאַנד האָבן צעבראָכן זיין קאַמפּסלוסטיקע און אָפּטימיסטישע נאַטור, און אַ פּאַראַליז — אַ רעזולטאַט פון יאָרנלאַנגע דחקות — האָט אים צוגעשמידט צום בעט. עס האָבן זיך פאַר אים אָנגעהויבן די שרעקלעכסטע טעג פון זיין לעבן און כדי נעענטער צו זיין צו זיין געליבטער היים — צו רוסלאַנד, וואוהין ער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט, איז ער אַ פּאַראַליזירטער אויף אַ האַנט און אויף אַ פוס אַריבערגעפאָרן קיין בוקאַרעשט און דערנאָך קיין יאַס, וואו ער איז אַ פאַרוואָגלטער און אַ עלנטער געשטאָרבן ערב דעם אויסבראָך פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, פאַר וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן אַלע זיינע כוחות. — אַחוץ זיין מיטאַרבעט אין די אָנגעזעענע רוסישע זשורנאַלן און צייטונגען, ווי Вѣстникъ Европы, Сынъ Отечества, Кіевскіе Отклики א״אַ, ווי אויך אין דער רוסיש-יידישער פרעסע, ווי Евр. Обозрѣніе (צ״אַ אַן אַרטיקל „דער דעמאָקראַטיזם פון די עסטרייכישע ציוניסטן״—קעגן זייער צוויי-פּנימדיקער פּאָליטיק בנוגע יידיש, 1910, 4), Евр. Міръ, Новый Восходъ א״אַ, אין וועלכן ער האָט קאָרעספּאָנדירט פון ווין, אויך אין די Sozialistische Monatshefte, האָט ער פיל געשריבן אין דער יידישער ראַדיקאַלער און סיימיטישער פּרעסע, ווי „דער פריינד״, „די פאָלקסשטימע״, „די שטימע״, די אַלטע שטימע״, ד״ר זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבן״ א״אַ. אַלס איינער פון די פירער און טעאָרעטיקער פון דעם סיימיזם האָט ר׳ זיך דערהויפּט קאָנצענטרירט אויף דעם שטודיום פון דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם, וועלכער האָט צ״אַ געווידמעט די פאָלגנדיקע אַרבעטן: „די נאַציאָנאַלע פראַגע אין ליכט פון דער סאָציאַליסטישער וועלט-אָנשויונג״ (Рус. Богатство, 1908, II — V), „נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע מאָמענטן אין דעם פּאַרלאַמענטאַרישן לעבן פון עסטרייך״ (Вѣстникъ Европы, 1911, I), „די עוואָלוציע פון דעם נאַציאָנאַל-פּאָליטישן געדאַנק אין רוסישן יידנטום״ (זמ״ב Серп, II), „די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע אין דער ס״ד׳ישער ליטעראַטור״ (Евр. Міръ, 1909, I), „די פּראָיעקטן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע״ (ib, VI), „דער אַווטאָנאָמיזם אין די פּראָגראַמען פון די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען״ (ib, IX — X) אאַז״וו. אין די דאָזיקע אַרבעטן ווייזט ר׳ אויף, אַז די פאַרווירקלעכונג פון דעם מאָראַלישן (עטישן) געזעץ אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז בכלל מעגלעך נאָר ביי דער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע. באַרירנדיק די דאָזיקע פראַגע אין אָנווענדונג צו דעם יידישן פאָלק און אַרויסטרעטנדיק קעגן די טענדענצן פון דער אַסימילאַציע, גייט ר׳ אַרויס פון דער הנחה וועגן סאָציאַל-פּאָליטישער און קולטורעלער (אויפן יסוד פון דער יידישער שפּראַך) אויפלעבונג פון דעם יידישן פאָלק און דער קריסטאַליזאַציע פון דעם צוקינפטיקן

יידישן לעבן אין די פאָרמען פון דער עקסטעריטאָריאַלער פערסאָנאַלער אַווטאָנאָמיע; אַרויסגייענדיק פון דעם אַנאַליז פון די באַדינגונגען פון דער יידישער ווירקלעכקייט, וועלכע איז — לויט איר עצם־עקסטעריטאָריאַל, לייגט ר׳ האָפענונגען, אַז „פון דעם עמיגראַציאָנעלן יידנטום וועט ערגעץ־וואו אויף אַ מאַסיווער טעריטאָריע געשאַפן ווערן אַ זעלבשטענדיקע עפנטלעכע עקסיסטענץ, וועלכע וועט קאָנצענטרירן און קאָנסאָלידירן די כוחות כאָטש פון אַ טיילכעלע יידישע נאַציע און וועט אַלס יידישער צענטער האָבן אַ ווירקונג אויף אַלע זייטן פון דער צעשפרייטער יידישער עקסיסטענץ אין גלות, רעאָרגאַניזירט אויף די פרינציפן פון אַווטאָנאָמישקייט". פון זיינע אַרבעטן איז אין בוכפאָרם אַרויס „די אַגראַר־פראַגע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע" (אין רוסיש, מאָסקווע, 1908).

ЕЭ, XIII; „די יודישע וועלט", 1913, XI; Евр. Недѣля, 1917, 9; „לעצטע נייס", 1917, 75; „צום אָנדענק פון מ. ב. ראַטנער", זמ"ב, צונויפגעשטעלט און רעדאַקטירט פון ר׳־פאַנד, קיעוו, 1919, ז׳ 100; י. רובין „מ. ראַטנער / זיין לעבן און טעטיקייט" (פ"ג „פאַראייניקטע", ווילנע, 1921, ז׳ 24).

ראַטנער שמשון (אַרום 1883 —) געב׳ אין באָברויסק, מינסקער גוב׳, אין אַ חשובער פאַמיליע. געענדיקט זיין שטודיום אַלס ד"ר מעדיצין, איז ער בשעת דער וועלט־מלחמה מגולגל געוואָרן קיין טיפליס, וואו ער איז געווען דער תפיסה־דאָקטאָר פון דער גרוזינישער דעמאָקראַטישער רעפובליק. אַלס אַקטיווער טוער פון דער טיפליסער אָרגאַניזאַציע סדאַ"פ פ"צ, האָט ער צוזאַמען מיט איטשע־מאיר שפילריין, יצחק אַקסעלראָד, דעם פאַרשטאָרבענעם קולטור־טוער אפרים פלאַקס א"אַ געגרינדעט אין טיפליס די „געזעלשאַפט פאַר יידישער ליטעראַטור און קונסט", וועלכע האָט אַלע וואָך אַראַנזשירט פאַרזאַמלונגען צו קולטיווירן און פאַרשפרייטן די יידישע שפראַך און קולטור און, אום צו שטילן דעם דאָרשט נאָך אַ יידיש וואָרט אויף קאַווקאַז, געעפנט דעם פ"ג „יידיש", וואו ס׳איז אַרויס דאָס ביכל פון ר׳ א"ט „יידישע קינדער" (געדרוקט אין ראַטן־דרוקעריי׳ געוו׳ וויטענזאָן, טיפליס, 1921, ז׳ 64, מיט אַ הקדמה פון יצחק אַקסעלראָד, אין 300 עקז׳). איינע פון די געציילטע יידישע אויסגאַבן אויף קאַווקאַז, אַנטהאַלט דאָס ביכל, אַחוץ אַ פאָר קינדער־לידער, אַ פרייע יידישע באַאַרבעטונג פון ווילהעלם בושס קינדער־מעשה „מאַקס און מאָריץ" א"ט „איצל און בערל" אין גאַנץ לייכטע אידישלעכע געגראַמטע פערזן.

ראַטנער־בערקאָוויטש דזשעני (1881 —) געב׳ אין דענעבאָרג, לאַטגאַליע, אין אַן אָרעמער באַלעבאַטישער פאַמיליע, אַן אייניקל פון דענעבאָרגער רב ר׳ שניאור־זלמן. צו 9 יאָר געבליבן אַ קיילעכדיקע יתומה, איז זי אָנגעקומען אויף אַ שוועבעלעך־פאַבריק, צו 12 יאָר אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף סענדערזאָנס פאַפיראָסנפאַבריק, וואו 15 שעה איז געווען אַ מינימום פאַר אַן אַרבעטסטאָג, אָפגעריסן די לעצטע גראָשנס און זיך געלערנט רוסיש, צו 16 יאָר (1895) אַוועק קיין אַמעריקע, געאַרבעט אין די סיגאַרעטנשעפער פון נ"י, געווען טעטיק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, 1901 — צוליב איר מאַנס געזונט־צושטאַנד — זיך באַזעצט אין דענווער, קאָלאָראַדאָ, וואו זי וואוינט עד־היום, גענומט אַן אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, געווען גרינדערין פון אַ פרויען־בילדונגס־קלוב, וועלכער איז פאַרבונדן מיט דער ראַדיקאַלער אַרבעטער־באַוועגונג

גונג, אויך אָרגאַניזירט אַ יידישע שול, וועלכע האָט עקסיסטירט 5 יאָר צייט און זיך געמוזט פאַרמאַכן צוליב מאַנגל אין לערער-קרעפטן. — ר׳-ב׳ האָט אָנגעהויבן צו שרייבן לידער נאָך מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק, אָבער צוליב די שווערע לעבנס=באַדינגונגען ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך אָפּצוגעבן ערנסטער מיט ליטעראַטור, הגם יהואש, וועלכער האָט געוואוינט אין דענווער, און שפּעטער ש. ניגער האָבן זי דערמוטיקט צום שרייבן. ערשט אַדאַנק מ. דאָליצקין, וועלכער האָט זי געלערנט אין דענווער די כללים פון דער פּאָעטיק, האָט זי אָנהייב 1921 פאַרעפנטלעכט אירע ערשטע לידער אין „אַמעריקאַנער" און זינט דאַן האָט זי געדרוקט לידער און דערציילונגען אין „פ. א. ש.", „וועקער", „פרייהייט", קאַליפאָרניער „אידישער שטימע" א״אַ. זי האָט אויך געשריבן לידער און דערציילונגען אין ענגליש אין ענגליש-יידישע צייטשריפטן, ווי אויך אין דער דענווערער ענגלישער פּרעסע, און נאָך אין דער יוגנט פאַרעפנטלעכט פון צייט צו צייט אַרטיקלען אין „אבענד בלאַט", „פאָרווערטס", „פ. א. ש." האָט אין כתב-יד אַ בוך לידער און אַ בוך דערציילונגען אין יידיש און אַ בוך דערציילונגען אין ענגליש.

ע. קאָרמאַן, „אַנטאָלאָגיע".

ראָטענשטרייך פישל (1882 —) געב׳ אין קאָלאָמיי, מזרח-גאַליציע. ביז 14 יאָר געלערנט אין חדר, 1897 — 1904 באַזוכט די פוילישע גימנאַזיע, אין דער גימנאַזיע צוזאַמען מיט איניקע חברים געגרינדעט אַ געהיימען ציוניסטישן פאַראיין און אַרויסגעגעבן אַ געהיים וואָכנבלאַט „אונזערע מחשבות", דאַן שטודירט אין אוניווערסיטעט גערמאַניסטיק, פילאָסאָפיע און קלאַסישע פילאָלאָגיע, אין ווין אויך געהערט לעקציעס פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, 1908 געווען לערער אין אַ יידישער גימנאַזיע אין אונגאַריש-בראָד, 1909 באַקומען דעם טיטל ד״ר און געוואָרן לערער פון דער מלוכה-גימנאַזיע אין סאַמבאָר, וועלכן פּאָסטן ער האָט פאַרנומען ביז 1919. נאָך דער

צעפאַלונג פון עסטרייך אַלס פּאָרזיצער פון דעם יידישן נאַציאָנאַל-ראַט אָנגעפירט די ציוניסטישע פּאָליטיק אין שטאָט, אין מאַי 1919 אינטערנירט געוואָרן פון די פּאָליאַקן אויף 6 חדשים, דאַן באַזייטיקט געוואָרן פון זיין לערער-פּאָסטן און זיך גענומען צום תבואה-מסחר, מיט וועלכן ער פאַרנעמט זיך עד-היום אין סאַמבאָר. 1922 אויסגעוויילט געוואָרן אין סענאַט, געווען אַ מיטגליד פון דעם אַ״ג „יידישן קאָלאָ", געאַרבעט אין דער ביודזשעט-קאָמיסיע, אַדאַנק זיינע פעיִקייטן זיך אַזוי ווייט קונה שם געווען, אַז מ׳האָט אים איבערגעגעבן צו רעפערירן אַפילו דעם ביודזשעט פון דעם האַנדלס-מיניסטעריום. — אַלס סטודענט נאָך געשריבן ליטעראַריש-קריטישע אַרטיקלען אין דייטש, האָט ער זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין יידיש אָנגעהויבן אין לעמבערגער „טאָגבלאַט", אַלס סענאַטאָר אָנגעהויבן צו שרייבן איבער פינאַנציעלע אוןווירטשאַפטלעכע פראַגן אין דער יידישער און פויליש-יידישער פּרעסע, זינט דאַן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „היינט", וואַרשעווער Nasz Przegląd, לעמבערגער Chwila, קראָקעווער Nowy Dziennik, פון צייט צו צייט געדרוקט

אויך אַרטיקלען אין „מאָמענט", לעמבער-גער „מאָרגען" א״אַ צײַטונגען. ווערט פאַררעכנט פאַר אײנעם פון די בעסטע קענער פון פינאַנץ און װירטשאַפט אין פוילן.

ראַטקוס (ראַטקאָס) יוסף — אײנער פון די ערשטע ײדישע פאַבלשרײַבער נאָך שלמה עטינגער, האָט פאַרעפנטלעכט אין „קול מבשר" אַ פּאָר גאַנץ נישקשהדיקע משלים, ווי „דער פויער און דיא שלאַנג" (1862, 19), „דיא שלאַנג און דאָס שעפעל" (1864, 32).

ראָטשטיין שמואל-יצחק (16/VIII 1902 —) געב׳ אין װאַרשע. זײַן פאָטער, מרדכי, אַ באַגײַסטערטער חסיד, איז געוואָרן אַ בוכהענדלער, האָט אָבער צוליב דעם

באָיקאָט 1912 גע-מוזט דאָס גע-שעפט ליקווידירן, די מלחמה האָט אים פולשטענדיק רואינירט, בשעת דער דײַטשער אָקופּאַציע האָט ער-געמוזט זיך באַזעצן אין קלײנשטעטל זשיכ-לין, ערשט 1922 צוריקגעקומען קײן װאַר-שע, וואו ער איז מנהל פון אַ אָרטאָ-דאָקסישער לערנאַנשטאַלט. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג, געלערנט אין חדר, אויך תּנך, ווארעם דער פאָטער האָט בלויז מקפּיד געווען, ער זאָל זיך צופיל ניט אָפּגעבן מיט אַלעמײנע לימודים, אין זשיכלין געווען אײנער פון די גרינדער פון פאַראײן „צעירי אמוני ישראל" און מיטאַרבעטער פון זײַן געשריבענעם אָרגאַן, 1921 געוואָרן מיטאַרבעטער פון צ״ב פון דער „אגודת שלומי אמוני ישראל" אין װאַרשע, דאַן דעביוטירט אין דעם אָרטאָדאָקסישן זשורנאַל „דגלנו" מיט אַן אַרטיקל „בחפשה דרכנו" און מיט אַ נאָוועלע אין אָרטאָדאָקסישן „יוד" א״ט „צײַט-כוואַ-ליעס" א״פּ ש. ניסענזאָן, זינט דאַן גע-דרוקט קלענערע דערצײלונגען, בילדלעך, סקיצן און לידער אין פאַרשײדענע אָרטאָדאָקסישע אויסגאַבן. 1922 אַרײַן אַלס סעקרעטאַר פון רעדאַקציע פון „יוד", זיך אויך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט זשורנאַליסטיק; אונטער דער השפּעה פון ד״ר לעהמאַנס דערצײלונגען, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „יוד", אויך אָנגעהויבן צו שרײַבן גרעסערע היסטאָ-רישע דערצײלונגען, פון וועלכע עס זײַנען אַרויס אין בוכפאָרם: „קאַנטאָ-ניסטען" (מסורה-פ״ג, לאָדז 1926, ז׳ 128), „דער קדוש פון טירנא" (פ״ג „החינוך", וואַרשע), געדרוקט אויך אין „יוד"—„פון רוסישען עמק-הבכא / שילדערונגען פון רעליגיעזען יידישען לעבען אונטער דער הערשאַפט פון יעווסעקציע", „אויף גע-שטרויכעלטע וועגען" — גרויסע דערצײ-לונג אויס דעם יידישן לעבן אין פוילן אין דער מלחמה-צײַט, „זאַקלאַדניקעס"— אַ סעריע בילדער אויס דעם לעבן פון די ערבניקעס אין די ווײַטע רוסישע מקומות, „אין שאָטען" — אַ סעריע אַקטו-עלע צײַט-בילדער, אַחוץ קלענערע נאָ-וועלן, בילדער, סקיצן און לידער פון יידישע יום-טובים אאַז״וו, אויך פע-ליעטאָנען פון דער יידישער פּראָווינץ א״פּ זײַנוועלע. 1926 געמאַכט אַ פּרוּוו אַרויסצוגעבן אַ אָרטאָדאָקסישן ליטעראַ-רישן זשורנאַל א״ט „דער פלאַקער / חודש-בלאַט פאַרן יידישן גידאַנק און וואָרט" מיט דעם אָנטייל פון אָנגע-זעעטע אָרטאָדאָקסישע שריפטשטעלער און אין אַ רעפאָרמירטער אָרטאָגראַפיע (אַרויס בלויז 3 נומ׳). זיך אויך באַ-טײליקט אין לאָדזער „יודישער שטימע", נ״י׳ער „דאָס אידישע ליכט", פּעטרי-

קאָווער „דאָס יודישע לעבען", קעשעניעווער „דער פונק", ריגער „דאָס יודישע וואָרט", קאָוונער „דאָס אידישע לעבען", ירושלימער „קול ישראל", „דער אילוסטרירטער וואָך", אויך א"פ שמעלקע, איציק (פאַר לייכטע פעליעטאָנען), אַ. זשיכלינער. ש. יצחק, בן מרדכי, בן נון, ש. ר.

ראָטשטיין ת. (טעאָדאָר) (אַרום 1865 —) געב' אין רוסלאַנד, איז ער יונגערהייט געקומען קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט גענומען זייער אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער ענגלישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פּרעסע, צוזאַמען מיט היינדמאַן און די אַנדערע לינקע סאָציאַליסטן פ׳ון יענער צייט איז ער אויך געוועזן אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון דער גרויסער פּראָגרעסיווער טעגלעכער צייטונג Tribune, וועלכע איז בשעת דער קאַמפּבעל-באַנערמאַן-רעגירונג אין ענגלאַנד (1907) אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַ גרופּע רייכע ענגלישע פּראָגרעסיסטן א"ר פון שקלאָווסקי-דיאָנעאָ און וועלכע איז אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט דעם פאַלן פון דער רעגירונג. אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג האָט ר' קיין באַזונדערס אַקטיוון אָנטייל ניט גענומען, אָנהייב יאָרהונדערט געשטאַנען נאָענט צו דער גרופּע יידישע ס"ד אין ענגלאַנד, און ווען זיי איז נאָך אַ הפסקה פון עטלעכע יאָר (זינט דעם אונטערגאַנג פון זייערע אָרגאַנען „די פרייע וועלט" און „דער וועקער" — זע מ. באַראַנאָוו) 1900 געלונגען צו שאַפן אין לאָנדאָן אַ וואָכנבלאַט „די נייע וועלט", איז ר' באַשטימט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר (פאַרוואַלטער פון דער צייטונג איז געוועזן שאול עלשטיין און צווישן די מיטאַרבעטער — י. פין און א. מינץ), ער האָט אָבער רעדאַקטירט די צייטונג בלויז אַ קורצע צייט (נאָך אים איז געווען רעדאַקטאָר דער רוס ג. בעק) און אין אָנדערטהאַלבן יאָר אַרום איז „די נייע וועלט" אונטערגעגאַנגען; ערשט שפּעטער, 4/III 1904, איז זי באַנייט געוואָרן א"נ „די נייע צייט" מיט ר'ן אַלס ערשטן רעדאַקטאָר, וועלכער האָט אָבער באַלד ווידעראַמאָל אָפּגעטרעטן זיין אָרט בעקן (שפּעטער איז רעדאַקטאָר געוואָרן מאָריס מייער). נאָך דער גרינדונג פון דעם בונדישן „וועקער" („פאָלקסצייטונג") איז ר' געוואָרן דער לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג, געשריבן דאָרט אויך אַרטיקלען צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין ענגלאַנד, זיך אויך באַטייליקט אין אַנדערע בונדישע צייטונגען, יאָרנלאַנג אויך געשריבן בריוו פון ענגלאַנד אין „דער צוקונפט", „פאָרווערטס" און שפּעטער אין „דער נייער וועלט", וואו פאַרעפנטלעכט צ"אַ (18/II 1921) אַן אַרטיקל „צו דער קריטיק און כאַראַקטעריסטיק פון פּאַרלאַמענטאַריזם". נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע איז ער צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, וואו ער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דעם פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר אויסלענדישע ענינים, אַרום 1921 באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרשטייער פון פסס"ר אין פּערסיע, ביז די ענגלישע רעגירונג האָט — צוליב ר'ס סיכסוכים מיט דעם ענגלישן אַמבאַסאַדאָר — סוף-כל-סוף אויסגעפירט, ער זאָל אָפּגערופן ווערן, שטעלנדיק עס אַלס אַ תנאַי פאַר דער אָנערקענונג אין 1922. לעצטנס איז ר' מיטגליד פון דער קאָלעגיע פון פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר אויסלענדישע ענינים. ר' האָט פאַרפאַסט אַ ריי ווערק צו דער געשיכטע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין ענגלאַנד, איז איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער גרויסער סאָוועטישער ענציק-

לאָפּעדיע, פאַרנעמט זיך אויך מיט אַקאַ=
דעמיש=פּעדאַגאָגישער טעטיקייט.

ה. בורגין, „געשיכטע פון דער אידישער
אַרבייטער בעוועגונג".

ראַיעווסקי מש. (30/IV 1861 —
) אַדאָפּטיוּטער נאָמען פון
שאַמראַיעווסקי. געב' אין דרום=
רוסלאַנד. זיין פאָטער, אַ פאַרברענטער



משכיל, האָט גע=
האַלטן פון דעם
כּללהעבריש
אָדער רוסיש.
יידיש איז געווען
טרייף אין ר'ס
עלטערנהויז און
ער האָט זיך די
שפּראַך אויסגע=
לערנט ערשט אין דער שול, וואו ער
האָט געלערנט. נאָך די פּאָגראָמען פון
1881 איז ער צוגעשטאַנען צו דער פּאַ=
לעסטינאָפּילישער באַוועגונג און ער איז
ספּעציעל געפאָרן קיין לעמבערג אַלס
שליח צו פועלן ביים דאָרטיקן „קאָמי=
טעט פאַר די רוסישע עמיגראַנטן" שטי=
צע אויף אַריבערצופירן אַ פּאַרטיע עמיג=
ראַנטן קיין א"י; ער האָט אַפּעלירט
צום קאָמיטעט און צום באַוואוסטן
דייטש=יידישן שריפטשטעלער קאַרל=עמיל
פראַנצאָז, אָבער — אומזיסט; די אויס=
לענדישע קאָמיטעטן האָבן ניט געוואָלט
שטיצן די עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע;
דאַן האָט ער צוזאַמען מיט דעם חובב=
ציון חיים ספּיוואַקאָווסקין (זע ספּיוואַק) אין
בראָד זיך אָנגעשלאָסן אָן נ. אַליינקאָווס
גרופּע „עם עולם", מיט וועלכער ער
איז 1882 געקומען קיין אַמעריקע, צו=
ערשט געאַרבעט אויף אַ פאַרם, אויף
פאַבריקן, 1888 שטודירט אויף אַפּטיי=
קער, 1896 געענדיקט זיין שטודיום אַלס
ד"ר און פראַקטיצירט די לעצטע צוועלף
יאָר אין ליבערטי, דערהויפּט אַלס ספּע=
ציאַליסט אויף שווינדזוכט=קראַנקהייטן.—
זינט זיין קומען קיין אַמעריקע האָט ר'
גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער
יידישער אַרבעטער=באַוועגונג, אין די
יידישע געווערקשאַפטן, אַרבעטער=רינג
אאַז"וו, געווען איינער פון די גרינדער
פון דער ערשטער יידישער סאָציאַליס=
טישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע
„דער פּראָפּאַגאַנדע=פאַראיין" (זע קאַהאַן
אַב') און פון דעם „רוסיש=יידישן אַר=
בעטער=פאַראיין". אָנהייב יוני 1886 האָט
ער צוזאַמען מיט אַב' קאַהאַן אָנגעהויבן
אַרויסצוגעבן די ערשטע יידישע סאָצי=
אַליסטישע צייטשריפט אין אַמעריקע,
„די נייע צייט", וועלכע האָט אַרויסגע=
רופן אַ איבערראַשונג קודם=כל דערמיט,
וואָס זי איז געווען געשריבן אין אַ
פּשוטן יידיש און ניט אין דעם דייטש=
מעריש, וואָס האָט דעמאָלט באַהערשט
די יידישע פּרעסע אין אַמעריקע. אָבער
מער ווי אַ פּאָר נומ' פון דער צייטונג
זיינען ניט אַרויס, ווייל די רעדאַקטאָרן=
אַרויסגעבער, ר' און קאַהאַן, וועלכע זיינען
אויך געווען די הויפּט=שרייבער (עס
האָט זיך אויך באַטייליקט אַלעקסאַנדער
האַרקאַווי) האָבן געפּטרט אויף איר אַלע
„קאַפּיטאַלן" (ר' האָט דאַן געאַרבעט אויף
אַ זייף=פאַבריק און פאַרדינט אַ 5—6
דאָלאַר אַ וואָך, וואָס ער האָט אַריינ=
געלייגט אין דער אונטערנעמונג). קיין
אריכת=ימים האָט אויך ניט געהאַט „די
צייט" (?), וואָס ר' האָט רעדאַקטירט,
ווי אויך די סאָציאַליסטישע „נייע וועלט",
אַרויסגעגעבן פון אַ געוויסן שולדינער,
ב"י, 1888 (אַרויס בלויז 5 נומ'). ער
האָט זיך אויך באַטייליקט מיט קורצע
גראַמען אין „פּאָלקס=אַדוואָקאַט" פון ד"ר
א. בראַסלאַווסקי און מ. מינץ, אין די
יאָרן 1897 — 1907 געשריבן פּאָפּולער=
וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין „פּאָר=

ווערטס", געפירט אין דער צייטונג דעם בריווקאַסטן און אַ געוויסע צייט (אַרום 1902) זי אַפילו רעדאַקטירט, 1902 אויך רעדאַקטירט אַ סאָציאַליסטישן אַלמאַנאַך, וואָס די „פאָרווערטס"-אַסאָציאַציע האָט אַרויסגעגעבן.—לכתחילה באַטראַכט יידיש בלויז אַלס מיטל פון פּראָפּאַגאַנדע, איז ר' די לעצטע יאָרן אַ הייסער פאַרערער פון דער יידישער שפּראַך און דער מאָדערנער יידישער קולטור-באַוועגונג, פאַרבלייבנדיק אַ קעגנער פון דעם פּאָליטישן ציוניזם און קאָנסערוואַטיוו אין די פראַגן פון סאָציאַליזם.

ה. בורגין, „די געשיכטע פון דער ארבייטער בעוועגונג"; א. ש. זאקס, „די געשיכטע פון ארבייטער רינג"; ב. וויינשטיין, „40 יאהר"; אב. קאהאן, „בלעטער פון מיין לעבען" II.

ראָלניק יוסף (1879 —)

געב' אין דאָרף זשוכאָוויטש, 10 קל"מ פון דער מיר, מינסקער גוב'. זיין פאָטער, וואָלף, האָט געהאַלטן אַ וואַסער-מיל, די מוטער האָט געשטאַמט פון אַ משפחה יידישע פויערים, וואָס האָבן גע-האַט זייער אייגנס שטיקלעך פעלד.

ר' איז דערצויגן געוואָרן אין זיין עלטערנהויז, וואָס איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט ווייט אויף אַ פעלד, און די פענסטער פון דעם הויז זיינען ווינטער אַזוי געווען פאַרקאָוועט מיט שניי, אַז ס'האָט דורך זיי ניט געקענט דורכקומען קיין שטראַל פון דער זון; אָט די קאַלטע איינזאַמקייט פון זיינע יונגע יאָרן האָט ר'ן געגעבן דעם אומעטיקן טאָן, וואָס קלינגט דורך אין אַלע זיינע לידער. ביז 15 יאָר האָט ר' געלערנט אין חדר און דער מירער ישיבה, 1899 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, שווער געליטן, פונאַנדערגעטראָגן צייטונגען, דערנאָך געלעבט אייניקע יאָר אין ענגלאַנד, 1904 צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד, געלעבט דערווייל אין מינסק, אַרום 1908 צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע, זיך באַזעצט אין נ"י, וואו ער איז די לעצטע יאָרן באַשעפטיקט אַלס קאָרעקטאָר פון „טאָג". — אָנגעהויבן צו שרייבן לידער נאָך אין דער יוגנט, האָט ר' דעביוטירט אין „פאָרווערטס" 1901, זינט דאַן פאַרעפנטלעכט זיינע לידער אין פאַרשיידענע יידישע אויסגאַבן פון רוסלאַנד, ענגלאַנד און אַמעריקע, צ"אַ אין „פ. אַ. ש.", „פריינד", א. רייזענס אויסגאַבן, „דאָס אידישע פאָלק", „דער אידישער קעמפפער", „דאָס נייע לעבען", זמ"ב „ליטעראַטור", „צוקונפט", „די נייע היים". אין די לידער פון דעם ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן סענטימענטאַל און ווייניק אָריגינעל, האָט ער ערשט מיט זיין ערשטער זאַמלונג א"ט „אויפ'ן זאַמדיגען וועג" (פ"ג גריזעל און קאָ., נ"י, 1911, ז' 80) געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער קריטיק. באַזונדערס גרויס איז געוואָרן זיין נאָמען אין אַמעריקע בשעת דער גלאַנץ-תקופה פון די „יונגע", ווען עס איז אַרויס זיין גרויס בוך „ליעדער" (ליטעראַרישער פ"ג „אינזעל", נ"י, 1915, ז' IV+300); לכבוד דער ערשיינונג פון דעם בוך איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ספּעציעלער ר'-נומער פון דעם חודש-זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבען". שפּעטער האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ קליינע לידער-זאַמלונג א"ט „צום שטערן נויד" (נ"י, 1922, ז' 42) און דאָס בוך „לידער פון יוסף ראָלניק / צווייטע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע" (נ"י,

1926, ז׳ 242+5), אין וועלכן עס גייען אריין אַ טייל לידער פון די פריערדיקע זאמלונגען, ווי אויך אַ ריי לידער, ביז־אהער נאָך אין בוכפאָרם ניט געזאַמלטע. — ר׳ איז איינער פון די פיינסטע מאָדערנע יידישע ליריקער, אַ טיף, פערזענלעכער דיכטער מיט אַן אייגענעם טאָן, וואָס קלינגט, אמת, אַמאָל הייניש און אַמאָל רייזיניש. ער איז אַ מייסטער פון איבערגעבן די אינטימסטע באַוועגונגען פון דער נשמה. דער צענטראַלער מאָטיוו פון זיין פאָעזיע איז דער מאָטיוו פון איינזאַמקייט און רעזיגנאַציע, דאָס געפיל פון אָפגעזונדערטקייט, פון אָפגעפרעמדטקייט און ווידערווילן צו דער וועלט, דער שטומער צער פון דעם יחיד. „זיין כוח ליגט ניט אין אָריגינעלער בילדלעכקייט און אייגנאַרטיקער ריטמיק.. דאָס טייערסטע אין אים איז... זיין פעיקייט צו רעדן פראָסט וועגן גרויסע זאַכן און זיין אינעווייניקסטע קונסט צו צייגן אונז דעם חן פון וואָרט אין זיין כשרער און שטילער ניט־פאַרפוצטקייט... דער טאָן פון זיין שטים איז ריינער, ווען ער לאָזט זיין לעבנס־ערפאַרונג זיך לייטערן אין דער קילער פשוטקייט פון ניט־פאַרפוצטן און איינדייטיקן וואָרט" (ש. ניגער). אין זיינע שטילע דורכזיכטיקע קאָנצענטרירטע לידער, וואָס קלינגען אָפט ווי תפילות, ווי „דער ניגון פון אַ עלנטן האַרצן מיט שוויגנדיקע ליפן אַרויסגעזונגען" (ש. ניגער), דערהייבט ער זיך אָפט צו סימבאָלישער בילדלעכקייט. פאַרהאַן ביי אים אויך לידער — מוסטערן פון נאַטור־מאָלעריי, פון זיין ליטווישן דאָרף, ליבע־לידער און ראָמאַנסן, פאָלקסמאָטיוון; ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ ציקל פון 22 לידער אויף די מאָטיוון פון דעם גרויסן פערסישן דיכטער האַפיז, לידער, אין וועלכע עס קומט צום בולטסטן אויסדרוק ר׳ס פיינע איראָניע, דער ניט־פאַרביטערטער, נאָר לעבנסקלוגער סאַרקאַזם. „ר׳ס פאָרם איז זייער אַ פשוטע. זיינע לידער האָבן אַזאַ נאַטירלעכע איינפאַכקייט... אין זיין אויפריכטיקייט און פשוטקייט איז ער מער ענלעך צו די כינעזישע דיכטער ווי צו די אייראָפּעישע... ער איז נ י י מיט זיין אייגנאַרטיקן אינהאַלט, מיט זיין פאַרפערזענלעכטער וועלט, מיט זיין עקסטרעמער וועלטאָנשויונג קעגן דער וועלט, מיט זיין פאַרברוגזטער לעבנסעמפינדונג קעגן דעם היינטיקן לעבן" (נח שטיינבערג).

מ. אלגין, „אין וועלט פון געזאנגען", ז׳ 258 — 266; אבא ליליען, Incognito, מ. י. חאימאוויטש, ח. גוטמאן, „צרום מיהל", ר. אייזלאנד, „מיין יוסף ראלניק", משה נאדיר, „ר׳-אימפרעסיאנען"—אין „ליטעראטור און לעבן", יאנואר 1916; א. רייזען, אין „פ. א. ש." פון סוף יאנואר 1916; נח שטיינבערג, אין „קונסט - פריינד", 1916, IX—X; id, „יונג-אמעריקא", ז׳ 107—126; id, „א קריטישע אנטאלאגיע / יוסף ר׳ / צו די געלערנטע, וואס האבן ר׳ן ניט פארשטאנען", אין „פעדער", אווגוסט 1920, ז׳ 34—53; ז. וויינפער, ib, 1925, IX, אין 1926, III; חיים קרול, ib, 1926, IV; ב. ריווקין, „פינף דורות אידישע פאעטן אין איין קאפע", ib, 1927, III; א. גלאנץ, אין „פ. א. ש." פון 12/III 1921; ש. ניגער, אין „טאג", אפריל, 1926; ז. וויינפער, אין „אויפקום", 1927, XI.

ראָם ברוך בן יוסף (...17—י״א ניסן 1803) גרינדער פון איינער פון די ערשטע העברעיש - יידישע פאַרלאַגסדרוקערייען אין רוסלאַנד, וועלכע האָט אין משך פון אַ יאָרהונדערט געשפּילט די גרעסטע ראָלע אין דער געשיכטע פון דעם יידישן ספר און בוך. ברוך ר׳ איז געווען אַ מוכר־ספרים אין גראָדנע אין דער צייט, ווען דער עקאָנאָמישער דיקטאַטאָר פון דער שטאָט גראַף אַנטאָני טיזענהויז האָט, שטרעבנדיק זי צו פאַרוואַנדלען אין אַן אייראָפּעישן כרך, אויך אַראָפּגעבראַכט פון גאַליציע, פון סאָקאַל, דעם דרוקער־מייסטער שמחה־זימל בן מנחם - נחום

(נאַכימאָוויטש, טיפּאָגראַף). דאַן האָט גראָדנע אָנגעהויבן צו ווערן אַ צענטער פאַר דער יידישער בוכדרוקעריי אין דער ליטע און אין דער דרוקעריי פון דער פּוילישער מלוכה האָבן זיך אויך געדרוקט יידישע (העברעיִשע) ספרים, ווי, למשל, „צוואה מהחסיד ה״ר אלכסנדר זיסקינד מהוראדנא״ — איינע פון די ערשטע יידישע אויסגאַבן אין גראָדנע (1791, לויט בן=יעקב—תקנ״ד; דאָס דאָזיקע פּאָפּולערע מוסר=ספרל איז שפּעטער אויך אַרויס אויף יידיש אין ווילנע א״ט „חוקי חיים״) און 1789 האָט ר׳ אויך באַקומען אַ פּריווילעגיע צו עפענען אַ דרוקעריי אין גראָדנע. זיכערע ידיעות וועגן די ערשטע אויסגאַבן פון ר׳=דרוקעריי געהערן צו 1795, אין וועלכן יאָר עס זייַנען אַרויס אַ ריי ספרים, ווי „בחינת עולם״ מיטן פירוש „אור חכמים״, „אלף עומר״ פון ר׳ חיים בן זבולון=יעקב, „יסוד ושורש העבודה״ פון ר׳ אַלכּסנדר=זיסקינד פון גראָדנע, „אבקת רוכל״, „ספר יצירה״, „תמר דבורה״ פון ר׳ משה קורדובירו. 1799 האָט ברוך אַריבערגפירט זיין דרוקעריי קיין ווילנע, וואו ער האָט געמוזט פירן אַ קאָנקורענץ מיט די קריסטלעכע דרוקערייען, וואָס האָבן אויך געדרוקט יידישע ספרים. נאָך זיין טויט האָט זיין זון ר׳ מנחם מאַנעס, כדי בייצושטיין די קאָנקורענץ מיט די איבעריקע ווילנער און גראָדנער דרוקער, 1806 געמאַכט שותפות מיט שמחה=זימלען און די פירמע „זימל און קאָ.״ האָט זינט דאַן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ ברייטע פאַרלעגערישע טעטיקייט, צ״אַ אַרויסגעגעבן דעם תנך (1830) און דעם תלמוד בבלי (1835 — 54). די אויסגאַבע פון ש״ס האָט אַרויסגערופן די באַוואוסטע מחלוקת מיט די סלאַוויטער דרוקער שאַפּיראָ, אין וועלכער עס האָבן זיך באַ=

טייליקט איבער הונדערט רבנים. לויט דער אַלערהעכסט באַשטעטיקטער תקנה פון מיניסטאָרנקאָמיטעט פון 27/X 1836 זייַנען אַלע יידישע דרוקערייען אין רוסלאַנד פאַרמאַכט געוואָרן און עס זייַנען איבערגעלאָזט געוואָרן נאַר צוויי — אין קיעוו און אין ווילנע (צוליב טעכנישע שוועריקייטן, ווי דאָס פעלן פון אַ יידישן צענזאָר א״אַ, האָט זיך די פאַר קיעוו דערלויבטע דרוקעריי געעפנט אין זשיטאָמיר). אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם דאָזיקן מאָנאָפּאָל און אויף דעם שותפות פון די ווילנער גבירים יוסף=אליה עליאַסבערג און ברוך שרייבער, זייַנען די געשעפטן פון דער ר׳=דרוקעריי אַוועקשלעכט און דאָס פאָלק האָט אין דעם געזען אַ גאָטס שטראָף פאַר דעם קאַמף קעגן דער סלאַוויטער שאַפּיראָ=דרוקעריי. גרויסע היזקות האָט אויך די ר׳=דרוקעריי געליטן פון דער שרפה פון 1841. אין דעם אייגענעם יאָר איז מנחם מאַנעס געשטאָרבן (ר״ח תשרי תר״ב) און אין אַ פּאָר יאָר אַרום אויך שמחה=זימל (כ״ה אייר 1845), אַזוי אַז די דרוקעריי איז געבליבן ביי מנחם=מאַנעסעס זון יוסף=ראובן, וועלכער האָט דערלעבט שוין בעסערע צייטן פאַר דער אונטערנעמונג, וואָרעם נאָך דער קרימער מלחמה האָבן זיך די געשעפטן אירע פאַרבעסערט. נאָך יוסף=ראובנס טויט (1858) איז די דרוקעריי אַריבער צו זייַנע זין דוד, חיים=יעקב און מנחם=גבריאל (מאַנעס), אָבער דוד דער הויפּט=אָנפירער איז אין 2 יאָר אַרום געשטאָרבן אין פּט״ב און זינט 1863 איז אין משך פון 40 יאָר בראש פון דער פירמע געשטאַנען דודס אלמנה דבורה ר׳, געבוירענע האַרקאַווי (1831—1903), אַן אייניקל פון שמואל שטראַשון, אַ פרוי פון גרויסע פעיִקייטן, וועלכע האָט מיט דער הילף פון איר שוואָגער

מאַנעס (חיים-יעקב איז געשטאָרבן 1869) געבראַכט די אונטערנעמונג צו איר העכסטן אויפבלי א״נ „האלמנה והאחים ראָם". די פינף זין דבורהס האָבן זיך שוין ניט אינטערעסירט מיט דער וועלט-באַרימטער יידישער פאַרלאַגס-אונטערנע-מונג און אין 7 יאָר נאָך דבורהס טויט איז די דרוקעריי פאַרקויפט געוואָרן באַראָן דוד גינצבורגן, אָבער ער איז באַלד געשטאָרבן, און אינגיכן איז אויס-געבראָכן די מלחמה, ווילנע איז אָפּגע-שניטן געוואָרן פון דער וועלט און אַרום 1915 איז די פירמע דורך די גינצבורגס פאַרקויפט געוואָרן די פּט״ב׳ער גבירים נח גאָרדאָן און חיים כהן (זע שמואל ראָזענפעלד). — הגם די פירמע ר׳ האָט איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אָפּגעגעבן דער רעליגיעזער און רומל-ליטעראַטור, אויף וועלכן געביט זי האָט אַרויסגעגעבן אַרום 20,000 דרוקבויגן, האָט זי אָבער אויך פון צייט צו צייט געדרוקט יידישע ביכער און מעשה-ביכלעך. באַזונדערס פיל יידישע אויסגאַבן זיינען ערשינען אין דער ר׳-דרוקעריי אין דעם ערשטן דריטל פון דעם XIX י״ה, און אין יע-נער צייט איז ווילנע אַדאַנק דעם גע-וואָרן אַ צענטער פון דער יידישער פאָלקסליטעראַטור, אָבער די יידישע ביבליאָגראַפיע פון אָט דעם ווילנער פּע-ריאָד איז נאָך אַבסאָלוט ניט באַאַרבעט און ווייניק באַקאַנט (ערשט גאָר די לעצ-טע צייט האָט פנחס קאָן צונויפגעזאַמלט וועגן דעם מאַטעריאַלן אין זיין נאָך ניט פאַרעפנטלעכטער מאָנאָגראַפיע „יידישע דרוקערייען אין ווילנע ביז 1837"). אויך שפּעטער האָט די ר׳-דרוקעריי אַרויסגע-געבן פאַרשיידענע יידישע ביכער, ווי די מעשה-ביכלעך און ראָמאַנען פון א״מ דיק, שמ״ר, זייפערט א״אַ. אָבער נאָך דעם טויט פון דבורה ר׳ האָט פ״ג זיך צוריקגעצויגן פון דעם דאָזיקן געביט פון זיין טעטיקייט און אַפילו אויפגעהערט איבערצודרוקן זיינע אַלטע יידישע אויס-גאַבן, אַחוץ די פאַרשיידענע רומל-ספרים אין יידיש אָדער מיט יידישער עברי-טייטשער איבערזעצונג. — אין דער ר׳-דרוקעריי האָבן געאַרבעט אַ סך גרויסע תלמידי-חכמים און משכילים, ווי ר׳ יעקב גראָדנער, אליהו שטראַשון, מרדכי פלונ-גיאַן א״אַ. זינט די 60ער יאָרן איז אין משך פון איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט בראש פון פ״ג אַלס רעדאַקטאָר געשטאַ-נען שרגא-פייוויש פייגענסאָן, וועלכער האָט לעצטנס אויך אָנגעשריבן די גע-שיכטע פון דער ר׳-דרוקעריי (אין כתב-יד). אַלס גראַווירער איז אַ געוויסע צייט געווען אָנגעשטעלט ביים פ״ג דער באַ-וואוסטער אבנר גריליכעס.—דער עלטסטער זון פון דבורה ר׳, מאַקס ראָם (געב׳ 1856), האָט זיך באַטייליקט אין די ערשטע סאָציאַליסטישע קרייזן אין ווילנע, שפּע-טער אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער איז געשטאַנען נאָענט צו דער יידישער סאָ-ציאַליסטישער באַוועגונג, געדרוקט לידער אין די יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַנען, ווי, למשל, „די נייע צייט" 1898, פּראַק-טיצירט אַלס ד״ר מעדיצין; אויך זיין פרוי, געב׳ צדיק, האָט זיך באַטייליקט אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרע-סע.—אַ ייִנגערער זון דבורהס, מאַטוויי ראָם (געב׳ אַרום 1858), אַ אַוואַנטוריס-טישע נאַטור, וואָס האָט פאַרשאַפט פיל זאָרג דער פאַמיליע, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אַרומגעוואַנדערט, אַ לאַנגע צייט גע-לעבט אין לאָנדאָן, האָט א״פּ מאַטמאָר פאַרעפנטלעכט אַ זאַמלונג א״ט „דאָס לע-בען/געדיכטע און לידער" (דרוק האלמנה והאחים ראָם, ווילנע, 1903, ז׳ 66), „דער טייערען מוטער אין ליעבע און פער-עהרונג געווידמעט". צו דעם בוך קומט

אַ פאָררעדע, געחתמעט „דיא אַרויסגעבער", אין וועלכער עס ווערט אָנגעוויזן אויף דעם פראָגרעס פון דער „יידישער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור", אויף אירע טאַלענטפולע בעלעטריסטן, פובליציסטן און דיכטער, און עס ווערט כאַראַקטעריזירט אויך ר' אַלס דיכטער: „מאַטמאָר איז קיין אייגענטליכער אידישער דיכטער. ער באַהאַנדעלט קיינע טעמען און מאָטיווען פון שפעציעל אידישען כאַראַקטער. דיא פראַכט און מאַכט פון דער נאַטור, דאָס לעבען מיט זיינע פריידען און ליידען, אַללעס וואָס בעריהרט דאָס הערץ, דאָס געפיהל — דאָס געפינט אַ נאָכקלאַנג אין זיינע פערזען און שפיגעלט זיך אָב אין זיינע ליעדער, וויא אין אַ קלאָרען וואַסער.— וואָס אָנבעלאַנגט צו דער פאָרם, צו שיינקייט און קלאַנג פון שפראַכע און פערז, קענען דיא דיכטונגען פון מאַטמאָר אַלס מוסטער אָנגענוממען ווערען". די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק איז אַ היבש ביסל איבערטריבן, אָבער מ'קען ר'ן באמת טאַקע ניט אָפּזאָגן אין אַ געוויסער דיכטערישער באַגאַבונג, בפרט ווען מ'נעמט אין אַכט, אַז זיינע לידער זיינען געשריבן מיט אַ דריי צענדלינג יאָר צוריק, ווען די מאָדערנע יידישע פּאָעזיע האָט ערשט אָנגעהויבן אויפצובליען. אַ היבשער טייל פון זיינע לידער זיינען אויף עראָטישע מאָטיוון, פאַראַן אויך איבערזעצונגען אָדער נאָכאַמונגען פון נאַדסאָן, נעקראַסאָוו, היינע, די פאָרם איז אָפט אומבאַהאָלפן, די שפראַך ניט געלייטערט און אָרעם.

ש"י פין, „קריה נאמנה", ז' 199; מגיד שטיינשניידער, „עיר ווילנא", ז' 200—6; JE, X; ЕЭ, XIII; שפ"ן (ש. פ. פייגענסאָן), „אחרית דבר" צו מסכת נדה פון דעם תלמוד בבלי—דער מאָנומענטאַלסטער אויסגאַבע פון ר'־פ"ג, 1897; ז. רייזען, 90־יאָריקער יובילי פון אַ תלמיד־חכם (פייגענזאָן), אין „ליטעראַרישע בלעטער", 1927, 46; פ. קאָן, אין Евр. Вестник, 1928.



ראָמאַנאָווסקי אהרן־צבי (אַרום 1885 —) געב' אין דאָרף גובי, ניט ווייט פון סייני, סוואַלקער געגנט, אין אַ פרומער לומדישער פאַמיליע. זיין פאָטער, דוד, האָט זיך פאַרנומען מיט קליינהאַנדל און שווער געקעמפט פאַר זיין עקסיסטענץ, און די מוטער, אַ לייבלעך שוועסטערקינד פון מאָריס ראָזענפעלד, פלעגט פאַרזיסן די שווערע מאָמענטן אין דעם לעבן פון דער פאַמיליע מיט אירע האַרציקע פאָלקסלידער. ביז 17 יאָר געלערנט אין ישיבות, פון דער פריסטער יוגנט אָן געלייענט אַלערליי יידישע ראָמאַנען און ערשט שפעטער זיך באַקענט מיט דער העברעישער השכלה־ליטעראַטור און מיט די רוסישע קלאַסיקער. אַ יאָר פאַרן פריזיוו אַוועק קיין ענגלאַנד, צוערשט געאַרבעט אַלס לערער פון שפראַכן, דערהויפּט פון העברעיש, אין לידס, שטודירט די ענגלישע שפראַך און אַלגעמיינע וויסנשאַפטן, איניקע יאָר געהערט לעקציעס איבער דער געשיכטע פון דער ענגלישער ליטעראַטור, געהאַלטן עקזאַמען אין לאָנדאָנער אוניווערסיטעט. נאָך אַלס ישיבה־בחור געשריבן העברעישע שירים פאַר אַ קינדער־זשורנאַל, וואָס ער האָט צוזאַמען מיט איניקע חברים אַרויסגעגעבן אין סוואַלק, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ טייל פון זיין יוגנט, האָט ער זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין דעם טאָגבלאַט „דער אידישער זשורנאַל" א"ר פון מאָריס מייער, זינט דער גרינדונג פון „דער צייט" איינער פון די הויפּטמיטאַרבעטער פון דער צייטונג,

שרייבט אַרטיקלען, דערהויפּט אויף יידישע טעמעס, דורכגעוועבט מיט ציוניזם און בענקשאַפט נאָך דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, אויך ליטעראַרישע אַרטיקלען (צ״א אַ סעריע „אחד־העמס בריף״ — אין „צייט״ אָנהייב 1925), איז אויך רעדאַקטאָר און שרייבער פון די לייטאַרטיקלען פון דער אָוונט־אויסגאַבע פון „דער צייט״— „אבענד נייעס״ (א״ט „אבענד קלאַנגען״). זיך אויך באַטייליקט אין „העולם״ (וואו צ״א פאַרעפנטלעכט קאַפּיטלען פון זיין גרויס געפּלאַנטן בוך „הנפש החוטאת״), אין „אידישען קעמפּפער״, קאָרעספּאָנדירט אין „יידישען טאַגעבלאַט״. — יאָרנלאַנג געווען פּרעזידענט פון דער פּ״צ־פּאַרטיי אין ענגלאַנד, פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פּאַרטיי, בשעת דער מלחמה— פינאַנץ־סעקרעטאַר פון דעם „אַרבעטער־מלחמה־פאָנד״ אויף צו העלפן די פּאַמיליעס פון די רוסישע בירגער, וועלכע זיינען אַוועק אין רוסישן מיליטער, אויפגעטרעטן אַלס רעדנער אויף ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען אאז״וו.

ראַנטש יצחק־אלחנן (5/IX 1899—) געב׳ אין קאַנין, קאַלישער געגנט, אין אַ חשובער סוחרישער פאַמיליע. האָט געלערנט אין די בעסטע חדרים, דערהויפּט אָבער ביים פאָטער, מאיר, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ תלמיד פון ר׳ יצחק־אלחנן, אַ גרינדער און רבי פון אַ סך חברות אין לאָדז, וואוהין די פאַמיליע איז אַריבערגעפאָרן אַרום 1906, און האָט געשטרעבט צו מאַכן פון זיין זון אַ רב. ר׳ איז אָבער נאָך אַלס יונג יינגל אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם „קליינעם בונד״, אָפּגעשאָרן די לאַנגע פאות, אָנגעטאָן קורצע קליידער און אַריין אין אַ פּריוואַטער גימנאַזיע און דערפאַר געמוזט זיך צעשיידן מיט דער היים, געלעבט ביי זיינעם אַ פעטער אַ „דייטש״, ערשט אין 3 חדשים אַרום צוריקגעקומען צו די עלטערן, אָבער ווידער געמוזט אָנטאָן די יידישע מלבושים. נאָכן 4טן קלאַס געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום מיט פיר שוועסטער, איז ער 1913 געקומען קיין אַמעריקע, געאַרבעט ביי די שווערסטע מלאכות, אַרומגעוואַנדערט איבערן לאַנד, 1915 אין נ״י געענדיקט אַ אָוונטיקע מיטלשול, צו דער צייט דעביוטירט אין „קונדס״, וואו זינט 25/VI 1915 פאַרעפנטלעכט זייער פיל לידער, 1918 זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ, אַריין אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער „טעגליכער אידישער וועלט״, אַחוץ לידער און אייניקע דערציילונגען געשריבן אין דער צייטונג אויך אַרטיקלען אויף פּאָליטישע טעמעס און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג א״פּ יצחק־אלחנן, אַרויסגעגעבן אַ זמ״ב פון יונגע שיקאַגער שרייבער „יוגענד״, מאַי 1920, און צוזאַמען מיט זיי דאָס זמ״ב „יונג־שיקאַגאָ״, 1922, זיך אויך באַטייליקט אין שיקאַגער „פאָרווערטס״, „איינינעם״, אין די נ״יער „צייט״, „פריינד״, „פעדער״, „פ. א. ש.״, זעצערס „וואָרט״, „קינדער־לאַנד״ און „קינדער־זשורנאַל״, „פרייהייט״, „האַמער״ אאז״וו, אויך מיט ליטעראַרישע אַרטיקלען און רעצענזיעס. אַלס לערער פון די יידישע אַרבעטער־רינג־שולן אין שיקאַגאָ זינט זייער גרינדונג, מאַי 1919, רעדאַקטירט דעם ערשטן שילער־זשורנאַל אין שיקאַגאָ א״ט „אונזער ווינקל״, 1924 געקומען קיין נ״י. פון זיינע לידער, פון וועלכע טייל זיינען אין פּרייפערז, איז אַרויס די זאַמלונג א״ט „ווינטן״ (פ״ג „יונג שיקאַגאָ״, 1923, ז׳ 135); וועגן דער דאָזיקער זאַמלונג האָט זיך אַגב אָפּגערופן אין דער Chicago Daily News דער באַוואוסטער שיקאַגער שריפטשטעלער בען העכט, וועלכער האָט דערביי אויך

אַנגעוויזן אויף ר'ס פּאַרהעלטעניש צו די אַמעריקאַנישע דיכטער וואָלט וויטמאַן, האַריס טרויבעל, קאַרל סאַנדבערג. אינגיכן דאַרפן ערשיינען ר'ס אַ בוך „נייע לידער א"ט אינדיאַנער זומער" און אַ בוך אימפּרעסיעס און בילדלעך אין פּראָזע א"ט „שאָטנס פון ניו־יאָרק".

י"ל קאַלושינער, אין „פעדער", 1924, VIII; ר. יוקעלסאָן, אין „אינ־ניינעם".

ראָסין שמואל (י"ד אלול 1890 —) געב' אין שומיאַטש, מאָהליעווער, איצט סמאָלענסקער גוב'. זיין פאָטער, ישראל, איז געווען אַ דאַרפסהענדלער און דערנאָך אַ בעל־עגלה, די מוטער האָט געשטאַמט פון אַ רבניש־חסידישער משפחה. געלערנט אין חדר און ביי פּריוואַטע לערער העברעיש, דערנאָך אין דער שטעטלדיקער ישיבה און אין דער ישיבה פון כאַסלאַוויטש, וואו דער מוטערס אַ פעטער איז געווען ראש־ישיבה. אונטער דער השפעה פון סאָציאַליסטישע אידעען צו 14 יאָר אַוועק קיין כאַלין לערנען זיך פאַר אַ מאָליער, אַריין אין דער בונדישער באַוועגונג, פאַר פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס געמוזט אַנטלויפן, צו 15 יאָר געקומען קיין קאַטערינאָסלאַוו, געאַרבעט אויף דער יעקאַטערינינסקער אייזנבאַנליניע, אונטער דעם רושם פון די פּאַגראָמען אַריבער צו די ס"ס, געווען אַ מיטגליד פון דעם קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט, דערנאָך זיך צוריקגעקערט אין „בונד", געלעבט אין אָדעס, כאַרקאָוו, פּענזע, אין פּאַרשיידענע קאָלאָניעס פון טאַווריע, די לעצטע יאָרן — אין מאָסקווע. — אָנגעהויבן צו

שרייבן לידער און דערציילונגען פון אַרבעטער־לעבן צו 20 יאָר, האָט ער דעביוטירט אין מינסקער „וועקער" 1917, זינט דאַן זיך באַטייליקט אין אַלע יידישע אויסגאַבן פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי „שטראַם", „ניי־ערד", „רויטע וועלט", „שטערן", „יונגוואַלד", „שטורעם־גלאָקן", „ליבקנעכטס דאָר" און דער איינמאַליקער אויסגאַבע „דער פּראָוענטאָג", אין ריגער „סאַמבאַטיען" א"אַ. אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט „באַבע־מעשיות" — קינדער־פּאָעמען (פ"ג „וויסנשאַפט", קאַטערינאָסלאַוו, 1919, ז' 55, הילע און צייכענונגען אין טעקסט פון קינסטלער וולאַדימירסקי); „מויער־קעפּלאַך" — לירישע לידער (פ"ג „האָפענונג", כאַרקאָוו, 1919, ז' 32); „שיין" — פּאָעמע (פ"ג קליינע ביבליאָטעק „ליריק", מאָסקווע, 1921). האָט אויך אָנגעשריבן אַ פּיעסע א"ט „די דערוואַכונג", וועלכע איז 1919 אויפגעפירט געוואָרן דורך דעם ערשטן „אַרבעטער־דראַמקרייז" אין כאַרקאָוו, אין „זשאַטקינס טעאַטער". לעצטנס ווידער אָנגעהויבן צו שרייבן דערציילונגען, ווי „אין רויש פון געשלעגן" (אין זמ"ב „ניי־ערד", מאָסקווע, 1925). — דאָברושין שאַצט אַזוי אָפּ ר'ס ביזאַהעריק שאַפן: „גראַד ר', אַ דיכטער פון לירישן אינטימען שניט, וואָס האָט אַ צאַפּל געטאָן מיט אייגנאַרט פון נשמהדיקן ליכט־ און שאָטן־שפּיל און באַשאַפן אַן אייגענעם וואָרט־ און ריטם־געפלעכט, האָט אַדאַנק זיין תמימישן פאַרטרויען דעם פּאָעטישן וואָרט באַאַרבעט די ערשטע, אפּנים, ביי אונדז מוסטערן פון אונזעריק־קאָנקרעטן לעבנסוואָר" (די פּאָעמען „שיין", „דורך נאַכט" און „בערל בעקער").

ח. ש. קאַזדאַן, אין „שול און לעבן", 1919, X — XI; י. דאָברושין (שין), אין „שטראַם", III, און אין זמ"ב „ניי־ערד"; נ. אויסלענדער, ib; דוד א. גנאָטאַה, אין „שריפטן", VIII; ראַנטש, אין „פעדער", 1926, 1925, VI; צינבערג, אין Евр. Альманах; א. גורשטיין, אין זשורנאַל Печать и Революция.

ראַסקין אפ־יים (כ"ז אייר 1847 —
15/I 1928) געב' אין שקלאָוו, געווען
אַ תּלמוד וָותיק פון הרב דיסקין, שפּע=
טער זיך דערנעענטערט צו השכּלה, זיך
עוסק געווען אין ישוב א"י, צוויי מאָל
באַזוכט דאָס לאַנד. וואוינענדיק אין
וואַרשע, וואו ער האָט געפירט אַ בוכ=
האַנדלונג, האָט ער 1890 אַרויסגעגעבן
דעם יידישן אַפּרייס=קאַלענדאַר, צוליב
דער קעגנערשאַפט פון די רבנים — צו=
ערשט אָן דער אָנגעבונג פון דער סדרה
פון דער וואָך; אַרום 1905 האָט ער
איינגעפירט אין זיין אַפּרייס=קאַלענדאַר
וויצן, מעשהלעך, היסטאָרישע דאַטן
אאַז"וו, דאָס רוב צונויפגעשטעלט פון
י. מזח. אין משך פון די יאָרן איז ר'ס
אַפּרייס=קאַלענדאַר געוואָרן זייער פּאָפּו=
לער און גייט אַרויס עד=היום אין אַ העב=
רעיִשער און יידישער אויסגאַבע דורך
זיין זון אברהם=אבּא ר'. האָט אויך
אַרויסגעגעבן אייניקע פּראַקטישע האַנט=
ביכער אויף יידיש, ווי "מנעמאַנישעס
לעהרבוך דער פראַנצויזישער שפּראַכע"
פון ד"ר י. אַלינאָוויטש אויס וואָלקאָ=
וויסק, "דער פּראַקטישער בוכהאַלטער"
פון יהודה הלוי לעוויק, אַ סעריע פון
12 קליינע "לעהר=ביכער פאַר קליין=
פאַבריקאַציע".

ראַסקין בנציון (אַרום 1875 —
) וואוינענדיק אין וואַרשע, וואו
ער איז געווען באַשעפטיקט אַלס לערער,
איז ער אַרום 1904 צוזאַמען מיט יצחק
טאָבענקין — דעם איצטיקן פירער פון
דער "אחדות העבודה" אין א"י — אַ"אַ
געשטאַנען בראש פון דער ערשטער
אָרטיקער פּ"צ=גרופּע, וועלכע האָט זיך
אַרום 1905 אָרגאַניזירט א"ב "די יידישע
ס"ד'ישע אָרגאַניזאַציע פּ"צ אין וואַרשע",
איז פון דער גרופּע אויסגעוויילט גע=
וואָרן אַלס דעלעגאַט אויפן 7טן ציוניס=
טישן קאָנגרעס, אויף דעם ערשטן צו=
זאַמענפאָר פון דעם דאַן געגרינדעטן
"יידישן ס"ד'ישן אַרבעטער=פּאַרבאַנד פּ"צ
אין פּוילן", דעצעמבער 1905, אַריין אין
קאָמיטעט, צוזאַמען מיט די איבעריקע
מיטגלידער פון קאָמיטעט (יצחק טאָבענ=
קין, דוד בלאָך=בלומענפעלד — דעם איצ=
טיקן פּרעזידענט פון תּל=אביבער שטאָט=
ראַט, ניר=ראַפאַלקעס, בנימין עפּראַן —
וועלכער איז 1916 געווען איינער פון
די גרינדער פון דער יידישער פאָלקס=
פּאַרטיי אין פּוילן, א"אַ) אַרעסטירט גע=
וואָרן 5/I 1906 און אָפּגעזעסן 3 חדשים אין
מאָדלין, געאַרבעט אַלס פּראָפעסיאָנאַל
אין דער אָרגאַניזאַציע, שפּעטער פאַר=
לאָזט וואַרשע און זיך דערווייטערט פון
דער פּאַרטיי.— ר' האָט איבערגעזעצט אויף
יידיש די באַרימטע עפּאָפּעע פון העברי
וו. לאָנגפעללאָ "דאָס געזאַנג פון הייאַ=
וואַטאַ" ("קיעווער פּ"ג", תּרע"ט, ז' 100)
און אייניקע קלענערע זאַכן, ווי מ. קרייצ=
וואַלדס "קאַלעוויפּייג" — פון עסטאָנישן
עפּאָס (קאָאָפּ' פ"ג "קולטור=ליגע", קיעוו,
1922). האָט די לעצטע יאָרן אויך פאַר=
עפנטלעכט קינדער=מעשיות אין העב=
רעיִש, ווי "דב בן דבש", (פּ"ג "תּרבּות",
וואַרשע, תּרפּ"ג, ז' 15). וואוינט איצט אין א"י.

ניר, "דער אָנהייב אין פּוילן", אין "יידישן
אַרבעטער פּנקס" (איבערגעדרוקט פון "רויטן
פּנקס", I); נ. אויסלענדער, אין "ביכער=וועלט",
1919, II — III, ז' 38 — 41.

ראַסקין פיליפּ מ. (פייוול=מרדכי
פּ.) (24/XII 1880 —) געב' אין
שקלאָוו, מאָהליעווער גוב'. זיין פאָטער,
מאיר, איז געווען אַ פאַרמעגלעכער סוחר,
די מוטער האָט געשטאַמט פון דער
מיוחסדיקער פאַמיליע קונין. האָט באַקו=
מען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג,
ביז 14 יאָר געלערנט אין חדר תּנך,
העברעיִש און תּלמוד, דאַן 3 יאָר באַזוכט
די רעאַלשול אין מינסק, צו 17 יאָר

אַוועק קיין ציריך, וואו שטודירט אין פּאָליטעכניקום מאַטעמאַטיק, פּאָליטישע עקאָנאָמיע און ליטעראַטור, צו 19 יאָר געקומען קיין ענגלאַנד, באַזוכט פאַרשיידענע קורסן אין יאָרקשייער אוניווערסיטעט אין לידס, אין 2 יאָר אַרום געענדיקט דעם קיניגלעכן אינסטיטוט פאַר ליטעראַטור און וויסנשאַפט. סוף 1915 אַריבערגעפאָרן קיין נ"י, וואו ער איז טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, באַטייליקט זיך אין די אַקציעס פאַרן קרן-היסוד אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין קאַנאַדע אאַז"וו.—אָנגעהויבן צו שרייבן לידער צו 15 יאָר, האָט ער דעביוטירט מיט זיי צוערשט אין רוסיש, ערשט אין לאָנדאָן אַריבער צו יידיש און פאַרעפנטלעכט אַ סך יידישע לידער אין פאַרשיידענע יידישע אויסגאַבן פון ענגלאַנד, צ"אַ אין חודש-זשורנאַל „יוגענד-שטראַהלען“, לאָנדאָן, V, 1915, אַרום 1910 אַריבער צום שרייבן כמעט אויסשליסלעך אין ענגליש, פאַרעפנטלעכט לידער אין פאַרשיידענע ענגלישע אויסגאַבן פון ענגלאַנד און אַמעריקע, אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן: Songs of a Jew (1914, מיט אַ הקדמה פון ישראל זאַנגוויל), Songs of a Wanderer (נ"י, 1917), Songs and Dreams (באָסטאָן, 1920), When a Soul sings (1922) און Poems for Young Jsrael (1925). האָט אין משך פון אָנדערטהאַלבן יאָר רעדאַקטירט דאָס וואָכנבלאַט The American Weekly Jewish News און איבערזעצט פון העברעיש און יידיש אַ באַנד עסייען פון שמריהו לעווין א"ט Out of Bondage (לאָנדאָן), אויך צונויפגעשטעלט אַ Anthology of Modern Jewish Poetry (פ"ג פון בעהרמאַנס בוכהאַנדלונג, נ"י, 1927, ז' 192, מיט ר'ס אַן אַריינפיר). פון זיינע לידער אין יידיש זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „געהעטאָ-לידער“ (פ"ג י. פּאָרטמאַן, לידס, 1910, ז' 148, מיט אַ הקדמה פון ש"ע) און „ראַסקין'ס אידישע ליעדער“ (פ"ג מאַקס נ. מייזעל, נ"י, 1919, ז' 268). דאָס רוב פון זיינע לידער, סיי אין יידיש סיי אין ענגליש, זיינען אויף נאַציאָנאַלע אָדער ציוניסטישע מאָטיוון; אין טייל פון זיי (למשל, אין דער פּאָעמע אויף ענגליש „דאָס פּאָגראָם-קינד“) שילדערט ער יידישע „גלות“-טראַגעדיעס אאַז"וו. אייניקע זיינע לידער, למשל, דער קליינער ציקל אין „אונזער בוך“, IV, 1926, זיינען ליריש-פילאָסאָפישע עפּיגראַמען.

מ. באַסין, „אַנטאָלאָגיע“, II; Who's Who in American Jewry, 1926; ראובן גראָסמאַן, אין „הדאר“, 435 (וועגן ר'ס „אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער פּאָעזיע“).

ראַסקין (סאָול) שאול (15/VIII 1878 —) געב' אין נאָגאַיסק, טאַווּרישע גוב', אַלס זון פון נפתלי-הערץ ר'. דערצויגן געוואָרן אין דער קליינשטעטלדיק-

אינטעליגענטישער יידיש-רוסישער סביבה, געלערנט אין חדר און דער רוסישער פאָלקסשול, צו 15 יאָר אַוועק קיין אָדעס, וואו געלערנט ליטאָגראַפיע און גלייכצייטיק באַזוכט אַ קונסטשול, צו 18 יאָר זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ רייזע איבער איראָפּע, באַזוכט דייטשלאַנד, פראַנקרייך, שווייץ, איטאַליע, אומעטום שטודירט אין די אַקאַדעמיעס, באַזוכט לעקציעס אין פאַרשיידענע אוניווערסיטעטן און געאַרבעט ביי ליטאָגראַפיע, אין 3 יאָר אַרום זיך צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד זיך צו

שטעלן צו מיליטער, אַרויס פריי און
1904 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע,
וואו ממשיך געווען זיין קינסטלערישע
בילדונג און 1906 אָנגעהויבן זיך צו
באַטייליקן אין פאַרשיידענע צייטשריפטן,
ווי „צייט=גייסט“, „פ. אַ. ש.“, „צוקונפט“
א"אַ, מיט אַרטיקלען וועגן קונסט, שפּע=
טער געווען אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון
ח. זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבען“,
י. ש. יאַנאָווסקיס „פרייע געזעלשאַפט“,
א. רייזענס „דאָס נייע לאַנד“ (צ"אַ דאָרט
פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן י. בו=
טענסקיס בילד „דער אייביקער פרידן“,
1911, 15) א"אַ, אַלס מיטאַרבעטער פון
דעם פ"צ טאָגבלאַט „די צייט“ אַחוץ אַרטיק=
לען אויך געגעבן טעגלעכע קינסטלערי=
שע צייכענונגען, יאָרנלאַנג געווען שטענ=
דיקער קאַריקאַטוריסט פון „גרויסן קונדס“
אויף פּאָליטישע און ליטעראַרישע סיו=
זשעטן (ביז די דאָזיקע איינציקע יידישע הו=
מאָריסטישע וואָכנשריפט אין אַמעריקע
האָט זיך זומער 1927 פאַרמאַכט), נאָכן
אונטערגאַנג פון דער „צייט“ — מיט=
אַרבעטער פון „טאָג“. האָט צוויי מאָל
באַזוכט ארץ=ישראל — 1921 אַלס מאָלער
און קאָרעספּאָנדענט פון דער „צייט“,
און 1924 — פון „טאָג“, און די דאָזיקע
רייזעס האָבן געהאַט אַ גרויסע באַדיי=
טונג פאַר ר' דעם שריפטשטעלער און
דעם מאָלער; ער האָט דאַן פאַרעפנט=
לעכט זיין ערשט בוך א"ט „ארץ ישראל
אין וואָרט און בילד“ (פ"ג רעזניק, מענשעל
און קאָ., נ"י, 1925, ז' 318) און צום
ערשטן מאָל אַרויסגעטרעטן מיט אַן
אויסשטעלונג פון זיינע א"י=בילדער
(אין אייל, וואַסער=פאַרב און ראַדירונ=
גען), אין נ"י, באַלטימאָר, שיקאַגאָ, פי=
לאַדעלפיע א"אַ שטעט, און די בילדער
האָבן געהאַט גרויס ערפאָלג. נאָך ניט
פאַרעפנטלעכט אַ בוך „יידישע קונסט
און קינסטלער“ און אַ בוך „ווי צו קוקן
און פאַרשטיין קונסט“. איינער פון די
בעסטע יידישע שריפטשטעלער איבער
קונסט, איז ער אין זיין סטיל סיי אין
שרייבן סיי אין מאָלן רעאַליסטיש מיט
אימפּרעסיאָניסטישע און דעקאָראַטיווע
נייגונגען. האָט אויך פאַרעפנטלעכט
אַ סך עסייען איבער ליטעראַטור און
טעאַטער, צ"אַ אַ ריי אַרטיקלען וועגן
יהואש (אין „דעטראָיטער וואָכענבלאַט“,
„טאָג“ פון 2/III 1917, „גערעכטיגקייט“
פון 30/VI 1922).

Who's Who in American Jewry,
1926; „דער פאַרבאַנד“, 20; די יידיש-אַמערי-
קאַנישע פרעסע פאַר אָקטאָבער 1926 (וועגן זיין
בילדער-אויסשטעלונג).

ראַסקין רעי (15/V 1888
) געב' אין אָדעס אַלס טאָכ=
טער פון אריה=לייב ראָזענטאַל. ביל=
דונג באַקומען אין אַ רוסישער גימנאַזיע
אין אָדעס און

שפּעטער אין
דייטשלאַנד,
פראַנקרייך און
דערהויפּט אין
אַמעריקע, וואוהין
זי איז געקומען
1905, דאָ זיך
אויך באַקענט מיט
דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור
און דעם ערשטן ליטעראַרישן פּרווו גע=
מאַכט אין א. רייזענס „דאָס נייע לאַנד“
1912 מיט אַ ליד „לעבנספרייד“ א"נ
רבקה ראָזענטאַל. זינט דאַן געדרוקט
דערציילונגען און אַרטיקלען אין דער
„פ. א. ש.“ און „אידישען קעמפפער“,
דערנאָך געשריבן אַ ריי אַרטיקלען אי=
בער מוזיק און דראַמע אין „דער נייער
וועלט“, 1915 געוואָרן אַ שטענדיקע מיט=
אַרבעטערין אין „טאָג“, וואו געשריבן
איבער טעאַטער, מוזיק, מאָלעריי און

אַלגעמיינע קונסט=ענינים און א״פ רעי מאַליס (איר מוטערס נאָמען — מאַשע מאַליס)—וועגן מאָדעס, הויז=דעקאָראַציע און אַלגעמיינע פרויען=אינטערעסן. אין משך פון די 20 חדשים, וואָס ס׳איז ערשינען דאָס פ״צ׳יסטישע טאָגבלאַט „די צייט״, מיטגעאַרבעט אין דער דאָזיקער ציישונג, דאַן זיך צוריקגעקערט אין „טאָג״, וואו זי פירט ווייטער איר מיטאַרבעטערשאַפט דורך פאַרשיידענע אַרטיקלען וועגן טעאַטער, קינאָ אאַז״וו אַלס גוטע קענערין פון די דאָזיקע ענינים. האָט זיך אויך באַטייליקט אין אייניקע אַנדערע צייטשריפטן, צ״אַ אין „טעאַליט״, II („צו וואָס דאַרף אַ דראַמאַטישער שוישפּילער געזאַנג?״) איז פאַרהייראַט מיט דעם מאָלער און שריפטשטעלער שאול ר׳.

ראַפּאַפּאָרט אהרן ב. (1895 —) געב׳ אין אַ דאָרף ביים טייך בערעזינע, מינסקער גוב׳, אין אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע. באַקומען אַ יידישע דערציִונג און געלערנט תנך, גמרא און רוסיש ביי מלמדים און לערערס, צו 16 יאָר צוזאַמען מיט די עלטערן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, באַזוכט



אַ ענגלישע שול און זיך אויסגעבילדעט אַלס מעכאַניקער, 1918 אַלס סאָלדאַט פון דער אַמעריקאַנישער אַרמיי געשיקט געוואָרן אויפן פראַנצויזישן פראָנט, וואו זיך באַטייליקט אין פילע שלאַכטן, 1919 צוריקגעקומען קיין נ״י, פאַרעפנטלעכט אין „דער פעדער״ אַ לענגערע סעריע זלחמה=לידער, וועלכע האָבן געצויגן אויף אים די אויפמערקזאַמקייט אין די ליטעראַרישע קרייזן (זיינע ערשטע לידער האָט ער פאַרעפנטלעכט זינט 1916 אין „פאָרווערטס״ און פאַרשיידענע לאָקאַלע וואָכנבלעטער). 1922 איז ער געווען איינער פון די גרינדער און אָנטיילנעמער פון דעם חודש=זשורנאַל „ניי=אידיש״ א״ר פון אברהם רייזען. שפּעטער זיך דערהויפּט באַטייליקט אין „דער פעדער״, וואו אַחוץ לידער פאַרעפנטלעכט אַ דראַמאַטישע פּאָעמע „שדים״. זיין לידער=זאַמלונג א״ט „דורך פייערוועגט״ (פ״ג „ניי=אידיש״, אַרויסגעגעבן אין זעקסטן יאָר נאָך דער וועלט מלחמה, נ״י, 1925, ז׳ 94) אַנטהאַלט אויך אַ ריי מלחמה=לידער („אויף די חורבות פון פראַנקרייך״ א״אַ), אין וועלכע „עס איז דאָ פון יענער איינפאַכקייט און פון יענעם שטילן שטומען צער, וועלכע פילן אָן די לופט פון אמתע גרויסע ליידן״ (ש. ניגער).

א״ח העלער, אין „פעדער״, 1920, I (אָקטאָבער=נאָוועמבער); ב. קאַצענעלסאָן, ib, 1925, VII; ב. ריווקין, „פינף דורות אידישע פּאָעטן אין איין קאַפּע״, ib, 1926, X — XI, 1927; ש. ניגער, אין „צוקונפט״, 1925, VIII; ק. מרמר, „אין פרייהייט״.

ראַפּאַפּאָרט אליעזר=שמעון (1864— 16/X 1919) געב׳ אין באָטאָשאַן, רומעניע. צו 2 יאָר געבליבן אַ יתום פון פאָטער, דערצויגן געוואָרן ביי קרובים אין רומענישע קליינשטעטלעך, ביז 18 יאָר פאַרבראַכט אין בית=מדרש, זיך אויך אָפּגעגעבן מיט רומעניש און דייטש, דאַן חתונה געהאַט און אַרום 1890 זיך באַזעצט אין ראָמאַן, וואו ער איז זינט 1893 ביז זיין טויט געווען לערער פון העברעיִש אין דער רומעניש=יידישער שול „פּראָגרעס״. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור „תלודות בתי=הספר בארץ רומניה בכלל ותולדות בית=הספר בעיר ראמאן בפרט״ מיט אַ שיר לכבוד דער באַראָנעסע קלאַראַ הירש און „ציוניסטי=

שעס נאַציאָנאַלליעד" אין דייטש (1898) און אַרויסגעגעבן אַ יידיש וואָכנבלאַט „הישראלי" 1900, אַ העברעיִש בלאַט „האור", 1904 און 1913, וועלכע ער האָט דאָס רוב אַליין אויסגעפילט, אויך פורים-בלעטלעך („ויזתא", „המנטאַש"), לוחות, אין וועלכע ער האָט אויך געדרוקט שירים אין יידיש און העברעיִש (למשל אין „לוח תר"פ" — אַ שיר „לכו ונלכה", וואָס איז מיט דער מוזיק פון רעגינע שאַראַגע געזונגען געוואָרן פון די ציוניסטן). זיך אויך באַטייליקט אין „הצפירה", יאַסער „תלפיות", „פאָלקסבלאַט" און „די יודישע צוקונפט", בוקאַרעשטער „וואהרער היועץ" און Cronica Israelita, אויך א"פ אש"ר, בן-אברהם, ירוחם הקטן. איבערגעלאָזט אין כתב-יד דערציילונגען, דרשות, הספדים, שירים אין יידיש און העברעיִש, ווי אויך אַ ניט פאַרענדיקט העברעיִש לערנבוך. נאָכן טויט פאַרשריבן געוואָרן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ראָמאַן אין „גאָלדענעם בוך".

ש"ס-ראָמאַן, אין שוועמערס „ביבליאָטעק אידישע וויסענשאַפט", נומ' 32.

ראַפּאָפּאָרט אַננאַ (1876 —)
געב' אין קאָוונע אין אַ יחוסדיקער פאַמיליע. איר פאָטער איז געווען אַ חשובע פערזענלעכקייט אין די רבנישע קרייזן פון קאָוונע. דורכגעמאַכט דעם קורס פון גימנאַזיע, האָט זי צו 16 יאָר אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו זי האָט דעביוטירט א"פ אַננאַ זיף מיט אַ ליד אין דער „אַרבייטער צייטונג" 1893, שפּעטער געדרוקט לידער אין „דער צוקונפט", דערהויפּט אויף סאָציאַלע טעמעס, ברענגענדיק צום אויסדרוק די מונטערע האָפענונגען פון דעם יונגן יידישן ישוב אין אַמעריקע. לויט זייער פאָרם זיינען אירע לידער געווען אַ געוויסע דערגרייכונג פאַר יענעם פעריאָד פון דער ערשט אויפגעבליטער יידישער פאָעזיע. זי האָט אויך געשריבן אַרטיקלען און 1910 געוואונען אַ פרעמיע אין אַ קאָנקורס פון אַרטיקלען וועגן קינדער-דערציִונג פאַרן „פאָרווערטס", שפּעטער האָט זיך ר' צוריקגעצויגן פון דער יידישער ליטעראַטור און אָנגעהויבן צו שרייבן אין ענגליש, 1911 — 17 געווען אַ מיטאַרבעטערין פון דער סאָציאַליסטישער צייטונג The Call.

— מיט איר איז ניט אידענטיש ח נ ה ר אַ פּ אָ פּ אָ ר ט, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ קורצע ביאָגראַפיע פון באָלשעוויסטישן טוער וו. וואָלאָדאַרסקי (פּאַרטיי-נאָמען פון משה גאָלדשטיין, געב' 1891, אומגעקומען פון אַ אַטענטאַט 20/VI 1918) אין דעם ביכל „צום אָנדענקען פונ'ם חבר וו. וואָלאָדאַרסקי" (פ"ג „קולטור-און בילדונגס-אָפּטיילונג ביים קאָמיסאַריאַט פאַר אידישע ענינים", פט"ב, 1918, ז"ז 47, מיט זיין בילד און אַ יידישע איבערזעצונג פון זיינער „אַ רעדע פאַר אַגיטאַטאָרן פאַר זייער אָפּפאָרן").

מ. באַסין, אַנטאָלאָגיע, II; ע. קאָרמאַן, אַנטאָלאָגיע.

ראַפּאָפּאָרט יהושע (25/VII 1895—)
געב' אין ביאַליסטאָק. געלערנט אין חדר ביי פּריוואַטע לערערס. זשורנאַליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן 1921 אַלס מיטאַרבעטער פון ביאַליסטאָקער טאָגבלאַט „דאָס נייע לעבן", פון מאַי 1925 רעדאַקטירט דעם צענטראַלן אָרגאַן פון דער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין פוילן „באַפרייאונג" ביז דאָס וואָכנבלאַט איז אונטערגעגאַנגען

(סעפּטעמבער 1925), דאַן רעדאַקטירט די ערשטע 7 נומ' פון דעם וואָכנבלאַט „באַפרייאונג-אַרבעטער-שטימע" — דעם צענטראַלן אָרגאַן פון די צ"ס פּאַרייניקט מיט די רעכטע פּ"צ, 1926 געווען מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון דעם ריגער „פּרימאָרגן", פון צייט צו צייט געדרוקט אויך אַרטיקלען, דערהויפּט אויף ליטעראַרישע און קולטור-געזעלשאַפטלעכע טעמעס, אין ווילנער „טאָג", „ליטעראַרישע בלעטער", „די נייע געזעלשאַפט", „פרייע שריפטן" (II—„ראָמען ראָלאַן אַלס קינסטלער און קעמפער", III — „די אידישע פּרעסע אין פּוילן", „וועגן שלום אַש'ס ראָמאַן חיים לעדערערס צוריקקומען"), „ביכער-וועלט" א"אַ. אויך א"פּ י. ריגער, י. ווינקל, נאָבאָדי, ס—ע, י. כ. ד. וואוינט אין וואַרשע, וואו ער באַשעפטיקט זיך דערהויפּט מיט איבערזעצונגען, פון וועלכע עס זיינען שוין פאַרעפנטלעכט: ראַבינדראַנאַט טאַגאָרס „נאַציאָנאַליזם"; סייפולינאַס „דאָס פּנים פון דאָרף" (פ"ג „קולטור-ליגע", וואַרשע, 1927); מאָריס מעטערלינקס „די אינטעליגענץ פון בלומען" (דערז' פ"ג, 1927); וואַלדעמאַר באָנזעלס' קינדער-ראָמאַן „מאַיא" (דערז' פ"ג, 1928), ראָמען ראָלאַנס „דאָס לעבן פון מיקעל אַנדזשעלאָ" (פ"ג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1927, ז' 220) און די דראַמע „דאַנטאָן" (דערז' פ"ג, 1928); עמיל קועס „באַוואוסטזיניקע אויטאָסוגעסטיע" — מיט אַ הקדמה פון י. רובין (דערז' פ"ג, 1927); אַ ריי ווערק פון ד"ר י"ב שטיינבערג (זע א"אַ, וועלכע ווערן נאָך צוגעגרייט צום דרוק, ווי קאָנסטאַנטין פעדינס ראָמאַן „שטעט און יאָרן", באָריס פּילניאַקס „מאַשינען און מענטשן", מאַרטין אַנדערסאָן נעקסאָס ראָמאַן „פעלדער זיגער". האָט אויך באַאַרבעט לויט מ. פיליפּאָוו די ביאָגראַפיע פון לעאָנאַרדאָ דאַ-ווינטשי (פ"ג „אָריענט", סעריע „ביאָגראַפישע ביבליאָטעק", וואַרשע, 1927, ז' 112).

ראַפּאַפּאָרט רפאל (6/I 1899 — געב' אין פּלאָזאָוו, קרייז טשעשאַנאָוו. ביז 17 יאָר געלערנט אין בית-מדרש, 1920 אַלס עקסטערן מאַטורירט אין דער דייטשער גימנאַזיע אין טראָפּוי, שלעזיע, און 1924 אַבסאָלווירט דעם פילאָסאָפישן פאַקולטעט פון ווינער אוניווערסיטעט. האָט פאַרעפנטלעכט אַ זאַמלונג שירים און מעשהלעך א"ט „פאַרן טויער" (פ"ג „באַגינען", ווין, 1924, ז' 32), דורך וועלכע געשטרעבט אַריינצוברענגען אָריענטאַלישן אינהאַלט און פאָרם. — וואוינט אין ווין.

ראַפּאַפּאָרט שאַרל (חַנָא) (1865—) געב' אין דוקשט, ווילנער געגנט. אַלס יינגל האָט ער זיך שוין אַרויסגעוויזן פאַר אַ עילוי און זיין פאָטער, אַליין אַ ייד אַ למדן, האָט געהאָפט צו צו מאַכן פון זיין געראָטענעם בן-יחיד אַ רב, אָבער די העברעישע השכלה-ליטעראַטור האָט אים

„אַראָפּגעפירט פון דרך הישר" און צו 14 יאָר איז ער אַנטלאָפן קיין ווילנע, וואו ער האָט לעבנדיק אין גרויס דחקות זיך צוגעגרייט צום עקזאַמען, אַריין אין 5טן קלאַס גימנאַזיע, זיך אָנגעהויבן פיל אָפּצוגעבן מיט דער רוסישער און דייטשער ליטעראַטור, געשיכטע, פּאָליטישער עקאָנאָמיע, פילאָסאָפיע, באַקומען אַ גרויסע השפעה אויף די חברים, געגרינדעט צווישן זיי קרייזלעך פאַר זעלבסטאַנטוויקלונג, אויך געשאַפן אַ

גרופּע צו באַזאָרגן מיט לערער די ישיבה-
בחורים, וואָס האָבן זיך געריסן צו ביל-
דונג, און פלעגט אָוועקגעבן זיי דעם
גרעסטן טייל פון זיינע גאַנץ היבשע
פאַרדינסטן אַלס איינער פון די בעסטע
פּריוואַט-לערער אין ווילנע. זינט 1883
אַריין אין דער סאָציאַליסטישער באַוועַ-
גונג, איז געווען איינער פון די פירער
פון דער ראַדיקאַלער פּראָפּאַגאַנדע אין
ווילנע צוזאַמען מיט דעמבאָ, ליובע
אַקסעלראָד (אָרטאָדאָקס), לייב יאָגיכעס
א"א (זע וועגן דעם זיינע זכרונות אין
V Красная Летопись, וואו ער ברענגט
אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן די יידישע
סאָציאַליסטישע יוגנט-קרייזלעך אין ווילי-
נע סוף די 80ער יאָרן — אַ וויכטיקער
קאַפּיטל צו דער געשיכטע פון סאָציאַ-
ליסטישן געדאַנק ביי דער יידישער
אינטעליגענץ). צוליב זיין אָנטייל אין
דער דורכגעפאַלענער פאַרשווערונג אויף
אַלעקסאַנדער III, מערץ 1887, פון
וועלכער די הויפּטהעלדן זיינען געווען
אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוו (לענינס עלטע-
רער ברודער), יוזעף לוקאַשעוויטש א"א,
איז ער אַנטלאָפן קיין פּאַריז, וואו ער
האָט זיך 1899 נאַטוראַליזירט אַלס פראַנ-
צויז. צוערשט אַ הייסער קעגנער פון
מאַרקסיזם, איז ער געווען איינער פון
די גרינדער — צוזאַמען מיט זיינע פריינד
ד"ר חיים זשיטלאָווסקי און מענדל ראָזענ-
בוים, זיין ערשטער פרוי פאַני ראַטנער
א"א — פון דעם „פאַרבאַנד פון די רוסי-
שע ס"ר" (1893) און אַרויסגעבער פון
זיין אָרגאַן Рус. Рабочій, אָבער ווען
דער „פאַרבאַנד" האָט זיך אַריינגעגאָסן
אין דער שפּעטער געגרינדעטער ס"ר-
פּאַרטיי, איז ער צוליב פּערזענלעכע
רייבונגען מיט אייניקע רעוואָלוציאָנערן
געבליבן מחוץ דער פּאַרטיי, שפּעטער
געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער פון היסטאָ-
רישן מאַטעריאַליזם און איינער פון
טיכטיקסטע טוער אין דער פאַראייניק-
טער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון פראַנק-
רייך, 1899 — 1901 מיטגעאַרבעט אין
Revue Socialiste און אין מיליעראַנס
Petite Republique; צוליב מיליעראַנס
אָננעמען אַ מיניסטאָרנשטעלע, אַלס קעג-
נער פון רעפאָרמיסטישן סאָציאַליזם —
זיך צעגאַנגען 1901 מיט זיין פריינד
זשאָרעס און זינט דאַן צוזאַמען מיט
זשול געד און לאַפאַרגן געשטאַנען בראש
פון דעם מאַרקסיזם אין פראַנקרייך און
אין אינטערנאַציאָנאַל, די לעצטע יאָרן
פירער פון די פראַנצויזישע קאָמוניסטן.
ער האָט מיטגעאַרבעט אין דער Искра,
Neue Zeit און פילע אַנדערע סאָציאַ-
ליסטישע צייטשריפטן, רעדאַקטירט די
Humanité פון שטראַסבורג, מיטגעאַר-
בעט אין דעם הויפּט-אָרגאַן פון די
פראַנצויזישע סאָציאַליסטן און דערנאָך
קאָמוניסטן Humanité פון פּאַריז, רע-
דאַקטירט אַ קאָמוניסטישע טעגלעכע צייַ-
טונג אין ליל. ער איז דער בעסטער
ביאָגראַף פון זשאַן זשאָרעס און אַוטאָר
פון אַ ריי ווערק (אין פראַנצויזיש), „די
סאָציאַלע פילאָסאָפיע פון לאַוראָוו",
„דער רעגירונגס-סאָציאַליזם און דער
רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם" (מיט אַ
הקדמה פון עד. וואַלאַן), „י. פּ. פּרודאָנס
פילאָסאָפיע פון געשיכטע", „די סאָציאַלע
רעוואָלוציע", אַ זאַמלונג „קעגן דער
מלחמה", „דער סאָציאַליזם און די מלחמה",
„די אַלוועלטלעכע רעוואָלוציע", „פאַר-
וואָס זיינען מיר סאָציאַליסטן", „קורס
פון דער געשיכטע פון סאָציאַליזם", „דער
עצם פון קאָמוניזם" א"א; אין דייטש:
„די סאָציאַלע פראַגע און די עטיק",
„די הויפּטריכטונג אין דער פילאָסאָפיע
פון דער געשיכטע" (אויך אין רוסיש);
אין רוסיש: „דער רוסישער אַרבעטער",

„זשול געד". ר' האָט זיך פון צייט צו צייט אויך באַטייליקט אין יידישע סאָציאַליסטישע אויסגאַבן, ווי „צוקונפט" (בריוו פון פראַנקרייך, למשל, 1912), „נייע וועלט" (צ"אַ „מאַרקס און די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", דעצעמבער 1920) און איז לעצטנס אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון דעם יידישן קאָמוניסטישן אָרגאַן אין פּאַריז, דעם וואָכנבלאַט „די אַרבעטער-שטימע".

,La federation Balkanique; XIII ,EƏ נומ' 46; ד"ר חיים זשיטלאָווסקי און מענדל ראָזענבוים, „ערינערונגען פון אַ סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער".

ראַפּאָפּאָרט שבתי (אַלעקסאַנדער)

(אַרום 1862 — ט' אייר 1928) געב' אין פּעטערבורג, וואו זיין פאָטער האָט געהאַלטן אַ דרוקעריי און ר' האָט פון יונגווייז אויף אַרויסגעוויזן אַ תשוקה צו זיין אַן אַרויסגעבער. נאָך ניט גאַנץ זעלבשטענדיק אַפילו, האָט ער אַרויסגעגעבן א. הרכבים בראָשור וועגן ר' יהודה הלווי, שפּעטער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער פג"סגעזעלשאַפט „אַחיאָסף", נאָכן טויט פון אַלעקסאַנדער צעדערבוים—1895 אָפּגעקויפט דעם „המליץ" און אים אַרויסגעגעבן אַ צייט מיט יאָרן א"ר פון לעאָן ראַבינאָוויטש, גלייכצייטיק אויך געווען דער אַרויסגעבער פון אַ פּאָר רוסישע צייטונגען, אָבער ערשט אין „פריינד", דער ערשטער יידישער טעגלעכער צייטונג אין רוסלאַנד, פון וועלכער ער איז געווען צוזאַמען מיט שאול גינזבורג (זע דער גרינדער, האָט ער אַנטוויקלט זיין גרויסע אַרויסגעבערישע אַמביציע, זיך אויסגעצייכנט מיט זיין קולטור-געזעלשאַפטלעכער באַציִונג צו דער אונטערנעמונג; ציענדיק זיין הכנסה פון אַנדערע קוואַלן, האָט ער אין געוויסע צייטן אויסגעהאַלטן די צייטונג, אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיווע, זי צו פאַרבעסערן, אַרויסגעגעבן ליטעראַרישע ביילאַגעס, זאַמלביכער, אַ זשורנאַל („דאָס לעבען"), די ווערק פון ש. פרוג, פּרץ אאַז"וו.—ר' איז געווען אַ מיטגליד פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטן, אַ גבאי אין דער תלמוד-תורה, אַ טעטיקער ציוניסט, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין קלוגשאַפט. נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע פאַרלוירן זיין גרויס פאַרמעגן, איז ער 1921 אַוועק מיט די רעשטלעך קיין א"י, אין תל-אָביב געעפנט אַ פּאַפּיר-און בוכהאַנדלונג, וואָס איז אויך געווען זיין באַשעפטיקונג אין פּט"ב. געשטאָרבן איז ר' אין תל-אביב.

ש. ראָזענפעלד, „דער טויט פון אַ אידעאַליסטישן אַרויסגעבער", אין „טאָג", פון 13/V 1928.

ראַפּאַלאָוויטש חיים (1888 — 1928)

געב' אין ראָסיין, קאָוונער געגנט. ביז 15 יאָר געלערנט תלמוד. דאַן זיך גענומען צו זעלבסטבילדונג, געוואָרן אַ העברעיִשער לערער, אָנגעקליבן עטלעכע רובל און 1908 אַוועק קיין ווילנע, וואו געלערנט אויף אַלגעמיינע בילדונגס-קורסן. צום ערשטן מאָל זיך געדרוקט אין „אונזער לעבען", 1912 געווען דער קאָוונער קאָרעספּאָנדענט פון „פריינד" א"פּ ווי — טאַ. בשעת דער וועלט-מלחמה געווען לערער אין דער יידישער פאָלקסשול אין ראָסיין, 1920 זיך באַזעצט אין קאָוונע, געווען טעטיק אין דער פאָלקספּאַרטיי, געאַרבעט אַלס באַאַמטער אין דעם יידישן נאַציאָנאַל-ראַט, רעדאַקטירט דאָס טאָגבלאַט „אונזער צייט" (אַרויס בלויז 3 חדשים), שפּעטער געווען אַן אָפּטער מיטאַרבעטער פון דעם פאָלקיסטישן אָרגאַן „נייס" א"פּ ר. אייזיקס. 1921 געגרינדעט דעם איינציקן יידישן פ"ג אין דער אומאָפּהענגיקער ליטע א"נ „ליכט", וואו ס'זיינען צ"אַ אַרויס אַרבעטן פון ז. קאַלמאַנאָוויטש, פּ. מאַרקוס,

יודיקאַ, ה. בלאָשטיין, יודל מאַרק, לייב קוויטקאָ, דאָס לערנבוך „ליטוויש / אַ סיסטעמאַטישער קורס אויסצולערנען די ליטווישע שפּראַך אָן דער הילף פון אַ לערער — דער ערשטער פּרווו פון ליטוויש אין יידיש", מיט אַ ליטוויש=יידיש ווערטערביכל, צונויפגעשטעלט פון אברהם שולמאַן, לערער פון ליטוויש אויף די העכערע יידישע קורסן אין קאָווגע. האָט אויך פאַרפאַסט אייניקע דראַמאַטישע ווערק, צ"אַ „צום ערשטען מאָל"—אַ שפּאַס (ווילנע 1914), „ראָזע" — דראַמע אין 3 אַ', וועלכע איז מיט ערפאָלג געשפּילט געוואָרן אין אַ סך פונקטן פון ליטע דורך ליבהאָבער (פ"ג „ליכט", 1923, ז' 88).

„יודישע וועלט", 1914, II.

ראַפּאַלאָוויטש קלמן (27/VI 1882) געב' אין מאָהליעוו=דניעסטער אין אַ חשובער פאַמיליע, פון דער מוטערס צד — אַ שוועסטערקינד פון הילל זלאַטאָפּאָלסקי. אַרום 1902 געאַרבעט אין דער רוסישער רעדאַקציע פון ש. האָכבערגס צייטונג (? — טעלעגראַמענביוראָ?) אין לאָדז, דאַן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואוינט אין לין, מאַסאַטשוזעטס, וואו ער איז באַשעפטיקט אַלס צושנייַדער ביי שיך. — האָט פון צייט צו צייט געדרוקט באַטראַכטונגען, מיניאַטורן, געדאַנקען און אַפאָריזמען, אויך אַ פּאָר סקיצן און פּאָלעמישע אַרטיקלען אין „צייטגייסט", „העראָלד", „וואַרהייט", „יידישען טאַגעבלאַט", „טאָג", „פ. א. ש.", „צייט", „פרייהייט", אַרום 1912 אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט שמעון שאַמראַט (איצט אַרויסגעבער פון דעם וואָכנבלאַט „דער אידישער פיהרער" אין באָסטאָן) דאָס „ליגן פּסח בלאַט".

ראַפּאַלסקי משה=אהרן (15–1889/IV) געב' אין קיעוו אַלס זון פון אַ ווייניק פאַרמעגלעכן בוכהאַלטער, פישל. שוין אַלס חדר=ייִנגל זיך אויסגעצייכנט מיט זיין דעקלאַמאַציע און צו 9 יאָר מיט זיין אויפטריט אויף אַ שול=יום=טוב פאַרדינט די אויפמערקזאַמקייט פון דעם ביי=געוועזענעם ש"ע,  פלעגט צו אים אָפט קומען אויף דאַטשע אין בויבעריק אַלס חבר פון ש"ע'ס אַ זון, צו 12 יאָר אַראַנזשירט פּורים=שפּילן, אויפטרעטנדיק אין דער ראָלע פון יצחק אין „עקדת יצחק", צו 14 יאָר אָנגעקומען אין אַ שול פאַר מאַלעריי, כדי צו פאַרזיכערן דעם פאָטער וואוינרעכט אין קיעוו, אין 2 יאָר אַרום געוואָרן אַן עקסטערן, זיך דערווייטערט פון יידיש, צו 19 יאָר אַריין אין דער דראַמאַטישער שול ביים סאָלאָווצאָוו=טעאַטער אין קיעוו אַלס סטיפענדיאַנט, געלערנט ביי ניקאָלאַי סאַווינאָוו, אַ טאַלענטפולן טעאַטער=קינסטלער און פעדאַגאָג (אומגעקומען אין דער וועלט=מלחמה), וועלכער האָט געהאַט אויף אים אַ גרויסע השפעה. אונטער דער ווירקונג פון זיינע חברים עזרא קאָרמאַן און שפּעטער דערהויפּט פון דוד בערגעלסאָן, וועמעס „טויבן" ער האָט אַגב איבערגעזעצט אויף רוסיש, אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש (אַ פּאָעמאַ פאַרעפנטלעכט אין „קיעווער וואָרט" א"ר פון מ. ליטוואַקאָוו) און זיך באַשלאָסן צו ווידמען דעם יידישן טעאַטער, אַ געוויסע צייט געלעבט אין כאַדאָרקאָוו אַלס לערער און צווישן זיינע תלמידים איז אויך געווען נ. אויסלענדער, אינ=

גאַנצן אַן אַסימילירטער, וועלכן ר׳ האָט „מגייר" געווען. דערנאָך געשפּילט אין רוסישן טעאַטער אין קיעוו א״אַ שטעט פון אוקראַינע, אויפגעטרעטן אין אַזעלכע ראָלן, ווי צאַר פעדאָר אין אַלעקסעי טאָלסטאָיס „צאַר פעדאָר איוואַנאָוויטש", פירשט מישקין אין דאָסטאָיעווסקיס „אידיאָט", פּיאָטר אין גאָרקיס „באַלעבעסלעך" אאַז״וו, געווען אויך פּראַקטישער אָנפירער פון דעם יוגנטלעכן פּאָלקסטעאַטער אין קיעוו אויף לוקיאַנאָווקע, געגרינדעט פון אויבנדערמאָנטן סאַווינאָוו. ערשט נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע באַקומען די מעגלעכקייט אָפּצוגעבן זיך דער אַרבעט פאַר דעם יידישן טעאַטער, געווען מיטגליד פון פּרעזידיום פון דעם ערשטן יידישן אַלרוסלענדישן אַרטיסטן־צוזאַמענפאָר אין כאַרקאָוו און מיטגליד פון ביוראָ פון פּראָפ׳ פאַראיין און אַ גאַנץ יאָר אין פּראַכט־וואַגאָנען אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, געהאַלטן רעדעס פאַר יידישע טרופּעס, זיי זאָלן שפּילן „ריין טעאַטער", אאַז״וו. 1918 צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידישע טעאַטער־טוערס (בוימוואָל, לייב שריפטזעצער, י. ווייסהאָף) געגרינדעט דעם יידישן טעאַטער „אונזער ווינקל" — דעם ערשטן יידישן דראַמאַטישן טעאַטער אין אוקראַינע, אינגיכן איבערגענומען די אָנפירונג, פאַרוואַנדלט אים אין דעם ערשטן באַוועגלעכן יידישן רעגירונגס־טעאַטער, אַדאַנק דער אונטערשטיצונג פון בילדונגסקאָמיסאַר א. לונאַטשאַרסקי אַריבערגעפירט דעם טעאַטער צוערשט קיין וויטעבסק, דערנאָך קיין מינסק, דאָ אָרגאַניזירט אַ גרופּע יונגע סטודיאַנטן, מיט וועלכע סוף 1921 אויפגעפירט ראָסטאַנס „צוויי פּיעראָ", הויפּטמאַנס אַ פראַגמענט „העליאָס", מאָפּאַסאַנס אַ אינסצענירונג „פראַנסואַזע" און פּרצעס „שוועסטער", „מוסר", „מקובלים". אָנהייב 1922 צוזאַמען מיט תלמידים אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, וואו אַדאַנק דער ברייטער הילף פון דער ווייסרוסלענדישער רעגירונג צוגעצויגן די בעסטע רעזשיסערן אַלס פּעדאַגאָגן, פון יאָר צו יאָר פאַרגרעסערט די צאָל סטודיאַנטן און אַזוי אַרום אויסגעבילדעט דעם יידישן מלוכה־טעאַטער פון ווייסרוסלאַנד, אין וועלכן ר׳ האָט זינט 1924 אויפגעפירט: „דער כיידער" — אינסצענירט דורך ר׳ פון ש״ע, ממ״ס, ליניעצקי (פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל „דער שטערן" און אויך אַרויס אין בוכפאָרם אין מינסק); מאָליערס „סקאַפּען", איבערגעזעצט פון נ. אויסלענדער, מיט צוויי יידישע אינטערמעדיעס (געשטעלט צוזאַמען מיט דעם רוסישן רעזשיסער באָריס גלאַגאָלין, דעקאָראַציעס פון יוסף טשייקאָוו און מוזיק פון קאָוונער); ש״ע׳ס „מענטשן" (דעקאָראַציעס פון טשייקאָוו און מוזיק פון אַלעקסאַנדער קריין); פּרצעס „אין פּאָליש אויף דער קייט" — די ערשטע גרויסע טעאַטראַלע אַרבעט (דעצעמבער 1925), צו וועלכער עס איז ספּעציעל געקומען פון אויסלאַנד דער קינסטלער יששכר־בער ריבאַק (מוזיק — קריין, טענץ פון העלענע וואולף, דער ערשטער יידישער כאָרעאָגראַפין); ש״ע׳ס „דער יאָנטעף אין קאַסרילעווקע" — געשטעלט פון רעזשיסער פון 2טן קינסטלערישן טעאַטער אַלעקסעי דיקי צוזאַמען מיטן קינסטלער איסאַק ראַבינאָוויטש; שעקספּירס „שיילאָק"־איבערז׳ פון וועוויאָרקע און קושניראָוו, געשטעלט פון רעזשיסער סאָכנאָווסקי און קינסטלער געאָרגי יאַקולאָוו; לאָפּע דע וועגאַס „שעפּסנקוואַל" — פון יונגן יידישן רעזשיסער ל. ליטווינאָוו; א. וועוויאָרקעס „באָטווין"; וו. גאָלאָווטשינערס (מיטגליד און רעזשי־

סער פון טעאַטער) „צווישן דורות" — מאָדערנע סאָציאַלע דראַמע, קושניראָוס „הירש לעקערט" א״אַ. דער יידישער מלוכה־טעאַטער פון ווייסרוסלאַנד אונטער ר׳ס אָנפירונג איז נאָך גראַנאָווסקיס יידישן אַקאַדעמישן מלוכה־טעאַטער פון מאָסקווע דער בעסטער יידישער טעאַטער אין ראַטנפאַרבאַנד, שפּילט אין מינסק און מאָהליעוו אַחוץ גאַסטראָלן איבערן ראַטנפאַרבאַנד. ר׳ האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען איבער טעאַטער אין פאַרשיידענע יידישע און רוסישע צייט־שריפטן, דערהויפּט אין די מינסקער „אָקטיאַבר" און „שטערן".

„ליטעראַרישע בלעטער", 1927.

ראַפּעס משה (3/XI 1883 —)
געב׳ אין ווילנע אין אַ פאַמיליע פון וויין־סוחרים. באַקומען די ערשטע דערציִונג אין חדר, דערנאָך באַזוכט אַ רוסישע אָנפאַנגסשול און



אַלס עקסטערן אָפּגעגעבן עקזאַמען אויף 5 קלאַסן גימנאַזיע, אָבער פרי אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער בונדישער באַוועגונג און זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער פאַרטיי־אַרבעט. אַרום 1903 אין דעם פּראָצעס פון משה גורעוויטש צום ערשטן מאָל אַרעסטירט, איז ער 6 חדשים אָפּגעזעסן אין 14טן נומער אין ווילנע, באַפרייט געוואָרן אויף ערבות פון 1000 רובל, שפּעטער געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם לעקערט־אַטענטאַט אויפן ווילנער גובערנאַטאָר פאָן־וואַל, 1906 געווען טעטיק אין האָמעל, דערנאָך דערהויפּט אין ווילנע, זיך באַטייליקט צ״אַ אויף דער 8טער קאָנפערענץ פון „בונד" אין לעמבערג, 1910, געווען דעלעגאַט פון ווילנע אויף דער באַראַטונג פון „מפיצי השכלה" אין פּט״ב 1911, אויף דער 9טער קאָנפערענץ פון „בונד", ווין 1912, אַריין אין צ״ק, שפּעטער פאַרשיקט געוואָרן אין די צפון־גובערניעס, פון וואַנען אַנטלאָפן קיין פּט״ב און געאַרבעט אין דער פּאַרטיי א״פ ל. וויסענבערג, יאַנואַר 1916 אָנגעפירט די בונדישע דעלעגאַציע אויף דער באַראַטונג פון „אָרט", פאַקטיש צוזאַמענגעשטעלט דעם באַריכט פון דער דאָזיקער באַראַטונג (פּט״ב, 1916), אַלס מיטגליד פון צ״ק צוזאַמען מיט ערליכן געווען טעטיק צווישן די אַרבעטער פון די מיליטעריש־אינדוסטריעלע קאָמיטעטן, אָנפירנדיק די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אין פּט״ב, בשעת דער מלחמה (סוף? 1916 אַרעסטירט געוואָרן, אָבער די פעברואַר־רעוואָלוציע האָט אים באַפרייט און אַלס פאַרשטייער (סעקרעטאַר) פון צ״ק פון „בונד" זיך באַטייליקט אין דעם אויספירקאָם פון פּט״ב׳ער סאָוועט ביים פאָרמירן די ערשטע צייטווייליקע רעגירונג, צו יענער צייט פאַרנומען אין דער פּאַרטיי אַ רעכטע פּאָזיציע, געווען פאַר אַן אַלגעמיינעם יידישן צוזאַמענפאָר, דערנאָך געשיקט געוואָרן פון צ״ק אָנצופירן די פּאַרטיי־טעטיקייט אין אוקראַינע, געשפּילט די אַקטיווסטע ראָלע אין די געשעענישן פון דער אוקראַינישער רעוואָלוציע און דעם גאַנצן ערשטן פּעריאָד אירן, סאַמע ביז דער דייטשער רעוואָלוציע, אַרויסגעטרעטן אין רעדעס און אַרטיקלען קעגן די באָלשעוויקעס אַלס לידער פון „בונד" (בלויז אין משך פון נאָוועמבער — דעצעמבער 1917, צוליב זיינע אָפטע נסיעות פון קיעוו אַרויס, איז די רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד" אַריבער צו זאָלאָטאַריאָוון, דעם גענעראַל־קאָנטראָלער אין דעם אוקראַינישן גענעראַל־סעקרעטאַריאַט). נאָך דער דייט־

שער רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן די עוואָלוציע פון ר'ן אויף לינקס או, ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ביי דער שפּאַלטונג פון „בונד" אין אוקראַינע, צוזאַמען מיט די לינקע פירער פון די „פאַראייניקטע" געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן גרינדן אַ יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי דורך פאַראייניקן די קאָמוניזירנדיקע עלעמענטן פון „בונד", י"ס און ס"ס, אָנהייב מערץ 1919 געבילדעט דעם „קאָמבונד", וועלכער האָט זיך אין מאַי 1919 צונויפגעגאָסן מיט דעם קאָמוניסטישן פליגל פון די „פאַראייניקטע" אין דעם „יידישן קאָמוניסטישן פאַרבאַנד" („קאָמפאַרבאַנד"). 12/VII 1919 האָט ר' אין נאָמען פון דער „ליקווידיר=קאָמיסיע פאַר יידישע ענינים", פון דער יידסעקציע ביים צ"ק פון דער ק"פ און דעם הויפּטקאָמיטעט פון „קאָמפאַרבאַנד" געחתמעט דעם דעקרעט וועגן פאַרמאַכן די יידישע בורזשואַזע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אין וועלכע ער האָט פריער אַליין געשפּילט אַ אָנגעזעענע ראָלע, און סוף אַווגוסט האָט דער „קאָמפאַרבאַנד" זיך אַריינגעגאָסן אין דער ק"פ, און זינט דאַן האָט אויפגעהערט די טעטיקייט ר'ס אַלס פון אַ ספּעציעל יידישן טוער. אַלס ענערגישער אויסגעהאַלטענער גראָדליניקער און דרייסטער פּאָליטיקער, וואָס האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אין רעפּרעסיעס ניט נאָר בנוגע די ציוניסטן און העברעיסטן, נאָר אויך בנוגע זיינע געוועזענע חברים, מענשעוויקעס און בונדיסטן, איז ער אַלץ העכער געשטיגן אין זיין באָלשעוויסטישער קאַריערע, באַשטימט געוואָרן אויף זייער פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס, בשעת דער סאָוועטיש=פּוילישער מלחמה זומער 1920 געשיקט געוואָרן פון דער צענטראַלער מאַכט אין מאָסקווע קיין ווילנע אַלס פּאָרזיצער פון דער סאָוועטיש=ליטווישער ליקווידאַציע=קאָמיסיע און דורכגעפירט די עוואַקואַציע פון ווילנע, סוף אַווגוסט 1920, דערנאָך געווען אויפן פראָנט אַ קאָמיסאַר פון דער רויטער אַרמיי, שפּעטער איינער פון די וויכטיקסטע פירער פון אַרבעטער=ראַט אין מאָסקווע. גענומען אויך אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער סאָוועטישער פּאָליטיק אין כינע, לעצטנס — לייטער פון דעם קינסטלערישן אָפּטייל פון „סאָווקינאָ" אין מאָסקווע. — פאַר דער צייט פון זיין לאַנגיעריקער טעטיקייט אין „בונד" האָט ר' זיך באַטייליקט אין די אויסגאַבן פון דער פּאַרטיי, אויך א"פ מ. ר — ס, מ. באָריסאָוו, מ. ווילנער, ל. וויסענבערג, ווי אין „וועקער" („פּאָלקס=צייטונג"), 1906 — 7, „האָפענונג" און „מאָרגענשטערן", 1907, אין זמ"ב „די נייע צייט" (I, 1908 — „די אידישע קהלה", III — „צו דער לאַגע פון דער אידישער פּאָלקסבילדונג, אייניקע ציפערן" און די „אידישע שטייערן"), אין „צייט" און „אונזער צייט", פּט"ב 1913 — 14, פון וועלכע אָרגאַנען געווען מיטגליד פון דער רעדאַקציאָנעלער קאָלעגיע און אַפילו איין צייט פאַקטישער רעדאַקטאָר, דאָסגלייכן פון דעם רוסישן בונדישן אָרגאַן Евр. Вѣсти. נאָך דער רעוואָלוציע האָט ער רעדאַקטירט די בונדישע טעגלעכע „פּאָלקס=צייטונג", קיעוו, 1917 — 19, „די קאָמוניסטישע פאָן", קיעוו, 1919, „די רויטע פאָן" ווילנע, יולי — אַווגוסט 1920, „די רויטע אַרמיי", מאָסקווע, 1924. האָט אין בראָשור= אָדער בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט: „פון וואַנען באַקומט די מלוכה איהרע הכנסות?" (פ"ג „די וועלט", ווילנע, 1906, ז' 20); „אויף וואָס פערברויכט די רעגירונג דאָס געלד פון פּאָלק" (דערז' פ"ג, 1906, ז' 24)—א"פ מ. ר—ס; „דער אוסטאַוו און די ערשטע טריט

פון די קראַנקען־קאַסעס" (דערז' פ"ג, וואַרשע, 1913, ז' 120) — א"פ מ. ווילנער; „די קראַנקען־קאַסעס" (פּט"ב, 1913, ז' 16, פון רוסיש ה. בער) — א"פ ב. סאָלאָוויאָוו; „אויפן שוועל פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע" — פּובליציסטיק און רעדעס, מיט בילדער פון די געפאַלענע בונדיסטן (פ"ג „די וועלט", קאַטערינאָסלאַוו, 1918, ז' 141; Накануне падения гетманщины (קיעוו, דעצעמבער 1919); Два года революции на Украине. / (Эволюция и раскол „Бунда“) (מלוכה־פ"ג, מאָסקווע, 1920, ז' 168); Очерки по истории Бунда (פ"ג Московский Рабочий, 1923, ז' 440, I ט' 1885—1900: פאַרן „בונד", זיין גרינדונג און די ערשטע יאָרן; II ט' 1901—1903: דער ערשטער קריזיס פון „בונד"; III ט' 1903—1907: די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע; IV ט' 1908—1916: צווישן צוויי רעוואָלוציעס; V ט' 1917—1922: דער בונד" און די סאָציאַלע רעוואָלוציע; ביילאַגעס; אין אַ ביסל אַ געקירצטער פאָרם ערשיינט אינגיכן אין פ"ג „קולטור־ליגע", קיעוו) — די פולסטע געשיכטע פון „בונד", מיט זייער אַ רייכן מאַטעריאַל אין דאָקומענטן און אויסצוגן פון דער פּרעסע, הגם מיט אַ שאַרפער טענדענץ קעגן דער דאָזיקער פּאַרטיי און איר גאַנצער פּאָליטיק. האָט אויך רעדאַקטירט און באַזאָרגט מיט אַריינפירן די 4בענדיקע כרעסטאָמאַטיע „דער אידישער אַרבעטער" פון א. קירזשניץ (זע), ווי אויך א. קירזשניצעס בוך Еврейское рабочее движение 1905./ און פאַרעפנטלעכט אַ ריי זכרונות, ווי וועגן הירש לעקערט — אין דער ווילנער „אונזער שטימע", 1919, 11—12, און אין דעם זמ"ב „הירש לעקערט, צום 20סטן יאָרטאָג פון זיין קעפּונג" (אַרויסגעגעבן פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער

פּאַרטיי, צ"ק פון רק"פּ, צ"ק פון די יידסעקציעס, מאָסקווע, 1922, מיט זכרונות פון עליע רייטשוק, ה. ב., י. א. ראַיטאָוויטש, שיינע גרינשטיין, ה. באָטוויניק, איסאַק מיצקון, ב. דראַזגעס, בענציע לעווין און פאַרשיידענע דאָקומענטן), וועגן דער זובאַטאָוויאַדע (צוזאַמען מיט ס. פּיאָנטקאָווסקי און אסתּר פרומקין — אין Красный Архив, 1922, I), וועגן די פאַרשטענדיקונגס־פּרוון פון „בונד" מיט דער רסדאַ"פּ אין 1905 (אין Пролет Революции, 11), וועגן די יאָרן 1916—17 (אין Былое, 1922, 19) אאַז"וו. מיטאַרבעטער פון דער גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע (צ"אַ די אַרטיקלען „בונד", „בונדישע ליטעראַטור" אאַז"וו), אויך פון פאַרשיידענע רוסישע צייטשריפטן. אַלס פאַרטרעטער פון דער אַנאַציאָנאַלער, אַסימילאַטאָרישער ריכטונג צווישן די יידישע קאָמוניסטן זיך דערווייטערט פון דער יידאַרבעט, באַטייליקט זיך לעצטנס בלויז פון צייט צו צייט אין דער יידישער קאָמוניסטישער פּרעסע („עמעס" א"אַ), דערהויפּט מיט אַרטיקלען אויף פּאָליטישע טעמעס און מיט אַרבעטן צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. — זיין עלטערער ברודער מיכאַיל ראַפּעס (געב' 1876), פון באַרוף אַ ד"ר מעדיצין, לאַנגע יאָרן אָנגעשטעלט ביי דער זעמסטווע, אַ סימפּאַטיקער פון „בונד", האָט פאַרפאַסט די בראָשור „די אונבעריהרבאַרקייט פון פּערזאָן" (פ"ג „די וועלט" 1906). — זיין יינגערער ברודער יצחק ראַפּעס (געב' 1890) ד"ר מעדיצין, אייניקע יאָרן געווען טעטיק אַלס סעקרעטאַר פון „אָזע" אין ווילנע, לעצטנס איינער פון די פירער פון „בונד" אין ווילנע, ראַטמאַן פון שטאָטראַט, דירעקטאָר פון אַ דעפּאַרטאַמענט אין דער ווילנער קראַנקענקאַסע.

א. קירזשניץ, „דער אידישער אַרבּעטער", בּ' IV, הערה 50; נ. מייזיל, „די פּיהרער פון דער יעווסעקציע", אין „היינט", 1927, 128, 134 (איבּערגעדרוקט אין ריגער „פרימאָרגן" 138); וועגן „בּונד" אין אוקראַינע, אין „רויטן פּנקס", קיעוו.

ראַק יוליוס (ז' ניסן 1878 —) געבּ' אין פּוכאָוויטש, מינסקער גובּ', אַלס זון פון מרדכי ליפּמאַן. אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע 1894, האָט ער זינט 1904 געשריבּן דערציילונגען אין „פאָרווערטס", „צייטגייסט" א"אַ צייטשריפטן אַלס איינער פון דער גרופּע דערציילער, וואָס אבּ' קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", האָט אַרויסגעפּישט פון צווישן דעם פּראָסטן פאָלק. זיינע ערשטע דערציילונגען, צווישן זיי— „אַ שטיפמאַמע", האָבּן דערוועקט געוויסע האָפענונגען אויף זיין וויטערדיקער אַנטוויקלונג, אָבּער זייענדיק שוין אַ פאַמיליענמענטש, ווען ער האָט אָנגעהויבּן צו שרייבּן, און אָן בּילדונג, האָט ער ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען און פאַרפולקומען זיין איינגעבּוירענעם טאַלענט. זיינע ערשטע דערציילונגען האָט ער פאַרעפנטלעכט אונטער זיין אמתן נאָמען י. ליפּמאַן, אָבּער זיין פרוי האָט ניט געקענט פאַרשטיין, צו וואָס זאָל אַ טאַטע פון 2 קינדער אוועקפּטרן צייט אומזיסט און אומנישט און זי פלעגט צערייסן די מאַנוסקריפּטן. ער האָט געמוזט שרייבּן בּגנבה פון איר און אויסבּאַהאַלטן זיך א"פּ ר'—וואוינט אין נואַרק.

ראַקאָוו נחמיה (20/II 1866—אָנהייבּ 1928) געבּ' אין אָשמענע, ווילנער געגנט. זיין פאָטער דוד־צבי, איז געווען הויפּטבּוכהאַלטער אין דבורה ראָמס דרוק אין ווילנע. דורכגעמאַכט די רוסישע קרייזשול אין זיין געבּורטשטאָט, האָט ער אַ יאָר בּאַזוכט די טעכנישע שול אין קרעמענטשוג, אָבּער די טעכנישע אַרבּעט איז אים געפאַלן צו שווער און ער איז אַוועק קיין סוואַלק צוצוגרייטן זיך אין 5טן קלאַס גימנאַזיע, 1885 צוליבּ פּאָליטישע טעמים פאַרלאָזט רוסלאַנד, אַ קורצע צייט געלעבּט אין דייטשלאַנד און קאָפּנהאַגן, 1887 געקומען קיין לאָנדאָן. אין לאָנדאָן האָט ר' אַדאָפּטירט אַ פּיעסע פון דער פּולישער שפּראַך און מיט דער דאָזיקער פּיעסע, אויפגעפירט זומער 1887, האָט ער אָנגעהויבּן זיין קאַריערע אַלס דראַמאַטורג, געווען אויך אַ סופלער, פלעגט אויך אָפּט צונויפשטעלן אַ טרופּע פון אַמאַטאָרן און שפּילן מיט זיי ערגעץ אין אַ געדונגענעם „האָל". אַרום 1906 איז ער אַריבּערגעקומען קיין אַמעריקע, וואו ער האָט ווייטער ממשיך געווען זיין אַרבּעט אַלס ליוועראַנט פון טעאַטערשטיק, צוערשט אַ געוויסע צייט אויך געווען פאַרבּונדן מיט דעם „אַרטש־סטריט־טעאַטער" פון אַנשל שור אין פילאַדעלפיע אַלס סופלער און מחבר. האָט געשריבּן איבּער 60 דראַמען, מעלאָדראַמען און אָפּערעטעס, פון וועלכע די פּאָפּולערסטע זיינען געווען „העלאָ, ניו־יאָרק", „אַ בּיסעלע גליק", „פון גאָט פאַרגעסן" און בּאַזונדערס דער מוזיקאַלישער פאַרס „כאַנטשע אין אַמעריקע" (מוזיק פון יוסף רומשינסקי), וואָס איז אַלס רעפּערטואַר־שטיק פון דער בּאַרימטער סובּרעטין קלאַראַ יאָנג יאָרנלאַנג געווען אַ שלאַגער אויף דער יידישער בּינע אין דער גאַנצער וועלט (פאַרעפנטלעכט אין דרוק אין וואַרשע). זיין בּאַדייטנד פריער אויפגעפירטע און געדרוקטע לעבּנסבּילד אין 4 אַקטן „דער

בטלן אָדער די האָכצייט דורך שפּאַס", מער פּאָפּולער א"ט „דער ישיבה=בחור", האָט אַרויסגעפירט אַ סך אַרטיסטן און יאָרנלאַנג געשפּייזט די ליבהאָבער=טרופּעס איבער דער גאַנצער וועלט. ב. גאָרין פאַרצייכנט פאָלגנדיקע טעאַטערשטיק ר'ס: „דער גרינער אין לאָנדאָן", „דער גר צדק", „גזרות פּאָרטוגאַל", „דער שטרייק אין לאָנדאָן", „קאַפּיטאַן דרייפוס" (דער ערפאָלג פון דעם שטיק בשעת דעם דרייפוס=פּראָצעס האָט דעם אַרטיסט מאָריס וואַקסמאַן געגעבן די מעגלעכקייט אויפצולעבן דעם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן און אָנהאַלטן אים אין משך פון עטלעכע יאָרן), „עמיל זאָלאַ", „אין ווילדן רוסלאַנד" — מעלאָדראַמע אין 5 אַ' (1902), „די שבועה ביים ספר=תורה, אָדער יידישע ראָמעאָ און דזשוליעטאַ", „דער בטלן", „די נייע יידישע מלוכה אין ציון"(1903), „די גרינע מויד, אָדער אַ פּאַסאַזשיר פון קעשעניעוו", „דער גרינער אַקטיאָר" (1904), „דער גרינער בחור" — לאָקאַלע קאָמעדיע, באַאַרבעט פון ב. טאָמאַשעווסקי, „דאָס דאָרפסמיידל", „די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד"—צייטבילד (1905), „דער מאָרגנשטערן" — קאָמעדיע, „סערקעלע" (1907), „אַ מענטש אַ מלאך", „דאָס גרינע ווייבל" (1910), „די גנבטע" (1911), „די יידישע קרוין", „דער גענגסטער" (1912), „כאַנטשע אין אַמעריקע",—„די יידישע מלוכה", „מענטשען און חיות"— פון ש. יושקעוויטש, „דער ביגאַמיסט", „די נשמה פון ישראל", „אַ ביסעלע גליק", „שפּרינצע אין קוני=איילענד" — קאָמעדיע, „שטילע ליידן", „צעריסענע סטרונע", „דער פּאָליטישען אָדער אַ ביסעלע גליק", „דער פילאַנטראָפּ", פריינד", „אל רחום" (1913), „די ווייבערשע מלוכה" — קאָמעדיע (1914), „ליבע און האַס", „אָן אַ מאַמע", „זיין לעצטער דאָלאַר" (1915), „פאַרבאָטענע פרוכט", „העלאָ, ניו=יאָרק", „ווער איז זי", „גאָטס מתנה", „אין אַמעריקע" (1916), „די שאָטנס פון לעבן" (1917), „פאַרלאָזט אייך אויף קייטין" (1919), „זינד פון עלטערן", „די טיר צום גליק" (1920), „האָט חתונה" (1921). צוזאַמען מיט אַנשל שאָר פאַרפאַסט: „שיר השירים — דאָס ליד פון ליבע" (1911), צוזאַמען מיט מילערן — „יידישע מלחמה=כלות" (1916), צוזאַמען מיט וויליאַם סיגעל „אַ לעבן פאַר אַ לעבן" (1916), צוזאַמען מיט ה. קאַלמאַנאָוויטשן „דער שפּיגל פון לעבן" א"אַ. האָט אויך באַאַרבעט פאַר זיגמונד פיינמאַנען די באַוואוסטע דראַמע פון דעם רומעניש=יידישן שריפטשטעלער ראָנעטי ראָמאַן „מנשה", אָבער אַזוי ווי די באַאַרבעטונג איז שוין געווען אַ צו „פרייע", האָט דער „ווינדזאָר=טעאַטער" באַשטעלט אַ גענויערע איבערזעצונג פון דער דראַמע ביי ל. קופּערמאַנען (זע). פון ר'ס לעצטע פיעסן איז צו פאַרצייכענען: „מוטער=ליבע"—קאָמעדיע=דראַמע אין 4 אַ', אויפגעפירט אין „ראָזע=זילבערט=טעאַטער" אין נ"י.—אין זיינע מעלאָדראַמען און אָפּערעטעס איז ר' געשטאַנען העכער פון דעם דורכשניט יידישע שונד=דראַמאַטורגן און מאַנכע פון זיינע טעאַטערשטיק קענען באַטראַכט ווערן אַלס איבערגאַנג פון דעם לאַטיינער=שונד צו דעם גאָרדין=רעפּערטואַר. זיינע פיעסן זיינען דערהויפּט געשפּילט געוואָרן אין נ"י, אָבער אויך אין לאָנדאָן, פוילן, רוסלאַנד, דרום=אַפריקע אאַז"וו. בשעת דער מלחמה, ווען אויפפירונגען אין יידיש זיינען אין רוסלאַנד געווען פאַרבאָטן, האָבן די יידישע אַקטיאָרן, ווי גוזיק, צוקער א"אַ, אויפגעפירט צ"אַ אויך ר'ס פיעסן, „דער בטלן" און „כאַנטשע אין

אַמעריקע״, אין רוסישער איבערזעצונג.— ר׳ האָט באַזעסן אַ געוויסע אינטעליגענץ, גוט באַהערשט רוסיש און ענגליש, געווען אַ שטילער באַשיידענער מענטש, אָבער אַ שרעקלעכער שיכּור. 1927 איז ער געווען פּאָרזיצער פון דער דראַמאַטורגנליגע אין אַמעריקע, דאַן צוריקגעפאָרן קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט געהאַט צוויי זין אין ענגלישן לופט-פלאָט. זיין פרוי, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט אין לאָנדאָן, איז געווען אַ קריסטין, און נאָך זיין טויט האָט זי אים ניט געלאָזט באַערדיקן אויפן יידישן בית-עלמין, אָבער עס ניט אויסגעפירט.

ב. גאָרין, „געשיכטע פון אידישן טעאטער״; משה נאַדיר, מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט״, ז׳ 93; פּריוואַטע מיטטיילונגען פון אנשל שור און זלמן זילבערצווייג.

ראַקאָווסקאַ פּועה (VII/ 1865 —) געב׳ אין ביאַליסטאָק, איר פאָטער, אַ זון פון גאון ר׳ לייבעלע פלאָצקער מיט אַ יחוס-קייט פון 36 דורות רבנים, אַליין אַ מוסמך און אַ פרומער, האָט איר געגעבן אַן אַלגעמיינע און אַ יידישע דערציונג.

פון 6 יאָר אָן האָט זי געלערנט אין חדר צוזאַמען מיט יינגלעך חומש מיט רש״י, צו 12 יאָר געענדיקט אַלס די בעסטע שילערין אַ פּריוואַטע פירקלאַסיקע שול, צוליב שרייבן אום שבת ניט געקענט אָנקומען אין גימנאַזיע און געלערנט אין דער היים שפּראַכן, בפרט העברעיש, צו 15 יאָר געלייענט שוין די נייע העברעישע ליטעראַטור, געלערנט „עין יעקב״ און אַפילו אַ בלאַט גמרא, אָנגעהויבן אויך צו איבערזעצן פון רוסיש אויף העברעיש און דרוקן אין „הצפירה״. צו 17 יאָר האָט מען זי חתונה געמאַכט, אָבער אין אַ 5 יאָר אַרום, מיט צוויי פּיצלעך קינדער אויף די הענט, האָט זי צעריסן די פאַמיליענבענדער, 1890 דורכגעמאַכט דעם עקזאַמען פון אַ מיטלשול און געוואָרן פאַרוואַלטערין פון אַ שול פאַר מיידלעך, צוערשט אין לאָמזשע, אין אַ פּאָר יאָר אַרום איינגעלאַדן געוואָרן אַלס אָנפירערין פון „יהודיה״—דער ערשטער העברעישער שול פאַר מיידלעך אין וואַרשע, וואו זי האָט אָנגעהויבן צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער חובבי-ציונישער באַוועגונג אַלס פּראָפּאַגאַנדיסטין, דערהויפּט צווישן פרויען, געווען צווישן די גרינדער פון דער ערשטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילן „בני ציון״, פיל געאַרבעט פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון העברעיש צווישן די יידישע טעכטער, געשאַפן אין וואַרשע אַ נעץ פון ציוניסטישע פרויען-יוגנט-פאַראיינען, מיט וועלכע אַליין אָנגעפירט. צוליב דער מלחמה פאַרלוירן די זיבנקלאַסיקע שול, וועלכע האָט עקסיסטירט גאַנצע 25 יאָר, און צוויי יאָר געלעבט אין ווילנע. 1916 צוריקגעקומען קיין וואַרשע, געאַרבעט אַלס העברעישע לערערין אין פּריוואַטע גימנאַזיעס אין וואַרשע און פּראָווינץ, 1920 זיך באַטייליקט אויף דער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, פון דאָרט אַוועק קיין א״י, וואו געאַרבעט אַלס לערערין אין אַ פאַכשול פאַר מיידלעך, אין אַ יאָר אַרום צוריקגעקומען קיין פּוילן און אַדאַנק איר ענערגיע געשאַפן אין וואַרשע די צענטראַלע פון אַ יידישן פרויען-פאַרבאַנד מיט אָפּטיילונגען אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, און אַלס סעקרעטאַרין פון דעם פאַרבאַנד איז זי איינע

פון די פירערינס פון דער בירגערלעכער יידישער פרויענבאַוועגונג אין לאַנד. — אַחוץ אַרטיקלען אין דער יידישער פרעסע, דערהויפּט וועגן דער פרויענפראַגע, האָט זי פאַרעפנטלעכט די בראָשורן „די יידישע פרוי און די מאָדערנע פרויענבאַוועגונג". און צוזאַמען מיט רחל שטיין און לאה פּרושאַנסקי רעדאַקטירט די מאָנאַטשריפט „פרויען־שטים", אַרויסגעגעבן דורך דעם יידישן פרויענפאַראיין אין וואַרשע 1925 (אַרויס בלויז אַ פּאָר נומ׳). לעצטנס באַשעפטיקט זיך מיט ליטעראַרישער אַרבעט און האָט איבערגעזעצט: די נייסטע יידישע געשיכטע/XIX יאָרהונדערט/נאָך דובנאָוו׳ן א״אַ קוועלן (פ״ג „נייער שטראָם", וואַרשע, 1920, ז׳ 232); קאַרל קויטסקי, „ווער איז שולדיק אינם וועלטקריג" (דערז׳ פ״ג, 1920, ז׳ IV+218, הקדמה פון ד. ק. „דאָס בוך פון שטראָף"); פּאַפּירנאַס (זע) זכרונות; לילי ברוין, „מעמואַרן פון אַ סאָציאַליסטין" (פ״ג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1924, ז׳ 682, אין 2 ב׳); די ראָמאַנען־סעריע פון וויקטאָר מאַרגעריט „די בחורטע", „דער חבר", „דער נייער דור", „דיין קערפּער געהערט דיר" (דערז׳ פ״ג, 1928). נאָך ניט פאַרעפנטלעכט אירע איבערזעצונגען פון אַנאַטאָל פראַנס׳ ראָמאַן „די רויטע ליליע", דאָס בוך פון דער יונג פאַרשטאָרבענער יידיש־רוסישער רעוואָלוציאָנערין לאַריסע רייסנער „אָקטאָבער".

ראַקאָווסקי מאַרק (5/VI 1890 —) געב׳ אין מאַלקין, לאָמזשער געגנט, וואו זיין פאָטער, אַן אייניקל פון דעם באַוואוסטן רב ר׳ לייבעלע פּלאָצקער (פריער — רב אין מאַריאַמפּאָל), האָט געפירט גרויסע געשעפטן, שפּעטער זיך אַריבערגעצויגן אין אָסטראָלענקאָ און צולעצט אין ביאַליסטאָק; זיין מוטער שטאַמט פון סאַמאַרע. געלערנט אין חדר און מיט אַ לערער אין דער היים — העברעיש און רוסיש, דורכגעמאַכט דעם קורס פון אַ מיטלשול און באַזונדערס זיך אָפּגעגעבן מיט שטודירן פרעמדע שפּראַכן, 1910 געדינט אין מיליטער אַלס פרייוויליקער, ביים אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרמיי פון גענעראַל סאַמסאָנאָוו. — זיין טעטיקייט אַלס איבערזעצער האָט ר׳ אָנגעהויבן אין ביאַליסטאָק פאַרן פ״ג פון א. אַלבעק מיט אַ ביכל „יאַפּאָנישע מעשהלעך" און מיט עדמאָנדאָ ד׳אַמיטשיסעס „קליינע מענטשעלעך" און „דער מלך פון די ליאַלקעס" א״ר פון פסח קאַפּלאַן. יוני 1922 האָט דער סוחר ש. יאַטשקאָווסקי אונטער זיין ווירקונג און רעדאַקציע געגרינדעט אין וואַרשע אַ יידישן פ״ג, דערהויפּט פאַר איבערזעצונגען, און אין משך פון 1922 — 25 האָט ר׳ אין דעם דאָזיקן פ״ג פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע איבערזעצונגען זיינע: „די פישער פון איסלאַנד" — פון פּיער לאָטי, דזשאָוואַני עפּיסקאָפּאָ" — פון גאַבריעלע ד׳אַנונציאָ, „מאַרקיזין יאַרוסאַקאָ" — פון קלאָד פאַרער, „די בלוטיקע חתונה" א״אַ — פון לאַפקאַדיאָ הערן, „געשיכטן און לעגענדן פון אָריענט" — פון וו. דאָראָשעוויטש", לשנה הבאה בירושלים" — פון די ברידער טאַראָ, „דער עלטערן־מערדער" א״אַ—פון גי דע מאָפּאַסאַן, דערציילונגען פון מאַרסעל פרעוואָ, „דער פאַרלוירענער גן־עדן" — פון קאַטול מענדעס. נאָכדעם ווי ש. יאַטשקאָווסקי האָט פאַרקויפט זיין פ״ג ח. בזשאָזען, האָט ר׳ געגרינדעט אַן אייגענעם פ״ג א״ט „ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי", אין וועלכן עס זיינען אין משך פון 1927—28 אַרויס זיינע פאָלגנדיקע איבערזעצונגען: „סאַלאַמבאָ" און מאַדאַם באָוואַרי

מיט אַ הקדמה פון עמיל זאָלאַ — פון
גוסטאַוו פלאָבער, „טאַרטאַרען פון טאַ=
ראַסקאָן" — פון אַלפאָנס דאָדע, „מאַ=
דעמואַזעל זשאָפר" — פון מאַרסעל פרע=
וואָ, „קיראַ קיראַלינאַ" — פון פּאַנאַיִט
איסטראַטי מיט אַ הקדמה פון ראָמען
ראָלאַן, „אַ ראָמאַן פון אַ הונט" — פון
אוידאַ, „דער פרויען = גן = עדן" — פון
בלאַסקאָ איבאַניעס, „ישו הנוצרי" —
פון אַנרי באַרביס מיט אַ הקדמה פון
מחבר „צו מיינע יידישע לעזער" (איבערז׳
א"פ ב. ראָזמאַרין) א"אַ. האָט אויך גע=
דרוקט איבערזעצונגען פון אָסקאַר ווײַלדס
דערציילונגען (אין „פאָלקסצייטונג"), פון
מרים האַררי („די ליבהאָבער פון ציון"—
אין „היינט") אאַז"וו און פון צייט צו
צייט געשריבן ליטעראַרישע אַרטיקלען
אין ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן",
„ליטעראַרישע בלעטער", מאָמענט" אאַז"וו.

ראַקער יהושע (כסלוו 1864 —
) געב׳ אין גאָרליץ, גאַליציע, אַלס
זון פון אפרים=פישל ר׳, מגיד און ראש=
ישיבה אין סאַנדז. געלערנט אין חדרים און
אין די אונגערישע



ישיבות דערהויפּט
אין ליסקאָ, און
די גדולי ישראל
און חסידישע
רביים האָבן גע=
האַט אויף אים אַ
גרויסע השפעה.
אויך שפּעטער גע=
לעבט אַ געוויסע צייט אין אונגערן, 1891
אויסגעוואַנדערט קיין קליוולאַנד, אַמע=
ריקע, וואו ער האָט געפּרווט מזל אַלס
סוחר, אים האָט אָבער געצויגן צו
שריפטשטעלעריי (נאָך אין דער אַלטער
היים האָט ער קאָרעספּאָנדירט אין
„המליץ"), און מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער
האָט ער אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע
טעטיקייט אין דער שיקאַגער „הפסגה",
אין „יודישען טאַגעבלאַט" א"אַ יידישע
צייטונגען. אַרום 1898 האָט ער געגרינ=
דעט די ערשטע יידישע דרוקעריי אין
קליוולאַנד, צו יענער צייט איבערגענומען
די רעדאַקציע פון דעם אָרטיקן וואָכנ=
בלאַט „דער שטערן", אָבער די צייטונג
איז אונטערגעגאַנגען, און נאָך אייניקע
אומגעלונגענע פּראָבעס אַרויסצוגעבן אַ
וואָכנבלאַט האָט ער 1908 געגרינדעט די
ערשטע יידישע טעגלעכע צייטונג אין
קריוולאַנד א"ט „די אידישע טעגליכע
פּרעסע". בשעת דעם קלאָוקמאַכער=שטרייק
1911, ווען די צייטונג האָט זיך געשטעלט
אויפן צד פון די אַרבעטער, האָבן די
איבעריקע דירעקטאָרן אירע נאָכן פאַר=
לוירענעם שטרייק אַרויסגעשטויסן ר׳ן, און
די רעדאַקציע האָט איבערגענומען יעקב
פּפעפער, 1913 האָט דאָס קליוולענדער
וואָכנבלאַט „די אידישע וועלט" זיך צו=
נויפגעגאָסן מיט „דער אידישער טעגלי=
כער פּרעסע" א"נ פון דער ערשטער און
זינט דאַן איז ר׳ עד=היום איר רעדאַק=
טאָר און לייטאַרטיקל=שרייבער. אין „דער
אידישער וועלט" האָבן זיך דערצויגן אַ
אַ ריי זשורנאַליסטן, ווי דוד איידעלסבערג,
וועלכער איז צען יאָר געווען ליטעראַ=
רישער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג
(שפּעטער אַריין אַלס איינער פון די
הויפּטמיטאַרבעטער פון „יידישען טאַגע=
בלאַט", לעצטנס — מיטאַרבעטער פון
„מאָרגען זשורנאַל"), צ"ה רובינשטיין,
חיים הורוויץ א"אַ; איינער פון די מיט=
אַרבעטער פון „דער אידישער וועלט"
איז אויך הענרי ראַקער.—ר׳ האָט אויך
פאַרפאַסט אַ לומדיש ווערק „ספר דברי
חכמים / חז"ל מתלמוד בבלי, מלוקטים
מכל המקומות אשר המה מפוזרין, ומסודרין
בסדר נכון על מקראות התורה / מצורף
לזה / אבני חפץ / דברים יקרים

ונחמדים, מספרים ראשונים ואחרונים ליברר וללבן מאמרים תמוהים ועמוקים״ (תרס״ג; 2טע פאַרמערטע און פאַרבעסערטע אויסגאַבע — קליוולאַנד, 1920, ז״ז 154), און אַלס איינער פון די בעסטע קענער פון דער חסידישער באַוועגונג דאָס בוך „דער סאַנזער צדיק״ (תרפ״ז, 1927, ז׳ 225), וואָס אַנטהאַלט אַחוץ דער פולשטענדיקער ביאָגראַפיע פון דעם סאַנדזער און די מחלוקה צווישן אים און דער סאַדאַגערער דינאַסטיע (אין קעגנזאַץ צו אבנס „מחלוקת סאַנז וסדיגורא״ האַט׳ר, מיטן סאַנדזער) אויך דערציילונגען און אַנעקדאָטן פון פאַרשיידענע חסידישע רביים. — טעטיק אויך אַלס כלל־טוער, איניציאַטאָר פון דער תלמוד־תורה, איינער פון די גרעסטע אין לאַנד, זינט דעם באַזעלער קאָנגרעס — ציוניסט.

צ״ה רובינשטיין, „איינער פון די פיער מיליאָן״, אין „טאָג״; יובילעי־אויסגאַבע פון „דער אידישער וועלט״, 1926.

ראָקער רודאָלף (25/III 1873 —) געב׳ אין מײַנץ, העסען, אין אַ קריסטלעכער פאַמיליע פון אַ מוזיק־דרוקער. זייער פרי פאַרלוירן די עלטערן, איז ער דערצויגן געוואָרן אין אַ קאַטויליש יתומים־הויז, פון 6 ביז 14 יאָר באַזוכט אַ פאָלקסשול, דערנאָך זיך אויסגעלערנט בוכבינדעריי, אין וועלכן פאַך ער האָט געאַרבעט אַ צייט מיט יאָרן. יינגלווייז זיך באַקענט מיט דער סאָציאַליסטישער לערע, האָט ער פון 14 יאָר אָן גענומען אַן אָנטייל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, צו 17 יאָר אָנגעהויבן צו וואַנדערן איבער



אייראָפּע, 1891 באַזוכט דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין בריסעל, דאָרט זיך באַקענט מיט אַנאַרכיסטישע אידעען און זינט דעמאָלט טעטיק אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. אין דעמזעלביקן יאָר האָט ער געמוזט פאַרלאָזן דייטשלאַנד צוליב דריי פּאָליטישע פּראָצעסן, 1891—94 געלעבט אין פּאַריז, וואו ער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט יידישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן און צום ערשטן מאָל באַקומען צו זען יידישע ליטעראַטור. וואוינענדיק זינט 1894 אין וועסט־ענד פון לאָנדאָן צווישן זיינע לאַנדסלייט די דייטשן, וואו ער האָט געאַרבעט אַלס איינבינדער, פלעגט ער פון צייט צו צייט אַריבערקומען קיין ווייטשעפּל אַ קוק טאָן אויף די יידישע פּראָלעטאַריער, ביסלעכווייז געוואָרן אַן אָפטער באַזוכער פון די יידישע אַרבעטערפאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע ער פלעגט אַמאָל נעמען אַ וואָרט און אויך האַלטן אַ פאָרטראָג. די ערשטע צייט טעטיק דערהויפּט אין די אַנאַרכיסטישע קרייזן פון די דייטשן, ענגלענדער און איטאַליענער אין לאָנדאָן, האָט ער אַ סך אַ גינסטיקערן באָדן פאַר זיין פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונגס־אַרבעט געפונען ביי דער יידישער אַרבעטער־מאַסע, וועלכע האָט צו יענער צייט געשאַפן אַ גאַנץ לעבעדיקע ראַדיקאַלע באַוועגונג אין ענגלאַנד, האָט אָבער געהאַט אַ מאַנגל אין אינטעליגענץ (די פּיאָנירן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן שוין צום גרעסטן טייל דאַן געהאַט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע). אַ מענטש פון גרויסע פעיקייטן און אַ קענער פון פיל אייראָפּעישע שפּראַכן, האָט ר׳ זיך אין אַ קורצער צייט—אַרום 1898 – אויסגעלערנט יידיש און אָנגעהויבן צו נעמען אַן אָנטייל אין

דער יידישער ראַדיקאַלער פּרעסע, צוערשט אַלס רעדאַקטאָר פון דער יידישער צייטשריפט „דאָס פרייע וואָרט" אין ליווערפול (1898). אין דעם אייגענעם יאָר האָט ער איבערגענומען די רעדאַקציע פון דעם יידישן אַנאַרכיסטישן וואָכנבלאַט „דער אַרבייטער פריינד", וואָס ער האָט מיט גרויס ערפאָלג געפירט ביז אָנהייב מלחמה. אין דעם דאָזיקן משך צייט איז ר' געווען ענג פאַרבינדן מיט דער יידישער אַרבעטערבאַוועגונג אין ענגלאַנד, געווען ממש די נשמה אירע, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַלע קאַמפן פון די יידישע אַרבעטערמאַסן אין יענעם לאַנד, זייער פיל אויפגעטאָן פאַר זייער קולטורעלער דערהייבונג, געדינט זיי ניט נאָר מיט זיין גלענצנדער פעדער אַלס זשורנאַליסט, שריפטשטעלער און איבערזעצער, נאָר אויך מיט זיין מינדלעכן וואָרט אַלס איינער פון די בעסטע רעדנערס אין אייראָפּע. שטרעבנדיק אויסצואיידלען דעם געשמאַק פון די יידישע מאַסן, האָט ער דורך אַרטיקלען, איבערזעצונגען און רעפעראַטן פּאָפּולאַריזירט די שריפטשטעלער פון דער מאָדערנער וועלטליטעראַטור, האָט אַרויסגעגעבן אויך אַ ערנסטן זשורנאַל פאַר סאָציאַלע פראַגן, ליטעראַטור און קונסט א"ט „זשערמינאַל/צייטשריפט פיר אַנאַרכיסטישע וועלטאַנשויאונג" (1900 — 8), צוערשט צווייוועכנטלעך, דערנאָך מאָנאַטלעך. אָקטאָבער 1914 איז ר' פאַר זיין פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער מלחמה אינטערנירט געוואָרן און איז 4 יאָר געהאַלטן געוואָרן אין פאַרשיידענע לאַגערס פאַר ציווילע געפאַנגענע (9 חדשים – אויף אַ שיף), די ערשטע חדשים שטאַרק געליטן, אָבער אַדאַנק זיין סימפּאַטישער פּערזענלעכקייט און גרויסער בילדונג געוואונען די פאַרערונג פון 3 טויזנט חברים געפאַנגענע, אויסגעוויילט אַלס זייער פירער און פאָרשטייער, געהאַלטן פאַר זיי לעקציעס אאַז"וו. מערץ 1918 קעגן זיין ווילן אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, וואו מ'האָט אים געהאַלטן אַ חודש אַרעסטירט און דאַן אַרויסגעשיקט פון לאַנד, איז ער אַוועק קיין האָלאַנד און דאָרט געלעבט ביז דעם אויסבראָך פון דער דייטשער רעוואָלוציע, אונטער נאָסקעס רעגירונג ווידער געווען אַרעסטירט. — אַחוץ ר'ס זייער פילע איבערזעצונגען אויף יידיש, וואָס זיינען געדרוקט געווען אין די פון אים רעדאַקטירטע צייטשריפטן, זיינען אין בוכפאָרם אַרויס די פאָלגנדיקע איבערזעצונגען זיינע: „ווערטער פון אַ רעוואָלוציאָנער"—פון פּ. קראַפּאָטקין (וועלכער האָט בכלל געהאַט אויף ר'ן די גרעסטע השפעה און פאַר וועמעס תלמיד ער באַטראַכט זיך); „די אָבשטאַרבענדע געזעלשאַפט און די אַנאַרכיע" — פון זשאַן גראַוו; „דער ויכוח" פון ע. מאַלאַטעסטאַ; „דער עקאָנאָמישער ליגען"—פון מאַקס נאָרדוי; „די פּיראַמידע פון טיראַניי"— פון פ. דאָמעלאַ-ניווענהויז; „קאַרל מאַרקס און מיכאַאיל באַקונין" — פון מ. דאַווע; „אַזוי האָט גערעדט צאַראַטוסטראַ"—פון פרידריך ניצשע (I טייל); „דאָס אידעאַל און די יוגענד" — פון עליזע רעקליו; „האַשיש" — אַ אָריענטאַלישע לעגענדע פון פריץ לעמערמייער (כמעט אַלע—פ"ג „אַרבייטער פריינד", 1903—1911) אאַז"וו. פון זיינע אָריגינעלע אַרבעטן זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „מיכאַאיל באַקונין"— ביאָגראַפישע סקיצע (לידס, 1902, ז' 48); „די געשיכטע פון דער טעראָריסטישער באַוועגונג אין פראַנקרייך" (לאָנדאָן, 1906, ז' 300); „פראַנסיסקאָ פעררער און די פרייע ערציהונג פון דער יוגענד" (פ"ג „אַרבייטער פריינד", 1910, ז' 230); „דער

וועג צום סאָציאַליזם" (לאָנדאָן, 1914); „סאָוויעטן-סיסטעם אָדער דיקטאַטור" (בוענאָס-איירעס, 1921, אויך אין שפּאַניש); „אַנאַרכיזם און אָרגאַניזאַציאָן" (לאָנדאָן, 1922); „באָלשעוויזם און אַנאַרכיזם" (בוענאָס-איירעס, 1922, אויך אין שפּאַניש). פון זיינע ווערק אין דייטש איז צו דערמאָנען: „קיינע קריעגסוואַפּפען מעהר!" (ערפורט, 1919); „אַנאַרכיזמוס אונד סאָציאַלדעמאָקראַטיע" (בערלין, 1919); „צור געשיכטע דער פּאַרלאַמענטאַרישען טאָטיגקייט אין דער אַרבייטערבעוועגונג" (בערלין, 1920); „די פּרינציפּיענערקלאָרונג דעס סינדיקאַליזמוס" (בערלין, 1920); „דער באַנקראָט דעס רוסישען שטאַאַטסקאָממוניזמוס" (בערלין, 1922); „אַנאַרכיזמוס אונד אָרגאַניזאַציאָן" (בערלין, 1922); „יאָהאַן מאָסט"; „צור געשיכטע דער אַנאַרכיסטישען בעוועגונג אין שפּאַניען" (ביידע לעצטע ביכער — אויך איבערגעזעצט אין רוסיש); „נאַציאָנאַלע איינהייט אונד קולטור"; „ערינגערונגען אַוס מיינער געפאַנגענשאַפט"—אין יידיש איבערגעזעצט פון א. פרומקין א"ט „הינטער שטעכיגע דראָט און גראַטעס" (אַרויסגעגעבן פון „רודאָלף ראָקער שריפטען קאָמיטעט", ב"י 1927, איבער 800 ז', מיט אַן אַריינפיר געשריבן פון ר'ן אַליין אין יידיש), וואו ער שילדערט מיט אַ זשורנאַליסטישער לעבעדיקייט און מיט אַ חוש פון אַ פּסיכאָלאָג די קריגסגעפאַנגענשאַפט זיינע אין ענגלאַנד. אייניקע פון זיינע ווערק זיינען אויך אַרויס אויף אַנדערע שפּראַכן, למשל, אין שוועדיש — Kapp Kupen (שטאָקהאָלם, 1920); אין שפּאַניש — Artistas y Rebeldes, אַן אויסוואַל פון זיינע אָפּהאַנדלונגען פאַרעפנטלעכט דאָרט רוב אין יידיש אין „אַרבעטער פריינד", „זשערמינאַל" א"אַ אַנאַרכיסטישע אויסגאַבן, צ"אַ וועגן אַווגוסט סטרינדבערג, עדגאַר פּאָו, אָסקאַר ווײַלד, גוסטאַוו אַדאָלף בעקער, מולטאַטולי, טאָלסטאָי, פוריע, מאַרקס און אַנאַרכיזם, פּרודאָן, ווילהעלם מאַר און יונג-דייטשלאַנד, דאָס לעבן פון באַקונין, קראָפּאָטקין דער מענטש, קראָפּאָטקין און דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, קראָפּאָטקין דער אַנאַרכיסטישער דענקער, פּערמין סאַלוואַטשעאַ, גאָרי, לויזע מישעל, דאָן קיכאָט, סאָציאַלדעמאָקראַטיע און אַנאַרכיזם (איבערגעזעצט פון שכנא רעזניק, פּ"ג Argonauta, בוענאָס-איירעס, 1922). עס איז אויך צו פאַרצייכענען זיין גרויסע אַרבעט אין „זשערמינאַל" 1900—2 א"ט „היסטאָרישע ענטוויקלונג פון די אַנאַרכיסטישע אידעען און בעשטרעבונגען פון דער ניי-צייט", „די ענציקלאָפּעדיסטען" א"אַ.—ר' האָט אויך מיטגעאַרבעט אין די פאַרשיידנשפּראַכיקע אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן, ווי די „פ. אַ. ש.", „פרייע שריפטן", (II— „נאַציאָנאַליזם און מאָדערנע רעאַקציע"), די דייטשע Der Syndikalist און Der freie Arbeiter, שפּאַנישער La Protesta (בוענאָס-איירעס), שוועדישן Syndikalisten א"אַ. — זינט זיין צוריקקער פון דער ענגלישער געפאַנגענשאַפט איז ער איינער פון די גייסטיקע פירער פון דער דייטשער און אינטערנאַציאָנאַלער אַנאַרכאָסינדיקאַליסטישער באַוועגונג, גענעראַל-סעקרעטאַר פון דעם רעוואָלוציאָנער-סינדיקאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל I. A. A. וואוינט אין בערלין. אָנהייב 1926 האָט ער באַזוכט אַ ריי שטעט פון קאַנאַדע און די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו ער איז אויפגעטרעטן מיט לעקציעס אין יידיש און ענגליש אויף סאָציאַל-פּאָליטישע און ליטעראַרישע טעמעס.

א. פרומקין, „אַ קריסט, וועלכער פאַרשפּרייט קולטור צווישן אידישע מאַסען", אין „טאָג" פון 10/IV 1926; ש. יאַנאָווסקי, אין „פאָרווערטס" פון 9/IV 1926; פּ. וויערניק, אין „מאָרגען זשורנאַל" פון 1/IV 1928.

ראַשקעס אַלטער (אַרום 1880 —) געב׳ אין ריגע (?). באַקומען אַ געוויינלעכע יידישע דערציִונג, איז ער שפּעטער געווען באַשעפטיקט אַלס בוכהאַלטער אין ריגע, אונטער דער השפּעה פון וו. לאַצקי-בערטאָלדי צוגעשטאַנען צו דער ס״ס-פּאַרטיי באַלד ביי איר גרינדונג, געוואָרן איר פּראַקטישער אָרגאַניזאַטאָר, א״פּ מיכאַיל; סוף 1904 געקומען קיין ווילנע, וואו עס איז געווען זיין הויפּטקוואַרטיר, ביז דער צ״ק האָט פאַרלאָזט ווילנע, געאַרבעט אַלס „פּאַרטיי-טעכניקער" אויך אין האָמעל, וואו ס׳האָט זיך געפונען דער ליטווישער ראַיאָן-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי מיט יוסף טשערניכאָוו בראש, געווען דער פאַרבינדער צווישן די מיטגלידער פון צ״ק אין די פאַרשיידענע שטעט (דער צווייטער „טעכניקער" פון צ״ק איז געווען יאַנקל „גאָראָדאָוואָי"), אַרום 1906 אוועק קיין בערלין און פון דאָרט קיין פּאַריז, פון וואַנען זיך צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד ערשט נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע, געווען טעטיק אין קיעוו, מיטגעהאָלפן ביי דער פאַראייניקונג פון ס״ס און י״ס, אַלס דעלעגאַט פון די „פאַראייניקטע" זיך באַטייליקט אין דער יידישער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג פון אוקראַינע, שפּעטער דורכגעמאַכט די אַלגעמיינע עוואָלוציע פון דער פּאַרטיי ביז איר אַריינגיסן זיך אין דער רק״פּ, 1921 — 22 פאַרבראַכט אין אַמעריקע אַלס מיטגליד פון פּרעזידיום פון אַלרוסלענדישן יידישן געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט („יידגעזקאָם") און באַפולמעכטיקטער פון דער רוסלענדישער „קולטור-ליגע" און פון רוסלענדישן „אָרט", די לעצטע יאָרן אין מאָסקווע איינער פון די פירער פון דער יידישער אַרבעט, פּאָרזיצער פון דעם יידישן קלוב „קאָמוניסט" און פון די הויפּט-טוער פון „געזערד", צוזאַמען מיט א. מערעזשינען א״אַ זומער 1928 אַלס באַפולמעכטיקטער פון „געזערד" געפאָרן מיט דער ערשטער פּאַרטיע קאָלאָניסטן קיין בירא-בידזשאַן, דער טעריטאָריע אין ווייטן מזרח, וואָס איז לויטן דעקרעט פון דער ראַטנרעגירונג איבערגעגעבן געוואָרן פאַר די צוועקן פון אַ יידישער קאָלאָניזאַציע. אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין פּאַרטיי-געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון צייט צו צייט זיך באַטייליקט מיט קאָרעספּאָנדענצן און אַרטיקלען אין די אָרגאַנען פון די ס״ס („דער נייער וועג" א״אַ), „פאַראייניקטע" (קיעווער „די נייע צייט" א״אַ) און קאָמוניסטישע, לעצטנס מיטגליד פון דער רעדאַקציאָנעלער קאָלעגיע פון דעם צווייוועכנטלעכן אָרגאַן „געזערד" Трибуна еврейской советской общественности צוזאַמען מיט ד. אַ. באַטורינסקי, א. בראַגין, שמעון דימאַנשטיין (דעם פאַראַנטוואָרטלעכן רעדאַקטאָר), מ. קאַמענשטיין, מ. קאָלצאָוו און יצחק טעומין.

מ. ר׳, „אַ ענטפער אַבראַמאָוויטשן", אין „צוקונפט" 1922, III.

רבּרבּי יחיאל (18/IV 1883 —) געב׳ אין באַראַנאָווקע, וואָלין, וואו זיין פאָטער, ישראל, איז געווען שוחט. ביז 9 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך ביים פאָטער גמרא און פּוסקים, אויך זוהר און ספרי קבלה,

צו 15 יאָר שוין געפּסקנט שאלות, פלעגט פאַרפאַסן שירים און פּזמונים אויף שבת און יום-טוב, אויפשריפטן אויף מצבות, ניגונים צום רבינס טיש. צו 17 יאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון א. לודוויפאָל, ווע-

בער האָט באַזוכט דאָס שטעטל, באַקומען פון ח"נ ביאַליק אַ אָנערקענונגס־בריוול פאַר זיינע שירים. 1906 געקומען קיין ווילנע, וואו ער האָט דורכגעמאַכט דעם קורס פון אַ מיטלשול, זינט 1909 געלעבט אין פּט"ב, 1912 געענדיקט די העכערע יודאַיִסטישע קורסן פון באַראָן דוד גינזבורג, 1917—22 שטודירט אין פּט"ב'ער אוניווערסיטעט די שפּראַכן און געשיכטע פון סעמיטישן מזרח, אין פּט"ב'ער „אינסטיטוט פאַר יידישער העכער וויסנשאַפט" פאַרנומען די קאַטעדרע פון סעמיטישע שפּראַכן און ליטעראַטור, די לעצטע יאָרן — פּריוואַטדאָצענט אין ווייסרוסלענדישן מלוכה־אוניווערסיטעט אין מינסק אויף דער קאַטעדרע פון מזרח־שפּראַכן און סעמיטאָלאָגיע, לעקטאָר פון העברעיִש אויף דעם יידישן פּעדפּאַק פון אוניווערסיטעט, שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם יידסעקטאָר פון „אינבווייסקולט" (האַרבסט 1928 רעאָרגאַניזירט אין דער ווייסרוסלענדישער אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפטן), פּאָרזיצער פון דער פאָלקלאָר־קאָמיסיע, פאַר דער היסטאָרישער קאָמיסיע (אָנפירער — פּראָפ' סאָסיס) איבערגעזעצט אויף יידיש אַ ריי אויסצוגן פון פנקסים, שאלות־ותשובות (צוזאַמען מיט ב. שולמאַן און — לעצטנס אויך מיט י. מאַנוס — דעם געוועזענעם ביכאָווער רב), געאַרבעט אויך אַלס ביבליאָגראַף און אַלס סעקרעטאַר פון דער סעקציע פאַר פאָלקלאָר — זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ר' אָנגעהויבן און ווילנע מיט אַ ריי לידער אין פאַרשיידענע יידישע אויסגאַבן, ווי „פאָלקסצייטונג", „פאָלקסשטימע", „דער בייער וועג", „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק", זמ"ב „די וועלט" א"אַ. שפּעטער זיך אויך באַטייליקט אין „פריינד", „לעבען און וויסענשאַפט", די זמ"ה „יוגענד", „לכבוד פסח" און א"אַ, די העברעיִשע „שחרית", „רשפים", „פקעים", „השלח". אין פּט"ב אָרגאַניזירט אַ קרייז פון יידישע און ניט־יידישע אַרטיסטן אויפצופירן אָפּערעס אויף העברעיִש און איבערגעזעצט פאַר דעם קרייז די אָפּערעס „יהודית", „מאַקאַבייער", „משה", „שמשון און דלילה" און „שולמית", פון וועלכע בלויז די ערשטע איז אויפגעפירט געוואָרן אין דער פּט"ב'ער קאָנסערוואַטאָריע (צוויי מאָל, מערץ 1912 און 1915) און איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דרוק (פּט"ב, 1912). האָט איבערגעזעצט אויף העברעיִש אייניקע ווערק פון ש. אַנ—סקי אין מאָסקווער „העם" און „שתילים", וואו אויך פאַרעפנטלעכט שירים. בשעת דער מלחמה געשריבן אויך אין „השלח" און „התקופה", דערהויפּט אָבער די לעצטע יאָרן געשריבן וויסנשאַפטלעכע און מעמואַריסטיש־פאָלקלאָריסטישע אַרבעטן אין די רוסיש־יידישע אויסגאַבן, ווי Евр. Вести, Евр. Альманах (I — די איבערזעצונג פון ד. פרישמאַנס „נחש נחשת"), Евр. Летопись, Евр. Старина, אין דער „צייטשריפט" II פון „אינבווייסקולט" („די וואָקאַליזירונג פון ע אין סעמיטישע שפּראַכן און אין אַלט־יידיש"). זיינע לעצטע בעלעטריסטישע אַרבעטן (לידער און פּראָזע פון אַ מיסטישן כאַראַקטער) אין העברעיִש און אין יידיש זיינען נאָך ניט פאַרעפנטלעכט.

„ביולעטען פונם יידישן אָפּטייל פון אינסטיטוט פאַר ווייסרוסלענדישער קולטור", נומ' 2, מינסק, 1926, ז' 18.

רובאַשאָוו שניאור־זלמן 6/X (1889—) געב' אין דער מיר, מינסקער געגנט, אין אַ מיוחסדיקער חסידישער משפחה. זיין פאָטער, יהודה־לייב, איז געוועזן אַ סוחר. דערצויגן געוואָרן אין שטויבץ פון 2 יאָר אָן, געלערנט גמרא און פוסקים — דערהויפּט ביי אַ פּרוש

פון קאַידאַנאָוו, דעם פאָטער פון ר׳
אליקום־געצל לעוויזאַן, צו 12 יאָר
אָנגעהויבן לערנען העברעיִש ביים יונג
פאַרשטאָרבענעם דיכטער י״ש קאַצענעל־
לענבויגן (יש״ק),



וועלכער האָט גע־
האַט אויף אים אַ
שטאַרקע ווירּ
קונג, אים דער
ערשטער דער־
נענטערט צו ציוני־
ניזם, צו ליטעראַ־
טור און צו דער
יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. 1906 אַוועק
קיין ווילנע, וואו זיך געלערנט אַלס
עקסטערן און געאַרבעט אין דער רעדאַק־
ציע פון די פ״צ־אָרגאַנען „דער פראָלע־
טאַרישער געדאַנק״ און „פאָרווערטס״
אַלס איבערזעצער פון ב. באָראָכאָוו און
אבנר (בן־צבי), וועלכע האָבן נאָך דענסט־
מאָל געשריבן זייערע אַרטיקלען אין
רוסיש. 1908 אָנגעקומען אַלס איינער פון
די ערשטע תּלמידים אויף די „העכערע
קורסן פון מזרח־קענטעניש״, וואָס באַ־
ראָן דוד גינצבורג האָט דאַן געגרינדעט
אין פּטב״ב, סוף 1912 אַוועק קיין דייטש־
לאַנד און שטודירט געשיכטע, ביבל־
וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע אין די אוני־
ווערסיטעטן פון פרייבורג, שטראַסבורג
און בערלין, וואו ער איז פאַרבליבן
אויך בשעת די מלחמה־יאָרן. — צוגע־
שטאַנען צום ציוניזם נאָך אין דער
פריסטער יוגנט, אַ תּלמיד און מיטאַרבע־
טער פון ב. באָראָכאָוו ביים גרינדן די פ״צ־
פאַרטיי, האָט ר׳ אין דייטשלאַנד אַקטיוו
זיך באַטייליקט אין דער ציוניסטישער
באַוועגונג און באַזונדערס אין דער יוגנט־
באַוועגונג, אין בערלין געלייענט ציקלען
לעקציעס פאַר דער אַקאַדעמישער יוגנט
איבער דער געשיכטע פון דער יידישער
היסטאָריאָגראַפיע (ווינטער־סעמעסטער
1916 — 17) און איבער די משיח־באַ־
וועגונגען (1917 — 18). אויף דער באַראַ־
טונג פון פ״צ־פאַרבאַנד אין שטאָקהאָלם
1919 אויסגעוויילט צוזאַמען מיט ד״ר
נחמן סירקין, ח. פיינמאַן א״אַ אין דער
קאָמיסיע צו פאָרן קיין א״י אויף אויס־
צופאָרשן דעם מצב און אויסאַרבעטן די
אַרבעטס־פּראָגראַם (דער באַריכט פון
דער קאָמיסיע איז אונטער זיין רע־
דאַקציע א״ט „די ארץ־ישראל־אַרבייט״
אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַרבעט־סעק־
רעטעריאַט פון וועלט־פאַרבאַנד פ״צ,
יפו, דרוק „אחדות״, 1920, ז׳ 208, און
אין העברעיִש — אַלס ה׳ IX פון י״ח
ברענערס זשורנאַל „האדמה״). 1921 זיך
באַזעצט אין ווין אַלס מיטגליד פון דעם
פאַרבאַנדס־ביוראָ פון די פ״צ און רע־
דאַקטאָר פון די פאַרטיי־אָרגאַנען „אונ־
זער וואָרט״ און שפּעטער „דאָס אַרביי־
טענדע ארץ־ישראל״, (ווין, 1921—2; צוויי־
טער יאָרגאַנג—אַרויסגעגעבן פון דער צ״פ
פון „פאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד״ און פון
פ״ג פערדינאַנד אָסטערטאַג, בערלין, 1923),
גלייכצייטיק געווען דאָצענט פאַר יידישער
געשיכטע אין דעם יידישן פּעדאַגאָגיום
פון פּראָפ׳ צ. חיות. זינט דער שפּאַלטונג
פון די פ״צ פאַרבונדן מיט די רעכטע, איז
ער זייער פאַרטרעטער אויף די ציוניסטישע
קאָנגרעסן, אין אַקציאָנס־קאָמיטעט און אויף
די קאָנפערענצן פון 2טן אינטערנאַציאָ־
נאַל, איינער פון די גרינדער און מיט־
גליד פון דער עקזעקוטיווע פון דעם
וועלט־פאַרבאַנד „החלוץ״, די לעצטע
יאָרן אַלס בירגער פון א״י מיטגליד פון
„וועד הלאומי״ און פון דער עקזעקוטיווע
פון דער „הסתדרות הפועלים באַ״י״,
מיטרעדאַקטאָר פון איר טעגלעכן אָרגאַן
„דבר״, אַלס רעדנער און פירער פון די
ציוניסטישע אַרבעטער באַזוכט אין די־

אינטערעסן פון פאַרשיידענע ציוניסטישע
געלט=קאַמפּאַניעס די לענדער פון יידישן
ישוב, ווי אַמעריקע, 1927, לעטלאַנד,
האַרבסט 1928, אאַז"וו.—צוגלייך מיט זיין
פּאַרטיי=ציוניסטישער אַרבעט האָט אויך
ניט אויפגעהערט ר'ס ליטעראַריש=וויסנ=
שאַפטלעכע טעטיקייט. דעביוטירט מיט אַן
אַרטיקל „צו דער פאַראייניגונג פון די
אידישע נאַציאָנאַל=סאָציאַליסטישע פּאַר=
טייען" אין זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע
לעבען" 1910, III—IV, האָט ער זיינע
ערשטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן פאַר=
עפנטלעכט אין דער ЕЭ (די געשיכטע
פון די קהילות מינסק און אולם, אַ סעריע
אַרטיקלען פון די משיח=באַוועגונגען —
שבתי=צבי — איבערגעזעצט אויף יידיש
אין ריגער „פרימאָרגן", נאָוועמבער
1928, — יעקב פראַנק, שמואל פרימו,
אברהם יאַכיני א"אַ) און אין דער קוואַרטל=
שריפט פון זיין לערער ש. דובנאָוו
Евр. Старина (וועגן דער שבתי=צבי=
באַוועגונג אין אוקראַינע, אונגאַרן אאַז"וו);
אויפן געביט פון דעם פסעוודאָ=משיחיזם
האָט ער אויך שפעטער פאַרעפנט=
לעכט אַ ריי אָפּהאַנדלונגען אין „השלח",
„האדמה", „רשומות", „הגורן" (אין דעם
יובל=העפט — אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דעם
מיטלעלטערלעכן היסטאָריאָגראַף דוד קאָנ=
פאַרטי, דעם מחבר פון „קורות הדורות")
א"אַ. ער האָט זיך אויך באַטייליקט מיט
פּאָליטישע און היסטאָרישע אַרטיקלען
אין Ost und West 1915 (וועגן דער
לאַגע פון די יידן בשעת דער 30=יעריקער
מלחמה), Der jüdische Wille, בערלין
1917, I—III („די ערשטלינגער פון דער
אַנטי=ידונג" — וועגן עדואַרד גאַנס און
זיין קרייז), „אידישען פּאָלק" 1917 (וועגן
דער יידנפראַגע אויף די שלום=קאָנגרעסן
אין XIX י"ה), אין „יודישען פּאָלק",
וואַרשע 1917 („פיר הונדערט יאָהר טער=
קישע פּאַלעסטינאַ"), אין Jüd. Rundschau
1916—18, בובערס Der Jude, דער=
הויפט אין די ערשטע צוויי יאָרגענג,
אין „צוקונפט" 1927 (וויכטיקע נאָטיץ
צו דער געשיכטע פון „שמואל=בוך"),
אויך א"פ R. Salman. אין באַזונדערע
אויסגאַבן זיינען אַרויס זיינע אַרבעטן:
„די זעבסטפאַרוואַלטונג פון די יידן אין
זעלבשטענדיקן פוילן" (דייטש, אָפּדרוק
פון Der Jude, בערלין, 1916); „מאַרקס
וועגן יידנטום און יידנטום אין מאַרקס"
(בערלין, 1919; אין העברעיִש — אין
„האדמה", תר"פ, I); „גענן אָדער ניט
געהן צום ציוניסטישען קאָנגרעס" (ווין,
1919), און זיין הויפּטווערק „תולדות
בקרת המקרא", פאַרפאַסט צוזאַמען
מיט ד"ר מ. סאָלאָווייטשיק (פ"ג „דביר",
1925; נאָך פאַר דער מלחמה האָט ר',
אגב, איבערגעזעצט אויף העברעיִש
דאָס בוך פון מ. סאָלאָווייטשיק „ראשי
פרקים במדעי המקרא", פ"ג מוריה", אָדעס);
„על תלי בית פרנק / רשמים מאופיבך",
מיט בילדער. זיין זאַמלונג „מאַטעריאַלן
צו דערווירטשאַפטלעכער און פּאָליטי=
שער געשיכטע פון די יידן אין פוילן
אין XV—XVII י"ה", וואָס ער האָט אָנ=
געהויבן אין דער בערלינער געמיינדע=
ביבליאָטעק אין אויפטראָג פון דער
היסטאָריש=עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט
פון פט"ב, לויט שאלות=ותשובות און
ספרי דרוש, ווערט פאַרעפנטלעכט אין
די שריפטן פון דער היסטאָרישער סעק=
ציע פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינ=
סטיטוט א"ר פון א. טשעריקאָווער.
אַרבעט אויך אויף אַ פולשטענדיקער
אויסגאַבע פון יידישע טעקסטן אין די
שו"ת און דער אַלטער העברעיִשער לי=
טעראַטור בכלל. האָט זיך באַטייליקט
אין דער פ"צ=פרעסע אויף יידיש און
העברעיִש, ווי „אַחדות" (1911), „געדאַנק"

(1912), „דער יודישער אַרבייטער“, „אַרבייטער = צייטונג“, „אַרבייטער = וואָרט“, „צייט“ (נ״י), „קונטרס“ א״אַ, רעדאַקטירט די זמ״ב „אויף דער שוועל / זאַמעלהעפטען פאַר פּ״צ'ישע טעאָריע און פּראַקטיק“ (בערלין, 1918), פון וועלכע דאָס ה' צוויי איז געווידמעט דעם הונדערטסטן געבורטסיאָר פון קאַרל מאַרקס און אַנטהאַלט אַרטיקלען פון פרידריך ענגעלס, קלאַראַ צעטקין, קאָנראַד שמידט, נחמן סירקין („מאַרקס און דער סאָציאַליזם“) און ז. ר' („מאַרקס וועגען יודענטום און יודענטום אין מאַרקס“).

רובין (ראַבינאָוויטש) **איסר=משה הלווי** (1871 —) געבּ' אין קיידאַן, קאָוונער געגנט, וואו זיין פאָטער, אַברהם, איז געוועזן אַ מוכר=ספרים. האָט

געלערנט ביי זיין זיידן, ר' נחום ליפשיץ, צו 14 יאָר אַריין אין דער קאָוונער גימנאַזיע, אָבער צוליב פאַרשיידענע סיבות געמוזט זי פאַרלאָזן און דאַן אָנגעקומען אין ווילנער יידישן לערער=אינסטיטוט. אַרום 1892 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. — האָט זיך זינט 1887 באַטייליקט אין דעם פּט״ב'ער טאָגבלאַט Свѣтъ א״ר פון קאָמאַראָוו, אויך אין „המליץ“, אין נ״י געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם „טעגליכען העראָלד“ א״ר פון מיכאל מינץ, וואו געשריבן זייער פיל אַרטיקלען, אויך אַנאָנים, זיך אויך באַטייליקט אין „הפסגה“, „העברי“, „אידישען רעקאָרד“, „גאַליציאַנער וואָכענבלאַט“, „וואַרהייט“, „טאָג“ א״אַ, נאָכן טויט פון ד״מ הערמאַלין איבערגענומען די רובריק פון דער אַזוי=גערופענער 8טער זייט אין „טאָג“, וועלכע ער פירט עד=היום א״פ ר', פירט אויך די אָפּטיילונג פון בריוו=קאַסטן. האָט איבערגעזעצט אויף יידיש עטלעכע ראָמאַנען, אַרויסגעגעבן אין העפטן פון ס. לעצקי. פון זיינע ראָמאַנען אין בוכפאָרם קענען מיר פאַרצייכענען „די ווייסע שקלאַפינס“ (פּ״ג „וואַרהייט“, נ״י) און „איבער געלד און עהרע“ (נ״י).

„חכמי ישראל באמריקא“.

רובין גבריאל (1870 —) געבּ' אין דאָלהינאָוו, ווילנער געגנט, אַלס זון פון אַ הייסן ליבאַוויטשער חסיד. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר, דאַן געבליבן אַ יתום, און די מוטער, אַ וואוילקענעוודיקע, מיט אַ שטיקל ידיעה אַפילו אין גמרא, אַ ליבהאָבערין פון מעשה=ביכלעך, וועלכע זי פלעגט פאָרלייענען אויך פאַר די קינדער און באַקאַנטע, האָט אים געשיקט לערנען אין דער ישיבה קיין ווילנע, וואו ער איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון די אויפגעקלערטע, האָט זיך באַקענט מיט דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור. אָנהייב די 90קער יאָרן האָט ער פאַרפאַסט אַ ראָמאַן „די שיינע מערדערין“, וועלכער איז נאָכדעם געדרוקט געוואָרן (ווילנע, 1889). ער האָט אויך פאַרפאַסט נאָך אייניקע זאַכן, אָבער האָט ניט געהאַט פאַר זיי קיין פאַרלעגער. צוליב דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע איז ער אָנהייב יאָרהונדערט אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער האָט געזוכט זיך צו דערשלאָגן צו אַ תכלית, פון צייט צו צייט אויך פאַרעפנטלעכט זאַכן אין די דאָרטיקע צייטונגען. שפּעטער צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד און וואוינט לעצטנס אין מינסק.

רובין ישראל (12/VI 1890 —) געבּ' אין ראַדאָשקאָוויטש, ווילנער געגנט. זיין פאָטער, יחזקאל, אַ אינוואַליד פון דער רוסיש=טערקישער מלחמה, האָט אַדאַנק זיין אויסערגעוויינ=

לעכער ענערגיע, גיט קוקנדיק אויף זיין פיזישער שוואַכקייט, זיך דערשלאָגן צו אַ געוויסן וואוילשטאַנד. ר׳ האָט געלערנט אין חדר און דער ישיבה און אַדאַנק

זיין עלטערן ברודער, אַ משכיל, זיך פריי באַקענט מיט דער העברעיִשער ליטעראַטור, דורכגעמאַכט אַ פאָלקסשול, ייִנגלווייז אַריין אין „בונד" און שוין צו 14 יאָר אויפגעטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען אין ראַדאָשקאָוויטש, ווי אויך אין די אַרומיקע שטעטלעך, שפּעטער אַריבער צו די ס״ס, צוליב דער באַוועגונג געמוזט פאַרלאָזן דאָס שטעטל, 3 מאָל געווען אַרעסטירט, געווען אַ עקסטערן אין מינסק, דאַן אָנגעקומען אין סאַראַטאָװער טעכניקום, אָבער צוליב פּאָליטישער אומלאָיאַליטעט תּיכף אויסגעשלאָסן געוואָרן. שפּעטער געענדיקט די גראָדנער פּעדאַגאָגישע קורסן פון דער „חברה מפיצי השכלה" און זיך אָפּגעגעבן דער פּעדאַגאָגישער טעטיקייט, בשעת דער מלחמה געאַרבעט אַלס לערער און אינסטרוקטאָר פון די יידישע שולן אין מינסק, דערנאָך אין ווילנע און וואַרשע, געווען אויך אינסטרוקטאָר פון די יתומים־הייזער פון „דזשאָינט" אין פּוילן, 1921—23 אַלס מיטגליד פון פּעדאַגאָגישן אַמט פון דער ציש״אָ אין וואַרשע מיטרעדאַקטירט „די נייע שול", רעדאַקטירט אַ ריי איינמאָליקע אויסגאַבן פון דער ציש״אָ, ווי „די יידישע שול אין בילד און וואָרט", „י״ל פּרץ" א״אַ. 1923 — 26 שטודירט אויף דעם פילאָסאָפישן פאַקולטעט פון יענער אוניווערסיטעט און באַקומען דעם טיטל ד״ר פאַר זיין דיסערטאַציע „קליין קינד און דערוואַקסענער" (ביים באַקאַנטן פּעדאַגאָג פּראָפ. ד״ר פּעטער פּעטערסאָן); אין דער דאָזיקער פּעדאַגאָגיש־פּסיכאָלאָגישער אַרבעט (פ״ג Pegas, יענאַ, 1926) איז אַ באַזונדערער קאַפּיטל געווידמעט „דעם יידישן קינד אין תּנך און תּלמוד". — זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן מיט קאָרעספּאָנדירן אין „הזמן" 1905, מיט רעדאַקטירן אַ העקטאָגראַפירט פאַרטייִש יוגנט־בלעטל „דער מזיק", שפּעטער אַ געוויסע צייט רעדאַקטירט אַ רוסיש טאָגבלאַט אין זשיטאָמיר Волынская Молва, זיך באַטייליקט מיט אַרטיקלען אויף געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע, פּעדאַגאָגישע און ליטעראַרישע טעמעס אין Вѣстникъ Опе, „הגנה", קיעווער „שול און לעבן", ווילנער „נייע שול" און „שול און היים", אין די פּאַרטיי־אויסגאַבן פון די „פּאַראייניקטע", ווי „דער אידישער אַרבעטער" (אָדעס), „דער נייער וועג" און „אונזער וואָרט" (וואַרשע), און אין דער אַלגעמיינער יידישער פּרעסע, ווי ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן", ווילנער „טאָג", „היינט", „מאָמענט", „ליטעראַרישע בלעטער", זעצערס „וואָרט", חודש־זשורנאַל „די נייע געזעלשאַפט", די זמ״ב „פרייע שריפטן" II — I („צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער איצטיקער יוגנט") אאַז״וו, אויך א״פּ י. ר. כעזין, י. ראובני, איך. אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכלעך פאַר קינדער, ווי דער „קאַצנ־מלך" (פ״ג „בלימעלאַך", אָדעס, 1918), אַ זאַמלונג לידער און מעשהלעך „פאַר דער קינדערהיים" (פ״ג בלעטניצקי, אָדעס), „דער דין־תּורה מיט אַ קלאָץ" (פ״ג „קולטור־ליגע", ביאַליסטאָק, 1920), קינדערשפּילן, ווי „צווישן שריפטשטעלער" — מאָזאַיִשער אַלף־בית (ווילנע, 1921), אַ גרעסערע צרבעט „קינדער אין דער יידישער ליטעראַטור" (אין רוסיש, פ״ג Заря, מאָסקווע).

גיט זיך די לעצטע יאָרן אָפּ מיט שאַפן
פּאָפּולערן לייענמאַטעריאַל וועגן פּראַגן
פון קינדער=פּסיכאָלאָגיע און דערציִונג
פאַר די ברייטערע עלטערן=קרייזן, פאַר=
עפנטלעכט אַ סעריע „בריוולעך צו טאַטע=
מאַמע" אין אַ ריי צייטונגען, ווי דער
„טאָג", „מאָמענט", „היינט", „בראַזיליאַ=
נער אידישע פּרעסע", ריגער „פרימאָרגן",
„פאָלקס=געזונט", אַרויסגעגעבן אויף דעם
געביט אויך אייניקע בראָשורן, ווי: „די
מאַמע און איר ראָל אין דערציִונג פון
קינד", „די טראַגעדיע פון בן=יחיד",
„קינדער=שפּיל אַלס לעבנס=ערנסט" (כ"ג
„קינד", עלטערן=ביבליאָטעק, אַרויסגעבער
מ. קרימבערג, בערלין, 1927). פון זיינע
גרעסערע אַרבעטן אויפן געביט פון פּסי=
כאָלאָגיע און דערציִונג זיינען אין בוך=
פאָרם אַרויס: „דעפעקטיווע קינדער אין
דער יידישער ליטעראַטור" — מיט אַ
פאָרוואָרט פון ד"ר ה. קאָוואַרסקי (פ"ג
פון ליטעראַטן= און זשורנאַליסטן=פאַראיין
אין ווילנע, ז' VI+78); „פון כעזילעס
טאָגבוך / באַאָבאַכטונגען איבער דער
פּסיכאָפיזישער אַנטוויקלונג פון אַ קינד
פון זיין געבוירן ביז צום 5טן לעבנס=
יאָר" (פ"ג „קינד", וואַרשע, 1923); „קינד
און דערוואַקסענער"—פּסיכאָלאָגישע שטו=
דיע, מיט צייכענונגען (ווילנער פ"ג ב.
קלעצקין, 1925); „דער יונגער מענטש און
זיין אַנטוויקלונג" — די פּסיכאָפיזישע
אַנטוויקלונג פון מענטשן, פון וויג ביז
צום יוגנטעלטער, אין 3 ט' מיט צייכע=
נונגען (פ"ג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1 ט' —
1927); „פּעסטאַלאָצי אַלס פּעדאַגאָג און
פילאָזאָף" (פ"ג „קולטור=ליגע", וואַרשע,
1928); „די געשיכטע פון דערציִונג"
(ביילאַגע צו דעם זשורנאַל „די נייע
שול"). זיך אויך באַטייליקט אין די צייט=
שריפטן Neue Erziehung, Zeitschrift für
pädagogische Psychologie, Организа-
ция Труда א"אַ, פאַרעפנטלעכט אַ ביכל
Unter dem Zarenjoch — אַ זאַמלונג פון
רעוואָלוציע=קוריאָזן אונטער פּסיכאָלאָגישן
שטאַנדפּונקט (פ"ג Viktoria, בערלין).
וואוינט אין בערלין, וואו ער איז באַ=
שעפטיקט אַלס אָנגעשטעלטער אין „עמיג=
דירעקט" און קאָרעספּאָנדענט פון פאַר=
שיידענע יידישע צייטונגען.

רובין ישראל (1900 —)

געב' אין גאָוואַרטשאָוו, ראָדעמער געגנט,
אין אַן אָרעמער פאַמיליע. פון דער מו=
טערס צד — אַן אוראוראייניקל פון דעם
„ייד הקדוש" פון פּשיסכע, אַן אוראייניקל
פון קאָרעוועער רבין ר' משה=שמעון און
פון ראָדעמער רב ר' חיים. צוליב אַ
שרפה האָבן זיך די עלטערן אַריבערגע=
צויגן קיין לאָדז, וואו ער וואוינט עד=
היום. פון פיר יאָר אָן געלערנט אין
חדר, ייִנגלווייז אַרויסגעוויזן פעיִקייטן
צום מאָלן, אַלס אַוטאָדידאַקט זיך אויס=
געלערנט פרעמדע שפּראַכן און זיך באַ=
קענט מיט זייערע ליטעראַטורן, פרי
אָנגעהויבן צו שרייבן און צו 14 יאָר
שוין געדרוקט לידער אין דער לאָדזער
יידישער פּרעסע, שפּעטער אַריבער דער=
הויפּט צו נאָוועלן און סקיצן, פון וועלכע
„טומטום" און „סיבאַשעפעניש" שילדערן
סעקסועל=קראַנקע מענטשן. אייניקע פון
זיינע לידער זיינען איבערגעזעצט גע=
וואָרן אויף פויליש. זיך אויך געדרוקט
אין „היינט", אין „ספעלד", אויך א"פ שבתאי
ציטער, ישראל רין א"אַ. 1920 געדינט
אין פוילישן מיליטער פון גענעראַל
זשעליגאָווסקי. אין בוכפאָרם א"פ י.
ראָזענטאַל פאַרעפנטלעכט „די קללה פון
בלוט / ראָמאַן פון יודישען לעבען פון
דער לעצטער צייט" (פ"ג ל. גאָלדפאַרב,
1926, I ט', ז' 96).

רובין משה (1856 —) געב' אין איזמאַיל, בעסאַראַביע, אין אַן אָרעמער משפחה. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, אויפגעוואַקסן אין אַ חסידישער סביבה, געלערנט ש"ס, פּוסקים און חקירה־ספרים, זיך גרייטנדיק צו רבנות, אָבער צו 20 יאָר געוואָרן אַ „הציץ ונפגע־ניק", זיך גענומען צו דער השכלה־ליטעראַטור אין העברעיִש, דערנאָך אויך אין יידיש, אין רוסיש און אין דייטש. זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן מיט קליינע קאָרעספּאָנדענצן אין „המליץ", דערנאָך זיך באַטייליקט אין „הצפירה" און „היום", געוואָרן אַ „מטיף לאומי", רעפערירט אין בעסאַראַביע אויף פאַרשיידענע טעמעס. אין 1906 אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע, וואו אין משך פון איבער 20 יאָר מיטגעאַרבעט אין די פאַרשיידנסטע יידישע און העברעיִשע צייטשריפטן פון לאַנד, ווי „דער ציוניסט", „די אידישע האָפענונג", „די אידישע וועלט", „דער פערטהיידיגער", „פאָלקסבלאַט", „אידיש אַרגענטינער וואָכענבלאַט", „דער טאָג", „די אידישע צייטונג", „אַוועזשאַנעדער שטימע" א"אַ, אויך אויפגעטרעטן אַלס רעפערענט, זינט 1924 שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם הומאָריסטישן וואָכנבלאַט „פּנים'ער און פּנים'לאַך", וואו ער פירט אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג „די סדרה פון דער וואָך", אָנלענענדיק פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע ענינים אויף די געהעריקע שטעלן פון דער פּרשה. אַחוץ זשורנאַליסטישע אַרטיקלען געשריבן אויך דערציילונגען (צ"אַ די היסטאָרישע דערציילונג „גבריאל דע קאָסטאַ" — אין דער ליטעראַרישער ביילאַגע צו „דער אידישער צייטונג", 1922), היסטאָרישע לעגענדעס, באַאַרבעט ראָמאַנען (ווי, למשל, „פהילאָן און אַפּיאָן" — פאַר „דער אידישער צייטונג"). איינער פון די פּיאָניערן פון דער יידישער פּרעסע און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַרגענטינע, פאַר וועלכער ער האָט פיל אויפגעטאָן אויך אַלס פאָלקסרעדנער.



משה ר', „אַ לויפענדער איבערבליק איבער די אידישע צייטונגען אין אַרגענטינע", אין צעניעריקן יובליי־נומער פון „דער אידישער צייטונג"; אווטאָביאָגראַפישע נאָטיץ, אין „פּנים'ער און פּנים'לאַך", 1926, 120; דוד גאָלדמאַן, „די יודען אין אַרגענטינע".

רובין ס. (18... —) אַמעריקאַניזירטער נאָמען פון שמואל ראַבינאָוויטש. געב' אין בעלץ, בעסאַראַביע, אין אַ משפחה פון לומדים, שוחטים און רבנים. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, אָבער אַדאַנק זיין מוטערס פאָטער, אַ משכיל און אַן „אפּיקורס", האָט ער אויך געלערנט (מיט דעם זיידן טאַקע) תנך און די העברעיִשע ליטעראַטור, צו 12 יאָר אויך אָנגעהויבן זיך אָפּצוגעבן מיט דער רוסישער שפּראַך און זיך באַקענט מיט דער רוסישער ליטעראַטור. שפּעטער צוליבן שטרעבן נאָך רעליגיעזער פרייהייט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער איז באַשעפטיקט אַלס קרעמער. — ר' האָט פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט סקיצן, מאָנאָלאָגן, שטימונגס־זאַכלעך אין „קענעדער אָדלער", פילאַדעלפיער „אידישער וועלט", „טאָג", אויך אין „דער צוקונפט" (די ערשטע יאָרגענג) א"אַ, דאָס רוב אונטער זיין אָריגינעלן נאָמען, אויך א"פ ניבור.

רובינאָוו לעאָן (20/I 1873 —) געב' אין דאָרף בעמקאָווקע, קאָבעליאַקער קרייז, פּאָלטאַווער גוב', אַלס זון פון אַ שוחט, וואָס האָט געשטאַמט פון דאָלהינאָוו, ווילנער געגנט. קינדווייז געבליבן אַ יתום, געלערנט אין דער פּאָלטאַווער תּלמוד־תּורה און אין קליינעם בית־מדרש אין מינסק, אונטער דער ווירקונג פון קלמן שולמאַנס ווערק געלאָזט די ישיבה, זיך צוריקגעקערט קיין פּאָלטאַווע און זיך גענומען צו השכּלה און דער רוסישער ליטעראַטור, געווען אונטער דער השפּעה פון דעם אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם, 1893 אָנגעהויבן זיין ציוניסטישע טעטיקייט אַלס גרינדער פון אַ יוגנט־גרופּע ביי די חובבי־ציון אין פּאָלטאַווע, וועלכע איז געווען באַאיינפלוסט פון ד"ר נ. בירנבוים, דעמאָלט רעדאַקטאָר פון דער Selbstemantipation, און האָט באַקעמפט דעם פילאַנטראָפּישן קורס פון דעם אָפיציעלן „אָדעסער קאָמיטעט"; שפּעטער איז די דאָזיקע גרופּע געוואָרן דאָס קעמערל, וואוהין עס זיינען אַריינגעדרונגען די ערשטע אידעען פון פּאָליטישן ציוניזם, מיט וועלכער באַוועגונג ר' איז פאַרבונדן עד־היום אַלס פּאָפּולערער אַגיטאַטאָר און דעלעגאַט כּמעט צו אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן. 1918 אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער פּאָלטאַווער יידישער קהילה, געווען פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער פּראַקציע אין סעקרעטאַריאַט פון דער צייטווייליקער יידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין אוקראַינע, שפּעטער זיך באַזעצט אין ווילנע, וואו ער איז טעטיק אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. — נאָך ייִנגלווייז אָנגעהויבן צו שרייבן, האָט ער צו 16 יאָר פאַרפאַסט אַ ראָמאַן אויפן שטייגער פון אייזשען סיו, פּאָנסאָן די טיראַיל און שמ"ר, וועלכער איז שפּעטער אָן זיין וויסן אָפּגעדרוקט געוואָרן. דעביוטירט אין דער ליטעראַטור האָט ער מיט דער דערציילונג Книго-ноша אין Восходъ, 1894, IX (אויך איבערגעזעצט אויף העברעיִש פון חיים מעלניק א"נ „מוכר ספרים", קראָקע 1900, ז' 38), זינט דאַן פאַרעפנטלעכט דערציילונגען אין Восходъ, Будущность, Еврейское Слово (אַרויס אַ קורצע צייט אין קעשעניעוו), Разсвѣтъ א"אַ. אין די דאָזיקע דערציילונגען האָט ר' מיט אַ אָבסערווירונגס־קראַפט און מיט ליבע געשילדערט דעם לעבנסשטייגער פון דעם דרום־רוסלענדישן יידנטום אין יענער גאַנצער און אומבאַרירטער געשטאַלט, אין וועלכער ער איז געווען בנמצא נאָך מיט אַ 40 יאָר צוריק. אין זיין ראָמאַן Безъ Почвы (1904 Евр. Жизнь) האָט ער געשילדערט דעם קאַמף צווישן די נאַציאָנאַל געשטימטע און אַסימילאַטאָרישע עלעמענטן אין דער סביבה פון דער יידישער יוגנט פון יענער צייט. אַן אַנדער ראָמאַן זיינער Дѣтскiе годы, (Восходъ 1898) איז געבליבן ניט פאַרענדיקט צוליב די ספקות זיינע אין דער צוועקמעסיקייט פון זיין „רוסישער" ליטעראַרישער טעטיקייט. זיין ערשטע דערציילונג אין יידיש — „אַ קרבן" — פאַרעפנטלעכט אין דער ווילנער „צייט" א"ר פון בנציון כּץ, 1906, 51 — 52, האָט ער אינטענסיוו אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש ערשט אין די מלחמה־יאָרן, געדרוקט פּובליציסטישע אַרטיקלען אין קיעווער „טעלעגראַף", „טריבונע" און לעצטנס אין דער ווילנער „צייט", אין זיין גרעסערן אַרטיקל „דער קולטור־קאַמף צווישן די אידישיסטען און העברעיִסטען אין פּוילען" („צוקונפט", 1928, V) האָט ער געפּרוווט פאָרמולירן זיינע פּשרה־אָנשויונגען אין דער אָנגעווייטאָגטער שפּראַכגפראַגע. אַ

קורצע צייט האָט ר׳ רעדאַקטירט אַ רוסישע צייטונג Лубянские Отклики.

XIII ,ЕЭ.

רובינשטיין מאַקס (23/I 1876 —) געב׳ לעבן וואָלקאָוויסק, גראָדנער געגנט. אין עלטער פון איין יאָר געבליבן אַ יתום, איז ער דערצויגן געוואָרן ביי זיין פאָטערס פאָטער, דעם סעמיאַטיטשער רב, ר׳ יצחק־הירש, ביז 16 יאָר געלערנט תּלמוד, גלייכצייטיק אויך זיך באַקענט מיט דער העברעישער השכלה־ליטעראַטור, וועלכע האָט אונטערגעגראָבן זיין פרומקייט. נאָכן זיידנס טויט אַוועק קיין וואַרשע, וואו זיך באַקענט מיט ליפּע נאָוואָגרודסקי, אַ משׂכּיל און אַ ראַדיקאַל מיט זעלטענע פעיִקייטן, אַ גרויסע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט (זע וועגן אים א. רייזענס „עפּיזאָדן״), שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון אים, אָבער זיך צוריק אַוועקגעריסן צו דער גמרא—צוערשט אַלס ישיבה־בחור אין זאַבלודאָווע, דערנאָך אַלס פּרוש אין אײשישאָק. נאָך דער גרויסער שׂרפה אין איישישאָק — 1896 ווידער אַוועק קיין וואַרשע, אַריין אין ליפּע נאָוואָגרודסקיס קרייז, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון דעם צו יענער צייט געגרינדעטן „בונד״, אויפגעטרעטן אין דעבאַטן קעגן דעם ציוניזם, פאַר אַ ראַדיקאַלן, סאָציאַליסטישן זמ״ב, וואָס האָט געזאָלט אַרויסגיין א״ר פון י״ל פּרץ, אָנגעשריבן זיינע ערשטע צוויי אַרטיקלען, „זשאַרגאָן אַלס יודישע נאַציאָנאַל־שפּראַכע״ און „דאָס צוואַנציגסטע יאָהרהונדערט״, אָבער צוליב דעם אַרעסט פון י״ל פּרץ, ר׳, ספּעקטאָר א״אַ (אַווגוסט 1899) איז דאָס זמ״ב ניט אַרויס און די צוויי אַרטיקלען זיינען שפּעטער פון דער רעדאַקציע איבערגעגעבן געוואָרן א. רייזענען פאַר זיין זמ״ב „דאָס צוואַנציגסטע יאָהרהונדערט״, וואו זיי זיינען אויך ערשינען. 1901 אַרויס פון וואַרשעווער ציטאַדעל, איז ר׳ אַנטלאָפן קיין קראָקע, וואו ער איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון דער פּפּ״ס און דער פּוילישער קולטור בכלל, 1902 אַריבערגעפאָרן קיין לאָנדאָן, רעדאַקטירט די יידישע אָרגאַנען פון דער פּפּ״ס „דער אַרבייטער״ און „די פּראָלעטאַרישע וועלט״, א״פּ ר. מיכעלזאָן, איבערגעזעצט און קאָמפּילירט אַ סך בראָשורן פון פּויליש, ווי „העשעל דער שניידער״, „וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן״, „ט. קאָסציושקאָ״ א״אַ. סוף 1903 צוריקגעקומען קיין גאַליציע, רעדאַקטירט „די יודישע פאָלקסצייטונג״—דעם אָרגאַן פון פּפּס״ד אין לעמבערג. 1904, ווען א. רייזען איז געקומען קיין קראָקע, וואו ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די וואָכנשריפט „דאָס יודישע וואָרט״, איז ר׳ אויך אַהינצו אַריבערגעפאָרן און מיטגעאַרבעט אין יעדערן פון ד 12 ערשינענע נומ׳ פון דעם וואָכנבלאַט. גלייכצייטיק האָט ער ווייטער רעדאַקטירט דעם פּפּ״סישן „אַרבייטער״ און די „יודישע אַרבייטער־צייטונג״ פון פּפּס״ד אין קראָקע, 1905, נאָך איידער דער גרינדונג פון דעם „בונד״ אין גאַליציע. 1906 אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, וואו ער האָט צוערשט אַרויסגעגעבן אין אַ געהיימער דרוקעריי „דעם אַרבייטער״ (פון נומ׳ 20 ביז דעם לעצטן—67) און דאַן דעם לעגאַלן אָרגאַן פון דער פּפּ״ס „די פּראָלעטאַרישע וועלט״—צוערשט אין ווילנע, דאַן אין וואַרשע (זע פיליפּ קראַנץ—דעם רעדאַקטאָר פון די ערשטע 2 נומ׳); גלייכצייטיק האָט ער צוגעגרייט צום דרוק אַ ריי איבערזעצונגען פאַר דער פּפּ״ס, וואָס ער האָט בכלל רעדאַקטירט אַלע אירע יידישע אויסגאַבן זינט 1903. 1907 געצוואונגען צו אַנטלויפן פון וואַרשע,

אוועק קיין אַמעריקע, וואו מיט־געאַרבעט אין „צוקונפט" און א. רייזענס „דאָס נייע לאַנד", 1908—9, ד"ר ח. זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבען", ש. יאַנאָווסקיס „די נייע צייט" (?), געווען אַ שטענדיקער מיט־אַרבעטער פון דעם וואָכנבלאַט „דער אַרבייטער" א"ר פון יוסף שלאָסבערג ביז זיין אונטערגאַנג, שפּעטער זיך אויך באַטייליקט אין ק. פאַרנבערגס „ליטעראַ־טור און לעבען", אין „פ. א. ש.". אַרום 1917 זיך צוריקגעצויגן פון דער ליטעראַ־רישער טעטיקייט. וואוינט אין Bound Brook, ניו־דזשוירזי. פון זיינע אַרבעטן איז אין בוכפאָרם אַרויס „וועגען תּורת משה" (פ"ג א. ברעסלער, וואַרשע, 1908).

רובינשטיין צבי־הירש (1/II 1889—) געב' אין לעמבערג. זיין פאָטער, בעריש, איז געווען אַ גרויסער סוחר, די מוטער האָט אים אַרויסגע־האָלפן אין זיינע געשעפטן און אין דער פרייער צייט געשריבן פּערזן. געלערנט אין דער 4טער לעמ־בערגער גימנאַזיע ביזן 8טן קלאַס, אין דער היים גע־

לערנט תּנך און גמרא ביז 16 יאָר, צו 13 יאָר אָנגעהויבן צו שרייבן לידער אין פּויליש, צו 21 יאָר אַוועק קיין אַמעריקע, וואו צוערשט זיך געדרוקט אין דייטשע צײַ־טונגען, דערנאָך אין יידישע, זינט דאַן זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון אַמעריקע, צו געוויסע צייטן רעדאַקטירט פאַך־זשור־נאַלן, אויך איין נומ' פון אַ ליטעראַרישן זשורנאַל א"ט „מיט בלאַסע הענד", מיטגעאַרבעט אין „וואַרהייט" און „פאָרווערטס", זינט דעצעמבער 1919 שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „טאָג", וואו ער איז אַ לאַנגע צייט געווען רע־דאַקטאָר פאַר אַרבעטער־ענינים, זינט 1922 רעדאַקטאָר פאַר שטאָטישע ענינים, שרייבט הומאָרעסקעס און פעליעטאָנען, אויך פאַרשיידענע זשורנאַליסטישע אַר־טיקלען, אויך א"פ צהר, א. גאַליציאַנער, א. לעמבערגער, שרה ווייץ (זיין פרויס פאַמיליענאָמען), א. בליץ, הערשעלע פּע־שיס, רובי, בן דוד, נעהמט אים א"א. האָט געשריבן די זכרונות פון דער באַרימטער אַרטיסטין בערטע קאַליש (אין „טאָג", 1925, לעצטער קאַפּיטל 14/XI), א"ט „מיין לעבען".—זיין ערשטע סקיצע אין יידיש א"ט „דער משוגענער יצחק", צוערשט געדרוקט אין אַ פּראָווינציעלער צייטונג און איבערגעדרוקט אין אַ ריי אַנדערע צייטונגען, איז אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ ענגלישער מאַנאַטשריפט.

Who's Who in American Jewry, 1926.

רובינשטיין ראובן (1891 —) געב' אין אוטיאַן, קאָוונער געגנט. געענדיקט כּהנס רוסיש־יידישע גימנאַזיע אין ווילנע און דעם יורידישן פאַקולטעט פון פּט"ב'ער אוניווערסיטעט. געווען מיט־גליד פון רוסלענדישן ציוניסטישן מרכּז און פון אַ ריי צענטראַלע יידישע גע־זעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן אין פּט"ב. נאָכן פּראָקלאַמירן די אומאָפּהענגיקייט פון ליטע 1920 — 23 געווען יוריס־קאָנ־סולט פון דער ליטווישער געזאַנדטשאַפט אין מאָסקווע. זיין זשורנאַליסטישע טע־טיקייט אָנגעהויבן אין רוסישע אויסגאַבן, געווען רעדאַקטאָר פון ציוניסטישן אָרגאַן Евр. Студентъ, מיטגליד פון דער רע־דאַקציע פון Разсвѣтъ, פון Библіотека евр. семьи и школы, 1916 אַריבער צו יידישער זשורנאַליסטיק, געווען אינעווייַ־ניקסטער מיטאַרבעטער פון „פּעטראָגראַ־דער טאָגבלאַט" א"ר פון יצחק גרינבוים,

וואו געפירט די פּרעסע=אָפּטיילונג און
געשריבן אַרטיקלען, דערהויפּט איבער
יידישע געזעלשאַפטלעכע פראַגן. האָט
אויך פאַרעפנטלעכט בראָשורן איבער
קהילה=פראַגן און איבער דער באַלפור=
דעקלאַראַציע. זינט 1923 רעדאַקטאָר פון
דער ציוניסטישער טעגלעכער צייטונג
„די אידישע שטימע" אין קאָוונע, וואו
ער שרייבט איבער פּאָליטישע און גע=
זעלשאַפטלעכע פראַגן. 1924 געגרינדעט
און רעדאַקטירט אַ אילוסטרירט וואָכנ=
בלאַט „די וועלט", וואָס איז 1925 אַרי=
בערגעטראָגן געוואָרן קיין בערלין און
ערשינען אַלס ביילאַגע צו „דער אידי=
שער שטימע", ווילנער „צייט", ירושלימער
„הארץ" (בלויז דער אילוסטרירטער
טייל), ביז עס האָט זיך אין דעם זעל=
ביקן יאָר געשלאָסן. געווען רעדאַקטאָר
פון דער ערשטער ליטוויש=יידישער צווי=
וועכנטלעכער צייטשריפט „Musu Gar-
sas" („אונזער קלאַנג"). שרייבט אויך
א"פ י. ר., כרמי, ר. כ. און בן.

רובינשטיין שמואל (1885–)
געב' אין דרימער, קיעווער גוב', אין אַ
פאַרמעגלעכער חסידישער פאַמיליע, וואָס
שטאַמט פון באַרדיטשעווער רב. זינט
1903 זיך באַטייליקט אין דער בונדישער
באַוועגונג, אין יענעם יאָר מיטגעאַרבעט
ביים אַרויסגעבן דאָס „קיעווער פלוגבלאַט"—
די ערשטע און אפשר איינציקע אומלע=
גאַלע יידישע בונדישע אויסגאַבע אין
קיעוו, אָנגעשריבן אייניקע פּראָקלאַמאַציעס
פאַר קיעוו, באַרדיטשעוו, זשיטאָמיר, זיך
אויך באַטייליקט אין Кіевская Мысль,
אין די רוסישע סאַטירישע זשורנאַלן פון
1905, געווען פאַרשיקט אין אַרכאַנגעלס=
קער גוב', וואו פאַרעפנטלעכט אַ סעריע
עטנאָגראַפישע און פּאָלקלאָריסטישע אַר=
טיקלען אין דעם זשורנאַל Извѣстія
Общества изученія Сѣвера» 1917 — 18
געווען אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון דער
בונדישער „פאָלקסצייטונג" אין קיעוו און
אַלס ביילאַגע צו איר רעדאַקטירט דאָס
וויצבלאַט „צינגל", זיך אויך באַטייליקט—
אויך א"פ רויטער יקנה"ז, שמואליק, אַ
וואונדערקינד א"אַ—אין טונקלס הומאָריס=
טישע זשורנאַלן „אקדמות" און „דער
אשמדאי", אַרויסגעגעבן די וויצבלעטער
„דער פלעדערוויש/אַ זשורנאַל פאַר הומאָר
און סאַטירע" מיט אילוסטראַציעס און
קאַריקאַטורן פון י. טשייקאָוו, א. ליסיצקי
און אברהם מאַניעוויטש (קיעוו, 1918),
און „אַ קוש אין דר'ערד אַריין" (קיעוו,
1921), פון צייט צו צייט געדרוקט אַר=
טיקלען אין דער „קאָמפּאַן", „רויטן
שטערן", „האָרעפּאַשניק", „וועקער", „מאָ=
מענט" (1923, 279 — וועגן מענדעלע
מוכר=ספרים; 1925, 233 — וועגן מ"י
בערדיטשעווסקי), „ליטעראַרישע בלעטער"
(31 — וועגן ש. אַנ—סקי), „מילגרוים"
(V — „די יידישע ליריק אין אוקראַינע")
א"אַ. — פאַרנעמט זיך מיט זאַמלען יידישן
פּאָלקלאָר, דערהויפּט שפּריכווערטער און
רעדנסאַרטן, עראָטיקאַ און רוסטיקאַ, וויצן,
פּאָלקסמעשיות אאַז"וו און פראַגמענטן פון
זיינע קאָלעקציעס פאַרעפנטלעכט אין
דער באַרדיטשעווער „פּאָלקסשטימע", אין
זיין זמ"ב „רויטער געלעכטער/אילוסט=
רירטער פלוג=אַלמאַנאַך פאַר ליטעראַריש=
געזעלשאַפטלעכער סאַטירע / רעדאַקטאָר
ניט אייער עסק" (וואַרשע, 1925, ז' 74),
אין „לאַנדוי=בוך" פון ייוו"א. האָט אין
בוכפאָרם אַרויסגעגעבן „צווישן פייער
און שווערד/בלעטלעך זכרונות וועגן ביר=
גער=קריג אין אוקראַינע 1918–1920" (פ"ג
„אמת", וואַרשע, 1923, ז' 66). בשעת
דעם בירגערקריג אין אוקראַינע 1919
קראַנק געוואָרן אויף פלעקטיפוס, וואָס
איז נאָכדעם אַריבער אין אַ פאַראַליז פון
דער לינקער זייט קערפּער און 2 יאָר

איז ער געלעגן צוגעשמידט צום בעט, די לעצטע יאָרן וואוינט ער אין אָטוואָצק, אָפּט אַרויספאָרנדיק קיין אויסלאַנד צוליב קוראַציע.

יובילײ=נומער „פאָלקסצייטונג, קיעוו, אווגוסט, 1917; מ. ז(ילבערפארב?), אין „ביכערוועלט", I (אומגינסטיקע אָפּשאַצונג פון ר'ס בוך זכרונות).

רובענטשיק אברהם=אבא (1868 —) געב' אין מינסק אין דער פאַמיליע פון אַ קליינהענדלער. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, ביז 16 יאָר געלערנט אין דער ישיבה, דאַן זיך גענומען צו אַלגעמיינער בילדונג, צוליב דער פּראָצענט=נאָרמע ניט אַריין אין דער רעאַלשול און זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג, זיך באַשעפטיקט אַלס רוסישער פּריוואַט=לערער. צו 20 יאָר אָנגעהויבן זיך צו באַטייליקן אין די קרייזן פון די מינסקער אַ"ג „ראַדיקאַלן", וועלכע האָבן דאַן ניט געהאַט קיין באַשטימטע פּראָגראַם (נאָענט געווען צו די „נאַראָדניקעס") און זיך אָפּגעגעבן מיט דער אויפקלערונג פון די אַרבעטער דורך לייענען און שטודירן פּראָגרעסיווע און אומלעגאַלע ליטעראַטור. 1893 אָפּגעגעבן עקזאַמען אויף פאָלקסלערער, האָט ער פאַרלאָזט מינסק און אַוועק קיין קאַטערינאָסלאַוו, דאָרט פאַרנומען אַ לערער=שטעלע אין אַ פּריוואַטער יידישער שול, אין אַ פּאָר יאָר אַרום צוריקגעקומען קיין מינסק, 1896 אַוועק קיין בערלין, וואו שטודירט אויפן פילאָסאָפישן פאַקולטעט, צוליב אַ כראָנישער קראַנקהייט זיך 1899 צוריקגעקערט קיין מינסק און פאַרנומען אַ שטעלע פון אַ אויסלענדישן קאָרעספּאָנדענט אין אַ קאָמיסיאָנסהויז. אַ מענטש פון גרויסער ערודיציע, פון ערנסטער באַציִונג צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן, פון אַ לאָגיש קלאָרן אַנאַליטישן געדאַנק, איז ער צו יענער צייט געוואָרן איינער פון די פירער פון דער ראַדיקאַל=ציוניסטישער באַוועגונג, דער הויפּט=טעאָרעטיקער פון די ערשטע פּ"צ=גרופּעס, פון דער אַ"ג „מינסקער שיטה" („מינסקער טאָלק", „מינטשוקעס"). צוזאַמען מיט יצחק בערגער, אברהם לפּידות, יוסף גאָלדבערג און כײַקע קאַהאַן געבילדעט דעם „צענטער" פון די פּ"צ'יסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך געגרינדעט אַרום 1901, אַרויסגעגעבן 2 נומ' פון אַ ליטאָגראַפירטן זשורנאַל „דער אַרבייטער=ציוניסט", צוזאַמען מיט די איבעריקע מיטגלידער פון „צענטער" זיך באַטייליקט אין דעם ציוניסטישן צוזאַמענפאָר אין מינסק, אין דער באַראַטונג פון די צו יענער צייט נאָך ניט קאָנצענטרירטע פּראָלעטאַרישע=ציוניסטישע כּוחות אין ווילנע, יוני 1903; אויף דער דאָזיקער באַראַטונג איז די ריכטונג, וואָס ר' האָט אָנגעפירט, געווען די הערשנדיקע (איר ווירקונגסקרייז איז מחוץ מינסק געווען — באָברויסק, גראָדנע, ביאַליסטאָק, באָריסאָוו און טיילווייז ווילנע), פאַרטרעטנדיק דעם עקסט רעכטן פליגל אין דער יונגער באַוועגונג, ניט גלייבנדיק אין דעם פּאָליטישן קאַמף אַלס מיטל צו פאַרענטפערן די יידישע פראַגע אין „גלות" און לייקענענדיק אין דער מעגלעכקייט פון אַן אמתן קלאַסנקאַמף אויף דער יידישער גאַס. ביים אָפּפאָרן פון ווילנע זיינען ר' און בערגער אַרעסטירט געוואָרן, און הגם מ'האָט זיי באַלד באַפרייט, האָט מען זיי אָבער ניט צוריקגעקערט די רעזאָלוציעס פון דער באַראַטונג, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך; איבעריקנס האָט די באַראַטונג קיין דירעקטע רעזולטאַטן — אַלס אָרגאַניזיר=פאַקטאָר פון דער באַוועגונג איבער גאַנץ רוסלאַנד — ניט

געגעבן, ווייל די איבעריקע צוויי ריכטונגען, די „דווינסקער" אָדער די ציוניסטיש=סאָציאַליסטישע און די אַ"ג „פּעקאַישע" (וועלכע האָט געפּריידיקט פּאָליטישן קאַמף — פּ"ק) האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערוואַרפן דער רעכטער מינסקער מערהייט. נאָך דעם 6טן ציוניסטישן קאָנגרעס, אויף וועלכן עס איז אַרויפגעשוואומען די אוגאַנדע=פּראַגע, איז די מינסקער שיטה פון פּ"צ־יזם אונטער ר'ס אָנפירונג אַריבער צום טעריטאָריאַליזם, האָט זיך אָרגאַניזירט אַ"ב „יידישע טעריטאָריאַליסטישע אַרבעטער=פּאַרטיי". אונטער ר'ס רעדאַקציע און הויפּטמיטאַרבעט האָט די פּאַרטיי אַרויסגעגעבן אין ווילנע אייניקע בראָשורן, ווי „דער יודישער ווירקונגסקרייז און די פּאָליטיק", „דער פאָרבערייטענדער צוזאַמענפאָהר פון פּועלי=ציון", „דער אָביעקטיווער היסטאָרישער פּראָצעס און דער טעריטאָריאַליזם" (אויך אין רוסיש), דעם איינמאָליקן אָרגאַן „דאָס נייע לעבען" און דאָס וואָכנבלאַט „די יודישע ווירקליכקייט" (ווילנע, 31/XII 1906—30/III 1907, און אפשר אויך שפּעטער; נאָמינעלער רעדאַקטאָר=אַרויסגעבער ל. קאַנטאָראָוויטש; שטענדיקע מיטאַרבעטער — מ. אַבראַמאָוו, ב—ה, צעיר, בן=קיש, ס. וועסטער, י. זיידען א"אַ — אַלץ פּס"ג, וואָס זיינען נאָך דאָס רוב פאַר אונז דערווײלע ניט אויפגעדעקט). נאָכדעם ווי די יטאַ"פּ האָט זיך פאַראייניקט מיט דער ציוניסטיש=סאָציאַליסטישער (ס"ס), האָט ר' זיך צוריקגעצויגן פון דער פּאַרטיי=אַרבעט, 1909 אַוועק קיין בערלין, געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער, 1912 באַגלייט אַ פּאַרטיע עמיגראַנטן פון דער יידישער טעריטאָריאַליסטישער אָרגאַניזאַציע קיין אַמעריקע, וואו פאַרבראַכט אַ האַלב יאָר צייט, 1914 ווידער אַוועק קיין אַמעריקע, אַ געוויסע צייט געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַמעריקע און זיך באַזעצט אויף אַ פאַרם, דערנאָך צוריקגעקומען קיין ב"י, וואו ער איז באַשעפטיקט אַלס אָנגעשטעלטער אין „היאַס". זיך דערווייטערט צוליב פּערזענלעכע סיבות פון געזעלשאַפטלעך=ליטעראַרישן לעבן, האָט ער בלויז איבערגעזעצט מיט אייגענע הערות דעם I ב' פון אייזיק=הירש ווייס מאָנומענטאַלן ווערק „די גרינדער און בויער פון יודענטום/(דור דור ודורשיו)/אָדער די געשיכטע פון דער תורה שבעל פה/ערשטע סעריע: / פון גאָר דער ערשטער צייט ביז חורבן בית שני / אין צוויי ביכער / בוך א" (אַרויסגעגעבן פון פּ"ג „אידיש", ב"י, 1920, ז' 422). בשעת די פּאָגראָמען — איז ר' אויך געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און פירערס פון די יידישע זעלבסטשוץ=גרופּעס.

ש. קיווין, „באַם וויגעלע פון דער פּאַרטיי", אין „יידישן אַרבעטער=פּנקס"; מ. גוטמאַן „צו דער פאַרגעשיכטע פון ס. ס.", אין „רויטן פּנקס", I, וואַרשע, 1921; פּריוואַטע מיטטיילונגען פון זיין ברודער משה ר' אין מינסק.

רובענטשיק יעקב (1903—)

געב' אין מינסק אַלס זון פון אַ מוליער. געלערנט אין תלמוד=תורה, געווען אַ שוואַרצאַרבעטער, אַ וועכטער אין אַ סאָד, דערנאָך געוואָרן אַ שוסטער. רעדאַקטירט „דעם יונגן אַרבעטער" (גייט אַרויס אין מינסק זינט 1923, צוערשט אַלס וואָכנבלאַט און זינט 1925 צוויי מאָל אַ וואָך). נעמט אויך אַן אָנטייל אין „יונגוואַלד", Червонная Жнена. אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן: „דאָס רעכט פון דער אַרבעטער=יוגנט אין סאָוועטן=פאַרבאַנד" (מינסק, 1925), צונויפגעשטעלט אַ זמ"ב א"ט „8טער מאַרט" (מינסק, 1926).

רובענטשיק יצחק (1889—) געב׳ אין בערעזין, מינסקער גוב׳, אַלס זון פון אַ העברעיִשן לערער. באַקומען אַ יידישע דערציִונג, גלייכצייטיק זיך אָפּגעגעבן מיט אַלגעמיינער בילדונג, געענדיקט דעם בערנער אוניווערסיטעט אַלס ד״ר מעדיצין. האָט פאַרפאַסט די מעדיצינישע ביכלעך: „אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן״, „די פרוי און איר זויגקינד״ (מלוכה=פ״ג פון ווייסרוסלאַנד, מינסק, 1925 און 1926) און שרייבט מעדיצינישע אַרטיקלען אין מינסקער „אָקטיאַבר״.

רובינטשיק יהושע — פון מינסק, האָט פאַרפאַסט „ספר החן / ר״ת / הוא חנוך נערים... / אספתי באמרים אני המחבר / יהושע במו״ה יקותיאל זוסמאַן זלה״ה רובינצק בעמ״ג ממינסק״ (ווילנע, דרוק פין=ראָזענקראַנץ, 1868, ז׳ 30). דאָס ביכל אַנטהאַלט אַ ווערטערבוך פון תנך=ווערטער ענלעכע אין אויסרייד און פאַרשיידענע אין אָפּשטאַם און באַדייטונג, פאַרטייטשט אין אַ פאָלקסטימלעכן יידיש, מיט אַ הקדמה און הערות אונטערן טעקסט אין העברעיִש. צום סוף קומען גאַנץ אינטערעסאַנטע „כללים פון אויש לייגין יידיש, מאַנזבילשע און ווייבערשע נעמען, ניצליכע טייטש ווערטער, הויזליכע רפואות״.

רובשטיין בנציון (1882 —) געב׳ אין קריוקאָוו, פאָרשטאָט פון קרעמענטשוג, פּאָלטאַווער גוב׳. צו 8 יאָר געבליבן אַ יתום פון פאָטער, דערצויגן געוואָרן ביי אַ פעטער אין דער יידישער קאָלאָניע ראָמאַנאָווקע, פון 12 יאָר אָן געלערנט אין די ישיבות פון דער קאָלאָניע דאָברע און פון קרעמענטשוג, צו 14 יאָר פאַרלאָזט די ישיבה און אָנגעהויבן זיך אָפּצוגעבן מיט השכלה און אַלגעמיינער בילדונג, פאַרוואָס שטאַרק גערודפט געוואָרן פון זיינע פאַנאַטישע קרובים, פון דאַן אָן געמוזט זיך מפרנס זיין דורך שווערער אַרבעט אַלס האַנדלסאָנגעשטעלטער און פאַבריק=אַרבעטער. צו 16 יאָר אַריין אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון ניקאָלאַיעוו, אָבער אינגיכן אויסגעשלאָסן געוואָרן פאַר זיינע סימפּאַטיעס צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זינט 1903 האָט ער געלעבט אין דער שווייץ, וואו ער האָט זיך נעענטער באַקענט מיט די פּראָגראַמען פון די פאַרשיידענע פאַרטייען און בשעת דער רעוואָלוציע פון 1905 זיך צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד, איז ער אַריין אין „בונד״ אין אָדעס, געווען טעטיק אַלס פּראָפּאַגאַנדיסט, אָבער צוליב זיין באַזונדערער שטעלונג בנוגע דער נאַציאָנאַלער פראַגע 1907 אַרויס פון דער פאַרטיי. צו יענער צייט געהערן זיינע ערשטע אַרבעטן, וועלכע ער האָט ערשט אַ ביסל שפּעטער פאַרעפנטלעכט — „צו דער שפּראַך=פראַגע״ (אין פּרצעס זמ״ב „יודיש״, II), וואו די פראַגע וועגן דער צוקונפט פון יידיש ווערט באַטראַכט פון סאָציאַל=עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט (איבערגעזעצט אויף רוסיש אין דעם זמ״ב Вопросы языка פון אברהם קאָטיק), און „די צערשפּרייטונגס= און קאָנצענטרירונגס=שטרעבונגען אינ׳ם אידישען לעבען״ (אין ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס „נייעם לעבען״). די דאָזיקע אַרטיקלען, אין וועלכע ר׳ האָט געבראַכט צום אויסדרוק זיין אַ״ג ציוניסטישן „סאָציאַל=רעוואָלוציאָניזם״, האָבן געהאַט אַ געוויסע השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם פּועלי=ציוניזם אין גאַליציע און

ער איז איינגעלאַדן געוואָרן אַלס שטענ=
דיקער מיטאַרבעטער פון „דעם יודישען
אַרבייטער", אין וועלכן אָרגאַן ער האָט
זיך באַטייליקט ביזן אויסבראָך פון דער
מלחמה. גלייכצייטיק האָט ער אויך מיט=
געאַרבעט אין פאַרשיידענע אַנדערע צייט=
שריפטן, ווי „דאָס נייע לעבען", „די
יודישע וועלט", „הזמן", Freistatt, Новый
Восходъ א"אַ, צ"אַ פאַרעפנטלעכט פּאָלגנ=
דיקע אַרבעטן: „די אידישע אינערליכע
איבערוואַנדערונגען אין רוסלאַנד" („דאָס
נייע לעבען", 1910, II), „די פּראָפעסיאָ=
נעלע צוזאַמענשטעלונג פון די אידישע
מאַסען אין די קאָנצענטרירונגס=פּונקטען"
(ib, IV), „די נאַציאָנאַלע אידעע און די
אידישע בורזשואַזיע אין מזרח= און
מערב=אייראָפּע" (ib, 1911, II און IV),
„פון צעשפּרייטונג צו קאָנצענטראַציע"
(ib, VI — VIII), „די אידען אין אַלטען
קעניגרייך ליטא" (ib, 1913), „די נאַציאָ=
נאַל=קולטורעלע כּוחות פון די אידען
אין א"י" („דער נייער דור", לעמבערג,
1913, I), „די יודישע אויסוואַנדערונג
פון גאַליציע" („די יודישע וועלט", 1913),
„די יודען אין בוקאָווינא" (ib, 1914),
„די אַמאָליקע שפּראַך פון יודען אין
די רוסישע געגענדען" (אין ש. ניגערס
„פּנקס"), וואו ער טרעט אַרויס — להיפוך
צו ש. דובנאָוון — אַלס אָנהענגער פון
דער אַ"ג סלאַווישער טעאָריע — אַז נאָך
אין XVI י"ה איז די מוטערשפּראַך פון
אַ געוויסן טייל יידן אין די סלאַווישע
געגנדן געווען רוסיש. בשעת דער מלחמה
אַלס באַפולמעכטיקטער פון דער יידישער
היסטאָריש=עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט
אין פּט"ב אָנגעפירט מיט דער עוואַקואַ=
ציע פון יידישע קונסט=חפצים און אַלטער=
טימלעכקייטן, אין דער צייט פון דער
רעוואָלוציע געווען איינער פון די הויפּט=
גרינדער פון דעם פאַרבאַנד פון די יידי=
שע קאָלאָניסטן אין כערסאָנער גוב' —
אַ יידישע סעקציע ביים אויספירקאָם פון
די פויערים = דעפּוטאַטן פון כערסאָנער
גוב', מיט פולער גלייכבאַרעכטיקונג פון
דער יידישער שפּראַך, געווען ראַטמאַן
פון שטאָטראַט און קהילה, רעדאַקטאָר
פון Солдат и рабочий, סוף 1918 אָר=
גאַניזירט ביים יידישן קאָמיסאַריאַט די
סטאַטיסטיש=עקאָנאָמישע אָפּטיילונג, וואָס
האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע
צוצוציען די יידישע מאַסן צו ערד=
אַרבעט (זע זיין אַרטיקל „דער וועג צו
ערדאַרבעט" — אין „דער נייער וועלט",
1919). צוליב חלוקי=דעות מיט די פאָר=
שטייער פון דער יידסעקציע 1919 פאַר=
לאָזט זיין פּאָסטן אַלס פאַרוואַלטער פון
דער דאָזיקער אָפּטיילונג, דאַן אַ געוויסע
צייט, 1921 — 23, פאַרבראַכט אין פּוילן,
אין ווילנע און אין וואַרשע, דערנאָך
אַוועק קיין א"י, געווען אָנגעשטעלט ביי
די אַרבעטער=אָרגאַניזאַציעס אַלס סטאַ=
טיסטיקער, פאַר זיין עפנטלעכן און אַק=
טיוון אויפטרעטן לטובת דער יידישער
קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד געהאַט
אויסצושטיין שווערע רדיפות מצד די
ציוניסטן, ביז ער איז סוף 1926 גע=
צוואונגען געווען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד,
האָט זיך באַזעצט אין אָדעס, צוערשט
זיך פאַרנומען מיט אויספאָרשן אַ פּאָר
יידישע שטעטלעך אין אוקראַינע, גע=
אַרבעט אין „אָרט", סוף 1927 באַשטימט גע=
וואָרן אַלס פאַרוואַלטער פון דעם „מוזיי פון
דער יידישער קולטור" א"נ פון מענדעלע
מוכר=ספרים, וואָס איז געגרינדעט גע=
וואָרן צום 10טן יאָרצייט נאָכן זיידן פון
דער יידישער ליטעראַטור, און אויף דעם
אַמט טעטיק עד=היום. — פון זיינע סטאַ=
טיסטיש=עקאָנאָמישע ווערק, אויף וועלכן
געביט ער איז איינער פון די ערנסטסטע
און פלייסיקסטע פאָרשער, האָט ר'

פאַרעפנטלעכט אין בוכפאָרם: „די עקאָנאָמישע לאַגע און פּערספּעקטיוון פון די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד" (וואַרשע, 1922, ז' 56); „גאַליציע און איר באַפעלקערונג (יידן, פּאָליאַקן און רוסינער אונטער דער הערשאַפט פון די האַבסבורגער)" (וואַרשע, 1923, ז' 162) — אַ סטאַטיסטישער עטיוד איבער דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע אין פאַרגלייך מיט פּאָליאַקן און אוקראַינער, אין וועלכן ווערק ר' באַמיט זיך אַגב צו דערווייזן די פאַלשקייט פון דער אַסימילאַטאָרישער טעאָריע פון דער סטיכישער יידישער זעלבסטצעשפּרייטונג; „די נאַציאָנאַלע פראַגע אין אוקראַינע און איר לייזונג / ווי אַזוי זאָל געשאַפן ווערן די יידישע רעפּובליק אין ראַטנפאַרבאַנד" (ווילנע, 1926, ז' 38). זיינע אַרבעטן צו דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך זיינען צונויפגעזאַמלט אין דעם בוך „די אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך (די סאָציאָלאָגישע און געשיכטלעכע פאַקטאָרן" (פ"ג „שול און לעבן", וואַרשע, 1922, ז' 115), וואָס אַנטהאַלט צ"אַ די פאָלגנדיקע קאַפּיטלען: „די ווירקונג פונם אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל אויף דער אַנטשטייונג פון דער יידישער שפּראַך, די ווירקונג פון דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער אויטאָנאָמיע אויף דער אַנטוויקלונג פון יידיש אין דער ערשטער העלפט פון מיטלאַלטער, די היסטאָריש־סאָציאָלאָגישע פאַקטאָרן אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך אין דער צווייטער העלפט פון מיטלאַלטער, די יידישע שפּראַך אין די ערשטע צוויי יאָרהונדערטן פון דער נייער צייט, דער אונטערגאַנגס־פעריאָד פון דער יידישער שפּראַך אין דייטשלאַנד"; נאָך דעם ערשטן טייל „די אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך אין דייטשלאַנד" קומט די סעריע אַרטיקלען „די שפּראַכלעכע אַנטוויקלונג פון די יידן אין די רוסישע געגנטן".— אַ ריי פון זיינע סטאַטיסטיש־עקאָנאָמישע א"אַ אַרטיקלען זיינען צעזייט איבער פאַרשיידענע יידישע, רוסישע, דייטשע און העברעישע זשורנאַלן און צייטונגען, ווי בערלינער Die Welt, פּראָגער Jüd. Volksrat 1913, Евр Старина, קיעווער „די נייע צייט" 1917 — 18, Одесскія Новости, „קאָמוניסטישע וועלט" 1919, „דאָס פרייע וואָרט" 1919, קאָמוניסטישער געדאַנק" 1920, מינסקער „פרייע וועלט" 1919 און „פּראָפ' באַוועגונג" 1921, ווילנער „טאָג" 1921—22, וואַרשעווער „ביכער-וועלט", „צוקונפט", „בלעטער פון אידישע דעמאָגראַפיע און סטאַטיסטיק" („די אַרבעטער־ציילונג אין פּאַלעסטינע"—1923, III, אַ רעצענזיע איבער יעקב ראָבינזאָנס בוך „ידיעת עמנו / דמוגרפיה ונציולוגיה"), „דער רויטער וועלט", כאַרקאָוו, 1927 („50 יאָר ציעניסטישע קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע"), אין דער א"יידיקער אַרבעטער־פּרעסע אאַז"ווו, אויך א"פ ב. ר., ר—ן, בן מרדכי, מאַסין. האָט פיל געאַרבעט פאַר דעם געדאַנק פון דער אַגראַריזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג.

בעל־דמיון, „דאָס נייע לעבן", 1923, VII; ד"ר מ. ווייַנרייך, אין „ביכער־וועלט", 1923, III — IV; ב. לאַקער, ib.

רודאָי פּנחס (7/VI 1888 —) געב' אין יוזעפּפּאָל, פּאָדאָליע, אין אַ פאַרמעגלעכער לומדיש־חסידישער פאַמיליע. דערצויגן געוואָרן ביי ספּעציעלע רביים, וואָס מ'האָט געהאַלטן אין הויז, ביז 18 יאָר געלערנט אויף הוראה, דערנאָך זיך גענומען גרייטן צום אוניווערסיטעט, אָבער פאַרנאַכלעסיקט די לימודים צוליב דער ליטעראַטור אין

העברעיש, יידיש און רוסיש, אָנגעהויבן אַליין צו שרייבן דערציילונגען און אַר־טיקלען, 1905 אָפּגעדרוקט אין „הזמן" אַ באַשרייבונג פון די פּאָגראָמען אין באָ־האָפּאָל, האַלטע

און אַלוויאָפּאָל און אַמאמר, אין יידיש דעביוטירט מיט הומאָרעסקעס אין אָדעסער „גוט מאָרגען", וואָס א"ל לעווינסקי האָט אַרויסגעגעבן 1908 — 10, אויפגעמונטערט געוואָרן אויף דעם געביט פון א"ל לעווינסקין, מענדע־לע מוכר־ספרים א"אַ. 1911 אויסגעוויילט אַלס דעלעגאַט צום „אַלרוסלענדישן צו־זאַמענפאָר פון ליי־און שפּאָר־קאַסעס" אין פּט"ב, פון וואַנען געשריבן ספּעצי־עלע אַרטיקלען צום אָדעסער טאָגבלאַט „דער איד". שפּעטער געשריבן הומאָריס־טישע דערציילונגען אין די יידישע צײַ־טונגען, ביז זיי זיינען בשעת דער מלחמה פאַרמאַכט געוואָרן. 1918 צוליב מסחר געפאָרן קיין מאָסקווע, וואו אויך געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן אַ ב' דערציילונגען; אויפן וועג צוריק קיין אוקראַינע, וועלכע איז אונטער דער צייט פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשן, אויף דער סטאַציע קאָ־בעליאַקי, צוזאַמען מיט נאָך 17 יידן אַראָפּגענומען געוואָרן, דורך אַ מיליטע־רישער באַנדע, פון די פורן, געוואָרן אַרעסטירט, באַרויבט, אויסגעטאָן נאַקעט און אַלע 18 זיינען אויסגעשאָסן געוואָרן און די טויטע קערפּערס האָבן די באַנ־דיטן אונטערגעצונדן, על־פּי נס איז נאָר ר' לעבן געבליבן, זיך אַרויסגעקריגן פון צווישן די טויטע בריענענדיקע קערפּערס און אַ פאַרוואונדעטער מיט אַ צעשאָסענעם האַלדז זיך קוים געראַטעוועט; שפּעטער איבערגעלעבט די שרעקלעכע פּאָגראָמען אין האַלטע און אין קריוואָזער, אין וועל־כער שטאָט די דעניקינער האָבן גע־ווילדעוועט 30 טעג און אויסגעשאָכטן ביי 2000 יידן; ר' איז געלעגן באַהאַלטן אין אַ „סעקרעט", און ווען די באַנדעס האָבן געצונדן די שטאָט, איז ער צופוס אַנטלאָפן קיין אָדעס, איבערגעלאָזט אין פלאַמען זיין הויז מיטן גאַנצן פאַרמעגן מיט דער גרויסער ביבליאָטעק זיינער און ביי 100 פאַרטיקע דערציילונגען און הומאָרעסקעס. פאַרבראַכט אין אָדעס ביז מאַי 1920, פון דאָרט מיט דער פאַמיליע אַוועק צו דער בעסאַראַבער גרענעץ, פון בעסאַראַביע געוואַנדערט איבער רו־מעניע, טערקיי, גריכנלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע, ביז ער איז 1921 געקומען קיין נ"י, וואו ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו שרייבן דערציילונגען, הומאָרעסקעס און פעליעטאָנען אין די טעגלעכע צייטונגען „דער טאָג", „די צייט" און „יידישעס טאַגעבלאַט", אין דער לעצטער צייטונג באַלד אַריין אַלס שטענדיקער מיטאַרבע־טער, אויך א"פּ פּיני בעל־לשון, ביז זי האָט זיך פאַרמאַכט. אין דעם קאָנקורס פון „טאָג" 1926 געוואונען די צווייטע פּרעמיע פון 125 דאָלאַר פאַר אַ דערציילונג. האָט פאַרפאַסט אַ קאָמעדיע „דערלמד־וואָוו־ניק" און אַ ראָמאַן אויס דעם לעבן אין אוק־ראַינע בשעת דער מלחמה. געווען טע־טיק אַלס לערער פון העברעיש אין איי־נער פון די גרעסטע נ"יער שולן.

רודיאַנסקי סטעפאַן (28/IV 1887 —) געב' אין בריסק־דליטא אַלס זון פון גדליה רובינראָט. דערצויגן געוואָרן אין וואַרשע אין אַן אַסימילי־טער סביבה. צו 18 יאָר, נאָך אַלס גימ־נאַזיסט, האָט ער צוזאַמען מיט ניר־ראָפּאַלקעס, מ. יאַרבלום א"אַ אָרגאַני־זירט און אָנגעפירט אַ שילערקרייז, וואָס

האָט אַרויסגעלאָזט אַ העקטאָגראַפירטע פּראָקלאַמאַציע וועגן די פּאָגראָמען און אַ געדרוקטע פּראָקלאַמאַציע מיט דער פּראָגראַם פון דעם קרייז, ביידע אין פּויליש; אָט פון דעם קרייז האָט אויך געשטאַמט זיין פּאַרטיי־צונאָמען שלמה קאָלאָ (קרייזל—koło), אויך—עמוס. נאָך דער גרינדונג פון דער פּ״צ־פּאַרטיי אין פּוילן זיך באַטייליקט אין דער „פּרינצי־פּיעלער קאָמיסיע״ ביים קאָמיטעט אין וואַרשע, וואָס האָט געאַרבעט איבער דער טעאָרעטישער באַגרינדונג פון דעם פּ״צ־יזם, אויך אין די שפּעטערע יאָרן געשטאַנען נאָענט צו דער פּאַרטיי. שפּעטער האָט ער שטודירט אין לייפּ־ציגער אוניווערסיטעט פילאָסאָפיע, פּסי־כאָלאָגיע און געשיכטע ביי וואונדט, באַרט און לאַמפּרעכט, דעם ד״ר־טיטל באַקומען פון קראָקעווער אוניווערסיטעט. גענומען אַ באַזונדערס נאָענטן אָנטייל אין דער יידישער און פּוילישער בילדונגס־באַוועגונג פאַר אַרבעטער („די געזעל־שאַפט פאַר דער פּוילישער קולטור״, V אָפּטיילונג, די פאָלקס־אוניווערסיטעטן אאַז״וו), 1910 האָט ער געלייענט דעם ערשטן עפנטלעכן קורס פון דער געשיכטע פון פילאָסאָפיע אין יידיש אין „דער יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט״ אין וואַרשע, דורך א. ליטווינען צוגעצויגן געוואָרן צו דער יידישער ליטעראַטור, אָנגע־הויבן מיטצואַרבעטן און זיין זשורנאַל „לעבען און וויסענשאַפט״, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט „פילאָסאָפישע שמועסען, „ברוך שפּינאָזאַ, זיין לעבען און ווירקען״ (1911), „די פילאָזאָפיע פון די יודישע שפּריכווערטער״ (1912), אויך זיך באַ־טייליקט אין „דער יודישער וועלט״ („די עקספּערימענטאַלע פּסיכאָלאָגיע און דאָס פּראַקטישע לעבען״ — 1913, VII; „אַנרי בערגסאָן וועגן עסטעטיק״, 1913, VIII). דערנאָך זיך צוריקגעצויגן פון דער יידישער ספערע, אויך פון דער פּ״צ־פּאַרטיי, אַרום 1917 — 18 אַריבער צו די לינקע פּפּ״ס און אויך פאָרמעל צעריסן מיטן יידנטום, זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט אין דער פּוילישער שפּראַך, אין וועלכער ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרבעטן סיי אין זשורנאַלן (אויך אין דייטשע) סיי אין בוכפאָרם, ווי: Pogadanki Filozoficzne (ווילנע, 1910), Przewodnicy Ludzkości (ווילנע, 1913), Robotnik jako narzędzie (וואַרשע, 1918), Poradnik dla czytających książki (וואַרשע, 1921), איבערגעזעצט י. אָ. דעלאַ־מעט־ריס Człowiek—Maszyna מיט אַן אַריינ־פיר (וואַרשע, 1925) א״אַ. זינט אָקטאָבער 1928 דאָצענט פון דער פּוילישער פרייער הויכשול איבער דעם מאַטעריאַליזם אין דער נייער פילאָסאָפיע.

ניר, „צו דער געשיכטע פון פּועלי ציוניזם אין פּוילן״, אין „רויטן פנקס״, II (איבערגעדרוקט אין „יידישן אַרבעטער־פּנקס״).

רודענסקי מרדכי (אַרום 1888 —) געב׳ אין בערעזין, מינסקער גוב׳, אַלס זון פון אַ קרעמער. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, האָט ער יונגערהייט זיך באַזעצט אין מינסק, וואו ער האָט זיך באַשעפטיקט אַלס העב־רעיִשער לערער, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פּ״צ־באַוועגונג פון דער מינסקער שיטה, זיך באַטייליקט אין איר אָרגאַן „די יידישע ווירקליכקייט״. בשעת דער מלחמה איז ער געווען טע־טיק אין דער הילפסאַרבעט פאַר די יידישע היימלאָזע און אַרויסגעטריבענע פון די גובערניעס ביים פראָנט (זע זיינע אַרטיקלען „דער רוסישער איד ביי דער גרויסער רעליף אַרבייט / ווי די

רוסישע אידען האָבען אויפגענומען די צעהנדליגער טויזענדער אַרויסגעטריבענע", אין „צוקונפט", 1921, I און V), שפּעטער מיטרעדאַקטירט דאָס טאָגבלאַט „פאַרן פאָלק" (א"ר פון ח"ד הורוויץ), וואו ער האָט געשריבן אַרטיקלען און פעליעטאָנען, אַרום 1920 האָט ער פאַרלאָזט מינסק און אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער איז טעטיק אין דער צ"צ=פאַרטיי, געווען ערשטער רעדאַקטאָר פון איר אָרגאַן „פאַרן פאָלק" (ערשיינט איצט א"ר פון חיים גרינבערג), זיך באַטייליקט אויך אין אַנדערע יידישע צייטשריפטן, ווי „דאָס אידישע פאָלק". איז אַ באַאַמטער אין ביוראָ פון „קרן=קימת" אין נ"י.

רודערמאַן ברוך (כ"ה כיסלוו 1865— 22/II 1928) געב' אין האָראָדאָק, ווילנער געגנט, אַלס זון פון אַ שניידער. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, צו 15 יאָר אַ קורצע צייט געלערנט אין די ישיבות פון ראַדאָשקאָוויטש און וואָלאָזשין, דאַן זיך באַקענט מיט אַ פּאָר ישיבה=בחורים משכילים און בשתיקה אָנגעהויבן צו לערנען רוסיש און דייטש, צוליב וואָס ער האָט געמוזט אויסשטיין גרויסע סיכסוכים מיט די פאַנאַטיש פרומע עלטערן. סוף ווינטער 1882, געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום, איז ער מיט 20 רובל, וואָס אַ מומע האָט אים געגעבן, אַוועק קיין לאָנדאָן, די ערשטע פּאָר יאָר געליטן הונגער און קעלט, ביז ער האָט זיך אויסגעלערנט שניידעריי, 1884 זיך באַקענט מיטן סאָציאַליזם און איז געווען איינער פון די פּיאָניערן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין לאָנדאָן. אַרום 1890 זיך באַפריינדעט שריפטלעך מיט א. טאַנענבוים, איז ער געוואָרן דער גענעראַל=אַגענט פון די ראָמאַן=העפטן „די געהיימניסע פון רוסישען קייזערליכען הויף", דערמיט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אַלס בוכהענדלער, שפּעטער אויך געוואָרן אַ פאַרלעגער און אַרויסגעגעבן אַ ריי ביכער, ווי „על נהרות בבל", „גלויבען און פערנופט", זאַנגווילס „טרוימער פון דער געטאָ" (ניט געענדיקט) אפ"אַ. געווען דער ערשטער פאַרלעגער פון ראַדיקאַלע יידישע ביכער אין ענגלאַנד. אויף דער עלטער געעפנט אַ קראָם פון טאַבאַק און צייטונגען, אָבער צוליב קראַנקהייט זי אָפּגעלאָזט אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט.—האָט זינט 1901 אויך געשריבן קליינע סקיצן, פריי באַאַרבעט פון ענגליש, אין דעם טאָגבלאַט „דער אידישער זשורנאַל", אַוגוסט 1902 – מערץ 1903 אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט מאָריס יעגער אַ וואָכנבלאַט „דער וואַנדערער" (דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג האָט געזאָלט זיין יעגער, אַ אינטעליגענטער מאַן, געוו' רעדאַקטאָר פון צוויי פוילישע צייטונגען, אָבער אַן עם=הארץ אין העברעיִש און אַ פוילער, אַזוי אַז נאָכן ערשטן נומער איז די גאַנצע לאַסט פון רעדאַקטירן, אויספילן און פינאַנסירן דאָס בלאַט געפאַלן אויף ר'ן און אויפן 29סטן נומ' האָט זיך „דער וואַנדערער" אָפּגעשטעלט. אין „דעם וואַנדערער" האָבן זיך אויך באַטייליקט שאול עלשטיין און אַלס דיכטער א. ראַדוצקי, דענטיסט גילדענבלאַט, י"ל כהן). געשריבן א"פ בן אליעזר,—משה'ס אייניקל, ב. ר., בוכהענדלער, אינטערנאַציאָנאַליסט. זינט 1910 האָט ער פון צייט צו צייט זיך באַטייליקט אין „דעם אַרבייטער פריינד" ביז זיין אונטערגאַנג, אויך אין „דער צייט" באַלד נאָך איר גרינדונג, אין וויינבערגס „הויז פריינד", אין דער נ"י'ער „פ. א. ש.", וואו עס האָט זיך אין משך פון אַ 3 — 4 יאָר געדרוקט זיינע „מאַטעריאַלן פאַר געשיכטע פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין

ענגלאַנד". אָנהייב 1927 האָט ר' אָנגעהויבן צו דרוקן אין דעם לאָנדאָנער טאָגבלאַט "די אידישע פּאָסט" (געוו' "אידישער עקספּרעס") זיינע "זכרונות פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג אין ענגלאַנד", אָבער דער טויט האָט איבערגעריסן די פּובליקירונג פון דער דאָזיקער אַרבעט סאַמע אין אָנהייב — ר' האָט אויך איבערגעלאָזט אין כּתב־יד אַ בוך, וועגן עוואָלוציע, באַאַרבעט פון ענגליש, וואָס געפינט זיך אין אַרכיוו פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע, וואוהין ער האָט ביי זיין לעבן אויך איבערגעשיקט אַ ריי פון זיינע זאַמלונגען, ווי איינציקע יאָרגענג פון "אַרבייטער פריינד" אאַז"וו.

רויזענבלאַט ה. (15/V 1878—) געענדערטער נאָמען פון **חיים רויזענבליט**. געב' אין דאָרף רישאָשע, פּאָדאָליע. ביז 8 יאָר געלערנט ביי דאָרפס־מלמדים, דערנאָך אין דערבייִקן שטעטל לאַדיזשען. סוף די 80ער יאָרן האָט זיין פאָטער, צבי, וועלכער האָט געהאַלטן מילן, צוליב די גזרות אויף יידישע דאָרפסלייט געמוזט פאַרלאָזן זיין וואוינאָרט און 1891 צוזאַמען מיט דער פאַמיליע אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו דער 13יעריקער היימי האָט געמוזט אַוועקגיין אַרבעטן אין שוויצשאַפּ, כּדי צו העלפן די עלטערן אין זייער קריטישער לאַגע. ווען די לאַגע פון די ר'ס האָט זיך אַ ביסל פאַרבעסערט, האָט זיך היימי צוגעגרייט אין דער שול פאַר פאָלקסלערער "דזשעמייקא נאָרמאַל קאַלעדזש", און די סיסטעמאַטישע בילדונג,

ווי אויך די אַלגעמיינע שול־סביבה האָבן פאַר אים געעפנט אַ נייע וועלט און אויך נאָכדעם ווי ער האָט צוליב מאַטעריעלע סיבות געמוזט פאַרלאָזן דעם קאַלעדזש האָט ער מיט גרויס התמדה ווייטער שטודירט די ענגלישע שפּראַך און ליטעראַטור, די קלאַסישע ענגלישע פּאָעזיע. לעבנדיק אין אַ יידישער סאָציאַליסטישער סביבה — זיך אויך נאָענט באַקענט מיט דער יידישער ליטעראַטור, געווען אונטער דער ווירקונג פון מאָריס ראָזענפעלד און ש. פרוג, דערנאָך פון א. רייזען און יהואש. דעביוטירט האָט ר' מיט אַ ליד אין "פאָרווערטס" יאַנואַר 1900 א"ר פון מ. קאַטץ, זינט דאַן פאַרעפנטלעכט לידער אין פאַרשיידענע צייטשריפטן און זמ"ב, ווי "פאָרווערטס", אָבענד בלאַט", "וואַרהייט" א"אַ. אומצופרידן מיט דער באַציִונג פון דער יידישער פּרעסע צו דער יידישער ליטעראַטור, בפרט צו דער פּאָעזיע, איז ר' צוגעשטאַנען צו דער גרופּע יונגע דיכטער די "יידישע יוגנט", וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אייניקע נומ' פון אַ זמ"ב "יוגענד". שפּעטער האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע זאַמלונג "לידער" (פ"ג "אידישע ביבליאָטעק", נ"י, 1910, ז' 112), וועלכע האָט געצויגן אויף דעם דיכטער די אויפמערקזאַמקייט אויך אין די יידישע ליטעראַרישע קרייזן פון רוסלאַנד. ער האָט זיך אויך באַטייליקט צו פאַרשיידענע צייטן מיט לידער און פּאָעמען אין "פ. א. ש.", "אידישען קעמפּפער", "דאָס אידישע פאָלק", "פרייער געזעלשאַפט", "צוקונפט", "דאָס נייע לאַנד" "טאָג", "צייט", "קינדער־זשורנאַל", אין די ווילנער "יודישע וועלט" און "גרינינקע בוימעלאַך", אין "ליטעראַרישע בלעטער" א"אַ, 1916 פאַרלאָזט נ"י און זיך באַזעצט אין דעטראָיט, וואו ער האָט אין משך פון ביי אַ יאָר צייט (1917)

רעדאַקטירט אַ ליטעראַרישע נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע צייטשריפט „דעטראָיטער וואָכנבלאַט", מיט דעם אָנטייל פון דוד איגנאַטאָוו, יוסף אָפּאַטאָשו, י. אָסמאַן, פרץ הירשביין, א. וואָלינער, אב' וויקטאָר, מאַני-לייב, מנחם, ש. ל. מילער, ש. מילער, ד"ר נ. סירקין, ד"ר ק. פאָרנבערג, א. ראַבאָי, שאול ראַסקין, י"י שוואַרץ, מ. שמואלזאָן אפ"אַ, ביז עס איז אונטערגעגאַנגען צוליב די הויכע פרייזן אויף פּאַפּיר בשעת דער מלחמה. 1921 האָט ר' אין די אינטערעסן פון נ"י'ער יידישן לערער-סעמינאַר געמאַכט אַ רייזע איבער די פאַראייניקטע שטאַטן און מערב-קאַנאַדע, באַזוכט אַ גרויסע צאָל שטעט און שטעטלעך, אויפגעטרעטן מיט פאָרלעזונגען און רעפעראַטן און די בריוו פון דער דאָזיקער רייזע פאַרעפנטלעכט אין דעם טאָגבלאַט „די צייט". אין דעם אייגענעם יאָר זיך באַזעצט אין לאָס-אַנדזשעלעס, וואו ער איז באַשעפטיקט אין „ביזנעס", אין דער פרייער צייט זיך אָפּגעבנדיק ווייטער דער ליטעראַרישער טעטיקייט און זייענדיק אַ צענטראַלע פיגור פון דער יידישער אינטעליגענץ אין דער ווייטער קאַליפאָרניע.— פון זיינע לידער און פּאָעמען זיינען אַרויס אין בוכפאָרם: „געזאַמלטע געדיכטע און לידער/1905 – 1915" (פ"ג מאַקס נ. מייזל, נ"י, 1915, ז' 319, 2טע אויפלאַגע – 1921). „אונטער גאָטס הימלען" (פ"ג „שלום-עליכם יידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער-פאַרבאַנד", דעטראָיט 1920, נייע אויפלאַגע — פ"ג מאַקס מייזעל); „בלויע פלאַמען / דריטער באַנד לידער / אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע פריינט פון דיכטער צו באַצייכענען זיין פינף-און-צוואַנציק יאָריקן שאַפן" (לאָס אַנגעלעס, 1925, ז' 157). האָט אויך איבערגעזעצט פון די ענגלישע דיכטער, ווי די באַרימטע פּאָעמע „דער ראָבּ" פון עדגאַר פּאָו (אין „צוקונפט", 1904), אָסקאַר ווײַלדס „באַלאַדע פון רעדינגער געפענגעניש" א"ט „אַ געזאַנג פון תפיסה" (לאָנדאָן, 1908), פאַרעפנטלעכט אייניקע איינאַקטערס און קינדער-לידער, געשריבן אויך ליטעראַרישע אַרטיקלען (ווי „ביינקעניש אין דער אידישער פּאָעזיע"—אין „דעטראָיטער וואָכנבלאַט"), באַאַרבעט אַ סעריע „אינדיאַנישע לעגענדעס" (אין דער „קאַליפאָרניער אידישער שטימע"). אַ ריי פון זיינע לידער זיינען איבערגעלייגט אויף מוזיק פון די קאָמפּאָניסטן סאָלאָמאָן גאָלוב, אויגוסט אַלטער (אַ קריסט), י. פּיראָזשניקאָוו, מיכל געלבאַרט, יעקב שייפער א"אַ. — איינער פון די ווייניקע יידישע ליריקער פון דעם עלטערן דור, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אויף דעם האַרטן באָדן פון דער יידישער אַמעריקע, שפּיגלט ר' אָפּ אין זיין ליריק די פאַרשיידענע עטאַפּן אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידיש-אַמעריקאַנישער פּאָעזיע, אָנגעהויבן פון רייזעניש-ראָזענפעלדישע מאָטיוון ביז די ייִנגערע מאָדערניסטישע איינפלוסן. — ער האָט געשריבן פילע נאַטור-לידער און נאַטור-פּייזאַזשן, אידיליעס פון דער אַלטער היים, אָבער זיין שטילע צאַרטע מוזע איז אויך ניט פרעמד די טענער פון ליבע, האַס גלויבן האָפענונג, פאַרצווייפלונג, אַנטציקונגג און אַנטוישונג, טרויער און פריילעכקייט. כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין ליריק איז געדאַנקענפּאַטאָס און די נייגונג צו רעטאָריק, הגם דאָס שטערט אים אָפט ניט צו זיין באמת פּאָעטיש, אויפריכטיק סענטימענטאַל. פשוט און איינפאַך איז ער אין זיינע „פאָלקסטימלעכע" לידער; אים גיבן זיך אויך איין די סאַטירישע טענער. פון זיינע גרעסערע פּאָעמען

צייכענען זיך אויס „צווישן הימל און ערד“, „ביים ברעג פון סמבטיון“, „דער מכשף“, וואָס זייער טעמע איז דאָס אייביקע שטרעבן און ניט דערגרייכן, געבונדנקייט פון דעם מענטשלעכן גייסט, זיין רייסן זיך צום הימל און זיין פאַר־שאָלטנקייט צו בלייבן אויף דער ערד און צו זוכן זי און בענקען נאָך איר, ווען ער פאַרלאָזט זי.

בן-קלמן, אין זמ"ה „פרילינגס-בלעטער“, 1910; בן-יקיר, אין „אידישען קעמפפער“, ש. ניגער, אין „פריינד“, י. י. זעווין אין „יידישען טאגע־בלאט“, מ. ציפין, אין „אידישען קוריער“, ש. ראסקין, אין „פ. אַ. ש.“, ש. ק. שנייפאל, אין „צוקונפט“, אב. גאָלדבערג, אין „צוקונפט“ (רע־צענזיעס אויף ערשטן בוך „לידער“, ארום 1910 — 11); מ. אָלגין, אין „צוקונפט“, ב. באַ־ראָכאָוו, אין „ווארהייט“, י. זעווין, אין „טאגע־בלאט“, ש. יאנאָווסקי, אין „פ. א. ש.“, מ. קאַץ, אין „טאג“, ק. מרמר, אין „קונסט-זשורנאל“, אין „דער ארבייטער וועלט“ און „אונ־זער לעבען“ פון 17/XII 1915, משה נאדיר, אין „גרויסען קונדס“, שכנא עפשטיין, אין „דער נייער וועלט“, י. ענטין, אין אידישען קעמפפער“, א. לעיעלעס, אין „אונזער ווארט“, יונה ספיוואק, אין „אידישען קוריער“, ש. ניגער, אין „ווייטער־בוך“ (רעצענזיעס וועגן זיין בוך „געדיכטע און לידער“, ארום 1915 — 16); נ. אויסלענדער, אין „ביכער-וועלט“, 1919, IV — V; ש. ניגער, א. וואליגער, יונה ראָזענפעלד, דוד גיסנעט — אין „קאליפארניער אידישער שטימע“ לכבוד ר׳ס 25־יעריקן יובליי; „סאָווענירי-פראָגראם צו דער פייערונג פון ה. ר׳ס פינף און צוואנציק יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט“ (לאָס אנגעלעס, יוני 1925, ז׳ 26), מיט ביאָגראפיש-קריטישע ארטיקלען פון שלמה י. בעלסקי, יצחק האראָוויץ, ק. מרמר א״א; ש. ניגער, „פּאָעזיע און פּאָעטערי“, אין „ליטעראַרישע בלעטער“, 68.

רויטבערג יוסף (ל״ג בעומר 1875 — 31/X 1925) געב׳ אין שדה־לבן, קיעווער גוב׳, אין אַ רייכער חסידישער משפחה, וואָס איז זיך מתיחס מיטן מהר״ם מרו־טענבערג. דער פאָטער משה, אַ ייד אַ למדן, האָט אים געגעבן אַ תלמודישע דערציִונג, אָבער אויך דערלויבט אים לערנען תנך, דיקדוק און אַלגעמיינע געגנשטאַנדן, אין 1902 האָט ר׳ באַקומען מאַטורע. אונטער דער ווירקונג פון דעם

קרייז אָרטיקע משכילים און שריפטשטעלער, ווי נחמן־נתן טאַ־ראַשטשאַנסקי, ב. ירוחמזאָן, יהודה לעוויק, יצחק סאָ־באָל, ד״ר יעקב טשערני, מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי, אָנגעהויבן אַליין אויך צו שרייבן, אָבער דעביוטירט ערשט 1895 מיט קאָרעספּאָנדענצן אין „המליץ“, אויך א״פ בר־דרומא, קול התור, שפּעטער קאָרעספּאָנדירט אין Кіевское Жизнь, Слово, Новости и Искусство, Восходъ, Будущность (אויך א״פ בן פורת), אין דער Кіевская Газета געדרוקט איבער־זעצונגען פון פרץ, ש״ע, פרישמאַן, זיך אויך באַטייליקט אין „הצפה“, אין „הזמן“, סעפּטעמבער 1905 זיך באַזעצט מיט זיין פאַמיליע אין קיעוו אַלס מיטאַרבעטער פון דער טעגלעכער רוסישער פּרעסע, יאָרנלאַנג געשריבן איבער מוניציפּאַלע און זעמסטווישע ענינים, אויך א״פ א״א. אין יידיש גע־Земецъ, Іероглифъ שריבן אין „פריינד“ 1903 — 10, דער־נאָך אין „היינט“, פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור א״ט „שלמה גלוסקער׳ס טראַ־געדיע“ (קיעוו, 1910) — וועגן דעם אומ־שולדיק געהאַנגענעם יידן אַלס כלומרשטן מערדער פון אַ יידישער פאַמיליע, אַ רו־סישע בראָשור וועגן ענין מענדל ביילים, וועלכע איז קאָנפיסקירט געוואָרן. בשעת דער מלחמה מיטגעאַרבעט אויך אין Рѣчь, Рускія Вѣдомости, Новый Восходъ, Разсвѣтъ, Послѣднія Новости,

Евр. Недѣля, נאָך דער מערץ-רעוואָלוציע געשריבן צענדלינגער אַרטיקלען אין „פּעטראָגראַדער טאָגבלאַט" א"ר פון י. גרינבוים וועגן די אַקטועלע פראַגן פון דעם יידיש-אוקראַינישן לעבן, 1917—19 געווען אַ רעדאַקציאָנעלער מיטגליד פון די יידישע צייטונגען אין קיעוו „דער טעלעגראַף", „די וועלט", בשעת דער פוילישער אָקופּאַציע מיטאַרויסגעגעבן און מיטרעדאַקטירט אַ טאָגבלאַט Кіевская Жизнь, דערנאָך געאַרבעט אין Роста, 1921 פאַרלאָזט דעם ראַטנפאַרבאַנד, זיך קוים דערשלאָגן קיין וואַרשע, אָנדערטהאַלבן יאָר מיטגעאַרבעט אין „מאָמענט", פון צייט צו צייט געשריבן אויך אַרטיקלען אין „הײנט", „הצפירה", „דאָס פאָלק", „דער וואַנדערער" א"אַ, ווי אויך אין די רוסישע עמיגראַנטישע צייטונגען. סוף 1922 אויסגעוואַנדערט קיין פילאַדעלפיע, אַריין אַלס מיטאַרבעטער אין „דער אידישער וועלט", געשריבן אַרטיקלען און ראָמאַנען, צ"אַ באַאַרבעט לויט היסטאָרישע קוועלן אַ ראָמאַן אויס די צייטן פון קאַטערינע דעם גרויסער, פון שבתי-צבי, ווי אויך אַלעקסעי טאָלסטאָיס ראָמאַן Хожденіе по мукамъ, איבערגעזעצט פאַרן פ"ג פון ס. עפראָן אַפּאַטאָשוס ראָמאַן „אין פוילישע וועלדער" אויף רוסיש. — ר' איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער האַנטווערקערשול פאַר מיידלעך אין שדה-לבן (צוזאַמען מיט ד"ר לאַנדער, ד"ר יעקב טשערני, ד"ר איילבירט א"אַ); פאָרזיצער פון פרעסע-ביוראָ ביים קיעווער שטאָטראַט 1912 — 1917; וויצעפאָרזיצער און סעקרעטאַר פון דעם ערשטן אין רוסלאַנד פראָפ' פאַראיין פון זשורנאַליסטן, געגרינדעט 1918 אין קיעוו; לאַנגיעריקער מיטגליד פון דער שול-קאָמיסיע פון דער „חברה מפיצי השכלה" אין קיעוו און 1916 — 17 פאַרוואַלטער פון דעם אינפאָרמירביוראָ אין „קאָפּע" אין קיעוו. געשטאָרבן אין פילאַדעלפיע, נאָך אַ 7-וואָכיקער קראַנקהייט אויף טובערקולאָז, פון מעניגגיט.

רויכעל דוד (30/X 1890 —) געב' אין קרעמעניץ, וואָלין, אין אַ נגידיש-סוחרישער משפחה. באַקומען אַ היימישע דערציונג, האָט ער אין דער יוגנט אַלס טוער פון אַ קולטור-קרייזל, וואָס האָט זיך אין דער צייט פון דער רוסישער רעאַקציע באַהאַלטן אונטערן שילדל Вестник Знания, זיך דערנעענטערט צו דער יידישיסטישער באַוועגונג, פאַרשפּרייט יידישע ליטעראַטור, געשטיצט דעם זשורנאַל „לעבן און וויסנשאַפט", דעם קינדער-זשורנאַל „גריני בוימעלעך" אאַז"וו, 1913 זיך באַזעצט אין ווילנע אַלס אָנגעשטעלטער פון דעם פ"ג ב. קלעצקין און בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט איבערזעצן און באַאַרבעטן קינדער-ליטעראַטור אויף יידיש, צוערשט פאַרעפנטלעכט די רוסישע פאָלקסמעשה „דאָס קיכעלע" (פ"ג „ווילנער ליטעראַרישע קאָמיסיע א"נ י. ל. פּרץ", תרע"ז, ז' 17), דאַן אין משך פון 1917 — 18 אַרויסגעגעבן אַ סעריע ביכלעך א"ט „רויכעלס אילוסטרירטע קינדער-ביבליאָטעק" („מייזעלע שאַרפציינדל און וואָראָבייטשיק נגיד", „שלמה המלך און דער אשמדאי" — פון ר' מרדכילע, מיט קיצורים, „דוימעלע" — פון אַנדערסען, „ווי אַזוי אַ ייִנגל איז אַרומגעגאַנגען אַרום זיין קראַנקן טאַטן" און „דער קליינער פלאָרענטינישער איבערשרייבער" — פון ד'אַמיטשיס, „אַ מעשה וועגן פעטער קוואַק", „ביי די מוראַשקעס צו גאַסט", „פאַלם לאַללי און איר הינטל פילקע", „דער פוקס און זיין גע-

זינדל" — פון ע. סעטאָן טאָמפּסאָן, „שלמה המלכס משפט" — פון א. קופּרין); די אַלע ביכלעך זיינען 1919 אַרויס אין אַ נייער אויפלאַגע אין פ"ג „אָנהויב", קיעוו, וואוהין ר' איז אַריבערגעפאָרן סוף 1918. אין קיעוו און שפּעטער אין אָדעס האָט ר' באַאַרבעט אַ ריי נייע קינדער־ביכלעך, „ווי חנהלעס מעשהלעך" — פון מאַמין־סיביריאַק („אידישער פאָלקס־פ"ג", קיעוו, 1919 — 20, ה' 6), „רוסישע פאָלקס־מעשהלעך" (דערז' פ"ג, 2 ה'), מאַקס נאָרדויס „קאָפּוואַסערל" (פ"ג בלימעלאַך", אָדעס, 1918), „מייסעלאַך" — לויט דאַל, אַפאַנאַסיעוו א"אַ, אילוסטרירט פון מ. עפּשטיין (קאָאָפּ' פ"ג „קולטור־ליגע", קיעוו, 1922). שפּעטער, צוריקגעקומען קיין קרעמעניץ, האָט ער איבערגעזעצט פאַרן ב. קלעצקין־פ"ג אי. קופּרינס „שולמית" און „געקליבענע דערציילונגען", (1924, ז' 430), ווערעסאַיעווס ראָמאַן פון דעם רוסישן בירגערקריג „אין טעמפּן ווינקל" (1925, ז' 333+III אַריינפיר וועגן ווערעסאַיעוון), פ. סאָלאָגובס ראָמאַן „דער קליינער שד" א"ט „פּערעדאָנאָוו" (דערז' פ"ג), ב. בוכבינדערס „געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד" (פאַרן פ"ג „טאָמאָר" פון י. קאַמערמאַכער).

רוסאָטאָ חיים (אַרום 1867—אַרום 1922) געב' אין לאָדז (?). זיין פאָטער, זיסל נעסוויזשסקי, איז א"נ זיסל רוזשינאָיער געווען באַקאַנט צווישן די פאַרצייטיקע חזנים אַלס שיינער מנגן, מחבר פון אַ חזנישן סדר התפילה א"ט „המתפלל", וואָס איז אַרויס מיט הסכמות פון די באַוואוסטע חזנים א"מ בערנשטיין און א"ב בירנבוים; אָבער דער שטרענגערער אָפּרוף אויף דעם ווערק מצד פּ. מינקאָווסקין האָט אויף זיסלען געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה און האָט זיך גענומען דאָס לעבן. שוין יונגערהייט האָט ר' (אַזוי האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבן אין אַמעריקע א"נ פון זיין פרוי אַ געב' אַ ווילנערין) אַרויסגעוויזן זיינע מוזיקאַלישע פעיִקייטן, געווען כאָרדיריגענט אין דער ווילנער קאָרשול „טהרת הקודש" ביים חזן קלמן (?) סיראָטע. איינער פון זיינע ערשטע מוזיקאַלישע אויפטוען איז, ווייזט אויס, געווען צו אינסטרומענטירן מוזיק צו גאָלדפאַדענס מעלאָדראַמע „אַחשוורוש" און דאָן האָט גאָלדפאַדען מיט דער הילף פון יעקב אַדלער אים אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע. ער האָט פאַרפאַסט מוזיק צו זייער פיל יידישע לידער, וועלכע האָבן אים געמאַכט אין אַמעריקע זייער פּאָפּולער, אויך באַאַרבעט די מוזיק צו „התקווה". פון זיינע לידער, וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט פאָלקסטימלעכקייט און האַרציקייט, זיינען אַרויס 2 ב', וואָס זיינען זיך צעגאַנגען אין צענדליגער טויזנטער עקזעמפּלאַרן. פון זיינע איינצלנע קאָמפּאָזיציעס זיינען צ"אַ אַרויס נאָטן צו „אַחשורוש", „אליעזרס קינדערליד", „אַלמעכטיקער, ביסט מיין מתנהלע", „בר כוכבא", גאָלדפאַדענס לידער „גיהנום און גן־עדן" „חורבן טיטאַניק", „יום הכיפורים", „יוסף מיט זיינע ברידער", „יידישער קעניג ליר", „כל נדרי", „ליכט בענטשען", מאָגולעסקאָס לידער, מאָריס ראָזענפעלדס געזאַנג־לידער, „מן המצר", „מליץ יושר", „מנוחה ושמחה", „עקדת יצחק", „צוויבערין", „שבת האַלטן", „שולמית", „שיינע מרים", תחית המתים" אאַז"וו די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער געווען חזן אין נ"י און אויך אָנפירער פון דעם גרויסן כאָר ביים פאַראיין פון די חזנים אין אַמעריקע. געשט' איז ר' אין נ"י אין עלטער פון 55 יאָר. ר'ס — אַ ברודער (ניט פון איין מוטער) איז

דער באַרימטער פּיאַניסט נעסוויזשסקי, איינער פון די אַקטיווסטע טוער פון דער „געזעלשאַפט פאַר יידישער פאָלקס=מוזיק" אין פּט"ב, איצט אין ווין.

רוסו מאַטעי (9/IV 1880 —) פּס"נ פון **מאָטל פיינזילבער**. געב' אין קעשעניעוו, בעסאַראַביע, אין אַ סוחרישער פאַמיליע. צו 11 יאָר געקומען קיין יאַס, אַריין אין אַ געשעפט אַלס שיק=יינגל, געאַרבעט מיטן בעזעם אין דער האַנט, געפּוצט די פענסטער, פאַרקויפט אויפן מאַרק זאָקן און היטעלעך, צו 14 יאָר אָנגעקומען אַלס אַרבעטער אין אַ דרוקעריי, דאַן זיך באַקענט מיט אַ סטודענט, וועלכער האָט אים אַריינגעפירט אין טעאַטער=קרייזן, און ער האָט אָנגעהויבן אויפצוטרעטן אַלס שוישפּילער, זיך אַזוי אויסגעצייכנט, אַז צו 16 יאָר שוין רעדאַקטירט אַ טעאַטער=זשורנאַל, אַלס אַווטאָדידאַקט דורכגעמאַכט די מאַטורע=עקזאַמענס אין בוקאַרעשט, דאַן אַוועק קיין מאָנפּעליע, וואו שטודירט מעדיצין, 1904 אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט צו מאָריס ראָזענפעלד מיט אַ פראַנצויזישן רעפעראַט איבער אים (פאַרעפנטלעכט אין Les Feuilles Libres). צוריקגעקומען קיין רומעניע 1905, צוזאַמען מיט ד"ר י. נעמיראָווער, ראָזענשטיין א"אַ געגרינדעט אין יאַס אַ נאַציאָנאַל=ציוניסטישן קולטור=פאַראיין מיט דער הויפּט=אויפגאַבע צו קולטיווירן די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור דורך לעקציעס, פאָרלעזונגען, פאַרשפּרייטונג פון יידישע ביכער, צו דער צייט אַרויסגעגעבן אַ ב' איבערזעצונגען פון מאָריס ראָזענפעלד Câutee diu Ghetto, („לידער פון געטאָ"), וואָס האָט באַקאַנט געמאַכט דעם באַרימטן יידישן דיכטער אויך אין רומעניע, בפרט ביי דער דאָרטיקער יידישער אינטעליגענץ. שפּעטער זיך באַזעצט אַלס ד"ר מעדיצין אין פּאַריז. אַ באַקאַנטער רומענישער זשורנאַליסט, האָט ר' געדרוקט אין רומעניש אויך דערציילונגען, איבערגעזעצט זאַכן פון קאָראָלענקאָ, טשעכאָוו, גאָרקי, ש"ע, און איז טעטיק אויך אַלס פראַנצויזישער שריפטשטעלער, פאַרפאַסט דריי ראָמאַנען, אַ ריי טעאַטערשטיק, פון וועלכע עטלעכע אויפגעפירט אין טעאַטער „אָדעאָן", אויך איבערגעזעצט אויף פראַנצויזיש רומענישע שריפטשטעלער, אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל La Vie און שפּעטער געגרינדעט דעם טעאַטער=זשורנאַל Choses du théatre, וואו פּאָפּולאַריזירט פון צייט צו צייט אויך די יידישע ליטעראַטור, בפרט די דראַמאַטישע, און וואו ל. בלומענפעלד פירט לעצטנס אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג איבער יידישן טעאַטער און מוזיק. בשעת די גאַסטראָלן פון מאָריס שוואַרצס יידישן קונסט=טעאַטער אין פּאַריז האָט ר' געשריבן וועגן די פאָרשטעלונגען אין זיין טעאַטער=צייטונג.

פּריוואַטע מיטטיילונגען פון י. גראַפּער און ל. בלומענפעלד.

רחמיאל (1877 —) פּאַרטיי=פּס"נ פון **אהרן וויינשטיין**. געב' אין ווילנע אַלס זון פון יצחק ווי. באַקומען די ערשטע דערציִונג אין אַ קרוינישיידישער אָנפאַנג=שול, האָט ער 1897 געענדיקט דעם יידישן לערער=אינסטיטוט אין ווילנע און איז געוואָרן לערער

פון אַ קרוינישיידישער פאָלקס=שול אין אָשמענע, אין אַ פּאָר יאָר אַרום אַריבער אויף אַ ענלעכער שטעלע אין

וואַרשע. נאָך אַלס 15יעריקער ייִנגל אַריין
אין דעם רעוואָלוציאָנערן קרייזל, וואָס
האָט עקסיסטירט ביים לערער=אינסטיטוט,
האָט ער געאַרבעט אין די ווילנער אַר=
בעטער = קרייזלעך, זינט דער גרינדונג
פון „בונד" פאַרבונדן געווען מיט דער
דאָזיקער פּאַרטיי, 1898 אַריין אין איר
וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, שפּעטער קאָ=
אָפּטירט געוואָרן אין אָרטיקן קאָמי=
טעט, 1900 אַלס פאָרשטייער פון וויל=
נע זיך באַטייליקט אין דער דריטער
קאָנפערענץ פון „בונד" (וואַרשע, 10טן
אַפּריל), 1904 אויפן פערטן צוזאַמענפאָר
פון „בונד", אין ביאַליסטאָק, אויסגעוויילט
אין צ"ק און זינט דאַן פאַרבליבן אַ שטענ=
דיקער מיטגליד פון צ"ק, אַלס פאָרשטייער
פון „בונד" גענומען אָנטייל אויך אין די
פאַרשיידענע צוזאַמענפאָרן און קאָנפע=
רענצן פון דער רסדאַ"פּ (אין לאָנדאָן
1907, פּאַריז, טעמערפאָרס, העלסינגפאָרס),
געווען אָרגאַניזאַטאָר פון דער באַראַטונג
פון די נאַציאָנעלע ס"ד=גרופּעס אָנהייב
1912 און פון דעם וואַל=בלאָק פון „בונד"
און פפּ"ס אין וואַרשע בעת דער וואַל=קאַמ=
פּאַניע צו דער 4טער דומע. ניט איינמאָל
אויסגעשטאַנען רעפּרעסיעס פון דער צאַ=
רישער מאַכט, 1914 — 17 פאַרשיקט גע=
ווען אין סיביר, פון וואַנען צוריקגעקומען
נאָך דער פעברואַר=רעוואָלוציע קיין לע=
נינגראַד, אויף דער 10טער קאָנפערענץ
פון „בונד", אַפּריל 1917, אויסגעוויילט
אַלס פאָרזיצער פון צ"ק, זיך באַזעצט
אין מינסק, וואו צוזאַמען מיט זיין פרויס*)
עלטערער שוועסטער אסתּר פרומקין אָנ=
געפירט די פאַרטיי=אַרבעט אין ווייס=

*) גיטע, אויך אַ טוערין פון „בונד", דער=
הויפּט אויפן קולטור=געביט, אַ מאָראַליש הויכע
פערזענלעכקייט, פון באַרוף אַ ד"ר מעדיצין,
געשטאָרבן מיט אַ פּאָר טעג פאַר ווי'ס צוריקקומען
פון פאַרשיקונג.

רוסלאַנד, אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָר=
זיצער פון שטאָטראַט, מיטגליד פון אויס=
פירקאָם פון מינסקער סאָוועט. אין משך
פון לאַנגע יאָרן איינער פון די אָנפירער
פון „בונד", אָנגעזעענסטער פּראַקטיקער
פון דער אָרגאַניזאַציע, היטער פון די
טאַקטישע פּרינציפּן פון „בונד", האָט
ער בשעת דער מלחמה פאַרנומען אַ
צענטריסטישע פּאָזיציע (פאַר זיין שטע=
לונג צו דעם קריג איז צ"אַ כאַראַקטע=
ריסטיש זיין אַרטיקל אין דעם סאָציאַ=
ליסטישן אָרגאַן Наш Голос, וואָס איז
אַרויס אין סאַמאַרע ערב דער רעוואָ=
לוציע), נאָך דער פעברואַר=רעוואָלוציע
געשטאַנען אויף דעם רעכטן פליגל פון
דער פּאַרטיי, בשעת דער אָקטאָבער=
רעוואָלוציע אונטערשטיצט די פאָדערונג,
וואָס דער „וויקזשעל" האָט אַרויסגערוקט
וועגן בילדן אַ אייגהייטלעכע סאָציאַליס=
טישע רעגירונג פון די פאָלקס=סאָציאַליסטן
ביז די באָלשעוויקעס אַריינגערעכנט,
אַדאַנק זיין גרויסן איינפלוס אין מינסק
אויסגעמיידט אין די אָקטאָבער=טעג אַ
באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס צווישן די מענ=
שעוויקעס און באָלשעוויקעס, נאָך דער
דייטשער רעוואָלוציע געוואָרן אַן אָנ=
הענגער פון דער ראַטנמאַכט, ביסלעכ=
ווייז דורכגעמאַכט די עוואָלוציע אויף
לינקס, אויף דער 11טער קאָנפערענץ
פון „בונד" אין מינסק, מערץ 1919, אין
אַ געוויסער מאָס געראַטעוועט די פּאַרטיי
פון אַ שפּאַלטונג, ביז ער האָט צוזאַמען
מיט אַנדערע חברים 1921 געשאַפן דעם
„קאָמבונד" אין ווייסרוסלאַנד און דער=
נאָך מיטן „קאָמבונד" זיך אַריינגעגאָסן
אין ק"פּ. צו יענער צייט געווען שיר ניט
דער באַלעבאָס פון דער ווייסרוסלענדי=
שער ראַטנרעפּובליק אויפן פּאָליטישן
אוןווירטשאַפטלעכן געביט, 1920 — מיט=
גליד פון ווייסרוסלענדישן קריגסרעוואָ=

לוציאָנערן קאָמיטעט; 1921, נאָכן אַריינטריט פון „בונד" אין רק"פּ פון ווייסרוסלאַנד – מיטגליד פון פּרעזידיום פון צא"ק און פאַרטרעטער פון פּאָרזיצער פון דעם ראַט פון די פאָלקסקאָמיסאַרן פון ווייסרוסלאַנד, מיטגליד פון צ"ב פון דער ק"פּ פון ווייסרוסלאַנד, דערנאָך אויך פון צ"ק און געגנטקאָמיטעט פון דער קירגיזישער רעפּובליק, 1923–פּאָרזיצער פון ראַט פאַר אַרבעט און שוץ פון דער קירגיזישער רעפּובליק, זינט 1923 – מיטגליד פון דער קאָלעגיע פון דעם פאָלקסקאָמיסאַריאַט פאַר פינאַנצן פון פסס"ר. נעמט אויך אַ גרויסן אָנטייל אין דער יידישער קאָלאָניזאַציע-אַרבעט (נאָך אין ווייסרוסלאַנד איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע מלוכישע קאָלאָניזאַציע, געווען טעטיק אויף דעם געביט), לויטן באַשלוס פון „געזערד" מערץ 1927, אויסגעווילט צוזאַמען מיט דעם רוסישן וויסנשאַפטלער לאַפּיראָסקאָבלאָ אַלס דעלעגאַטן פון „געזערד", קיין אַמעריקע, אָבער ער האָט ניט באַקומען קיין דערלויבעניש פון די שטאַטן אַריינצופאָרן קיין אַמעריקע; נאָוועמבער 1928 באַשטימט אַלס ממלא-מקום פון דעם באַאורלויבטן פּאָרזיצער פון „קאָמערד" סמידאָוויטש (וויצעפּרעזידענט פון פסס"ר, אַ ברודער פון שריפטשטעלער ווערעסאַיעוו). — ר'ס ליטעראַרישע טעטיקייט איז געווען אַ גאַנץ קנאַפּע, בלויז פון צייט צו צייט האָט ער פאַרעפנטלעכט אין די בונדישע אויסגאַבן אַרטיקלען, דערהויפּט וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן און פּראָפ׳ באַוועגונג, א"פּ א. ראַכמילעוויטש, א. ר—טש, בן רחל, ר—ל, למשל: „צו דער דיסקוסיע וועגן דער פּעראייניגונגס-פראַגע" — אין „פאָלקסצייטונג", 1906, 112 — 119, „פּאַרטיי און פּראָפ׳ פאַראיינען" — אין זמ"ב „די נייע צייט", I, „אויפן ריכטיגען וועג" — וועגן די קאָנפליקטן צווישן די יידישע און פּוילישע אַרבעטער – אין זמ"ב „די נייע שטימע", 1911, II, וועגן נאָרמאַלן אַרבעטסטאָג און יום-טוב-רו פאַר האַנדלס-אָנגעשטעלטע — אין זמ"ב „צייט-פראַגען", 1910, III - IV, „די אַרבייטער-דעלעגאַציע אויפ'ן האַנדווערקער-צוזאַמענפאָר" — אין זמ"ב „די אידישע פאָלקסשטימע", 1911, II, וועגן דער טאַקטיק פון דער ס"ד-פּאַרטיי בנוגע דעם קאַמף צווישן די לעגאַליסטן און אַנטילעגאַליסטן – אין דעם אומלעגאַלן זשורנאַל Отклики Бунда און אין „דער שטימע פון בונד", 1909, 2. האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער פּט"ב'ער „צייט", אין מינסקער „וועקער", וואו צ"אַ פאַרעפנטלעכט זכרונות (אין יובילייי-נומער 1917 און „וועגן פּראָוואָקאַטאָר י"ם קאַפּלינסקי"—1922); געדרוקט אויך זכרונות אין אַנדערע אויסגאַבן; אָנגעשריבן אַ בראָשור וועגן די וואַלן צו די שטאָטראַטן.

מ. רצפּעס, אין Большая Советская Энциклопедия, 1927, VIII, ז' 585; וו. מעדעם, „מיין לעבען", II, ז' 20; זעלדאָוו-נעמאַנסקי, אין יובילייי-נומער „אַרבייטער-שטימע", 1917; נ. מייזיל, „די פיהרער פון דער יעווסעקציע", אין „היינט", 1927, 164; א. קירזשניץ, „דער אידישער אַרבעטער", ב' IV, הערה 33.

ריבאַלאָוו מנחם-מענדל

(17/II — 1895) געב׳ אין טשודנאָוו, וואָלין. דערצויגן אין ליובאַר, וואו די פאַמיליע האָט זיך אַריבערגעצויגן 1899, געלערנט דאָרט אין חדר און ישיבה. נאָך בר-מצווה מיט עטלעכע גילדן אַוועק קיין אָדעס, וואו געלעבט אין גרויס דחקות און עלנטקייט, געווען אַן עקסטערן און געלערנט אין אַ ישיבה, געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון דער אָדעסער גרופּע העברעיִשע שריפטשטעלער ביאַליק, קלויזנער, לעווינסקי א"אַ, 1910–17 שטודירט אין שאַניאַווסקי-אוניווערסיטעט אין מאָסקווע.

אין די מלחמה־יאָרן געאַרבעט אין „תרבות" אין מאָסקווע און קיעוו. אָנגעהויבן צו שרייבן צו 15 יאָר, האָט ר' דעביוטירט מיט אַ שיר אין „השלח", דעצעמבער 1912, זינט דאַן זיך באַטייליקט אין „השלח", „פקעים", „שחרית" „הצפירה", מאָסקווער „העם", קיעווער „תרבות", ווי

אויך אין די יידישע צייטונגען „די וועלט", קיעוו, „פעטראָגראַדער טאָגבלאַט". אַרום 1920 געקומען קיין וואַרשע, וואו מיטגעאַרבעט אין „הצפירה", „התקופה", „היינט", „דעם חודש" (רעצענזיעס וועגן דוד קעניגסבערג, יעקב פרעגער, ש"י אימבער, בימקאָ א"אַ), אַרום 1921 אַריבערגעפאָרן קיין נ"י, זינט 1922 רעדאַקטאָר פון דעם איינציקן העברעיִשן וואָכנבלאַט אין אַמעריקע „הדאר", לכבוד דעם 5יעריקן יובילײ פון „הדאר" אַרויסגעגעבן דורך דער „הסתדרות העברית באמריקה" אַ זמ"ב מיטן אָנטייל פון אַ 125 העברעיִשע שריפטשטעלער א"ט „ספר היובל של הדאר" (נ"י תרפ"ז, ז' 352). האָט זיך אויך באַטייליקט אין „טאָג", „יידישען „טאַגעבלאַט", „אידישען פאָלק", „צוקונפט", „העברי", „התורן", אַרויסגעגעבן אַ זמ"ב „קומץ עלים על קבר דוד פרישמאַן" (נ"י), רעדאַקטירט די העברעיִשע אָפטיילונג „ניר" אין ל. מילערס „נייער וואַרהייט" 1925 — 26. איז איינער פון די פירער פון דער העברעיִסטישער קולטור־אַרבעט און דער העברעיִשער ליטעראַטור־אַרבעט אין אַמעריקע. געשריבן אויך א"פ מ. זרובבל, בר־לבב, מ. שושני, ד"ר ל. ברמאַן, א. רוזן, מ. ר — ב, ר. מנחם, משי, מרי, בלב, מ. ראָזמאַן, מ. ר., א. ה., ע. א. אַן אויסוואַל פון זיינע אַרטיקלען איז אַרויס אין בוכפאָרם א"ט „ספר המסות" (פ"ג „עגן", אַרויסגעגעבן דורך דער „הסתדרות העברית באמריקה", נ"י, 1928, ז' רמ'), וואו עס קומען צ"אַ אַריין אַרטיקלען וועגן מענדעלע, אחד־העם, בוקי בן יגלי, מ. מ. דאָליצקי, ביאַליק, טשערניכאָווסקי, שאָפמאַן, שמעונאָוויטש, אורי־צבי גרינבערג, אביגדור המאירי, יהואש, מרדכי טעמקין, דוד פויגל, ש. האַלקין, יוסף אָפּאַטאָשו („די פוילישע וועלדער") און ה. לייוויק („דער גולם"). נאָך ניט פאַרעפנטלעכט אין בוכפאָרם אַ ריי אָפּהאַנדלונגען אין העברעיִש און אין יידיש וועגן דער ניי־העברעיִשער ליטעראַטור (צ"אַ וועגן ח"נ ביאַליק, ח"י ברענער, דוד פרישמאַן, שאול טשערניכאָווסקי, שניאור — אין „צוקונפט", 1922 — 26), פראָבלעמען פון שאַפן, אַ מאָנאָגראַפיע וועגן קריטיק.

ריבאַק ישׂשכר־בער (2/II 1897 —) געב' אין יעליסאַוועטגראַד. זיין פאָטער, אַ פאַבריקס־בוכהאַלטער, האָט געשטאַמט פון אַ יחוסדיקער חסידישער משפחה, אָבער אַליין שוין געווען אַן „אויפגעקלערטער", און אין זיין הויז פלעגן די קינדער פאַר אַ יידיש וואָרט אַמאָל גאָר כאַפן אַ פאַטש.



צוליב אַ פיזישן פעלער (ביז 9 יאָר כמעט גאָרניט גערעדט) איז ר' אַוועק אין חדר ערשט צו 10 יאָר, אָבער געלערנט דאָרט בלויז אַ יאָר צייט, גלייכצייטיק בגנבה באַזוכט אַרבעטער־אָוונט־קורסן

פאַר צייכענען; דער פאָטער האָט אים אָבער צוליב זיינע פעיִקייטן צו צייכענען און מאָלן געוואָלט גרייטן פאַר אַ אינזשעניער, אַזוי אַז צו 13 יאָר איז ר׳ געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן דאָס עלטערנהויז און צו פאַרדינען זומערצייט אַלס „שטרייכער", כדי צו האָבן די מעגלעכקייט באַזוכן ווינטער די מאָלערשול אין קיעוו. וואוהין ער איז אָנגעקומען צו 14 יאָר. אין דער פריער יוגנט האָט ר׳ זיך שוין אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט שטודירן און זאַמלען די יידישע פאָלקסקונסט, איז געוואָרן איינער פון די פּיאָנירן פון דער מאָדערנער יידישער פלאַסטיק. אַרומפאָרנדיק איבער די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע אין שליחות פון דער יידישער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין פט״ב, האָט ר׳ מיט אַ באַזונדערן אינטערעס אויפגעזוכט די אַלע ספּעציפישע און כאַראַקטעריסטישע פאָרמען פון דער יידישער טראַדיציאָנעלער און פאָלקסטימלעכער קונסט, שטרעבנדיק אין זיין קונסט צו פאַרבינדן דעם יידישן פאָלקספּרימיטיוו מיט די מאָדערנע פאָרמען. האָט גענומען אַ לעבעדיקן אָנטייל אין די פאָראַרבעטן פאַר אַ יידישן טעאַטער אין קיעוו בחברותא מיט אַלעקסאַנדרע עקסטער, וועלכע האָט אים באַקענט מיט דער קונסט פון מערב-אייראָפּע — און אויף ר׳ן, וועלכער האָט ביז דאַן קולטיווירט אַ פאַרביקן רייכן אימפּרעסיאָניזם, אָנגעווענדט אויף טיפּן פון יידישן לעבן און אויף דער רעפּראָדוקציע פון מאָלערישע פאָלקסטיפּן, האָט די קונסט פון פּיקאַסאָ און בראַקע געמאַכט דאַן אַ שטאַרקן רושם. 1917—19 האָט ר׳ געאַרבעט אין דער קולטור-ליגע אַלס מיטגליד פון צ״ק, אָנגעפירט צוזאַמען מיט אליעזר ליסיצקי, יוסף טשייקאָוו א״אַ איר קינסטלער-סעקציע, אָרגאַניזירט קורסן פון מאָלעריי פאַר קינדער און דערוואַקסענע, די סטודיע פון דער קולטור-ליגע, וואו געשטעלט ב. שטיימאַנס „משיח בן יוסף". די הויפּט-טעטיקייט זיינע צו יענער צייט איז געווען דער אונטערריכט פון צייכענען פאַר קליינע קינדער, וואָס ס׳האָט אים געגעבן רייכע אָנרעגונגען. פון דער צייט שטאַמען אַלע צייכענונגען פון זיינע אַלבומען Jüdishe Typen aus der Ukraina (Essem-פ״ג, בערלין, אַ מאַפּע מיט צוועלף האַנטסיגנירטע אָריגינאַל-ליטאָגראַפיעס און מיט אַ הקדמה פון ד״ר מאַקס אָסבאָרן). גלייכצייטיק האָט ער געאַרבעט אין קיעוו אויף דער באַצירונג פון גאַסן און פלעצער ביי רעוואָלוציאָנערע יום-טובים, געמאָלט פלאַקאַטן אאַז״וו. 1919 אַוועק קיין מאָסקווע, וואו ער האָט געאַרבעט דערהויפּט אַלס קינסטלערישער אינסטרוקטאָר, אָרגאַניזירט די ערשטע יידישע אויסשטעלונג, צוליב דעם גרויסן דחקות אַחוץ פלאַקאַטן געמאָלט ווייניק—בלויז די אַקוואַרעלן פון די פּאָגראָמען (אין וועלכע עס איז אומגעקומען ר׳ס פאָטער). אָקטאָבער 1921—1925 האָט ר׳ פאַרבראַכט אין בערלין, וואו ער האָט אַלס מיטגליד פון דער „נאָוועמבער-גרופּע" גענומען אָנטייל אין די אויסשטעלונגען פון דער „יורי-פרייער קונסטשוי", „בערלינער סעצעסיאָן" א״אַ, 1924 געהאַט אַן אייגענע גרויסע אויסשטעלונג. פעברואַר 1925 אויף דער איינלאַדונג פון ווייסרוסלענדישן יידישן מלוכה-טעאַטער געמאַכט אין מאָסקווע די דעקאָראַציעס און קאָסטיומען צו ראַפּאַלסקיס שטעלונג פון פּרצעס „אין פּאָליש אויף דער קייט", אָקטאָבער 1925 געשטעלט אין כאַרקאָווער יידישן מלוכה-טעאַטער „פּורים-שפּיל" און ד. מ״יראַ-

וויטשעס „אין ברען". זינט מאַי 1926 אין פּאַריז, וואו ער האָט אין יאַנואַר 1928 געהאַט אַן אויסשטעלונג פון אַק־וואַרעלן און צייכענונגען אין דער Galerie aux Quatre Shemins און אָק־טאָבער 1928 — אַ גרויסע אויסשטעלונג אין דער Galerie L'Art Contemporain. איינער פון די טאַלאַנטפולע יידישע צייכענער און גראַפיקער, וועלכער האָט דורך אַלע ריכטונגען פון זיין קינסט־לער־וועג ניט אויפגעהערט צו זוכן דעם יידישן סטיל אין דער פּלאַסטיק, האָט ר' אילוסטרירט אַ גאַנצע ריי יידישע אויסגאַבן, צ"אַ 3 ביכער קינדער־מעשהלעך, אַרויסגעגעבן פון פּאַלקאָמ־בילד אין בערלין 1922, ווי אויך אַ סעריע קינדער־ביכלעך פון פ"ג „שוועלן", בערלין 1923, פון די יידישע פ"גן אין ראַטנפאַרבאַנד (ל. קוויטקאַ א"אַ) און האָט אַרויסגעגעבן צוויי קונסט־אַלבומען: „שטעטל" פון 31 בילדער, — „מיין חרובער היים אַ געדעכעניש" (פ"ג „שוועלן", בערלין, ה' תרפ"ג), אויף וועלכע סיי דער פאָלקספּרימיטיוו סיי שאַגאַל האָבן געהאַט אַ וואַרעמע השפּעה: אַ סך יידישער חן ווערט דאָ אויסגע־גאָסן, די גאַנצע אידיליע פון דעם יידישן לעבנסשטייגער אין אוקראַינע ווערט דאָ אויסגעזונגען; „אויף די אידישע פעלדער פון אוקראַינע" — אין יידיש, פראַנצויזיש און ענגליש — איינ־דרוקן אין וואָרט און בילד פון ר'ס רייזע איבער די יידישע קאָלאָניעס אין כערסאָן און קרים (פ"ג א. סימאָן און קאָ, פּאַריז, 1926, 21 בלעטער) געהאַלטן רעאַליסטיש. ער האָט אויך פאַרעפנט־לעכט צוזאַמען מיט ב. אַראָנסאָן אַן אַרבעט „די וועגן פון דער אידישער מאַלעריי", אין דעם קיעווער זמ"ב „אויפגאַנג" און „אין כערסאָנער סטע־פּעס" (לויט די איינדרוקן פון ר') — מיט בילדער פון דער יידישער קאָלאָ־ניזאַציע אין קרים, אין חודש־זשורנאַל „אין שפּאַן", 1926, II.

אַרנאָלד צווייג, אין „יידישער אילוסטרירטער צייטונג", 1924, 7; ד. בערגעלסאָן און ב. אַר־שאַנסקי אין מינסקער „אָקטיאַבר" פון 2/II און 27/X 1926; ל. ע. „י. ב. ריבאַק (מיט בילדער)", אין „רויטער וועלט", 1926, I—II; מ. קיטאַי, אין ריגער „פרימאָרגן", פון 7/IX 1928 און מאַסן אַנדערע אַרטיקלען אין יידישע, דייטשע, ענגלישע און פראַנצויזישע צייטשריפטן.

ריבלין משה (21/VIII 1896 —

) געב' אין ירושלים, אין אַ רַבני־שער משפּחה. געלערנט אין תּלמוד־תּורהס און ישיבות פון ירושלים, גע־דינט אין דעם יידישן לעגיאָן אין א"י. ליטע־ראַרישע טע־טיקייט אָנגע־הויבן צו 18 יאָר אין ירושלימער „החרות", אַרום 1916 געקומען

קיין אַמעריקע, געענדיקט דעם נ"י'ער אוניווערסיטעט, זיך ספּעציאַליזירט אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע. זינט 1918 אינע־ווייניקסטער מיטאַרבעטער פון „מאָרגן זשורנאַל", וואו ער שרייבט טאָג־זשורנאַ־ליסטיק, אויך אַרטיקלען וועגן עקאָנאָמישע פראַגן. צ"אַ אויך פאַרעפנטלעכט אַרטיק־לען וועגן דעם סאָציאַלן לעבן פון די יידן אין ארץ־ישראל.

ריבקינד יצחק (אדר 1895—)

געב' אין לאָדז, אין אַ פרומער יחוסדי־קער פאַרמעגלעכער פאַמיליע, וואָס שטאַמט פון גראָדנער געגנט. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, גע־לערנט אין חדר, אַ געוויסע צייט דער־צויגן אין דעם הויז פון זיין זיידן פון דער מוטערס צד, אַ באַוואוסטן לאָדזער פאַבריקאַנט. נאָך בר־מצוה אָפּגעפירט

געוואָרן פון פאָטער אין דער וואָלאָזשי=
נער ישיבה, וואו מיט הפסקות פאַרבראַכט
אַ יאָר פיר און וועלכע האָט געהאַט אויף
אים זייער אַ גרויסע השפעה, גלייכ=
צייטיק פריוואַט
געלערנט אויך
העברעיִש און
רוסיש, אין דער
ישיבה געוואָרן אַ
ציוניסט און אָנ=
געהויבן זיין טע=
טיקייט אין די
ישיבה=קרייזן,

געשטאַנען בראש פון דעם געוויסן דריי=
חדשימדיקן שטרייק קעגן דעם שריפטלעכן
איסור פון דער הנהלה אויף ביכער און
זשורנאַלן, אַרויסגעוויזן זיין טאַלענט אַלס
רעדנער און אַגיטאַטאָר, דערנאָך געלערנט
אין פּאָניעוועזש, 1913 פאַרעפנטלעכט אין
„הצפירה" זיינע ערשטע צוויי קאָרעס=
פּאָנדענצן — איבער דער פּאָניעוועזשער
ישיבה און איבער דעם לאָדזער טורן=
און ספּאָרט=פאַריין, וואו ער איז אַ געַ=
וויסע צייט אַליין געווען אַקטיוו און
דער דעמאָלט אויפגעקומענער יידישער
ספּאָרט=באַוועגונג געווידמעט אויך זיין
ערשטן גרעסערן אַרטיקל אין ד"ר ש.
אייזענשטאַטס יוגנט=זשורנאַל „שחרית".
בשעת דער מלחמה פיל געלערנט, דער=
הויפּט די דייטשע ליטעראַטור, געוואָרן
באַזונדערס טעטיק אין דער ציוניס=
טישער באַוועגונג אַלס פאָלקסרעד=
נער, אַרומגעפאָרן איבער דער פּוילי=
שער פּראָווינץ, זומער 1917 געגרינדעט
אין לאָדז אַ יוגנט=פאַרבאַנד „צעירי
מזרחי", וואָס האָט זיך שפּעטער פאַרשפּרייט
איבער גאַנץ פּוילן, צווישן דער חסידיש=
רעליגיעזער יוגנט, אויך אויסגעוויילט
געוואָרן אויף דער ערשטער מזרחי=קאָנ=
פערענץ אַלס מיטגליד פון צ"ק פון
„מזרחי" אין פּוילן, תרע"ח צונויפ=
גערופן די ערשטע צעירי=מזרחי=קאָנפע=
רענץ אין לאָדז, 1919 געווען מיטגרינדער
און מיטאַרבעטער פון דעם פּאַרטיי=אָר=
גאַן „המזרחי", דאַן אויך אַריין אַלס מיט=
גליד אין דעם צייטווייליקן יידישן נאַציאָ=
נאַלראַט, ווינטער 1920 אָרגאַניזירט די
מזרחי=אָרגאַניזאַציע אין ווילנע און געגנט,
זיך באַטייליקט אין דער ציוניסטישער
קאָנפערענץ אין לאָנדאָן און פון דאָרט
צוזאַמען מיט זיין פריינד הרב יהודה
זלאָטניק אָפּגעפאָרן אין די אינטערעסן
פון „מזרחי" קיין אַמעריקע, וואו צוליב
פּרינציפּיעלע און פּערזענלעכע סיבות
זיך צוריקגעצויגן פון דער פּאַרטיי=אַר=
בעט און זשורנאַליסטיק און זיך אינגאַנצן
געווידמעט דער וויסנשאַפטלעכער און
ביבליאָגראַפישער אַרבעט אויף די גע-
ביטן פון יידישער געשיכטע, קולטור=
געשיכטע, פאָלקלאָר אאַז"וו. אַלס ביבליאָ=
טעקאַר פון דער העברעיִש=יידישער אָפּ=
טיילונג פון דער גרויסער ביבליאָ=
טעק פון דעם „יידישן טעאָלאָגישן
סעמינאַר פון אַמעריקע" אין נ"י פיל
מיטגעווירקט צו שאַפן אַ מער יידישע
אַטמאָספערע אין דער דאָזיקער יאַהודי=
שער וועלט=ביבליאָטעק און באַפעסטיקט
אין איר די פּאָזיציע פון יידיש (די ביב=
ליאָטעק ווערט איצט אַ צענטער אויך
פאַר דער פאָרשונג פון דער אַלטע[?]
יידישער ליטעראַטור). — אַחוץ פּובליציס=
טישע און פּאַרטיי=זשורנאַליסטישע אַר-
טיקלען, ווי אויך ביאָגראַפישע אָפּהאַנד=
לונגען, היסטאָרישע איבערבליקן, שטי=
מונגס=זאַכן, רייזע=נאָטיצן אאַז"וו, וואָס
ר' האָט געשריבן אין „לאָדזער טאַגע=
בלאַט" 1916—20, צום טייל אויך אין
לאָדזער „פאָלקסבלאַט", ווילנער „יידישער
צייטונג" 1920, און אין אַמעריקע — אין
„דעם יידישן פאָלק", „יידישן טאַגע=

בלאַט", „העברי", „הדאר" א"אַ. האָט ער
די לעצטע יאָרן פאַרעפנטלעכט אַ ריי
אַרבעטן אויפן געביט פון דער יידישער
פילאָלאָגיע און עטנאָגראַפיע, ווי די
תקנות פון פראָג פון יאָר 1611 אין אַלט־
יידיש (אין „רשומות", IV), קאַפּיטלען
פון זיין גרויסער אַרבעט איבער שפּילן
ביי יידן אין ליטעראַטור און אין לעבן
(אין „הדאר", 1926), וועגן פאַרשיידע־
נע ביבליאָגראַפישע און טיפּאָגראַפישע
קוריאָזן פון די ערשטע דרוקן, אָנגע־
הויבן פון די אינקונאַבלען (צ"אַ „ספרי־
סלוניקי" און „דקדוקי ספרים" — אין
„קרית ספר", I—II), אויף וועלכן געביט
ער אַרבעט ווייטער, אַ קולטור־היסטאָרי־
שע און ביבליאָגראַפישע שטודיע „הגדת
פסח" (אין „הדאר", תרפ"ז, ר"ב), אויך
אַ ריי רעצענזיעס, ווי איבער דער אויס־
גאַבע פון „שמחת הנפש" פון ד"ר יעקב
שאַצקי (זע), א. דרויאַנאָווס „כתבים
לתולדות חבת ציון" I—IV (אין „הדאר",
VI, 25) אאַז"וו. אַן אַקטיווער מיטאַרבע־
טער פון דער אַמעריקאַנער סעקציע
פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטי־
טוט, מיטגליד פון דער רעדאַקציאָנע־
לער קאָלעגיע פון איר אָרגאַן „פנקס /
אַ פערטליאָריקער זשורנאַל פאַר יידי־
שער ליטעראַטור־געשיכטע, שפּראַכפאָר־
שונג, פאָלקלאָר און ביבליאָגראַפיע" —
צוזאַמען מיט ד"ר מ. ווײַנרייך, יודאַ
א. יאָפע, י"ל כהן, ש. ניגער און ד"ר
יעקב שאַצקי — האָט ער אין די אויס־
גאַבן פון ייוו"א פאַרעפנטלעכט פאָלגנדי־
קע אַרבעטן: „דער בעל־מלאכה אין אַן
אַלט יידיש ליד" (אין „לאַנדוי־בוך");
„די היסטאָרישע אַלעגאָריע פון ר' מאיר
ש"ץ" (אין „פילאָלאָגישע שריפטן", III);
„יידיש אין העברעיִשע דרוקן ביזן יאָר
ת"ח — 1648", „דאָס רעכט פון לשון
אשכנז" „ביי דין־תורות", „דער ווילנער
גאון און יידיש", „לומדישער יידיש",
„ספרים־אויפשריפטן", „אַ קלאָגליד אויפן
קאַלטן ווינטער פון יאָר 1784", געוויטער־
כראָניקעס (אין „פנקס", ה' I—III). אין בראָ־
שורפאָרם אַרויסגעגעבן: „הנצי"ב ויחוסו
לחבת ציון" — אַ קאַפּיטל אויס דעם
לעבן און טעטיקייט פון ר' נפתלי־צבי־
יהודה בערלין (פ"ג „צעירי מזרחי", לאָדז,
1919, ז"ז 23); „אגרת ציון" — מאַטעריאַל
צו דער געשיכטע פון חיבת־ציון (סעפּאַ־
ראַטער אָפּדרוק פון „ספר שמואל",
ירושלים, 1923, ז"ז 31), אַנטהאַלט עט־
לעכע בריוו צום נצי"ב פון ר' שמואל
מאָהליעווער, ד"ר ל. פינסקער, ר"מ
ערלאַנגער, י"ל לובעצקי, יחיאל־מיכל פינעס,
ווי אויך אַ פּאָר בריוו פון נצי"ב. „אלהי
ביאַליק" (סעפּאַראַטער אָפּדרוק פון „עין
הקורא", בערלין, 1923, ז"ז 60). — אַר־
בעט אויף דער געשיכטע פון דער וואָ־
לאָזשינער ישיבה זינט איר גרינדונג
ביז דער לעצטער צייט.

ריוולין העניע (אַרום 1880 — 5/VII
1923) געב' אין פעטערבורג (?) אין אַ
אָנגעזעענער סוחרישער פאַמיליע. איר
פאָטער, שמואל, איז געווען אַ געבילדעטער

מענטש און אין
איר עלטערנהויז
פלעגן אָפט פאָר־
קומען שמועסן
אויף רעליגיעז־
פילאָסאָפישע טע־
מעס, וואָס האָבן
געהאַט אַ שטאַר־
קע ווירקונג אויף
איר אַנטוויקלונג. מיט גרויסע שוועריִ־
קייטן האָט זי געפועלט ביי די פרומע
עלטערן, מ'זאָל זי אָפּגעבן אין גימנאַזיע,
בתנאי אָבער זי זאָל שבת די לערנ־
אַ־שטאַלט ניט באַזוכן. נאָכן ענדיקן
גלענצנד די גימנאַזיע, וואו זי האָט מיט

אירע גרויסע פעיקייטן און קלאָרן שכל אַרויסגערופן די התפעלות פון די לערערס, איז זי אָנגעקומען אויף די לעסגאַפט=קורסן („פרייע הויכשול") אין פט"ב. זינט 1907 האָט זי געאַרבעט אין די יידישע פאָלקסשולן (צוערשט—מיט דער רוסישער לערנשפּראַך) אין סעוואַסטאָפּאָל, גאָלטע, וויטעבסק, פט"ב, און ביי דער דאָזיקער אַרבעט, וועלכע זי האָט געהאַלטן פאַר איר לעבנסציל, איז זי געשטאַנען ביז צום סוף פון איר לעבן. אַ באַזונדערס אינטענסיווע טעטיקייט האָט זי אַנטוויקלט נאָך דעם אויסבראָך פון דער וועלט=מלחמה, נעמענדיק דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין אָרגאַניזירן און אָנפירן יידישע קינדערהיימען, שפּילפּלעצער פאַר היימלאָזע. זומער 1915 האָט זי אין שליחות פון פט"ב'ער „אָזע" אָרגאַניזירט די קינדערהיימען אין ווילנע און די אַרומיקע שטעטלעך, געקליבן מאַטעריאַלן פאַר די דאָזיקע ערשטע קעמערלעך פון דער יידיש=וועלטלעכער שול, אויסגעאַרבעט פּראָגראַמען אאַז"וו. נאָך דער עוואַקואַציע פון ווילנע דורך די רוסן געאַרבעט אַלס באַפולמעכטיקטע אינסטרוקטאָרין פון „אָזע" אין פאַרשיידענע שטעט פון צענטראַל=רוסלאַנד, דערהויפּט אין טאַמבאָווער ראַיאָן, דורכגעפירט אייניקע ראַיאָניקע צוזאַמענפאָרן וועגן דער אינעווייניקסטער אַרבעט פון די נייע יידישע שולן. נאָך דער אָקטאָבער=רעוואָלוציע געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן מיט דער ראַטנמאַכט אויף דעם יידישן שול=געביט, צוזאַמען מיט ברוך שוואַרצמאַן, דעם גרינדער פון דער יידישער שול אין מאַלאַכאָווקע, געאַרבעט אין דער דאָזיקער מוסטער=אַנשטאַלט. ר' איז געווען אַ באַדייטנדיקע פּעדאַגאָגין, האָט די ערשטע געלייגט דעם יסוד פון אַ יידישן קינדער=גאָרטן, די ערשטע אַרויסגערוקט די וויכטיקייט פון דער פאַרשוליקער דערציִונג פאַר יידישע קינדער, אַריינגעטראָגן אין איר אַרבעט ליבע, מונטערקייט, ענערגיע און גרויסע פּעדאַגאָגישע קענטעניש. אַלס ירושה פון איר גרויסער דערפאַרונג און פון איר פּעדאַגאָגישן געדאַנק האָט זי איבערגעלאָזט דאָס בוך „די אַרבעט אין קינדער=גאָרטן" (פּ"ג קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַלע ענינים, יידאָפּטיילונג, פּט"ב, 1922, ז' 80) – דאָס ערשטע ווערק אין יידיש וועגן קינדער=גערטנער, געשריבן אין אַ לעבעדיקער פאָלקסטימלעכער שפּראַך; אין דעם דאָזיקן ווערק פירט זי אגב דורך דעם געדאַנק, אַז ניט נאָר די שפּראַך אין קינדער=גאָרטן דאַרף זיין יידיש, נאָר אויך דער גייסט. זי האָט אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע פּעדאַגאָגישע אַרטיקלען, צ"אַ אין Вѣстникъ Опе. — שטענדיק זייער טעטיק, פול מיט גייסטיקע אינטערעסן, האָט ר' פּלוצלונג זיך דערפילט אָפּגעשוואַכט פיזיש און גייסטיק און אין אַ צושטאַנד פון יאוש זיך גענומען דעס לעבן.

ש., „צום יאָרצייט פון יעווגעניאַ סאַמוילאָוונאַ ריוולין", אין „פאָלקס=געזונט", 1924, 7; י. רובין, אין „ביכער=וועלט", 1923, V — VI.

ריוועכמאַן מרדכי (מאַקס סעמיאָנאָוויטש) (1868 — 9/V 1924) געב' אין ווילנע. ביז 12 געלערנט אין חדר, נאָכדעם באַזוכט די ווילנער גימנאַזיע, דאַן 5 יאָר געווען פאָלקסלערער אין ווילנע און זינט 1896 לערער פון דער שול פון „חברה מפיצי השכלה" אין פּט"ב. זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּראָבן זיינען געווען אין יידיש און ער האָט זיי געוויזן יהודה=לייב לעוואַנדען, וועמעס ראָמאַנען און קליינע דערציילונגען ער האָט שוין געהאַט איבערגעלייענט צו 14 יאָר;

דער באַרימטער רוסיש-יידישער שריפט-
שטעלער האָט אים אויפגעמונטערט צום
שרייבן, אָבער נישט אויף יידיש, ווייל
דאָס איז „אַ מיאוסע שפּראַך", נאָר אויף
רוסיש, „ווייל מיר
לעבן אין רוס-
לאַנד". אַקעגן
זשע האָט דער
אַלטער אייזיק-
מאיר דיק, וואָס
האָט געהאַט גע-
לייענט ר'ס עט-
לעכע פעליעטאָ-



נען און שירים אין Нед. Хв. Восхода,
אים אָפּגעראָטן פון צו שרייבן אין רוסיש,
צוגערעדט צו שרייבן אין יידיש („עס זאָל
אייך קענען פאַרשטיין יעדע יידישע פרוי...
יידיש איז דאָך די שפּראַך פון די ברייטע
מאַסן..") און ער האָט דעביוטירט מיט דער
דערציילונג „דבשה" אין י"ל פּרצעס „יודי-
שער ביבליאָטעק", II (1892). זינט 1892 האָט
ער געדרוקט דערציילונגען אין Восходъ,
וועלכע זיינען שפּעטער אַרויס אין בוכ-
פאָרם א"ט Еврейскимъ Дѣтямъ (פּט"ב,
1907); זיין דערציילונג Бабушка и вну-
чекъ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער
ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּט"ב
(1906). זינט דער גרינדונג פון „פריינד"
האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו שרייבן
אין יידיש און אין משך פון 5 יאָר פאַר-
עפנטלעכט אין דער צייטונג אַ ריי דער-
ציילונגען פון אָרעמען יידישן לעבן („דער
בעל-מוסף", „חנוכה-לעמפּל", „עקזאַמען"
א"אַ) און שירים (צ"אַ „דער שמש" —
פון קעשעניעווער פּאָגראָם, „די מוטער און
דאָס קינד" — פּאָגראָם-מאָטיוו, „די
משוגענע מוטער"). האָט זיך אויך באַ-
טייליקט אין אייניקע אַנדערע יידישע
צייטשריפטן, ווי „די וועלט", „דער טאָג",
„די פאָלקס-שטימע" און א"פּ מאָטעלע

געדרוקט סאַטירישע פעליעטאָנען און
פערזן אין די הומאָריסטישע זשורנאַלן
„דער שייגעץ" און „דער בעזים" — ביי-
לאַגע צום „פריינד". אַ נאָמען האָט ר'
זיך געמאַכט מיט זיין בוך „דעם זיידנס
משלים, פריי און גאַנץ אידישליך באַאַר-
בעט, נאָך קרילאָוו" (פּט"ב, 1908, ז' 112;
צווייטע באַדייטנד אויסגעבעסערטע און
פאַרגרעסערטע אויפלאַגע — פּט"ב 1918,
ז' 167; אַן אויסוואַל פון זיי א"ט „דער
זיידע און די אייניקלאַך", 20 קרילאָווס
משלים, באַאַרבעט פאַר אידישע קינדער
פון 7—12 יאָר, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן
פון קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע ענינים,
פּט"ב, 1919, ז' 40). ער האָט אויך פאַר-
פאַסט אייניקע טעאַטערשטיק פאַר די ליב-
האָבער-ספּעקטאַקלען אין פּט"ב, אין וועלכע
ער אַליין פלעגט אויך אָנטייל נעמען,
צ"אַ אַ 3אַקטיקע קאָמעדיע „גליקן" (אויפ-
געפירט אויך פון דער „ווילנער טרופּע",
1916—17), די מיניאַטורן „ר' מאיר בעל-
הנס", „נאָכן טשאָלנט", „אין איילעניש",
די דראַמען „ענדע זומער" (אויפגעפירט
דורך קאַמינסקיס טרופּע) און „די פינס-
טערע נאַכט", אַחוץ אַ גאַנצער ריי
קינדער-פּיעסן אין רוסיש, דאָס רוב
צוגעפּאַסטע צו די יידישע יום-טובים
(אַרויסגעגעבן פון פ"ג „עזרא" אין פּט"ב).
נאָך דער רעוואָלוציע געוואָרן אַ טוער
פון דער דאַן געגרינדעטער יידישער
טעאַטער-געזעלשאַפט אין פּט"ב, פאַר דעם
יידישן קאַמער-טעאַטער פון אַל. גראַ-
נאָווסקי איבערגעזעצט גוצקאָווס טראַגעדיע
„אוריאל אַקאָסטאַ".— „פאַר די האַלב אַסי-
מילירטע, נאָך דער יידישער סביבה פאַר-
בענקטע יידן, וואָס האָבן געלעבט אין דעם
רוסישן פּט"ב, איז ר' געווען ממש אַן אוצר,
די פאַרקערפּערונג פון פאָלקסטימלעכקייט,
פון גוטמוטיקן הומאָר און פריילעכקייט,
אַ לעבעדיקער רעזערוואָואַר פון זאַפטיקן

װילנער יידיש, פון פּאָלקסוויצן, קאַלאַמ=
בורן, גראַמענקאָמבינאַציעס, און מ׳האָט
זיך געקייקלט פאַר געלעכטער פון זיינע
פאַריידישטע קרילאָוו = משלים, לידער,
דעקלאַמאַציעס, טעאַטער=סצענדלעך און
הומאָרעסקעס; ער האָט ליידנשאַפטלעך
ליב געהאַט די סצענע, די אַלטע פאָלקס=
סצענע מיט דעם פאַרצייטיקן רעפּערטואַר
און דעם אַלטמאָדישן שטייגער פון
פאָרטראָג, האָט גלענצנד געקענט זיין
אוידיטאָריע, וועלכע האָט אים גע=
צאָלט מיט ליבע און אָנערקענונג, און
אַ גרויסער עולם האָט אים באַגלייט צו
זיין אייביקער רו" (ציגבערג). ר׳
„זכרונות און באַגעגענישן" פאַר די יאָרן
1877 — 1915 — וועגן י״ל לעוואַנדע,
יהושע שטיינבערג, ש״י פין, א״מ דיק,
שמ״ר, אליקום צונזער (וועמעס „סאָכע"
ער האָט איבערגעזעצט און אָפּגעדרוקט
אין Нед. Хр. Восхода 1888; האָט אויך
איבערגעזעצט אויף רוסיש צונזערס עלעגיע
אויפן טויט פון לעוואַנדע), פּרץ, ש״ע,
ח. טשעמערינסקי, מענדעלע און אַן–סקי–
זיינען פאַרעפנטלעכט אין זמ״ב Евр. Ле-
топись III. — זיין ברודער, אַ. ריוועס=
מאַן, וועלכער האָט ביז דער מלחמה
געפירט אַ רוסיש=יידישע פאָלקסשול אין
ווילנע, האָט צוזאַמען מיט ב. בערנאַרד
געגרינדעט אין ווילנע אַ אילוסטרירטן
זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און וויסנשאַפט
„די אידישע יוגענד" — אין צוויי אויס=
גאַבן — „פיר יוגענד", 1 מאָל אַ וואָך,
און „פאַר קליינע קינדער" — 2 מאָל אַ
חודש; דער 1טער נומ׳ איז אַרויס 8/VI
1906 (צ״אַ מיט א. ר׳ס אַ ביאָגראַפיע פון
משה דעסעווער = מענדעלסאָן און מיט
מרדכי ר׳ס אַן אַרטיקל „צו דער אידישער
יוגענד"), אָבער די אויסגאַבע האָט קיין
ערפאָלג ניט געהאַט.

ЕЭ, XIII; ציגבערג, אין Евр. Летопись,
III (1924); ש. ראָזענפעלד, אין „טאָג", 1924.

ריווקין ב. (24/I 1883—)
פס״נ פון ברוך=אברהם וויינריב.
געב׳ אין יאַקאָבשטאָט, קורלאַנד. זיין
פאָטער, אבא=שעפטל, אַ זון פון אַ ברויז=
אַרבעטער, איז גע=

ווען אַ פורמאַן,
די מוטער האָט
מיידלוויין געאַר=
בעט אויף אַ צי=
גאַרנפאַבריק אין
דענעבאָרג. ביז 11
יאָר געלערנט אין
חדר און ביי גמרא=
מלמדים, דערנאָך– צוליב ביטערער אָרעמ=
קייט — אין דער תלמוד=תורה, פון וואַנען
דער רוסישער לערער האָט אים אַריינ=
גענומען אין דער קרוינ ש = יידישער
פאָלקסשול; דער אויפזעער פון דער
פאָלקסשול, מאָטע = יודע לאַנדמאַן, אַ
משכיל, אַ למדן „מיט דייטשן אונטער=
שלאַק", איז אויפמערקזאַם געוואָרן אויף
דעם אָרעמען יינגל, אים געגעבן האַלבע
קעסט, געלערנט מיט אים גמרא, אַריינ=
געגעבן אים אין דער רוסישער „שטאָ=
טישער שול" מיט דער כוונה צוצוגרייטן
אים צו ד״ר הילדעסהיימערס ראַבינער=
סעמינאַר, אָבער צו 14 יאָר האָט וויינריב
זיך באַפרייט פון לאַנדמאַנס אפּוטרופסות
און נאָכן ענדיקן די שול — אַרום 1899—
1900 — אָנגעהויבן זיינע וואַנדערונגען,
געלעבט אין מיטאַווע, ליבאַווע, אָדעס,
1904 צוריקגעקומען אַהיים צום פריזיוו,
אַריינגעפאַלן אין געפענגעניש אויף אַ יאָר
צייט, אונטער אויספאָרשונג, אַלס באַ=
שולדיקטער אין פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע
צווישן די רעקרוטן, אינמיטן 1905 אויס=
געוואַנדערט קיין אויסלאַנד, געלעבט אין
בערלין, האַמבורג, פאַריז, לאָנדאָן, דאַן
ווידער אין זשענעווע, פאַריז און לאָנדאָן.
— זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ר׳ אָנ=

געהויבן אין רוסיש אין די אַנאַרכיסטישע אָרגאַנען אין זשענעווע אַרום 1908 — 9 א״פ ב. ספ—אַ (ברוך ספינאָזאַ), רעדאַקטירט רוסישע פּאַרטיי־אָרגאַנען אין זשענעווע און פּאַריז, אין לאָנדאָן 1911 אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש אין „זשורנאַל" און „אַרבייטער פריינד" א״פ ב. ר׳ (זיינע ערשטע אַרטיקלען אין יידיש זיינען געווען „גאָטמענשענטום", דריי עסייען איבער יהואש, „די ראָלע פון דער פּערזענליכקייט"; די לעצטע סעריע אַרטיקלען האָט ר׳ אויך איבערגעאַרבעט אויף רוסיש פאַר אַ פּאַריזער פּאַרטיי־זשורנאַל און פון רוסיש זיינען זיי איבערגעזעצט געוואָרן אויף לעטיש אין בראָשורפאָרם א״ט „קאָלעקטיוויזם און אינדיווידואַליזם" — אַרויסגעגעבן פון אַ לעטישער גרופּע אין ריגע, אַרום 1911); אין לאָנדאָן אויך רעדאַקטירט אַנאַרכיסטישע אויסגאַבן אין יידיש. סוף 1911 אַוועק קיין נ״י, וואו צוגעצויגן געוואָרן פון אברהם רייזענען אַלס מיטאַרבעטער פון דעם וואָכנבלאַט „דאָס נייע לאַנד"; זיינע אַרטיקלען אין דעם דאָזיקן זשורנאַל, ווי „דאָס פּראָבלעם פון אידישען פאָלקסשאַפען" (1912, 17 — 19), „דזשייקאָב שיפס מתּנה", „דער גייסט פון פּאָפּולאַריזאַציע, „די עפנטלעכע מיינונג", „דער כּישוף פון דעם נאָמען", „אידעאַל און פערבּרעכען", „דאָס רעליגיעזע מיספּערשטענדניס", האָבן געמאַכט אַ רושם מיט זייער נייעם טאָן אין דער יידישער פּובליציסטיק. נאָך דער רעאָרגאַניזאַציע פון „דעם נייעם לאַנד" (א״ט „די ליטעראַרישע וועלט") האָט ר׳ איבערגענומען (פון דעם 7טן נומ׳ אָן) די רעדאַקציע פון דעם וואָכנבלאַט, שפּעטער מיטגעאַרבעט אין „דעם נייעם לעבן" (צ״אַ „פּערספּעקטיוון פון אידישען ראָמאַנטיזם", 1913), אין „צוקונפט", פון וועלכן זשורנאַל דריטהאַלבן יאָר געווען סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע, אין די אויסגאַבן פון די „יונגע", ווי די זמ״ב „שריפטען" („צום נייעם ראָמאַנטיזם" — II, „צו אונזערע שריפטשטעלער" — V), דעם חודש־זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבען / די אידישע וועלט", 1915—16, אין די וואָכנבלעטער „נייע פּאָסט", „גלייכהייט", „אידישער קעמפּפער", „נייע וועלט", אין די טאָגצייטונגען „טאָג", „היינט", „צייט", „אידישען טאָגעבלאַט", רעדאַקטירט דאָס וואָכנבלאַט „פרייהייט" און אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט פאַר פּסיכישע פאָרשונגען און ניי־מעסיאַניזם „נאַטור און וואונדער". זינט 1922 אין פילאַדעלפיע — מיטאַרבעטער פון דער טעגלעכער „אידישער וועלט", שטייט לעצטנס (זינט יולי 1926) אויך נאָענט צו דער נ״יער „פּעדער", וואו צ״אַ פאַרעפנטלעכט אַ ריי גרעסערע אַרבעטן („אַ קאַראַהאָד אַרום דריי פרויען—באַלערינאַ, עליאַס, עלמית", „אַ טעריטאָריע פאַר אידישע קינסטלער"— וועגן וואָלינסקי, זאַנגוויל, „אין אַ עקספּעדיציע נאָך אברהם רייזען", „פינף דורות אידישע פּאָעטן אין איין קאָפּע / רייזען — ראָלניק — אייזלאַנד — גלאַטשטיין, קאַלושינער — גאָלדבערג — ראַפּאַפּאָרט", „ס. טשעסטערס בוך־דאָרף וואַלדברונעם" א״אַ). שרייבט פּובליציסטיק — א״פ ר׳, ליטעראַטור־קריטיק, טעאַטער־קריטיק און פעליעטאָנען — א״פ אבא ליליען, וועגן פּסיכישע פאָרשונגען, ספּיריטואַליזם אדג״ל — א״פ מארק טאָלעראַז, וועגן רעליגיעז־פילאָסאָפישע ענינים — א״נ ב. א. וויינריב, אַלגעמיינע זשורנאַליסטישע אַרטיקלען — א״פ ב. סקוטעלסקי. האָט איבערגעזעצט דריי ב׳ פון געאָרג בראַנדעסעס ווערק פאַר דער 15בענדיקער בראַנדעס־אויסגאַבע פון פ״ג מאַקס מייזעל, ראָמאַנען און דראַמען פון אַרצי־

באַשעוו, אַנדרעיעוו (צ״א „יעקאַטערינאַ אַנדרעיעוונאַ״, אויפגעפירט פון מאָריס שוואַרץ אָנהייב 1927), שניצלער א״א, אָנגעשריבן די דראַמען „אַרום אַ נס״ (נאָך אין לאָנדאָן), „דער פרינץ פון סעקאָנד עוועניו״. איז טעטיק פאַר די יידישע שולן אין אַמעריקע (אַליין אָנגעפירט אַ געוויסע צייט צוויי שולן), פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד (אַרום 1924 געגרינדעט דעם „איקאָר״ אין פילאַדעלפיע), פאַר די חלוצים־קאָלאָניעס אין א״י, שטייענדיק נאָענט צו די לינקע פ״צ. — איז איינער פון די אָריגינעלסטע און טיפסטע יידישע פובליציסטן און קריטיקער, טעמפעראַמענטפול און גייסטרייך. געשטרעבט צו פראָפּאַגאַנדירן ניי־משיחיות, אַ אידעע, וואָס „קאָמבינירט זיך ביי אים פון דער יידישער רעליגיעזער טראַדיציע מיט העכערן פּאָעטיזירן, מיט טעאַטראַליזם, מיט געזעלשאַפטלעכן רעוואָלוציאָניזם, מיט ציוניסטישן אַפּוציזם, אונטערגעשטיצט מיט פסיכאָלאָגיע און פילאָסאָפיע, איינגעוועבט אין עקספּערימענטאַלן מיסטיציזם — אַ אידעע, וואָס ער וויל רופן וויזיאָנעריזם אָדער אילוזאָריזם״. אָבער צעבּרעקלט אין צייטונגס־שרייבעריי — נאָך אַלץ ניט געקומען צו שרייבן זיינע גרעסער געפּלאַנטע ווערק אין רעליגיעזער פילאָסאָפיע, הגם אויך אין זיין פובליציסטיק און קריטיק דורכגעפירט זיינע מעסיאַנישע אידעען, דער ערשטער אין יידיש פּאָפּולאַריזירט ספּיריטואַליזם. „איבערצייגט, אַז אין 5—6 יאָר וועט קומען צו אַ רעליגיעזער רעוואָלוציע ביי יידן מיט אַ סאָציאַלער איבערבוויונג — פון מאָסקווע ביז ירושלים״. פאַר זיינע בעסטע אַרטיקלען באַטראַכט ער די עסייען זיינע וועגן צוקונפט־טעאַטער. — אַנאָנים איז אַרויס זיין בראָשור Fraternal Rates (דורך דעם אָרדען „ברית שלום״, פילאַדעלפיע, 1925) — וועגן אַ וויסנשאַפטלעכער סיסטעם פון צאָלן אין די פאַרזיכערונגס־אָרדנס.

ריווקין מאיר (מיראָן) (ווינטער 1869 — 2/VI 1915) געב׳ אין וויטעבסק אין אַן אויפגעקלערטער פאַמיליע; שוין זיין זיידע איז געווען אַן אַבאָנענט פון „המאסף״, און



זיין פאָטער, דוד, האָט שוין אין די 40ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט באַקומען אַלגעמיינע בילדונג אין רוסיש און דייטש און געענדיקט אַ שול, בכלל געווען נאָענט צו דער העברעישער און רוסישער ליטעראַטור, אָבער אויך געקענט לערנען; געהאַט האָט ער אַ שטעלע אין דער פּאָליציי. ביז 13 יאָר האָט ר׳ געלערנט אין חדר תנך און גמרא, זיך אויסגעצייכנט אַלס גוטער תלמיד, צו יענער צייט אָנגעהויבן צו לייענען העברעישע און רוסישע ביכער, זינט 1881 באַזוכט אויך אַ קרוינ־יידישע פאָלקסשול, 1884 אָנגעקומען אין ווילנער יידישן לערער־אינסטיטוט און נאָכן ענדיקן 1889 באַקומען אַ שטעלע אין דער פאָלקסשול אין וואָלאָזשין, 1891 אַריבער קיין מאָלאָדעטשנע, 1895 — קיין מינסק. נאָך אַלס שילער פון אינסטיטוט געמאַכט זיינע ערשטע ליטעראַרישע פרוון (אַ לאַנגע היסטאָרישע פּאָעמע „דאָראָטעאַ מענדעלסאָן״ און אַ היסטאָרישע דראַמע „יוחנן הורקנס״), האָט ער דעביוטירט מיט אַ סקיצע „די לעצטע יאָרן פון דער וואָלאָזשינער ישיבה״ — אין Восходъ, 1895; דער אַרויסגעבער פון דעם דאָזיקן דאָן אָנגעזעענסטן רוסיש־יידישן אָרגאַן, א. לאַנדוי, האָט דאַן איינגעלאַדן ר׳ן צו שטענדיקער מיטאַרבעט, און 1897 האָט ר׳ זיך באַזעצט אין פּט״ב אַלס לערער

פון אַ רוסיש-יידישער שול און אָנגעהויבן צו שרייבן אין דער Нед. Хр. Восхода פעליעטאָנען אויף געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע טעמעס א״פ מאַקאַר. אונטער וועלכן ער האָט צו פאַרשיידענע צייטן אויך געדרוקט פעליעטאָנען אין אײניקע אַלגעמיין רוסישע פּראָגרעסיווע אָרגאַנען, פּראָווינציעלע און הויפּטשטאָטישע (צ״אַ אין דעם גרויסן קאַדעטישן טאָגבלאַט Рѣчь). 1900 איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם דאַן דורך ש. גרוזענבערג געגרינדעטן זשורנאַל Будущность, אין דעם אייגענעם יאָר פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע זאַמלונג עסקיזן און בילדער א״ט Въ духотѣ, וואָס האָט געהאַט גרויס ערפאָלג און אויסגעהאַלטן 3 אויפלאַגעס. 1902 האָט ער געגרינדעט אין פּט״ב אַ ליטעראַריש-קינסטלערישע אויסגאַבע Евр. Семейная Библіотека, וואָס איז אָנהייב 1904 רעאָרגאַניזירט געוואָרן אין דעם חודש-זשורנאַל Евр. Жизнь (שפּעטער איז די רעדאַקציע פון דעם זשורנאַל אַריבער צו י״ב סאָרין, דערנאָך צו א. אידעלסאָן), 1905 — 6 רעדאַקטירט אַ הומאָריסטיש וואָכנבלאַט Красный смѣхъ, ביז די רעגירונג האָט אים פאַרמאַכט, זינט 1909 מיטגעאַרבעט אין Евр. Міръ, וואו אַחוץ דערציילונגען און פעליעטאָנען געשריבן וועכנטלעכע איבערבליקן א״פ שבע בן בכרי. האָט זיך אויך באַטייליקט אין אַנדערע רוסיש-יידישע אָרגאַנען, געשריבן קליינע דערציילונגען פון קינדער-לעבן, פּעדאַגאָגישע אַרטיקלען, קאָרעספּאָנדירט אין מאָסקווער און קיעווער צייטונגען.—זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין יידיש האָט ר׳, ווייזט אויס, אָנגעהויבן ערשט 1905—6 אַלס מיטאַרבעטער פון דעם בשעתו באַרימטן וויצבלאַט „דער שייגעץ״, שפּעטער געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון וואַרשעווער „פריינד״, וואו געשריבן קליינע פעליעטאָנען א״פ ריש לקיש, ר״ל און מנקר; באַזונדערס האָבן געהאַט ערפאָלג זיינע וועכנטלעכע איבערבליקן פון יידישן לעבן אין סטיל פון טייטש-חומש. צו יענער צייט האָט ר׳ געוואַגט צו מאַכן אַ דרייסטן טריט פאָראויס, פון דער קליינער נאָוועלע אַריבערצוגיין צום ברייטן לייוונט פון אַ גרויסן היסטאָרישן ראָמאַן. אַלס געבירטיקער פון וויטעבסק איז ער פון קינדווייז אויף געווען באַקאַנט מיט די פילע לעגענדעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם באַרימטן וועליזשער עלילת-דם-פּראָצעס, וואָס פּרץ סמאָלענסקין האָט זיך נאָך געקליבן אויסצוניצן אַלס סיוזשעט פאַר אַ היסטאָרישן ראָמאַן; וואָס סמאָלענסקינען האָט זיך ניט איינגעגעבן, האָט מיט ערפאָלג אויסגעפירט ר׳. אין משך פון יאָרן האָט ער פלייסיק געזאַמלט אַלע דעטאַלן, וואָס זיינען שייך סיי צום פּראָצעס גופא סיי צו דער עפּאָכע, און דער רעזולטאַט פון זיין אַרבעט איז געווען זיין ראָמאַן אין 4 טייל א״ט „דער וועליזשער בלוט-בלבול״, צוערשט פאַרעפנטלעכט אין „פריינד״ 1912—13, דערנאָך אין בוכפאָרם (פ״ג ב. א. קלעצקין, ווילנע, 1914, ז׳ 386). „דער ראָמאַן איז ניט פריי פון גרויסע חסרונות; דעם אַוטאָר האָבן געדריקט די פאַקטישע פּרטים פון פּראָצעס און ערטערווייז, באַזונדערס אין לעצטן, 4טן טייל, איז ער צו פּראָטאָקאָלמעסיק; ניט אינגאַנצן געטריי איז אויך דער אַוטאָר אין דער אָפּשילדערונג פון דעם פּאָן פון פּאַטריאַרכאַלישן געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבנסשטייגער אין דעם ערשטן פערטל פון XIX י״ה; צו פיל אַרויסגערוקט די העלע זייטן און כמעט אינגאַנצן פאַרטושירט די פינסטערע ערשיי-

נונגען, מיט וועלכע עס איז אַזוי רייך געווען דאָס קהלשע לעבן פון דעם פויליש=ליטווישן יידנטום אין יענער תקופה. ביי דעם אַלעמען איז ר״ס ראָמאַן אַ וויכטיקע ערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור; מיט אַ זיכערער האַנט פירט דער אַווטאָר אַרויס אויף אַ גראַנדיאָזן לייוונט אַ גאַנצע גאַלעריע פון גאָר פאַרשיידנסטע פערסאָנאַזשן, פון דעם אַלמעכטיקן גרויזאַמען קייסער ניקאָלאַי I און דעם אין גייסט שטאַרקן פירער פון חב״דישן חסידות ביז דער שיכורער בעטלערין מאַריע טערענטיעוואַ, וועלכע האָט פאַרלוירן יעדע מענטשלעכע געשטאַלט, איז אָבער די נשמה פון דעם גאַנצן פּראָצעס; פילע פון די פערסאָנאַזשן, ניט נאָר יידן, נאָר אויך רוסן, ווי למשל דער באַאַמטער סטראַכאָוו, די דערמאָנטע טערענטיעוואַ און די דינסט אַוודאָטיאַ זיינען געצייכנט מיט דער בולטקייט פון אַ גרויסן קינסטלער; אַ גאַנצע ריי סצענעס, ווי דער אַוועקגאַנג און דער טויט פון דעם קליינעם פיריעריקן פעדאָר, דער פאַרהער און טויט פון יעקב הירש אַראָנסאָן, דער פאַרהער פון חנה צייטלין און סלאַווע ווערלין, די באַשרייבונג פון מצה באַקן און לאָנעס חתונה, סטראַכאָווס לעצטע נאַכט אפ״אַ סצענעס מאַכן אַ טיפן רושם און "בלייבן לאַנג אין זכרון" (ציגבערג). אויף דער איינלאַדונג פון אייניקע רוסישע פאַרלאַגן און אונטער דער ווירקונג פון זיין פריינד ש. אַנ—סקי האָט ער דעם ראָמאַן אויך איבערגעאַרבעט אויף רוסיש (אַרויס א״ט Навѣтъ), אָבער אין דער רוסישער איבעראַרבעטונג האָט דער ראָמאַן ניט ווייניק פאַרלוירן און די פאַרבן זיינען אַרויסגעקומען היבש פאַרוועלקט. דאָס האָט אויך געפילט דער אַווטאָר אַליין און ער האָט געטרוימט וועגן ווייטערדיקע אַרבעטן אויף דער יידישע שפּראַך. אָבער אים איז ניט באַשערט געווען צו פאַרווירקלעכן די פּלענער. אַ שווערער האַרצפעלער האָט שוין לאַנג געהאַט אונטערגעהאַקט זיינע כוחות און די לעצטע קאַפּיטלען פון זיין ראָמאַן האָט ער שוין געשריבן קראַנקערהייט. צוויי יאָר צייט איז ער געווען צוגעשמידט צום קראַנקנבעט און נאָך שרעקלעכע יסורים איז ער אין רעכטן אויפבלי פון זיין טאַלענט געשטאָרבן אויף אַ זומערוואוינונג לעבן לוגאַ און דעם 4/VI געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין פּט״ב.

JE, X; ЕЭ, XIII; אָסקאַר גרוזענבערג אין Будущность, I; ציגבערג, אין Евр. Недѣля, 1915, 4; "די וואָך", 14/VI 1915, 21; Евр. Старина, 1914.

ריזבערג ישראל=בער (י״ט אדר 1858 —) געב׳ אין רזשישטשעוו, קיעווער גוב׳. אויפגעצויגן געוואָרן טיילווייז אין אַ דאָרף, וואוהין זיינע עלטערן האָבן זיך שפּעטער אַריבערגעקליבן, טיילווייז אין שטעטל גראָדזיסק (פּאָלטאַווער גוב׳), ביז 15 יאָר געלערנט אין חדרים נאָר גמרא, גרייטנדיק זיך צו



רבנות, דערנאָך אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין בראַנפן=זאַוואָדן (גוראַלנעס), אין דער פרייער צייט זיך פאַרנומען מיט זעלבסטבילדונג, געלייענט השכלה=ביכער, בשעת דער רוסיש=טערקישער מלחמה 5 מאָל געשטאַנען צום פּריזיוו (צוליב מסירות), געמוזט פאַרלאָזן די בראָנפנזאַוואָדן, אַריבער צו אַנדערע באַשעפטיקונגען, געווען אַ שרייבער ביי אַ פּריסטאַוו, אַ קאָנדיטאָר, אַ הענדלער אאַז״וו, ענדלעך 1892, געעפנט אַ חדר=מתוקן

אין פּערעיאַסלאַוו אויף עברית בעברית. — פון קינדווייז אויף געשריבן יידישע לידער, ניט האָבנדיק אין זינען זיי צו דרוקן, ביז דורך אַ צופאַל האָט זיינס אַ ליד „דריי זייטען פון דער וועלט" זיך אָפּגעדרוקט אָן זיין וויסן אין „דעם יודישען פאָלקסבלאַט" (1887, 41) און דאָס האָט אים אויפגעמונטערט צו פאַרעפנטלעכן אַ ריי לידער אין „פאָלקסבלאַט", ספּעקטאָרס „הויזפריינד", זמ"ב „דאָס הייליגע לאַנד". 1891 געקומען קיין אָדעס, וואו אַרויסגעגעבן אַ זמ"ב „אַמעריקא, אַרגענטינא אָדער פּאַלעסטינא" מיט דער טענדענץ „לויפט ניט אונבאַטראַכט" („וואָרים קאַרג זיינען פון אונזערע אָרימע ברידער נעביך אָפּ געבריהט געוואָרען מיט פּאַלעסטינא, דאַנקען די גאָלע גוטע פּאָטשטען וואָס מע האָט צושיקט און מע צושיקט נאָך אַצונד אויך אויף גאָר דער וועלט?"), פון אָדעס האָט ער אויך געשיקט שירים אין אַ לאָנדאָנער חובבי־ציונישער צייטשריפט („פּאָלקסצייטונג"?, אין וועלכער עס האָט זיך אגב אויך באַטייליקט מ"ל ליליענבלום), צ"אַ זיין שיר „צוויי בילדער". פון זיינע שפּעטערע שירים, דאָס רוב ציוניסטישע, זיינען נאָר אייניקע פאַרעפנטלעכט אין „יוד" און אין נ"י'ער צייטונגען. ער האָט פאַרפאַסט אייניקע לערנביכער אין העברעיש, ווי „מכתבי נעורים" (1887), „כרם לבני ישראל" (1890), „מערכת מכתבים", „מקרא ותלמוד", „הקריאה והכתיבה", „מקרא ללמד", „האור הראשון", עולם הילדים"; ס'איז אויך צו דערמאָנען זיין אָפּהאַנדלונג „די מלמדות'ע פּראַגע" (אין „הויזפריינד", 1896, V), וואו ער קריטיקירט די אַלטמאָדישע מעטאָדן פון דרדקי־ און תנך־לימוד. פאַר „האור הראשון" און „עולם הילדים" באַקומען פון מיניסטעריום דערלויבעניש צו זיין לערער אין מיטלשולן, אין די לעצטע יאָרן פון צאַריזם געווען לערער אין דער פּערעיאַסלאַווער קאָמערץ־שול און שפּעטער — ביז 1920 — לערער אין דער יידישער רעגירונגס־שול. צוליב אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס איז מיט אים געשען (אַ פּאַטעאָן האָט אים איבערגעפאָרן) האָט ער געמוזט פאַרלאָזן זיין שטעלע און לעבט אין קיעוו אַדאַנק דער אונטערשטיצונג פון זיינע קינדער אין אַמעריקע. בשעת די פּאָגראָמען זיינען אַלע זיינע כתבים אומגעקומען.

ЕЭ, XIII; י"ל פּרץ, אין „דער יודישער ביבליאָטעק", II.

ריטשאַרדס בערנאַרד גרשון (9/III 1877 —) געב' אין קיידאַן, קאָוונער געגנט. באַקומען די ערשטע דערציִונג אין חדר, איז ער 1886 געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע, אין אַ יאָר אַרום זיך צוריקגעקערט אין זיין געבורטשטאָט, 1891 ווידער געקומען קיין אַמעריקע, געלערנט אין פּריוואַטע שולן און אַלס אַוטאָדידאַקט, שפּעטער זיך באַשעפטיקט מיט מסחר אין באָסטאָן, אין דער פרייער צייט זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט ליטעראַרישער טעטיקייט, געווען באָסטאָנער קאָרעספּאָנדענט פון פאַרשיידענע נ"י'ער יידישע צייטונגען, רעדאַקטאָר פון דעם באָסטאָנער „איזראַעליט", מיטאַרבעטער פון ווינטשעווסקיס „אמת", דערנאָך אין משך פון 5 יאָר אָנגעשטעלט אַלס רעפּאָרטער פון Boston Post, מיטגעאַרבעט אויך אין Boston Jorunal און פאַרשיידענע ענגליש־יידישע און ענגלישע אויסגאַבן. 1902 זיך באַזעצט אין נ"י, אַלס רעדאַקטאָר פון דער ענגלישער אָפּטיילונג פון „דער אידישער וועלט", צו יענער צייט זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט זיין בוך א"ט The Discourses of Keidansky (1903) — אַ זאַמלונג סקיצן און

בילדער אויס דעם לעבן פון די יידישע אימיגראַנטן, געשילדערט לעבעדיק און אין אַ שיינעם סטיל, זינט דאַן זיך אינ־גאַנצן אָפּגעגעבן דער ליטעראַרישער טעטיקייט אין ענגליש, געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע ענגליש־ציוניסטישע זשורנאַליסטן, רעדאַקטירט The New Era Magazine (1903), מיטרעדאַקטירט דעם ציוניסטישן אָרגאַן Maccabean, אָרגאַניזירט דאָס Jewish Press Bureau, צוזאַמען מיט דזשייקאָב דע האַאַז, ד"ר יהודה ל. מאַג־נעס א"אַ געגרינדעט דאָס ענגליש־יידישע וואָכנבלאַט The Chronicler (1906 — 7), שפּעטער זיך באַטייליקט אין נ"יער N. Y. Tribune, Globe און פאַרשיידענע ענגליש־יידישע צייטשריפטן. האָט איבער־געזעצט אויף ענגליש ש"ע'ס אַ דערציי־לונג.— אָנגעהויבן זיין כלל־טוערײ נאָך אין באָסטאָן אַלס מיטגרינדער פון דער Jewish Educational Alliance און אָנטיילנעמער אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז ער שפּעטער געווען איינער פון די אָרגאַני־זאַטאָרן און סעקרעטאַר פון דער נ"י'ער קהלה (1908 — 13), „עדיוקיישאָנעל די־רעקטאָר" פון דער Soc. of Jewish Jnst. נ"י (1913 — 15), זינט 1915 עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון דעם אַמעריקאַניש־יידישן קאָנגרעס, אַלס אויסגעוויילטער סעקרע־טאַר פון דעם קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס אויף דער שלום־קאָנפערענץ אין פּאַריז 1919—צוזאַמען מיט ריכטער יוליאַן מעק, ד"ר סטיפן וויין און לוי מאַרשאַל פאַרגעשטעלט דעם פּרעזידענט וואודראָ ווילסאָן אַ מעמאָראַנדום וועגן די יידישע נויטן אין מזרח־אייראָפּע און די יידישע רעכט אויף ארץ־ישראל, וואָס האָט געדינט אַלס יסוד פאַר די באַ־שלוסן פון דעם שלום־קאָנפערענץ אין די ענינים. זינט 1905 אַקטיוו אין דער ציו־ניסטישער באַוועגונג, איז ער מיטגליד פון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, פּרעזידענט פון דער „ב. ג. ריטשאַרדס פּאָבלישינג קאָ.", אין נ"י.

„חכמי ישראל באמריקא"; American Jew. Jeart Book תרפ"ה; ק. פארנבערג, אין ЕЭ, Who's Who in American Jewry ; XIII 1926; ש"ע־בוך.

רייז בנימין־חיים (1864 *—) געב' אין בריסק דליטא. ביז בר־מצוה געלערנט ביי די בעסטע מלמדים, דער־נאָך צוויי יאָר פאַרבראַכט אין דער וואָ־לאָזשינער ישיבה. וואו זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן אויך מיט וועלטלעכער ביל־דונג, שפּעטער אַפילו דורכגעמאַכט מיט פּריוויליקע לערערס דעם קורס פון אַ מיטלשול, אָבער צוליב פאַרשיידענע מניעות דעם מאַטורע־עקזאַמען ניט אָפּ־געגעבן. 1881 זיך באַזעצט אין וואַרשע, וואו זיך באַשעפטיקט מיט מסחר, אין דער פרייער צייט זיך אָפּגעגעבן מיט ליטעראַטור. דעביוטירט מיט אַ ריי דערציילונגען אין דער טעגלעכער „הצפירה" און „האסיף" („החלום", „דוד ויהונתן", „כרי מעללים", „שיחת עצי היער", „קיקון דיונה", „באונס וברצון", „תורת משה", „נוסח ספרד", „מגבורי ישראל", „במי האשם", „גמליאל השאולני" א"אַ), האָט ער אין דער „הצפירה" יאָרנ־לאַנג געדרוקט גרעסערע און קלענערע דערציילונגען, ווי אויך קריטישע און פּובליציסטישע אַרטיקלען. בשעת זיינע נסיעות איבער רוסלאַנד אַלס קאָמיוואָ־יאַזשער פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידע־נע רוסישע בלעטער קליינע נאָוועלן און אַרטיקלען. שרייבן יידיש האָט ר' אָנגעהויבן ערשט אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה, געשריבן דאַן אַר־טיקלען אַלס אָנגעשטעלטער פון דעם

*) לויט „ספר זכרון" — כ"ג שבט תרכ"ג

דייטשן פרעסע־ביוראָ, מיטגעאַרבעט אין די טעגלעכע אַגודיסטישע צייטונגען „דאָס יודישע וואָרט“ און „יוד“, די לעצטע יאָרן פאַרעפנטלעכט אין „היינט“ פיר סעריעס קלענערע און גרעסערע דערציילונגען אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען „סיבירער געשיכטען (זכרונות פון אַ נע־ונד׳ניק“), טיילווייז אַרויס אויך אין בוכפאָרם (פ״ג יאַקובסאָן און גאָלדבערג, וואַרשע, 1926, ז׳ 192) און אייניקע ראָמאַנען, ווי „אין וועלט־פייער“, „דער קופער־קעניג פון סיביר“ (אין בוכפאָרם — פ״ג ש. צוקער, וואַרשע, ז׳ 264), „דער ודוי“, „די שטיפקינדער“; אייניקע פון די דאָזיקע ראָמאַנען זיינען אויך איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַנדערע צייטונגען, ווי אין „פאַריזער היינט“, „טאָראָנטער זשורנאַל“ („דער קאַטאָרזשניק“ — 1928). י׳ האָט אויך פאַרפאַסט אייניקע טעאַטערשטיק, פון וועלכע „אַ פינגער גאָטעס“, „די זעקסטע סימפאָניע“ און „אוריאַדניק מערגאַווין“ זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין וואַרשעווער יידישן טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון די פאַרשטאָרבענע ראַפפעל און א. קאַמינסקי.

רייז מאיר (1839 — אַרום 1879) רעדאַקטאָר פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין אונגאַרן (אַזוי ווי אַלע יידיש־אונגאַרישע צייטונגען — אין דייטש מיט יידישע אותיות) — דער „יידישער פעסטער צייטונג / אונפאַרטייאישעס אָרגאַן פיר פאָליטיק אונד יידישע אינטערעססען“, וואָס איז די ערשטע צייט אַרויס וועכנטלעך און אַדאַנק דער פראַנצויזיש־דייטשער און שפעטער אויך דער רוסיש־טערקישער מלחמה צוויי און אַפילו דריי מאָל אַ וואָך, בשעת דעם פראָצעס פון טיסאַ־עסלאַר — אַפילו טעגלעך. דער מאַטעריעלער ערפאָלג פון דער צייטונג האָט אַרויסגערופן די ערשיינונג פון אַ קאָנקורענץ־צייטונג, וועלכע איז אויך אַרויס 3 מאָל אַ וואָך אונטער דער רעדאַקציע פון אַ געוויסן לעדערער. נאָך ר׳ס טויט האָט זיין אַלמנה איינגעלאַדן פאַר אַ רעדאַקטאָר מרדכי סאַבאָלטשין (זע).

רייז מאיר (1891—) געב׳ אין ראָזישטש, לויצקער קרייז, וואָלין. מיטעלע בילדונג באַקומען אין מינסקער רעאַלשול, העכערע — אין ליעזש. 1912 צוזאַמען מיט ישראל שורעק ז״ל, לעוויטין און גראַבמאַן געגרינדעט דאָס ביוראָ פון דער אויסלענדישער ליגע פון דער יידישע סדאַ״פ פ״צ, 1914 צוזאַמען מיט עטלעכע הונדערט יידישע און פוילישע סטודענטן פאַרנומען געוואָרן אין ליעזש אין דייטשער געפאַנגענשאַפט, אַרויסגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט אַ העקטאָגראַפירט זמ״ב אין יידיש, וואו פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן י. ל. פרץ („דער אָדלער“). זינט 1918 געווען טעטיק אַלס לערער און פאַרוואַלטער פון יידישע שולן אין וואַרשע, דערנאָך — אַלס לערער פון מאַטעמאַטיק און פיזיק אין פויליש־יידישע און העברעישע מיטלשולן און סעמינאַרן, צולעצט זיך באַזעצט אין קאָוועל, וואו ער איז לאַווניק פון מאַגיסטראַט. 1927 האָט ר׳ געגרינדעט אַ פ״ג, אין וועלכן ער האָט אַרויסגעגעבן: ווילהעלם אָסטוואַלדס „די מיל פון לעבן — פיזיקאַליש־כעמישע יסודות פון די לעבנס־פראָצעסן“ און וו. פלאַטויס „היגיענע פון דער פרוי“ איבערגעזעצט א״פ מ. גינצבורג, ווי אויך ראָמען ראָלאַנס בוך בעטהאָווען, איבערגעזעצט פון ק. דוא און ש. וואולמאַן, מאַקס עריקס בוך „וועגן אַלט־יידישן ראָמאַן און נאָוועלע“. האָט צוזאַמען מיט ז. לייבאָוויטש איבערגעזעצט אויף

יידיש פריץ מויטנערס בוך „ברוך שפינאזא“ און אויף העברעיש פון פויליש דאס לערנבוך פון טאדעוש סיעזשפוטאווסקי „אריטמעטיק“.

רייזין יעקב-זלמן (חשוון 1878 —) געב' אין נעסוויזש, ווייסרוסלאנד. פון דער מוטערס צד — פון גרויסן יחוס, משפחה מיט ר' יצחק-אלחנן, ר' יצחק-יעקב ריינעס אאז"וו. ביז 12 יאר געלערנט אין חדרים און ביי הויזלערער העברעיש, דייטש, רוסיש, דאן אוועקגעפארן צום פאטער קיין נ"י, באזוכט פאלקסשול און קאלעדזש. 1900 געענדיקט דעם ראבינער-קאלעדזש אין סינסינעטי, 1911 באקומען דעם טיטל ד"ר פילאסאפיע פון דענווערער אוניווערסיטעט, 1913 — דעם טיטל ד"ר טעאלאגיע פון ראבינער-קאלעדזש אין סינסינעטי, 1915 נעענדיקט דעם יורידישן פאקולטעט פון דער אלדאנער יורידישער שול. באשעפטיקט דערהויפט מיט פריידיגן און לערנען יידישע רעליגיע און „דזשודאיזם“ צווישן די יאהודים, האלט אויך לעקציעס אויף פארשיידענע טעמעס פאר ניט-יידן, איז טעטיק אלס כלל-טוער, איז א פריימויערער פון 32סטן גראד (דער 33סטער גראד איז דער העכסטער), א מיטגליד פון דער קאמיסיע פאר די בילדונגס-אנשטאלטן פון טשארלסטאן, וואו ער לעבט. זיין ליטערארישע טעטיקייט איז דערהויפט אין ענגליש און העברעיש, האט צ"א געשריבן אין „השלח“, „מקלט“, „הדואר“, „אוצר ישראל“ א"א, פארפאסט איייניקע בראשורן און ביכער אין ענגליש, דערהויפט וועגן רעפארמירטן יידנטום. זיין ווערק The Haskalah Movement in Russia (פילאדעלפיע, 1913) ברענגט אויך אייניקע דאטן איבער יידיש. אין יידיש גופא האט ר' געשריבן נאר אייניקע ארטיקלען אין „יידישען טאגעבלאט“, „באסטאנער אידישער שטימע“, 1913 — 14, און אין „פארבאנד“ (א גרעסערע היסטארישע אפהאנדלונג „פוילישע אידען אין אמעריקא“, 1924, 4—20).

פ. וולאדעק, אין „צוקונפט“ 1914, ז' 330 (רעצענזיע איבער ר'ס ווערק וועגן דער השכלה אין רוסלאנד); „פארבאנד“ 1924, 4.

רייזין מרדכי-זאב (מאקס) (15/VI 1880 —) געב' אין נעסוויזש, א ברודער פון יעקב-זלמן ר'. פון 5 ביז 9 יאר געלערנט אין חדר, דערנאך אין דער שטעטלשער פאלק-שול, שפעטער אריבערגעקומען צום פאטער קיין נ"י, וואו באזוכט א פאלקסשול, גלייכצייטיק זיך אפגעגעבן מיט העברעישע לימודים אונטער דער השגחה פון זיין פאטער. 1898—1903 שטודירט אין סינסינעטי אין „היברו יוניאן קאלעדזש“ און אוניווערסיטעט, דאן פארנומען דעם פאסטן פון א ראבינער אין פארשיידענע רעפארמירטע קהילות, אין סטאקטאן (קאליפארניע), מערידיאן (מיסיסיפי), ברוקלין, פאטערסאן, וואו ער לעבט עד-היום. — זינט 1896 זיך באטייליקט אין פארשיידענע העברעישע, ענגליש-יידישע און ענגלישע צייטשריפטן, ביי א האלב יאר צייט רעדאקטירט דעם American Jewish Chronicle. אין בוכפארם ארויסגעגעבן: „תולדות היהודים באמריקא“ (פ"ג „תושיה“, ווארשע, 1902), „מרדכי עמנואל נח“ (ווארשע, 1905), „דזוהן מילטון / האיש, המשורר, הנביא“ (פ"ג „רמון“, בערלין—לאנדאן, 1924, ז' 222), „ישראל באמריקה (מאמרים שונים)“ (פ"ג „אחיעבר“, ירושלים תרפ"ח, ז' 270, מיטן בילד פון מחבר), The Reform Movement, As Reflected in The Neohebraic Literature (ארויסגעגעבן פון דער צענטראל-קאנפערענץ פון די אמעריקאנער ראבבאיס, שיקאגא,

1907); The Jew and His Place in The World (ברוקלין, 1913); A History of the Jews in Modern Times (נ״י, 1919), אין וועלכן ווערק ער ווידמעט 18 ז׳ דער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד און אַמעריקע, פּרווונדיק געבן אַ בילד פון איר אַנטוויקלונג זינט איר אַנטשטייונג ביז די לעצטע יאָרן. ער האָט אויך געשריבן אַ פּאָר אַרטיקלען אין יידיש, ווי: „דער ציוניזם און דער סינסינאַטי ראַבינער סעמינאַריזם״, אין פילאַדעלפיער חודש-זשורנאַל „דער שטערן״, II 1907; „רעפאָרם און זיינע (!) געגנער״ — אין „יידישען טאַגעבלאַט״, נאָוועמבער 1908; „דער ציוניזם אין די רעפאָרם-קרייזן״ (צו וועלכע ר׳ שטייט נאָענט) — אין „אידישען פאָלק״. — זיינע אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ״ (איבערגעדרוקט אין Хроника Восхода, 2, 1898) וועגן דעם צושטאַנד פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע אין אַמעריקע, אין וועלכער קאָרעספּאָנדענץ ער באַליידיקט סיי די ליטעראַטור, סיי די שרייבער, סיי די לעזער אויס העברעיִסטישער פאַרבלענדונג, האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפן ענטפער פון אַלכּסנדר האַרקאַווי „די יידיש-דייטשע ליטעראַטור אין אַמעריקאַ און דער מאָראַלער צושטאַנד פון די היגע יידישע מאַסען״ (אין „דעם נייעם גייסט״, מערץ 1898, נומ׳ 6).

רייזמאַן יצחק (15/VII 1901 —) געב׳ אין סאָקאָלאָוו-פּאָדלאַסקי, געלערנט אין חדר און ישיבה, 1919—22 געלעבט אין א״י, פאַרעפנטלעכט אייניקע סקיצן אין „דער יידישער אַרבעטער-יוגנט״, וואַרשע, 1923, בוענאָס-איירעסער „פאַר גרויס און קליין״, נומער 166, „די פען״, „פּרעסע״, נ״י׳ער „יידישע גאַזעטטען״, „יידישען טאַגעבלאַט״. אויסגעוואַנדערט קיין בראַזיל, האָט ער אַ געוויסע צייט געוואוינט אין פּאָרטאַ אַלעגרע, וואו ער איז געווען באַשעפטיקט אַלס לערער און דאָרט רעדאַקטירט דאָס חודש-בלאַט „דאָס נייע וואָרט״ (זינט מאַי 1927, אַרויס עטלעכע נומ׳), שפּעטער זיך באַזעצט אין ריאָ דע זשאַניירא, וואו ער איז מיטאַרבעטער פון דער „בראַזיליאַנער אידישער פּרעסע״, אין דער דאָזיקער צייטונג צ״אַ פאַרעפנטלעכט אויך איבערזעצונגען פון העברעיִש, ווי „תפלת אם״ און „צרת הבן״ פון א״ז ראַבינאָוויטש, און פון פּאָרטוגאַליש די סעריע היסטאָרישע אַרטיקלען פון מ. סילוואַ רעללע A Evolução dos Judeos no Brazil — וועגן דעם צושטייער פון די יידן צו דער אַנטוויקלונג פון בראַזיליע. אין כּתב-יד — די איבערזעצונג פון דעם בוך Os Judeos no Brazil („די יידן אין בראַזיליע״) פון סאָלידאָניאָ לעיִטע פיליאָ (דער זון), געווען אויך מיטרעדאַקטאָר פון דעם פּאָרטוגאַלישן וואָכנבלאַט O movimento („די באַוועגונג״).

רייזנער יהושע (אַרום 1860 — אַרום 1915). געב׳ אין לאָדז. אַלס בלינדער זינגער געגאַנגען איבער די הויפן. פון זיינע לידער, וועלכע זיינען אַ מוסטער פון דער פּרימיטיווער בדחנישער גאַסנזינגער-„פּאָעזיע״, זיינען אייניקע געדרוקט געוואָרן, ווי „צוויי טייערע לידער / די אַמעריקאַנער שיף / ווי זי איז אונטערגעגאַנגען. / געזונגען פון יהושע ר׳. / דאָס צווייטע ליעד / די שרעקליכע טעג אין לאָדז״ — אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע 1906 (פ״ג לייב מאָרגנשטערן, וואַרשע, 1911). דאָס ערשטע ליד, אין אַ פּאַראָדירטער פאָרם, איז אַריין אין רעפּערטואַר פון דעם ערשטן יידישן קליינקונסט-טעאַטער „אַזאַזעל״, אַלס נומערן פון ו. גאָדיק און אָלאַ לילית. געשטאָרבן איז ר׳ אין דער צייט פון דער מלחמה אין וואַרשעווער שפּיטאָל.

רייזען אברהם (שבת הגדול 1876—) געב׳ אין קאָידענאָוו, מינסקער גוב׳, אַלס זון פון קלמן ר׳ (זע). זיין מוטער, קריינע, אַ טאָכטער פון פסח עפשטיין, אַ ייד אַ למדן און אַ משכּיל, אַ סוחר פון תּבואה, איז געוועזן אַ פרוי מיט אַ ווייכן און שטילן כאַראַקטער, אַ טיף רעליגיעזע נאַטור,

אַ וואוילקענעוודיקע אין יידישע ספרים און זייער אַ פרומע, להיפוך צו איר מאַן, דעם שטעטלשן פריידענקער. באַקומען אַ געוויינלעכע יידישע דערציִונג, האָט אברהמעלע זיך פון קינדווייז אויף אַרויסגעוויזן מיט זיינע פעִיקייטן, אָבער גלייכצייטיק אויך פאַר אַ גרויסן שטיפער, וואָס האָט צו דעם ענגן אומעטיקן חדר מיט דעם בייזן רבּין גאָר ווייניק חשק געהאַט. אַז ער איז אַ ביסל גרעסער געוואָרן האָט ער געלערנט ביי זיין פעטער, הירש ר׳, דעם בעסטן גמראַ־מלמד פון שטעטל, און אויך ביים פאָטער, וואָס האָט אים געגעבן דעם ערשטן אונטערריכט אין העברעיִש, רוסיש, דייטש, און שפּעטער האָט ער די אַלגעמיינע לימודים און שפּראַכן געלערנט ביי דעם שטעטלשן לערער, אַזוי אַז ער האָט אַלס 13—14יעריקער יינגל באַקומען די העכסטע בילדונג, וואָס מ׳האָט צו יענע יאָרן אין קאָידענאָוו געקענט באַקומען, און ער איז אַליין געוואָרן אַ לערער. — די ליידנשאַפט צו שרייבן האָט זיך ביי ר׳ן דערוועקט זייער פרי. אַדאַנק די ביכלעך, וואָס די פּאַקנטרעגער פלעגן ברענגען, האָט ער שוין, אפשר צו 8—9 יאָר, אַליין אָנגעהויבן צו שרייבן גראַמען אָדער, ווען די מוזע האָט ניט געדינט, לכל־הפּחות איבערגעשריבן די לידער פון אליקום צונזער און הילל קלעבאַנאָוו אין קליינע ביכעלעך. שפּעטער האָט ער אונטער דער ווירקונג פון דעם פאָטער געפּרוּווט אויך שרייבן אַ פּאָר העברעיִשע שירים און נאָך שפּעטער זיך געפלייסט נאָכצומאַכן שמרס פּראָזע, הגם די הומאָריסטישע שטעלן שוין אין זיינע דעמאָלטיקע פּרוּוון האָבן אים פאַרראַטן און אויך האָט אין זיי געפעלט „דער מאָנד, די נאַכטיגאַל און דער ענגל״. דאָס ערשטע ליטעראַרישע ווערק, וואָס ער האָט איבערגעלייענט (צו 12 יאָר), איז געווען ספּעקטאָרס „יודישער מוזיק״, וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַ זייער שטאַרקן רושם, דאַן איז ער שוין אַריבער צו שלום־עליכם און צו מענדעלען, וועמעס „קליין מענטשעלע״ ער האָט געקענט שיר ניט אויף אויסווייניק און דאָס לידעלע, וואָס אברהם־יצחק תּקיפס פּאַרלאָזטע ווייב זינגט ביים וויגעלע פון איר קינד, האָט אים שפּעטער געשטימט צו אַ סך אומעטיקע לידער. גלייכצייטיק האָט ער אויך אָנגעהויבן צו לייענען ביכער אין רוסיש, צוערשט פּאָל דע קאָקס ראָמאַנען און דיומאַס „גראַף מאָנטע קריסטאָ״, אָבער ערשט צום טעם געקומען שפּעטער ביי לעוואַנדען און טורגעניעוון און נאָך שפּעטער — צו 17—18 יאָר — ביי גאָגאָלן, וואָס זיינע „טויטע נפשות״ האָבן אים אַנטציקט. פון דער פּאָעזיע האָט אים דירעקט באַאיינפלוסט אין דער יוגנט קאָלצאָוו, שפּעטער אויך ניעקראַסאָוו, לערמאָנטאָוו, פּושקין און די קלאַסישע דיכטונג ביז פּאָלאָנסקין און פּאָלעזשאַיעוון. אַ נייעם שטויס צו ליטעראַרישער טעטיקייט האָט אים געגעבן יכנה״ז, וועלכער האָט זיך באַזעצט אַלס לערער

אין קאָידענאָווו, און ר׳ האָט פאַרעפנטלעכט אַ פּאָר קליינשטעטלדיקע קאָרעספּאָנדענצן אין „יודישען פאָלקסבלאַט", אַוועקגעשיקט אַהינצו אויך אַ בינטל לידער, אָבער גראָד האָט זיך די דאָזיקע איינציקע יידישע צייטשריפט דאַן אין רוסלאַנד פאַרמאַכט, ר׳ האָט דאַן אַליין אַרויסגעגעבן אַ געשריבענע צייטונג, נאָכן ערשיינען פון „אבן נגף" זיך אָנגעהויבן דורכצושרייבן מיט יעקב דינעזאָנען, מיט פּרצן, באַקומען פון אים אויפמונטערנדיקע, הגם שטרענגע בריוו אַלס ענטפער, ביז פּרץ האָט אויסגעוויילט איינס פון זיינע לידער און עס אָפּגעדרוקט אין „דער יודישער ביבליאָטעק" (ב׳ I, 1891). דערווײַלע איז ר׳ס מוטער געשטאָרבן, און די היים פון דעם יונגן דיכטער איז צעשטערט געוואָרן. אַ זמן איז ער געווען אַ לערער אין אַ דערבייִקן קליינשטעטעלע סאַמאַכוואַלעוויטש, דאַן אַוועקגעפאָרן קיין מינסק, וואו זיך קוים דורכגעשלאָגן מיט אַ פּאָר לעקציעס, זיך אויפהאַלטנדיק ביי קרובים, זיך באַפריינדעט מיט עטלעכע יונגעלייט, משכילים און עקסטערנס, וואָס האָבן געהאַט אַ געוויסע באַדייטונג פאַר זיין אַנטוויקלונג, צום ערשטן מאָל אויך געקומען אין באַרירונג מיט די פּיאָנירן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער=באַוועגונג, כדי עפּעס צו פאַרדינען — אָנגעשריבן אַ דערציילונג, וועלכע אַוועקגעשיקט קיין ווילנע צום פאַרלעגער י״ל מ״ץ, אויף דער פאָדערונג פון דעם פאַרלעגער געמוזט זי איבעראַרבעטן מער ראָמאַנעמעסיק, און אַזוי איז אָפּגעדרוקט געוואָרן זיין מעשה=ביכל „אַ כפרה דער נאָז אַבי אַ גאָלדענער זייגער מיט 300 רובל נדן" (דער לאַנגער טיטל שטאַמט פון אַרויסגעבער). אַ שטיקל צייט ווינטער 1892 פאַרבראַכט אויף אַ ישוב אַלס לערער, דאַן זיך צוריקגעקערט קיין קאָידענאָווו, נאָכן ערשיינען פון ש״ע׳ס „קול מבשר" אַוועקגעשיקט אים פון זיינע לידער, באַקומען פון באַרימטן שריפטשטעלער באַגייסטערטע אָפּרופן וועגן זיי און אייניקע פון זיי האָט ש״ע אויך פאַרעפנטלעכט אין דער „פילאַדעלפיער שטאָדטצייטונג" א״ר פון חיים מאַליץ א״ט „טרויעריגע מאָטיוען געווידמעט אָרמע לייט" און מיט אַ צושריפט, וואו ער האָט דעם יונגן דיכטער אַוועקגעשטעלט אויף איין הייך מיט ש. פרוגן. גלייכצייטיק האָט אויך פּרץ אָפּגעדרוקט אַ פּאָר לידער אין זיין זמ״ב „ליטעראַטור און לעבען" (1894) און מ. ספּעקטאָר—דאָס מיניאַטור=בילדל „אַ זעכציגסט חלק פון גן=עדן" (צוגעשיקט פון דעם 18יעריקן דיכטער אויף אַ פּאָסטקאַרטל)— (אין זמ״ה „דער לאַמטערן") און „דעם גמרא=ניגון" (אין „הויזפריינד" IV) — אַ ליד, וואָס האָט שוין אַנטפּלעקט דעם רייף געוואָרענעם טאַלענט פון דעם קומענדיקן גרויסן יידישן ליריקער. 1895 איז ר׳ אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אַ סאָלדאַט קיין קאָוונע, און דאָס שווערע קאַזאַרמע=לעבן האָט געמאַכט אַ דערדריקנדיקן רושם אויף דעם דיכטערס נשמה. אַ געוויסע פאַרלייכטערונג איז פאָרגעקומען אין זיין לאַגע, ווען ער איז אויפגענומען געוואָרן אין דער מוזיקאַנטן=קאָמאַנדע. אין קאָוונע איז ר׳ זיך צונויפגעגאַנגען מיט א. מ דעווענישסקי (א. ווייטער), דמיטרי צענזאָר (דעם שפּעטער באַקאַנטן רוסישן דיכטער), י. י. פּראָפּוס א״אַ, האָט פון צייט צו צייט אויך געשריבן לידער (צ״אַ אַן עלעגיע אויפן טויט פון ר׳ יצחק=אלחנן, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם קאָוונער בוכהענדלער הורוויץ א״ט „די יודישע טרער", 1896,

די 12). אין קאַזאַרמע האָט ער זיך אויך נעענטער באַקענט מיט דער רוסישער און אייראָפּעישער ליטעראַטור, געווען באַרוישט — פון האַמסונס „הונגער“, זיך געפונען אונטער דעם געוואַלדיקן רושם פון דאָסטאָיעווסקיס „פאַרברעכן און שטראָף“, דורך דער פרעמדער אוקראַינישער שפּראַך דאָך באַנומען די שיינקייט פון שעווטשענקאָס „קאָבזאַר“, אויפגעמונטערט געוואָרן פון טשעכאָווס הומאָרעסקעס, זיך אויך באַקענט מיט היינריך היינעס „בוך דער לידער“, און היינעס טענער האָבן נאָכאַנאַנד געקלונגען אין זיין געמיט, ביז ער האָט זיך פון זיי באַפרייט ערשט נאָכדעם ווי ער איז געקומען קיין וואַרשע און אָנגעהויבן אויך צו שרייבן סאָציאַלע לידער (דערפאַר איז זיין פּאָעזיע פריי פון דעם איינפלוס פון שילער, געטע, ריקערט, וועלכע ער האָט אויך געלייענט אין דער יוגנט — ביז 25 יאָר). צוריקגעקומען פון מיליטערדינסט קיין מינסק, איז ער געצוואונגען געווען ווידער צו פאָרן אויף אַ קאָנדיציע, אָבער אינגיכן האָט אָנגעהויבן צו ערשיינען „דער יוד“ און נאָכדעם ווי ס'איז דאָרט פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיין גרויסע פּאָעמע „מיין צוריקקער אַהיים“ (וואָס ער האָט נאָך פריער געהאַט אָנגעשריבן, בשעת זיין באַזוכן אורלויבצייט זיין געבורטשטעטל), איז ער אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע, און זינט דאַן הייבט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד אין זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, צו וועלכער זיינע ביזאַהעריקע ליטעראַרישע פּרוּוון זיינען געווען נאָר אַ התחלה. צווישן די ליטעראַרישע קרעפטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען אַרום „דעם יוד“—דעם איינציקן יידישן אָרגאַן דאַן אין מזרח-אייראָפּע, וועלכער איז געווען איינער פון די אויסדרוקן פון אַ נייער אויפלעבונגס-תקופה אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן, האָט ר' גליין פאַרנומען איינעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער. אַחוץ לירישע לידער, האָט ער אויף די שפּאַלטן פון „יוד“ אויך פאַרעפנטלעכט דערציילונגען („אַ שמעק טאַבאַק“, „דער מילכיקער טשאָלנט“, „אויס בלאָטע“, „צוריק אויף דער שטעלע“ א"אַ), וועלכע האָבן אים אַרויסגערוקט אין דער ערשטער ריי פון די שעפער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. אָבער מיט אַלע זיינע חושים און סימפּאַטיעס שטייענדיק אויף דער זייט פון די ראַדיקאַלע שטרעמונגען אין יידישן לעבן און ניט צופרידן מיט דער ציוניסטיש-העברעיִסטישער ריכטונג פון „יוד“ האָט ער באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ זמ"ב, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען די אַלגעמיינע שטרעמונגען און אידעאַלן פון דער נייער צייט אי אַרויסטרעטן מיט אַן אָפענער שטעלונג פאַר יידיש קעגן דעם באַלעבאַטישן העברעיִזם פון „דעם יוד“ און פון דעם ציוניזם. מיט דער מאָראַלישער אונטערשטיצונג פון זיין חבר ה"ד נאָמבערג און י"ל פרץ און מיט דער פינאַנציעלער הילף פון יוסף קאַפּלאַן האָט ער אָנהייב 1900 אַרויסגעגעבן דאָס זמ"ב „דאָס צוואַנציגסטע יאָרהונדערט“, וואָס איז געווען אַ מין המשך צו די „יום-טוב-בלעטלעך“ פון י"ל פרץ (וועלכער האָט אגב מיט זיינע זאַכן — אָריגינעלע און איבערגעזעצטע—אויסגעפילט אַ היבשן טייל פון דעם זמ"ב) און צום ערשטן מאָל קלאָר אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק וועגן יידיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך. צו יענער צייט האָט ר' זיך בכלל שטאַרק דערנענטערט צו דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. געדרוקט לידער אין די אומלעגאַלע

בונדישע אויסגאַבן („די וואַנט", „קירכנ־
גלאָקן" א"אַ), וועלכע האָבן צוזאַמען
מיט זיין ליד „הוליעט, הוליעט, בייזע
ווינטן" (1900) אים געמאַכט פאַר איינעם
פון די באַליבטסטע זינגער פון דער
פרייהייטסבאַוועגונג אין דער יידישער
סביבה. זיין מאַטעריעלע לאַגע איז דאַן
געווען זייער אַ שווערע, פון דעם האָנאָ־
ראַר פאַר די לידער און דערציילונגען,
וואָס ר' האָט געדרוקט אין „יוד", אין
„דער וועלט"—אויך א"נ פון מ. ווילנער—
און שפּעטער אויך אין „דער יודישער
פאַמיליע" און דער „יודישער פאָלקס־
צייטונג", האָט ער ניט געקענט דורכ־
קומען און די ערשטע פאָר יאָר אין
וואַרשע זיך באַשעפטיקט מיט לעקציעס
און צופעליקע זייטיקע אַרבעטן, גע־
האָלפן יעקב לידסקין אויפבויען זיין פ"ג
„פּראָגרעס", וואָס האָט אַרויסגעגעבן זיין
ערשטע לידער־זאַמלונג א"ט „צייט־ליע־
דער" (1902, ז' 48, מיט אַ פאָרוואָרט פון
ג. שאָפּמאַן), פאַר „פּראָגרעס" איבערגע־
זעצט אגב וו. לונקעוויטשעס פּאָפּולער־
וויסנשאַפטלעכע בראָשור „דונער און
בליץ" א"פ א. ר., זומער 1902 געאַרבעט
אין דעם דאַן געגרינדעטן פ"ג פון
אברהם קאָטיק „בילדונג" אין ביאַליס־
טאָק, איבערגעזעצט פאַר דעם פ"ג אַ
בוך איבער דער געשיכטע פון עגיפּטען
צוזאַמען מיט י"ח ברענערן, געפּרוווט
אָפילו זיין אַן אַגענט פון Восходъ. אַ
ביסל זיכערער איז זיין מאַטעריעלע
לאַגע געוואָרן, ווען אין יאָר 1903 האָט
אין פּט"ב אָנגעהויבן אַרויסצוגיין די
ערשטע טעגלעכע יידישע צייטונג אין
רוסלאַנד „דער פריינד", וואו ר' איז
גלייך געוואָרן איינער פון די נאָענטסטע
אָנטיילנעמער. צו יענער צייט איז אויך
ערשינען זיין ערשטע זאַמלונג „ערצעה־
לונגען און בילדער" (פ"ג „פּראָגרעס",
1903, ז' 80 ?). סוף 1903 האָט ר' מיט
דער הילף פון דעם פּויליש־רוסישן
פאַרלעגער אין וואַרשע מערעצקי אַרויס־
געגעבן אַ פּאָר ליטעראַרישע יום־טוב־
בלעטער (אַ חנוכה־בלאַט און אַ חמשה־
עשר־בשבט־בלאַט), דאַן דאָס זמ"ב
„יאָהר־בוך „פּראָגרעס" (פ"ג „פּראָג־
רעס", וואַרשע, 1904, ז' 164, און אַלס
ביילאַגע די איבערזעצונג פון מענ־
דעלע מוכר־ספרים „אין יענער צייט",
ז' 32), אין דער אויסגאַבע ווייטער
אָנגעפירט דעם קאַמף פאַר דער
יידישער שפּראַך. אין פרילינג 1904,
צוליב דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה,
האָט ר' צום ערשטן מאָל פאַרלאָזט
רוסלאַנד און איז אַוועק קיין ווין, דאָרט
צ"אַ זיך באַטייליקט אין די געוויסע
יידיש־אָוונטן, וואָס ד"ר נתן בירנבוים
האָט אַראַנזשירט צו פּראָפּאַגאַנדירן די
אידעע פון דער יידישער שפּראַך און
ליטעראַטור צווישן די מערב־יידן. אין
ווין איז אויך אַרויס אַ נייע זאַמלונג פון
ר'ס לידער. אָבער לאַנג פאַרבלייבן
אין ווין, אָפּגעריסן פון די ברייטע
יידישע פאָלקסמאַסן קען ער ניט; אים
ציט צו אַ ברייטערער ליטעראַרישער
טעטיקייט, אין אַ צייט, ווען אין רוס־
לאַנד האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורמישע
כוואַליע פון דער גרויסער פרייהייטס־
באַוועגונג, און כדי צו זיין נעענטער
צו דעם אָרט פון דער באַוועגונג, איז
ער אַריבערגעפאָרן קיין קראָקע און אָנ־
געהויבן אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט „דאָס
יודישע וואָרט", וואו ער האָט פּראָ־
קלאַמירט יידיש ניט נאָר אַלס מיטל
אויפצוקלערן דאָס פאָלק, נאָר אויך אַלס
קולטור־שפּראַך פאַר דער אינטעליגענץ,
אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך. „דאָס יודישע
וואָרט" האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם,
האָט אַרויסגערופן שאַרפע אָנפאַלן מצד

די העברעיִסטן און אַ גרויסע באַגייסטערונג אין די יידישע ראַדיקאַלע און ליטעראַרישע קרייזן. ווען עס האָט אויסגעבראָכן די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע און די יידישע ליטעראַטור און פּרעסע האָט באַקומען אַ גוואַלטיקע ווירקונג אויף די יידישע מאַסן, האָט ר׳ מער ניט געקענט אײַנזיצן אין קראָקע און סוף 1905 צוריקגעקומען קיין וואַרשע, וואו אַריין אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דעם „וועג", אַחוץ דערציילונגען און לידער געשריבן אין דער צייטונג אויך אַרטיקלען און רעצענזיעס, אַ געוויסע צייט אויך געלעבט אין מינסק און אין ווילנע, זיך באַטייליקט אין די פאַרשיידענע יידישע צייטונגען און וואָכנבלעטער, וואָס זיינען צו יענער צייט פון אויפגעבּרויזטן פּאַרטיי־לעבן ערשינען, דערהויפּט אין ווילנע. אָבער זיין אומרויִקע וואַנדער־נאַטור האָט אים לאַנג ניט געלאָזט זיצן אויף אַן אָרט, די רעאַקציע אין רוסלאַנד איז געוואָרן אַלץ דריקנדיקער און דריקנדיקער, און זומער 1907 איז ר׳ אַוועק צום צווייטן מאָל קיין אויסלאַנד, אַ האַלב יאָר צייט געלעבט אין בערלין, דאַן זיך באַזעצט אין קראָקע, וואו עס האָט זיך דעמאָלט געדרוקט די ערשטע אויסגאַבע פון זיינע געזאַמלטע שריפטן, וואָס דער פ״ג „פּראָגרעס" האָט זיך אונטערגענומען אַרויסצוגעבן (דאָס איז געווען די ערשטע אויסגאַבע פון די געזאַמלטע ווערק פון אַ יידישן שריפטשטעלער, אַרויסגעגעבן פון אַ פאַרלעגער אויף קאָמערציעלע יסודות). פאַר דעם זעלבן פ״ג האָט ר׳ נאָך אין מינסק געהאַט צונויפגעשטעלט די ערשטע יידישע כרעסטאָמאַטיע, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג און האָט געדינט אויך אַלס מוסטער פאַר די שפּעטערדיקע יידישע כרעסטאָמאַטיעס.

אין קראָקע האָט ר׳ אויך אַרויסגעגעבן דעם חודש־זשורנאַל א״ט „קונסט און לעבן / שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק, וויסענשאַפט און קונסט" (4 פּיר־בויגנדיקע ה׳ — יוני—סעפּטעמבער 1908, פ״ג „פּראָגרעס"), צו דער זעלבער צייט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ און נאָך דער קאָנפערענץ צוזאַמען מיט פּרצן, אַשן און נאָמבערגן געמאַכט אַ טורנע איבער אַ ריי שטעט פון גאַליציע און בוקאָווינע לטובת דעם קאָנפערענץ־ביוראָ, וואָס האָט געזאָלט פאַרווירקלעכן אין לעבן די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ. האַרבסט 1908 אַוועק קיין אַמעריקע, וואוהין עס האָבן אים שוין לאַנג גערופן זיינע פילע אָנהענגער, מיט באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן פון די ברייטסטע יידישע פאָלקסמאַסן, געשריבן דערציילונגען פאַרן „פאָרווערטס" א״אַ ראַדיקאַלע און יידישיסטישע אויסגאַבן, זומער 1909 צוריקגעפאָרן קיין אייראָפּע, דאַן געקומען קיין וואַרשע, וואו אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ וואָכנשריפט „די אייראָפּעאישע ליטעראַטור" דורך דעם פ״ג „פּראָגרעס", וואו געדרוקט איבערזעצונגען פון די אייראָפּעיִשע שריפטשטעלער און אין דעם צווייטן האַלב יאָר—אויך אָריגינעלע זאַכן פון יידישע שריפטשטעלער, אַרויסגעגעבן אייניקע נייע בענד פון זיינע געזאַמלטע שריפטן, אין די פ״גן פון „פּראָגרעס", „ביכער פאַר אַלע", שימינס „וועלטביבליאָטעק", זיך ווידער — נאָך אַ הפסקה פון פינף יאָר—באַטייליקט אין „פריינד" און אויך אין אַנדערע וואַרשעווער צייטונגען, פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבן פאַרן פ״ג „צענטראַל" יום־טוב־בלעטער און וויצבלעטער. נאָכן אונטערגאַנג פון „דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור" אַוועק

צום צווייטן מאָל קיין אַמעריקע, אויפֿן וועג באַזוכט די גרויסע אייראָפּעישע צענטערס, ווי פּאַריז, ציריך, זשענעווע, לאָנדאָן, וואו אויפֿגעטרעטן אויף ספּעציעל לכּבֿוד אים אַראַנזשירטע אָוונטן, 1911 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין נ"י אַ וואָכנשריפֿט א"ט „דאָס נייע לאַנד", אילוסטרירטע וואָכנשריפֿט פֿאַר ליטעראַטור, קונסט, קריטיק און קולטור", וואָס איז געוואָרן דער צענטער פֿאַר דעם בעסערן יידישן ליטעראַרישן שאַפֿן אין אַמעריקע, אַ זאַמל־פּונקט פֿאַר די יונגע און אַ טריבונע פֿאַר דער יידישיסטישער פּובליציסטיק, ביי דער וואָכנשריפֿט אויך אַרויסגעגעבן אַ זמ"ב פֿאַר ליטעראַטור און וויסנשאַפֿט א"ט „יאָהרבוך דאָס נייע לאַנד" (נ"י, 1912, ז' 100). אָבער צוליב די גרויסע הוצאות, וואָס אַזאַ רייכער און שיינער זשורנאַל האָט געפֿאָדערט, האָט ער זיך אויפֿן 32סטן נומער אָפּגעשטעלט (אַ געוויסע צייט איז ער נאָך שפּעטער ערשינען א"ט „די ליטעראַרישע וועלט" ביז די צייטשריפֿט איז איבערגענומען געוואָרן פֿון אַ גרופּע יונגע מיט ב. ריווקין בראָש) און נאָך אייניקע חדשים איז ר' נאָך פֿאַרבליבן אין נ"י, אַלס מיטאַרבעטער פֿון „פֿאָרווערטס", „צוקונפֿט" א"אַ, דאַן ווידער צוריקגעפֿאָרן קיין אייראָפּע, זיך באַזעצט אין פּאַריז, וואו ווייטער געפּרוווט אָנגיין מיט זיין אַרויסגעבערישער טעטיקייט, אין משך פֿון אַ פּאָר חדשים אַרויסגעבנדיק אַ וואָכנבלאַט „דער נייער זשורנאַל", דאַן איינגעלאַדן געוואָרן אויף פֿאָרלעזונגען אין אַנטווערפּן, קאָפּנהאַגן, בריסעל, ליעזש א"אַ, צוריקגעפֿאָרן ווידער קיין וואַרשע, אָבער ביים צוקומען צו דער גרענעץ פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דעם אויסבראָך פֿון דער וועלט־מלחמה, איבער קאָפּנהאַגן און לאָנדאָן אַוועק צום דריטן מאָל קיין אַמעריקע, וואו ער איז שוין געבליבן לעבן אַלס תּושבֿ, צוערשט אַלס מיטאַרבעטער פֿון „פֿאָרווערטס", און זינט יאָר 1917 — פֿון „טאָג", אין וועלכע צייטונגען ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַלע וואָך דערציילונגען און לידער. האָט זיך אויך באַטייליקט מיט הומאָרעסקעס, פֿעליעטאָנען און לידער אין „גרויסן קונדס" א"אַ. 1922—23 אַרויסגעגעבן אַ מאָנאַטשריפֿט פֿאַר ליטעראַטור און קונסט א"ט „ניי־אידיש" (12 נומ'), 15/V 1926 איז געפֿייערט געוואָרן זיין 50יעריקער יובֿיליי, און די דאָזיקע פֿייערונג האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ אימפּאָזאַנטער מאַניפֿעסטאַציע פֿאַר פֿאַר דעם פּאָפּולערסטן און באַליבטסטן יידישן דיכטער אין אַמעריקע. „זעלטן ווען אַן אונטערנעמונג פֿאַר אַ יידישן שרייבער איז דורך אַזוי ענטוזיאַסטיש ווי די ר'־פֿייערונג — שרייבט דער פֿאַרשטייער פֿון דער יט"אַ, ב. סמאָליאַר. — דער מעקאַ־טעמפּל, וואָס נעמט אַריין איבער 6 טויזנט מענטשן, איז געווען ניט בלויז איבערפֿולט, נאָר הונדערטער מענטשן זיינען געגאַנגען צוריק, ווייל זיי האָבן ניט געקענט אַריינגיין און דאָס האָט פּאַסירט גראָד אין אַ רעגנדיקן אָוונט". דאַן איז ר' אַריבער אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „דער פֿרייהייט", וואו ער האָט אַחוץ דערציילונגען און לידער — אין משך פֿון דריטהאַלבן יאָר אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אַלע וואָך „עפּיזאָדן פֿון מיין לעבן" און אַלס המשך „צוואַנציק יאָר אַמעריקע"— ליטעראַרישע ערינערונגען, וועלכע האָבן געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן ערפֿאָלג, שיר ניט פֿאַרטאָפּלט דעם טיראַזש פֿון דער צייטונג. סוף 1928 האָט ר' באַזוכט מערבֿ־אייראָפּע, פּוילן און ראַטנפֿאַרבאַנד. זיין רייזע איבערן ראַטנפֿאַרבאַנד האָט

זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ טריומף, וואָס
אפשר נאָר מאַקסים גאָרקי האָט אַזוינס
געהאַט בשעת זיין באַזוך אין רוסלאַנד
נאָך עטלעכע יאָר פֿאַרברענגען אין דער
פֿרעמד. מ'האָט אים פּשוט אויף די הענט
געטראָגן, טויזנטער האָבן אים אָפּגע=
וואַרט אויפֿן וואָקזאַל אין יעדער שטאָט,
וואו ער איז געקומען; ער איז פֿייער=
לעך און האַרציק אויפֿגענומען געוואָרן
ניט נאָר פֿון דעם יידישן עולם, נאָר
אויך פֿון די רוסן, ווייסרוסן, אוקראַינער,
באַגריסט געוואָרן פֿון די העכסטע פֿאָר=
שטייער פֿון דער סאָוועטישער מאַכט,
צ"אַ פֿון דעם פּרעזידענט פֿון דער אַקאַ=
דעמיע פֿאַר קונסט פּראָפֿ' פּ. קאָגאַן
(ביי זיין אָנקומען אין מאָסקווע) אאַז"וו;
אויף זיין נאָמען זיינען אָנגערופֿן גע=
וואָרן צוויי קאָלאָניעס, ער איז אויס=
געוויילט געוואָרן פֿאַר אַ ערנמיטגליד
פֿון פֿאַרשיידענע סאָוועטישע אינסטיטו=
ציעס, סאָוועטן, ליטעראַרישע פֿאַראיי=
ניקונגען אאַז"וו; די סאָוועטישע פּרעסע
אין יידיש, רוסיש, אוקראַיניש, ווייס=
רוסיש האָט געדרוקט זיינע זאַכן, ווי
אויך אַרטיקלען וועגן זיין שאַפֿן. אויך
אין אַמעריקע א"אַ לענדער זיינען אויף
ר'ס נאָמען אָנגערופֿן שולן, ביבליאָטעקן.
אין בוענאָס-איירעס איז צו דער פֿייע=
רונג פֿון ר'ס יובל אויפֿגעפֿירט געוואָרן
אַ שטיק מיטן נאָמען „רייזענאַדע", וואָס
שטעלט פֿאָר דאָס לעבן פֿון אברהם ר'
און זיינע נאָענטסטע. — אברהם ר' פֿאַר=
נעמט איינעם פֿון די ערשטע ערטער
אין דער יידישער ליטעראַטור סיי אַלס
ליריקער סיי אַלס דערציילער. „...ער
איז דער פֿערטער אין דער ריי (נאָך
מענדעלע, ש"ע, פּרץ). דער ערשטער
פֿון נייעם דור, פֿון אונזער גרופּע נעאָ=
קלאַסיקער: רייזען, אַש, נאָמבערג. ער
איז דער ערשטער פֿון זיי אין צייט און

דער ערשטער אין פּאָפּולאַריטעט... און
ניט נאָר אין פּאָפּולאַריטעט קומט ר'
דער ערשטער, נאָר אויך אין דער ליב=
שאַפֿט פֿון פֿאָלק" (ב. צ. גאָלדבערג).
אַלס ליריקער איז ר' געווען דער ער=
שטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין
דער יידישער פּאָעזיע די אייגענע פּער=
זענלעכקייט, וואָס האָט אָנגעהויבן צו
זינגען לידער „פֿון אייגענעם געמיט
אַרויס", אָבער גלייכצייטיק האָט ער
„זיין פּאָעטישן איך מקריב געווען פֿאַרן
כּלל" (ריווקין), ברענגענדיק אין זיין
ליד צום אויסדרוק די לייד און פּיין
און אויך די טרייסטנדיקע האָפֿענונג פֿון
די ברייטסטע יידישע פֿאָלקסשיכטן, און
זיינע לידער פֿון דעם ערשטן פּעריאָד
פֿון זיין שאַפֿן, אין וועלכע ער האָט
באַזונגען דאָס שווערע און ביטערע
לעבן פֿון די יידישע פֿאָלקסמאַסן, דעם
צער און יאוש פֿון עלנטע איינ=
זאַמע נשמות, האָבן מיט זייער טיפֿער
האַרציקייט, מיט דעם שטילן ריינעם
טרויער, מיט דער אוממיטלבאַרקייט און
ערלעכער פּשטות פֿון דעם דיכטערישן
אויסדרוק, מיט דער זעלטענער מוזי=
קאַלישקייט אַריינגעדרונגען אין די טיפֿ=
סטע טיפֿענישן פֿון פֿאָלק. „היינט, אין
דעם רעשדיקן יריד פֿון פּאָעטישע פֿאָר=
מען אויף יידיש, איז שווער זיך פֿאָר=
צושטעלן די פֿרישקייט, די יוגנטלעכ=
קייט, די אייראָפּעישקייט, וואָס אברהם
ר'ס פּערז האָט אַריינגעבראַכט אין דער
יידישער ליטעראַטור העכער דרייסיק
יאָר צוריק... ביז אברהם ר'ן האָט מען
געשריבן שירים אויף יידיש; ר' האָט
האָט אָנגעהויבן צו שרייבן יידישע
לידער" (ב. צ. גאָלדבערג). ר' דער
דערציילער האָט געשאַפֿן, אַלנפֿאַלס —
באַפֿעסטיקט אין דער יידישער ליטע=
ראַטור דעם טיפּ פֿון דער קורצער

דערציילונג, פון דער סקיצע, געבראַכט די דאָזיקע פאָרם צו אַ הויכער קינסט־לערישער מדרגה, פאַראייניקט אין איר אַ שטילן האַרציקן הומאָר מיט אינעווייניקסטן דראַמאַטיזם, אַ עפּישע אָביעק־טיוויטעט פון שילדערן מיט אימפּרעסיאָ־נעלע מעטאָדן פון שאַפן, אַ פּסיכאָלאָגישע פאַרטיפּטקייט מיט אַ אויסערגעוויינלעכן צימצום פון קינסטלערישע מיטלען. אין זיינע הונדערטער און אפשר טויזנטער דערציילונגען האָט ער אַרומגענומען אַלע זייטן פון דעם יידישן לעבנס־שטייגער, פון דעם יידישן יחיד, האָט געגעבן אַ בילד פון דעם יידישן אונ־טערגייענדיקן שטעטל מיט זיין גאַנצער אָרעמקייט און הילפלאָזיקייט, מיט אַלע זיינע פאַרשוינען, מיט זיינע יידן און גויִים, „גבירים" און קבצנים, לומדים און האָרעפּאַשניקעס, פּאָטערס און קינ־דער. דערביי פאַרמאָגט ער אַזוי פיל מיטגעפיל און מענטשלעכע באַציִונג צו זיינע אָרעמע העלדן. „איר טרעפט דאָ אי די טביהס אי די מנחם־מענדלס, אָבער אין אַזאַ וואַרעמער האַרציקער אויסגאַבע, ניט צו לאַכן פון זיי דורך טרערן, נאָר גוט יום־טוב זיי צו זאָגן; בעלי־חלומות, רייטנדיקע אויף אַ קינדס שמייכל" (ריווקין). זיינע נאָוועלן שיל־דערן אויך דאָס לעבן פון דער גרויסער שטאָט אין רוסלאַנד, פוילן און מערב, בפרט אין אַמעריקע, דעם יידישן אינ־טעליגענט און האַלב־אינטעליגענט, שריפטשטעלער, באָהעמע־מענטש, גאַכנ־פּרוי, לערער, בוכהאַלטער, האַנדלס־אָנגעשטעלטן, אַרבעטער. באַזונדערס מילדע און טיף מענטשלעכע טענער ברענגט אברהם ר' אַרויס אין דער שילדערונג פון די אַרבעטסמענטשן. ער איז געווען איינער פון די ערשטע אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער האָט דערזען און געשילדערט די טראַגע־דיע פון דעם פּראָלעטאַריער, האָט אים געשילדערט מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט און נאָענטקייט, זיינע ליידן און פריידן באַשריבן ווי אַ חבר און אַ גרויסער מיטפילער. דאָ צווישן די דאָזיקע אַרבעטסטיפּן האָט ער דערזען שיינע בילדער פון קעגנזייטיקער סאָלי־דאַרישקייט און ליבע צום נאָענטן, שיי־נע טרוימען וועגן גליק און פרייד פאַרן יחיד און פאַרן כלל, פאַרנומען ניט נאָר די ליידן און דחקות פון אַר־בעטער־קלאַס, נאָר זיין גלויבן און מונ־טערע לעבנסלוסטיקייט, זיין רוף צו באַפרייונג. „ר'ס דערציילונגען — זאָגט וועגן אים אַ רוסיש־יידישער שריפט־שטעלער („אַ מיינונג וועגן דער יידישער ליטעראַטור פון אַן אָפּגעפרעמדטן" — אין „פאָרווערטס") לעזן זיך געשמאַק און מיט ליידיקן בלייבט איר פון זיי ניט... ער איז ניט אייבערפלעכלעך. ער זעט און קוקט אַריין אינעווייניק אין דעם לעבן... ער האָט טעמעס און פילע פון זיי זיינען זייער אינטערעסאַנט... אַז ער איז דער יידישער מאָפּאַסאַן און טשעכאָוו — איז ריכטיק נאָר טיילוויז... ער איז טריי צו זיך אַליין. דער איינ־פלוס פון דער רוסישער ליטעראַטור מערקט זיך אין זיינע דערציילונגען. ער איז אָבער אָריגינעל אַפילו דאַן, ווען דער איינפלוס פילט זיך אַם שאַרפסטן — אָריגינעל יידיש, אַן אָריגינעלער קינסט־לער, דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון אַן אייגנאַרטיקער יידישער קונסט. אַ פיינער אינהאַלטסרייכער דערציילער..." דער שטילער האַרציקער הומאָר וואָס שוועבט איבער ר'ס דערציילונגען, דאָס טיף מענטשלעכע געפיל, וואָס שלאָגט אין זיי, צוזאַמען מיט דער לייכטקייט פון זיין סטיל און דער כמעט שטענדיק

אינטערעסאַנטער טעמאַטיק מאַכן אים פאַר איינעם פון די באַליבטסטע יידישע שריפטשטעלער. „אין ר'ן האָט דאָס פאָלק דערשפּירט אַ פריינד, אַ נאָענטן, געטרייען, ליבן ברודער... וואָרעם ר' איז דער מליץ-יושר פון פאָלק — גאָר שלעכטע, מיאוסע מענטשן וועט איר צווישן ר'ס העלדן ניט געפינען... ר', אפשר מער פון אַנדערע יידישע שרייבער, צייכנט כּסדר די מענטשלעכע שוואַכקייטן, די מענטשלעכע נאַטירלעכקייטן, קליינלעכקייטן, גראָשנדיקייט; אָבער זיין האַנט איז לייכט, וואָרעם די זינד איז ניט טיף, און הינטער דער זינד, הינטער דער קליינלעכקייט גראָבט טיף דאָס מענטשלעכע, דאָס אייביק מענטשלעכע... ר' האָט אַריינגעטראָגן עפּעס אייגנאַרטיקעס, נייעס און וויכטיקס אין דער יידישער ליטעראַטור און אפשר אויך אין דער וועלט-ליטעראַטור" (ב. צ. גאָלדבערג). אויך געאָרג בראַנדעס אין זיין אינטערוויו וועגן דער יידישער ליטעראַטור מיט ישראל כּאַלעוואַ (כּוף 1926) האָט פון די יידישע שריפטשטעלער, וואָס זיינען אים באַקאַנט געווען, אַרויסגערוקט אברהם ר' אַלס שרייבער מיט אַן אייראָפּעיִשן פאַרנעם און באַזונדערער אָריגינאַליטעט.—אָבער טראָץ ר'ס באַרימטקייט אין דער גאַנצער וועלט, וואו ס'גרייכט נאָר אַ לעבעדיק יידיש וואָרט, זיינען די אָפּיציעלע קריטיקער געבליבן קאַלט צו דעם דיכטער און ער איז לאַנגע יאָרן געבליבן עפּעס ווי ניט פאַרשטאַנען און ניט אָפּגעשאַצט. ערשט די לעצטע יאָרן, דערהויפּט אין אַמעריקע, וואו דער נאָמען אברהם ר' איז איצט דער באַרימטסטער און באַליבטסטער אין דער יידישער ליטעראַטור, איז ר' אויף דאָס ניי אַנטדעקט געוואָרן פון דער יונגער יידישער קריטיק, וועלכע האָט צעבראָכן דעם שאַבלאָן, וואָס איז אַרום זיין שאַפן אויסגעבויט געוואָרן פון דעם עלטערן דור יידישע קריטיקער אין אַ צייט פון עסטעטיזירנדיק-אינטעלעגענטישן און נאַציאָנאַליסטישן צוגאַנג צו ליטעראַרישע ערשיינונגען. „צוריק צו אברהם רייזענען" איז לעצטנס אויך געוואָרן אַ לאָזונג אין דער נייסטער יידישער פּאָעזיע פון ראַטנפאַרבאַנד. „אויף ר'ס מזל — שרייבט חיים ליבערמאַן — איז אויסגעפאַלן אַ גורל, וואָס איז שוין אָפט געווען דער גורל פון גרויסע קינסטלער. זייער אייגענע צייט האָט זיי אַמווייניקסטן פאַרשטאַנען און זייערע נאָענטע זיינען געבליבן די וויטסטע פון זיי... און אויך דאָס איז געווען ר'ס מזל ווי דאָס מזל פון אַ סך גרויסע קינסטלער: דאָס וואָס די קריטיק האָט ניט דערזען מיטן אויג, האָט דאָס פאָלק דערשפּירט מיטן חוש... ר' איז אַזוי נאָענט געווען דעם פאָלק און איז אַזוי פרעמד געבליבן דער קריטיק דערפאַר, ווייל ער איז גאָר ניט קיין „ליטעראַטור". ער איז ווייניקער און מער ווי ליטעראַטור. — וואו און ווער דערציילט אַ מעשה אַזוי פּשוט, אַזוי איינפאַך, אַזוי דירעקט, אַזוי נאַקעט ווי ר'? וואו און ווער, אין דער יידישער ליטעראַטור אַזוי גוט ווי אין דער אַלגעמיין מאָדערנער ליטעראַטור, באַנוצט אַזוי ווייניק ליטעראַרישע מיטל, אַזוי ווייניק „קונסט", אַזוי ווייניק אויסגעצערטלטע מעטאָדע, אַזוי ווייניק באַרעכנטע פאָרם ווי ר'? וואו געפינט מען אַזאַ קאַרגקייט, אַזאַ צונויפגעפרעסטקייט, אַזאַ צימצום, און וואו — אַזאַ רעליעפקייט, אַזאַ שאַרפע איינגעשניטענע ליניע? וואו אַזוי ווייניק מיטל און אַזוי פיל עפעקט? — דורך עפּעס געהיימע פאַרבאָרגענע וועגן, דורך פאַרהוילענע פּראָצעסן פון דער שעפּע-

רישער נאַטור איז עס ר'ן געלונגען אַריינצוברענגען אין אונזער איבערראַפינירטער צייט אַריין אַ הויך פון יענער ערשטער קראַפט, פון יענעם עלעמענטאַרן כּוח פון דערציילן, וואָס איז דער יסוד און די געהיימעניש פון דער גרויסער דערציילערישער קונסט. ר'ס מעטאָד פון דערציילן איז דער נאַטירלעכער מעטאָד, ווען אויף דער ליטעראַטור זיינען נאָך ניט אָנגעוואַקסן געווען קיין פרענדז און פליטערלעך, נאָר זי איז געווען דירעקט און נאַקעט. ר' איז דער אמתער געבאָרענער דערציילער, אפשר דער איינציקער אין דער יידישער ליטעראַטור, ער איז דער געבאָרענער דיכטער פון דער מיניאַטור-פאָרם... וואו אַנדערע קענען איינפאַסן אַ מאָמענט, לייגט ר' אַריין אַ גאַנץ לעבן; וואוהין אַנדערע קענען אַריינפרעסן נאָר אַ פינטעלע, ווייס ר' די קונץ אַריינצופאַסן אַ גאַנצע וועלט. די בעסטע פון ר'ס דערציילונגען זיינען אַזוי גאַנץ ווי אַן אויג, אַזוי ריין און אָן אַ פגימה ווי דער בליץ. — אַזאַ אויפעפענען די גרונטן פון דער מענטשלעכער נשמה, אַזאַ אַנטבלויזן די לעבנסוואָרצלען איז מער ווי ליטעראַטור, עס איז מער ווי קונסט-זין — עס איז העלזעריי... ר'ס פשטות איז אַ מערקווירדיקע, זי איז אַ ליכטיקע... אויף יענע פלאַכן פון דער מענטשלעכער נשמה, וואו ר'ס קונסט באַוועגט זיך, איז נאָך ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן ייד און גוי... ר' איז דער אומיידישסטער שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור. ר' איז דער ערשטער וועלט-שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור... ער האָט געוויס דערציילונגען פון יידישן שטייגער, אָבער זיי זיינען ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. דאָס יידישע נעמט קיינמאָל ניט די איבערהאַנט איבערן גרונד-מענטשלעכן. דאָס אייביק-מענטשלעכע איז דער לייטמאָטיוו, דאָס בילד, די גרונד-פאַרב; דאָס יידישע איז די ראַם... ער האָט יידישע כאַראַקטער-שטריכן, אויף וויפיל זיי זיינען נייטיק פאַר אַטמאָספערע און פאַר פאָרטרעט-שטריכן. דורך ר'ן און ניט דורך עמעצן אַנדערש באַרירט זיך די יידישע ליטעראַטור מיט דער וועלט-ליטעראַטור... ר' רעדט צו דער וועלט—האַרץ צו האַרץ. ר' איז ניט יידישע ליטעראַטור, נאָר ליטעראַטור אין יידיש. אין ר'ן האָבן מיר אונזער ערשטן וועלט-קינסטלער דער וועלט געגעבן. — אַפילו זיין שפּראַך איז אָנגעפּאַסט פאַר דער דאָזיקער ראָלע זיין טעמע איז אומיידישלעך — איז עס זיין שפּראַך אויך געוואָרן. ר'ן פעלט דער יידישער אידיאָם. זיין שפּראַך איז פריי און וועלטלעך... און אַזוי ווי ר'ס טעמע איז ברייט און מענטשלעך. אַזוי איז אויך זיין שטילע טראַגיק און זיין קלוגער הומאָר. די צוויי זיינע, האַרמאָניש צוזאַמענגעגאָסן אין זיין קונסט — אַזוי ווי אין לעבן. אַ טונקעלער פעסימיזם רוט איבער ר'ס ווערק, אָבער דעם אומעט און צער ווייזט ער— דורך אַ קאָמישער סיטואַציע, דורך אַ קלוג צונויפגעפלאָכטענער פאַרלעגנהייט, דורך אַ ווייך גראָטעסקן כאַראַקטער. דער הומאָר פון זיינע „שטילע טריט", פון דעם שוסטער וואָס לעבט פון בלאָטע, פון דעם יידן וואָס גייט נאָך אַ הלוואה, שמעקט מיטן זעלבן אַראָמאַט וואָס דער אייביקער הומאָר פון „דאָן קיכאָט", פון „דער רייזע צו די ליליפוטן", פון „טוביה דעם מילכיקן". עס הויכט פון אים מיט דער זעלבער קלוגשאַפט, וואָס איז מער ווי קלוגשאַפט, וואָס איז פילאָסאָפישע קלוגשאַפט, וועלט-קלוגשאַפט, וואָס איז ווייזהייט". —

פון דער אַנדערער זייט מיינט קאָראַלניק, אַז דווקא „ר׳ איז דער נאַציאָנאַלסטער, דער יידישסטער, דער פאָלקסטימלעכ־סטער פּאָעט..., דערנעענטערט זיך מער אפשר ווי אַלע אַנדערע צייטגענאָסן צו דעם יידישן מקור, און דערפאַר — דער רעפּרעזענטאַטיווסטער יידישער פּאָעט. דערפאַר זינגט דאָס פאָלק ר׳ס לידער מיט אַזאַ ליבע און דורכדרינגונג, עס הערט אין זיי זיין טיפסטעס — ווי אַן עכאָ אין די בערג... ר׳ איז — מיר דאַכט — דער איינציקער זינגבאַרער יידישער פּאָעט". — „ר׳ נעמט אַרום אין זיין ליד אַלעמען פון אַ ישיבה־בחור ביז צום קליינעם שוואַרצן נעגערל, וואָס שפּילט אין שכנות פון יידישן דלות אין די טענעמענטהייזער פון דער גאָלדענער שטאָט ניו־יאָרק. אָבער דאָך דאָס שטעטל און דער מענטש פון דער אַלטער היים זיינען אויף אייביק געבליבן דער אָבּ־יעקט פון זיין אינספּיראַציע. פאַרקערט, דאָרט אין אַמעריקע איז געוואָרן די באַציִונג צו זיין אַלטער היים אַ וואַרע־מערע, אַ פאַרטיפטע און אַ באַחנטע מיט גרויסער בענקשאַפט. צו וואָס ס׳אַר אַ איידעלע צאַרטע קלאַנגען דערהייבט זיך זיין בענקשאַפט, ווען פאַר אים אַנטפּלעקן זיך אין די ניו־יאָרקער גאַסן די היימישע געשטאַלטן! ס׳אַר אַ האַר־מאָניש געמיש פון עקסטרעמע עלע־מענטן, זאַכלעכקייט און ראָמאַנטיק האָט אַזוי קונציק פאַראייניקט דעם דיכטערס טיף מענטשלעכע גוטסקייט... ווער האָט נאָך אַזוי באַזונגען די יסורים פון די וואָגלער, די עמיגראַנטן ווי ר׳ אין זיין ליד „די גרינע"... דער מענטש און נאָכאַמאָל דער מענטש מיט אַלע זיינע פּעריפּעטיעס שטייט אין ברענפּונקט פון זיין שאַפן... אַלע זיינע חושים זיינען פאַר אים נאָר אָפן און צום שטאַרקסטן פון די חושים — דאָס אויג!... זיין פאַנטאַזיע איז אַ טיפּיש פּלאַסטישע, אַ וויזועלע. און טאַקע דער דאָזיקער וויזועלער זכרון האָט דורך דער פּריזמע פון בענקען געבראַכט ר׳ן צו אַן אָפּטי־מיזם, וואָס איז אַזוי פאַרקלערט, אַזוי זיס מרה־שחורהדיק און האָפערדיק צו־גלייך... זיינע לעצטע לידער „די היימי־שע אידיליעס" פאַרטומלען מיט דער רייכקייט פון די אָנגעוואָרפענע, בונטע זשאַנר־בילדער... דער בענקענדיקער דיכטער האָט אין זיי דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט פון זיין דיכטערישן ביזאַצונדיקן שאַפן. דאָס איז נישט מיין די מאָנאָטאָנע גראַ־פיק פון „גרויער נויט", וואָס איז אונז אַזוי נאָענט געוואָרן — דאָס זיינען זאַפטיקע, לאַזורפאַרביקע אַקוואַרעלן פון אַן איבערראַשנדיקער נאַיִוו־ראַפינירטער פאָרם מיט אַסאָנאַנצן און גראַמען, וואָס אַנטציקן מיט זייער אומפאַרהאָפטקייט, און פון מאָדנע דערפרישנדיקע מעטאַ־פערן... אין די דאָזיקע טיף יידישע און מענטשלעכע אידיליעס מיט אַזאַ צאַרט־גראָטעסקן הינטערגרונד האָט זיך אונ־זער קלאַסישער דיכטער פון נויט אַריינ־געמישט אין די ערשטע רייען פון דער גאָר יונגער, אַקטועלער יידישער קונסט, וואָס זוכט אַן אויסדרוק פאַר דעם ספּע־ציפישן יידישן סטיל. ער גיט אין זיינע אידיליעס דאָס דאָזיקע, וואָס שאַגאַל אין זיין „וויטעבסק", וואָס ריבאַק אין זיין אוקראַיניש שטעטל, נאָר רויִקער און קאָמפּאַקטער". (בער האָראָוויץ).

דער אייגענער צויבער איז אויך אויס־געגאָסן אויף זיינע „היימישע אידיליעס" אין פּראָזע, וואָס געהערן לויט דער לויטערקייט פון דעם טאָן און דער איי־דעלער עפּישקייט צו די בעסטע ווערק פון דער נייער יידישער פּראָזע. „עס איז

איבערטריבן צו זאָגן, אַז ר׳ אין זיינע
היימישע דערציילונגען גיט זיינע העלדן
צו אָטעמען בלויז קאָידענאָווער לופט;
ער האָט יאָרן פאַרבראַכט אין וואַרשע,
ער איז אויסגעוועזן אַ וועלט, און די
גרויסע שטאָט, די גרויסע וועלט איז
דער הינטערגרונד פאַר זיינע שילדע=
רונגען. ווען ער פאַרבלייבט אַ קאָי=
דענאָווער, וואָלט ער איבער די קאָידע=
נאָווער תבואה= און פלאַקס=הענדלער זיך
ניט געקענט דערהייבן". (ב. ריווקין).
„ר׳ס נשמה איז אַ גרויסשטאָטישע, בענקט
זי נאָך דעם קליינעם שטעטל, נאָך דער
פאַרשאָטנטקייט, נאָך דעם פרימיטיוון
לעבנס = אויסדרוק..." (נאַדיר). „בכלל
האַלט איך—שרייבט אברהם ר׳ אַליין,—
אַז כאָטש איך שרייב און זינג קלאָר,
בין איך אָבער ניט אַזוי פשוט, ווי די
קריטיק וויל מיך פאָרשטעלן. דווקא דאָס
קלאָרע איז טיף און דאָס פאַרפלאָנטער=
טע איז אַמאָל פלאַך... פיל טעותן
מאַכט מען וועגן מיר, ווען מען מיינט,
אַז איך בין אַ שטייגער=שרייבער. ניט
נאָר אין דעם פרוש („די איבערגעבלי=
בענע") בין איך ניט אויסן געוועזן שטיי=
גער — דער שטייגער איז בלויז אַ פאָן
פאַר העכערע מאָטיוון — נאָר אַפילו
אין אַזאַ דערציילונג — פון אַ מלמד —
ווי „איוב"—בין איך עפעס אַנדערש אויסן...
געוויס זיינען מיינע דערציילונגען גע=
שריבן אויף אַ רעאַלן באָדן, אָבער נאָר
מיט אַזאַ שטייגער שרייבן קאָן מען
זאָגן נאָך עפעס צו דאָס, וואָס איז גע=
זאָגט געוואָרן... פאַרמענטשלעכן דאָס
לעבן — דאָס איז די העכסטע מדרגה.
אָבער ס׳הייסט ניט, אַז איך בין אויסן
די פינף קאַרטאָפל, צי אַפילו דעם
גמילת=חסד, צי די קאַפאָטע און די
שטיוול אין „מאי קא משמע לן"... איך
האָב ניט ליב סימבאָליק, וואָס איז גע=
שריבן אין סימבאָליסטישער פאָרם, איך
האָב אָבער ליב סימבאָליק, וואָס דרינגט
אַרויס פון אַ רעאַלער דערציילונג און
אַפילו פון אַ רעאַליסטיש ליד... מיינע
דערציילונגען, למשל — „אַ וויץ", „פאַר=
שטעלטע מיליאָנערן", הגם זיי קלינגען
ווי רעאַליסטישע, זיינען זיי ניט נאָר
ליריש — וואָס אַ קליינע דערציילונג,
מיט געוויסע אויסנאַמען, מוז סיי ווי סיי
זיין, ווען זי איז אַפילו הומאָריסטיש,—
נאָר אויך סימבאָליש". — זייער אַ גרויסן
אָרט אין ר׳ס דיכטונג, בפרט פון דעם
צווייטן פעריאָד פון זיין שאַפן, פאַרנעמט
די געדאַנקען=ליריק, קאָנדענסירט אין דעם
אויסדרוק פון דעם געפיל און דער
שטימונג, פאַרענדיקט אין דער קור=
צער צימצומדיקער פאָרם, וועלכע איז
אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר ר׳ן. אין
זיינע רעפלעקטיווע לידער רעאַגירט
ר׳ אויף אַלע רעגונגען פון דער נשמה,
אויף אַלע ערשיינונגען פון דעם לעבן.—
ר׳ האָט אויך זייער געלונגען אויס=
גענוצט אין אַ ריי לידער פאָלקסטימ=
לעכע טענער, און זיינע פאָלקסמאָטיוון
זיינען אויסגעצייכנטע מוסטערן פון
קונסטמעסיקער פאָלקס = פאָעזיע. —
אין זיינע אַמעריקאַנער דערציילונגען
האָט ר׳ אָפט געזינדיקט קעגן דער ריינ=
קייט פון סטיל, אָבער דאָס שטאַמט פון
זיין ליבע צו עכטקייט, פון דער שטרע=
בונג געטריי אָפצושפיגלען די שפּראַך
פון זיינע העלדן, פון דעם מיליע וואָס
ער שילדערט. — פון ר׳ס לעצטע ווערק
איז צו דערמאָנען זיינע ליטעראַרישע
ערינערונגען „עפיזאָדן פון מיין לעבן"
(ווערן צוגעגרייט צום אַרויסגעבן אין
5–6 ב׳ אין פ"ג ב. קלעצקין), וואָס זיינען
„ניט נאָר עפיזאָדן פון אברהם ר׳ס לעבן,
נאָר עפיזאָדן — און די וויכטיקסטע —
פון גייסטיקן יידישן מאַסנלעבן, — דאָס

גרעסטע בוך פון אונזער נייסטער קולטור=געשיכטע און דערביי באַהויכט מיט אַזאַ יום=טובדיקייט און ליכטיקייט"... („די פרעסע", וואו די „עפּיזאָדן" זיינען גע=דרוקט געוואָרן). — אָן אַ שיר לידער ר'ס זיינען איבערגעלייגט אויף מוזיק און ווערן געזונגען, ווי „הוליעט, הוליעט", „קירכנגלאָקן", „מאי קא משמע לן", „דער גמרא=ניגון", „צו אַ ברודער" און צענדלינגער אַנ=דערע. פון זיינע פילע איינאַקטערס זיינען אייניקע אַ סך מאָל אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע, ווי „גוטע ברידער", „דעם שדכנס טאָכטער", „אַ רויִקע דירה" א"אַ. עס זיינען אויך אינ=סצענירט געוואָרן אַ ריי לידער פון אברהם ר', ווי „מאי קא משמע לן" (געגאַנגען אויך אין פילם), „דער טאַנצ=זאַל אין שפּיגל" — דורך יוסף טשער=ניאַווסקי—א"אַ. ר' האָט אויך געשריבן רעצענזיעס און אַרטיקלען איבער יידי=שע און זעלטן– אויך העברעיִשע ביכער, אויך א"פ בן קלמן, אין זיינע אייגענע אויסגאַבן, ווי אויך אין זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבען", „פ. אַ. ש." אאַז"וו.— אַחוץ איינצלנע לידער פון ח"נ ביאַליק (צ"אַ זיין פּאָעמע „תקות עני" א"ט „דעם אָרעמאַנס האָפנונג" — אין „יודי=שער פאָלקסצייטונג", 1902, 3 — 4), י"ל פּרץ, היינריך היינע, לענאַו, ריכאַרד דעהמעל, אויך פון משה און אברהם אבן עזרא, עמנואל הרומי, ר' מאיר פון ראָטענבערג — פאַר דעם בוך פון ד"ר איסר גינזבורג „יידישע דענקער און דיכטער פון מיטלאַלטער" — א"אַ, האָט אברהם ר' איבערגעזעצט פאַרן פ"ג „קול=טור" אין מינסק: „די בעלאַגערונג פון טול=טשין / אַ היסטאָרישע דראַמע פון באַג=דאַן חמעלניצקי'ס צייטן" — אין 5 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג פון ב. מינסקי (1903, ז' 88 — אין פּראָזע), וו. קאָראָלענקאָס דערציילונג „אַ רגע", לעוו טאָלסטאָיס „קינדער=יאָרן" (אַרויס ערשט 1918, פ"ג „פאָלקסבילדונג", מאָסקווע, ז' 90) א"אַ. — דורך זיינע פאַרשיידענע אויס=גאַבן, דורך זיין ליבפולער און זאָרגעוו=דיקער באַציִונג צו די אָנפאַנגער, צו די יונגע שריפטשטעלער האָט ר' פיל מיטגעווירקט פאַר דעם וואוקס און דער אַנטוויקלונג פון דער נייסטער יידישער ליטעראַטור. — זייער גרויסע פאַרדינסטן האָט אברהם ר' פאַר דער יידישער קולטור=באַוועגונג. אין משך פון זיין גאַנצער ליטעראַרישער טעטיקייט האָט ער הייס און מוטיק געקעמפט פאַר דער אָנערקענונג פון יידיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך, פאַר איר פול רעכט אין דעם יידישן לעבן, פאַר איר אָרט אין דער יידישער שול, און צוליב דעם דאָזיקן אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף פאַר דער קולטור פון די יידישע פאָלקסמאַסן האָט ער געהאַט אויסצושטיין רדיפות און באַליידיקונגען פון די העברעיִסטן.

די ערשטע אויסגאַבע פון ר'ס „געזאַמעלטע שריפטען" איז אַרויס אין פ"ג „פּראָגרעס" אין 3 ב': I „געזאַמעלטע ליעדער" (לויט די אָפּ=טיילונגען: „די גראָהע נויט", „בענקשאַפט און פרייהייט", „פאָלקס=מאָטיווען", „לוסט און ליעבע", „צער און יאוש", „יודישע מעלאָדיען", „געמישטע לי=דער"—1908, ז' 288), II „מענשען און וועלטען" (לויט די אָפּטיילונגען „אונזער היים" און „אין שטאָדט"—1908, ז' 318), III „געשטאַלטען" („די קינד=הייט", „נאָוועלען און סקיצען"—1909, ז' 328); שפּעטער האָט די דאָזיקע אויסגאַבע צוזאַמען מיט די צוויי קליינע בענדלעך פון דעם פ"ג „וועלט=ביבליאָטעק" („די אַלטע וועלט" און „יונגע=וואַרג") און מיט נייע צוגעדרוקטע דערציילונגען געבילדעט די 10בענדיקע אויסגאַבע פון ר'ס „שריפטען", אַזוי אַז עס זיינען צוגעקומען די ב': VII „נאָוועלען און סקיצען" (לויט די אָפּטיילונגען „שטילע ליעבע", „היימישע מענשען"—ז' 152), VIII „מיניאַטורען און סצענעס" (ז' 154 — 289), IX „געמישטע ערצעהלונגען" (ז'

138), X „אין דער פרעמד / מיט דער ביאָ־
גראַפיע פון דיכטער און אויטאָביאָגראַפישע ער־
צעהלונגען" (ז' XIX+122); די אין דער
„פּראָגרעס"־אויסגאַבע ניט ארייַנגעגאַנגענע דער־
ציילונגען און לידער ר'ס זייַנען געזאַמלט גע־
וואָרן אין 3 ב' „נייע ווערק" פון פ"ג „ביכער
פאַר אַלע" (1910 — 14) און אין די 2 ב' פון
ווילנער פ"ג ב. קלעצקין — „וועגד • קלאַנגען
(נייע לידער־זאַמלונג 1911—1913)" (1914, ז' 150)
און „איבערגעבליבענע און אנדערע דערציילונגען"
(1914, ז' 240).—פון דער געפּלאַנטער אַמעריקאַ־
נישער אויסגאַבע פון ר'ס „אַלע ווערק / אין
צוועלף בענדער" איז ארויס נאָר I ב' „ער־
צעהלונגען" (פ"ג „דאָס נייע לאַנד", נ"י, 1912,
ז' 192). אַ נייע אויסגאַבע פון אַלע ווערק פון
אברהם ר' איז ארויסגעגעבן געוואָרן פון פ"ג
„אידיש" אַלס „יובילעאום־אויסגאַבע" — צו דעם
25יעריקן יובילעי פון זייַן ליטערארישער טעטי־
קייט — אין 12 ב', פון וועלכע די ב' I, V
און XI אנטהאַלטן זייַנע לידער, באַלאַדן און
פּאָעמען, דער ב' VI „איינאַקטערס און מאָנאָ־
לאָגען", און די איבעריקע — דערציילונגען און
סקיצן אונטער די פאָלגנדיקע אַלגעמיינע טיטלען:
II „אַמאָליגע מענשען" (ז' 251), III „היימישע
מענשען" (ז' 254), IV „אין שטאָדט" (ז' 252),
VII „שטילע ליעבע" (ז' 254), VIII „אָרימע
געגענדען" (ז' 252), IX „אין אַמעריקע" (ז'
250), X „די אָפּשפּיגלונג" (ז' 250), XII
„בונטע ערצעהלונגען" (ז' 240+XII) — „כראָנאָ־
לאָגישער אינהאַלט פון אַלע ערצעהלונגען לויט
דעם אַלף־בית"); אַלס צוגאָב צו דער דאָזיקער
אויסגאַבע האָט דער פ"ג „אידיש" שפּעטער
ארויסגעגעבן נאָך אַ ב' לידער (א"ט „דורך
פינסטערע טויערן", 1920) און אַ ב' נייע דער־
ציילונגען (1920); די דאָזיקע „אידיש"־אויסגאַבע
פון אַלע ווערק ר'ס האָט אויסגעהאַלטן אַ רייִ
אויפלאַגעס (די לעצטע — 14 ב' — ארויסגע־
געבן פון „דער פרייהייט"); אחוצדעם איז נאָך
ארויס אַ ב' דערציילונגען און סקיצן א"ט „הו־
מאָרעסקען־בוך" (1916 — 1920; פ"ג „ניי־צייט",
נ"י, 1920, ז' 256, אין 2 אָפּטיילונגען — „בײַם
נייעם ברעג" און „אונזער היים").—אַ נייע פאָל־
שטענדיקע אויסגאַבע פון ר'ס געזאַמלטע ווערק
וועט איצט ארויסגעגעבן פון פ"ג ב. קלעצקין
אין 24 ב'. אחוצדעם זייַנען אין פאַרשיידענע
צייטן ארויס קלענערע זאַמלונגען פון א. ר'ס
ווערק, ווי: „לידער פון לעבען" (פ"ג „פּראָגרעס",
תּרס"ה, ז' 95, מיט אַ בילד פון מחבר), „די
יודישע גאַס"—דערציילונגען (דערז' פ"ג, 1905),
אַ רייִ דערציילונגען און איינאַקטערס אין דער
„פאַמיליענביבליאָטעק" פון פ"ג „פּראָגרעס" —
קליינע ביכעלעך, וואָס זייַנען פאַרשפּרייט גע־
וואָרן זייער אין אַ גרויסער צאָל עקז', ווי „די
ציגיינערין", „אין קריג", „פאַרשפּעטיגט", „גוטע
ברידער" (קאָמעדיע), אין פ"ג „ביכער פאַר אַלע",
פ"ג „אידיש", פ"ג „קולטור־ליגע", אין „אַלגעמיינעם
פאַרלאַג" (וואַרשע, 1922) א"אַ. עס איז אויך
צו דערמאָנען די פּראַכט־אויסגאַבע פון „ר'ס 50
לידער. / אַ מתּנה די קינדער פון די יידישע שולן",
ארויסגעגעבן לכּבוד זייַן 50יעריקן יובילעי פון
דעם פ"ג „מתּנות" ביי דעם „ש"ע־פאָלקסאינסטי־
טוט", מיט אילוסטראַציעס צו יעדן ליד פון
כמעט אַלע יידיש־אַמעריקאַנישע קינסטלער (נ"י 1926).

אחוץ אַ פּאָר קליינע סקיצן, וואָס ר' האָט
אָריגינעל געשריבן אין העברעיש („הבעל
שמחה" און „הרוכל" — אין „הצופה"), זייַנען זייַנע
דערציילונגען איבערגעזעצט געוואָרן אויף העב־
רעיש פון ישראל שאַף, י"ח זאַגאָראָדסקי, א"ל
יאַקובאָוויטש, י. בערשאַדסקי, י"ח ברענער, ח"נ
ביאַליק, יעקב שטיינבערג (וועלכער האָט צ"אַ
איבערגעזעצט די פּאָעמע „מיין צוריקקער אהיים"—
יובל־זמ"ב פון „הצפירה" 1903) א"אַ און זייַנען
געדרוקט געוואָרן אין „הצופה", „הצפירה",
„המליץ", „היום", „הארץ", „דבר", „הפועל הצעיר",
„האדמה" אאז"וו, ווי אויך אין העברעיִשע כרעס־
טאָמאַטיעס און אין באַזונדערע אויסגאַבן, היינו:
„האחים" (וואַרשע, תּרס"ז, ז' 7); „ציורים
ורשימות" („שני האחים", „בתוך הגן", „העץ"—
אָדעס, תּר"ע, ירושלים, תּרפ"ב, ז' 22); „קובץ
ספּורים לבני הנעורים" (וואַרשע, פ"ג „האור",
תּרס"ה, ז' 67); „הנסיון" — קאָמעדיע אין 2 אַ',
איבערגעזעצט א. ערליך (ירושלים, תּרס"ו, ז' 16);
„בשביל הבימה העברית" — זאַמלונג פון דראַ־
מאַטישע זאַכן פון ש"ע, טשעכאָוו, אברהם ר',
איבערגעזעצט פון י"א האַנדעלזאַלץ און פנינה ל'
(וואַרשע, ז' VII+75).

אַ סך לידער און פּאָעמען און נאָך מער דער־
ציילונגען ר'ס זייַנען איבערגעזעצט געוואָרן אין
די פאַרשיידנסטע שפּראַכן, צ"אַ:

אין רוסיש — אין אַלע רוסיש־יידישע זשור־
נאַלן און זמ"ב, ווי Восходъ, Будущность,
Разсвѣтъ, Евр. Сборники, Евр. Три-
буна (דאָס רוב איבערגעזעצט פון ד"ר א. מאַר־
קאָוו), און אין אַלגעמיינע רוסישע צייטשריפטן,
ווי Русское Богатство, Кіевская Мысль,
אַפילו אין סיבירער Современное Слово

רוסישע צייטונגען, אין Дѣти Изгнанія (א זאמלונג דערציילונגען פון אַש, נאָמבערג, פינסקי, הירשביין, רחל פייגענבערג); אין Иллюстрированный Сіонистскій Альманахъ, ארויסגעגעבן פון א. פריידענבערג (קיעוו, 1902 — Возвращеніе на родину, איבערז' פון מ. קאַרטשמאַר) און אין באַזונדערע אויסגאַבן, ווי: Рассказы (איבערגעזעצט פון או. מאַנאַסטירסקי א״ר פון ריקלין, מאָסקווע, 1925, ז' 59); Рассказы и Новеллы (מלוכה-פ״ג, מאָסקווע-לענינגראַד, אין דער סעריע „די שאַפונג פון די פעלקער פון פסס״ר", איבערגעזעצט א. גאָטליב, מיט אַן אריינפיר „ר' דער דערציילער" פון אי. ראַבינאָוויטש, ז' 180); דער סאָוועטישער פ״ג „זיף" גרייט אויך צו א 3בענדיקע אויסגאַבע פון א. ר׳ס ווערק אין רוסיש (שטעטל, שטאָט, אמעריקע).

אין דייטש—אין דער איבערזעצונג פון ד״ר טעאָדאָר זלאָציסטי, ד״ר בערטאָלד פייוועל, פאָול באַרכאַן, ד״ר א קאָראַלניק א״א — אין די פאַרשיידענע יידיש-דייטשע צייטשריפטן און זמ״ב, ווי Ost und West, Die Welt, Jüd. Almanach, Aus einer stillen Welt, אויך אין די ליטעראַרישע ביילאַגעס פון Vorwärts, Wiener Arbeiterzeitung, Berner Bund, New Yorker Volkszeitung, Das Moderne Wien, Aus fremden Zungen.

אין ענגליש — פון העלענע פראַנק, לואי ליפסקי (דעם איצטיקן פירער פון די אמעריקאַנישע ציוניסטן), אננאַ בערמאַן, מאַריע סירקין, בראַד א״א — הונדערטער דערציילונגען און אויך לידער אין די ענגליש-יידישע און אַלגעמיינע צייטשריפטן און זמ״ב פון אמעריקע און ענגלאַנד, צ״א אין English Revue, The Quill, אין די אַנטאָלאָגיעס פון ש״י אימבער, מאַרקוס גרעהעם און אין א באַזונדערער בוך-אויסגאַבע.

אין פויליש — אין די קראָקעווער Nowe Słowo, Wiek Nowy, אין די פויליש-יידישע Wschód, Moriah, Nowy Dziennik (פון לעאָן הערבסט), Nasz Przegląd, אין פאַרשיידענע זמ״ב, אין ש. הירשהאָרנס אַנטאָלאָגיע. — אין פראַנצויזיש, צ״א אין ל. בלומענפעלדס און פלעגס אַנטאָלאָגיעס א״א; אויך אין שפּאַניש (ש. רעזניק), אונגאַריש, רומעניש, אין וועלכער שפּראַך ס'איז אויך ארויס א ביכל דערציילונגען ר׳ס מיט א פאָרוואָרט פון ד״ר יוסף נאַכט, איטאַליעניש, דעניש (פון אננאַ ליפשיץ א״א), בולגאַריש, אראַביש, לעטיש, ליטוויש, אוקראַיניש (פאַרהאַן א באַזונדערע בוך-אויסגאַבע, 1928), ווייסרוסיש (צ״א — פון עמאַ זאַלקינד פאַר א ווייסרוסישן פ״ג אין ווילנע, אויך פאַר דער ווייסרוסישער פרעסע אין ווילנע, ווי Воля Працы א״א).

מ. אָלגין, „אין דער וועלט פון געזאַנגען", ז' 219—242; id, „פרייהייט" פון 15/V 1926; א. אַלפערין „ליטעראַרישע בלעטער", 1928, 47; אפין, „באַפּרייונג-אַרבעטער-שטימע", 1928, 40—41; שלום אש, „פאָרווערטס", 1917 (?); יעקב באָטאָשאַנסקי, „דרום-אמעריקע", אפּריל 1926; ב. באָטווינִיק, „וועקער", 1926, נומ' 235; ב. באָראָכאָוו, „וואַרהייט", 1917 (?); ח. נ. ביאַליק, „ווילנער טאָג" פון 27/VII 1926 (איבערדרוק פון „טאָג" נ״י); ד״ר מ. בינענשטאָק, 1908; א״ל ביסקאָ, „פנינים ברפש", אין „המליץ" 1902; בן-אליעזר, אין „רביבים"; בן-יקיר, „צוקונפט" 1909, X; בעל-דמיון, „דאָס נייע לעבען", 1910; בעל-מחשבות, „שריפטען", III (צוערשט געדרוקט אין „העולם" תרס״ט); מ״י בערדיטשעווסקי; ראובן ברייינין, אין „התרן" תרע״ז, II — III; י״ח ברענער, „הזמן", 1907 (1908 ?) און „רביבים" 1908, I, ז' 75 — 78; א. גאָלאָמב, „ווילנער טאָג" פון 12/XII 1928; הערמאַן גאָלד (הלל גורני), „פּראָלעטאַרישע שטימע" פון 13/IV 1923; id, „נאָבעל-פּרייז פאַר א. רייזען", אין „אויפגאַנג", 1924, IX; id, „אונדזער בוך", 1926, III; ב״צ גאָלדבערג, „רייזענעסק", „פ. א. ש.", פון 20/XI 1925; id, ib, 1926, 32; id, „טאָג" פון 9/V 1926; א״י גאָלדשמידט, „ווילנער טאָג" פון 11/XII 1928; א. גאָלדשטיין, „דער זינגער פון געטאָ", Разсвѣтъ, 1908; ברוך גלאַזמאַן, „פרייהייט" פון 15/V 1926; ב. גראָבאַרד, „פּראָלעטאַרישער געדאַנק", 1926, IV; ר. גראַנאָווסקי, „אונדזער בוך", 1926, II; י. דאָבּרושין, „ר' דער ליריקער", „עמעס" פון 8/I 1929 און אין „ליט. בלעטער"; א. דמשק, ib, 1928, 59; ש. דרייער, „ווילנער טאָג" פון 10/XII 1928; פאַלק היילפּערין, ib, פון 18/XII 1928; ז. ווייַנפּער, „פעדער", 1926, IV; ב. וולאַדעק, „מאָרגענשטערן", 1907, I; id, „ראָמאַנצייטונג", 1908; א. וועוויאָרקע, „אונזער אברהם ר'", „עמעס" פון 6/I 1929; מ. זילבורג, „ליט. בלעטער", 1926, 112; ש״ד זינגער, „פעדער", 1926, V; ס. זשוקאָווסקי, „פּראָליט", 1928, VIII — IX; ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, „דאָס נייע לעבען", 1909, VI; מ״י חאַימאָוויטש, „פ. א. ש.", 1926, 33; ד. טשאַרני, „ליטעראַרישע בלעטער" 1926, 111,

אין 1928, 50 ; משה טייטש, „די נייע וועלט", 1910, id, אין „פרייהייט" ; ס. טשעסטער, „פעדער", 1927, I — II ; ש. יאַנאָווסקי, „פ. אַ. ש.", 1908 ; יהואש, „ליטעראַרישע בלעטער", 1926, 118 ; נחום יוד, „טאָג" פון 15/V 1926 ; מיכאל יאָ, „פרימאָרגן" פון 27/VI 1926 ; א. כאַשין, „דער פשטן", אין „עמעס" פון 6/I 1929 ; משה כץ, ib ; חיים ליבערמאַן, „אברהם ר' דער מייסטער דערציילער", „ליטעראַרישע סילועטן", ז' 63 — 75 ; א. ליטוואַק (וועגן ר' און שלום אש), „פאָלקסצייטונג", 1925, 162, און „וועקער" פון 3/X 1925 ; משה ליטוואַקאָוו, איבערדרוק אין דער כרעסטאָמאַטיע פון נ. אויסלענדער א"אַ; נ. ב. לינדער, „טאָג" פון 15/V 1926 ; מ. לעאָנטיעף, „צוקונפט" ; דער לעבעדיקער, „ווילנער טאָג", אָנהייב 1925 (איבערדרוק פון „פ. אַ. ש.") ; אבא לעוו, „ר'ס אומלעגאַלע לידער", „עמעס" פון 8/I 1929 ; ד. מאַניעוויטש, „פרייהייט" פון 4/I 1927 ; י. מאַר, „צוקונפט", 1926, VI ; פ. מאַרקיש, „ליט. בלעטער" 1926, 111 ; ד"ר א. מוקדוני, „דער גרויסער בעל־רחמים", „פ.א.ש.", 1925, 32; ב. מיכאַלעוויטש, „דער נאָענטער, דער האַרציקער", „פאָלקסצייטונג", 1926, 119 ; נ. מינקאָוו, „אין זיך", 1920, VI ; ל. מלאך, „די פרעסע" פון 29/XII 1927 ; ש. מענדעלסאָן, „פאָלקסצייטונג", 1926, 84 ; משה נאַדיר, „מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט", ז' 30 — 40, 193 — 198 ; ה"ד נאָמבערג, „הצפירה", 1904 ; id, „מאָמענט" פון 23/VII 1926 ; י. נוסינאָוו, „א. ר' און די יידישע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור", „עמעס" אָנהייב 1929 ; ש. ניגער, „קנייטשען", „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטען", 1908, III ; id, צו דער ערשיינונג פון דער 6טער אויפלאַגע פון ר'ס „געזאַמעלטע לידער", „פריינד" 1909 ; id, „טאָג" פון 15/V 1926, און „ליטעראַרישע בלעטער", 111 ; י"מ ניימאַן, „היינט" פון 19/XII 1928 ; מ"ב סירקין, אין ЕЭ, XIII ; ז. סעגאַלאָוויטש, „היינט", אָנהייב 1925 ; יואל ענטין, „צוקונפט", 1909 ; ד"ר מ. עהרענפרייז, „השלח", י"ב ; שכנא עפשטיין, „פרייהייט" פון 21/V 1926 ; id, „האמער", 1926, IV ; יעקב פאַט, „יוגנט־וועקער", 1926, 7 ; דוד פינסקי, „יידישער אַרבעטער", 1926, 9 ; י"ל פרץ, אַלע ווערק, ב' XVI, ז' 76—80, ניט פאַרענדיקט ; א"מ פוקס, „ליטעראַרישע בלעטער", 111 ; פייטעלסאָן, „הזמן"; י. פיכמאַן, „די יודישע מוזע" ; ד"ר פרומין, Восходъ; א. פרידקין, „ווילנער טאָג" פון 12/XII 1928 ; הלל צייטלין, „הזמן", 1905 ; צינבערג, Восходъ, 1903 ; אב' קאַהאַן, „פאָרווערטס", 1902 (די ערשטע אָפּשאַצונג פון ר' דעם דערציילער), 1907—8, 1912, 1917 ; id, „בעלי־מחשבות וועגן „א. ר'", ib, 28/X—11/XI 1928 ; ח"ש קאַזדאַן, „ר'ס ווערק פאַר קינדער", אין Вѣстникъ Опе, 1916, ז' 12—27 ; ד"ר א. קאַראַלניק, Welt, 1903 (?) ; id, „דאָס בוך פון וואָרצלען" ז' 85—95 ; מ. קיטאַי, „פרימאָרגן", 1926, 71 ; לעאָ קעניג, „צייט", 1928 ; לעאָ קעסנער, „ר', בערגעלסאָן און די פאַרשווענדונג פון קינסטלערישער ענערגיע", „אונדזער בוך", 1926, III ; חיים קרול, „פאַרן פאָלק", 1927, 23 ; מלך ראַוויטש, „ליטעראַרישע בלעטער", 111 ; id, „פאָלקסצייטונג", דעצעמבער 1928 ; י"ח ראַבניצקי (בקי), „יודישע פאַמיליע", 1902 ; יונה ראָזענפעלד, „ר' אלס מענש", „פ. א. ש.", 1926, 33 ; ב. ריווקין, „אין אַן עקספּעדיציע נאָך א. ר'ן", „פעדער", 1926, VII, X, XI ; id, „פינף דורות יידישע פאָעטן אין איין קאַפּע", ib, X—XI ; id, „ווי ס. טשעסטער און ר' האָבן זיך איינגעטיילט מיט קאַידאַנאָוו", ib, 1928, I — III ; „א. ר' ניט ווייניגער פּאָעט אין ערצעהלונגען ווי אין זיינע לידער", „אידישע וועלט" פון 18/VII 1926 ; שרה רייזען, „פנקס", 1913 ; יעקב שטיינבערג, „רשומות" ; נח שטיינבערג, „פעדער", 1921 ; ס. ב. שנייפּאַל, „אברהם ר'ס נאָוועלען / אַ קריטישער איבערבליק", „צוקונפט" 1908, VIII ; ישראל שטערן, „ביכער־וועלט", 1929, I.

רייזען קלמן (שבת הגדול 1848 — ה' תמוז 1921) געב' אין קאַידענאָוו, מינסקער גוב'. זיין פאָטער משה, אַ נגיד אין שטעטל, וואָס האָט געהאַנדלט מיט טאַבאַק, אייזנוואַרג און דזיעגעכץ, איז אַפילו ניט געווען קיין גרויסער למדן, אָבער אַ ייד אַ צדיק און אַ תמים, וואָס האָט יומם־ולילה, סיי אין



דער קראָם סיי אין בית־מדרש, זיך ניט אָפּגעריסן פון די מוסר־ספרים און פון תהילים. די מוטער, שולקע, האָט גע־

שטאַמט פון זייער אַ יחוסדיקער משפחה, צו וועלכער עס האָבן אגב געהערט דער גרויסער לאָדזער רב ר׳ אליהו־חיים מייזעל, די באַוואוסטע יידישע געלערנטע די ברידער ניקאָלאַי און אָסיפ באַקסט, ווי אויך דער באַרימטער קינסטלער לעוו באַקסט. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג ביי די בעסטע מלמדים פון שטעטל, האָט ער זיך פון קינדווייז אויף אויסגעצייכנט מיט זיינע זעלטענע פעיִקייטן און אויסערגעוויינלעכן זכרון, אַליין זיך אויסגעלערנט דייטש פון מענדעלסאָנס ביאור און איז געוואָרן אַ בקי אין דער דייטשער קלאַסישער ליטעראַטור, געקענט ריקערטן, געטען, שילערן, צשאָקען שיר ניט אויף אויסווייניק, פונקט ווי דעם תנך, ביי דעם לערער פון דער רוסישער פאָלקסשול באַקומען די ערשטע ידיעות אין רוסיש און איז אויך געוואָרן אַ פלייסיקער לעזער פון דער רוסישער ליטעראַטור, פון דער העברעיִשער איז שוין אָפגערעדט. דאָס אַרייַנלאָזן זיך אין טרייף־פּסלען פון דעם יונגן קלמן ר׳ האָט פאַרשאַפט גרויס צער זיינע פרומע עלטערן און אים אין שטעטל געשאַפן דעם נאָמען פון אַן אַפיקורס, גלייכצייטיק אָבער האָט ער אויך געשמט פאַר דעם בעסטן העברעער אין שטעטל. נאָך דער חתונה זיך פאַרנומען מיט תבואה־האַנדל, האָט ער אָבער אויך ניט פאַרנאַכלעסיקט זיינע גייסטיקע אינטערעסן, אויף וויפיל דאָס איז געווען מעגלעך אין אַ ליטוויש שטעטל מיט אַ יאָר 40 — 50 צוריק, געהאַט אַ לעבעדיקן אינטערעס צו ליטעראַטור, באַזונדערס זיך באַגייסטערט פון דער ראַדיקאַלער און סאָציאַליסטישער שטרעמונג אירער און לאַנג ניט געקענט פאַרגעסן יהל״לס „כשרון המעשה“. ער האָט אַליין אויך געשריבן שירים צוערשט אין העברעיִש און דאַן אויך אין יידיש און סוף די 80ער יאָרן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַפריינדעט מיט יכנה״זן, אויך אָפגעדרוקט אייניקע פעליעטאָנען אין „המליץ“ א״פ יק״ר, פון וועלכע עס האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיין שאַרפקייט און בייסיקייט דער פעליעטאָן „משפטים“. נאָך דעם טויט פון זיין פרוי האָט ער באַקומען אַ שטעלע צוצושטעלן עסנוואַרג די אַרבעטער, וואָס האָבן געבויט אַן אייזנבאַן ערגעץ אין פּאָדאָליע, און האָט אַ געוויסע צייט געוואוינט אין וויניצע און שפּעטער אויך אין זשיטאָמיר. אין 1893 האָט ער אָפּגעדרוקט אַן אויסוואַל פון זיינע העברעיִשע לידער א״ט „יונה המיה... קבצת שירים אשר שר קלמן רויזין המכנה „בהמליץ י״ק״ר / חלק ראשון“ (באַרדיטשעוו, תרנ״ד, ז׳ 32) און אַרומגעפאָרן דערמיט אויפן שטייגער פון די אַמאָליקע מחברים, באַזוכט צ״אַ קיעוו, וואַרשע, געווען ביי פּרצן, דאַן געלעבט דאָס רוב אין מינסק, וואו געהאַנדלט מיט פלאַקס, פון צייט צו צייט אויך אָנגענומען אַ שטעלע אַלס לערער אויף אַ קאָנדיציע, די יאָרן 1910 — 14 געוואוינט אין וואַרשע, די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין מינסק צוזאַמען מיט זיין טאָכטער שרה ר׳. — זיינע ערשטע שירים און סקיצן אין יידיש זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די אויסגאַבן פון זיין זון, אברהם רייזען, ווי „דאָס צוואַנציגסטע יאָרהונדערט“ (אַ פאַבל „פאָטער און זון“) א״אַ. שפּעטער האָט ער פון צייט צו צייט געדרוקט לידער, פעליעטאָנען און סקיצן אין „וועג“, „יידישעס וואָכענבלאַט“ אאַז״וו. ניט קוקנדיק אויף דער פרימיטיווער און פאַרעלטערטער פאָרם פון

זיינע לידער, צייכענען זיי זיך אויס מיט זייער לירישער שטימונג און טיילמאָל מיט דעם שטילן הומאָר, וואָס מאַכן אים נאָענט צו זיין באַרימטן זון אברהם ר׳. פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון זיין פּאָעטישער באַגאַבונג איז כּדאַי צו פאַרצייכענען, אַז אים געהערט דאָס פּאָפּולער געוואָרענע ליד „המבדיל בין קודש לחול״, וואָס אברהם ר׳ האָט על־פּי טעות אַריינגעגעבן אַלס פאָלקסליד אין דער זאַמלונג פון גינזבורג־מאַרעק. אַ זאַמלונג פון זיינע העברעישע און יידישע לידער ווערט צוגעגרייט צום אַרויסגעבן. ער האָט אויך איבערגעזעצט אייניקע לידער אויף העברעיש פון שילער, פּושקין א״אַ און אויף יידיש—מענדעלע מוכר ספרימס „האבות והבנים״ (ניט געדרוקט געוואָרן). ניט פאַרעפנטלעכט און פאַרלוירן געגאַנגען איז זיינע אַ גרויסע פּאָעמע אויפן טויט פון י״ל גאָרדאָן. אין די נעקראָלאָגן אין דער סאָוועטישער יידישער פּרעסע איז קלמן ר׳ כאַראַקטעריזירט געוואָרן בזה הלשון: „ק׳ ר׳ איז געווען אַ אינטערעסאַנטע און באַגאַבטע פּערזענלעכקייט מיט פיינע מידות און איידעלע כאַראַקטער־שטריכן. אַ גאַנץ לעבן האָט ער זיך געריסן צו עטוואָס דערהויבנס און שענערס פון דער פּשוטער וואָכעדיקער אַלטעגלעכקייט, שטענדיק געפירט אַ קאַמף מיט די אַלטע צעפוילטע באַגריפן פון „קליין מענטשעלע״ און איז אין אַלע צייטן העכער געשטאַנען פון דער באַלעבאַטישער גרויער סביבה פון קליין שטעטל. — ק׳ ר׳ האָט דורכגעמאַכט אַלע עטאַפּן פון דער יידישער משכּילישער אינטעליגענץ אין בעסערן זין פון וואָרט, ער האָט אָבער באַצייטנס אָפּגעטרייסלט פון זיך איר פאַרפוילטן שימל און אָפּגעגרענעצטקייט. ער האָט געלעבט צוזאַמען מיט די ברייטע יידישע מאַסן, איינאיינעם געליטן און געשטרעבט צו אַ בעסערער ליכטיקער צוקונפט פאַר דער האָרעפּאַשנער מענטשהייט״. און יכנה״ז אין זיינע זכרונות שילדערט ק׳ ר׳ן פון זיין קאָידענאָווער צייט אַזוי: „אַ מענטש עטוואָס איבער די מיטל־יאָרן, מיטלמעסיק געוואוקס, גייט ניט רייך געקליידט, נאָר ריין, זויבער, ווי דער דין פון אַ תלמיד־חכם, וואָס עס טאָר זיך ניט געפינען אַ פלעק אויפן בגד, אַ פרייליכע ליבלעכע מינע, אויגן פון אַ חכם, אַ שטערן פון אַ גרויסן רב. רויכערט אַ ציגאַר״.

אברהם רייזען, „עפּיזאָדן פון מיין לעבן״; יכנה״ז, „אַ קאַפּיטל זכרונות וועגן קלמן רייזין״, אין „אונדזער בוך״, 1927, V, ז׳ 435—438; id, „אַ בריוו צו אברהם רייזען״, אין „פרייהייט״, 1927; ז., „דער פאָטער פון אברהם רייזען״, אין ליטעראַרישע בלעטער״, 1926, 111.

רייזען שרה (אַרום חנוכּה 1885 — דערצויגן ביז אַ יאָר צען) אין שטעטל קאָידענאָוו, האָט זי ביי אַ רביצין געלערנט עברי און „הויכטייטש״, ביי דער מוטער — לייענען די סדרה, ביים פאָטער, קלמן ר׳, און ביים שטעטלשן לערער באַקומען די ערשטע ידיעות אין דער רוסישער שפּראַך.

נאָך דער מוטערס טויט האָט זי אַ יאָר צייט געלעבט מיטן פאָטער און די יינגערע ברידער אין ווילניצע, שפּעטער אַריבערגעפאָרן צו דער עלטערער שוועסטער אין מאָהילנע, וואו זי האָט באַזוכט די רוסיש־קירכלעכע פאָלקסשול פון

דעם קליינעם שטעטעלע, אין דער שול באַקומען די ערשטע אויסצייכענונגען, צו 14 יאָר געקומען קיין מינסק, עטלעכע וואָכן געווען אַן אָנגעשטעלטע אין אַ קראָם, דאַן אַ פּאָר יאָר געאַרבעט אַלס שניידערין, גלייכצייטיק זיך אָפּגעגעבן מיט בילדונג, ביז זי האָט אינגאַנצן געוואָרפן די שניידעריי און, ציענדיק די שווערע חיונה פון רוסישע לעקציעס, אַלס עקסטערן דורכגעמאַכט דעם גימנאַזיאַלן עקזאַמען אין מינסק. פאַרקערנדיק אין דעם יידיש־ליטעראַרישן קרייז פון מינסק (רחל ברכות, יוליוס וואָלין, דוד קאַסעל, מיט וועלכן זי האָט 1904 חתונה געהאַט אין אָטוואָצק), האָט זי איר ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין רוסיש מיט אַ סקיצע Ночью, פאַרעפנטלעכט 1902 אין דער מינסקער רוסישער צייטונג, און מיט אַן איבערזעצונג פון פּרצעס „פיר אבנים־טובות", די ערשטע זאַך אין יידיש — אַן איבערזעצונג פון וו. דאָראָשעוויטש — אָפּגעדרוקט אין „דעם יודישען וואָרט" פון איר ברודער אברהם ר'. נאָך דער גרינדונג פון דעם פ"ג „קולטור" אין מינסק האָט זי צ"אַ איבערגעזעצט וו. גאָגאָלס דערציילונג „דער שינעל", וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די פירער פון דעם פ"ג, לײדער אָבער איז צוליב די געשעענישן אין רוסלאַנד און צוליב דער ליקווידיראַציע פון דעם פ"ג די דאָזיקע איבערזעצונג עד־היום ניט ערשינען. שפּעטער האָט זי אויך אָנגעהויבן צו שרייבן אָריגינעלע סקיצן, מעשהלעך און לידער, וואָס זי האָט זינט דאַן פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע צייטונגען, ווי „די פאָלקסצייטונג", „דער וועג", „ראָמאַן־צייטונג", „דער שטראַהל", „נייע וועלט", „דער פריינד", „היינט", ווי אויך אין די אויסגאַבן פון אברהם רייזען, ווי „אײראָפּעאישע ליטעראַטור", „דאָס נייע לאַנד" א"אַ. ביים אויסבראָך פון דער מלחמה האָט זי פאַרלאָזן וואַרשע, וואו זי האָט געוואוינט זינט 1908, און האָט זיך ווידער באַזעצט אין מינסק, געאַרבעט אין די געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן צו באַזאָרגן די אַרמיי, ווי „זעמסקי סאָיוז" א"אַ, געווען אַ לערערין אין די יידישע פאָלקסשולן (1916—21), גלייכצייטיק געווען טעטיק אין דראַמאַטישע קרייזן, פאַרפאַסט און איבערגעזעצט אַ ריי דראַמאַטישע ווערק, וועלכע אַליין אויפגעפירט, און אויך אויפגעטרעטן אַלס שוישפּילערין אין אייניקע פּיעסן פון יעקב גאָרדין, שלום אַש א"אַ. געדרוקט אויך לידער און דערציילונגען, צ"אַ א"פ שרה קלמנס, אין דער מינסקער יידישער פּרעסע. נאָכן פאָטערס טויט אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע, וואו זי וואוינט עד־היום, באַטייליקנדיק זיך מיט לידער, דערציילונגען און רעצענזיעס אין דעם ווילנער „טאָג", וואַרשעווער „אונזער עקספּרעס", לאָנדאָנער „צייט", ריגער „פרימאָרגן", נ"י'ער „פאָרווערטס", „צוקונפט", א"אַ און אַרבעטנדיק אַלס איבערזעצערין פאַר דעם פ"ג פון ב. קלעצקין, אין וועלכן עס זיינען ביזאַהער ערשינען אירע פאָלגנדיקע איבערזעצונגען: „אירלענדישע פאָלקס־מעשהלאַך" — פון ס. מאַקמאַנוס (ווילנע, 1922, ז' 157, אילוסטרירט), „פאָטערס און קינדער" — ראָמאַן פון איוואַן טורגעניעוו, (2טער ט'—1922; 1 ט' איבערגעזעצט פון בעל־מחשבות), „דובראָווסקי" — פון אַלעקסאַנדער פּושקין (1923, ז' 102), „דער גובערנאַטאָר" — פון לעאָניד אַנדרעיעוו (1923, ז' 85; צוערשט געדרוקט אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג", 1906); „אַעליטאַ" — ראָמאַן פון אַלעקסעי טאָלסטאָי (1923, ז' 235),

„אונטער דער הערשאַפט פון די קאַליפן" — היסטאָרישער ראָמאַן פון ס. אָרלאָווסקאַ (1925, ז' 360), „די היים און די וועלט" — ראָמאַן פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָר (1929, ז' XX+298 ביאָגראַפישע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם גרויסן אינדישן דיכטער — פון אַווגוסטאַ ראָזענבערג) א"אַ. פון אירע אַנדערע איבערזעצונגען איז צו פאַרצייכענען: „דער יונגער קעניג" — פאַריידישט פון אָסקאַר ווייַלד (אין זמ"ב „די וועלט", 1908, I), „ראָבינזאָן" — לויט דער דייטשער באַאַרבעטונג קאַמפּעס פון דעם באַרימטן ראָמאַן פון דאַניעל דעפאָ (פ"ג „ביכער פאַר אַלע", וואַרשע, 1910, ז' 158, אילוסטרירט; אויסגעהאַלטן אַ ריי אויפלאַגעס און אַדאַנק דעם לייכטן פאָלקסטימלעכן סטיל באַנוצט געוואָרן אין יידישע שולן אַלס טעקסטבוך); „דער פאַטאַלער טעות" — פון דזשעק לאָנדאָן (אין דער „אילוסטרירטער וואָך" פון א. גראַפּמאַן), קלענערע דערציילונגען פון קאַטול מענדעס, איינציקע לידער פון פושקין, קאָלצאָוו, קאָזלאָוו א"אַ. ניט פאַרעפנטלעכט זיינען אירע איבערזעצונגען: „דער גרויסער שמואל" — פון סאָפיע בעלאַיאַ, „דער ריידנדיקער שטומער" – קאָמעדיע, „זעקס פערזאָן זוכן אַ מחבר" — פון פיראַנדעללאָ און אַ ריי איינאַקטערס. עס איז אויך צו פאַרצייכענען איר אַרבעט אויף דעם געביט פון דער יידישער קינדער-ליטעראַטור, אויף וועלכן זי האָט פאַרעפנטלעכט אייניקע אָריגינעלע און באַאַרבעטע דערציילונגען, מעשהלעך און לידלעך — אין זמ"ב „אין פרייע מינוטען" (פ"ג „קולטור", וואַרשע, 1913 — „אַסאַר-חדון" און „דער בעל-תשובה" פון ל. נ. טאָלסטאָי), אין די „גרינינקע בוימעלעך" — 1914, אין אַ באַזונדער אויסגאַבע „פאַר די קליינע קינדערס וועגן" (פ"ג ש. שרעבערק, ווילנע, 1918, ז' 32), פאַר דעם אָדעסער פ"ג „בלימלעך" (קאַריקס מעשהלעך), פאַר דעם פ"ג פון י. לידסקי („דאָס רויטע בלימעל" – פון ס. ק. אַקסאַקאָוו) א"אַנד. אַ זאַמלונג פון אירע ערשטע סקיצן, מעשהלעך און איינאַקטער איז אַרויס א"ט „חלום און וואָהר" (פ"ג „פראָגרעס", וואַרשע, 191., ז' 120); די ערשטע זאַמלונג פון אירע „לידער" איז אַרויסגעגעבן פון פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווילנע (1924, ז' 128). — אַ ריין לירישע דיכטערין, האָט שרה ר' איר השפעה פון אברהם רייזען אַליין דערקלערט אין איר ווידמונג צו אים (אין דעם בוך „לידער"): „עס קלינגט אין מיין לידל / פיל טענער, ווי דיינע; / נאָר גלייב מיר, מיין ברודער, / זיי זיינען דאָך מיינע. / זיי זיינען געבוירן / פון אייגענע ליידן, / נאָר ס'האָט דאָך איין מאַמע / געזויגן אונז ביידן". — „... שרה ר'ס לידער זיינען נאָך אַ טריט ווייטער אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער פרויען-פּאָעזיע... זיי זיינען שטילע ניט-אַנטוויקלטע פּאָעמעס, ווי שטיל און פּראָסט איז איר שפּראַך, בילדערישקייט און פּאָעטישע פאַרגלייכן. עס קויפט אָבער אונטער די אוממיטלבאַרקייט פון אויסגעדריקטן געפיל..." (ע. קאָרמאַן). טייל פון אירע לידער זיינען אויף מאָטיוון פון פרייהייטסקאַמפּף, פון מלחמה, פון דעם יידישן טראַדיציאָנעלן לעבנסשטייגער (למשל, אירע פּאָעמען „ווילנע", „שבת" א"אַ). גרייט צו צום דרוק אַ גרעסערן באַנד לידער.

פרץ וויערניק, אין „מאָרגען זשורנאַל", 1925; אברהם זאַק, „אין מאָמענט"; ל. בלומענפעלד, אין Journal de Paris; מ. באַסין, אַנטאָלאָגיע; ע. קאָרמאַן, אַנטאָלאָגיע, LXI—LIX; אברהם רייזען, „בלעטער פון מיין לעבן".

רייזפעדער יעקב (18/IX 1890 —) געב' אין וואַרשע אין אַ חסידישער פאַמיליע. געלערנט אין חדר, בית־מדרש און ישיבות. צו 18 יאָר אָנגעהויבן צו שרייבן, האָט ער דעביוטירט מיט טאָגבילדלעך און פעליעטאָנען אין דער וואַרשעווער טעגלעכע פרעסע, שפּעטער אויך געשריבן סקיצן און נאָוועלן, זיך באַטייליקט אין „אונזער לעבען", „מאָמענט", „היינט", פון וועלכער צייטונג 1911—15 געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, דערהויפּט אַלס פּאַרפאַסער פון פעליעטאָנדלעך א"ר ר' יאַנקעלע, א איד א"אַ, אויך אין אייניקע זמ"ה און זשורנאַלן, ווי „אין שווערע צייטען", „העפטען", „רינגען" II א"אַ. 1923 אַוועק קיין אַרגענטינע, וואו זיך באַטייליקט מיט דערציילונגען, לידער אאַז"וו אין די אַרטיקע יידישע אויסגאַבן, דערהויפּט אין „דער פּרעסע" און „פּאַר קליין און גרויס". שפּעטער צוריקגעקומען קיין וואַרשע, דרוקט פון צייט צו צייט זיינע בילדער און דערציילונגען אין „אונזער עקספּרעס".— פון זיינע אַרבעטן זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „דאָס לעבן פון חתם־סופר" — אין וועלכן בוך אגב אויך אויסגעניצט מינדלעכע לעגענדעס (פ"ג א. גיטלין, 1918, מיט אַ פאָררעדע פון הלל צייטלין); „פּאַרצייטענס" — חסידישע און פאָלקסטימלעכע דערציילונגען (פ"ג ברידער לעווין־עפּשטיין, וואַרשע, 1921, ז' 149); „שטאַפּלען" — לידער און אַ גרעסערע פּאָעמע „דער טאַנץ" (פ"ג „אונזער בוך", וואַרשע, 1923, ז' 90), אַ סעריע קינדער־מעשהלעך אָריגינעלע („די קינדער פון קעלערשטוב", „דער אורח", „צוויי סוחרים", „צוויי שוועסטערלעך", „דער בריליאַנטענער פרינץ", „דאָס יונגעלע און זיין סאַמאָוואַרעל" (פ"ג „יונגע הערצעלעך", וואַרשע, 1920; אייניקע פון זיי זיינען אויך אַרויס אין העברעישער איבערזעצונג) און איבערגעזעצט („אונזער קליאַטשע"— פון מאַריע קאָנאָפּניצקאַ — פ"ג „אונזער בוך", וואַרשע, 1922, ז' 16, „אוּאַב גריזליס ביאָגראַפיע" — פון טאָמפּסאָן סעטאָן, „שנייווייסעלע"—פון ברידער גרים, „דער קאַליף באָטשאַן", „דער קאַרליק מוק"—פון ווילהעלם הויף).

רייטמאַן הירש (י' אדר 1808 — 10/I 1866) געב' אין טאַרנאָפּאָל, מזרח־גאַליציע. אין די 40ער יאָרן איז ר' געווען אייבערלערער אין דער יוסף־פּערל־שול אין טאַרנאָפּאָל,

פון 1854 ביז זיין טויט איז ער געווען דירעקטאָר פון דער יידישער שול אין בראָד. ניט קוקנדיק אויף דעם דאָזיקן באַרוף זיינעם, וואָס איז געווען דאָס רוב פאַרבונדן מיט פאַראַכטונג צו יידיש און מיט באַוואוסטזיניקער אַסימילאַציע, האָט ר' אַלס אויסנאַם צווישן זיינע בני־הדור, די יידישע אינטעליגענטן פון גאַליציע, זיך אָפּגעגעבן אין דער פרייער צייט מיט שרייבן יידישע לידער און פּאָעמען. באַזונדערס איז פּאָפּולער געווען זיין פּאָעמע „דער קיטל", וואָס איז אומגעגאַנגען אין כּתב־יד צווישן דער בראָדער אינטעליגענץ נאָך איידער זי איז געדרוקט געווען; אַ סך האָבן זי געקענט אויף אויסווייניק. לידער האָט דער דיכטער, וואָס האָט, ווי אַ סך טאַלענטן, געהאַט פאַרלאָפן דעם וועג פאַר זיין דור, אויסער דעם דאָזיקן בראָדער קרייז ניט געפונען דעם אָפּקלאַנג, וואָס ער איז ווערט געווען. פון דער פּאָעמע איז אָפּגעדרוקט געווען

נאָר דער ערשטער טייל (דרוק פ. בענדינער, ווין, 1863, ז' 48, פון זיי די ז' 41—46 אַ גלאָסאַר פון די פּרעמדע, דאָס רוב סלאַווישע, ווערטער), דער סוף איז געבליבן אין מאַנוסקריפּט און איז אומגעקומען בעת דער גרויסער בראַנדער שרפה פון 1867 און אַ סברא, אַז אַ סכום געדרוקטע עקזעמפּלאַרן זיינען דאַן אויך פאַרברענט געוואָרן, אַזוי אַז די פּאָעמע איז איצט דאָס גרעסטע יקר־המציאות (צ"אַ געפינען זיך עקזעמפּלאַרן פון איר אין דער ווינער קהילה־ביבליאָטעק, אין דער פראַנקפורטער שטאָטישער ביבליאָטעק, אין דער ביבליאָטעק פון דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין נ"י). „דער קיטעל" לענט זיך אָן אין זיין פאָרם אויף שיללערס „ליד פון דער גלאָקקע", און ד"ר אַלפרעד לאַנדוי, דער ערשטער, וואָס האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם דאָזיקן פאַרגעסענעם יידישן דיכטער פון דער השכלה־צייט, האַלט עס פאַר דער „צייטיקסטער פּרוכט פון דער יידישער ליבשאַפט צו פרידריך שיללערן", אויך פאַר דער פולקומסטער שאַפונג פון דער יידישער השכלה־ליטעראַטור. פאַר אַן אויסגאַנגספּונקט צו מאָלן דעם מענטשנס לעבן איז ביי ר'ן גענומען, אָנשטאָט שיללערס גלאָק־גיסער, די נייטאָרין, וואָס ביים נייען דעם קיטל פירט זי אַרויס פאַר אירע לערנמיידלעך דאָס יידישע לעבן אין זיינע וויכטיקסטע מאָמענטן, וואו דער קיטל שפּילט אַ ראָלע. „מיר זעען די חתונה, דעם טויט, דעם סדר, די שבועה, דעם יום־כיפור, מיר זעען דעם בעל־תפילה ביים עמוד... דער שיר האָט אויפגעהיט דעם ריין יידישן כאַראַקטער. דער דיכטער האָט זוכה געווען צו דערגרייכן שיללערס פלי מיט די מיטלען פון דער יידישער טאָגטעגלעכער שפּראַך און צוצוגעבן דעם ווערק אַ דרייִיקע ווערדע: אי ס'איז אַ פּאָעטיש קונסטווערק, אי ס'איז אַ געטריי און האַרצעדיק געמעל פון יידישן לעבן, אי ס'איז אַ מוסטער פון מזרח־גאַליצישן דיאַלעקט" (לאַנדוי).— אויך ר'ס לירישע לידער, פון וועלכע אייניקע האָבן זיך אויפגעהיט אין כתב־יד ביי י"ד זילבערבוש, איז צו דערקענען זיין באַדייטנדע דיכטערישע באַגאַבונג; איינס פון זיי, „דאָס גרינגע געמיט", איז אַ עלעגיע אויף די פאַרשוואונדענע קינדער־יאָרן; אַ צווייטס „דער ייד" — באַקלאָגט דעם גלות; אַ דריטס איז אַ קלאָגליד פון אַ אָפּגענאַרט מיידל, אין עכטן פאָלקסטאָן. — מענדל נייגרעשל, וועלכער האָט די דאָזיקע דריי לידער אויפגעזוכט ביי זילבערבושן, טיילט אונז מיט זיין השערה, אַז דאָס וואָס ר' איז אַזוי אומפּאָפּולער געווען אין ברייִטערע קרייזן, אַז אַפילו די עלטערע גאַליצישע שרייבער ווייסן פון אים לחלוטין ניט, דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין ר'ס צייטן האָט אין גאַליציע געקענט זיין פּאָפּולער אַ דיכטער, וועמעס לידער מ'האָט געזונגען, אין ר'ס צייטן זיינען אין גאַליציע געווען נאָר זינגער־דיכטער, און אַזאַ שרייבער־דיכטער ווי ר' איז דערפאַר געבליבן באַקאַנט נאָר אין אַ ענגן קרייז. די משכילים האָבן פון אים אָבער יאָ געוואוסט, עס דערמאָנען אים צעדערבוים, ברודעס, גאָטלאָבער א"אַ.

ד"ר אלפרעד לאַנדוי, אין דער „יידישער פילאָלאָגיע", 1924, ז' 211—212.

רייטצער אברהם — פאַרפאַסער פון אַ ריי שונד־ביכלעך אין יידיש מיט דייטשע אותיות, ווי: Gut Schabbes / Eine Sammlung von Lozelech / Schmonzes und Maisses für „unsere Leut"; Rebbach / Rituelle Scherze, Lozelech, Maisses und koschere „Schmonzes für unsere Leut", Scholem alechem / E Wa-

gon feiner, rescher, saftiger Lozelech, Schmonzes takef pickfeiner Schmüs für unsere Leut; Masel-tow / Nix für Kinder; Gut Jontev / Rituelle Scherze und Koschere Schmonzes für unsere Leut (יאָזעף דײַבלערס פאַרלאַג, ווין-לײפּציג, אַרום 1910).

זע מודעה אויף דער לעצטער זײט פון עד׳ נאַשערס Buch des jüdischen Jargons.

רײך איגנאַץ — געװען פּרעזעס פון דער עקזעקוטיװע פון די איזראַעליטיש-אונגאַרישע „שומר-הדת"-געמײנדעס אין בודאַפּעשט און אין משך פון לאַנגע יאָרן אַרויסגעגעבן זײערן אַ װאָכנבלאַט (אין יידיש-דײטש?) „שבת אחים" (אין 1880 — 12טער יאָרגאַנג). ניט צונויפמישן אים מיט איגנאַץ (אײַזיק) רײך (1821—1887), דעם פּעדאַגאָג און שריפטשטעלער, דעם קעמפער פאַר יידישער רעפאָרם און מאַדיאַריזאַציע אין אונגאַרן, דעם ערשטן, װאָס האָט אײַנגעפירט צו לערנען תנך אויף אונגאַריש אָנשטאָט אויף יידיש.

מ. ד. ליפּפּא, אסף המזכיר, ז״ז 389 און 667.

רײך יעקב (31/X 1894 —)

פּס״נ פון ישראל-יעקב זאַרעצקי. געב׳ אין יעלסק, מינסקער גוב. געלערנט העברעיש און רוסיש. סוף 1907 געקומען קײן אַמעריקע, װאו באַזוכט פאָלקסשול, מיטלשול און קאַלעדזש. אָנגעהויבן צו שרײַבן אין ענגליש, זיך באַטײליקט אין טרײד-יוניאָניסטישע אויסגאַבן. לעצטנס אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרװערטס", װאו ער איז רעפּאָרטער פון דער טרײד-יוניאָניסטישער באַװעגונג.

רײך לעאָן (11/VII 1879 —)

געב׳ אין דראָהאָביטש, מזרח-גאַליציע, אַלס זון פון יצחק ר׳, אַ גרויסן סוחר און פאַבריקאַנט. באַזוכט די פּוילישע פאָלקס-שול און גימנאַזיע, פון דריטן קלאַס אויסגעשלאָסן געװאָרן פאַר גרינדן אַ פאַראײן „ציון", אין צװײ יאָר אַרום אָנגעקומען אין 7טן קלאַס פון דער סאַמבאָרער גימנאַזיע, דערנאָך שטודירט יוריספּרודענץ אין לעמבערגער אוניװערסיטעט, גענומען אַן אַקטיװן אָנטײל אין ציוניזירן דאָס יידיש-אַקאַדעמישע



לעבן, געװען פאָרזיצער פון אַקאַדעמישן פאַראײן „אָגניסקאָ" און דערנאָך — פון „ריגאָראָזאַנטנפאַראײן", אָרגאַניזירט גרויסע אַקאַדעמישע פאַרזאַמלונגען אין אוניװערסיטעט פאַר דער אָנערקענונג פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, געװען גרינדער פון אַ רײ א״ג טאָנבינהאַלעס פאַר פּאָפּולערע לעקציעס, פאָרלעזונגען, פאָלקס-אָװנטן אאַז״װ אין לעמבערג, דראָהאָביטש א״אַ שטעט, מיטגליד פון ציוניסטישן צענטראַל-קאָמיטעט פאַר גאַליציע, אין משך פון 4 יאָר רעדאַקטירט דאָס ציוניסטישע װאָכנבלאַט Wschód, נאָכן באַקומען דעם טיטל ד״ר באַזוכט א״י, צװײ יאָר געלעבט אין פּאַריז, װאו שטודירט פּאָליטיק אין דער „שול פאַר פּאָליטישע װיסנשאַפטן", געשריבן אַרטיקלען אין דער Welt, צ״אַ אַן אָפּהאַנדלונג „הערצל און לאַסאַל", געװען קאָרעספּאָנדענט פון דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון די יונג-טערקן אין פּאַריז Le jeune Turc, רעדאַקטירט אַ פּויליש-יידישן Almanach Żydowski, נאָכן באַקומען דעם „דיפּלאָם פון פּאָליטישע װיסנשאַפטן" זיך באַזעצט אין לעמבערג, װאו פּראַקטיצירט אַלס אַדװאָקאַט, אַלס װיצע-פאָרזיצער פון ציוניס-

טישן צ״ק אין לעמבערג, 1912 קאַנדידירט צום עסטרייכישן פאַרלעמענט אָבער אין דער שטיכוואַל באַזיגט געוואָרן פון דעם איצטיקן פוילישן מיניסטער מאָראַטשעווסקי, די וועלט־מלחמה דורכגעמאַכט אַלס סאָלדאַט און דערנאָך אַלס אָפיציר ביים קריגסגעריכט אין גראַץ און אין לעמבערג, וואו אַלס פאָרזיצער פון יידישן נאַציאָנאַלראַט אינטערווענירט בשעת דעם לעמבערגער פאָגראָם און דערפאַר דעצעמבער 1918 אַרעסטירט געוואָרן אַלס ערבניק אין דער מלחמה צווישן די פאָליאַקן און אוקראַינער, אַדאַנק דער אינטערווענץ פון ווייצמאַן און סאָקאָלאָוו ביי דער ענגלישער רעגירונג באַפרייט געוואָרן צו באַטייליקן זיך אין דעם „קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס ביי דער שלום־קאָנפערענץ" אין פאַריז, פון וועלכן אויסגעוויילט געוואָרן אַלס וויצעפאָרזיצער און פאָרזיצער פון דער פרעסעקאָמיסיע, רעדאַקטירט דאָס בוך La question des minorités nationales en Europe Orientale, געשריבן וועגן די פראָבלעמען פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, דערהויפט אין דער — דעמאָלט נאָך ס״ד׳ישער Humanité, אין אַ יאָר אַרום זיך צוריקגעקערט קיין לעמבערג, וואו ער איז זינט דאַן פרעזידענט פון ציוניסטישן צ״ק פאַר מזרח־גאַליציע, אויך מיטגליד פון אַקציאָנסקאָמיטעט אין משך פון די לעצטע 15 יאָר. זינט 1922 דעפוטאַט פון פוילישן סיים, האָט ער אַלס פירער פון דער אָפאָרטוניסטישער מערהייט אין דעם „יידישן קאָלאָ" באַזיגט זיין קעגנער אין „קאָלאָ" יצחק גרינבוים און איז געוואָרן פאָרזיצער פון „קאָלאָ", זומער 1925 געשלאָסן דעם אָפמאַך וועגן אַ יידיש־פוילישער פאַרשטענדיקונג־די פאַרנאַנטסע „אוגאָדע"— מיט די מיטגלידער פון דער רעאַקציאָנערער גראַבסקי־רעגירונג גראַף סקשינסקי און סטאַניסלאַוו גראַבסקי (זע טהאָן יהושוע), אַן אַקט וועלכער האָט בשעתו אַרויסגערופן די גרעסטע אויפרעגונג ביי די ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג און האָט באַטייט אַ פאַקטישן אָפזאָג פון דעם קאַמף פאַר די יידישע נאַציאָנאַלע רעכט אין פוילן. דער דורכפאַל פון דער „אוגאָדע" האָט געבראַכט דערצו, אַז ר׳ האָט סוף־כל־סוף געמוזט פאַרלאָזן זיין פאָרזיצעראַמט אין „קאָלאָ" (אָנשטאָט אים איז אויסגעוויילט געוואָרן א. האַרטגלאַס, און אין דעם שטאַרק פאַרקלענערטן „יידישן קאָלאָ" פון דעם 1928 געוויילטן סיים — יצחק גרינבוים). עטלעכע מאָל זיך באַטייליקט אַלס דעלעגאַט אין די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן פון דער אינטערפאַרלאַמענטאַרישער אוניאָן אין דער שווייץ, אַמעריקע, קאַנאַדע, פראַנקרייך און אין פאַרשיידענע יידישע צוזאַמענפאָרן; אויפן 15טן ציוניסטישן קאָנגרעס אויסגעוויילט געוועזן אַלס וויצעפאָרזיצער פון קאָנגרעס. איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון די פויליש־יידישע צייטונגען Chwila אין לעמבערג, Nówy Dziennik אין קראָקע און פון די יידישע „מאָמענט" און „מאָרגען זשורנאַל". האָט זיך פון צייט צו צייט אויך באַטייליקט אין פאַרשיידענע אַנדערע יידישע אָרגאַנען אויף יידיש, פויליש, דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש, וועלכע שפראַכן ער באַהערשט אין ריידן און שרייבן. ערב די וואַלן צום דריטן סיים 1927 געפרוווט אַרויסגעבן אַ גרויס פויליש טאָגבלאַט אין וואַרשע Dziennik Warszawski, אָבער די צייטונג האָט קיין מאַטעריעלן ערפאָלג ניט געהאַט, ניט קענענדיק קאָנקורירן מיט דעם עלטערן

פּאָלאָניזאַטאָריש • יידישן טאָגבלאַט אין וואַרשע, און האָט זיך פאַרמאַכט מיט אַ אומגעהייער גרויסן דעפיציט. פון זיינע אַרבעטן זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: Die Wiederaufrichtung Polens und die Juden (1916). Żydowska delegacja pokojowa w Paryżu / סילועטן פון יידישע כלל=טוער (פ״ג פון דער בוכהאַנדלונג „שמע ישראל״, לעמבערג, 1921).

רייכאַרט מאיר — רב אין קאָלטאָ, אונגאַרן, מחבר פון „דבר בעתו״ — אַ דרשה אויף שבועות אין יידיש=דייטש (פרעסבורג, 1882).

רייכענהויז מ. — פאַרפאַסער פון אַ ביכל „דרייא נייע בעריהמטע ליעדער / 1) מן המצר / 2) אדם וחוה / 3) דער מערדער=רוצח״ (דרוק פון ר׳ שאול=חנניה דייטשער, פּאָדגאָזשע, 1890, ז׳ 24). בשעת ווען די ערשטע צוויי לידער זיינען מיטלמעסיקע בדחנישע גראַמען, צייכנט זיך „דאָס ליעד פון מערדער אָדער דער רוצח״ אויס אַלס מוסטער פון עכטער פּאָעזיע, בדחניש אָבער פאָלקסטימלעך אין טאָן און דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן לירישן געפיל.

רייכער א״ב — פאַרפאַסער פון אַ ביכל „דיא יתומים / מיט נאָך דריי לידער... א) דיא תוכחה... ב) דער מלמד... ג) דער רוביל״ (אַרויס גיגעבין פון א״ב ע״ר (א. ב. רייכער), (דרוק י״ל מץ, 1877, ז׳ 64).

ש. ווינער, רשימה.

רייכערסאָן צבי=הירש הכהן (26/X 1857 — 19/XII 1892) געב׳ אין ווילנע אין אַ משפחה פון דורות לומדים און משכילים. צו 7 יאָר שוין געלערנט גמרא, האָט ער אַדאַנק זיין פאָטער, דעם באַוואוסטן מדקדק און דעם איבערזעצער פון קרילאָווס משלים אויף העברעיִש, משה ר׳, באַזוכט די ראַבינערשול, וועלכע ער האָט געענדיקט צו 18 יאָר. ייִנגלווייז איז ר׳ געווען באַפריינדעט מיט הירש לעווענסאָן, אד״ם הכהנס זון, און אברהם קאַהאַן, און טאַקע אונטער זיין ווירקונג האָבן זיי אָנגעהויבן צו לייענען העברעיִשע ביכלעך; צו יענער צייט האָט ר׳ אָנגעהויבן צו איבערזעצן קרילאָווס פאַבלען אויף יידיש פונקט ווי זיין פאָטער האָט עס געטאָן אויף העברעיִש, און צוגעצויגן צו דער אַרבעט אויך קאַהאַנען, אָבער דער אַלטער ר׳ האָט זיך אַריינגעמישט און ניט דערלאָזט, אַז זיין זון זאָל זיך אין זיין ווערק באַנוצן מיט פרעמדער הילף. 1881 האָט ער איבערגעזעצט פון העברעיִש אויף רוסיש גרינוואַלדס Арифметическій циферблатъ און פרידמאַנס „מצבת מרים״, לכבוד דער קרוינונג פון אַלעקסאַנדער III פאַרעפנטלעכט אַ פּאַטריאָטישן אַרטיקל אין אַ רוסישער צייטונג, פאַר וועלכן באַקומען אַ דאַנקבריוו פון דעם נייעם צאַר, 1882 פאַרעפנטלעכט אין גורלאַנדס העברעיִש=רוסישן „לוח ישראל״ VI, פט״ב, אַ זאַמלונג משלים און שפּריכווערטער פון דער תלמודישער און רוסישער ליטעראַטור א״ט „משלי חכמים ומלין דרבנן אשר בפי ישראל ובפי הרוססים בד בבד נשתנו״. 1884 חתונה געהאַט מיט אַן אָרעם מיידל, וועלכע האָט מיט איר שאַרפן גייסט און פעסטן כאַראַקטער באַזיגט די געבילדעטע טעכטער פון רייכע באַלעבאַטים, וואָס האָבן אים געוואָלט נעמען פאַר אַן איידעם, האָט ר׳ זיך באַזעצט אין סמאָרגאָן, אין דעם דאָזיקן יידישן צענטער פון

דער לעדער-אינדוסטריע האָט ער געהאָט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען נעענטער מיט דעם לעבן פון די יידישע אַרבעטער, און ער האָט אין די ווילנער רוסישע צייטונגען פאַרעפנטלעכט דערציילונגען און סקיצן, „וואָס האָבן — לויט זיין ביאָגראַף, דעם זון זיינעם נחמיה — בייגעטראָגן צו דער דערציִונג פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן געהאָלפן צעמענטירן דעם בונד פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט". פאַרנעמענדיק זיך צוליב חיונה מיט לערעריי, האָט ר' אָנגענומען נאָר אַ באַגרענעצטע צאָל רייכע תלמידים, סיי מחמת זיין שוואַכן געזונט, סיי צוליב דעם, ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט מער זיך אָפּצוגעבן מיט אונטערריכטן אָן געצאָלט אָרעמע תלמידים, „וואָרעם ער האָט געהאַלטן, אַז קינדער פון המון זיינען מער געטריי און צוגעבונדן צום פאָלק, ווען זיי דערוואַרבן זיך זייער בילדונג". אַדאַנק זיין בילדונג חשוב אויך אין די העכערע קרייזן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין סמאָרגאָן, האָט ר' אויסגענוצט זיין איינפלוס צו לינדערן דעם שווערן יאָך פון דער אָרטיקער מאַכט איבער די אונטערטעניקע יידן, האָט זיי געמוסרט פאַר זייער פחדנות, געשריבן פאַר זיי ביטשריפטן אאַז"וו. אין די שבתים און יום-טובים איז זיין גרעסטער פאַרגעניגן געווען צו דאַווענען אין פּאַליש פון קלויז צוזאַמען מיט די אָרעמעלייט, בעטלערס, הינקעדיקע און בלינדע, „צו לאָזן זיי פילן, אַז זיי דאַרפן ביי זיך ניט זיין אַראָפּגעפאַלן..." ר' האָט שווער געליטן פון זיין שוואַכן געזונט און געלעבט אין אָרעמקייט. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער אָפּט געווען צוגעבונדן צו זיין קראַנקבעט צוליב אַ כראָנישער קראַנקהייט, וואָס האָט פאַרצערט זיין קערפּער. זיין פרוי, וועלכע האָט נאָך פאַר דער חתונה געוואוסט, אַז איר מאַן וועט לאַנג ניט לעבן, האָט פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט געאַרבעט אַלס פאַרוקנמאַכערין צו דערנערן דאָס הויזגעזינד און צו לינדערן די שמערצן פון איר מאַן. אויך אויפן קראַנקנבעט האָט ר' ניט אויפגעהערט צו לערנען פון דער גרויסער ביבליאָטעק, וואָס ער האָט פאַרמעגט. נאָך אים זיינען איבערגעבליבן אַ סך כתבים אין העברעיִש, יידיש און רוסיש, בתוכם די יידישע איבערזעצונג פון די פאַבלען פון לאַפאָנטען (פון פראַנצויזיש) און פון כעמניצער, אָבער בשעת דער וועלט-מלחמה איז ר'ס עזבון פאַרלוירן געגאַנגען און ס'איז אויך אומגעקומען זיין אומגליקלעכער טויבשטומער זון יוסף-דוד. — זיין הויפּטווערק איז די איבערזעצונג פון אַלע קרילאָווס משלים אויף יידיש, וואָס איז אַרויס אין בוכפאָרם צו זיין 20יעריקן עלטער און האָט אַרויסגערופן אַ גאַנץ וואַרעמע רעצענזיע פון ש"ע אין זיין „יודישער ביבליאָטעק" אַלס די בעסטע פון אַלע יידישע קרילאָוו-איבערזעצונגען פון יענער צייט.

ד. ב. גרויס, אין „המליץ" פון 18/XII 1892, 281; אב. קאַהאַן, „בלעטער פון מיין לעבן", II; פּריוואַטע מיטטיילונגען פון ר'ס זון נחמיה.

רײנגאָלד יצחק (אַרום 1878— 21/X 1903) פס"נ פון **י. תאומים** (טומים). געב' אין רוסלאַנד (?), וואו ער האָט באַקומען די ערשטע דערציִונג אין חדר, איז ער יונג, אומגעפער צו 15 יאָר, געקומען קיין אַמעריקע און געאַרבעט אין די שוויצשעפּער פון שיקאַגאָ אַלס אָפּרייטאָר (שטעפּער), ביז ער האָט באַקומען דערפון שווינדזוכט, געשפּיִט מיט בלוט און צען יאָר געליטן פון דער קראַנקהייט, וועלכע האָט אים סוף-כל-סוף געבראַכט צום קבר. ער האָט

זיין גאַנץ לעבן געשטרעבט צו קענען זיך אָפּגעבן בלויז מיט פּאָעזיע, אָבער אַ מטופל מיט אַ פאַמיליע פון 5 קינדער (פון וועלכע דאָס עלטסטע איז בשעת זיין טויט אַלט

געווען 10 יאָר), האָט ער געמוזט אַרבעטן ביז זיינע לעצטע טעג. עטלעכע מאָל האָט ער געפּרוּווט זיך אַרויסרייסן פון שוויצשאַפּ, געעפנט אַ קראָם אָדער עפּעס אַן אַנדער געשעפט, נאָר אים האָט קיינמאָל ניט געגליקט און ער פלעגט מוזן צוריקגיין צו דער שניידער=מאַשין. — ר׳ האָט פאַרפאַסט פיל לידער, אויך קופּלעטן צו יידישע טעאַטערשטיק און יידישע טעקסטן צו פאַרשיידענע ענגלישע פאָלקסמעלאָדיעס. הגם קיין אָריגינעלן דיכטער=טאַלענט האָט ער ניט אַרויסגעוויזן, אָבער ער איז געווען אַ פּרעכטיקער נאָכמאַכער פון ענגלישע פאָלקסגעזאַנגען, וועלכע האָבן געקלונגען ביי אים אין יידיש נאָך שענער ווי אין אָריגינאַל — לויט דער באַהויפּטונג פון זיינע נעקראָלאָג=שרייבער, וואָס רופן אים אָן „דער גרעסטער דיכטער פון דער וועסט” און אַנדערע הויכע טיטלען. ער האָט אויך געשריבן פּאַראָדיעס אויף פּאָפּולערע לידער פון גאָלדפאַדען, צונזער א״אַ. זיינע לידער זיינען געווען שטאַרק פּאָפּולער און פלעגן בשעתו געזונגען ווערן אין די יידישע טעאַטערס און קאָנצערט=זאַלן, אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די פאַרשיידענע יידיש=אַמעריקאַנישע צייטשריפטן פון יענער צייט, ווי אויך אין באַזונדערע אויסגאַבן, פון וועלכע עס זיינען באַקאַנט: „דער וועלטזינגער / פּרעכטיקע פאָלקסלידער” (שיקאַגאָ, 1894), „אַ בינטעל בלומען / פאָלקס=געדיכטע” (שיקאַגאָ, 1985), „מאַשינדלאַך” (פ״ג „היברו פּאָבלישינג קאָ.”, נ״י). אַ טאָג פאַר זיין טויט האָט ער אויפגעשריבן אַ טעאַטער=ליד „איך האָב קיין צייט” און זי איינגעזונגען מיט יידישע אַקטיאָרן; געקומען פון טעאַטער נאָך האַלבער נאַכט, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיין פריינד, דעם דיכטער בן=ישי (דוד גרינבערג), געלאָזט אים ליגן אויפן טיש, כדי איגדערפרי אים אָפּ:ושיקן; פאַרטאָג האָט ער באַקומען אַ האַרצשלאַג און געשטאָרבן. ר׳ איז געווען אַ נאָבעלע פּערזענלעכקייט, „די ערלעכקייט אַליין”, פעסט געשטאַנען פאַר זיינע פּרינציפּן און ווען ער האָט, אַ יאָר פאַר זיין טויט, באַזוכט נ״י, האָט ער געמאַכט דעם בעסטן איינדרוק אין די יידישע שריפטשטעלערישע קרייזן, וואו מ׳האָט לכתחילה געהאַט געלייגט אויף אים האָפענונגען אַלס אויף אַ קומענדיקן גרויסן יידישן דיכטער.

ל. ווינער, YL, ז׳ 120, 374; נעקראָלאָגן אין דער יידיש - אַמעריקאַנישער פּרעסע, לויט דער מיטטיילונג פון ק. מרמר.

ריינגאָלד לואים (20/XI 1875 —) געב׳ אין טשעכאַנאָוו, פּוילן.

זיין זיידע פון פאָטערס צד, לאַזאַר אָזשאַראָוו, איז דערשאָסן געוואָרן בשעת דעם פּוילישן אויפשטאַנד פון 1863 אין איינעם פון אַלעקסאַנדער דעם IIנס גיטער לעבן פּרושניץ. געלערנט אין חדר און אויך ביי אַ לערער—רוסיש און פּויליש, 1890 געקומען מיט די עלטערן קיין ניו=יאָרק, וואו באַזוכט אַ פאָלקסשול, זיך באַטייליקט אין דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג, געדרוקט סקיצן פון אַרבעטער=לעבן אין דער „פאָלקס=צייטונג” א״ר פון ב. פייגענבוים, אויך מיטגעאַרבעט אין י. י. פרידמאַנס „הויזפריינד”, אַ

קורצע צייט געפירט די אָפּטיילונג פון
אַרבעטער=לעבן אין „פאָרווערטס“, 1908
רעדאַקטירט דאָס יידישע טאָגבלאַט אין
סט.=לואיס „דער פאָרשטעהער“, נאָכן
אונטערגאַנג פון דער צייטונג מיטגעאַר=
בעט אין דער שיקאַגער „אַרבייטער
וועלט“, וואו פאַרעפנטלעכט 2 גרעסערע
דערציילונגען — „סודות פון אַ פענסיל“ און
„סודות פון אַ מטבע“. די לעצטע יאָרן
געווען געהילפסרעדאַקטאָר פון אַ שיקאַ=
גער וואָכנבלאַט „דער אידישער רעקאָרד“.
געשריבן פאַרן יידישן טעאַטער פיעסן,
פון וועלכע אייניקע זיינען אויפגעפירט
געוואָרן, ווי „הירשל לעקערט“ (1903),
„דער יידישער וועלט=חורבן“, „די יידן
אין אוקראַינע“, „דאָס מלחמה=קינד“,
„אַ גרוס פון דער היים“ — אַ לעבנסבילד אין
4 אַ׳ (אויפגעפירט אין בראָנזווילער זיל=
בערט=טעאַטער סוף 1924) א״אַ.

ריינהאַרט מאָריס (VII/ 1872 —) אַדאָפּטירטער נאָמען פון **משה=דוד אָפּענהיים**. געב׳ אין
ווישטינעץ, סוואַלקער געגנט, אַלס זון
פון ירחמיאל=שלמה אָ׳, אַ מוסמך לרבנות
און אַ משכיל. געלערנט אין סוואַלקער
ישיבה און ביים פאָטער, וועלטלעכע
בילדונג באַקומען אין דער סוואַלקער
גימנאַזיע, אין די 80ער יאָרן געקומען
קיין אַמעריקע, געווען אַ מיטגליד פון
דער עקסטרעמער אַנאַרכיסטישער גרופּע
„ריטער דער פרייהייט“. זיין ליטעראַ=
רישע טעטיקייט אין יידיש אָנגעהויבן 1898
אין פילאַדעלפיע אין דער צייטונג „דאָס
ליכט“, אַרויסגעגעבן פון ד״ר נ. מאָזע=
סאָן, שפּעטער געווען אַ מיטאַרבעטער
פון די נ״יער „יידישע גאַזעטטען“ און
„יידישען טאַגעבלאַט“, אין משך פון יאָרן
געווען פאַרוואַלטונגס=רעדאַקטאָר פון
„טעגליכען יידישען קוריער“ אין שיקאַ=
גאָ, פון צייט צו צייט געשריבן אין
דער שיקאַגער פרעסע איבער יידישע
ענינים, 1899 רעדאַקטירט אַ צייטונג
„שיקאַגער אידישער כראָניקעל“, וועלכע
האָט עקסיסטירט בלויז אַ קורצע צייט.
געשריבן אַרטיקלען, סקיצן און קריטישע
איבערבליקן א״פ מר בר רב אשי, דוד
טעלסאָן, יהודי נצחי, בודד פעסימיס=
טוס, געשריבן פאַר די „יידישע גאַזעט=
טען“ און „יידישען טאַגעבלאַט“ אָריגי=
נעלע ראָמאַנען און אַ היבשע צאָל באַ=
אַרבעט פון ענגליש, דייטש און העב=
רעיש. פון זיינע באַאַרבעטונגען זיינען
אויך אַרויס אין בוכפאָרם בולוואָרד
ליטאָנס „אַ וועלט אונטער דר׳ערד“ (שיקאַ=
גאָ, 1895, שפּעטער איבערגעדרוקט —
א״ט „אַ וועלט אונטער דר׳ערד אָדער /
דער צוקינפטיגער דור / אַ שילדערונג
ווי אַזוי די וועלט וועט זיך פיהרען
לויט דעם נייעם אָרדענונג“ — פון פ״ג
„פּראָגרעס“, וואַרשע, 1906, ז׳ 113),
„אויף דעם לייטער פון הצלחה“ —
ביאָגראַפיעס פון גרויסע אַמעריקאַנער
אינדוסטריעלער, ווי אַסטאָר, וואַנדער=
בילט, טיפעני, רויטש, מאָרטאַן, מאָר=
גאַן, דיפּיו, סטיואַרט, אַרמור, קלאַפּ=
לין, ראָבערטס, פולמאַן, פיעלד (פ״ג
שרהזאָן און זון, שיקאַגאָ און נ״י,
1895, ז׳ 58 יאָרנלאַנג פּראַקטיצירט אַלס
ד״ר מעדיצין אין שיקאַגע, לעצטנס אין
לאָס=אַנדזשעלעס, וואו ער איז אויך
טעטיק אין פאַרשיידענע יידישע גע=
זעלשאַפטלעכע הייל=אַנשטאַלטן. — זיין
פרוי איז די שוישפּילערין מאַדאַם ר׳.

ריינוויין אברהם (1887 —) געב׳ אין מעזריטש, שעדלעצער געגנט.
געלערנט אין חדר און אין דער סלאָ=
באָדקער ישיבה „כנסת ישראל“, גלייכ=
צייטיק אויך באַקומען אַלגעמיינע בילדונג.
שפּעטער געווען טעטיק אין דער ס״ס=

פאַרטיי, האָט ער 1907 געמוזט פאַרלאָזן רוסלאַנד, אַ יאָר צייט פאַרבראַכט אין לאָנדאָן, דאַן אָפּגעפאָרן קיין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, באַזוכט דעם עקאָנאָמישן פאַקולטעט פון טאָראָנטער אוניווערסיטעט.—זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ר׳ אָנגעהויבן אין די

רוסישע ס״ס-אָרגאַנען און אין יידיש — אין די פאַרשיידענע אויסגאַבן פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן-טעריטאָריאַליסטן און דער יידישער אַרבעטער-פאַרטיי ס״ל״פּ. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער פּרעסע אין קאַנאַדע האָט ער אָנגעהויבן צו נעמען אַ אָנטייל אין איר, און ווען אין טאָראָנטאָ איז 1913 געגרינדעט געוואָרן די טעגלעכע צייטונג „דער אידישער זשורנאַל", איז ער אַריין אַלס נייס-רעדאַקטאָר און שפּעטער אויך איבערגענומען די שעפרעדאַקציע, וועלכן אַמט ער פאַרנעמט ביז דעם היינטיקן טאָג. ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, אין זמ״ב „קאַנאַדע" פון ל. ראָזענבערג פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע דערציילונג „אין אַ קאַנאַדער שטאָט", אין „דער פעדער" XII—XI ,1920 — אַן אַרטיקל „די רעפאָרמען אין אונזער שפּראַך". פון זיינע אַרבעטן זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „ארץ ישראל אין אידישען לעבען און ליטעראַטור"—וואָס נעמט אַרום דעם א״י-מאָטיוו אין דער יידישער שאַפונג אָנגעהויבן פון תנך און אויסגעלאָזט מיט דער מאָדערנער ליטעראַטור אין יידיש און העברעיש (פ״ג „קאַנאַדאַ", טאָראָנטאָ, 1921, ז׳ 147); „קאַנאַדע איהר געשיכטע און אַנטוויקלונג" (דערז׳ פ״ג, ז׳ 143, מיט אַ מאַפּע); „דער איד אין קאַנאַדע (פון דער פראַנצויזישער פעריאָדע ביז דער מאָדערנער צייט)" (דערז׳ פ״ג, I ב׳, 1925, ז׳ 244, מיט 21 בילדער פון וויכטיקע יידישע פערזענלעכקייטן; ב׳ II, „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון די קאַנאַדער אידען"; 1927, ז׳ 241 — 340); באַזונדערע קאַפּיטלען אין דעם ווערק— די ערשטע געשיכטע פון די יידן אין קאַנאַדע אין בוכפאָרם — באַהאַנדלען „די קולטורעלע טעטיגקייט צווישען די קאַנאַדער אידען"—דערציִונגס-אַנשטאַלטן, יידיש-וועלטלעכע שולן, טעאַטער, ליטעראַריש-דראַמאַטישע פאַראיינען, בוך, ביבליאָטעקן, אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע שפּראַכן ריידן די קאַנאַדער יידן אאַז״וו; „ציוניזם און די אידען-פראַגע" (דערז׳ פ״ג, תרפ״ח, ז׳ 16). גרייט אויך צו אַן אויסגאַבע פון זיין געשיכטע אין ענגליש און פאַרענדיקט אַ ווערק אין יידיש וועגן דער באַציִונג פון די וועלט-באַרימטהייטן צו יידן, אָנהייבנדיק פון די אַלטע רוימער און גריכן און אויסגעלאָזט מיט די גדולים פון דער מאָדערנער צייט. האָט אויך פאַרפאַסט אַ דראַמע „דער אַסימילאַטאָר", וואָס איז מיט ערפאָלג אויפגעפירט געוואָרן אויף דער קאַנאַדער יידישער בינע, און האָט איבערגעזעצט אַ גאַנצע ריי ווערק, צ״אַ יעקב פינגערמאַנס ראָמאַן (פון דייטש) „מענשען אינ׳ם אָפּגרונד", עליאַס טאַבענקינס ראָמאַן (פון ענגליש) „וויטטע דערגרייכט" א״אַ. איז אויך טעטיק אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער, דערהויפּט אויפן געביט פון יידישער קולטור-אַרבעט און אימיגראַציע. 1927 באַזוכט פוילן, אויף זיין צוריקוועגס פון ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל.

רײניטץ שמואל — רב (?) אין פּע־
טערוואַראַר, אונגאַרן, האָט אַרויסגעגעבן
אויף יידיש־דײטש אַ ספר „חק המצות"—
דינים פון ציצית און מזוזות (פּאַקש,
1909).

רײנער יצחק־אײזיק (1885—)
געב' אין פּאַטש פּעטרי, אונגאַרן. ביז
22 יאָר געלערנט אין ישיבות, שפּעטער
געענדיקט זײן שטודיום אַלס דאָקטאָר
פון רעכט. נאָך אַלס בחור פון דער
פּרעסבורגער ישיבה געשריבן אין אונ־
גאַריש פּעליעטאָנען און בילדער פון
יידישן לעבן אין אונגאַרן, 1903 רע־
דאַקטירט אַ יידישע אָרטאָדאָקסישע וואָכנ־
שריפט אין אונגאַריש, האָט געזוכט צו
באַקענען דעם יידישן עולם אין אונגאַרן
מיט די יידישע שריפטשטעלער און אַ
סך איבערגעזעצט פון י. ל. פּרץ,
דרוקנדיק מאנכע זאכן זײנע אויך אין
אַ גרויסער אונגאַרישער טאָגצײטונג, אויך
פון שלום־עליכם, פּרוג, 1919 אַרויסגע־
געבן אין אונגאַריש אַ דראַמע „דינה"
אויף דער טעמע פון „כל ישראל ערבים
זה בזה". האָט אויך פאַרפאַסט אַ פּורים־
שפּיל אין יידיש, וואָס איז אויפגעפירט
געוואָרן אין בודאַפּעשט, אָבער ניט
פאַרעפנטלעכט.

פּריוואַטע מיטטײלונג פון יקותיאל גרינוואלד.

ריכטמאַן משה ד"ר (22/IX 1881
—) געב' אין הומענאָ, אונ־
גאַרן. שטודירט אין בודאַפּעשט און אין
ברעסלער טעאָלאָגישן סעמינאַר, געווען
פּראָפעסאָר אין בודאַפּעשטער יידישן
לערער־סעמינאַר, 1914 — 1919 רעדאַק־
טירט דעם ציוניסטישן אָרגאַן אין בו־
דאַפּעשט Szido Semle, וואו איבערגע־
זעצט אויף אונגאַריש אַ גרויסע צאָל
נאָוועלן פון ש. פּרוג, שלום אַש, שלום־
עליכם, מענדעלע מוכר־ספרים. געשריבן
איבער היסטאָרישע און יידיש־אַראַבישע
טעמען און אַרויסגעגעבן אַ מאָנאָגראַפיע
אין אונגאַריש וועגן ר' יחזקאל לנדא.

ריכטער משה (1/V 1874* —)
געב' אין יאַנאָוו, בײ לעמבערג. דער־
צויגן געוואָרן בײ אַ זיידן אין וואַ־
ריש, געלערנט תלמוד. זײן ליטעראַרישע
טעטיקייט האָט ר' אָנגעהויבן אַלס מיט־
אַרבעטער פון ר"א ברוידעס וואָכנ־
בלאַט „כרמל" — „וועקער", 1895 רע־
דאַקטירט אַ ציוניסטיש וואָכנבלאַט
„העברי" אין לעמבערג, 1904 געווען
אײנער פון די גרינדער און מיטגלידער
פון דער רעדאַקציע פון לעמבערגער
„טאָגבלאַט", גלײכצײטיק רעדאַקטירט
דאָס ציוניסטישע וואָכנבלאַט „די וואַר־
הײט", אַרויסגעגעבן אין לעמבערג פון
ש. אַרנאָלד. 1908 האָט ר' זיך באַזעצט
אין נ"י (ער האָט שוין געהאַט באַזוכט
אַמעריקע 1900 און 1904 און פאַרבראַכט
יעדעס מאָל צו 8 חדשים), זיך באַטײ־
ליקט אין פאַרשײדענע יידיש־אַמעריקאַ־
נישע צײטונגען, דערהויפּט אין „יידישען
טאַגעבלאַט", אין „וואַרהײט", רעדאַק־
טירט אַ וואָכנבלאַט „דאָס פאָלקסבלאַט",
געשריבן אויך אין פּילע צײטונגען פון
גאַליציע. אַ נאָמען האָט ער זיך געמאַכט
אַלס טעאַטער־שרײבער, בשעתו געווען
דער פּאָפּולערסטער יידישער דראַמאַ־
טורג אין גאַליציע. זײן ערשט טעאַטער־
שטיק „חרם דרבנו גרשם" איז אויפגע־
פירט געוואָרן אין לעמבערגער יידישן
טעאַטער 1897 און זינט דאַן האָט ער
פאַרפאַסט אַ גאַנצע רײ פּיעסן פאַר דער
יידישער בינע אין גאַליציע און רומעניע,
אַ געוויסע צײט אַלײן אָנגעפירט אַ טרו־
פּע אין זײן הײמלאַנד. זײן לאַנדסמאַן

*) לויט דער ערשטער אויסגאַבע פון לעק־
סיקאָן — 1873.

מאַקס געביל, דער פירער פון דער יידישער מעלאָדראַמע אין אַמעריקע, וויל האָבן, אַז ר׳ס פיעסן, ווי „צו שפעט", „מאָדערנער איוב", בפרט זיינע קאָמעדיעס „די צוויי שוויגערס" און „די צוויי חתנים", האָבן „דורך אָריגינאַליטעט און פאָלקסטימלעכקייט אַריינגעבראַכט אַ נייעם טאָן אויף דער יידישער בינע". ב. גאָרין רעכנט אויס די פאָלגנדיקע טעאַטערשטיק ר׳ס: „חרם דרבנו גרשם" (1897), „דרייפוס" (1898), „הערצעלע מיוחס" — אויך „טייבעלע" — לעבנסבילד אין 4 אַ׳ מיט עפילאָג און 8 בילדער (1900; פ״ג דוד ראָט, לעמבערג, 1907, ז׳ 57), „משה חייט אַלס געמיינדע=ראַט" — אויך „די אלמנה" — לעבנסבילד (1903; געדרוקט אין לעמבערג, 1907), „שלום בית" — אויך „מענדעלע מאַרטירער" — לעבנסבילד (1904; געדרוקט אין לעמבערג, 1905), „דער אַייזערנער מאַן" (1908), „דער שקלאַפנהענדלער" (1910; אויך ערשינען אין דרוק), „ביים אונטערגאַנג", „ליעבענדע הערצער" (1912; אויך ערשינען אין דרוק), „צו שפעט" — דראַמע (1913; אויך ערשינען אין דרוק), „יוגנט=זינד" — דראַמע (1913), „דער פאַרדאַכט" — דראַמע (1914), „איר ערוואַכונג" (1915), „מלחמה = קרבנות" — צייטבילד (1915), „צוויי שוויגערס" (1916), „אין דער נייער וועלט", אויך „די גרויסע שטאָט" (1916), „דער יידישער שטאָלץ אָדער מאָדערנער איוב" (1917), „די צוויי חתנים" — קאָמעדיע, „אַ פרויס פליכט" (1918), „ווי מענער ליבן" (1919), „אַ כלה צו פאַרקויפן" (1922). זיינע לעצטנס אויפגעפירטע טעאַטערשטיק זיינען: „טרערן פון אַ טאַטן", „צוויי קוזינעס", „אימפּאָרטירטע ווייבל", „דער פריילעכער חתן" — קאָמעדיע (1925), „אַ ווייב פון יענער וועלט", „אין די הויכע פענסטער" — קאָמעדיע = דראַמע (1926), „איך ליב דיך" — קאָמעדיע א״אַ. געדרוקט איז אויך זיין טעאַטערשטיק „כח אהבה און אייפערזוכט".

צום 25יעריקן יובילייָ פון ר׳ס טעאַטער=טעטיקייט — י. שפיגעל, יוליוס גוטמאַן (רעזשיסער און שוישפּילער פון יידישן טעאַטער אין לעמבערג), ד״ר אַנזעלם קליינמאַן, אין „פון וואָך צו וואָך", שבת=אויסגאַבע פון לעמבערגער „טאַגבלאַט", סוף 1922; שלום פערלמוטער, אין דער פילאַדעלפיער „אידישער וועלט" פון 19/I 1923; ב. גאָרין, „געשיכטע פון אידישן טעאַטער", II, ז׳ 149, רשימה.

רינגעל מיכאל (4/I 1880 —)

געב׳ אין באָריסלאַוו, מזרח=גאַליציע, אין אַ רבנישער משפחה, וואָס איז זיך מתיחס מיטן מהר״ם, מיט ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער, דעם ראָפּטשיצער רבי ר׳ נפתלי=צבי האָראָוויץ א״אַ. באַזוכט די גימנאַזיע אין דראָהאָביטש און פון 3טן קלאַס אָן — אין סטרי, דערנאָך שטודירט

אויפן יורידישן פאַקולטעט פון ווינער אוניווערסיטעט, געווען געריכטס = אַפּליקאַנט אין לעמבערג און ווין, פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַט אין סטרי און דראָהאָביטש — דעם צענטער פון דער נאַפט=אינדוסטריע, ווי אויך אין לעמבערג — אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם באַקאַנטן פוילישן פּאַרטיידיקער און פּאָליטיקער, דעם עסטרייכישן דעפּוטאַט ד״ר גרעק. נאָך אַלס יונגער גימנאַזיסט צוגעשטאַנען צו דער ציוניסטישער יוגנט=אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך גרופּירט אַרום דער לעמבערגער צייטשריפט Przyszłośc, איז ער אין ווין געשטאַנען אונטער דער דירעקטער השפעה פון ד״ר טעאָדאָר הערצל, מיטגעאַרבעט אין לעמבערגער ציוניסטישן

אָרגאַן Wschód, 1907 בשעת די ערשטע אַלגעמיינע וואַלן צום עסטרייכישן פּאַרלאַמענט אָנגעפירט די וואַל-אַקציע אין דראָהאָביטשער קרייז קעגן דעם לידער פון דער גאַליצישער אַסימילאַציע דעפּ׳ ד״ר לעווענשטיין, זינט 1908 זיך באַזעצט אין לעמבערג און צוזאַמען מיט ד״ר אַדאָלף שטאַנד אָנגעפירט די ציוניסטישע באַוועגונג אין גאַליציע, 1911 קאַנדידירט צום פּאַרלאַמענט, אָבער צוליב די פאַרבאַנטע גאַליצישע וואַל-שווינדלערייען ניט אויסגעוויילט געוואָרן. דעצעמבער 1918, נאָך דעם לעמבערגער פּאָגראָם אַלס פאָרזיצער פון יידישן נאַציאָנאַלראַט אין לעמבערג אינטערנירט געוואָרן אין דעם שלאָס אין באַראַנאָווע אַלס ערבניק, 1919 באַקומען דערלויבעניש אַרויסצופאָרן קיין פּאַריז, וואו גענומען אַן אָנטייל אין דער קאָנסטיטויִרונג און די באַראַטונגען פון דעם „קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס", שפּעטער צוריקגעקומען קיין לעמבערג, 1922 אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ערשטער פון דער ליסטע אין סענאַט פון די וואָיעוואָדשאַפטן טאַרנאָפּאָל און סטאַניסלע, געווען פאָרזיצער פון דער יורידישער סענאַטס-קאָמיסיע, צ״א רעפערירט אין נאָמען פון דער קאָמיסיע דאָס געזעץ וועגן אַמנעסטיע 1925 אאַז״וו. ר׳ האָט זיך זינט 1905 באַטייליקט אין אַ ריי ציוניסטישע קאָנגרעסן, אין קאַרלסבאַד אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון קאָנגרעס-געריכט, זיך אויך באַטייליקט אין די קאָנגרעסן פון דער אינטערפּאַרלאַמענטאַרישער אוניע, אין דעם צוזאַמענפאָר פון דעם פאַרבאַנד פון די ליגעס פון די „פריינד פון פעלקערבונד", זינט 1911 טעטיק אַלס אַדוואָקאַט און פאַרטיידיקער אין שטראָף-ענינים— אָרגאַניזירט די פאַרטיידיקונג פון סטאַניסלאַוו שטייגער. 1918 האָט ער צוזאַמען מיט עטלעכע פריינד געגרינדעט די ערשטע ציוניסטישע טאָגצייטונג אין פּויליש Nowy Dziennik, אין קראָקע, וועלכע איז געוואָרן אַ מעכטיקער פאַקטאָר פון פּאָלאָניזאַציע און פאַקטישער אַסימילאַציע אין גאַליציע און צוזאַמען מיט דער אַ ביסל שפּעטער געגרינדעטער לעמבערגער Chwila און די נאָכגעקומענע וואַרשעווער Nasz Przegląd — Nasz Kurjer געגעבן אַ גרויסן קלאַפּ דעם יידישן וואָרט אין פּוילן. אַחוץ זיין שטענדיקער מיטאַרבעט אין Nowy Dziennik האָט ער זיך אויך באַטייליקט אין „העולם", Jüd. Rundschau, Wiener Morgenzeitung, Selbstwehr א״אַ. זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין יידיש האָט ער אָנגעהויבן אין לעמבערגער „טאָגבלאַט", וועלכע צייטונג ער האָט רעאָרגאַניזירט און אַ געוויסע צייט אָנגעפירט. נאָכן אונטערגאַנג פון „טאָגבלאַט"—צוליב דעם אונטערשטיצן מצד די ציוניסטן די פּויליש-יידישע פּרעסע אין גאַליציע, האָט ער 1926 געגרינדעט צוזאַמען מיט משה פראָסטיג א״אַ דאָס טאָגבלאַט „דער מאָרגען", פון וועלכן ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער.—ר׳ האָט פאַרעפנטלעכט אייניקע בראָשורן (אין פּויליש?): „די פּוילישע געזעלשאַפט און דער ציוניזם" (1910), „פּוילן און יידן פאַר דער פרידנסקאָנפערענץ" (1917), „דער אַנטיסעמיטיזם און פּוילן" (1923), „אויף דער טריבונע פאַר דעם טריבונאַל" (1928).

רינגעלבלום עמנואל (21/XI 1900—) געב׳ אין ביטשוטש, מזרח-גאַליציע. געלערנט אין אַ פּוילישער מיטלשול אין ביטשוטש, צוליב די מלחמה-געשעענישן אַריבער אין קאָלאָמיי און זיין מיטלע בילדונג געענדיקט אין נייסאַנדז, זינט 1922 שטודירט געשיכטע אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט, 1925 אָפּגעגעבן עקזאַמען אויף לערער פון

אַ מיטלשול, 1927 באַקומען דעם טיטל ד״ר פילאָסאָפיע. 1923 צוזאַמען מיט אייניקע חברים געגרינדעט ביי דער יידישער אַקדעמישער היים אין וואַרשע אַ סעמינאַר פאַר יידישער געשיכטע אונטער דער אָנפירונג פון פראָפ׳ מ. באַלאַבאַן און ד״ר יצחק שיפּער, פאַר זיין ד״ר־דיסערטאַציע „די געשיכטע פון די יידן אין וואַרשע ביזן יאָר 1527״, באַאַרבעט אויפן סמך פון אַרכיוואַלישע מאַטעריאַלן, באַקומען 1926 די פרעמיע „לכבוד דעם 3טן מאַי 1915״ פון דער וואַרשעווער קהילה (די דאָזיקע מאָנאָגראַפיע טיילווייז פאַרעפנטלעכט אין Nowe Życie א״ר פון מ. באַלאַבאַן, אין Wiadomości Krajowe, 1927, 6, 1928, 10 און אין Przegląd Historyczny, יאַנואַר 1928) און אין יידיש — אין דעם זמ״ב „דער יונגער היסטאָריקער״, אַרויסגעגעבן פון דעם דערמאָנטן סעמינאַר פאַר יידישער געשיכטע (פ״ג ב. קלעצקין, 1926), אין „לאַנדוי־בוך״ („אַדנאָטאַציעס און באַמערקונגען אין לשון־קודש און אַלטיידיש אין XV י״ה״), אין „שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק״ פון ייוו״א א״ר פון יעקב לעשצינסקי („קרעדיטאָפּעראַציעס פון וואַרשעווער אידן אין מיטלאַלטער״). לעצטנס געאַרבעט אויפן געביט פון דער געשיכטע פון יידיש־העברעישן בוך אין פוילן (לויט דעם שטייער־שטעמפּל אויף יידישע ביכער) און אויך פון דער אויטאָנאָמיע פון די ליטווישע יידן. האָט איבערגעזעצט אויף יידיש ד״ר י. שיפּערס „ווירטשאַפטס־געשיכטע פון די יידן אין פוילן בעתן מיטלאַלטער״ און 3 קאַפּיטלען פון זיין „קולטור־געשיכטע פון די פוילישע יידן בעתן מיטלאַלטער״. זינט 1918 באַטייליקט אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אין ניי־סאַנדז געגרינדעט אַ שילער־קרייז א״נ בער באָראָכאָוו, 1919 זיך באַטייליקט אין צוזאַמענפאָר פון די מערב־גאַליצישע שילער־אָרגאַניזאַציעס א״נ פון בער באָראָכאָוו אין טאָרנע און אין דעם זעלבן יאָר — אין דעם לאַנד־צוזאַמענפאָר אין וואַרשע, זינט 1920 געאַרבעט אַלס לערער און פאַרוואַלטער פון די אָוונטשולן ביי דער „געזעלשאַפט אָוונטקורסן פאַר אַרבעטער״ אין וואַרשע, פון וועלכער 2 יאָר צייט געווען אויך סעקרעטאַר פון דער הויפּטפאַרוואַלטונג און לעצטנס פאָרזיצער, זינט 1923 געווען לערער פון געשיכטע אין די פאָלקסשולן ביי דער געזעלשאַפט „שול און דערציִונג״, 1927 — 28 — אין די יידישע מיטלשולן אין ווילנע, וואו אויך געאַרבעט פאַר דער היסטאָרישער סעקציע פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַקאַדעמישער באַוועגונג אַלס פאַרטרעטער פון דעם אַקאַדעמישן קרייז „יוגנט״ (לינקע פ״צ) אין דער אַקאַדעמישער לאַנד־צענטראַלע, די לעצטע יאָרן שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם לינקפ״צ׳יסטישן יוגנט־זשורנאַל „דער נייער דור״ (איצט „פרייע יוגנט״), וואו ער פירט די היסטאָרישע־געזעלשאַפטלעכע אָפּטיילונג.

רינדזונסקי ברוך בן משה (אַרום 1800 — אַרום ...187) געב׳ אין זאַסקעוויטש, אָשמענער קרייז, ווילנער געגנט. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, האָט ער צו 19 יאָר חתונה געהאַט קיין ווילנע מיט אַ טאָכטער פון דעם אָנגעזעענעם ווילנער פרנס ר׳ לייב האָראָדנער און 1819 איז ער אָנגעקומען אויפן אַמט פון געהילפס־שרייבער פון ווילנער קהל פאַר אַ געהאַלט פון 3 רובל זילבער אַ וואָך. היות ער האָט נאָך דעמאָלט ניט געקענט, לויט זיין אייגענער

ערקלערונג, ניט קיין „אוקלאַד" ניט קיין „סאָציניע-ע", איז ער צוערשט געווען בלויז קאָפּיסט, דהיינו — פּלעגט מאַכן העתקות אין די ביכער וכדומה, און כותב הקהל איז געווען ר' לייב זעליגמאַן. אַז דער דאָזיקער איז 1821 געשטאָרבן, איז ר' געבליבן ממונה איבער אַלע ענינים פון דער קהלס-קאַנצעלאַריע, האָט פּראַקטיצירט סיי רוסיש סיי פּויליש, לויט באַדאַרף, און אין מערץ 1825 האָט ער זיך געווענדט מיט אַ אולטימאַטיוון בריוו (אין העברעיש) צו קהל, מ'זאָל אים העכערן די שכירות ביז 6 רובל אַ וואָך, וויפיל עס האָט גענומען זיין פאָרגייער זעליגמאַן. אַדאַנק זיין קענען רוסיש (מ'דערציילט, אַז ער האָט אַזוי גוט באַהערשט די דאָזיקע שפּראַך, אַז זיינע אַ בקשה צום קייסער האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט און דער קייסער האָט אים געלאָזט רופן צו זיך, איז ער פאַר שרעק פאַראַליזירט געוואָרן), איז ער געוואָרן אַ שתדלן, אָפּט געפאָרן קיין פּט"ב, אין די שפּעטערע יאָרן געווען אַ ליוועראַנט ביי דער רוסישער רעגירונג, רייך געוואָרן, געהאַט זיין אייגנס אַ גאַנצע שורה הייזער אויף דער איצטיקער מיצקעוויטש-גאַס *), אַ מאַסע פּלעצער, אַן אייגענע (?) דרוקעריי (שפּעטער האָט זי אָפּגעברענט, דערביי איז אומגעקומען ר"ס אַ ברודער), געווען אַ בעל-צדקה, געבויט אַ קלויז אויף זיין נאָמען אאַז"וו, אָבער זיין בן-יחיד האָט דאָס אַלץ פאַרטאַכלעוועט נאָכן פאָטערס טויט, אַזוי ווייט, אַז

*) דער הויף אין ווילנע, וואו עס האָט זיך געפונען דער יידישער לערער-אינסטיטוט (איצט פארנעמען דאָס הויז די לערער-סעמינארן פון דער ציש"אָ און פון „תרבות") איז עד-היום באַקאַנט ביי דער יידישער באַפעלקערונג א"נ „ברוך שרייבערס הויף".

מ'האָט פאַרקויפט פאַר חובות די ספר-תורהס פון דער קלויז. — ר' האָט מיטגעהאָלפן אַ געוויסן ר' משה בן שמעון מחבר זיין דאָס בוך „למוד לשון רוסיא / נעשה לתועלת כלל ישראל ללמדם לשון רוסיא בדרך היותר נקל ובזמן לא כביר, ומסודר באופן הנאות להתלמד, לדעת דבר צחות ולכתוב מישרים. / נעתק ללשון המדובר בעם ונחלק לארבע חלקים" (ווילנע, דרוק זימעל און מאַנעס, 1824, ז' 6+136 „לוח התיקון", גרויסער פאָרמאַט, מיט אַ העברעישער הקדמה). דאָס דאָזיקע לערנבוך, אפשר די ערשטע גראַמאַטיק פון רוסיש אויף יידיש, איז, ווייזט אויס, איבערגעזעצט פון רוסיש און אָפּט ווערטלעך, אַזוי אַז מאַנכמאָל באַקומען זיך קוריאָזן און אומפאַרשטענדלעכקייטן, ווי למשל: ווערטערפירונג словопроизводеніе, אָפּבייטונגס (אָפּ בייטונגש) — פאַרענדערונגען, אָפּגעפירטע (מוחלפות) — производныя, צוזאַמענגעלייגטע (צו זאַמען גילייגטע) — сложныя, אויסגעביטענע (אויש גיביטענע) — измѣняемыя, ניט אויסגעביטענע неизмѣняемыя, דיא גיבורט — родъ, דיא רעכנונג — число, בעשיצענדיגע-притяжательныя, אָפּטראָגענדיגע — относительныя, אומקערענדיגה — возвратительныя (возвратныя) ניט אָפּ טיילינדיגה — неопредѣленныя, טואונג אדער ליידונג (נפעל) אאַז"וו, פּערשוינלעכע—личныя אאַז"וו. דער צווייטער טייל אַנטהאַלט געשפּרעכן (פונאנדער ריידונגש — разговоры), דער דריטער — בריוו און מוסטערן פון בקשות אאַז"וו, דער פערטער — אַ רוסיש-יידיש ווערטערביכל.

ארכיוו-מאטעריאלן פון ווילנער קהל, אנטדעקטע פון פנחס קאָן; פּריוואטע מיטטיילונגען פון ר"ס קרובים אין ווילנע.

ריסקינד אסתּר (אַרום 1880 — 30/VII 1905). געבּ׳ אין ליאַדי, וויטעבּסקער גובּ׳, אין אַ חסידיש-סוחרישער פאַמיליע. צוזאַמען מיט דעם ליאַדיער רבּינס טאָכטער אַריינגעטרעטן אין דעם וויטעבּסקער סאָציאַליסטישן קרייז און זיך מיט לייבּ און לעבּן איבּערגעגעבּן דער בּונדישער בּאַוועגונג. א״פ טאַמאַרע געווען טעטיק אין וואַרשע, געשריבּן זייער שיינע פּאָעטישע אַרטיקלען פאַר דעם אומלעגאַלן „וואַרשעווער אַרבּייטער״. נאָך דער דעמאָנסטראַציע פון 5000 יידישע אַרבּעטער פאַרן „פּאַוויאַק״ — אין וואַרשע, תּשעה-בּאָב 1905, איז זי געוואָרן אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיבּיר, אינגיכן פון דאָרט אַנטלאָפן און געאַרבּעט אין בּיאַליסטאָק, וואו זי איז צוזאַמען מיט גיטל זאַקהיים אומגעקומען פון אַ בּאָמבּע, וואָס אַנאַרכיסטן האָבּן געוואָרפן אין דער פּאָליציי און געטראָפן אין אַרבּעטער.

ב. מיכאַלעוויטש, „זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט״, I, ז׳ 153 — 4.

ריקלים אהרן (1885 —)

געבּ׳ אין זאַסלאַוו, וואָלין, אין אַ אָנגעזעענער רבּנים-פאַמיליע, אַן אוראוראייניקל פון ר׳ פּנחס קאָרעצער. בּאַקומען אַ יידישע דערציונג, האָט ער זיך שפּעטער אָפּגעגעבּן מיט אַלגעמיינע לימודים, אין דער יוגנט געווען אונטער אַ גרויסער השפּעה פון אחד-העם,

בּערדיטשעווסקי, בּרענער, פון די רוסישע קלאַסיקער. אַרום 1905 געקומען קיין וואַרשע, האָט ער דאָרט אָנגעהויבּן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט אַ בּיכל וועגן חסידיזם (פ״ג פון דער פפ״ס „די פּראָלעטאַרישע וועלט״, וואַרשע, 1907). צו יענער צייט האָט ער אויך געשריבּן דערציילונגען, פון וועלכע אייניקע פאַרעפנטלעכט אין ספּעקטאָרס צייטונג „די נייע וועלט״ א״פ א. זאַסלאַווסקי. שפּעטער איז ער אַריין אַלס שטענדיקער מיטאַרבּעטער פון „היינט״, וואו ער האָט אין משך פון אַ סך יאָרן געשריבּן פּובּליציסטישע און קריטישע אַרטיקלען, פּעליעטאָנען אאַז״וו, דערהויפּט א״פ א. ס. ליריק, אויך אַראָנטשיק, א. טיורטשינסקי, א. ר. האָט פון צייט צו צייט אויך געשריבּן אין ציוניסטישן Разсвѣтъ און אין „העולם״. זינט 1920 לעבּט ער אין בּערלין, פון וואַנען ער קאָרעספּאָנדירט אין „היינט״, אין נ״יער „טאָג״, לאָנדאָנער „צייט״ — דערהויפּט פון קולטורעלן און אינטעלעקטועלן לעבּן אין דייטשלאַנד. פון זיינע אַרבּעטן איז אין בּוכפאָרם אַרויס אַ מאָנאָגראַפיע וועגן לעוו טאָלסטאָי (שימינס „וועלט-בּיבּליאָטעק״, 1910). האָט זיך אויך בּאַטייליקט אין דער בּאַאַרבּעטונג פון דער זיבּנבּענדיקער „יידישער געשיכטע״ פון פ״ג ב. שימין.

רעגאַלסקי מ. (15/VI 1885 —) פּס״נ פון **יצחק בּערלין**.

געבּ׳ אין מאָסקווע, אַלס זון פון בּנימין ב׳, וועלכער שטאַמט פון וויטעבּסק. בּאַקומען גימנאַזיאַלע בּילדונג אין וואַרשע, געהערט לעקציעס איבּער פילאָסאָפיע און ליטעראַטור אין בּערלינער אוניווערסיטעט, צוויי יאָר שטודירט אין נ״יער אוניווערסיטעט, זיך ספּעציאַליזירט אין דער אָפּטיילונג פאַר דייטשער ליטעראַטור און צוגעגרייט אַ גרעסערע סעמי-

נאַר=אַרבעט איבער היינריך היינע.—זיין
געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אָנגעהויבן
אַלס אָנהענגער פון הערצלישן ציוניזם,
1903 אונטער דער השפּעה פון יעקב
לעשטשינסקי זיך דערנעענטערט צו דער
גרופּע פון די וואַרשעווער אַרבעטער=
ציוניסטן, באַטייליקט זיך אין די אומלע=
גאַלע קרייזלעך, געלייענט לעקציעס אי=
בער דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג
פאַר יידישע אַרבעטער, 1904 — 5 אַריין
אַלס מיטגליד פון דעם וואַרשעווער קאָ=
מיטעט פון דער ס״ס=פּאַרטיי און א״פ
איסאַק וואַרשאַווסקי אַרויסגעטרעטן אויף
די גרויסע מיטינגען אין וואַרשע און זיך
באַטייליקט אין די פּאַרטיי=אָרגאַנען, גע=
שריבן פּראָקלאַמאַציעס, סוף 1905 געפאָרן
קיין זשיטאָמיר אַלס אָנפירער פון דאָר=
טיקן ס״ס=קאָמיטעט, אַרעסטירט אויף
דער זשיטאָמירער ראַיאָן=קאָנפערענץ, באַ=
פרייט אין 3 חדשים אַרום — געלעבט
1906 — 7 אין קאָוונע, וואו מיטגעאַר=
בעט אין Сѣверо-Западный Телеграфъ,
דערהויפּט אַלס טעאַטער=רעצענזענט. 1909
זיך צוריקגעקערט קיין וואַרשע, געדרוקט
איבערזעצונגען אין א. רייזענס „אייראָפּעאי=
שער ליטעראַטור“, געפירט אַ טעכנישע
אָפּטיילונג אין „פריינד“, דאַן ווידער
אַרעסטירט, נאָך דער באַפרייונג פון
וואַרשעווער תפיסה אַוועק קיין בערלין,
פונוואַנען געשריבן וועגן דעם יידישן
לעבן אין דייטשלאַנד אין Новый Восходъ,
אין ד״ר עליאַשעווס „אידישער שטימע“,
„פריינד“, „היינט“, אין דער פּעטערבור=
גער מאָנאַטשריפט Вѣстникъ Общины
פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט וועגן
דער יידישער קהילה אין דייטשלאַנד.
ביים אויסבראָך פון דער וועלט=מלחמה
פאַרהאַלטן געוואָרן אין קאָנצענטראַציע=
לאַגער, דורך דעם רעדאַקטאָר פון דעם
Grenzbote פאָן קונצאָוו. באַקומען עטלע=

כע מאָל דעם פאָרשלאָג פון אויסלאַנדס=
מיניסטעריום צו ווערן אַ פּרעסע=אַגענט
פאַר דייטשלאַנד, צו שרייבן דעם אויפ=
רוף צו די פּוילישע יידן, אָבער אים
אָפּגעוואָרפן, אַדאַנק דער הילף פון הער=
מאַן שטרוק סוף 1914 פאַרלאָזט דייטש=
לאַנד, אַ קורצע צייט רעדאַקטירט אין
קאָפּענהאַגען אַ קליינע טאָג=צייטונג
„דאָס פאָלק“, דעצעמבער 1914 אַוועק
קיין נ״י, פון צייט צו צייט געשריבן
אַרטיקלען אין פאַרשיידענע אויסגאַבן,
געאַרבעט ביי דער גרינדונג פון „פּיפּלס=
רעליף“, זיך באַטייליקט אין די אַרבע=
טער=צוזאַמענפאָרן פאַר די יידישע מינ=
דערהייטס=רעכט און ארץ=ישראל, נאָך
דער באַלפור=דעקלאַראַציע פיל געאַר=
בעט פאַר דער פאַראייניקונג פון די
סאָציאַליסטן=טעריטאָריאַליסטן מיט די
פ״צ. סוף 1918 אייַנגעלאַדן קיין אַרגענ=
טינע אַלס רעדאַקטאָר פון דעם פ״צ=
וואָכנבלאַט (שפּעטער צווייוואָכנבלאַט)
„די נייע צייט“, נאָך דעם אונטערגאַנג
פון דעם דאָזיקן אָרגאַן — שטענדיקער
מיטאַרבעטער פון דער „יידישער צייטונג“
אין בוענאָס=איירעס. האָט זיך אויך באַ=
טייליקט פון צייט צו אין אַנדערע אויס=
גאַבן, אין חודש=זשורנאַל „אַרגענטינאַ“
I פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן פריץ=
מרדכי קויפמאַן.

רעוזין יעקב (1852 —)
געב׳ אין טשאַוואוס, קיעווער גוב׳. האָט
באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דער=
ציונג, שפּעטער געוואָרן אַ הייסער משכיל,
1880 זיך באַזעצט אין קליין=פערעשטשע=
פּינע, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט
תבואה=האַנדל, דאָרט זיך באַפריינדעט
מיט ישראל=איסר קאַצאָוויטש, וועלכער
האָט געהאַט אויף אים אַ גרויסע השפּעה
און אים אגב אויך מדריך געווען אין
דער טעאָריע פון פערזיפיקאַציע. אין

עלטער פון 40 יאָר אָנגעהויבן צו שרייבן לידער, האָט ר׳ זיי געשיקט צו פרוגן, צו ש״ע, באַקומען אַפילו פון זיי אַ הסכּמה, און ש״ע האָט זיי איבערגעשיקט צו חיים מאַליץ, וועלכער האָט ר׳ס אַ ליד אָפּגעדרוקט אין זיין „פילאַדעלפיער שטאָדט־צייטונג״ 1895. אין דעם אייגענעם יאָר איז ר׳ אַוועק קיין וואַרשע, וואו ער האָט אָפּגעדרוקט אַ זאַמלונג פון זיינע שירים א״ט „די מעלאָדיען פאָן יעקב רעווזין״, אַרומגעפאָרן מיט זיינע ביכלעך איבער די גרעסערע שטעט פון תּחום, אויפגעטרעטן מיט פאָרלעזונגען פון זיינע לידער פאַרן עולם און געקומען אַהיים אַ „קבצן אין צען פאָלעס און פאַרבליבן אַן אָרעמער סוחרל נאָך ערגער פון פריער״ (קאַצאָוויטש). אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג אין אוקראַינע, ווען דעניקינס ווייסע אַרמיי איז באַפאַלן קליין־פּערעשטשעפּינע, האָבן די סאָלדאַטן אים אויסגעטאָן נאַקעט, באַרויבט און געשמיסן און אויסגעהאַקט אַן אויג. און דער האַלב בלינדער אַלטער ר׳ האָט צוזאַמען מיט דער גאַנצער פּאָגראָמירטער יידישער באַפעלקערונג פאַרלאָזט דאָס שטעטל און האָט זיך באַזעצט אין פּאָלטאַווע, וואו ער האָט צוערשט באַקומען ביי דער סאָוועטישער מאַכט אַ שטעלע אַלס נאַכט־וועכטער און דערנאָך אַן אַקאַדעמישן ראַציאָן אַלס דיכטער.

ח. מאַליץ, אין „שטאָדט־צייטונג״, 1895; מ. באַסין, אַנטאָלאָגיע, I; ישראל־איסר קאַצאָוויטש, „60 יאָהר לעבען״; id, אין „צייט״, נ״י, ז׳ 257 — 260.

רעוואוצקי אברהם (12/II 1889 —) געב׳ אין סמילע, קיעווער גוב׳. זיין פאָטער, שמואל, פון אַ לומדיש־רבנישער פאַמיליע אויס אומאַן, איז אין דער יוגנט געווען אַ מיטגליד פון „עם־עולם״, צוויי מאָל געפאָרן קיין אַמעריקע, נאָך דער חתונה מיט אַן אייניקל פון אהרן יאַמפּאָלסקי, באַלד נאָך ר׳ס געבורט זיך באַזעצט אַלס קאָלאָניסט אין רחובות, וואו ר׳ איז דערצויגן געוואָרן ביז 10 יאָר און באַזוכט די העברעישע שול, דאַן זיך צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד און צו 13 יאָר אַריין אין דער גימנאַזיע אין אַקערמאַן, וועלכע געענדיקט 1907,

1908 — 11 שטודירט אין ווילנער פּאָלי־טעכניקום, דערנאָך אַריבער אויף דער מאַטעמאַטישער אָפּטיילונג פון ווינער אוניווערסיטעט, 1916 געענדיקט דעם פיזיקאַליש־מאַטעמאַטישן פאַקולטעט פון אָדעסער אוניווערסיטעט, האָט אויך אַליין פיל שטודירט, דערהויפּט שפּראַכן און עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן. צוערשט אונטער דעם זייער שטאַרקן איינפלוס פון דעם פאָטער און דערנאָך פון ב. באָראָכאָוו, זיין לערער אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז ר׳ 1905 צוגעשטאַנען צו דער פּ״צ־באַוועגונג, געוואָרן איינער פון אירע באַדייטנדסטע טוער, אויך א״פ שלימאָוויטש, זינט 1913 — מיט געוויסע הפסקות — מיטגליד פון „אַלוועלטלעכן פאַרבאַנדסביוראָ״, פיל אַרומגעפאָרן אַלס פּאַרטיי־רעפערענט, פאַר דער וועלט־מלחמה באַזוכט די באַלקאַן־לענדער, דעצעמבער 1917 באַשטימט געוואָרן אַלס זילבערפאַרבס געהילף אין מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים אין אוקראַינע, יאַנואַר 1919 — נאָך דער דעמיסיע פון דעם יידישן מיניסטער וו. לאַצקי־בערטאָלדי — געוואָרן יידישער מיניסטער פון דער אוקראַינישער דירעקטאָריע, בעת איר פּאָרזיצער איז געווען ווינישענקאָ,

פעברואַר 1919 אַרויס אין דעמיסיע, מערץ 1919 פאַרלאָזט רוסלאַנד און סוף יאָר זיך באַזעצט אין א״י, איבערגעלעבט דעם יפוער פאָגראָם מאַי 1921, אין אַ פּאָר חדשים אַרום אַרעסטירט און גע־משפט געוואָרן פאַר אַרויסגעבן אַ בוך קעגן דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע פון א״י, פאַרלאָזט א״י און מערץ 1922 זיך באַזעצט אין בערלין, יאַנואַר 1924 אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער לעבט עד־היום. — זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט האָט ר׳ אָנגעהויבן 1908 אין אָדעסער Южное Обозрѣніе א״ר פון טאַלניקאָוו (פס״נ פון שפּיטאַלניק) און פ. אָרלאָווסקי (פס״נ פון וואַצלאַוו וואָראָווסקי — שפּעטער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין איטאַליע, דערהרגעט אין לאָזאַנע 1923 דורך אַ רוסישן עמיגראַנט) מיט אַן אַרטיקל וועגן דער יונג־טערקישער רעוואָלוציע, אין יידיש דעביוטירט 1909 אין דעם אומלעגאַלן אָרגאַן פון די רוסישע פ״צ „דאָס פרייע וואָרט״, רעדאַקטירט אין ווין און געדרוקט אין לעמבערג, שפּעטער געווען ווינער קאָרעספּאָנדענט פון „מאָמענט״ און Новый Восходъ, 1911 — 12 אין וואַרשע געווען שטענדיקער מיטאַרבעטער פאַר אויסלענדישער פּאָליטיק אין Варшавское Слово, פאַר דער מלחמה געאַרבעט אין דער ווינער Zeit, בשעת דער מלחמה אין Одесскій Листокъ, אחוצדעם זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע אַנדערע יידישע, העברעיִשע, יידיש־רוסישע און דייטשע אויסגאַבן, ווי „דאָס פרייע וואָרט״, 1909, ווילנער „אונזער צייט״, 1911 — 12, „דאָס וואָרט״ און „אונזער וואָרט״, פּט״ב 1914, „מאָמענט״, „הײנט״, „פריינד״, אָדעסער „אונזער לעבן״, 1915 — 17, און „דאָס נייע לעבן״, 1918, קיעווער פּועלי־ציוניסטישן וואָכנבלאַט „דער סאָציאַלדעמאָקראַט״, וועלכן אויך אַליין רעדאַקטירט (1917), בערלינער מאָנאַטשריפט „קאַמף״, 1923 (אויך רעדאַקטאָר), ניו־יאָרקער „צייט״, 1920—22, „גערעכטיקייט״, „פּראָלעטאַרישער שטימע״ אאַז״וו. זינט 1924 אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון ניו־יאָרקער „מאָרגען זשורנאַל״, וואו ער שרייבט דערהויפּט איבער ענינים פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, אויך זשורנאַליסטישע אַרטיקלען א״פ ד״ר שטייפעלד. איז אויך אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער „צוקונפט״, וואו צ״אַ פאַרעפנטלעכט אַ טייל פון זיינע אויספאָרשונגען וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד, וועגן די סאָציאַלע פאָרמען פון דער פּאַלעסטינער קאָלאָניזאַציע, וועגן די פּראָבלעמען פון אַמעריקאַנער סאָציאַליזם, אַן ענטפער פּראָפ׳ ליבמאַן הערשן אויף זיין אַרבעט וועגן די יידישע מעגלעכקייטן אין א״י „פון פּאָליטיק צו סטאַטיסטיק״. פון זיינע אַרבעטן זיינען אין באַזונדערע אויסגאַבן אַרויס: „דער פּאַלעסטינער־אַרבייטער־פאָנד״ (קראָקע, 1910, ז׳ 16); „דער אידישער פּראָלעטאַריאַט און די וועלט־מלחמה״ (פ״ג „דאָס נייע לעבן״, אָדעס, 1918, ז׳ 16); „וואָס פאַרלאַנגען מיר פון די מוניציפּאַליטעטן״ (קיעוו און וואַרשע, ז׳ 16); „די דעמאָקראַטישע יודישע קהילה״ (סטרי, 1919, ז׳ 16); „פון באַלפור ביז סעמיועל״ (פ״ג „אַרבעטער־היים״, וואַרשע, 1922, אין העברעיִש — יפו, 1922); „אין די שווערע טעג אויף אוקראַינע״ („יידישער ליטעראַרישער פ״ג״, בערלין, 1924, ז׳ 320).

„אידישער אַרבעטער־פּנקס״, זוכצעטל.

רעזניק יוחנן־עמנואל — פּאַסטאָר־מיסיאָנער. אַלס פאָרשטייער פון ענגלישע און שווידישע פּראָטעסטאַנטישע געזעלשאַפטן צום פאַרשפּרייטן שמד צווישן

די יידן אין רומעניע (דורך גרינדן אין
בוקאַרעשט און אין יאַס שולן, וואו
הונדערטער יידישע קינדער, בפרט מייד־
לעך, האָבן באַקומען זייער עלעמענטאַרע
בילדונג; דורך אַרויסגעבן פּראָפּאַגאַנדע־
צייטשריפטן אויף יידיש אאַז״וו) געווען
יאָרנלאַנג טעטיק אין יאַס, וואו ער האָט
זינט יולי 1907 אין משך פון אַ ריי יאָרן
רעדאַקטירט דעם פון גוסטאַוו דאַלמאַן
1893 געגרינדעטן מיסיאָנערישן חודש־
זשורנאַל אין יידיש „ברית עם" ביי דער
הויפּטמיטאַרבעטערשאַפט פון פיליפּ גאָר־
דאָן (וועלכער האָט ביז דאַן אַרויסגעגעבן
דעם דאָזיקן, משמעות — פּאָפּולערסטן,
מיסיאָנערישן אָרגאַן אין בודאַפּעשט־ווין
ביי דער הויפּטמיטאַרבעט פון דעם
מיסיאָנער משה לעווען־חנניה בערלינער);
ר׳ס און גאָרדאָנס מאמרים און שירים
פילן כמעט אויס אַלע 3בויגנדיקע חודש־
ביכלעך פון „ברית־עם". אונטער זיין
פס״ב יער האָט ר׳ צ״אַ פאַרעפנטלעכט
אין „ברית־עם" (XII ,1913) אַן אַרטיקל
„לשונות הגוים", וואו ער נעמט זיך אָן
פאַר יידיש, זיך סומך זייענדיק אויף
אויפן יויזל, וועלכער „האָט אַפּנים נור
גערעט אידעש" (ד״ה „אַזאַ זשאַרגאָן
צונויפגעמישט פון להק, תרגום לשון
און אַנדערע אַזיאַטישע און אייראָפּעאי־
שע לשונות") און קומט דורך מיסיאָנע־
רישע צביעותדיקע פריידיגעכצער צום
אויספיר, אַז „זשאַרגאָן איז איצט מיאוס,
ווייל עס ווערט באַנוצט צו נבול פה,
צו ליגען און שבועות, צו דברים בטלים
און חוזק, ווען מיר וועלן אָבער אָנהוי־
בען צו פיהרען אַ לשון וויא דער ברית
עם, וועלען מיר זיך גאָר ניט דאַרפען
שעמען דערמיט, מיט שמחה וועלען מיר
זינגען הייליגע ליעדער אויף אידעש און
לערנען דיא כתבי הקדש אויף אידעשער
איבערזעצונג, וואָרום ניט יעדערער קען

היינטיגע צייטען לערנען להק" אאַז״וו,
אאַז״וו — אין דעם לאַקריץ־זיסן מיסיאָנע־
רישן סטיל מיט אויספאַלן און זילזולים
קעגן יידנטום. ר׳ האָט אויך אַרויסגעגעבן
אַ זאַמלונג מיסיאָנערישע לידער אין
יידיש א״ט „שירות ותשבחות" (לאָנדאָן,
1911), וואָס אַנטהאַלט 100 לידער, פון
זיי 97 איבערגעזעצטע פון דעם ענגליש־
אַמעריקאַנישן דיכטער סאַנקיאַ. אין דער
רעצענזיע אויף דעם דאָזיקן לידער־בוך
פון פ׳ גאָרדאָן (אין „ברית עם", 1912,
I — II) דערציילט דער רעצענזענט, אַז
פאַר ר׳ן האָט אַ פּרווו געמאַכט אַרויס־
צוגעבן לידער צו זינגען ביי גאָטעס־
דינסטן אין דער מיסיאָן יעקב אַדלער,
ער האָט אָבער פשוט אָפּגעשריבן די
לידער Frohe Botchaft מיט יידישע
אותיות; „פאַר עטליכע יאָהרען האָט
דער געשיקטער דיכטער מאַרק לעוו
אַרויסגעגעבן אַ בינטעל לידער, פול
מיט גייסט און לעבען, אויף פּראָסט אי־
דעש. אָבער צו זייא זיינען קיין מע־
לאָדיען ניטאָ און זיינען אייגענטליך ניט
באַשטימט געווען צו אַ זאָלכען געברויך";
דאַן איז אַרויס אַ לידערביכל פון רעוו׳
ווילקינזאָהן אין לאָנדאָן, „אָבער דאָ פעהלט
אין גאַנצען דיא שפּראַכע, וואָרום זייא
זיינען ניט אידעש, ניט דייטש, ניט
ענגליש, חאָטש עס געפינען זיך דאַרין
אַלע דרייא לשונות... דערפאַר די „שירות
ותשבחות" קענען מיר אי פאַרשטייהן
אי זינגען... עס איז דער איינפאַכסטער
אידעשער לשון..." אאַז״וו. געשטאָרבן
איז ר׳ אין מינעאַפּאָליס, אַמעריקע.

רעזניק יחיאל (25/IV 1895 —) געב׳ אין באַר, פּאָדאָליע,
אַלס זון פון אַ מלמד. 1917 באַקומען אַן
אַטעסטאַט פון אַ מיטלשול. 1915 אַרויס־
געגעבן אין בראַילאָוו אַ ביכעלע מיט 2
פּאָלקסמעשיות און אַ זמ״ה „פרילינג",

וואָס אַנטהאַלטן אַ פּאָר ר״ס פֿאָלקס=
מעשׂיות און זיינע זכרונות א״פ בן=יחיד.
אין אַ כאַרקאָווער פּ״ג אַרויסגעגעבן
אַ ביכעלע פֿון ברידער גרים. נאָך
דער רעוואָלוציע געהערט צו די
פֿאַראייניקטע, איבערגעלעבט די פּאָגראָ=
מען, אַוועק קיין בוקאַרעשט, פֿון וואַנען
קאָרעספּאָנדירט אין לאָנדאָנער „צייט",
פֿאַרעפֿנטלעכט אויך אייניקע זאַכן אין
קעשעניעווער „איד", נ״י׳ער „צייט",
אין דער רומעניש=יידישער Mantuiera,
שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין נ״י, וואו
געדרוקט דערציילונגען און אייניקע פֿאָלקס=
מעשׂיות אין „טאָג", „יידישען טאַגעבלאַט",
אויך א״פ י. שוחט, י. אָסיפּאָוו.

רעזניק יעקב (1892/IV —)
געב׳ אין טשערנאָביל, קיעווער גוב׳. ביז
14 יאָר געלערנט יידישע לימודים, דער=
הויפּט גמרא, זיך געפֿונען אונטער דער
השפּעה פֿון זיין עלטערן ברודער ליפּע
(זע), 1913 - 17 שטודירט פֿאַרמאַציע
אין קיעווער אוניווערסיטעט און געאַר=
בעט אין קיעווער אַפּטייק, זיך אויך
פֿאַרנומען מיט פּראָפֿעסיאָנעלער אַרבעט,
געווען סעקרעטאַר פֿון פּראָפֿ׳פֿאַראיין
אַפּטייק=אַרבעטער. פֿאַרנעמענדיק זיך פֿון
14 יאָר אָן מיט פּעדאַגאָגישער אַרבעט,
האָט ער 1912 - 14 זיך באַטייליקט אין
דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער יידישער
פֿאָלקסשול אין טשערנאָביל, דער צווייַ=
טער אין רוסלאַנד (זע שמעוני) מיט
יידיש אַלס אונטערריכטסשפּראַך, 1917
אָרגאַניזירט די קיעווער העכערע אָנהייב=
שול, 1919 זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער
פּעדאַגאָגישער אַרבעט, אָרגאַניזירט אַר=
בעטער=אָוונט=קורסן, צוזאַמען מיט די
לערער טאַרגאָוויעץ, ב. ספּיוואַק, א.
מרגלית, קאַזדאַן און א. גאָלאָמב געשאַפֿן אַ
מעטאָדישע פֿאַראייניקונג פֿון די לערער
פֿון די אָוונט=קורסן, אַ שטיקל צייט גע=
ווען פֿאָרזיצער פֿון דעם ביוראָ פֿון דער
פֿאַראייניקונג. 1920 — 26 אָנגעפֿירט אַ
מוסטער=קינדערהויז אין קיעוו, אין משך
פֿון די יאָרן דורכגעפֿירט אַ ריי קורצ=
טערמיניקע פּעדאַגאָגישע קורסן, אויף
וועלכע געווען לעקטאָר פֿון פּעדאַגאָגיק,
זיך באַטייליקט אין דער אָרגאַניזאַציע
פֿון אָרגאַניזאַציאָנעל=פּעדאַגאָגישן סעמי=
נאַר אין קיעוו (דויערנדיקע איבערגרייט=
קורסן), וואו געלייענט פּעדאַגאָגיק און
מעטאָדיק פֿון מאַטעמאַטיק (1920 — 23),
1922 אָרגאַניזירט דעם קיעווער פּעדאַ=
גאָגישן טעכניקום, פֿון וועלכן געווען פֿאַר=
וואַלטער ביז 1927, אויפֿן קאָנקורס פֿון
יידישע קולטור=טוער אין ראַטנפֿאַרבאַנד
1923 באַקומען די ערשטע פּרעמיע, זינט
1923 מיטגליד פֿון דער קיעווער עקספּערי=
מענטאַל=פּעדאָלאָגישער סטאַציע, 1926 —
27 פֿאַרוואַלטער פֿון דער סטאַציע, 1926
קאָמאַנדירט פֿון אוקראַינישן פֿאָלקאָמבילד
קיין דייטשלאַנד, וואו שטודירט די שולן
אין בערלין, נירנבערג און האַמבורג, 1927
פֿון אוקראַינישן מלוכישן וויסנשאַפֿט=קאָמי=
טעט באַקומען די קוואַליפֿיקאַציע פֿון
פּראָפֿעסאָר, 1928 אַריבערגעפֿאָרן קיין
אָדעס, וואו ער איז פּראָפֿעסאָר פֿון פּע=
דאַגאָגיק אין יידישן סעקטאָר פֿון אָדע=
סער אינסטיטוט פֿאַר פֿאָלקסבילדונג
(„אינאָ"). — האָט זינט 1917 זיך באַטיי=
ליקט אין פֿאַרשיידענע צייטשריפֿטן, אַל=
געמיינע, ווי „קאָמפּאָן", „שטערן", און
דערהויפּט פּעדאַגאָגישע. פֿון זיינע פּעדאַ=
גאָגישע אַרטיקלען זיינען די וויכטיקסטע
וועגן קאָמפּלעקס=מעטאָד און די נייע
פּראָגראַמען, אין קיעווער „פּעדאַגאָגישן
ביולעטען", 1922 — 23, מאָסקווער „אַף די
וועגן צו דער נייער שול", כאַרקאָווער
„ראַטנבילדונג", זמ״ב „צו הילף דעם
שטעטלדיקן לערער" (קיעוו, 1927). פֿון
זיינע אַרבעטן זיינען אין בוכפֿאָרם אַרויס:

„צו דער נייער שול פּראָווו-אַרבעט אין אַ קינדער-הויז", מיט אַ פאָרוואָרט פון א. מוזיטשענקאָ (פ"ג „קולטור-ליגע", קיעוו, 1924, ז' 108); פּראָגראַמען פון דער איינהייטלעכער אַרבעטשול (מלוכה-פ"ג, מאָסקווע, ז' 80); „מאַטעמאַטיק פון לעבן" פאַרן 3טן, 4טן און 5טן לערנ-יאָר (פ"ג „קולטור-ליגע", קיעוו, 1923, ז' 186+6+36; אַ ריי אויסגאַבן פאַר אַנדערע לערניאָרן — 1926); „אַרבעטס-בוך אַף מאַטעמאַטיק / פאַרן צווייטן לערניאָר. / בוך פאַרן קינד" (פ"ג „שול און בוך", מאָסקווע, 1927, ז' 128). האָט אויך זיך באַטייליקט אין די אוקראַאינישע פּעדאַגאָגישע צייטשריפטן, איז רעדאַקציאָנעלער מיטגליד פון דעם זשורנאַל Родіанска освіта, פאַרעפנטלעכט אויף אוקראַאיניש צוויי מאַטעמאַטישע אויפגעבער — פאַרן דאָרף און פאַר שטאָט (קיעוו, 1927 און 1929). זיך אַקטיוו באַטייליקט כמעט אין אַלע פּעדאַגאָגישע צוזאַמענפאָרן, יידישע און אוקראַאינישע.

דאָוויד רייטנבאַרג, אין „אַף די וועגן צו דער נייער שול", IX; עלקע ריין, ib.

רעזניק ליפע (15/VII 1890 —) געב' אין מאַקאַראָוו, קיעווער גוב'. דערצויגן געוואָרן אין טשערנאָביל, וואו זיין פאָטער, ברוך, איז געווען

מלמד און חזן. האָט געלערנט אין חדר, אין ישיבה, אין דער קיעווער קונסט-לערער-שול, אויף די גראָדנער פּעדאַגאָגישע קורסן און אין קיעווער אוניווערסיטעט. — זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ באַאַרבעטן קינדער-ביכל „דער אַלטער ספר" (קונסט-פ"ג, קיעוו, 1914). נאָך אַ לאַנגיעריקער הפסקה האָט ר' דעביוטירט מיט לידער אין דעם זמ"ב „אויפגאַנג", קיעוו, 1919, זינט דאַן זיך באַטייליקט אין די פאַרשיידנסטע יידישע אויסגאַבן פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי קיעווער זמ"ב „אייגנס" II, מאָסקווער „שטראָם", כאַרקאָווער חודש-זשורנאַל „די רויטע וועלט", „יונגע גוואַרדיע" א"אַ, אויך אין אַ ריי אויסלענדישע, ווי ריגער זמ"ב „סאַמבאַטיען", וואַרשעווער זמ"ב „כאַליאַסטרע", ב"יער „פרייהייט" און „האַמער" אאַז"וו. וואוינענדיק אין קיעוו, וואו ער איז טעטיק אַלס פאָלקסלערער, שול-פאַרוואַלטער, לעקטאָר פון ליטעראַטור און שפּראַך אין דעם יידישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום, האָט ר' זיך אויך באַטייליקט אין אָרגאַניזירן און רעדאַקטירן דעם קיעווער זשורנאַל „פּעדאַגאָגישער ביולעטען", דעם קינדער-זשורנאַל „פרייד", דאָס זמ"ב „אוקראַאינע" (1926), האָט רעדאַקטירט דאָס ביכל „שאָלעם-אַליכעמס קינדערשע און יינגלשע יאָרן" (קיעוו, 1926), לעצטנס רעדאַקטאָר פון דער „שול- און פּיאָנערן-ביבליאָטעק" ביים קיעווער קאָאָפּעראַטיוון פ"ג „קולטור-ליגע", פאַר וועלכער ביבליאָטעק ער האָט צ"אַ איבערגעזעצט גאָרקיס „9-טער יאַנואַר", טיכאָנאָווס „סאַמי", קאָראָלענקאָס „קינדער פון קעלער", טראָצקיס „אַהין און צוריק", וועלס' (אועלס) „זליג-לאָמי", נאָוויקאָוו-פּריבאָיס „אַפּן גרונט פון יאַם", לאָנדאָנס „דערציילונגען" און אַ ריי אַנד. אַ ריי איבערזעצונגען זיינע פאַר קינדער פון רוסישע און אויסלענדישע שריפטשטעלער, ווי י. ט. האָפמאַנס (צ"אַ — „קנאַקניסל און מויזנקייסער" — הילע און וויניעטן פון י. טשייקאָוו, יידאָפּטייל פון מלוכה-פ"ג, קיעוו), „קאַלעוואַלאַ", מולטאַטוליס, זיינען אַרויס אין אַנדערע פאַרלאַגן. האָט אויך

באַארבעט פאַרן קיעווער טעאַטער אַ'ניעלס פּיעסע „שוואַרצע געטאָ". אַלס פּעדאַגאָג האָט ער זיך אויך באַטייליקט אין דעם זשורנאַל „צו הילף דעם שטעטלשן לערער", אין דער יידישער שפּראַך / „זשורנאַל פאַר פּראַקטיש יידיש שפּראַכוויסן", 1927, VI—V, פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל „וועגן דער פּרע-פּאָזיציע „פון"", וואו ער פּאָלעמיזירט מיט אייניקע אויספירן פון ב. שטיף אין דעם זעלבן זשורנאַל בנוגע דעם געברויך פון דער דאָזיקער פּרעפּאָזיציע אין יידיש. — ר' איז איינער פון די באַדייטנדסטע פאָרשטייער פון דער יונגער סאָוועטיש-יידישער ליריק. אָנגעהויבן אַלס סימבאָליסט, האָט ער זיך שפּעטער באַפרייט פון די אויסערלעכע סימנים פון דער סימבאָליק, הגם לעצטנס, אין דעם קאַמף קעגן דעם אַ"ג רעכטן אָפּנייג אין דער ליטעראַטור, ווערט ער באַשולדיקט ניט נאָר אין סימבאָליזם, נאָר אויך אין מיס-טיק, „ירידה-שטימונגען" אאַז"וו. ער צייכנט זיך אויס מיט אַן אַנטוויקלטן חוש פאַר דער קולטור פון וואָרט און האָט אויך געגעבן אינטערעסאַנטע פּרווון זיך אַרויפ-צואַרבעטן אין פּראָזע. פון זיינע לידער זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „אין בלייכע אויפגאַנגען" (קליינע ביבליאָטעק „ליריק", מלוכה-פ"ג, קיעוו, 1921, ז' 30, מיט אַ הקדמה פון נ. אויסלענדער), „כאַבעט" (מלוכה-פ"ג, קיעוו, 1922). אַ גרעסערע זאַמלונג דאַרף ערשיינען אין מלוכה-פ"ג פון אוקראַינע. פון זיינע גרעסערע שירים איז צו פאַרצייכענען די פּאָעמע „הילכיקע נעכט" („שטראָם", IV), דורכגעוועבט מיט שטימונגען און סימבאָלן פון דער רע-וואָלוציע, בירגערקריג און יידישן חורבן. זיי פּיעסע „דער אויפשטאַנד" אין פערזן (קיעוו 1928) איז פון אַל' גראַנאָווסקי, דעם רעזשיסער פון מאָסקווער יידישן אַקאַדעמישן מלוכה-טעאַטער, אויפגעפירט געוואָרן צו די אָקטאָבער-פייערונגען פון 1927 אַלס טראַגישע עפּאָפּעע פון דעם קאַמף פון די פאַרביקע קנעכט קעגן די ווייסע אימפּעריאַליסטן - עקספּלאָאַטאַ-טאָרן. — צוזאַמען מיט נ. אויסלענדער, ד. וואָלקענשטיין, ב. לוריע, ד. פעלדמאַן א"אַ איניציאַטאָר און אָנפירער פון דער ליטעראַרישער פאַראייניקונג „בוי".

ש. גאָרדאָן, „ליריק", אין „שטראָם", II, ז' 75; ע. פינינבערג, ib, VI—V; מ. ליטוואַ-קאָוו, אין „עמעס" פון 7/XII 1927; א. אַבטשוק, „אַף פּרעמדע וועגן", אין „פּראַליט" IX—VIII.

רעזניק שבנא (1895 —) געב' אין דאָמאַניאָווקע, כערסאָנער גוב', אין אַ פאַמיליע פון רבנים און שוחטים. באַ-קומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, אַלס 8-יעריק יינגל

אָפּגעפאָרן מיט דער פאַמיליע קיין אַרגענטינע, וואו דורכגע-מאַכט אַ העכערע שול. פון יונגוויז אויף זיך פאַראינ-טערעסירט מיט ליטעראַטור, האָט ער באַזונדערס שטאַרק נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור און פאַרעפנטלעכט וועגן איר אַ ריי אַרטיקלען אין יידיש און אין שפּאַניש. איינער פון די ערשטע פּאָפּולאַריזאַטאָרן פון דער יידישער לי-טעראַטור פאַר דער שפּאַניש-ריידנדיקער סביבה, האָט ער געדרוקט אין די וויכ-טיקסטע שפּאַנישע זשורנאַלן, ווי אויך אין דער באַרימטער בוענאָס-איירעסער צייטונג La Nation איבערזעצונגען פון יידישע שריפטשטעלער, צ"אַ — פון ה. ד. נאָמבערג בשעת זיין באַזוך אין אַרגענ-טינע. אַ טייל פון די דאָזיקע איבערזעצונ-גען איז אַריין אין זיין אַנטאָלאָגיע Cuen-tos Judios / Traducción del idisch, /

Prólogo y notas de Salomón Resnick (פ"ג Editorial Juventud, בוענאָס-איירעס' 1920, ז' 248), וואָס אַנטהאַלט אַן אַריינ-פיר איבער דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און דערציילונגען פון מענדעלע מוכר ספרים, ש"ע, פרץ, דוד פּינסקי, שלום אַש, ה"ד נאָמבערג, אברהם רייזען, ש. אַנ — סקי, יהואש, ל. שאַפּיראָ, ז. שניאור, י"מ ווייסענבערג, ז"י אנכי, י"ד בערקאָוויטש, מיט קור-צע ביאָגראַפיש-קריטישע נאָטיצן וועגן יעדן איינעם פון די דאָזיקע שריפטש-טעלער. אַחוצדעם האָט ר' אויך פאַר-עפנטלעכט אין בוכפאָרם 2 ב' דערציי-לונגען פון י"ל פרץ אין שפּאַניש א"ט Los Cabalistás (פ"ג La Cultura Israelita, בוענאָס-איירעס, 1919, ז' 240+XV) מיט אַ הקדמה וועגן י"ל פרץ פון דעם באַ-רימטן אַרגענטיניש-יידישן פּובליציסט אַלבערטאָ גערשונאָוו און אַן אַריינפיר פון דעם איבערזעצער, און Adam y Eva (פ"ג Vida Nuestra, בוענאָס-איירעס, 1922, ז' 242) און אַ ב' דערציילונגען פון שלום אַש א"ט Una hija de Israel y ortos relatios judios מיט דעם איבער-זעצערס אַן אַריינפיר (פ"ג פון דער Sociedad Hebráica Argentina, בוענאָס-איירעס, 1928, ז' 166). די דאָזיקע איבער-זעצונגען, וואָס האָבן אַנטדעקט אַ נייע וועלט פאַר די שפּאַניש-ריידער, זיינען מיט גרויס ליוב אויפגענומען געוואָרן פון די גרעסטע שריפטשטעלער סיי פון דרום-אַמעריקע סיי פון שפּאַניע. האָט אויך איבערגעזעצט אויף שפּאַניש אַ ב' פון רודאָלף ראָקערס סאָציאַלע און קריטישע אַרבעטן א"ט „אַרטיסטן און רעבעלן" (1922), פּ. קראָפּאָטקינס בוך „אידעאַלן און ווירקלעכקייט אין דער רוסישער ליטעראַטור" Los ideales y la realidad en la literatura rusa (אַרויסגע-געבן מ. גליייזער, 1926) און צוזאַמען מיט לעאָן דוכאָוונע-ש. דובנאָווס „נייסטע געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק" (פ"ג פון Asociación Hebraica, בוענאָס-איירעס, ב' I, 1925, ב' II — פון ל. דוכאָוונע אַליין — 1928). איז רעדאַקטאָר פון דעם שפּאַניש-יידישן זשורנאַל Vida Nuestra. פון זיינע אַרטיקלען אין יידיש איז צו פאַרצייכענען: „אידען אין דער שפּאַני-שער פּאָעמאַ" „מיאָ סיד", אין חודש-זשורנאַל „אַרגענטינאַ", יולי 1921, I.

רעכטמאַן אברהם (1890 —) געב' און פראָסקוראָוו, פּאָדאָליע. באַקומען אַ שטרענג רעליגיעזע דערציִונג און ביז 16 יאָר געלערנט תלמוד און פוסקים, דערנאָך זיך פאַרנומען מיט אַל-געמיינע לימודים, געוואָרן אַ העברעיִשער לערער און געשריבן שירים. 1910—1912 פאַרבראַכט אין א"י, וואו געאַרבעט אין די קאָלאָניעס און זיך באַטייליקט אין דער דאָרטיקער פּרעסע, דאַן צוריקגע-קומען קיין רוסלאַנד, זיך באַזעצט אין פּט"ב און זיך אָפּגעגעבן דעם שטודיום פון יידישער עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר. 1912 זיך אָנגעשלאָסן אָן דער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער עקספּעדיציע און ביז 1914 אַרומגעפאָרן צוזאַמען מיט ש. אַנ—סקין איבער די פאַרוואָרפנסטע שטעט און שטעטלעך פון אוקראַיִנע, זאַמלענדיק יידישן היסטאָריש-עטנאָגראַפישן מאַטער-יאַל פאַר דעם יידישן מוזיי אין פּט"ב. 1915 בשעת דער וועלט-מלחמה אַנטלאָפן פון דער רוסישער אַרמיי דורך סיביר, איבער אַ יאָר צייט זיך געוואַלגערט אין כינע און יאַפּאַניע, מאַי 1916 געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז לעצטנס דער אייגנטימער פון אַ יידישער דרוקעריי אין נ"י. — האָט זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע יידישע און העברעיִשע צייטשריפטן (צ"א אין „לוח אחיעבר"),

וואו צ"אַ פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן יידישן פאָלקלאָר און וועגן די זאַמלונגען פון דער יידישער היסטאָרישער־עטנאָ־גראַפישער עקספּעדיציע אין רוסלאַנד (זעצערס „דאָס וואָרט"). געווען דער בייס־רעדאַקטאָר פון דער אָרטאָדאָקסישער טעגלעכער צייטונג „דאָס אידישע ליכט", געשריבן אַרטיקלען אויך א"פ איש ימיני און ד"ר זאַמלער, פאַרעפנטלעכט אַ סעריע מעשיות פאַר קינדער אין „קינדער־זשורנאַל". אין כתב־יד גרעסערע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע פנקסים און וועגן וועד ארבע ארצות. האָט געשריבן די הקדמה צו „חורבן פּראָסקוראָוו", אַרויסגעגעבן פון פּראָסקוראָווער רעליעף (נ"י, תרפ"ד)— וועגן דער שוידערלעכסטער שחיטה אין אוקראַינע 1919 (דער באַריכט פון דער שחיטה — אין לשון־קודש און יידיש—איז פון שלמה נפתלי צבי המכונה אַלטער גרייסער ביי דער מיטהילף פון זוסיע וואָהל; דאָס בוך אַנטהאַלט אויך בילדער פון אומגעקומענע, ביאָגראַפיעס און אַ רשימה פון די הרוגים, אַ באַריכט וועגן דעם פּראָסקוראָווער רעליעף פון נ. ברעסלער).

רעסלער בנימין (8/II 1901 —) געב' אין קאָפּיטשיניץ, מזרח־גאַליציע. זיין פאָטער, עזריאל, אַן אייניקל פון ר' לוי־יצחק באַרדיטשעווער, איז געווען אַ רייכער סוחר, אַ וואויל לערנער און אַ היינט־וועלטיקער. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר גמרא און תנך, גלייכצייטיק באַזוכט

די אָרטיקע פאָלקסשול, געלערנט אויך פידל־שפּילן און געזאַנג, צו 10 יאָר אַריין אין גימנאַזיע, אָבער די גמרא און תנך ניט אָפּגעלאָזט און זיך באַוועגט אין רבּניש־חסידישע קרייזן, שפּעטער שטודירט פילאָסאָפיע אין ווין, וואו אויך באַזוכט אַ דייטשע דראַמאַטישע שול, דאָרט 1918 אָנגעהויבן צו שרייבן זיינע ערשטע לידער, מיט וועלכע דעביוטירט 1920 אין לעמבערגער „טאָגבלאַט", אין דער דאַזיקער צייטונג אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע נאָוועלן, דאַן זיך באַטייליקט אין אַנזעלם קליינמאַנס „יידישן ליטעראַרישן קאַלענדער", וואו אַחוץ לידער אויך פאַרעפנטלעכט די איבערזעצונג (אויס ענגליש) פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָרס איינאַקטער „ביטראַ", געוועזן מיטאַרבעטער אין קליינמאַנס צוויי־וואָכנשריפט „די יידישע בינע" (אַרויס אייניקע נום'), געדרוקט אויך לידער און נאָוועלן אין דער פילאַדעלפיער „אידישער וועלט" 1922 א"אַ. זומער 1923 אויפגעפירט אין לעמבערגער יידישן טעאַטער אונטער אייגענער רעזשי זיין ערשטע פּיעסע א"ט „איבער ווייטע סטעפּעס" — אַ פאַמיליענבילד פון מלחמה־און נאָך־מלחמה־לעבן. 1925 אָפּגעפאָרן קיין א"י, וואו געשפּילט צוליב פרנסה אין העברעישן טעאַטער, פון דאָרט אויס געשריבן אין שיקאַגער וואָכנבלאַט „קולטור" לידער און אַ גרויסע נאָוועלע „שיני קאַראוואַשי", וועלכע איז אין פּוילישער איבערזעצונג געדרוקט אין Nowy Dziennik. סוף זומער 1926 געקומען פון א"י קיין פּאַריז, וואו פאַרעפנטלעכט אין די „פּאַריזער בלעטער" אַ גרויסע דערציילונג אויס דעם לעבן אין א"י, „נאָכן סך־הכל". איבער בעלגיע, וואו זיך באַטייליקט אין אַנטווערפּענער וואָכנבלאַט „די אידישע פּרעסע", און איבער בערלין געקומען קיין פּוילן, דעם ווינטער־סעזאָן 1926—27 מיטגעאַרבעט

אין קראָקעווער יידישן געזעלשאַפטלעכן טעאַטער אַלס שוישפּילער א״פ ב. עזריאל־זאָן און אַלס דראַמאַטורג, מיט ערפאָלג אויפגעפירנדיק, אונטער דער רעזשי פון יאָנאַס טורקאָוו, זיין צווייטע פּיעסע פון חסידישן לעבן א״ט „ליכט און שאָטן", וואו דער מאָטיוו איז—געראַנגל מיט העכערע כוחות, גאָטזוכעריי, רעאַ־ליזם, פאַרבונדן מיט מיסטיציזם. פאַרן קראָקעווער טעאַטער האָט ער אויך איבערגעזעצט ערנסט טאָללערס דראַמע „הינקעמאַן". זיין דריטע פּיעסע „אין די אַלטע מויערן אָדער די גילדע־נע רויזע" — אַ מיסטעריע אין 3 אַ׳ אין פּערזן, אויס דעם לעבן פון די יידן אין לעמבערג אין XVII י״ה (אין קליינ־מאַנס „קאַלענדער" ה׳תרפ״ה) האָט גע־זאָלט אויפגעפירט ווערן פון דער וויל־נער טרופּע, די אויפפירונג איז אָבער צוליב פאַרשיידענע סיבות ניט רעאַלי־זירט געוואָרן. ניט אויפגעפירט איז אויך זיין קאָמעדיע „פון דעם פּוילן, דעגענע־רירטן סאַלאָן" א״ט „שפּינוועבס". אייניקע פון זיינע זאַכן האָט ר׳ אויך איבערגעזעצט אויף העברעיש. זיך באַטייליקט מיט פּע־ליעטאָנען אין לעמבערגער „מאָרגען" און דעם וואָכנבלאַט „דאָס פרייע וואָרט", אין Nowy Dziennik, די „ליטעראַרישע בלע־טער" א״אַ. אַ נאָמען האָט ער זיך געמאַכט מיט זיין ראָמאַן אויס דעם לעבן אין א״י פון די חלוצים, פקידים אאַז״וו א״ט „אויף אַלטער ערד" (פ״ג ב. קלעצקין, 1927, ז׳ 267), וועלכער צייכנט זיך אויס מיט דער „גאַנצקייט פון שטימונג, דער איינ־הייטלעכקייט פון ריטם, וואָס דער יונגער דיכטער האָט אַריינגעבראַכט אין אָט דעם פּילפּאַכיקן פאַבולאַריש צעוואָרפענעם און צעריסענעם מאַטעריאַל. ער האָט גענומען איינציקע אָפּט אָפּגעזונדערטע עפּיזאָדן, שטיקלעך און ברעקלעך און געמאַכט פון זיי אַ גאַנצע, פון איין לעבנסגעפיל דורכ־גענומענע לעבעדיקע זאַך... ער האָט ניט אויסגעבויט קיין בנין, אָבער ער האָט אונז געגעבן אַ רייכע און פאַרביקע מאָזאַיִק" (ש. ניגער). אַרבעט איצט אויף אַ גרויסן ראָמאַן, וואָס נעמט אַרום דאָס יידישע לעבן אין פאַרשיידענע לענדער פאַר די לעצטע 20 יאָר. 1928 אַוועק קיין אַמע־ריקע, וואו ער דרוקט פון צייט צו צייט דערציילונגען אין נ״יער „טאָג".

ישראל שטערן, אין „ליטעראַרישע בלעטער" 1927, 34; ש. ניגער, אין „טאָג" סוף 1927 (אויסצוגן אין „ליטעראַרישע בלעטער", 52).

רעסלער בנימין (1845 — אַרום 1914) געב׳ אין סערעט, בוקאָווינע. זיין פאָטער, חיים ר׳, איז געווען אַ גרויסער גביר, אָבער ער אַליין האָט געלעבט אין דער גרעסטער נויט. ער האָט זיך אינ־טערעסירט מיט אַרכעאָלאָגישע פאָרשונ־גען און האָט איבערגעזעצט אויף אַ פאַר־דייטשמערישטן יידיש „מעשה טוביה" (פ״ג פון מוכר־ספרים הירש שלאַג, לעמבערג, 1882) און די ווערק פון מאַפּו „אשמת שומרון", „אהבת ציון", „עיט צבוע" א״אַ, פון וועלכע דאָס ערשטע איז אָפּגעקויפט געוואָרן צום אַרויסגעבן דורך אַלטער טייכער פון קאָלאָמיי. געשטאָרבן איז ער פאַר דער מלחמה אין יאַס, רומעניע, איבערלאָזנדיק ספרים מיט זיינע באַמער־קונגען. זיין פאַמיליע געפינט זיך אין א״י.

רעססער שמואל בן אליהו — (18... — נאָך 1880) געב׳ אין ווילנע, שפּעטער זיך באַזעצט אין דרום־רוסלאַנד, וואו ער איז געווען לערער פון די קרוי־נישע יידישע שולן, צוערשט אין באַכמוט און שפּעטער אין טאַגאַנראָג. זיין ליטע־ראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין „קול מבשר", וואו ער האָט אַחוץ קאָרעספּאָנדענצן (שוין אין נומ׳ 13 פון ערשטן יאָרגאַנג — 1862) פאַרעפנטלעכט

פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע און משׂכּילישע
אַרטיקלען („דיא וואונדער פין דער
עלעקטריציטעט" — 1863, 29; וועגן דער
דער גזרה אין באַכמוט, אַז יידן זאָלן ניט
האַלטן קיין קריסטלעכע דינסטן — 1864,
34; „אַ שרעקליכע מעשׂה פון אפריקא" —
1865, 18; „אַ מעשׂה רע" — וועגן אַן
אַרטיקל פון Сынъ Отечества; „דער
יידישער פאַנאַטיזם פין דער סעקטע
חסידים אין פין דינאַבורג", מיט ר׳ס אַ
נאָכוואָרט פול מוסר און שטראָפרייד די
חסידים, אונטערגעשלאָגן מיט סקאַרבאָווע
פּאַטריאָטישע מליצות וועגן דעם „גנעדי=
גען לאַנדעספאָטער, דעם געבילדעטען
קאַיסער" אאַז"וו — 1865, 38; אַ קאָרעס=
פּאָנדענץ פון טאַהאַנראָג מיט אַ לויב פאַר
די גבאים מנדבים — 1871, 15 א"אַ). —
ער איז געווען איינער פון די ערשטע
פּאָפּולאַריזאַטאָרן פון דער געשיכטע אויף
יידיש, הגם מיט ווייניק פאַרשטענדעניש
פאַר דער אויפגאַבע און מיט אַ שווערער
דייטשמערישער שפּראַך. זיין ערשטע
אַרבעט אויף דעם געביט איז געווען דאָס
בוך „איינע קורצע אַללגעמיינע וועלט
געשיכטע / (קיצור דברי הימים הכללית) /
פאָם רוססישען אין דייטש בלשון צח
וקל, אין ערצעהלונגען / איבערזעטצט
פיר קינדער. / פאן שמואל רעססער /
לעהרער דער אידישען קראָנ־שולע צו
באַכמוט" (ווילנע, דרוק פון ר׳ יוסף=
ראובן ראָם, תרכ"ד, 1863). אין „קול
מבשׂר", 1864, 40, אין אַן אַרטיקל „צו
דיא לעזער" פאַרענטפערט ער זיך פאַר
די גרייזן פון זיין ספר; ער איז אין באַכ=
מוט און דאָס בוך האָט זיך 1863 אָפּגע=
דרוקט אין ווילנע, 1200 ווערסט ווייט,
און דער דרוקער האָט ניט אָפּגעדרוקט
דעם לוח הטעות; ער האָט דאָס ניט
געטאָן צוליב כּבוד אָדער גליקלעך צו
ווערן אאַז"וו. אין קו"מ 1865, 23, דער=
ציילט ר׳: „איך האב אויך איינע געאָגראַפיע
(שבילי עולם) איבערגעזעצט אין דעמ=
זעלבען לשון וואס דיא געשיכטע, מיט
פיעלע אנמערקונגען, האב זיא געוואלט
צור וועלט בריגגען אז איטליכער זאלל
אַ ידועה האָבען וואָס הייסט געאָגראַפיע,
אונ אין וועלכער געגענד ער וואָינט,
אויך מיט לאֶנדער, שטאֶדט, אָזעֶרעֶס
(זעֶען), טייכען, אינזלען; אויך מיט דעם
חאראקטער פין אללערלייא פאֶלקער בע=
קאננטשאפט מאכען, נאר פיעל אומשטענדע
לאזען מיך ניט להוציא מכח אל הפועל—...
היינט הערט נאָר וויטער! פיעל גע=
לעהרטע וויא אויך פראָסטע מענשען
האָבען מיך געראטהען (וויא איך געבע=
טען) אז איך זאלל אַ יודישע געשיכטע
אויף פראסט יודיש אַרויסגעבען, בכדי
יעדער יוד זאלל וויססען וואס מיט אונ=
זערע עלטערן האט זיך פאססירט ווען
זייא זענין געזעססען אין זייער לאנד
כנען (ארץ ישראל); ווייל עס געפינען
זיך מענשען וואָס פערשטעהען נישט אַזוי
אַ שפראַכע וועלכע שטעהט עטוואס העכער
וויא זייא זענין געוואָינט געוואָרין צו
רעדען פין קינדווייס אָן. אויך שרייבט
דער געלעהרטע הערר גאָטטלאבער
פין אַלט קאָנסאנטינאָוו אין דעם „המליץ"
נומער 12 ש"ז וועגען מיין געשיכטע
וועלכע איך האָב ארויסגעגעבען אין זאגט
אז פאר דער וועלט איז זיא זייער שטארק
נוטציג, נאר אין וואָלהיניען א. ד. ג.
פינדען זיך אַזעלכע מענשען וואָס פאר
זיי מוז מען נאך גרינגער שרייבען, דאָס
הייסט מיט נאך אַ גרינגער לשון וויא
דיא היסטאָריע וואָס איך האָב אַרויסגע=
געבען, לכן איז גלייכער צו שרייבען מיט
דעם לשון וואָס נאָר דער פראָסטער עולם
רעדט („טוב וישר לכתוב בלשון אשר
הם מדברים") אויך גיט דער הערר גאטט=
לאבער זיין מיינונג אז עס וואלט זעהר

רעכט געוועזן אז איך זאלל איבערזעטצען „קורות ישראל" בלשון העם. לכן האָב איך מיר דיא מיה גענוממען צו טהון וואס בעלעהרסטע מאָננער הייסען, וואָרים באמת פערשטעהן זייא וואָס עס קען פאַר דעם עולם גוטצען. — איך האָב אנגעהפאנגען איבערצוזעטצען „דיא אלטע געשיכטע פין דעם פאלק ישראל" אויף פראסט יודיש, בכדי גרויס אונ קליין זאָללען קעננען פערשטעהן אונ וויססען וואָס עס האָט זיך פאססירט אונטער דיא יהודים. — / איך בעט דיא הערען רעדאקטערע פין דעם „המליץ" אונ „קול מבשר" אז זייא זאללען אזוי גוט זיין דאס ערשטע קאַפּיטעל פין דער אלטער געשיכטע דעס פאָלקעס ישראל וואס איך האב איבערגעזעצט, אין דעם קול מבשר אויפנעמען, בכדי אַללע זאָללען לעזען דען אנפאנג פין מיין ארבייט. — / אויך בעט איך מיינע גלויבענסברידער אז זייא זאָללען מיר בעהילפיג זיין מיט וואָס מעגליך איז *) דאַמיט איך זאָל קענין דיא גאנצע געשיכטע דעס פאָלקעס ישראל אויף דער וועלט ארויסברענגען; איך האף צו גאטט אז פיעל וועלין מיר דאנקען פאר דער איבערזעטצונג; אמת א שווערע אַרבייט... / איך בעט נאָך אמאָל דיא הערען רעדאקטערע אז זייא זאָללען מיר צור רעכטען זייטע שטעהן: מיט זייער עצה וואָס דאָס איז בייא מיר דאָס וויכטיגסטע פּרינציפּ אונ מיט אנדערע זאכען וואָס נייטיג איז..." — און אין די נומ׳ 23—24 האָט זיך טאַקע אָפּגעדרוקט דאָס ערשטע קאַפּיטל פון „דיא אלטע געשיכטע פין דעם פאלק ישראל"; די שפּראַך איז אַפילו שוין ניט פאַרדייטשמערישט, אָבער ער האָט ניט געהאַט די פעיִקייט פון אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר און ס'איז אַרויסגעקומען טרוקן. 1867 האָט דער קאָמיטעט פון דער „חברה מפיצי השכלה" אַרויסגעגעבן אַ אונטערשטיצונג ר'ן צו דרוקן זיין איבערזעצונג פון דער געשיכטע פון פאָלק ישראל (זי איז אַרויס א"ט „קורות ישראל, די אַלטע געשיכטע פון פאָלק ישראל", ווילנע, 1870). דאָס איז געווען כמעט דער איינציקער פאַל, ניט רעכענענדיק די אונטערשטיצונג מיכל גאָרדאָנען ביי דרוקן זיין געשיכטע פון רוסלאַנד, וואָס די „חברה" האָט געשטיצט יידישע אויסגאַבן; און ווען ר' האָט סוף 1869 צוגעשיקט דער „חברה מפיצי השכלה" אין פּט"ב זיין יידישע איבערזעצונג פון דער רוסישער געאָגראַפיע פון סטודניצקי מיט אַ השתדלות, די „חברה" זאָל דאָס בוך אַרויסגעבן, האָט די חמ"ה אין איר קעגנערשאַפט צו יידיש דעם פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן און איבערגעשיקט דעם כתב־יד צום אָפּדרוקן אין „קול מבשר", ער איז אָבער ניט ערשינען. פון ר'ס אַנדערע אַרבעטן זיינען אונז באַקאַנט: „רבה — איינע וואונדערליכע ערצעהלונג פון דעם גרויסען יודישען לעהרער רבה בר נחמני, אין דער צייט פון ריש גלותא מר עוקבא" (וואַרשע, 1876, ז"ז 66, מיט אַ הקדמה); „דיא יעגער אונד דיא אינדישע באַנדיטען אין אמעריקא / — איין ראמאן אין 2 ט', (וואַרשע, 1878 און 1880, לובלין, 1881, ז"ז 168, מיט אַ הקדמה)—אַ איבערזעצונג פון גוסטאַוו עמאַרס „דיא פאַרצייטיגע רציחות".

*) „וואָרין פיעל האָבען בייא מיר צו איינציגע עקזעמפּלארען פין מיין היסטאָריע געקויפט, און האָבען אָן מיר אין גאנצען פערגעססען, זייא מוזען מיינען אז א מחבר דארף קיין געלד ניט, און דרוקען דרוקט מען אומזיסט. איך בעט אז זייא זאָללען זיך דערמאנען, גאָטט וועט זייא העלפען..."

ליפּפּא, „אסף המזכיר", 1; א. טשעריקאָווער, „די געשיכטע פון דער חברה מפיצי השכלה".

רעע אַנטאָן (16/ 1815 — 13/I 1891) געב' אין האַמבורג, דערצויגן געוואָרן אין קיל, יונגערהייט אַרויסגעגעבן

צוויי ווערק Wanderungen eines Mit-
genossen auf dem Gebiete der Ethik
און Über die Pflicht. שטודירט אין קיל
פילאָלאָגיע און נאָך זיין פראָמאָציע גע=
האַט בדעה זיך אָפּצוגעבן דער וויסנ=
שאַפטלעכער אַרבעט, אָבער צוליב דעם,
וואָס זיין פאָטער האָט פאַרלוירן זיין
פאַרמעגן, איז ער געוואָרן 1838 לע=
רער אין דער „איזראַעליטישער פריי=
שול" אין האַמבורג, זינט 1848 — איר
דירעקטאָר, אויף וועלכן אַמט ער איז
געבליבן ביזן טויט; ער איז אויך גע=
ווען טעטיק אַלס ליבעראַלער פּאָליטי=
קער אין האַמבורגער פּאַרלאַמענט, צו
וועלכן ער האָט אָנגעהערט. צו יידי=
שיסטיק האָט אַ שייכות זיין ביכל Die
Sprachverhältnisse der heutigen Juden
(האַמבורג, 1844), וועלכעס האָט נאָך
עד=היום ניט פאַרלוירן זיין אינטערעס.
רעעס פילאָלאָגישע סברות — מיינט
באָראָכאָוו — זיינען ניט פיל ווערט,
אָבער וויכטיק זיינען די באַמערקונגען
זיינע וועגן דער ווירקונג פון די יידי=
שע ראַסנאייגנשאַפטן און סאָציאַל=פּאָ=
ליטישע באַדינגונגען אויף דעם בוי פון
די יידישע שפּראַכן און אויף זייערע
קלאַנגען. אין דער יידישער שפּראַך,
פאַר וועלכער ער שטעלט זיך וואַרעם
איין, זעט ער ניט קיין עוואָלוציע פון
מיטלהויכדייטש, נאָר אַ אָריגינעלע און
זעלבשטענדיקע פאָרמאַציע; ער באַמיט
זיך צו דערוייזן, אַז די אייגנטימלעכקייטן
פון יידיש זיינען אַ רעזולטאַט פון די אייגנ=
אַרטיקע אָרגאַנען ביי די יידן און פון
זייער סאָציאַלער לאַגע: פון דער ערשטער
סיבה—דער אָרגאַנישער—זאָלן זיך האָבן
גענומען די פאָנעטישע אונטערשיידן פון
דער יידישער שפּראַך, פון דער צווייטער—
דער סאָציאַלער — די אַקצענטירונג און
דער זאַץ=בוי.

Allgemeine Deutsche Biographie,
VIII, 255—258; ג. קארפעלעס, נעקראלאג,
Allg. Ztg des Judenthums, 1891, 38;
לאזאר סענעאן, Essai; אוצר ישראל, V, 97;
ב. באראכאוו, „ביבליאטייק פון א יידישן פילא=
לאג", 102.

רפאלאָוויטש=רפאלי שמואל (1867—
1923) געב' אין באָהאָפּאָל, פּאָדאָליע.
געווען אַ יוגנט=חבר פון מ"י בערדי=
טשעווסקי, פון וועמען, ווייזט אויס, אי=
בערגענומען די ליבע צו יידיש. ייִנגלווייז
געקומען קיין א"י צוזאַמען מיט זיין זיידן
ר' קלמן ר', זיך באַזעצט אין ירושלים,
געלערנט אין דער ישיבה „עץ חיים",
וואו געהערט שיעורים פון ר' משה=נחמיה
כּהנאָוו, באַקאַנט א"נ „כאַסלאַוויטשער
רבי", וועלכער האָט שטאַרק געווירקט
אויף אים מיט זיין פרייען גייסט. צו
זעכצן יאָר אָנגעשריבן אַ ביבלישע „דראַ=
מע" א"ט „משפּיל גאים", צו יענער צייט
געווען אויך צייטווייליקער רעדאַקטאָר
פון דעם האַלב יידישן האַלב העברעישן
וואָכנבלאַט „שערי ציון", פאַרעפנטלעכט
היסטאָרישע דערציילונגען און איבער=
זעצונגען פון דער ענגלישער ליטעראַטור
אין בן=יהודהס „הצבי", 1890 אַרויסגע=
געבן צוזאַמען מיט שלמה עפּשטיין און
רעדאַקטירט דאָס וואָכנבלאַט „דער ארץ
ישראל יוד", וואָס איז אַרויס אַלס ביי=
לאַגע צום „הצבי" (אַרויס 4 נומ'), אַ
יאָר פאַר זיין טויט פאַרעפנטלעכט אין
ירושלימער „דאר היום" זכרונות וועגן
אַלטן ישוב אין א"י. זיין לעבנס=ווערק
איז דאָס באַקאַנטע בוך „מטבעות היהודים"
(אַרויסגעגעבן דורך אפרים דיינאַרד,
ירושלים, תרע"ג).

אפרים דיינארד, הקדמה צו „מטבעות היהודים";
מ. פ. זיידמאן, נעקראלאג אין „ברוקלינער אי=
דישער צייטונג"; א"ר מלאכי, אין לונצס „לוח
ארץ ישראל", 1910, ז' 135; אין „התרן", ב"י,
תרפ"ד, ה' ח—ט (מיטטיילונג פון מ. קא=
סאווער).

ש.

שאַבאַד צמח (5/II 1864) געב׳ אין ווילנע. זיין פאָטער, יוסף=זעליג, איז געווען אַ מאָסקווער „זיצער“, ד״ה ער פלעגט אײַנקויפן סחורה אין מאָסקווע און זי שיקן מיט פורן קיין ווילנע און אַליין אַהיים קומען בלויז אויף יום=טובים. אויפן 5טן יאָר אָנגעהויבן צו גיין אין חדר, אָבער נאָכן טויט פון זיין



זיידן, דער מוטערס פאָטער, דעם באַקאַנטן ראש = ישיבה פון ר׳ מעלהס קלויז ר׳ יעקב = דוויד פעסקין (1873), האָט מען אים אָפּגענומען פון חדר און אים צוגעגרייט צו אַ רוסישער מיטלשול; צוערשט געלערנט אין דער ווילנער רעאַלשול, אָבער „כּדי צו ווערן אַ דאָקטאָר“ שפּעטער אַריבער אין גימנאַזיע, פאַר אַ סיכסוך מיטן אינספּעקטאָר אויסגעשלאָסן געוואָרן, אָנגעקומען אין פּראָגימנאַזיע, אַזוי=אַרום באַזוכט אַלע דריי ווילנער מיטלשולן, געהאַט פאַרשיידענע חברים, צ״אַ דעם שפּעטער באַרימטן „שליסעלבורגער“ יוזעף לוקאַשעוויטש, און זיך אָנגעזען פאַרשיידענע דעמאָלטיקע פּעדאַגאָגן. 1881 צוזאַמען מיט די עלטערן אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, אַריין אין 6טן קלאַס פון דער II גימנאַזיע, דורך זיין חבר מענדל מאַרעק (אַ ברודער פון פּסח מ׳; האָט געשריבן שיינע רוסישע פערזן אַ לאַ נעקראַסאָוו) זיך באַפריינדעט מיט אַ רעוואָלוציאָנערן קרייזל פון דער גימנאַזיע, צו וועלכן עס האָבן צ״אַ געהערט מיכאַיל גאָץ, אָסיפּ מינאָר, זובאַטאָוו, פיל געלייענט פון דער ראַדיקאַלער און פאָלקיסטישער רוסישער ליטעראַטור, אַרויסגעטרעטן פון דער פאַרגימנאַסטער גימנאַזיע און אַריין אין וועטערינאַרן אינסטיטוט אין קאַזאַן, שפּעטער אָבער זיך באַטראַכט, אַז „אַלס דאָקטאָר קען מען מער העלפן דער מענטשהייט“— 1884 מאַטורירט אַלס עקסטערן און אַריבער אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט, וועלכן געענדיקט 1889, פּראַקטיצירט אין מאָסקווע, געאַרבעט אין שפּיטאָל, 1893 געפאָרן אויף דער עפּידעמיע פון דער כאָלערע אין קאָזלאָווער דיסטריקט, דאַן פאַרבראַכט 8 חדשים אין ווין זיך צו פאַרפולקומען אין דער מעדיצינישער וויסנשאַפט, פאַר זיין דיסערטאַציע וועגן צוקערקראַנקהייט אויפן גרונד פון אייגענע עקספּערימענטן באַקומען דעם טיטל ד״ר, וואָס פלעגט אין רוסלאַנד געבן רעכט אויף פּראָפעסור (די דיסערטאַציע, אַ בוך פון 500 ז׳, געדרוקט אין מאָסקווע, געהערט עד=היום צו די קוואַליפיצירטסטע אַרבעטן אויף דעם געביט). האַרבסט 1894 זיך באַזעצט אין ווילנע, געווען אָרדינאַטאָר אין סאַוויטש = שפּיטאָל, אַ קורצע צייט אין יאַקוב = שפּיטאָל און דערנאָך אין יידישן, באַקומען אַ גרויסע פּראַקטיק אַלס איינער פון די בעסטע אינטערניסטן אין לאַנד, וויצעפּאָרזיצער פון דער מעדיצינישער געזעלשאַפט אין ווילנע (פּאָרזיצער איז פּראָפ׳ שימאַנסקי—מאַרשאַל פון פּוילישן סענאַט).—שוין יונגערהייט גענומען אַן אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, געהאָלפן גרינדן די אָוונטשול פאַר פרויען אין ווילנע אאַז״וו. 1902 געווען איינער פון די פיר ווילנער דעלעגאַטן אויף דער ערשטער באַראַטונג פון דער „חברה מפיצי השכלה“ אין

פט"ב, אַ גרויסן אָנטייל גענומען אין דער אָונטשול פאַר מענער, דער עיקר פון דער גרופּע אויף צוצוגרייטן יידישע לערער. 1904 — 5 געווען איינער פון די גרינדער פון דער יידישער דעמאָקראַטישער גרופּע (צוזאַמען מיט ל. בראַמסאָן, בער ברוצקוס, ב. לאַנדוי, ביקערמאַן, גורעוויטש א"אַ), 1905 זיך באַטייליקט אין דער אָרגאַניזאַציע פון באַוואָפנטער זעלבסטהילף און פון דער פאַראייניקונג פון דעלעגאַטן פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען (ס"ר, פ"ס, ס"ד, לס"ד א"אַ) אין אַ סאַניטאַרער אָפטיילונג בשעת דעם דעצעמבער = אויפשטאַנד, 11/XII אַרעסטירט, אַ האַלב יאָר אָפגעזעסן אין לוקישקער תפיסה, פאַרמשפט געוואָרן אויף 3 יאָר פאַרשיקונג, וועלכע איז אים פאַרביטן געוואָרן אויף אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד, אַ יאָר צייט געלעבט אין בערלין, היידעלבערג, שווייץ, לאָנדאָן, 1907 באַקומען די דערלויבעניש צוריקצוקומען קיין ווילנע, אַ יאָר געווען אונטער אויפזיכט פון דער פאָליציי, 1913—14 געווען מיטגליד פון אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע פון די ראַדיקאַלע עלעמענטן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון ווילנער קאַנט, צווייִמאָל געווען דעלעגירט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע אויף צוזאַמענפאָרן אין פט"ב. סוף 1914—אָנהייב 1915 געדינט אַלס מיליטערישער וואָלאָנטער-דאָקטאָר (פון דעם פאַרבאַנד פון די רוסישע שטעט אין דער אָפטיילונג פון פירשט דאָלגאָרוקאָוו) אין גאַליציע, דאַן צוריקגעקומען קיין ווילנע, וואו גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין יידישן קאָמיטעט צו העלפן די געליטענע פון דער מלחמה, אין „אָזע", געווען וויצעפאָרזיצער פון דער אַלגעמיינער הילפסגעזעלשאַפט. אָבער אַ באַזונדערס גרויסע קולטורגעזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען בשעת דער דייטשער אָקופאַציע, אַלס מיטגליד פון אַ"ג צ"ק געהאַט דעם רעסאָרט פון בילדונג און פון קינדערפאַרזאָרגונג, געווען פאָרזיצער פון דער „חברה מפיצי השכלה", איינער פון די גרינדער פון איר יִנגלשול, פון דער ערשטער יידישער גימנאַזיע אַאַז"וו, 1919 אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער פון דער ערשטער דעמאָקראַטישער יידישער קהילה, זינט דאַן אויך ראַטמאַן פון ווילנער שטאָטראַט; גרינדער (1918) און לאַנגיעריקער פאָרזיצער פון ווילנער „יעקאָפאָ", פון „אָרט", פאָרזיצער פון דעם ערשטן ראַט אין בערלין; איינער פון די גרינדער און לאַנגיעריקער פאָרזיצער פון ווילנער „אָזע" (איצט „טאָז"), וויצעפאָרזיצער פון אַלפוילישן ראַט; איינער פון די גרינדער און אַקטיווסטע טוער פון יידישן צענטראַלן בילדונגס=קאָמיטעט אין ווילנע, מיטגליד פון ראַט פון דער ציש"אָ, איינער פון די גרינדער פון דער יידישער היסטאָריש=עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט א"נ פון ש. אַנ—סקי, פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט א"אַ יידישע קולטור = אינסטיטוציעס. איינער פון די גרינדער און פאָרזיצער פון דער יידישער דעמאָקראַטישער פאַרטיי, וועלכע האָט זיך, נאָך דער שפאַלטונג אין איר שוועסטער=אָרגאַניזאַציע — דער פאָלקספאַרטיי, פאַרוואַנדלט אין דער אַלפוילישער פאָלקיסטיש=דעמאָקראַטישער פאַרטיי אונטער דער אָנפירונג פון ש', ה"ד נאָמבערג, יוסף טשערניכאָוו, 1928 אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פון סענאַט אויף דער ליסטע פון דעם נאַציאָנאַליטעטן=בלאָק. — פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער יידיש=וועלטלעכער שול 1918 אויסגעוויילט אַלס ערנמיטגליד פון ווילנער יידישן לערער=פאַראיין. — מיט ש'ס

מעדיצינישער און קולטור-געזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז אויך ענג פאַרבונדן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, וועלכע ער האָט אָנגעהויבן 1886 מיט אַ סעריע נאַטורוויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין Русскій Курьеръ, צוליב אַ אַנטיסעמיטישן שטיקל פון רעדאַקטאָר לאַנין, וועלכער האָט אים אַיינגעלאַדן פאַר אַ מיטאַרבעטער פון דער דאָזיקער גרויסער טעגלעכער צייטונג, מער דאָרט זיך ניט געדרוקט, שפּעטער פאַרעפנטלעכט אייניקע אַרטיקלען אין Русское Богатство א"ר פון אָבאָלענסקי, ווי „די רעגולאַטאָרישע אייגנשאַפטן פון מענטשלעכן אָרגאַניזם" א"אַ, געשריבן אין פאַרשיידענע מעדיצינישע זשורנאַלן, אין יידיש צום ערשטן מאָל זיך געדרוקט אין „דער וואָך" א"ר פון ש. ניגער, 1915 (וועגן קלעפּיקע קראַנקהייטן; זיין סעריע אַרטיקלען „פון באָטיצבוך פון אַ מיליטער-דאָקטאָר" איז פון דער צענזור ניט דורכגעלאָזט געוואָרן). זינט דאַן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אויף פּאָליטישע און קולטור-געזעלשאַפטלעכע טעמעס אין דער ווילנער יידישע דעמאָקראַטישער פרעסע, ווי „לעצטע נייס" און ווילנער „טאָג", האָט רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן 2 ב' „ווילנער זאַמעלבוך" (ווילנע, 1916 און 1918, ז' 277 און 346), וועלכע האָבן אויפגעוועקט די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער יידיש-דייטשער פרעסע, געפונען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג אויך אין רוסלאַנד און דער ב' II האָט אַפילו אויסגעהאַלטן 2 אויפלאַגעס. אַלס המשך פון די ווילנער זאַמעלביכער" קען באַטראַכט ווערן דער „פנקס פון ווילנע בשעת דער מלחמה און אָקופּאַציע" (זע רייזען זלמן), פון וועלכן ש' איז געווען איינער פון די מיטרעדאַקטאָרן. האָט אויך רעדאַקטירט צוזאַמען מיט יוסף טשערניכאָוון „דעם פרייען געדאַנק" (אַרויס 6 נומ', 1926—27) און עטלעכע נומערן פון אַ וואָכנבלאַט „ווילנער וועגן" (1928). האָט זייער פיל אויפגעטאָן פאַר דער מעדיציניש-היגיענישער ליטעראַטור אין יידיש, זינט 1922 רעדאַקטירט דאָס צווייוואָכנבלאַט „פאָלקסגעזונט", וואו פאַרעפנטלעכט זייער פיל אַרטיקלען, שטאַרק מיטגעהאָלפן אין דער אויסאַרבעטונג פון אַ יידישער טערמינאָלאָגיע פאַר מעדיצין און היגיענע. אַחוץ אַ גאַנצער ריי בראָשורן איבער פּאָפּולערער מעדיצין, ווי בויכטיפוס, פלעקטיפוס, שקאַרלאַטין, מאָזלען, פאַרקילונג, איבער דער שטערבלעכקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ווילנע (אין יידיש, רוסיש, פּויליש, דייטש), האָט ער פאַרעפנטלעכט אין בוכפאָרם אַ גרעסערע אַרבעט א"ט „די זעלבסטשוץ פון מענטשלעכן אָרגאַניזם" (אַרויסגעגעבן דורך דער געזעלשאַפט צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן „טאָז", וואַרשע, 1925, 2טע אויפלאַגע—1927, ז' 189, מיט 33 געמעלן). האָט אויך רעדאַקטירט אַ גאַנצע ריי פּאָפּולער-מעדיצינישע בראָשורן, אַרויסגעגעבן פון דער געזעלשאַפט „טאָז".—איינער פון די פירער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור-באַוועגונג אין פּוילן, האָט ש' זיך באַטייליקט אין די יובליי-פייערונגען פון דער ערשטער יידישער שפּראַך-קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ, סעפּטעמבער 1928, אין די אינטערעסן פון יוו"א באַזוכט לעטלאַנד אאַז"וו. — 1904 איז ש' געווען איינער פון די גרינדער פון דעם פ"ג „קולטור" (צוזאַמען מיט ד"ר ל. וויגאָדסקי, מינסק).

„ווילנער זאמעלביכער", I—II; „פנקס" א"ר פון ז. רייזען; ז. רייזען, אין „ווילנער טאָג", פעברואַר 1924.

שאַגאַל מאַרק (7/VII 1887 —
) געב׳ אין אַ פאַרשטאָט פון
וויטעבסק אַלס זון פון אַ משרת אין אַ
הערינג=געשעפט. ביז 13 יאָר געלערנט

אין חדר, דערנאָך
אין דער שטאַטי=
שער רוסישער
שול, אָבער קיין
שום אינטערעס
צו די לימודים
ניט אַרויסגעוויזן,
דאַן אָנגעקומען
אין דער מאָלער=
שול פון יהודה פען, 1907 אַוועק אין
פט״ב, וואו זיך גענוג אָנגעליטן דחקות
און צוליב וואוינרעכט דאָ געלעבט אַלס
קאַמיוואַיאַזשער, דאָ אַלס לאַקיי פון אַן
אַדוואָקאַט אָדער גאָר אָן שום פּאַפּירן און
איינמאָל געזעסן דערפאַר אין אַרעסט.
אַדאַנק דער אונטערשטיצונג פון באַראָן
גינזבורג—צוערשט שטודירט אין דער שול
פאַר פאַרשפרייטן קונסט, דערנאָך אַ קורצע
צייט פאַרבראַכט אין דער שול פון לעוו
באַקסט, דאָ ערשט דערפילט זיין באַרוף.
מיט באַקסטס הילף 1910 געקומען קיין פּאַ=
ריז, באַזוכט פריוואַטע אַקאַדעמיעס, אויס=
געשטעלט זיינע אַרבעטן אין דעם „סאַלאָן
פון די אומאָפּהענגיקע״ ביז 1914, אין
דער עפּאָכע פון דעם גרעסטן אויפבלי
פון דעם קוביזם — איינזאַם געאַרבעט
אין קעגנגעוויכט צו דעם אַלגעמיינעם
שטראָם פון רעאַליזם. די ערשטע אויס=
שטעלונג פון זיינע אַרבעטן איז אַראַנ=
זשירט געוואָרן אין בערלין דורך דעם
זשורנאַל Sturm אין פרילינג 1914 און
„די דאָזיקע אויסשטעלונג האָט געגעבן אַ
שטויס דעם אויפקום פון דעם עקספּרע=
סיאָניזם, וועלכער האָט נאָך דער מלחמה
זיך פאַרשפרייט אין פראַנקרייך א״נ דער
סורעאַליזם, הגם אייניקע פאַרשטייער פון
דעם סורעאַליזם לייקענען אַפילו, אַז זיי
שטאַמען פון עקספּרעסיאָניזם״. פון בער=
לין צוריקגעקומען קיין וויטעבסק, איז
ש׳ צוליב דעם אויסבראָך פון דער וועלט=
מלחמה שוין פאַרבליבן אין רוסלאַנד.
1917 געגרינדעט אַן אַקאַדעמיע און אַ
קונסט=מוזיי אין זיין געבורטס=שטאָט, 1919
איינגעלאַדן געוואָרן פון דעם יידישן
אַקאַדעמישן טעאַטער אין מאָסקווע צו
מאַכן די וואַנט=פרעסקעס אין די זאַלן
פון טעאַטער און די ערשטע שטעלונג
פון טעאַטער. פון דאַן אָן איז דער
יידישער אַקאַדעמישער מלוכה=טעאַטער,
אַנטוויקלענדיק און פאַרענדערנדיק זיך, אין
אַלגעמיין טריי געבליבן די גרונט=עלע=
מענטן פון די דאָזיקע פרעסקעס. ש׳ס
אַרבעטן פון דעם פּעריאָד פון מלחמה
און רעוואָלוציע „אין דעם אויף דאָס ניי
דערוועקטעם היימלאַנד״ האָבן שטאַרק גע=
ווירקט אויף דעם רעסענאַנס פון דער
נייער קונסט און דער נייער גראַפיק ביי
יידן. 1922 איבער בערלין זיך צוריקגע=
קערט קיין פּאַריז, וואו ער וואוינט עד=
היום.—ש׳ האָט אילוסטרירט אָט די דאָזי=
קע אויסגאַבן: פרצעס „קונצנמאַכער״
(פ״ג ב. קלעצקין, 1914), נסתרס „אַ
מעשה וועגן אַ ציגעלע און אַ האָן״
(דערז׳ פ״ג, ווילנע, 1914), דוד האָפּ=
שטיינס „טרויער״ (פ״ג „קולטור=ליגע״,
1922, מאָסקווע), „מיין לעבן״ — 20 גראַ=
ווירן (פ״ג קאַסירער, בערלין, 1922), „די
זיבן טויט=זינד״ — 15 גראַווירן (פ״ג
קראַ, פּאַריז, 1925), „מוטערשאַפט״ פון
אַרלאַן — 5 גראַווירן (פ״ג Sans Pareil,
פּאַריז 1925), „טויטע נפשות״ פון גאָגאָל—
100 גראַווירן (פ״ג Vollard, פּאַריז), לאַ=
פאָנטענס משלים — 100 אַקוואַרעלן אין
פאַרבן און 100 גראַווירן (דערז׳ פ״ג),
„דער טייך אַמור״ — פון דעלטעי — לי=
טאָגראַפיעס אין פאַרבן (פ״ג „דעלטאַ״,
פּאַריז).— ש׳ס בילדער געפינען זיך אין

דער לוקסעמבורגער גאַלעריע אין פּאַריז, אין די מוזייען פון גרענאָבל, בערלין, דרעזדען, וויימאַר, וויסבאַדען, מאַנהיים, ווענעציע, אין דעם מוזיי פון אַלעקסאַנדער III, אין דער טרעטיאַקאָוו־גאַלעריע און אין סך פּריוואַטע קאָלעקציעס פון אייראָפּע, אַמעריקע און יאַפּאַניע. די טעאַטער־פרעסקעס געפינען זיך אין פאָיע פון דעם צושויער זאַל פון יידישן אַקאַדעמישן טעאַטער אין מאָסקווע. — „ש' דאָס איז דער גרויסער, אָריגינעלער לירישער פּאַטעטיקער, דער מיסטיקער־וויזיאָנער, דער יידישער חסיד פאַר עקסעלאַנס אין דער מאָדערנער אייראָפּעישער פּלאַסטיק, און דורכדעם איז ער געוואָרן איינער פון די שעפערס און פון די גרונדזיילן פון דעם מאָדערנעם עקספּרעסיאָניזם. ביי די אייראָפּעישע פעלקער, וואָס באַטעמען שטאַרקער דאָס נשמהדיקע, דאָס עמאָציאָנעלע, ווי דאָס שטרענג פאָרמעלע, האָט ער געפונען אַ גרויסן אָפּקלאַנג און דרך־ארץ. צייט דעם געניאַלן, אַזוי יונג פאַרשטאָרבענעם ראָמאַנטיקער מוריצי גאָטליב, וואָס האָט דער ערשטער אויפמערקזאַם געמאַכט און אַנטדעקט פאַר די קינסטלער די אויסטערלישע שיינקייט פון דעם יידישן סיוזשעט (וואָס ווערט שוין היינט איבערגעטריבן דורכן לעגיאָן שטריימלמאַכער און אַנדערע „דיבוקיסטן"), האָט קיין שום אַנדערער יידישער קינסטלער ניט אָנגערירט אַזוי די יידישע געמיטער ווי שאַגאַל. קיין שום קינסטלער האָט ניט אַרויסגעבראַכט אויף דער זון, אַנטפּלעקט אויף אַזאַ מאַסשטאַב די ספּעציפיש־יידישע פאַנטאַסטיק, נשמה־יתרהדיקייט, בענקשאַפט און אומרו... קיין שום יידישער קינסטלער איז ניט געווען אַזוי באַפרוכפערנדיק אין דער יידישער קונסטוועלט, ווי ש', דערהויפּט אויפן געביט פון גראַפיק... אין רוסלאַנד האַלט מען ש'ן פאַר אַ פוטוריסט. אָבער פון פוטוריזם האָט ער אפשר נאָר באַקומען דעם מוט און שטויס פריי צו זיין און אוודאי איז ער אויך שטאַרק באַאיינפלוסט פון קוביזם; דאָס באַווייזט אָבער, ווי דער קינסטלער איז אין פאָרם־פּראָבלעמען, וועלכע זיינען ביי אים לגמרי ניט פּרימער, אַזוי ענג פאַרבונדן מיט זיין צייט" (בער האָראָוויץ). — ש' האָט אויך פון צייט צו צייט געשריבן, צ"אַ זיין אייגענע אַווטאָביאָגראַפיע (אין יידישער איבערזעצונג א"ט „אייגענס" אין „צוקונפט" 1925, VII–VIII), אַרטיקלען אויף ליטעראַריש־קינסטלערישע טעמעס (צ"אַ אין „ליטעראַרישע בלעטער"), זכרונות („מיין אַרבעט אין מאָסקווער יידישן קאַמער־טעאַטער" — אין „דער יידישער וועלט", 1928, II) און אויך זיין שרייבן צייכנט זיך אויס מיט אַ וואונדערלעכן לעבעדיקן הומאָר, „זייער ענלעך צו זיינע מאָלערייען" (י. ליכטענשטיין).

אחוץ אַן אַ שיר אַרטיקלען אין די פאַרשיידענע צייטשריפטן, אויך יידישע, זיינען וועגן ש'ן און זיין קונסט אַרויס אַ ריי ביכער און מאָנאָגראַפיעס, דהיינו: ב. אַראָנסאָן — אין יידיש, רוסיש און דייטש (פ"ב „פּעטראָפּאָליס", בערלין, 1923); יצחק ליכטענשטיין — אין יידיש (פ"ג Le Triangle, סעריע „יידן־קינסטלער־מאָנאָגראַפיעס", פּאַריז, 1927, ז' 16, מיט רעפּראָדוקציעס פון ש'ס בילדער, 1908—1926); עפראָס און טוגענדהאָלד — אין רוסיש (מאָסקווע, 1918) און דייטש (בערלין, 1922); דויבלער (רוים, 1922); קאַרל וויטה (לייפּציג, 1923); אַנדרע סאַלמאָן (פּאַריז, 1927), וואַלדעמאַר זשאָרזש (פּאַריז, 1928); רענע שוואָב (פ"ג „טריאַנגל"); Chagall — אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען געווידמעט ש'ן (פ"ג „סעלעקטיאָן", בריסעל); נח פּרילוצקי, אין „מאָמענט"; לעאָ קעניג, „ש' און שלום עליכם"; ב. אַראָנסאָן, צו ש'ס ערשטער אויסשטעלונג אין נ"י, אין „פרייהייט" פון I/31 1926; י. פּאָשקאָ, אין „טאָג" פון II/3, 1926; ש. ראַסקין, ib, I/19 1926; מאַקסים צע, אין „צוקונפט", 1926, III; י. הערשקאָוויטש, אין „פאָלקס־צייטונג" פון XI/17 1927; זשאַק גען, אין „ליט' בלעטער", 1928, 7; יהושע פּערלע, מאַרק ש', ib, 91 און 102; ib, 41; וו. ווייַנטרויב, אין „אילוסטרירטער וואָך", 1928, 7.

שאַיאַק יהודה-הירש (10/IV 1892—
) געב׳ אין וולאָצלאַוועק, וואַר-
שעווער געגנט, אַלס זון פון אַ סוחר.
באַקומען אַ שטרענג רעליגיעזע דער-
ציִונג. האָט ער

צו 12 יאָר, נאָכן
פּאָטערס טויט,
אָנגעהויבן צו באַ-
זוכן די שטאָטישע
פּאָלקסשול, וואו
געלערנט רוסיש,
פּויליש און דייטש,
צו 15 יאָר אַוועק
קיין וואַרשע, אַריין אין דער בונדישער
באַוועגונג, געפּרוּווט זיך נעמען צו פאַר-
שיידענע מלאכות, אַרבעטנדיק אַלס
עלעקטראָטעכניקער פּאַרלוירן דעם
רעכטן פוס, דאַן געווען אַ לערער פון
יידיש און פּויליש, צו 18 יאָר אַוועק קיין
דייטשלאַנד, דאַן צו זיינע קרובים אין
פּאַריז און פון דאָרט קיין לאָנדאָן, וואו
עס האָבן געלעבט זיין מוטער און אַלע
זיינע שטיפברידער און שטיפשוועסטער.
זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ש׳ אָנ-
געהויבן מיט אייניקע לידער און דערציי-
לונגען אין לאָנדאָנער וואָכנבלאַט „דער
פּאָנאָגראַף" 1912 און מיט אַרטיקלען
און רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער
אין לאָנדאָן אין דער לאָנדאָנער פּרעסע,
ווי אויך אין „לאָדזער טאָגעבלאַט". דער-
נאָך געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער ניי
געגרינדעטער לאָנדאָנער „צייט", 1915
אַרויסגעגעבן און מיטרעדאַקטירט אַ ליטע-
ראַרישן חודש-זשורנאַל „יוגענד שטראַה-
לען" (5 נומ׳), 1916 — „דאָס נייע לע-
בען / זאַמעלבוך פאַר ליטעראַטור, קונסט
און קריטיק", ביידע אויסגאַבן—מיט דעם
אָנטייל פון די יונגע יידישע שריפט-
שטעלער, וועלכע האָבן געלעבט אין
ענגלאַנד. אָקטאָבער 1916 אַוועק קיין
קאָפּנהאַגן, אָנגעהויבן אַ אינטענסיווע
זשורנאַליסטישע טעטיקייט א״פ ש. פאַן
אין פאַרשיידענע יידיש-אַמעריקאַנישע
צייטונגען, ווי „קענעדער אָדלער", טאָ-
ראָנטער „אידישער זשורנאַל", נ״יער
„טאָג", „אידישען קעמפּפער", „ווי-
נער מאָרגענצייטונג" און „מאָרגענפּאָסט",
לאָנדאָנער „צייט", וואַרשעווער „היינט",
„מאָמענט", „אילוסטרירטע וועלט", „קאָ-
פּענהאַגענער וואָכענבלאַט", לאָנדאָנער
„העולם" א״אַ. 1917 אַרויסגעגעבן אין
שטאָקהאָלם אַ נומער פון אַ חודש-זשור-
נאַל „די אידישע וועלט". 1919 אָנגעהויבן
אויך צו שרייבן דעניש און אָפּגעדרוקט אַ
היבשע צאָל אַרטיקלען, ווי אויך אייניקע
דערציילונגען אין פאַרשיידענע דענישע
צייטונגען און זשורנאַלן. זיינע „צוויי
דערציילונגען" (פ״ג „די יודישע וועלט",
קאָפּנהאַגן, 1921, ז׳ 64) זיינען אויך
איבערגעזעצט געוואָרן אויף דעניש
און אויף דייטש אין דעם וואָכנבלאַט
Danziger Rundschau. 1922 האָט ש׳
זיך באַזעצט אַלס קאָרעספּאָנדענט פון
אַ דענישער צייטונג אין דאַנציג, וואו ער
האָט דעם אייגענעם יאָר רעדאַקטירט אַ
וואָכנבלאַט „דאַנציגער לעבען" און שפּע-
טער דאָס „דאַנציגער טאָגבלאַט". 1926
אַריבערגעפאָרן קיין בערלין אַלס רע-
דאַקטאָר פון דער פּרעסע-אַגענטור
International Press Service און אַלס
קאָרעספּאָנדענט פון „מאָמענט". 1927 זיך
ווידער באַזעצט אין לאָנדאָן, אָנהייב
1928 איבערגענומען די רעדאַקציע פון
דער עלטסטער יידישער צייטונג אין איי-
ראָפּע „די פּאָסט" (געוועזענער „אידישער
עקספּרעס"). ש׳ האָט איבערגעזעצט אַ
ריי ווערק פון סקאַנדינאַווישע דיכטער,
ווי, למשל, קנוט האַמסונס „לעצטער
קאַפּיטל" און „וואַגאַבונדן", פּעטער נאַנ-
סענס ראָמאַן „מאַריאַ".

שאַך פּאַביום (י״ב שבט 1868 —) געב׳ אין וועקשנע, זאַמעט, אַלס זון פון דעם רב, וועלכער איז פאַר זיין חריפות געווען באַקאַנט א״נ „ליי-בעלע דער אייזערנער קאָפּ״. צו 7 יאָר שוין געלערנט גמרא מיט תוספות, געשמט פאַר אַן עילוי, צו יענער צייט געבליבן אַ יתום פון פאָטער און אַ פּאָר יאָר דערצויגן געוואָרן ביי אַן אויסגעגעבע-נער שוועסטער אין ביאַליסטאָק, דער-נאָך זיך געוואַלגערט אין די ישיבות, אין דער וואָלאָזשינער ישיבה דערשמעקט דעם טעם פון השכלה, אָנגעהויבן צו שרייבן לשון-קודשדיקע מליצות און לערנען דייטש, פאַרלאָזט די גמרא און מיט אַ פּאָר רובל אין קעשענע אַוועק קיין ריגע, און אַדאַנק דער התקרבות פון די משכלים זאב קאַפּלאַן (זק״ן) און יהודה-לייב זאַסניץ דורכגעמאַכט די גימ-נאַזיאַלע לימודים, באַזונדערס זיך פאַר-אינטערעסירט מיט פילאָסאָפיע און פּסי-כאָלאָגיע, 1889 אַוועק קיין בערלין, וואו שטודירט אין אוניווערסיטעט. זינט 1891 אַן איבערצייגטער סאָציאַלדעמאָקראַט, איז ש׳ אָבער אויך געווען דורכגעדרונ-גען מיט דעם נאַר-וואָס אויפגעקומענעם יידישן נאַציאָנאַליזם און באַזונדערס שטאַרק זיך פאַראינטערעסירט מיט דער רענעסאַנס פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, געהערט צו דעם פאַר-איין פון די יידישע סטודענטן פון רוס-לאַנד, וואו מ׳האָט מיט גרויס באַגייסטע-רונג זיך מתווכח געווען איבער אַלע יידישע פּאָליטישע און ליטעראַרישע פּראָ-בלעמען. פאַרענדיקט זיין שטודיום אין בערלין, האָט ער זיך באַזעצט אין קעלן, דאָרט געגרינדעט די ערשטע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון די דייטשע יידן. ביים אויפטרעטן פון טעאָדאָר הערצל געוואָרן אַ ענטוזיאַסטישער אָנהענגער פון דעם פּאָליטישן ציוניזם, זיך באַטייליקט אין דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס און מיטגעאַרבעט ביים אויסאַרבעטן די באַ-זעלער פּראָגראַם, אָבער באַלד זיך אַנט-טוישט אין דער באַוועגונג, זיך צוריק-געצויגן פון דעם אָפיציעלן ציוניזם, שפּעטער געלעבט אין קאַרלסרו. — אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט 1892 אין דייטש מיט אַ בראָשור איבער דער רענעסאַנס פון העברעיִש א״ט Eine auferstandene Sprache, האָט ער זינט דאַן זיך באַטייליקט אַלס זשורנאַליסט, קריטיקער און עסעיִסט אין פאַרשיידענע דייטשע און דייטש-יידישע צייטונגען פון דייטשלאַנד. אַלס יידישער פּובליציסט און קריטיקער האָט ער מיטגעאַרבעט אין „יוד״, בלויז אַפּאָר אַרטיקלען פאַרעפנט-לעכט אין „פריינד״, אין א. רייזענס „יאָהרבוך פראָגרעס״, ערשט נאָך אַ הפסקה פון אַ יאָר 20 געפרווווט באַנייען זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין יידיש אין „ווילנער טאָג״ 1923 א״ר פון ז. ריי-זען. וואוינט די לעצטע יאָרן אין בערלין.

שאַליט משה (22/XII 1885 —) געב׳ אין ווילנע. צו 3 יאָר איז אים געשטאָרבן דער פאָטער. האָט געלערנט אין חדר און געענדיקט אַ קרוניש-יידישע פאָלקס-שול. זיך באַטייליקט אין דער יידישער סאָציאַ-ליסטישער באַווע-גונג אַלס טוער, דערהויפּט אויפן קולטור - געביט, פון דער גרופּע



„וואָזראָזשדעניע״ און פ״צ, געווען איינ-קע מאָל אַרעסטירט און צוליב פּאָלי-צייִשע רעפּרעסיעס געלעבט אַ פּאָר יאָר אין קיניגסבערג.—זיין ליטעראַרישע טע-

טיקייט האָט ש׳ אָנגעהויבן 1906 מיט
אַ מאָנאָגראַפּיע אין רוסיש וועגן ביל״ו
(שפּעטער אַרויס פאַרקירצט אין אַ יידי=
שער איבערזעצונג) און מיט רעצענזיעס
וועגן ביכער איבער דער נאַציאָנאַלער
פראַגע אין מ. לעמקעס ביבליאָגראַפישן
זשורנאַל Книга, אין דעם אייגענעם יאָר
אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש אַלס נאָענ=
טער מיטאַרבעטער פון דעם ציוניסטישן
וואָכנבלאַט „דאָס יודישע פאָלק" א״ר
פון יוסף לוריא, 1909 מיטגעאַרבעט אין
דער ווילנער „אידישער צייטונג", אַרויס=
געגעבן פון פ. מאַרגאָלין, זיך אויך באַ=
טייליקט אין אַ גאַנצער ריי יידישע צייט=
שריפטן פון רוסלאַנד, פוילן און אַמע=
ריקע, ווי „דאָס נייע לעבען" פון ד״ר
ח. זשיטלאָווסקי, פון וועלכן זשורנאַל
ער איז אַ קורצע צייט געווען רעדאַקטאָר
בעת זיין באַזוך אין אַמעריקע (1914),
„דער אידישער קעמפּפער", „דאָס אידי=
שע פאָלק", „די יודישע וועלט", Paз-
свѣтъ, אויך אין „הזמן", „העולם" א״אַ
העברעישע אויסגאַבן, וואו זיינע אַרטיק=
לען, איבערגעזעצטע פון יידישן כתב=
יד, האָבן זיך געדרוקט אין משך פון
יאָרן. ער האָט רעדאַקטירט דאָס זמ״ב
„פאָלק און לאַנד", געווידמעט דער פי=
לאָסאָפיש = געזעלשאַפטלעכער אויפקלע=
רונג און דער קריטיק פון דעם ציוניזם
(ווילנע, 1910), צוזאַמען מיט דוד איינ=
האָרן — די צייטונג „דאָס פאָלקסבלאַט"
1911 (אַרויס אַ קורצע צייט), צוזאַמען
מיט באָריס גאָלדבערג—דעם לוח „קדימה"
(1913 — 1914), צוזאַמען מיט ד״ר צ.
שאַבאַד — די „ווילנער זאַמעלביכער".
בשעת דער וועלט=מלחמה האָט ער מיט=
געאַרבעט אין די ווילנער צייטונגען
„דער פריינד", „דאָס פאָלק", 1914 — 15,
„לעצטע נייס", 1916—1918, „יידישע צײ=
טונג", 1919, געווען אַ נאָענטער מיטאַר=
בעטער פון דעם צעירי=ציוניסטישן וואָכנ=
בלאַט „אונזער עתיד" (1918) א״אַ. 1920
אַרויסגעגעבן העפטן פאַר ליטעראַטור,
קונסט און פובליציסטיק א״ט „לעבען"
(אַרויס 10 ה׳, פון וועלכע די ה׳ VII – IX גע=
ווידמעט ש. אַנ–סקין און זיין „דיבוק" און
איין ה׳ – „פון די מלחמה=יאָרן"). לעצטנס
איז ער אַ מיטאַרבעטער פון די „ליטעראַ=
רישע בלעטער", „ביכער=וועלט", „יידי=
שער וועלט", וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט
זייער פיל רעצענזיעס און ביבליאָגראַ=
פישע אַרטיקלען. האָט אויך געשריבן
א״פ מ. זלמנסאָן, Jew, מ. ש., ש — ט,
מ. — ז. א״אַ. פון זיינע קריטישע אַרטיק=
לען איז אין בוכפאָרם אַרויס אַ זאַמלונג
א״ט „ליטעראַרישע עטיודען" — וועגן
מענדעלע, ש״ע, פּרץ, בערגעלסאָן, איינ=
האָרן, לעוואַנדאַ, זשיטלאָווסקי, נתן בירנ=
בוים (פ״ג ש. שרעבערק, ווילנע, 1920, ז׳
82). אונטער זיין רעדאַקציע איז ערשינען
דאָס בוך „די עקאָנאָמישע לאַגע פון די
יידן אין פוילן און די יידישע קאָאָפּעראַציע"
(אַרויסגעגעבן פון פאַרבאַנד פון די יידי=
שע קאָאָפּעראַטיוון אין פוילן, וואַרשע,
1926, ז׳ 154) און דער אילוסטרירטער
געזעלשאַפטלעכער לוח א״ט „פון יאָר
צו יאָר" (אַרויסגעגעבן זינט 1926 פון
דעם פאַרבאַנד פון צענטראַלעס פאַר
יתומים=פאַרזאָרגונג אין פוילן). גרייט צו
אַ פנקס פון „יעקאָפּאָ" א״ט „אויף די
חורבות פון מלחמות און מהומות".—אויף
דעם געזעלשאַפטלעכן געביט האָט ש׳
אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט, איז
בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע אַלס
פאָרשטייער פון „חברה מפיצי השכלה"
געווען איינער פון די גרינדער (און לאַנג=
יעריקער לערער) פון דער ערשטער יידי=
שער שול מיט דער יידישער אונטעררי‍כט=
שפּראַך אין ווילנע (ייִנגלשול פון דער
חמ״ה), פאַרוואַלטער פון פאָלקס=אוני=

ווערסיטעט און לעקטאָר פון דער יידי-
שער ליטעראַטור, פּאַרזיצער פון דער
היסטאָרישער קאָמיסיע ביי חמ"ה אאַז"ו.
1918 געווען גענעראַל-סעקרעטאַר פון
דעם קאָמיטעט צו אָרגאַניזירן די ער-
שטע יידישע דעמאָקראַטישע קהילה אין
ווילנע. אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר פון
הילפסקאָמיטעט פאַר די געליטענע פון
דער מלחמה („יעקאָפּאָ") האָט ער אין משך
פון 10 יאָר צייט זינט 1918 פיל מיטגע-
האָלפן דער אויפבויונג פון דער ווילנער
פּראָווינץ. האָט אויך מיטגעאַרבעט אַלס
מיטגליד פון פּרעזידיום פון „אָרט", „אָזע"
א"אַ, אייניקע מאָל געווען פּאַרזיצער
פון ווילנער ליטעראַטנפאַראיין, די לעצטע
יאָרן פּאַרזיצער פון דער ווילנער היסטאָ-
ריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט א"נ
פון ש. אַנ-סקי, 1928 פּאַרזיצער פון
פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּעראַטיווע
געזעלשאַפטן אין פּוילן; פּאַרזיצער פון
ראַט פון דער צענטראַלער יידישער עמי-
גראַציע-געזעלשאַפט „יעאַס" אין פּוילן,
מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון „עמיג-
דירעקט" אין בערלין, פון ראַט פון
„היקעם" („היאַס-יק"א-עמיגדירעקט") אין
פּאַריז א"אַ.

שאַלמאַן (שַלְמַן) **אהרן** (5/III 1875
) געב' אין כערסאָן. זיין זיידע
האָט געשטאַמט פון וויטעבסקער גוב',
דער פאָטער איז געווען אַן אָנגעשטעל-
טער אין אַ געהילץ-געשעפט. ביז 14 יאָר
געלערנט אין חדר גמרא, אויך רוסיש,
שפּעטער געווען אַ אָנגעשטעלטער אין
אַ מאַנופאַקטור-געשעפט, נאָך דער חתונה
זיך באַזעצט אין נאָוואָ-וואָראָנצאָווקע,
גענומען אַן אָנטייל אין דער ציוניסטי-
שער באַוועגונג, 1909 אויסגעוואַנדערט
קיין אַרגענטינע און זיך באַזעצט אין
ראָזאַריאָ — דער גרעסטער שטאָט און
גרעסטער יידישער קהילה אין לאַנד נאָך
בוענאָס-איירעס, צוזאַמען מיט מיכל
הכהן סיני און יצחק דראַפּקין געגרינ-
דעט די ערשטע אַגודה א"נ „ליגאַ ד"ר
הערצל" און געווען טעטיק אויך אין
אַנדערע יידישע געזעלשאַפטן, אין צו-
זאַמענהאַנג מיט זיין געזעלשאַפטלעכער
טעטיקייט אָנגעהויבן צו שרייבן קאָרעס-
פּאָנדענצן און אויך אַרטיקלען אין דעם
דעמאָלט איינציקן „אַרגענטינער וואָכנ-
בלאַט" א"ר פון יעקב ש' ליאַכאָוויצקי
אין בוענאָס-איירעס, זינט דאַן אויך מיט-
געאַרבעט כמעט אין אַלע יידישע אויס-
גאַבן פון אַרגענטינע, בפרט אין די
טאָגבלעטער „די אידישע צייטונג" און
„די פּרעסע" (ביז די לעצטע איז געוואָרן
אַנטיציוניסטיש). אָבער די יידישע גע-
זעלשאַפטלעכקייט אין ראָזאַריאָ האָט
זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט, אַז ס'האָט
זיך געשאַפן די נייטיקייט אין אַ לאָ-
קאַלן אָרגאַן, און 14/I 1921 האָט ש'
געגרינדעט דאָס ערשטע יידישע וואָכנ-
בלאַט אין שטאָט א"ט „אונזער שפּיגעל",
וואָס האָט זיך צוליב די שוועריקייטן
מיט דער דעמאָלט איינציקער קליינער
דרוקעריי אָפּגעשטעלט אויפן 6 נומ';
דאַן אין משך פון 3 יאָר ווידער מיט-
געאַרבעט אין דער בוענאָס-איירעסער
פּרעסע, ביז ער האָט דעם 1/II 1924
מיט דער הילף פון דעם ראָזאַריער סוחר
יצחק בלעכער געגרינדעט אַ ניי וואָכנ-
בלאַט „דער וועקער", וואָס איז אויפן
49טן נומ' אַריבער אונטער אַ נייער רע-
דאַקציע, ענדערנדיק דעם טיטל אויף
„ראָזאַריער וואָכנבלאַט", זינט דאַן צוריק-
געצויגן פון דער יידישער פּרעסע, פון
וועלכער ער איז געווען דער פּיאָניער
אין ראָזאַריאָ.

שאַלקאָוויטש אברהם-לייב (אדר
1866—כ' אלול 1921) געב' אין זשעלו-
דאָק, ווילנער געגנט. ביז 18 יאָר גע-

לערנט ש״ס און פּוסקים אין זשעטל, ראַדין, קרעווע, וואַשילישאָק, דאַן געלעבט אַ פּאָר יאָר אין קאָוונע אַלס העברעיִשער לערער און זיך אָפּגעגעבן מיט אַלגעמיינער בילדונג. נאָך דער חתונה מיט אַ שוועסטער פון יהואש (צפּורה בלומגאַרטן) זיך באַזעצט אין ווילנע, אָבער באַלד איינגעלאַדן געוואָרן קיין וואַרשע אַלס סעקרעטאַר פון „בני־משה“, דאָ אָנגעהויבן זיין פאַרלעגערישע טעטיקייט מיט דער ביליגער ביבליאָטעק „ספרי אגורה“ (1891 — 93), וועלכע האָבן געהאַט גרויס ערפאָלג, בפרט ש׳ס אייגענע דערציילונגען א״פּ בן־אביגדור. דאַן האָט ער געגרינדעט דעם פ״ג „אחיאסף“, אָבער ניט שטימענדיק מיט די שותפים אין 3 יאָר אַרום זיך צוריקגעצויגן און געגרינדעט דעם פ״ג „תושיה“, וועלכער האָט געשפּילט די גרעסטע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור און פאַרלעגעריי. אַליין אַ אויסגעשפּראָכענער העברעיִסט און ציוניסט, האָט אָבער ש׳ אָנערקענט די גרויסע באַדייטונג פון יידיש, און הגם ער אַליין האָט קיין יידיש כמעט ווי ניט געשריבן (בלויז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן — איניקע אַרטיקלען אין דער וואַרשעווער ציוניסטישער פּרעסע, ווי „דאָס יודישע פאָלק“ א״אַ), האָט ער אָבער אַלס פאַרלעגער פון צייט צו צייט געפּרווט אויך אַרויסגעבן יידישע אויסגאַבן, ווי די וואָכנבלעטער „יודישע פאָלקסצייטונג“ און „יודישע פרויענוועלט“ א״ר פון מ. ספּעקטאָר און ח״ד הורוויץ (1902—3), אַלס פּרעמיע דערצו ש״ע׳ס ווערק אין 4 ב׳ (די ערשטע אויסגאַבע פון ש״ע׳ס געזאַמלטע שריפטן), דאָס זמ״ב „הילף“ א״ר פון ש״ע (פ״ג „פאָלקסבילדונג“, ווי ס׳האָט געהייסן די יידישע עקספּאָזיטור פון „תושיה“, 1903), וועלכער האָט אַגב אין דעם דאָזיקן זמ״ב איבערגעזעצט ש׳ס „פּאַטאַמאָרגאַנאַ (אַ מין חלום)“, דאָס טאָגבלאַט „די צייט“, אויך א״נ „נייע צייטען“ און „יודישע צייטונג“ — צוליב די רעפּרעסיעס פון דער צאַרישער מאַכט, בשותפות מיט פּייוול מאַרגאָלין. א״ר פון בנציון כ״ץ (ווילנע, 1905—6). אַ גרעסערע פאַראינטערעסירטקייט אין דער יידישער ליטעראַטור אַלס פאַרלעגער האָט ש׳ אַרויסגעוויזן זינט 1911, ווען זיין פ״ג „תושיה“ איז אַריין אַלס שותף אין דער פאַרלאַגסגעזעלשאַפט „צענטראַל“. 1920 האָט ער אין די אינטערעסן פון פ״ג באַזוכט אַמעריקע (דאָס ערשטע מאָל געווען אין אַמעריקע 1908), צוריקוועגס זיך אָפּגעשטעלט אין קאַרלסבאַד, בשעת דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, און דאָרט פּלוצלונג געשטאָרבן.

„בן־אביגדור / לחג יובלו / במלאת עשרים וחמש שנה לעבודתו הספרותית והמו״לית (תרנ״א — תרע״ו)“, מיט אַ יידישער ביילאַגע מיט אַרטיקלען פון הלל צייטלין, ר. בריינין, ש״י סטופּניצקי, עמנואל, א. ר. מאָסעוויצקי, י. אוגער, ח. יוספזאָן (וואַרשע, אויסגאַבע פון „וועד היובל“, 1916, ז׳ 68); „אַלט־ניילאַנד“, 1919, II (ש׳ס ענטפער אויף דער אַנקעטע וועגן דער שפּראַכפראַגע אין א״י); ע. ג. פרענק, אין פּרצעס „יודישער ביבליאָטעק“, II, ז׳ 334—340; א. רייזען, „עפּיזאָדן פון מיין לעבן“.

שאַמי(ע)ם שאָלי (שלום) (1888 —) געב׳ אין אַ קרעטשמע אויפן גרויסן שאָסיי־טראַקט פון זוויהיל קיין זשיטאָמיר. דערצויגן געוואָרן אין קאַמינעבראָד, וואו זיין פאָטער האָט געאַרבעט אויף אַ פאַיאַנס־פאַבריק אַלס מאָדעלמייסטער (1919 אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע אַרבעטער פון דער פאַבריק דורך באַנדיטן). געענדיקט צו 12 יאָר די פאַבריקשול, האָט ש׳ צוערשט געאַרבעט אויף דער פאַבריק, דאַן אַוועק אויף אַ קאָנדיציע צו אַ ישובניק אַלס

לערער, דערביי זיך אַליין געלערנט, דאַן אַוועק קיין אָדעס, וואו יאָרנלאַנג געאַרבעט אין די פאַבריק-לאַגערס פון פאַיאַנס וואָלין, טיפליס. וואויט איצט ווידער אין אָדעס.—האָט זינט 1909 געדרוקט בילדלעך אין דער וואַרשעווער „בייער וועלט" (דורך משה טייטש), אָדעסער „גוט מאָרגען". 1912 פאַרעפנטלעכט אַ ביכל א"ט „פריהלינגספונקען (לידער אין פראָזע)" (פ"ג „יוגענד", אָדעס, 1912, ז' 16). שפעטער געשריבן בילדלעך אין אָדעסער „אונזער לעבען", אין דער יידיש-סאָוועטישער פרעסע, אין „אָדעסער אַרבעטער".

שאָמער אברהם (2/VIII 1876 —) געב' אין פינסק אַלס זון פון דעם באַרימטן יידישן שריפטשטעלער נחום-מאיר שייקעוויטש (זע שמ"ר).



דערצויגן געוואָרן אין פינסק, אָדעס און ווילנע, וואו געלערנט אין חדרים, שטאָטישע שולן און ביי פריוואַטע לערער. צו 15 יאָר אויסגעוואַנדערט מיט די עלטערן קיין אַמעריקע, געהאָלפן דעם פאָטער אין זיין דרוקעריי-געשעפט און אין אַרויסגעבן די צייטשריפטן „דער מענשענפריינד", „דער טעלעפאָן", „דער אידישער פאָק" א"אַ, צו דער זעלבער צייט זיך צוגעגרייט צום שטודיום פון יוריספרודענץ, 1896 אַריין אין אוניווערסיטעט, וועלכן געענדיקט 1900 אַלס יוריסט, דאַן אָנגעהויבן צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין יידיש-געזעלשאַפטלעכע ענינים, געוועזן איינער פון די איניציאַטאָרן און גרינדער פון דער שוץ-געזעלשאַפט פאַר יידישע עמיגראַנטן „היאַס" Hebrew Immigrant Aid Society (1902), געוועזן איינער פון די גרינדער פון דעם קעשעניעווער הילפס-קאָמיטעט פאַר די געליטענע פון דעם קעשעניעווער פאָגראָם, פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט צו העלפן קעשעניעווער יידן אין אַמעריקע אַריבערצונעמען צו זיך זייערע עלטערן, פרויען און קינדער, שוועסטער און ברידער, און אַדאַנק זיין ענערגישער אַרבעט זיינען אין משך פון אַ יאָר צייט עטלעכע הונדערט צעריסענע פאַמיליעס פון קעשעניעוו צוזאַמענגעבראַכט געוואָרן אין אַמעריקע. אַלס אַדוואָקאַט האָט ער אויך אויסגעראָט די באַנדע כוליגאַנעס אין ברוקלין, וועלכע פלעגן באַפאַלן יידישע טרויערער אויף דעם בית-עלמין. די יידישע צרות האָבן ש'ן ניט געלאָזט רוען און אין רעזולטאַט פון זיין אַריינטראַכטן זיך אין דער יידישער פראַגע איז ער 1904 אַרויס מיט דער אידעע, אַז די יידן פון דער גאַנצער וועלט מוזן גרינדן אַ פערמאַנענטן דעמאָקראַטיש געוויילטן קאָנגרעס מיט די נויטווענדיקע עקזעקוטיווע באַאַמטע, וועלכע זאָלן דורכפירן די באַשלוסן פון קאָנגרעס און פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דעם יידישן פאָלק. ניט קוקנדיק אויף דעם חוזק און דער קריטיק פון אַלע זייטן, האָט ער די דאָזיקע אידעע ניט אויפגעהערט צו פאַרשפרייטן דורך גרינדן קאָמיטעטן, דורך וואָרט און דורך שריפט, און אַזוי ווי די פרעסע האָט ניט געוואָלט דרוקן זיינע אַרטיקלען איבער דער יידישער קאָנגרעס-אידעע, האָט ער זיי אַליין אַרויסגעגעבן אין בראָשורפאָרם אויף יידיש און ענגליש און פאַרטיילט צווישן פאָלק אומזיסט, דהיינו: „ווי מיר קענען זיך העלפען, אַ לעזונג פון דער אידישער פראַגע אַדרעסירט צו אַלע אידען"; „אַ פלאַן פאַר דער גרינדונג פון אַ פער-

מאַנעטען אינטערנאַציאָנאַלען אידישען קאָנגרעס"; די סעריע אַרטיקלען: "וואָס איז דער קאַמפּף פון אידישען פאָלק?", "וואָס איז אַ איד?", "די אידישע פראַגע אינ'ם ליכט פון יוריספּרודענץ"; דאָס בוך "די הויפּט=אורזאַכע פון דעם אַנטיסעמיטיזם"; די סעריע: "די אידישע פראַגע אין דעם ליכט פון פּסיכאָלאָגיע", "אידישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס און דאָס אידישע פאָלק", "די אידישע היימלאַנד און די אידישע פראַגע" אאַז"וו. די דאָזיקע שריפטן ש'ס האָבן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פאַרשיידענע לענדער, זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, אָבער ערשט בשעת די מלחמה=יאָרן, ווען די וויי־געשרייען פון די יידן אין די מלחמה=לענדער זיינען געוואָרן אַזוי שרעקלעך, אַז די יידן אין אַמעריקע האָבן ניט געקענט פאַרבלייבן רויִק, האָט ש'ס אידעע פאַר אַ יידישן קאָנגרעס אַרויסגערופן אַ גאַנצע באַוועגונג און סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן, סיי אין קאַנאַדע א"אַ מדינות האָבן זיך געשאַפן יידישע קאָנגרעסן, הגם ש' האַלט, אַז "די יידן פון דער וועלט זיינען נאָך אַלץ פּאָליטיש אומרייף, זיי פאַרשטייען נאָך אַלץ ניט די ריכטיקע באַדייטונג פון דער קאָנגרעס=אידעע". 1919 איז ש' געוועזן פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט אין אַמעריקע, וועלכער האָט אַראַנזשירט דעם היסטאָרישן פּראָטעסט־מיטינג קעגן די עקסצעסן אויף די יידן אין פּוילן, אין מעדיסאָן=סקווער=גאַרדן, מיט הונדערטער טויזנט יידן אַרום דעם בנין, וואו דער מיטינג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן. אַ סך צייט, ענערגיע און מיטלען האָט ש' אויך אָפּגעגעבן די פאַרשיידנסטע יידישע אינסטיטוציעס און דעם ציוניזם, אַ לאַנגע צייט אויך געוועזן מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, פון קרן=היסוד, אַ יאָר צייט געוועזן נשיא פון אָרדען "בני ציון", באַזונדערס געוועזן אַקטיוו אין דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, פאַרנומען פאַרשיידענע עקזעקוטיווע אַמטן, לעצטנס איינער פון זיינע וויצעפּרעזידענטן, אָבער ער איז אומצופרידן מיט דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע "איז ניט דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס, וואָס באַדאַרף צו זיין; עס איז מער אַ נאָמען ווי אַ ווירקלעכקייט". ער האָט אויך גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן אַלס מיטגליד פון "סיטיזענס יוניאָן" און דער רעפּובליקאַנער=פּאַרטיי; אַלס פּערזענלעכער פריינד פון טעאָדאָר רוזוועלט איז ער געוועזן פאָרזיצער פון דעם רוזוועלט=קאָמיטעט פון פּראָמינענטע יידן אויסצווויילן רוזוועלטן אַלס פּרעזידענט (1904); שפּעטער געוועזן אַ אָנהענגער פון פּרעזידענט ווילסאָן און פיל צייט געווידמעט צו אַגיטירן פאַר דער פעלקער=ליגע. — ש' אַלס דראַמאַטורג האָט געשריבן סיי פאַר דער יידישער בינע סיי פאַר דער אַמעריקאַנישער, און זיינע טעאַטערשטיק האָבן אָפט געהאַט זייער אַ גרויסן ערפאָלג. ער האָט פאַרפאַסט אויף יידיש: "די אָלרייטניקעס" — סאַטירע=קאָמעדיע אין 4 אַ' (1910); "אויפן ים אָדער דער געלער פּאַספּאָרט" — דראַמע אין 4 אַ' (1911); (געגאַנגען אויך אויף דער ענגלישער בינע); "אייקעלע מזיק"—קאָמעדיע=דראַמע אין 3 אַ' מיט אַ פּראָלאָג (1910); "דער סוד"—דראַמע אין 4 אַ' (1912); "דער נייער דור" — דראַמע אין 4 אַ' (אַדאָפּטירט פון הייערמאַנס "קעטען גליעדער"—1911); "ברוך דיין אמת" — דראַמע אין 4 אַ' (אַדאָפּטירט פון דער דייטשער דראַמע "טרוימולוס"—1911); "קלאָרע משוגעים"— קאָמעדיע אין 1 אַ'; "סטייל" — דראַמע

אין 4 אַ׳ (1913); „דער גרינער מיליאָנער״ — קאָמעדיע אין 4 אַ׳ (1915); „אַ געהיימניס אָדער דאָס גייסטערהויז״ — פאַרס-קאָמעדיע אין 3 אַ׳ (1918); „התקווה״ — דראַמע אין 3 אַ׳ (1921); „דער קאַמף״ — דראַמע אין 4 אַ׳ (1922); אויף ענגליש: „דער געלער פאַספאָרט״ — איינאַקטיקע דראַמע; „היינטיקע צייטן״; „דער אינערלעכער מענטש״ — קאָמעדיע-דראַמע; „דאָס געהיימניס פון אַ קאַמער״ — פאַרס-קאָמעדיע אין 3 אַ׳ א״אַ. — די לעצטע יאָרן האָט ש׳ זיך געווידמעט דער קינאָ-קונסט און האָט צ״אַ שוין אויפגעפירט אויפן לייוונט פאָלגנדיקע דראַמען זיינע: „הערשנדיקע ליידנשאַפטן״, „דער הייליקער פלאַם״, „דאָס אינערלעכע ליכט״, „דאָס געהיימניס פון אַ קאַמער״, „היינטיקע צייטן״ א״אַ. אַרבעט אויך שוין איבער 20 יאָר אויף אַ גרויס ווערק „די וויסנשאַפט פון דער מענטשלעכער געשיכטע״, וואו ער וויל אויפווייזן, אַז מ׳קען מיט זיכערקייט פאָרויסזאָגן די צוקונפט פון נאַציעס אויפן גרונט פון פונדאַמענטאַלע נאַטור-געזעצן, פון וועלכע די געשיכטע פון דער מענטשהייט ווערט קאָנטראָלירט. וואוינט די לעצטע יאָרן אין האָליוואוד, דעם צענטער פון דער אַמעריקאַנער פילם-אינדוסטריע.

ב. גאָרין, „געשיכטע פון אידישן טעאַטער״; „דער פאַטער פון דער יידישער קאָנגרעס-אידעע״, אין „דער צייט״, 1922 (צו ש׳ס באַזוך אין לאָנדאָן).

שאָמער-צונזער מרים (1882 —) געב׳ אין אָדעס — אַ טאָכטער פון **נחום-מאיר שייקעוויטש** (שמ״ר). 1891 געקומען מיט די עלטערן קיין אַמעריקע, וואו זי האָט דורכגעמאַכט די עלעמענטאַרשול, דעם שטאַט-אוניווערסיטעט פון נ״י, ספעציעלע קורסן אין קאָלומביאַ-אוניווערסיטעט און מעטראָפּאָליטאַן-קונסט-מוזיי, האָט שטודירט קונסט אין „עדיוקיישאָנאַל-אַלייענס״ און „קופער-יוניאָן״ אין נ״י, שפעטער געווען אַ לערערין פון קונסט אין „עדיוקיישאָנאַל אַלייענס״, 7 יאָר אַ לעקטאָרין איבער קונסט אין דעם נ״י׳ער „ראַט פאַר דערציִונג״ („באָאַרד אָוו עדיוקיישאָן״), קלוב-דירעקטאָרין אין דער „היברו עדיוקיישאָנאַל סאָסייעטי״ אין ברוקלין, 1920 — 21 געווען פרעזידענטין פון ברוקלינער אָפטיילונג „הדסה״, דעלעגאַטין צום ערשטן יידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע. — איר ליטעראַרישע טעטיקייט האָט זי אָנגעהויבן אַלס זשורנאַליסטין אין ענגליש — אין דער ענגלישער אָפטיילונג פון „דער אידישער וועלט״ 1903 (זע מאַסליאַנסקי), 1905 מיטגעאַרבעט אין דער ענגלישער זייט פון דעם „יידישן טאָגעבלאַט״, אין יידיש געשריבן פאָעמען אין פראָזע און מיניאַטורן אין א. רייזענס „דאָס נייע לאַנד״ און שפעטער אין „טאָג״ א״אַ. האָט רעדאַקטירט די פרויען און קינדער-אָפטיילונג פון דעם ענגליש-יידישן זשורנאַל Jewish News. צוזאַמען מיט איר יינגערער שוועסטער ראָזע ש׳ פאַרפאַסט אַ ריי דראַמען און קאָמיטראַגעדיעס, ווי: „איינע פון פאָלק״, אויפגעפירט און געשפילט מיט ערפאָלג פון דער באַרימטער יידיש-ענגלישער שוישפילערין בערטע קאַליש (1920); „די מאַכט פון געזעץ״ (שפעטער געענדערט דעם טיטל אויף „קאַרניוואַל״), אויפגעפירט פון סעמיועל גאָלדענבערג און סילי אַדלער אין

פילאַדעלפיע (1924), „ווער איז די מיידל״ (1926), א״אַ, באַהאַנדלענדיק אין זיי דערהויפּט פאַמיליען־פּראָבלעמען אין פעמיניסטישן גייסט. האָט אויך געשריבן אייניקע קינדער־פּיעסן און צוזאַמען מיט ראָזען אַ ראָמאַנטישע אָפּערעטע „דאָס צירקוס־מיידל״, אויפגעפירט פון יעקב קאַליך, הארבסט 1928, מיט מאַלי פּיקאָן אין דער טיטלראָלע (מוזיק פון יוסף רומשינסקי), וועלכע ד״ר א. מוקדוני באַצייכנט אַלס ווייטערן שריט אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אָפּערעטע. 1928 האָט זי צוזאַמען מיט איר מאַן, דעם אַדוואָקאַט און עסקן קלמן (טשאַרלז) צונזער, דעם עלטסטן זון פון אליקום צ׳, באַזוכט איירָאָפּע.

שאָמער ראָזע (1887 —) געב׳ אין אָדעס. צוזאַמען מיט די עלטערן אַלס קינד געקומען קיין נ״י, וואו זי האָט דורכגעמאַכט די מיטלשול אוז פאַרשיידענע קאַלעדזש־קורסן, ווי פאַר ביזנעס, פאַר פילאַנטראָפּיע, פאַר כלל־טוערײַ,

אייניקע יאָר געווען פאַרבונדן אַלס אויפזעערין פון די „יונייטעד היברו טשאַריטיס״, געווען דעלעגאַטין צום יידיש־אַמעריקאַנישן קאָנגרעס אין אַמעריקע, געווען איינע פון די אָרגאַניזאַטאָרינס פון דעם „רויטן מגן־דוד״ בשעת דער וועלט־מלחמה, גרינדערין און פאַרוואַלטערין פון דעם „יידישן פּאָבליסיטי ביוראָ״ אין נ״י. צוזאַמען מיט איר שוועסטער מרים פאַרפאַסט די פּיעסן „איינע פון פאָלק״, „די מאַכט פון געזעץ״, „ווער איז די מיידל״ א״אַ. פאַרהייראַט מיטן דיכטער יצחק בלום.

שאַפּיראָ (שפּיראָ) חווה (ט״ו טבת תרל״ט —) געב׳ אין סלאַוואוטע, וואָלין, אַן אוראייניקל פון דעם „סלאַוואוטער רבי״ רב פּנחס קאָרעצערס זון, דעם גרינדער פון

דער באַרימטער דרוקערײַ. אונטער דער ווירקונג פון דער מוטער בסוד אויסגעלערנט העברעיִש און פרעמדע שפּראַכן, וואָס ס׳איז אין דער פרומער סביבה אירער געווען פאַרבאָטן, שפּעטער שטודירט אין ווין, מינכען און בערן, 1910 באַקומען דעם טיטל ד״ר פאַר דער דיסערטאַציע „ליכטענבערג אַלס פילאָסאָף״, 1914 — 19 געווען געזעלשאַפטלעך טעטיק אין רוסלאַנד, זיך באַטייליקט אַלס דעלעגאַטין אין דעם ערשטן יידישן צוזאַמענפאָר אין רוסלאַנד, 1919 וואוינט אין פּראַג, וואו זי אַרבעט־מיט אין דעם דייטש־יידישן אָרגאַן Selbstwehr. — איר ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ש׳ אָנגעהויבן מיט אַ דערציילונג „השושנה (מספורי אשה)״ אין פרישמאַנס „הדור״. גייסטיק שטאַרק באַאיינפלוסט פון י״ל פּרץ און זיין קרייז, האָט זי 1909 פאַרעפנטלעכט א״פ אם־כל־חי אַ זאַמלונג דערציילונגען און סקיצן אין העברעיִש א״ט „קבץ ציורים״. זינט דעמאָלט האָט זי מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע העברעיִשע צייטשריפטן, ווי „הד הזמן״, „הבוקר״, „הצפירה״, „השלח״, „העם״, „הדואר״, „העולם״, „התורן״, „עין הקורא״ א״אַ. איר זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין יידיש אָנגעהויבן אין אָדעסער „אונזער לעבען״, לעצטנס באַטייליקט זיך אין קענעדער „אָדלער״.

דוד פרישמאַן, „מכתבים על דבר הספרות״; ע. ז. קאַזשעטשקאָוו, Еврейская женщина въ литературѣ, наукѣ и искусствѣ, ביקאָפעל, 1917.

שאַפּיראָ יוסף (י״ז תמוז 1902 —) געב׳ אין סקווירע, קיעווער גוב׳. געלערנט אין ישיבה און בית־המדרש און אַלס אַווטאָדידאַקט זיך באַקענט מיט דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור און מיט דער רוסישער, דורכגעמאַכט די פּאָגראָמען פון 1919 אין אוקראַינע, 1920 געקומען קיין אַמעריקע, וואו 1923 אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, מיטגעאַרבעט אין דער פילאַדעלפיער „אידישער וועלט", געדרוקט בעלעטריסטישע און פּובליציסטישע זאַכן אין „מאָרגען זשורנאַל", „אַמעריקאַנער", „יידישען טאַגעבלאַט", „פאַרן פאָלק" — דעם אָרגאַן פון דער „התאחדות־צעירי־ציון־פּאַרטיי", פון וועלכער ער איז אַן אַקטיווער מיטגליד, אויך אין פאַרשיידענע אַנדערע צייטונגען פון דער אַמעריקאַנישער פּראָווינץ, אין „הפועל הצעיר", קאָרעספּאָנדירט אין וואַרשע־לעמבערגער „פאָלק און לאַנד". לעצטנס אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער קליוולענדער „אידישער וועלט", וואו אויך פאַרעפנטלעכט איבערזעצונגען פון העברעיִש און רוסיש, אויך אַ סעריע אָפּהאַנדלונגען איבער גדולי ישראל, ווי ווילנער גאון, ר׳ יהודה הלווי, רמב״ם, רש״י, משה מענדעלסאָן א״אַ. אין בוכפאָרם אַ ב׳ דערציילונגען, בילדער און טיפּן א״ט „פאַרגאַנגענהייט" (1925). אַרבעט אויף אַ גרעסערן ווערק א״ט „פונ׳ם גיהנום" (אַ רייזע פון אוקראַינע קיין אַמעריקע אין 1920) און אויף אַ זאַמלונג פון געדאַנקען פון דער חסידישער תורה איבערגעזעצט אויף יידיש פון די חסידישע גדולים. זיינע פּס״נ: י. יודשין, ישראל סקווירסקי, ש. יוסף, אַבישקע.

בן־בנימין, „אַ בוך פון צער און אומעט", אין „פאַרן פאָלק", 1926, 2; ק. מרמר, אין „פרייהייט" פון 27/VI 1926.

שאַפּיראָ (שפּיראָ) **יצחק** (28/X 1863 —) געב׳ אין לוצין, וויטעבסקער גוב׳ (איצט — לעטלאַנד). זיין פאָטער, שמואל, האָט ער ביזן 17טן לעבנסיאָר ניט געקענט און איז דערצויגן געוואָרן ביים זיידן פון דער מוטערס צד, געלערנט אין חדר און ישיבה און ביים לוצינער רב.



אָן שום זייטיקער הילף האָט ער פון צופעליק געפונענע זשורנאַלן און ביכער ייִנגלווייז אויסגעלערנט דייטש און פראַנצויזיש, רוסיש און מאַטעמאַטיק, צו 13 יאָר באַקומען אַ צוטריט צו אַ השכלה־ביבליאָטעק פון אַ לוצינער גביר און בשתיקה זי איינגעשלונגען, דערהויפּט אָבער האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען גמרא און פוסקים. נאָך עטלעכע יאָר קאַמף מיטן זיידן צוליב זיינע שטרעבונגען צו השכלה איז ש׳ אַלס 19יעריקער בחור געקומען קיין וואַרשע מיט הונדערט רובל אין קעשענע, פאַר וועלכער סומע ער האָט געלעבט צוויי יאָר צייט, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַן אַטעסטאַט פון אַ רוסישער גימנאַזיע, אָבער דערביי האָט ער פאַרלוירן זיין חוש השמיעה און אין אוניווערסיטעט איז אים שוין אוממעגלעך געווען אָנצוקומען, האָט ער זיך גענומען אַליין שטודירן מאַטעמאַטיק, ליידנדיק הונגער און נויט. וואָס ס׳האָט אים סוף־כל־סוף געצוואונגען צו ווערן אַ לערער צוערשט אין חסידישע הייזער און דערנאָך אַלס רעפּעטיטאָר פון מאַטוריסטן צוצוגרייטן זיי צו די קאָנקורסעקזאַמענס אין מאַטעמאַטיק, פיזיק און רוסישע אויפזאַצן. נאָך דער לאַנגער

און שווערער טאָג=אַרבעט פלעגט ער
אין די שפּעטע אָוונט=שעהן אַרבעטן אויף
אַ גרויס ווערק אין העברעיש „הארץ",
ביז 50 — 60 דרוקבויגן, פון וועלכן ער
האָט אויס מאַנגל אין מיטלען אַרויסגע=
געבן בלויז אַ טייל א"ט „תכונת הארץ"
(וואַרשע, תרנ"ב, אַרום 7—8 דרוקבויגן).
צו יענער צייט האָט ער אויך אָנגעשריבן
עטלעכע גרויסע סיפורים אויף העברעיש,
אָבער זיי עד=היום ניט פאַרעפנטלעכט.
זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט האָט ש'
אָנגעהויבן אין אָרטאָדאָקסישן „הקול",
וועלכער האָט באַלד אויך אָנגעהויבן
אַרויסצוגעבן אַ קאָפּיקענע „וואַרשעווער
צייטונג", צונויפגעשטעלט כמעט דורכ=
אויס פון ש' אַליין. דאַן איז ער געוואָרן
אַ אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון
דער צו יענער צייט א"ר פון מ. ספּעק=
טאָר געגרינדעטער גרויסער טאָגצייטונג
„די נייע וועלט", וואו ער האָט — אין
דער צווייטער העלפט פון איר עקסיס=
טענץ—געפירט די פּאָליטישע אָפּטיילונג,
געשריבן דעם טעגלעכן פּאָליטישן אַר=
טיקל, אַ לאַנגע סעריע פּאָפּולערוויסנ=
שאַפטלעכע אַרטיקלען „דער הימעל און
זיינע וואונדער", און אויך אַ סך דער=
ציילונגען א"ט „פון דער באָבעס מעשה=
לעך" פאַר דער וועכנטלעכער ביילאַגע.
אַ חודש פאַרן פאַרמאַכן זיך פון „דער
נייער וועלט" (זי האָט זיך צונויפגעגאָסן
מיט דעם סוף 1910 געגרינדעטן „מאָ=
מענט") אַריבער אין „אונזער לעבען"
אַלס הויפּטמיטאַרבעטער. נאָכן אונטער=
גאַנג פון „אונזער לעבען" (שפּעטער
באַנייט אין אָדעס) צוזאַמען מיט אַלע
מיטאַרבעטער אַריבער אין דער פון ש
האָכבערג ניי=געגרינדעטער צייטונג „ניי=
עס"; אָבער געוואויר געוואָרן, אַז די
צייטונג ווערט פינאַנסירט פון די אַסי=
מילאַטאָרן, איז ער צום 9טן נומער
אַרויסגעטרעטן, צום 36סטן זיך צוריק=
געקערט בתנאַי, אַז די צייטונג זאָל
ניט פאַרטיידיקן די אַסימילאַציע, בלויז
שטרעבן צו אַ יידיש=פוילישער התקרבות.
אָבער בשעת די וואַלן צו דער פערטער
דומע, ווען די אַסימילאַטאָרן האָבן קעגן
דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכער
מיינונג געשטיצט די קאַנדידאַטור פון
קוכאַרזשעווסקי, האָט ש' זיך אָפּגעזאָגט
צו דרוקן די וואַל=אויפרופן פון זיינע
באַלעבאַטים העני̇ריק נוסבוים א"אַ און
די „נייעס" האָט זיך פאַרמאַכט. דאַן איז
ש' אַריין אַלס מיטאַרבעטער אין „מאָ=
מענט", בשעת דעם ביילים=פּראָצעס כמעט
אַליין באַאַרבעט דעם גאַנצן מאַטעריאַל
פון פּראָצעס, וועלכער האָט טיילמאָל
פאַרנומען שיר ניט די גאַנצע צייטונג.
אויף דער איינלאַדונג פון ש"י יאַצקאַן
אָנגעהויבן צו איבערזעצן די „יידישע
געשיכטע" פון היינריך גרעץ און אין
משך פון אַ יאָר צייט, אַרבעטנדיק אָפּט
צו 18 שעה אַ מעת=לעת, פאַרטיק געמאַכט
די איבערזעצונג אין 12 ב', דערצו נאָך
צוגעגעבן 3 אייגענע בענד וועגן דער
נייסטער יידישער געשיכטע, אָבער פון
דער דאָזיקער גרויסער אַרבעט האָט דער
פ"ג „יהודיה" באַוויזן אַרויסצוגעבן נאָר
די ערשטע 5 ט', צוליב דעם אויסבראָך
פון דער מלחמה. דאַן איז ש' אַריין
אַלס מיטאַרבעטער אין „היינט", און אַזוי
ווי שכירות האָט מען צו יענער צייט
אָנגעהויבן צו צאָלן 50 פּראָצענט און
אַמאָל אויך בלויז 40, איז אים מיט זיין
גרויסער פאַמיליע אויסגעקומען צו הונ=
גערן, אַזוי אַז ער האָט קעגן זיין ווילן
געמוזט אָננעמען דעם פאָרשלאָג צו ווערן
פאַקטישער רעדאַקטאָר פון דער 1916
געגרינדעטער גרויסער טעגלעכער ציי=
טונג „דאָס יודישע וואָרט", דעם אָרגאַן
פון דער עקסטער אָרטאָדאָקסיע, אַרויס=

געגעבן מיט דער הילף פון די דייטשע ראַבינער. נאָך דעם סוף פון דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען אויפן אָרט פון „יודישען וואָרט“ איז געגרינדעט געוואָרן די טאָגצייטונג „דער יוד“, דער אָרגאַן פון „אגודת ישראל“, מיטגעאַרבעט אין דער דאָזיקער צייטונג אין משך פון עטלעכע יאָר, ביז די צייטונג האָט זיך פאַרמאַכט צוליב אַ שטרייק פון די מיטאַרבעטער. אין די דאָזיקע ביידע צייטונגען האָט ש׳ געפירט די פּאָליטישע און פּובליציסטישע אָפּטיילונג, אויך געשריבן אָן אַ שיעור פעליעטאָנען, דערהויפּט אין די פרייטאָג-נומערן, פּעדאַגאָגישע סקיצן א״פ חיים בהרב (זיינע אַנדערע פּס״נ זיינען געווען: בעל-חשבון, ב. שמואל, יצחקי, א. ב., א. ת. אאַז״וו), איבערגעזעצט דעם גרעסטן טייל ראָמאַנען און דערציילונגען פון ד״ר מ. לעהמאַן, ד״ר ל. פיליפּזאָן א״אַ, געשריבן אַ גרויס אָריגינעל בעלעטריסטיש ווערק „יונתן אייבשיץ“, אָבער לויט אַ באַשלוס פון די וואַרשעווער רבנים האָט די רעדאַקציע פון „יוד“ עס אויפגעהערט צו דרוקן. אין דעם שפּעטער באַנייטן „יוד“ האָט ש׳ מער ניט געאַרבעט און איז אַריינגעטרעטן אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „מאָמענט“, וואו ער האָט אויך פריער געשריבן אַ ריי וויסנשאַפטלעכע פעליעטאָנען א״פ ד״ר אַ. פּאָרשער. איצט פירט ער אין „מאָמענט“ די אָפּטיילונג „פּאָליטישע בריוועלעך“, אויפן אָרט פון ב. יאושזאָנען, שרייבט דעם לייטאַרטיקל פאַר דער מיטאָג-אויסגאַבע „ראַדיאָ“ אאַז״וו. פון ש׳ס איבערזעצונגען זיינען אַרויס אין בוכפאָרם: אַ סעריע „פּאָלקסערצעהלונגען“ פון ד״ר מ. לעהמאַן, אין 12 ב׳, דהיינו: בוסתנאי״, „דעם שך׳ס איידעם“, „אויף קדוש השם“ — וועגן זוסיע אָפּענהיים, פון „סולטאַנס הויף“, „יודישע ערליכקייט“, „צוויי שוועסטער“, „די וואונדערבאַרע קמיע“, „לעבען און גלויבען“, „אין צוויי וועלטען“, „גראַף אָדער יוד“, „די שפּאַנישע אינקוויזיציע“, „דער יודישער מיניסטער“ (פ״ג „אַלט-יודיש“, וואַרשע, 1921; נייע אויפלאַגע — פ״ג צוקער, 1927); ד״ר ל. פיליפּזאָנס היסטאָרישע דערציילונג „יעקב טיראַדאָ“ (צווייטע אויפלאַגע, פ״ג צוקער, 1927); ד״ר נפתלי-הערץ עהרמאַנס „באַראָן קאָרף“ (פ״ג „ישורון“, וואַרשע, 1926); ד״ר יצחק ברויערס בוך „די שפּורען פון משיח“ (2טע אויפלאַגע — דערז׳ פ״ג, 1927); אַ ריי רייזע-באַשרייבונגען פאַר ב. שימינס „יוגנט-ביבליאָטעק“, אַ דערציילונג פון יידישן לעבן אין דייטשלאַנד א״ט „דער פאָטער און זון“ (פ״ג „אַלט-יונג“, וואַרשע, ז׳ 32) א״אַ.

שאַפּירא יונה (1880 —)

געב׳ אין מאַליאַט, ווילנער געגנט. צו 9 יאָר אַריבערגעפאָרן מיט די עלטערן קיין ווילנע, וואו געענדיקט אַ רוסישע פאָלקסשול און דאַן געלערנט אין דער ישיבה פון דער קצבישער קלויז. אונטער דער ווירקונג פון קלמן קראַפּיווניק 1898 אַריין אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע פון „בונד“, פאַר אומלעגאַלער טעטיקייט אַ פּאָר מאָל געווען אַרעסטירט אין די יאָרן 1902—3 (די שפּעטערע יאָרן געווען בלויז אַ סימפּאַטיקער פון דער פּאַרטיי). 1918 געווען איינער פון די גרינדער פון דער יידישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין ווילנע און זינט דאַן זיך פון צייט צו צייט באַטייליקט אין די פּאָליטישע אָרגאַנען. ער איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון ווילנער „טאָג“, וואו ער האָט געשריבן אַרטיקלען אויף עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס, אויך פעליעטאָנען פון יידישן מנחם-מענדעלישן לעבנסשטייגער אין

פּוילן. זיך אויך באַטייליקט אין „פּנקס" א"ר פון ז. רייזען מיט אַרטיקלען וועגן דער יידישער ווירטשאַפטלעכער לאַגע אין מיטלליטע און וועגן דער ראָלע פון די יידן אין ווילנער שטאָט־פאַרוואַלטונג, פון וועלכער 1919—1927 געווען אַ מיטגליד אַלס פאָרשטייער פון דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי. יאָרנלאַנג געווען אַ מאַנופאַקטור־סוחר, לעצטנס אָנפירער פון דער יידישער קליינהענדלער־אָרגאַניזאַציע. נעמט אויך אַן אָנטייל אין דער יידיש־וועלטלעכער שול־באַוועגונג אַלס מיטגליד פון צבי"ק.

שׁ(אַ)פּירא ישראל (5/XII 1882 —) געב' אין סייני, סוואַלקער געגנט. זיין פאָטער, **טוביה־פּסח** (ט"ף **שפּירא**, געב' 1845 אין סייני, געשט' ג' ניסן 1924 אין קאַלוואַריע), איז געווען אַ העברעיִשער שריפטשטעלער און פּעדאַגאָג, מיטאַרבעטער פון „הכרמל", „המליץ", „הצפירה", „קול מבשר" א"אַ, קעמפער פאַר השכלה, מחבר פון די בשעתו פּאָפּולערע בריוונשטעלערס „עט עבר" און „יד ועט", פון די ביכער „שפינוזה", „עבר לסוחר", „משלי אב", „אמרי שפר", אויך פון אַ זאַמלונג „ספורים"; נאָך די פּאָגראָמען פון אָנהייב די 80קער יאָרן האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, אָבער דאָס דאָרטיקע יידישע לעבן האָט אים ניט באַפרידיקט און אין אָנדערטהאַלבן יאָר אַרום איז ער צוריקגעקומען אַהיים און איז געוואָרן אַ הייסער חובב־ציון. ישראל ש' האָט געלערנט אין חדר און ביי פּריוואַטע לערער, 3 יאָר פאַרבראַכט אין טעלזער ישיבה, דערנאָך ווידער זיך גענומען צו וועלטלעכער בילדונג אין קאָוונע, שטודירט אין די אוניווערסיטעטן פון בערלין און שטראַסבורג פילאָסאָפיע, פילאָלאָגיע און געשיכטע און 1906 באַקומען דעם טיטל ד"ר פילאָסאָפיע. 1907 געשיקט קיין ירושלים אַלס אייבערלערער אין לערער־סעמינאַר, געגרינדעט פון דעם הילפספאַראיין פון די דייטשע יידן. 1912 געקומען קיין אַמעריקע און זינט 1914 אָנגעשטעלט אַלס שעף פון איזראַעליטישן און סעמיטישן דעפּאַרטאַמענט פון דער קאָנגרעס־ביבליאָטעק אין וואַשינגטאָן—דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און דער צווייטגרעסטער אין דער וועלט. אונטער זיין דירעקציע איז די ביבליאָטעק באַרייכערט געוואָרן מיט גרויסע קאָלעקציעס פון העברעיִשע און יידישע ווערק, בתוכם מאַסן יקר־המציאותן, ערשטע דרוקן און זעלטענע אויסגאַבן, וועלכע האַלטן אין איין וואַקסן. גלייכצייטיק איז ש. פּראָפעסאָר פון סעמיטישער וויסנשאַפט אין „וואַשינגטאָן־אוניווערסיטעט". זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ש' נאָך אָנגעהויבן אַלס סטודענט, האָט פיל געשריבן אין „המליץ", „הצפירה", „היהודי", „המגיד", אין א"י — אין „השקפה", „הצבי", אין אַמעריקע — אין „העברי", „מקלט", „התורן", „הדאר", א"אַ, אויך אין דייטשע צייטשריפטן, געווען מיטרעדאַקטאָר פון „הדרור", אַרויסגעגעבן פון ראובן ברײַנין. פון צייט צו צייט האָט ער אויך געדרוקט אַרטיקלען אין דער יידישער פּרעסע פון אַמעריקע. פון זיינע וויסנשאַפטלעכע ווערק איז צו דערמאָנען: Die haggadischen Elemente im Koran (לייפּציג, 1907), Leviticus im Lichte des Talmuds (פּרעסבורג, 1909), „פּרוש המשניות של הרמב"ם למסכת ערכין" (ירושלים, 1910),

אחוץ אַ גרויסער צאָל ביבליאָגראַפישע אָפּהאַנדלונגען אין פאַך־צייטשריפטן און רעגירונגס־פּובליקאַציעס; פון די דאָזיקע אָפּהאַנדלונגען האָבן אַ סך אַ דירעקטע שייכות צו דער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור. גיט אויך אַרויס די איבערגעבליבענע כתבים פון זיין פאָטער, פון וועלכע עס איז שוין ערשינען דאָס ערשטע בוך א"ט „משל הקדמוני" (פילאַדעלפיע, תרפ"ה), מיט אַ ביאָגראַפיע פון ט"ף שפירא.

ЕЭ, XV; בנציון אייזענשטאַדט, „דורות האחרונים"; Who's who in America.

שאַפּיראָ ל. (1878 —) געב' אין רזשישטשעוו, קיעווער גוב'. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, איז ער אָנהייב יאָרהונדערט געקומען קיין וואַרשע, וואו ער איז אַריין אין די יידישע סאָציאַליסטישע קרייזן, זיך באַקענט מיט פּרצן, וועלכער האָט אָנערקענט זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון.

דעביוטירט האָט ש' מיט אַ רעאַליסטישער דערציילונג „איציקעל ממזר" אין א. רייזענס „יאָהרבוך פּראָגרעס", 1904 (אויב ניט רעכענען זיין סקיצע „די פליגעל" — אין סוכּות־בלאַט פון ל. מאָנפריד, וואַרשע 1903). אין דעם זעלבן „יאָהרבוך" האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערן אַרטיקל „צו דער פראַגע וועגען העברעאיש און יודיש", אַרויסטרעטנדיק קעגן די האַלבע און גאַנצע העברעיִסטן מיט אַ שאַרפקייט און קאָנסעקווענטקייט, וועלכע איז נאָך פאַר יענער צייט געווען אַ שטיקל חידוש. זיין פּובליציסטישן קאַמף פאַר יידיש האָט ש' אויך ממשיך געווען אין א. רייזענס „יודישען וואָרט", 1905. צו יענער צייט האָט ער זיך אויך באַטייליקט מיט רעאַליסטישע און שוין אויך אימפּרעסיאָניסטישע דערציילונגען און סקיצן אין פּרצעס „יודישער ביבליאָטעק", וואָרטסמאַנס „יודישער צוקונפט" א"אַ אויסגאַבן. געהאַט שוין אָנגעשריבן זיינע דערציילונגען „דער רב און די רביצין", „צווישען פעלדער" א"אַ, וואָס האָבן געצויגן אויף אים די אויפמערקזאַמקייט. האָט אויך געאַרבעט אַלס איבערזעצער פאַרן פ"ג „קולטור", פאַר וועלכן צ"אַ איבערגעזעצט ס. וורזשאָסעקס „די יסודות פון דער שטאַטס־אָרדנונג אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ" (מינסק, 1905). 1906 איז ער אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע צייטשריפטן אַ סעריע בילדער א"ט „אויפ'ן ים" און אַ ריי נאָוועלן געשריבן אונטערן רושם פון די פּאָגראָמען 1905, ווי „אין דער טויטער שטאָדט", „שפוך המתך" (אין אַ. רייזענס „קונסט און לעבען"), „דער קוש", „דער צלם" (אין ד"ר ח. זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבען", 1909, VI), וואָס האָבן געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק, בפרט די לעצטע, וועלכער זשיטלאָווסקי האָט אַפילו געווידמעט אַ ריי אַרטיקלען אין זיין זשורנאַל. צוריקגעקומען אַרום 1909 קיין וואַרשע, איז ש' אין משך פון 1910 געווען אַ אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון „פריינד", וואו ער האָט צ"אַ אויך פאַרעפנטלעכט אַ ריי איבערגעזעצטע ראָמאַנען, וועלכע זיינען שפּעטער אַרויס אין בוכפאָרם, דהיינו: וויקטאָר הוגאָס „די פאַרשטויסענע" א"ט „דער גבור אין קייטען" (פ"ג ב. שימין, 1911), וואַלטער סקאָטס „איוווענהאָ" א"ט „דער שוואַרצער ריטער" (פ"ג „ביכער פאַר אַלע", 1912), טשאַרלז דיקענסעס „די שרפה

אין לאָנדאָנער טורמע" (פ"ג ב. קלעצקין, 1924). 1910 פאַרלאָזט וואַרשע, האָט ער אַ געוויסע צייט געלעבט אין ציריך, וואו ער מיט זיין פרוי האָבן געפירט אַ רעסטאָראַן, דאַן ווידער אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער האָט אָפּגעדרוקט בלויז אייניקע נייע דערציילונגען, ווי „רויך"— אין זמ"ב „וועלט אַיין וועלט אויס", 1916, „ווייסע חלה" — אין זמ"ב „שריפטען", „די יידישע מלוכה"—די גרעסטע דערציילונג זיינע.—אַרום 1912 האָט ער פאַר דעם נאָר־וואָס געגרינדעטן ווילנער פ"ג פון ב. קלעצקין איבערגעזעצט ריידיאַרד קיפּלינגס „דאָס בוך פון דזשאָנגל" (פּראַכט־אויסגאַבע מיט בילדער, ווילנע 1912, ז' 301; אויך אין באַזונדערע 8 ה'). די לעצטע 12 יאָר זיך צוריקגעצויגן פון דער ליטעראַטור און זיך אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט איבער אַ ערפינדונג, וואָס זאָל מאַכן אַ איבערקערעניש אין דער פילם־אינדוסטריע (אויפנעמען באַוועגלעכע בילדער מיט די נאַטירלעכע קאָלירן פון די אויפגענומענע געגנשטאַנדן), זינט 1921 געלעבט—צוליב זיין קראַנקהייט — אין לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, אין אַ ענגן אָפּגעשלאָסענעם קרייז פון פאַרערער. 1928, נאָכן טויט פון זיין פרוי, צוריקגעקומען קיין נ"י. — הגם ש' האָט לפי־ערך גאַנץ ווייניק אָנגעשריבן, דאָך איז זיין פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור זייער אַ באַדייטנדיקער אַדאַנק דער אייגנאַרטיקייט פון זיין גאַנצן שאַפן. ש' איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט דעם אימפּרעסיאָניזם אין דער נייער יידישער בעלעטריסטיק. זיינע ים־בילדער, אפשר די געלונגענסטע פון זיינע ווערק, זיינען געווען אַ נייס אין דער יידישער פּראָזע. אין זיין געשליפענער שפּראַך, דער קורצער און דער שאַרפער, פילט זיך אַ טיפע אינערלעכקייט און אַ געוויסער אינטעלעקטואַליזם — ביידע יסודות, וואָס געפינען זיך אין ש'ס שאַפן, הגם זיי זיינען ניט תמיד האַרמאָניש געגוג באַהעפט איינס מיטן אַנדערן. זיינע פּאָגראָם־דערציילונגען געהערן צו די אייגנאַרטיקסקע און שטאַרקסטע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור פון דעם מין, אין וועלכע דער דיכטער מאָלט די גייסטיקע פאַרוויסטונג, וואָס די פּאָגראָם־שרעקן מאַכן אָן, ברענגט צום אויסדרוק די גאַנצע פאַרביטערונג און האַס סיי צו די פּאָגראָם־מערדער סיי צו די אומגליקלעכע קרבנות, וואָס שטעלן ניט קיין ווידערשטאַנד. דער העלד פון איינער פון זיינע פּאָפּולערסטע דערציילונגען, „דער צלם", ביי וועמען די רוצחים האָבן אויסגעשניטן אַ בלוטיקן קרייץ אויפן שטערן, נעמט אָן די שטריכן פון אַ גרוילפולן סימבאָל; גלייכצייטיק אָבער שילדערט ש' אין דער דערציילונג יענעם פּראָצעס, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ האָט דורכגעמאַכט אונטער דער ווירקונג פון די פּאָגראָמען; „דער צלם־מאַן איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין העלד פון פיזישער גבורה; ער איז אַ ריטער פון אונזער צייט, אַ גייסטיקער קראַפטמענטש, אַ גבור פון שטאָלצ, ווילן, אַ קעמפער פאַר אַן אידעע" (ד"ר זשיטלאָווסקי). לויט בעל־מחשבותס אויספיר, איז ש' „אַן ערנסטער איינזאַמער קינסטלער, וועלכער האָט ליב דאָס לעבן, קוקט אָבער אויף אים פון אַ ווייטער פערספּעקטיווע און פילט די שרעקלעכע שוידערנדיקע טראַגישע שטילקייט, די שטילקייט, וואָס ליגט צווישן וואָלקן און דונער".— פון ש'ס ווערק זיינען אַרויס אין בוכפאָרם: „דער קוש" און „שכוך

„חמתך" (וואַרשע, פ"ג „פּראָגרעס", 1909); „אויפ'ן ים" (פ"ג „פּראָגרעס", 1910, ז' 48); נאָוועלען" (פ"ג „פּראָגרעס", 1910, ז' 190) – וואָס אַנטהאַלט זייַנע פּאָגראָם־דערציילונגען, די סעריע „אויפן ים", „שטאַרקער", „ער און זיין דיענער" און „שטריכען" („פּרינציפּען", „צווישען פּעלדער", „דער רב און די רבי'צין", „מיעד"). אַ פולערע אויסגאַבע פון כמעט אַלע זייַנע ווערק, אַריינגערעכנט די גאַר ערשטע, ווי אויך די סאַמע לעצטע, איז אַרויס א"ט „די יודישע מלוכה און אַנדערע זאַכען" (פ"ג „ביי־צייט", נ"י, 1919, ז' 318). — אייניקע ש'ס דערציילונגען זיינען אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַנדערע שפּראַכן, צ"אַ אין די אַנטאָלאָגיעס פון ל. בלומענפעלד (L' Homme á la croix), ש. רעזניק.

בעל־מחשבות, „שריפטען", III, ז' 113—117; ש. ניגער, „וועגען יודישע שרייבער", II, ז' 103 — 122; ד"ר ח. זשיטלאָווסקי, „אין דאָס נייע לעבען", 1909, VI—VII; ידידיה מרגלית, אין זמ"ה „דאָס יאָהר", 1910; וו. צוקערמאַן, אין „דאָס נייע לאַנד", 1911, VI—VII; מ. י. ח(אַאיםאָוויטש), אין זמ"ב „ליטעראַטור", I; „לעבען און וויסענשאַפט" 1910, XI; בן־קלמן, אין זמ"ה „פרייע טעג", 1910; הערמאַן גאָלד, אין „אונדזער בוך", 1928, II; מ. באַסין, אַנטאָלאָגיע, מיט מוסטערן פון ש'ס לידער.

שאַפּירא מ. מ. (8/XII 1891 —) געב' אין בריסק־דליטע אין אַ פאַמיליע פון אַ שטעפּער. ביזן 13טן לעבנסיאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך אַ פּאָר יאָר אין אַ פאָלקסשול און צוויי יאָר אין אַ קאָמערץ־שול, שפּעטער זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג. 1911 — 13 געאַרבעט אַלס קאָרעקטאָר און „אַרויסלאָזער" פון דער אָרטיקער צייטונג Нашъ Край, דערנאָך אין דער נייס־אויסגאַבע פון דער רוסישער טעלעגראַפישער אַגענטור, 1913 געווען קאָרעספּאָנדענט פון דער בונדישער „צייט" אין פּט"ב, זינט יולי 1918 געאַרבעט אַ יאָר צייט אַלס סעקרעטאַר פון צענטראַלן אָרגאַן פון בונד „דער וועקער" אין מינסק, פון מערץ 1927 ביז יאַנואַר 1928 געווען ערשטער פּאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר און מיטגליד פון פּרעזידיום פון ערשטן יידישן ראַיאָן אין שדה־מנוחה (קאַלינינדאָרף), זינט יאַנואַר 1928 סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע פון דעם פּעדאַגאָגישן חודש־זשורנאַל „ראַטנבילדונג" — אָרגאַן פון פאָלקאָמבילד אוסר"ר אין כאַרקאָוו.

שאַפּירא מאיר (3/VII 1886 —) געב' אין טאָלאָטשין, מאָהליעווער גוב'. צו 12 יאָר אַוועק קיין מינסק, וואו געלערנט אין דער ישיבה פון דער שואבי־מים־שול, אין צוויי יאָר אַרום אַריבער קיין ווילנע, ממשיך געווען זיין יידישע און אַלגעמיינע בילדונג, 1906 אויסגעוואַנדערט קיין נ"י, 1908 זיך באַזעצט אין סט'־לואי, וואו אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אַלס רעדאַקטאָר פון דעם טאָגבלאַט „דער פּאָרשטעהער", אין קנאַפּע צוויי יאָר אַרום געגרינדעט (סוף 1910) און רעדאַקטירט דאָס וואָכנבלאַט „סט. לואיזער אידישע וועלט", וועלכע איז נאָך דעם אונטערגאַנג פון „פּאָרשטעהער" געבליבן די איינציקע יידישע צייטונג פון דער שטאָט, 1911 געווען געהילף־רעדאַקטאָר פון „קענעדער אָדלער", 1912 רעדאַקטירט די טאָראָנטער אויסגאַבע פון דער דאָזיקער צייטונג, 1913—18 רעדאַקטאָר פון דער בראָנזווילער (ברוקלינער) אויסגאַבע פון דעם „יידישען טאַגעבלאַט" און פון דער דעמאָלט איינציקער ברוקלינער יידישער וועכנטלעכער צייטונג „ברוקלין בראָנזוויל פּאָסט", דערנאָך

געפירט די אָפּטיילונג „נאַטור און וויסנ=
שאַפט” און די פּרויען=אָפּטיילונג אין
„וואַרהייט” א״פּ י. שעבין, א. שאַפּער,
אויך רעדאַקטירט דאָס וואָכנבלאַט „ברוק=
לין בראָנזוויל פּראָגרעס” (1918—20).
שפּעטער מיטגעאַרבעט אין יידיש=ענג=
לישע און יידישע צייטשריפטן מיט פּוב=
ליציסטישע אַרטיקלען, פעליעטאָנען —
אויך א״פּ אשמדאי, מעפּיסטאָפעל —
און אויך דערציילונגען.

שאַפּיראָ מאָניע (13/X 1898 —
) געב׳ אין וואָלפּע, גראָדנער
געגנט אין אַן אָפּגעקומענער יחוסדיקער
משפּחה. ביז 15 יאָר געלערנט אין די
ישיבות פון
שטשוטשין, גראָד=
נע און קאָוונע,

באַקומען סמיכות
אויף רבנות, גע=
רעכנט זיך פאַר
אַן עילוי, אָבער
אַנטלאָפן קיין
ווילנע, וואו זיך
אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט אַלגעמיינער
בילדונג, שטאַרק זיך פּלאָגנדיק מאַטע=
ריעל, ביים אויסבראָך פון דער וועלט=
מלחמה פאַרלוירן זיין איינציקע העברעי=
שע שטונדע און אַנטלאָפן אַהיים, בשעת
דער דייטשער אָקופּאַציע געקעמפט פאַר
דער יידישער שול קעגן דער גערמאַ=
ניזאַציע, 1918 אַוועק קיין רוסלאַנד, אַ
פּאָר חדשים געדינט אין דעם אינטער=
נאַציאָנאַלן באַטאַליאָן, צוליב דעם גע=
זונט=צושטאַנד דעמאָביליזירט געוואָרן,
אָנגעקומען אויף די געוועזענע גראָדנער
קורסן אין כאַרקאָוו, וואו ביז 1920
ממשיך געווען זיין בילדונג, בשעת דע=
ניקין געאַרבעט אונטערערדיש און שיר
ניט אומגעקומען, דאַן זיך באַזעצט אין
קיעוו, וואו ער איז טעטיק אַלס לע=
רער. — האָט דעביוטירט מיט אַ סאָצי=
אַלן ליד אין מאָסקווער „אמת”, 1918,
שפּעטער זיך באַטייליקט מיט לידער און
פּאָעמען אין די פאַרשיידענע יידיש=סאָ=
וועטישע אויסגאַבן, ווי „כאַרקאָווער
וואָכנבלאַט”, „טאָג”, 1919, 10, „שטערן”,
„קאָמפּאַן”, „וועקער”, די זמ״ב „שטראָם”
„רויטע וועלט”, מינסקער „שטערן”, די
קינדערזשורנאַלן „יונגוואַלד”, „פריידל”,
„יונגע גוואַרדיע”, די נ״יער „פרייהייט”,
„האַמער” א״אַ. האָט צוזאַמען מיט ל.
קוויטקאָ און ל. רעזניק רעדאַקטירט דאָס
זמ״ב „אוקראַינע”, געווען אויך מיטרע=
דאַקטאָר פון זמ״ב „באַרג אַרויף”. פון
זיינע לידער איז אין בוכפאָרם אַרויס אַ
קליינע זאַמלונג א״ט „פאַרטאָג” (פ״ג „ליריק”
פון דער ליטעראַטן=גרופּע „ווידערוואוקס”,
קיעיו, 1922), וואָס איז וואַרעם אויפגענומען
געוואָרן פאַר דער פרישקייט און בילדע=
רישקייט. אַ פּאָר לידער זיינע זיינען
איבערגעזעצט אין רוסיש און אוקראַי=
ניש—אין דער אוקראַינישער אַנטאָלאָגיע
פון דער נייער יידישער דיכטונג צונויפ=
געשטעלט פון אוקראַינישן דיכטער וואַ=
סיל אַטאַמאַניוק. אין בוכפאָרם ערשיינט
אין צענטרפ״ג זיין גרעסערע דערציילונג
„אין ערשטן יוגנטהויז”, — וואו עס ווערט
געשילדערט דאָס לעבן פון פאַרוואָר=
לאָזטע קינדער אין דער צייט פון ביר=
גער=קריג, וועלכע בויען סוף=כל=סוף אויף
צוזאַמען מיט זייער לערער אַ יוגנטהויז;
האָט איבערגעזעצט פון אוקראַיניש און
רוסיש: יאַוואָראָווסקיס „קורצע געשיכ=
טע פון אוקראַינע” (אוקראַינישער מלוכה=
פ״ג 1925; די זעלבע געשיכטע מיט
אויסבעסערונגען — קאָאָפּ׳ פ״ג „קול=
טור=ליגע”, קיעוו, 1927); מיראָשעווסקיס
„כרעסטאָמאַטיע צו דער געשיכטע פון
דער יוגנט=באַוועגונג” — צוזאַמען מיט א.
וועלעדניצקי, (פ״ג „קולטור=ליגע”, 1926);
א. אוליאַנאָוואַס „איליטשעס קינדעריאָרן”,
סאָראָקינס „גרויסער אָקטיאַבר” (1925),

אַנדרעיעווס „אויפקום פון קאַפּיטאַליזם" (1925), יעלאַטשיטשעס „היימישע באַלעכאַאים" (1926), פּלאַטאָניטשעס „זשורקע" (1927), סקיטאַליעצעס „דער סטאָליער", קופּרינס „די שפּערלעך זיינען געקומען", אוידאַס „שווייגן" א״אַ (אַלע פאַרן פ״ג „קולטור=ליגע).

י. דאַבּרושין, אין „עמעס" 1922, 276; נ. אויסלענדער, אין „שטראַם", IV; ב. רויזמאַן, אין זשורנאַל Гостиница для путешествующих в прекрасное, IV.

שאַפּיראָ משה (1860 — 1911) געבּ' אין פּאָלטאַווע. שוין אַלס סטודענט איז ער פאַרכפּט געוואָרן אין שטראָם פון דער סאָציאַל=רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און האָט געמוזט פאַרלאָזן רוסלאַנד. סוף די 80ער יאָרן האָט ער זיך באַזעצט מיט זיין פאַמיליע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו זיין הויז איז געווען דער זאַמלפּונקט פון אַלע יידישע יונגע אינטעליגענטע כּוחות, אָן אונטערשייד פון ריכטונג. אונטער דער השפּעה פון דער חיבּת=ציון=באַוועגונג האָט ש' 1891 געגרינדעט אַ פאַראיין א״נ „דורשי לשון ציון" און איינע פון די ערשטע העבּרעיִשע שולן, וואו ער איז אויך געווען איינער פון די לערערס. אָבער די חיבּת=ציון=באַוועגונג האָט אים ניט לאַנג געהאַלטן אונטער איר רייץ און 1895 האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן דער אינטערנאַציאָנאַלער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. ס'איז אים געוואָרן ענג און אומעטיק אין דער טערקישער הויפּטשטאָט און אין אַ יאָר אַרום האָט ער זיך אַריבּערגעצויגן מיט דער פאַמיליע קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט זיך איינגעשאַפט אַ קליינע דרוקעריי און אָנגעהויבּן אַרויסצוגעבּן יידישע ביכער. ער האָט איבּערגעזעצט אין יידיש און אַליין אַרויסגעגעבּן סטעפּניאַקס „דאָס אונטערערדישע רוסלאַנד". אָבער די אונטערנעמונג האָט ניט געהאַט קיין ערפאָלג און ש' האָט זיך געמוזט אומקערן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. 1906 האָט ער זיך ווידער באַזעצט אין לאָנדאָן און אין משך פון 1907 — 8 האָט ער א״ר פון א. פרומקין איבּערגעזעצט אויף יידיש דעם גרעסטן טייל פון בערנשטיינס נאַטורוויסנשאַפטלעכע ביכער; ער האָט אויך פון צייט צו צייט מיטגעאַרבּעט אין לאָנדאָנער „אַרבּייטער פריינד". 1909 האָט ער זיך ווידער אומגעקערט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ער איז געשטאָרבּן פון שווינדזוכט. — זיין זון אַלעקסאַנדער ש', איז אַ באַוואוסטער אַנאַרכיסטישער טוער און איז אַ שטיקל צייט געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון לאָנדאָנער „אַרבּייטער פריינד".

פּריוואַטע מיטטיילונג פון א. פרומקין.

שאַפּיראָ שמואל=מאיר (16/IX 1887) געבּ. אין מאָזיר, מינסקער גוב. זיין פאָטער, בּנימין=יהודה, איז געווען אַ שוחט. באַקומען אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישע ערציִונג, שפּעטער געענדיקט אַ טעכנישע שול אין מינסק, 1906 אַוועק קיין קאַנאַדע, געווען סעקרעטאַר פון דער שניידער=יוניאָן אין טאָראָנטאָ. זינט 1911 זיך באַטייליקט אין די מאָנטרעאַלער „קענעדער אָדלער", „דאָס פאָלק", „דער וועג", זינט 1913 מיטאַרבּעטער פון דעם טאָגבּלאַט „דער אידישער זשורנאַל" אין טאָראָנטאָ, פון וועלכן אויך געווען נייס=רעדאַקטאָר און געהילפס=רעדאַקטאָר. רעדאַקטירט אַ הומאָריסטיש וואָכנבּלאַט „דער מזיק", טאָראָנטאָ, 1920. א״פּ ב. באַראַץ פאַרעפנטלעכט ראָמאַנען, צ״אַ „די שיינע רבקה". שרייבּט אויך א״פּ שמש.

שאַפּיראָ שמואל (4/I 1896 —) געבּ' אין אומאַן, קיעווער גובּ', אין אַ חסידישער פאַמיליע. גע=

לערנט אין חדר און אין דער ישיבה
אין לעדווינקע, דערנאָך אין דער אומאַ=
נער שטאָטישער שול. צו 17 יאָר אַוועק
קיין א״י, וואו 12 יאָר געאַרבעט אין
פאַרשיידענע קאָלאָניעס, 1925 געקומען
קיין רומעניע, אַריין אין דער צענטראַלע
פון „החלוץ״ און צ״צ, געשריבן ציוניס=
טישע אַרטיקלען אין העברעיִשע אויס=
גאַבן, אויך אין די קעשעניעווער „אונ=
זער צייט״, „ערד און אַרבעט״, אין
„פאָלק און לאַנד״ א״אַ.

שאַפּיר בערל (1876—24/IX 1922)
געב׳ אין אַלט=קאָנסטאַנטין, וואָלין. באַ=
קומען א קנאַפּע יידישע דערציִונג,
האָט ער זיך יינגלווייז באַזעצט אין אָדעס,

וואו ער האָט
געאַרבעט אַלס
פּאַפּיראָסנמאַכער,
האָט געלעבט
עלנט און אָרעם,
דערצו איז ער
געווען בלינד אויף
איין אויג. ביאַליק
האָט זיך דער ער=
שטער פאַראינטערעסירט מיט זיין טאַ=
לענט און 1905 האָט ש׳ דעביוטירט אין
דער ליטעראַטור מיט אַ דערציילונג „דער
ערשטער אַרויספאָהר״ אין חודש=זשור=
נאַל „דאָס לעבען״, III. שפּעטער האָט
ער פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע יידי=
שע צייטשריפטן, ווי „דער פריינד״, „דער
שטראַהל״, „אונזער לעבען״ א״אַ אַ ריי
לידער און דערציילונגען, דאָס רוב פון
אַרבעטער=לעבן, אויסגעצייכנט דורך זייער
הומאָר, לעבנספרייד און טיפער מענטשנ=
ליבשאַפט. באַזונדערס האָט ער זיך גע=
מאַכט אַ נאָמען מיט זיין גרעסערער
דערציילונג וועגן אַ פריילעכן קבצן אַ
ווערטלזאָגער „אברהמל דער שוסטער״
(אין זיין אייגענם פ״ג „בינשטאָק״, אָדעס,
1911, ז׳ 38; אין העברעיִשער איבערזע=
צונג אַרויס נאָך פריער א״ט „אברהמ׳ל
הסנדלר״, אָדעס, תר״ע; נייע אויפלאַגע—
תל=אביב, תרפ״ה), וועלכע איז אויך פון
מחבר דראַמאַטיזירט געוואָרן, בשעת ער
איז געווען סופלער אין פרץ הירשביינס
טרופּע, און אויפגעפירט געוואָרן. צו
יענער צייט איז ש׳ געוואָרן אַ שטענדי=
קער מיטאַרבעטער פון דער אָדעסער
יידישער פּרעסע, ווי „גוט מאָרגען״,
„שלום=עליכם״, „אַ איד״, „אונזער לעבען״
א״אַ, זיך אויך באַטייליקט אין „דער יו=
דישער וועלט״ א״ר פון ש. ניגער („ליי=
זער און זיין הונט״ — 1914, I—II) און
אין העברעיִשער איבערזעצונג אין „השלוח״,
„העולם״ א״אַ. אָבער זיין מאַטעריעלע
לאַגע איז נאָך אַלץ געווען זייער אַ
שווערע. פון דחקות איז אים געשטאָרבן
זיין ערשטע פרוי, איבערלאָזנדיק 2 יתומים,
האָט ער אָנגעהויבן צו האַנדלען, אין
משך פון אַ פּאָר יאָר געווען אַ מעקלער
פון זייף און סאָדע, אָבער צו שרייבן
ניט אויפגעהערט אין די שפּעטע אָוונט=
שעהן, און דווקא פון די פּאָר האַנדלס=
יאָרן זיינע שטאַמען אַ סעריע קינדער=
לידער, באַשטראַלטע מיט זונענשיין און
קינדערשער פרייד. ער האָט אויך גע=
שריבן קינדער=מעשהלעך, ווי „אַ קליין=
מענטשעלע״ (פ״ג „בלימעלאַך״, אָדעס,
1916) א״אַ. אָבער אין דער צייט פון
בירגערקריג, בשעת דעם גרויסן הונגער
אין אָדעס האָבן זיך פאַר ש׳ן און זיין
פאַמיליע אָנגעהויבן שרעקלעכע ליידן
און צרות; די העברעיִשע שריפטשטעלער
מיט ביאַליקן בראש האָבןביים פאַרלאָזן
אָדעס אים איבערגעלאָזט אויף הפקר,
ביז ער איז קראַנק געוואָרן, אָפּגעמאַ=
טערט זיך 11 חדשים אין גרויסע יסורים
און געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק אַן אלמנה
מיט 3 קינדער און אַ סך כתבים, צ״אַ

אַ דראַמע, וועלכע איז ערשט נאָך זיין טויט אַרויס א״ט „רענטגענטשטראַלן״ — אַ לעבנסבילד אין 3 אַ׳ (פ״ג ייִדסעקציע פון דער אָדעסער אָפּטיילונג פון אַלאוקראַיִנישן מלוכה־פ״ג, 1922). פון זיינע דערציילונגען איז אַן אויסוואַל אַרויס בלויז אין העברעיִשער איבערזעצונג, צום טייל — פון ח״נ ביאַליק, א״ט „ספּורים וציורים״ (הוצאת יורשי המחבר, בערלין, תרפ״ה, ז׳ 317; אַז ס׳איז איבערגעזעצט פון יידיש — ניט אָנגעגעבן), אָבער אין יידישן אָריגינאַל זיינען זיי עד־היום ניט פאַרעפנטלעכט אין בוכפאָרם, מאַנכע אַפילו בכלל ניט פאַרעפנטלעכט, ווי, למשל, די גרעסערע דערציילונג „דער שטומער״ (געדרוקט אין „העולם״, 1912). אויך זיינע האַרציקע פאָלקסטימלעכע לידער, פון וועלכע אייניקע זיינען געוואָרן זייער פאָפּולער, ווי „מיין חבר הערשל״, „אויפן בוידעם שלאָפט דער דאַך״, זיינען נאָך אַלץ ניט געזאַמלט געוואָרן.

י. עפּשטיין, אין Вѣстникъ Опе 1916, 45; מ. באַסין, „אַנטאָלאָגיע״, II; ל. יאַכנאָוויטש, אין „פאָרווערטס״ פון 5/XI 1922; ב. עפּעלבוים, אין „הייַנט״, סוף 1922; ד״ר ב. גרינבלוי, אין „לאָדזער טאָגעבלאַט״, סוף 1922; רחל פייגענבערג, אין „מאָמענט״, אָקטאָבער 1922; ש. ניגער, אין „דאָס נייע לעבן״, דעצעמבער, 1922; מ. קיטאַי, „צום אָנדענק פון אַ האַרציקן פאָלקסדיכטער״, אין „ליטעראַרישע בלעטער״, 70.

שאַפּיר ברך (ברכיהו, בענעדיקט) (אַרום 1858* — 24/X 1915) געב׳ אין פּשעמישל, מיטלגאַליציע. זיינע אָרעמע פּראָסטע עלטערן זיינען אים יונג געשטאָרבן און ער איז אָנגעקומען צו אַ מלמד פאַר אַן אונטערבאַהעלפער. שפּעטער האָט מען אים גענומען אין דערפער פאַר אַ קינדער־באַהעלפער (אַ מין מלמדל) און דאָרט האָט ער משמעות אָנגעטראָפן אויף געבילדעטע מענטשן, וואָס האָבן דערקענט זיין טאַלענט און אים געגעבן די מעגלעכקייט זיך אויסצובילדן. העברעיִש האָט ער שוין געקענט פון די יונגע יאָרן אָן, און אין משך פון אַ קורצער צייט האָט ער אַלס אַוטאָדידאַקט זיך אויסגעלערנט דייטש, פּויליש און פראַנצויזיש אין וואָרט און שריפט. מיט אָט דער בילדונג האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט איבערן לאַנד, אויפטרעטנדיק אין פאַרשיידענע שטעטלעך אַלס לערער פון אַלע שול־געגנשטאַנדן און בפרט — פון לשונות. לויט זיין אייגענער מיטטיילונג (פאַר דער ערשטער אויסגאַבע פון „לעקסיקאָן״) פלעגט ער שוין אַלס 15יעריק ייִנגל אַרומפאָרן איבער גאַליציע און, אויפהאַלטנדיק זיך חדשים־לאַנג אין בראָד, קאָלאָמיי, לעמבערג, דאָרט פאַרזינגען זיינע לידער. דאָס וואַנדערן איז געוואָרן זיין צווייטע נאַטור. מער ווי אַ יאָר פלעגט ער אויף איין אָרט ניט אויסהאַלטן און, ווי מ׳דערציילט, איז עס געווען צוליב זיינע עקסצעסן אויפן סעקסועלן באָדן. דערפאַר איז ער אַלס מענטש געווען זייער ניט באַליבט און פון אַ סך שטעטלעך איז ער אַנטלאָפן שיִר ניט אינמיטן דער נאַכט, הגם אין זיין פּריוואַטן לעבן האָט ער דווקא געלעבט באַשיידן, שפּאָרוואַם און ניכטער. 1889 איז ער געווען לערער פון פון רעליגיע אין די עפנטלעכע שולן כשאַנאָוו. לויט ד״ר מאַקס וויסבערג איז ער אין די 90ער יאָרן פון פ״י געווען אַ לערער אין דער באַראָן־הירש־שול אין באָריסלאַוו ביי דראָהאָביטש; צוליב דעם אָבער וואָס ער פלעגט גאַנצע נעכט פאַרברענגען אין די בירהאַלעס

*) אָדער 1860 — לויט דער מיטטיילונג פון אייזיק וויינשטאָק ע״ה; לויט ד״ר מ. וויסבערג — 1854; זיין פאָטער, מרדכי בן משה, איז געשטאָרבן ר״ח אייר תרכ״א, ווי ס׳איז צו זען פון ש׳ס ליד „דעם פאָטערס קבר״ („מעלאָדיען״ I, ז׳ 75).

און שענקען, האָט מען אים אָפגעזאָגט. צו 30 יאָר — דערציילט ווייסבערג — האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין פשעמישל, וואו ער האָט פאַרדינט זיין ברויט אַלס שפראַך-לערער און בדחן. דאָס בדחנות האָט ער אָבער באַנוצט ניט נאָר צווישן יידן: ער פלעגט אויך אַרומגיין איבער די קאַזאַרמעס און זינגען צווישן מיליטער זיינע לידער און בשעת דעם קייזערס אַ יובילייִ אָדער אַ געבורטסטאָג פאַרטיילן צווישן אָפיצירן און סאָלדאַטן זיינע בראָשורן אויף דייטש און פויליש. וואוינענדיק אין פשעמישל, האָט ער דערהויפט געלערנט מיט מיידלעך פראַנצויזיש, און דערביי איז ער איינמאָל נכשל געוואָרן; 1905 איז אַ יונג מיידל פון אַ רייך הויז פון אים געוואָרן אַ מוטער; ער איז גרייט געווען מיט דער מיידל חתונה צו האָבן, דעם פאָטער איז אָבער ניט אָנגעשטאַנען דער שידוך און ער האָט געזוכט צו פאַרדעקן די בושה אויף אַ אומנאַטירלעכן אופן. וואָס ס׳האָט זיך אָבער געענדיקט מיט דעם טויט פון דעם קינד און דער מוטער (ש׳ האָט אויף אָט דער דאָזיקער טראַגישער געשעעניש אָנגעשריבן אַ האַרצרייסנדיק עלעגיש ליד), דער מיידלס פאָטער האָט זיך אין אים געוואָלט נוקם זיין, האָט אים פאַרמסרט און ש׳ איז פאַר חציפות פאַרמשפט געוואָרן אויף דריי יאָר שווערע תפיסה. אַרויס פון קרימינאַל, איז ער געקומען קיין קראָקע, וואו ער האָט זיך שוין אויפגעפירט גאַנץ אָנשטענדיק. די יוגנט האָט אים ליב געהאַט און ווי ווייט מעגלעך געשטיצט. ער האָט דורך די שפראַך-לעקציעס זיינע גענוג פאַרדינט, אַפילו געהאַט די מעגלעכקייט אָפצושפאָרן אויף אַ שלעכטן טאָג, לעבנדיק זייער קאַרג, וואוינענדיק אין אַ פינסטער קעמערל.

אין פרילינג 1915 איז ער פלוצלונג אינגאַנצן בלינד געוואָרן. שכנים האָבן רחמנות געהאַט אויף אים און פלעגן הייסן די קינדער יעדן טאָג אַרויספירן אים פון דעם דומפיקן קעמערל אויף פרישער לופט, ביז ער איז אַן עלנטער, אַן איינזאַמער, אַ געבראָכענער, פאַר דער צייט געעלטערטער געשטאָרבן אין אַ האַלב יאָר אַרום. זיינע באַקאַנטע יונגעלייט האָבן אים פאַר זיין ביסל געלט געמאַכט אַן אָנשטענדיקע לוויה און אים געשטעלט אַ מצבה. פאַרקערט, לויט די מיטטיילונגען פון צבי רומעלד האָט ש׳ די לעצטע טעג פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין נויט און פיין נאָך איידער ער איז בלינד געוואָרן, צוליב הונגער אַפילו געאַרבעט פאַר די מיסיאָנערן: „וואָס זאָל איך טאָן? איך מוז האָבן פרנסה און דעריבער שרייב איך פאַר זיי בראָשורן אין יידיש...״ — זאָל ער האָבן געזאָגט. — זיין טאַלענט פלעגט ש׳ פאַרשווענדן פאַר אַ פאָר גראָשן, אַבי דעם טאָג איבערצוקומען. אויב מ׳האָט אים באַצאָלט אַ מטבע, איז אים ניט געווען קיין חילוק, אויף וואָס פאַר אַ טעמע און צוליב וועמען צו דיכטן, צי לכבוד דעם קייזער אָדער לכבוד דעם באַראָן הירש, צי לכבוד עפעס אַ עסטרייכישן אָפיציר צי גאָר לכבוד דעם געבורטסטאָג פון אַ דינסטמיידל, וועלכע האָט אים פאַר דער „ווידמונג״ געקויפט אַ גלעזל ביר. זייער אַ סך לידער פלעגט ער שרייבן לכבוד זיינע שילער און שילערינס און סתם באַקאַנטע יונגעלייט, ער האָט אָבער אין משך פון די יאָרן אָנגעשריבן זייער פיל לידער אויך אויף טעמעס פון יידישער עמאַנציפאַציע, חיבת-ציון אאַז״וו. אין אַ יידישער צייטונג אָדער ליטעראַרישן זמ״ב האָט ער זיך קיינמאָל ניט באַטייליקט, בכלל ניט גע-

האַט קיין השגה פון אַ יידישער ליטע=
ראַטור אין מאָדערנעם זין, געשטעקט
נאָך אינגאַנצן אין דעם פּעריאָד פון די
גרייצערדיקע מעשה=ביכלעך, כאָטש אַליין
האָט ער, ווי עס ווייזט אויס, קיין
מעשה=ביכלעך קיינמאָל ניט געשריבן.
אַמאָל האָט ער אָבער אָנגעשריבן אַ
ווייבערישע תחינה פאַר אַ בוכהענדלער,
הגם ער האָט אין זיך ניט געהאַט קיין
ניצוץ פון רעליגיעזיטעט. בלויז דעם
רעדאַקטאָר פון דעם קראָקעווער וואָכנ=
בלאַט „המצפה" איז אַמאָל געלונ=
גען צו פּועלן ביי אים, ער זאָל אָנשרייבן
פאַר דער צייטונג עטלעכע שירים אין
העברעיש, אָבער זיי זיינען פאַרעפנט=
לעכט געוואָרן א"פ, ווייל דעם מחברס
נאָמען איז געווען אַ צו קאָמפּראָמיטירטער.
און דאָך האָט ש' אַ היבשן אינטערעס,
ניט נאָר אַ קולטור=היסטאָרישן אַלס
איינער פון די לעצטע פאַרטרעטער פון
דער בדחנים=קונסט, נאָר אַפילו אַ לי=
טעראַרישן. דער ליטעראַרישער ווערט
פון ש'ס יידישע לידער ווערט פאַרמי=
נערט צוליב זייער שטאַרק פאַרדייטש=
טער שפּראַך, דורך וואָס דער דיכטער
האָט געוואָלט ל'ייטערן דעם „זשאַרגאָן",
מאַכן אים „אינטעליגענטער", ווי ער
דערקלערט עס אַליין אין דער הקדמה
צו איינער פון זיינע לידער=זאַמלונגען.
דאָך פאַרמאָגן אייניקע פון זיינע לידער
ביי זייער גאַנצער בדחנישער צעצויגנ=
קייט עכטע פּאָעטישע שטעלן, וואָס
ציי[גן] אין אים אַן אמתן דיכטער. גאַנץ
הויך שטייט אויך די טעכניק פון זיינע
לידער, וועלכע זיינען געשריבן אין אַ
מער אָדער ווייניקער אויסגעהאַלטענער
פערזנמאָס פון יאַמבן, טראָכייען און
אַמפיבראַכיען—אַ זייער זעלטענע מעלה
פאַר יענער צייט. אייניקע פון ש'ס לי=
דער זיינען בשעתו געווען זייער פּאָפּו=
לער אין גאַליציע, ווי למשל, דאָס ליד
„דרויסן בלאָזט אַ ווינט אַ קאַלטער",
וואָס איז געוואָרן אַן אמתדיק פאָלקס=
ליד, אגב — אויך אַדאַנק דער באַציאָנאַ=
לער טענדענץ. די צאָל פון ש'ס לידער
איז זייער גרויס, אָבער נאָר אַ קליינער
טייל פון זיי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן.
די איינציקע זאַמלונג פון זיינע לידער איז
אַרויס א"ט „מעלאָדיען אויס דער גע=
גענד אַם סאַן / געדיכטע אונד ליעדער
אין גאַליציש=יידישעם דיאַלעקטע / פאָן
בּיבך שאַפּיר אויס פּרזעמישל / I ליע=
רישע מעלאָדיען. / צווייטער טהייל / דער
לחם הקלוקל. / מונטערע, יידיש=אינטע=
רעסאַנטע ליעדער, קופּלעטס, סאַטירען,
אונד איינע קליינע קאָמישע אָפּער"
(פ"ג פון א. פויסטס בוכהאַנדלונג, קראָ=
קע, 1886, ז' 75 און 85), מיט אַ הקדמה
פון אהרן פויסט „דבר אל אוהבי שירי
ישורון", וועלכער רעדט שוין וועגן ש'ן
ווי וועגן „המשורר הנפלא הנודע בארץ
גאַליציען", וואָס זיינע לידער זיינען ביז
אַהער (ד"ה ביז 1886) געווען באַקאַנט בלויז
פון הערן. זיין ערשט געדרוקט ווערק
איז, ווייזט אויס, געווען „אם על הבנים
אָדער פריידעלע דיא מאַמע" — שיר אין
העברעיש און יידיש (לעמבערג, 1881,
ז"ז 31). פון זיינע אַנדערע זאַמלונגען
קע[נ]ען מיר נאָך דערמאָנען: „שירי בת
יהודה" („ליעדער איבער די פאַרפאָלגונג
דער יודען אין רוסלאַנד אונ דען אַנטי=
סעמיטיזמוס אין אַנדערן לענדערן, אין
דער מונדאַרט דער יודען גאַליציענס,
מיט העברעאישער איבערזעצונג", —
1883); ער האָט, ווי שוין דערמאָנט, אויך
פאַרעפנטלעכט געלעגנהייטס=לידער אין
העברעיש, דייטש, יידיש און פּויליש,
ווי, למשל: „הברכה אשר ברך שאַפּיר"...
אַ קלאָגליד אויף משה מאָנטעפיאָרעס
טויט אין העברעיש און דייטש, גע=

דרוקט צוזאַמען מיט Windobona's Schmerz — אַ עלעגיע אויפן טויט פון קרוינפּרינץ רודאָלף (קראָקע, 1889, ז' 62); אַ שיר א"ט „לכבוד האיש הנעלה, רב מיסד ומהולל, בעל רוח חן ולב נדיבות, דורש טוב עמו ישראל, ופורש כנפי רחמיו על כל מדכא באדם, זורע צדקות על ים ויבשת, ארצות ואיים תבענה תהלתו, / האציל באראן מוריצי די הירש / יאריך ימים! / מנחה רזה מאת עבדו המחבר יליד גאליציה ארץ אוכלת מטובו". זיין לעצט געדרוקט ווערק איז, ווייזט אויס, געווען די פּאָעמע א"ט „גבורי ישראל או נרות חנוכה / חזיון. / ישראל'ס העלדען אָדער חנוכה ליכטלעך / וויזיאָן" — אין יידיש און העברעיש (קראָקע, תרע"ג, ז' 36); אין דעם נאָכוואָרט צו דער דאָזיקער פּאָעמע, אין העברעיש, געחתמעט „ברכיה ש', מורה שפת עבר וצרפת בהוראת שפת אשכנז או פולין", פאַרענטפערט ער זיך, אויב אין דער פּאָעמע שטימען ניט זיינע היסטאָרישע השקפות מיט די אויספירן פון די געשיכטספאָרשער, וואָרעם „וואָס עס טאָר ניט אַ היסטאָריקער, מעג אַ דיכטער", בשעת ער הייבט זיך אויף די פליגלען פון דמיון אאַז"וו; כאַראַקטעריסטיש איז אויך זיין געענדערטע באַציִונג צו יידיש: „בנוגע לסגנון היהודית, טהרתיה היום מכל שמץ גרמניות. נקטתי בסגנון המודרני בכל מעלותיו ומגרעותיו, ועזבתי את סגנוני הרגיל, שבו הייתי כותב לפנים, שהיה ברבו אשכנזי ושעל פי האמת, לא היתה בו כל עקביות, בהיותו לא הא ולא הא, לא זרגוני ולא אשכנזי"; — און ער פאַרענדיקט זיין נאָכוואָרט מיט דער ערקלערונג, אַז ער זוכט ניט קיין חלק צווישן דיכטער, קיין אומשטערבלעכקייט אין דער ליטעראַטור, ווייל זיינע לידער האָט ער דערעיקרשט פאַרפאַסט פאַר זיינע תלמידים וועגן.

פּריוואַטע מיטטיילונגען פון אייזיק ווינשטאָק ז"ל, א. כהנא, ד"ר מ. ווייסבערג; ל. ווינער, YL, ז' 81 — 82, 375; סאַמועל מייזעלס, Moderne Jargon Lyrik, אין Ost und West, 1907, VI; ד"ר י. שיפּער, אין לעמבערגער „מאָרגען"; פּראָפ' דאַלמאַן, Jüdisch-deutsche Lieder; מ. באַסין „אַנטאָלאָגיע" I.

שאָפּמאַן גרשון (ט"ז אדר 1880 —) געב' אין אָרשע, מאָהליעווער גוב'. געלערנט אין חדר ביי זיין זיידן און דערנאָך ביי זיין פאָטער (זיי זיינען ביידע געווען מלמדים), דערנאָך אין די ישיבות פון אָרשע, דובראָוונע און וויטעבסק, אַ יאָר צייט (צו בר-מצווה) געאַרבעט ביי אַ „קאָנאַטניק" (שטריקוואַרגער), אונטער דער ווירקונג פון זיין זייער באַגאַבטן ברודער משה זיך פון 16 יאָר אָן אָנגעהויבן צו באַקענען מיט דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור, צו 19 יאָר אָנגעשריבן זיין ערשטע סקיצע און זומער 1901 אַוועק קיין וואַרשע, וואו ער האָט אַרויסגעגעבן דורך דעם פ"ג „תושיה" זיין ערשטע זאַמלונג נאָוועלן. אין וואַרשע זיך באַקענט מיט י"ל פּרץ און מ"י בערדיטשעווסקי, זיך באַפריינדעט מיט ה"ד נאָמבערג און א. רייזען (צו רייזענס ערשטן בוך לידער, „צייט-לידער", געשריבן די הקדמה), האַרבסט צוריקגעקומען אַהיים זיך צו שטעלן צום פּריזיוו, 3 יאָר געדינט אין האָמעל, וואו פאַרקערט אין דעם הויז פון די האָפּענשטיינס, געוואָרן נאָענט מיט א"נ גנעסין, ז"י אנכי א"אַ.ביים אויסבראָך פון

דער רוסיש=יאַפּאַנישער מלחמה צַנטלאָפן
קיין אויסלאַנד, ביי אַ זיבן יאָר געלעבט
אין לעמבערג. געדרוקט דערציילונגען
אין די העברעיִשע צייטשריפטן (אין
בוכפאָרם אַרויס אין פ"ג „מוריה", אָדעס,
1914), 1913 זיך באַזעצט אין ווין, זיך
באַטייליקט אין „התקופה", „מקלט" א"אַ,
צוזאַמען מיט צבי דיזענדרוק אַרויסגע=
געבן אַ קליינעם חודש=זשורנאַל „גבולות",
איבערגעזעצט פאַרן שטיבל=פ"ג, — צ"אַ
פּעטער אַלטענבערגס „כתבים נבחרים",
1921 חתונה געהאַט מיט אַ עסטרייכע=
רין (זי האָט זיך מגייר געווען, און
לעצטנס האָט ער אויך געלאָזט יידישן
זיין זון, כּדי ער זאָל ניט דאַרפן לער=
נען קיין קריסטלעכע רעליגיע אין דער
שול) און זיך באַזעצט אין וועצעלדאָרף,
לעבן גראַץ, וואו ער וואוינט עד=היום. אין
יידיש האָט ש', איינער פון די באַ=
דייטנדסטע העברעיִשע בעלעטריסטן, זיי=
ער ווייניק געשריבן אַלס אויסגעשפּראָ=
כענער העברעיִסט, „הגם אַן אמתער יידי=
שער דיכטער — שרייבט ער — שטייט
מיר תּמיד נעענטער ווי אַ העברעיִשער
גראַפאָמאַן". לעצטנס אָבער האָט ער
אַליין אָנגעהויבן צוליב נויט איבערזעצן
זיינע זאַכן אויף יידיש און פאַרעפנטלעכן
זיי אין „מאָמענט", „צוקונפט" א"אַ יידי=
שע אויסגאַבן. אַ סך פון זיינע דערציי=
לונגען, סקיצן און מיניאַטורן זיינען
אָבער נאָך פריער צו פאַרשיידענע צייטן
איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש, צ"אַ
פון א. רייזען — אין זיין „קונסט און לע=
בען" 1908, פון אשר ביילין—אין זמ"ה
„די אידישע פאָלקסליטעראַטור", 1909
(„אין תּפיסה"), פון א. וויעוויאָרקאַ—אין
זיין זשורנאַל „דאָס בוך" 1912 („ליעבע"),
אין „פריינד" א"אַ. אַ קליינע זאַמלונג
(„פון יענער זייט", „ביין") איז אויך אַרויס
אין דער „אוניווערזאַל=ביבליאָטעק" פון

ב. שימין אין דער איבערזעצונג פון ב.
קאַרלינסקי; אַ גרעסערע זאַמלונג א"ט
„ליבע און אַנדערע נאָוועלען" — אין דער
איבערזעצונג פון משה ליווּשיץ (פ"ג מאַקס
היקל, ווין=ברין, 1919 ז' 80).

אהרן צייטלין, אין „ליטעראַרישע בלעטער",
9; יצחק בריינין, אין לעמבערגער „מאָרגען",
1928; ל. ראָזענבערג, „וועגן אַ מעלאַנכאָלישען
דיכטער, צו זיין יובל", אין דער בוענאָס=איירע=
סער „אידישער צייטונג" פון 17/XI 1927; EЭ,
XVI; א. רייזען, אין „קונסט און לעבען",
1908, II (וועגן ש'ס זאַמלונג „רשימות", לאָנדאָן);
מ. ריבאַלאָוו, „ש' דער גרויסער העברעיִשער נאָוועַ=
ליסט", אין „צוקונפט", 1928, III.

שאַץ באָרים *) (23/XII 1867 **) —
) געב' אין וואָרנע, קאָוונער געגנט.
זיין פאָטער (אַ זון פון אַ מושלם, פון
אַ ליבהאָבער פון נגינה, וועלכער האָט
אַליין געשאַפן



קאָמפּאָזיציעס,
געשניצט און גע=
מאָלט מזרחס
אַאַז"וו) איז צו=
ערשט געווען אַ
סוחר, נאָכדעם
פאַרלוירן זיין
פאַרמעגן און גע=
וואָרן אַ מלמד. האָט געלערנט אין חדר
און ישיבה, שוין דעמאָלט אַנטדעקט אין
זיך דעם דראַנג צו צייכענען, געצייכנט
זיין זיידן (פון דער מוטערס צד, וואָס
איז געווען שטעטלשער רב), אונטער דער
ווירקונג פון השכּלה=ביכער (בפרט געליי=
ענט ראָמאַנען) פאַרלוירן די אמונה און אָנ=
געהויבן צו שטרעבן צו וועלטלעכער ביל=
דונג, צו 15 יאָר אַוועק קיין ווילנע, פון
שטיינבערגס רוסיש=העברעיִשן ווערטער=
בוך זיך געלערנט רוסיש, אַ סך געליי=
ענט, געהערט צו אַ רעוואָלוציאָנערן

*) דוב=בער; אין א"י לעצטנס העברעיִזירט זיין
נאָמען און פאַמיליע אויף ברוך ש"ץ.
**) לויט דער EЭ — 1860.

קרייזל (?), לסוף זיך דערשלאָגן צו דער ווילנער צייכנשול, געליטן הונגער און נויט, ביז אַ רוסישער גענעראַל דינאַמאָוויטש, ביי וועמען ער האָט געהאַט אַ לעקציע, האָט אים צוגענומען צו זיך אויף אַלעם פאַרטיקן, געשטיצט אים אין זיין שטרעבונג צו ווערן אַ יידישער קינסטלער, באַקענט אים מיט דער וועלט־ליטעראַטור. בעת אַ באַזוך אין ווילנע האָט אַנטאָקאָלסקי באַשטימט ש׳ן אַ סטיפּענדיע אין דער פּט״ב׳ער קונסט־אַקאַדעמיע, אָבער דער צאַרישער סענאַט האָט אים ניט געגעבן קיין וואוינרעכט; רייכע יידן האָבן אים דאַן געוואָלט פאַרשרייבן פאַר אַ לאָקיי, אָבער ש׳ האָט דערויף ניט מסכים געווען, זיך אַנטזאַגט פון אַנטאָקאָלסקיס סטיפּענדיע, אַדאַנק דעם פּאָפּולער געוואָרן אין ווילנע, באַקומען אַ סך „שטונדן“, אַנטוויקלט זיך אין זיין קונסט, דאַן זיך באַזעצט אין וואַרשע, וואו שטודירט אין די „קלאַסן פאַר שיינע קונסטן“, אָנגעהויבן צו שאַפן סקולפּטורן פון יידישן לעבן, געצוואונגען צו פאַרלאָזן רוסלאַנד — אַריבערגעפאָרן קיין פאַריז, וואו צוזאַמען מיט זיין פרוי געלעבט 6 יאָר אַ צופרידענעם קינסטלער־לעבן, אָבער באַאיינפלוסט פון דער פרוי — צוליב בעסערע לעבנסבאַדינגונגען אַוועק קיין בולגאַריע, וואו געגרינדעט אַ קונסטשול, געוואָרן פּראָפעסאָר, אַלס סקולפּטאָר געאַרבעט פאַר דער רעגירונג, פאַרן קיניג, פאַר דער בולגאַרישער אָפּטיילונג אויף די וועלט־אויסשטעלונגען אין פאַריז און סט׳־לואיס, באַשאָנקען געוואָרן מיט מעדאַילן און געוואָרן רייך. אָבער פאַרלאָזט פון זיין פרוי, וועלכע האָט מיטגענומען זיין איינציקע טאָכטער, האָט ער זיך דערפילט עלנט אין דער פרעמדער קולטור־סביבה, געוואָרן אַ ציוניסט און 1906 געגרינדעט זיין קונסטשול „בצלאל“ אין ירושלים. זינט דאַן האָט ער זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן דער אַרבעט פאַר דער יידישער קונסט אין א״י, אין די אינטערעסן פון זיין שול באַזוכט אַמעריקע אָנהייב 1914, 1926 ווידער געקומען קיין אַמעריקע צו ראַטעווען „בצלאל“ פון אונטערגאַנג. — אָנגעהויבן שרייבן אין רוסיש, האָט ש׳ פאַרעפנטלעכט פיל אַרטיקלען אין רוסיש, בולגאַריש, יידיש און העברעיש איבער קונסט און קונסט־אויסשטעלונגען, בפרט וועגן „בצלאל“ (צוליב פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן פלעגט ער דאָס רוב זיינע אַרטיקלען ניט אונטערשרייבן מיט זיין נאָמען). פון זיינע אַרבעטן אין באַזונדערע אויסגאַבן זיינען אַרויס: Одинъ изъ многихъ — זכרונות פון אַ סקולפּטאָר, געווידמעט זיין טאָכטער אַנזשעליקע (געדרוקט פּריוואַט אין 25 עקז׳, סאָפיע, 1905, ז׳ 143 + הקדמה); „ירושלים הבנויה (חלום בהקיץ)“ (פ״ג „בני בצלאל“, ירושלים, תרפ״ד, ז׳ 194, מיט אַלפאַבעטישע דערקלערונגען פון אַלע פרעמדע ווערטער און טעכנישע אויסדרוקן אין בוך) — אַן אוטאָפּישע דערציילונג פון קינפטיקן ירושלים, צום 20־יעריקן יובילייַ פון „בצלאל“, אַנטהאַלט אויך די געשיכטע פון דער בצלאל־שול צוזאַמען מיט אירע פּערספּעקטיוון אויף דער צוקונפט; אין דער אָריגינאַל־שפּראַך, אַ זאַפטיקן יידיש, איז עס אַרויס א״ט „די אויפגעבויטע ירושלים“ (פ״ג „היברו פּאָבלישינג קאָ“, נ״י, 1925, ז׳ 215); „על אמנות, אמנים ומבקריהם (פתגמים ומכתמים)“ — אָריגינעל געשריבן אין יידיש, אַנטהאַלט 220 עפּיגראַמען, ווערטלעך וועגן קונסט (פ״ג „בני בצלאל“, ירושלים תרפ״ד).

Э E, XV; „ברוך ש״ץ, חייו ויצירותיו“, פ״ג „בני בצלאל“, ירושלים, תרפ״ה, אנטהאלט

ש״ס אַוטאָביאָגראַפיע, איבערגעזעצט אויף העברעיִש פון מ. נאַרקיס, דעם צוזאַמענשטעלער פון דער מאָנאָגראַפיע, 41 העליאָגראַווירונגען פון ש׳ס אַרבעטן, מ ט טעקסטן צו אַלע בילדער אין יידיש און העברעיִש, און 110 קליינע רעפּראָדוקציעס פון זיינע ווערק, געדרוקט אין צוויי אויסגאַבן, איינע אויף קונסטדיקן פּאַפּיר אין 300 עקז׳, נומערירט און אַוטאָגראַפירט פון מחבר; אַ ריי אַרטיקלען אין דער ציוניסטישער פּרעסע פון אַלע שפּראַכן; „בצלאל״ (ציוניסטישע „קאָפּיקע־ביבליאָטעק״, אָדעס; דאָסזעלבע אין העברעיִש א״ט „בצלאל, תולדותיו, מהותו ועתידו״, פ״ג „סנונית״, ירושלים, תר״ע, ז׳ 32); זמ״ה „בצלאל־אויסשטעלונג״, אין ענגליש, העברעיִש און יידיש, מיט רעפּ־אָדוקציעס פון ש׳ס ווערק.

שאַצקי יעקב (1893 —)

געב׳ אין וואַרשע. באַקומען די ערשטע דערציִונג אין חדר און ביי פּריוואַטע לערערס, איז ער אָנגעקומען אין אַ טוכגעשעפט, שפּעטער געאַרבעט אין אַ ביוראָ, 1913 אַוועק קיין קראָקע, וואו אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף מאַטורע, שטודירט געשיכטע און פילאָסאָפיע אין לעמבערג, ווין, בערלין און וואַרשע, זיך באַטייליקט אין דער וועלטמלחמה אַלס אָפיציר פון פּילסודסקיס לעגיאָנען, 1918 באַשטימט געוואָרן אַלס רעפערענט פאַר יידישע ענינים ביים מיניסטעריום פאַר אויסלענדישע ענינים אין אויפגעלעבטן פּוילן, מאַי 1919 געשיקט פון דער רעגירונג אויסצופאָרשן די בלוטיקע געשעענישן פון די אַפּריל־טעג, אָבער אַזוי ווי ש׳ס מאַטעריאַל אין דעם ענין איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אין אַרכיוו און קיין אויספאָרשונג איז ניט געמאַכט געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע, איז געווען טעטיק

אַלס לערער פון געשיכטע אין די יידישפּוילישע גימנאַזיעס אין וואַרשע און אַלס אַסיסטענט פאַר געשיכטע אין אוניווערסיטעט, 1922 באַקומען דעם טיטל ד״ר ביי פּראָפ׳ האַנדעלסמאַן פאַר זיין דיסערטאַציע „די יידנפראַגע אין קיניגרייך פּוילן אין דער פּאַסקעוויטש־תקופה (1831—1861)״.– זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ש׳ אָנגעהויבן נאָך פאַר דער מלחמה, צ״אַ געדרוקט רעצענזיעס איבער יידישע ביכער אין ווילהעלם פעלדמאַנס Krytyka (וועגן פעלדמאַנען אגב פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין ב״יער „טאָג״), אַ גרעסערן אַרטיקל איבער ש. ניגערס „פּנקס״ אין Głos Związku — דעם אָרגאַן פון פאַראיין פון די יידישע סאָציאַליסטן אין קראָקע, 1913, אַן אַרטיקל וועגן פּרצן אין Izraelita 1913, אַ ריי היסטאָרישע אַרבעטן אין Евр. Старина 1914 — 15. שפּעטער זיך באַטייליקט אין דעם וואַרשעווער פּויליש־יידישן טאָגבלאַט Nasz Kurjer, 1921 — 22, מיט העכער 200 אַרטיקלען איבער יידישע געשיכטע, פילאָסאָפיע און ליטעראַטור, בתוכם אַ סעריע גרעסערע אָפּהאַנדלונגען איבער דער יידישער ליטעראַטור און קריטישע איבערזיכטן איבער די נייע ביכער אויף און וועגן יידיש. צו יענער צייט אויך דעביוטירט אין יידיש מיט רעצענזיעס אין „ביכער־וועלט״ 1922 און אַ גרעסערער אַרבעט „די קאַנטאָניסטן אין דער באַלויכטונג פון די פּוילישע מעמואַריסטן״ — אין זמ״ב „שטראָמען״, וואַרשע, 1922. אַ באַזונדערס אינטענסיווע ליטעראַרישע טעטיקייט אין יידיש האָט ש׳ אָנגעהויבן ערשט אין אַמעריקע, וואוהין ער איז אַוועק סוף 1922. אין פאַרשיידענע יידישאַמעריקאַנישע צייטונגען און זשורנאַלן, ווי „פאָרווערטס״, „טאָג״, „מאָרגען זשורנאַל״, „פּ. א. ש.״, „פאָרטשריט״, „וועקער״

„פריינד", „דאָס נייע לעבן", „צוקונפט",
„ניי-אידיש", „אונדזער בוך", „פאַרבאַנד",
„אונזער שול", „שול און לערער", „ליטע-
ראַרישע בלעטער", „טעאַטער און קונסט"
אאַז"וו, האָט ער פאַרעפנטלעכט זייער
פיל היסטאָרישע און ליטעראַריש-קריטי-
שע אַרטיקלען און רעצענזיעס. פון זיינע
גרעסערע אַרבעטן איז צו פאַרצייכענען:
„לעלעוועל און די יידן", „געשיכטע פון
דער יידישער שול-באַוועגונג אין פוילן",
„די יידן אין דעם אויפשטאַנד פון 1831"—
אין Nasz Kurjer; „מיצקעוויטש און די
אידען", „די אידען אין אוקראַינישען
פאָלקלאָר", „די דעקאַבריסטען און די
אידען", „די אידישע מעמוארען - לי-
טעראַטור פון מיטעלאַלטער ביז דער
לעצטער רעוואָלוציע און פּאָגראָמען-
כוואַליע", „איבער גערשענזאָנען" — אין
„צוקונפט", 1923 — 26; „דער קריזיס
אין עקספּרעסיאָניזם" (אין „ניי-אידיש",
XI — XII); „מיכאל הײלפּערין, דער
גרויסער אידיש - אַמעריקאַנער געלערנ-
טער" (אין „פאַרבאַנד", 19); „די פוי-
לישע פּאָעזיע פון דער געגענוואַרט"
(אין „אין זיך", 1923, V—IX); „דער
גורל פון דער אידישער דראַמאַ", „אברהם
גאָלדפאַדען", וועגן שיפּערס „געשיכטע פון
יידישער טעאַטער-קונסט און דראַמע",
„בעל-מחשבות דער קריטיקער", וועגן
צושטאַנד פון דער אידישער וויסנשאַפט
(אין „טעאַליט", I—V); אַ ריי קריטישע
איבערבליקן איבער די מאַטעריאַלן צו
דער געשיכטע פון דער יידישער אַר-
בעטער-באַוועגונג, אין „וועקער", 1923—
25; אַ ריי רעצענזיעס איבער יידישע פי-
לאָלאָגישע און פאָלקלאָריסטישע אַרבעטן
אין „דאָס נייע לעבן", 1923; אַ סעריע
אַרטיקלען „די נייע יידישע היסטאָרישע
דראַמאַ"—וועגן י. פּרעגער, א. לעיעלעס,
א. קאַציזנע, ה. סעקלער—אין „פ. א. ש.",
1927; „טאָלסטאָי און די אידען"— אין
„מאָרגען זשורנאַל", 1928, אאַז"וו. פון
זיינע אַרבעטן אין בוכפאָרם זיינען אַרויס:
„שמחת הנפש/אידישע לידער מיט נאָטן/
פון אלחנן קירכהן/פאָטאָגראַפישער אי-
בערדרוק פון דער ערשטער און איינצי-
קער אויסגאַבע וועלכע איז דערשינען
אין פיורדא, אין יאָר 1727. מיט אַ קול-
טור-היסטאָרישן אַריינפיר פון ד"ר יעקב
ש'" (אידישער פ"ג פאַר ליטעראַטור און
וויסנשאַפט, נ"י 1926, ז' 60 + בלעטער
כ"ב); „ספינאָזא און זיין סביבה" (אַרויס-
געגעבן פון אַ גרופּע פריינד, נ"י 1927,
ז' 334; אויסגאַבע פאַר פוילן — פ"ג י.
יאַטשקאָווסקי, וואַרשע 1928—איינס פון
די ערשטע אָריגינעלע ווערק אויף יידיש
אויפן געביט פון דער פילאָסאָפיע (דער
2טער ב' — וועגן שפינאָזעס פילאָ-
סאָפיע — דאַרף אינגיכן ערשיינען);
ש' אַרבעט אויך אויף אַן איבערזעצונג
פון שפינאָזעס ווערק; „די געשיכטע פון
דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד"
(סעפּאַראַטער אָפּדרוק פון „דעם אידישען
וועלט - אַלמאַנאַך / יאָהרבוך פאַר סאָ-
ציאַליסטישער אידישער און אַלגעמיינער
סטאַטיסטיק און אינפאָרמאַציע", צוזאַמענ-
געשטעלט און רעד' פון ד. שוב, פ"ג „ווע-
קער", נ"י, ז' 15); „די געשיכטע פון דער
יידישער קאָלאָניזאַציע אין פוילן" (סעפּאַ-
ראַטער אָפּדרוק פון „פאַרבאַנד", 1928); „אַ
ניי בוך איבער דער געשיכטע פון דער אי-
דישער דערציאונג" (סעפּאַראַטער אָפּדרוק
פון זשורנאַל „שול און לערער", נ"י,
1927, ז' 14)—וועגן שמחה אספס ווערק,
„מקורות לתולדות החנוך בישראל מתחילת
ימי הבינים עד תקופת ההשכלה". אַ גרוי-
סער קענער פון דער טעאַטער-געשיכטע,
האָט ער אויף דעם געביט זייער פיל
געשריבן, געווען הויפּטמיטאַרבעטער פון
דעם זשורנאַל Teatr Ludowy, פאַר-

עפנטלעכט אַ ליטאָגראַפירטן קורס א"ט „די געשיכטע פון טעאַטער אין אָריענט" אין פּויליש (אַרויסגעגעבן פון דעם פאַר־איין פון די פּוילישע פאָלקסטעאַטערס אין וואַרשע, 1921); רעדאַקטירט דאָס „גאָלדפאַדען־בוך" (אַרויסגעגעבן פון דעם יידישן טעאַטער־מוזיי, נ"י 1926, ז' 104), וואו ער האָט אַחוץ אַנדערע אַרטיקלען און נאָטיצן פאַרעפנטלעכט די גאָלדפאַדען־ביבליאָגראַפיע; אין זיין גרויסער אָפּ־האַנדלונג איבער ד"ר י. שיפּערס „גע־שיכטע פון יידישן טעאַטער"—אין „פי־לאָלאָגישע שריפטן" II — געבראַכט זיי־ער פיל דערגאַנצונגען און תיקונים; האָט אויך געאַרבעט איבער די צענזור־רדיפות אויף יידיש אין פּוילן אין 19טן יר"ה, איבער „דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע" (פון די אַמסטערדאַמער „קו־ראַנטן" ביזן „קול מבשר"), וועגן אהרן וואָלפסזאָן דאַלע, רבקה טיקטינער א"אַ. איינער פון די אַקטיווסטע בויער און טוער פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, סעקרעטאַר פון דער אַמע־ריקאַנער סעקציע פון ייוו"א, מיטרע־דאַקטאָר און מיטאַרבעטער פון איר פּערטליאָרשריפט „פּנקס", מיטאַרבעטער פון די „פילאָלאָגישע שריפטן", רעדאַק־טאָר פון די שריפטן צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער פון ייוו"א אאַז"וו. איז מיטגליד פון דער יידישער אָפּטיי־לונג פון דעם „שפּינאָזע־אינסטיטוט פון אַמעריקע" צוזאַמען מיט ד"ר פ. קעט־נער און י. יודקאָוו, און לעקטאָר איבער שפּינאָזען אין יידיש; פירט אַ יידישן היסטאָרישן סעמינאַר.

ק. מרמר, אין זמ"ב „שריפטן", VIII; ש. ניגער, אין „טאָג" פון 10/I 1926; ד"ר הערמאַן פראַנק, אין „פ. א. ש.", 1926, 22; יצחק ריבקינד אין „אונדזער בוך", 1926, III; י. ליפשיץ, אין „פעדער", 1926, V; ב. ג. זאַק, „די לעבנס־געשיכטע פון אַ גרויסען אידישען דענקער", אין „קענעדער אדלער" פון 8/VI; ד. ווייגריב, אין Monatsschrift für Geschichte und Wissenschaft des Judentums X — IX, 1928 ד"ר יעקב גאָרדאָן, אין „ווילנער טאָג", 1928; Whos Who in American Jewry 1928; יוסף דימענטשטיין, „ד"ר יעקב ש' — פאָרשער און שרייבער", אין „קענעדער אדלער" פון 6/II 1928.

שאַצקי י"ל (י' שבט 1884 —) געב' אין בריסטאָוויץ, גראָדנער געגנט, אַלס זון פון אַ שרייבער און גע־שעפטס־פירער אין די שטעטלעך אַרום ביאַליסטאָק. ביז 12 יאָר געלערנט ביי מלמדים תלמוד און העברעיִשע לימודים און געענדיקט אַ רוסיש־יידישע פאָלקס־שול, שפּעטער זיך באַשעפטיקט אַלס לערער פון רוסיש און העברעיִש אין פאַרשיידענע שטעטלעך פון גראָדנער געגנט און זינט 1903 אין ביאַליסטאָק, גע־שריבן קאָרעספּאָנדענצן און אַרטיקלען אין Голосъ Бѣлостока און Гродненское Эхо א"פ ל. א. קלאַר, יאָרנלאַנג געווען בוכ־האַלטער, זינט 1921 פאַרעפנטלעכט אין די ביאַליסטאָקער טאָגבלעטער „דאָס נייע לעבן" און „דעם אידישען קוריער" דערציי־לונגען, נאָוועלן, סקיצן און בילדער, אויך א"פ י. ל. לעווקאָ, אויך געשריבן פעליעטאָ־נען א"פ פסח שין, י. שוויג, טוביה שפּילקע.

שאַצקעס משה־אהרן (1825 — 24/VIII 1899) געב' אין קאַרלין, פינסק. זיין פאָטער, ר' יהושע־העשל, איז געווען אַן אייניקל פון דעם קאַרלינער אב"ד ר' שמואל און האָט געשטאַמט פון מהרש"א. האָט צ"אַ געלערנט אין בית־מדרש פון דעם גביר ר' משה־יצחק לעווין אין קאַרלין און באַקומען אַ גרינדלעכע און ברייטע בקיאות אין תלמוד, האָט ער שפּעטער זיך דורכגעדרונגען מיט די אידעען פון דער השכלה און האָט זיי געבראַכט צום אויסדרוק אין זיין ספר „המפתח" (I ט'—וואַרשע, 1866, ז' 200; II ט' — 1869, ז' 290) — איינס פון די

כאַראַקטעריסטישסטע ווערק פון יענער תּקופה. ש׳ האָט געוואָלט געבן אַ קריטישע אָפּשאַצונג פון די אגדות אין תּלמוד מיט זייערע היפּערבּלען און פאַנטאַסטישע באַצירונגען. אָבער ניט באַזיצנדיק ניט קיין וויסנשאַפטלעכן מעטאָד, ניט דאָס געהעריקע היסטאָרישע וויסן פאַר דער אויספאָרשונג פון דעם פאָלקלאָר, האָט ער אָנגעווענדט דעם מעטאָד פון ראַציאָנאַליסטישע אויסטייטשונגען, וועלכער איז געווען אַזוי באַליבּט ביי די משׂכּילים. ער האָט די תּלמודישע לעגענדעס באַטראַכט אויס דעם שטאַנדפּונקט פון דעם מאָדערנעם אָנגעווענדטן וויסן און, אַזוי־אַרום אונטערשטרייכנדיק די אומראַציאָנעלקייט פון די דאָזיקע לעגענדעס, האָט ער געפּרוּווט דערווייזן, אַז זיי זיינען בלויז אַלעגאָריעס, אין וועלכע די חז״ל האָבן איינגעוויקלט טיפע מוסר־השׂכּלען און אידעען. דערביי האָט ש׳ צוגעשריבּן די מחבּרים פון די דאָזיקע אַלעגאָריעס — מאָדערנע ראַציאָנאַליסטישע אידעען און טענדענצן. אין ש׳ס שילדערונג האָבּן די אגדות באַקומען גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער איידער דער, וואָס די מפרשים פון אַלע דורות האָבן זיי געגעבּן. די משׂכּילים האָבּן אויפגענומען דעם „המפתח״ מיט באַגייסטערונג: „אויס שׂנאה, אויס האַס צו דער גמרא, מען דאַרף זי גאָר אַנדערש פאַרשטיין, דאָרטן ליגט גאָר באַהאַלטן סודות פון השׂכּלה... ש׳ מיט זיין מונטערער איראָניע, מיט זיין גוטהאַרציקן שמייכל אויף די ליפּן, מיט זיין — מען קען אַזוי זאָגן — פריילעכער, לעבּעדיקער שפּראַך פלעגט שלעפּן די בית־מדרשניקעס פאַר די פּאות, אַז זיי זאָלן ניט זיין קיין נאַראָנים, זאָלן ניט גלייבּן בוכשטעבּלעך אין די ניסים ונפלאות פון דער אגדה. ער פלעגט מיט אַזאַ בריהשאַפט אויפווייזן די קאָמישע זייט פון אַזאַ אָבּערגלויבּעריי, אַז די בית־מדרשניקעס פלעגן זיך מיט גוואַלד אויפכאַפּן פון זייער דרעמל... ש׳ האָט פון דער אַנדערער זייט געהאַט אַ גרויסע וואונדערבּאַרע השפּעה אויף די משׂכּילים, וועלכע האָבן טיף ביי זיך אין האַרצן געטראָגן אַ שטילע שׂנאה צו די אגדות פאַר די גוזמאות, ניסים ונפלאות; דער „המפתח״ האָט זיי געוויזן, אַז מען קאָן געבן אַ ראַציאָנעלן פּירוש דער אגדה... דער „המפתח״ האָט אין זיין צייט שלום געמאַכט מיטן תּלמוד... דאָס רוב משׂכּילים פון יענער צייט האָבן אָנגענומען דעם „המפתח״ פאַר תּורת אמת, אַז ער האָט אַנטדעקט די סודות, וואָס ליגן אין דער אגדה...״ (אלחנן קלמנסאָן). „דעם המפתח האָט זיך איינגעגעבּן אַראָפּצורייסן דעם שלייער פון דער מיסטעריעזער געטין די אגדה, און אַנטפּלעקן איר ווירקלעך פּנים, איר רעאַלע געשטאַלט״ (יל״ג|אין Восходъ).

די אָרטאָדאָקסן האָבן דערשמעקט, וואָס פאַר אַ געווער דער „המפתח״ קען ווערן אין די הענט פון די משׂכּילים, האָבּן זיי געפּרוּווט משפּיע זיין אויף דער צענזור, זי זאָל דעם ספר פאַרווערן, און אַז דאָס האָט זיך ניט איינגעגעבן, האָבן זיי אים אָנגעהויבּן אָפּצוקויפן אין אַלע ספרים־געשעפטן און פאַרבּרענען עפנטלעך, ווי דאָס איז געשען אין גראָדנע און איינִיקע אַנדערע שטעט; דעם מחבּר האָט מען שיר ניט אַריינגעלייגט אין חרם. דאָס האָט נאָך מער פּאָפּולאַריטעט פאַרשאַפט דעם ספר און מ׳האָט אים געכאַפּט ווי מצה־וואַסער, אַזוי אַז ש׳ האָט פאַרדינט אַ גאַנץ שיינעם קאַפּיטאַל און איז געוואָרן אַ מפורסם, און אַז ער איז געקומען קיין ווילנע, האָבן אים די ווילנער משׂכּילים, בּפרט א״מ דיק, אויפגענומען מיט גרויס כּבוד. עס זיינען אָבער אויך געווען פּרוּוון אָפּצופרעגן ש׳ס מיינונגען;

אַזוי האָט י״ד מילער (זע) פאַרעפנטלעכט אַ פּאָלעמיש ווערק קעגן ש׳ן א״ט „מלחמת סופרים״ (1871) און שפּעטער א״ב דובזעוויץ — אַ בראָשור „לא דובים ולא יער״ (1890). אויך אין זיינע שפּעטערע אַרבעטן, ווי „ארבע פנים״ („אוצר הספרות״, III), „השקפה על דבר ספר איוב״ („האסיף״, II) א״אַ האָט ש׳ אָנגעווענדט דעם מעטאָד פון אַלעגאָרישן פּילפּול אין זיינע אויסטייטשונגען. — אין דער יידישער ליטעראַטור האָט ש׳ זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט זיין בוך „דער יודישער פּאַר־פּסח אָדער מנהג ישראל. / אַ ספּור נפלא פון דעם אַרט לעבען פון אונזערע יודען, אונ ביותר אין דער ליטא, וויא אַזויא עס פּאַסירט זיך אין דער צייט פון פּורים ביז פּסח, אינטרעסנע סצענעס, אונ וואונדערליכע מעשיות, וואָס זענין באמת הפלא ופלא, קריטעש בעטראַכט אַלע מנהגים, אונ אַלע פּאָראַדקעס, בעשריבען איז דאָס אַללעס אַביסעל סאַטירעש, אָפּט מיט אַ רעכטע מִלְתָא דְבָדיחותא, מהיכא תיתי זאָלען טאַקע דיא לעזער נחת האָבען פאַר זייערע עטליכע גראָשען, אונ אַביסעל לאַכען אויך./ממני/המ ר מ״ז רמזין ומגלה טמירין אזרח ותושב מארץ הנגב״, מיט אַ מאָטאָ: „והמנהג כמנהג יהוא בן נמשי כי בשגעון ינהג״ (מ״ב ט׳ כ׳) (וואַרשע, דרוק פון אַלעקסאַנדער גינז, שנת דרכיו ראיתי וארפאהו לפ״ק; לויט דעם רוסישן אונטערטעקסט — פאַרפאַסט פון מ. זעליקאָוויטש, וואַרשע 1881; ז׳ 180). אין דעם דאָזיקן בוך באַשרייבט דער מחבר מיט פיל הומאָר און סאַרקאַזם די צרות, וואָס יידן, בפרט — די מאַנסבילן, מוזן זיך אויסשטיין אין די פיר וואָכן וואָס צווישן פּורים און פּסח. אגבֿ־אורחא מאַכט דאָס בוך באַקאַנט מיט פאַרשיידענע יידישע מנהגים, שילדערט בילדער פון דעם פאַרצייטיקן יידישן לעבן, פון די אסיפות, וואָס קומען פאָר אין בית־מדרש, אאַז״וו. „דאָס גאַנצע בוך — שרייבט ש״ע אין זיין גרויסן אַרטיקל איבער ש׳ — איז בוכשטעבלעך פול מיט קלוגע וויצן, גלייכע ווערטער, ליכטיקע געדאַנקען, דברי מוסר, ניצלעכע ידיעות, שיינע בילדער, לוסטיקע סצענעס, טרויעריקע מחשבות, — און דאָס אַלעס איז סיסטעמאַטיש, מיט אַ גאַנג באַשריבן, מיט אַ שאַרפער, לעבעדיקער, פייערדיקער סאַטירע, מיט אַ גלאַטער, אַ ריינער יידישער שפּראַך, מיט אַזעלכע באַזונדערע איינפאַלן, מיט אַזעלכע אָריגינעלע חאָפּלאַך (?) וואָס אונזער יונגער זשאַרגאָן האָט דאָס נאָך ביז שאַצקעסן נישט געהאַט״. די קינסטלערישע ווירקונג פון „דעם יידישן פּאַר־פּסח״, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט השכלה־טענדענצן, ווערט אָפּגעשוואַכט מחמת די פילע אָפּווייכונגען, וואו דער מחבר פאַרפירט וויכוחים און פּילפּולים וועגן פאַרעלטערטע מנהגים און דינים, וואָס שטאַמען לויט זיין מיינונג ניט פון דער הייליקער תורה. דאָך האָט דאָס ווערק אַ גרויסן עטנאָגראַפישן אינטערעס אַלס געטרייע אָפּשפּיגלונג פון דעם יידישן לעבנסשטייגער אינמיטן פאָריקן יאָרהונדערט אין דער ליטע. „ביז דעם בוך — שרייבט קלמנסאָן — האָט קיין שום מחבר ניט געהאַט אַזאַ גרויסע און אינטערעסאַנטע אוידיטאָריע. דאָס בוך, קען מען זאָגן, האָט געלייענט דאָס פאָלק פון אַלע שיכטן, געלערנטע און פּראָסטע מענטשן, מענער און פרויען, לומדים און עמ־הארצים, חסידים און משכילים...״ א. פישזאָן האָט אַפילו אויפגעפירט אַ טעאַטערשטיק א״ט „דער יידישער פאַרפּסח״. פון ש׳ס אַנדערע זאַכן אין יידיש איז צו דערמאָנען די פיר הומאָרעסקעס „בילדער פון דער ליטא, ממני דער אמת׳ער פערפאַסער פונ׳ם יודישען פאַר־פּסח״ אין

ש"ע'ס „יודישער פאָלקסביבליאָטעק", I. ער האָט אויך געפּרוּווט מיטאַרבעטן אין „יודישען פאָלקסבלאַט", אָבער פאַר דעם מטורף לעווי זיינען זיינע ראַדיקאַל-משכּילישע אָנשויונגען געווען ניט אָנצונעמען („מיר האָבען, למשל, אונז געמוזט פערפיינדען מיט העררן שאַצקעס דאַרום, ווייל מיר האָבען ניט געוואָלט אָננעהמען פון איהם אַן אַרטיקעל איבער שמיטה, ווייל דאָס איז אַז'אַ שאלה, וואָס געהאָרט ניט צו אונזער לעזע-פּובליקום". — י. לעווי, אין „פאָלקסבלאַט", 1889, 31). אין די העברעיִשע צייטשריפטן און זמ"ב, ווי „הבוקר אור", „אוצר הספרות", „היהדות", „המליץ", „היום" א"אַ, האָט ש' פאַרעפנטלעכט זייער פיל אַרטיקלען. אין קיעוו האָט ש' געלעבט זינט סוף די 80ער יאָרן; לויט אַ מיטטיילונג פון ש"ל ציטראָן — איז ער דאָרט געווען אַ נאמן אין אַ בראַנפנלאַגער („פּאָדוואַל"), האָט אָבער אַלעמאָל געלעבט, ווייזט אויס, אין גרויס דחקות און נויט, אָבער פאַר קיינעם זיך ניט געקלאָגט, אפילו קיינעם ניט דערציילט, זיך געטראָגן זייער אָרעם, האָט גערייכערט פּראָסטע מאַכאָרקע; בכלל געווען אַ מענטש, וואָס האָט קיינעם ניט געחנפעט און זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר די צבועקעס, וועלכע האָבן אים גערודפט. קלמנסאָן כאַראַקטעריזירט ש'ן אַזוי: „ער איז ניט געווען קיין אָראַטאָר פון דער טריבונע, נאָר אין אַ אינטימער געזעלשאַפט פון עטלעכע חברים איז ער געווען אַ וואונדערלעכער מיטשפּרעכער. ביי אים איז געווען אַ נאַטירלעכער איינגעבוירענער הומאָר; אַז ער פלעגט דערציילן אַ מעשהלע, אַ אַנעקדאָט, פלעגט מען מוזן האַרציק לאַכן. מיט אים פאַרברענגען איז געווען אַ פאַרגעניגן. מיר האָט געזאָגט דוד פרישמאַן, אַז ביי אים איז כדאי, וואָס ער איז געקומען אין קיעוו נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט געהערט ריידן ש'ן". אויך ש"ע האָט פ'ן דעם גאַנצן קיעווער קרייז העברעיִש-יידישע שריפטשטעלער צום גוטן דערמאָנט נאָר ש'ן. געשטאָרבן איז ער אין עלטער פון 73 יאָר, אָבער ביז די לעצטע טעג זיינע געווען געזונט אויף אַלע זיינע אברים, אַפילו פון קיין ברילן ניט געוואוסט. ש' האָט איבערגעלאָזט אַ ריי ווערק אין כתב-יד, ווי: „סוד שיח ספרי קדש"; קריטישע קאָמענטאַרן אויף „שיר השירים" און „קהלת"; „תולדות המפתח", וואו ער האָט באַשריבן אַלע געשעענישן פון זיין לעבן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט זיין סענסאַציאָנעלן ווערק; „דער חודש אלול" — מסתמא אויף דעם שטייגער פון דעם „אידישן פאַרפּסח".

„הכרמל", VI, נומ' 33; День, 1870, 16 און 36; ש', אין „המליץ", 1888, 10; שלום-עליכם, „דער יודישער דלות אין די בעסטע ווערקע פון אונזערע פאָלקס-שריפטשטעללער", אין „ביילאגע צום יודישען פאָלקסבלאַט", 1888, 44; מ. קאַזאַרנאָוו, „קינה בספר איוב" — אַ פּאַמפלעט קעגן ש'ס אויסטייטשונג, אַז ספר איוב איז געשריבן פון משה רבנו; Восходъ, 1891 III, 2טע אָפּט' ז' 7—23; י. י. ווייסבערג אין „המליץ", 1899, 187; פּראָפ' ל. ווינער, Y L; ד"ר מ. פּינעס, „די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור", I, ז' 233—4; א. פּאַפּירנאָ, „זכרונות" (איבערגעזעצט פון Пережитое III, ז' 318—19); JE, XI, ז' 234; EЭ, XV; אלחנן קלמנסאָן, אין ריגער „פרימאָרגן", 1926, 212; „שלום-עליכם-בוך".

שאַרקאַנסקי אברהם-מיכל (ג' תשרי 1869* — 20/XI 1907) געב' אין ליוּבאָווע, לעבן קאַלוואַריע, סוואַלקער

*) לויט אייזענשטאַדס „חכמי ישראל באמריקא" (וואָ ס'איז, אַגב, געמאַכט אַ טעות, ווייל תּשרי תּר"ל איז 1869); לויט די ידיעות, וואָס אַ געוויסער צ. טאָמבאַנק האָט פאַר אונז באַקומען פון ש'ס מוטער, איז ער געב' 1860; לויט אַנדערע, אָבער צווייפלדיקע אָנגעבונגען—גאָר 1852 אָדער 1867.

געגנט. זיין פאָטער, אַ פאַרמעגלעכער באַ=
לעבאָס, וואָס האָט געבויט אין זיין שטעטל
אַ בית=תפילה (לויט אַנדערע ידיעות —
אַ שוחט, אַלנפאַלס אַ גרויסער למדן) איז
אים געשטאָרבן

צו 11 — 12 יאָר,
און די פאַמיליע
איז אַריבערגע=
פאָרן קיין קאַל=
וואַריע. ש׳ האָט
געלערנט אין חדר
און זיך אויך באַ=
קענט מיט רוסיש
און דייטש — לויט אייניקע ידיעות אין
קאָוונע, וואו ער האָט באַזוכט די
ישיבה, לויט אַייזענשטאַדט — אין לי=
באַווע. אין דער קאָוונער ישיבה האָט ער
זיך אויך באַקענט מיט דער העברעישער
ליטעראַטור און צו 16 יאָר שוין גע=
שריבן זייגע ערשטע שירים. ווען זיין
מוטער האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט
אַ ריגער תבואה=סוחר *), איז ש׳ אַוועק
צו זיי. 1890 האָט ער חתונה געהאַט מיט
אַ געוועזענער גאַסנמיידל (אין מאָזשייק);
דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפ=
רעגונג אין דער פאַמיליע, און ש׳, וואָס
זאָל האָבן געהאַט געצויגן חיונה פון
פאַרקויפן ארץ=ישראל=בילדער, איז 1890
אַוועק קיין אַמעריקע, זיך באַזעצט אין
שיקאַגאָ, דאָ דעביוטירט מיט אַ פּאָעמע
„דאָס שעפּעלע“—אין „אידישען קוריער“
פון 6/II 1891. אינגיכן איז די פרוי פון
אים אַוועק, און כּדי זיך אַ ביסל צו פאַר=
געסן אין זיין אומגליקלעכער ליבע, איז
ער אַריבערגעפאָרן קיין נ״י. דאָ האָט
ער זיך נאָענט באַפריינדעט מיט מאָריס
ראָזענפעלד, אויך מיט פיליפּ קראַנץ א״אַ
יידישע שריפטשטעלער און אָנגעהויבן
צו באַטייליקן זיך מיט לידער, הומאָ=
רעסקעס און אַרטיקלען כּמעט אין אַלע
יידיש=אַמעריקאַנישע פּעריאָדישע אויס=
גאַבן. צוזאַמען מיט פיליפּ קראַנצן האָט
ער אַרויסגעגעבן אַ וויסנשאַפטלעך=ליטע=
ראַריש=קאָמערציעלע מאָנאַטשריפט א״ט
„דער שטאָדט=אַנצייגער“ (1893; אַרויס
בלויז 2 נומ׳); צוזאַמען מיט מאָריס ראָ=
זענפעלדן — אַ סאַטיריש וואָכנבלאַט מיט
קאַריקאַטורן א״ט „דער אַשמדאַי“ (1894;
דער לעצטער נומער האָט געהייסן „דער
המן=קלאַפּער“) און שפּעטער—אַ דריימאָ=
נאַטלעכן היסטאָריש=ליטעראַרישן זשור=
נאַל „דער פּנקס“ (1900), און זעלבשטענ=
דיק — אַ מאָנאַטשריפט „די נייע וועלט“
(1897). גלייכצייטיק האָט ש׳ אויך גע=
שריבן פּיעסן פאַר דער יידישער בינע.
אַלס דראַמאַטורג האָט ש׳ דעביוטירט
מיט אַ פּיעסע א״ט „ונתנה תוקף“ (1895),
וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג.
נאָך שטאַרקער האָט אויסגענומען, „גע=
פאַנגען דעם טעאַטער=באַזוכער“ (גאָרין)
זיין צווייטע פּיעסע „כל נדרי“ אָדער די
געהיימע יידן אין מאַדריד“ (1896). „די
דאָזיקע צוויי שטיק — שרייבט גאָרין —
האָבן זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס
זיי זיינען געווען יידישע, ניט נאָר אין
נאָמען, נאָר אויך אין דעם אינהאַלט,
און וואָס זיי האָבן געהאַט אַן אָנהייב,
אַ מיטן און אַ סוף, הגם די פּערזאָנען
האָבן געוויזן ווייניק לעבן. די דאָזיקע
שטיק זיינען געווען ניט ווייט אַוועק=
גערוקט פון דער דורכשניטלעכער היס=
טאָרישער אָפּערעטע, וואָס מ׳האָט פריער
געזעען אויף דער בינע: דאָ איז געווען
דיזעלביקע באָמבאַסטיק, דערזעלביקער
ביליגער עפעקט, די זעלביקע געדיכטע
פאַרבן, נאָר אין דערזעלביקער צייט איז

*) לויט די מיטטיילונגען פון משה שטאַרק=
מאַן האָט ער געהייסן בערל שאַרקער, בשעת
ווען לויט אייזענשטאַדט איז עס גאָר געווען ש׳ס
פאָטער.

די האַנדלונג געווען ניט קיין פרעמדע און דער סיוזשעט ניט קיין פאַרפּלאָנטערטער און ניט קיין פאַרדרייטער. אויף אַזאַ אופן האָט ש' צוריק פאַרקניפּט דעם פאָדעם, וואָס האָט זיך איבערגעריסן ביי דער „קלאַסישער" מגפה און האָט זיך געלאָזט גיין מיט דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון דער באַקאַנטער היסטאָרישער אָפּערעטע, אָבער ער איז ניט געגאַנגען אין די זעלביקע טריט פון די פּאַטענטירטע אויטאָרן. אין זיינע שטיק האָבן זיך די ווערטער געקלעפּט און די האַנדלונג האָט זיך ניט איבערגעריסן". אויך די דריטע פּיעסע ש'ס „רחל אָדער דגל מחנה יהודה" (1898) האָט געהאַט ערפאָלג, אָבער די איבעריקע, פון וועלכע גאָרין רעכנט אויס די פאָלגנדיקע: „דער משפּט"—היסטאָרישע אָפּערע (1901), „יזכור" — אָפּערעטע (1904), „איוב", „מורד במלכות", „חבצלת השרון", — זיינען דורכגעפאַלן, ביז ער איז אינגאַנצן דערווייטערט געוואָרן פון טעאַטער. ער האָט אויך געשריבן פאַר די יידיש - אַמעריקאַנישע פאַרלעגערי בפרט פאַר דער „היברו פּאָבלישינג קאָ.", ראָמאַנען, ווי למשל, „דער פרויענהענדלער", הומאָריסטישע זאַכן, ווי די „אַמעריקאַנער הגדה", „שפּיצעל פון אַ פּורים־שפּילער", וואָס אַנטהאַלט אויך פילע יידישע וויצן, אַנעקדאָטן, וויציקע דערציילונגען און הומאָריסטישע לידלעך. באַזונדערס אָבער צייכענען זיך אויס זיינע לידער, וואו מ'זעט זיין אמת לירישן טאַלענט. געשריבן אין אַן אויסגעהאַלטענעם ריטם און אַ לייכטן סטיל, פאַרמעגן מאַנכע פון זיי עכט פּאָעטישע טענער און זיינען אָפט דורכגעדרונגען מיט אַן איינגענעמען האַרציקן הומאָר, הגם אויף זייער פאָרם פילט זיך טיילמאָל די השפּעה פון מאָריס ראָזענפעלד. די ערשטע לידערזאַמלונג ש'ס א"ט „יודישע נגונים" איז אַרויס 1895 אין נ"י (לויט „חכמי ישראל באמריקא"—1897). אַ נייע זאַמלונג א"ט „גלות־לידער/ליעדער, בילדער און באַלאַדען (פון 1889 ביז 1905)" איז אַרויס אין 1911. פון די באַזונדערע אויסגאַבן פון ש'ס ווערק איז נאָך צו דערמאָנען „חפני און פּנחס, אָדער דגל מחנה יהודה" — מעלאָדראַמע אין 4 אַ' („יודישע טעאַטער־ביבליאָטעק", נומ' 12, פ"ג פּ. קאַנטאָראָוויטש, וואַרשע, 1907); די לידער פון דער אָפּערע „ונתנה תוקף" (פ"ג „היברו פּאָבלישינג קאָ."). — געפירט האָט ש' אַ לעבן פון אַ באָהעמע־מענטש, און איידער ער האָט נאָך געהאַט פאַרגעסן זיין ערשטע ליבע, האָט אַ צווייטע ליבעס - טראַגעדיע אים אַראָפּגעפירט פון זינען, און 1906 האָט מען אים אַריינגעזעצט אין אַ משוגעים־הויז אין נ"י, וואו ער איז געשטאָרבן פון אַ לונגען־אַנטצינדונג.

פּראָפ' ל. ווינער, YL; „חכמי ישראל באמריקא; פּ. ווירניק, „געשיכטע פון די אידען אין אמעריקע"; מ. באַסין, „אַנטאָלאָגיע"; ל. קאָברין, „ערינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג"; מיטטיילונגען פון משה שטאַרקמאַן, לויט די נעקראָלאָגן אין „יודישען טאַגעבלאַט" און „מאָרגען זשורנאַל".

שאַשקעס חיים (17/IV 1891 —) געב' אין ביאַליסטאָק אין אַ פאַרמעגלעכער סוחרישער פאַמיליע. ביז 13 יאָר געלערנט אין חדרים גמרא, תנ"ך און העברעיש און גלייכצייטיק ביי הויז־לערערס — רוסיש און אַלגעמיינע לימודים. צו 15 יאָר געשריבן העברעישע שירים און געדרוקט קאָרעספּאָנדענצן איבער ביאַליסטאָקער פּאָגראָם אין סאָקאָלאָווס „טעלעגראַף", 1911 געענדיקט די רעאַלשול, זינט 1912 שטודירט אין האַנדלס־אינסטיטוט אין גענט, געווען סעקרעטאַר פון דעם ערשטן יידישן סטו־

דענטנזשורנאַל א"ט „דער אַ דישער סטודענט", קאָרעספּאָנדירט אין די רוסישע צייטונגען פון מינסק און ביאַליסטאָק; צוליב דער מלחמה איבערגעריסן דאָס שטודיום אין אויסלאַנד, אַריינגעטרעטן אין דער רוסישער אַרמיי, באַקומען צוויי קריגס־אויסצייכענונגען. נאָך אָנדערטהאַלבן יאָר מיליטערדינסט ממשיך געווען זיין שטודיום אין כאַרקאָווער האַנדלסאינסטיטוט אויף דער אָפּטיילונג פאַר אינדוסטריע, וועלכע געענדיקט 1918, ביז 1920 געאַרבעט אַלס וויצעפּאָרזיצער פון קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוו אין כאַרקאָוו, געווען אויך מיטגליד פון דעם ערשטן דעמאָקראַטיש געוויילטן קהילה־ראַט אין כאַרקאָוו, 1920—21 פאַרנומען די שטעלע פון רעדאַקטאָר פון דער פּרעסע־אָפּטיילונג אין קאָמיסאַריאַט פאַר אויסלענדישע ענינים פון אוקראַינע, דאַן צוריקגעקומען אַלס רעפּאַטריאַנט קיין פּוילן, וואו באַנייט זיין טעטיקייט אַלס קאָאָפּעראַטאָר, פריער אין דער אויפבויאָפּטיילונג פון „דזשאָינט", דערנאָך אין „פאַרבאַנד פון די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פּוילן". זינט 1922 מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון דער צייטשריפט „די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג"—אָרגאַן פון דעם פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּעראַטיוון אין פּוילן, וואו ער שרייבט אַרטיקלען איבער עקאָנאָמישע פראַגן. 1923—27 פאַרעפנטלעכט אין „היינט", ווי אויך אין Nasz Przegląd, רייזע־באַשרייבונגען פון ענגלאַנד, בעלגיע, עסטרייך, איטאַליע, מצרים, א"י, אַלזשיר, מאַראָקע, שפּאַניע א"אַ, שילדערונגען פון שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן: „ענטשטעהונג, ענטוויקלונג און גרונד־פּרינציפּען פון דער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע" (1927, וואַרשע).

שובין הירש (1868 —) געב' אין פּאָלאָצק, וויטעבסקער גוב', אַלס זון פון אַ סוחר, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ מוכר־ספרים און אויך מחבר געווען אַ פּירוש אויף אַקדמות. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג האָט ער צו 21 יאָר פאַרפאַסט אַ מעשה־ביכל „דיא שטיפמוטער אָדער ראָזע דיא קראַסאָטקע / איין אינטערעסאַנטער ראָמאַן", אין וועלכן ער האָט באַשריבן אַ מעשה שהיה אין פּאָלאָצק, ענדערנדיק די נעמען פון די פּערזאָנען, און פאַרקויפט עס ראָזענקראַנצן פאַר 100 עקז' בתורת האָנאָראַר (ווילנע, 1890, ז' 32), דערנאָך פאַרפאַסט נאָך אייניקע מעשה־ביכלעך, אָבער דער פאָטער האָט זיי פאַרניכט, ניט געלאָזט אים ווייטער זיך דערמיט פאַרנעמען. ביז דער מלחמה איז ער געווען אַ מוכר־ספרים, אויפן ווילנער שולהויף געהאַט אַ קליין קרעמל, און זינט 1915 איז ער שטאָט־שמש אין טראָק.

שוואַדראָן אברהם (י"ב אלול 1878—) געב' אין דאָרף ביעניוו, ניט ווייט פון זלאָטשעוו, מזרח־גאַליציע. זיין פאָטער, יצחק, אַ מאַן פון יידישער און אַלגעמיינער בילדונג, אַ ברודער פון דעם ברעזאַנער גאון ר' שלום־מרדכי, דעם מחבר פון ספר „דעת תורה גלוי דעת" (אין וועלכן ער ווייזט אגב אָן אויף אַ שלשלת היוחסין ביז צום מהרש"ל און רש"י), אַ זון פון דעם למדן און גביר ר' משה בעניווער, האָט געהאַלטן אַ דעסטילאַציע פון שפּיריטעס. ביז 9 יאָר דערצויגן אויף תלמוד און שולחן־ערוך, געשמט פאַר אַ עילוי, שפּעטער זיך דערווייטערט פון יידישקייט, געענדיקט גימנאַזיע, שטודירט אין ווינער אוניווערסיטעט כעמיע, פיזיק און פילאָסאָפיע, צוליב אויסערלעכע סיבות ניט פראָמאָ־

ווירט געוואָרן אַלס דאָקטאָר, הגם אַלע
עקזאַמענס דורכגעמאַכט מיט דער העכס=
טער אויסצייכענונג און געהאַט די זכיה
נאָך אַלס סטודענט צו האַלטן אין דער
פילאָסאָפישער געזעלשאַפט״ אַ רעפעראַט
קעגן לייבניצעס קאָנטינויטעטספרינציפּ
(שפּעטער פאַרעפנטלעכט אין פראָפּ׳
שטיינס צייטשריפט פאַר פילאָסאָפיע).
אונטער דער ווירקונג פון אַ געוויסן
משה=אהרן נייגער פון טאָרנע, אַ אָרטאָ=
דאָקסישן, אָבער געבילדעטן יידן „מיט
אַ אידעאַלער נשמה״ — צוריקגעבראַכט
צום יידישן פילן און דענקען, האָט ש׳
זיין ערשטן אַרטיקל פאַרעפנטלעכט אין
ד״ר נתן בירנבוימס Jüd. National-Zeitung,
ווין 1907, וואו ער האָט געשטראָפט „די
הערן ראַבינער״, פאַרוואָס זיי שטייען ניט
צו צו דער יידיש=נאַציאָנאַלער באַוועגונג.
שפּעטער האָט ש׳ געשריבן איבער קול=
טור=קריטישע פּראָבלעמען אין די אַלגע=
מיין=דייטשע אָרגאַנען, ווי Die Fakel,
Die Tat, Die Schaubühne, Dokumente
des Vortschritts ,Die Wage, אויך א״פּ
יעקב שוואַד, און איבער יידישע פּראָב=
לעמען, באַזונדערס איבער דער טעאָריע
פון יידישן נאַציאָנאַליזם און ציוניזם—אין
Jüd. Monatshefte, Der Jude ,Jerubaal
Wiener Morgenzeitung, Jüd. Rundschau,
Jüd. Kalender א״אַ. מאַנכע פון זיינע
דייטשע אַרטיקלען זיינען אויך איבער=
געזעצט געוואָרן אין די פּויליש=יידישע
Chwila און Nowy Dziennik און אין די
העברעישע „גבולות״, „השומר״ א״אַ. ער
האָט אויך געשריבן העברעישע אַרטיק=
לען אין „העולם״ און „הצפירה״ און
יידישע—איבער ציוניסטישע צייט=פראַגן—
אין לעמבערגער „טאָגבלאַט״ און „וויע=
נער מאָרגענפּאָסט״. אין בוכפאָרם פאַר=
עפנטלעכט Mauschelpredigt eines Fana-
tikers (1916), Nach dem Pogrom —

אַן איבערזעצונג פון ח״נ ביאַליקס „שירי
זעם״ (1919), Von der Schande Ihrer
Namen (1920), וואָס האָט געמאַכט אַ
רושם אין די יידישע קרייזן פון מערב=
אייראָפּע, און Aus der Zionisten-Predigt
eines Fanatikers (1925). אין משך פון איבער
30 יאָר געזאַמלט כתב=ידן, אַווטאָגראַפן און
בילדער פון באַרימטע יידישע פּערזענ=
לעכקייטן און זיין גאַנצע זאַמלונג, וועל=
כע אַנטהאַלט ביי 4000 אַווטאָגראַפן און
בילדער, דערין אויך פון יידישע שריפט=
שטעלער, די איינציקאַרטיקע יידישע קאָ=
לעקציע אין דער וועלט, אַוועקגעשענקט
דער אוניווערסיטעטסביבליאָטעק אין
ירושלים, וועלכע האָט געעפנט אַ ספּעצי=
עלע אָפּטיילונג פאַר דער דאָזיקער זאַמ=
לונג אונטער ש׳ס אָנפירונג.

שוואַלבע נתן (26/XI 1883 —
) געב׳ אין לובלין אין אַ סוח=
רישער פאַמיליע. געענדיקט רעאַלשול
אין וואַרשע און שטודירט אין קראָקע=
ווער אוניווערסיטעט. זיין זשורנאַליסטי=
שע טעטיקייט האָט ש׳ אָנגעהויבן אין
פּויליש, געווען אַ מיטגליד פון דער רע=
דאַקציע פון דעם פּויליש=יידישן טאָג=
בלאַט Przegląd Codzienny (געגרינ=
דעט אין וואַרשע 1913, עקסיסטירט אַ
קורצע צייט). אָנהייב 1914 אָנגעהויבן צו
שרייבן אַרטיקלען אין „פריינד״, זומער
1914 אַריבער אין „היינט״, בשעת דער
מלחמה געגרינדעט צוזאַמען מיט ש.
הירשהאָרן אַ יידיש=פּוילישע וואָכנשריפט
Opinia Żydowska, וועלכע איז פאַר=
מאַכט געוואָרן דורך דער דייטשער אָקו=
פּאַציע=מאַכט באַלד נאָך איר אַריינקומען
קיין וואַרשע. נאָך דער אָקופּאַציע גע=
וואָרן שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער
טעגלעכער פּויליש = יידישער צייטונג
Nasz Kurjer און פון דעם ציוניסטישן
טאָגבלאַט „דאָס יודישע פאָלק״, נאָך

דער צונויפגיסונג פון „דעם יודישען פאָלק“ מיטן „היינט“ איבערגענומען אין „היינט“ די אָפּטיילונג פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק, אין אייניקע יאָר אַרום אַריבער אויף דעם זעלביקן אַמט אין „מאָמענט“, אָבער ווען דאָס פּויליש־יידישע טאָגבלאַט Nasz Przegląd (געגרינדעט אויפן אָרט פון Nasz Kurjer), פון וועלכן ש׳ איז איינער פון די מיטרעדאַקטאָרן צוזאַמען מיט ש. הירשהאָרן א״אַ, איז געוואָרן אַ קאָנקורענץ פאַרן „מאָמענט“, האָט די דאָזיקע צייטונג געקינדיקט ש׳ן און הירשהאָרנען אַלס שטענדיקע מיטאַרבעטער, און זינט דעמאָלט טרעט ש׳ זייער זעלטן אויף אין דער יידישער פּרעסע. ער האָט פון צייט צו צייט זיך אויך באַטייליקט אין אַנדערע אָרגאַנען, צ״אַ אין „דער יודישער וועלט“ („אַ יאָהר באָיקאָט“, 1914, I, ז׳ 62—76), ווילנער „וואָך“, 1915, „דעם חודש“, 1921, I, א״אַ. זינט דער גרינדונג (1917) פון דעם וועכנטלעכן צ־גאַן פון די „צעירי ציון“ — „באַפרייאונג“ — איז ער געוועזן אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע און שטענדיקער מיטאַרבעטער. האָט געשריבן אויך א״פּ Sigma (אין פּויליש) און „הצופה“, בר־נש — אין יידיש. אייניקע מאָל באַזוכט די זיצונגען פון דעם פעלקערבונד אין זשענעווע אַלס ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון די צייטונגען, מיט וועלכע ער איז געוועזן פאַרבונדן.

שוואַרץ יהודה־אַריה־לייב — פון זלאָטשעוו, מזרח־גאַליציע, פאַרפאַסער פון אַ בוך לידער אין העברעיִש מיט אַ פאַראַלעלן טעקסט אין יידיש א״ט „שירי אמונים... בהסכמת הצדיקים וראשי מנהלי החבורה הקדושה מחזיקי הדת“ (לעמבערג, 1881, איבער 100 ז׳). דאָס דאָזיקע בוך האָט זייער אַ גרויסן קולטור־היסטאָרישן אינטערעס שוין דערמיט אַליין, וואָס דער מחבר איז אַ פאַרברענטער חסיד, אפשר דער ערשטער חסיד, וואָס האָט געשריבן יידישע לידער, און אין די דאָזיקע לידער שפּיגלט זיך אָפּ דער שאַרפער קאַמף צווישן די גאַליצישע משכּילים און אָרטאָדאָקסן. קעמפנדיק אין נאָמען פון די „גאָטסהאָפערס“ קעגן די „פרייגלייביקע“ און משכּילים, „וואָס טוען זיך ביכלעך מאַכן, אויס צדיקים שפּעטן און לאַכן“, שילדערט ער אין זיינע גראַמען, ווי דאָס יידישקייט צעפאַלט אין גאַליציע פון טאָג צו טאָג אונטער דער מעכטיקער ווירקונג פון דער השכלה און אַסימילאַציע און ווי ס׳שאַפט זיך וואָס אַמאָל מער אַ טיפערער תהום צווישן דעם אַלטן דור און דעם יונגן,—ווי למשל:

נאָך בעסער האָבן זיי אין דער מאָדע געבראַכט,
אַז פון קינדהייט ווערט שוין דאָס יידישקייט פאַראַכט,
דאָס קינד זאָל יידיש רעדן איז זיי אַ שאַנד;
די גויִישע דינסט לאָזט עס נישט אָפּ פון דער האַנט,
די דינסט רעדט דערמיט גויִיש פאָר און פאָרט
און די עלטערן רעדן דערצו קיין יידיש וואָרט.

ער טרעט אויך אַרויס קעגן די גאָטספאַרכטיקע בחורים, וואָס לייענען די משכּילישע ביכלעך, כּדי זיך צו לערנען לשון־קודש און פאַלן אַזוי־אַרום אַריין אין די „שפּין־נעצן“ פון די „פרייגלייביקע“, וועלכע זיינען אין קאַמף פאַר זייערע אידעען געפאַלן אויף זייער אַ גוטער המצאה — „באַשעפטיקן זיך שירים אויף לשון קודש צו מאַכן / ... און זעצן אויך איבער אויף טייטש די אַלע ענינים“. דערהויפּט גרייפט ער שאַרף אָן וועלוול זבאַרזשער־ערנקראַנצן, הגם ער רופט ניט אָן זיין נאָמען:

דער הויפּט־רשע ... אַ קאָפּ ווי אַ שלאַנג,
שרייבט דאָס רשעות מיט העברעיִשן געזאַנג

און מאכט פון ה״ליקע צדיקים געשפעט.
אויף קדושי עליון רעדט ער בזיונות,
מיט שמייכלענדיקע רייד, אָבער מיט שנעונות!
דאָס הייסט גלייך ווי אויף גאָט גערעדט.
אין זיינע חיבורים און משלים...
האָט ער דערפילט נארישקייט און דברי הבלים.
אָבער ער האָט עס מיט שיינע לידער געטון אָנצירן.
די זונה זינגט אויך מיט פאַרשידענע שטימען,
כדי די אויסגעלאַסענע זאָלן צו איר קימען,
אָבער נאָר דער דומער לאָזט זיך פאַרפירן.

אין דעם צווייטן טייל פון דעם ביכל שילדערט ש׳ דעם טרויעריקן מצב פון די יידישע סוחרים. די שפּראַך פון ש׳ס לידער איז ריין פון דייטשמערישן עלעמענט, אָפּט באַפאַרבט מיט פאָלקסטימלעכע גאַליציזמען (זי ווערט אַגב געלויבט פון יהודה־לייב לאַנדוי אין אַ העברעיִשן שיר, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין ש׳ס ביכל), דער ריטם איז אַ ביסל אַ איינטאָניקער. כאַראַקטעריסטיש פאַר ש׳ס לידער איז אויך, וואָס זיי זיינען באַשטימט געווען ניט צום זינגען, נאָר צום לייענען, פונקט ווי די לידער פון די אַנדערע פאַרגעסענע יידישע דיכטער פון בראָדער קרייז (הירש רייטמאַן, דעמאַנד, יהושיע־מאיר פינקעלשטיין), און ניט ווי די לידער פון אַ וועלוול זבאַרזשער, אונטער וועמעס השפעה ש׳ איז געווען, כאָטש ער טרעט אַזוי שאַרף אַרויס קעגן אים.

מיטטיילונגען פון מענדל בייגרעשל.

שוואַרץ ישראל־יעקב (ב׳ סוכות 1885 —) געב׳ אין פעטרושאַני, קאָוונער גוב׳, אַלס זון פון דעם אָרטיקן רב ר׳ יצחק־אַייזיק ש׳. באַקומען אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישע דערציִונג, ביז 16 יאָר געלערנט אין קאָוונער ישיבות. גאַנץ פרי אָנגעהויבן צו לייענען די יידישע ליטעראַטור און די העברעיִשע, שפּעטער אויך די רוסישע, האָט ש׳ דעביוטירט אין ד״ר יוסף לוריאס וואָכנשריפט „דאָס יודישע פאָלק" 1906 מיט אַ איבערזעצונג פון ח״נ ביאַליקס פּאָעמע „אין פעלד" (נומ׳ 7) און מיט אַן אָריגינעלן ליד „בלומען" (אין נומ׳ 11). צוזאַמען מיט

ז. שניאור האָט ער אויך איבערגעזעצט צו יענער צייט ביאַליקס באַרימטע „ווינטערלידער" (ib, 1907), 2) און אונטער דעם מחברס רעדאַקציע—ז. שניאורס „מתנה" (אין „אונזער וועג" 1906, III—V). 1906 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, האָט ער זיך באַטייליקט אין „יודישען קעמפּפער" און „צוקונפט" מיט אָריגינעלע און איבערגעזעצטע ווערק, זייער פיל זיך אָפּגעגעבן מיט איבערזעצן ביאַליקס שירים פון העברעיִש אין יידיש, אויך ר׳ יהודה הלוויס א״אַ. שפּעטער האָט ער זיך פאַרנומען מיט איבערזעצן אין יידיש די גרויסע דיכטער פון דער ענגלישער ליטעראַטור, ווי מילטאָן (אַ פּראָבע־איבערזעצונג פון זיין פּאָעמע „דער פאַרלוירענער גן־עדן"— אין „דאָס נייע לעבען" 1911), וואָלט וויטמאַן (זיין פּאָעמע Salut au mond אין זמ״ב „שריפטען", 1912, I), שעקספּיר א״אַ. אַלס איינער פון די בעסטע פאָרשטייער פון די „יונגע", האָט ער זיך באַטייליקט אין זייערע אויסגאַבן, ווי די זמ״ב „ליטעראַטור", „שריפטען", „די נייע היים", „וועלט אַיין וועלט אויס" (צ״אַ— צוזאַמען מיט דוד איגנאַטאָוו איבערגעזעצט דאָ פון חומש „די רייד פון בלעם") א״אַ, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט נאַטור־לידער, לירישע און

נאַציאָנאַלע לידער, איבערדיכטונגען פון תהילים אאַז״וו. אַרום 1918 איז ש׳ צוליב פּערזענלעכע ענינים געווען געצוואונגען אויסצוואַנדערן אין דעם ווייטן שטאַט קענטאָקי און צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע האָט ער זיך באַזעצט אין דעם שטעטל לעקסינגטאָן, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט געשעפט. אָט דער איבערבייט האָט געהאַט אַ זייער גרויסע און גינסטיקע ווירקונג אויף זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. די נייע סביבה האָט אויפגעוועקט זיין עפּישע קראַפט און זיין ציקל פּאָעמען און אידיליעס „קענטאָקי" (נ״י, 1925, ז׳ 260) איז מיט באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן פון דער גאַנצער יידישער קריטיק אַלס איינס פון די גאַנצסטע און באַדייטנדסטע ווערק, וואָס באַצייכנט אַ דאַטע אין דער יידישער פּאָעזיע — די געבורט פון דעם יידישן עפּאָס אין אַמעריקע. די גרעסטע פון ש׳ס קענטאָקער פּאָעמען „ניי-ערד" (צוערשט געדרוקט אין דער „צוקונפט", 1924) איז „אַן עפּיש קינסטלערישע שילדערונג פון דעם גאַנצן יידישן האַנדלס-ישוב אין אַמעריקע... די געשיכטע פון דעם יידנס לעבנסקראַפט, פון דעם יידנס צופּאַסונגס-און אַסימילירונגספעיקייט, און דער אויפטו באַשטייט אין דעם, וואָס צום ע״שטן מאָל אין דער יידישער ליטעראַטור איז עס אויפגעפאַסט געוואָרן עפּיש, אָביעקטיוו-קינסטלעריש, נישט ליריש און ניט מיט אַ נאַציאָנאַל-סוביעקטיווע טענדענץ... „ניי-ערד" איז ניט דערפאַר אַמעריקאַניש, ווייל עס רעדט זיך אין דעם וועגן אַמעריקע. עס איז דערפאַר אַמעריקאַניש, ווייל ס׳איז אַן אויסדרוק פון ברייטקייט, פשוטקייט און געזונטקייט..." ש׳ ווייזט זיך אין „קענטאָקי" אויך אַרויס אַלס געשטאַלטער פון מענטשלעכע כאַראַקטערן, און זיינע נעגער-פּאָעמען „דזשאָרדש וואַשינגטאָן", „דאָס זיידן העמד" און „דער סוף פון טאָמאַס׳ן" זיינען אַ באַרייכערונג אויך פון דער וועלט-פּאָעזיע. פון ש׳ס איבערזעצונגען זיינען אַרויס אין בוכפאָרם: „דער מתמיד" און „די פייער-מגילה" — פון ח. נ. ביאַליק (1909), „לידער — פון ר׳ יהודה הלוי", „האַמלעט און יוליוס צעזאַר" — טראַגעדיעס פון וויליאַם שעקספּיר (פ״ג „פאָרווערטס", 1918, ז׳ 300; ער האָט אויך געזאָלט איבערזעצן די אַנדערע ווערק שעקספּירס, אָבער דער פּלאַן איז לײדער ניט רעאַליזירט געוואָרן צוליב דעם, ווייל דער „פאָרווערטס" האָט ליקווידירט זיין פאַרלאַג). זיין איבערזעצונג פון שעקספּירס סאָנעטן אין העברעיִש איז געדרוקט אין „התקופה". — זיין ברודער, א. ש. שוואַרץ, געב׳ אין 1874 אין זעזמער, ווילנער געגנט, האָט זינט 1900 פאַרעפנטלעכט לידער אין „יוד", „צוקונפט" א״אַ. אויסגעוואַנדערט 1900 קיין אַמעריקע, האָט ער דאָרט 1906 געענדיקט זיין שטודיום אַלס דאָקטאָר, שפּעטער אָנגעהויבן צו שרייבן העברעיִש און זיך צוריקגעצויגן אינגאַנצן פון דער יידישער ליטעראַטור. (ער איז אגב אַן איידעם פון צבי-הירש מאַסליאַנסקי).

א. וואלדשטיין, אין „אידישען קעמפּפער", 1911; מ. כּ״ץ, אין „טאָג", 1915; מ. באַסין, אַנטאָלאָגיע, II; ש. ניגער, „אמעריקאנער אידישע לידער", אין „טאָג" פון 10/V 1925, און „אן אמעריקאנער אידישע פאמיליע אין די אויגען פון א אידישען דיכטער", ib 19/V; ז. ווייניפּער, אין „פעדער", 1925, VIII; נ. מייזיל, אין „היינט", 1926, 127; ק. מרמר, „דער ריח פון ערד", אין „פרייהייט", פון 23/V 1926; מ. ריבאלאוו, אין „צוקונפט", 1926, III; פּעסי כ נא, אין „אויפקום", 1927, I; נח שטיינבערג, אין „אידישען וואָרט", וויניפּעג, פון 14/XII 1928, און אין „דער אידישער וועלט", א״ר פון מ. יפה, וואנקוווער, 3; נ. מייזיל, אין „היינט", 1925, 137.

שוואַרץ ישכר-משה (ז' אָדר 1859 —) געב' אין זגערזש, ביי לאָדז, אַלס זון פון אַ סוחר. באַקומען אַ יידישע אָרטאָדאָקסישע דערציִונג ביי די בעסטע מלמדים און שפּעטער ביי רבנים, געווען אַ יוגנט-חבר פון דוד פרישמאַן, צוזאַמען מיט אים אָנגעהויבן צו לערנען אַנדערע שפּראַכן. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ סוחר, פון צייט צו צייט געדרוקט אַרטיקלען אין „המגיד" אין די 70ער יאָרן, „מגיד משנה", „הצפירה" א"פ שוחר תושיה אָדער י"ם השחור, די לעצטע יאָרן — אויך אויף יידיש אין „לאָדזער פאָלקסבלאַט", „לאָדזער טאַגעבלאַט" (צ"א אַ סעריע פון 12 היסטאָרישע אַרטיקלען א"ט „בעריהמטע קינדער פון פּאָרטוגעזיש-שפּאַנישע אַנוסים"). באַזיצער פון אַ וויכטיקער ביבליאָטעק, מיט וועלכער עס האָבן זיך באַנוצט שפ"ר, ד"ר פּאָזנאַנסקי, ד"ר איזראַעלסאָן אין קיעוו (בשעת דעם ביילים-פּראָצעס), אויך פון פילע כתב-ידן און בריוו פון דוד פרישמאַן, רייפמאַן, צווייפּעל א"אַ. געווען מיטגליד פון „בני משה", ראש פון דעם ציוניסטישן פאַראיין אין זגערזש, זיך באַטייליקט אין פילע ציוניסטישע קאָנגרעסן, פּרנס פון דער קהילה, זינט 1928 לאַווניק פון זגערזשער מאַגיסטראַט.

שוואַרץ מאָריס (15/VI 1887 * —) געב' אין סודילקאָוו, וואָלין. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר, דאַן מיט די עלטערן אויסגעוואַנדערט קיין נ"י, וואו זיין פאָטער יצחק (אייזיק), האָט געהאַנדלט מיט דעם אָפּפאַל פון די שניידער-שעפּער. דורכגעמאַכט די אַמעריקאַנישע פאָלקסשול, איז ש' געוואָרן ביים פאָטער אַ בוכהאַלטער, אים האָט אָבער מער געצויגן צו טעאַטער, און ניט-קוקנדיק אויף דעם פאָטערס אומצופרידנקייט איז ער צו 15 יאָר געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם יידישן דראַמאַטישן קלוב, וואו ער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אַלס שוישפּילער.

2 יאָר האָט ער געשפּילט אין באַלטימאָר, 2 יאָר—אין שיקאַגאָ, 3 יאָר—אין פילאַדעלפיע און 8 יאָר ביי דעם גרויסן יידישן שוישפּילער דוד קעסלער אין נ"י. 1918 האָט ש' בשותפות מיט דעם טעאַטערדירעקטאָר מאַקס ווילנער איבערגענומען דעם געוועזענעם דייטשן „אירווינג-פּלייס-טעאַטער" מיט דער כוונה צו פאַרוואַנדלען אים אין אַ בעסערן יידישן טעאַטער, און מיט זיין אויפפירונג פון פּרץ הירשביינס פאָלקסשטיק „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל" האָט ער אָנגעהויבן אַ נייעם פּעריאָד אין זיין טעאַטראַלישער טעטיקייט. שפּעטער (1921) איז ש' צוליב מחלוקת צווישן די שותפים אַרויס פון דעם „אירווינג-פּלייס-טעאַטער" און האָט איבערגענומען דעם „נייעם טעאַטער" (געגרינדעט פון דעם ליבהאָבער פון דער בעסערער דראַמע ה' שניצער, צוערשט אונטער דער רעזשי פון דעם גרויסן דייטשן שוישפּילער עמנואל רייכער) און אים געגעבן אַ נאָמען „קונסט-טעאַטער" (ווי „דער נייער טעאַטער" האָט איבעריקנס אויך פריער געהייסן אין ענגליש). און זינט דאַן איז ער פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן רעפּרעזענטאַטיווסטן יידישן טעאַטער אַלס דירעקטאָר, רעזשיסער און שוישפּילער, אויפטוענדיק זייער פיל פאַר דער יידישער סצענישער קונסט.

*) לויט Who's Who in American Jewry — 1889.

פאַר די צען יאָר, וואָס ש׳ איז פאַרבונדן מיט זיין אייגענעם טעאַטער, האָט ער אויפגעפירט איבער 60 פיעסן פון דעם בעסטן יידישן און אַלגעמיינעם רעפערטואַר. ער האָט אויך זייער פיל אויפגעטאָן פאַר דער פאַרפיינערונג און באַרייכערונג פון דער יידישער טעאַטער-קונסט דורך ציציען מאָלער און מוזיקער. אייניקע פון זיינע אויפפירונגען, ווי די באַנייונג פון א. גאָלדפאַדענס „לא תחמוד", געהערן צו די העכסטע דערגרייכונגען פון דעם יידישן טעאַטער. 1924 האָט ש׳ מיט זיין אַנסאַמבל באַזוכט לאָנדאָן, פאַריז און ווין, אויפגענומען געוואָרן מיט התלהבות פון דער גאַנצער יידישער אינטעליגענץ, ווי אויך פון דער אייראָפעישער טעאַטער-קריטיק. ש׳ איז אויך אויפגעטרעטן אויף דער ענגלישער בינע (אין ל. אַנדרעיעווס „אַנאַטעמאַ"), אין פילם (אין סעקלערס „יזכור", למשל). ער האָט פאַרפאַסט זעקס פיעסן, פון וועלכע עס זיינען אויפגעפירט געוואָרן: „דער וואָלקן"—אין „לאָבלס טעאַטער" 1912, „שעקספיר און קאָמפאַניע"— אַ קאָמעדיע אויפגעפירט א"פ ל. טשאַרנאָוו אין קונסט-טעאַטער 1925. האָט באַאַרבעט פאַר דער אויפפירונג אין זיין טעאַטער גאָלדפאַדענס „די כישופמאַכערין", „די צוויי קוני-לעמלס", „לא תחמוד", שלום אַשס „קידוש השם" א"אַ. 1921 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל „אונזער טעאַטער" א"ר פון ל. קרישטאָל פון צייט צו צייט אויך פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען איבער טעאַטער אין פאַרשיידענע צייטונגען. — „די שטורמישע ענערגיע פון אַן אַמעריקאַנישן דירעקטאָר, די ברענענדיקע אַמביציע פון אַן אַקטיאָר און די קינסטלערישע נייגעריקייט פון אַ רעזשיסער — זיי אַלע האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף איין פונקט, און עס איז געשאַפן געוואָרן דאָס קונסט-טעאַטער. מיט דעם קונסט-טעאַטער הייבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער. עס הייבט זיך אָן די וועלטלעכקייט פון יידישן טעאַטער... ער איז דער ערשטער יידישער טעאַטער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין שויס פון דער מאָדערנער יידישער קולטור. דער איינאיינציקער קונסט-טעאַטער אין אַמעריקע... — האָט באַדאַרפט פאַרטיפן דעם רעאַליזם, אַריינפירן סימבאָליזם, אונטערשטרייכן טעאַטראַלישקייט, האָט באַדאַרפט דער סאָציאַלער דראַמע געבן דאָס וואָרט, הכלל — ער האָט געמוזט געבן אַ תיקון אויף די אַלע טעאַטער-ריכטונגען אין יידישן טעאַטער" (ד"ר א. מוקדוני). און ש׳ן אַלס שוישפילער כאַראַקטעריזירט ד"ר מוקדוני אַזוי: „ער איז דער קאָלירנרייכסטער שוישפילער ביי אונז, ער פאַרמאָגט אַזאַ רייכע טעכניק, וואָס כמעט קיין אַקטיאָר פאַרמאָגט ניט, ער איז אַזוי דין, אַזוי פיין אין שילדערונג, ער איז אַזוי ציכטיק און אַזוי לויטער אין זיין באַנעמען מענטשן, ער איז דער מכשף אין פאַרוואַנדלונג און דער בריהשסטער מאַסקנשאַפער. און אַ באַזונדער חן, עפּעס אַ שטילן, אַ האַרציקן און אַ פערלדיק-שימערירנדיקן חן גיסט ער אויס אויף אַלע זיינע מענטשן"...

אָט איז דער רעפערטואַר פון מאָריס שווארצס טעאַטער אין כראָנאָלאָגישן סדר: „דער מאַן און זיין שאָטן"—פאַנטאַזיע-דראַמע פון ז. ליבין, „מיס. וואָרענס פראָפעסיע"—פון בערנארד שאָו, „ביילקע מארינעטע"—פון ב. באָטווינניק, „אַ ווייב אויף אויסצוצאָלן" — פון מ. גאָלדבערג, „סאַפאָ" — פון יעקב גארדין, „אוריאל אַקאָסטאַ" — פון קארל גוצקאָוו, „יידיש י. י. לערנער, „די רויבער"—פון פרידריך שילער, „אַ פאַרוואָרפן ווינקל"—פון פרץ הירשביין, „דאָס גייסטערהויז"—פון אברהם שאָמער, „די ערוואַכונג פון אַ פאָלק"—פון אָסיפ דימאָוו, „די גייסטער — פון הענריק איבסען, „קרייצער-

סאָנאַטע״ — פון יעקב גאָרדין, „שמע ישראל״—
פון אָסיפּ דימאָוו, „גאָרא״—פון הענריק איבסען,
„דעם טייוולס פרוי״—פון קאַרל שעהנער, „רע־
זורעקשאָן״ — פון לעוו טאָלסטאָי, „קרומע וועגן
פון ליבע״, „אייזיק שעפטל״, „גאָבּרי און די
פרויען״—פון דוד פּינסקי, „פּראָפעסאָר בערנאַרדי״—
פון אַרטור שניצלער, „דער יידישער קיניג ליר״,
„פּירעלע אפרת״—פון י. גאָרדין, „שמעטערלינג־
שלאַכט״ — פון הערמאַן זודערמאַן, „סוקסעס״ —
פון משה נאַדיר, „דער אוצר״—פון דוד פּינסקי,
„דעם שמידס טעכטער״ — פון פּרץ הירשביין,
„גלייבּ דיין פרוי״ — פון לעאָניד אַנדרעיעוו,
„העדאַ גאַבּלער״—פון ה. איבסען, „דער אידעי־
אַלער מאַן״ — פון אָסקאַר ווילד, „שמשון און
דלילה״—פון סווען לאַנגע, „דער פאָטער״—פון
אווגוסט סטרינדבערג, „דער אמת״—פון סט׳ פּשיבּי־
שעווסקי, „מענטשן״ — פון ש״ע, „די מאַכט פון
פינסטערניש״—פון לעוו טאָלסטאָי, „גרינע פעל־
דער״—פון פּרץ הירשביין (סעזאָן 1918—19);
„טוביה דער מילכיקער״—פון ש״ע, „די טענ־
צערין״—פון לעניעל, „גאָט, מענטש און טייוול״,
„די וואַרהייט״—פון י. גאָרדין, „אויפן אָפּגרונד״—
פון מאַקסים גאָרקי, „נאָך דער חתונה״—פון לעאָן
קאָבּרין, „דער אומבאַקאַנטער״—פון י. גאָרדין,
„די ווייסע בלום״—פון וואָלפען לאַראַי, אדאָפּ־
טירט פון דייוויד בעלאַסקאָ, „דער ממזר״—פון
יעקב גאָרדין, „דער זון פון צוויי נאַציאָנען״—
פון מאַרק אַרנשטיין, „די אמתע קראַפט״—פון י.
גאָרדין, „דאָס נייע געטאָ״ — פון ד״ר טעאָדאָר
הערצל, „אַמאָל אין מאַי״ — פון ב., „גנבים״ —
פון פּ. בּימקאָ, „משה פידלער״—פון יוסף טשער־
ניאַווסקי, „זאַזאַ״—פון בערטאָן און סיימאָן (סע־
זאָן 1919 — 20); „די גאָלדענע קייט״—פון י״ל
פּרץ, „שווער צו זיין אַ ייד״—פון ש״ע, „פּאַטי־
מאַ״—פון יצחק קאַצענעלסאָן, „יענקל פורמאַן״—
פון אַרטור וואָלף, „אָן עצה״ — פון ש״ע, „די
לעצטע מאַסקן״—פון אַרטור שניצלער, „לאַנדס־
לייט״—פון י״ד בערקאָוויטש, „עץ הדעת״ —
פון יעקב גאָרדין, „מאַדאַם עקס״ — פון
אַלעקסאַנדער ביסמאַן, „דער ווילדער מענטש״—
פון י. גאָרדין, „מוזאַט״—פון גי דע מאָפּאַסאַן,
„מיעשטשאַניע״—פון מאַקסים גאָרקי, „טייוולשע
ליבע״ פון ב. באַטשיניק, „די אויגן פון פייער״—
פון יאַצינטאָ בענאַווענטע, „אַן אָרעמאַנס חלום״—
פון סעמיאָן יושקעוויטש, „שיילאָק״—פון שעקס־
פּיר (סעזאָן 1920—21); „דער דיבוק״—פון ש.
אַנ—סקי, „דער לעצטער ייד״—פון משה נאַדיר,
„שמאַטעס״ — פון ה. לייוויק, „דער געדאַנק״ —
פון לעאָניד אַנדרעיעוו, „דער טויטער מענטש״—
פון שלום אַש, „פּרינץ לולו״—פון לעאָן קאָבּרין,
קאָנקורענטן״ פון יונה ראָזענפעלד, „סאַלאָמע״—
פון אָסקאַר ווילד, „נעלי״ — פון לידאַ קלעפּען
און קאַרל פאָן־צעסקאַ, „דעמפּעס״—פון פּ. בּימ־
קאָ, „אַנקל וואַניאַ״—פון אַנטאָן טשעכאָוו (סעזאָן
1921—22); „אַנדערש״—פון ה. לייוויק, „רעווי־
זאָר״ — פון ניקאָלאַי גאָגאָל, „מאָטקע גנב״ —
פון שלום אַש, „דאָן זשואַן״—פון מאָליער, „דאָס
גרויסע געווינס״ — פון ש״ע, „דריי און דער
מאַן״—פון גאַבּריעלאַ זאַפּאָלסקאַ, „אַנאַטעמאַ״—
פון לעאָניד אַנדרעיעוו, „סקאַפּענס שמד־שטיק״—
פון מאָליער, „יזכור״ — פון ה. סעקלער (סעזאָן
1922—23); „שבתי צבי״—פון זשולאַווסקי, „די
זיבן געהאַנגענע״—פון לעאָניד אַנדרעיעוו, „בעט־
לער״ — פון ה. לייוויק, „ברוים״ — פון אָסיפּ
דימאָוו, „ליאַלקעס״—פון ר. בענאַווענטאַ, „צוויי
קוני־לעמלס״ — פון אברהם גאָלדפאַדען, „דער
בלוטיקער געלעכטער״ — פון ערנסט טאָלער,
„דער אייביקער ליגן״ — פון בראַמסאָן, „פורמאַן
הענשל״—פון גערהאַרדט הויפּטמאַן (סעזאָן 1923—24);
„מאָשקע חזיר״ — פון י״ד בערקאָוויטש, „ווען
שטאַרבט ער״—פון ח. גאָטעספעלד, „שדים ווייסן
וואָס״—פון פּרץ הירשביין, „אין יעדן הויז״—פון
ב. גאָרין, „וועלף״—פון ראָמען ראָלאַן, „פּעטער
דער גרויסער״ — פון ד. מערעזשקאָווסקי, „די
כּישופמאַכערין״ — פון אברהם גאָלדפאַדען, „יאַנקל
בּוילע״—פון לעאָן קאָבּרין (סעזאָן 1924 — 25);
„שאול המלך״—פון פּאַול הייזע, „שעקספּיר און
קאָמפּאַניע״—פון מ. טשאַרנאָוו (מאָריס שוואַרץ),
„דער לופט־מענטש״ — פון ס. יושקעוויטש, „אַ
שנירל פּערל״—פון שלום אַש, „דער קרייט־צירקל״—
פון קלאַבּונד, „דעם צריקס נסיעה״ — פון ה.
סעקלער, „מענדל ספּיוואַק״ — פון ש. יושקעוויטש
(סעזאָן 1925—26); „דעם גערטנערס הונט״—פון
לאָפּע דע וועגאַ, „מענט נשטויב״ — פון אָסיפּ
דימאָוו, „איר פאַרברעכן״—דראַמע פון דער רו־
סישער רעוואָלוציע—פון מ. אָלגין, „יעקאַטערינאַ
איוואַנאָוונאַ״—פון ל. אַנדרעיעוו, „גאָט פון נקמה״—
פון שלום אַש, „דער פרעמדער״—פון י. גאָרדין
(סעזאָן 1926—27); „גרינבערגס טעכטער״—פון
מ. אַדערשלעגער, „גאָלדגרעבער״ — פון ש״ע, באַ־
אַרבעט פון י״ד בערקאָוויטש, „טערעזע ראַקען״—
פון עמיל זאָלאַ, „רעווערענד ד״ר זילבער״—פון
שלום אַש, „גאָט, מענטש און טייוול״ — פון י.
גאָרדין, „אַמעריקאַנער חסידים״ — קאָמעדיע פון
חנא גאָטעספעלד, „דער קאַרשנגאָרטן״ — פון
אַנטאָן טשעכאָוו, „דער וואָס קריגט די פּעטש״—

פון ל. אנדרעיעוו, „אויף פרעמדער ערד“ — פון סאנט אנדרעאס, „אלעקסאנדער פושקין“ (סעזאן 1927—28).

ב. גארין, „געשיכטע פון אידישען טעאטער“, II, ז' 235 — 255; „יידיש טעאטער“, ווארשע, II—III; מ. אייזמאן, „איינער פון די פיר מיליאן“, אין „טאג“ פון 19/III 1925; משה באדיר, „מיינע הענט האבן פארגאסן דאס דאזיקע בלוט“, פ"ג ב. קלעצקין, 1927, ז' 199 — 204; ד"ר א. מוקדוני, „טעאטער“, נ"י, 1927, ז' 133—141, 187—222; „זאמעלבוך צום חנוכת הבית פון „אידישען קונסט־טעאטער“ (נ"י, 1926, מיט ארטיקלען פון מאריס שווארץ, ש. ניגער, ד"ר א. מוקדוני, ד"ר יעקב שאצקי א"א, רייך אילוסטרירט).

שוואַרץ מאַרעק (מרדכי) 9/V 1892—) געב' אין זגערזש. האָט דורכגעמאַכט 6 קלאַסן גימנאַזיע, גלייכצייטיק געלערנט יידישע לימודים אין דער היים, דאַן אָנגעקומען

אין דער לאָדזער האַנטווערקערשול, געלערנט זיך פאַר אַ טעכניקער, געאַרבעט ביי אַ קונסט־שלאָסער, שפּעטער אָנגעהויבן צו שניצן און צו מאָלן. זיין פאָטער, ישכר־משה (זע), איז לכתחילה געווען קעגן דעם, ער זאָל ווערן אַ סקולפּטאָר, אָבער אַז דער באַרימטער מאַלער פיליכאָווסקי האָט אָנערקענט זיין טאַלענט, האָט ער אים געשיקט קיין פּאַריז, וואו ער האָט שטודירט אין דער קונסט־אַקאַדעמיע, אויסגעצייכנט געוואָרן אויף פילע אויסשטעלונגען פאַר זיינע אַרבעטן אין סקולפּטור און מאָלעריי, באַזונדערס זיך קונה־שם געווען מיט זיינע געהאַמערטע רעליעפן אויף בלעך און אויף מעש, שאַפנדיק אין סטיל פון דעם יידישן פאָלקספּרימיטיוו (זיינע גרויסאַרטיקע אילוסטראַציעס צום תנך), צוזאַמען מיט י. ליכטענשטיין א"אַ האָט ש' אַרויסגעגעבן דעם קונסט־זשורנאַל „מחמדים“, פּאַריז, אַרום 1912, איינע פון די ערשטע מאַניפעסטאַציעס פון דער זעלבסטבאַוואוסטזיניקער יידישער קונסט. האָט זיך אויך באַטייליקט מיט אַרטיקלען איבער קונסט און ליטעראַטור אין א. רייזענס פּאַריזער „נייעם זשורנאַל“, 1914, אין זיין חבר ניימאַנס „קיבעצער“, לאָדז, 1916 — 17, אין אַנדערע לאָדזער יידישע אויסגאַבן, ווי „פאָלקסבלאַט“ און „טאַגעבלאַט“, „ספעלדי“, אין „ליטעראַרישע בלעטער“, „פּאַריזער בלעטער“ (צ"אַ וועגן עוגען זאַק) א"אַ, אויך אין פּויליש־יידישן חודש זשורנאַל Tel-Awiw, געווען אַ מיטאַרויסגעבער פון דעם זשורנאַל „יונג־אידיש“. האָט אויך געשריבן לידער אין דער פּוילישער שפּראַך. האָט פאַרעפנטלעכט אַ מאָנאָגראַפיע איבער דעם יונג פאַרשטאָרבענעם, ערשט נאָכן טויט אָפּגעשאַצטן גרויסן איטאַליעניש־יידישן קינסטלער אַמאַדעאָ מאָדיליאַני (סעריע „יידן־קינסטלער־מאָנאָגראַפיעס“, פ"ג „Le Triangle“, פּאַריז, 1927, ז' 16 + 15 רעפּראָדוקציעס אויף באַזונדערע בלעטער).—זיין עלטערער ברודער, שמואל, געב' 1880, געענדיקט אַלס באַרג־אינזשענער די מעטאַלורגישע שול אין פּאַריז, דירעקטאָר פון מעטאַל־גרובן אין ליסאַבאָן, נאָך פון פאַר דער מלחמה מיטגליד פון דער שפּאַנישער אַקאַדעמיע, האָט זייער פיל אויפגעטאָן פאַר דער אויספאָרשונג און אויפלעבונג פון די אַנוסים, האָט געשריבן וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין פראַנצויזיש, שפּאַניש, פּאָרטוגאַליש, העברעיש און יידיש (למשל, זיין סעריע אַרטיקלען „צווישן די מאַראַנען אין פּאָרטוגאַל“ — אין „לאָדזער טאַגעבלאַט“ 1915—26).

משה קולבאַק, אין ווילנער „טאָג“, 1923, 179; דוב, אין „יידישער אילוסטרירטער צייטונג“,

1924, 13; ש', „מיינע בלעכן", אין „ליטעראַ-
רישע בלעטער", 121; מאַקס געלער, צו ש'ס
אויסשטעלונג פון מעטאַל-פּלאַסטיק, אין „מאָמענט",
1927, 145.

שוואַרץ שלום (16/XI 1886 —) געב' אין באַלטע, פּאָדאָליע. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג, שפּעטער געענדיקט די גימנאַזיע אין אַנאַניעוו און דעם פילאָלאָגישן פאַקולטעט פון אָדעסער אוניווערסיטעט. נאָך אַלס גימנאַזיסט טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט ש' אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע אַרבעט אין רוסיש אין זשאַבאָטינסקיס Евр. Мысль סוף 1906, זינט 1907 געווען אַ מיטאַרבעטער אין Одесскія Новости, וואו צוערשט געשריבן אַרטיקלען איבער דער נאַציאָנאַלער, דערהויפּט—יידישער פראַגע, דערנאָך איבער אויסלענדישער פּאָליטיק, די לעצטע צייט געווען איינער פון די געהילפס-רעדאַקטאָרן פון דער דאָזיקער צייטונג, איינגעפירט אַ ספּעציעלע יידישע אָפּטיילונג, אַסך געשריבן וועגן ציוניזם, וועגן דער יידישער ליטעראַטור (ממ"ס, ש"ע, פרוג, שלום אַש, הירשביין א"אַ), זיך אויך באַטייליקט אין אַנדערע רוסישע אויסגאַבן, 1918 — 19 געווען רעדאַקטאָר פון Евр. мысль. אין העברעיש האָט ש' קאָרעספּאָנדירט נאָך פון אַנאַניעוו אין „הצפירה" און דערנאָך פון אָדעס אין קעלנער „העולם", אין וועלכן אַ געוויסע צייט געשריבן אויך לייטאַרטיקלען (בשעת זיין ערשיינען אין אָדעס). זיך אויך באַטייליקט מיט קריטיש-פּובליציסטישע אַרטיקלען אין ווילנער „הזמן", „השלח", „הצפירה" א"אַ. אין יידיש האָט ער זיך באַטייליקט אַלס הויפּטמיטאַרבעטער אין די אָדעסער טאָגבלעטער „גוט-מאָרגען" (געגרינדעט פון א"ל לעווינסקי), „אונזער לעבען" (אַ געוויסע צייט די דאָזיקע צייטונג רעדאַקטירט). פאַרעפנטלעכט איינציקע בראָשורן, ווי „די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע", „דער שקל", Поэзія Саула Черниховскаго, Палестина на мирномъ конгрессѣ. אָנהייב פעברואַר 1920, ווען די ראַטנמאַכט האָט פאַרנומען אָדעס, אַוועק קיין א"י, וואו ער איז מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון דעם טאָגבלאַט „הארץ", קאָרעספּאָנדירט אויך אין די יידישע צייטונגען פון אַמעריקע. זיינע פּס"נ: Свой, בן-ברוך א"אַ.

שוואַרצבאַרד שלום (18/VIII 1886—) געב' אין איזמאַיִל, בעסאַראַביע, וואו זיינע עלטערן האָבן זיך באַזעצט נאָכדעם ווי זיי האָבן באַלד נאָך דער חתונה איבערגעלעבט דעם פּאָגראָם אין באַלטע, אָבער אויך אין איזמאַיִל האָבן זיי נאָך ש'ס געבורט געמוזט פאַרלאָזן, צוליב דער צו יענער

צייט אַרויסגעקומענער גזרה פאַר יידן צו וואוינען אין גבול פון דעם 50וויאָרסטיקן גרענעץ-פּאַס, זיינען זיי ווידער אַריבערגעפאָרן קיין באַלטע. זיין פּאָטער, יצחק, אַוועטעראַן פון דער רוסיש-טערקישער מלחמה, האָט מיט שָלומען געלערנט אַ ביסל שרייבן און לייענען רוסיש, רעכענען, געאָגראַפיע, אויך שווימען און רייטן אויף אַ פערד און בכלל געווען זיין איינציקער חבר אין דער קינדהייט. צו 10 יאָר האָט די שטיפמאַמע געפּועלט, מ'זאָל אים אָפּנעמען פון חדר, ער זאָל צוהעלפן אין שטוב און אין דער אָרעמער פּרנסה (אַ ביידל מיט סעלצערוואַסער און לימאָנאַד); שפּעטער האָט מען אים אַוועקגעגעבן

פאַר אַ משרת אין אַ גאַלאַנטעריי=געשעפט
און אויפן 13טן יאָר איז ער אָנגעקומען
פאַר אַ זייגערמאַכער. יונגערהייט אַריין
אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג,
גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל (צוזאַמען
מיט זיין פאָטער) אין זעלבסטשוץ בשעת
דעם פאָגראָם אין באַלטע, אָקטאָבער 1905;
אין קרוטשי, וואו ער האָט געאַרבעט
אַלס זייגערמאַכער, פאַרשפּרייט פּראָקלאַ=
מאַציעס, אויפגעהויבן די פויערים קעגן
פירשט טרובעצקאָי, און וואָלאָטשיסק
אַריבערגעפירט פון דער גרענעץ אומלע=
גאַלע ליטעראַטור, געווער, אָנגעפירט אַ
פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע אַרבע=
טער, ביז יידן האָבן אים געמסרט און
ער איז געזעסן אין תפיסה אין אַלט=
קאָנסטאַנטין, אין באַלטע, האָט געזאָלט
פאַרשיקט ווערן קיין סיביר, אים איז
אָבער געלונגען צו אַנטלויפן און פרי=
לינג 1906 איז ער אַלס פּאָליטישער
עמיגראַנט געקומען קיין טשערנאָוויץ,
דאָ זיך באַקענט מיט דער אַנאַרכיסטי=
שער לערע, געאַרבעט ביי זיין פאַך אין
בוקאָווינע, גאַליציע, אונגאַרן, שטייער=
מאַרק, מערן, פאַר אַן עקספּראָפּריאַציע
אין ווין לטובת אַן אַנאַרכיסטיש=
אַנטימיליטאַריסטישער גרופּע אָפּגעזעסן
4 חדשים אין תפיסה און געצוואונגען
געווען צו פאַרלאָזן עסטרייך=אונגאַרן,
אַוועק קיין ציריך, וואו געאַרבעט אין
אַ זייגער=פאַבריק ביז פרילינג 1910,
דאַן זיך באַזעצט אין פּאַריז. ביים אויס=
בראָך פון דער וועלט=מלחמה איז ש'
פרייוויליק אַריינגעטרעטן אין דער פראַנ=
צויזישער אַרמיי, זיך שטאַרק אויסגע=
צייכנט און באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ
קריגס=קרייץ, ביז ער איז פאַרוואונדעט
געוואָרן פון אַ באָמבע אין די לונגען
און געמוזט פאַרלאָזן דעם פראָנט. נאָך
דער פעברואַר=רעוואָלוציע איז ער אַלס
רוסיש=פראַנצויזישער דאָלמעטשער מיט=
געפאָרן מיט אַ פראַנצויזישער רעגירונגס=
קאָמיסיע קיין רוסלאַנד, גענומען אַ
טיכטיקן אָנטייל אין דער נאָר=וואָס גע=
גרינדעטער רויטער גוואַרדיע (פון קע=
רענסקיס פּאָרמאַציע) אין אָדעס, געווען
אויך אינסטרוקטאָר פון גימנאַסטיק און
מיליטערישע איבונגען אין אָדעסער
„טרוד", ביי די אַרויסטרעטונגען פון
דעצעמבער 1917 — יאַנואַר 1918
קעגן די היידאַמאַקעס אין אָדעס זיך
טיכטיק באַטייליקט, באַלד נאָכדעם אָר=
גאַניזירט די ראַשאַל=אָפּטיילונג (ראַשאַל
איז געווען אַ יידישער רעוואָלוציאָנער,
אומגעבראַכט דורך די רומענער) קעגן
רומעניע, די גאַנצע צייט פאַרבראַכט
אין טיראַספּאָל, טיילמאָל אין בענדער,
געקעמפט מיט די דייטשן און עסטריי=
כער, ביז די באָלשעוויקעס האָבן אַנט=
וואָפנט דעם ראַשאַל=אָפּטייל אין סינעל=
ניקאָוו, און ש' מיט נאָך אייניקע חברים
איז דאַן מיטן דניעפּער צוריק אַוועק
קיין אָדעס, וואו זיך דערהויפּט אָפּגע=
געבן מיט קינדערשולן און קינדער=
היימען, געגרינדעט קאָאָפּעראַטיוון, גע=
אַרבעט אויך ביי זיין פאַך, דורכגע=
מאַכט דעם טיפוס, מאַי 1919 געוואָרן
דער פאַרוואַלטער פון באַשפּייזן און
באַקליידן די קינדער איבער דער שטאָט
אָדעס און קראַסנע, אָרגאַניזירט קינדער=
קיכן אאַז"וו. צו יענער צייט האָט זיך
צעגאָסן די שוידערלעכע פּאָגראָם=כוואַליע
איבער אוקראַינע, און ש' האָט זיך גע=
מאָלדן אין יעליסאַוועטגראַד צו קעמפן
קעגן דעם פּאָגראָם=באַנדיט גריגאָריעוו,
אָבער ש'ס חברים און פריינד האָבן אים
אויסגעבראַקירט, ווייל ער איז נאָך דאַן
געווען זייער שוואַך נאָך זיין קראַנקהייט.
איז ער אָנהייב יוני 1919 אַריין אין
דער אינטערנאַציאָנאַלער דיוויזיע, וועל=

כע איז באַשטאַנען פון די געוועזענע
ספּאַרטאַק=אָפּטיילונגען פון די דייטש=עסט=
רייכיש=אונגאַרישע סאָלדאַטן און אָפיצירן,
דאָס רוב יידן, פון אַ ביסל כינעזער און
פון רומענישע, בעסאַראַבישע און אָדע=
סער יידישע בחורים—פון דער אָדעסער
יידישער דרוזשינע. נאָך 2 חדשים שווע=
רע קאַמפן מיט די פּעטליורישע באַנדיטן
איבער גאַנץ קיעווער גוב׳ און אַ טייל
פּאָדאָליע איז ש׳ס באַטאַליאָן אַריינגע=
פאַלן אין אַ נעץ און אינגאַנצן צעשלאָגן
געוואָרן. ש׳ן איז געלונגען צו אַנטרינען
קיין אָדעס, אָבער מ׳האָט אים דאָרט
שטאַרק אַרומגעזוכט, ביז ער האָט סוף
דעצעמבער 1919 באַקומען אַ גליקלעכע
געלעגנהייט צוריקצוקומען קיין פּאַריז,
וואו ער האָט זיך נאַטוראַליזירט און
פאַרנעמענדיק זיך מיט זייגערמאַכעריי
זיך אָפּגעגעבן אין דער פרייער צייט
מיט שרייבן זיינע זכרונות פון דער
מלחמה און פון די אוקראַינישע איבער=
לעבונגען, פון צייט צו צייט פאַרעפנט=
לעכט קאַפּיטלען דערפון אין די לאָנדאָ=
נער „צייט“ און „אַרבייטער פריינד“,
אויך אין דער נ״י ער „פ. א. ש.“ בשעת
פּעטליורע האָט זיך באַזעצט אין פּאַריז,
האָט ש׳ באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אין
אים פאַר די שרעקלעכע פּאָגראָמען (אין
זיי זיינען אויך אומגעקומען ש׳ס קרובים)
און ענדלעך האָט ער אים נאָך 6 חדשים
דערהיט, ווען ער איז געווען אָן זיין
פרוי און קינד, און דערשאָסן (סוף מאַי
1926). דאָס האָט געבראַכט צו דעם
סענסאַציאָנעלן ש׳=פּראָצעס, וועלכער האָט
אויפגערודערט די גאַנצע וועלט, בפרט
די יידישע און די אוקראַינישע, און זיך
פאַרענדיקט מיט אַ באַפרייונגס=אורטייל
פאַר ש׳ן, נאָכדעם ווי ער איז אָנדערט=
האַלבן יאָר אָפּגעזעסן אין דער פּאַריזער
תפיסה (פאַרטיידיקט אים האָט דער באַ=
רימטער פראַנצויזישער אַדוואָקאַט אַנרי
טאָרעס). אַרויס פון טורמע, האָט ש׳
געוואָלט זיך באַזעצן אין א״י, אָבער די
ענגלישע מאַכט האָט אים נישט אַריינגע=
לאָזט אין לאַנד.—ש׳ האָט א״פ בעל=
החלומות אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם אַ
זאַמלונג א״ט „טרוימען אוןווירקליכ=
קייט... / לידער / ערשטער באַנד“ (פּאַריז,
1920, ז׳ 82), וועלכע אַנטהאַלט דאָס
רוב לידער פון זיינע איבערלעבונגען
און שטימונגען אויפן פראַנצויזישן פראָנט,
אין די וואָגעזן=בערג, אין אַראַס, אין
שאַמפּאַן א״אַ; אַ גרעסערע פּאָעמע „אַ
וועט“ איז געווידמעט דעם 10טן יאָרצייט
פון לעוו טאָלסטאָי; הגם דער ליטעראַ=
רישער ווערט פון די דאָזיקע לידער איז
אַ קנאַפּער, אָבער זיי קויפן אונטער מיט
זייער תמימות, מיט דעם ריינעם אידע=
אַליזם פון אַ יידישן פאָלקסמענטש. אײַ=
דער ער האָט אויסגעפירט זיין אַטענ=
טאַט, האָט ער אויך געהאַט צוגעגרייט
צום דרוק אַ ב׳ לידער און פּאָעמען
א״ט „יוגנט און ליבע“, אַ ב׳ דערציי=
לונגען און מלחמה=בילדער א״ט „בריוו
פון דער פרעמד“ און אַ טאָגבוך א״ט „פון
טיפן אבדון“ פון די יאָרן 1917—19 אין
רוסלאַנד. בשעת זיין פּראָצעס און נאָך
דער באַפרייונג האָט ער געדרוקט אין
„מאָרגען זשורנאַל“, לאָנדאָנער „צייט“,
בוענאָס=איירעסער „אידישער צייטונג“ און
„מאָמענט“ זיין לעבנסגעשיכטע, פון צייט
צו צייט אויך אַרטיקלען, ווי למשל,
וועגן זיין לערער ד״ר מ״י זאַלקינדס
תלמוד=איבערזעצונג, וועגן דער גרינדונג
פון אַ יידישן אינטערנאַציאָנאַלן פאַר=
באַנד פון די אָנטיילנעמער אין דער
מלחמה אאַז״וו.

„מגילת שוואַרצבאַרד“ — צייכענונג און אויס=
שטאַטונג פון מאַרק שאַגאַל, מיינונגען פון שלום
אַש, בערנאַרד לעקאַש, זשאַן לאָנגע און ראָמען

ראַלאַן (פּאַריז, 1927); „שוואַרצבאַרד־פּראָצעס"— באַריכט (קעשעניעוו, 1927, ז' 128); די יידישע פּרעסע, דערהויפּט פאַר מאַי־יוני 1926 און פאַר אָקטאָבער־דעצעמבער 1927 (בשעת דעם פּראָצעס) צ"א אַרטיקלען פון שלום אַש, אין „היינט" פון 7/VI און „פאָרווערטס" פון 15/VI, צבי הירשקאַן, אין „טאָג" פון 26/VI, אַב' גאָלדבערג, „פון דאַשעווסקי ביז ש'", אין „מאָרגען זשורנאַל" פון 10/VI, ד"ר א. מוקדוני, „שלום ש' און זיינע לידער", ib און אין „ווילנער טאָג" פון 13/VII; א. ליעסין, אין „צוקונפט", 1926, VII; ד"ר י"מ זאַלקינד, „ש' אַלס מענש און אַלס איד", אין „מאָרגען זשורנאַל" פון 23/VI 1926.

שוואַרצמאַן אשר (1890—)

געב' אין קאָראָסטישעוו, קיעווער גוב'. זיין פאָטער — פון אַלע יאָרן אַ מענטש אין אַ וואַלד, אַ ייד מיט אַן עכטער ירושה־בילדונג, מיט אַ טיפער צובונד צום רעאַלן לעבן; פון דער מוטערס צד האָט ש' געירשנט אַ שאַרפע נטיה צו גייסטיקער התלהבות. פון דעם קליינשטעטלדיקן חדר האָט ש' ווינציק געוואוסט; די גאַנצע פאַמיליע איז אינגיכן אַרויסגעפאָרן צום פאָטער פון וואַלד צו וואַלד; אין גערוימע קאַנטאָרן, אינמיטן גרויסע וועלדער האָט ש' זיין יוגנט פאַרבראַכט, לערנענדיק ביי אַראָפּגעבראַכטע מלמדים, אַזוי אַז צו 15 יאָר האָט ער שוין פולקום באַהערשט די העברעיִשע שפּראַך. צוזאַמען מיט ש'ס פאָטער האָט יאָרנלאַנג געוואוינט די פאַמיליע אַווערבוך, ח"נ ביאַליקס שווער, און ביאַליק פלעגט אָפט פאַרברענגען אין וואַלד ביי זיי, דאָרט אויך געשריבן זיין „משא נמירוב", און דער גייסט פון ביאַליקס שאַפן האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דעם יונגן ש'ן (אויך ביאַליק האָט זיך שפּעטער ערנסט באַצויגן צו ש'ס דיכטונג). צו יענער צייט האָט ש' געשריבן העברעיִשע, רוסישע און אוקראַיִנישע לידער. זינט 1908, נאָכדעם ווי אין וואַלד איז אַרעסטירט געוואָרן ש'ס אַן עלטערער ברודער, אַ שילער פון דער קיעווער שול פאַר מאָלעריי, האָט ש' געוואוינט צום טייל אין קיעוו, צום טייל אין באַרדיטשעוו, וואו ער האָט זיך געלערנט אויף אָוונטקורסן פאַר דערוואַקסענע. פון דעמאָלט אָן האָט ער שוין געשריבן נאָר אין יידיש. 1911 איז ש' אַוועק דינען אין קאַוואַלעריע, און ניט קוקנדיק אויף דער שווערער אַטמאָספערע אין דער צאַרישער קאַזאַרמע, האָט ער אויס געפיל פון שטאָלץ געדינט פלייסיק, גאָרניט געוואָלט טאָן, כדי כאָטש אַריבערגעפירט צו ווערן אין דער לייכטערן אינפאַנטעריע־דינסט, טראָץ זיין ווידערשפּעניקייט געוואָרן אַן אויסגעצייכנטער סאָלדאַט. 1913 האָט דוד בערגעלסאָן אָפּגעדרוקט אין „דער יודישער וועלט" II ש'ס ליד, איינס פון זיינע ליבע־לידער. זיין מיליטערדינסט האָט זיך שוין אינגיכן באַדאַרפט ענדיקן, אָבער דאָ איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה און ער איז גלייך אַוועק אויפן פראָנט. מיט אַ שטאָלצן האַס האָט ער געמוזט צוזען רדיפות אויף יידן אין פוילן און גאַליציע, געווען איינער פון די בעסטע סאָלדאַטן אין זיין פּאָלק, אַוואַנסירט צום אונטעראָפיציר, באַשאָנקען געוואָרן מיט צוויי געאָרגקרייצן, 1917 פאַרוואונדעט געוואָרן, פאַרבראַכט 2 חדשים אין מאָסקווע, אַ חודש אין טאַמבאָוו און דאַן ווידער אַוועק אויפן פראָנט. שפּעטער האָט ער געלעבט אין קיעוו, געדרוקט לידער אין „פאָלקסצייטונג", אין „דער נייער צייט", אין זמ"ב „אייגנס", וועלכע האָבן גלייך געצויגן אויף אים די אויפמערקזאַמקייט. אָבער אין די שווידערלעכע פּאָגראָמטעג פון אַווגוסט 1919 האָט ער פאַרלאָזט די שטאָט און אַוועק אויפן פראָנט און געפאַלן אין דער שלאַכט אונטער

קאַראַסטען, באַגראָבנדיק מיט זיך אַ גרויסע האָפענונג פון דער יידישער פּאָעזיע. זיין ליטעראַרישע ירושה איז צונויפגענומען אין דער זאַמלונג א״ט „פון גאָלדענע ווייטען / לידער" (מלוכה-פ״ג, יידסעקציע, קליינע ביבליאָטעק „ליריק", קיעוו, 1921). איינצלנע פון זיי זיינען פאַרעפנטלעכט אין די זמ״ב „אייגנס", „אויפגאַנג", „רינגען" VII, א״אַ. — ש׳ איז געווען איינער פון די ערשטע „יונגע" יידישע דיכטער אין אוקראַינע און האָט ווי די גאַנצע גרופּע געזוכט נייע בילדער, נייע ריטמען, דער ערשטער אַריינטראָגנדיק אין דער יידישער דיכטונג דעם א״ג „אוקראַינישן נוסח". בעל-מחשבות האָט אין אים געזען „אַן אַנטפּלעקונג אין דער יידישער פּאָעזיע, כאָטש עס פילט זיך אין אים אַ שטאַרקער איינפלוס פון עפּעס פרעמדס (די נייע דייטשישע פּאָעזיע: האָפמאַנסטאַל, לינדנער)"... פּרץ מאַרקיש האַלט, אַז „אינעם גאַנצן כאָר פון דער יונגער יידישער דיכטונג איז ער דער מינאָר, דער שטילער קאַנטאַנטאַ, דער טיפער נאָגנדיקער וויאָלאָנטשעל, וואָס זינגט נאָך, אין פאַרגעסעניש, אַ ביסל אַליין, פאַר זיך, ווען אַלע האָבן שוין אויפגעהערט"...

בעל-מחשבות, וועגן „אייגענס" I, אין ז. גרינבערגס „קאַמף און לעבן"; מ. ליט(וואַקאָוו), אין „ביכער-וועלט", 1919, I, ז׳ 23; דוד האָפשטיין, אין „אויפגאַנג", 1919, ז׳ 129—131; ש. ניגער, „צוויי יונגע אומגעקומענע שרייבער" (אויך וועגן ב. שטיימאַן), אין „טאָג" פון 10/VII 1921; ש. רובינשטיין, אין „מילגרוים", V; פּרץ מאַרקיש, אין „ליטעראַרישע בלעטער", 7; נ. אויסלענדער, „וועג-איין—וועג-אויס", ז׳ 78—91; ד. האָפשטיין און פ. שאַמעס, „באַמערקונגען צו דער אויסגאַבע פון א. ש׳ס „אַלע לידער", אין מינסקער „שטערן", 1926, IX—X, ז׳ 36—37.

שוואַרצמאַן מאיר (כ״ב שבט 1901—) געב׳ אין זאַגראָווע, קאָלישער געגנט. געלערנט אין חדר און בית-מדרש, געווען אַ לערער פון העברעיִש אין אַ מלוכה-שול אין איזביץ, נאָך דער חתונה זיך באַזעצט אין שעדלעץ, וואו ער איז טעטיק אין דער אגודה-באַוועגונג. האָט זינט 1922 געדרוקט שירים, בילדער פון מיליטער-דינסט, קינדער-זאַכן, אַרטיקלען אין די העברעיִשע און יידישע אָרטאָדאָקסישע אָרגאַנען, ווי „הקדם", „דגלנו", „מוריה", „קול ישראל", „הדרך" — „קינדערגאָרטן", און דערהויפּט אין דעם שעדלעצער אָרטאָדאָקסישן וואָכנבלאַט „אונזער וועג" א״אַ. א״פ בעל-שם אַרויסגעגעבן אַ ביכל „די ליליען" (?).

שוואַרצפעלד משה (1857—) געב׳ אין יאַס, רומעניע, אַלס זון פון דעם העברעיִש-רומענישן שריפטשטעלער, פּעדאַגאָג און כלל-טוער בנימין ש׳. צוזאַמען מיט זיינע ברידער ווילהעלם און עליאַס געהערט ער צו די באַדייטנדסטע רומעניש-יידישע היסטאָריקער און פּובליציסטן. אַלס אַרויסגעבער פון די יאָרביכער Anuar pentru jsraeliti (אין די 70ער און 80ער יאָרן) האָט ער אין אַ צייט פון פאַראַכטונג און אינדיפערענטיזם צו יידיש אין רומעניע געדרוקט אויפזאַצן וועגן יידישן פאָלקלאָר, וועגן דעם ניי-געגרינדעטן יידישן טעאַטער, וועגן דער יידישער פּרעסע אין רומעניע. פאַרנעמענדיק זיך אין משך פון צענדליגער יאָרן מיטן שטודיום פון דער יידישער געשיכטע אין רומעניע, אויף וועלכן געביט ער האָט צונויפגעזאַמלט דעם רייכסטן מאַטעריאַל, צום טייל אים פאַרעפנטלעכט אין זיין ציוניזירנדיקער צייטשריפט Egalitatea, וואָס ער גיט אַרויס זינט 1890, האָט ער גרויס אויפמערקזאַמקייט געלייגט אויפן יידישן פאָלקלאָר

און האָט יאָרנלאַנג (1873—84) געזאַמלט אויס דעם מויל פון פאָלק יידישע שפּריכווערטער, רעדנסאַרטן, וויצן, משלים, אַנעקדאָטן, פאָרנאָגראַפיע, פאָלקסמעשיות און אַנדערע מינים פון יידישער פאָלקסשאַפונג; די צאָל פון ש״ס פאָלקלאָר־קאָלעקציע דערגרייכט ביז 7000 נומ׳; מיט איר האָט זיך באַנוצט אַדאָלף יעלינעק פאַר זיין ווערק.

ספר זכרון, ז׳ 110—111; JE, XI; ЕЭ, XVI; ד״ר אלפרעד לאנדוי, ביבליאָגראַפּיע פון יידישן שפּריכוואָרט.

שווייד מאַרק (וואָלף = מרדכי)

(15/V 1891 —) געב׳ אין וואַרשע אין אַ פאַמיליע פון גערער חסידים, געלערנט אין חדר און אין „ר׳ איטשעס ישיבה", אַלגעמיינע בילדונג באַקומען ביי פּריוואַטע לערער. פון יינגלווייז אויף אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע נייגונג צו שוישפּילעריי, צו 17 יאָר אויפגעטרעטן עפנטלעך, דאַן אַריין אויף דער עצה פון י. ל. פּרץ אין דער וואַרשעווער פּוילישער דראַמאַטישער שול, וועלכע ער האָט געענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג 1911. געשפּילט אין „קליינעם טעאַטער" אויף פּויליש, אויך אין דער יידישער טרופּע פון קאָמפּאַניעץ און אין „הזמיר", 1911 גאַסטראָלירט אין ווין און סוף יאָר געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז זינט 1921 געווען איינער פון די וויכטיקסטע שוישפּילער פון דעם יידישן קונסט־טעאַטער פון מאָריס שוואַרץ, אויסגעצייכנט דערהויפּט אַלס כאַראַקטער־קאָמיקער. 1924 האָט ער צוזאַמען מיט דעם „קונסט־טעאַטער" באַזוכט מערב־

אייראָפּע און איז אויך אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע. 1926 אַריבער אויף דער ענגלישער בינע אין באָסטאָנער נייעם קונסט־טעאַטער The Repertoire Theatre, אויפטרעטנדיק אין רעפּערטואַר פון שאָו, שעקספּיר, איבסען, באַרי, ראָלאַן אאַז״וו און ניט „זעענדיק קיין באַדערפעניש אָדער מעגלעכקייט זיך אַזוי גיך אומצוקערן אויף דער יידישער בינע". געווען אַ יאָר צייט וויצעפּרעזידענט און פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן אין נ״י. — זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ש׳ אָנגעהויבן מיט לידער און דראַמאַטישע עטיודן אין „ראָמאַן־צייטונג" און דערנאָך זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע וואַרשעווער אויסגאַבן, 1908 — 11 געווען רעפּאָרטער פון „היינט", „אונזער לעבן", „נייע וועלט", ביי דער גרינדונג פון „מאָמענט" פאַרנומען אין דער צייטונג אַ וויכטיקע שטעלע, געפירט די אָפּטיילונג „פּוילישע פּרעסע", פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג צוויי באַאַרבעטע היסטאָרישע ראָמאַנען — „דער יודישער אויסלייזער אין ענגלאַנד" — לויט ראָדענבערגס ראָמאַן וועגן מנשה בן ישראל, און „דער יודישער מיניסטער" — לויט קראַשעווסקי א״אַ קוועלן. אויפגעגעבן די פּרעסע צוליב דער בינע, האָט ש׳ אויך אין אַמעריקע געדרוקט לידער אין פאַרשיידענע ליטעראַרישע אויסגאַבן, ווי „דאָס נייע לאַנד" (צ״אַ „דער זיידע מיטן אייניקעל"—נאָך לעסינג—1912, 19), פּינסקיס „אַרבייטער", „אין זיך", פילאַדעלפיער „אידישער וועלט" (צ״אַ דער איינאַקטער „קוק אין דער זון"), „פאַרבאַנד", „אונדזער בוך", „צוקונפט", „פעדער"" א״אַ, געשריבן אַרטיקלען וועגן טעאַטער, צ״אַ אין „מאָרגען זשורנאַל", „פריינד" („אידישע דעקלאַמאַציע"—מאַי

1916). פון זיינע לידער און פּאָעמען, אין וועלכע ער צייכנט זיך אויס אַלס גלענצנדער סטיליזאַטאָר און פאָרמיסט, זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „בורשטינענע שיסלען“ (פ״ג „ווערבע“, נ״י, 1921, ז׳ 79); „צו גאָט און צו לייט“ (דערז׳ פ״ג, נ״י, 1926 ז׳ 64); „די זיידענע מאַסקע“ (באָסטאָן, 1927); „כ׳וועל מאַכן טיי“ (באָסטאָן, 1927, ז׳ 54). אין בוכפאָרם איז אויך אַרויס זיין שיין ביכל זכרונות „מיט פרק׳ן“ (פ״ג „ווערבע“, 1923, ז׳ 47). פון זיינע אָריגינעלע דראַמען איז די דראַמע „געשענקטע יאָרן“ (פאַרעפנטלעכט אין „פאַרבאַנד“) איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענגליש פון סעמועל גראָסמאַן אין דער נ״י׳ער Jewish Tribune Borrowed Years. נאָך ניט פאַרעפנטלעכט איז זיין 4אַקטיקע דראַמע „די גאָלדענע שלאַנג“ און אַ ראָמאַן. האָט איבערגעזעצט אַרום 30 דראַמען פון דער וועלט־ליטעראַטור (פון דייטש, פויליש, רוסיש, ענגליש), צ״אַ גאָרקיס „אויפן אָפּגרונד“ און „מיטל־קלאַס־מענטשן“, טאָלסטאָיס „די פרוכטן פון אויפקלערונג“, פּויל הייזעס „שאול המלך“, בריעס „מוסיע פּואַרעס דריי־טעכטער“, העַנרי באַטאַנסענס „דער יידישער גלויבן“, שעקספּירס „אָטעללאָ“, זודערמאַנס „די היים“, און מיט זיינע איבערזעצונגען זייער פיל מיטגעהאָלפן צו פאַריאָגן פון דער יידישער בינע אין אַמעריקע די פאַלסיפיקאַציעס פון איבערזעצונגען, אַדאָפּטירונגען און באַאַרבעטונגען, געבראַכט דערצו, אַז אַ איבערזעצונג אויף דער יידישער בינע איז איצט אַ איבערזעצונג. אייניקע פון זיינע איבערזעצונגען זיינען אויך אַרויס אין בוכפאָרם, ווי פ. דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַן „ערנידעריגטע און באַליידיגטע“, פּשיבישעווסקיס (פ״ג ש. יאַנקאָוויטש, נ״י, 19), זאַרזיבאַשעווס דראַמע „אייפערזוכט“ (פ״ג מ. גורעוויטש, נ״י, 1914). האָט אויך איבערגעזעצט אויף יידיש לידער פון פוילישע דיכטער, ווי יוליוס סלאָוואַצקי א״אַ (אין א. רייזענס „אייראָפּעאישער ליטעראַטור“ א״פ א. קאַמאַ), פון יוליאַן טובים און אַנטאָני סלאָנימסקי (אין „פאַרבאַנד“, 50), געשריבן אויך הומאָריסטישע לידער (אין „קונדס“ א״פ אַן אַרלעקין).

ש. ניגער, אין „צוקונפט“, 1922, IX; „קורצ׳ס נאַטיצן“, אפּריל—מאַי 1922; ש. ליעוו, אין „אונדזער בוך“, 1926, V; ב. צ. גאָלדבערג, אין „פ. א. ש.“, 1927, 37; מ. ווינאָגראַד, אין „אויפקום“, 1927, IX; מ. מלמד, אין דער פילאַדעלפיער „אידישער וועלט“, 1927.

שווייצער בנימין (בונם) (1833 — 1886) געב׳ אין דוואָרט (וואַרטאַ), קאַלישער געגנט. זיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער חסיד, אַ מקורב פון גערער הויף. ייִנגלווייז האָט ש׳ זיך אויסגעצייכנט אַלס עילוי און מתמיד, האָט געלערנט צ״אַ ביי דעם גרויסן למדן און גביר ר׳ פישל טיגער און געווען זיין ליבלינג אין דער ישיבה. שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אַ אַנגעזעענעם חסיד קיין אַלעקסאַנדראָוו, אָבער דער זיווג איז ניט געווען קיין גליקלעכער און נאָך דער געבורט פון דעם ערשטן קינד איז געקומען צו אַ גט. דאַן איז ער אַוועק קיין וואַרשע, וואו ער האָט געהערט דעם שיעור ביי דעם דעמאָלטיקן רב ר׳ דוב־בעריש מייזלס. דער דאָזיקער באַרימטער רב איז אויך אויפמערקזאַם געוואָרן אויף דעם גראָטענעם צוהערער און האָט אים איינגעלאַדן פאַר אַ מלמד צו זיינע אייניקלעך. לויט דוד שפּיראָס ידיעות האָט ש׳ס פאַרקער אין דעם הויז פון הרב מייזלס, וועלכער פלעגט זיך אונטערהאַלטן מיט די פריצים און שררות אין דער פוילישער שפּראַך, געווירקט, ער זאָל ווערן

אַ משכיל. אינגיכן איז דער איידעם פון הרב מייזלס, אַ געוויסער בלומבערג אָדער בלאָמבערג, אַריבערגעפאָרן קיין אָדעס, האָט ער מיטגענומען אַהינצו ש׳ן. אין אָדעס האָט ש׳ זיך פאַרפולקומט אין וועלטלעכע לימודים און אין שפּראַכן, זאָל אויך האָבן געווען אַ צוהערער אין ניירוסלענדישן אוניווערסיטעט, געשלאָסן דאָ באַקאַנטשאַפט מיט דער באַרימטער פוילישער שריפטשטעלערין עליזע אָרזשעשקאָ, מיט וועלכער ער איז אויך שפּעטער געשטאַנען אין אַ רעגלמעסיקער קאָרעספּאָנדענץ און געהאָלפן איר אין אירע ליטעראַרישע אַרבעטן (די שטיקער קבלה און תלמוד אין איר ראָמאַן „מאיר יאָזעפאָוויטש" זאָלן שטאַמען פון ש׳ס פעדער). אומגעפער אין די 60ער יאָרן פון פאָריקן יר״ה האָט ער פאַרלאָזט אָדעס, צוריקוועגס אַהיים זיך אָפּגעשטעלט, דערציילט מען, אין זשיטאָמיר, וואו ער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אַלס אַביטוריענט פון דער ראַבינער=שול און אין די 70ער יאָרן האָט ער געוואוינט אין וואַרשע, וואו ער איז צוערשט געווען דער וואַרשעווער קאָרעספּאָנדענט פון דער „הצפירה" אין בערלין, און אַז דאָס וואָכנבלאַט איז אַריבער קיין וואַרשע, איז ער געוואָרן אַ הויפּטמיטאַרבעטער, די רעכטע האַנט חיים=זעליג סלאָנימסקיס, אונטערגעשריבן סלאָנימסקיס פּאַמפלעט „קנאת סופרים" (1874) אַלס ענטפער אויף גבריאל=יהודה ליכטענפעלדס פּאַמפלעט „צפנת פענח" (דערפאַר האָט ליכטענפעלד אין זיין „תוספות להערבון" אָפּגעדרוקט צום סוף אַ שיר אויף ש׳ן פון זיין יונגן איידעם י״ל פרץ — א״פ מהריל״פ מזאמ׳). (איבעריקנס דאַרף נאָך פעסטגעשטעלט ווערן אויף זיכער, צי דער ש׳ פון דער „הצפירה" און אונזער ש׳ זיינען איידענטיש). סוף די 70ער יאָרן האָט ער זיך באַזעצט אין לאָדז, וואו ער האָט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל מיט דער טאָכטער פון אַ באַקאַנטן לאָדזער משכיל (לויט ישכר שוואַרץ — אַן אָפּגעקומענעם אַסימילאַטאָר) איטשע (איזידאָר) שומאַן, אָפּגעגעבן עקזאַמען אויף פּריוואַט=אַדוואָקאַט און פּראַקטיצירט אין לאָדז (אַן ערך זינט 1880), אָבער אין אייניקע יאָרן אַרום האָט ער פאַרלוירן דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן (צוליב דער צו יענער צייט אַרויסגעקומענער גזרה אויף יידישע פּריוואַט=אַדוואָקאַטן ?), אָנגעהויבן צו לעבן אין גרויס דחקות, געהונגערט מיט זיין הויזגעזינד, האָט ער זיך משתדל געווען וועגן אַ שטעלע פון אַ סעקרעטאַר פון דער לאָדזער קאָרשול, אָבער זיינער אַ פריינד הילל=לייב הילער האָט זי ביי אים אויסגעכאַפּט. דאָס האָט אויף אים אַזוי געווירקט, אַז ער האָט באַשלאָסן זיך צו שמדן, און 1885, שבת=צונאַכטס, פּורים צו דער מגילה, האָט ער נאָך אַ פייערלעכער רעדע אין דער לאָדזער קירך זיך געטויפט אויף פּראַוואָסלאַוויע. לויט ישכר שוואַרץ, האָט די קירך אים שטרענג נאָכגעקוקט און ער האָט אַ פּאָר מאָל געמוזט מקבל נזיפה זיין פאַר ניט אָפּהיטן פאַרשיידענע מנהגים. זיין פרויס רייכע קרובים האָבן נאָך דעם שמד פון דער ש׳=פאַמיליע פון זיי מער ניט געוואָלט וויסן (פאַרוואָס זיי האָבן זיך געשמדט אויף פּ ר אַ ו ו אָ ס ל אַ ו ו י ע), האָט זיך זיין לאַגע נאָך פאַרערגערט, ביז די רוסישע שררות האָבן אים באַזאָרגט מיט אַ פּאָסטן פון אַ געריכטס=מאַנער אין פלאָצק, פון דאָרט איז ער שפּעטער וואַרשיינלעך אַוועק קיין פולטוסק אָדער אָסטראָלענקאָ. דאָס איינציקע באַקאַנטע ווערק ש׳ס אין יידיש איז די סאַטירישע דערציילונג א״ט „יעקעלע

קונדאַס״, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין 1878 א״פ אב״ש. געשריבן אין אַ זאַפטיקן פאָלקסטימלעכן יידיש און דורכ־געדרונגען מיט שאַרפע משכּילישע טענ־דענצן, האָט דאָס ביכל בשעתו געמאַכט אַ גרויסן רושם אין פוילן און איז נאָך ביים פאַרפאַסערס לעבן און אונטער זיין רעדאַקציע איבערגעזעצט געוואָרן אויף פויליש דורך פרוי האַראָוויטש (דער פרוי פון אַ לאָדזער אַדוואָקאַט, וועלכע האָט אויך געשריבן אָריגינעלע זאַכן אין פוילישער שפּראַך) א״ט Jankel Filut (צווערשט געדרוקט אין המשכים אין דעם לאָדזער פוילישן טאָגבלאַט Dziennik Łódzki (לויט דוד שפּיראָ האָט עליזע אָרזשעשקאָ געשריבן וועגן דעם ביכל אַ קריטישן אַרטיקל). ש׳ האָט אויך געשריבן אַרטיקלען אין רוסישע צייטשריפטן און פאַרעפנטלעכט אַ גאַנץ ווערק א״ט История Раввинизма. לויט ישכר שוואַרץ, וועלכער כאַראַקטעריזירט ש׳ן בכלל אַלס אַ זייער נעגאַטיווע פּערזאָן, האָט ער אויך געאַרבעט פאַר די מיסיאָנערן און איבערגעזעצט פאַר זיי דעם „נתיבות עולם״.

פּריוואַטע מיטטיילונגען פון די לאָדזער בירגער יצחק ביקסבוים און דוד שפּיראָ, פון ישכר שוואַרץ און פון דעם וואַרשעווער אַדוואָקאַט ב. צוקערמאַן.

שוועבער אליהו (1887—)
געב׳ אין פּשעמישל, מיטל־גאַליציע. זיין בילדונג האָט ער באַקומען אין דער פּשעמישלער גימנאַזיע און לעמבערגער אוניווערסיטעט, וועלכן ער האָט געענ־דיקט מיטן טיטל ד״ר. איינער פון די מיטגרינדער און וויכטיקסטע טוער פון דער „יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי״ („גאַליצישער בונד״), איז ער טראָץ זיין אָפּשטאַמונג פון אַן אַסימילירטער פאַמיליע געווען איינער פון די איבער־געגעבנסטע אָנהענגער און קעמפער פאַר דער יידישער שפּראַך אין גאַליציע. ער האָט זיך באַטייליקט אַלס זשורנאַליסט אין פוילישע צייטונגען און זשורנאַלן, זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אויף יידיש אָנגעהויבן אין 1907 אַלס מיטאַרבעטער פון די יידישע סאָציאַלדעמאָקראַטישע אויסגאַבן אין גאַליציע, געשריבן פּאָלי־טישע, פּובליציסטישע און ליטעראַטור־קריטישע אַרטיקלען, אַרום 1909 געווען רעדאַקטאָר פון „דעם יודישען סאָציאַל־דעמאָקראַט״, פון צייט צו צייט אויך פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין די יידי־שע אויסגאַבן פון רוסלאַנד, ווי אין די בונדישע זמ״ב „צייטפראַגען״, אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטען״ I (וועגן וויספּיאַנסקיס דראַמע „די ריכטער״).

א. רייזען, „עפּיזאָדן פון מיין לעבן״.

שווערדשאַרף משה־יעקב (1858—
II/ 1922) געב׳ אין בילגורייַ, ביי לובּ־לין, אין אַ משפּחה פון העכסטן יחוס, אַן אייניקל פון דעם לובלינער רב און מגיד ר׳ דוב־בער־ריש האַלפּערן־ש׳.



פון קינדווייז אויף איז ער געווען אַ מתבודד און „פילאָסאָף״, פאַר־שטייט זיך אויפן קליינשטעטלדיק־בטלנישן אופן, געלערנט פיל גמרא און פוסקים, געווען זייער אַ פעסטער און גרינדלעכער למדן, פלעגט זיך שטאַרק אינטערעסירן מיט „נאַטורוויסנשאַפט״ און „אַסטראָנאָמיע״ און אַליין, דורך אייגענער אָבסערוואַציע, זייער פיל געלערנט און דערפאָרשט. זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיך ספּעציעל אינטערע־סירט מיט היסטאָרישגענעאַלאָגישע פאָר־שונגען (דעריקער — פון זיין אייגענער

פאַמיליע מיט איר יחוס) און האָט אויף דעם געביט אַרויסגעגעבן אַ ספרל א״ט „גזע תרשישים״ (1905). געוואוינט האָט ער אין קאָלאָמיי, וואוהין ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דעם דאָרטיקן גביר הירש. לכתחילה איז אים געגאַנגען זייער גוט, האָט געהאַלטן אין אַרענדע אַ געוויסן וועג־אָפּצאָל, שפּעטער איז ער פאַראָרעמט געוואָרן און אַוועק קיין אונגאַרן זוכן פרנסה, 1895—7 פאַרבראַכט אין בודאַפּעשט, אַ גאַנצן טאָג שווער געאַרבעט אַלס גאַסנהענדלער און ביינאַכט אין די ערגסטע באַדינגונגען געשריבן זיינע חיבורים, ווי ער דערציילט וועגן דעם אין זיין ספרל „דעת לנבונים״ (אַנטהאַלט אַ פּירוש אויף מסכת אבות און אַ מאָנאָגראַפיע וועגן „וועד ארבע ארצות״; מונקאַטש, 1898). שפּעטער (אַרום 1900) איז ער צוריקגעקומען קיין גאַליציע, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פערזענלעכן לעבן, אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער, געגאַנגען אָנגעטאָן אין שמאַטעס, געהונגערט און געפרווירן, אָבער ניט געוואָלט אָננעמען קיין אונטערשטיצונג פון זיינע קרובים, ביז ער איז געפאַלן אין גאַס פון הונגער אין וואַרשע, וואוהין ער איז מגולגל געוואָרן אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן מיט זיין לעצטן ספר „האמונה הקדומה״ — אַ מין שולחן־ערוך פאַר די קריסטלעכע פעלקער, וואָס זאָל זיי [illegible]לעך מאַכן אָנצונעמען דעם יידישן גלויבן; דאָס איז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געווען זיין אידעע פיקס. פון זיינע חיבורים איז אין יידיש אונז באַקאַנט בלויז דאָס ספרל „צייט־לעהרע״ / איבערזעצט פין ספר הוראת שעה/צו פערהיעטען יודישע קינדער אין דער יעצטיגער צייט זייא זאָללען בלייבען פרים אונד נישט פערדאָרבען ווערען אין יודישקייט״ (געדרוקט אַנאָנים, ביי שמעון טייכער, קאָלאָמיי, 1912, ז׳ 16)—וועגן מילכיקס און פליישיקס.

ש. ראָזענפעלד, „דער מיסיאָנער צווישען אידענטום פון דער סמאַטשע־גאַס״, אין „הייגט״, 1922, 42.

שווערדשאַרף שמואל־לייב (13/IX 1907) געב׳ אין פּלאָנסק, וואַרשעווער געגנט, אין אַן אויפגעקלערטער משפחה. געלערנט אין אַ חדר־מתוקן, 1926 געענדיקט אַ פּוילישע מיטלשול אין וואַרשע און שטודירט אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט יוריספּרודענץ און פּאָליטישע וויסנשאַפטן. נאָך אַלס שילער מיטגעאַרבעט אין פּוילישע צייטונגען, אַרויסגעגעבן אַ ביכעלע וועגן עדיפּוס פון סאָפאָקלעס (אין פּויליש), 1926 געשריבן טעאַטער־נאָטיצן אין דעם בלעטל פאַר קינאָ, טעאַטער, ראַדיאָ „קינטעראַד״, זינט 1927 געהילפסרעדאַקטאָר און מיטאַרבעטער פון דעם וואָכנבלאַט „דער וועלט־שפּיגעל״ (ווערט אַרויסגעגעבן ביי דעם טאָגבלאַט „הייַנט״ א״ר פון א״ל יאַקובאָוויטש), אויך א״פ ש. שאַרף, סעם, שלש, שרייבט פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע פעליעטאָנען, דערהויפּט איבער פילם, טעכניק, עקאָנאָמישע פראַגן.

שויס חיים־בנימין (י״ג אייר 1884—) געב׳ אין גאָרזד, קאָוונער געגנט, 15 קלמ׳ פון מעמעל. האָט ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר, זיך אַזוי אויסגעצייכנט אין

גמרא, אַז זיין פאָטער, הירש, האָט אים אַוועקגעגעבן צו אַ רבין אין בית־מדרש, וואו ער האָט געלערנט עטלעכע יאָר, ביז ער איז, צו באַדויערן פון זיין סביבה, אַראָפּ פון וועג און זיך גענומען צו השכלה. אין די חדר־יאָרן געגאַנגען אַ פּאָר זמנים אויף

צו אַ לערער, וועלכער האָט אים אויסגעלערנט אַ ביסל צו שרייבן און לייענען יידיש (אין דייטשמערישן סטיל), דייטש און רוסיש, אויפן 15טן יאָר, נאָכטוענדיק זיין עלטערן ברודער, אָנגעהויבן צו לערנען תּנך און דיקדוק פון „מסלול" און „מורה הלשון" און אַזוי אַ יאָר 5 מיט אַ גוואַלדיקער התמדה געלערנט העברעיִש און געלייענט פון דער העברעיִשער ליטעראַטור אַלץ, וואָס ער האָט געקענט קריגן אין דעם קליינעם שטעטל. זיין ברודער, וועלכער איז געווען אַ העברעיִשער לערער אין מעמעל און זיך דאָרט אויסגעלערנט דייטש, האָט אים אויך אויסגעלערנט לייענען און פאַרשטיין די דייטשע ליטעראַטור; דורך אַ קאָרעספּאָנדענץ-מעטאָדע האָט ער זיך פאַרפולקומט אין דייטש און אויך באַקומען די עלעמענטאַרע ידיעות אין פראַנצויזיש און אַלגעמיינע לימודים, גלייכצייטיק געווען אַ מאָדערנער העברעיִשער לערער פון אַ גרופּע קינדער פון היינטוועלטיקע ציוניסטיש געזונענע עלטערן. נאָכן פּריזיוו אַוועק קיין דייטשלאַנד אָנצוקומען אין אוניווערסיטעט, אָבער צוליב מאַנגל אין מיטלען געמוזט זיך באַנוגענען מיט זעלבסטבילדונג, געלעבט אין פראַנקפורט, מעמעל און וויסבאַדן, וואו געגעבן פּריוואַטע לעקציעס אין העברעיִש ביי אַ פּאָר רייכע רוסישע יידן; דאָס יאָר לעבן אין וויסבאַדן האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר זיין אַנטוויקלונג, מחמת דער גרויסער קיניגלעכער לאַנדס-ביבליאָטעק, פון וועלכער ער האָט פאַרשלונגען אַ ים מיט ביכער. צוריקגעקומען אהיים אין שטעטל, האָט ער דעביוטירט אין א. ליטווינס חודש-זשורנאַל „לעבן און וויסענשאַפט" מיט דער איבערזעצונג פון א. דאָדעלס אַ מאָניסטישער בראָשור „די רעליגיאָן פון דער צוקונפט", הגם ער האָט שוין פון לאַנג אָן געהאַט געשריבן, לכתחילה אין העברעיִש (שירים), דערנאָך אין דייטש און ערשט לסוף אַיינגעזען, אַז די לאָגישסטע זאַך איז שרייבן יידיש — אָבער ערשט אַדאַנק ליטווינס אויפמונטערונג זיך אָנגעהויבן ערנסטער אָפּצוגעבן מיט ליטעראַרישער טעטיקייט, פאַרעפנטלעכט אין „לעבן און וויסענשאַפט" זיין ערשטע אָריגינעלע זאַך „אליהו, דער נביא פון בלוט און פון אַייזען" (1910), אויך לידער אין פערזן און פּראָזע. יאַנואַר 1910 געקומען קיין אַמעריקע, ביז פרילינג 1915 געלעבט אין שיקאַגאָ, פאַרנעמענדיק זיך מיט העברעיִשע לעקציעס און אָפּגעבנדיק די גאַנצע פרייע צייט אויפן שטודיום פון ביבלקריטיק און סעמיטישער געשיכטע. פאַר דער צייט פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען אויס דער יידישער געשיכטע, ווי „עמוס דער נביא און דער פּאַסטעך" — אין „דאָס נייע לעבן" 1910, III, וועגן די יידישע יום-טובים אין דער וועכנטלעכער „אידישער אַרבייטער וועלט" פון שיקאַגאָ א"ר פון ד"ר ק. פאָרנבערג, 1911—12, „דאָס אידישע פאָלק און דער אידישער גאָט" — וועגן דער אַנטשטייונג פון דעם אתּה-בחרתּנו-געדאַנק ביי יידן — אין דער מאָנאַטשריפט „ליטעראַטור און לעבן", 1914 — 15 א"ר פון פאָרנבערג. 1915 זיך באַזעצט אין נ"י, האָט ער מיט דער אונטערשטיצונג פון ד"ר פאָרנבערג אָנגעשריבן זיין ערשט בוך פון דער סעריע „ביבלישע ליטעראַטור" א"ט „ביבלישע געזאַנגען / די געזאַנגען פון „חומש" און „נביאים ראשונים" מיט אַ פאָררעדע פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי („ליטעראַרישער פ"ג", נ"י, 1916, ז' VIII+229), וואו ער באַהאַנדלט די ביבל פון ליטעראַטור-וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט. די דאָזיקע

ערשטע אָריגינעלע אַרבעט אין יידיש
אויפן געביט פון ביבל=קריטיק אַנטהאַלט
אַן אַלגעמיינעם אַריינפיר אין דער תנך=
וויסנשאַפט און די קאַפיטלען „די ביבל
אַלס ליטעראַטור", „ביבלישע פּאָעזיע",
„געזאַנגען פון אַלגעמיינעם לעבען", „גע=
זאַנגען פון קריג און נצחון", „קולט=און
רעליגיעזע געזאַנגען", „קלאָג=לידער",
„ברכות, קללות און נבואות", „דידאַקטי=
שע געזאַנגען", טעקסט=באַמערקונגען און
ביבליאָגראַפישע אָנווייזונגען. פאַר די
יאָרן 1916 — 18 האָט ש' פאַרעפנטלעכט
אַ גרויסע צאָל אַרטיקלען אויף דעם גע=
ביט פון יידישער געשיכטע און ליטע=
ראַטור אין דער טעגלעכער „וואַרהייט"
און דעם וואָכנבלאַט „דער אידישער
קעמפּפער", צ"אַ אַ סעריע פון 34 אַרטיק=
לען „ישראל און די פעלקער" (אַ יידישע
געשיכטע פון דער אורצייט ביז יהודה
המכבים טויט, אַרויסהייבנדיק די וויכ=
טיקסטע געשעענישן און פיגורן), „ירושלים
די הייליקע שטאָדט", אין „אידישען
קעמפּפער" א"ר פון ד. פּינסקי, „דער
אידישער מאָנאָטעאיזם און דער מאַרק=
סיסטישער מאַטעריאַליזם"—וועגן קאַוטס=
קיס „אורשפרונג דעס קריסטענטומס"—אין
„אידישען קעמפּפער" א"ר פון ב. באָראָכאָוו
1917, „געשיכטספילאָזאָפיע ביי די נביאים",
אין „אידישען קעמפּפער" 1918 אאַז"וו. זינט
1924, אויך א"פ ב. טויבין, ז. קאַדיש
א"אַ, פאַרעפנטלעכט אין זונטאָגדיקן „פאָר=
ווערטס" גאַנצע סעריעס אַרטיקלען אויס דער
אַלטער געשיכטע, יידישער און קלאַסי=
שער, איבער די באַרימטסטע משומדים אין
דער יידישער געשיכטע, איבער באַרימטע
שטעט אין דער יידישער געשיכטע און
די יידישע גדולים, וואָס האָבן אין זיי
געלעבט (אַ סעריע פון אַ 30 אַרטיקלען,
ווי דובנע, באַרדיטשעוו, וואָלאָזשין, מע=
זשיבאָזש, מעזריטש, ליאַדי, ליבאַוויטש,
בראַסלעוו, ריזשין, סעדעגער, קאָזשעניץ,
לעמבערג, קראָקע, לובלין, וואַרשע, ווייל=
נע, גראָדנע, בריסק, פּראָג, מאַינץ,
וואָרמס, אַמטיסלאַוו, כעלם אאַז"וו), אי=
בער דער אינקוויזיציע, איבער די רוי=
מישע צעזאַרס אאַז"וו, רעצענזיעס אי=
בער יודאַיִסטישער ליטעראַטור אאַז"וו.
ס'איז אויך צו דערמאָנען זיין אַרבעט
„די מלוכה פון דער ערד און די מלוכה
פון הימל"—אין „שריפטן" VIII—אַ קאַ=
פּיטל פון אַ גרויס געפּלאַנטן, אָבער צו=
ליב די אומגינסטיקע אומשטענדן ליידער
ניט רעאַליזירטן בוך, וואָס זאָל געבן אַ
נייע באַלייכטונג דער גאַנצער יידישער
געשיכטע, דעם צוזאַמענהאַנג אירן, וואַרפן
אַ ניי סינטעטיש ליכט אויף יוחנן און
יעזוס, אויף שבתי=צבי און דעם בעל=שם=
טוב. זיין וויכטיקסטע אַרבעט איז „די
גרויסע אידישע געשיכטע"—א"ר פון ד"ר
ק. פאָרנבערג (ליטעראַרישער פ"ג, נ"י,
1919—25, ב, I—IV, ז' 317 — 313 —
302 — 317+ביבליאָגראַפיע). די ערשטע
צוויי ב' אַנטהאַלטן דערעיקרשט איבער=
זעצונגען פון די בעסטע אַוטאָריטעטן
אויף דעם געביט, דערהויפּט פון קיטעל,
אויך פון דובנאָוו, קענט, בענצינגער,
לעהר און מק' קורדי, בענטש, גוטהע,
בודע, שטאַדע, נאָוואַק; דער 4טער ב'
(„פון נאָך דער אויפבויאונג פון צווייטען
בית=המקדש ביז דער גרינדונג פון דער
חשמונאים=מלוכה") איז שוין אַ זעלבשטענ=
דיקע אַרבעט — אין אַ געוויסער מאָס די
ערשטע יידישע געשיכטע פון דער גע=
געבענער עפּאָכע, אויפן גרונד פון די
בעסטע מאַטעריאַלן און פאָרשונגען. לויט
דער באַשטעלונג פון אַרבעטער=רינג האָט
ש' אויך פאַרפאַסט פאַר די אַרבעטער=
רינג=שולן אַ יידישע געשיכטע (אַרויסגע=
געבן פון דעם בילדונגס=דעפּאַרטמענט
פון אַרבעטער=רינג, נ"י, 1927). עס איז

אויך צו דערמאָנען זיין קריטישע אַרבעט איבער געשיכטע א"ט „אידישע געשיכטע/ פון די עלטסטע צייטען ביז דער צושפּאַלטונג פון דער מלוכה"—קאָרעספּאָנדענץ-קורס, אין 10 לעקציעס (אַרויסגעגעבן פון יידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער-פאַרבאַנד אין אַמעריקע, נ"י, ז' 90). האָט א"פּ ה. ש. גאָרזדאָווסקי איבערגעזעצט אָסקאַר ווײַלדס ראָמאַן „דאָס בילד פון דאָריאַן גריי", אויך קונאָ פישערס „שפּינאָזאַס לעבען און כאַראַקטער"—אין „דאָס נייע לעבען", א"אַ. זינט עס האָט זיך געעפנט דער יידישער לערער-סעמינאַר (פרילינג 1918) — איז ער דאָרט לערער פון תנך און דער אַלט-יידישער געשיכטע.

ב. שניידער, אין „דער נייער שול", ווילנע, 1920, III, ז' 171—3; קלמן מרמר, „לערנביכער פאר אידישער געשיכטע", אין „שול און לערער", נ"י, 1928, III—IV, ז' 7—15.

שוכטער מענדל (י"ד אדר 1890—)

געב' אין דאָרף ציקאַזשעוו, פּעטריקאָווער געגנט. באַקומען אַ יידישע דערציִונג אין חדר און אַ מאָדערנער תלמוד-תורה, איז ער יונג אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, 1904 אַנטלאָפן קיין לאָנדאָן, 1906 צוריקגעקומען קיין פּוילן, 1906 ווידער אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אין וואָלאָגדער גוב', פון וואַנען 1908 אַנטלאָפן קיין קראָקע, דאָרט חתונה געהאַט און אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ, האָט דורכגעמאַכט מיטלשול און אוניווערסיטעט און פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַט. אין דער יוגנט פאַרבונדן מיט דער ס"ס-פּאַרטיי, איז ער אין אַמעריקע געווען אַקטיוו אין דער פּ"צ-באַוועגונג, אויך אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, אין דער „אינטערנייציאָנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן", אַ געוויסע צייט געווען ביזנעס-אַגענט און פירער פון אַ לאָקאַלער יוניאָן, געווען לערער אין די נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע שולן און שפּעטער טוער פון די ש"ע-שולן, איינער פון די גרינדער און דער ערשטער גענעראַל-סעקרעטאַר פון יידישן אַרבעטער-הילפסקאָמיטעט, טוער פון „איקאָר" אאַז"וו. אַקטיווער טוער און רעדנער פון דער פּיפּלסרעליף, אַלס מיטגליד פון אירער אַ קאָמיסיע 1920 באַזוכט אַריי לענדער, צ"אַ פּוילן און ווילנע. אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין געזעלשאַפטלעך-פּאַרטייִשער אַרבעט פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין „דעם נייעם וועג" — אָרגאַן פון די נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע שולן אין אַמעריקע, „דאָס וואָרט" — אָרגאַן פון די סאָציאַליסטן - טעריטאָריאַליסטן, די שיקאַגער „וועלט" און „פאָרווערטס", „דעם אידישען קעמפּפער", „דער צייט", די „אידישע סאָציאַליסטישע מאָנאַטשריפטן", „פּראָלעטאַרישער שטימע"—אָרגאַן פון די לינקע פּ"צ, „דעם פּראָלעטאַרישן געדאַנק" — אָרגאַן פון די מאַרקסיסטישע פּ"צ, „אַרבייטער הילף"—אָרגאַן פון דער פּיפּלסרעליף אין דער מיטלוועסט, „אויפבוי" — אָרגאַן פון יידגעזקאָם, דער קאָמוניסטישער „פרייהייט" א"אַ. אויך א"פּ מענדל ברוקער. צוזאַמען מיט אַ קאָלעגיע רעדאַקטירט 6 נומערן פון „דעם פּראָלעטאַרישן געדאַנק" און „די פּועלי ציון שטימע" — אָרגאַן פון דעם פעדעראַטיוון קאָמיטעט פון די פּ"צ פון שיקאַגאָ. געשריבן אויך פּאַמפלעטן און פּראָקלאַמאַציעס פון פאַרשיידענעם געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

שולמאַן אלעזר (1837 — 17/VII 1904)

געב' אין אַ שטעטל פון קאָוונער געגנט. האָט אין דער יוגנט זייער פיל געלערנט, אָפּגעבנדיק זיך דערהויפּט מיט תלמוד. שפּעטער האָט ער זיך גענומען צו השכלה, שטודירט העברעיִש און דייטש. דורך זיין שווער קראַסינסקי,

פאַרוואַלטער בײַ די קיעווער בראָדסקיס, אַ טיפּ פון די פאַרצײַטיקע משכּילים, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ רײַכע ביבליאָטעק, האָט ש' געקראָגן אַ צוטריט צו בראָדסקיס הויז, געוואָרן לערער

און דערציער פון לעוו בראָדסקי, וועלכער האָט אים שפּעטער באַשטימט פאַרן הויפּט-קאַסירער פון דער בשעתו באַוואוסטער „אַלעקסאַנדראָווער געזעלשאַפט". זײַן געזיכערטע מאַטעריעלע לאַגע און די רײַכע ביבליאָטעק, וואָס ער האָט געירשנט פון זײַן שווער און וועלכע ער האָט שפּעטער פאַרטאָפּלט און באַרײַכערט מיט די זעלטנסטע ווערק פון דער אַלט-יידישער ליטעראַטור, האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו ווידמען דער פאָרשונג פון די פאַרשיידענע געביטן פון דער יידישער וויסנשאַפט און קולטור. דעביוטירט האָט ש' מיט אַ גרעסערער דערציילונג א"ט „האָובדים והנדחים" (אָדעס, 1866, ז' XAVI+79), געשריבן לויטן מוסטער פון וויקטאָר הוגאָס Les Miserab es. אויפגענומען פון דער קריטיק זייער אומגינסטיק, האָט ש' פאַרברענט די איבערגעבליבענע עקז' פון זײַן ראָמאַן און האָט שוין דעם צווייטן ט' ניט אַרויסגעגעבן. ער האָט געשריבן נאָך אייניקע בעלעטריסטישע זאַכן אין העברעיִש (אין „השחר" און „המליץ"), וועלכע ער האָט צונויפגעזאַמלט אין בוכפאָרם א"ט „אוצר סיפורים" (וואַרשע, 1894, ז' 171; 2טע אויסגאַבע — 1902), און אַרויסגעגעבן אַ ביכל „זכרונות עיר מולדתי / ציונים ותוים שונים" (פּט"ב, 1894, ז' 72). אָבער אַ נאָמען האָט ער זיך געמאַכט מיט זײַנע אַרבעטן אויפן געביט פון דער ליטעראַטור- און קולטור-געשיכטע, קודם-כּל מיט זײַן בוך „ממקור ישראל, תולדות אנשי השם גדולי סופרי גרמניה וילדי ישראל, היינריך היינע ולודוויג בערנע" (1876 און 1894). זײַן באַדײַטונג פאַר דער יידישער ליטעראַטור שטיצט זיך אויף זײַנע פּיאָנערישע אַרבעטן איבער דער געשיכטע פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, אויף וועלכן געביט ער איז געווען דער ערשטער פאָרשער פון צווישן די מזרח-יידישע ליטעראַטור-היסטאָריקער. שוין אין ש"ע'ס „יודישער פאָלקסביבליאָטעק" ב' II (1889) האָט ש' פאַרעפנטלעכט דעם אָנהייב פון זײַן לעבנסווערק „די געשיכטע פון דער זשאַרגאָן-ליטעראַטור", און דער המשך האָט געזאָלט ערשײַנען אין דעם III ב', אָבער—ווייזט אויס צוליב דעם אונטערגאַנג פון ש"ע'ס גרויסער ליטעראַרישער אונטערנעמונג און צוליב דעם מאַנגל פון אַן אַנדערן ערנסטן יידישן אָרגאַן—האָט ש' אָנגעהויבן צו שרײַבן זײַן ווערק אין העברעיִש, די ערשטע טיילן דערפון פאַרעפנטלעכט אין זמ"ב „הזמן" 1903 און ערשט נאָך זײַן טויט איז דאָס גאַנצע ווערק אַרויס אין בוכפאָרם א"ט „שפת יהודית-אשכנזית וספרותה. / מקץ המאה הט"ו עד קץ שנות המאה הי"ח. / יצא לאור ע"י בני משפחתו של המחבר המנוח בהשגחת י. ח. טביוב" (ריגע, 1913, ז' XVI+223). צו דעם בוך קומט צו אַ אומגעלומפּערטע און טאַקטלאָזע הקדמה פון דעם לחלוטין ניט צוגעפּאַסטן רעדאַקטאָר טאַוויאָוו, וועלכער האָט געפונען פאַר מעגלעך דווקא אין דער ערשטער געשיכטע פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור אַרויסצוטרעטן מיט זײַן פאַרביסענער שנאה צו יידיש. אָבער אַפילו אין דער דאָזיקער אומגעלונגענער

רעדאַקציע, ביי וועלכער עס האָבן זיך אין ש'ס ווערק אַריינגעכאַפּט זייער פיל גרייזן, איז עס ביז דער לעצטער צייט, איידער עס זיינען אַרויס די נייע פאָרשונגען אויפן געביט פון דער אַלט-יידישער ליטעראַטור, געווען די וויכטיקסטע אַרבעט אויף דעם געביט. אין משך פון צענדלינגער יאָרן האָט ער געזאַמלט דעם מאַטעריאַל פאַר דעם ווערק, האָט זיך ניט פאַרלאָזן אויף אַנדערע, יעדן ספר, וואָס ער דערמאָנט, געזען מיט זיינע אייגענע אויגן, לכל-הפּחות געלאָזט מאַכן אָפּשריפטן פון די זעלטענע עקזעמפּלאַרן פון די פאַרשיידענע אייראָפּעישע ביבליאָטעקן, אויך קריטיש אונטערזוכט אַלץ, וואָס איז וועגן דער אַלט-יידישער ליטעראַטור געשריבן געוואָרן ביז אים. אמת, ער האָט דעם גרויסן מאַטעריאַל ניט געקענט באַוועלטיקן, אַזוי אַז אַרכיטעקטאָניש איז ש'ס געשיכטע ניט געלונגען, און אויך דאָס פעלן פון דעם קולטור-היסטאָרישן עלעמענט איז אַ גרויסער חסרון פון זיין ווערק, וואָס איז מער אַ זאַמלונג פון מאַטעריאַלן, ווי אַ סינטעטישע געשיכטע פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור. פון זיינע אַנדערע אַרבעטן אויפן געביט פון יודישיסטיק איז די וויכטיקסטע די אָפּהאַנדלונג „עמקי שפה“, אין „השלח“, 1898, ז' 37—46, 106—112, 221—229, וואו ער ברענגט אַ ריי לינגוויסטישע סברות און אַ רייכע ביבליאָגראַפיע צו דער יידישער פילאָלאָגיע. אין יידיש האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט באַזונדערע אַרטיקלען וועגן דער אַלט-יידישער ליטעראַטור, וועגן דער געשיכטע פון „קול מבשר“ (אין יוד“ 1900, 17—18), וועגן דעם אַלט-יידישן בוך „באר שבע“— אין זמ"ב „הילף 1903, וואו ס'איז אויך געדרוקט זיין האַלב פּובליציסטישע דערציילונג „דער אמת“. לכתחילה זיך באַצויגן צו יידיש ווי „צו אַ מיטל דאָס פאָלק צו בילדן, ווי צו אַ מיטל, וואָס מ'נוצט אים נאָר, ווייל קיין אַנדערע ברירה איז ניטאָ“, האָט ער שפּעטער געשריבן וועגן יידיש ווי וועגן אַ שפּראַך, וואָס איז „ביין פון אונזער ביין און לייב פון אונזער לייב און וואָס דער גייסט פון אונזער פאָלק ווייזט זיך אַרויס אין איר אַזוי ווי אין אונזער ליטעראַטור אויף לשון קודש“ (זע זיין „דבר אל הקורא“, אין „הזמן“ 1903, I). דעם 25סטן ניסן 1901 איז געפייערט געוואָרן דער 25יעריקער יובילײ פון ש'ס ליטעראַרישער טעטיקייט (זינט דער ערשיינונג פון זיין ערשטער וויכטיקער אַרבעט „ממקור ישראל“).

„25יאַהריגעס יובילעאום פון ל. ש“, אין „יוד“, 1901, 17; „לוח אחיאסף“ תרס"ב; ib, תרס"ה; ראובן בריינין, אין ג. באַדערס „יודישען פאָלקסקאַלענדער“ תרס"ב; XVI ,EΘ; י. צינבערג, „ש'ס ווערק און זיין רעדאַקטאָר“, אין „דער יודישער וועלט“, 1914 IV, ז' 64—69; נח פּרילוצקי, אין „מאָמענט“ 1913 אָדער 1914.

שולמאַן וו. (26/XI 1876 —) פּס"נ פון **לאַזאַר שאַדאָווסקי**. געב' אין אַ גוט לעבן ווילקאָמיר, קאָווגער געגנט, פון וועלכן זיין פאָטער איז געווען פאַרוואַלטער. דערצויגן אין קאָוונע, געלערנט אין חדר און ביי פּריוואַטע לערער תנך, תלמוד און מדרש.

פון קינדרווייז אויף געלייענט די העברעישע ליטעראַטור, געשריבן קאָרעספּאָנדענצן אין „המליץ“, אונטער דער השפּעה פון א. ווייטער 1896 זיך פאַראינטערעסירט מיטן סאָציאַליזם, 1899 אַריין אין בונד, אָנגעהויבן שרייבן פאַרן

אומלעגאַלן "וועקער", אָרגאַן פון בערש=
טער=בונד, אַפּריל 1900 אַרעסטירט אין
קאָוונע, אָפּגעשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע
אין רשות פון זובאַטאָוו, אין 3 חדשים אַרום
באַפרייט אונטער פּאָליציי=אויפזיכט, אָפּ=
געפאָרן קיין האָמעל, אָנגעהויבן אַרויס=
צוגעבן דעם אומלעגאַלן אָרגאַן פון האָמ=
לער קאָמיטעט פון "בונד" "דער קאַמפּף"
(1901 מיטגעאַרבעט י"ח ברענער), גע=
שריבן פאַר דער "אַרבייטער = שטימע",
אָנהייב 1901 אַרעסטירט אין האָמעל,
אָפּגעזעסן 14 חדשים אין ווילייקער טור=
מע (ווילנער געגנט), אַרויסגעשיקט גע=
וואָרן אַדמיניסטראַטיוו אויף 4 יאָר קיין
מזרח=סיביר, 1902 — 4 געוואוינט אין
דאָרף זנאַמענקע, אירקוטסקער גובּ׳, מיט=
געאַרבעט אין דער אירקוטסקער ציי=
טונג Восточное Обозрѣнiе, פאַר פאַר=
שיידענע חטאים אָנהייב 1904 אַרויסגע=
שיקט קיין יאַקוטסק מיט אַ צוגאָב=טער=
מין פון 3 יאָר, פאַר סאָלידאַריזירן זיך
מיטן באַוואָפנטן פּראָטעסט פון די פּאָ=
ליטישע פאַרשיקטע קעגן די רעפּרעסי=
עס (מעשה ראָמאַנאָווקע) אַרויסגעשיקט
אויפן ברעג פון טייך אַלדאַן, 500 וויאָרסט
פון יאַקוטסק, פון וואַנען געשריבן צ"אַ
אין דער Вост. Обозр. אַרטיקלען וועגן
דיווירטשאַפטלעכע באַציִונגען ביי די
יאַקוטן, לויט דער אַמנעסטיע פון 1905
צוריקגעקומען פון סיביר, געאַרבעט אין
די בונדישע אָרגאַניזאַציעס פון דרום=
רוסלאַנד (באַרדיטשעוו, וואָלין=פּאָדאָליער
ראַיאָן=קאָמיטעט), געשריבן פאַר דעם
ווילנער "פּאָלקס = צייטונג" (שפּעטער
"האָפנונג") א"פ לאַזאַר. אין דער וואַל=
קאַמפּאַניע צו דער דריטער גאָסודאַרי=
שער דומע 1907 אַרעסטירט געוואָרן
אויף 4 חדשים, דאַן אַריבערגעפאָרן קיין
וואַרשע, וואו אָנגעפירט מיט דער פּאַר=
טיי=אַרבעט, אויפן 10יעריקן יובּיליי=
אָוונט פון "בונד" אַרעסטירט אויף 3
חדשים אין דער מאָדלינער פעסטונג —
אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פּוילן אויף
דער גאַנצער צייט פון קריגסצושטאַנד
און פאַרשטאַרקטער אויפזיכט, געלעבט
אין ווילנע, זיך באַטייליקט אין דעם
אָרטיקן Сѣверо-Западный Край, דורך
דער פּראָוואָקאַציע פון ישראל=מיכל קאַפּ=
לינסקי ווידער אַרעסטירט און אין 8
חדשים אַרום פאַרשיקט אויף 2 יאָר קיין
וואָלאָגדער גובּ׳, פון וואַנען געשריבן
אויס דעם לעבן פון די פאַרשיקטע אין
פּט"ב׳ער "פריינד", שפּעטער (1910) אַנט=
לאָפן קיין אויסלאַנד, זיך באַזעצט אין
זשענעווע אַלס גענעראַל=סעקרעטאַר פון
צ"ב פון דער פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע
פון די אַרבעטער=פאַראיינען און מיטהילף=
גרופּעס פון "בונד" אין אויסלאַנד, רע=
דאַקטירט און צונויפגעשטעלט אירע
ביולעטענס (אויף יידיש און רוסיש),
געשריבן פון צייט צו צייט אין "פריינד",
1914 אָפּגעפאָרן אומלעגאַל קיין רוסלאַנד
אויף פּאַרטיי=אַרבעט, 1915 זיך באַזעצט
אין וואַרשע, וואו געווען מיטגליד פון
דעם "קאָמיטעט פון די בונדישע אָרגאַ=
ניזאַציעס אין פּוילן" צוזאַמען מיט נח
פּאָרטנאָי, לאַזאַר עפּשטיין, זיגמונט. נאָך
דער עוואַקואַציע פון פּוילן דורך די
רוסן—געווען פאָרזיצער פון דער ערשטער
גרינדונגספאַרזאַמלונג פון פּראָפ׳ בראַנ=
זשעס (7/VIII 1915 אין וואַרשע, 70 אָנ=
טיילנעמער), פאָרזיצער פון דעם דאַן
אויסגעוויילטן צ"ב און ערשטער סעק=
רעטאַר פון דער רעדאַקציע פון דעם
וועכנטלעכן אָרגאַן פון "בונד" אין פּוילן
"לעבנספראַגען", וואָס האָט אָנגעהויבן
צו ערשיינען 4/II 1916 א"ר פון וו. מע=
דעם אַלס וואָכנבלאַט און דעם 6/XII
1918 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָג=
בלאַט, 18/I 1919 ביים פאַרמאַכן די ציי=

טונג דורך דער נייער פּוילישער מאַכט
אַרעסטירט געוואָרן, שפּעטער (דערהויפּט
1920) האָט די צייטונג דורכגעמאַכט אַ
סך רדיפות, אָפּשטעלונגען, קאָנפיסקאַציעס,
אויפלעבנדיק אונטער פאַרשיידענע נע=
מען, ווי „אַרבייטער=שטימע“, „אַרבעטס=
טאָג“, „אונזער טאָג“, „נייער טאָג“, „טאָג=
פראַגען“, „נייער אַרבייטסטאָג“, „נייע
אַרבייטער = שטימע“, „די צייט“, „צייט=
פראַגען“, „אונזער שטימע“, „די נייע
צייט“, „צייט=שטימען“, „מאָרגענשטערן“
און צולעצט „פאָלקסצייטונג“, וואָס ער=
שיינט זינט 1/IX 1922 טעגלעך—לעצטנס
א״ט „נייע פאָלקסצייטונג“. זינט דאַן
דערהויפּט באַשעפטיקט מיט דער זשור=
נאַליסטיש = רעדאַקציאָנעלער אַרבעט און
אַלס סעקרעטאַר פון דעם בונדישן אָר=
גאַן אין אַלע זיינע אויבן אויסגערעכנטע
גילגולים, זיך אויך באַטייליקט אין די אַנ=
דערע בונדישע אויסגאַבן פון פּוילן, ווי
די זמ״ב „אונזער שטימע“, דער חודש=זשור=
נאַל „אונזער צייט“ אאַז״וו. פון זיינע גרע=
סערע אַרבעטן איז צו פאַרצייכענען: „קאַרל
מאַרקס און די יודענפראַגע“ — אין זמ״ב
„קאַרל מאַרקס“ (וואַרשע, 1918), „דער
בונד אין רוסלאַנד פאַר דער צייט פון
דער רעוואָלוציע“ — אין זמ״ב „אונזער
שטימע“ (וואַרשע, 1918), „פּראָפעסיאָנעלע
פאַראייגען“—אין „אַרבעטער=לוח“ 1920,
„דער ברודער=קבר“—וועגן דער דייטשער
צענזור בשעת דער אָקופּאַציע פון פּוילן—
אין זמ״ב „אונזער גרוס“ (וואַרשע,
1919), „100 יאָר נאָכן ערשטן רעוואָ=
לוציאָנערן אויפשטאַנד קעגן צאַריזם“—
אין „אַרבעטער=לוח“ 1925, „דער בונד“
און די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג“ — אין
זמ״ב „25 יאָר“ — צום 25יעריקן יובילײ
פון בונד (וואַרשע, 1922). האָט אויך
רעדאַקטירט די דאָזיקע זמ״ב און די 6
יאָרביכער פון „אַרבעטער = לוח“ (פ״ג
„די וועלט“, 1920 — 26). אין בוכפאָרם
פאַרעפנטלעכט „בלעטלעך געשיכטע פון
דער יידישער אַרבעטער = באַוועגונג /
ערשטער טייל / פון פאַר דער גרינדונג
פון „בונד“ ביז דער וועלט=מלחמה“ (פ״ג
„די וועלט“, 1929, ז׳ 106), וואו ער
פּרווט שילדערן די הויפּט=עטאַפּן, וואָס
די יידישע אַרבעטער=באַוועגונג אונטער
דער פאָן פון „בונד“ האָט דורכגעמאַכט.
האָט איבערגעזעצט אויף יידיש דאָס
ווערק פון היינריך קונאָוו „די אַנטשטיי=
אונג פון רעליגיע און גלויבן אין גאָט“
(פ״ג „די וועלט“, 3טע אויפלאַגע 1927;
פ״ג יידסעקציע פון דער אָדעסער אָפּ=
טיילונג פון אַלאוקראַאינישן מלוכה=פ״ג,
1922).

שומיאַטשער אסתּר (X/ 1899 —
) געב׳ אין האָמעל, ווייסרוס=
לאַנד, אין אַ יידישלעכער היינטוועלטי=
קער משפּחה. איר פאָטער האָט זיך אָפּ=
געגעבן מיט לאַנד=

ווירטשאַפט און
וואַלד=קולטור,
אָבער נאָך די
ערשטע פּאָגראָ=
מען אין האָמעל
האָט ער צוזאַמען
מיט זיין פרוי און
און 11 קינדער
אויסגעוואַנדערט קיין מערב=קאַנאַדע, און
זיך באַזעצט אין קאַלגאַרי, אַלבערטאָ,
אַ שטאָט פיר טויזנט פוס הויך, אין די
בערג, „די שענסטע בערג אויף דעם
אַמעריקאַנער קאָנטינענט“. דער אַריבער=
פאָר קיין קאַנאַדע איז געווען אַ שווע=
רער איבערבראָך פאַר דער גאַנצער
פאַמיליע; די משפּחה האָט די ערשטע
יאָרן איבערגעלעבט די עמיגראַנטישע
טראַגעדיע און עמיגראַנטישע אַנטטוי=
שונג. תּחילת איז שווער געווען זיך

אײַנצואָרדענען. די עלטערע קינדער, וואָס זײַנען געקומען מיט מיטלער און העכערער בילדונג, האָבן שווער איבערגעלעבט די ערשטע יאָרן פון שווערער מי און דעם פּראָצעס פון צופּאַסן זיך צו אַ נײַעם לעבנסשטייגער. אָט אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע פון דער נײַער קאַלטער קאַנאַדער היים, אונטער די טיפע אײַנדרוקן פון דעם איבערגעלעבטן פּאָגראָם־קאָשמאַר, אין דעם ווידעראַנאַנד צווישן דער רוסישער קולטור פון די עלטערע ברידער און שוועסטער און דער ענגלישער פון די ייִנגערע איז אויסגעוואַקסן ש', אַנטוויקלענדיק זיך אויף דער ענגלישער קולטור. די ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון האָט זי געמאַכט אין ענגליש. קיין יידיש־ליטעראַרישע אַטמאָספערע איז אין איר בערגיקער היים ניט געווען. ערשט אין צוזאַמענהאַנג מיט ד"ר חיים זשיטלאָווסקיס רעפעראַטן אין קאַנאַדע, וועלכע האָבן צוגעצויגן די יוגנט, האָט זי זיך באַקענט מיט יידישע פּראָגרעסיווע אידעען. 1918 האָט זי זיך באַגעגנט מיט פּרץ הירשביינען און אַדאַנק אים זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צו דער יידישער ליטעראַטור, אין וועלכער זי האָט דעביוטירט מיט אַ קינדער־פּיעסע א"ט „אין טאָל" (פּ"ג „אידיש", נ"י, 1920). זינט 1918 האָט זי מיטגעוואַנדערט צוזאַמען מיט פּרץ הירשביינען איבער אַלע זײַנע נסיעות, 1920 אונטערגענומען די גרויסע רייזע אַרום דער וועלט, דורכגעוואַנדערט דורך דער ברייט און דער לענג פון דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, פון סאַן־פּראַנציסקאָ באַרייזט אַלע דרומדיקע אינזלען אויפן שטילן אָקעאַן, געלעבט אין ניי־זעלאַנד, אויסטראַליע, דרום־אַפריקע, דאַן באַזוכט פוילן, מערב־אייראָפּע, 1925 ווידער פאַרלאָזט נ"י, דורכגערייזט גאַנץ דרום־אַמעריקע — בראַזיליע, אורוגוואַי, אַרגענטינע, קאָרדיליערן, טשילי, פּערו, פון דאַנען אויף אַ יאַפּאַנישער פראַכטשיף געפאָרן 72 טעג קיין יאַפּאַניע, אויפן וועג קיין כינע באַזוכט מאַנדזשוריע, קאָרעע, קיין כינע אָנגעקומען בשעת דער כינעזישער רעוואָלוציע, 6 חדשים געלעבט אין כינע אין דער צייט פון קלאַסנקאַמף און שרעקלעכן באַנדיטיזם, דאַן אויפן וועג קיין אינדיע באַזוכט אינדאָכינע, די מאַלאַיער האַלבאינזלען, בירמאַ, אין אינדיע געלעבט אַ לענגערע צייט, אַ פערטהאַלבן חדשים געוואוינט אין די הימאַלאַיער בערג צוזאַמען מיט די פאַרשיידענע בערג־שבטים, אַרײַנגערעכנט די טיבעטיאַנער, באַרייזט גאַנץ אינדיע, פון קאַלקוטע ביז די גרענעצן פון קאַשמיר און ווידער אַראָפּ, ביז צו באָמביי, פון דאַנען געפאָרן קיין מצרים און א"י. פאַר די צוויי יאָר, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין ווייטן מזרח, זיך אָפּגעגעבן מיט די שפּראַכן און דער קולטור פון די מזרח־פעלקער. אָנהייב 1928 געקומען ווידער קיין מערב־אייראָפּע און איבער פוילן געפאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד, וואו פאַרבראַכט ביי אַ יאָר צייט, דערהויפּט געלעבט צוזאַמען מיט פּרץ הירשביינען אין די יידישע קאָלאָניעס פון יעווּפּאַטאָריער ראַיאָן אין קרים. פאַרעפנטלעכט אירע ערשטע לידער אין זמ"ה „אַלבאַטראָס", וואַרשע, 1922, האָט זי אין משך פון די יאָרן 1922 — 28 געדרוקט לידער, דאָס רוב פון דער עקזאָטישער וועלט, אין פרייען פערז, אין פאַרשיידענע ליטעראַרישע אויסגאַבן, ווי „אין זיך", „האַמער", „פרייהייט", „ליטעראַרישע בלעטער", „יידישער וועלט", „רויטער וועלט" א"אַ. אונטער דעם אײַנדרוק פון די אויסגעוואַנדערטע פּאָגראָם־יתומים, וואָס זי האָט אָנגעטראָפן

אין די ווייטע יידישע ישובים, האָט זי אָנגעשריבן אַ קינדער־פּיעסע אין 5 דראַמאַטישע בילדער א"ט „פּאַסן ליכט" (פּ"ג פון „אַרבעטער־רינג", נ"י, 1925). האָט לעצטנס אויך אָנגעשריבן אייניקע פיינע עסייען איבער יידישע דיכטער, ווי מאַני־לייב (אין „ליטעראַרישע בלעטער", 1928, 7), יהואש א"אַ. גרייט צו צום דרוק צוויי ביכער לידער; אין ב' ווערט אַנטהאַלטן לידער, וואָס שפּיגלען אָפּ אירע וועלט־רייזעס, און דאָס אַנדערע — כמעט אויסשליסלעך איבער ראַטנפאַרבאַנד, אין צענטער אַ גרעסערע פּאָעמע „איבערוואַנדערער", וואו די דיכטערין נעמט אַרום די איבערוואַנדערונג פון די יידן אויף ערד.

שוסהיים אהרן־לייב (9/VII 1878 —) געב' אין רעדעם, מזרח־גאַליציע, אין אַ פרומער משפּחה, וואו עס האָט געהערשט אין פּאָטערס צד די טראַדיציע פון לומדות, און אין דער מוטערס — פרומקייט און מידות טובות. געלערנט אין חדר אַ קורצע צייט אויך אין דער ישיבה, דער־

עיקרשט — תלמוד און פוסקים, תנך אָבער ווייניק. צוליב די שלעכטע געשעפטן פון זיין פאָטער, פּנחס־שלמה, און צוליב אַ באַקאַנטן מאמר אין דער גמרא — צו 14 יאָר אַוועק אויף דער לער צו אַ בעל־מלאכה, אַ קאָרב־פלעכטער. 1897 געענדיקט די לערנצייט ביים מייסטער, לויט די מנהגים פון יענער צייט אַרויס אויף דער וואַנדערשאַפט, אַלס וואַנדערגעזעל געווען אין בראָד, קראָקע, ווין, שיר נים אויך אָנגעשפּאַרט קיין פּאַריז און לאָנדאָן, אָבער געשטערט געוואָרן אין דעם דורך דער פּרייסישער פּאָליציי. אין קראָקע 1905 אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פּ"צ און באַלד אויסגעוויילט אַלס פּאָרזיצער פון זעם „עסטרייכישן פאַרבאַנד פּ"צ", אַרום 1906 איבערגענומען די רעדאַקציע פון דעם פּאַרטיי־אָרגאַן — „דער יודישער אַרבייטער" (נאָך פריער געהאַט געדרוקט זיין ערשטן אַרטיקל אין א. רייזענס וואָכנבלאַט „דאָס יודישע וואָרט" — אַ רעצענזיע וועגן הייערמאַנס, ווי אויך אַ איבערזעצונג פון קאַרל עוואַלדס מיניאַטור „בעטרוג", שפּעטער מיטגעאַרבעט אין קראָקעווער לאָקאַלן אָרגאַן „דער יוד" א"ר פון א. פּ וואַשיץ). אין „דעם יודישען אַרבייטער" האָט ש' געשטרעבט צו באַפרייען זיך פון דעם ענגן פּאַרטיי־גייסט, אַזוי, למשל, צום 10־יעריקן יובילייי פון „בונד" געווידמעט אים אַ פריינדלעכע באַגריסונג. בכלל איז פון „דעם קאָרבפלעכטער געוואָרן אַ געבענטשטער שריפטשטעלער". גלייכצייטיק האָט ש' מיטגעאַרבעט אין אַנדערע יידישע אָרגאַנען, ווי „דער אידישער קעמפּפער", „די יודישע ווירקליכקייט", געווען קאָרעספּאָנדענט פון דער ב"יער „וואַרהייט". סוף 1907 פאַרלאָזט די רעדאַקציע פון „יודישען אַרבייטער" און זיך באַזעצט אין סטאַניסלע, אָבער לויט אַ פּאַרטיי־באַפעל אין אַ פּאָר חדשים זיך געמוזט צוריקקערן צו זיין רעדאַקטאָר־אַמט, פירנדיק די רעדאַקציע אין סטאַניסלע („דער יודישער אַרבייטער" האָט זיך דאַן שוין געדרוקט אין לעמבערג), אין עטלעכע חדשים אַרום ווידער זיך צוריקגעצויגן. 1911 פאַר די פּאַרלאַמענט־וואַלן האָבן די ציוניסטן אין סטאַניסלע איבאיבערגעגעבן די רעדאַקציע פון אַ וואָכנבלאַט „דער יוד", וועלכן ער האָט גע־

פירט, צוזאַמען מיט מ. העניש, אין אומפּאַרטייִשן, ראַדיקאַל-דעמאָקראַטישן גייסט און געהאַט אַ זשורנאַליסטישן ערפאָלג, אַזוי אַז זיינע אַרטיקלען ווערן אַפילו איבערגעדרוקט פון דער פּוילישער פּרעסע, אָבער מיט דער צייט געמוזט פאַרלאָזן די צייטונג צוליב חילוקי-דעות מיט די ציוניסטן, וועמעס גלות-פּאָליטיק ער האָט באַקעמפט. אָנהייב דער וועלט-מלחמה מגולגל געוואָרן קיין ווין, צוליב חיונה זיך ווידער געמוזט נעמען צו זשורנאַליסטיק אַלס מיטאַרבעטער אין „וויענער מאָרגנצייטונג", אַרויסגעגעבן פון מ. נ. ראַקער; ניט קוקנדיק אויף די שווערע און אומגעלומפּערטע רעפּרעסיעס פון דער מיליטערישער צענזור האָט ש' צ"אַ דאָרט אָפּגעדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען וועגן די פאַרברעכנס פון דזשעמאַל-פּאַשאַ אין א"י, וועלכע זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער פיינדלעכער און נייטראַלער פּרעסע און געמאַכט אַ גרויסן רושם. 1915 אַריינגעצויגן געוואָרן אין מיליטער, וואו פאַרבליבן ביז סוף מלחמה, פון צייט צו צייט מיטגעאַרבעט אין לעמבערגער „טאָגבלאַט", וויענער מאָרגנצייטונג" (שפּעטער — „מאָרגנפּאָסט"), „המצפה", „דעם יודישען אַרבייטער" (אין ווין). סוף 1918, נאָכן צעפאַל פון עסטרייך, געגרינדעט אין סטאַניסלעו אַ אומפּאַרטייִשע האַלבוועכנטלעכע צייטונג „דאָס יודישע וואָרט", וועלכע איז אָבער אין 3 חדשים אַרום פאַרמאַכט געוואָרן פון דער אוקראַיִנישער מיליטער-מאַכט, כלומרשט צוליב מאַנגל אין פּאַפּיר. שפּעטער, ווען „דער יודישער אַרבייטער" איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין סטאַניסלעו, אים רעדאַקטירט עטלעכע וואָכן, דאַן ווידער זיך אומגעקערט צו זיינע פּריוואַטע געשעפטן, בלויז ביי אַ געלעגנהייט זיך באַטייליקט אין די פּאַרטיי-אָרגאַנען, דער וואַרשעווער „אַרבעטער-צייטונג", דער קראָקעווער און דאַן וואַרשעווער „אַרבעטער-וועלט". נאָוועמבער 1926 אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע, וואו ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „דער אידישער צייטונג", אויך פון צייט צו צייט קאָרעספּאָנדירט אין אייניקע אויסלענדישע יידישע צייטונגען, דערהויפּט אין „הייבט".

שוכטער זכריה (1902 —)

געב. אין לאָמזשע, פּוילן. געלערנט אין חדר און דער אָרטיקער ישיבה, צו 15 יאָר זיך גענומען צו אַלגעמיינער בילדונג און פרי אָנגעהויבן צו שרייבן. שפּעטער געלעבט אין וואַרשע, ביאַליסטאָק, צולעצט אין קאָוונע, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און פעליעטאָנען אין יידישע און העברעיִשע צייטשריפטן פון ליטע, ווי „אידישע שטימע", „בייס", דעם אַגודיסטישן אָרגאַן „אידישער לעבן" (טעגלעך און וועכנטלעך), זמ"ה „וויספּע", „הד ליטה", „נתיבות", „גלים", אין הומאָריסטישע בלעטער אַאַז"וו, אויך אין נ"י-ער „יידישען טאַגעבלאַט", בערלינער „ישורון", אין ד"ר נתן בירנבוימס „יובילעאום-בוך" א"אַ, אויך א"פ זכריה, אַ באַקאַנטער, ז. סנדלר און א-ר. זינט סוף 1927 אין אַמעריקע, פון וואַנען ער קאָרעספּאָנדירט אין די יידישע צייטונגען פון דער ליטע. איז סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע פון די ליטווישע יידן אין אַמעריקע.

שוער אברהם (24/X 1868 —)

געב' אין לוצין, וויטעבסקער גוב' (איצט לעטלאַנד). 1912 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. אָנגעהויבן צו שרייבן אין העברעיִשן קינדערזשורנאַל „הפּרחים" פון י"ב לערנער 1911, האָט ער אין אַמע-

ריקע זינט 1913 מיטגעאַרבעט אין „דעם אידישען פאָלק", „אידישען קעמפפער", „מילער'ס וואָכענבלאַט", „צייט", „טאָג", „אַמעריקאַנער", „מאָרגען זשורנאַל", אין קאַנאַדער זשורנאַלן, אין די העברעישע „הוד המורה", „האומה", „העם העברי", „התורן", „הדואר", „לוח אחיעבר", „השחרית", „האביב", „עדן" א"אַ, זינט 1916 געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „יידישען טאַגעבלאַט". אין די אַלע צייטשריפטן פאַרעפנטלעכט זייער פיל מעשהלעך, יום-טובדיקע דערציילונגען, אויך אַרטיקלען אאַז"וו. אַן אויסוואַל פון זיינע העברעישע זאַכן איז אַרויס א"ט „דור הולך" אין 2 ב' (פ"ג „חברים" אין אַמעריקע דורך „דביר", תל-אביב).

שור (שאָר) אַנשל (25/X 1871 —) געב' אין זלאָטשעוו, מזרח-גאַליציע, אין אַ פאַנאַטישער חסידישער פאַמיליע. אויפגעצויגן געוואָרן אין לעמבערג, וואו זיין פאָטער, בצלאל, איז געווען אַ פוסק-מלמד, געלערנט אין חדר און דער ישיבה און בגנבה אויך אַריינגעכאַפּט אַ ביסל פויליש און

דייטש. נאָך בר-מצווה איבערגעלאָזט דעם בית-מדרש מיט דער גמרא און אָנגעקומען אין אַ לעדער-מאַגאַזין צו קענען פאַרדינען אויף טעאַטער, וועלכער האָט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט. איינער פון די גרינדער פון אַ סאָציאַליסטישן פאַראיין Siła, האָט ער אָנגעשריבן פאַר די מיטגלידער פון פאַראיין אַ פיעסע „די שבועה ביי דער ויטער פאָן", אַליין דאָס שטיק רעזשיסירט און געשפילט די הויפטראָלע, דערנאָך געפרווט איבערזעצן פאַר גימפעלס טעאַטער לוצאַטאָס דראַמע „מגדל עוז", צונגעשריבן אַ קופלעט „דאָס קוויטל" פאַרן אַרטיסט פישקינד, וואָס האָט געהאַט ערפאָלג און אים שוין געגעבן אַ צוטריט צום טעאַטער, און אַז יעקב פ. אַדלער האָט 1890 אַ טייל פון גימפעלס טרופע אַריבערגענומען קיין אַמעריקע, איז ש' אָנגעקומען אין טעאַטער פאַר סופלער, דערנאָך געוואָרן אַ שוישפילער, אָבער צוליב דעם עגמת-נפש פון די עלטערן פאַרלאָזט דעם טעאַטער און צוריק אַוועק אין דער לעדער-קראָם, לאַנג עס ניט געקענט אויסהאַלטן, ביז איינמאָל ביינאַכט זיך אַרויסגעגנבעט פון דער היים און צוגעשטאַנען צו אַ טרופע אויף דער פראָווינץ, געשפילט אין גאַליציע און רומעניע, וואו אין שטעטל פאָקשאַן אָנגעשריבן און אויפגעפירט אַ פיעסע „קאַפּיטאַן דרייפוס", וועלכע האָט די טרופע געראַטעוועט פון הונגער, שפעטער מיט פאַרשיידענע טרופעס באַזוכט אויך בולגאַריע, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, בוקאָווינע, ביז פראָפ' משה הורוויץ (זע) האָט אים מיט זיין טרופע פון 18 מענטשן אַראָפּגעבראַכט 1900 קיין אַמעריקע. אין דעם נייעם לאַנד איז ש' צוערשט געווען געהילפסרעזשיסער און פאַרפאַסער פון די לידלעך („ליריקס") פאַר די אָפּערעטעס, ווי, למשל, פאַר „בן הדור", „צוויי תנאים", „יעקב און עשו", „יציאת מצרים", „שוואַרצע און ווייסע יידן" א"אַ. 1904 האָט ער צוזאַמען מיט זיין חבר משה שור אָנגעשריבן די קאָמישע אָפּערעטע „אַ מענטש זאָל מען זיין" (מוזיק פון פערלמוטער און וואָל) — אין אַ גאַנץ ריינעם יידיש אָנשטאָט דעם דעמאָלטיקן אָפּערעטנדייטשמעריש, און דאָס שטיק האָט געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג (עס איז געדרוקט געוואָרן אין וואַרשע, 1910).

אין דריי יאָר אַרום האָט ער מיט דעמ=
זעלבן שור פֿאַרפֿאַסט די אָפּערעטע „איר
ערשטע ליבע" (מוזיק פֿון יודעלע בעל=
זער, אַ זון פֿון דעם חזן ניסן בעלזער).
1910 האָט ער אויף דער באַשטעלונג
פֿון דער דאַן באַרימטער סוברעטין דאָ=
ראַ ווייסמאַן (שפּעטער — זיין פֿרוי)
אויפֿגעשריבן אַן אָפּערעטע „דאָס מיידל
פֿון דער וועסט" (מוזיק פֿון יוסף רומ=
שינסקי), וועלכע האָט זייער שטאַרק
אויסגענומען (אין אייראָפּע געשפּילט
געוואָרן א"ט „די אַמעריקאַנערין"), און
זינט דאַן האָט ש' געמאַכט דאָס שרייבן
פּיעסן פֿאַר זיין פּראָפֿעסיע, פֿאַרלאָזנדיק
די שוישפּילעריי. אַלס פֿעיִקער אימפּרע=
סאַריאָ האָט ער נאָך עטלעכע געלונגע=
נע פּרוּוון אין נ"י און נואַרק 1912
איבערגענומען די דירעקציע פֿון דעם
„אַרטש = סטריט = טעאַטער" אין פֿילאַ=
דעלפֿיע, אַזוי=אַרום געוואָרן דער באַ=
זיצער פֿון דעם איינציקן גרויסן שטענ=
דיקן יידישן טעאַטער אין פֿילאַדעלפֿיע
(כאַראַקטעריסטיש, אַז אויך דער ענגלי=
שער טעאַטער האָט ניט אין דער אַמע=
ריקאַנער פּראָווינץ קיין שטענדיקן טעאַ=
טער), צוציענדיק די בעסטע שוישפּילע=
רישע כּוחות און אויפֿפֿירנדיק אויך די
באַרימטסטע פּיעסן. די פּיעסן, וואָס די
ניו=יאָרקער דירעקטאָרן האָבן ניט גע=
וואָלט קויפֿן, פֿלעגט ער נעמען, צורעכט=
מאַכן און אויפֿפֿירן און ערשט דאַן
פֿלעגן זיי אויך גיין אויף דער יידישער
בינע אין נ"י. צווישן די, וואָס האָבן
זייער קאַריערע אָנגעהויבן אין ש'ס
טעאַטער, איז צו דערמאָנען מאָריס
שוואַרץ, מאַלי פּיקאָן, לודוויג זאַץ א"אַ.
1925 האָט ש' פֿאַרקויפֿט זיין טעאַטער
אין פֿילאַדעלפֿיע און אין משך פֿון 2
יאָר געפֿירט דאָס „ליבערטי=טעאַטער" אין
ברוקלין, האַרבסט 1928 מיט זיין פֿרוי

דאָראַ ווייסמאַן געקומען קיין פּוילן, וואו
געפֿירט אין משך פֿון דעם סעזאָן דעם
יידישן קאַמינסקי=טעאַטער. ש' האָט
פֿאַרפֿאַסט איבער 30 טעאַטערשטיק,
היינו: „דאָס לעבן פֿון אַ פֿרוי" (באַ=
אַרבעט, מוזיק פֿון י. בעלזער, 1910),
„שיר השירים" (אַדאַפּטירט פֿון מאַקס
דרייערס „זיבצניעריקע", מוזיק פֿון י.
רומשינסקי, 1911), „ווייבער" (אַדאָפּ=
טירט פֿון זשאָרזש אָנע, מוזיק רומשינ=
סקי, 1912), „באָרג מיר דיין ווייב"
(אַדאַפּטירט פֿון גענעטס „פֿאַמיליענפֿאָ=
טער", מוזיק רומשינסקי), „דאָס זיסע
מיידל" (קאָמעדיע, מוזיק רומשינסקי,
1913), „די גרינע דייטשקע", „דער
דיסטריקט אַטוירני" (אַדאַפּטירט פֿון פּויל
לאַנדויס דראַמע „איין אַנדערער"),
„דאָס פֿאַרלוירענע גליק" (לעבנסבילד,
אַדאָפּטירט פֿון יאַקאָביס „עהע"), „מענדל
ביילים" (צייטבילד), „ליבע און ליידנ=
שאַפֿט", „דער סוף פֿון אַ געמבלער"
(מעלאָדראַמע, 1915), „היט אַייך, מייד=
לעך" (קאָמעדיע=דראַמע אין 5 אַ'), „אוי
וואָס מיידלעך זענען!" (קאָמעדיע, 1916),
„די אלמנה" (קאָמעדיע), „דאָס נייע
רוסלאַנד" (1917), „נאָך דער מלחמה"
(מוזיק פֿון פֿרידזעל, 1918), „אַ שוועס=
טערס אָפּפֿער" (1920), „אַ מויד מיט שכל"
(מוזיק פֿון בעלזער), „אַ מויד פֿון יע=
נער וועלט" (מוזיק פֿון בעלזער), „אַן
אויג פֿאַר אַן אויג" (דראַמע מיט מוזיק
פֿון שלום סעקונדאַ), „די פֿאַרשעמטע
כּלה" (מוזיק פֿון סעקונדאַ), „צוויי שוועס=
טער" (מוזיק רומשינסקי), „אַ מאַמעס
ברכה" (דראַמע), „ווייב און געליבטע"
(מעלאָדראַמע, מוזיק פֿון סאַנדלער),
„ווייב, מאַמע און געליבטע" (מעלאָדראַ=
מע — בשותּפֿות מיט וויליאַם סיגעל, מו=
זיק פֿון הערמאַן וואָהל, 1927), „פֿאַר=
וואָס מיידלעך אַנטלויפֿן פֿון דער היים"

(קאָמעדיע-דראַמע, בשותפות מיט ווילי-יאַם סיגעל, מוזיק פון שלום סעקונדאַ), „די יידישע שיקסע" (מוזיק פון סעקונ-דאַ), „מלכה שבא" (מוזיק פון יאָזעף ברודי), „מאַלי דאַלי" (מוזיק פון רומ-שינסקי), „שערלאָק האָלמס", „סאַנין" (לויט אַרציבאַשעווס ראָמאַן). דאָס רוב אָפּערעטעס און מעלאָדראַמעס ש' זיינען פון געוויינלעכן אַמעריקאַ-נישן שניט, אָבער אייניקע פון זיי געהערן דאָך צו די פּאָפּולערסטע פון דעם יידישן טעאַטער-רעפּערטואַר, ווי „אַ מענטש זאָל מען זיין", „שיר השירים", „די אַמעריקאַנערין", „מאַלי דאַלי" א"אַ.

שור ברוך (1823 — 1904) געב. אין לעמבערג. זיין פאָטער, חיים-משה, אַן אייניקל פון דעם „תבואות שור", אַ גרוי-סער למדן און אַ ריזשינער חסיד, האָט אים דערצויגן על התורה ועל העבודה, אַליין מיט אים געלערנט יומם ולילה, געגרייט אים פאַר אַ רב. און דאָס הויז-געזינד האָט מפרנס געווען זיין ווייב. נאָך אַלס קינד האָט ש' געשמט מיט זיין לערנען און זינגען זמירות אויף חסידישע שמחות, צו 9 יאָר אָנגעקומען פאַר אַ משורר צו ר' בצלאל אָדעסער, וועלכער איז דאַן גראַד פאַרבייגעפאָרן לעמבערג, און אין 2 יאָר אַרום האָט ער שוין גע-זונגען ביים באַרימטן חזן ר' ירוחם הקטן, צו בר-מצווה דעם ערשטן מאָל אויפגע-טרעטן פאַרן עמוד מיט גרויס ערפאָלג אין דער לעמבערגער שטאָטישער שול, דאַן געווען אַ משורר אין יאַס, דאָרט חתונה געהאַט און דער רייכער שווער האָט אים געשיקט שטודירן מוזיק. צו 18 יאָר האָט ש. אָנגעשריבן זיינע „סליחות". שפּעטער איז ער געווען חזן אין כאָטין, קאַמעניץ-פּאָדאָלסק און דער-נאָך אין יאַס, וואו ער האָט געשאַפן זיינע בעסטע קאָמפּאָזיציעס און זיין נאָמען איז געוואָרן באַרימט. אַ געוויסע צייט איז ער געווען חזן אין בודאַפּעש-טער רמב"ם-טעמפּל און 1859 האָט מען אים איינגעלאַדן פאַר אַ חזן אין דער לעמבערגער שטאָטישער שול, וואו ער האָט געדאַוונט פאַרן עמוד 31 יאָר. 1890 האָט ער אָנגעשריבן פאַרן לעמבערגער יידישן טעאַטער אַן אָפּערעטע—„שמשון הגבור". זייענדיק איינמאָל אויף אַ פאָר-שטעלונג פון דער פּיעסע, איז ער אויף די אָוואַציעס פון עולם געצוואונגען גע-ווען אַרויסצוגיין אויף דער בינע און זיך פאַרנייגן. דאָס האָט אויפגעבראַכט קעגן אים די באַלעבאַטים און דער רב ר' איצעניו עטינגער האָט אים באַשטראָפט, ער זאָל 4 וואָכן ניט טאָרן צוגיין צום עמוד. דאַן איז ש' אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער איז 5 יאָר געווען חזן אין דער שול פון „חברה מגן אברהם אנשי דוקלא", אַרויסרופנדיק די באַוואונדערונג פון די גרעסטע מעלאָמאַנען אין נ"י. די לעמבערגער קהילה האָט געשיקט אַ ספּעציעלן קאָמיטעט צוריקברענגען אים קיין לעמבערג, וואו ער איז ווידער געוואָרן חזן אין דער שטאָטישער שול און אין 2 יאָר אַרום, אחרון של פסח, ביים זינגען זיין לעצטע קאָמפּאָזיציע „ומפני חטאינו", איז ער געשטאָרבן, און געהאַט די גרעסטע לוויה, וואָס לעמבערג האָט ווען געזען. ש' איז גע-ווען דער פּאָפּולערסטער און באַליבטס-טער חזן אין גאַליציע און אַ הויך באַ-גאַבטער קאָמפּאָזיטאָר פון אַ גאַנצער ריי תפילות. ער איז אויך געווען אַ גרויסער למדן און מחבר פון די ספרים „בכור שור על התורה" און „יתרון לחכמה"— אויף קהלת. זיינע ימים-נוראימדיקע קאָמ-פּאָזיציעס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן א"ט „נגנות ברוך שור" פון זיין זון ישראל (ברוקלין, תרס"ו). אַלע זיינע 6

זין זיינען געווען חזנים, איינער פון זיי, מאָטל ש׳, איז עד־היום חזן אין דער לעמבערגער שטאָטישער שול.

שלום פּערל־מוטער, אין זמ״ב „די געשיכטע פון חזנות״, ז״ז 89—91.

שור וואָלף (כ״ח תשרי 1839 — 1910/I) געב׳ אין אוטיאַן, ליטע. זיין פאָטער, ר׳ טוביה, האָט זיך מתיחס געווען צו דעם בעל תבואות שור. געלערנט תלמוד און העברעיִש און צו 18 יאָר געקומען קיין ווילנע אַריינצוטרעטן אין דער ראַבינערשול, אָבער קראַנק געוואָרן און זיך צוריקגעקערט אַהיים, דערנאָך אַוועק קיין קאָוונע, וואו זיך באַקענט מיט מאַפּון, פון קאָוונע אַוועק קיין בערלין, וואו זיך באַפריינדעט מיט דעם יונגן הערמאַן שאַפּירא, געווען אַ סטודענט, אין 4 יאָר אַרום אַוועק קיין ווין, דאַן באַזוכט דעם אָריענט, מצרים, אינדיע, כינע, די פיליפּינער אינזלען, צוריקגעקומען קיין ווין, זיך באַפריינדעט מיט יעלינעק, גידעמאַן, איש שלום, ווייס. 1888 געקומען קיין אַמעריקע, אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל „הפסגה״ אין נ״י, דאַן באַנייט אים אין באַלטימאָר, וואו אויך אַרויסגעגעבן אַ יידישע צייטונג „דער באַלטימאָרער איזראַעליט״, שפּעטער זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ, וואו אַרויסגעגעבן די „התחיה״. 1900 אויסגעווילט פון דער שיקאַגער אגודה „למען ציון״ אויפן לאָנדאָנער ציוניסטישן קאָנגרעס. אחוץ אַרטיקלען אין „האסיף״, „כנסת ישראל״, „עברי אנכי״, „מגיד משנה״, „המליץ״, אין גערשונים „אידישער פאָסט״ און אין דייטשע צייטשריפטן פאַרפאַסט „נצח ישראל״ — וועגן קריסטנטום, „מסעות שלמה״, „מחזות החיים״.

שור (שאָר) משה (11/IV 1875 —) געב׳ אין גאַלאַץ, רומעניע. זיין פאָטער, זעליג בן הרב ר׳ יהושע העשל ש׳ פון יוזעפאָוו, איז געווען אַ דיין, אָבער דאַן אַוועקגעוואָרפן דאָס רבנות, זיך גענומען צו שפּראַכן, געוואָרן לערער, דערנאָך דירעקטאָר פון דער שטאָטישער שול אין גאַלאַץ, אויסגעצייכנט געוואָרן פון דעם קיניג קאַרל און זיין מיניסטער בראַטיאַנו, שפּעטער אָנגענומען אַלס לערער פון רעליגיע אין דער פּרינץ־רודאָלף־גימנאַזיע אין בראָד, אָבער ער האָט געלאָזט די לערער־פּראָפעסיע און אַריינגעטרעטן אַלס שוישפּילער אין דער דייטשער טרופּע „פּאַראַדיז״, אין אָדעס זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט י״י לערנער און אָנגערעגט דורך דער חיבת־ציון־באַוועגונג געפּלאַנט צו גרינדן אַ העברעיִשן טעאַטער, צוגעטרעטן צום יידישן טעאַטער, געווען איינער פון די אויסגעצייכנטע יידישע שוישפּילער אין גאַליציע און רומעניע, באַקאַנט א״נ דער אַלטער ש׳. ביז 15 יאָר האָט משה ש׳ געלערנט אין דער ישיבה ביי ר׳ נתן צעסאַרסקי אין אָדעס, 1891 אַוועק קיין גאַליציע, 1892 צוזאַמען מיט ד״ר מעהר און סאַלאַמאַנדרע געגרינדעט די ערשטע אַרבעטער־צייטונג אין לעמבערג (?), שפּעטער מיט יאָרן געווען איינער פון די גרינדער און מיטאַרבעטער פון דער ערשטער טעגלעכער צייטונג אין גאַליציע, דעם לעמבערגער „טאָגבלאַט״, פאַרעפנטלעכט אין דעם ערשטן יאָרגאַנג אַ ריי לידער, נאָך פריער צוגעשטאַנען צו דעם יידישן טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון י״ב גימפּעל און אונטער דער לייטונג פון אברהם גאָלדפאַדען, פאַרפאַסט דאַן זיין ערשטע פּיעסע א״ט „קהלת אָדער דער יידישער פויסט״, אויפגעפירט אין לעמבערג מיט די דעמאָלטיקע שוישפּילער רעגינע פּראַגער, שראַמעק, פּעטער גראַף א״אַ, אין משך פון 8 יאָר אַליין געפירט אַ טרופּע איבער דער גאַליציישער פּראָווינץ,

אויך אַ שטיקל צייט אין בערלין און אין מערן, האָט ער 1905 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, געווען טעטיק אַלס שוי־שפּילער, אַלס טעאַטער־דירעקטאָר (צ״אַ אין באַלטימאָר, אין דעטראָיט) און אַלס פאַרפאַסער סיי פון אָריגינעלע פּיעסן סיי פון איבערזעצונגען אויס אַנדערע שפּראַכן, ווי דייטש, רוסיש, פּויליש און העברעיִש. פון זיי איז געדרוקט בלויז „אַ מענטש זאָל מען זיין“, וואָס ער האָט פאַרפאַסט צוזאַמען מיט אַנשל שור, און „דער גרויסער מאָמענט אָדער טויטשטראָף“ (וואַרשע, 1926). האָט אויך פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט סקיצן און הומאָרעסקעס אין די שיקאַגער „אידישען קוריער“ און „רעקאָרד“. גאָרין פאַרצייכנט פאַלגנדיקע פּיעסן ש׳ס: „עמק הבכא אָדער דער שטאָלצער קבצן“—צייטבילד (1907), „דער יחסן“ — פּאָלקסשטיק, „פרעמדע פייגל אָדער דאָס צעשטערטע נעסט“—לעבנסבילד, „נומער 37“—איבערזעצונג, „מענדל בייליס“ — צייטבילד (1913), „ליבע און שטאָלץ“—פון זשאָרז אָנע (1915), „טויטשטראָף“ (אַנאָנים געדרוקט א״ט „דער גרויסער מאָמענט“—פ״ג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע 1926), „אויפן שלעכטן וועג“, „מלחמה־מאַמעס“ (1916). פון זיינע לעצטע טעאַטערשטיק איז צו דערמאָנען די מעלאָדראַמע „פרוי קעגן פרוי“, וועלכע איז אויך געגאַנגען אין 1928 אין לעמבערגער יידישן טעאַטער לכבוד דעם באַזוך פון אויטאָר.

שטאָלצענבערג אַבאַ (1/X 1905 —) געב׳ אין גלינע, לעבן לעמבערג. זיין פאָטער האָט געפירט אַ ליי־קאַסע און אַ מעל־געשעפט. געלערנט אין חדר, אין דער באַראָן־הירש־שול פון שטעטל און דאַן אין דער טאַרנער גימנאַזיע. 1923 אויסגעוואַנדערט מיט די עלטערן קיין נ״י, וואו ער איז איצט אָנגעשטעלט אין דעם נייס־סינדיקאַט פון דעם אַמעריקאַנישן צייטונגס־אַרויסגעבער וויליאַם ראַנדאָלף הורסט. האָט זינט 1924 פאַרעפנטלעכט לידער אין „יונג־קוזניע“ און דערהויפּט אין „אינזעל“ א״ר פון ראובן אייזלאַנד (איבערזעצונגען פון דער פּוילישער דיכטונג), אויך אין „פעדער“ א״אַ.

שטאָק פראַדל (1890 —) געב׳ אין סקאַלאַ, מזרח־גאַליציע, אין אַ אינטעליגענטער פאַמיליע. צו 17 יאָר איז זי אַריבערגעפאָרן קיין אַמעריקע.

דעביוטירט האָט ש׳ אין 1910 און זינט דאַן האָט זי זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע יידיש־אַמעריקאַנישע צייטשריפטן, ווי א. רייזענס „דאָס נייע לאַנד“, 1911—12, זמ״ב „די נייע היים“, 1914, „פון מענש צו מענש“, 1916, „צוקונפט“, „פ. א. ש.“ א״אַ. סיי אירע לידער, געשריבן אין אַ פיינעם אָריגינעלן טאָן, סיי אירע אויסגעצייכנטע דערציילונגען האָבן געצויגן אויף איר די אויפמערקזאַמקייט און זי אַוועקגעשטעלט אין דער ערשטער ריי פון די יידישע דיכטערינס. זי איז אויך געווען איינע פון די ערשטע צו קולטיווירן דעם סאָנעט אין יידיש. פון אירע ווערק זיינען אין בוכפאָרם אַרויס „געזאַמעלטע ערצעהלונגען“ (געווידמעט איר פאָטער שמעון; פ״ג „ניי־צייט“, נ״י, 1919, ז׳ 219) „...דאָס גאַנצע שיינע שטימונגספולע לעבן וואָס איז געווען [אין גאַליציש־יידישן שטעטל] האָט געפונען איר פאָלקאָמענסטע מייסטערין אין פראַדל ש׳... צאַרטע עמפינדונג, שטימונג, שיינקייט, שטילע פאַרבענקטע מעלאַ־

דיען — דאָס זענען די גרונדטענער פון איר שאַפן, הערלעכע אייגנטימלעכע בילדער געשטיקט אויף זייד, געמאָלן אויף פיינעם פאָרצעלאַן, פון אַ צאַרטער, אָבער געניטער און זיכערער פרויענהאַנט... מ'ווערט פאַרבליפט פון איר פיינער קלוגשאַפט אין דער סאַטירע, פון איר שאַרפן רעאַליסטישן שילדערן, נישטאָ פאַר איר קיין שום סוד אין דער בעלעטריסטישער קונסט. זי ווייסט אַלץ, אַלצדינג, איעדן אייגנטימלעכסטן שטריכל אין דער אָבסערוואַציע, איעדן פאַרבאָרגנסטן ניואַנס, וואָס נאָר די יודעי חן איז באַקאַנט..." (א"מ פוקס). — „איינע פון די צוויי דערציילער=טאַלענטן אין גאַליציע (אויסער איר נאָך א. מ. פוקס), האָט זי אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ רייכע גאַלעריע פון ד' (איצט אויך שוין אינגאַנצן אויסגעוועפּטע) „קיר"השע" יידן, מיט זייערע סאַמעטענע קאַפּעליושלעך, פלעשל=פאות, זיידנקייט, דייטשישקייט, און אַ נאָך רייכערן אַלבאָם פון גאַליצישע מיידלעך מיט זייער בענקשאַפט קיין ווין, ליבע צו וואַלצערס און זייער סענטימענט צו פרידריך שילערס בלאַסן אַמאַליע=פאַרליבטן פנים"... (ראַוויטש). לײַדער איז זי זינט דער ערשיינונג פון איר בוך, וואָס האָט דווקא אַרויסגערופן אַ ריי וואַרעמע רעצענזיעס, צוליב אַן אַרטיקל פון אַ רעצענזענט זיך צוריקגעצויגן פון דער עפנטלעכער ליטעראַרישער טעטיקייט (אין יידיש לעצטנס אָנגעשריבן אַ ראָמאַן אין ענגליש, וועלכער האָט אָבער קיין גרויסן ערפאָלג ניט געהאַט). אייניקע לידער אירע זיינען איבערגעזעצט אויף ענגליש פון א. איידלין און אַייזיק גאָלדבערגס Creat Yiddish Poetry (קאַנזאַס, 1923) און אין ש"י אימבערס Modern Yiddish Poetry (נ"י, 1927).

ש. יאַנאָווסקי, אין „פ. א. ש.", 1914; מ. באַסין, אַנטאָלאָגיע, II; א. מ. פוקס, אין „קריטיק", ר'; ש. ניגער, אין „צוקונפט", 1920, X; דוד זיידענפעלד, „אַ מאַריאַנעטין=מאַלערין", אין „רענעסאַנס", 1920, II, ז' 150—152; מלך ראַוויטש, אין „ביכער=וועלט", 1923, II; id, אין „ליטעראַרישע בלעטער"; קאַרמאַן, אַנטאָלאָגיע.

שטאַרקמאַן משה (=יוחנן) (25/IX 1906 —) געב' אין מאָסטיוויעלקע, זשאָלקיעווער דיסטריקט, גאַליציע. דערצויגן געוואָרן ביז 7 יאָר אין אַ דאָרף אין די קאַרפּאַטן, וואו דער פאָטער האָט געהאַלטן אַ שענק און געווען אַן אויפזעער איבער וואַלד=אַרבעטער. געגאַנגען אין חדר און דער רעגירונגסשול, אויך אין אַ העברעיִשער שול, 1920 אויסגעוואַנדערט קיין נ"י, וואו באַזוכט אַ פּאָבליק=סקול, גראַדויִרט די באַראָן=הירש=פאַן=שול און אַ צייט אויך געלערנט אין יידישן לערער=סעמינאַר. זינט סוף 1922 געדרוקט דערציילונגען, אַרטיקלען, פעליעטאָנען און קינדער=מעשהלעך אין „פרייהייט", „יידישען טאַגעבלאַט", „קונדס", „דאָס אידישע פאָלק", „יוגנט=זשורנאַל", „דער אַמעריקאַנער", „פ. א. ש.", „באַגינען", „פעדער" א"אַ, קאָרעספּאָנדירט פון נ"י אין לעמבערגער „טאָגבלאַט", עטלעכע חדשים צייט געווען סעקרעטאַר פון דעם רעדאַקטאָר פון דעם אָרטאָדאָקסישן טאָגבלאַט „דאָס אידישע ליכט" 1925, פאַר וועלכער צייטונג אויך איבערגעזעצט ד"ר לעמאַנס ראָמאַן „יאַקאָבינאַ". אַרבעט אויף אַ מאָנאָגראַפיע איבער דעם לעבן און שאַפן פון א. מ. שאַרקאַנסקי און זאַמלט מאַטעריאַל פאַר אַ ביבליאָגראַפישן ווערטערבוך פון דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער זאָל אַנטהאַלטן אַלע אַרטיקלען אין יידיש און העברעיִש, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן וועגן יעדן יידישן שריפטשטעלער זינט ממ"ס, אין רעזולטאַט פון

דאָזיקער ביבליאָגראַפישער אַרבעט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, פרעסע און טעאַטער אין אַמעריקע, צ״אַ אין „פנקס״ פון דער אַמעריקאַנער סעקציע פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט („מאָריס ראָזענפעלדס אָנהייב״), די „פילאָלאָגישע שריפטן״ III פון ייוו״א („פּיליפּ קראַנצס ליטעראַרישע באַגעגענישן״). איז אָנגעשטעלט אין דער יידישער אָפּטיילונג פון דער נ״יער שטאָטביבליאָטעק.

שטיבל אברהם=יוסף (ניסן 1885—) געב׳ אין זשאָריק (Żarki), לעבן טשענסטאָכאָוו. זיין פאָטער, יהודה=לייבוש, אַ תבואה=הענדלער און אַ הייסער חסיד, האָט ניט געשפּאָרט קיין צייט און קיין מיטלען צו דערציען זיין בכור אברהם=יוסף אין שטרענגער יידישקייט; פון 11 יאָר אָן האָט ער געלערנט אין קאָזיעגלאָוו (15 קלמ׳ פון זיין היימיש שטעטל) ביי דעם אין יענער געגנט באַרימטסטן מלמד ר׳ שלמהלע כהן, שפּעטער אין די ישיבות פון זדונסקאַיאַ=וואָליאַ און קלאָביצק, אויך אין דער היים ביים שטעטלשן רב ר׳ שמחהלע שוואַרצבערג, אָבער קיין סמיכה ניט באַקומען, ווייל ער איז „נתפקר״ געוואָרן, ביי יעקב מאַרק אין ליבאַווע דורך בריוו זיך אויסגעלערנט בוכהאַלטעריע, דורך ניימאַנאָוויטשעס „הויזלערערס״ — געגנאַשט אַ ביסל רוסיש, אַ ביסל פּויליש און אַ ביסל דייטש און אַוועק קיין וואַרשע, וואו ער האָט אינגיכן צוזאַמען מיט די חסידישע מלבושים אַוועקגעוואָרפן דעם „חושן משפט״ און „יורה דעה״, פאַרביטן דאָס אויף „הגיוני שפינוזה״ און „דניאל דירונדה״, ביז „די העברעיִשע ליטעראַטור איז געוואָרן דער שענסטער חלום פון זיין לעבן״ און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, ווען ער האָט, בשעת דער מלחמה, וואוינענדיק אין מאָסקווע, וואוהין ער האָט זיך עוואַקויִרט פון וואַרשע, געמאַכט אַ סך געלט פון זיין לעדער=מסחר, איז ער צוגעטרעטן דעם חלום צו פאַרווירקלעכן. צוערשט האָט ער געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן אַן אויסוואַל פון דער יידישער ליטעראַטור אין העברעיִשער איבערזעצונג און האָט באַשטימט אַלס אָנפירער דערפון בעל=מחשבותן, אָבער דערפון איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. דאַן האָט ער א״ר פון דוד פרישמאַן געגרינדעט (1918) די „הוצאת שטיבל״, וואָס איז אינגיכן געוואָרן דער גרעסטער העברעיִשער פאַרלאַג אין דער וועלט מיט די מאָנומענטאַלע זמ״ב „התקופה״ (שוין אַרויס 24 ב׳) און צענדלינגער ביכער, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע אויף אַלע געביטן פון דער שיינער און וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור. אַלס הייסער העברעיִסט, באַטראַכטנדיק די יידישע ליטעראַטור נאָר אַלס מיטל זיך צו פאַרשטענדיקן מיט דער מאַסע פון יידישן פאָלק, האָט ער אין זיין פ״ג אַרויסגעגעבן בלויז די יידישע ווערק פון מ״י בערדיטשעווסקי אין 6 ב׳. האַלטנדיק פאַר אַ גרויסער עוולה, וואָס די יידישע און העברעיִשע ליטעראַטור פאַרנעמען זיך אַזוי קנאַפּ, כמעט ווי גאָרנישט, מיט דער דערציִונג פון דעם יידישן סוחר און מסחר, האָט ש׳ די לעצטע יאָרן געשריבן אין די יידישע וואַרשעווער האַנדלס=אויסגאַבן, ווי „האַנדלס=ציַיטונג״, אונזער לעבען״, „האַנדלס=וועלט״ און „לעדער און שוך״, אויך א״פ א. י. מרימזאָן, א. לוואָוויטש, א. י. איסרזאָן, א. י. אסתרזאָן, י. סנדלר, א. י. גאָסלאַווסקי.— נאָך פילע שווערע נסיונות און שטאַרקע אַנטטוישונגען אין לעבן האָט ש׳ 1922 חתונה געהאַט מיט גאָסלאַוואַ הורדוס, אַ טאָכטער פון אַ וואַרשעווער לעדער=אימפּאָרטער, און זיך באַזעצט אין בערלין.

שטי(ע)בער דוד (=אלימלך) (כ"א אייר 1875 —) געב' אין קליין-ביאַלע, ביי וואַרשע. זיין פאָטער, ישראל-יחיאל, אַ שיינער בן תורה און הייסער חסיד, וואָס האָט געפירט זיין יחוס פון דורות בני-תורה, חסידים און רבנים, האָט געוואוינט אין לאָדז, וואו ש' האָט ביז 11 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך אין בית-מדרש, פון 13 יאָר אָן אין דער ישיבה פון סקערניעוויץ ביי ר' חיים-מאיר-יחיאל (שפּעטער אָסטראָווצער רבי), ביים לאָדזער רב ר' אליהו-חיים מייזעל, געווען אויך אַ תלמיד מובהק פון ר' אברהם קימעלמאַן און אין זיין אָפּוועזנהייט געזאָגט דעם שיעור פאַר זיינע תלמידים, ביז אים איז געקומען אין דער האַנט אַריין אַ בוך פון ריב"ל, און ער האָט אָנגעהויבן צו לייענען השכלה-ספרים, לערנען תנך אאַז"וו, הגם די גמרא ניט געוואָרפן. נאָך דער חתונה מיט דער טאָכטער פון משכיל און שפּעטער דעם ציוניסטישן מטיף יעקב גאָלד פון זגערזש האָט ער „אויסגעקליבן אַ מלאכה קלה ונקיה, ווי עס פּאַסט פאַר אַ לומד תורה—זייגערמאַכעריי", 1902 אַוועק קיין לאָנדאָן. זיינע ערשטע זאַכן האָט ש' אָפּגעדרוקט אין דאָלידאַנסקיס צייטונג „דער אַדווערטייזער", 1903, דערנאָך זיך באַטייליקט אין „אידישען זשורנאַל", אין די פאַרשיידענע יום-טוב-בלעטער פון לאָנדאָן און זינט דער גרינדונג פון „דער צייט" איז ער אַ רעגולערער מיטאַרבעטער פון דער צייטונג, פאַרעפנטלעכט פעליעטאָנען, סקיצן, דערציילונגען, הומאָרעסקעס, היסטאָרישע איבערבליקן, שטימונגען און דער עיקר תלמודישע לעגענדעס, אויך קלענערע און גרעסערע געדיכטן און באַלאַדעס. האָט אויך פאַרפאַסט אייניקע דראַמען, ווי „די געטאָ-טראַגעדיע" (אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע), „די ביטערע חרטה", „וואָס ס'טרעפט" און די איינציקע געדרוקטע „בן שטח / אַ היסטאָרישע דראַמע אין פיער אַקטען. / בעגרינדעט אויף היסטאָרישע יסודות אין די צייט פון בית שני" (לאָנדאָן, 1923, ז' 71, מיט אַ בילד פון מחבר און נאָטן צו דעם מאַרשליד פון פּראָלאָג פון י"ר בערמאַן).

שטייגמאַן ירחמיאל (18/I 1900 —) געב' אין לאָמזשע. ביז 7 יאָר דערצויגן אין אַ דאָרף, דאַן אין גראַיעוואָ, וואו געלערנט אין חדר. ביים אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה ווידער אַריבערגעפאָרן מיט די עלטערן קיין לאָמזשע, שפּעטער געדינט אין פּוילישן מיליטער, צוריקגעקומען אין זיין געבורטשטאָט—צוזאַמען מיט חברים פון אַ ליטעראַרישן קרייזל אַרויסגעגעבן אַ זמ"ב א"ט „טייפון", וואו דעביוטירט א"פּ ישי', זינט דאַן זיך באַטייליקט אין „אילוסטרירטער וואָך", ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן", „שפּראָצונגען" „ליטעראַרישע בלעטער" א"אַ. אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט אַ זאַמלונג לידער א"ט „גאָלדערנע פעדים" (פ"ג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1927, ז' 46), וואָס האָבן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט זייער פשטות.

א. מאַרק, אין „ליטעראַרישע בלעטער", 1927, 14; מלך ראַוויטש, אין „פאָלקסצייטונג" פון XI/16 1928.

שטיימאַן ביינוש (1897 — VIII/31 1919) געב' אין קרעסלאַווקע, לאַטגאַליע, אַלס זון פון אַן אָרעמען בעקער. נאָך אַלס קינד האָט דער צוקינפטיקער דיכטער געפילט אַ באַזונדערס גרויסע ליבע צו דער נאַטור, פלעגט אָפט אַנטלויפן פון חדר אין פעלד' און וואַלד, פאַרוואָס ער פלעגט געשלאָגן ווערן מכות-רצח פון דעם רבין און דעם פאָטער; באַשיצן

פון פאָטערס הענט פלעגט אים די מוטער, און צו איר האָט דער יונגער דיכטער געפילט אַ הייסע ליבשאַפט און געווידמעט איר אַריי לידער, ווי „די מוטער" א״אַ. אין די חדר־יאָרן האָט ש׳ זיך אויסגעצייכנט מיט דער פעיִקייט איבערצוגעבן און נאָכמאַכן אַלץ, וואָס ער האָט געזען. זיינע חברים, די חדר־ייִנגלעך,

האָבן אים פיינט געהאַט, ניט פאַרשטאַנען, געמאַכט פון אים חוזק, און דאָס האָט ניט ווייניק צער פאַרשאַפט זיין צאַרטער נשמה. צו 13 יאָר איז ער אַריין אין דער קרעסלאַווקער „העכערער אָנפאַנגסשול", וואו ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אויפזאַצן, וועלכע פלעגן איבערראַשן די לערער. צו יענער צייט האָט ער שוין אָנגעהויבן צו שרייבן שירים און פאָרגעלייענט זיי פאַר נאָענטע פריינד. דאַן האָט ער אויך געגרינדעט אַ שילער־גרופּע צו שטודירן יידיש. 1914 געענדיקט די שול, האָט ער אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף אַפּטייק־שילער און אַוועק קיין ווילנע, וואו עס האָט געוואוינט זיינער אַן עלטערער ברודער. אין ווילנע האָט ער געאַרבעט אין אַן אַפּטייק ביז 1916, האָט זיך דאָ זייער פיל אָפּגעגעבן מיט לייענען און שרייבן, אין דעם אייגענעם יאָר צוריקגעקומען קיין קרעסלאַווקע (לויט י. דאָבּרושין — צו דער צייט, ד״ה אין די ערשטע טעג פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע, מאָביליזירט געוואָרן און ערשט אין 8 חדשים אַרום באַפרייט געוואָרן, דאַן צוריקגעקומען אין זיין געבורטשטאָט), געגרינדעט דאָרט אַ פאָלקסשול, אַ דראַמאַטישן קרייז, וועלכער זאָל אויסהאַלטן די שול, אָרגאַניזירט לטובת איר אָוונטן (די שול עקסיסטירט עד־היום אַלס יידיש־מלוכישע גרונדשול). אָט אין דער צייט האָט ש׳ אָנגעשריבן אַחוץ לידער פיר דראַמען: „משיח בן יוסף", „ביים טויער", „דאָס רויטע קינד", „אין הויף" (דער מאַנוסקריפּט פון דער לעצטער דראַמע איז פאַרלוירן געגאַנגען) אָבער פירנדיק אייניקע לימודים אין דער שול, האָט ש׳ דערפילט, אַז כדי צו דערפילן זיין באַרוף פון „דערציִען יידישע קינדער", מוז ער זיך פאַרפולקומען אין פּעדאַגאָגיק, און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין כאַרקאָוו, אָנגעקומען אין דעם דאַן געעפנטן לערער־סעמינאַר, האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס איינער פון די בעסטע תלמידים. גלייכצייטיק האָט ער געאַרבעט אין דעם דראַמאַטישן קרייז „אונזער ווינקל" ביי דעם גראָסער־קלוב. דאָ האָט ער געפּרוווט באַקענען די יידישע ליטעראַטן און אָנפירער פון „אונזער ווינקל" מיט זיינע ווערק, אָבער זיי גיבן אים אַן עצה זיך בעסער צו פאַרנעמען מיט פּעדאַגאָגישער טעטיקייט, און אויף זומער 1918 (?1919 אָדער) איז ער צוריקגעפאָרן קיין קרעסלאַווקע, געגרינדעט דאָרט אַ קינדער־פּלאַץ, מיט וועלכן אַליין אָנגעפירט. סוף אַווגוסט 1919 איז ער געקומען קיין קיעוו אַריינצוטרעטן אין דעם לערער־סעמינאַר פון דער „קולטור־ליגע", אָבער אין אַ טאָג אַרום מאָביליזירט געוואָרן אויף שוץ־אַרבעט און איז דערהרגעט געוואָרן אין דער פאָרשטאָט סלאָבאָדקע, וואו ער איז אויך געקומען צו קבורה.—מיט דעם טראַגיש אומגעקומענעם ש׳ן איז פאַרלוירן געגאַנגען איינע פון די גרעסטע האָפענונגען פון דער נייער יידישער דראַמאַטורגיע. ער האָט ניט דערלעבט צו זען קיין איין זאַך זיינע

געדרוקט, ניט דערלעבט אַפילו געוואָר צו ווערן, אַז ס'וועט זיין געדרוקט. ערשט נאָך זיין טויט איז אין זמ"ב „אויפגאַנג" פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיין ערשט ווערק „ביים טויער. / אַ דראַמאַטישער חלום אין דריי בילדער" און אין זמ"ב „אייגנס" II—זיין דראַמאַטישע פּאָעמע „משיח בן יוסף" (אַרויס אויך באַזונדער—אין פ"ג „קולטור-ליגע, קיעוו", 1920). זיין דריט און לעצט ווערק, „דאָס רויטע קינד / דראַמע אין 3 אַ'. / פון דעם ציקל „גאולה", איז אַריין אין דער זאַמלונג „דראַמען פון בייגוש ש'" (פ"ג „קולטור-ליגע", וואַרשע, 1921, 66, מיט אַ ביאָגראַפיש-קריטישן פאָרוואָרט פון י. דאָבּרושין). די אַלע דריי טעאַטער-שטיק ש'ס זיינען פאַראייניקט דורך איין אידעע—דער אידעע פון דערלייזונג, און דורך איין העלד — דעם פאָלק, דעם קאָלעקטיוו, וועלכער ווערט ביי ש'ן דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ סטיכיע, פון אַ נאַטורקראַפט. דער פסיכאָלאָגישער טאַקט, די קאָנצענטרירטקייט פון דער האַנדלונג, דער אויפבוי פון די מאַסנסצענעס, די פיינע און שאַרפע ניואַנסירונג פון דיאַלאָג און דער אידעיִשער פאַרנעם זיינע דראַמאַטישע פּאָעמען, בפרט פון די לעצטע צוויי, מאַכן אים פאַר איינעם פון די אָריגינעלסטע יידישע דראַמאַטורגן, און דער מאָדערנער יידישער טעאַטער האָט שוין געפּרוּווט אויסניצן זיינע פּיעסן פאַר נייע טעאַטראַלישע אויפטוען (ווי, למשל, די טעאַטער-סטודיע ביי דער קולטור-ליגע אין קיעוו, אין 1920. זיין „משיח בן יוסף" איז אויך אויפגעפירט געוואָרן 1926 אין ב"י מיט מוזיק פון יעקב שייפער ביי דער מיטווירקונג פון ב"י-ער סימפאָנישן אָרקעסטער. ש' האָט אויך איבערגעזעצט אָסקאַר ווײַלדס „שלומית" (קאָוונע) 1924.

נעקראָלאָג אין זמ"ב „אויפגאַנג", קיעוו, 1919; „צו דער ערעפענונג פון דער טעאַטער-סטודיע פון דער קולטור-ליגע", זמ"ה, קיעוו, 1920; א"ל יאַקובאָוויטש, „עפעקטען און קונסט", „ליטעראַרישע געשפּרעכען", VII, אין „היינט", 1921; לאַזאַר י., אין „לאָדזער פאָלקסבלאַט", 1921; נחמן מייזיל, „געשיכטלעכער שטאָף אין אונזער ליטעראַטור", אין „פאָלקסצייטונג", 1922, 70 (איבערדרוק אין „ווייטע און נאָענטע", II, ז' 214—222); ש. ניגער, אין „טאָג" פון 10/X 1921; id, „דער מאָדערנער מיטאָס אין דער אידישער ליטעראַטור", אין „דאָס נייע לעבן", 1923; נ. אויסלענדער, „רואינענלויב", אין „וועג אין וועג אויס", ז' 92—98 (אויך אין זמ"ב „סאַמבאַטיען"); מ. גערץ, „קרעסלאַווקע—דאָס שטעטל פון אידישע טאַלאַנטן", אין ריגער „פרימאָרגן" פון 21/III 1926; ק. מרמר, אין „פרייהייט" פון 9/IV און 19/XI 1926.

שטיין מ. ב. (1895 —)

פּס"נ פון מ. באָרנשטיין. געב' אין סאָכאַטשעוו, וואַרשעווער געגנט, אין אַ רביישער משפחה. געלערנט אין חדר און דער סאָכאַטשעווער ישיבה, צו 17 יאָר אָנגעהויבן צו לייענען די יידישע ליטעראַטור, זינט 1919 וואוינט אין וואַרשע.—ש' האָט פאַרעפנטלעכט אַ דראַמע אין 3 אַ' פון חסידישן לעבן א"ט „ערד און הימל" (פ"ג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1926, ז' 100). די דראַמע האָט געמאַכט אַ רושם מיט איר רייכער געדאַנקענוועלט פון חסידות, ברענגענדיק צום אויסדרוק דעם קאַמף צווישן יחיד (פאַרקערפּערט אין דער הויפּטפיגור פון דעם קאָצקער) און כלל, צווישן הימל און ערד. אין כתב-יד אַ דראַמע אין 7 בילדער א"ט „ר' בערעניוס גילגולים", וואו אַלס סיוזשעט איז גענומען די מעשה מיט דעם ריזשינערס זון ר' בער ליאָווער.

הילל צייטלין, אין „מאָמענט", אַפּריל, מאַי 1926; י. ראַפּאַפּאָרט, אין „ליטעראַרישע בלעטער", 133.

שטיין ל"מ (1883 —)

אַדאָפּטירטער נאָמען פון יצחק-לייב פּראַדקין. געב' אין בעריסלאַוו, כערסאָ=

נער גוב', ביז 13 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך געאַרבעט אין אַלעקסאַנדראָווסק אַלס אײַנבינדער. צו 15 יאָר איז אים געשטאָרבן דער פאָטער, האָט ער זיך אומגעקערט אין זײַן געבורטשטאָט און געעפנט אַן אײַנבינדערײַ מפרנס צו זײַן די פאַריתומטע פאַמיליע. פרילינג 1905 גענומען אָנטייל אין גרינדן אַ זעלבסט־שוץ, אַדאַנק וועלכן ס'איז אויסגעמיטן געוואָרן דער פּאָגראָם, אָרגאַנירט אויף פסח פון דעם אַנטיסעמיט פּאַמענקאָ. דעם אײגענעם יאָר געגרינדעט אין בעריסלאַוו אַן אָפּטײל פון דער „איסקרא" (רסדא"פ), אָנהײב 1906 אַרעסטירט, אָפּגעזעסן 4 חדשים אין כּרסאָן. נאָך דער באַפרײַונג אַריבערגעפאָרן מיט זײַן פאַמיליע קיין אַלעקסאַנדראָווסק, גענומען דאָרט אַן אַקטיוון אָנטײל אין דער ס"ד־באַוועגונג, 1907 ווידער אַרעסטירט געוואָרן און אונטער אַ פאַלשן נאָמען אַוועק קיין אַמעריקע, אונטער דער השפּעה פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, וועמעס אָנשויונגען האָבן דאַן באַהערשט די יידישע אַמעריקע, האָט ש' זיך באַקערט צום פּראָגרעסיוון יידישן נאַציאָנאַליזם. 1914 געעפנט אַ בוכבינדערײַ אין שיקאַגאָ און נאָך גרויסע מאַטערישן מצליח געווען, די לעצטע יאָרן געווידמעט אַ סך צײַט און ענערגיע פאַר דער יידישער קולטור־טעטיקייט, געשטיצט די וואָכנשריפט „קולטור" א"ר פון ל. מילער. נאָכן אונטערגאַנג פון דעם זשורנאַל מיטגעהאָלפן דער ערשײַנונג פון אַ ריי ביכער פון שיקאַגער יונגע דיכטער, ווי ז. העלער, פּעסיע הערשפעלד, אַלטער עסעלין („קנויטן"). אַקטיווער טוער פון די יידישע ש"ע־שולן אין שיקאַגאָ, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ קינדער־פּיעסע פון א. פּאָזי אַלס מתנה צו דעם פ"ב „מתנות" פון דעם ש"ע־פאָלקס־אינסטיטוט. די שענסטע אויסגאַבן פון דעם פ"ג „ל. מ. שטיין" זײַנען: דער גרויסער קונסט־אַלבום „יידישע מאָטיוון" — זיבן האָלצשניטן פון דעם שיקאַגער יידישן מאָלער טאָדרעס געלער און די אַנטאָלאָגיע „יידישע דיכטערינס" פון ע. קאָרמאַן.

שטיינבוים ישראל (15/IV 1895—) געב' אין סטאַשעוו, ראָדעמער געגנט. זײַנע עלטערן, פּשוטע יידן, מעלוואַרג־הענדלער, האָבן געלעבט אין דחקות מיט דעם געזינדל פון 11 קינדער. ש' האָט געלערנט אין חדר און דערנאָך אין בית־מדרש, געקומען אונטער דער השפּעה פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פון „קלײנעם בונד", זיך גענומען צו „אפּיקורסישער" ליטעראַטור, זעלבשטענדיק געלערנט העברעיש, יידיש, עטוואָס פּויליש, פאַר ניט וועלן לערנען אין בית־מדרש און בפרט פאַר שפּאַצירן מיט מיידלעך בפרהסיא—דורך דעם פאָטער פאַרטריבן געוואָרן פון דער היים, אַוועק קיין לאָדז, וואו געלעבט אַ פּאָר יאָר, געאַרבעט דאָרט בײַ זאָקן, אין דער פרײַער צײַט זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג, אָנהײב 1913 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, פיל געוואָגלט איבערן לאַנד, געאַרבעט אַלס שוסטער, אַלס געשיר־וואַשער אין אַ האָטעל, געווען לערער אין אַ תּלמוד־תּורה, אין אַ העברעישער שול אאַז"וו, גלײַכצײַטיק באַזוכט אַ ענגלישע פאָלקסשול און מיטלשול, געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון דער פ"צ־יסטישער באַוועגונג, פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקיס און ב. באָראָכאָווס ווערק, אויך פון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, שפּעטער זיך דערהויפּט פאַראינטערעסירט מיט די נײַע פּעדאַגאָגישע שטרעמונגען, מיט די טעאָריעס פון זשאַן דיוי אאַז"וו, 1920 — 22

שטודירט אויפן פעדאַגאָגישן פאַקולטעט פון דעם נ״יער אוניווערסיטעט און פון קאָלאָמביע=אוניווערסיטעט. זיין אַרבעט אויפן געביט פון דער יידיש=וועלטלעכער שול האָט ש׳ אָנגעהויבן אַרום 1916, זינט דאַן געווען לערער אין יידישע פאָלקסשולן, מיטלשולן און יידישן לערער=סעמינאַר אין נ״י. אַלס איינער פון די פירער פון דער יידישער שול=באַוועגונג אין אַמעריקע פאַרבונדן מיט דעם ש״ע=פאָלקס=אינסטיטוט, איז ער זינט נאָוועמבער 1926 דירעקטאָר פון דער דאַן געגרינדעטער יידישער היימשול אין דער יידישער קאָלאָניע האַרמאָניע (געגרינדעט פון א. ליטווין, 30 מייל פון נ״י) — דער ערשטער און דערווייל איינציקער נאָרמאַלער יידישער וואַלדשול אין אַמעריקע, וואו אַלע לימודים ווערן געלערנט אויף יידיש און וואו ס׳ווערן דורכגעפירט — הגם מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט—עקספּערימענטן אויפן געביט פון דער מאָדערנער יידישער דערציִונג. אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין פעדאַגאָגישער טעטיקייט האָט ש׳ זינט 1916 פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען איבער פראַגן פון דערציִונג און פון יידישן שול= און קולטורוועזן, אויך אַרטיקלען און רעצענזיעס איבער לערנביכער, קינדער=ליטעראַטור א״אַ אין אַ ריי אַלגעמיינע און פעדאַגאָגישע צייטשריפטן, ווי „דער אידישער קעמפּפער", „דער יונגער אידישער קעמפּפער", „די נייע וועלט", „אידישע סאָציאַליסטישע זאַמעלביכער", „אידישע סאָציאַליסטישע מאָנאַטשריפט", די זמ״ב „שריפטן", (IV, V, VI און VIII), „דער פריינד", „די פעדער", „אויפקום", „ערציאונג", „אונזער קינד", „שול און לערער", „דאָס נייע לעבן" (1923, X—וועגן „לידער=טעקסט=בוך פאַר דער אידישער שול", צוזאַמענגעשטעלט פון א. הגלילי, אַרויסגעגעבן פון ב. מאַלער, וויניפעג, קאַנאַדע, 1923) א״אַ. רעדאַקטירט תחילת צוזאַמען מיט י״ב ביילין און יעקב לעווין און צולעצט אַליין דעם קינדער=זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון אַרבעטער=רינג א״ט „קינדערלאַנד", צונויפגעשטעלט אַ ריי הילפסביכער פאַר דער יידישער שול, היינו: „שפּיל=בוך פאַר קליין און גרויס" (פ״ג פון „אַרבעטער=רינג", נ״י 1921, ז׳ 128, אילוסטרירט פון א. גודלמאַן, אַנטהאַלט אויך אָריגינעלע יידישע שפּילן); „מעטאָדיק פון ערשטן יאָר אידיש/האַנט=בוך פאַר לערער" (פ״ג „ערציאונג", נ״י, 1927, ז׳ 127; 2טער ט.— אין דרוק); „לייענביכער פאַר דער אידישער שול", פון וועלכע עס זיינען שוין אַרויס דאָס אָנפאַנגסבוך און די טיילן I, II, III, V און VI (פ״ג „ערציאונג", נ״י, 1924, 2טע פאַרבעסערטע אויפלאַגע 1926 — 28; אילוסטרירט פון ב. אַרנסאָן, א. גודלמאַן, ז. מאָוד, י. קאָטלער, מ. סאָיער, מיט צוגרייטונגסמאַטעריאַלן פאַרן ערשטן לייענבוך).

לייבוש לערער, אין „דאָס נייע לעבן", 1923.

שטיינבערג אהרן (12/VI 1891 —) געב׳ אין דענעבאָרג, ייִנגערער ברודער פון יצחק=נחמן ש׳. פון קינדווייז גערעדט רוסיש, צו 8 יאָר אָנגעהויבן לערנען גמרא, 1904—1907 באַזוכט אַ גימנאַזיע, דאַן שטודירט אין הײדעלבערג פילאָסאָפיע און יוריספּרודענץ, גלייכצייטיק געלערנט



ביי ר׳ זלמן=ברוך ראַבינקאָוו ש״ס און פּוסקים, 1913 באַקומען דעם טיטל ד״ר

אין היידעלבערג. שוין אַלס קינד געשריבן
רוסישע און העברעישע שירים. 1911
אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן לויט דעם פאַר-
שלאָג פון וואַלערי בריוסאָוו, וועלכער
האָט געקענט פון כּתב-יד זיינע שירים —
אין דער פילאָסאָפישער אָפּטיילונג פון
דעם גרויסן זשורנאַל ,Русская Мысль
1912 — פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין
Журналъ Министерства Юстиціи
(וועגן דער מעטאָדאָלאָגיע פון רעכטס-
וויסנשאַפט), זיך אויך באַטייליקט אין
פאַרשיידענע רוסישע זמ"ב, געשריבן
וועגן לאַווראָוון, גערצענען, נייער קונסט,
אַלעקסאַנדער בלאָקן א״אַז״וו אין ,Знамя
1912 — 13 געשטאַנען נאָענט צו דער
רוסישער פאַרטיי ס"ר, 1918 צוריקגעקו-
מען פון דער דייטשער געפאַנגענשאַפט
קיין רוסלאַנד, געווען אין פּט"ב דאָצענט
פאַר געשיכטע פון דער יידישער פילאָ-
סאָפיע אין דעם יידישן אינסטיטוט פאַר
הויכבילדונג, אויך מיטגליד פון דער
פאַרוואַלטונג פון דעם אינסטיטוט צוזאַ-
מען מיט לאָזינסקין, ברוצקוסן און צינ-
בערגן, אויך אַ מיטגליד פון קאָמיטעט
פון דער "חברה מפיצי השכלה" און פון
דער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעל-
שאַפט; צוזאַמען מיט אַלעקסאַנדער
בלאָק, אַנדרעי בעלי, איוואַנאָוו-ראַזומניק
געגרינדעט די "פרייע פילאָסאָפישע
אַסאָציאַציע" און געווען אַ מיטגליד פון
איר פאַרוואַלטונג ביז זי איז געשלאָסן
געוואָרן פון דער באָלשעוויסטישער
מאַכט. די לעצטע יאָרן אין בערלין,
פאַרנעמט זיך בלויז מיט ליטעראַרישער
טעטיקייט אַלס מיטאַרבעטער פון יידישע
אויסגאַבן, ווי "דאָס פרייע וואָרט",
"פרייע שריפטן", "מאָרגען זשורנאַל", און
פון דייטשע און רוסישע זשורנאַלן, ווי
Archiv für Sozialwissenschaft, Der
Jude, Версты א״אַ. פון זיינע אַרבעטן

אין בוכפאָרם איז אַרויס Система сво-
боды Достоевскаго (פ"ג Скиθы, בער-
לין, 1923, ז' 144). האָט רעדאַקטירט אַ
שריפט וועגן דער צווייקאַמערסיסטעם
(פּט"ב, 1914), אַן אויסוואַל פון לאַוו-
ראָווס ווערק (פ"ג Скиθы, בערלין), זיך
באַטייליקט אין דער אויסגאַבע פון בעל-
מחשבותעס ווערק, איבערגעזעצט דובנאָווס
געשיכטע פון יידישן פאָלק פון רוסיש
אויף דייטש (בערלין, Jüd. Verlag, 1924—
28, אַרויס 8 ב'). נאָך ניט פאַרעפנטלעכט
אַן אַרבעט וועגן יידישן נאַציאָנאַלן כאַ-
ראַקטער און אַ ריי פילאָסאָפישע אויס-
פאָרשונגען צו דער קאַטעגאָריענלערע.

שטיינבערג (שטיינבאַרג) אליעזר
(1880 —) געב' אין ליפּ-
קאַן, בעסאַראַביע, אין אַ חסידיש-סוחרי-
שער משפּחה, אַ שוועסטערקינד פון
יהודה שטיינבערג

(ביידנס פאָטערס
זיינען געווען ברי-
דער). האָט גע-
לערנט אין חדר
און ביי יוסעלע
דיין פון ליפּקאַן,
און די השפּעה
פון דעם דאָזיקן
גרויסן מקובל און בעל-ש"ס געהערט
צו די שטאַרקסטע איינפלוסן, וואָס האָבן
געווירקט אויף ש'ן. די ערשטע בילדונג
אין רוסיש האָט ער באַקומען אַלס אַוו-
טאָדידאַקט און עקסטערן. זייער פרי
האָט ש' אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס לערער
און דורכגעוואַנדערט אַ סך שטעט און
שטעטלעך פון בעסאַראַביע און וואָלין,
בשעת דער רעוואָלוציע געווען איינער
פון די פירער פון דער מאַסנבאַוועגונג
ביים דניעסטער. 1919 איז ער אַרויסגע-
רופן געוואָרן קיין טשערנאָוויץ אָנצופירן
די יידישע קולטור-טעטיקייט, וואָס האָט

זיך דאַן אָנגעהויבן אין גרויס=רומעניע,
געוואָרן דאָרט איינער פון די וויכטיק=
סטע און ווירקעוודיקסטע יידישע קול=
טור=טוער אַלס לעקטאָר פון פ"ג „קול=
טור" ביי דער יידישער קולטור=פעדע=
ראַציע פון רומעניע, אַלס רעדאַקטאָר
פון איר גרויסן זמ"ב „קולטור" (טשער=
נאָוויץ, 1921), פון אייניקע זמ"ה אונ=
טער דעם דאָזיקן נאָמען, פון דער סע=
ריע פראָפּאַגאַנדע=בראָשורן „אַ ענפער —
די געגנער פון יידיש" (פיר בראָשורן
פון אסתר, ד"ר ח. זשיטלאָווסקי און ב.
שטיף), ווי אויך אַלס מיטאַרבעטער פון
דיביידע סאָציאַליסטישע צייטשריפטן
אין טשערנאָוויץ, „דאָס נייע לעבן" און
„די פרייהייט", כל=זמן דער „בונד" און
די פ"צ זיינען געווען פאַרבונדן אין דער
קולטור=פעדעראַציע. נאָך דער שפּאַל=
טונג אין דער „פעדעראַציע", ווען דער
טעמפּ פון דער יידישער קולטור=אַרבעט
אין רומעניע איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט
געוואָרן, איז ש' דאָך ניט אַנטמוטיקט גע=
וואָרן און ווייטער אָנגעפירט מיט דער
טשערנאָוויצער אָפּטיילונג פון דער „פע=
דעראַציע" — דעם אַ"ג „יידישן שול=
פאַראיין", געשאַפן אַ יידישע טעאַטער=
סטודיע, געלייענט לעקציעס איבער
יידישער קולטור און שפּראַך אין אַלע
טיילן פון גרויס=רומעניע, אָבער די אַל=
געמיינע פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין
רומעניע און די צושטאַנדן אין דער
יידישער סביבה, ווי אויך דער שווערער
מאַטעריעלער קאַמף האָבן אים לסוף
געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד,
וואו ער האָט זיך דערוואָרבן גרויסע
ליבשאַפט און אָנערקענונג ביי די יידי=
שע מאַסן און דער פאָלקסטימלעכער
אינטעליגענץ אַלס דיכטער, פירער און
פעדאַגאָג, און (מערץ 1928) האָט ער אויס=
געוואַנדערט קיין בראַזיליע, וואוהין ער

איז איינגעלאַדן געוואָרן אַלס פאַרוואַל=
טער פון אַ יידישער שול אין ריאָ=דע=
זשאַנעיראָ.—אָנגעהויבן צו שרייבן לידער
און משלים נאָך אין 1902, האָט ש'
דעביוטירט ערשט אין א. רייזענס „איי=
ראָפּעאישער ליטעראַטור" (מיט אַ משל
„די צוויי רויזען" — 1910, ה' 39).
שפּעטער האָט ער זיך באַטייליקט אין
די אָדעסער צייטונגען „גוט מאָרגען",
„שלום עליכם", „אונזער לעבען", אין
דעם זמ"ה „גרינס" און צולעצט אין די
דערמאָנטע טשערנאָוויצער אויסגאַבן, ווי
אויך אין זמ"ה „שויבן", בוקאַרעשט
1924, אין בעסאַראַבישע צייטונגען, אין
דער „בראַזיליאַנער אידישער פרעסע",
אָבער אין די דאָזיקע אַלע אויסגאַבן
איז פאַרעפנטלעכט בלויז אַ נישטיקער
טייל פון דעם גרויסן אוצר פון ש'ס
שאַפן, וואָס אַנטהאַלט אַ 8 ב' אין כתב=
יד, און אויך דער דאָזיקער פאַרעפנט=
לעכטער טייל איז זייער ווייניק באַקאַנט
דער ברייטער עפנטלעכקייט צוליב דעם
לאָקאַלן כאַראַקטער פון די אויסגאַבן.
באַזונדערס גרויס איז ש' אַלס פאַבל=
דיכטער און שרייבער פאַר קינדער.
אין זיינע משלים, וועלכע ער האָט גע=
שאַפן אין די פילע צענדלינגער, האָט
די יידישע פאַבלדיכטונג דערגרייכט איר
העכסטע מדרגה. „אייניקע פון זיי זענען
אמתע יידישע פערלען אויף אָט דעם
פאַרלאָזטן, דיכטעריש=דידאַקטישן גע=
ביט, וועלכער איז אַזוי אַלט ווי די
פּאָעזיע אַליין. די נאַטירלעכע אייגנ=
שאַפטן פונעם משל, די שכלדיקייט און
דער מוסר=השכל פאַרשטעלן ניט ש'ס
ריין קינסטלערישע מעלות. ש' איז
קודם=כל אַן עכט יידישער שפּראַך=קינסט=
לער. אין זיין משל לעבט אָפּ דאָס
יידיש מיטן גאַנצן פאָלקסטימלעכן חן
און פאַרביקייט; אַן אָפּגעהיטער, עס=

טעטיש-לויטערער יידיש, וואָס איז
פרעמד פון אַלע פרעמדע מאָדערנע
באַכווייעניש. פאַר דער יידישער שול
איז ש' אַן אוצר. עס איז אַ פאַרגעניגן
צו לערנען אויף זיין משל יידיש שרייבן
שפּאַרעוודיק און אָפּגעטאָקט... ש' באַ-
נוצט זיך אָפט מיט אַ וואָרט ווי אַ גע-
ניטער צייכענער, וועלכער מאַכט מיט
איין געלונגענעם שטריך לעבעדיק אַ טויטן
געגנשטאַנד... גאָר אַ מערקווירדיקע
ערשיינונג איז ש'ס פּרעציזע פאָנעטישע
צייכענונג. ער צייכנט מיטן אויער
אַזוי גוט ווי מיטן אויג..." (אַ. קאַ-
ציזנע). אַ זאַמלונג פון ש'ס צוועלף
משלים איז אַרויס אין אַ לוקסוס-דרוק—
דער פּרעכטיקסטער יידישער אויסגאַבע
פון דער וועלט — מיט 12 האָלצשניטן
פון אַרטור קאָלניק, אויפן דינסטן יאַ-
פּאַנישן פּאַפּיר, אין אַ צאָל פון 120 עקז'
צו 20 דאָלאַר אַן עקז' א"ט „דורך די
ברילן" (פ"ג „יידישער שול-פאַראיין",
טשערנאָוויץ, 1928; טעכנישע לייטונג
פון דער אויסגאַבע — אַרכיטעקט יוסף
שוואַרצמאַן, קאָרעקטור — חיים ראָזענ-
בלאַט). אויב דער משל איז די ליבסטע
פאָרם, אין וועלכער ש' גיסט אויס זיי-
נע פילאָסאָפיש-עטישע באַטראַכטונגען
איבערן לעבן, זיין גאַנצע בענקשאַפט
און זיין וועלט-שמערץ, זיין פיינע, אָבער
שאַרפע איראָניע קעגן דער גאַנצער
צביעותדיקער מאָראַל פון דער היינטי-
קער געזעלשאַפט, — אַנטפּלעקט ער
זיך מיט זיין גרויסער קינדישער נשמה
אין זיין קינדער-שאַפן. „לויט זיין אינ-
טויציע און פאַרשטענדעניש פאַר דער
נשמה פון קינד, בפרט פון דעם יידישן,
האָט ער גאָר קיין גלייכן ניט" (ד"ר
י. רובין), און זיינע קינדער-שאַפונגען,
ווי זיין וואונדערלעכער, דורכאויס אָרי-
גינעלער „אלף-בית" (פ"ג „קולטור",
טשערנאָוויץ, 1921, ז' 148, **אילוסטרירט**
פון אַרטור קאָלניק, רובין זעליקאָוויטש,
סאָלאָמאָן לעקער), ווי די „מעשהלעך
פון בראשית / א) ווי אַזוי פייגעלעך
האָבן געלערנט חומש" (פ"ג „קולטור",
טשערנאָוויץ, 1923), געהערן צו די
שענסטע, לײדער אָבער אויך לגמרי ניט
באַקאַנטע אויפטוען אויפן געביט פון דער
יידישער קינדער-ליטעראַטור, מיט זייער
האַרציקער פשטות און ליבן הומאָר. אַלס
דראַמאַטיקער האָט זיך ש' אויסגעצייכנט
מיט זיינע באַאַרבעטונגען פון ביבלישע
סיזשעטן און פאָלקסטימלעכע לעגענ-
דעס; זיינע הויפּט-ווערק אויף דעם גע-
ביט זיינען: „אברהם אבינו" — אַ דראַ-
מאַטיזירטע לעגענדע אין 4 אַ'; „יוסף
מוקיר שבת" — אַ דראַמאַטיזירטע לע-
גענדע אין 4 אַ' מיט מוזיקאַלישער
קאָמפּאָזיציע פון לעווענטמאַן, איינער
פון די ערשטע פּרווון פון אַ יידישער
אָפּערע, און „דער באַרדיטשעווער רבי"—
אין 4 אַ'. איניקע פון זיינע דראַמאַטי-
שע ווערק, בתוכם קינדער-פּיעסן, זיי-
נען פון צייט צו צייט אויפגעפירט גע-
וואָרן אין טשערנאָוויץ, צ"א אַ פאַר-
שטעלונג „כעלעם", בשעת די פייערונגען
פון דעם 20יעריקן יובילייי פון דער
טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ. ער
האָט אויך באַאַרבעט פאַר דער בינע
פּרעצס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק"
און „די גאָלדענע קייט". אַ פאַרביסענער
קעגנער און באַקעמפער פון דעם
העברעיִזם, איז ש' גלייכצייטיק אַ גרוי-
סער און טיפער קענער פון העברעיִש,
פון צייט צו צייט אַפילו פאַרעפנטלעכט
אין דער שפּראַך קינדער-זאַכן און צו-
נויפגעשטעלט אַ פיבל א"ט „אלפון"
(פ"ג פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע,
בוקאַרעשט, 1920), איבערגעזעצט אַ באַנד
פון דער אַלטער און נייער העברעיִשער

ליטעראַטור אויף יידיש, אײַנגעפירט אַ נייעם מעטאָד צו לערנען העברעיש דורך יידיש, צוליבדעם געשאַפן אַ גאַנצע ריי קינדער-לידלעך און קינדער-מעשיות אין יידיש מיט העברעישע עלעמענטן.

חיים לעקער, „די יונגע יודישע ליטעראטור אין גרויס-רומעניען”, אין „פרייהייט”, פסח-ביילאגע 1919; א. מאיאנסקי, „ש' דער מענש”, אין דער טשערנאָוויצער „ארבעטער-צייטונג”, 305; יעקב באָטאָשאנסקי, „דער גרויסער אידישער משל”, אין „בראזיליאנער אידישער פרעסע” פון 10/IV 1928; ib, נומ' 290; אלטער קאציזנע, אין „ליטערארישע בלעטער”, 1928, 47; ד"ר ישראל רובין, „ל"ויג קעס”, ib, 1928, 52.

שטיינבערג יהודה (1863 — 10/III 1908) געב' אין ליפּקאַן, בעסאַראַביע. דער פאָטער, אַ סאַדעגערער חסיד, אַ ווילדער פאַנאַטיקער, איז דאָך געווען אַ באַגאַבטע נאַטור,

און די קינדהייט פון דעם גראָטענעם „יודעלע” איז אַריבער גרינג און ליכטיק, נאָענט צו דער נאַטור (זיין עלטערנהויז איז געשטאַנען מחוץ דער שטאָט אויפן ברעג פון פרוט). שוין אַ שטיק צייט נאָך דער חתונה זיך באַקענט מיט אַ משכיל, וועלכער האָט אים געגעבן צו לייענען דעם „חכמת השיעור” און דעם „מגדל עוז”, האָט ש' מיט דער גאַנצער קראַפט פון יונגער איבערצייגונג און תמימות זיך גענומען רייסן צו לעבן, צו בילדונג, ניט קוקנדיק אויף זיין חסידישער, טיף רעליגיעזער סביבה. האָבנדיק נאָך זיין נדן-געלט, האָט ער זיך באַזעצט אין אַ דאָרף, וואָס איז געלעגן אין אַ שיינער פּאָעטישער געגנט אין רומעניע, און געעפנט אַ שפּייז-קלייט, אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום איז דער יונגער בטלן, וואָס האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, ווי זיך צו באַגיין מיט געלט, געבליבן אָן סחורה און אָן געלט. דאָך האָט די דאָזיקע קורצע צייט פון זעלבשטענדיקן פרייען לעבן אין דאָרף, אויפן שויס פון דער שיינער נאַטור, געהאַט אויף דעם קומענדיקן דיכטער אַ טיפע ווירקונג. אָפּגעבנדיק די סך פרייע צייט אויף זעלבסטבילדונג, און באַגאַבט מיט אַ זעלטן שאַרפן מוח, האָט ש' אויסגעלערנט מאַטעמאַטיק און באַקומען די ערשטע ידיעות אין נאַטורוויסנשאַפט. אינגיכן האָט ער מיט זיין פרוי געמוזט פאַרלאָזן רומעניע, ווייל מ'האָט אים ניט געגעבן דאָרט קיין וואוינרעכט, און ער האָט זיך אומגעקערט אין פאָטערס הויז, און דאַן האָט זיך צווישן דעם אַלטן פייערדיקן חסיד און דעם יונגן פריש-געבאַקענעם אַפּיקורס אָנגעהויבן אַ לאַנגע און שווערע מלחמה, וועלכע איז אַזוי ווייט געקומען, אַז ש'ס פרוי האָט געוואוינט ביים שווער און ער אַליין ביי פרעמדע, און אַז ש' איז געוואָרן אַ לערער, פלעגט דער פאָטער אומגיין צו די עלטערן פון זיינע תלמידים מוסרן זיי, פאַרוואָס זיי גיבן אָפּ די קינדער צו אַן אַפּיקורס. נאָך עטלעכע יאָר פון שווערן פלאָגן זיך האָט ש' געמוזט פאַרלאָזן זיין געבורטשטאָט און 1889 זיך באַזעצט אין נאָענטן שטעטל יעדינצי. צו יענער צייט איז ער שוין געווען אָנגעלייענט אין דער נייער העברעישער ליטעראַטור און געהאַט אַ נאָמען פאַר דעם ערשטן מליצה-שרייבער. אָבער דאָס מלמדות, וואָס האָט אים געגעבן פרנסה בצימצום, איז אים שוין צו יענער צייט נמאס געוואָרן און מיט דער הילף פון גוטע פריינד האָט ער אַרויסגעגעבן זיין ערשט בוך א"ט

„ניב שפתים" (אַ העברעיִשע סטיליסטיק, 1889), מיט דעם אויסקוק זיך צו באַפרייען פון זיין מלמדות, אָבער וויפיל ער האָט אַריינגעלייגט אין דעם עסק, האָט ער שוין דערפון קיין פרוטה מער ניט געזען. פאַר פאַרצווייפלונג צוליב דעם דורכפאַל פון זיין ערשטן ווערק האָט ער פאַרברענט אַלע איבערגעבליבענע עקז' און זיך אומגעקערט צום קנעלן, אָבער יעדע פרייע מינוט ווידער זיך אָפּגעגעבן מיט ליטעראַרישע פרוּוון. צו יענער צייט האָט ער אָנגעשריבן אַ היסטאָרישע דראַמע אין פערזן, אויפן שטייגער פון גאָלדפאַדענס אָפּערעטעס, די איינציקע מוסטערן, וואָס ש' האָט דאַן געקענט, אָבער ניט קוקנדיק, וואָס די דראַמע איז זיינע חברים שטאַרק געפעלן, האָט ער זי אין אַ געוויסער צייט אַרום פאַרברענט. צייט דעמאָלט האָט ער אויך געשריבן פיל שירים, צווישן זיי זיינע משלים, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי איז צוערשט געווען געשריבן פון אים אין יידיש, אָבער צוליב דעם ניט אויסגעהאַלטענעם משקל און די שלעכטע גראַמען זיינען זיי ניט געדרוקט געוואָרן. אַזוי-אַרום האָט דער קליינשטעטלדיקער טרוימער יאָרנלאַנג געשוועבט צווישן יאוש און האָפענונג צו ווערן אַ יידישער דיכטער, אַרבעטנדיק אַלס מלמד פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, לערנענדיק דערביי שפּראַכן און נאַטורוויסנשאַפט און שרייבנדיק בשעת די לעקציעס מיט די תלמידים זיינע משלים אויף שטיקלעך פּאַפּיר. און אַזוי איז געשאַפן געוואָרן זיין בוך משלים „בעיר וביער". און אין דער צייט, ווען אַלע זיינע חברים און ער אַליין האָבן זיך שוין כמעט מייאש געווען אין אים, האָט „תושיה" אַרויסגעגעבן דעם דאָזיקן בוך און באַצאָלט אים דעם ערשטן האָנאָראַר. „דאָס קליינע ביכל איז געווען אַ נייע ערשיינונג אין אונזער דעמאָלטיקער ליטעראַטור: עס האָט אַ ווייע געטאָן אויף אונז דערפון מיט פרייע פעלד- און בלומען-ריחות; דאָס נאַיִווע דאָרפסלעבן מיט זיינע חיות, עופות און צמחים האָט צו אונז אַ רעד געטאָן אויף זייער לשון און דערצו נאָך יידישלעך, רבה-בר-בר-חנה מיט אביי און רבא'ן צוזאַמען" (פיכמאַן). דאָס בוך האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם; פּרץ, לעווינסקי א"א האָבן אים אויפגענומען כמעט מיט התלהבות, און מיט פרישן מוט גיט דאַן ש' אַרויס אַ גרויס ביכל קינדערשע דערציילונגען א"ט „שיחות ילדים", וואָס צייכנט זיך אויס מיט זייער אָריגינעלע טעמעס און רייכן סטיל און האָט געהאַט ניט קיין קלענערן ערפאָלג. 1897 איז ש' איינגעלאַדן געוואָרן אַלס לערער קיין לעאָוואָ, זיין מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך דאָ פאַרבעסערט, ער האָט אויך געהאַט מער פרייע צייט און, הגם ער האָט שוין דאַן געליטן אויף אַ מאָגנקאַטאַר און אויף פיבער, האָט ער אין דעם שטעטל געשאַפן זיינע בעסטע ווערק, אָנגעשריבן צענדליגער דערציילונגען, קינדער-מעשיות, לעגענדעס, פאַרפאַסט אויך העברעיִשע לערנביכער און כרעסטאָמאַטיעס, זיך באַטייליקט כמעט אין אַלע העברעיִשע און יידישע צייטשריפטן. אָבער די לערעריי אויפגעבן האָט ער נאָך ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט, אין כדי זיך אַרויסצורייסן פון דעם קליינעם שטעטל און זיך איינגאַנצן קענען אָפּגעבן דער ליטעראַטור, האָט ש' אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון דער נ"יער טעגלעכער צייטונג „וואַרהייט" צו ווערן איר קאָרעספּאָנדענט פון רוסלאַנד, צוליב וועלכער שטעלע ער האָט זיך געמוזט באַזעצן אין אָדעס (אַרום 1906),

צוערשט אַליין און דערנאָך מיט דער
פאַמיליע. אין אָדעס האָט זיך ש׳ס
טאַלענט ווידער צעבליט, זיינע דערציי=
לונגען פון דער רעוואָלוציע זיינען ווי
באַהויכט געוואָרן פון אַ נייעם אָטעם,
און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס קומט
אַ נייע תקופה אין זיין ליטעראַרישער
טעטיקייט. נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט
איבערגעלעבט אַ קריזיס אין זיין שאַפן.
אָבער דערווייליע האָט זיך זיין קראַנק=
הייט אַלץ מער אַנטוויקלט, איינגיכן האָט
ער אויך פאַרלוירן די שטעלע אין דער
„וואַרהייט״, האָט געלעבט אין דער בי=
טערסטער נויט, גאַנצע וואָכן נאָכאַנאַנד
אויסגעקומען מיט זיין געזינדל מיט
אַ טרוקן שטיקל ברויט, ביז ער איז דעם
7טן אדר געשטאָרבן פון אַ האַרצקראַנק=
הייט. — ש׳ האָט געשריבן, ווי שוין דער=
מאָנט, סיי אין העברעיִש סיי אין יידיש,
אָבער צוליב די אומשטענדן פון דער
צייט, אין וועלכער ער האָט אָנגעהויבן
זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, איז ער
מער געווען פאַרבונדן מיט דער העב=
רעיִשער ליטעראַטור. אין וועלכער ער
האָט אַריינגעטראָגן אַ נייעם ריין קינסט=
לערישן טאָן אין דער שילדערונג פון
דעם יידישן לעבן און עד-היום איז
ער געבליבן דער קלאַסיקער פון דער
קורצער דערציילונג אין העברעיִש. די
הויפט=טעמע פון ש׳ס דערציילונגען איז
דאָס פאַטריאַרכאַלישע יידישע פאַמיליענ=
לעבן מיט זיינע אַלטע גוטע זיטן, מיט
זיין צניעות, תמימות און נשמה=יתרה=
דיקייט. דעם אַלטמאָדישן, יידישן לעבנס=
שטייגער שילדערט ש׳ אין צאַרטע לי=
רישע טענער, נאָר זעלטן באַגלייט מיט
אַ לייכטן הומאָר, מיט אַ קלוגער סאַטי=
רע. באַזונדערס גוט זענען זיינע דער=
ציילונגען און לעגענדעס פון חסידישן
לעבן („ספורי חסידים״, „שיחות חסידים״,
1904). צוזאַמען מיט פרצן און בער=
דיטשעווסקין איז ער דער קלאַסיקער
פון חסידיזם אין אונזער ליטעראַטור.
ער אונטערשיידט זיך אָבער פון פרצן
און בערדיטשעווסקין דערמיט, וואָס אים
האָט מיטגעריסן ניט דער חסידיזם, נאָר
דער חסיד, דאָס חסידישע לעבן. ש׳
איז טיף אַריינגעדרונגען אין דער אינע=
ווייניקסטער גייסטיקער וועלט פון די
דאָזיקע מענטשן פון דער „נאָענטער
פאַרגאַנגענהייט״, ווי זיי הייסן ביי אים,
און ער קען מייסטערהאַפט אין עטלעכע
שטריכן געבן אַ בולטע פיגור מיט אַלע
אירע כאַראַקטעריסטישע באַזונדערהייטן.
ער פירט אַרויס אַ גאַנצע סעריע פון די
פאַרשיידנאַרטיקסטע טיפן פון דער דאָ=
זיקער אונטערגייענדיקער וועלט, דער
האַלב מיסטישער, האַלב רעאַלער, טיפן
גאַנצע און האַרמאָנישע מיט זייער רו=
יִקער זיכערקייט, אַז זייער וועלטבאַנעם
איז מויערפעסט, ניט אָנצורירן. אייגנ=
אַרטיק איז ש׳ס שילדערן די נאַטור און
די באַציִונג צו איר מצד זיינע פאַרשוי=
נען. אַ סך שוואַכער זיינען ש׳ס דער=
ציילונגען און בפרט זיינע ראָמאַנען
אויס דעם מאָדערנעם לעבן, ווי
„דוקטור אורלוב״ (1905) א״אַ. דער מאַנגל
אין בילדונג, אין ליטעראַרישער אַנט=
וויקלונג, אין אַ ליטעראַרישער סביבה,
האָט אים געשטערט אויפצוכאַפן די
פילגעשטאַלטיקע ערשיינונגען פון דער
צייט און קינסטלעריש זיי רעפּראָדו=
צירן. דער גרעסטער פאַרדינסט ש׳ס
אין דער העברעיִשער ליטעראַטור זיינען
זיינע קינדער=מעשיות, אויף וועלכן גע=
ביט ער איז אין העברעיִש געווען דער
ערשטער און האָט עד=היום צו זיך קיין
גלייכן ניט. לויט די מאָטיוון אַלמענטש=
לעך, לויט דעם אינהאַלט יידיש, אין
דער פאָרם — לייכט און שפּאַנענדיק,

זיינען זיי דער פּראָדוקט פון אַ רייכער פאַנטאַזיע און אַ צאַרטער ליבע צו קינדער. — אין יידיש האָט ש' אָנגעהויבן צו שרייבן שפּעטער און אין סך=הכל אויך אָנגעשריבן ווייניקער, אויף אַ 3 בענד. ליידער זיינען זיינע יידישע שריפטן ניט געזאַמלט אין בוכפאָרם, הגם זיי שטייען ניט נידעריקער, ווי זיינע ווערק אין העברעיש און צייכענען זיך אויס מיט אַלע מעלות פון ש', מיט דעם איינציקן אונטערשייד, וואָס זיין יידיש איז ניט אַזוי פּאָלירט און פאַרבנרייך ווי זיין העברעיש. זיין ערשטע פאַרעפנטלעכטע זאַך אין יידיש איז, ווייזט אויס, געווען די דערציילונג „זאַנוועל דער זייגערמאַכער" — אין „יוד", 1899, 18; אין דערזעלביקער צייטשריפט האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט צ"אַ אַ גרעסערע דערציילונג א"ט „בעריל דער וואַסערפיהרער" (1902, 2—11); גלייכצייטיק איז ער געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם וואָכנבלאַט „די יודישע פאָלקסצייטונג", 1902—3, וואו עס זיינען אויסער אַ גרויסער מאַסע דערציילונגען און אייניקע פעליעטאָנען (אויך א"פ ישבי ?) אָפּגעדרוקט איינע פון זיינע שענסטע זאַכן „דער גאָלדענער" (1902) זיינע יידישע דערציילונגען, סקיצן און הומאָרעסקן זיינען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „דער יודישער פאַמיליע", „פריינד", „פאָלקסצייטונג" אאַז"וו, דערהויפּט אין די יום=טובדיקע נומערן, אין זמ"ב „הילף" (די זייער שטאַרק אָנגעשריבענע פאָגראָם=דערציילונג „די אומגליקלעכע כלה") — די ערשטע זאַמלונג פון ש'ס יידישע כתבים איז אַרויס ערשט לעצטנס אַלס ערשט ביכל פון אַ „אידישע קלאַסיקער=ביבליאָטעק פאַר שול און פאָלק / אַרויסגעגעבן פון דער פאָלק שול אָרגאַניזאַציע פון אידיש=נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. / צוזאַמענגעשטעלט, רעדאַגירט און דערקלערט פון ש. שאַפּיראָ" (נ"י, פ"ג „פאָלקס=שול", 1926, ז' XVI+146). פון זיינע העברעישע ווערק זיינען אין יידישער איבערזעצונג אַרויס: „חסידישע מעשיות" — איבערגעזעצט פון ב. ק(אַרלינסקי), מיט אַ פאָרוואָרט פון ש. זעצער (פ"ג ב. שימינס „וועלט=ביבליאָטעק", 1909, ז' 72); „אין יענע צייטען" — אַ דערציילונג אויס דעם לעבן פון די קאַנטאָניסטן (דערז' פ"ג און איבערזעצער, 1909, ז' 105; דאָס אייגענע בוך אין אַ פאַרקירצטער אויסגאַבע פאַר יוגנט — יידיש ב. עפּעלבוים, וואַרשע, פ"ג „קולטור=ליגע", 1922); „שולמית" (פ"ג „מעשהלעך", וואַרשע, 1913, ז' 56); „דער מאַלער, ברודערל און שוועסטערל, די שטאָדט, שווער ניט" (פ"ג בלימעלאַך", אָדעס, 1918); „מעשה=לאַך, קינדער=מעשיות" — איבערגעזעצט פון ב. עפּעלבוים (פ"ג „בלומען", 1921), „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען" („די טייטלען אין גלות, דער גזר=דין")—קינדער=מעשיות, איבערגעזעצט פון ס. שאַפּיראָ (פ"ג מאַקס נ. מייזעל, נ"י, 1920, ז' 29); „אַ פאַריתומט לעבען"—דערציילונג (פ"ג „אונזער בוך", וואַרשע). זיינע העברעישע קינדער=זאַכן, וואָס זיינען צו פאַרשיידענע צייטן אַרויס אין צענדלינגער פאַרשיידנסטע אויסגאַבן, זיינען צונויפגעזאַמלט אין 4 ב'. אַחוצדעם איז אויך דאָ אַ געזאַמלטע אויסגאַבע פון אַלע זיינע ווערק אין העברעיש א"ט „כל כתבי יהודה ש'" (תרע — תרע"ג, אין 4 ב').

די יידישע פרעסע פאַר פעברואַר 1908; „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטען", II; יעקב פיכמאַן, אין „דאָס יודישע פאָלק", 1908, 10—11; id, ביאָגראַפיש=קריטישער אַריינפיר צו „כל כתבי"; id, „בעלי אגדה", אין „הגנה", יפו,

תרע״ח, א; ש. צ. זעצערס פאָררעדע צו „די
חסידישע מעשה׳לעך און ערצעהלונגען״; ש. שאַ=
פירא, אריינפיר צו ש׳ס יידישע כּתבים; פ. ליאכאַ
ווער, אין „רשפים״ א״ר פון דוד פרישמאַן,
ה׳ א; י. עפּשטיין, אין Вѣстникъ Опе,
1916, 45.

שטיינבערג יעקב (1886—)
געב׳ אין שדה=לבן, קיעווער גוב׳. דע=
ביוטירט צוערשט אין דער העברעיִשער
ליטעראַטור, האָט ער זיינע ערשטע לי=
דער אין יידיש

פאַרעפנטלעכט
אין „דער יודי=
שער פאָלקסציי=
טונג״ 1902 — 3.
צו יענער צייט
געקומען קיין
וואַרשע, האָט ער
זיך אָנגעהויבן צו
באַטייליקן אין פאַרשיידענע העברעיִשע
און יידישע צייטשריפטן און זמ״ב, צ״אַ
איבערגעזעצט אויף העברעיִש אברהם
רייזענס פּאָעמע „מיין צוריקקער אַהיים״,
שפּעטער אַ געוויסע צייט געלעבט אין
קיעוו, אין דער שווייץ, דאַן צוריקגע=
קומען קיין וואַרשע, וואו ער איז אַ גע=
וויסע צייט געווען אַ אינעווייניקסטער
טעכנישער מיטאַרבעטער פון „פריינד״,
אין משך פון די יאָרן 1910 — 14 פאַר=
עפנטלעכט אין דער דאָזיקער צייטונג
און איר „וואָכענבלאַט״ זייער פיל לי=
דער, פּאָעמען און נאָוועלן, צ״אַ „די
פּאָעמע „רוסלאַנד״, גלייכצייטיק זיך
באַטייליקט אין אַנדערע אויסגאַבן, ווי
„אייראָפּעאישע ליטעראַטור״, „די אידישע
וואָך״ (אַ דראַמע „דער נסיון״, 1913), דער=
הויפּט אָבער העברעיִשע. זינט דער וועלט=
מלחמה איז ש׳ מער ניט אויפגעטרעטן
אין דער יידישער ליטעראַטור, זיך אינ=
גאַנצן אָפּגעגעבן דער העברעיִשער,
לעבנדיק אין ארץ=ישראל. פון זיינע
ווערק אין יידיש זיינען נאָר אַ קליינער
טייל אַרויס אין בוכפאָרם, היינו: „די
מוטער״ — אַ דראַמע אין 3 אַ׳ (פ״גס=
ביוראָ, וואַרשע, 1908, ז׳ 52); „געזאַ=
מעלטע שריפטען״ — אַנטהאַלט אייניקע
דערציילונגען, די לירישע פּאָעמע „די
טרויעריגע ליעבע״ און דריי לירישע
לידער (פ״ג „וועלט=ביבליאָטעק״ פון ב.
שימין, 1909, ז׳ 80); „רוסלאַנד״ —
אַ פּאָעמע, מיט אַן אריינפיר פון בעל=
מחשבות (פ״ג „אוניווערזאַל=ביבליאָטעק״,
וואַרשע, 1914, ז׳ 68). פון זיינע ווערק
אין העברעיִש זיינען אין בוכפאָרם אַרויס:
„שירים״ (פ״ג „יבנה״, 1906), „ספר
הסתירות״ (1910), „ספר הבדידות״ (1910),
„שירים״ (לייפּציג, תרפ״ג, ז׳ 341),
„רשימות״ — אַ זאַמלונג אַרטיקלען און
עסייען, צ״אַ איבער די יידישע שריפט=
שטעלער יהואש, אברהם רייזען, שלום
אַש, ה״ד נאָמבערג (פ״ג „דביר״, תל=
אביב, תרפ״ח, ז׳ 236); האָט אויך
איבערגעזעצט אויף העברעיִש אַלפאָנס
דאָדעס „מכתבים מהטחנה״ (בערלין,
1923). — אין דער יונגער יידישער לי=
טעראַטור פון פאַר דער מלחמה האָט
ש׳ פאַרנומען אַ אָנגעזעענעם אָרט, און
צו יענער צייט האָט בעל=מחשבות אים
כאַראַקטעריזירט אַזוי: „פון די מייסטע
פון זיינע דערציילונגען טראָגט זיך די
אַטמאָספערע פון דעם הייסן אייגנאַר=
טיקן יידישן קאַנט אין דרום=רוסלאַנד.
כאַראַקטעריסטיש איז אויך דער שטאַר=
קער ליידנשאַפטלעכער טאָן פון ש׳,
ווען זיין פעדער באַרירט עראָטישע
בילדער. מאַנכמאָל טרעט ביי אים די
עראָטיק שוין אַרויס אַזוי שטאַרק, אַז
אויף דעם אויבערפלעכלעכן לעזער ווירקט
זי כמעט ציניש. — צוזאַמען מיט דער
שטאַרקער עראָטיק פון ש׳ לעבט אין
אים אַן אומגעווייגלעך שטאַרק איינזאַמ=

קייטס=געפיל. און אין דער פאַראייניקונג פון די ביידע היפּוכדיקע געפילן, קען מען זאָגן, ליגט באַהאַלטן דער גאַנצער כּישוף פון זיין פּאָעזיע. ש'ס איינזאַמקייטסגעפיל, וואָס האָט זיך גאָרנישט לאַנג נאָכאַמאָל שטאַרק אויסגעדריקט אין זיינע „לידער פון טויט" (וואָכענבלאַט", 1913, 28), האָט אים גלייכצייטיק ניט אָפּגעשיידט פון דער ליכטיקער פאַרביקער לעבעדיקער וועלט, און זיינע מענטשן אין זיינע נאָוועלן, באַזונדערס די פרויען, קומען אַרויס פול און גאַנץ און מיט אַזאַ לעבעדיקער נאָענטקייט, אַז מען קאָן זיי כּמעט אָנטאַפּן. כּמעט אַלץ, וואָס ש' האָט געשריבן, צייכנט זיך אויס מיט אַ גרויסער זעלבשטענדיקייט, פאַרוואונדערט אָפּט דורך אַ געוויסער אָריגינאַליטעט, און דער גרעסטער טייל פון זיינע לידער זיינען רייך סיי אין דער פאָרם סיי אין ריטמוס. — די פּאָעמע „רוסלאַנד" (פון איר איז פאַרעפנטלעכט בלויז דער ערשטער טייל) איז אין אַ געוויסן זין אַ נייס אין דער יידישער ליטעראַטור. אין זאַפטיקע לייכטע יאַמבן, לויט דעם מוסטער פון בייראָנס „טשיילד האַראָלד" אָדער פּושקינס „יעווגעני אָניעגין", שילדערט אונז דער פּאָעט בילדער פון יידישן רוסלאַנד, פון דער שווייץ און פון זיין אייגענעם געמיטס=צושטאַנד. אין דעם לייכטן יאַמבנטאַנץ גיסט ער אויס פאַר אונז דעם בעכער פון זיין אָנגעפילטן ש ו ע ר ן געמיט. די ל י י כ ט ק י י ט פון פערז שמעלצט צוזאַמען מיט דער ש ו ו ע ר ק י י ט פון פּאָעטס שטימונג, און עס באַקומט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס לייענט זיך אַזוי איינגענעם און וואָס לאָזט עפּעס איבער ביי אונז אַ שטילע עצבות. אין דער טאַלענטפולער פּאָעמע „רוסלאַנד" שוועבט אַרויף פאַר אונזערע בליקן אַ יונגער ניט=אויס=געוועבטער גייסט, וואָס פאַרלאָזט זיין היים, ווייל עס איז פאַר אים ניט קיין פאָטערלאַנד, נאָר אַ שטיפלאַנד... דער לעזער וועט נאָך באַזונדערס אָפּשאַצן די צעשטרייטע בילדער, פייזאַזשן און שווערמוטיקע אָפּגעטאָקטע אַפאָריזמען, מיט וועלכע די פּאָעמע צייכנט זיך אויס".

ציַנבערג, אין Свобода и Равенство 1907, 14; יוסף. קלויזנער—Ново-Еврейская Литература ז' 117; ЕЭ, XVI; אב. גולדבערג, „שרטוטים ליובלו", אין „הדואר" ל"ח—פון 2/IX 1927; נ. מייזיל, אין „ביכער=וועלט", 1919, II, ז' 34; א. רייזען, „עפּיזאָדן פון מיין לעבן".

שטיינבערג יצחק=נחמן (31/VII 1888 —) געב' אין דענעבאָרג, לאַטגאַליע, אין אַ משפּחה, וואָס ציט איר יחוס פון רש"י; דער פאָטער, זרח, אַ ווילנער, אַ גרויסער למדן און אַ משכּיל, אַ פריינד פון דער נייער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור, איז געווען אַ מאָסקווער סוחר; די מוטער, אַן עלטערע שוועסטער פון בעל=מחשבות, האָט שוין אין די גאַנץ יונגע יאָרן אויסגעצייכנט געשריבן העברעיִש און געלערנט אויך משניות.

האָט באַקומען אַ שטרענג רעליגיעזע דערציִונג, וועלכע האָט איבערגעלאָזט אַ טיפע השפּעה אויף דעם קומענדיקן רעוואָלוציאָנערן טוער און שריפטשטעלער, זיך ניט אָפּגעטאָן פון אים אַפילו דאַן, ווען ער איז געווען פאָלקסקאָמיסאַר אין דער ראַטנרעגירונג. העברעיִשע לימודים האָט ש' געלערנט אין דער היים ביי י. גאָרדאָן, דעם מחבר פון „מורה הלשון" (?), אויך גמרא, גלייכצייטיק באַזוכט די גימנאַזיע אין פער=

נאָוו, עסטלאַנד, אין וועלכער מ׳פלעגט ניט שרייבן אום שבת און וועלכע ער האָט געענדיקט 1906, דאַן שטודירט אין מאָסקווער אוניווערסיטעט, צוליב פּאָלי־טישע סיבות אויסגעשלאָסן געוואָרן און פאַרענדיקט זיין שטודיום אַלס ד״ר יוריס אין היידעלבערגער אוניווערסיטעט 1910 מיט אַ דיסערטאַציע Die Lehre vom Verbrechen im Talmud (צום טייל פאַרעפנטלעכט אין קאָהלערס Zeitschrift für vergleichende Rechtswissenschaft און אַרויס אויך אין בוכפאָרם), 1911 אויסגעהאַלטן דעם מלוכה־עקזאַמען אין מאָסקווע. אין היידעלבערג אויך ניט אויפגעהערט צו לערנען ש״ס מיט זיין רבין זלמן ראַבי־ניקאָוו, וואָס דער פאָטער האָט ספּעציעל מיטגעשיקט פאַר די זין. — סוף 1906 אריינגעטרעטן אין דער פּאַרטיי ס״ר, עטלעכע מאָל געזעסן אין די צאַרישע תפיסות, בשעת דער שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי 1917 — אַריבער צו די לינקע ס״ר, אין פאַרטרעטונג פון דער פּאַרטיי לינקע ס״ר געווען פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר יוסטיץ אין דער ראַטנרעגירונג פון דע־צעמבער 1917 ביז מערץ 1918, נאָכדעם ווי די לינקע ס״ר האָבן איבערגעריסן מיט די באָלשעוויקעס—געווען אַ פּאָר מאָל אַרעסטירט, זינט 1923 אין בערלין אַלס אויסלענדישער פאַרטרעטער פון דער פּאַרטיי, 1928 אין די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי באַזוכט די פּאַראייניקטע שטאַטן, וואו ער איז אויפגעטרעטן מיט רעפעראַטן. — זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ש׳ אָנגעהויבן אין רוסיש אַלס מיטאַרבעטער פון אַ ריי יורידיש־וויסנשאַפטלעכע און אַלגעמיינע צייטשריפטן, בשעת דער מלחמה געווען אַ מיטגליד פון דער רע־דאַקציע, צוערשט פון דעם נאַראָדנישן זשורנאַל Наша Жизнь און פון דעם טאָגבלאַט Народная Газета אין מאָסקווע, זינט סוף 1916 רעדאַקטירט דאָס טאָג־בלאַט Уфимская Жизнь אין אופע, שפּעטער אין משך פון 10 חדשים פון 1917 – דאָס טאָגבלאַט Земля и Воля, אויך אין אופע, פון דעצעמבער 1917 ביז יוני 1918 געווען מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון דעם טאָגבלאַט Знамя Труда אין פּט״ב און מאָסקווע, זינט יולי 1918 ביז נאָוועמבער אַרויסגעגעבן אין אויסלאַנד אַ ריי דייטשע און פראַנ־צויזישע פּאַרטיי־בראָשורן, 1919 און 1921 — 23 רעדאַקטירט דעם זשורנאַל Знамя אין מאָסקווע, זינט 1923 רעדאַק־טאָר פון דעם זשורנאַל Знамя Борьбы אין בערלין, מיטאַרבעטער פון דייטשע סאָציאַליסטישע צייטונגען, ווי Klassen-kampf, Aktion, New-Yorker Volkszeitung א״אַ. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין יידיש האָט ש׳ אָנגעהויבן אין 1925 אַלס מיטאַרבעטער פון דעם אַנאַרכיסטישן וואָכנבלאַט אין נ״י „פ. אַ. ש.״ און פון „דער צוקונפט״, אין וועלכער מאָנאַט־שריפט ער האָט צ״אַ פאַרעפנטלעכט זיינע „ערינערונגען פון אַ פאָלקס־קאָמי־סאַר״. זינט 1926 איז ער דער רעדאַק־טאָר פון די זמ״ב „פרייע שריפטן פאַרן יידישן סאָציאַליסטישן געדאַנק״ (I—סעפּ־טעמבער 1926, ז׳ 88, II—מאַי 1927, ז׳ 135, III — נאָוועמבער 1927, ז׳ 121, IV—סעפּטעמבער 1928, ז׳ 128). באַטיי־ליקט זיך אויך אין אייניקע אַנדערע יידישע צייטשריפטן, אַרויסרוקנדיק זיך אַלץ מער אַלס יידישער פּובליציסט און שטרעבנדיק צו באַגרינדן אַ נייע שיטה פון יידישן סאָציאַליזם מיט דעם עטישן אידעאַל פון אַלמענטשלעכער סאָלידאַרי־טעט און גערעכטיקייט אַלס איינעם פון זיי־נע יסודות. פון זיינע אַרבעטן אין בוכפאָרם זיינען אַרויס: Движеніе свободнаго права (1914); Введеніе в науку права פון

פראָפּ׳ ראַדבּרוך (איבּערזעצונג פון דייטש; 1915), Дневник Социалиста-революционера (1917); Почему мы против Брестскаго Мира (1918); От Февраля по Октябрь (1920); Нравственный лик революции (1925); Zehn Jahre Oktober-rewolution (1927). פון זיינע ווערק אין יידיש זיינען אין בּוכפאָרם אַרויס: „דער מאַקסימאַליזם אין דער יידישער וועלט" (בּערלין, 1925, ז׳ 66); „דער מאָראַלישער פּנים פון דער רעוואָלוציע" (איבּערזעצט פון רוסיש דורך שמואל פרידמאַן, פ"ג „נייע געזעלשאַפט" פון שיקאַגאָ מיט י. באַבּינסקי אַלס פּרעזידענט, בּערלין, 1925, ז׳ 351); „אין שטורם פון צייט"—אַ זאַמלונג פון זיינע יידישע אַרטיקלען פאַר די יאָרן 1925—27 (פ"ג ה. בּזשאָזאַ); „דער וועג פון פיין / דראַמאַטישע סצענעס פון דער רוסישער רעוואָלוציע", אויטאָריזירטע איבּערזעצונג פון דייטש פון י. ראַפּאָפּאָרט (פ"ג בּזשאָזאַ, וואַרשע, 1928, ז׳ 122), וואו דער אַוטאָר פירט אַרויס פאָרשטייער פון בּאַשטימטע גרופּירונגען און ריכטונגען, וועלכע האָבּן גענומען אָנטייל אין דער רוסלענדישער רעוואָלוציע אין דער צייט פון אויגוסט 1917 בּיז פעבּרואַר 1918 (זיך אַליין פאַרקערפּערט ער אין דער פּערזאָן פון אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש); די רעוואָלוציע נעמט ער אויף אויף אַן אייגנאַרטיקן עטיש-מאָראַלישן שטייגער; ניט קוקנדיק אויף די חסרונות פון דער ריין קינסטלערישער זייט, איז די פּיעסע, וועלכע איז פאַר דער פרעמדער וועלט אויך אַ שליסל צו בּאַגרייפן און דערשפירן די גרויסע רוסלענדישע רעוואָלוציע, בּאַשאָנקען געוואָרן מיט דער דראַמאַטישער פּרעמיע פון דעם בּרעמענער „געטע-בּונד" פון צווישן אַ 1000 צוגעשיקטע דראַמען (ערשינען צוערשט אין דייטש א"ט Dornenweg, א"פ מ. לעוואַנדין; אויפגעפירט צום ערשטן מאָל אין בּרעמען, אָקטאָבּער 1927).

ש. ניגער, „רעוואָלוציע און טראַדיציע", אין „טאָג" פון 17/IV 1926 (איבּערדרוק אין „ווילנער טאָג"; מ. גערץ, אין ריגער „פרימאָרגן 1927, 285; ד"ר לעאָפּאָלד גרינשטאַם, אין „יידישן טאַגעבּלאַט" פון 26/VI 1928; נחמן מייזיל, אין „היינט", 1928, 6; id, אין „ליטעראַרישע בּלעטער", 1928, 7; מ(לך) ר(אַוויטש), אין „נייער פאָלקסצייטונג" פון 22/VI 1928; א. קאַציזנע, אין חודש-זשורנאַל „אונזער צייט", 1928, II; מ. אָשעראָוויטש, אין „פאָרווערטס" פון 3/I 1928, אחוץ אַ גאַנצער ריי אַרטיקלען אין דער יידיש-אַמעריקאַנישער פּרעסע בּשעת זיין בּאַזוך.

שטיינבּערג נח (שמחת-תורה 1889—) געבּ׳ אין שענע, ראָדעמער געגנט, אַלס דער בּן-זקונים פון הירש-וואָלף ש׳, וועלכער האָט געהאַט צוואַנציק קינדער (פון זיי זיינען געבּליבּן לעבּן צען). פריער זיינען ש׳ס עלטערן ניט געווען אָרעם, אָבּער ווען ער איז געבּוירן געוואָרן, איז שוין פאַר אים

אַפילו קיין שטיקל בּרויט ניט געווען. פון דערציִונג האָט ער גאָרניט געוואוסט, איז געגאַנגען אין חדר בּיז 9 יאָר, אָבּער מ׳האָט מיט אים דאָרט כּמעט גאָרנישט געלערנט, בּלויז אַדאַנק זיין אומגעוויינלעכן געהער און גוטן זכּרון געקענט דעם חומש אויף אויסווייניק פון צוהערן זיך ווי מ׳לערנט מיט אַנדערע, און פון חדר איז אים פאַרבּליבּן אַן ערינערונג, אַז דאָס איז געווען זיין ערשטע אינקוויזיציע; זיין צווייטע אינקוויזיציע איז געווען די לער בּיי אַ גראָבּן יונג. צו 13 יאָר איז אים געשטאָרבּן דער פאָטער און 1904 האָט ער מיט זיינעם אַ בּרו-

דער לייב אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן, זיך אויסגעלערנט אַרבעטן ביי דאַמענקליידער, געאַרבעט אין פאַבריק ביי זיין ברודער יצחק, געוואָרן אַ מיטגליד פון דער יוניאָן, אָרגאַניזירט די אַרבעטער פון זיין ברודערס פאַבריק און אייניקע מאָל דערפירט צו אַ שטרייק. זיך באַקענט מיט דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג, דערנאָך זיך פאַראינטערעסירט מיט דער אַנאַרכיסטישער, זיך פאַרנומען מיט די אַנאַרכיסטישע טעאָריעס, זיך באַקענט מיט רודאָלף ראָקער און פעטער קראָפּאָטקין. אַ באַזונדערע השפעה האָט אויף אים געהאַט לעוו טאָלסטאָיס עטישע לערע. 1907 אַוועק קיין אַמעריקע, געלערנט שפּראַכן, שטודירט די ענגלישע ליטעראַטור, געגאַנגען אין אייניקע שולן און געלערנט מיט פּריוואַטע לערער. דעביוטירט האָט ש' מיט לידער אין „טאָראָנטער אידישן זשורנאַל" 1911, דערנאָך אויך פאַרעפנטלעכט סעריעס אַרטיקלען „נאַציאָנאַליזם און קולטור" אין דער קליוולענדער „אידישער וועלט" א"ר פון יוסף באַנק 1912, „קולטור און ציוויליזאַציע" אין דעם טאָראָנטער „אידישען זשורנאַל" 1913, „נאַציאָנאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם" אין דעם וואָכנבלאַט „דאָס אידישע פאָלק", 1913, וואו שפּעטער פאַרעפנטלעכט אויך אַ דראַמע „ליכט". — אין דער קריטיק באַווירקט פון לעפקאַדיאָ הוירן, סענט בעוו און רעמי דע גורמאָן, האָט ער דעם ערשטן קריטישן אַרטיקל געשריבן וועגן דעם זמ"ב „פון מענש צו מענש" אין דער שיקאַגער „אידישער אַרבייטער וועלט" 1915 א"ר פון ק. מרמר, צו יענער צייט אויך געדרוקט לידער א"פּ, 1917—18 געשריבן קריטיק וועגן ביכער און טעאַטער אין וואָכנבלאַט „דער אידישער קעמפּפער" א"ר פון דוד פּינסקי, מיטגעאַרבעט שפּעטער אין די פאַרשיידנסטע יידישע צייטשריפטן פון אַמעריקע, ווי דאָס טאָגבלאַט „צייט", „פאָרטשריט", „פּ. אַ. ש.", „די פעדער", „דער פריינד", „די אידישע אַרבייטער שטימע", „צווייגען", „אויפגאַנג", „דער וועג", „די נייע וועלט", „די פּראָלעטאַרישע שטימע", „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק", „ניי-אידיש", „איניינעם", „די פרייהייט" א"אַ, מיטרעדאַקטירט דעם קליינעם חודש-זשורנאַל „דער אָנהויב", 1920 רעדאַקטירט אַ בוך פון דעם חודש-זשורנאַל „די פעדער", 1922 — אַ מאָנאַט-זשורנאַל „וועגן" פאַר פּאָעזיע און קריטיק, 1926 ווידער איבערגענומען די רעדאַקציע פון „דער פעדער", צו וועלכן זשורנאַל בכלל געשטאַנען נאָענט. 1924—26 אַרומגעפאָרן איבער קאַנאַדע און די פאַראייניקטע שטאַטן און געהאַלטן לעקציעס וועגן דער יידישער און אַלוועלטלעכער ליטעראַטור. האַלטנדיק, אַז די אויפגאַבע פון דעם קריטיקער איז צו העלפן אַרויסברענגען די עכט מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, אַז די פולקומסטע פאָרם אין דער קריטיק איז צו געבן אַ גאַנצן פּאָרטרעט פון אַ קינסטלער, האָט ש' געזוכט אַריינצוברענגען די ריין מענטשלעכע אינטימיטעט אין דער יידישער קריטיק, און זיין ערשט בוך א"ט „יונג-אַמעריקאַ" (פ"ג „לעבען", נ"י, 1917, ז' 256, נייע אויפלאַגע — 1927, מיט אַ פאָרוואָרט פון ב. ריווקין), וואו ער האָט געגעבן אַ לעבעדיקע און קינסטלערישע כאַראַקטעריסטיק פון דער פּערזענלעכקייט און דעם שאַפן פון די 10 באַדייטנדסטע יונגע שריפטשטעלער פון אַמעריקע (דוד איגנאַטאָוו, זישאַ לאַנדוי, א. ראַבאָי, מאַני לייב, יוסף ראָלניק, י. אָפּאַטאָשו, משה

משה נאַדיר, ראובן אייזלאַנד, מ. ל. האַלפּערן, ה. לייוויק) האָט געמאַכט אַ רושם. פון זיינע אַנדערע אַרבעטן זיינען אַרויס אין בוכפאָרם אין זיין אייגענעם פ"ג „לעבן": אַ קליין בוך וועגן משה-לייב האַלפּערן (1923); „אַ בוך משה נאַדיר" (נ"י, 1926, ז' 160); „קריטיק"— אַ בוך דיאַלאָגן וועגן קריטיק, פּרויען, שרייבער און קריטיקער, ליבע און טויט, יידישקייט, אייביקייט, פירער, מלחמה, ליטעראַטור און עטיק אאַז"וו (נ"י, 1926, ז' 176, מיט אַ הקדמה פון ב. ריווקין, צייכענונגען און בילדער פון זוני מאָוד, א. וואָלקאָוויטש, יאָסל קאָטלער, ק. קאָפּמאַן, י. טאָפּעל). פון זיינע לידער — די זאַמלונגען „אויף די וועגן פון ווינט" (נ"י, 1920, ז' 32) און „פון אַ ליבע" (נ"י, 1920, ז' 36, באַצירט פון ז. מאָוד, אַ דורכאויס ליטאָגראַפירטע אויסגאַבע). אין זיין פ"ג „לעבען" האָט ער אויך אַרויסגעגעבן דאָס בוך לידער פון הערמאַן גאָלד „אין מיין שטאָט בריסק" און לאה קאָפּעלעוויטש-האָפּמאַנס צוויי ביכער „אין קינדערלאַנד" (לידער) און „קליינע אין דער גרויסער וועלט" (דערציילונגען). האָט צוגעגרייט צום דרוק אַ קריטישע אַנטאָלאָגיע אין 2 ב' „די נייע יידישע פּאָעזיע", „אַ בוך לירישע פּראָזע", און די ביכער „שרייבער און ביכער", „קליינע עסייען". האָט איבערגעזעצט פון לעפקאַדיאָ הוירן און באַלטאָן-האָל.

מ. אַלגין, אין „דער נייער וועלט"; א. גלאַנץ, אין „טאָג"; ש. יאַנאָווסקי, אין „פ. א. ש."; דער לעבעדיקער, אין „קונדס"; א. מ. פוקס, אין „קריטיק" ה' ד' (אַלע — וועגן זיין בוך „יונג אַמעריקאַ").

שטיינבערג שמואל (קסאַווערי גריגאָריעוויטש) (4/IX 1844—5/IV 1911) געב' אין בריסק אַלס זון פון אַדוואָקאַט גרשון ש'. באַקומען די ערשטע דערציִונג אין חדר, איז ער דאַן אָנגעקומען אין דער אַדעליקער שול, וואוהין מ'האָט דעמאָלט נאָך אָנגענומען יידישע קינדער אויכעט, געענדיקט גימנאַזיע אין גראָדנע און שטודירט אין דער מעדיציניש-כירורגישער אַקאַדעמיע אין פּט"ב, נאָכן ענדיקן זי 1867 מיט אַן אויסצייכענונג, באַשטימט געוואָרן אַלס מיליטערישער דאָקטאָר אין 2טן שוואַרצימישן אינפאַנטעריע-פּאָלק א"נ פון פעלדמאַרשאַל גראַף דיביטש, פאַר מוסטערהאַפטן דינסט אין אַ יאָר אַרום איבערגעפירט קיין לובלין אַלס אָרדינאַטאָר פון דאָרטיקן מיליטערישן שפּיטאָל, 1870 אַוואַנסירט צום אָרדינאַטאָר פון אויאַזדאָווער מיליטערישן שפּיטאָל, 1878 באַשטימט אַלס אייבעראַרצט אין פעסטונגסרעגימענט אין בריסק, וואו ער האָט אויך דערוואָרבן אַ אויסערגעוויינלעכע ציווילע פּראַקטיק און געמאַכט זייער אַ גרויסן פאַרמעגן. צו יענער צייט האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון דער אָנגעזעענער פאַמיליע הערץ אויס וואַרשע, אַ שוועסטערנטאָכטער פון פינאַנסיסט יאַן בליאָך. בשעת די רעפּרעסיעס קעגן די יידישע מיליטער-דאָקטוירים נאָך די געשעענישן פון 1881 איז ער, ניט קוקנדיק אויף זיינע אָרדענס, באַזייטיקט געוואָרן פון דעם דינסט אין פעסטונגס-רעגימענט און ערשט נאָך זיינע השתדלותן אין פּט"ב איבערגעלאָזט געוואָרן אין בריסק אַלס עלטסטער אַרצט אין טאַרלטינסקער פּאָלק, ביז ער איז 1892 פאָרט געצוואונגען געווען צו דעמיסיאָנירן און פאַר זיין שטאָלצן אָפּזאָג זיך צו שמדן פאַרלוירן דאָס רעכט צו טראָגן אין דעמיסיע זיין פּאָלקאָווניק-מונדיר און אויך דאָס רעכט אויף פּענסיע (ערשט אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט ער אַדאַנק דער השתדלות פון זיין דיוויזיע-שטאַב צוריקבאַקומען די דאָזיקע

רעכט). זינט דאַן האָט ער זיך אינגאַנצן געווידמעט דער פּריוואַטער פּראַקטיק, געוואָרן אויך טעטיק אין כּלל=זאַכן, 1899 אַריין אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אָפט געפאָרן אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן, זיך אויסגעצייכנט מיט זיין מסירת=נפשדיקן פאַרטיידיקן די יידישע באַפעלקערונג אין בריסק בשעת דעם פּאָגראָם=פּרווו מצד די אויפגעהעצטע זעלנער=רעזערוויסטן, וואָס זיינען באַשטימט געווען אָפּגעשיקט צו ווערן אויפן רוסיש=יאַפּאַנישן מלחמה=פּלאַץ, יוני 1905, פאַר זיינע עפנטלעכע סימפּאַטיעס צו דער פרייהייטלעכער באַוועגונג אין רוסלאַנד. אין פעברואַר 1906 געזעסן אַ חודש צייט אין אַרעסטהויז אין בריסק. 1911 געפערלעך קראַנק געוואָרן, זיך געפאָרן היילן קיין פּט"ב און דאָרט געשטאָרבן און באַערדיקט געוואָרן, אָבער נאָכן עפענען זיין צוואה האָט זיין זון, דער פּט"ב׳ער אַדוואָקאַט, וולאַדימיר ש׳, אַריבערגעפירט זיין קערפּער קיין בריסק. אַ שטאָלצער נאַציאָנאַלער ייד (ער האָט איינמאָל קראַנקערהייט אַרויסגעטריבן פון שטוב זיין ברודער, מיכאַיל ש׳, מיליטער=דאָקטאָר אין סקערנעוויץ, וועלכער האָט זיך געהאַט געטויפט פאַרן גענעראַל=ראַנג און איז געקומען אים מבקר חולה זיין), האָט ער זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זיין ליבשאַפט צו יידיש און די דאָזיקע שפּראַך גערעדט אַפילו אין דער געגנוואַרט פון הויכע שררות, און אָנגעשריבן אויך אייניקע ביכלעך אין יידיש, ווי „בילדער פון דער גרויסער שריפה אין בריסק" (אַרום 1895), אַ מאָנאָלאָג פון אַ בריסקער יידענע, וועלכע גיסט אויס איר איבערפולט האַרץ אויף די צדקה=חברות און כּלל=טוער, אַ דראַמע „חיהלעס מזל", (אויך אַרום 1895, דרוק ראָזענטאַל, בריסק), אַ דראַמע „הינדע אידעלסאָן" (וואַרשע, 1905) — אויס דעם יידישן לעבן אין רומעניע, וואו ש׳ האָט פאַרבראַכט אַלס מיליטער=דאָקטאָר בשעת דער רוסיש=טערקישער מלחמה, אַ ביכל וועגן עפּידעמישע קראַנקהייטן (אַרום יענער צייט). רוסיש האָט ש׳ געשריבן מער, דערהויפּט אין Восходъ, וואו ער האָט צ"אַ פאַרעפנטלעכט אַ טעמפּעראַמענטפולן אַרטיקל Бой быковъ и еврейскія кровопролитія — וועגן דעם קעשעניעווער פּאָגראָם, וואָס די שרעקלעכע בשורה דערפון האָט אים געטראָפן אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן דאָקטוירים=קאָנגרעס אין מאַדריד.

ק. קאַוועבערג (געוו׳ פּאַרוואַלטער פון ש׳ס ברויז און הייזער), „טיפּן פון אַלטן בריסק: שמערל בן גרשון אָדער קסאַווערי גריגאָריעוויטש שטיינבערג", אין „פּאָליעסער שטימע", 1924, נומ׳ 26—34; פּריוואַטע מיטטיילונגען פון י. העפּטמאַן און ש. אָרכאָוו.

שטיינמאַן אליעזר (אַרום 1890 —) געב׳ אין אָבאָדאָווקע, פּאָדאָליע, אַלס זון פון אַ רב. געלערנט אין פּערלמוטערס ישיבה אין קעשעניעוו. אַרום 1912 געקומען קיין וואַרשע, וואוהין עס האָט אים געצויגן די ליטעראַרישע סביבה, זינט דאַן זיך באַטייליקט מיט דערציילונגען און סקיצן אין די פאַרשיידנסטע העברעישע אויסגאַבן. זיינע ערשטע דערציילונגען אין יידיש זיינען פאַרעפנטלעכט געווען אין „פריינד" („משה׳לע"—אין דער יובילעאום=ביילאַגע 7), אין זמ"ה „יוגענד=קראַפט./אַ ליטעראַריש זאַמעלבוך". / רעדאַגירט פון י. זיידענוואַרג, וואַרשע, תרע"ג (אַ סקיצע „אַ מעת=לעת", ז׳ 15—25). נאָכן אויסבראָך פון דער וועלט=מלחמה פאַרלאָזט וואַרשע, געלעבט אין אָדעס, וואו אַגב אַרויסגעגעבן איין נומער פון אַ זשורנאַל „הקומוניסטון העברי", שפּעטער צוריקגעקומען קיין וואַרשע, זיך באַטייליקט אין פאַר=

שיידענע צייטשריפטן, אַרויסגעגעבן אַ קורצע צייט אַ העברעיִשן זשורנאַל א"ט „קולות", אַרום 1924 אַוועק קיין א"י, וואו ער איז רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער וואָכנשריפט „כתובים", וואָס ערשיינט זינט 1926, צוערשט אַלס אָרגאַן פון דעם פאַראיין פון די העברעיִשע שריפטשטעלער, אָבער נאָך זיינע שאַרפע אַרויסטרעטונגען קעגן ח"נ ביאַליק, יעקב פיכמאַן א"אַ, פאַר זייער מער־ווייניק טאָלעראַנטער באַציִונג צו יידיש בשעת דעם באַזוך פון שלום אַש און פּרץ הירשביין אין א"י, האָט זיך דער פאַראיין צוריקגעצויגן פון דעם דאָזיקן אָרגאַן. ניט קוקנדיק אויף זיין עקסטן העברעיִזם, קאָרעספּאָנדירט ש' עד־היום אין „מאָמענט", און זיינע אַרטיקלען ווערן אויך איבערגעדרוקט אין אַנדערע ציוניזירנדיקע צייטונגען. פון זיינע אַרבעטן אין העברעיִש זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „אסתּר חיות"—אַ ראָמאַן אין 2 ט' (וואַרשע, תּרפּ"ג, ז' 209); „הבן הנודד"—ספּור (וואַרשע, תּרפּ"ג, ז' 195); „ספּורים"—נאָוועלן אויף מאָטיוון פון פּאָגראָמען, צעריסנקייט פון דער יידישער נשמה, דעקאַדאַנס פון דער גרויסער שטאָט (וואַרשע, תּרפּ"ג, ז' 158); האָט איבערגעזעצט צ"אַ סטרינדבערגס „בדד". אַ זאַמלונג פון זיינע נאָוועלן, וואו עס ווערן געשילדערט די בלוטיקע געשעענישן אין אוקראַינע, איז אַרויס א"ט „אוקראַינע וויינט, נאָוועלע" (פ"ג „אַלט־יונג", וואַרשע, 1923, ז' 172), אַ זאַמלונג פון זיינע אַרטיקלען און עסייען אין יידיש – א"ט „צו מענש און פאָלק" (פ"ג „דרכים", וואַרשע, תּרפּ"ב, ז. V + 156; אַנטהאַלט צ"אַ אַן אָפּהאַנדלונג קעגן ש"ע און אַן אַרטיקל „העברעער", אין וועלכן עס קומט באַזונדערס שאַרף צום אויסדרוק זיין העברעיִזם). האָט אויך געשריבן די הקדמה צו דער העברעיִשער איבערזעצונג פון ה. הײשריקס יידישן בוך „לבדד".

ש. ניגער, „ניט כראָניק און ניט ליטעראַטור", אין „טאָג" פון 2/III 1924.

שטיינסאַפּיר ישראל־גדליה (VI/ 1890 —) געב' אין ביאַליסטאָק. זיין פאָטער, אליה, האָט צוערשט געפירט אַ לעדער־פאַבריק אין קרינקי, אָבער 1900 צוליב אַ שווערן עקאָנאָמישן קריזיס און באַנקראָט אַריבערגעפאָרן צום שווער אין גוט פאָדלישעווע הינטער רייגראָד, ביי דער פּרייסישער גרענעץ, וואו ש' האָט געלערנט ביי מלמדים, וואָס דער זיידע פלעגט האַלטן פאַר די קינדער פון אַלע זיינע יידישע אַרבעטער און פאַקטערס, גלייכצייטיק באַזוכט די פאָלקסשול אין רייגראָד, דערנאָך געלערנט אין די ישיבות פון ביאַליסטאָק, סלאָנים, לידע ביי ר' יצחק ריינעסן, דאַן מיטרעדאַקטירט אַ בלעטל „דער ישיבה־בחור", וואָס פלעגט פאַרשפּרייט ווערן אין האַנטשריפטלעכע קאָפּיעס אויך איבער אַנדערע ישיבות, ווי ראַדין, טעלז, סלאָבאָדקע, צוצוגרייטן אַ צוזאַמענפאָר פון די ישיבה־בחורים מיטן צוועק צו רעפאָרמירן די ישיבות, צוליב דער דאָזיקער טעטיקייט געמוזט עוקר זיין פון לידע, אַוועק צוריק קיין ביאַליסטאָק, 1907 אויס מורא פאַר פּאָליצייִשע רעפּרעסיעס אַלס אַקטיווער פּ"צ אַוועק קיין האָלאַנד און פון דאָרט קיין נ"י, וואו פאַרבראַכט 4 יאָר צייט אין נויט, געאַרבעט, געפּעדלט, אָפּגעדרוקט עטלעכע הומאָריסטישע מעשהלעך אין „קונדס", 1911 צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד, געווען איינער פון דער גרופּע אָרטיקע זשורנאַליסטן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן די ערשטע ביאַליסטאָקער יידישע צייטונג, דאָס וואָכנבלאַט „הײנטיקע צייט" א"ר אָפּיציעלער פון מ. שיבה.

שפּעטער מיטגעאַרבעט מיט פּעליעטאָנען און מאָנאָלאָגן אין דעם „ביאַליסטאָקער טאָגבלאַט", בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע אָנגעהויבן צו שרייבן פּיעסן אויף אַקטועלע טעמעס, וועלכע 1915—16 אויפגעפירט מיט אַן אייגענער אָרגאַניזירטער טרופּע, 1919 געשפּייזט דעם ביאַליסטאָקער יידישן וואַריעטעטעאַטער מיט איינאַקטיקע קאָמעדיעס. 1919, ווען די פּאָליאַקן האָבן פאַרנומען די שטאָט, רעדאַקטירט אַ צעירי-ציוניסטיש וואָכנבלאַט „פרייהייט" (אַרויס 2 חדשים), דערנאָך דאָס ציוניסטישע „ביאַליסטאָקער פּאָלקסבלאַט" (אָפיציעלער רעדאַקטאָר איז געווען מ. סטוטשינסקי, דעפּוטאַט פון 2טן סיים), וואָס האָט עקסיסטירט אַ האַלב יאָר צייט און ניט אויסגעהאַלטן די קאָנקורענץ מיט פּסח קאַפּלאַנס „דאָס נייע לעבן", צו יענער צייט געוואָרן קאָרעספּאָנדענט פון „דעם יודישען פאָלק", דערנאָך פון „היינט", זינט 1921 זיך אויך פאַרנומען מיט געשעפט, צוערשט אַלס לעדער-סוחר און דערנאָך אַלס פאַרטרעטער פון עטלעכע גרויסע וואַרשעווער קאָלאָניאַל-פירמעס, סוף 1924 בשותפות מיט דעם פירער פון דער פּאָלקספּאַרטיי אין ביאַליסטאָק מ. וויסאָצקי אַרויסגעגעבן אַ אומפּאַרטייִש וואָכנבלאַט „די ביאַליסטאָקער שטימע", אָנהייב 1925 מיטגעאַרבעט אין „ביאַליסטאָקער קוריער", אַ קליינע קאָאָפּעראַטיווע צייטונג (אַרויס 112 נומ'), זינט 19/II 1926 אַרויסגעגעבן אַ טאָגבלעטל „דער אידישער קוריער" (זומער 1927 — מיט אַ פּראָווינץ-אויסגאַבע „דער קרעסען-קוריער"), ביז „דאָס נייע לעבן" האָט אים אויפגענומען אַלס שטענדיקן מיטאַרבעטער. האָט געשריבן פאַרשיידענע זשורנאַליסטישע אַרטיקלען, נאָטיצן און פּעליעטאָנען, אויך א"פ ג. גאַסטפריינד, אונקלוס, מעפיסטאָ, א. ז. דאָר, בן אחיקם א"אַ, געדרוקט אין משך פון 6 וואָכן דעם „ווידוי פון געוועזענעם מיסיאָנער לייבעלע טיקאָצקי" (אין „היינט" און ב"יער „טאָג", 1926).

שטיינשניידער משה (מאָריץ) (30/III 1866 — 24/I 1907) געב' אין פּראָסניץ, מערן. זיין פאָטער, יעקב, אַ למדן און אַ משכיל, איז געווען פון די ערשטע יידן אין עסטרייך, וואָס האָבן געשיקט די קינדער אין אַ וועלטלעכער שול, אָבער גלייכצייטיק האָט ש' אויך געלערנט תנ"ך און גמרא.



ער האָט באַזוכט די ישיבות פון ניקאָלסבורג און פון פּראָג, וואו ער האָט גלייכצייטיק שטודירט אין דער גימנאַזיע. אין פּראָג איז דער 19יעריקער ש' אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דעם 1835 געגרינדעטן יידישן סטודענטנפאַראיין, וואָס זיין ציל איז געווען דער ווידעראויפבוי פון א"י, אָבער שפּעטער האָט ער פאַרלאָזט דעם דאָזיקן פּרעציוניסטישן פאַראיין, ניט גלייבנדיק אין דער מעגלעכקייט פון ווידעראויפבוי פון א"י. צו 20 יאָר איז ש' געקומען קיין ווין, וואו זיין פריינד יהודה-לייב דוקעס האָט אים געראָטן צו שטודירן אָריענטאַליסטיק און ביבליאָגראַפיע. אַלס ייד איז ער ניט צוגעלאָזט געוואָרן ניט נאָר צום הערן לעקציעס אין דער אַקאַדעמיע פאַר אָריענטאַליסטיק, נאָר אַפילו צו אַרבעטן אין דער קייזערלעכער הויף-ביבליאָטעק, אָבער ש' האָט, ניט געאַכט אויף די דאָזיקע מניעות, שטודירט אַראַביש, סיריש און העברעיש ביי פּראָפ'

קערלע אין דעם קאַטוילישן טעאָלאָגישן
פאַקולטעט פון אוניווערסיטעט, האָבנדיק
בדעה זיך צוצוגרייטן פאַר אַ ראַבינער.
חיונה האָט ער דערביי געצויגן פון
שטונדן, דערהויפּט איטאַליענישע. צוליב
די רדיפות פון דער פּאָליציי איז ער
געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן ווין
און איז אַוועק קיין לייפּציג, וואו
ער האָט שטודירט אַראַביש ביי פּראָפ'
פליישער. 1839 איז אים ענדלעך גע-
לונגען אַריבערצופאָרן קיין בערלין, וואו
ער האָט געהערט לעקציעס ביי פראַנץ
באָפּ איבער פאַרגלייכנדיקער פילאָלאָגיע
און געשיכטע פון די מזרח-שפּראַכן.
דאָ האָט ער זיך באַקענט מיט ל. צונץ
און אברהם גייגער, און צוליב זיינע
געענדערטע אָנשויונגען אויף דער רע-
ליגיע האָט ער רעזיגנירט פון זיין
שטרעבונג צו ווערן אַ ראַבינער, אַ גע-
וויסע צייט זיך אָפּגעגעבן מיט זשורנאַ-
ליסטיק, 1844 צוזאַמען מיט דוד קאַסעל
צונויפגעשטעלט אַ פּראָיעקט פאַר אַ
„רעאַל - ענציקלאָפּעדיע פון יידנטום"
(פאַרעפנטלעכט אין Literaturblatt des
Orients). 1850 באַקומען דעם טיטל ד"ר
פון לייפּציגער אוניווערסיטעט, דאַן אויך
איינגעלאַדן געוואָרן קיין אָקספאָרד צו-
נויפצושטעלן דעם קאַטאַלאָג פון דער
העברעיִשער אָפּטיילונג. דער דאָזיקער
גראַנדיאָזער Catalogus Librorum Heb-
raeorum in Bibliotheca Bodleiana
(בערלין, 1850—1860) האָט אים געגעבן
דעם נאָמען פון דעם גרעסטן ביבליאָ-
גראַף. שפּעטער האָט ער אויסגעפאָרשט
און קאַטאַלאָגיזירט די ביכער-אוצרות
פון האַמבורג, מינכען, בערלין, ליידען.
1859 האָט ער אָנגעהויבן צו לייענען
לעקציעס אין Veitel-Heine Ephraim'sche
Lehranstalt אין בערלין פאַר יידישע
און קריסטלעכע צוהערער, 1869 - 90

געווען דירעקטאָר פון אַ יידישער פרוי-
ענשול, גלייכצייטיק זינט 1869 געווען
אָנגעשטעלט אין דער קיניגלעכער ביב-
ליאָטעק אין בערלין, וואו ער האָט אָפּ-
געלעבט זיין גאַנצן לאַנגן לעבן, אַר-
בעטנדיק אָן אויפהער ביז 3 וואָכן פאַר
זיין טויט. — ש' איז געווען אַ מענטש
מיט אַ שטרענגער וויסנשאַפטלעכער
קריטיק. אין זיין גרויסער ליטעראַטור-
היסטאָרישער טעטיקייט זיינען פאַר אים
געווען בילכער די געביטן, וואָס זיינען
ווייט פון דער ריינער טעאָלאָגיע, ווי
מאַטעמאַטיק, פילאָלאָגיע, נאַטורוויסנ-
שאַפט און מעדיצין, און די ראָלע, וואָס
יידן שפּילן אין דער אַנטוויקלונג פון
די דאָזיקע וויסנשאַפטן. אויב צונץ האָט
געלייגט דעם יסוד פאַר דער חכמת
ישראל, האָט ש' אויפגעשטעלט די וויכ-
טיקסטע טיילן פון דעם בנין. ער האָט
דער ערשטער געגעבן אַ סיסטעמאַטישן
איבערבליק פון דער ליטעראַטור ביי די
יידן ביזן סוף 18טן י"ה און זיינע קאַ-
טאַלאָגן, ווי אויך די 21 ב' פון זיין
זשורנאַל Hebräische Bibliographie
(1859—82) אַנטהאַלטן אוצרות ידיעות
אויס אַלע צווייגן פון דער יידישער לי-
טעראַטור און געשיכטע. הגם ייִדיש
האָט ש'ן ווייניקער אינטערעסירט און
ער האָט זיך אַפילו באַצויגן מיט יאַהו-
דישער שנאה און פאַראַכטונג צו דעם
„זשאַרגאָן", האָט ער זיך דאָך שטענדיק
צוריקגעקערט צו דער ליטעראַטור אין
דער יידישער שפּראַך און ביבליאָגראַ-
פיש האָט ער זי כמעט איינגאַנצן אויס-
געשעפּט, אַזוי אַז אָן זיינע ווערק קען
אַ יידישער פילאָלאָג ניט אויסקומען. זיין
ערשטע אַרבעט אויפן געביט פון יידישי-
סטיק איז געווען די Jüdisch-deutsche
Literatur — „נאָך אַ האַנטשריפטלעכן
קאַטאַלאָג פון דער אָפענהיימישער ביב-

ליאָטעק" (אין Serapeum, 1848—49), וואו ער באַשרייבט 385 געדרוקטע יידישע ביכער, זינט דער אַנטשטייונג פון דער דרוק-קונסט ביז אַרום 1740; אַלס קאָנטראָלע פון דער דאָזיקער ביבליאָגראַפישער רשימה פון די ווערק פון דער אַלט-יידישער ליטעראַטור דינט זיין גרויסער באָדעליאַנאַ-קאַטאַלאָג, וואו ער האָט אויך פאַרצייכנט די דערמאָנטע יידישע ווערק שוין נאָכדעם ווי ער האָט זיי אַליין געזען. אין 15 יאָר אַרום האָט ער די אָנגעהויבענע סעריע ממשיך געווען, צוגעבנדיק אַ באַשרייבונג פון 64 כתב-ידן אין יידיש אויס די ביבליאָטעקן פון אָקספאָרד, מינכען, האַמבורג א"אַ אין זיין אַרטיקל Jüdisch-deutsche Literatur und Jüdisch-Deutsch mit besonderer Rücksicht auf Ave-Lallemant (אין Serapeum, 1864); פון זיינע אַנדערע אַרבעטן אויפן געביט פון יידישיסטיק איז צו דערמאָנען: "דאָס מעשה-בוך" (ib, 1866, 1—12); וועגן די אַלטע טייטש-חומשים און די יידישע תנך-איבערזעצונגען בכלל (ib, 1896); אַ ריי אַרטיקלען וועגן יידישע ספרים אין זיין זשורנאַל Hebräische Bibliographie, די אַרטיקלען אין ערשס און גרובערס ענציקלאָפעדיע Jüdische Literatur (אין אַ פאַרמערטער און פאַרבעסערטער אויפלאַגע אַרויס אין ענגליש און אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג פון ה. מאַלטער א"ט ""ספרות ישראל") און זיין אַרטיקל Jüdische Typographie und jüdischer Buchhandel, Geschichtsliteratur der Juden (1905); Purim und Parodie (אין Israelitische Letterbode פון מ. רעסט, אַמסטערדאַם, 1881—83), וואו ש' ברענגט 31 אויסגאַבן פון פורים-שפּילן, א"אַ. די וויכטיקסטע אָריגינעלע אַרבעט ש'ס איז „Die Hebräischen Übersetzungen des Mittelalters und die Juden als Dolmetscher—אַ ביי-טראָג צו דער געשיכטע פון מיטלעלטער" (בערלין, 1893). ער האָט גלייך פריי געשריבן אויף דייטש, לאַטיין, פראַנצויזיש, איטאַליעניש און העברעיִש (פאַרעפנטלעכט אַפילו אַ בוך העברעיִשע שירים, 1846). זיין סטיל איז אַ טרוקענער, באַשטימט בלויז פאַר געלערנטע לעזער. (כאַראַקטעריסטיש, אַז ער האָט צוזאַמען מיט האָרוויץ פאַרפאַסט אַ כרעסטאָמאַטיע פאַר קינדער א"ט „אמרי בינה", 1846, א"אַ לערנביכער פאַר דער ששון-שול אין באָמביי). פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון זיינע פילאָסאָפישע אָנשויונגען איז זיין בוך Arabische Literatur der Juden (1902), וואו דער 86-יעריקער מיטגרינדער פון חכמת ישראל זאָגט אַרויס זיין אַני-מאַמין.

וואורצבאַך, Biographisches Lexicon; ג. א. קאָהוט, ביבליאָגראַפיע פון ש'ס שריפטן, אין דער Festschrift צו ש'ס 80טן געבורטסטאָג; JE, XI און EӘ, XVI; „דאָס יידישע פאָלק", ווילנע, 1907, 4; ב. באָראָכאָוו, „ביבליאָטייק", 214—220, 242—257; ד"ר מאַקס וויינרייך, „שטאַפּלען" און „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור-געשיכטע".

שטיפּס הירש-פּרץ (הערמאַן) (1880 —) געב' אין לוויוויטש, וואַרשעווער געגנט, אין אַ רייכער פאַמיליע. פון קינדווייז אויף אַרויסגעוויזן פעיִקייט צו מוזיק, צו פידלשפּילן און צו קאָמפּאָזיציע, אָבער געשטערט געוואָרן דורך זיין פרומען פאָטער אין זיין שטרעבונג אויסצובילדן זיך אַלס מוזיקער, ביז ער איז געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן די היים און האָט קעגן די עלטערנס ווילן שטודירט אין בערלין, אַרום 1900 געפאָרן קיין לאָנדאָן, שפּעטער צוריקגעקומען אין זיין געבורטשטאָט. ער האָט פאַרפאַסט אויף יידיש אַ מעטאָדע צו לערנען פידלשפּילן (לאָנדאָן, אַרום

1903, ז׳ 100), אַ מעטאָדע צו לערנען געזאַנג אָן דער הילף פון אַ לערער און „די מעטאָדע צו ערלערנען שפּילען מאַנדאָלינע״ (וואַרשע, 1915, ז׳ 23, מיט נאָטן פון אייניקע יידישע אָפּערעטעס, ווי „חורבן ירושלים, „זיין ווייבס מאַן״, „שיר השירים״, „יעקב און עשו״), „שטיפּטס עגזאַמען אונד דועטען בוך, אויס צו איבן די פינגער ביים שפּילער״. אין לאָנדאָן זאָל ער אויך האָבן געווען אַ מיטאַרבעטער אין די „נאַציאָנאַל-גאַזעטען״. ער האָט אויך פאַרפאַסט אַ פּאָר טעאַטער-שטיק, ווי „די מלחמה צווישען פאָטער אונד זאָהן אָדער דער קאַמפּף צווישען פאַנאַטיזם און ציוויליזאַציאָן — איין אָריגינאַל בילד פון יידישען לעבען אין 4 אַקטען״ (וואַרשע, 1905, ז׳ 41) און „אַלגעמיינער סטרייק אין רוסלאַנד אָדער רויבער דורך נויט / אַ מוזיקאַלישע מעלאָדראַמע״ (וואַרשע, 1906, ז׳ 60), וועלכע זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין מוראַנאָווער יידישן טעאַטער אין וואַרשע.

שטילמאַן מאַנועל (כ״ד טבת 1902—) געב׳ אין בראַבאָדעווקע, אוקראַינע. 1911 געקומען קיין אַרגענטינע, זינט 1921 זיך באַטייליקט אין „דער פּרעסע״. זינט 1924 רעדאַקטירט אין זיין וואוינאָרט אַוועזשאַנעדע דאָס צווייוואָכנבלאַט „אַוועזשאַנעדער שטימע״.

שטיקער מאיר (4/VIII 1905 —) געב. אין בוביבעריק (Bóbika), גאַליציע. געלערנט אין חדר און אַ העברעישער שול און אַ געוויסע צייט אויך באַזוכט די גימנאַזיע אין לעמבערג. 1921 אויסגעוואַנדערט קיין נ״י, וואו באַזוכט אַ הויכשול. איז באַשעפטיקט אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ רעקלאַמען-אַגענטור. האָט זינט 1924 פאַרעפנטלעכט לידער און דערציילונגען אין „יונג-קוזניע״, „פּ. א. ש.״ (אויך א״פּ דזשעני גאָלדשטיין, בעלערשטיין), „טאָג״, „פרייהייט״, „פעדער״, „אינזעל״, אין זמ״ב „שריפטן״ VIII, „צוקונפט״, צ״אַ איבערזעצונגען פון פאָל ווערלען, פון לי טאי פּאַ, פון אינדיאַנישע און אַראַבישע לידער. זעצט איבער יעקב וואַסערמאַנס ראָמאַן „קריסטיאַן וואַנשאַפּע״ („די וועלט-אילוזיע״) פאַרן פ״ג גראָהאַר און סטאָדאָלסקי. צוזאַמען מיט אַבא שטאָלצענבערג רעדאַקטירט דעם זשורנאַל „פיילן״.

שטענצל אברהם-נחום (ז׳ אייר 1897 —) געב׳ אין דאָרף טשעלאַדז, לעבן סאָסנאָוויץ, ביי דער דייטשער גרענעץ, וואו זיין זיידע פון דער מוטערס צד איז געווען דער ערשטער ייד. זיין פאָטער, אַ זון פון טשענסטאָכאָווער דיין, אַ בקי אין ש״ס און פוסקים, אויסגעווייקט אין חסידות און קבלה, האָט אָבער ניט געוואָלט ווערן קיין כלי-קודש און געאַרבעט שווער אויפן שטיקל ברויט. ש׳ האָט געלערנט אין חדר, אָבער ס׳רוב אונטער דעם פאָטערס השגחה, צו 13 יאָר אַוועק אין דער ישיבה פון סאָסנאָוויץ, וואו זיין ברודער איז געווען רב און ראש-ישיבה, שפּעטער געלערנט אין טשענסטאָכאָוו, באַקאַנט געוואָרן אין טשענסטאָכאָווער בית-מדרש אַלס פּשטל-זאָגער און „יוילדער קאָפּ״, געפירט אַ קליינע ישיבה. צו יענער צייט אָבער האָט זיינע עלטערן אָנגעהויבן צו גיין שלעכט און ער האָט געמוזט נעמען אויף זיך דעם עול פרנסה אין יענער שווערער מלחמה-צייט. נאָך דער מלחמה, אונטער דער ווירקונג פון זיין חבר וו. וויעוויאָרקע, אָנגעהויבן צו לייענען יידישע ביכלעך (ביז דאַן קיין יידיש אַפילו ניט געקענט לייענען, פון אַנדערע שפּראַכן שוין אָפּגערעדט), אָנגעהויבן צו שרייבן

לידער אויפֿן שטייגער פֿון מאָריס ראָזענפעלד און א. רייזען, דאַן אויך געגרינדעט אַ „החלוץ"-גרופּע אין טשענסטאָכאָוו, הגם קיין ציוניסט ניט געוואָרן, נאָר געווען פֿול מיט באַגייסטערונג פֿאַר ערדאַרבעט, געהאַלטן, אַז ניט נאָר די ציוניסטישע יוגנט קען אַריין אין דער גרופּע, נאָר אויך פֿון אַלע אַנדערע פּאַרטייען, גלייכצייטיק געזאָגט דריימאָל אַ וואָך אַ שיעור גמרא מיט תּוספות פֿאַר די צעירי-מזרחי, געשריבן לידער און אַ דראַמע איבער דעם לעמבערגער פּאָגראָם אאַז"וו. 1919 צוגענומען געוואָרן צום מיליטער, פֿון קאַזאַרמע אַנטלאָפֿן קיין האָלאַנד, פֿאַרבראַכט דאָרט צוויי יאָר, געאַרבעט אַלס טרעגער פֿון שווערע אייזנשטאַנגען אויף אַן אייזנפֿאַבריק, געשלאָפֿן אויף וואָקזאַלן, געלעבט צווישן פּויערים אַלס פֿאַרעבאָק, געשלאָפֿן מיט דעם פֿיך אין פֿעלד אאַז"וו (און אויך איצט זומערצייט באַשעפֿטיקט ביי פֿעלדאַרבעט). אויס דראַנג נאָך אַ סביבה, אין וועלכער ער זאָל זיך קענען אַנטוויקלען, 1921 אַוועק קיין בערלין, געלעבט אַ צייט אויך אין לייפּציג. פֿאַר אומלעגאַל אַריבערגיין די גרענעץ און אויפֿהאַלטן זיך אין בערלין אָן אַ דערלויבעניש אין צוזאַמענהאַנג מיט פֿאַרדעכטיקייט אין באָלשעוויזם — פֿאַרמשפּט געוואָרן 1925 צו 3 חדשים תּפֿיסה, וועלכע שטראָף האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע אויפֿרעגונג אין דייטשלאַנד איז אין דער צווייטער אינסטאַנץ פֿאַרקלענערט געוואָרן אויף איין חודש און אין דער דריטער אינסטאַנץ אינגאַנצן געשאָנקען געוואָרן. — אין בערלין זיך באַקענט מיט בעל-מחשבֿותן, וועלכער האָט אָפּגעדרוקט זיינע ערשטע לידער און אַ נאָוועלע אין „צוקונפֿט" און „מאָרגען זשורנאַל". זיינע לידער אין עקספּרעסיאָניסטישן גייסט, וועלכע זיינען אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע דייטשע צייטשריפֿטן דורך ד"ר א. זול, האָבן צוגעצויגן אויף אים די אויפֿמערקזאַמקייט אין די דייטשע ליטעראַרישע קרייזן, די באַרימטע דייטש-יידישע דיכטערין עלזע לאַסקער-שילער האָט אַפֿילו אָנגעשריבן לכּבֿוד שין אַ הימן אין Berl. Tageblatt. זיין ערשטע זאַמלונג „לידער און געדיכטען" איז אַרויס אין מענעס-פֿ"ג, לייפּציג, אַלס ערשט ווערק פֿון דער „סעריע פּובליקאַציעס פֿון יונגע קינסטלער פֿון אַלע לענדער און אמונות". שפּעטער זיינען אַרויס זיינע פּולערע לידער-זאַמלונגען: „און דו ביסט גאָט" (פֿ"ג „שמש", לייפּציג, ז' 92) און אַ ב' ליבע-לידער „זוך איך דיך" (דערז' פֿ"ג). האָט אויך אָנגעשריבן אַ ציקל פֿון 40 דאָרפֿסלידער — „שטיללעבנס", פֿון וועלכע אַ טייל פֿאַרעפֿנטלעכט אין „דער יידישער וועלט" 1928, VIII, און האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ דראַמע אויס דעם לעבן פֿון די חלוצים.

א. זוהל אין Leipziger Jüd. Ztg; פֿון 10/II 1924; יוסף פּינסק, „משורר יהודי לפני כּס-המשפּט הפּרוסי", אין „היום" פֿון 14/VIII 1925; בנימין, אין דער יידישער פּרעסע פֿון אָנהייב 1926; פּ. הערמאַן, אין Jüd. Rundschau, 9, 1926; אסתּר עליאַשעוו, אין „נייס", 1926, 12; נחמן מייזיל, אין „היינט", 1928; לאַצקי-בערטאָלדי, אין „פֿרימאָרגן" פֿון 8/VII 1928.

שטערן ישראל (שבֿועות 1894 —) געב' אין אָסטראָלענקאָ, לאָמזשער געגנט, אַלס זון פֿון אַן אָרעמען מלמד און אייניקל פֿון אַ סופֿר. געלערנט אין חדר און דערנאָך אין די ישיבֿות פֿון לאָמזשע און סלאָבאָדקע, אין אַ קיבוץ אין וואַרשע. געווען אַ פֿאַרקאָכטער מוסרניק, געחלומט צו ווערן אַ ראַבינער, שפּעטער זיך פֿאַראינטערעסירט מיט ליטעראַטור. דער אויסבראָך

פון דער וועלט=מלחמה האָט אים געטראָפן אין ווין, וואו ער איז אַלס רוסישער בירגער אינטערנירט געוואָרן אין אַ געפאַנגענלאַגער. 1917 איז ער צוריקגעקומען קיין פוילן. האָט דעביוטירט 1919 אין דעם וואָכנבלאַט „דאָס פאָלק" מיט לידער, וועלכע האָבן געצויגן אויף דעם יונגן אָנפאַנגער די אויפמערקזאַמקייט,



זינט דאַן האָט ער זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע וואַרשעווער צייטונגען, זשורנאַלן און זמ"ב, צ"אַ אין „דער אילוסטרירטער וועלט", זמ"ב „פון פוילען", די זשורנאַלן „רינגען", „דער חודש", „אילוסטרירטע וואָך", הלל צייטלינס „סנה", „אונזער האָפנונג", אויך אין די לאָדזער זמ"ה „ס'פעלד", אין ב"י'ער „צוקונפט" אאַז"וו. אַ באַזונדער רושם האָט געמאַכט זיין פאָעמע „פרילינג אין שפּיטאָל" — אין „וואַרשעווער אַלמאַנאַך", 1924 (אויך אין „צוקונפט", 1924, I — א"ט „וואָס ווייסט איהר אַלע אויף די גאַסען") מיט דער פרישקייט פון מאָטיוו און דער אייגנאַרטיקייט פון אויסדרוק, און ביי היינטיקן טאָג געהערט ש' צו די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער יונגער יידישער פּאָעזיע אין פוילן, הגם אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג פון זיין שאַפן וועט ערשט קענען געגעבן ווערן, ווען זיינע שירים און ווערק וועלן צונויפגעזאַמלט ווערן אין בוכפאָרם. ער האָט אויך געשריבן אַ.ריי אינטערעסאַנטע עסייען און ליטעראַריש = קריטישע אַרטיקלען, צ"אַ אין „היינט", „מאָמענט", „היום", „פאָלקס-צייטונג", „באַפרייאונג" (א"פ פלאָראַ יודענקאַרש), „עפּאָכע" א"ר פון דוד איינהאָרן, „ביכער=וועלט", צ"אַ וועגן ביירהאָנען („ליטעראַ־ישע בלעטער", 1924, 3), א. לעיעלעס' „שלמה מולכו", ש"ע, נאַדיר, רעסלער, נאָמבערג (1927 ib), יהואש, אייזיק=מאיר דיק, עמיל ווערהאַרן, גאָרקי אאַז"וו. אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין גרוסער אַרבעט „קרוינען צום קאָפּ פון דער יידישער קריטיק" (אין די „וואַרשעווער שריפטן" 1926, ז' 42 — אַנטהאַלט די קאַפּיטלען „דער לעזער און דער קריטיקער", „דער קריטיקער און דער דיכטער", „י"ל פרץ און די יידישע קריטיק") האָט ש' פּאָלעמיזירט וועגן קריטיק מיט י. י. זינגער און משה גראָס אין „ליטעראַרישע בלעטער" 1927. האָט צוזאַמען מיט מ. ראַקאָווסקי איבערגעזעצט פאַר דער ווילנער טרופּע שעקספּירס „שיילאָק". איינקע פון זיינע לידער זיינען איבערגעזעצט אויף פויליש אין Nasz Przegląd.

ש. ניגער אין „צוקונפט", 1924, V, ז' 328—329; ב. גראַבבארד, אין „פעדער", 1924, VII; ש', „מיין בוך אַסטראַלענקאַ" — פּאָעמע, אין „ליטעראַרישע בלעטער", 1927, 41—42.

שטערנבערג, יעקב (IV/ 1890 —) געב' אין ליפּקאַן, בעסאַראַביע, אין אַ יחוסדיקער סוחרישער פאַמיליע פון אַ בעסאַראַבער, אַ גרויסן תבואה= און אָקסןסוחר; די מוטער

זיינע שטאַמט פון רומעניע. געלערנט אין חדר און חדר=מתוקן, דאַן דורכגעמאַכט 5 קלאַסן פון דער גימנאַזיע אין קאַמעניץ, פאַר סאָציאַליסטישער טעטיקייט אַ קורצע צייט געווען אַרעסטירט. אָנגע=

הויבן צו שרייבן לירישע פּראָזע 1908,
געוויזן זייַנע ערשטע פּרוּוון זייַן עלטערן
חבר און בן=עיר אליעזר שטיינבאַרגן,
אונטער וועמעס השפּעה זיך אין אַ גע=
וויסער מאָס געפונען. דעביוטירט מיט
אַ מעשהלע „בענקשאַפט" אין „אונזער
לעבען" 1908, אויפגעמונטערט געוואָרן
צום שרייבן אויך פון פּרצן, 1911 זיך
באַקענט מיט ביאַליקן, וועלכער האָט
אייניקע ש'ס לידער געשיקט צו א. רייַ=
זענען פאַר זייַן וואָכנבלאַט „דאָס נייע
לאַנד" מיט אַ וואַרעמער רעקאָמענדאַציע
(איבעריקנס האָט א. רייזען שוין מיט
אַ יאָר פריער געהאַט אָפּגעדרוקט פיר
שירים ש'ס אין זייַן זמ"ב „פרייע ערד"),
האָט זיך אויך באַטייליקט אין „לעבען
און וויסענשאַפט" א"ר פון ש. ניגער,
אין אָדעסער „גוט מאָרגען". נאָכן אויס=
בראָך פון דער וועלט=מלחמה אַנטלאָפן
קיין רומעניע, וואו זינט דאַן זיך באַטייַ=
ליקט אין פאַרשיידענע יידישע, רומע=
ניש=יידישע און אַלגעמיין רומענישע
צייטשריפטן, צ"אַ אין דער צוויי=וואָכנ=
שריפט „דער האַמער", בראַילע 1916,
אין די טשערנאָוויצער „פרייהייט", „דאָס
נייע לעבן", זמ"ב „קולטור", ניויאָר=
קער „צייט", „ליטעראַרישע בלעטער",
אין בוקאַרעשטער Zionul, 1916, Curie-
rul Izraelit, 1917, און דערהויפּט אין
דער טאָגצייטונג Mantuirea, אַרויסגע=
געבן פון זייַן פרייַנד דעם יידיש=העב=
רעישן פּובליציסט און מעצענאַט זיסו,
אויך אין Luptatorul און דער טעאַטער=
צייטונג Scena א"אַ. צוזאַמען מיט יעקב
באָטאָשאַנסקי האָט ש' רעדאַקטירט די
וואָכנשריפט Hatikwa, גאַלאַץ 1918, דעם
אָרגאַן פון דער יידישער סעקציע ביי
דער רומענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי
„דער וועקער" אַלס איינער פון די אָנפירער
פון דער דאָזיקער סעקציע, און שפּעטער

דאָס זמ"ה „שויבן" (1924), דאָס וואָכנ=
בלאַט „אונזער וועג" (1926) און „אונזער
וואָרט" (1926) אין בוקאַרעשט. אין בו=
קאַרעשט, וואו ער האָט אַרום זיך געזאַמלט
אַ גרופּע פון יידישע אינטעליגענטע כוחות
און זיך געפּרוּווט שאַפן אַ יידיש=קולטורע=
לע סביבה, האָט ער געגרינדעט אַ יידיש
רעווי=טעאַטער און געשאַפן אַ זייער
אינטערעסאַנטן טיפּ פון פּיעסן, די אַ"ג
„רעוויסטעס", סאַטיריש=מוזיקאַלישע טע=
אַטערשטיק, וואו עס ווערט אָפּגעשפּעט
פון די אַסימילאַטאָרישע יידן, פון זייער
גאַנצן לעבן, זייערע אינסטיטוציעס אאַז"וו;
אַ טייל „רעוויסטעס" האָבן אַרויפגעבראַכט
אויף דער בינע באַרימטע יידישע שריפט=
שטעלער און געמאַכט אַזוי אַרום באַ=
קאַנט דאָס שטאַרק אָפּגעשטאַנענע יידי=
שע פּובליקום מיט דער יידישער לי=
טעראַטור (די דאָזיקע לאָקאַל=אַק=
טועלע מוזיקאַלישע קאָמעדיעס — „צי=
מעס", „בוקאַרעשט=ירושלים", „אינ=
מיטנדרינען", „גרינע בלעטער", „אויפן
בוידעם אַ יריד", „איקס, מיקס, דריקס",
„קוקוריקו", „שלום=עליכם" און אַ קאָ=
מעדיע אין איין אַ' „הערשעלע אָסטראָ=
פּאָליער" — אַלע געשריבן צוזאַמען מיט
יעקב באָטאָשאַנסקי, זייַנען אויפגעפירט
געוואָרן אויף די בוקאַרעשטער זומער=
און ווינטער=בינעס אין די יאָרן 1917 —
18 צו 20 און צו 30 מאָל יעדע פּיעסע,
און אויך די רומענישע פּרעסע האָט
ש'ס רעווי=טעאַטער געווידמעט אַ רייַ
אַרטיקלען). זייַן טעאַטראַלישע טעטיקייט
האָט ש' שפּעטער ווייטער געפירט אַלס
לייטער פון דער „ווילנער טרופּע" אין
בוקאַרעשט (1924 — 26), און זייַן אויפ=
פירונג פון אָסיפּ דימאָווס „יאָשקע מוזי=
קאַנט אָדער דער זינגער פון זייַן טרויער",
אַ מעלאָדראַמע, וועלכע ער האָט פאַר=
וואַנדלט אין אַ הערלעך מעשהלע. האָט

דער „ווילנער טרופע" פאַרשאַפט אַ רע=
קאָרד=ערפאָלג אין רומעניע; אַ מאַטער=
יעלער דורכפאַל איז געווען זיין צווייטע
גרויסע עקספּרעסיאָניסטישע אויפפירונג
מיט די „ווילנער"—פון גאָגאָלס „חתונה",
וועלכע האָט איינגעשלונגען אַ אומגע=
הייערע סומע געלט. די לעצטע יאָרן
האָט ש' זיך פאַראינטערעסירט מיטן
פילם און האָט סוף 1928 באַזוכט בער=
לין, וואו ער האָט געפירט אונטערהאַנד=
לונגען וועגן פאַרפילמען זיינס אַ ווערק.—
איינער פון די פירער פון דער יונג=
יידישער דיכטונג אין רומעניע, האָט ש'
אַלס ליריקער דורכגעמאַכט פאַרשיידענע
עטאַפּן. אָנגעהויבן האָט ער סענטימענ=
טאַל=ליריש און ראָמאַנטיש, געמאָלט
פּייזאַזשן פון בעסאַראַבישן שטעטל און
בעסאַראַבישער סטעפּ, געשריבן באַלאַדן,
עלעגיעס, שפּעטער געשאַפן אַ ריי סימ=
באָלישע ווערק („שניי"), איבער צו
סאָציאַלע און אורבאַניסטישע מאָטיוון
אין דערגרייכט זיין העכסטע אַנטוויק=
לונג אין זיין עקספּרעסיאָניסטיש=גראָ=
טעסקע גרויסער פּאָעמע „קאָליברי". אַן
אָפּשאַצונג פון זיין דיכטונג וועט אָבער
ערשט קענען געגעבן ווערן, ווען זיינע
ווערק וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן אין
בוכפאָרם. האָט אויך איבערגעזעצט אַ ריי
„פאָלקסלידער" פון ח"נ ביאַליק. —
געווען איינער פון די גרינדער פון דער
יידישער קולטור=פעדעראַציע אין רומע=
ניע און מיטגליד פון איר צ"ק.

חיים לעקער, „די יונגע יידישע ליטעראַטור
אין גרויס-רומעניען", אין „פרייהייט", 1919, 50;
ד"ר ישראל רובין, „די ל"ו", אין „ליטעראַרישע
בלעטער", 1927; יעקב באָטאָשאַנסקי, אין „יידיש
טעאַטער", 1927, I.

שטערנבערג פייוול (אַרום 1886—
) געב' אין קאָלאָמיי, מזרח=
גאַליציע. שטודירט אין ווינער אוניווער=
סיטעט און באַקומען דעם טיטל ד"ר
אַלס יוריסט. אַרום 1913 איז ער אַ
קורצע צייט געווען רעדאַקטאָר פון דעם
אָרגאַן פון די עסטרייכישע פ"צ „דער
יודישער אַרבייטער" אין לעמבערג. צו=
ריקגעקומען פון דער מלחמה, האָט ער
זיך באַזעצט אין טשערנאָוויץ, וואו ער
האָט געשפילט אַ באַדייטנדע ראָלע אַלס
געזעלשאַפטלעכער טוער, פירער פון די
פ"צ, רעדאַקטאָר פון דעם וואָכנבלאַט
„די פרייהייט" — אָרגאַן פון דער יידי=
שער סאָציאַליסטישער אַרבעטער=פּאַרטיי
פ"צ אין בוקאָווינאַ, וועלכע האָט אָנ=
געהויבן צו ערשיינען דעם 1/V 1919
(אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר
איז געווען אָנגעגעבן ד"ר מאיר ראָז=
נער). נאָך דער פאַרשטאַרקונג פון
דעם לינקן פליגל אין דער פּאַרטיי האָט
די רעדאַקציע איבערגענומען (זינט נומ'
65 פון 29/VII 1920) ד"ר שלמה ביקל,
און דאַן האָט ש' זיך צוריקגעצויגן פון
דער באַוועגונג און זיך באַזעצט אין
ווין. האָט פון צייט צו צייט זיך באַ=
טייליקט אין דער פּרעסע, ווי, למשל,
מיט זיין אַרטיקל אין Wiener Morgen-
zeitung „איז דאָס יידישע טעאַטער
טויט?" — אַן ענטפער אויף די פּעסי=
מיסטישע אויספירונגען פון זיגפריד
שמיץ בנוגע די אַנטוויקלונגס=מעגלעכ=
קייטן פון דעם יידישן טעאַטער.

שטערנהיים נחום (1879 —
) געב' אין ריישע, מערב=גאַליציע,
אין אַ חסידישער משפחה, וואָס גרייסט
זיך מיט איר יחוס ביז בעל=שם=
טוב. ביז 17 יאָר געלערנט אין דער
ישיבה, דאַן געוואָרן אַ האַנדלס=אָנגע=
שטעלטער, זיך באַטייליקט אין דער
פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון די
אָנגעשטעלטע און אַרבעטער, גלייכצײ=
טיק אָנגעהויבן צו זיין טעטיק אַלס פ"צ
אין זיין געבורטשטאָט, ווי אויך אין

אַ ריי אַנדערע שטעט אין גאַליציע און בוקאָווינע, בעת די וואַלן צום עסטרייכישן פּאַרלאַמענט 1907 אויפגעטרעטן אַלס פאָלקס=רעדנער, אַגיטירנדיק פאַר דער יידיש=נאַציאָנאַלער ליסטע, געשריבן אויך אַרטיקלען אין דער גאַליציש=יידישער פרעסע, ווי אין לייבל טויבישעס „וואָכענבלאַט" א"אַ.

גלייכצייטיק האָט ער זיך אויך אָפּגעגעבן מיט גרינדן דראַמאַטישע און מוזיקאַלישע קלובן, פאַר זיי — אַליין געשריבן לידער, וועלכע זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן דער יידישער מאַסע אין גאַליציע. אָנהייב 1908 אַוועק קיין אַמעריקע, געאַרבעט אין אַ שאַפּ, אָבער אויך געווען ווייטער טעטיק אַלס רעדנער און אַלס פאָלקסדיכטער, צוזאַמען מיט משה לעווין געגרינדעט אַ פּועלי=ציון=געזאַנגפאַראיין צו קולטיווירן די ריין=יידישע מאָטיוון אין דער מוזיק, געשריבן קאָרעספּאָנדענצן אין לעמבערגער „טאָגבלאַט", אין אייניקע יאָר אַרום צוריקגעקומען קיין גאַליציע, אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן זיינע פאָלקסלידער אין פאַרשיידענע צייטשריפטן, ווי לעמבערגער „טאָגבלאַט", „וויענער מאָרגענצייטונג", דעם זמ"ב „יום=טוב=ביכער" 1917 א"אַ, אויך אין באַזונדערע אויסגאַבן מיט נאָטן (ווי: „ציון'ס ליעדער / אין מיין לאַנד" — מיט מוזיק פון אָבערקאַנטאָר ב. גוטמאַן, פּראָג, „דאָס יידישע ליעד", „שלאָף=ליעד", „רחום וחנון / די תפילה פון'ם אייביגען פליכטלינג" — מוזיק פון ה. וואָלפּסטאַל, „דאָס רעדעלע", „די פּאַראָדיע צום רעדעלע", „דאָס מלחמה=יתום'ל", „לעגיאָנען=מאַרש", „דאָס יידישע טרינקליעד", „דאָס פעלדבריוועלע", „ישמח משה" א"אַ). ש' האָט פאַרפאַסט הונדערטער לידער מיט די ניגונים צו זיי, וועלכע ווערן געזונגען אין גאַליציע, צום טייל אַפילו אַלס אַנאָנימע פאָלקסלידער. צו די פּאָפּולערסטע לידער זיינע געהערן: „ישמח משה", „מלכהלע", „גרינע וועלדער", „האָבן מיר אַ ניגונדל", „אין מיין לאַנד", מלחמה=לידער אאַז"וו. ער וואוינט אין ריישע, פון וואַנען ער פאָרט פון צייט צו צייט אַרויס אין די שטעט פון גאַליציע צו האַלטן רעפעראַטן וועגן דעם יידישן פאָלקסליד און דערביי צו זינגען זיינע אייגענע לידער.

פ. וו(יטקאָווער), אין לעמבערגער „טאָגבלאַט" פון כ"ט תשרי תרע"ה; אברהם הויפּטמאַן, ib; מ. קיפּניס, אין „היינט".

שטערק (Staerk) ווילי=אָטטאָ=אַלעקסאַנדער 15/XII 1866—)

געב' אין בערלין אַלס זון פון רעקטאָר אַלעקסאַנדער ש'. שטאַמט מצד דעם פאָטער — פון אַ משפחה האָלענדישע קאָלאָניסטן, מצד דער מוטער — פון אַ הוגענאָטישער פאַמיליע. האָט געלערנט אין דער פאָלקסשול, אין דער לייבניץ=גימנאַזיע אין בערלין, דאַן שטודירט אין די אוניווערסיטעטן פון בערלין און האַמבורג — עוואַנגעלישע טעאָלאָגיע, אָריענטאַליסטישע, קלאַסישע און גערמאַניסטישע פילאָלאָגיע (1887 — 92), דעם ד"ר=טיטל באַקומען 1890 אין האַללע, דעם טיטל ליצענציאַט פון טעאָלאָגיע — 1894, אויך אין האַלע. זינט 1905 פּריוואַט=דאָצענט פאַר אַלט=טעסטאַמענטלעכער וויסנשאַפט אין אוניווערסיטעט פון יענאַ, זינט 1908 — אָרדינאַרער פּראָפעסאָר דאָרט. האָט זינט 1891 פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי מאָנאָגראַפיעס און אַרטיקלען, אויך זייער אַ סך רעצענזיעס

אין טעאָלאָגישע און ליטעראַרישע צייטשריפטן, אויס דעם געביט פון דעם אַלטן טעסטאַמענט און דער אָריענטאַלישער פילאָלאָגיע. אַ גוטער קענער פון יידיש, האָט ער אין יאָר 1917 געפּלאַנט אַרויסצוגעבן מיט דער הילף פון דער היידעלבערגער אַקאַדעמיע אַ גרויס ווערק וועגן דער יידישער שפּראַך און אירע דיאַלעקטן, אָבער פון דעם איז צוליב די אומשטענדן פון דער מלחמה־צייט גאָרנישט געוואָרן. צוליב דיזעלביקע אומשטענדן האָט ער אויך ניט געקענט רעאַליזירן זיין גרויס ווערק אין 2 ב׳, וואָס זאָל אַרומנעמען די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, פון די עלטסטע צייטן ביזן היינטיקן טאָג, אַ ווערק, אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט אין די מלחמה־יאָרן אין פאַרשיידענע גרויסע ביבליאָטעקן פון דייטשלאַנד, צוגעגרייט דעם גאַנצן מאַטעריאַל און העכער העלפט אים דורכגעאַרבעט. בלויז אַ טייל פון דער דאָזיקער אַרבעט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַלס אויסגאַבע פון די „שריפטן פון דער געזעלשאַפט צו פעדערן די וויסנשאַפט פון יידנטום" מיט דער אונטערשטיצונג פון דער „צונץ־שטיפטונג" אין בערלין א״ט Die Jüdisch-Deutschen Bibelübersetzungen / von den Anfängen bis zum Ausgang des 18. Jahrhunderts — לויט האַנטשריפטן און אַלטע דרוקן אויסגעלייגט פון וו. ש׳ און א. לייצמאַן, פּראָפעסאָרן אין יענאַ, מיט אַ באָך ניט ערשינענעם גלאָסאַר פון ד״ר פילי. פר. ברוין־יענאַ (פ״ג י. קויפמאַן, פראַנקפורט־דמאַין, 1923, ז׳ XXXIX + 336). איינס פון די וויכטיקסטע ווערק אויפן געביט פון דער געשיכטע פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, שעפּט עס אויס דעם ענין כמעט אינגאַנצן (אַחוץ די יקר־המציאותן פון אָקספאָרד, פאַריז, פּאַרמע, צו וועלכע ס׳איז צוליב דער מלחמה געווען אוממעגלעך צוצוקומען); צום אָנהייב גייען דאָ אויסצוגן פון העברעישע פירושים אויפן תנך מיט ספּאָראַדישע יידישע טייטשווערטער, דאַן ווערן געבראַכט מוסטערן פון סיסטעמאַטישע גלאָסאַרן, וואו די לשונקודשדיקע ווערטער ווערן איבערגעזעצט אויף טייטש, שפּעטער קומען גאַנצע איבערזעצונגען פון חומש און פון די נביאים און אין לעצטן פּרק גיט אונז דאָס בוך באַאַרבעטונגען פון דער ביבל; דאָס ווערק האָט בכלל אַריינגענומען — זייער ווייניק באַקאַנטע ווערק אָדער געבראַכט מער ווי מיר האָבן פאַרמעגט אין די ביזאיצטיקע אָפּדרוקן; פון יעטווידער דענקמאָל זיינען געבראַכט גרעסערע אויסצוגן און אַלס אַריינפיר צו איטלעכן ווערק; באַזונדער גייט אַן אָנווייז אויף דער ליטעראַטור וועגן דעם ענין און אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק פון דעם ווערק. ליידער ווערן די אַלט־יידישע טעקסטן געבראַכט אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע, וואָס ס׳נעמט ביי זיי אַוועק די באַדייטונג אַלס מקור פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך. פון ש׳ס אַנדערע אַרבעטן אויפן געביט פון יידישיסטיק איז צו דערמאָנען: „אויס די אַלט־יידישע אוצרות פון דער מינכענער מלוכישער ביבליאָטעק" (וואו ער ברענגט פּראָבעס פון צוויי אינטערעסאַנטע אַלט־יידישע האַנטשריפטלעכע ווערק — אַ געגראַמטע איבערזעצונג פון אברהם אבן חסדאיס „בן המלך והנזיר" און אַ איבערזעצונג פון דידאַקטישן ווערק „משלי סנדבר" אָדער „קאַלילאַ און דימנאַ" — אין די „פילאָלאָגישע שריפטן" I פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט; וועגן דעם דאָזיקן ב׳ האָט ש׳ אגב אויך פאַרעפנטלעכט אַ רעצענזיע

אין Orientalistische Literaturzeitung, 1927, 10.

ד"ר מ. ווײַנרײַך, „תנ"ך-איבערזעצונגען אין דער אלטער יידישער ליטעראטור", אין „ביכערוועלט", 1923, V, ז' 297—306; id, אין דעם Literaturblatt für germanische und romanische Philologie, 1925, XI—XII.

שטראַק הערמאַן לעבערעכט (6/V 1848 — 5/X 1922) געב' אין בערלין. האָט שטודירט אין בערלין און לייפּציג טעאָלאָגיע און אָריענטאַליסטיק, אין לייפּציג דורך יאָהאַן הײנריך ראַפאַעל ביזענטאַל און פראַנץ דעליטש באַקומען אָנרעגונג צום שטודיום פון דער העברעישער ליטעראַטור.



זײַן דאָקטאָר-דיסערטאַציע 1872 האָט זיך באַשעפטיקט מיט די כתב-ידן פון תנך און דער פראַגע, וואָס פאַר אַ נוצן מ'קען אַרויסבאַקומען פון די אַלטע ציטאַטן אין תלמוד און מדרש פאַר דעם טעקסט פון תנך. 1874 איז ער אין שליחות פון דעם רוסישן בילדונגס-מיניסטעריום צוזאַמען מיט אברהם הרכבי געווען אין טשופוטקאַלע אין קרים צו אונטערזוכן די דריטע ווערטפולע (טראָץ די פילע פעלשונגען אין די נעמען און יאָרצאָלן) זאַמלונג פון די פירקאָוויטש-מאַנוסקריפּטן. אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע פאָרשונגען האָט ש' 1875—76 פאַרבראַכט אין פּט"ב, וואו עס איז אונטער זײַן אָנפירונג אַרויסגעגעבן געוואָרן דער Codex Prophetarum Posteriorum Babylonicus Petropolitanus (מיט דער בבלישער אייבערשטער פּונקטואַציע) — איינס פון ש'ס וויכטיקסטע אויפטוען. צוריקגעקומען קיין בערלין איז ער באַשטימט געוואָרן 1877 אַלס פּראָפעסאָר פון אַלטן טעסטאַמענט אין בערלינער אוניווערסיטעט, וואו ער איז געווען טעטיק ביז זײַן טויט. ער האָט געהאַלטן לעקציעס איבער דעם אַרײַנפיר און דער אויסטײַטשונג פון תנך, איבער אַלטטעסטאַמענטלעכער טעאָלאָגיע, געשיכטע פון פאָלק ישראל, העברעישער און ביבליש-אַראַמעישער גראַמאַטיק, באַזונדערס אָבער האָט ער זיך באַמיט צו באַקענען די סטודענטן, ווי אויך די קריסטלעכע טעאָלאָגן מיט דער יידישער רעליגיע, געשיכטע און ליטעראַטור. ער איז געווען פירער פון דעם וויסנשאַפטלעכן מיסיאָנערישן Institutum Judaicum און רעדאַקטאָר פון דעם מיסיאָנערישן אָרגאַן Nathanael, אָבער ערנסט און אויפריכטיק געזאָרגט פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אמתע ידיעות וועגן יידנטום אין די ברייטערע קרייזן פון דער דײַטשער אינטעליגענץ, זײַן גאַנץ לעבן געקעמפט קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם, בשעת דער וועלט-מלחמה זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם יידישן פּאָליטישן לעבן אין פּוילן, געווען אַן אָנהענגער פון נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר יידן און וועגן דעם געשריבן אין אַ בערלינער צײַטונג (א"פ), אַפילו אַליין באַזוכט אין 1917 ווילנע, וואו ער האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג וועגן זייער שטעלונג צו דײַטשלאַנד. אַלס רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן אינטערעס ש'ס צו די מזרח-יידן און פון דער שטרעבונג זײַנער צו באַקענען מיט זיי אויך די דײַטשן, בפרט די-יעניקע, וואָס האָבן פאַרבראַכט אין דעם געביט פון דער דײַטשער אָקופּאַציע, האָט ער זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט דער יידישער שפּראַך, געשריבן וועגן איר זייער

גינסטיקע אַרטיקלען (צ"אַ — אין דער
Voss. Ztg, 1916), איבערגעזעצט אויף
דייטש אייניקע זאַכן פון יידישע שריפט=
שטעלער און דער עיקר — געשאַפן זיין
Jüdisches Wörterbuch / mit besonde-
rer Berücksichtigung der gegenwärtig
in Polen üblichen Ausdrücke (לייפּציג,
פ"ג י. צ. הינריכסשע בוכהאַנדלונג, 1916,
ז' XV + 204); ניט קוקנדיק אויף
די פעלערן פון דעם ווערטערבוך,
וואָס שטאַמען דערהויפּט פון דעם מחברס
אומבאַקאַנטשאַפט מיט דער לעבעדיקער
שפּראַך, האָט עס דאָך אַ גאַנץ היבשן,
בפרט פּראַקטישן ווערט. זיין צווייט
ווערק אויפן געביט פון דער יידישיס=
טיק איז געווען Jüdischdeutsche Texte
„לייענבוך צום אַריינפירן אין דענקען,
לעבן און שפּראַך פון די מזרח=אייראָ=
פּעישע יידן" (פ"ג י. צ. הינריכס, לייפּ=
ציג, 1917, ז' 56), וואָס אַנטהאַלט צ"אַ
דעם אויפרוף פון דער אייבערשטער
אָנפירונג פון די דייטשע און עסטרייך=
אונגאַרישע חיילות צו די יידן אין פּוילן,
אייניקע צייטונגסאַרטיקלען און זאַכן פון
נח פּרילוצקי, פּרץ, אַש, יהואש. דער
הויפּט=חסרון פון דעם ביכל, ווי אויך
פון דעם ווערטערבוך, איז, וואָס די אויס=
שפּראַך פון די העברעישע ווערטער איז
אָנגעגעבן לויט דער ספרדישער הברה.
די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער
אויך געזאַמלט הוספות און תיקונים צו
זיין יידישן ווערטערבוך, אָבער דער טויט
האָט אים פון דער אַרבעט אָפּגעריסן,
און ניט פאַרענדיקט איז אויך געבליבן
זיין לעצט גרויס ווערק Kommentar zum
Neuen Testament aus Talmud und
Midrasch (פון וועלכן עס איז אַרויס
בלויז דער I ב'). ש'ן געהערט בכלל
דער פאַרדינסט, וואָס ער האָט דער
ערשטער אַריינגעפירט דאָס שטודיום פון
תלמוד אין דעם קרייז פון דער קריסט=
לעכער טעאָלאָגיע. דורך זיין אַרבעט
איבער תלמוד איז ש' אַריינגעצויגן גע=
וואָרן אין אַ פּאַרטיי=קאַמף, אַפילו מיט
זיין אייגענער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי,
אָבער ער האָט זיך פאַר דעם דאָזיקן
קאַמף קיינמאָל ניט אָפּגעשראָקן. זיין
וויכטיקסטער אויפטו אויפן תלמוד=געביט
איז די פאָטאָסטאַטישע אויסגאַבע פון דעם
מינכענער כתב=יד פון תלמוד בבלי —
דעם איינציקן עלטערן גוט און פול=
שטענדיק דערהאַלטענעם תלמוד=מאַנוס=
קריפּט א"ט Talmud Babylonicum
מיט הגהות (לײדען, 1912, בלאַט 577
גרויס=פאָליאָ + 43 ז' אַריינפיר). פון דער
גרויסער מאַסע פון ש'ס פּובליקאַציעס
אויפן געביט פון יידנטום, אויף וועלכן
ער האָט אפשר ניט געהאַט זיין גלייכן
צווישן די קריסטלעכע טעאָלאָגן און
אָריענטאַליסטן, איז נאָך צו פאַרצייכע=
נען: Mischnatraktate מיט איבערזעצונג
און קאָמענטאַר; Einleitung in Talmud
und Midraš (5טע גאַנץ ניי באַאַרבעטע
אויפלאַגע, 1921, ז' 256)—דער ערשטער
פּרווו צו געבן אַ וויסנשאַפטלעכע און
דאָך פּאָפּולערע אויפקלערונג איבער דעם
תלמוד און מדרש, זייער אינהאַלט, אויפ=
קום, באַדייטונג מיט זייער אַ רייכער ביב=
ליאָגראַפיע (דאָס בוך לייקנט אויך אָפּ
די מיינונג, אַז דער תלמוד איז פול מיט
פאַרברעכערישע פאַרבאָרגענע לערעס;
עס איז אויך איבערגעזעצט אין העב=
רעיש א"ט „מבוא התלמוד"); Das Blut
im Glauben und Aberglauben der
Menscheit (8טע אויפלאַגע—1900, רוסי=
שע איבערזעצונג — 1912) — די ערשטע
גרינדלעכע און אַלזייטיקע אָפּלייקעניש
פון דעם עלילת=דם, קעגן וועלכן ש'
האָט געקעמפט מיט אַלע מיטלען פון
דער וויסנשאַפט זינט דעם טיסאַ=

עסלאַרער בילבול ביזן ביילים־פּראָצעס; Jesus, die Häretiker und die Christen nach den ältesten jüdischen Angabeu — אַ צונויפשטעלונג פון אַלע ערטער אין תּלמוד א״אַ עלטסטע ווערק פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, צו באַווייזן, אַז אַ סך זאַכן, וואָס מ׳דרשנט זיי אויף יעזוסן, האָבן גאָר צו אים קיין שייכות ניט; Hebräische Grammatik מיט אַ איבונגסבוך (13טע אויפלאַגע — 1917); Grammatik des Biblisch-Aramäischen (6טע אויפלאַגע — 1921); Die Genesis, איבערגעזעצט און אויסגעטייטשט (2טע ניי־באַרבעטע אויפלאַגע, 1905); Jüdische Geheimgesetze? — אַ גרינדלעכע אויפקלערונג וועגן די נייסטע אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן אויף דער יידישער אמונה, באַזונדערס אין צוזאַמענהאַנג מיט די געפעלשטע פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון, א״אַ.

JE, XI; EЭ, XVI; פּראָפ׳ ו. שטערק, אין Frankfurter Zeitung פון 15/X 1916; ד״ר פ. עלבאָגען, אין דער Vos. Zeitung פון 9/X 1916; ז. רייזען, אין „לעצטע נייס", 1916; א״י טריוואַקס, אין „וואַרשעווער טאָגעבלאַט", 1916—17; נח פּרילוצקי, „ביי הערמאַן ש׳", אין „מאָמענט", פעברואַר 1921; א. ווינאָגראַדאָוו, „צום טויט פון איינעם פון די חסידי אומות העולם", אין „לאָדזשער טאָגעבלאַט", 1921; נעקראָלאָגן אין דער דייטשער און דער פאַרשיידנשפּראַכיק־יידישער פּרעסע.

שטראַשון שמואל (1840—כ״ה תּמוז 1895) געב׳ אין זאַסקעוויטש, ווילנער געגנט. אַ זון פון דעם זאַסקעוויצער רב ר׳ אלעזר און אַן אייניקל פון ר׳ מנשה זאַסקעוויצער, דעם ברודער פון ר׳ שמואל ש׳ (דעם מחבר פון די באַרימטע „הגהות הרש״ש" אויף ש״ס, דעם פאָטער פון מאַטעס־מתתיהו ש׳). האָט געלערנט אין פאַרשיידענע ישיבות, געווען די רעכטע האַנט ביי ר׳ דוד קאַרלינער, יונגערהייט געקומען קיין ווילנע, וואו נאָך מרדכי פלונגיאַנס טויט געוואָרן בעל־מגיה אין דער ראָם־דרוקעריי. נאָכן טויט פון מתתיהו ש׳ האָט ער געבראַכט אין אָרדענונג זיין רייכע ביבליאָטעק, וואָס מתתיהו האָט אָפּגעזאָגט דער שטאָט, צונויפגעשטעלט איר קאַטאַלאָג (פאַרעפנטלעכט א״ט „לקוטי שושנים", וואָס אַנטהאַלט אויך אַ ריי זעלטענע ווערק פון דער אַלטער און משכּילישער יידישער ליטעראַטור. שפּעטער איז די ש׳־ביבליאָטעק (ווי זי הייסט אויפן נאָמען פון איר גרינדער מתתיהו, 1817—1885) באַרייכערט געוואָרן מיט די ביכער־זאַמלונגען פון ש״י פין, ר׳ יהודה בעהאַק (1820—1900), חיים־לייב מאַרקאָן (1848—1909), דוב־בער ראַטנער (1852—1919), יעקב בן־יעקב (זע) א״אַ און איז ביי היינטיקן טאָג איינע פון די וויכטיקסטע יידישע ביבליאָטעקן, דערהויפּט אויפן געביט פון דער רבנישער ליטעראַטור און השכּלה. שמואל ש׳ס זון, יצחק ש׳, איז פאַרוואַלטער פון דער ש׳־ביבליאָטעק שוין אין משך פון 35 יאָר.

„המליץ", 1895; EЭ, א״נ, Страшунъ; חייקל לונסקי, אין „אונזער טאָג פאַר אַמעריקע".

שטרויס בנימין־זאב — בדחן. האָט צ״אַ פאַרפאַסט „דרייא נייע לידער / 1) דער לוסטיגער דלות. / 2) אל תּירא עבדי יעקב / 3) חיים שמואל דעם גבאַילעס" (פאָדגורזע, 1890, ז׳ 23); פון זיי איז דאָס דריטע, בשעתו גאַנץ פּאָפּולערע ליד „חיים שמואל דעם גבאַילעס", דורכגעפלאָכטן מיט דיאַלאָגן אין פּראָזע, נאָך יעדערער פון די פינף סטראָפעס.

שטרויס לודוויג (28/XII 1892 —) געב׳ אין אַכן, ריין־פּרייסן. דייטשער דיכטער, פאַרפאַסער פון אַ גאַנצער ריי ביכער, ווי: Der Mittler,

נאָוועלן, 1916, Wandlung und Verkündung, שירים, 1918, Die Flut, Das Jahr, Der Weg, שירים, 1921, Das Ufer, שירים, 1922, Tiberius, טרויערשפּיל, 1923. האָט איבערגעזעצט פון יידיש אַ בוך לידער פון ח"נ ביאַליק א"ט Gedichte, 1921, און אַן אויסוואַל יידישע פאָלקסלידער א"ט Ostjüdische Liebeslieder (וועלט-פ"ג, בערלין 1920, ז' 92, מיט אַ נאָכוואָרט). ער איז געווען אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון דער Freistatt, אַרויסגעגעבן פון זיין פריינד פּריץ-מרדכי קיפּמאַן (זע), וועלכער האָט אים אַריינגעפירט אין דער וועלט פון דעם יידישן פאָלקסליד און וועמעס ביאָגראַפיע ער האָט אָנגעשריבן אַלס אַריינפיר צו ק'ס געזאַמלטע שריפטן.

שטרייכער יעקב (11/II 1885 —) געב' אין באַלטע, בעסאַראַביע, אַלס זון פון אַ גאַרבער. געלערנט ביז 10 יאָר אין חדר, דאַן אָנגעקומען אויף דער לער צו אַ שניצער, אַלס יינגל שוין אַריינגעצויגן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, צו 16 יאָר צוליב פּאָליציי'שע רדיפות פאַרלאָזט זיין געבורטשטאָט, געוואַנדערט אַלס מיטגליד פון דער רוסלענדישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי („איסקראַ") איבער די בעסאַראַבער שטעטלעך, בשעת די אָקטאָבער-פּאָגראָמען באַטייליקט זיך אין אָרגאַניזירן יידישן זעלבסטשוץ, געוואָרן נאַציאָנאַל געשטימט, אַנטלאָפן קיין גאַליציע, צו פאָרן קיין אַרגענטינע, זיך אָבער באַלד צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד, געוואָרן אַרעסטירט, זיך געוואַלגערט אין געפענגענישן, אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אַ סאָלדאַט, געפּרוווט אַנטלויפן, שפּעטער — צוליב זיין ברודערס טויט באַפרייט, 1910 אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע, ש' האָט געשפּילט אַ געווינסע צייט אַלס ליבהאָבער, געפּרוווט אָרגאַניזירן אַ ביבליאָטעק, שפּעטער אַוועק קיין סאַן-פּאַולאָ, בראַזיליע, אָבער אינגיכן צוריקגעקומען קיין בוענאָס-איירעס, וואו ער אַרבעט אויף אַ פאַבריק ש' האָט זינט 1914 פאַרעפנטלעכט איבער 100 לידער אין „דעם טאָג" און אין „דער פרעסע" א"ר פון פ. כץ, דעם חודש-זשורנאַל „די געזעלשאַפט" א"ר פון נ. פּרוכטער, גענומען אַ אָנטייל אַלס פ"צ אין דעם פּאַרטיי-אָרגאַן „די נייע צייט", און נאָך דער שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי — אין דעם אָרגאַן פון דעם לינקן פליגל „דאָס אַרבייטער-וואָרט", באַטייליקט זיך אין גרינדן צוזאַמען מיט שמואל גלאַזערמאַן דעם קינדער-זשורנאַל „בלימעלאַך". — אַ זאַמלונג פון זיינע לידער א"ט „פונקען" (אַרויסגעגעבן פון „קאָמיטעט פאַר יידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע", בוענאָס-איירעס, 1923, 101, צייכענונגען און פּאָרטרעט פון דיכטער — פון ש. לאַפּידוס, פאָרוואָרט פון פּ. כ"ץ), אַנטהאַלט די פאָלגנדיקע ציקלען: „ביי דער אַרבעט", „ליבע", „ליכט און שאָטן", „פון האַרצן", „אַרגענטינאַ" (באַלאַדן און לעגענדעס), „צייט-מאָטיוון".

שטריימאַן ידידיה-בערל (חשוון 1892 —) געב' אין גאָדעוו. אַ דערפל הינטער ראָדעם, אַלס זון פון אַ קצב און פאַרנעמט זיך אַליין מיט קצבות אין ראָדעם, פאָרט אַרום אויף די ירידים קויפן בהמות צום שעכטן און האַלט אַ יאַטקע. ש' האָט אַרויסגעגעבן צוויי קליינע לידער-זאַמלונגען, „הערבסט-לידען" (וואַרשע, 1914) און „אין די פלאַמען" (ראָדעם, 1920) און אַ זשורנאַלכל „נייע ווינטן" (ראָדעם, 1926—27, אַרויס 4 נומ'), וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט אייניקע דערציילונגען פון קצבים-לעבן.

שיבולת אליעזר (1897—) געב׳ אין דאָרף גדזינג, ווילנער געגנט. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג און זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג. אַ גוטער קענער פון דער ליטווישער שפּראַך, אויף וועלכער ער האָט צ״אַ איבערגעזעצט „שיר השירים“, האָט ער זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן אַלס איבערזעצער פון ליטוויש אין ווילנער „טאָג“ 1920, שפּעטער געאַרבעט אין ווילנער „אונזער פריינד“, זינט 1923 אין קאָוונע שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „דער אידישער שטימע“.

שיינבערג שלמה (15/XII 1891 —) געב׳ אין פולאַוו, ביי דער ווייסל, אין אַן אָרעמער חסידישער פאַמיליע. ביז 12 — 13 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך אַ פּאָר יאָר אין „מאָדזשיצער חסידים־שטיבל“ אין פולאַוו, צו דער צייט מיטגעריסן געוואָרן אינגאַנצן פון דער יידישער ליטעראַטור, אויך זיך אָנגעהויבן צו באַקענען מיט דער רוסישער ליטעראַטור, וועלכע האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם אָפּגעשלאָסענעם יידישן לעבן פון דער שטאָט אַדאַנק די סטודענטן פון דעם פולאַווער אַגראָנאָמישן אינסטיטוט. אַרויסגעטריבן פון „חסידים־שטיבל“ פאַר „קאַליע מאַכן“ די איבעריקע בחורים וואויללערנער, האָט ש׳ אַ יאָר צייט געאַרבעט אַלס זעצער אין אַן אָרטיקער דרוקעריי, דאַן זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט זעלבסטבילדונג, אַרומגעוואַנדערט אַלס לערער איבער פאַר שיידענע קאָנדיציעס, 3 יאָר פאַרבראַכט אין דאָרף מאַטיטש, הינטער לובלין, אַלס לערער פון שלמה ראָזענבערג (דעם איבערזעצער פון ריימאָנטס „פויערן“), צו דער צייט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט עטלעכע לידער אין דעם וואָכנבלאַט „דאָס פאָלק“ 1917 א״ר פון ה״ד נאָמבערג (אויב ניט רעכענען זיין פריערדיקן דעביוט מיט אַ פּאָר לידער און דער איבערזעצונג פון נ. גאָגאָלס „מאַי־נאַכט“ אין דעם זמ״ב „יוגענד“ פון דעם פ״ג „קולטור“, וואַרשע, 1910), און אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „לובלינער טאָגבלאַט“ א״ר פון ש. סטופּניצקי, וואו פאַרעפנטלעכט אַ גרויסן ציקל „לירישע געזאַנגען“ און אַ ריי דערציילונגען, בתוכם אַ גרויסע דערציילונג אויס דעם יידישן לעבן אין די מלחמה־יאָרן א״ט „דורך נויט און לייד“ (געגאַנגען אין המשכים חדשים־לאַנג). דאַן איינגעלאַדן געוואָרן פון י״מ ווייסענבערג קיין וואַרשע אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער פון זיינע „יודישע זאַמעלביכער“ (דאָרט אַחוץ לידער אָפּגעדרוקט די איבערזעצונג פון מיכאַיל לערמאָנטאָווס פּאָעמע „כאַדזשי אַברעק“) און פון זיין פאַרלאַג, אין דער צווישנצייט אַ יאָר געווען לערער אין דער דעמבלינער שטאָטשול, שפּעטער צוזאַמען מיט מאַרק ראַקאָווסקי געוואָרן דער ליטעראַרישער אָנפירער און רעדאַקטאָר פון דעם פ״ג פון ש. יאַטשקאָווסקי (געגרינדעט 1924), וועלכער איז 1925 אַריבער צו ח. בזשאָזאַ, ביי וועמען ש׳ האָט אויך געאַרבעט אַ געוויסע צייט אַלס ליטעראַרישער אָנפירער. גלייכצייטיק האָט ער פון צייט צו צייט זיך באַטייליקט אין ווייסענבערגס אויסגאַבן (געשריבן אויך אַ הקדמה צו ווייסענבערגס איבערזעצונג פון „טויזנט און איין נאַכט“), אין די „לעבנספראַגען“, אין „פאָלקסצייטונג“, „ליטעראַרישע בלעטער“, „אילוסטרירטער וואָך“, אַרגענטינער „פאַר גרויס און קליין“, אַליין אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל א״ט „וועלט־ליטעראַטור“ (1925, אַרויס 2 נומ׳, דאָרט פאַרעפנטלעכט אַ פראַגמענט פון אַלעק־

סאַנדער פושקינס פאָעמע „ציגיינער" און לערמאָנטאָווס פאָעמע „דער אַנטלאָפע-נער") און אַ ליטעראַרישע זאַמלונג א"ט „יום-טוב-בלעטער" (פסח, 1926), וואו פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט וועגן ז. סעגאַלאָוויטש. פון זיינע איבערזעצונגען זיינען די וויכטיקסטע „דאָס האַרץ" פון עדמאָנדאָ ד'אַמיטשיס (פ"ג ש. יאַטש-קאָווסקי), לעוו טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום" (פ"ג ה. בזשאַזאַ) און „אַננאַ קאַרענינאַ" (פ"ג ב. קלעצקין). 1928 האָט ער געגרינדעט אַן אייגענעם פ"ג א"ט „כוחות", וואָס האָט שוין אַרויסגעגעבן צ"אַ מאַקסים גאָרקיס ראָמאַנען „דאָס געשעפט פון די ברידער אַרטאַמאָנאָוו" און „קלים סאַמגין", גאָרקיס זכרונות (אַלע איבערגעזעצט פון מרדכי ניידין), לעאָנ-האַרד פראַנקס בוך „דער מענטש איז גוט" (איבערגעזעצט פון חיים בראַקאַזש) א"אַ.

שיינער נתן (15/V 1890 —) פס"ב פון נ. יפה. געב' אין ווילנע אין אַ לומדיש-רבנישער משפחה מיט אַ שלשלת-היוחסין ביזן של"ה פון איין זייט און דעם בעל-הלבוש פון דער צווייטער. געלערנט ביים זיידן, דעם רב אין נאָוואָ-אַלעקסאַנדראָווסק, אין ראַמיילעס ישיבה. דאַן געפאָרן לערנען קיין ראַדין, אָבער צוליב דער גרויסער שרפה (1903) צוריקגעקומען קיין ווילנע, אָנגעקומען פאַר אַ זעצער, מיט וועלכן פאַך ער פאַרנעמט זיך עד-היום. זיין ערשטער אַרטיקל איז געווען „זכרונות וועגן ש"ע" (אין „לעצטע נייס" 1917 אָדער 1918 א"פ ישראל-נתן), שפעטער געשריבן אין „ווילנער טאָג" כמעט וועכנטלעך פעליעטאָנען. אַלס יאָרנלאַנגער מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון דרוקער-פאַר-איין, אַריין פון דער בונדישער ליסטע אַלס ראַטמאַן אין דער ערשטער דעמאָ-קראַטישער יידישער קהילה פון ווילנע.

שײנקין מנחם-מענדל (... 186 — 2/XI 1924) געב' אין דרום-רוסלאַנד (?). געלערנט אין דער ישיבה, זיך אויסגע-צייכנט אַלס עילוי, שפעטער אַלס עקס-טערן דורכגעמאַכט דעם קורס פון אַ מיטלשול און שטודירט אין אוניווערסי-טעט. אַ געוויסע צייט איז ער געווען ראַבינער אין באַלטע, פאָדאָליע, און אויף דעם דאָזיקן אַמט געווירקט פאַר חיבת-ציון, בפרט צווישן דער יוגנט. אינמיטן די 90ער יאָרן האָט ער זיך באַזעצט אין א"י, וואו ער איז געווען איינער פון די פיאָנירן פון דעם נייעם יידישן ישוב, האָט געהאָלפן אין דער אויפבויונג פון פילע קאָלאָניעס, געווען איינער פון די גרינדער פון תל-אביב, אַקטיוו געאַרבעט פאַר דעם העברעיִזם. בשעת דער מלחמה, ווען די טערקישע רעגירונג האָט גענומען אַרויסטרייבן די אויסלענדישע יידן פון א"י און רודפן די ציוניסטישע פירער, איז ש' געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד (אָקטאָבער 1915), אַ געוויסע צייט זיך אויפגעהאַלטן אין מצרים, דערנאָך אַוועק קיין אַמעריקע, וואו זיך אַריינגעוואָרפן אין דער ציוניסטישער פראָפאַגאַנדע-אַרבעט דורך וואָרט אַלס פאָלקסרעדנער און דורך שריפט אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער פון פאַרשיידענע יידישע און העברעיִשע צייטשריפטן, ווי „יידי-שעס טאַגעבלאַט", „די וואַרהייט", „דער טאָג", „התורן", „העברי" א"אַ. אין בוכ-פאָרם פאַרעפנטלעכט „ארץ ישראל אין מלחמה-צייט (פאַקטן פון דעם דאָרטיגן אידישן לעבן)" (אַרויסגעגעבן פון דער ציוניסטישער פעדערייִשאָן אין אַמעריקאַ, נ"י, תרע"ז, ד' 64). פאַר-בראַכט אַ פיר יאָר אין אַמעריקע, האָט ער זומער 1919 זיך צוריקגע-קערט קיין א"י, גענומען אַן אַקטיוון

אַנטײל אין דער הילפסטעטיקײט לטובת די חלוצים, בשעת דעם פּאָגראָם אין יפו לײכט פאַרװאונדעט געװאָרן, סוף 1921 װידער געקומען קײן אַמעריקע, אין די אינטערעסן פון דער „זײאָן קאָמענװעלט" דורכגערײזט דאָס גאַנצע לאַנד, אויך קאַנאַדע, צוצוציען דעם ײדישן עולם צום פּראַקטישן אויפבױ פון פּאַלעסטינע דורך פּריװאַטער איניציאַטיװע אַאַז"װ. ער איז אומגעקומען בשעת אַ אַװטאָמאָביל-קאַטאַסטראָפע אין שיקאַגאָ.

לקסיקון ציוני; נעקראָלאָגן אין דער ײדישער פּרעסע; ראובן ברײנין, „װעגן דער פּערזענלעכקײט פון דעם טראַגיש אומגעקומענעם ציוניסטישן פירער", אין „טאָג" פון 8/XI 1924; ש. ראָזענפעלד, ib.

שײפער יעקב (1889 —)

געב' אין קרעמעניץ, װאָלין, אַלס זון פון אַ סטאָליער משה סופר, אַ טריסקער חסיד. ביז 13 יאָר געלערנט אין תלמוד-תורה, קינדװײז געזונגען בײם חזן יעַנקל דראָביטש, אַ תלמיד פון ניסן בעלזער, צו 13 יאָר אַװעקגעפאָרן מיטן חזן קײן בראָד, אָבער

פאַרלוירן די שטים און צוריקגעקומען אַהײם, העלפן דעם פאָטער אין דער אַרבעט, זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג, שפּעטער װידער געזונגען בײ אַ חזן, 1906 אַרײן אין „בונד", געפרוּװט גרינדן אַ כאָר, 1910 געקומען קײן אַמעריקע, געאַרבעט בײ אַ סטאָליער, געזונגען בײ אַ חזן, 1912 געװאָרן געהילפס-דיריגענט פון דעם נאַציאָנאַלן פ"צ-כאָר, 1913 געזאַנג-לערער אין דער נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלער ײדישער שול (דער ערשטער פון דעם טיפּ שולן אין אַמעריקע), אונטער דער װירקונג פון זײן מוזיק-לערער שמואל עפּשטײן אויפגעגעבן זײן סטאָלער-פאַך, זיך אינגאַנצן געװידמעט דער מוזיק, שטודירט אין שיקאַגער מוזיקאַלישן קאָלעדזש, 1914 געװאָרן דיריגענט פון דעם נײ-געגרינדעטן סאָציאַליסטישן געזאַנג-פאַראײן, 1918 געקומען קײן נ"י, 1919 צוריקגעפאָרן קײן שיקאַגאָ, װאו דרײ יאָר דיריגירט אַ סאָציאַליסטישן סימפאָנישן אָרקעסטער; 1922, װען דער סאָציאַליסטישער כאָר האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער ס"פּ און אָרגאַניזירט זיך אַלס „פרײהײט-געזאַנג-פאַראײן" — געװאָרן זײן דיריגענט, 1926 געקומען קײן נ"י, געװאָרן דיריגענט פון די „פרײהײט-געזאַנג-פאַראײנען" אין נ"י און פּעטערסאָן (צװײטער דיריגענט איז לאַזאַר װײנער). זינט 1927 מוזיק- און קולטור-דירעקטאָר פון קעמפּ „ניט געדײגעט", װאו ער פירט דורך װעכנטלעך מאַסנשפּילן און מאַסנגעזאַנג. איז אויך דיריגענט פון די „אומפּאַרטײִשע אַרבעטער-קינדערשולן און פון דעם „פרײהײט-מאַנדאָלין-אָרקעסטער", שרײבט פאַר אים מוזיק, אַראַנזשירט לידער פאַר די קינדער-כאָרן. — זײן טעטיקײט אַלס קאָמפּאָזיטאָר האָט ש' אָנגעהױבן נאָך אַלס משורר-ײנגל, אָבער ניט באַגעגנט קײן אויפמונטערונג, ערשט זײענדיק דיריגענט פון „סאָציאַליסטישן געזאַנג-פאַראײן", האָט ער װידער אָנגעהױבן צו קאָמפּאָנירן, און זינט דאַן אַראַנזשירט אָדער פאַרפאַסט מוזיק צו אַ גאַנצער רײ לידער פון ד. עדעלשטאַדט, א. רײזען, ש. אַנ—סקי, מאָריס ראָזענפעלד, א. ליעסין, פּרץ הירשבײן, יואל סלאָנים, בײלין („מיר זײנען די הערשער" און „יזכור" — אויף ש"ע'ס

טויט), מ"ל האַלפּערן, א. מייזעל, משה בראָדערזאָן, א. לוצקי, יצחק ראָנטש, מנשה היילפּערן, אויך צו אַ ריי פאָלקסלידער. פון זיינע גרעסערע קאָמפּאָזיציעס איז צו דערמאָנען די אָראַטאָריעס צו ליעסינס „מאַרטירער=בלוט" (אויפגעפירט אַפּריל 1915; שפּעטער עס אויך באַאַרבעט פאַר כאָר און אָרקעסטער), צו יהואשעס „בין השמשות" (נאָוועמבער 1915), צו פּרצעס „צוויי ברידער" א"ט „אין קוזניע" — איינס פון זיינע הויפּטווערק (אויפגעפירט עטלעכע מאָל אין שיקאַגאָ, נ"י, פילאַדעלפיע); די מאַסנשפּילן צו אברהם רייזענס „קירכנגלאָקן" (פאַר כאָר, סימפאָניע, אָרקעסטער), בלאָקס „צוועלף" (אין א. קאַציזנעס איבערזעצונג — פאַר אָרקעסטער, כאָר און סאָלאָס, צום ערשטן מאָל אויפגעפירט 1927 צום 5יעריקן יובילײ פון דער „פרייהייט" אין גרעסטן זאַל פון נ"י ביי אַן אודיטאָריע פון 20,000 מענטשן), „רויט, געל און שוואַרץ", וואָס שטעלט פאָר די קאַמפּן אין דער אַרבעטער=באַוועגונג אין אַמעריקע פאַר די לעצטע יאָרן (סצענאַריוס פון אַדאָלף וואולף, דעקאָראַציעס פון ברוך אַראָנסאָן, באַלעט פון אידיט סיגל, רעזשי פון יעקב מעסטעל, אויפגעפירט פון דער „פרייהייט דראַמאַטישער סטודיע", „פרייהייט=געזאַנג=פאַראיין" א"אַ אין נ"י, פרילינג 1928). האָט אויך געשאַפן מוזיק צו ב. שטיימאַנס דראַמאַטישער פּאָעמע „משיח בן יוסף" (אויפגעפירט פון „פרייהייט=געזאַנג=פאַראיין" ביי דער מיטווירקונג פון נ"י'ער סימפאָנישן אָרקעסטער 24/IV 1926), צו לעאָניד אַנדרעיעווס „דאָס לעבן פון אַ מענטשן" (אינצידענטאַלע מוזיק) אאַז"וו. פון זיינע קאָמפּאָזיציעס האָט דער „אַרבעטער=רינג" אַרויסגעגעבן: „אַרבעטער=ברידער", „צו דיר, אָ פרייהייט!" (ש. פרוגס), „און דו אַקערסט און דו זייסט" (הערוועגס), „מיר זיינען פרייהייטס=סאָלדאַטן". ש' האָט אויך געשריבן אַרטיקלען אין „פרייהייט" (וועגן מאַסנשפּיל), „האַמער" (מאַי 1928 — געשיכטע פון „געזאַנגפאַראיין"), אין די זמ"ב „געזאַנג און קאַמף", נ"י 1926, 1927 און 1928, אַרויסגעגעבן פון „מוזיקאַלישן אַרבעטער=פאַרבאַנד", וועלכער גרייט אויך צו צום אַרויסגעבן אַ ריי קאָמפּאָזיציעס ש'ס.

ק. מרמר, „משיח בן ייסף", אין „פרייהייט" פון 9/IV און 19/XI 1926; פ. נאָוויק, „ש' און שטיימאַן — אַ געראָטענער זיווג", ib., 23/IV 1926; סאָלאָמאָן גאָליב, ib., 30/IV 1926; ווילִיאַם אייבראַמס, „צוועלף" — אַ נייע דערגרייכונג", ib., פון 1/VI 1927; נ. בוכוואַלד, ib., 4/VI 1928.

שילער שלמה (1870—2/XI 1925) געב' אין מיכאַלאָוואָ, לעבן ביאַליסטאָק. זיין פאָטער, זעליג בלאַנקשטיין, איז געווען אַ קאָצקער חסיד. ביז 17—18 יאָר געלערנט ש"ס און פוסקים, שטודירט די מיטלעלטערלעכע העברעיִשע פילאָסאָפיע, אויף וויפיל ער האָט עס געקענט דערווייזן אין דעם קליינעם שטעטל, דאַן מיט אַ קאַפּיטאַל פון 2 רובל געקומען קיין ביאַליסטאָק, וואו ער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט אַ געמיינע לימודים, געהאַט דערין אַ גרויסע פעולה, אַזוי ווי פריער אין תלמוד, צוליב מיליטערדינסט פאַרלאָזט רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין לעמבערג, אָנגענומען דעם נאָמען ש' און גאַליציע איז געוואָרן זיין צווייטע היים. אַריין אין דעם קרייז יונגע ציוניסטן, ווי די ברידער קאָרקעס, בנימין=וואָלף סגל א"אַ, האָט ער אַדאַנק זיי זיך צוגעגרייט צום זיבעטן קלאַס גימנאַזיע, באַלד אויך מאַטורירט און אַליין אָנגעהויבן צוצוגרייטן אַנדערע צו מאַטורע אַלס לערער פון זיינע ליבלינגס=געגנ=

שטאַנדן, מאַטעמאַטיק, גריכיש אאַז״וו, בכלל זיין גאַנץ לעבן שטודירט, אָבער דעם דאָקטאָר-עקזאַמען קיינמאָל ניט דורכגעמאַכט, האַלטנדיק, אַז ער איז נאָך ניט פאַרטיק און דאַרף נאָך ווייטער לערנען. ש׳ איז געווען זייער אַקטיוו אין דער ציוניסטישער און העברעיִשער באַוועגונג סיי אַלס רעדנער סיי אַלס שרייבער אין פויליש, העברעיִש, יידיש (צ״אַ אין ג. באַדערס „יודישען פאָלקס-קאַלענדער״, תּרס״ג — וועגן אחד-העם — אין „פאָלק און לאַנד״ אאַז״וו) און דייטש, האָט זיך קונה-שם געווען אין די העברעיִשע קרייזן אַלס „גאַליצישער אחד-העם״. זיין בוך Byt narodowy żydów, אין וועלכן ער האָט געפּרוווט געבן אַ פילאָסאָפישע באַגרינדונג פאַר דער ציוניסטישער אידעע, איז געוואָרן דער יסוד פאַר דער ציוניסטישער יוגנט אין דער פּאָלאָניזירטער גאַליציע. צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל איז ש׳ געפאָרן אַלע פאַרטרעטער פון דער שטודירנדיקער יוגנט, ער איז אָבער צוריקגעקומען פון דאָרט אַן אַנטטוישטער און ער האָט שפּעטער שאַרף קריטיקירט יעדע ציוניסטישע טעטיקייט, ביז ער האָט זיך אַרום 1910 באַזעצט אין א״י, האַלטנדיק, אַז אַן אמתער ציוניסט איז נאָר דער, וואָס וואוינט אין לאַנד. דאָרט איז ער געוואָרן דירעקטאָר פון דער העברעיִשער גימנאַזיע אין ירושלים. ביים אויסבראָך פון דער מלחמה האָט די טערקישע רעגירונג אים געהאַלטן אינטערנירט אין דמשק, וואָס ס׳האָט רויִנירט זיין געזונט. געשטאָרבן איז ער אין ירושלים. די צענטראַלע פון די העברעיִשע לערער אין א״י האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג ש׳ס שריפטן א״ר פון ר׳ בנימין (ראַדלער-פעלדמאַן). אויף יידיש איז אַרויס ש׳ס אַ בראָשור „די גרונטפּרינציפּן פונם אַרבעטס-ציוניזם״ (פ״ג התאחדות״, וואַרשע — לעמבערג, 1925, ז׳ 23).

ר׳ בנימין, אין „דבר״, פון חשוון תּרפ״ו; גרשם באַדער, אין „יידישען טאַגעבלאַט״, נאָוועמבער 1926, א״אַ נעקראָלאָגן אין דער העברעיִשער, יידישער און פויליש-יידישער פּרעסע.

שימין ב. (1880 —) געב׳ אין שקלאָוו, מאָהליעווער גוב׳. ביז 14 יאָר געלערנט אין חדר, דאַן זיך אַריבערגעצויגן מיט די עלטערן קיין וואַרשע, וואו געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין פ״ג „אַחיאָסף״. 1904 געגרינדעט צוזאַמען מיט י״ח ראַבניצקין די גרעסטע יידישע בוכהאַנדלונג אין אָדעס, שפּעטער זיך צוריקגעקערט קיין וואַרשע, געעפנט דאָ אַ בוכהאַנדלונג א״נ „הצפירה״ און 1907 אָנגעהויבן זיין פאַרלעגערישע טעטיקייט, צוערשט מיט פּאָליטישע בראָשורן (צ״אַ — „די רעוואָלוציע און דער קלאַסן-קאַמף אין פראַנקרייך״ איבערגעזעצט דורך א. ב—ן, פ״ג „צייט-ביבליאָטעק״ תּרס״ו, נומ׳ 6, ז׳ 29, ביילאַגע צו דער צייטונג „טעלעגראַף״, נומ׳ 19), דאַן אַרויסגעגעבן די שריפטן פון שלום אַש, אַרום 1908 געמאַכט אַ פּרווו פון אַ קליינער „אוניווערזאַל-ביבליאָטעק״, אין וועלכער עס זיינען אַרויס אייניקע קליינע ביכלעך פון קנוט האַמסון, מאָפּאַסאַן, שאָפּמאַן, 1909 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן „שימינס גרויסע וועלט-ביבליאָטעק״, וואָס האָט עקסיסטירט 3 יאָר און אין יענער צייט געווען אַ גרויסער אויפטו אויפן געביט פון יידישן פאַרלאַגס-וועזן, אַרויסלאָזנדיק 66 אָריגינעלע און איבערגעזעצטע 5בויגנדיקע ביכער — פאַר יענער צייט אַ זייער גרויסע צאָל. אַ באַזונדערער פאַרדינסט פון דער „וועלט-ביבליאָטעק״ איז געווען, וואָס זי האָט אַרויסגעפירט אַ גאַנצע ריי יונגע יידישע שריפטשטעלער, אַרויסגעבנדיק זייערע

ווערק צום ערשטן מאָל אין בוכפאָרם. (אין דער „ביבליאָטעק" זיינען אַריין די ווערק פון ז. י. אנכי, י. מ. ווייסענבערג, משה סטאַווסקי, יונה ראָזענפעלד, משה טייטש, יואל מאַסטבוים, הלל צייטלין, מ. ז. פייערבערג, א. רייזען, ז. שניאור, יהודה שטיינבערג, יעקב שטיינבערג, שמריה גאָרעליק, ד"ר א. גינזבורג, ש. ראָזענפעלד, היינריך היינע, מאַקס נאָרדוי, ל יאַקאָבאָווסקי, א. שניצלער, ל. טאָלסטאָי, ע. אָרזשעשקאָ, ר. קיפּלינג א"אַ). 1911 איז ש' אַריין אַלס שותף אין דער דאַן געגרינדעטער פאַרלאַגס-געזעלשאַפט „צענטראַל", בשעת די געזעלשאַפט האָט איבערגענומען די צייטונג „דאָס לעבען" („דער פריינד"), געוואָרן אַדמיניסטראַטאָר פון דער צייטונג, 1917 געגרינדעט אין קיעוו אַ גרויסע צייטונג „דער טעלעגראַף" א"ר פון מ. נ. סירקין, וועלכע האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט און עקסיסטירט ביז דער ראַטנמאַכט, 1919 צוריקגעקומען קיין וואַרשע און אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן „די יוגנט-ביבליאָטעק" און „היסטאָרישע יוגנט-ביבליאָטעק" א"ר פון ד. קאַסעל. די ביבליאָטעק האָט געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג און צום ערשטן מאָל געגעבן דעם יונגן לעזער אין אַ גוטער איבערזעצונג די ווערק פון בעלשע, בערן, וועלענשטיין, לאַנג, מאַרק טווען, מיין ריד, סווען העדין, סטענלי, עוואַלד, קופּער, ד'איזראַעלי, לעוואַנדע, מאַפּו, פּאַפּירנאַ, ד"ר שיינבערג א"אַ.

„אונזערע פאַרלעגער", אין „אילוסטרירטער וואָך".

שימעלעוויטש יהודה (יוליוס) (אַרום 1888 — 1919 2/I) געב' אין ריגע, איז ער יונג אַריין אין די רייען פון „בונד", אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע געווען אַ סאָלדאַט אין דער 12טער אַרמיי, וועלכע האָט זיך דאַן געפונען אויפן צפון-מערבדיקן פראָנט, זיך אויסגעצייכנט אַלס רעדנער אין רוסיש (יידיש האָט ער געריידט שוואַכער) און אין אַ קורצער צייט

אַרום פאַרנומען דעם זייער פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט פון אַ געהילפספאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט פון דער 12טער אַרמיי. ווען ש. דימאַנשטיין האָט גענומען זוכן קאָמוניסטישע טוער פאַר דער יידישער אַרבעט, האָט ער משפּיע געווען אויף ש'ן, ער זאָל אַריבערגיין פון דער מיליטערישער אַרבעט אויף יידישער, און די אַלע וויכטיקסטע מאָמענטן אין דעם ערשטן יאָר פון דער יידסעקציע זיינען געווען פאַרבונדן מיט ש'ן. ער האָט אָנגעפירט מיט דעם „אויסערשטאַטישן אָפּטייל" פון דעם יידישן קאָמיסאַריאַט, צוליב דעם כּמעט די גאַנצע צייט אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ, אָרגאַניזירט אָפּטיילונגען פון דעם יידישן קאָמיסאַריאַט און יידישע סעקציעס פון דער ק"פּ. דערהויפּט האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין טעטיקייט אויף דער טעריטאָריע פון דער דייטשער אָקופּאַציע, וואו ער האָט א"פ רייסין אָנגעפירט מיט דעם יידישן טייל פון דער אומלעגאַלער אַרבעט, געווען איינער פון די גרינדער, הויפּט-טוער און סעקרעטאַר פון דעם אַרבעטער-ראַט אין ווילנע, געפירט אַ גרויסע אַגיטאַציע, געגרינדעט אין ווילנע אַ יידישע קאָמוניסטישע צייטונג א"ט „דער קאָמוניסט", וועלכע האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין דעם 27/XII 1919, אָבער אין עטלעכע טעג אַרום, ווען די שטאָט איז פאַרנומען גע-

וואָרן פון פוילישע לעגיאָנערן, האָט ער מיט אייניקע חברים זיך פֿאַרבאַריקאַדירט אין דעם לאָקאַל פון אייזנבאַנער-קלוב און ווען עס זיינען ביי די באַלאַגערטע אויסגעגאַנגען די קוילן, האָט ער באַוואויגן די חברים זיך אַליין אומצוברענגען און זיך דער ערשטער דערשאָסן און נאָך אים די איבעריקע — אַש, קניגאַס, ווערזשביצקי און טשאַפּלינסקי.

נעקראָלאָגן אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע, צ"א אין „קולטור און בילדונג", פון 31/I 1919; ד. טש', „מיט א שמייכל אויף די ליפּן", ib.

שינדלער אליעזר (=ליפּמאַן) (28/IV 1892 —) געב' אין טיטשין, מיטל=גאַליציע, פון פּאָטערס צד—משפּחה פון באַוואוסטן מקובל ר' משה סופר פון פּשעוואָרסק, מחבר פון „אור פני משה". פון 3 יאָר אָן געלערנט אין חדר, צו 9 יאָר באַזוכט אַ זמן די פּוילישע שטעטלשע שול, דאַן אַוועק מיט די עלטערן קיין מינכען, געלערנט אין אַ עלעקטראָטעכנישער אַנשטאַלט, אויס בענקשאַפט צו דער אַלטער היים אַוועק צופוס קיין גאַליציע, פאַרקויפט ביי דער באַן געפּרווירנס, געווען אַ לערער ביי אַ יידישן גוטסבאַזיצער, ביז די עלטערן האָבן אים צוריקגעבראַכט קיין מינכען, האָט ער געגעבן שטונדן, זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג, שפּעטער צוזאַמען מיט וועלדלער געגרינדעט דעם ערשטן יידישיסטישן פאַראיין „בני יהודה", וואָס איז געוואָרן אַ צענטער פאַר דער מזרח=דיקער און מערבדיקער אינטעליגענץ מיט ד"ר מאַקס מייער, ד"ר העכט, לודוויג שטרויס, אַרנאָלד צווייג בראש, געהאַלטן פאָרלעזונגען אויף יידיש, אַראַנזשירט יידישע טעאַטער=אויפפירונגען אאַז"וו. אַלס עסטרייכישער בירגער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרמיי ביים אויסבראָך פון דער וועלט=מלחמה, זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן אויפן עסטרייכיש=רוסישן פראָנט, אַ פּאָר מאָל געווען פאַרוואונדעט, אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די רוסן, געטריבן געוואָרן צופוס איבער מאָסקווע, סאַראַטאָוו, סיביר, קירגיזישער סטעפּ, צוויי יאָר געווען אַ פעלדאַרבעטער ביי די טאָטערן אין סאַמאַרער גוב', געגרינדעט אַ הילפספאַראיין פאַר די געפאַנגענע, רעדאַקטירט אַ העקטאָגראַפירטן זשורנאַל אין יידיש, דייטש און רוסיש מיט לאַטיינישע אותיות א"ט „זעלבסטהילף" אַלס אָרגאַן פון דער יידישער סעקציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון די קריגסגעפאַנגענע, דערנאָך געלעבט אין סאַראַטאָוו, וואו געווען ביבליאָטעקאַר ביי די לינקע פ"צ, געגרינדעט אַ יידישן קולטור=פאַראיין פאַר די געפאַנגענע, דאַן אַוועק צו די גרים פון אַסטראַכאַנער און צאַריצינער קאַנט, געווען ביי זיי העברעישער לערער, בעל=תפילה, שוחט (הגם קיין שחיטה קיינמאָל ניט געלערנט, אָבער געצוואונגען געווען דערצו פון די גרים), אַגיטירט פאַר דער יידישער אמונה צווישן די פאַרשיידענע ד[illegible]רטיקע סעקטאַנטן, מאָלאָקאַנער, שטונדיסטן, דייטשע אַדווענטיסטן, נאָך דער דייטשער רעוואָלוציע קוים מיט צרות 1919 זיך דערשלאָגן צוריק קיין מינכען, אויפגעלעבט דעם יידישיסטישן פאַראיין, געלערנט מיט דעם עולם יידיש, געלייענט לעקציעס אויף דער טעמע „פּערציק חדשים אין רוסישער געפאַנגענשאַפט" א"אַ, געגעבן שטונדן. בשעת דער קאַהר=דיקטאַטור געמוזט אַנטלויפן פון מינכען, געלעבט אין פראַנקפורט=מאַין, מאַינץ, וויסבאַדן, באַדן, פפאָרצהיים, קאַרלסרו א"אַ, וואו געווען טעטיק פאַר דער מזרח=יידישער קולטור, אויפגעטראָטן מיט יידישע פאָלקסלידער אאַז"וו, געפאָרן אויף ירידים פון

שטעטל צו שטעטל און פון דאָרף צו דאָרף, געעפנט אַן עקספּאָרט=געשעפט פון טעקסטיליען און גאַלאַנטעריע, דערנאָך זיך אָפּגעגעבן אין מינכען מיטן האַנדל פון אַנטיקוויטעטן פון אַלטן פּאָרצעליי, און איז אַ גרויסער מומחה אויף דעם געביט. פון זיינע לידער, וואָס די ערשטע פון זיי האָט ער געדרוקט אין דעם „יודיש=רעליגיעזן אַרבייטער", קראָקע, זיינען אַרויס פאָלגנדיקע זאַמלונגען: „דערנער" א"פ בן=גולה, מיט לאַטיינישע אותיות (פ"ג לאַם, בערלין, 1912); „פון סטעפּ און ישוב / גידיכטן" (1922, ז' עב), וואו עס גייען אויך אַריין די ציקלען „אין פליען", „אויפן פראָנט"; „אַ קוואַל זיך זינגט... / שירים" (פ"ג ש. הערצאָג, אַנטווערפּען, 1924, ז' 61), אַנטהאַלט אויך איבערזעצונגען פון טיראָלער דיכטער ג. טראַקל, מ. באַרטל, צעזאַר פליישלען, ה. העסע, אַנדרע שפּירע; „שירים און איבערזעצונגען" (פ"ג ל. אַבראַמסאָן, בערלין, 1927, ז' 64), אַנטהאַלט אויך יאַפּאַנישע לידער, פּינישע ליריק, גריכישע לידער, אויך פון פּעטעפי, געפקען, ה. קלודיוס, העלדערלין, ג. מושנער, מ"ל בעקער א"אַ. האָט אויך געשריבן לידער און מאמרים אין לייפּציגער „אונזער לעבען", ד"ר אַנזעלם קליינמאַנס „יודישען קאַלענדער", ש. באַסטאָמסקיס „גרינינקע ביימעלעך".

שיניאַק י. ד. (צרום שבת נחמו 1899 —) געב' אין לאָדז אַלס זון פון אַ טיכער=פאַבריקאַנט. באַקומען אַ חסידישע דערציִונג, געלערנט אין חדר, אין דער מאַקאָווער ישיבה, אויך אין בית=מדרש, גלייכצייטיק באַזוכט אַ פּריוואַטע שול. צו 13 יאָר אָנגעקומען אין אַ געשעפט, אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום צוליב דער פאַראָרעמונג פון די עלטערן געוואָרן אַן אַרבעטער, צוליב מיליטער=דינסט אַוועק קיין דייטשלאַנד, פון דאָרט קיין פּאַריז, וואו געאַרבעט אַלס צושניידער ביי דאַמענהיט, נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן און פון דאָרט אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער איז באַשעפטיקט ביי דעם אויבנדערמאָנטן פאַך. האָט געדרוקט לידער, דערציילונגען און קאָרעספּאָנדענצן אין „ראָמאַן=צייטונג", א. רייזענס „נייעם זשורנאַל", פּאַריז 1914, לאָנדאָנער „די וועלט" א"ר פון ס. דינגאָל און דערנאָך אין די פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן, פון נ"י, ווי „טאָג", „פאָרווערטס", „מאָרגען זשורנאַל", „צייט", „נייע וועלט", „פ. א. ש.", „גערעכטיגקייט", „פריינד", „העדגער וואָרקער", „אַמעריקאַנער", „קינדערלאַנד", „דאָס אידישע פאָלק", „קונדס". האָט אויך איבערגעזעצט דערציילונגען פון דייטש, אויך אַ ביכל אינדישע פאַבלען (אין „דער צייט" א"פ א. ראָטענבערג), האָט אויך געשריבן א"פ ד. קאַלין. גרייט צו אַ באַנד דערציילונגען א"ט „דער זון אַנטקעגן".

שיראַטשעק=וואָלמאַן מרים (15/V 1899—) געב' אין ראָדעם, אַ טאָכטער פון י"ל וואָלמאַן (זע). אין עלטער פון אַ האַלב יאָר אַריבערגעפאָרן מיט די עלטערן קיין וואַרשע. האָט געענדיקט אַ פּוילישע מיטלשול און דעם פילאָלאָגיש=פילאָסאָפישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט. זינט 1919 פאַרעפנטלעכט לירישע לידער אין פאַרשיידענע יידישע און פויליש=יידישע אויסגאַבן, ווי „די אילוסטרירטע וועלט", „אילוסטרירטע וואָך", „דער וועלט=שפּיגעל", אַרויסגעגעבן פון „היינט" א"ר פון א"ל יאַקובאָוויטש, Nowe Życie א"אַ. האָט אויך געדרוקט באַאַרבעטונגען פון תלמודישע לעגענדעס און איבערזעצונ=

גען פון העברעיִשע און יידישע שריפטשטעלער, ווי עגנון, אָפּאַטאָשו, זשיטניצקי, אין Nowiny Codzienne 1922 און פון Nasz Przegląd, פון וועלכער צייטונג זי איז די קאָרעספּאָנדענטין פון א״י, וואו זי האָט זיך באַזעצט מיט דער פאַמיליע אין 1924. דרוקט אויך פון צייט צו צייט אַרטיקלען אין „כתובים“, אויך לידער אין „אויפקום“; פאַרן פ״ג „דביר“ באַאַרבעט אַ העברעיִש-פּויליש ווערטערבוך, אַ העברעיִש-יידישס און אַ פּויליש-העברעיִשס.

שיפער יצחק (איגנאַץ) (9/XI 1884–) געב׳ אין טאָרנע, מערב-גאַליציע. זיין פאָטער משה שטאַמט פון אַן אויפגעקלערטער רבנישער פאַמיליע, די מוטער — פון אַ האַנטווערקער-משפחה.

ביזן 16טן לעבנסיאָר געלערנט אין חדר און ישיבה, גלייכצייטיק באַזוכט די פּוילישע פאָלקסשול און די גימנאַזיע אין טאָרנע, דערנאָך שטודירט אין די אוניווערסיטעטן פון קראָקע און ווין יוריספּרודענץ און פילאָסאָפיע, געווען מיטגליד פון ווינער אינסטיטוט פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן אונטער דער אָנפירונג פון בעם-באַווערק און פיליפּאָוויטש, 1907 באַקומען דעם טיטל ד״ר יוריס, אַ צייט מיט יאָרן געאַרבעט אין דייטשע און פּוילישע אַרכיוון און ביבליאָטעקן. יונגערהייט געשטאַנען נאָענט צו דער פּפּ״ס, געווען טעטיק אין אַ יוגנט-קרייז פון די אַ״ג Promieniści, צו וועלכן ס׳האָבן געהערט די איצט באַקאַנטע פּאָליטיקער און טוער ל. סאָבעלזאָן-ראַדעק, דער פּוילישער גענעראַל קוקיעל, פּראָפ׳ שראַם א״אַ; שפּעטער, נאָך אַלס גימנאַזיסט, זיך אָנגעשלאָסן צו דער ציוניסטישער באַוועגונג און געגרינדעט די ערשטע יוגנט-אָרגאַניזאַציעס אין מערב-גאַליציע, 1903 צוגעשטאַנען צו דער פּ״צ-פּאַרטיי, געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג אַלס מיטגליד פון צ״ק, ווי אויך אַלס רעדאַקטאָר און מיטאַרבעטער פון די פּאַרטיי-אָרגאַנען. בשעת דער וועלט-מלחמה געדינט אין דער עסטרייכישער אַרמיי אַלס געוויינלעכער זעלנער און אין לעצטן יאָר אַלס מיליטערישער ריכטער. נאָך דער צעפאַלונג פון עסטרייך אָרגאַניזירט אין קראָקע אַ יידישן נאַציאָנאַלראַט, פון וועלכן געווען וויצעפּאָרזיצער, און אַ יידישן זעלבסטשוץ-רעגימענט, וועלכער האָט בעת דער פּאָגראָם-כוואַליע אין גאַליציע (סוף 1918) מיט אַ 30 קרבנות פאַרטיידיקט די יידן אין אָשוויענצים, קראָקע, כזשאַנאָוו-בזשעסקאָ א״אַ. 1919 אַריין — אויפן אָרט פון פאַרשטאָרבענעם ד״ר מאַקס ראָזענפעלד — אַלס דעפּוטאַט אין פּוילישן גרינדונגס-סיים פון כעלמער קרייז און זיך אויף שטענדיק באַזעצט אין וואַרשע, געאַרבעט אין אַלע פּאָגראָם-קאָמיסיעס פון געזעצגעבערישן סיים, אויך אין דער קאָמיסיע וועגן דער פּינסקער שחיטה, אַחוצדעם אין דער יידישער קאָמיסיע און אין דער קאָמיסיע פאַר אַרבעטסשוץ; נאָך דער שפּאַלטונג פון די פּ״צ אַריבער צו די רעכטע, אָבער בעת די וואַלן צום צווייטן סיים 1922 איבערגעריסן אויך מיט די רעכטע און זיך אָנגעשלאָסן צו די אַלגעמיינע ציוניסטן, אויסגעוויילט געוואָרן פון זייער בלאָק אַלס דעפּוטאַט, געווען אַ מיטגליד פון אַ״ג „יידישן קאָלאָ“, געאַרבעט אין דער אַדמיניסטראַטיווער קאָמיסיע און ווידער אין דער קאָמיסיע פאַר אַרבעטסשוץ.

אויסגעקליבן פון סיים פאַר אַ 1923
מיטגליד פון דעם מלוכישן „ראַט פאַר
עמיגראַציע-ענינים". זינט 1924 אַ געווי-
סע צייט געווען פאָרזיצער פון דעם
פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און
זשורנאַליסטן אין וואַרשע. לעצטנס די-
רעקטאָר פון יידישן אַקאַדעמישן הויז.—
אָנגעהויבן זיין ליטעראַריש-וויסנשאַפט-
לעכע טעטיקייט אין 1902 מיט אַן אַר-
בעט „וועגן קאַזימיר דעם גרויסנס גע-
זעצגעבונג לגבי יידן" (פאַרעפנטלעכט
פראַגמענטנווייז אין Moriah), פאַר וועל-
כער באַקומען די ערשטע פרעמיע פון
קראָקעווער אוניווערסיטעט. האָט ער זינט
דעמאָלט מיטגעאַרבעט אין אַ ריי וויסנ-
שאַפטלעכע און אַלגעמיינע זשורנאַלן, ווי
Kwartalnik Historyczny, Zeitschrift für Sozialpolitik und Verwaltungslehre, Monatsschrift für Geschichte und Wissenschaft des Judentums, EЭ, JE, Еврейская Старина, Исторія Евр. Народа (פ"ג Міръ, 1914), Nowe Życie, „התקופה", Encyklopaedia Judaica (פון פ"ג „אשכול"), פון וועלכער
ער איז רעדאַקטאָר פאַר דער אָפּטיילונג
פון דער יידישער ליטעראַטור, א"אַ.
אין די פּאַרטיי-זשורנאַלן און טאָגבלעטער
Moriah, Nasze Hasła, Wschód, Chwila, Nasz Kurjer, Nasz Przegląd, Nowy Dziennik, אויך אין פאַרשיידענע ליטע-
ראַרישע זשורנאַלן און אַלמאַנאַכן, צ"אַ
אין פראָסטיגס „יודישען קאַלענדער", אין
דייטש-יידישן אַלמאַנאַך Heimweh, ווין,
1910, פּויליש-יידישן אַלמאַנאַך פון ד"ר
רייך, פון ד"ר פינקעלשטיין און ד"ר בער-
קעלהאַמער אאַז"וו. האָט רעדאַקטירט
דעם צענטראַלן אָרגאַן פון די עסטריי-
כישע פ"צ „דער יודישער אַרבייטער"
(1910—11), דעם שילער-אָרגאַן פון די
פ"צ Nasze Hasła (נאָך מאַקס ראָזענ-
פעלד—1910), „די יידישע אַרבעטער-
צייטונג" (1919—20), Nasz Kurjer
(1922—23), Nowiny Codzienne, וואַר-
שע, 1922, צוזאַמען מיט ד"ר מ. וויי-
כערט, זיגמונד טורקאָוו, מענדל עלקין—
דעם אָרגאַן פון פּראָפ' יידישן אַרטיסטן-
פאַראיין אין פּוילן „יידיש טעאַטער"
(1921—22). אין די אַלע אויסגאַבן, ווי
אויך אין אַ ריי אַנדערע האָט ער פאַר-
עפנטלעכט זייער פיל אַרבעטן אויפן
געביט פון דער יידישער געשיכטע, לי-
טעראַטור- און טעאַטער-געשיכטע, אויך
קריטישע און פּובליציסטישע אַרטיקלען.
פון זיינע גרעסערע אַרבעטן אויפן גע-
ביט פון דער יידישער געשיכטע איז
צו פאַרצייכענען: „די יידן אין טאָרנע"
(אין Kwartalnik Historyczny, 1905);
Anfänge des Kapitalismus bei den abendländischen Juden im frühen Mittelalter (ווין, 1906), איבערגעזעצט
אויך אויף רוסיש פון קאָראָבקאָוו און
ווישניצער (1910), אויף פּויליש און צו-
לעצט אויף יידיש א"ט „אָנהויב פון קאַ-
פּיטאַליזם ביי יודען אין מערב-אייראָפּע /
יודיש—דורך הלל מיימון (פ"ג אַרביי-
טער היים", וואַרשע, 1920, ז' XIII+88);
Studja nad stosunkami gospodarczemi żydów w Polsce podczas średniowiecza—אויסגעצייכנט מיט דער ערשטער
פרעמיע פון פּוילישן פּאַרלעגער וואַוועל-
בערג דורך דעם לעמבערגער אוניווער-
סיטעט, וואָס האָט די אַרבעט אויך פאַר-
עפנטלעכט (1911), אויף יידיש איבער-
געזעצט פון דניאל לייבל און עמנואל
רינגעלבלום א"ט „די ווירטשאַפטסגע-
שיכטע פון די יידן אין פּוילן בעת
מיטלאַלטער" (פ"ג ח. בזשאָזאַ, 1926,
ז' 324+18 „נאָמען- און זאַך-רעגיסטער");
Beiträge zur Geschichte des jüd. Parlamentarismus im Polen während des 17. und 18. Jahrhunderts (ברעסלוי, 1913);

Żydzi polsko-litewscy a Palestyna (ווין, 1917), Początki żydów na ziemiach ruskich i polskich (ווין, 1918), Synagoga, kościół i zbory różnowiercze w Polsce (אין Moriah, 1916—22), „די יידישע אױטאָנאָמיע בעת מיטל-עלטער" (אין Morjah און Almanach Żyd., ווין, 1918), װעלכע דריי מאָנאָגראַפיעס זײַנען אין דער יידישער איבערזעצונג פון ע. רינגעלבלום אַרײַן אין דעם בוך „קולטור-געשיכטע פון די יידן אין פוילן בעתן מיטלאַלטער" (פ"ג ח. בזשאָזאַ, 1926, ז' 312); די איבעריקע קאַפּיטלען פון דעם בוך, ווי „יידישע קוואַרטאַלן אין פוילן", „די גדולי הדור", „קולטור- און זיטן-געשיכטלעכע בילדער פונם יידישן לעבן אין פוילן", „די נעמען פון די יידן אין פוילן בעת דעם 14טן און 15טן י"ה", „די אומגאַנגסשפּראַך פון די פּויליש רייסישע יידן בעת דעם 14טן און 15טן י"ה",— האָט שוין ש' געשריבן אָריגינעל אין יידיש. דער הויפּטשפּראַך פון זײַן ליטעראַריש-וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט זינט זײַן באַזעצן זיך אין וואַרשע צוזאַמען דערמיט פאַרשטאַרקט זיך אויך זײַן אינטערעס פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער טעאַטער-קונסט, שפּראַך און ליטעראַטור, וועלכע געביטן ער האָט די לעצטע יאָרן געווידמעט אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען און מאָנאָגראַפיעס אַלס פאָרשטודיעס צו זײַן מאָנומענטאַלער פּיאָנירישער אַרבעט — „געשיכטע פון יידישער טעאַטער-קונסט און דראַמען פון די עלטסטע צייטן ביז 1750" (פ"ג „קולטור-ליגע", I ב', מיט 19 בילדער, 1923, ז' 221; II ב' — מיט 21 בילדער, ז' 264, 1925; III ב', א"ט „יידישע פאָלקס-דראַמאַטיק / ביז 1750", 1928, מיט 16 בילדער, ז' 303) און צו זײַן נאָך ניט פאַרעפנטלעכטן גרעסערן װערק װעגן אַלט-יידיש אין מיטלעלטער און יידישע ליטעראַטור-געשיכטלעכע פּראָבלעמען פון XVI י"ה, ווי: „דער אָנהייב פון „לשון אשכנז" אין דער באַלייכטונג פון אָנאָמאַסטישע קוועלן" (אין „יידישער פילאָלאָגיע", 1924), „די עלטסטע שפּורן פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור" (אין „דער יידישער וועלט", 1928, I), „קולטור-געשיכטלעכער פאָן פון דער עלטסטער יידישער ליטעראַטור" (ib, II), „די עלטסטע יידישע דרוקער-משפּחה (העליץ-האַליטש) און דאָס עלטסטע יידיש-טייטשע בוך אין פוילן" (אין „ביכער-וועלט", 1928, III, IV), „מיינונגען און פּראָיעקטן פון פּאָליאַקן װעגן דער שפּראַך-פראַגע ביי יידן" (ib., III), „אויפן ראַנד פון מאַקס עריקס בוך „װעגן אַלט-יידישן ראָמאַן און נאָוועלע" (אין „ליטעראַרישע בלעטער", 1926, 112, 114, 116, 118), „װעגן עריקס געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור" (ib, 1928, 11—12, 17, 19, 22), װעגן װײַנרײַכס „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטורגעשיכטע" (אין „ביכער-וועלט", 1928, V) א"אַ, ווי אויך זײַנע פריערע אָפּהאַנדלונגען צו דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך (אין „קונסט און לעבן" פון א. רייזען, 1908, I), „אַ נײַע תקופה אין אונזער קאַמף פאַר יידיש (בעטראַכטונגען צוליעב דעם „פּנקס")" (אין יובילײ-נומער פון „דעם יודישען אַרבייטער" 1913).—פון זײַנע אַנדערע אַרבעטן איז צו דערמאָנען: „װעגען דעם יודישען רענעסאַנס" (אין ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטען", 1908, II, IV), אַ ריי אַרטיקלען און עטיודן װעגן יידישע שרײַבער, ווי ממ"ס, פּרץ, ש"ע, פרוג, א. רייזען א"אַ אין פּויליש-יידישע זשור-

באַלן Wschód, Moriah) וואו ער האָט
אגב אויך פאַרעפנטלעכט אַ ריי איבער-
זעצונגען פון אַש, א. רייזען, נאָמבערג,
שניאור, ליעסין), וועגן מאָליערן (אין
„ייִדיש טעאַטער", 1921, II—III), „פּראָ-
בלעמען פון ייִדישער קולטור ביי אָס-
וואַלד שפּענגלער" (אין „ביכער-וועלט"
1923), וועגן מ. באַלאַבאַן (אין „היינט"
פון 25/III 1927), אַן אָפּהאַנדלונג וועגן
דעם ביכל Sem und Japhett פון י. ה. מ.
(„אַ אומבאַקאַנטער קעמפער פאַר ייִדיש
מיט 50 יאָר צוריק" — אין „ליטעראַרישע
בלעטער", 1927, 13), אַ גאַנצע ריי פּאָפּו-
לערע אַרטיקלען אויף היסטאָרישע טע-
מעס אין „מאָמענט", 1927 — 28, ווי
„פּאָרטרעטן פון פּיהרער, שתדלנים פון
פּוילישען ייִדנטום", וועגן יעקב פראַנק,
„ישׂראל קעמפּינסקי דער ייִדיש-פּויל-
שער קעמפער אין נאַפּאָלעאָנס אַרמיי",
„ייִדיש-פּוילישע געשיכטע אין שפּיגעל
פון לעגענדעס", „אַ ניי ווערק וועגן
דער פאָרגעשיכטע פון ציוניזם /
בעמערקונגען צו ד"ר ב. מ. געלבער'ס
בייעסטען בוך „די פּראָיעקטען וועגן אַ
יודישער מלוכה פון דער צייט 1695 —
1845" (אין די נומ' זינט 19/VIII 1927),
אין „ציוניסטישע בלעטער" (וועגן מאַקס
בראָדס ראָמאַן „דוד ראובני"—1926, I,
וועגן לעאָן פייכטוואַנגערס היסטאָרישן
ראָמאַן „יוד זיס"—1926, III, „פּראָבלע-
מען פון דער ייִדישער רעליגיאָנס-סאָ-
ציאָלאָגיע, לויט מאַקס וועבער"—1928,
I—VI), וועגן די נייסטע ייִדישע היסטאָ-
רישע ראָמאַנען (אין „וואַרשעווער
שריפטן"), אַ סעריע אַרטיקלען „די בראָ-
דער זינגער" (וועגן אפרים בראָדער,
בערל בראָדער, יאַקאָווקאַ בראָדער, ב.
שאַפּיר, וועלוול זבאַרזשער, פּינקעל און
משה מאַראַכאָווסקי א"אַ — אין „מאָרגען"
פון 12/III ביז 30/IV 1927) אאַז"וו. —
איינער פון די אָנגעזעענסטע פאָרשטיי-
ער פון דער מאָדערנער ייִדישער היסטאָ-
ריאָגראַפיע, דער פּיאָניער פון נייע פאָר-
שונגס-דרכים, ספּעציעל אויפן געביט
פון דער ייִדישער ווירטשאַפטס- און קול-
טור-געשיכטע, אַרבעט ש' לעצטנס אויף
אַ גרויס 60בויגנדיק ווערק (פאַרן פ"ג
„צענטראַל") אויסצופילן די בלויזן פון
גרעצס געשיכטע, אין 2 ב': איין ב'
געווידמעט דער סאָציאַלער און ווירט-
שאַפטלעכער געשיכטע פון פריען מיטל-
עלטער ביז דער העלפט פון XIX י"ה,
דער 2טער — דער נייסטער ייִדישער
געשיכטע פון דעם פעלקער-פרילינג
(1848) ביז דער וועלט-מלחמה (1914);
אַ צווייטע גרויסע נאָך ניט פאַרעפנט-
לעכטע אַרבעט ש'ס פון אַ 40 דרוקבויגן
איז געווידמעט דער געשיכטע פון דער
ייִדישער אויטאָנאָמיע אין פּוילן; טיילן
פון דער דאָזיקער אַרבעט גייען אַריין
אין די „היסטאָרישע שריפטן" I פון
„ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט",
מיט וועלכן ש' איז פאַרבונדן אַלס אָנ-
פירער פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע
פון ייוו"א אין וואַרשע.

מ. ווישניצער, אין EЭ, XVI; ד"ר יעקב
שאַצקי, אין „טעאַליט", III, „צוקונפט", 1927,
III און IX, „פילאָלאָגישע שריפטן", II, ז' 215—264;
עמנואל רינגעלבלום, אין „ווילנער טאָג", 1926,
295—6; לעאָ פינקעלשטיין, אין „ליטעראַרישע
בלעטער", 103.

שיפּרים משה (3/III 1897—)
געב' אין דאָרף קוסניצע, פּאָדאָליע, וואו
זיין פאָטער איז געווען שוחט. צו צוויי
יאָר אַריבערגעפאָרן מיט די עלטערן
קיין בעלץ, בעסאַראַביע, געבליבן אַ
יתום, פון 12 יאָר אָן געוואָגלט איבער
די ישיבות פון פּראָסקוראָוו, מאָהליעוו-
פּאָדאָלסק, קעשעניעוו, ביז ער איז צו
15 יאָר אויסגעשלאָסן געוואָרן פאַר אַ
באַזוך אין ייִדישן טעאַטער, צו 17 יאָר

אַוועק קיין אַמעריקע, די ערשטע צייט זיך פאַרנומען מיט איבערשרייבן פּיעסן, געאַרבעט אויף אַ פאַבריק, 1918 זיך אָנגעשלאָסן צום יידישן לעגיאָן און באַזוכט קאַנאַדע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע, מצרים און א״י, 1919 צוריקגעקומען קיין נ״י. דעביוטירט מיט אַ פּאָר סקיצן אין ברוקלינער „פּראָגרעס" 1917

און מיט אַ ליד אין ווייַנפּערס „אָנהויב" 1919, האָט ש' זינט דאַן זיך באַטייליקט מיט שירים, פון וועלכע די בעסטע זיינען אויף אָריענטאַלישע, עקזאָטישע מאָטיוון (די ציקלען „מדבר", „ראַכאָמאַ"), און דערציילונגען אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן, ווי „די צייט", „פאָרווערטס", „קונדס", „אַמעריקאַנער", „מאָרגען זשורנאַל", „פרייהייט" א״אַ, געווען אַ נאָענטער מיטאַרבעטער און אַ געוויסע צייט — אָנהייב 1923 — אויך מיטרעדאַקטאָר פון חודש=זשורנאַל „די פעדער", וואו אויך פאַרעפנטלעכט ליטעראַריש=קריטישע אַרטיקלען וועגן ניסענזאָן, קאָרמאַן, לוצקי, איניציאַטאָר פון זשורנאַל „די וועגעטאַרישע וועלט" (2 נומערן), 1920—21 מיטגעאַרבעט אין וואָכנבלאַט „ברוקלין—בראָנזוויל פּאָסט", וואו געפירט א״פ משהלע און משהלע קיבעצער די הומאָריסטישע אָפּטיילונג, דערנאָך געווען געהילפסרעדאַקטאָר פון דער „בערג=שטימע" (אַרויס 1922 — 23 נומ'—אין ליבערטי, שטאַט נ״י, אין דער בערגיקער געגנט, וועלכע איז פול מיט יידישע זומערוואוינונגען, אַלס אָרגאַן פון די איינוואוינער, א״ר צוערשט פון ה. גודעלמאַן און דאַן פון יצחק האָראָוויץ ביי דער מיטאַרבעט פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער). פון ש'ס ווערק זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „לידער" (פ״ג „קולטור", נ״י, 1922, ז' 72); „ראַכאָמאַ און אַנדערע לידער" (פ״ג „די פעדער", 1925, מיט צייכענונגען פון יאָסל קאָטלער); „נישט געשטויגן, נישט געפלויגן / קינדער=מאַיסעס" (קליינע ביבליאָטעק „אויפגאַנג", טאָראָנטאָ, 1928, ז' 64); „ציגל" — דערציילונגען. די לעצטע יאָרן באַשעפטיקט אַלס לערער, געווען שטאַרק אַקטיוו אין די ש״ע=פאָלקסשולן, עטלעכע יאָר געווען סעקרעטאַר פון דער שול=קאָמיסיע און מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון די דאָזיקע שולן, געהאָלפן גרינדן די היימשול (זע שטיינבוים). זינט סעפטעמבער 1927 פאַרבונדן מיט די אַ״ג אומפּאַרטייִשע יידישע אַרבעטער=רינג=שולן, מיטגליד פון זייער עקזעקוטיווע.

ש. ניגער, אין „צוקונפט", 1922, IX; ש. עפּשטיין, „אונטערן הימל פון אָריענט", אין „פרייהייט" פון 11/XI 1922; א. ח. העלער, אין דער „פעדער", נאָוועמבער 1922; י״ל קאַלושינער, ib, 1924, III; ב. קאַצענעלסאָן, ib, 1925, IX; ל. מלאך, אין „דער פּרעסע", פון 31/X 1926.

שיק שלמה=צבי — ראַבינער אין קאָרצאָג, אונגאַרן, אַרויסגעגעבן אַ „קיצור שלחן ערוך" אויף יידיש=דייטש (קראָקע, 1896).

שלאָסבערג יוסף (1/V 1875 —) געב' אין קאַידאַנאָוו, מינסקער גוב', אין אַן אָרעמער פאַמיליע. באַקומען די ערשטע דערציִונג אין חדר, האָט ער צו 13 יאָר אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער האָט בלויז אַ יאָר צייט באַזוכט די פאָלקסשול, דאַן האָט אים דער פאָטער, וואָס האָט אַליין געאַרבעט אין אַ שניידער=שאַפּ,

אָפּגעגעבן פאַר אַ שניידער, און 10 יאָר האָט ש' אָפּגעפּינסטערט אונטער דער שוויץ־סיסטעם, וואָס האָט נאָך דעמאָלט געהערשט אין די ניו־יאָרקער שניידערשעפּער, אונטער דער צייט געווען בוכהאַלטער אין אַ שאַפּ אאַז"וו, גלייכצייטיק זיך אָפּגעגעבן מיט בילדונג, אויך אַ פּאָר יאָר שטודירט פּאָליטישע

עקאָנאָמיע און סאָציאָלאָגיע אין קאָלומביאַ־קאַלעדזש. פון 15 יאָר אָן טעטיק אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער סל"פּ און איינער פון די שטאַרקסטע פּאַרטיידיקער פון דעליאָניזם אין דער יידישער סביבה, האָט געהאָלפן דעליאָנען באַקעמפן די אָפּגעשפּאָלטענע מערהייט מיט אב' קאַהאַן, לואי מילער א"אַ בראש (די „פאָרווערטס"־גרינדער); אַלס סעקרעטאַר פון דער פאַרלאַגס־אַסאָציאַציע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דאָס טעגלעכע „אבענד בלאַט" און די וועכנטלעכע „אַרבייטער צייטונג", איז ער 1899, נאָך דער בייער שפּאַלטונג אין דער לס"פּ, ווען פיליפּ קראַנץ מיט דער גאַנצער רעדאַקציע איז אַוועק צו די אָפּגעשפּאָלטענע, באַשטימט געוואָרן פון דער „אַסאָציאַציע" אַלס רעדאַקטאָר פון דעם „אבענד בלאַט" און האָט די דאָזיקע שווערע לאַסט געטראָגן, ביז די צייטונג איז 1902 אונטערגעגאַנגען. אויך דאַן איז ש' געבליבן געטריי דעליאָנען און 1904—11 האָט ער צוזאַמען מיט זיין נאָענטן פריינד און קרוב דוד פּינסקי רעדאַקטירט דאָס וואָכנבלאַט „דער אַרבייטער", דעם יידישן אָרגאַן פון דער לס"פּ, וועלכער האָט אויך געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור, גרופּירנדיק אַרום זיך די יונגע שריפטשטעלערישע כוחות. אַ געוויסע צייט האָט ער צוזאַמען מיט פּינסקין אַרויסגעגעבן „די אידישע וואָכענשריפט" (1912). איינער פון די פאַרדינסטפולסטע טוער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, איז ער בשעת דעם באַרימטן גרויסן שניידער־שטרייק פון 1913 איינגעלאַדן געוואָרן אַלס אָרגאַניזאַטאָר און נאָך דער שפּאַלטונג אין די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס", אָקטאָבער 1914, ווען ס'האָט זיך אָרגאַניזירט די רעוואָלוציאָנערע שניידער־יוניאָן „אַמאַלגעמייטעד קלאָדינג וואָרקערס יוניאָן", איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס איר גענעראַל־סעקרעטאַר און איז עד־היום איר פירער (צוזאַמען מיט איר גענעראַל־פּרעזידענט סידני הילמאַן), רעדאַקטאָר פון איר אָרגאַן „דער פאָרטשריט", וואָס ערשיינט זינט דעם 2/V 1915 וועכנטלעך (זינט נאָוועמבער 1924 — צווייוועכנטלעך). יאָרנלאַנג אַן אָנהענגער פון ריין סאָציאַליסטישע יוניאָנס, האָט ער אין די לעצטע קאַמפן צווישן די רעכטע און לינקע אין אַמעריקע פאַרנומען אַ מער־וויייניקער צענטריסטישע פּאָזיציע. באַטייליקט זיך אויך אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אַלס איינער פון די ציוניסטיש געשטימטע יידישע אַרבעטער־פירער אין אַמעריקע. פאַרעפנטלעכט אייניקע בראָשורן וועגן אַרבעטער־פראַגן אין יידיש און ענגליש, צ"אַ „שקלאַפנווירטשאַפט און לוינאַרבייט" (אַרויסגעגעבן פון „דעם אַרבייטער", נ"י, אַרום 1909).

ה. בורגין, „די געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער־בעוועגונג"; ז. שער, אין „טאָג" פון 9/VIII 1925; Who's Who in American Jewry, 1926.

שלום=עליכם (2/III 1859 * — 13/V 1916) פס"נ פון **שלום ראַבינאָ=וויטש.** געב' אין פּערעיאַסלאַוו, פּאָל=טאַווער גוב'. דערצויגן געוואָרן אין דעם דערבייִקן קליי=

נעם שטעטעלע וואָראָנקאָוו (פּראָ=טאָטיפּ פון כתריאלעווקע), וואוהין זיינע עלטערן האָבן זיך אַרי=בערגעצויגן, ווען ש' איז געווע=

נאָך גאָר אַ קינד. זיין פאָטער, נחום ראַבינאָוויטש, אַ טיפּ פון אַן אַמאָליקן קליינשטעטלדיקן משכיל, לויט דער כאַ=ראַקטעריסטיק פון ש"ע — „אַ באַלעבאָס אַ ייד און אַ בעל=תפילה, אַ למדן און אַ בעל=תנך, אַ פרומער און אַ בעל=לשון=קודש, אַ חסיד פון טאַלנער רבין און אַ ליבהאָבער פון מאַפּו, סלאָנימסקי און צעדערבוים, אַ חקרן, אַ בורר און אַ בעל=עצה" אאַז"וו, האָט זיך גערעכנט אין שטעטל פאַרן גרעסטן נגיד, „נאָר גע=שעפטן האָט ער געהאַט אַ גוזמא: ער איז געווען אַ פּאָסעסאָר, צוגעשטעלט בורעקעס אין „זאַוואָד", געהאַלטן די זעמסקע פּאָטשט, געהאַנדלט מיט תבואה, נעגרוזיעט בערלינעס אויפן דניעפּער, געהאַקט וואַלד און געשטעלט אָקסן אויף דער ברייע", נאָר פּרנסה האָט מען גע=צויגן פון דער „שניט=קראָם", וואָס עס האָט געפירט אינגאַנצן די מוטער, חיה=אסתר, „אַ יידענע אַן אשת=חיל, אַ גיכע טוערין און מיט סכנות אַ שטרענגע צו אירע קינדער. און קינדער זיינען גע=ווען היבשלעך, אַריבער אַ טוץ" (ש' איז געווען דאָס דריטע). שוין פון קינדווייז אויף האָט ש' זיך אַרויסגעוויזן פאַר דעם פּעיִקסטן פון זיינע אַלע ברי=דער און שוועסטער; ער איז געווען אַ גרויסער שפּאַסמאַכער, מיט אַזעלכע איינפאַלן, אַז מ'האָט געקענט שטאַרבן פאַר געלעכטער. „אויפכאַפּן דאָס לע=כעריקע פון יעדער זאַך און פון יעדן מענטשן — דאָס איז געווען ביי מיר כמעט אַ חולאת, — שרייבט ש"ע אין זיין אַווטאָביאָגראַפישער נאָטיץ צו ראַב=ניצקין. — איך פלעג ניט ווילנדיק נאָכ=מאַכן איטלעכן באַזונדער... אין חדר בין איך געווען די „פאַרשלעפּטע קרענק", דער קאָמיקער... ...די פאַנטאַזיע איז ביי מיר געווען פון קינדווייז אָן מאָדנע גרויס און צעהיצט. הייזער האָבן ביי מיר אויסגעזען ווי שטעט, הויפן — מדינות, ביימער—מענטשן, גראָז — חיל, שטעכלקעס און קראָפּעווע — פלישתים, אדום און מואב און איך פלעג גיין אויף זיי מיט מלחמה („גרינס אויף שבועות")". דערווייל זיינען די על=טערן אַראָפּ פון מעמד (נחום ראַבי=נאָוויטשעס שותף פון דער פּאָסעסיע האָט אים באַגנבעט און דערצו נאָך אים אויסגעדונגען די פּאָסעסיע) און געצוואונ=גען געווען אַריבערצופאָרן צוריק קיין פּעריאַסלאַוו, וואו זיי האָבן געעפנט אַ איינפאָר=הויז און אַ וויינקעלער. ש', וועלכער האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט די ערשטע לימודים ביי די וואָראָנקאָ=ווער דרדקי=מלמדים, האָט דאָ ווייטער געלערנט ביי גמרא=מלמדים. נאָך זיין בר=מצווה איז בשעת אַ כאָלערע=עפּידע=מיע געשטאָרבן די מוטער און אַ קורצע צייט האָט ער צוזאַמען מיט די קלענע=רע ברידער און שוועסטער פאַרבראַכט אין באָהוסלאַוו ביי דעם זיידן פון דער מוטערס צד, משה=יוסף זעלדין, אַ וויל=

*) לויט דעם אַלטן סטיל — 18/II, לויט דעם יידישן לוח — כ"ו אדר, לויט אַ צושריפט אויף ש"ע'ס מעטריקע — ט"ז אדר.

דער חסיד אַ חבדניק, אַ האַלב גערירטער
מקובל, וועלכער האָט געהאַט אַ געוויסע
השפעה אויף זיין יונגן אייניקל, הגם
ניט אַזאַ שטאַרקע, ווי זיינע ערשטע
וואָראָנקעווער חברים שמואליק דער
יתום אָדער מאירל דעם רבס (דער קו=
מענדיקער רוסישער אָפּערנזינגער מעד=
וויעדיעוו). צוריקגעקומען פון זיידע=
באָבע קיין פּעריאַסלאַוו, איז ש׳ 1873
אָנגעקומען אין דער אָרטיקער רוסישער
קרייזשול, וואו ער האָט זיך שטאַרק
אויסגעצייכנט און באַקומען אַ געלט=
סטיפּענדיע אַלס איינער פון די בעסטע
תלמידים. צו יענער צייט געהערט זיין
ערשטער קינדעריש=ליטעראַרישער פּרווו —
„דער יידישער ראָבינזאָן קרוזאָע”, וואָס
ער האָט אָנגעשריבן אונטער דעם איינ=
דרוק פון דעפאָס באַרימט בוך, דעם
ערשטן, וואָס ש׳ האָט געלייענט. פון
דעמאָלט אָן האָט דער פאָטער אַרויס=
גענומען אים פון דעם רשות פון דער
שטיפמוטער דער מרשעת, וועלכע פלעגט
זיך מיט אים שאַפן אין שטוב און אין
דער אכסניא. אויס אַנטיפּאַטיע צו דער
בייזער שטיפמאַמע האָט ש׳ זיין גאַנצע
הערציקייט און קינדערשע ליבע אַריבער=
געטראָגן אויף דעם שטילן איידעלן און
צוריקגעצויגענעם, דעם שטענדיק פאַר=
זאָרגטן פאָטער, פון וועמען ער האָט
געירשנט די ליבע צו גייסטיקייט, צום
בוך, בפרט צום תנך, וואָס ש׳ האָט גע=
קענט כמעט אויף אויסווייניק, צו דער
העברעיש=משכילישער מליצה בכלל. אין
דעם פּעריאָד פון 17 ביז 21 יאָר האָט
ש׳ אַ סך געלייענט און נאָך מער גע=
שריבן, און געשריבן האָט ער אַלץ, וואָס
ער האָט געלייענט — לידער, פּאָעמען,
ראָמאַנען, דראַמען אָן אַ שיעור און גלאַט
מאמרים אין דער וועלט אַריין. נאָכן ענ=
דיקן מיט אָן אויסצייכענונג די שול, 1876,

האָט ש׳ אַ קורצע צייט זיך באַשעפטיקט
מיט געבן לעקציעס אויף רוסיש, פריער אין
זיין געבוירנשטאָט און שפּעטער אין דער
נאָענטער שטאָט רזשישטשעוו. 1877
איז ער איינגעלאַדן געוואָרן פאַר אַ הויז=
לערער צו דעם רייכן גוטסבאַזיצער
אלימלך לאָיעוו אין דעם גוט סאָפּיעווקע,
קיעווער גוב׳, וואו ער האָט פאַרבראַכט
3 יאָר, „די בעסטע, די שענסטע און די
גליקלעכסטע פון זיינע יאָרן”. אין דער
דאָזיקער צווייטער היים זיינער, אויפן
דאָרף, האָט ער „געהאַט די בעסטע גע=
לעגנהייט צו באַקענען זיך מיט דער נאַ=
טור, מיט גאָטס וועלט, מיט גאָטס ערד”,
באַקומען אַ מעגלעכקייט צו צעוואַקסן
זיך, צו פאַרפעסטיקן זיינע יוגנטלעכע
אַמביציעס, צו פאַרפיינערן די חושים
און צו פאַרברייטערן זיין קוק אויף
מענטשן און פּאַסירונגען. אַ געוויסע
השפּעה האָט אויף אים אויך געהאַט דער
אַלטער לאָיעוו (זיין קומענדיקער שווער),
„אַ זעלטענער טיפּ, אַ גרויסער אָריגי=
נאַל, אַ מענטש פון גרויסע ערפאַרונגען
און אַ סך איבערלעבענישן, מיט אַ זעל=
טענעם זכרון און זעלטענעם כוח=הדיבור”.
אַדאַנק די פאַרבינדונגען און דער הילף פון
אלימלך לאָיעוו באַפרייט פון מיליטער=
דינסט, האָט ער אינגיכן געמוזט פאַר=
לאָזן דאָס גוט סאָפּיעווקע צוליב דעם
„ראָמאַן” מיט זיין שילערין, איז געפאָרן
זוכן אַ שטעלע קיין קיעוו, פון דאָרט
מגולגל געוואָרן קיין שדה=לבן פאַר אַ
סעקרעטאַר צו אַן אַדוואָקאַט אַ קאָרטנ=
שפּילער, ביז ער איז דעם 31/XII 1880
אויסגעוויילט געוואָרן פאַר אַ ראַבינער
אין לובען, פּאָלטאַווער גוב׳. צו דער
צייט האָט ער געדרוקט אין „המליץ”
זיינע ערשטע אַרטיקלען („החנוך ויחוסו
לעבודת הצבא” — סוף 1881, „מכתב
להמו״ל” און „שאלת המלמדים” — אָנהייב

1882), וועלכע האָבן שטאַרק אויסגענומען ביי דער משפחה, בפרט ביים פאָטער. ער האָט געפּרוּווט ווייטער שרייבן, אויך אויף רוסיש, געשיקט די ווערק אין אַלע יידישע און רוסיש־יידישע רעדאַקציעס, אָבער מ'האָט זיי ניט געדרוקט.

אַ נומער פון צעדערבוימס „יודישען פאָלקסבלאַט", וואָס איז אַריינגעפאַלן צו אים אין די הענט, האָט אים איבעראַשט מיט דער איינפאַכקייט פון דעם איינפאַל — פון דרוקן אַ צייטונג אויף אַזאַ פשוטער שפּראַך, וואָס איז צוגענגלעך פאַר אַלע יידן, אַפילו פאַר ווייבער. דאַן האָט ער געפּרוּווט עפּעס אָנשרייבן אויף יידיש און אַוועקגעשיקט עס צעדערבוימען, וועלכער האָט ניט נאָר אָפּגעדרוקט די דערציילונג („צוויי שטיינער"—אין „יודישען פאָלקסבלאַט", יולי—אַווגוסט 1883), נאָר אים אויך אויפגעמונטערט צום שרייבן, און זינט דעמאָלט הייבט זיך אָן ש"ס פרוכטבאַרע ליטעראַרישע טעטיקייט. דערווייַלע האָט ער אויף אַ ראָמאַנטישן אופן חתונה געהאַט (12/V 1883) מיט זיין געוועזענער שילערין האָדל (אָלגאַ) לאָעוו, אויף דעם פאַרלאַנג פון זיין שווער געלאָזט דאָס ראַבינערשאַפט און זיך באַזעצט אין שדה־לבן, געהאַט אָנגענומען אַ שטעלע ביי די קיעווער בראָדסקיס — רעווידירן זייערע גיטער אין קאַטערינאָסלאַווער גוב', וואו עס זיינען געווען באַשעפטיקט יידישע אַרבעטער — אָבער אויפן פאַרלאַנג פון זיין שווער זיך איינגיכן אָפּגעזאָגט פון איר. נאָכן טויט פון זיין שווער (1885) איז ער געוואָרן אפוטרופוס איבער זיין ירושה, דאָס גאַנצע יאָר זיך אָפּגעגעבן מיט דער ליקווידאַציע פון זיין שווערס פאָסעסיע, אָנגעהויבן צו טאָן געשעפט אין קיעוו, וואו זיך אין סעפטעמבער 1887 איינגאַנצן באַזעצט, געעפנט דאָרט אַ קאַנטאָר, געפירט אַ מסחר מיט ווייץ און צוקער, געהאַנדלט מיט ווערטפּאַפּירן אויף דער בערזע.

זיין פינאַנציעל־קאָמערציעלע טעטיקייט האָט אים אָבער ניט געשטערט אויך ווייטער זיך אָפּצוגעבן מיט ליטעראַטור און ער האָט אין „פאָלקסבלאַט" פאַרעפנטלעכט אַ ריי דערציילונגען, לידער און פעליעטאָנען, וועלכע האָבן ניט נאָר ש"ע'ס נאָמען פּאָפּולער געמאַכט ביים ברייטן יידישן לעזער־עולם, נאָר אויך אַרויסגערופן די אויפמערקזאַמקייט פון די אמתע ליטעראַטור־מבינים. ש. דובנאָוו, דער קריטיקער פון Восходъ, איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן וועגן יונגן אַוטאָר און אים פאָרויסגעזאָגט אַ גלענצנדע ליטעראַרישע קאַריערע. די גרויסע מאַטעריעלע מיטלען האָבן אים אויך געגעבן די מעגלעכקייט אויפצוטאָן פאַר דער יידישער ליטעראַטור ניט נאָר אַלס שריפטשטעלער, נאָר אויך אַלס רעדאַקטאָר און מעצענאַט, און אין 1888 האָט ש"ע אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין קיעוו גרויסע ליטעראַריש־קריטישע יאָרביכער א"ט „די יודישע פאָלקסביבליאָטהעק", צוגעצויגן צו דער אויסגאַבע די בעסטע יידישע שריפטשטעלער פון יענער צייט און אויך פיל העברעישע און רוסיש־יידישע. „די יודישע פאָלקסביבליאָטהעק" האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם און באַצייכנט אַ וויכטיקע דאַטע אין דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע, זי עפנט, קען מען זאָגן, דעם נייעם פעריאָד אין דער דאָזיקער געשיכטע, ווי אויך אַ נייעם וועג אין ש"ע שאַפן. 1889 איז אַרויס דער 2טער ב' פון דער „ביבליאָטהעק" און ער האָט אָנגעהויבן צו גרייטן דעם דריטן, אָבער אין אָקטאָבער 1890 האָט ער פאַרלוירן דאָס גרויסע

פאַרמעגן, וואָס ער האָט אין אַ צייט פון
עטלעכע יאָר געמאַכט אויף דער קיעווער
בערזע, באַנקראָטירט, אַליין אַוועק קיין
אויסלאַנד, און די פאַמיליע איז אַריבער=
געפאָרן קיין אָדעס; ביז פרילינג געווען
נע=ונד אין פאַריז, ווין, טשערנאָוויץ,
ביז זיין שוויגער רחל לאָיעוו האָט באַ=
צאָלט פון איר ירושה אַלע זיינע חובות,
און ער איז געקומען צו זיין פאַמיליע
קיין אָדעס, געפרוווט האַנדלען אויף
דער אָדעסער בערזע און פאַרלוירן די
רעשט פון זיין פאַרמעגן, וואָס איז אים
פאַרבליבן אין ווערטפאַפירן, געווען אַ
פאַרזיכערונגס=אַגענט, געלעבט אין נויט.
מאַי 1893 אַריבערגעפאָרן מיט דער פאַ=
מיליע קיין פאַסטאָוו, אָבער באַלד זיך
צוריקגעקערט קיין קיעוו, וואו ביז 1899
זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן מיט מסחר און
מעקלעריי אויף דער קיעווער בערזע
און אַרום דער צוקער=פאַבריקאַציע, צוליב
וואָס אים איז אויסגעקומען פון צייט צו
צייט אויך מאַכן נסיעות אין אַנדערע
שטעט. „ווי אַ פיש אויפן אייז — אַזוי
האָט זיך דער שריפטשטעלער געוואָרפן
אויף אַלע זייטן, אויסגעפרוווט אַלערליי
געשעפטן און טועכצן, אַבי נאָר מיט כבוד
אויפצוהאַלטן זיך און זיין גרויסע פאַמיליע.
עס איז אים אויסגעקומען צו פירן אַ
פאַרצווייפלטן קאַמף, אויסבאַהאַלטנדיק
זיין פיינלעכע לאַגע פון פרעמדע אויגן.
און דאָך, וואָס האַרטער עס איז געווען
דער קאַמף, וואָס שווערער און ביטערער
עס איז געווען דאָס לעבן, אַלץ אָפטער
און אייגנעשפאַרטער פלעגט זיך באַווייזן
די באַגייסטערונג צום שאַפן. דאָ וואָלט
געווען, — שרייבט ווייטער ש״ע אין
זיין אויטאָביאָגראַפיע, — צו באַמערקן,
צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם שאַפן
פון ש״ע, אַז ער קען שרייבן צו יעדער
צייט, אויף יעדן אָרט און ביי אַלערליי

אומשטענדן: אין סאַלאָן, אין קיך, אין
וואַגאָן, אין רעסטאָראַן, אַפילו פאָרנדיק
אויף אַ „איזוואָשטשיק“ און אַפילו ליגנ=
דיק אין בעט. רבונו של עולם! אַזאַ
מאַסע טעמעס און סיוזשעטן! וואָלט נאָר
געווען פרייע צייט און וואָלטן נאָר
מענטשן געלאָזט שרייבן. צום באַדויערן
האָט מען גאַנצע טעג באַדאַרפט זיין אין
געיעג נאָכן קערבל, און ביינאַכט האָבן
חשבונות, וועקסלען, פּאָוויעסטקעס און
עקזעקוציע=ליסטעס ניט געלאָזט שלאָפן;
אין אָט די דאָזיקע ביטערע מינוטן איז
שוין במילא קיין אַנדערע ברירה ניט
געווען, סיידן זיך נעמען צו דער פע=
דער“... אין די דאָזיקע שווערע יאָרן פון
זיין לעבן האָט ש״ע ווייניק געשריבן,
ס׳איז פשוט ניט געווען וואו צו דרוקן,
האָט ער זיך אָנגעהויבן פון צייט צו צייט
באַטייליקן אין דער אָדעסער צייטונג
Одесскій Листокъ, וואו פאַרעפנטלעכט
1891—92 פאַרשיידענע פעליעטאָנען און
Стихотворенія въ прозѣ, און א״פ סער
די סעריעס Типы малой биржи און Сто
тысячъ, אין Восходъ געדרוקט אַ נאָ=
וועלע Романъ моей бабушки (1891),
אַ סעריע Сказки Гетто (1898), די דער=
ציילונגען Разбойники און Пинта—Каф-
танъ его сіятельство (1899), אויך גע=
שריבן אין „המליץ“ צוזאַמען מיט ראַב=
ניצקין א״פ אלדד (ש״ע) ומידד (ראַבניצ=
קי) די סעריע קריטישע פעליעטאָנען
„קבורת סופרים“ (זינט 1892), אין ראַב=
ניצקיס זמ״ב „פרדס“ — די דערציילונג
„דון קישוט ממאַזעפּעווקא“ (1895). אָבער
דווקא אין אָט דער שווערער צייט האָט
ש״ע געשאַפן די ערשטע טיילן פון זיינע
שפעטער גרויסע ווערק — „מנחם מענדל“
און „טוביה דער מילכיקער“. ניט קענענ=
דיק שלום ווערן מיט דעם אויפהערן פון
„דער יודישער פאָלקסביבליאָטהעק“, האָט

ער מיט די לעצטע רעשטלעך פון זיין פריערדיקן וואוילשטאַנד (זיין פרויס לעצטע צירונג) אַרויסגעגעבן אַ זמ"ה א"ט „קול מבשר צו דער יודישער פאָלקס-ביבליאָטהעק" (אָדעס, 1892) אַלס אָנזאָגער צום 3טן באַנד פון זיין באַרימטן זמ"ב, אָבער קיין מיטלען אַרויסצוגעבן דעם 3טן באַנד האָבן זיך ניט געפונען (אויך שפּעטער אַ ביסל, 1894, האָט ער געמאַכט אַ אומגעלונגענע אָנשטרענגונג אַרויסצוגעבן ווייטער די „פאָלקסביבליאָטעק" — מיט דער הילף פון איינעם פון די בראָדסקיס). אָט אין דעם דערמאָנטן „קול מבשר", געשריבן אינגאַנצן פון אים אַליין, האָט ער צ"אַ פאַרעפנטלעכט די ערשטע סעריע בריוו פון מנחם מענדל א"ט „מיליאָנען", די צווייטע סעריע מנחם-מענדלס בריוו א"ט „פּאַפּירליך./ אַ ראָמאַן פון דער יעהופּעצער בערזע אין בריווליך" האָט ער געדרוקט אין ספּעקטאָרס „הויזפריינד" V (1896), אין וועלכן זמ"ב ער האָט אויך געדרוקט זיין פעליעטאָן „סטאַנציע מאַזעפּעווקאַ" (III, 1894) און „טוביה דער מילכיגער" (דעם קאַפּיטל, וואָס ער האָט שפּעטער באַאַרבעט א"ט „דאָס גרויסע געווינס" VI, 1895). צו דער צייט האָט ער אויך געהאַט פאַרעפנטלעכט אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע זיין „יקנה"ז (אָדער דאָס גרויסע בערזענשפּיעל) / אַ קאָמעדיע אין פיער אַקטען" (קיעוו, 1894, ז' 172),—אַ סאַטירע אויף די קיעווער („יעהופּעצער") בערזע-סוחרים, זי איז אָבער צו דעם לעזער דאַן ניט דערגאַנגען, ווייל זי איז קאָנפיסקירט געוואָרן פון דער צענזור מיט דעם אויסרייד, אַז די עם-הארציש פאַרדרייטע פסוקים, וואָס דער מחבר האָט אַריינגעגעבן אין מויל דעם פּערסאָנאַזש שמואל פּאַסטערנאַק, זיינען אַ „חילול הקודש" קעגן תנך, פאַקטיש אָבער צוליב אַ מסירה פון די קיעווער בערזע-סוחרים, וואָס האָבן דערקענט זייערע אייגענע פיזיאָנאָמיעס אין די פּערסאָנאַזשן פון דער קאָמעדיע, הגם דער פאַרפאַסער האָט זיך אין זיין נאָכוואָרט צו דער קאָמעדיע געפּרוווט אויף אַ הומאָריסטישן שטייגער באַוואָרענען, „אַז ווער עס וועט זוכן אין דער קאָמעדיע באַקאַנטע פאַרשוינען, דער האָט מחילה אַ גרויסן טעות". אַ פּאָר פעליעטאָנען האָט ש"ע אויך געדרוקט אין דער פּיטסבורגער צייטונג „די טויב" (1894) און דער „פילאַדעלפיער שטאָדט-צייטונג" (1894). אַ נייע עפּאָכע אין דער ליטעראַרישער טעטיקייט פון ש"ע הייבט זיך אָן מיט דער ערשיינונג פון „דעם יוד" א"ר פון ש"ע'ס פריינד ראַבניצקי. ער נעמט זיך פלייסיק פאַר דער פען, פאַרעפנטלעכט אין דעם ערשטן יאָרגאַנג פון דעם דערמאָנטן וואָכנבלאַט (1899) צוויי נייע דערציילונגען פון טוביה דעם מילכיקן (אַ „בוידעם" און „היינטיקע קינדער"), דעם איינאַקטער „מזל טוב", די דריטע סעריע פון מנחם-מענדלס בריוו „מיליאָנען" און אַ גאַנצע ריי נייע זאַכן און איז איינער פון די טעטיקסטע מיטאַרבעטער פון דעם באַרימטן וואָכנבלאַט ביז יוני 1902, ווען ער איז אַריבער אין די פון דעם פ"ג „תושיה" דאַן געגרינדעטע וואָכנבלעטער „די יודישע פאָלקס-צייטונג" און „די פרויען-וועלט", אין דער לעצטער צ"אַ פאַרעפנטלעכט אַ ראָמאַן א"ט „ווער ווייסט". שפּעטער ביי דער גרינדונג פון „פריינד" געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער דאָזיקער ערשטער יידישער טאָג-צייטונג אין רוסלאַנד, אָבער אומצופרידן פון די באַדינגונגען אין אַ יאָר אַרום זיך פאַרבונדן מיט דער אָנהייב 1904 געגרינדעטער צווייטער צייטונג „דער טאָג", וואו ער

האָט אגב אויך געפירט אַ קריטישע רובּ=
ריק. גלייכצייטיק פלעגט ער זיך אויך
באַטייליקן אין אַנדערע יידישע און העבּ=
רעיִשע אָרגאַנען, ווי די ציוניסטישע
„וועלט", „יודישע פאַמיליע" (1902), רע=
דאַקטירט דאָס זמ"ב „הילף", וואָס דער פ"ג
„תּושיה" האָט 1903 אַרויסגעגעבּן לטובת
די געליטענע פונעם קעשעניעווער פּאָ=
גראָם, פאַר וועלכן זמ"ב ער האָט אויך
פריי באַאַרבּעט לויט ו. דאָראָשעוויטש
„אליהו הנביא" און דריי מעשיות, וואָס
טאָלסטאָי האָט אים צוגעשיקט. צו יענער
צייט זיך אַליין משתּדל געווען וועגן
אַ דערלויבּעניש אויף אַ טעגלעכער צײ=
טונג אין אָדעס אָדער אין ווילנע, צוליבּ
וואָס געפּ‌רן קיין פּט"ב, זיך באַקענט
מיט מאַקסים גאָרקי, לעאָניד אַנדרעיעוו,
א. קופּרין א"אַ רוסישע שריפטשטעלער,
אין וואַרשע זיך באַקענט און גוט=פריינד
געוואָרן מיט פּרצן, 1905 געהאַט אַ ריי
פאָרלעזונגען אין ווילנע, קאָוונע, ריגע,
ליבּאַווע, לאָדז א"אַ, דערהויפּט אין ליטע
און באַלטישן קאַנט. אין אַפּריל איז צום
ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן זיין
פּיעסע „צעזייט און צעשפּרייט" אין פּוי=
לישער איבּערזעצונג דורך מאַרק אַרנ=
שטיין; אויף דער איינלאַדונג פון דעם
וואַרשעווער פּוילישן טעאַטער געקומען
קיין וואַרשע אויף איינער פון די פאָר=
שטעלונגען און אויפגענומען געוואָרן פון
דעם פּובּליקום מיט גרויס באַגייסטערונג.
יענעם זומער זיך פאַרבּונדן מיט די אַר=
טיסטן יעקב ספּיוואַקאָווסקי און סעם אַד=
לער צו גרינדן אין אָדעס אַ יידישן קונסט=
טעאַטער אונטער זיין ליטעראַרישער אָנ=
פירונג, אָבּער איבּער אַ מסירה פון קאָנ=
קורענטן איז די פאַרווירקלעכונג פון דער
זאַך געשטערט געוואָרן פון דער רוסי=
שער רעגירונג. אָקטאָבּער 1905 איבּער=
געלעבּט מיט דער פאַמיליע די שרעקן
פון דעם קיעווער פּאָגראָם, געראַטעוועט
זיך פון דער וואוינונג אין האָטעל „אימ=
פעריאַל", אין יענע טעג אָנגעשריבּן דעם
ערשטן נוסח פון דער עפּיטאַפיע פאַר
זיין מצבה, וועלכע ער האָט שפּעטער
אַ בּיסל געענדערט, דערפילט זיך נאָכן
פּאָגראָם מאַטעריעל הילפלאָז און גייסטיק
צעבּראָכן, באַשלאָסן צו עמיגרירן קיין
אַמעריקע, אין דעצעמבּער 1905 אַריבּער
מיט דער פאַמיליע די רוסישע גרענעץ
אין ראַדזיוויל, ניט געהאַט קיין מיטלען
צו פאָרן קיין אַמעריקע, זיך באַזעצט
מיט דער פאַמיליע צייטווייליק אין
לעמבּערג, וואו פאַרבּראַכט עטלעכע
חדשים צוזאַמען מיט דער פאַמיליע און
פאַר דער צייט מיט דער הילף פון זיין
אַלטן פאַרערער לייבּל טויבּש באַזוכט
אַ ריי שטעט און שטעטלעך פון גאַליציע
און בּוקאָווינע, געמאַכט אויך אַ טור
איבּער רומעניע, שפּעטער געהאַט פאָר=
לעזונגען אין די יידישע סטודענטישע
קאָלאָניעס אין דער שווייץ און בּעלגיע,
אויך אין פּאַריז און לאָנדאָן, אָנהייבּ זו=
מער באַזעצט די פאַמיליע אין זשענעווע,
שפּעטער אַ בּיסל מיט דער פרוי און דעם
יינגסטן זון צוריקגעפאָרן קיין לאָנדאָן,
באַזוכט מיט פאָרלעזונגען די פּראָווינץ=
שטעט פון ענגלאַנד, ערשט אין אָקטאָבּער
1906 געקומען קיין נ"י, וואו אויפגענומען
געוואָרן פון דער יידישער און ענגלישער
פּרעסע מיט גרויס כּבוד, געהאַט אַ ריי
פאָרלעזונגען אין פאַרשיידענע שטעט פון
די פאַראייניקטע שטאַטן, אָנגעשריבּן און
אויפגעפירט אין נ"י צוויי פּיעסן — „דער
אויסוואורף אָדער שמואל פּאַסטערנאַק"
(באַאַרבּעט פון זיין קאָמעדיע „יקנה"ז")
אין יעקב אַדלערס „גרענד טעאַטער" און
„סטעמפּעניו" — אַ דראַמאַטיזאַציע פון
זיין ראָמאַן — אין ב. טאָמאַשעווסקיס
„פּיפּלס טעאַטער", אָבּער סוף=כּל=סוף

ניט געקענט זיך איינלעבן אין אַמעריקע און זומער צוריקגעקומען צו זיין פאַמיליע אין זשענעווע, וואו עס האָבן דעמאָלט געוואוינט מענדעלע מוכר-ספרים און מ. בן-עמי, זיינע אינטימסטע פריינד — נאָך פון זיין אָדעסער פעריאָד. אַלס דעלעגאַט פון די ב״י׳ער ציוניסטן געווען אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַג (1907), וואו אגב זיך געטראָפן צום ערשטן מאָל מיט ח״נ ביאַליקן, פאַר וועמען אַלע מאָל אַרויסגעוויזן גרויס באַגייסטערונג, אַזוי אַז בשעת זיינע פאָרלעזונגען פלעגט ער אָפטמאָל רעציטירן אויך די שירים פון דעם באַרימטן העברעישן דיכטער. צום סוף מאַי 1908 איז ש״ע אַרויסגעפאָרן אויף אַ טור קיין רוסלאַנד, געהאַט פאָרלעזונגען און באַגייסטערטע אויפנאַמעס אין אָדעס, וואַרשע, ווילנע, מינסק א״אַ גרעסערע און קלענערע שטעט פון „תחום״. דאָס שווערע יאָר פון מאַטעריעלע און גייסטיקע ליידן, וואָס ער האָט פריער דורכגעמאַכט אין זשענעווע, האָט זיך אָבער געלאָזט פילן, און קומענדיק צום סוף יולי אויף אַ פאָרלעזונג קיין באַראַנאָוויטש, אויף דער עפענונג פון דער יידישער ליטעראַריש-קינסטלערישער געזעלשאַפט, וואו ער האָט אגב געהאַלטן די רעדע אין רוסיש — צוליב דער גזרה אויף יידיש, האָט ער פלוצים געקריגן אַ בלוטשטורץ פון די לונגען, און די דאָקטוירים האָבן קאָנסטאַטירט ביי אים אַ שאַרפע טובערקולאָז-קראַנקהייט. אָפגעלעגן אין באַראַנאָוויטש אַרום 2 חדשים, איז ש״ע אַוועקגעפאָרן קיין נערווי, אויף דער איטאַליענישער ריוויערע, וואו ער האָט זיך באַזעצט מיט אַ טייל פון דער פאַמיליע, אָנהאַלטנדיק אַ שטרענגן רעזשים פון אַ לונגענקראַנקן אונטער דער השגחה פון אַ דאָקטאָר. אין דעם מילדן קלימאַט פון דער איטאַליענישער ריוויער׳ע, צווישן ים און זון (וואָס ש״ע האָט ביידע ליב געהאַט „ממש כלות הנפש״), האָט זיין געזונט זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פאַרבעסערן. אין יענער צייט, 25/X, 1908, איז פול געוואָרן 25 יאָר זינט ער האָט אָנגעהויבן צו דרוקן זיינע ווערק אין יידיש, און די גאַנצע יידישע וועלט האָט מיט ליבע אויפגענומען דעם דאָזיקן ליטעראַרישן יום-טוב פון איר פאָפולערסטן דיכטער. אין הונדערטער שטעט פון אייראָפּע און אַמעריקע, ווי אויך אין די פאַרוואָרפענע ווינקלען פון די אַנדערע וועלט-טיילן זיינען פאָרגעקומען יובילײ-פייערונגען, אויף וועלכע עס זיינען געלייענט און געשפילט געוואָרן ש״ע׳ס ווערק און עס איז געגעבן געוואָרן אַן אָפשאַצונג פון זיין שאַפן. די הכנסה פון יענע ש״ע-פייערונגען איז טיילווייז געשיקט געוואָרן צום קראַנקן יובילאַר און טיילווייז געזאַמלט געוואָרן אין וואַרשע אין אַ באַזונדערן פאָנד, וועלכער איז אינגאַנצן אויסגענוצט געוואָרן אויף אויסצוקויפן פון די פאַרלעגער שאַלקאָוויטש, לידסקי און קרינסקי די שוין געדרוקטע ווערק פון ש״ע און איבערגעבן זיי צוריק אין רשות פון מחבר, ווי אַ פאָלקס-מתנה צו זיין יובילײ. פון דעמאָלט אָן ביז צום אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה האָט ש״ע פאַרבראַכט אַ משך פון 6 יאָר אין פאַרשיידענע קורפלעצער פון איטאַליע, דייטשלאַנד און שווייץ, ווי נערווי, סט. בלאַזיען און באַדענווייליער (שוואַרצוואַלד), לוגאַנאָ, לוצערן, מאָנטרע, ניצע, קלאַראַן, לייזען, לאָזאַן, וויסבאַדען, ווילדונגען א״אַ, באַזוכט אויך אַ פאָר מאָל בערלין, פאַריז אאַז״וו. די באַשטענדיקע הכנסה פון זיינע יידישע (און שפעטער

אויף רוסיש) ביכער און צו דערזעלבער צייט זיין מיטאַרבעט אין די רוסלענדישע און אַמעריקאַנישע יידישע צייטונגען האָבן אים מער-ווייניקער זיין מאַטעריעלע לאַגע געזיכערט. אין משך פון אָט די יאָרן האָט ער, ניט קוקנדיק אויף זיין קראַנקהייט, אַנטוויקלט אַ אינטענסיווע ליטעראַרישע טעטיקייט, זיך באַטייליקט אין די פאַרשיידנסטע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון אַמעריקע און אייראָפּע, צ״אַ פאַרעפנטלעכט אין „פריינד" 1907—8 (מיט דער דאָזיקער צייטונג — נאָך אַ הפסקה פון עטלעכע יאָר — זיך ווידער פאַרבונדן נאָך פון אַמעריקע אויס) די ערשטע סעריע פון „מאָטל פייסי דעם חזנס" א״ט „עמיגראַנטען" (די ערשטע עטלעכע דערציילונגען פון דעם דאָזיקן וואונדערלעכן בוך זיינען אגב געווען געדרוקט אין דעם ווילנער וואָכנבלאַט „דאָס יודישע פאָלק"), אין נ״יער „וואַרהייט" און וואַרשעווער „אונזער לעבען" 1907 — דעם ראָמאַן אויס דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע „דער מבול" (שפּעטער באַאַרבעט א״ט „אין שטורעם", באַזייטיקנדיק די צו צייטונגסמעסיק סענסאַציאָנעלע ערטער), אין דער וואַרשעווער „נייער וועלט" און דעם נ״יער וואָכנבלאַט „דער אַמעריקאַנער" די סעריע „אייזנבאַן-געשיכטעס" (1909), אין „מאָרגען זשורנאַל", „דער נייער וועלט" און נאָך איר אונטערגאַנג אין „מאָמענט" — דעם גרויסן ראָמאַן אויס דעם לעבן פון די יידישע אַקטיאָרן „בלאָנדזענדע שטערן" (אין 2 ט' — „אַקטיאָריען" און „נע-ונד", 1909—11), אין „היינט" און „יידישען טאַגעבלאַט" די סעריע „פון נאַלעווקיס ביז מאַריענבאַד" (1911; שפּעטער — „מאַריענבאַד"), אין „היינט"-דעם ראָמאַן אויף דעם יסוד פון דעם דאַן אַקטועלן ביילים-פּראָצעס „דער בלוטיקער שפּאַס" (1912 — 13) און אַ נייע סעריע פון 46 „בריוולעך פון מנחם-מענדל צו שיינע-שיינדל זיין ווייב" (1913), אַחוץ צענדלינגער און הונדערטער קלענערע זאַכן אין „יידישען טאַגעבלאַט", „אונזער לעבען", „פריינד", „דער שטראַהל", נ״יער „קיבעצער", און „קונדס", „אַמעריקאַנער", ריגער „אידישער שטימע", אברהם רייזענס זמ״ב „פרייע טעג" (1910) און פּאַריזער „נייעם זשורנאַל" (1914), „באָברויסקער וואָכנבלאַט" (1912), אָדעסער „גוט מאָרגען" (פעליעטאָן „קאָמעדי-בראַק" — אַ פּאַראָדיע אויף יושקעוויטשעס פּיעסע „די הייראַטס-קאָמעדיע" — פּורים 1911), „דער יודישער וועלט" (טביה דעם מילכיקנס „לך-לך" און מאָטל דעם חזנס „די וואַסערשטוב", 1914) אאַז״וו. אָבער אָנהייב 1914, ניט קענענדיק נאָכקומען די קאַפּריזן פון דער דעמאָלטיקער וואַרשעווער פאַרגעלטער פּרעסע, איז ער געבליבן אָן אַ צייטונג וואו צו שרייבן און דאָס האָט פאַרענגט זיין ביודזשעט. דערצו האָט ער זיך אויך פאַרבענקט נאָך רוסלאַנד, און אַפּריל 1914 האָט ש״ע אונטערגענומען אַ טורנע פאָרלעזונגען איבער די גרעסערע שטעט פון פּוילן און ליטע, אויך אין פּט״ב. די דאָזיקע לעצטע רייזע ש״ע׳ס איבערן תחום איז פאַר אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פולשטענדיקן טריומפאַלן צוג. צוריקוועגז קיין שווייץ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אַלבעק, דייטשלאַנד, ביים באַלטישן ים, וואו ער האָט גערעכנט צו פאַרברענגען די זומערדיקע חדשים און וואוהין עס איז זיך צונויפגעקומען זיין גאַנצע פאַמיליע, באַלד איז אָבער אויסגעבראָכן די וועלט-מלחמה און ש״ע מיט זיין הויזגעזינד האָבן אַלס

רוסישע אונטערטאַנען געמוזט לויפן פון דייטשלאַנד, און אַזוי ווי קיין שווייץ איז שווער געווען צוצוקומען, האָבן זיי זיך געראַטעוועט אין צעוואָרפענע גרופּעס קיין קאָפּנהאַגן. דאָס לויפן פון לאַנד צו לאַנד אונטער שווערע באַדינגונגען האָט דעם קראַנקן ש"ע אינגאַנצן צעטרייסלט. דערצו האָט זיך ביי אים יענע צייט באַוויזן אַ נייע שלאָפּקייט, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ שטענדיקן דאָרשט און געווירקט אויף זיין געמיט פּיינלעכער ווי די פריערדיקע לונגען־קראַנקהייט. ניט קוקנדיק אויף זיין קראַנקן געמיט־צושטאַנד האָט ער אין קאָפּנהאַגן פונדעסטוועגן באַוויזן אָנצושרייבן זיין טראַגיקאָמעדיע „שווער צו זיין אַ ייד" (וועלכע איז טיילווייז דראַמאַטיזירט פון זיין ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס"). געבליבן אין קאָפּנהאַגן איינגאַנצן אָן מיטלען, האָט ער זיך שטאַרק געפּלאָגט, ביז אַ צופאַל האָט אים צוזאַמענגעבראַכט מיט דעם באַקאַנטן יידיש־דענישן פילאַנטראָפּ און געלערנטן פּראָפ. דוד סימאָנסען, אָבער דאָך האָט ער ניט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי צו עמיגרירן אַ צווייט מאָל קיין אַמעריקע (דערביי האָט זיך זיין פאַמיליע געמוזט צעטיילן). אָנגעקומען קיין נ"י 2/XII 1914, איז ער אָנהייב 1915 אַריינגעטרעטן אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דעם ניי־געגרינדעטן „טאָג", וואו ער האָט אָנגעהויבן צו דרוקן זיין אַווטאָביאָגראַפיע „פונ'ם יאַריד", אויך געשריבן אַ סעריע מלחמה־דערציילונגען „מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט" א"אַ. ער האָט אויך געהאַט עטלעכע אָוונטן־פאָרלעזונגען אין נ"י און אַ ריי אויסטרעטונגען אין די פּראָווינץ־שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע (ווינטער און פרילינג 1915). זומער 1915 האָט ער אָנגעשריבן זיין קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס", אָבער צווישן די נ"י'ער טעאַטער־דירעקטאָרן האָבן זיך דעמאָלט ניט געפונען קיין בעלנים ניט אויף דער דאָזיקער שענסטער קאָמעדיע ש"ע'ס, ניט אויף „שווער צו זיין אַ ייד". אין נ"י האָט זיך ש"ע די גאַנצע צייט געפילט קראַנק און פאַרלאָזן, ניט באַקומענדיק פון דער סביבה יענע וואַרעמע אויפמערקזאַמקייט, צו וועלכער ער איז געווינט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן אין אייראָפּע, דערצו איז ער אויך ניט געווען באַוואָרנט מאַטעריעל. צום סוף יאָר 1915 האָט זיך „דער טאָג" אָפּגעזאָגט צו באַנייען מיט אים דעם קאָנטראַקט אויף ווייטער און ער האָט געמוזט אָנהייב 1916 אַריבערגיין מיט דעם המשך פון זיין אַוטאָביאָגראַפיע אין דער „וואַרהייט" אויף אַ באַגרענעצטן געהאַלט. אַ שווערער קלאַפּ פאַר אים איז געווען דער פּלוצימדיקער טויט פון זיין עלטסטן זון מישאַ. ער האָט נאָכדעם אָנגעהויבן אָפּט צו ליידן פון האַרץ־אַטאַקעס, דערצו זיינען אויך די נירן אָנגערירט געוואָרן דורך זיין ניט־געשטילטער דאָרשט־קראַנקהייט. דעם לעצטן ווינטער פון זיין לעבן האָט ער דאָס רוב פאַרבראַכט אין בעט, געשריבן ליגנדיק דעם דריטן טייל „פונ'ם יאַריד", די צווייטע סעריע פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס" און אויך איבערגעאַרבעט די דראַמאַטיזאַציע פון „טביה דעם מילכיקן", ניט אַרויסגעלאָזט די פּען פון דער האַנט ביז גאָר די לעצטע טעג זיינע. ער האָט שטאַרק געליטן, וואָס אין דער צייטונג, וואו ער איז אַ מיטאַרבעטער, וויל מען ניט אָפּשאַצן דעם ריכטיקן ווערט פון „דעם בוך פון זיינע ביכער", מען פאַרלאַנגט פון אים אַנדערע זאַכן — פריילעכע

פּעליעטאָנען, ראָמאַנען, ער האָט געמוזט נאָכגעבן, געשריבן אין איין צייט מיט די קאַפּיטלען „פונעם יאַריד" — אַ ראָמאַן א"ט „דער מיסטיק"—אַ ווילדן פּלאָנטער פון יידיש-אַמעריקאַנישן לעבן. איבער דעם, וואָס ס'איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די הכנסה פון זיינע יידישע און רוסישע ווערק אין רוסלאַנד, געלעבט געדריקט, באַלד נאָך פּסח פאַרשלאַפט געוואָרן און און זיך אַוועקגעלייגט אין בעט אַריין, פון וואַנען ער איז שוין ניט אויפגעשטאַנען. געשטאָרבן איז ש"ע שבת פרי, י' אייר, נאָך אַ שווערער נירנקראַנקהייט, וועלכע האָט געדויערט 2 וואָכן. זיין לוויה איז געווען אַ גראַנדיאָזע פּראָצעסיע מיט הונדערטער טויזנטער באַטייליקטע. ביים קבר האָבן גערעדט שלום אַש, אברהם רייזען, מאָריס ווינטשעווסקי, שמריה לעווין, נחמן סירקין און לעאָן מאָצקין; דער קאָנגרעס-דעפּוטאַט פון נ"י וויליאַם בענעט, באַקאַנט מיט זיין קאַמף פאַר פרייער אימיגראַציע, האָט געהאַלטן אין קאָנגרעס אַ געדענקרעדע נאָך ש"ע און צום סוף איבערגעלייענט זיין צוואה, וועלכע איז בשלמות אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון קאָנגרעס, Congress Archiv, וואָס האָט אויך אָפּגעדרוקט דעם אַרטיקל וועגן ש"ע פון דער New York Times. אויפן רוף פון דעם פּאָרזיצער פון דער נ"י'ער קהילה ד"ר י"ל מאַגנעס איז געגרינדעט געוואָרן אַ ש"ע-פאָלקספאָנד, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די ווערק פון דעם גרויסן יידישן הומאָריסט. צוערשט איז ש"ע געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן ברוקלינער בית-עולם הר-נבו מיט דער כוונה נאָך דער מלחמה אַריבערצופירן זיין קערפּער קיין קיעוו, וואו זיין פאָטער ליגט באַהאַלטן, אָבער צוליב די געשעענישן אין רוסלאַנד האָט מען אים אין 5 יאָר אַרום אַריבערגעפירט אויפן ברוקלינער בית-עולם „הר הכרמל", אויף דער קרקע פון „אַרבעטער-רינג", „צווישן „פּראָסטע יידן אַרבעטער, מיטן אמתן פאָלק", ווי ער האָט אָנגעזאָגט אין זיין צוואה. 5/VI 1921 איז אויפגעדעקט געוואָרן זיין מצבה, אויף וועלכער עס איז אויסגעקריצט די פון אים אַליין אָנגעשריבענע עפּיטאַפיע. ש"ע'ס טויט האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג איבער דער גאַנצער יידישער וועלט און צו יעדן יאָרצייט זיינעם ווערט געפייערט דער אָנדענק פון דעם געניאַלן יידישן הומאָריסט. די פייערונגען פון דעם 10טן יאָרצייט ש"ע'ס האָבן זיך אין ראַטנרוסלאַנד פאַרוואַנדלט אין אַ מאַסנאַקציע, אין וועלכער עס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן ניט נאָר די יידישע שולן און קולטור-אַנשטאַלטן, פּאַרטיי-קרייזן און קלוב-אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך די ניט-יידישע שריפטשטעלער, מלוכה-מענער און מלוכה-אַנשטאַלטן; די ש"ע-פייערונגען זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן דירעקט דורך די אָרגאַנען פון דער ראַטנרעגירונג; דער ראַט פון די פאָלקסקאָמיסאַרן פון ווייסרוסלאַנד האָט אַרויסגעשיקט וועגן דעם אַ ספּעציעלע טעלעגראַמע. צענדלינגער גאַסן אין פאַרשיידענע שטעט און הונדערטער ביבליאָטעקן, קלובן און דראַמקרייזן זיינען אָנגערופן געוואָרן אויף זיין נאָמען. אויף זיין נאָמען האָט זיך אויך געהאַט געעפנט אין מאָסקווע אַ יידישע טעאַטער-סטודיע אונטער דער אָנפירונג פון דעם רוסיש-יידישן שריפטשטעלער אַנדרעי סאָבאָל, וועלכע האָט צוגעגרייט אַ פאָרשטעלונג אין 5 בילדער א"ט „פּורים אין כתרילעווקע"; אויך איז אָנגערופן אויף זיין נאָמען אַ ישוב אין קריוואָראָגער ראַיאָן, וואו ס'האָט זיך מיט אַ פּאָר יאָר

צוריק אויך געעפנט אַ פּאָסט= און טעלע=
גראַף=קאַנטאָר. אויך אין אַנדערע לענ=
דער עקסיסטירן פאַרשיידענע קולטור=
אינסטיטוציעס אויף ש״ע׳ס נאָמען, פון
וועלכע די וויכטיקסטע איז דער „ש״ע=
פאָלקס = אינסטיטוט״ אין אַמעריקע. —
צוגלייך מיט מענדעלע מוכר=ספרים און
י״ל פּרץ פאַרנעמט ש״ע דעם אויבנאָן
אין דער יידישער ליטעראַטור, אַלס איינע
פון אירע דריי גרויסע קלאַסישע פיגורן,
און צוגלייך מיט זיי באַשטימט ער איר
אָריגינעלן כאַראַקטער, איר אייגענעם
אָרט אין דער וועלט=ליטעראַטור ווי פון
אַ פּראָדוקט פון אַן אייגנאַרטיקער קול=
טור. מיט דער אָריגינאַליטעט פון זיין
באַגאַבונג, מיט דער שפּרודלדיקער פריש=
קייט פון זיין שעפערישן גייסט האָט ער
אַפילו אַריבערגעשטיגן די דאָזיקע צוויי
שותּפים זיינע אין דעם אויפבוי פון דער
נייער יידישער ליטעראַטור. די כאַראַק=
טעריסטישע אייגנשאַפט פון ש״ע׳ס קינסט=
לערישער פערזענלעכקייט, די אייגנשאַפט,
וואָס האָט אים געמאַכט פאַר דעם פּאָ=
פּולערסטן און באַליבטסטן יידישן שריי=
בער ביי אַלע טיילן פון פאָלק, אָנהייבנ=
דיק פון דער פאָלקסמאַסע ביז צו די
קרייזן פון דער האַלב און אַפילו גאַנץ
אַסימילירטער בורזשואַזיע, איז דער
מערקווירדיקער הומאָר, וואָס דרינגט
דורך אַלע זיינע ווערק. ניט גלייך איז
אָבער ש״ע געקומען צו דעם באַוואוסט=
זיין פון זיין גרויסן כוח אַלס הומאָריסט.
אין אָנהייב פון זיין שריפטשטעלערישער
טעטיקייט האָט ער געפּרוווט ווייטער
פירן די ליניע פון השכלה=פרידיגעריי
און מוסער=זאָגעריי, דערשטיקנדיק אין
זיך דעם פרישן און פריידפולן קוואַל
פון זיין הומאָר. ער האָט אָנגעהויבן מיט
סאַטיריש=פּובליציסטישע פעליעטאָנען, אין
פּראָזע און אין גראַמען, לויטן טויט=
ערנסטן און טויט=לאַנגווייליקן משכּיליש=
חובב=ציוניסטישן שאַבלאָן, און בלויז אין
די פּריוואַטע בריוו זיינע פון יענער
ערנסטער צייט, נאָך די פּאָגראָמען,
האָט ער זיך פאַרגונען זיין לעבעדיקן
און פריילעכן געלעכטער. „אין לעבן —
אַ יונגער, דרייסטער, פאַרשייטער גייסט,
אַ רירעוודיק בחורל, אַ ברען, מיט אַ
שיינעם ליכטיקן בלאָנדן קאָפּ, מיט בליצנ=
דיקע לאַכנדיקע אויגן, מיט אַ פלינקן
שאַרפזיניקן מוח און מיט פלינקע איבער=
ראַשנדיקע איינפאַלן; און אויפן פּאַפּיר—
אַן אָנגעצויגענע אומבאַוועגלעכע מאַסקע
פון אַ קליינשטעטלדיקן משכּיל, וואָס
שרייבט אַלטע, מאַרינירטע מליצה וועגן
פאַרעווע, טויט = ערנסטע פּראַגעס, ווי
„שאלות המלמדים און עבודת=הצבא״ —
אַזוי כאַראַקטעריזירט ש״ע דעם אָנפאַנ=
גער י״ד בערקאָוויטש — דער בעסטער
ביאָביבליאָגראַף און פיינער אָפּשאַצער
פון ש״ע.—דאָס ערשטע ווערק ש״ע׳ס איז
געווען אַ נאָכמאַכונג פון אברהם מאַפּוס
„אהבת ציון״, א״ט „בת ציון״, וואָס ער
האָט פאַרפאַסט לערך צו 14 יאָר. די
שפּעטערדיקע פאַרפאַסונגען אויף רוסיש,
וואָס ער האָט געשריבן גאַנצע נעכט
ביי זיין צוקינפטיקן שווער לאָיעוו אויפן
דאָרף („פאַר די קאַרגע דריי יאָר, וואָס
ער האָט פאַרבראַכט אין סאָפּיעווקע אַלס
לערער, האָט ער אָנגעשריבן אַ סך מער
ווי ער האָט געשריבן נאָכדעם ווען
ער איז שוין געווען אַ שרייבער און
געהייסן ש״ע״ — זאָגט ש״ע אין זיין
אַווטאָביאָגראַפיע), זיינען באַשטאַנען „פון
האַרצרייסנדיקע ראָמאַנען, שרייענדיקע
דראַמעס, פאַרפלאָנטערטע טראַגעדיעס
און קאָמעדיעס״, וואָס זיינען, לויט בער=
קאָוויטש, געווען ניט בעסער און ניט
ערגער פון זיין ערשטן געדרוקטן ראָמאַן
„נאַטאַשאַ״ (ביילאַגע צו די נומ׳ 35—52

„יודישען פאָלקסבלאַט" 1884, שפעטער איבערגעאַרבעט א"ט „טייבעלע", געדרוקט אין XX ב' — „יוגענד-ראָמאַנען"). דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט דער דערציילונג „צוויי שטיינער" („יודישעס פאָלקסבלאַט" 1883, 26, 28, 30), וואָס טראָגט אַ פערזענלעכן כאַראַקטער און האָט געהאַט אַ שייכות מיט די ראָמאַנטישע איבערלעבונגען פון דעם יונגן פאָרפאָלק, האָט ער דעם שפעטער באַרימטן פס"נ ש"ע באַנוצט צום ערשטן מאָל אונטער זיין פעליעטאָן „די וויבאָרעס" (אין „פאָלקסבלאַט" פון 28/IX 1883), וואו ער האָט געגעבן אַ קורצע און שאַרפע שילדערונג פון ראַבינער-וואַלן אין אַ פראָווינציעלער שטאָט, אַרויסווייזנדיק דערביי זיין נייגונג צום „פראָסטן עולם". אָבער דעם אָנהייב פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט פלעגט ער רעכענען פון זיינע „איבערגעכאַפטע בריעף אויף דער פאָסט" (פאַרעפנטלעכט אין „פאָלקסבלאַט" זינט 1883) — אַ סעריע לייכטע אויבנאויפיקע באַאָבאַכטונגען אין דעם געזעלשעפטלעכן לעבן פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, צוגעמישט מיט מוסר-זאָגעכץ און השתפכות הנפש און באַפעפערט מיט לייכטן שפאָט. פון „די איבערגעכאַפטע בריוו" איז ש"ע אַריבער צו אַ צווייטער ענלעכער סעריע פעליעטאָנען, „אַן איבערשרייבונג צווישען צוויי אַלטע חברים" („פאָלקסבלאַט", 1884); שפעטער קומען „בילדער פון דער באַרדיטשעווער גאַס" (1887—88), „בילדער פון דער זשיטאָמירער גאַס" (1888) און פאַרשיידענע אַנדערע פעליעטאָנען. „ביסלעכווייז באַפרייט זיך ש"ע פון דעם פובליציסטישן שטאָף און קומט צו נעענטער צו זיין שפעטערדיקן אייגענעם זשאַנער — מאָלן דורך דערציילן. דערביי איז ער אַליין נאָך אַלץ ניט דער זייטי-קער, אָביעקטיווער באַאָבאַכטער און באַשרייבער פון זאַכן, נאָר ער שטעלט זיך אַוועק אין צענטער פון די באַשריבענע פאַרשוינען און פאַסירונגען, שאַפט פון זיך דעם טיפ פונעם טשיקאַווען, אַלצוזעענדיקן און אַלצהערנדיקן שלום-עליכם, וואָס איז אויסגעבונדן מיט דער גאַנצער וועלט. אָפט ווערט ביי אים דער פעליעטאָן פאַרוואַנדלט אין אַ מין ליטעראַריש פאָפורי, וואו כאַראַקטער- און שטייגער-שילדערונג, לירישער אויסגוס און סאַטירישע זשורנאַליסטיק מישן זיך אויס צוזאַמען. ער באַרירט מיט זיין שפילעוודיקער לייכטער פען אַלעמען, וועמען ער טרעפט נאָר אין זיין סביבה: אַלטמאָדישע יידן, היינטוועלטיקע יונגעלייט, לעזער און קאָרעספאָנדענטן פונעם „פאָלקסבלאַט", שרייבערס, גראַפאָמאַנען, קהלשע פאַרזאָרגערס"... סיי לויטן אינהאַלט, סיי לויטן סטיל שאַפן די דאָזיקע פעליעטאָנען דעם איינדרוק פון עפעס, וואָס מע קען עס אָנרופן „ערב שלום-עליכמדיקס". די טיפן זיינען געצייכנט אין בלאַסע קאָנטורן, די שפראַך, כאָטש עכט און פליסיק, שלאָגט נאָך אָפ מיט מוטנעקייט, און דער הומאָר איז געמישט מיטן פסולת פון חוזק און פראָווינציעלער סאַטירע. נאָר אויף אָט די בלאַסע קאָנטורן פון דער „באַרדיטשעווער גאַס" זיינען עס שפעטער אויסגעוואַקסן די רעליעפע פאַרביקע פיגורן פון כתרילעווקע און פון אָט דעם געמיש פון עכטקייט מיט פסולת האָט זיך עס אויסגעקריסטאַליזירט דער לויטערער, דורזיכטיקער סטיל פון ש"ע'ס קלאַסישן הומאָר... שוין אין יענע פעליעטאָנען באַווייזט זיך דער שאָטן פון דעם שפעטערדיקן מנחם-מענדל און שיינע-שיינדל, און אַפילו טביה דעם מילכיקנס שפראַך מיט זיינע טייטשוועטער בלאָנדזשען שוין

אום אין עולם-התוהו". (בערקאָוויטש). פאַר דעם „יודישען פאָלקסבלאַט" זיינען ש"ע'ס פעליעטאָנען גלייך געוואָרן איר לעבעדיקער נערוו. אַחוץ די פעליעטאָנען האָט ש"ע פאַר די קאַרגע זעקס יאָר וואָס ער איז געווען פאַרבונדן מיטן „יודישען פאָלקסבלאַט" פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג אַ ריי דערציילונגען און ראָמאַנען. אין זיינע ערשטע דערציילונגען, פון די יאָרן 1883—84, האָט זיך געפילט עפּעס אַ פרעמדער טאָן, אַ שָמ"רישער איינפלוס, הגם אין דער ריינערער שפּראַך און אין איינציקע געלונגענע בילדער און סצענעס זיינען זיי שוין געשטאַנען אַ סך העכער פון דעם פּאַרפאַסער, קעגן וועלכן ש"ע האָט אָנגעהויבן די גרויסע ליטעראַרישע מלחמה. אין זיינע שפּעטערע דערציילונגען, ווי „די וועלט-רייזע" (1886; אין אַ שפּעטערער באַאַרבעטונג — „דער ערשטער אַרויספאָהר"), קינדער-שפּיל / אַ מערקווירדיגע ליבע פון אַ געפּעסטעטען, אַ געבאַלעוועטען, אַ רייכען אידישען בן-יחיד" (1836; אין אַן אויסגעבעסערטער רעדאַקציע — אַריין אין ב' XX — „יוגענט-ראָמאַנען") איז שוין צו דערקענען דעם עכטן ש"ע, הגם דער ראָמאַן „קינדערשפּיל" אינגאַנצן גענומען איז נאָך ניט פריי פון דעם געמיש פון דער שונד-ראָמאַנטיק און דעם פּרימיטיוון רעאַליזם פון יענער צייט. אַ מין איבערגאַנג פונעם „העכסט-אינטערעסאַנטן", שָמ"רישן ראָמאַן צום ליטעראַרישן איז אויך זיין „ראָמאַן אָן אַ ראָמאַן" — „רב סענדער בלאַנק און זיין פילגעשעצטע פאַמיליע" (1888), וואָס די אַנדערע צוויי געפּלאַנטע טיילן פון אים — „מאַרקוס בלאַנק" און „דער לעצטער פון די בלאַנקס", — מיט וועלכע ש"ע האָט געהאַט בדעה צו שאַפן אַ ראָמאַנענסעריע לויט דעם מוסטער פון עמיל זאָלאַס „די קאַריערע פון די רוגאָנס", האָט ער שוין ניט צושטאַנדגעבראַכט, אַלנפאַלס ניט פאַרעפנטלעכט, ווייל אין אָט דער צייט הייבט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד אין ש"ע'ס שאַפן, דער פּעריאָד, וואָס איז פאַרבונדן מיט „דער יודישער פאָלקס-ביבליאָטהעק". אין זייער ערשטן נוסח האָבן די דאָזיקע אַלע דערציילונגען און ראָמאַנען געליטן פון צעשוואומענקייט, די פאַבולע האָט זיך גאַנץ אָפט געטרונקען אין אַן איבערפלייץ פון זייטיקע רייד, ניט-נייטיקן באַאָבאַכטונגסמאַטעריאַל און השתפכות-הנפש — אַ שטיק ירושה פון סמאָלענסקיס שול. דער קערן אין זיי איז אָבער געווען אַ פרישער, אַ זאַפטיקער, און אַזעלכע ווערק, ווי „דאָס מעסערל", „די וועלט-רייזע" („דער ערשטער אַרויספאָר"), „קינדער-שפּיל" און „סענדער בלאַנק" האָבן פאַרשאַפט דעם לעזער פון זייער צייט אַ הויכן געניס. די דערציילונג „דאָס מעסערל" באַטייט בכלל אַן איבערבראָך-מאָמענט אין ש"ע'ס יוגנטלעכער אַנטוויקלונג. אין דער דאָזיקער דערציילונג האָט זיך צום ערשטן מאָל אַ שרייבער פון די 80ער יאָרן איינגעגעבן צו ווייזן אַ לעבעדיקע געשטאַלט, וועלכע טראָגט אין זיך עפּעס אַ סימן פון געזונטקייט, האַרמאָנישקייט, אַ פונק פון אַ פאַרבאָרגענעם שעפערישן כח, וואָס איז פאַרבאַהאַלטן ערגעץ אין דער טיפעניש פון דער פאָלקסמאַסע. דאָס האָט געשטימט מיט ש"ע'ס פאָלקיסטישע סימפּאַטיעס פון יענער צייט. די ערשטע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור געמאַכט מיט געוויסע טענדענצן פון השכלה און פון חיבת-ציון, איז ש"ע אָט אין דער צייט שוין געקומען באַוואוסטזיניק צו אַ נייער באַציִונג צו דעם „פּראָסטן יידן", צו דעם מענטש

פון דער יידישער פאָלקסמאַסע. אויב אין זיינע ערשטע ראָמאַנען האָט ער געשילדערט דאָס לעבן פון דער יידישער גרויס-בורזשואַזיע, אמת — מיט יענעם שאַרפן קריטיציזם, וואָס פלעגט זיך אַלעמאָל דערוועקן אין אים ביים שילדערן די נגידישע סביבה, איז ער איצט אַריבער צו אַ ברייטער שילדערונג פון דעם יידישן מאַסנלעבן. די דאָזיקע נייע ווענדונג אין זיין קינסטלערישן שאַפן איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין זיין אויסגעקריסטאַליזירטער באַציִונג צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, צו דעם ווילן אויפצוהייבן דעם „זשאַרגאָן" „אויף אַזאַ הויכער מדרגה, צו וועלכער עס האָבן נאָך ניט דערגרייכט אַפילו אַזעלכע אויסגאַבן, ווי דער „האסיף" אָדער „כנסת" און אין דער זעלבער צייט אים מאַכן צוגענגלעך פאַרן פאָלק". פון אָט דער שטרעבונג האָט עס אַרויסגעשטראָמט זיין גאַנצע ענערגישע טעטיקייט אין די יונגע יאָרן פאַר יידיש, פאַר דעם אויפבוי פון אַ יידישער ליטעראַטור. דאָס האָט אים געפירט צו טאָן אַן אַרבעט, וואָס איז געשטאַנען מחוץ זיין קינסטלערישן באַרוף: צו שרייבן „שמרס משפט", צו אָנפירן אַ קאַמף קעגן לעווינס יידיש-פיינדלעכע מעטאָדן אין „פאָלקסבלאַט", צו וועקן דורך בריוו זיינע צייט-חברים צו טעטיקייט. און דאָס האָט אים אויך געפירט צו דער אויסגאַבע פון „דער יודישער פאָלקסביבליאָטהעק", וואָס האָט געעפנט אַ ניי קאַפּיטל אין דער אַנטוויקלונגס-געשיכטע פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור, גלייכצייטיק אָפּשליסנדיק דעם ערשטן פעריאָד פון ש"ע'ס שאַפן, די צייט פון זיינע יוגנטלעכע פּרוון און געוואַגטע אומזיכערע טריט. אין זיין אַרבעט „דער יונגער שאָלעם-אַלייכעם",

איינער פון די בעסטע און גרינדלעכסטע ש"ע-מאָנאָגראַפיעס, שרייבט אויסלענדער וועגן דעם דאָזיקן ערשטן פעריאָד פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט: „ש"ע האָט נאָך אין יענער צייט ניט קיין באַשטימטן וועג. ער קאָן זיך נאָך ווייניק באַהערשן, ער שווימט נאָך מיט אַ סך שטראָמען, אָבער אין אָט די אַלע צעלאָזענע שטראָמען פון ש"ע'ס שאַפן איז שוין פאַרהאַן אַ גרוס פון אַן אויפגעוואַכטער קינסטלערישער קראַפט, אַ גרוס פון אַן אויפגעוואַכטער ליטעראַטור. צוזאַמען מיט זיין חבר ספּעקטאָר, וועלכער האָט בכלל געהאַט אויף אים אַ גרויסע השפּעה און אונטער זיין רעדאַקציע אין „יודישען פאָלקסבלאַט" דורכגעמאַכט זיינע ערשטע ערפאָלגרייכע טריט, האָט ער געשטרעבט צו שאַפן „אַ פרישע, באַנייטע און נאָרמאַל עקסיסטירנדיקע ליטעראַטור". ש"ע איז געוואָרן דער אידעישער און קינסטלערישער אָנפירער פון דער נייער יידישער ליטעראַרישער ריכטונג, דער ערשטער אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור דעם פּרינציפּיעלן קאַמף פאַר קינסטלערישע אָנשויונגען, דער ערשטער — אין זיין באַציִונג צו מענדעלען — גענומען אונטערשטרייכן, אַז די ליטעראַטור האָט שוין איר קאַנאָן און פאַר דעם קאַנאָן דאַרף מען קעמפן; גלייכצייטיק האָט ער אָבער, באַצייכענענדיק מענדעלען אַלס אַ „זיידן", גענומען אָפּראַמען דעם פּלאַץ פאַרן יונגן דור שרייבער, פאַר זייערע פאַרלאַנגען און זייערע אינטערעסן"... — אין זיין קאַמף קעגן שמ"רן האָט ש"ע פאַרשטאַנען, אַז די אומוויסנהייט פון דעם יידישן לעזער איז ניט די איינציקע סיבה פון שמ"רס ערפאָלג; אַז ער געפינט אין די העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען אַ באַפרידיקונג פון אַ נאַטיר-

לעכער באַדערפעניש צו פאַרגעסן אויף
אַ ווײַלע דאָס רעאַלע לעבן מיט זײַן
אומעט און זײַנע זאָרגן, מיט זײַן ענג=
שאַפט און קנעכטשאַפט און איבערטראָגן
זיך אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיעס. און
שטרעבנדיק צו פאַרמיאוסן בײַם פאָלקס=
לעזער אין די אויגן די שונד-ליטעראַ=
טור — אַלס קריטיקער און סאַטיריקער
(אין אַ סך דערציילונגען און פעליעטאָ=
נען, אין וועלכע ער האָט אויסגעניצט
יעדע געלעגנהייט אויסצולאַכן די שָמֶרי=
שע ראָמאַנענשרײַבערײַ), האָט ער אויך
געזוכט צו באַפעסטיקן אין דער יידישער
בעלעטריסטיק דעם קינסטלערישן עלע=
מענט דורך זײַנע אייגענע רעאַליסטישע
ווערק. און אין דעם, וואָס ש"ע'ן איז
געלונגען, אַדאַנק די באַזונדערע אייגנ=
שאַפטן פון זײַן טאַלענט, צוצוציען צו דער
יידישער ליטעראַטור ברייטע לעזער=
קרייזן, ליגט איינער פון זײַנע גרעסטע
פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַ=
טור. שוין אין זײַנע ערשטע צוויי ווערק,
וואָס הייבן אָן דעם נײַעם פעריאָד אין
זײַן שאַפן — אין זײַנע „יידישע ראָמאַ=
נען" — „סטעמפעניו" (בײַלאַגע צו „דער
יודישער פאָלקסביבליאָטהעק", I, 1888,
ז' VIII [הקדמה אין דער פאָרם פון אַ
ווענדונג צו דעם „טײַערן, געטרײַען
ציידע לעבן"] +94) און „יוסילע סאָ=
ל. ווײַ" (בײַלאַגע צום ב' II, 1889, ז' I+
180) האָט ש"ע אָנשטאָט דער אויסער=
לעכער געשפּאַנטקייט פון דער „אינ=
טריגע" צום ערשטן מאָל באַוויזן די
ליידנשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון אַן
עכט דראַמאַטישער קאָליזיע, צום ערשטן
מאָל געגעבן ראָמאַנען מיט אַ שטרענג
אויסגעהאַלטענער קאָמפּאָזיציע. צוליב די
שטימונגען, וואָס האָבן יענע צײַט באַ=
הערשט די יידישע אינטעליגענץ, זיך
אָפּגעזאָגט פון דעם פריילעכן הומאָר
אַלס הויפּט = עלעמענט, האָט ש"ע אין
„סטעמפעניו" דעם שווערפּונקט אַריבער=
געטראָגן אויף דער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגי=
שער שילדערונג. די הויפּט-פאַרשוינען
פון אָט די דאָזיקע ערשטע יידישע ראָ=
מאַנען האָבן אין זיך אמתן יידישן חן
און יידישן ליריזם, אָבער די זײַטיקע
פאַרשוינען זײַנען געשילדערט מיט יענעם
עכטן פאָלקסטימלעכן הומאָר, וועלכער
האָט ש"ע'ן אַזוי באַליבט געמאַכט. אין
זײַנע שפּעטערע ראָמאַנען, וועלכע ער
האָט געדרוקט אין די יידישע צײַטונגען,
פלעגט ער זיך אָפט מוזן אונטערגעבן
דעם געשמאַק פון סענסאַציע-דאָרשטיקן
לעזער און די פאָדערונגען פון די געלע
צײַטונגס-אַרויסגעבער, פון וואָס עס האָט
שטאַרק געליטן זייער קינסטלערישע
איינהייטלעכקייט, הגם אין אַ סך פרטים
שטייען די דאָזיקע ראָמאַנען העכער פון
די ערשטע „יידישע ראָמאַנען"; זיי
זײַנען רײַכער, פילפאַרביקער און אין
דעם געזעלשאַפטלעך-קולטורעלן זין אויך
אינטערעסאַנטער. אייניקע פון זיי, בפרט
„די בלאָנדזענדע שטערן", זײַנען לויט
זייער פאָרנעם און ברייטקייט די איינ=
ציקע אין דער יידישער ליטעראַטור,
רירן אָן ניט נאָר די פאַרשיידנסטע
גרופּן פון דעם יידישן פאָלק, נאָר די
פאַרשיידנסטע לענדער און זײַנען דער
ערשטער פּרווו צו שאַפן דעם „גרויסן
וואַנדער= און וואונדער-ראָמאַן, וואָס די
יידישע ליטעראַטור איז שולדיק דעם
יידישן פאָלק" (ש. ניגער). אויב ש"ע
האָט צײַטנווײַז זיך אונטערגעגעבן דעם
שָמ"רישן דראַנג נאָך העכסט-אינטערע=
סאַנטקייט און שפּאַנענדיקייט, דורך וואָס
ער האָט צוגעצויגן דעם ברייטן מאַסנ=
לעזער, האָט ער אָבער אויך באַוויזן צו
געווינען סײַ דעם פאָלקסלעזער סײַ דעם
ראַפינירטן אינטעליגענטן לעזער דורך

דעם הויפּט-עלעמענט פון זיין קינסטלערישער באַגאַבונג — דורך זיין הומאָר. „ש"ע — זאָגט דער ערשטער אויסטייטשער זיינער בעל-מחשבות — האָט אויסגעלערנט זיין פאָלק לאַכן; ער האָט באַכישופט מיט זיין שפּראַך, וואָס פּערלט פון הומאָר, צענדליגער טויזנטער לעזער און ער האָט געבראַכט דערצו, דאָס אַ פאָלק, וואָס זיין לעבן איז דורך און דורך נישט נאָרמאַל און איז אינגאַנצן פאַרטרונקען אין אַ ים פון ווידערשפּרוכן, — דאָס אַזאַ פאָלק האָט, לייענענדיק זיינע פריילעכע זאַכן, זיך געפילט אויף אַ ווײלע אַלס זייטיקער מענטש, וואָס קען לאַכן איבער זיינע אייגענע צרות, אַקוראַט ווי זיינע צרות וואָלטן שוין נישט געווען זיינע, נאָר פרעמדע, פון אַ פרעמדער וועלט"... דער הומאָריסט אין ש"ען האָט גיך באַפרייט אים פון דער השפּעה פון מענדעלע מוכר-ספרים, באַפרייט אים פון דער שטרענגער שטראָפנדיקער סאַטירע דעם זיידנס און אַוועקגעשטעלט אים אויף דער העכסטער הייך אין דער יידישער ליטעראַטור אַלס איר וואונדערלעכסטע און אָריגינעלסטע ערשיינונג, ניט קוקנדיק אויף געוויסע באַרירונגס-מאָמענטן, וואָס זיינען דאָ צווישן ש"ע און מענדעלע מוכר-ספרים. אין דער ווידמונג פון „סטעמפּעניו" דעם זיידן שטרייכט ש"ע אונטער, אַז דער שעפער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור איז פאַר אים אַ לערער. דער דאָזיקער ענגער בונד ש"ע'ס מיט מענדעלען לאָזט זיך דערקענען דערהויפּט אין דעם, וואָס אין אַ געוויסן פּעריאָד פון זיין שאַפן האָט ש"ע געשילדערט דאָס זעלבע אַלט-פרענקישע יידישע לעבן, וואָס דער זיידע, דאָס זעלבע כּתרילעווקע, וואָס קען באַטראַכט ווערן פאַר אַ פּראָטאָטיפּ פון מענדעלעס קאַבצאַנסק. אָבער „... כּתרילעווקע און קאַבצאַנסק זיינען צוויי לגמרי פאַרשיידענע באַגריפן. קאַבצאַנסק סימבאָליזירט די יידישע אָרעמקייט, די „יידישע טאָרבע"... „... דער באַגריף האָט הויפּטזעכלעך אַ סאָציאַל-היסטאָרישן אינהאַלט, וואָס טראָגט אויף זיך אַן אויסגעשפּראָכן נאַציאָנאַלן לבוש. קאַבצאַנסק איז צוגעבונדן צו אַ געוויסער היסטאָרישער תקופה און האָט ניט קיין האָפענונג אַרויס פון זיינע ד' אמות... כּתרילעווקע איז אַן אויסגעשפּראָכענע קינסטלעריש-פּסיכאָלאָגישע קאַטעגאָריע; אַלס אַזעלכע לאָזט זי זיך באַרייכערן אין אינהאַלט, ניט ענדערנדיק זיך אין תּוך; זי נעמט ניט אַרום דעם יידישן ישוב אַלס אַזעלכן אין זיין גאַנצער נאַציאָנאַלער ברייט. כּתרילעווקע איז אַ שיטה, אַ געוויסער טייל פון קאַבצאַנסק, וואָס קאָן מיטנעמען דעם גאַנצן סאָציאַל-עקאָנאָמישן אינהאַלט פון קאַבצאַנסק, קאָן אויך ענדערן דעם דאָזיקן אינהאַלט און בלייבט דאָך געטריי דעם פּסיכאָלאָגישן וועזן, וואָס ליגט אין נאָמען „כּתריליק". און מיר זעען דעריבער, ווי זייענדיק געצייכנט לכתחילה אויפן פּאָן פון אַלגעמיינער פאַראָרעמטקייט, ווערט די קאַטעגאָריע פון אַ „כּתריליק" ניט בטל אויך דעמאָלט, ווען די כּתרילעווקער איינוואוינער ווערן מיט דער צייט „ציוויליזירט", ווען זיי קריגן טראַמוויי, טעאַטער, און אַפילו דעמאָלט, ווען עס בייט זיך כמעט אין גרונד דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער סדר פון לעבן, ווען דער כּתרילעווקער מנחם-מענדל כאַפּט זיך שוין אַרויס אויף דער גרויסער בערזע, וואו ער שמעקט נאָר די „מיליאָנען", אָדער ווען די כּתרילעווקער פאַרזוכן שוין פון די דאָזיקע מיליאָנען און נעמען שוין פאָרן אויף די בעדער — אויך דעמאָלט בלייבט גילטן דער נאָמען „כּתריליק"

אַלס אַ פּסיכאָלאָגישע קאַטעגאָריע, אַלס אַ קינסטלערישער סימבאָל". צו דעם דאָזיקן אַנאַליז ג. אויסלענדערס (אין זיין גרויסער ש"ע=אַרבעט אין זיין בוך „גרונדשטריכן פון יידישן רעאַליזם") קען מען אויך אָנשליסן ש. ניגערס אויסטייטשונג פון ש"ע'ס שילדערן דאָס שטעטל להיפּך צו מענדעלעס: „...אָט דערפאַר, וואָס ער פאַרנעמט זיך ניט אַזוי מיט דעם אַלטן, רויִקן, פאַרגליווערטן, פאַרשלאָפענעם כתרילעווקע, ווי מיט כתרילעווקע אויף דער רייזע, מיט כתרילעווקע, וואָס מיט געוואַלד האָט מען עס אויסגעוועקט פון שלאָף, געגעבן אַ שטעקן אין האַנט און געהייסן זיך לאָזן אין וועג אַריין, — אָט דערפאַר נעמט זיך נישט אויס ביי אים קיין שטאָף. וואָרעם הגם מיר זעען אומעטום אַלץ די אייגענע קאָמעדיע, — די טרויעריקע קאָמעדיע פונעם כתרילעווקער יידן, וואָס בלייבט געטריי דער כתרילעווקער היים, הגם ער איז שוין לאַנג פון איר פאַריאָגט געוואָרן, — בייטן זיך דאָך, אַדאַנק די וואַנדערונגען, — די דעקאָראַציעס, דער הינטערגרונט און די באַלייכטונג, אַזוי אַז פון דעם אָרעמען איינטאָניקן כתרילעווקע איז געוואָרן אַן אומענדלעכע פּאַנאָראַמע פון מאָלערישע סצענעס, בילדער, פּאָרטרעטן, קאַריקאַטורן. די איינאַגאַנציקע טעמע איז אַזוי, ווי יענעם קריגל בוימל, געבענטשט געוואָרן און זי שעפּט זיך גאָרנישט אויס... זי בייט די קאָלירן און ענדערט זיך, אַזוי ווי גלאָזבראָך קעגן דער זון, אויף טויזנטערליי אופנים... אָט זעען מיר זיי, די כתרילעווקער פאַרשוינען, ביי זיך אין דער היים, ווי זיי לעבן איינס פונעם אַנדערן, האָבן נחת פון קינדער און צער גידול בנים, קריגן זיך וועגן דרייפוסן און דערציילן פון ראָטשילדן. אָט באַגעגענען מיר זיי אין בויבעריק אויף דאַטשע, אָט ווערט אויף זיי פּלוצלונג אַ בהלה און זיי אַנטלויפן פון כתרילעווקע און טרעפן זיך אויפן וועג מיט קאָזאָדאָיעווקע. אָט שפּרעכן זיי אויפן פּתח דייטש אין לעמבערג, האָבן צו טאָן אין ווין מיט דער „אַליאַנץ" און מיט „עזרא" אין אַנטווערפּן. און אָט כאַפּט גאָר איינער פון זיי די „גראָבע עטלעכע טויזנטער" און לאָזט זיך אַוועק אין די „וואַרעמבעדער", און עס וואַקסט אויף גאָר אַ שפּאָגלנייע כתרילעווקע און עס רופט זיך „מאַריענבאַד"... — אין דער רייכער און פאַרשיידנאַרטיקער גאַלעריע פון ש"ע'ס העלדן, וואָס דער גרויסער סאָציאַל=עקאָנאָמישער איבערבראָך אין דעם יידישן לעבן פון דער לעצטער היסטאָרישער תקופה האָט אַרויסגעריסן פון דעם היימישן באָדן, פאַרנעמט אַ צענטראַלן אָרט מנחם=מענדל פון יעהופּעץ, איינע פון די סינטעטישסטע נאַציאָנאַל=יידישע געשטאַלטן, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט געשאַפן. „מנחם=מענדל — דאָס איז די יידישע פאָלקס=משוגעת אין דער געשטאַלט פון אַ יידישן סוחרל" (בעל=מחשבות), דער סימבאָל פון דעם יידישן לופטמענטש. „פון דעם פליער, דעם ברעכער, דעם לויפער, דעם דרייער, דעם נעכטיקן טאָג", דעם פאָרשטייער פון די=יעניקע יידישע פּרנסות, וואָס אָנהייבן זיי זיך אָן, דאַכט זיך, גאַנץ נישקשהדיק, מיט אַזוי פיל בטחון און גלענצנדע האָפענונגען און לאָזן זיי זיך אויס צוממיינ[illegible] מיט שלים=שלימזל"... (ש"ע). „דאָס איבערוואַקסן די ענג געוואָרענע גרענעצן פון קליינשטעטל און דאָס ניט=דערוואַקסן זיין צום נייעם גרויס=שטאָטישן לעבן — אָט דאָס איז די אָביעקטיווע און סאָציאַלע זייט פון

מנחם-מענדלס קאָמעדיע, און אָט דער אָביעקטיווער און סאָציאַלער יסוד מאַכט די קאַריקאַטור פון מנחם-מענדל מיעהופּעץ פאַר אַ קאַריקאַטור אויף דער גאַנצער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק אין מזרח-אייראָפּע פאַר דער לעצטער תקופה... דער חורבן פון כתרילעווקע, ניט כתרילעווקע איז דער הויפּטשטאָף פון ש"ע'ס הומאָר — דער חורבן פון כתרילעווקע, וועלכער איז אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך נאָך ביז איצט ניט געענדיקט און וואָס לאָזט זיך נאָך אַלץ ניט צו זיך קומען דער צערודערטער און דערפאַר קאָמיש געוואָרענער מאַטעריעלער און גייסטיקער קולטור פונעם יידישן פאָלק..." (ניגער). — דער פולשטענדיקער קעגנזאַץ פון מנחם-מענדל, דער דאָזיקער פאַרקערפּערונג פון דער אומגעזונטער נערוועזער יידישער רירעוודיקייט, איז טביה דער מילכיקער, — וועלכער איז לעבן מנחם-מענדלען די פּאָפּולערסטע געשטאַלט ש"ע'ס און איינע פון די וויכטיקסטע — אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור. אין דער פּערזאָן פון דעם פּשוטן וואָלינער ישובניק האָט ש"ע אידעאַליזירט דעם פאָרשטייער פון דער אַלט-פרענקישער קליינשטעטלדיקער יידישער פאָלקס-מאַסע, אין וועלכער עס לעבן נאָך געזונטע מענטשלעכע חושים, וואו די נאַטירלעכע מענטשלעכע געפילן זיינען נאָך ניט פאַרטעמפּט און ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אָבער צו גלייכער צייט איז טביה דער מילכיקער, מיט זיין רויִקן ריין פילאָסאָפישן בליק אויף מענטשן און זאַכן, מיט דער גאַנצער ווייכקייט, גוטסקייט און פאַרגעביקייט פון זיין אמת פּאָעטישער נאַטור, מיט זיין טיפן איידעלן הומאָר, אַ ריין מענטשלעכער טיפּ, וואָס שטייט אומגעהייער הויך איבער דעם געוויינלעכן קליינשטעטלדיקן יידן. „...טביה וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם „ייד פון אַ גאַנץ יאָר", ווי ער וואַקסט איבער דעם מיטעלן יידישן פאָלקסמענטש... ער איז בכלל קיין פאָלקסטיפּ ניט, טביה איז אַ זאַמלפונקט פון פאַרשיידענע טענדענצן פון אונזער פאָלקס-גייסט, דער אויסדרוק פון די פאָלקס-סימפּאַטיעס, וואָס זיינען אין טביהס געשטאַלט געבראַכט צום סינטעז פון אַ קאָלעקטיוו-בילד. טביה איז דעריבער ניט קיין פאָלקס-טיפּ, נאָר אַ פאָלקס-העלד, איינער פון יענע העלדן, וואָס אַ פאָלק פאַראייביקט אין זיין עפּאָס. ...ווי אַן עכטער פאָלקס-העלד, אין וועלכן ס'דאַרף אויפגעזאַמלט ווערן דאָס בעסטע, וואָס דאָס פאָלק פאַרמאָגט, נעמט טביה אויף דעם הומאָר און גיט צו צו אים דעם ווילן, וואָס איז אימשטאַנד צו ווערן טראַגיש. און אָט דערפון וואַקסט אויס די גאַנצע אייגנאַרט פון טביהן... אויפנעמענדיק אין זיך דעם הומאָר פונעם יידישן פאָלקסמענטש, נעמט אויף טביה אין זיך פון דער אַנדערער זייט מנחם-מענדלס טראַגישן טאָן, דעם טאָן פון אַ מענטשן, וואָס משפּט זיך. און אַזוי גייען זיי נאָכאַנאַנד אין טביהס נאַטור: הומאָר פון אַ פריי״ באָהעמישער כתריליקנאַטור מיטן טראַגישן טאָן פון מנחם-מענדלען און זיין גלייכנס, וועלכע טראָגן אַרום זיך אַ גוואַלטיק-אינטענסיווע איבערלעבונג. און די דאָזיקע עלעמענטן פון טביהס נאַטור מאַכן זיין איוב-לעבן העלדיש, זיין השגחה — אַלמענטשלעך און זיין פיגור — אַ זאַמלפיגור פון אַ פאָלקס-העלד" (אויסלענדער). „אין טביה דעם מילכיקן — שרייבט ניגער — האָט ש"ע געוויזן אונז די טיפּעניש פונעם הומאָריסטישן טיפּ מענטשן... בכלל איז טביה דער מיל-

כיקער דאָס ווערק, וואו מיר האָבן דעם
טיפערן ש"ע'ן... דווקא אין דער שיל-
דערונג פון אָט דעם איינפאַכן תמעיוואַטן
וואָלינער ישובניק האָט ש"ע זיך אויפ-
געהויבן איבער דאָס ספּעציפיש יידישע.
געוויס האָט טביה אַלע געננ און פּאָס-
טעמקעס פון אַ טיפישן יידן, געוויס איז
אין זיין הומאָר פאַרהאַן אַ שטאַרקע
אָנצוהערעניש אויף דאָס טיפיש יידישע
לאַכן מיט קרעמענעס, דאָך אָבער
האָט ער אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס איז
ניט אין ערך רייכער און פרישער ווי
די קאַלטע, בייזע, פאַרביסענע יידישע
איראָניע, און דער גאַנצער מענטש אין
אים איז מיט צען קעפּ העכער פון
דעם געוויינלעכן פּראָסטן קליינשטעטל-
דיקן יידן... ש"ע האָט אַליין טביהן
אידעאַליזירט. ער פאַרהאַלט זיך צו
אים אַנדערש ווי צו די איבעריקע
כתרילעווקער. די יידן און יידענעס פון
כתרילעווקע זיינען ביי אים אַלע כמעט
קאָמיש; טביה איז הומאָריסטיש.
צו אַנדערע זיינע פאַרשוינען, אַחוץ די
העראָ׳שע, ווי סטעמפּעניו, ראַפאַ-
לעסקאָ (אין "בלאָנדזענדע שטערן")
אדג"ל, לאָזט זיך ש"ע אַראָפּ, ווען ער
שילדערט זיי; טביהן האָט ער אויפגע-
הויבן צו זיך: ער האָט אים געשענקט
די שענסטע פון די פעיקייטן, וואָס
ער אַליין פאַרמאָגט — די פעיקייט צו
לאַכן... אינאיינעם מיטן הומאָר האָט
ש"ע זיין געליבטן העלד נאָך באַשענקט
מיט אַ אומגעוויינלעכער ביגעוודיקייט
פונעם גייסט, אַ זעלטענער ווייכקייט
פונעם געמיט; ער האָט אים, קורץ, אָפּ-
געגעבן דאָס בעסטע פון זיך אַליין..." —
פונקט מיט אַזאַ ליבע און פאָטעטישער
קראַפט ווי טביהן שילדערט ש"ע די
יידישע קינדער-וועלט. ש"ע׳ס קינדער-
מעשיות, וואָס האָבן ניט זייער גלייכן

אין דער יידישער ליטעראַטור, האָבן אין
איר אַ נייע לופט אַריינגעטראָגן. מיט אַ
וואונדערלעכן נאַטירלעכן חן שילדערט
ש"ע דאָס יידישע קינדער-לעבן אין דער
פאַטריאַרכאַלישער סביבה פון די יידישע
יום-טובים, ווען דאָס יידישע קינד איז
ניט אַזוי פאַרוואָגלט אין דעם ענגן חדר
און אונטער דער שטרענגער השגחה פון
טאַטע-מאַמע, און זיין איינגעבוירענע
פריילעכקייט און זאָרגלאָזיקייט באַקומט
אַ פרייערן אויסדרוק, אָדער איז גאָר מורד
קעגן דעם שטרענגן לאַנגווייליקן רעזשים
פון די דערוואַקסענע. "די קינדער ביי
ש"ען זיינען די איינציקע כתרילעווקער,
וואָס זיינען ניט קיין כתרילעווקער, וואָס
חכמהנען זיך ניט, וויצלען זיך ניט, נאָר
לאַכן פון גאַנצן האַרצן, שפּילן און פרייען
זיך. ש"ע לאַכט מיט זיי אינאיינעם און
שפּילט זיך מיט זיי און פרייט זיך מיט
זיי אינאיינעם; ער איז מער אַ זייערי-
קער ווי אַ אונזעריקער" (ניגער). באַזונ-
דערס שטאַרק פילט זיך דאָס אין איינעם
פון ש"ע׳ס שענסטע ווערק, אפשר איי-
נעם פון די שענסטע אין דער גאַנצער
וועלט-ליטעראַטור, "מאָטל פּייסי דעם
חזנס". "אין דעם ליבן בוך, וואָס טראָגט
דעם דאָזיקן נאָמען מיט דעם אונטער-
קעפּל "כתבים פון אַ ייִנגל אַ יתום" —
אין דעם דאָזיקן בוך זיינען, ווי תמיד
ביי ש"ע'ן, אַלע פאַרשוינען קאָמיש אָדער
טראַגי-קאָמיש, נאָר איינער פון זיי קוקט
אויף זיי אַלעמען אַראָפּ פון עפּעס אַ
הויכקייט, מיט עפּעס אַ איידעלן שמייכל,
וואָס איר ווייסט ניט, צי לאַכט פון אים
אַרויס איינפאַכע קינדישע אומשולד אָדער
אַ טיפער, נאָר געלייטערטער שמערץ...
אויף מאָטלען האָבן מיר קיין רחמנות
ניט; מיר ליבן אים! ער נייטיקט זיך
ניט אין אונזער הילף. מיט זיין שמייכל,
פול מיט ליכט און טרייסט, קאָן ער

אונז אפשר אַליין פון אונזער נויט אַרויסהעלפן... דאָס איז די קראַפט פונעם הומאָר, פונעם געטלעך רויִקן הומאָר, די קראַפט, וואָס נאָר אַדאַנק איר קאָן אונז מאָטל דערציילן אָט די אַלע אומענדלעכע, אומבאַשרייבלעכע וואַגלענישן און קלעמענישן און מאַטערנישן — אין דעם טאָן פון אַ אידיליע... אַחוץ טביהן האָט אונזער דיכטער נאָר איינעם פון זיינע וויכטיקערע פּאַרשוינען באַשאָנקען מיט אַ הומאָריסטישן קוק אויפן לעבן. און דער דאָזיקער איינער איז — מאָטל פּייסי דעם חזנס יינגל" (ש. ניגער). די טיפּן פון כתרילעווקע, — מנחם-מענדל פון יעהופּעץ, זיין ווייב שיינע-שיינדל, טביה דער מילכיקער, מאָטל פּייסי דעם חזנס — זיינען די הויפּט-געשטאַלטן אין ש"ע'ס שאַפן, אָבער מיט זיי נעמט זיך ניט אויס די אומענדלעכע ריי פון זיינע פּאַרשוינען. אין צענדליגער און הונדערטער דערציילונגען, מאָנאָלאָגן און הומאָרעסקעס באַשרייבט ער דאָס לעבן פון אַלע שיכטן פון דעם יידישן פאָלק. ער גיט אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן פון דער יידישער בורזשואַזיע (די גבירים און קאַפּיטאַליסטן סענדער בלאַנק, אָסיפּ זעמעל, גבריאל ראָזענפעלד, שמחה ווינער, איציקל שאָסטעפּאַל א"אַ), פון די פאַרטרעטער פון אינטעליגענטע פּראָפעסיעס (דאָקטאָר קלוגער, אַפּטייקער ראַפּאַלאָוויטש, אַלעקסאַנדער ראָזענפעלד), פון די פאָרשטייער פון דער יידישער פאָלקסמאַסע. ס'איז כמעט נישטאָ קיין איין ווינקעלע אין דעם יידישן לעבן, וואָס ש"ע'ס שאַרף אויג זאָל זיך דערויף ניט האָבן אָפּגעשטעלט. די יידישע עמיגראַנטן בעת דער רייזע אויף די קאָנטראָל-סטאַנציעס, אין די צענטערס פון די נייע אַיינוואַנדערונגסלענדער, די יידישע קינסטלער-באָהעמע (סטעמפּעניו, יוסעלע סאָלאָוויי), די יידישע אַקטיאָרנוועלט (אין זיין ראָמאַן „בלאָנזענדע שטערען"), — דאָס אַלץ האָט געפונען אַן אָפּשפּיגלונג אין ש"ע'ס ווערק. זאָגאַר דאָס לעבן פון די יידישע גנבים מיט זייער ספּעציפישן זשאַרגאָן איז אים באַקאַנט („מאָשקעלע גנב"), און דאָס לעבן פון די היימישע חיות האָט ער געשילדערט („ראַבטשיק", „מתושלח").

„... האָט ער דאָך ניט אָפּגעלאָזט פון אויג זיינע כתרילעווקער. שריט ביי שריט איז ער זיי נאָכגעגאַנגען, אויסשפּירנדיק זייערע אַלע געגנגלען, אויפכאַפּנדיק יעדעס וואָרט זייערס, יעדעס תּנועהלע און מיטמאַכנדיק מיט זיי אַלע וואַנדערונגען — זייער איבערקלייבן זיך פון שטעטל אין שטאָט אַריין, פון איין מדינה אין דער אַנדערער, פון איירָאָפּע קיין אַמעריקע... ער האָט אונז אָפּגעגעבן חשבונות פון זייערע אַלע פּירעכצן, פון זייערע אַלע חכמהס און חכמהלעך, וועגן און וועגעלעך, פון זייערע אַלע האָפענונגען, חלומות, שלעק, צרות און יסורים. ער האָט אונז באַקאַנט געמאַכט מיט די נייע ווערטער און ווערטלעך, המצאות, וויצן און איינפאַלן, וואָס זיינען צוגעקומען אין זייער מבוהלדיקן, ניט איינגעשטעלטן, אָרעמען און רייכן לשון... ער האָט אונז אָפּט אויסגעזען צו זיין און ער איז געווען דאָס אָפּענע אויג און דאָס וואַכע אויער פון דער יידישער וועלט; ער איז געווען דער גרויסער לעבעדיקער פּנקס, וואו עס איז פאַרשריבן און פאַרצייכנט געוואָרן דער נעכטן און דער היינט פון אונזער לעבן..." (ש. ניגער). — ש"ע פאַרנעמט אויך אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער יידישער דראַמאַטורגיע, הגם די אומנאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון דעם יידישן טעאַטער האָט אים ניט געגעבן

די געלעגנהייט אויסצוניצן זיינע כוחות פאַר דער בינע. שוין אָפּגערעדט פון זיינע ערשטע דראַמאַטישע ווערק („דער גט"—1887, „די אסיפה"—1889, „יקנהוז"—1894, „מזל טוב"—1899), נאָר אַפילו זיין פּאָפּולערע פּיעסע „צעזייט און צעשפּרייט" האָט ער צוערשט אָנגעשריבן אַלס פעליעטאָן („הגם די דאָזיקע בילדער זיינען געשריבן אין אַ דראַמאַטישער פאָרם, דאָך האָט זיך מיר אַפילו ניט געחלומט, אַז איך וועל אַמאָל זוכה זיין צו זען זיי אויפגעפירט אויף דער בינע"). דער אומגעריכטער ערפאָלג פון אָט דער פּיעסע אויף דער פּוילישער בינע האָט אים באַוואויגן ערנסטער צו נעמען זיין דראַמאַטורגישן באַרוף, בפרט בעת זיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע; אָבער דער דורכפאַל פון זיינע צוויי פּיעסן אין נ"י („דער אויסוואורף אָדער שמואל פּאַסטערנאַק" — אויפגעפירט פון יעקב אַדלער אין „גרענד-טעאַטער", און „סטעמפּעניו", אויפגעפירט פון באָריס טאָמאַשעווסקי אין „פּיפּלס-טעאַטער"), האָט אים אַנטוישט, און די פּיעסן, וואָס ער האָט צו יענער צייט ספּעציעל פאַרפאַסט פאַר דער יידישער בינע („דאָס נייע לעבן" — 1905, „דוד בן דוד" — 1906, „וואוהין"—1907), האָט ער אַפילו פאַרברענט, זייענדיק אומבאַפרידיקט פון זיי. אויך זיין קאָמעדיע פון יענער צייט, „דער אוצר" (1908), איינע פון די שענסטע קאָמעדיעס אין יידישן טעאַטער-רעפּערטואַר, איז ערשט אויפגעפירט (און אויך פאַרעפנטלעכט) געוואָרן אין אַ יאָר 20 אַרום א"ט „די גאָלדגרעבער", צוערשט פון מאָריס שוואַרץ אין קונסט-טעאַטער און דאַן אויך אין פאַרשיידענע שטעט פון אייראָפּע. ערשט נאָך ש"ע'ס טויט האָט מאָריס שוואַרץ אויך אויפגעפירט ש"ע'ס „טביה דער מילכיקער" (1919) און „שווער צו זיין אַ ייד"—אַ דראַמאַטיזאַציע פון „דעם בלוטיקן שפּאַס" (1920), וועלכע האָבן געהאַט זייער אַ גרויסן ערפאָלג און זיינען געשפּילט געוואָרן פון פאַרשיידענע יידישע טרופּעס אין פאַרשיידענע לענדער. אַ נייעם גלאַנץ האָט ש"ע דעם דראַמאַטורג געגעבן דער מאָסקווער אַקאַדעמישער מלוכה-טעאַטער פון אַ. גראַנאָווסקי מיט דער אויפפירונג פון זיין קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס אָדער שימעלע סאָראָקער" („200,000") — איינע פון די העכסטע דערגרייכונגען פון דער יידישער סצענישער קונסט. (די אייגנטלעכע טעאַטער-טעטיקייט פון „יידישן קאַמער-טעאַטער" האָט זיך אויך אָנגעהויבן מיט ש"ע'ן — מיט אַ ציקל פון זיינע איינאַקטערס—„מזל טוב", „אַגענטן", „אַ ליגן"). פון זיינע קלענערע פּיעסן, ווי „אַגענטן" (1909), „מענטשן" (1907), „קיניג פּיק" (1910), „שרגא" (1911), „פאַרביטן די יוצרות" (1915), „עולם הבא" (1915), „מיסטער בוים אין קלאָזעט" (1915), „אינצווייען אַ זעקס און זעכציק" (1916), זיינען נאָר די ערשטע צוויי אַריין אין דעם יידישן טעאַטער-רעפּערטואַר אַלס אויסגעצייכנטע קאָמעדיעס. — ש"ע'ס ווערק זיינען אויך אויסגעניצט געוואָרן פאַרן פילם, אין ראַטנפאַרבאַנד. אַ באַזונדערס גרויסן ערפאָלג, אויך מחוץ ראַטנפאַרבאַנד, האָט געהאַט די פילם-קאָמפּילאַציע פון ש"ע'ס ווערק א"ט „יידישע גליקן" („מנחם מענדל"). אויפגעפירט פון „סאָוויקינאָ" מיטן אַנסאַמבל פון „יידישן קאַמער-טעאַטער" און „הבימה" מיט מיכאָעלס-וואָפסי אין דער הויפּטראָלע (מנחם-מענדל), אונטער דער רעזשי פון אַ. גראַנאָווסקי, לויט דעם סצענאַריוס פון א. באַבעל און זיינע געלונגענע טעקסטן, אונטער דער קינסטלערישער

אָנפירונג און דעקאָראַציעס פון נתן אַלטמאַן. עס זיינען אויך פאַרפילמט געוואָרן „דער מבול", „בלאָנדזשענדע שטערן", „מאָטל פייסי דעם חזנס" א"ט „דורך טרערן" (מיטן אויסניצן די דערציילונג „דער פאַרכישופטער שניידער" א"אַ), „דער בלוטיקער שפּאַס" (לויט דעם סצענאַריוס פון ראַדזינסקי-אויעיטינג אין אָדעס). — ש"ע האָט דער ליטעראַטור אויך געצאָלט דעם יוגנט-צינז פון כמעט אַלע פּראָזע-שרייבער ביי זייער ערשטן אַרויסטריט: ער האָט געשריבן שירים, און אין די ערשטע עטלעכע יאָר פון זיין פאַרבינדונג מיטן „יודישען פאָלקסבלאַט" איז ער געווען דער פּראָדוקטיווסטער צווישן די פּאָעטן, הגם זיינע שירים זיינען ניט מער געווען ווי געגראַמטע פּראָזע, דאָס רוב אויף נאַציאָנאַלע און חובב-ציוניסטישע מאָטיוון (ער האָט אויך איבערגעזעצט י"ל גאָרדאָנס „אחותי רוחמה"). דערביי האָבן אַ סך פון זיי זיך אויסגעצייכנט דווקא מיט זייער *וויינענדיקן* טאָן. ער האָט זיך אָבער גיך אַרומגעזען, אַז דאָס איז ניט פאַר אים קיין אַרבעט, און אין זיין „עפנטלעכן אַנטוואָרט צו די הערויסגעבער פונעם „יודישען פאָלקסבלאַט" (1887, 18) האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיט דער פּאָעזיע, הגם אויך אין „דער יודישער פאָלקסביבליאָטהעק" האָט ער נאָך אָפּגעדרוקט אַ פּאָר לידער, ביי ספּעקטאָרן אין „פאַמיליען-פריינד" — אַ לעגענדע אין פערזן „דער אָרימער עושר", אין זיין זמ"ה „קול מבשר" — דאָס וויגליד „שלאָף מיין קינד", וואָס האָט זוכה געווען צו ווערן אַ פאָלקסליד און אַלס אַזעלכס אַפילו אַריינגעפאַלן אין דער זאַמלונג יידישע פאָלקסלידער פון גינזבורג-מאַרעק, און די פּאָעמע „פּראָגרעס ציוויליזאַציע" — אין סטיל פון נעקראַסאָווס Кому на Руси жить хорошо (שפּעטער באַאַרבעט א"ט „אין בית-המדרש", אָבער ניט פאַרענדיקט; פאַרעפנטלעכט אין דעם יובילעי-נומער פון „טאָג" 1924). — ש"ע'ס שפּראַך איז דער וואונדערלעכסטער מאָנומענט פון יידיש, אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון אַלע אוצרות פון אונזער לשון. אין יסוד פון זיין שפּראַכסטיל—וואָלינעריש, האָט אונזער גרעסטער הומאָריסט אין די צענדלינגער בענד פון זיינע ווערק פאַראייביקט דאָס גאַנצע עשירות, וואָס דאָס פאָלק, אין אַלע זיינע שיכטן און גראַדן, האָט אָנגעזאַמלט אין זיין לעבעדיקן לשון. — ש"ע האָט פון צייט צו צייט אויך געשריבן אין העברעיִש, און זיינע העברעיִשע ווערק „גיסן זיך צונויף מער אָדער ווייניקער מיט דער ברייטער פּראָדוקטיווער לעבנסשאַפונג פון דעם פאָלקס-דיכטער. ער האָט זיך, אמת, אין העברעיִש מער פאַרווילט איידער געזוכט זיין אויסדרוק; דאָס איז אָבער געווען אַ פאַרווילונג פון געהויבענעם גענוס, און די לירישע טענער פון דער תנך-שפּראַך האָבן טיף גערירט זיין מילדע נשמה. ניט אומזיסט פילט מען אַזוי אָפּט דעם געשליפענעם העברעיִשן קלאַנג אין די בעסטע מוסטערן פון ש"ע'ס יידיש" (בערקאָוויטש). ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ ריי אָריגינעלע זאַכן אין רוסיש, וועלכע שפּראַך ער האָט פון יונגווייז אויף באַהערשט פולשטענדיק, „גערעדט זי און געשריבן פריי, פליסיק, פאַרביק, דערביי — זייער פינקטלעך און ציכטיק", אָבער „זיין *זעלישן* אויסדרוק האָט ער אין איר ניט געקענט געפינען". (id). — ניט נאָר מיט זיין ליטעראַרישער טעטיקייט האָט ש"ע געבויט די יידישע ליטעראַטור — און די יידישע שפּראַך. ער איז געווען אפשר דער

ערשטער, וואָס האָט איינגעפירט אַלס אַרויסגעבער פון דער „פאָלקסביבליאָטעק" צו צאָלן באַדייטנדע האָנאָראַרן. ש"ע פלעגט אויך אויפמונטערן יעדע דיכטערישע באַגאַבונג, האָט אויפמערקזאַם געמאַכט די אַמעריקאַנער יידישע פרעסע (אין רוסלאַנד זיינען קיין יידישע אויסגאַבן דאַן ניט אַרויס) אויף דעם טאַלענט פון אברהם רייזען, האָט „אַנטדעקט" דעם שפּעטער באַרימטן פאָלקסדיכטער מ. מ. וואַרשאַווסקי, וועמעס לידער עס זיינען אַרויס אַדאַנק זיין השתדלות און מיט זיין הקדמה (ער איז מיט וואַרשאַווסקין זינט 1900 אויך אויפגעטרעטן אויף ניט באַצאָלטע פאָרלעזונגען, אויף ציוניסטישע אָוונטן אין קיעוו, באַרדיטשעוו, שדה-לבן). — ש"ע איז אויך געווען דער פּיאָניער פון דער יידישער ביבליאָגראַפיע, אַ געוויסע צייט — דערהויפּט אין דער עפּאָכע פון „דער יידישער פאָלקסביבליאָטהעק", ווען ער איז געווען דער אָנפירער פון דער יידישער ליטעראַטור-באַוועגונג, בכלל זיך זייער ערנסט אָפּגעגעבן מיט געוויסע פראַגן פון דער יידישער פילאָלאָגיע — יידישער אָרטאָגראַפיע, גראַמאַטיק, דיאַלעקטאָלאָגיע (זע צ"אַ „די יודישע פאָלקסביבליאָטהעק" I, ז' 474—476), אָבער ניט באַזיצנדיק די נייטיקע וויסנשאַפטלעכע געדולד האָט ש"ע אינגיכן אָפּגעלאָזט די דאָזיקע אַרבעטן און זיי זיינען געבליבן בלויז אַ התחלה. דערפאַר אָבער האָט ש"ע ניט אויפגעהערט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט צו זאַמלען אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שייכות צו זיין שאַפונג — בריוו, ביכער, בראָשורן, צייטונגס-אויסשניטן, אַנאָנסן אדג"ל, און די דאָזיקע זאַמלונג, וועלכע האָט ביי ש"ע'ס לעבן שוין דערגרייכט — לויט ב. באָראָכאָוו — ביז 3000 נומ', איז נאָך ש"ע'ס טויט כסדר באַרייכערט געוואָרן אַדאַנק דער מי און פאַרשטענדעניש פון זיין פאַמיליע, אַזוי אַז דער ש"ע-אַרכיוו איז ביי היינטיקן טאָג ניט נאָר די איינציקאַרטיקע מאַטעריאַלן-זאַמלונג פון אַ גרויסן יידישן שריפטשטעלער, נאָר אויך אַ רייכע קוועלע פאַר דער געשיכטע פון דער נייערער יידישער ליטעראַטור בכלל.—אין זיין 33יעריקער בעלעטריסטישער טעטיקייט זיך באַנוצט כמעט אויסשליסלעך מיט זיין פס"נ ש"ע, מיט וועלכן זיך צום ערשטן מאָל געחתמעט אונטערן פעליעטאָן „די וויבאָרעס" („יודישעס פאָלקסבלאַט", 1883), מיט דער כוונה זיך אויסצובאַהאַלטן מיט זיין שרייבן יידיש סיי פון שווער סיי פון פאָטער (הגם לויט זשוקאָווסקי האָט ער נאָך יינגלווייז זיך אַזוי אַ נאָמען געגעבן), האָט אָבער פון צייט צו צייט, בפרט אין די ערשטע יאָרן פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט, זיך אויך געחתמעט מיט אַנדערע פס"נ, ווי: גמליאל בן פדהצור, באַראָן פּיפּערנאָטער (אין „יודישען פאָלקסבלאַט"), ס. ביכערפרעסער (אַלס רעצענזענט איבער דער שונד-ליטעראַטור אין „דער יודישער פאָלקסביבליאָטהעק", I, ז' 351—378), שולמית (ib, „היינע און בערנע און זייערע געדאַנקען איבער יודען"), אסתר (ib, „די רוסישע קריטיק וועגען דעם יודישען זשאַרגאָן"), סאַלאָמאָן עסביכער (ib, אַ רעעסטער איבער אַלע זשאַרגאָנישע ביכער, וואָס זענען אָבגעדרוקט געוואָרען אינ'ם יאָהר תרמ"ח"), שלומיאל (ib, „ליעדער פונ'ם חדר"), שולמית (ib, II, „די אספה — אַ קאָמעדיע"), אַ באַקאַנטער (ib, II — „אַ פּאָר וואָרטער" וועגען אונזער בעל-מלאכה"), תרח'ס איין אייניקעל, יוסף'ס אַ ברודער, יעקב'ס אַ זון, איש אמת, פּאַר-אַ-

יאהריגער שנעע, קריטיקוס דער צווי-
טער, ד"ר סאלאמאניס ראבינוס (אינעם
„קול מבשר צו דער יודישער פאלקס
ביבליאטהעק", 1892), ער (רעצענזיעס
אין „דער יודישער פאלקסצייטונג" 1902),
א בעל-מלאכה (קארעספאנדענצן פון
קיעוו אין „פריינד" 1904) א"א. — מיט
דעם פאפולערן נאמען ש"ע האבן זיך
אויך באנוצט שונד-מחברים, כדי צו
געווינען דעם עולם פאר זייערע פאר-
דעכטיקע ליטערארישע פראדוקטן. ב.
באראכאוו ברענגט אין זיין ש"ע-ביב-
ליאגראפיע א קליינעם צעטל פון אזוינע
פעלשונגען („די סאלאמאנדריא אדער
דער קאפיטאן דרייפוס" — ווארשע,
1899, „די מלחמה יאפאניע מיט רוסס-
לאנד" — געדרוקט ביי דובעריש טורש,
ווארשע, 1904); דער ארטיסט אלטער
פישזאן האט אן ש"ע'ס וויסן איבערגע-
מאכט פאר דער בינע זיין „מנחם-מענדל"
און אויפגעפירט עס א"נ פון ש"ע; אין
בארדיטשעוו איז 1890 ארויס א ביכל
„א שפאציר איבער גנילאפיאט",—פון א
געוויסן ע ל י כ ם - ש ל ו ם. אונטער דעם
דאזיקן פס"נ איז שפעטער ארויס אין ב"י
א ראמאן „גראף עסטערהאזי" („אגב איז
אין יודישען פאלקסבלאט" 1885 אפגע-
דרוקט א פעליעטאן „א נייער מין מחבר"
קעגן די פלאגיאטן פון מ. ב. ליטינסקע,
אונטערגעשריבן עליכם שלום).

די ערשטע אויסגאבע פון ש"ע'ס ווערק איז
אונטערגענומען געווארן פון פ"ג „תושיה", וואס
האט 1903 ארויסגעגעבן 4 ב' א"ט „שלום-עליכם'ס
ווערק / איבערגעארבייט אונ רעכט אויסגעבע-
סערט אונ דאס ערשטע מאל ארויסגעגעבען. /
(מיט'ן בילד אונ ביאגראפיע פונ'ם מחבר)"
(פ"ג. „פאלקסבילדונג", ווארשע, תרס"ג): I
„דער ערשטער ארויספאהר", „דאס . מעסער'ל",
„טביה דער מילכיגער" („דאס גרויסע געווינס",
„א בוידעם", „היינטיגע קינדער", „אויפ'ן פידל")—
ז' 193; II „מעשיות פאר יודישע קינדער", ז'
267; III „זעליג מעכאניק", „העכער אונ נידרי-
גער", „בלומען", „קליינע מענשעלעך מיט קליינע
השגות"—ז' 168; IV „סטעמפעניו" — ז' 131.
אנהייב 1905 האט דער פ"ג „ביכער פאר אלע"
פון מ. קרינסקי אין ווארשע אנגעהויבן ארויס-
צוגעבן דערציילונגען, מעשיות און מאנאלאגן
פון ש"ע אין באזונדערע ביכלעך, וועלכע פלעגן
זיך פונאנדערגיין אין הונדערטער טויזנטער עקז'
(אלס ערשטער נומער פון דער סעריע איז
ארויס „דער פריזיוו", אלס צווייטער — „דער
פעטער פיני מיט דער מומע רייזי" — אן
אלעגארישע סאטירע אויף די קריגפירנדיקע
יאפאניע און רוסלאנד, וואס האט געהאט א
שטורמישן ערפאלג ביים עולם). נאכדעם ווי
ש"ע'ס ווערק זיינען אויסגעקויפט געווארן פון
זיינע פארלעגער, האט דער פ"ג „פראגרעס"
איבערגענומען די אויסגאבע און אין משך פון
1908—1914 זיינען ארויס ארום 14 ב' פון דער
א"ג יובילעאום-אויסגאבע: I—II—III קלע-
נערע דערציילונגען; IV „מנחם-מענדעל", V
„מאטעל דעם חזנ'ס", VI „יודישע קינדער",
VII „טוביה דער מילכיגער", VIII „קאמי-
וואיאזשערען", IX „ראמאנען און ערצעהלונגען",
X—XI „בלאנדזשענדע שטערען" (X „אקטיארען",
XI „נע ונד"), XII „זומער לעב", XIII
„מעשיות און מאנאלאגען", XIV „לכבוד יום-
טוב". נאכדעם ווי פ"ג „פראגרעס" האט איבער-
גענומען די אויסגאבע פון ש"ע'ס ווערק, האט
ער ממשיך געווען אויך ארויסצוגעבן ש"ע'ס
ביכלעך אין דער סעריע „פאמיליען-ביבליאטעק",
וועלכע האבן, אין א צאל פון איבער 100, גע-
האט ניט קיין קלענערן אפגאנג ווי ביי קרינ-
סקין. נאך דער מלחמה האט דער פ"ג „קולטור-
ליגע", ווארשע, אנגעהויבן ארויסצוגעבן ש"ע'ס
ווערק, דהיינו: „פונ'ם יאריד", I און II,
„מאטל דעם חזנ'ס", „דער מבול" (פאר דער
מלחמה קאנפיסקירט געווארן פון דער צענזור),
„מעשיות און מאנאלאגן", „קינדער-שפיל", „אק-
טיארן", „מנחם מענדל", ווי אויך אייניקע קלע-
נערע זאכן אין דער אויסגאבע „שול-ביבליאטעק",
ווי „דאס מעסערל" א"א (ווארשע, 1922—3).

— א נייע אויסגאבע פון „אלע ווערק פון ש"ע"
האט אונטערגענומען „דער ש"ע-פאלקספאנד", וועל-
כער האט אין משך פון 1917—25 ארויסגעגעבן
28 ב', איבערדרוק פאר אייראפע—ווילנער פ"ג
פון ב. קלעצקין: I „פון כתרילעווקע", II „פון
פסח ביז פסח", III „מעשיות און פאנטאזיעס",
IV „דראמאטישע שריפטען" („דער גט", „צעזייט
און צעשפרייט", „א דאקטאר", „מענטשען", „דאס

גרויסע געווינס"), V „גאַנץ טוביה דער מילכי-
גער", VI „קליינע מענשעלעך", VII „אין
שטורם"—אַ ראָמאַן אין 2 ט' (אַ באַאַרבעטונג פון
„דעם מבול"), VIII און IX „מעשיות פאַר יודישע
קינדער", X „מנחם מענדעל", XI „יודישע
ראָמאַנען" („סענדער בלאַנק", „סטעמפעניו"),
XII „זומער-לעבן" („גלות דאַטשע", „אין די
וואַרעמבעדער", „מאַריענבאַד"), XIII „אַלט-ניי-
כּתרילעווקע", XIV „יוסעלע סאָלאָוויי"—אַ יודי-
שער ראָמאַן, XV „יודישע שרייבער" (צ"אַ
וועגן ממ"ס, א"ל לעווינסקי, מ"מ וואַרשאַווסקי,
פּרץ, ד. פרישמאַן, ביאַליק); XVI און XVII
„אָרעמע און פריילעכע", XVIII און XIX
„מאָטל פּייסי דעם חזנ'ס" — I ט' („פון דער
היים קיין אַמעריקע"), II ט'—„אין אַמעריקע",
XX „יוגענט-ראָמאַנען" („טייבעלע", „קי דער-
שפּילן"), XXI „מאָנאָלאָגען", XXII און XXIII
„לכבוד יום-טוב", XXIV „קאָמעדיעס", XXV
„פון צווי וועלטען" („שווער צו זיין אַ יוד"—
אַ קאָמעדיע אין 4 אַ' מיט אַ פאָרשפּיל און מיט
אַן עפּילאָג, „טביה דער מילכיגער"—אַ פאַמיליענ-
בילד אין 4 אַ'), XXVI און XXVII „פונ'ם
יאַריד", XXVIII „אייזענבאַהן-געשיכטעס". די
ש"ע-פאָלקס-פאָנד-אויסגאַבע האָט אויך אַרויס-
געגעבן אַ סעריע קליינע ביכלעך א"ט „שלום-
עליכם-ביבליאָטעק פאַר גרויס און קליין".—אויך
אין די יידישע פ"גן פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי מאָסק-
ווער „שול און בוך", קיִעווער „קולטור-ליגע" א"אַ,
זיינען לעצטנס אַרויס אַ גאַנצע ריי פון ש"ע'ס ווערק,
צ"אַ „טעוויע דער מילכיקער", „מענאַכעם-מענדל",
מאַיסעס פאַר קינדער", „פונעם יאַריד", „קליינע
מענטשעלעך", „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס", „בלאָנ-
דזשענדע שטערן", „די גאָלדגרעבער", „מאָשקעלע
גאַנעוו", „טעוויע דער מילכיקער" (פּיעסע),
„געקליבענע ווערק", אַ סעריע קלענערע זאַכן
אין באַזונדערע ביכלעך. — פון אייגצלנע אויס-
גאַבן פון ש"ע'ס באַזונדערע ווערק איז אַחוץ
די ביילאַגעס צום „יידישן פאָלקסבלאַט" 1834—7,
ווי „נאַטאַשע", „העכער און נידריגער", „די
וועלט-רייזע (I ט' „די ערשטע נסיעה", II—III
„די בעסטע יאָהרען"), „קינדער שפּיעל / אַ מערק-
ווירדיגע ליעבע פון אַ געפּעסטעטען, אַ געבאַלע-
וועטען, אַ רייכען יידישען בן-יחיד", „דאָס מע-
סערל / אַ נאַרישע, נאָר אַ טראַהריגע געשיכטע פון
מיין קינדהייט" (1887), „אַ חתן אַ דאָקטאָר"
(אַ סקיצע אין איין אַקט, שפּעטער איבערגע-
דרוקט א"ט „אַ דאָקטאָר"), „רבי סענדער בלאַנק
און זיין פילגעשעצטע פאַמיליע" (שפּעטער באַ-
אַרבעט א"ט „סענדער בלאַנק און זיין געזינדל")
(1888), „ל"ג בעומר / (אַ פראָהליכע געשיכטע מיט
אַ טרויעריגען ענדע")‚—קענען מיר נאָך פאַרציי-
כענען: „אַ בינטעל בלומען, אָדער פּאָעזיע אָהן
גראַמען" (באַרדיטשעוו, 1888, ז' 45, מיט אַ
ווידמונג דעם זעליגן פאָטער צום אייביקן אָנ-
דענק; — „דער ערשטער פּרווו צו שרייבן אויף
זשאַרגאָן אַזעלכע לידער אין אַ גוטער שפּראַך,
וואָס איז פריי אי פון דייטשע אי פון רוסישע
אויסדרוקן און ווערטער"); „דער יידישער
דלות, ווי ער ווערדט בעשריבען אין די בעס-
טע ווערקע פון אונזערע פאָלקס שריפטשטעלער,
אַ קריטיש איבערזיכט" (סעפּאַראַטער אָפּדרוק
פון דער ביילאַגע צום „יודישען פאָלקסבלאַט",
1888); „שָׁמַר'ס משפּט, אָדער דער סוד פּרי-
סיאַזשניך אויף אַללע ראָמאַנען פון ש'מ'ר. /
סטענאָגראַפירט וואָרט-אַם-וואָרט דורך שלום-עליכם"
(באַרדיטשעוו, דרוק יעקב שעפּטעל, 1888, צענ-
זורירט 30/III 1888, ז' 104); „סטעמפּעניו" (קיעוו,
1888; איבערגעדרוקט — אָדעס, 1888, נ"י 1900
אאַז"וו); „יוסילע סאָלאָוויי" (קיעוו, 1889); „צוויי
בילדער" (בערדיטשעוו, 1890 ?); „אַ מעשה אָהן איין
עק / אַרויסגענומען פון איין אַלטען פּנקס און באַ-
פּוצט", פ"ג „בילדונג", וואַרשע, 1901, שפּעטער—
„דער פאַרכּישופטער שניידער"); „צעזייט און
צעשפּרייט"; „לאַזאַר בראָדסקי אַלס מענטש און
אַלס כּלל-טוער / געשריבען פון שלום-עליכם"
(וואַרשע, 1905, ז' X+10, אין יידיש און רוסיש);
„דער פּרעהליכער סדר — אַ זאַמלונג הומאָרעס-
קעס, לידער און פונקען" (וואַרשע, 1913, ז' 16);
„חנוכּה-געלט. אַ קינדער-שפּיל אין דריי סצענעס
פריי אינסצענירט פון י. ד. בערקאָוויטש. דע-
קאָראַציעס און קאָסטיומען געצייכנט פון ב. אַראָנ-
סאָן, הילע געצייכנט פון א. גודעלמאַן, נ"י, 1926,
פ"ג „מתנות", ז' 32); „שאָלעם-אַלייכעם / זיינע
קינדערשע און אינגלשע יאָרן / קאַפּיטלען פון
זיין אווטאָביאָגראַפיע / רעדאַקטירט ש. דאָבין
און ל. רעזניק, פ"ג „קולטור-ליגע" קיעוו, 1926,
ז' II+94 א"אַ.—האָבנדיק אַ געוויסן סענטימענט
פאַר חיבת-ציון און ציוניזם (ער האָט זיך אָגב באַ-
טייליקט 1890 אין דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דעם
אָדעסער פּאַלעסטינע-קאָמיטעט), האָט ש"ע אויך
פון צייט צו צייט מיט דער פען געדינט דער
באַוועגונג, ווי, למשל, דורך די פאָלגנדיקע
באַזונדער אַרויסגעגעבענע בראָשורן: „אויף ישוב
ארץ ישראל. / אַ ספּור המעשה פון שלום-עליכם
(ש. ראַבינאָוויטש)" (קיעוו, 1890, ז' 44; גע-
ווידמעט בן-עמין; דעם ריווח באַשטימט פאַר די

חובבי-ציון אין קיעוו; אין אַ שפּעטערער באַ-
אַרבעטונג — „זעליג מעכאַניק"); „דער יודי-
שער קאָנגרעסס אין באַזעל / פאַרגעלעזען אין
אַללע קיעווער בתּי מדרשים נאָך דעם רעפעראַט
פון דאָקטאָר מ. מאַנדעלשטאַם / בעאַרבעט אין
זשאַרגאָן פון שלום-עליכם" (פ"ג „אחיאסף",
וואַרשע, 1897, ז' 30, מיט אַ רשימה פון די
דעלעגאַטען נאָכן א"ב); „משיח'ס צייטען / אַ
ציוניסטישער ראָמאַן" (ניט פאַרענדיקט; פ"ג
„עזרא", באַרדיטשעוו, 1898, 2 ה'); „צו אונ-
זערע שוועסטער אין ציון / עטליכע ווערטער
פאַר יודישע טעכטער" (ז' 22, וואַרשע, 1898;
קעגן אַסימילאַציע); „אויף וואָס בעדאַרפען יודען
אַ לאַנד? עטלעכע ערענסטע ווערטער פאַר'ן
פאָלק" (וואַרשע, 1898, ז' 20); „דאָקטאָר טעאָ-
דאָר הערצל / זיין לעבען, זיין אַרבייטען פאַרן
יודישען פאָלק און זיין פריהצייטיגער טוידט /
מיט בילדער און מיט אַ בריעף פון דאָקטאָר
מאַנדעלשטאַם" (אָדעס, 1904, ז' 46, צענזורירט
דעם 26סטן יולי 1904). — די איינציקע זאַמלונג
פון אילוסטראַציעס צו ש"ע'ס ווערק איז דאָס
בוך פון רחל שאַליט-מאַרקוס א"ט „מענטשעלאַך
און סצענעס / זעכצן צייכענונגען צו „מאָטל
פּייסי דעם חזנס", מיט אַ באַלייט-וואָרט פון
בעל-מחשבות" („כּלל-פ"ג", בערלין, 1922). עס איז
אויך די אַמביציע פון מאַרק שאַגאַל צו אי-
לוסטרירן די ווערק פון דעם געניאַלן הומאָריסט,
ליידער פעלט נאָך אַמביציע פאַר אַזעלכע אונ-
טערנעמונגען די יידישע פאַרלעגער אָדער א"ג
מעצענאַטן. מ'דאַרף אויך דערמאָנען דעם „ש"ע
זכרון אַלבום", וואָס אַנטהאַלט אַ גרויסע צאָל
בילדער פון ש"ע און זיין לוויה (נ"י, 1916).

אַ באַזונדערער, אָבער אויך אָרגאַנישער טייל
פון ש"ע'ס שאַפן, אין וועלכן עס איז געקומען
צום אויסדרוק די אינדיווידואַליטעט פון אונזער
גרויסן הומאָריסט, זיינען זיינע אומצייליקע בריוו,
וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט צו שרייבן
(אויך אין זיין ליטעראַרישער טעטיקייט האָט
ער צוזאַמען מיט זיין באַליבטער פאָרם פון
מאָנאָלאָג און דיאַלאָג אָפט באַנוצט די עפּיסטאָ-
לאַרע פאָרם, וועלכע ער האָט דער ערשטער
אפשר איינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור);
פון די טויזנטער און טויזנטער בריוו, וואָס
ש"ע האָט געשריבן צו זיין פאַמיליע, צו זיינע
קאָלעגן שריפטשטעלער און צו „יידן פון אַ גאַנץ
יאָר" איז פאַרעפנטלעכט נאָר אַ קליינער טייל,
קודם-כּל אַן אויסוואַל פון זיינע בריוו צו
שריפטשטעלער (166 נומ') אין נ"יער „טאָג"
1923—24 (שפּעטער אויך איבערגעדרוקט אין
„היינט"), דאַן אין „דעם שלום-עליכם בוך"
(283 בריוו), אין דער מינסקער „צייטשריפט" I,
ז' 250—252, אין די „פילאָלאָגישע שריפטן" פון
ייוו"א, III (30 בריוו), אין „רשומות" V (צו
דוד פרישמאַנען, איבערגעזעצט אויף יידיש
אין „פרימאָרגן" פון IX/22 1927) א"אַ. פון
די ניט-פאַרעפנטלעכטע קאָלעקציעס פון זיינע
בריוו איז צו דערמאָנען די 150 בריוו אין דעם
יעקב דינעזאָן-אַרכיוו, ווי אויך אַ ריי בריוו אין
דעם אַנ—סקי-אַרכיוו.

אחוץ די עטלעכע זאַכן, וואָס ש"ע האָט
אַליין געשריבן אין העברעיִש, דהיינו: „תמונות
וצללים / מחיי היהודים במאזעפעווקא" (סע-
פּעראַטע אָפּצוגן פון „המליץ", 1889 —
90: א) „הפילוסוף", ב) „האשכּנזי", ז' 37,
ג) „האוצר", ד) „בשביל צנון אחד", ז' 31,
ה) „עלילת דם", ז' 18, ו) „האסיפה", ז' 22,
ז) „אורייתא בגלותא", ז' 32); „שימעלי" —
הומאָריסטישע דערציילונג פון יידישן פאָלקס-לעבן
(„האסיף", V); „שושנה / זכרונות מימי נעורי" —
דערציילונג („הצפירה", 1889); „האחשתרנים",
1890; „דון קישוט ממזפּבקא" („פּרדס", 1892);
„גמר חתימה טובה" („בּית עקד", 1892);
„חברבר החצרוני" — אַ באַאַרבעטונג פון „ראַבּ-
טשיק" („הדור", 1901); „לג בעומער" (אין
זיין אייגענער איבערזעצונג, „מוריה", 1902),
„ספורי מעשיות מבּית המדרש" און באַאַרבע-
טונגען פון זיינע יום-טובדיקע דערציילונגען
(„הצופה", 1903); „ספר הכּפרות" („הזמן", 1903);
„הרעם" (אין „ספר היובל" לכבוד נ. סאָקאָלאָוו,
1904); אַן אַלעגאָרישע סאַטירע אויף דער
צאַרישער רעגירונג א"ט „רסל" (אין „הצפירה";
דער יידישער אָריגינאַל איז פאַרבאָטן געוואָרן
פון דער צענזור און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן
אין אַן אַמעריקאַנער צייטונג א"ט „דאָס נייגעבאָ-
רענע"), — איז ער זייער פיל איבערגעזעצט געוואָרן
אין העברעיִש, בפרט פון י"ד בערקאָוויטש, וועלכער
האָט אים ממש איבערגעשאַפן, דערגרייכנדיק אין
דעם פרט אַ מערקווערדיקע מייסטערשאַפט. פון
בערקאָוויטשעס איבערזעצונגען זיינען אין בוכ-
פאָרם אַרויס: „כּתבי ש"ע": I „טוביה החולב",
II „כּתריאלים", III „מנחם-מנדיל בעל החלומות"
(וואַרשע, תּרע"א); „כּתבים": I „אדם ובהמה"
(אָדעס, תּרע"ג, נייע אויפלאַגע, בערלין, תּרפ"ב,
ז' 244), II „ימים טובים" (פ"ג „מוריה"); „חיי
אדם" („פונ'ם יאַריד" — 3 ט', נ"י, תּר"פ;
2טע אויפלאַגע — פ"ג שטיבל, וואַרשע, תּרפ"ד,

ז׳ 202+205+189) ; „מזל טוב״ (פ״ג „אוקינוס״, ז׳ 36, תרע״ה) ; „טופלי כּוטוריטו״ — באַאַרבעט (נ״י, 1922, ז׳ 14) ; „יוסי גבּור ישראל״ ; „יוסיל בן החזן״ (אָדעס, תר״ע, ז׳ 30 ; ירושלים, תרפ״ב, ז׳ 30) ; „מספורי הילדים״ (אָדעס, תר״ע, ז׳ 32, תל-אביב, תרפ״ה) ; „חונפני זהב״, „הקדירה״, „חמשה ושבעים אלף״, „אווזים״, „לך לך״, „ספור מוטל בן החזן באמריקה״. פון אַנדערע איבערזעצונגען פון ש״ע אויף העברעיִש איז צו פאַרצייכענען : „על כּנור״ („אויפן פידל״), איבערגעזעצט פון ח״נ ביאַליק (פ״ג „מוריה״ 1902) ; „מאורעותיו של יוסיל (שלשה ספורים)״ (יוגנט-ביבליאָטעק „מוריה״) ; „ספורים ומעשיות״ („עלי-כנור״, „יוסל הגנן״, „נסתלקו״ !, „הזקן״) (אָדעס, תרס״ד, ז׳ 54) ; „אסתר״ (ווילנע, תר״ע, ז׳ 16) ; „ההגירה של ערב פסח״ — באַאַרבעט פון י. קרניאל (סעפּאַראַטער אָפּדרוק פון „השקפה״, ירושלים, תרס״ט, ז׳ 16) ; „ש״ע בעברית״ — פיר דערציילונגען, איבערגעזעצט י. קרניאל (צפת, תרע״ז, ז׳ 58) ; „מתא כּתריליווקה. אלמלי הייתי רוטשילד״ — פון י״ח ב(רענער) (לעמבערג, תרס״ט, ז׳ 16) ; „מעשי כּשפים״ (אָדעס, תר״ע, ז׳ 64) ; „שמואל שמלקיס וחג יובלו״ (ווילנע, תר״ע, ז׳ 28) ; „הרבי והרבנית״ — קינדערפּיעסע (אָדעס, תרע״ח, ז׳ 16) ; „רק דוקטור״ — איבערגעזעצט פון נפתלי זיגעל (פ״ג „סנונית״, לעמבערג, 1923, ז׳ 16) ; „בשביל הבימה העברית״ — אַ זאַמלונג פון ש״ע, אַנטאָן טשעכאָוו און א. רייזען, איבערגעזעצט פון י״א האַנדעלזאַלץ און פּנינה ל׳ (וואַרשע, ז׳ VII + 75) ; „בגדי יום טוב״ — לויט בערקאָוויטשעס איבערזעצונג איינסצענירט פאַרן קינדער-טעאַטער פון מ״י פּולונסקי (תל-אביב, תרפ״ד, ז׳ 19), ווי אויך „מעשה בדוק״, איבערז׳ פון א״מ גאַנצער (אין „העולם״, בערלין), איבערזעצונגען פון חרמוני — גינצבורג (אין דער זעלבער וואָכנשריפט) א״אַ.

ניט קוקנדיק אויף דער טיפער אייגנאַרטיקייט און פאָלקסטימלעכקייט פון ש״ע׳ס סטיל, וואָס מאַכט אים אומגעהייער שווער צום איבערזעצן, זיינען זיינע ווערק אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין פאַרשיידענע שפּראַכן, ווי רוסיש, פּויליש, דייטש, ענגליש, רומעניש, האָלענדיש, סלאָוואַקיש, פלעמיש, בולגאַריש, עספּעראַנטאָ, לעטיש און אפילו יאַפּאַניש. אחוץ אָן אַ שיר איבערזעצונגען פון ש״ע אין פאַרשיידענע צייטשריפטן זיינען אויך אַרויס אין בוכפאָרם אַ גאַנצע ריי פון זיינע ווערק אין די פאַרשיידנסטע שפּראַכן.

אין רוסיש האָט אונטערגענומען די אויסגאַבע פון אַלע זיינע ווערק דער מאָסקווער פ״ג Современныя Проблемы, פון וועלכער אויסגאַבע עס זיינען אַרויס אין משך פון די יאָרן 1910—13 די פאָלגנדיקע 8 ב׳, אין דער איבערזעצונג פון י. פינוס, מיט הקדמה פון מחבר צו דער רוסישער אויסגאַבע: I—II Дѣти черты (1912—3טע אויפלאַגע), III Маленькіе люди, IV Записки коммивояжера, V Неунывающіе, VI Похожденія неудачника, VII Въ мірѣ звуковъ („סטעמפּעניו״ און „יאָסעלע סאָלאָוויי״), VIII Лѣтняя услада. פון אַנדערע אויסגאַבן קענען מיר פאַרצייכענען: Блуждающія звѣзды — אווטאָריזירטע איבערזעצונג פון א. נעזשדאַנאָוו (אין ש״ע׳ס ספּעציעלער באַאַרבעטונג ; צוערשט זיך געדרוקט אין דעם גרויסן רוסישן זשורנאַל Современникъ, 1911), Кровавая шутка — איבערזעצונג פון ס. ראַוויטש (פ״ג ל. סטאָליאַר, מאָסקווע, 1913) — די ערשטע אויסגאַבע פון דעם ראָמאַן אין בוכפאָרם בכלל. איינצלנע זאַמלונגען פון אָדעסער פ״ג Общедоступная Библіотека, 1912, פון דער ביבליאָטעק פון דעם באַרימטן רוסישן זשורנאַל Сатирикон אין דער איבערזעצונג פון ס. אָרלאָווסקאַ („אָן עצה״, „דער דייטש״, „קינדער״, — Рябчикъ איבערגעזעצט פון ג. ליאַדאָווסקי (מאָסקווע), Юмористическіе разсказы — איבערגעזעצט י. דאַנילאָוו (פ״ג Заря, מאָסקווע 1911, ז׳ 182 ; אגב איז דאָס בוך אַרויס אָן ש״ע׳ס וויסן און ער האָט קעגן דעם פּראָטעסטירט אין אַ בריוו אין Евр. Міръ, 25) ; Миніатюры („מענטשן״, „אַגענטן״, „דאָקטוירים״), איבערגעזעצט פון ס. בראַילאָווסקי (מאָסקווע, 1913). אַ ריי ווערק ש״ע׳ס אין רוסישער איבערזעצונג זיינען לעצטנס (1928) אַרויס אין מאָסקווער פ״ג Пучина, צ״אַ „דער מבול״, „אַקטיאָרן״, „נע-ונד״, „דער בלוטיקער שפּאַס״, „פּונ׳ם יאַריד״ — אין דער איבערזעצונג פון ליאַלי קויפמאַן א״ר פון ד. גליקמאַן (וועלכער האָט אויך געשריבן די ביאָגראַפיע ש״ע׳ס פאַר דער אויסגאַבע) ; אויך דער מאָסקווער פ״ג Зиф האָט אַרויסגעגעבן ש״ע׳ס ווערק אין רוסיש, און דער מלוכה-פ״ג, פאַר וועלכן מ אַ ר ש אַ ק האָט איבערגעזעצט „מאָטל פּייסי דעם חזנס״. (עפּעס אַ פ״ג פון יאַקאָוולעוויטש אין אָדעס א״ט Дешевая Евр. Библ. האָט 1910 אַרויסגעלאָזט עטלעכע עם-האַרצישע רוסישע בראָשורן אַלס כּלומרשטע איבערזעצונגען אויס ש״ע). אייניקע זאַכן האָט ש״ע צליין, ווי

שוין דערמאנט, געשריבן אדער איבערגעזעצט אין רוסיש, ווי, למשל, די דערציילונג Мечтатели, אין Евр. Обозрѣніе, ביילאגע צום Рус Еврей, געשריבן אונטער דער השפעה פון מענדעלע מוכר-ספרימס „מסעות בנימין השלישי"; „א דאקטער" אין Евр. Ежегодникъ; „צעזייט און צעשפרייט" א"ט „מאיר שאלאנט", מנחם-מענדלס „מיליאנען" א"א.

אויף פויליש: „מנחם מענדל" (?) אין דער איבערזעצונג פון יעזשי אר (ווארשע, 1904); Notatki komiwojażera, איבערגעזעצט און באזארגט מיט אן ארײַנפיר יעקב אפענשלאק, הילע און וויניעטן געצייכנט י. טיקאצינסקי, אלס ערשטער ב' פון א גיט רעאליזירטער Biblioteka Pisarzy Żydowskich (פ"ג Safrus פון שמואל וואלקאוויטש, ווארשע, 1925, ז' 193; רעצענזירט צ"א פון מ. ב(אלאבאן), אין Nowe Życie, II, ז' 457—8); „סטעמפעניו"—פון הענריק זאלץ (?).

אויף דייטש Stempenju und andere Novellen — פון שמואל מייזלש; Die Geschichte Tewjes, des Milchhändlers — Ruchele u. a. פון א. עליאסבערג (פ"ג ב. הארץ); אלס ב' III פון דער 10בענדיקער אויסגאבע Jüdischer Novellenschatz (אויך ד"ר פיליפ מאנש האט איבערגעזעצט „סטעמפעניו" אויף דייטש); Aus dem nahen Osten — פון סטעפאניע גאלדענרינג (פ"ג ב. הארץ, אלס ב' IV פון Jüdischer Novellenschatz, ז' 425); Vom alten Stamm — פון ד"ר נתן בירנבוים („יידישער פ"ג", 1914), אויך איבערזעצונגען פון „מנחם-מענדל" און „מאריענבאד", — פון זיגפריד שמיץ (פ"ג ר. לעוויט, ווין 1922 און 1923), „די ערשטע יידישע רעפובליק" א"א; אין די אנטאלאגיעס פון ד"ר זלאציסטי Aus einer stillen Welt, א. עליאסבערג Ostjüdische Novellen און Jüdisches Theater.—

אויף פראנצויזיש: L'histoire de Tevje— פון עדמאנד פלעג (פאריז, 1926, פ"ג Rieder et Co), אין בלומענפעלדס אנטאלאגיע א"א.

אויף ענגליש — „סטעמפעניו" (1914), א טייל פון מאטל פייסי דעם חזנס מעשיות אין דער איבערזעצונג פון מ. וויינשטיין, אילוסטרירט, אין דעם זונטאג-זשורנאל פון New York World (אנהייב 1916), און אין א 20 ענגלישע צייטונגען. פון דעם „װאירלד"-סינדיקאט.

פון ש"ע'ס איבערזעצונגען אין אנדערע שפראכן קענען מיר נאר פארצייכענען א קליינעם טייל:

אויף רומעניש — האט ק. סאטיאנו (קארל שענפעלד) זינט 1921 ארויסגעגעבן א ריי זאכן ש"ע'ס אין יאסער פ"ג Viata Romanesca (אין רומעניע געהערט ש"ע בכלל צו די וועלט-בארימטע שריפטשטעלער און זיינע ווערק גייען ארויס אין די בעסטע און פאפולערסטע רומענישע פארלאגן. דער גרויסער רומענישער קינסטלער אקטאוו באטשילע האט אויך געמאלט א ריי העלדן פון דעם גרויסן יידישן הומאריסט צו סאטיאנוס איבערזעצונגען). אויף לעטיש — Kahda schna peesihmes („נאטיצן פון א יינגל")— איבערגעזעצט פון קלאווינש (ריגע, 1913, ז' 65). אויף אונגאריש—פון שאבא אימרע א"ט Leégett nemesuk („כתרילעווקער נשרפים", „אן עצה", „א חתונה", „כלי-זמר"), (קלויזענבורג, 1922, ז' 77) א"א. אויף שפאניש — אין ש. רעזניקס אנטאלאגיע, אויף ווייסרוסיש — פון דזמיטריוק ביעדוליא („מאטל פייסי דעם חזנס") אאז"וו.

די ביבליאגראפיע איבער ש"ע, וועלכע מוז זיין א קאלאסאלע, איז נאך עד-היום פון קיינעם ניט רעגיסטרירט. אן אנהייב פון דער ש"ע-ביבליאגראפיע האט געמאכט ב. באראכאוו, וועלכער האט נאך ש"ע'ס טויט געארבעט אין זיין ארכיוו; ער האט אבער באוויזן צו פארעפנטלעכן בלויז א טייל פון דער דאזיקער ארבעט זיינער — א"פ דוב בן משה אין „צוקונפט", 1916, — א ניט פולע און ניט גענויע רשימה פון ש"ע'ס ווערק. דערפאר איז פון דעם ש"ע-ארכיוו ארויסגעוואקסן אין 10 יאר ארום דער הויפט-מקור פאר דער ביאביבליאגראפיע פון ש"ע, דאס מאנומענטאלע, צום צענטן יארצייט נאך ש"ע צוגעגרייטע „דאס שלום-עליכם בוך / אויטאביאגראפישע פארצייכענונגען פון שלום-עליכם, ביא- און ביבליאגראפישע דאקומענטן און מאטעריאלן, זיינע בריוו צו פאמיליע-מיטגלידער און פריינד, ניט-געדרוקטע יוגנט-שריפטן, ליטערארישער איבערבלייב, נאטירטע סוזשעטן, איינפאלן און ווערטלאך, בילדער, פאקסימילעס פון מאנוסקריפטן און בריוו, זכרונות, כאראקטעריסטיקעס און מעשיות וועגן אים פון קרובים און פריינד / רעדאקטירט און באלויכטן מיט מאנאגראפישע שטודיעס, ארײַנפיר-ווערטער און באמערקונגען פון י. ד. בערקאוויטש / ארויסגעגעבן פון דעם שלום-עליכם בוך קאמיטעט מיט דער פינאנציעלער מיטווירקונג פון מאריס ווײַנבערג / ניו-יארק 1926 תרפ"ו" (ז' טז+312, פראנט-בילד פון ש"ע געמאלט פון זיין זון נומא ראבינאוויטש, צייכענונגען פאר טאוול און טיטלען

פון ברוך אַראָנסאָן, צייכענונג פאַרן שער־בלאַט פון מיכאל קויפמאַן). „דאָס שלום־עליכם בוך״ אַנטהאַלט אויך זכרונות פון ד״ר גרשון לעווין, נ. ב. לינדער (מעשיות וועגן ש״ע), דוד פינסקי („ביי ש״ע׳ס גסיסה־בעט״). — „דאָס שלום־עליכם בוך״ דערגאַנצט די אויטאָביאָגראַפיע פון ש״ע „פונ׳ם יאַריד״, „דאָס בוך פון זיינע ביכער״, וואָס איז נאָר אַ מקור פאַר דער לעבנסגעשיכטע פון אונזער גרויסן הומאָריסט, נאָר איז אויך אַ קוואַל פון עכט קינסטלערישן גענוס; ליידער האָט ש״ע זיין גרויס געפּלאַנטע אויטאָביאָגראַפיע, וואָס ער האָט אויסגערעכנט שיר ניט אויף אַ צענדליגער בענד, באַוויזן צו דערפירן בלויז ביז צו דעם מאָמענט ווען ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ראַבינער. — פון אַנדערע באַזונדערע אויסגאַבן געהידמעט ש״ע׳ן פאַרצייכענען מיר: „צום אָנדענק פון שלום־עליכם. / זאַמעל־בוך / רעדאַקטירט פון י. צינבערג און ש. ניגער״ (ארויסגעגעבן דורך דעם י. ל. פרץ־פאָנד, וואָס ביי דער געזעלשאַפט פאַר אידישע ליטעראַטור און קונסט, פּט״ב, 1917, ז׳ 176+II) מיט זכרונות פון י״ד בערקאָוויטש, ש. דובנאָוו, מ. ספּעקטאָר, י״ח ראַווניצקי, ד״ר מ. קויפמאַן, סקולפּטאָר ב. פּאַטלאַזשאַן, בריוו פון ש״ע, אַרטיקלען פון ש. ניגער, צ. הירשקאָן, י. דאָברושין, ד״ר מ. שאַץ און בילדער; „שלום־עליכם־זאַמלונג״ (פ״ג „קולטור־ליגע״, קיעוו, 1918, ז׳ 382) מיט זאַכן פון משה בין, דוד בערגעלסאָן, וו. לאַצקי־בערטאָלדי, י״מ וויסענבערג, י. דאָברושין, נחמן מייזיל, נ. אויסלענדער, ח״ש קאַזדאַן, ל. קוויטקאָ, שמעוני א״אַ. פון די קריטישע אַרבעטן איבער ש״ע איז די וויכטיקסטע אין בוכפאָרם: ש. ניגער, „שלום עליכם / זיינע וויכטיגסטע ווערק, זיין הומאָר און זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור״ („אַ דישער קולטור־פ״ג״, נ״י, 1928, ז׳ 254), וואָס אַנטהאַלט צ״אַ פאָלגנדיקע קאַפּיטלען: „ש״ע, אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק״ (די העכסטע מדרגה, מענדעלע און שמ״ר, רעאַליזם און שמריזם, די ערשטע טריט, „אידישע ראָמאַנען, ש״ע און זיין לעזער, די ווירקונג פון מענדעלע, מענדעלעס סאַטירע און ש״ע׳ס הומאָר, טביה דער מילכיגער, מאָטל פּייסי דעם חזנס אינגל, מנחם מענדל מיעהופעץ, כתרילעווקע, הומאָר — קאָמיזם — פּאַטאָס), „דאָס אידישע און דאָס אוניווערסאַלע אין טביה דעם מילכיקן״, „פונ׳ם יאַריד״, „דאָס שלום־עליכם־בוך״, „שלום־עליכם דער בריוו־שרייבער״, „עלעמענטן פון ש״ע־הומאָר פאַר ש״ע׳ן״. — פון די הונדערטער און אפשר טויזנטער מאָנאָגראַפיעס און אַרטיקלען איבער ש״ע, וואָס גייען אריין אין פאַרשיידענע ביכער און צייטשריפטן, קענען מיר פאַרצייכענען נאָר די פאָלגנדיקע:

ש״י אַבראַמאָוויטש, בריוו צו ש״ע, פאַרעפנטלעכט מיט באַמערקונגען פון נ. שטיף אין די „שריפטן״ פון דער קאַטעדרע פאַר יידישער קולטור ביי דער אַלאוקראַינישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע, 1928, ז׳ 218—298; נ. אויסלענדער, „דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם און זיין ראָמאַן „סטעמפּעניו״ (מאַטעריאַלן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישער אַנטוויקלונג)״, ib, ז׳ 5—72; id, „גרונט־שטריכן פון יידישן רעאַליזם״, ז׳ 99—152 (נייע אויסגאַבע — פ״ג ב. קלעצקין, 1928); ib, „וואָרט־ און פאָרם־ענדערונגען אין די וואַריאַנטען פון ש״א׳ס „סטעמפּעניו״, אין „דער יידישער שפּראַך״, 1927, II; ג. אייזנער, „דאָס אויפדעקן פון ש״ע׳ס מצבה״, אין „היינט״ פון 30/VI 1921; ד. א(יינהאָרן?), „די דריי מייסטער פון דער יודישער ליטעראַטור״, אין „אַרבייטער־לוח״, 1920; איש עברי (י. קלויזנער), אין „השלח״, ב׳ ל״ב; אַלגין, אין „צוקונפט״, 1916, VI; משה אַלטמאַן, „דער דיאַלאָג צווישן ש״ע און פּרץ״, אין „אונזער וועג״, בוקאַרעשט, 1926, 14; ib, id, 10; א. אַלפּערין, „וואָס איז געוואָרן פון „טוביה דעם מילכיקן״ (וועגן ערמאַנד פלעגס „איבערזעצונג אויף יודעאָ־פּראַנצויזיש פון עלזאַס״), אין „ליטעראַרישע בלעטער״, 59; י. באַטאַשאַנסקי, „מיליאָנען״, אין „דרום־אַמעריקע״, 1926, V—VI; ב. באָראָכאָוו (א״פ דוב בן משה), ש״ע־ביבליאָגראַפיע, „צוקונפט״ 1916; ד״ר נתן בירנבוים, אין לאָדזער „פאָלקסבלאַט״ 1916 (איבערגעדרוקט אין „לעצטע נייס״, 1916, 120); ה. בלאָשטיין, „דער קינסטלער פון דער יידישער דינאַמישקייט״, אין „דער פּרעסע״, בוענאָס־איירעס, פון 15/V 1927; בן־אליעזר, „בשעת קריאה (הקטרוג על ש״ע)״, אין „העולם״, תרפ״ד, 29; id, „הכשרון שירד מגדולתו״, אין „הצפירה״, 1928, 114; בעל־דמיון, אין „דאָס נייע לעבען״, 1908, I, און אין Разсвѣтъ, 1928, 40; בעל־מחשבות, „געקליבענע שריפטען״, I; id, אין זמ״ה „דער וועג״, געווידמעט ש״ע׳ן (פ״ג „דער טאָג״, פּט״ב, 1916); אהרן בעקערמאַן, אין „מעזריטשער וואָכנבלאַט״, 1927, 20; מ. י. בערדיטשעווסקי, „יודישע כתבים״, V, ז׳ 115—121; הערמאַן בערנשטיין, וועגן דעם ערשטן באַזוך פון ש״ע אין אַמעריקע, אין „טאָג״ פון מאַי 1916; י״ד

בערקאָוויטש, „ערינערונגען" וועגן ש"ע, אין „ליטעראַרישע בלעטער", 53; id, אין „צוקונפט", 1926, IX; י. ד. בערקאָוויטש, „אַן ענטפער נ. שטיפן", אין „עמעס" און „האמער", 1927; id, וועגן ש"ע'ס „גאָלדגרעבער", אין „ביכער-וועלט", 1928, IV; משה בראָדערזאָן, „מיט ש"ע'ס טייטשען", אין „נייעם פאָלקסבלאַט" פון 14/V 1926; ראובן בריינין, „שריפטען"; id, אין „העולם", 1908, 30; id, „ההומר והסטירה בספרותנו", אין „התרן", תרע"ז, 45; id, ib, 8, 10; id, י"ח ברענער, אין זמ"ב „בשעה זו", ג' (יפו, תרע"ו); א. גאָלדבערג, „פון א פעקעל בריעף", אין „היינט", 1916; נחום גאָלדמאַן, אין א דייטש-יידישער צייטשריפט, 1916; ד"ר משה גאַסטער, א בריוו צו מאָריס מייער, דעם פאָזיצער פון דעם ש"ע-הזכרה-מיטינג אין לאָנדאָן, 1916; ש. גאָרעליק, „יידישע קעפ"; id, אין Jüd. Rundschau פון 10/V 1927; ד"ר איסר גינזבורג, אין ש"ע-נומער פון „התורן" א"ר י"ד בערקאָוויטש, נ"י, 1916; א. גלאַנץ, אין „טאָג" פון 15/V 1927; נ. גרינבלאַט, אין זמ"ב „עולמנו" א"ר פון גליקסמאַן, אָדעס, תרע"ט; id, אין „נייס", 1926; י. דאָברושין, „געדאַנקענגאַנג"; id, „שאָלעמאַלייכעמס דראַמאַטורגיע. (פרווו פון א פאָראויספאָרשונג)", אין „צייטשריפט", II—III (מינסק, 1928, ז' 407—424); ש. דובנאָוו (קריטיקוס), אין Восходъ, 1887, VI, VII—VIII, XII, 1888, X, 1889, VII, 1890 IX, 21—37; id (א"פ ס. מ.), וועגן „תמונות וצללים", ib, 1890, VIII, 34—36; id, „צום אָנדענק פון ש"ע; id, „באַגעגענישען מיט ש"ע", אין „טאָג" פון 10/VIII 1925 (איבערגעדרוקט אין ריגער „פרימאָרגן", 1926); סאָפיע דובנאָוו-ערליך (פ"ס מ—איא), א רעצענזיע אויף ש"ע'ס Маленькіе люди, אין Евр. Міръ, 29; א. דמשק, „ש"ע אין אונזער שול", אין „ליטעראַרישע בלעטער", 1926, 104; ז. האָבער, אין ריגער „פאָלק" פון 13/V 1926; ח"ד הורוויץ, „טיפוסים כלליים ביצירותיו של ש"ע", אין „הצפירה", 1910, 26; id, „די סאָציאַל-עקאָנאָמישע טיפען אין דער נייער יידישער ליטעראַטור", אין „צוקונפט" 1911, III—VI; צבי הירשקאַן, „פונדערווייטנס"; מ. וואַנווילד, וועגן „מבול", אין „ניי-צייט", III, ז' 73—79; id, „א קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור" (פ"ג לאַזאַר קאַהאַן, לאָדז, 1918, ז' 36); ד"ר מיכאל ווייכערט, „די גאָלדגרעבער", אין דער „יידישער וועלט", 1928, III; ווילנאַי, אינטערוויו מיטן קראַנקן ש"ע, אין „הד הזמן", 1908, 184; לעאָ ווינער, YL; ב. וולאַדעק, אין „צוקונפט", 1916, VI; id, „לעזענדיג ש"ע'ן", אין „אונזער שטימע", ווילנע, פעברואַר 1919; ישראל זאַנגוויל, א בריוו צו מאָריס מייער דעם פאָרזיצער פון דעם ש"ע-הזכרה-מיטינג אין לאָנדאָן, 1916; אַרטור זאַקהיים, Das jüdische Element in der Weltliteratur, האַמבורג, 1924; ש. זאַקס, „ש"ע אלס פאָעט", אין זמ"ה „דער יודישער זשורנאַליסט" (איבערגעדרוקט אין „ווילנער טאָג" פון 25/IV 1926); א. זאַרעצקי, „צו ש"א'ס ווערטערסיידער", אין „דער יידישער שפראַך", 1927, I; id, „שפראַך-שפילעוודיקייט ביי ש"ע", אין „דער רויטער וועלט", 1926; משה זילבורג, אין „ליטעראַרישע בלעטער", 104; אפרים זינגער, אין „אונזער עקספרעס" פון 13/V 1927; מענדל זינגער, „פינף נפטרים" (I ב'—פ"ג „דער קוואַל", ווין, בילדער און פאַרצירונגען פון אוריאל בירנבוים, ז' XVI+110: „פאַפירלעך", „דאָס גרויסע געווינס", „א בוידעם", „לך-לך"); ד"ר טעאָדאָר זלאָציסטי, אריינפיר צו זיין אַנטאָלאָגיע Aus einer stillen Welt; זרובבל, אין „ליטעראַרישע בלעטער", 104; id (י. וויטקין), אין „אַרבעטער-וועלט", 1926, 14; זשאַרזש, אין „וועקער", נ"י, דעצעמבער 1922, 67 (וועגן „גרויסן געווינס"); שמואל זשוקאָווסקי — זכרונות, אין כאַרקאָווער „שטערן" (איבערגעדרוקט אין ריגער „פרימאָרגן" פון 17 און 18 מאי 1926 און אין נ"יער „טאָג" פון 19/VI 1926); id, ib, 14/VIII 1926 (איבערגעדרוקט פון ד. טשאַרני אין „טאָג" א"ט „שימעלעס אייניקעל ענטפערט דער פרוי ש"ע"); „דער חבר"—חודש-זשורנאַל פאַר עלטערע קינדער, מאַי 1921; לייבל טויבש, „סקיצען און בילדער" (ווין, 1920, וועגן ש"ע אין גאַליציע); ק. טעפער, אין „נייאידיש", 1922 (איבערגעדרוקט פון ווילנער „טאָג"); וסעוואָלאָד טשאַגאָוויעץ (רוסישער זשורנאַליסט), „צוויי מאָל געשטאָרבן", אין „שטערן", 1926, 107 (איבערגעדרוקט אין ריגער „פרימאָרגן"); ד. טשאַרני, „אויף די שפורן פון ש"ע און טשעכאָוון", אין „ליטעראַרישע בלעטער", 104; id, ib, 132; id, „ש"ע'ס יאָרצייט אין סאָוועטרוסלאַנד", אין „טאָג" פון 19/VI 1926; ב. טשעמערינסקי, „ווי אזוי מיר האָבן אויפגעפירט ש"ע'ס „מבול" פאַרן פילם", אין „ליטעראַרישע בלעטער", 104; א. טשעריקאָווער, אין Евр. Недѣля, 1916, 23—24; ש. טשערנאָוויץ, אין „הד הזמן", 1908, 199; id, אין „העם",

1916; מוכאַיל יאַ, „מנחם מענדל פון ש״ע אין פילם", אין ריגער „פרימאָרגן" פון 28/VII 1928 און „ווילנער טאָג" פון 1/VIII 1926; ה. ייבין, אין „העולם", 1914, 1; ישעיהו כהן, „ש״ע דער ראָמאַנען־שרייבער", אין „אונזער וועג", בוקאַרעשט, 1926, 7; בנציון כץ, „פון מיינע זכרונות וועגן ש״ע", אין ריגער „פאָלק", 1916 (איבערגעדרוקט פון „מאָרגען זשורנאַל"); י. כמורנער, אין „פאָלקסצייטונג" פון 23/IV 1926; ד״ר י״ל לאַנדוי, אין „דאָס נייע וואָרט", יאָהאַנעסבורג, 1916, I; Lord Nobagy (י״ל גאָרדאָן) — אַן אַנפאַל אויף ש״ע אין „יודישען פאָלקסבלאַט", 1888; ב. לוי, „מאמריו העבריים הראשונים של ש״ע", אין „מוסף לדבר", 1926, ל״ב; פ. ליאַכאָווער, „מחקרים ונסיונות" ז' קי״ט — קכ״ח; משה ליטוואַקאָוו, „אין אומרו", I; י. ליכטענשטיין, „דער זינגער פון רייַנער ליבשאַפט", אין „לאָדזשער וועקער", 1927, 18; id, ib, 1928, 23; י. לינקאָווסקי, אין „נייע־וועלט", בוענאָס־איירעס, 1927, I; א. ליעסין, אין „צוקונפט", 1916, V; א. ס. ליריק, אין „הייַנט", מאַי 1917; י. לעווי, רעצענזיע אין ביילאַגע צום „יודישען פאָלקסבלאַט", 1888, 11—12; מ. לעוויטאַן, אין „שטערן", 1926, 106; ד״ר גרשון לעווין, ש״ע און דער טויט", אין „הייַנט" פון 23/IV 1926; א״ל לעווינסקי — אין „המליץ" 1889 (דער ערשטער אַנפאַל מצד די העברעיסטן אויף ש״ע׳ס „יודישער פאָלקסביבליאָטהעק", אויף וועלכן עס האָבן אָפּגעענטפערט ש״ע אַליין (אין אַן אַרטיקל „לשאלת השפה" — אין „המליץ"), ראַבניצקי, יהודה־לייב גמזו, אין „המליץ" 1889, 98—99; יעקב לעווקאָוויטש (יונג־פאַרשטאָרבענער יידיש־פּוילישער פילאָסאָף), אַ ניט געענדיקטע שטודיע (זע „לעבען און וויסענשאַפט", 1910); י. י. לערנער (א״פ הערדנער), אומגינסטיקע רעצענזיע אויף ש״ע׳ס ביכל „טויטע בלומען", אין „יודישען פאָלקסבלאַט", 1889, 9—10; פּרץ מאַרקיש, אין „ליטעראַרישע בלעטער", 2; ד״ר מ. מוקדוני, „גאָלדגרעבער" אין „קונסט־טעאַטער", אין „מאָרגענזשורנאַל" פון 9/XII 1927; נ. מייזיל, „נאָענטע און ווייטע", I; id, „פּרץ און ש״ע אין זייערע פּערזענלעכע באַציִונגען", לאַנדוי־בוך, ז' 263—286; id, „וועגן ש״ע־בוך", אין „הייַנט" פון 28/I 1927, אין „ליטעראַרישע בלעטער", 1927, 6; id, ib, 104; ב. מיכאַלעוויטש, אַ ביסל זכרונות, אין „פאָלקסצייטונג" פון 23/IV 1926; מ. מעזשעריצקי, אין „רוי־טער וועלט", 1926, V—VI; יוסף מענדעלסאָן, אַן „דער אידישער צייטונג" פון 13/V 1928; ה. ד. נאָמבערג, „מכּח לאַכען", אין „מאָמענט", 1917, 104; י. נוסינאָוו, „ש״ע׳ס צוואה", אין קיעווער „פאָלקסצייטונג", IX/ 1918; id, „צו דער געשיכטע פון דעם נאָמען ש״ע", אין „עמעס", פון 13/V 1926; ib, id, 4/VII; id, „ער האָט געמוזט קומען", אין „שטערן", כאַרקאָוו, פון 14—13/V 1926; ib, „ש״ע אין „פאָלקסבלאַט", אין דער רויטער וועלט", 1926, V—VI; ש. ניגער, אין „טאָג אויף שבת", 1908, 5—6; id, „וועגען יידישע שרייבער", I, ז' 71—132; id, „ש״ע און זיין הומאָר" (אַרויסגעגעבן פון דעם צענטען ש״ע יאָרצייט קאָמיטעט", נ״י, 1926, ז' 16); id, „עלעמענטן פון ש״ע־הומאָר פאַר ש״ע", אין „פּנקס" פון ייוו״א, 1927, I—II, ז' 1—12; ד״ר א. סאָנין, „אין ש״ע׳ס געבורטשטאָט", אין „טאָג", 1926 (איבערגעדרוקט אין „גראָדנער מאָמענט", 1926, 169); id, „דער וועג פון דער יידישער קונסט פיהרט צו ש״ע", אין „טאָג" פון 2/VII 1926; נ. ס(אָקאָלאָוו), אין „העולם", 1908, 42; id, אין Die Welt 1908 (איבערגעדרוקט אין Jüd. Rundschau, 1916, 20); ש״י סטופּניצקי, אין „הייַנט", 1916, 116; id, „פון זיידען צום אייניקעל", אין „לובלינער טאָגבלאַט", 1926, 105; id, אין „פרימאָרגן" פון 23/IV 1926; י. י. סיגאַל, אין „קאַנאַדער וואָכנבלאַט", 1926, 6; א. א. סיראָטקין, וועגן ש״ע׳ס „קינדער־שפּיעל", אין „כּנסת ישראל", תרמ״ח; ד״ר נ. סירקין, אין „לאָדזער פאָלקסבלאַט", 1916, 185, 196 (איבערדרוק); id, אין „התורן", 1917 (איבערגעזעצט אין Jüd. Rundschau); מ. ספּעקטאָר, אין „הויזפריינד", 1895, V, ז' 124; id, „מאָמענט־פאָטאָגראַפיעס"; id, „צום אָנדענק פון ש״ע; „ספר זכרון"; ד״ר אסתר עליאַשעוו, „דער נאַציאָנאַלער הומאָריסט", אין „נייס", 1926; עמנואל, אין „מאָמענט", 1917, 104; י. ענטין, „די זיילען פון דער נייער אידישער ליטעראַטור"; id, אין „צוקונפט" 1923, III; עפּשטיין זלמן, „ש״ע בעברית", אין „השלח", ב', כ״ד; ib, „ש״ע ויחוסו לשפת עבר", אין „הצפירה", 1914, 83; id, אין „העם", 1916; שכנא עפּשטיין, אין „פרייהייט" פון 9/V 1926; id, אין „האמער", 1926, III; id, „ש״ע און די אידישע אַרבעטער", אין „פרייהייט", פון 14/V 1927; מאַקס עריק, „איבערבליק איבער דער געשיכטע פון

דער יידישער ליטעראַטור"; id, „אויף די
שפּורן פון מנחם מענדל", אין „ביכער־וועלט",
1928, I—II; ש. ערנסט, אין „אַפריקאַנער",
1927, 26; י. פּאַט, אין „יוגנטוועקער", 1926, 5;
דוד פּינסקי, אין „צוקונפט", 1916, VI; ד"ר
מ. י. פּינעס, „די געשיכטע פון דער יודישער
ליטעראַטור", II, ז' 178—200; פּענח חזיונות,
אין „הזמן", 1905, 84, 86; נח פּרילוצקי,
„ש"ע אַלס דראַמאַטורג", „יידיש טעאַטער",
ז' 153—159; id, „יידיש טעאַטער"; id,
אין „מאָמענט", 1916, 110; id, „מכּוח
די קוואַלן פון ש"ע'ס הומאָר", אין „דער
יידישער וועלט", 1928, IV; פּרץ, ב' XVI
פון זיינע ווערק („ליטעראַטור און לעבן",
ז' 71—75); א"מ פוקס, אין „ליטעראַרישע
בלעטער", 104; ל. פייגין, זכרונות וועגן ש"ע'ס
וואוינען אין פּט"ב אַלס געזעלן פון אַ מוליער;
י. פיכמאַן, אין „העולם", תרע"ב, 1; id, אין
„ליטעראַרישע בלעטער", 57; ד"ר ז. פּ. פּינ־
קעלשטיין, „אַן ערינערונג וועגן ש"ע אין לעמ־
בערג. אין יאָר 1905, בשעת ער האָט געשריבן
„די פאַרבלאָנזשעטע שטערן", אין „ליטעראַרישע
בלעטער", 45; id, אין זיין בוך Stürmer des
Ghetto; דוד פרישמאַן, אין „הויזפריינד", II;
בנציון צאַנגען, „דער דיכטער פונם אידישען
טראַגיקאָמיזם", אין לעמבערגער „מאָרגען" פון
4/VI 1927; „צו דער טעמע וועגן שאָלעם־
אַליכעם (סכעמע פאַר דער אַרבעט־שול)", קיעוו,
„קולטורליגע", 1926; ש. ל. ציטראָן, „דריי
ליטעראַרישע דורות", I; id, „לקסיקון ציוני";
ib, „די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע";
אַהרן ציילין, אין „ליטעראַרישע בלעטער", 104;
וו. ציילין, „קרית ספר", ז' 285; צינבערג, אין
ЕЭ, XVI; אהרן קאַמינקאַ, „אזהרה למכתבי
עמל" — 8 אַרטיקלען קעגן יידיש און קעגן ש"ע
אין „הצפירה", 1889, וועלכע האָבן אַרויסגערופן
אַ שטורמישע דעבאַטע; אַב. קאַהאַן, אין „צו־
קונפט", 1896; ב. קאַרליניוס, „לאַכען איז
געזונד", אין „מאָמענט" פון 23/IV 1926;
מ. קולבאַק, אין ווילנער „טאָג", 1925; א. קופּרין,
Домик; א. קירזשניץ, אין „עמעס", 1926, 111
(וועגן ש"ע'ס אָפּמאַך מיטן בוכהענדלער גינזבורג
אין באָברויסק וועגן אַ בריוונשטעלער); משה
קליינמאַן, אין „יודישען וואָכענבלאַט" פון לייבל
טוביש פון 26/I 1906 (ווען ש"ע האָט באַזוכט
טשערנאָוויץ); ד. קמחי, אין „השלח", ב' ל"ח;
ז. קלמנאָוויטש, „ש"ע — דער שרייבער פאַר כּלל
ישראל", אין „בייס", 1926; לעאָ קעניג, „מאַרק
שאַגאַל און ש"ע", אין „דאָס נייע לעבן", 1923,
VI, און אין „צייט", 3176; id, „פינף פסעוו־
דאָנימען", אין „דער יידישער וועלט", 1928, IX;
ל. קעסנער, וועגן „די גאָלדגרעבער", אין „יידי־
שען טאַגעבלאַט" פון 27/XI 1927; אָלגאַ ראַבי־
נאָוויטש, „ש"ע און זיינע ביאָגראַפען", אין „טאָג"
פון 5/VII 1926 און „ליטעראַרישע בלעטער",
116 (וועגן ש. זשוקאָווסקיס זכרונות); ש. ראַ־
בינאָוויטש, „וועגן אייניקע ש"ע'ס פּערסאָנאַזשן",
אין „צייטשריפט", מינסק, I, ז' 252—3; מ. ראַ־
בינזאָן, אין „הד הזמן", 1908, 221; י"ח ראַבי־
ניצקי, אין ש"ע'ס פאָלקסביבליאָטהעק", I, ז' 319;
id, אין „העולם", תרפ"ד, 13, 15; אויך אין
זיין בוך אין „הארץ", תרפ"ד, 1321, 1333;
ל. ראָזענבלום, זכרונות, אין „דער פּרעסע" פון
15/V 1927, און „פאָלקסצייטונג" (איבערגע־
דרוקט פון כאַרקאָווער „שטערן" 1926, 104);
משה ראָזענבלאַט, זכרונות, אין „יידישען טאַגע־
בלאַט" פון 26 און 27 מאַי 1926; ש. ראָזענ־
פעלד (לאַגאָס), וועגן „ש"ע"־בוך", אין „טאָג"
פון 25/I 1927; י. ראָזשאַנסקי, „דריי באַגעגע־
נישן", אין ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן", 1923
(?), 98 א"וו; שמואל ראָזשאַנסקי, „פּרץ און
ש"ע", אין „ניילאַנד", 1928, II; ש. רובינ־
שטיין, אין „ליטעראַרישע בלעטער", 104; א.
רייזען, „עפּיזאָדן פון מיין לעבן"; ל. רעזניק,
„ש"ע'ס יאָרצייט אין זיין געבורטשטאָט", אין
כאַרקאָווער „שטערן", 1926 (איבערגעדרוקט אין
ריגער „פרימאָרגן"); מ. שאַליט, „ליטעראַ־
רישע עטיודן"; י. ש(אַצקי), „צו דער
ביבליאָגראַפיע פון ש"ע'ס ווערק"; א. שטיינמאַן,
אין „הצפירה", 1922, 220; id, אַרטיקלען און
עסייען; שטיינסאַפיר, „ש"ע אין ביאַליסטאָק", אין
„ביאַליסטאָקער קוריער"; נ. שטיף, וועגן דעם
צענזור־פאַרבאָט פון „יקנהז", אין „צוקונפט" 1925;
id, „דאָס שאָלעם־אַליכעם־בוך", אין „עמעס",
1927, 64, 66, און „האַמער", 1927; id, „פאָלעמיק
אין טאָך (וואָס האָב איך געזאָגט וועגן „שאָלעם־
אַליכעם־בוך" און וואָס איז דאָרט געמיינערט
געוואָרן נאָך בערקאָוויטשעס פאָלעמיק)", אין
„עמעס" פון אויגוסט 1927, און אין „האַמער",
1927; ישראל שטערן, אין „פאָלקסצייטונג" פון
23/IV 1926 און „אונזער האָפענונג", 1926, VIII;
יעקב שטערנבערג, „דער פאַרפישופטער שרייבער",
אין „אונזער וועג", 1926, 6; ד"ר י. שיפּער, אין
„קונסט און לעבען", 1908, III, ז' 47—52; ז.
שניאור „שלום־עליכמס אָנדענקען" (כּלל־פ"ג,
בערלין, 1922, ז' 60); ש. שנייפּאַל, „טביה דער
לעבעדיקער", אין „ליטעראַרישע בלעטער", 110;
א. שנעלמאַן, אין „המליץ", 1892, 107.

שלייפשטיין משה (ארום 1850 — ארום 1915) — האט געלעבט אין ווארשע, וואו ער איז געווען פאפולער אלס בדחן. האט אויך פארפאסט א ריי לידער און מעשה-ביכלעך, פון וועלכע דאס ערשטע איז געווען „דער באנקראט אדער דיא געשלאגענע צייט" (ווארשע, פ"ג פייבל מונק, 1884, ז' 46), וואס אנטהאלט פיר לידער; כאראקטעריסטיש איז דער פירפערז, וואס קומט נאכן אינהאלט:

דא האט איהר פון מיר דאס ערשטע געשאנק
געארבעט אן שום פעהלער
פון די לידער דאס בעזאנג
קענט איר אייך דערוויסן בייא מיר משה בדחן
שלייפשטיין דער געלער.

פון זיינע אנדערע ביכעלעך זיינען אונז באקאנט: „דאס ליד" (ווארשע, 1882 ?); „דער שרעקליכער פייגעלעס טויט אדער דיא מערדערס פאר דיא ספראזיע/ערשטער אונד צווייטער טהייל/פאן דעם בעריהמטען בדחן אויס ווארשא משה ש'" (הזכות נמכר לצמיתות להמדפיס טורש מווארשא, 1897); איבערדרוק א"ט „דער געהארגעטער קאנטארשציק אדער דער אונגרעכנטער טויט פאן פייגעלעס (געזאנג פאן דאקטאר אלמאסאדא פאר יאמערט פאר קלאגט)"; „נייע זאבאוועס" (ווארשע, 1897); „ווייבערשער יום כפור"—דערציילונג (ווארשע, 1898); „שיינע גרויסע האללע אין ווארשע"—לידער און פראזע (ווארשע, 1902); „דאס ליעד פון פאנאגראף / א בטלנישער וכוח אין בית-המדרש/ און דאס ליעד פון זאקסישען גארטען" (דרוק מ"י האלטער, ווארשע, 1903, ז' 12) — צו זינגען דאס ערשטע מיט דער מעלאדיע „דער מאסקנבאל", דאס צווייטע—„ווי צו דער מאמע", „סאטיריש".

שליפערשטיין אדאלף — פארפאסער פון דעם טעאטערשטיק „דראמא אדער דער מיליאנער אלס בעטלער / שוישפיעל אין 4 אקטען מיט געזאנג. / אריגינאל פערפאסט פון דעם בעריהמטען ארטיסט אדאלף ש'. / דאס שטיק ווירד אויפגעפיהרט אויף דיא גראסטע סצענען אין אייראפא, לעצטענס אין ווארשא מיט דען גרעסטען ערפאלג" (ווארשע, 1893; אין רוסישן אונטערטיטל אויפן שער איז אנגעגעבן, אז דאס איז אן איבערזעצונג פון דייטש; איבערדרוק פון פ"ג דוד ראטה, לעמבערג, 1905, ז' 50). ב. גארין פארצייכנט אויך א פיעסע שליפערשטיינס, אויפגעפירט 1892, א"ט „אצבע אלקים".

שלמה בן דוד (ארום 1882—) פס"נ פון שלמה לאבאטשעווסקי. געב' אין וואלאדארקע, קיעווער גוב'. געלערנט ביז 10 יאר אין חדר, דאן אנגעהויבן צו ארבעטן ביים פאטער שניידעריי, אין עלטער פון 15 יאר צוזאמען מיט די עלטערן אויסגעוואנדערט קיין לאנדאן, געארבעט אין די שוויצשעפער פון 6 פרי ביז 12 ביינאכט, דאך געקליגט זיך אפצוגעבן אויך מיט זעלבסטבילדונג, מיט דער הילף פון א. הארקאוויס ווערטערבוך זיך אויסגעלערנט ענגליש און זיך באקענט מיט דער ענגלישער ליטעראטור. אנהייב 1906 פארעפנטלעכט אין „ארבייטער פריינד" א איבערזעצונג פון איינעם פון אליוו שרייינערס „טרוימען", זינט דאן פון צייט צו צייט געדרוקט אין דעם דאזיקן אנארכיסטישן ארגאן, ווי אויך אין דער ב"י'ער „פ. א. ש."—ארטיקלען, דערציילונגען, איבערזעצונגען פון ענגליש, פראנצויזיש, איטאליעניש, אויך א"פ סאל דייוויס, צ"א די דערציילונג „פון הויכען בארג" („ארבייטער פריינד" פון III/13 1913), אויטאביאגראפישע דערציילונג (ib, VI/26 1914), די סעריע פון געבונדענע סקיצן „פאר

די צוקינפטיגע דורות" (ib, 1921). האָט זיך אויך באַטייליקט אין די לאָנדאָנער ענגלישע צייטשריפטן Freedom, New Age א"פ S. Davis (מיט בעלעטריסטישע זאַכן).

שלעזינגער אברהם (1874—) געב' אין קיידאַן, קאָוונער געגנט, אין אַ אָרטאָדאָקסישער פאַמיליע. געלערנט אין חדר און אין די ישיבות פון קאָוונע און סלאָבאָדקע, מורד געווען „במלכות הישיבה" און געשריבן קאָרעספּאָנדענצן אין „המליץ". 1895 זיך באַזעצט אין לאָדז, האָט ער נאָך דעם אויפקומען פון דער אָרטיקער יידישער פרעסע אָנגעהויבן צו שרייבן „קליינע פעליעטאָנען" א"פ „שר של אש" אין „לאָדזער טאַגעבלאַט", שפּעטער אַריבער צום „לאָדזער פאָלקסבלאַט". זינט 1925 פאַרעפנטלעכט פעריאָדיש אין „נייעם פאָלקסבלאַט", אַחוץ אַקטועלע קליינע פעליעטאָנען, איבערזעצונגען פון מאמרי חז"ל א"ט „אַ קראַנץ פערל פון תלמוד און מדרש", וועלכע זיינען אויך איבערגעדרוקט אין אַנדערע צייטונגען.

שלעזינגער חיים־יהודה — רב אין פאדע, אונגאַרן. אַרויסגעגעבן אַ ספר אויף עברי־טייטש „לקוטי יהודה" — וועגן די י"ג עקרים, „העריין צו פלאַנצען דיא אמונה ביים פאָלק" (ווייצען, 1913).

שמואלזאָן* משה (XII/ 1871 —) געב' אין דאָרף מאַכאַסטעריק, בראַסלעווער קרייז, פּאָדאָליע. זיין פאָטער, הירשל־פסח, אויך אַ געבוירענער אין דעם דאָרף, אַ ייד אַ עושר, אַ סוחר פון תבואה, וועלדער און גוראַלניעס, האָט געשטאַמט פון אַ אָנגעזעענער סוחריש־לומדישער משפחה. זיין מוטער, אַ געבוירענע פון יאַמפּאָלי, איז געווען

*) לויט דער מעטריקע — שמוליכסאָן.

אַ פרוי מיט אַ פּאָעטישער נשמה, אַ פאַנטאַזיאָרין, אַ נאַטירלעכע פריידענקערין מיט אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן צום זינגען און טאַנצן, מיט אַן איינגעבוירענעם טאַלענט צו דערציילן וויצן, אַנעקדאָטן און מעשהלעך. ש' האָט געלערנט אין חדר און שוין צו 13—14 יאָר אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צום שרייבן, פאַרפאַסט לידלעך, מעשהלעך און גלאַט אויסגעטראַכטע זאַכן, צוערשט אין העברעיש און שפּעטער — צו 17 — 18 יאָר — אין יידיש, אָבער אָן שום פּרווו זיי צו פאַרעפנטלעכן. צו 22 יאָר אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, די ערשטע פיר יאָר דורכגעמאַכט דאָרט אַלע שבעה מדורי גיהנום, געאַרבעט אין פאַבריקן און אין דער פרייער צייט געשריבן, ערשט צו 32 יאָר פאַרעפנטלעכט זיין ערשט זאַכל א"ט „אַמעריקאַ" — אַ מאָנאָלאָג פון אַ גרינעם יידן — אין „אבענד בלאַט" א"ר פון דוד פינסקי, וועלכער האָט אים שטאַרק דערמוטיקט צום שרייבן און בכלל אַ סך אויפגעטאָן פאַר זיין אַנטוויקלונג. פון דאַן אָן האָט ער צו פאַרשיידענע צייטן זיך באַטייליקט כמעט אין אַלע טעגלעכע, וועכנטלעכע, מאָנאַטלעכע אויסגאַבן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, אויך אין זמ"ב פון די „יונגע", „די יוגענד" II (יאַנואַר 1908), פון צייט צו צייט אָפּגעדרוקט אַ דערציילונג אויך אין פט"ב'ער „פריינד" (למשל, אין 1905, 208 — „איבער אַ געשמדטען טאַטען", 211 — „זיך ביידע גענאַרט"), אין דער וואַרשעווער „ראָמאַנצייטונג" („אַ טרויעריגער פסח", 1908,



14) און אין „אַרבייטער פריינד" אין ענגלאַנד. אַ זאַמלונג פון זיינע סקיצן און דערציילונגען פאַר די יאָרן 1903 — 1917 איז אַרויס א"ט „וועלטען און צייטען" (פ"ג מאַקס מייזעל, נ"י, 1918, ז' 347) לויט די פאָלגנדיקע אָפּטיילונגען: I „פון דער אַלטער היים", II „פּיטשערער בילדער" (מיניאַטורן), III „אין דער נייער היים, IV „פון אַרבייטער לעבן", V „ליבע און פאַמיליע", VI „קינדהייט און קינדער". פאַר דער צייט פון זיין צעוואָרפענעם שאַפן האָט די יידיש־אַמעריקאַנישע קריטיק זיך אָפּגערופן זייער וואַרעם וועגן ש'ס דערציילונגען און אויך זיין בוך האָט אַרויסגערופן אָנערקענונג.

י. מילך און ב. וולאַדעק, אין „צוקונפט"; א. וואָהלינער, אין „אידישען קעמפּפער"; ש. יאַנאָווסקי, אין „פ. א. ש." און „גערעכטיגקייט"; אב. קאַהאַן און הילל ראָגאָף, אין „פאָרווערטס"; ח. מ. קייזערמאַן־וויטאַל, אין „פ. א. ש.", פעברואַר 1919; מ. אָלגין, אין „דער נייער וועלט"; א. גלאַנץ, אין „טאָג"; מ. אלמי, אין „קענעדער אָדלער"; א. ריינוויין, אין „אידישען זשורנאַל".

שמויש אברהם (25/V 1892—

) געב' אין פּראָסקוראָוו, פּאָדאָליע, אַלס זון פון אַ סוחר, אַ וועלטלעכן מענטש. פון צווייטן לעבנסיאָר אָן דערצויגן אין לאָדז, געלערנט אין אַ פּריוואַטער 4קלאַסיקער שול און דערנאָך אין אַ פּריוואַטער גימנאַזיע, וועלכע ניט געענדיקט, ווייל 1907 איז זי פאַרמאַכט געוואָרן (צוליב דעם, וואָס איר דירעקטאָר וויטאַנאָווסקי איז דערשאָסן געוואָרן פאַר זיינע רוסאָפילישע טענדענצן). ביזן אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה האָט ש' געאַרבעט אין לאָדז אַלס טעקסטיל־מייסטער, זינט 1915 טעטיק אויסשליסלעך אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט. זינט 1912 אַן אַקטיווער מיטגליד פון „בונד", האָט ער צו יענער צייט אָנגעהויבן צו קאָרעספּאָנדירן אין דער פּט"ב'ער „צייט". אויך א"פ דוד ג., מערץ 1914 אַרעסטירט, באַפרייט געוואָרן פון דער לאָדזער טורמע ערשט 19/VIII, בשעת אין שטאָט איז נאָך דער עוואַקואַציע דורך די רוסן ניט געווען קיין מאַכט, געוואָרן איינער פון די אָנפירער פון דער לאָדזער אָרגאַניזאַציע, אָרגאַניזירט אַ יידישע אַרבעטער־צייטונג, אָבער אַזוי ווי דער שעף פון דער דייטשער צענזור, קליינאָף, האָט פאַרלאַנגט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער אָקופּאַציע־מאַכט, איז די צייטונג א"ט „לאָדזשער אַרבייטער" אומלעגאַל אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פּעטריקאָוו, אין געביט פון דער עסטרייכישער אָקופּאַציע (אַרויס בלויז 1 נומ'). אין צוזאַמענהאַנג מיט די רעפּרעסיעס פון דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט צוליב דעם בונדישן אויפרוף קעגן דער דייטשער פאַראָרדענונג וועגן דער דייטשער אונטערריכטשפּראַך אין די יידישע שולן (1915) אַנטלאָפן קיין וואַרשע, וואו געלעבט אַ לענגערע צייט אויף אַ פרעמדן נאָמען, געשריבן אַ ריי אַרטיקלען אין „לעבנס־פראַגען", צ"אַ — וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאָדז, שפּעטער אַ געוויסע צייט געווען טעטיק אין ביאַליסטאָק א"פ דוד דאָבקין, אָנהייב 1918 אַוועק קיין רוסלאַנד, געאַרבעט אין מאָסקווע אין פּראָפּאַראיינען, סוף 1918 צוריקגעקומען קיין וואַרשע, צוזאַמען מיט דוד מייער און דעם פאַרשטאָרבענעם יאַנעק רעדאַקטירט דעם אָרגאַן „די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג", גלייכצייטיק פאַרנומען אין פּוילישן אַרבעטס־מיניסטעריום דעם פּאָסטן פון אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אויף דעם אַמט — צ"אַ אָנגעשריבן אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן

דער געשיכטע פון דער יידישער פּראָפֿבאַוועגונג אין פּוילן פאַרן אַרבעטס־ביוראָ ביי דער פעלקער־ליגע, גלייכצייטיק זיך באַטייליקט אין דעם אָרגאַן פון די אַמעריקאַנישע מענער־שניידער „פּאָרטשריט". זינט 1922 טעטיק אין דער יידישער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע און מיטאַרבעטער פון די חודש־זשורנאַלן „די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג" (זינט 1923) און „פאַרן פאָלק" (זינט 1928), וואָס ווערן אַרויסגעגעבן פון דעם „פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּעראַטיוון אין פּוילן", שרייבט אויך א"פּ א. ש., א. שמ—ש, א. לודזקי. אין זמ"ב „די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין פּוילן און די קאָאָפּעראַציע" (ווילנע, 1926) פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט „די יידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אין פּוילן" און באַטייליקט זיך אויך פון צייט צו צייט אין „פאָלקסצייטונג" מיט אַלגעמיינע אַרטיקלען פון אַ בעלעטריסטישן אינהאַלט, אָבער סאָציאַלן כאַראַקטער. האָט פאַרפאַסט דאָס „האַנטבוך פאַר קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון (פאָלקסבענק)" (פּ"ג פון „פאַרבאַנד", 1925, ז' 160; 2טע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע — 1927, ז' 194) און אַ בראָשור „וואָס דאַרפן די מיטגלידער ויסען וועגן די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען" (1927, ז' 16).

שמולעוויטש שלמה (13/IV 1868—) געב' אין פּינסק. זיין מוטער איז געשטאָרבן אין קימפּעט מיט אים, און ער האָט זיך דערצויגן ביי אַ שטיפמוטער, זייער פיל זיך אויסגעשטאַנען אין זיין קינדהייט, געוואַקסן אויף דער גאַס, איינמאָל געפונען געוואָרן שיר ניט אַ פאַרפרוירענער, שלאָפנדיק אויף אַ קלויסטער האָלץ. צו 5 יאָר געווען אַ משורר ביי זיין פאָטער יהודה־לייב ש"ץ, חזן פון דער וואָלפער שול אין קאַרלין, פלעגט ער זיך וואַרמעס־צייט אַריינכאַפּן בגנבה אין אַ חדר לערנען זיך שרייבן פון אַן אַפיר אלף־בית און תשר"ק, געלערנט

אויך אין תלמוד־תורה, צו 12 יאָר, נאָך דעם טויט פון זיין פאָטער, זיך געלערנט פאַר אַ שניידער, געווען אַ משורר ביים פּינסקער חזן ר' יואל־זעליג, באַקומען דערפאַר צו עסן טעג, דאַן אַריינגעפאַלן אַלס כאָרזינגער אין אַ יידישער וואַנדערטרופּע, וואו ער האָט, פאַרקליידט אַלס מיידל, שטאַרק אויסגענומען, ביז ער איז איינמאָל איבערגעלאָזט געוואָרן אין אַ אכסניא אַלס משכון, האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין פּינסק צום חזן, אָבער יענער האָט אים אַרויסגעטריבן, איז ער געוואָרן אַ גאַסנזינגער, צו 13 יאָר פאַרפאַסט זיין ערשט ליד פון אַן אַווטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער „דער עלנדער יתום", דאַן אָנגעהויבן צו וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, פאָרזינגענדיק לידער, וועלכע ער האָט אַליין געשאַפן מיט די מעלאָדיעס צו זיי. צו 16 יאָר איז ער אָנגעקומען קיין ווילנע, געלערנט דאָרט אין ראַמיילעס קלויז, זיך אויך געלערנט שפּילן פידל, רוסיש, שפּעטער זיך באַזעצט אין מינסק, געוואָרן פּאָפּולער אַלס בדחן, געשריבן לידער מיט מעלאָדיעס פאַר פאַרשיידענע בדחנים פון ווילנער געגנט, פאַרפאַסט אויך מוזיק פאַר פילע לידער פון שמ"רס פּיעסן, וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אין וואַרשעווער טעאַטער, געשריבן פיל געלעגנהייטסלידער, צ"אַ

אויף ר׳ לאָזער דעם דיין, צוליב וואָס געמוזט אַנטלויפן פון ווילנע, אויף דעם שטרייק אין עדעלשטיינס טאַבאַק־פאַבריק אאַז״וו. צו 22 יאָר האָט ש׳ אָפּגעדרוקט זיין ערשטע זאַמלונג מיט פאָלגנדיקן שער־בלאַט: „צעהן נאַייע יודישע פאָלק׳ס־ליעדער / פערפאַסט מיט דיא האַרמאָניה פון מוזיק־בעגלייטונג / טעקסט מיט געזאַנג / פון שלמה שמואילעוויץ בדחן ממינסק כעת בווילנע״ (דרוק ראָזענקראַנץ און שריפטזעצער, ווילנע, 1891, ז׳ 64). דאַן איז ער אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער לעבט עד־היום. באַזיצנדיק אַ גוטע טענאָר־שטימע, טרעט ער אויף מיט קאָנצערטן פון זיינע אייגענע לידער, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט אין אַ צאָל איבער 500 צוזאַמען מיט די מעלאָדיעס צו זיי. אייניקע פון זיי, ווי „דאָס טליתל״, „אַ בריוועלע דער מאַמען״, „חווה״, „ויתן לך״, „דאָס בלומענקרענצעלע״ א״אַ האָבן דערגרייכט די פּאָפּולאַריטעט פון פאָלקסלידער. האָט אויך פאַרפאַסט לידער, ליברעטאָס, אַ צען איינאַקטיקע אָפּערעטעס פאַרן יידישן טעאַטער און יידישע וואָדעוויל־הייזער, פיר מוזיקאַלישע קאָמעדיעס, ווי „דער יושר״ (אויפגעבויט אויף אַ לעגענדע וועגן אליהו הנביא), „ביים בית־דין של מעלה״, איבער הונדערט פּיעסן פאַר פּיאַנאָ, אַ בוך פון אַ הונדערט פופציק רעטענישן, פון וועלכע 50 זיינען אַרויס אין יאָר 1918 א״ט „אָריגינעלע רעטענישען״ (ער גרייט אויך צו אַן אויסגאַבע פון זיינע רעטענישן אין ענגליש). אַן אויסוואַל פון זיינע לידער איז 1914 אַרויס אין אַ גרויסן באַנד א״ט „פּאָעזי און ליעדער״. זיינע לידער און פאַבלען זיינען פון צייט צו צייט אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פאַרשיידענע יידישע צייטונגען פון אַמעריקע. — איינער פון די לעצטע מאָהיקאַנער פון דער בדחנישער קונסט, דער יורש פון דעם ליד פון אליקום צונזער, צייכנט זיך ש׳ אויס מיט אַן עכטן פאָלקסטאָן; זיינע פשוטע ניט געקינסטלטע לידער, דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן מיטגעפיל פאַר די ליידן פון פאָלק, אָפט אויך מיט נאַציאָנאַלע טענער, האָבן אין משך פון לאַנגע יאָרן געשפייזט דעם רעפּערטואַר פון די יידישע פאָלקס־ און גאַסנזינגער אין אַמעריקע, ענגלאַנד און אַמאָל אויך גערייכט קיין פּוילן און רוסלאַנד. באַזונדערס דאַרפן דערמאָנט ווערן זיינע ראָמאַנסן, קינדער־ און שלאָפלידער, וועגן וועלכע ל. מ. בענדזשאַמין רופט זיך אָפּ מיט אַנטציקונג. זיינע זיבן זין זיינען אַלע מוזיקער, זיין איינציקע טאָכטער, דאָס וואונדערקינד דאָראָטי, זינגט מיט ערפאָלג דעם פאָטערס לידער. — מיט דעם פאָלקסדיכטער שלמה ש׳ דאַרף מען, ווייזט אויס, ניט צונויפמישן Ш. Н. Шмулевич, וועלכער איז אָנגעגעבן אַלס מחבר פון דעם „ספר נפלאות הנפלאות / זענען בעשריבען אַלע זעהר וואונדערליכע וואונדער פונ׳ם גרויסען הייליגען און געטליכען נביא / משה רבינו ע״ה / אַ זעלטענע היסטאָרישע בעשרייבונג; אַרויסגענומען פון דער תורה, מדרש ספר הישר, תרגום יונתן, ילקוטים און פיעל אַנדערע הייליגע ספרים אַלע זעהר וואונדערבאַרע מעשיות וואָס האָט זיך מיט עם פּאַסירט איידער ער האָט די יודען אַרויסגענומען פון לאַנד מצרים״ (פ״ג פון בוכהאַנדלונג י. ברייזבלאַט עט קאָמפּ., וואַרשע, 1912, ז׳ 37). עס איז אויך באַקאַנט אַ שמואל ש׳, דער פאַרפאַסער פון אַ מעשה־ביכל „דיא רייכע פרינצעסין״, און זעליג שמאלעוויטש, פאַרפאַסער פון „דאָס

טרויער ליעד פון דיא לאָדזער שרעקליכער שרפה... אין 9 פערזען... צו זינגען מיט דער מעלאָדיע פון: „רחל מבכה על בניה" (וואַרשע, 1899, ז' 12).

„חכמי ישראל באמריקא"; ק. מרמר, „ש'ס ליעדער בוך", אין דער שיקאגער „טעגליכער וועלט" פון 24/XI 1917; ל. מ. בענדזשאמין, „א פיעלזייטיגער פאלקס-דיכטער", אין דעם טאָראָנטער „אידישען זשורנאל" פון 13/XII 1926; ש. ווינער, רשימה; י. ראבינאוויטש, „ש' דער פאלקסדיכטער", אין „קענעדער אדלער" פון 5/XII 1926.

שמיץ זיגפריד (27/XII 1886 —) געב' אין נייטיטשיין, מערן, אַלס זון פון דעם תבואה-הענדלער עמנואל ש'. האָט שטודירט אַרכעאָלאָגיע און קונסטגעשיכטע און באַקומען דעם טיטל ד"ר. אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט 1907, האָט ער זינט 1919 זיך געווידמעט אויסשליסלעך דער זשורנאַליסטיק, 1919 — 27 געווען רעדאַקטאָר פון דעם ציוניסטישן טאָגבלאַט Wiener Morgenzeitung, נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער דאָזיקער צייטונג געוואָרן רעדאַקטאָר פון דעם אויף איר אָרט געגרינדעטן וואָכנבלאַט Die Stimme. איז אויך מיטאַרבעטער פון אַ סך עסטרייכישע און דייטשלענדישע צייטשריפטן, וואו ער שרייבט דערהויפּט עסייען און פעליעטאָנען, אויך א"פ ע. ג. פריד. אין די דאָזיקע צייטשריפטן, ווי אויך אין פאַרשיידענע דייטש-יידישע וואָכנבלעטער און חודש-זשורנאַלן פאַרעפנטלעכט זייער אָפט אַרטיקלען איבער דער יידישער ליטעראַטור און אי'רע פאָרשטייער, איבער יידישן פאָלקלאָר, קולטורגעשיכטע אדג"ל. זינט 1910 טעטיק אַלס איבערזעצער פון יידיש אויף דייטש, האָט ש' צוזאַמען מיט מאיר וויענער פאַרעפנטלעכט אַ בוך Sippurim — פּראָגער זאַמלונג פון יידישע לעגענדעס אין אַ נייער אויסוואַל און באַאַרבעטונג (1926, 2טע פאַרמערטע אויפלאַגע 1927) און צוזאַמען מיט ד"ר מאַקס פּראַגער באַאַרבעט אַ זאַמלונג Jüdische Schwänke (1928).— ש' האָט אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער „פרייער יידישער פאָלקסבינע" אין ווין. פאַר פאַרשיידענע דייטשע צייטשריפטן האָט ער איבערגעזעצט פון אַלע עפּאָכן פון דער יידישער ליטעראַטור, אָנהייבנדיק פון פורים-שפּילן און אויסגעלאָזט מיט לידער פון לייוויק, בראָדערזאָן א"אַ. פון זיינע איבערזעצונגען זיינען אין בוכפאָרם אַרויס, דערהויפּט אין דעם ווינער פ"ג פון ר. לעוויט: י"ל פּרצעס Die goldene Kette (1918, 2טע אויפלאַגע 1923), In Fesseln („אין פּאָליש אויף דער קייט" — 1919 און 1923), Aus dieser und jener Welt — אויסגעוויילטע דערציילונגען (1919); ל. שאַפּיראָס Die Stadt der Toten und andere Erzählungen (וועלט-פ"ג, בערלין, 1922), ש"ע'ס Menachem Mendel (1922), Marienbad (1923), שלום אַשס Onkel Moses (פ"ג א. לאַדיזשניקאָוו, בערלין, 1926, איצט ר' לעוויט-פ"ג, ווין), Die Mutter (1928), Lederers Rückehr, יוסף אָפּאַטאָשוס Der letzte Waldjude („אין פוילישע וועלדער", וועלט-פ"ג, בערלין, 1928). פון זיינע אַנדערע איבערזעצונגען איז צו דערמאָנען: מענדעלעס Der Klepper („די קליאַטשע"), דוד איגנאַטאָווס Im Talkessel („אין קעסלגרוב"), דוד פינסקיס Die Wandl (אין דער ווינער Menorah, 1923, VI).

שמעונאָוויטש דוד (כ"א אב 1886—) געב' אין באָברויסק. זיין פאָטער, ניסן, איז געווען אַ למדן און אַ משכּיל, די מוטער האָט געשטאַמט פון אַ אָנגעזעענער רבנישער משפּחה. ביז

13 יאָר געלערנט אין חדר, דאַן זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט וועלטלעכער בילדונג, 1908 באַקומען אַלס עקסטערן מאַטורע אין פּט"ב, אָבער צוליב די באַגרענעצונגען ניט געקענט אָנקומען אין אוניווערסיטעט, אַ יאָר צייט פאַרבראַכט אין א"י, וואוהין ס'האָט אים געצויגן פון קינדווייז אויף, געווען אַן אַרבעטער, אַ שומר, אַ וואַנדערער, זינט 1911 שטודירט אין בערלין, היידעלבערג, ווירצבורג פילאָסאָפיע און סעמיטישע פילאָלאָגיע, נאָכן ענדיקן דאָס שטודיום געוואָלט זיך צוריקקערן קיין א"י, אָבער צוליב דעם אויסבראָך פון דער מלחמה געמוזט פאַרבלייבן אין רוסלאַנד און ערשט 1920 איז אים געלונגען נאָך לאַנגע טילטולים אַריבערקומען אַהינצו, 2 יאָר געלעבט אין רחובות, פאַרנעמענדיק זיך מיט ליטעראַרישער אַרבעט, דערנאָך זיך באַזעצט אין תל-אביב אַלס לערער פון דער העברעיִשער שפּראַך און ליטעראַטור אין דער גימנאַזיע „הרצליה". אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט צו 16 יאָר מיט שירים אין „עולם קטן" און „הזמן" און זינט דאַן זיך באַטייליקט אין כמעט אַלע העברעיִשע צייטשריפטן, אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם: אַ זאַמלונג שירים א"ט „ישימון" (1911), „סער ודממה" (1912), און אין א"י „ביער בחדרה" — אידיליעס, „יובל העגלונים", „אגדות צפת" — באַלאַדעס; אַ זאַמלונג פון אַלע זיינע ווערק ווערט זינט 1925 אַרויסגעגעבן פון פ"ג „דביר" אין 5 ב': I לירישע שירים, II—III אידיליעס און פּאָעמען, IV—V פּראָזע. האָט איבערגעזעצט אַ גאַנצע ריי ווערק פאַרן שטיבל-פ"ג, ווי לערמאָנטאָווס, טאָלסטאָיס, היינריך היינעס „האַרצרייזע". — אין יידיש האָט ש' געשריבן בלויז אַ פּאָר צענדלינג שירים אין משך פון די יאָרן 1905—1908 און פאַרעפנטלעכט זיי אין די ווילנער צייטשריפטן „אונזער וועג", „דאָס וואָרט", „פאָלקסשטימע", יום-טוב-בלעטער א"אַ, שפּעטער זיך צו דער יידישער ליטעראַטור ניט אומגעקערט.

ב. צאַנגען, אין „פאָלק און לאַנד", 1926, 8.

שמעוני (1869 —) פּס"נ פון **שמעון דאָבין**. געב' אין באָבר, מאָהליעווער גוב', אין אַ זייער אָרעמער פאַמיליע פון אַ טאַטן אַ מלמד און אַ מאַמען כלומרשט אַ קרעמערין. ביז 15 יאָר געלערנט בלויז גמרא, דאַן אַרויסגעפאָרן מיט די עלטערן קיין קאָרסון, קיעווער גוב', זיך אָנגעהויבן צו לערנען רוסיש און אַלגעמיינע געגנשטאַנדן, געוואָרן אַן עקסטערן, אין 3 יאָר אַרום זיך צוריקגעקערט קיין באָבר. אונטער דער ווירקונג פון זיינעם אַ חבר יאָסי-משה אַלטשולער, אַ מענטש מיט אַ גאוֹנישן קאָפּ (יונג געשטאָרבן) זיך גענומען צו דער יידישער מיטלעלטערלעכער ליטעראַטור און זיך נעענטער באַקענט מיט חסידות, מיט חב"ד. שפּעטער — צו עטלעכע און צוואַנציק יאָר — זיך אַוועקגעלאָזט קיין אָדעס, דאָרט פאַרבראַכט 3 יאָר, זיך נאָענט באַקענט מיט די יידישע ליטעראַטן, בפרט זיך דערנעענטערט מיט ליליענבלומען, דובנאָוון, ראַבניצקין, געווען אַ הייסער חובב-ציון, אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק, וואו פאַרבראַכט טאָג-טעגלעך, זיך באַקענט דורך זיין ברודער מיט אָנגעזעענע סאָציאַליסטישע טוער, צ"אַ מיט נעכאַמקעס-סטעקלאָוון, וועלכער האָט אויף ש'ס ווענדונג צו אים געבראַכט

צוויי גרויסע העפטן — אַ פּראָגראַם צום לייענען, צונויפגעשטעלט פון גאָלדענדאַך־ריאַזאַנאָוו (דאַן שוין געוועזן אַרעסטירט), צו באַקענען זיך מיט דער מאַרקסיסטישער און פּאָלקיסטישער ליטעראַטור, פלייסיק און ערנסט דורכגעלייענט די קלאַסיקער פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע אאַז"וו, דאַן דינענדיק אַלס בוכהאַלטער ביי אַ סוחר, זיך באַקענט מיט אַ גרופּע יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אָנגעהערט צו דער אָרגאַניזאַציע קרעמענטשוג — קאַטערינאָסלאַוו, אַלס מיטפילער זיי מיטגעהאָלפן אין זייער אַרבעט, דאָסגלייכן אין טשערקאַס, וואו מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער געוועזן געהילפס־בוכהאַלטער אויף אַ זאַוואָד, געפּרוווט פאַרבינדן די אַרבעטער פונעם זאַוואָד מיט דעם שפּעטער באַוואוסטן קאָמוניסט אוריצקי, וועלכער האָט אים אויך געהאַט צונויפגעפירט מיט די יידישע אַרבעטער, אָבער צוליב דער סוחרישער אַטמאָספערע — פּלוצלונג געוואָרפן די שטעלע און אַוועק קיין אָדעס האַלטן עקזאַמען אויף לערער. 1901 געקומען קיין קאַטערינאָסלאַוו מיט דער דעה זיך צו באַזעצן דאָ אַלס לערער, צו יענער צייט שוין געוועזן קעגנעריש געשטימט צום ציוניזם צוליב דעם רעאַקציאָנערן טשאַד, וואָס ער האָט פאַרשפּרייט, אָבער געזוכט צו פאַרבינדן די פּראָבלעם פון סאָציאַליזם מיטן נאַציאָנאַליזם, זיין קאָנצעפּציע געשטעלט צו באַהאַנדלונג אין אַ קרייז יונגע אינטעליגענטן אָנגעפירט פון דעם דעמאָלט נאָך גאָר יונגן באָראָכאָוו, פון י. נאָוואַקאָווסקי און אהרן סאָקאָלאָווסקי, וועגן נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם דאַן אויך געלייענט אַ פאָרטראָג פאַר דעם יידישן אַקטיוו פון דער קאַטערינאָסלאַווער ס"ד'ישער אָרגאַניזאַציע אַדאַנק דער פאַרמיטלונג פון דער ס"ד־טוערין ר. ס. האַלבערשטאַט. נאָך דעם ציוניסטישן צוזאַמענפאָר אין מינסק, אין וועלכן ער האָט זיך באַטייליקט, האָט ער אַלס איינער פון דער גרופּע יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן אַ צייט לאַנג געזוכט צו פאַראייניקן די ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען — צוזאַמען מיט לעווקאָווסקי, חסידאָוו, סאָקאָלאָווסקי, ב. סלוצקי, די אַרבעטער כמעלניצקי און שטילערמאַן, געשאַפן אין קאַטערינאָסלאַוו אַ פּועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט, להיפוך צו דער מינסקער־ווילנער אָרגאַניזאַציע פון די פּ"צ, אויפגענומען דעם פּאָליטישן קאַמף און די גאַנצע ס"ד'ישע פּראַקטיק. אָנגעפירט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט חסידאָוו אַ פּאָר יאָר צייט, איז ש' אַריבערגעפאָרן קיין כאַרקאָוו און צוזאַמען מיט כמילקען *) סוף 1904 געפאָרן פון כאַרקאָוו קיין אָדעס אויף אַ קאָנפערענץ פון פאַרשיידענע פּ"צ־אָרגאַניזאַציעס וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן און זעלבסטשוץ, אָבער דורך פּראָוואָקאַציע זיינען אַלע אָנטיילנעמער אַרעסטירט געוואָרן אויף צוויי חדשים, און ערשט נאָך דער באַפרייונג איז די קאָנפערענץ פאָרגעקומען טאַקע אין אָדעס און עס האָט זיך געגרינדעט די פּאַרטיי פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן (ס"ס). ש' איז אַריין אין צ"ק, וואו צוזאַמען מיט יהודה נאָוואַקאָווסקין פאַרטראָטן דעם פּאַלעסטיניזם, אָנגעשריבן דעם אויפרוף פון דער נייגעגרינדעטער פּאַרטיי (רעדאַקטירט האָבן אים יוסף לעשטשינסקי און מ. ליטוואַקאָוו, וועלכן מ'האָט גלייך נאָכן אַרעסט אַרויסגערופן פון

*) שפּעטער געוואָרן אַ קאָמוניסט, אַ אָנגעזעענער פּאַרטיי־טוער, אין קרים אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דעניקינער און, געפייניקט אין טורמע, האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן.

פּאַריז), וועלכער איז אַרויס אַלס איר
דעקלאַראַציע, אינגיכן אָבער צוליב דער
אָנהענגערשאַפט צום פּאַלעסטיניזם א״א
חלוקי־דעות אַרויס פון דער פּאַרטיי צו־
זאַמען מיט נאָוואַקאָווסקין, וועלכער איז
אַריבער צו די סיימיסטן (צו די סיימיסטן
איז דאַן אַריבער די גאַנצע קאַטעריגאָ־
סלאַווער און וויטעבסקער פּ״צ־אָרגאַני־
זאַציע). ניט קענענדיק זיך אָנשליסן אָן
דער סיימיסטישער פּראָגראַם, איז ש׳
ניט אַריין אין דער סיימיסטישער פּאַר־
טיי, האָט אָבער מיט איר מיטגעאַרבעט,
דערהויפּט ליטעראַריש, רעדאַקטירט אי־
רע אויסגאַבן, געווען אויך דער פּאַקטי־
שער רעדאַקטאָר פון דעם סיימיסטישן
חודש־אָרגאַן „די פּאָלקסשטימע״ (קיעוו
1906, ווילנע 1907), זיך באַטייליקט אויך
אין דער פּאָליטישער אַרבעט פון דער
פּאַרטיי, 1907 מיטן גאַנצן צ״ק אַרע־
סטירט געוואָרן — דורך אַ פּראָוואָקאַ־
ציע — אויף אַ קאָנפערענץ אין וויטעבסק,
פאַרמשפּט געוואָרן צו פאַרשיקונג אין
אַרכאַנגעלסקער גוב׳, אָבער צוליב דעם
געזונט־צושטאַנד אַרויסגעשיקט געוואָרן
1908 קיין אויסלאַנד, דאָרט זיך נאָך
באַטייליקט אויף אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ
אין ווין 1910, אָבער צו יענער צייט
זיך שוין געפילט אַנטטוישט אין דעם
א״ג פּראָלעטאַרישן ציוניזם און 1911
צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד אַלס איבער־
צייגטער בונדיסט, אין קיעוו, וואו ער
האָט זיך דאַן באַזעצט, געהאַט שוין
אַ קרייזל בונדיסטישע אַרבעטער, דער־
הויפּט אָבער זיך אָפּגעגעבן מיט קולטור־
אַרבעט, צוזאַמען מיט מיכל לעוויטאַן,
ברוך שוואַרצמאַן א״אַ געשאַפן אַרום
דער ערשטער יידישיסטישער שול —
דער מיידלשול אין דעמיעווקאַ (קיעוו)

אַ גאַנץ באַדייטנדיקע געזעלשאַפטלעכע
באַוועגונג, אין קאַמף קעגן דער „חברה
מפיצי השכלה״, אין וועלכן עס זיינען
אַריינגעצויגן געוואָרן גאַנץ היבשע
פּאָלקסמאַסן און די קיעווער יידישע דע־
מאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע אינטע־
ליגענץ, מ. מ. ליטוואַקאָוו, שמואל וייצ־
מאַן (אַ ברודער פון חיים ווייצמאַן)
י. נאָוואַקאָווסקי א״אַ, און ביסלעכ־
ווייז זי פאַרוואַנדלט אין אַ מוסטער־שול
פון אַ גאַנץ נייעם טיפּ — אַ יידיש־וועלט־
לעכע אַרבעטס־שול, מיט אַלע כוחות
געאַרבעט פאַר דער שול אַלס טוער און
לערער ביז דער פעברואַר־רעוואָלוציע,
צו דער צייט אַריין אין „בונד״, מיט־
געאַרבעט אַלס מיטגליד פון דער רע־
דאַקציע פון דער בונדישער טעגלעכער
„פּאָלקסצייטונג״ אין קיעוו, געווען מיט־
גליד פון דעם פּאַרטיי־ראַט, ראַטמאַן פון
דער שטאָט־דומע (אַלס מיטגליד פון איר
שול־סעקציע — מיט דער הסכמה פון
דער יידישער לערערשאַפט אַריבערגע־
פירט אויף יידיש זעקס פּאָלקסשולן),
מיטגליד פון יידישן נאַציאָנאַלראַט, זיך
אויך פאַרנומען מיט פּראַקטישער פּאַר־
טיי־אַרבעט, געווען איינער פון די אַק־
טיווסטע טוער און מיטגליד פון צ״ק פון
דעם דאַן געשאַפענעם יידישן דעמאָקראַ־
טישן לערער־פאַראיין, באַלד נאָך דער
פעברואַר־רעוואָלוציע צוזאַמען מיט דוד
בערגעלסאָן, ז. מלמד, י. נאָוואַקאָווסקי,
מ. ליטוואַקאָוו א״אַ געהאָלפן שאַפן די
„קולטור־ליגע״, וועלכע איז געווען אומ־
פּאַרטייאיש, אָבער סאָציאַליסטיש, שפּע־
טער ביים קאָמוניזירן די „קולטור־ליגע״
אַרויס פון איר צוזאַמען מיט אַלע בונ־
דיסטן, נאָכדעם אָבער ווייטער אַריין —
שוין אַלס אומפּאַרטייאישער — אין דער
שוין קאָמוניזירטער „קולטור־ליגע״ און
רעדאַקטירט אירע אויסגאַבן אין אַ צייט

אַרום, ווען די קולטור=ליגע אַלס לאַנד=אָרגאַניזאַציע איז בטל געוואָרן, געווען פּאָרזיצער פון דער קיעווער שטאָטישער „קולטור=ליגע" די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט עקסיסטירט, שפּעטער ווען פון דער „קולטור=ליגע" איז געבליבן בלויז אַ פאַרלאַג—געווען דאָרט אַ לאַנגע צייט דער רעדאַקטאָר, צ"אַ באַאַרבעט פאַר דער יוגנטביבליאָטעק ש"ע'ס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" און מ. נדלעס „מאַסאָעס בּיניאָמין האַשלישי". די לעצטע יאָרן—לעקטאָר אין יידישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום, נעמט אויך אַ אָנטייל אַלס אומפּאַרטייִישער אין דעם יידישן סאָוועטיש=געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן, מיטגליד פון דעם צענטראַלן ראַט פון „געזערד", טעטיק אין דער קיעווער אָפּטיילונג פון „געזקולט", שטייט באַענט צו דער קאַטעדרע פאַר יידישער קולטור ביי דער אוקראַיִנישער אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפטן; אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין פּאַרטייִיש=געזעלשאַפטלעכער און פּעדאַגאָגישער אַרבעט פון צייט צו צייט געשריבן אין „פאָלקסשטימע", אין די זמ"ב „די שטימע", „די אַלטע שטימע", אין די בונדישע „צייטפראַגען", אין די חודש=זשורנאַלן „לעבען און וויסנשאַפט" און „דאָס נייע לעבען", אַ קורצע צייט, 1914 וואוינענדיק אין וואַרשע אויך מיטגעאַרבעט אין וואַרשעווער „לעבען" („דער פריינד"), נאָך דער רעוואָלוציע—אין „פאָלקסצייטונג", אין דעם יידישן קאָאָפּעראַטיוון זשורנאַל פון דעם פאַרבאַנד פון די שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון 1919-20, אין דעם חודש=זשורנאַל „שול און לעבן", וואָס דער יידישער דעמאָקראַטישער לערער=פאַראיין האָט אַרויסגעגעבן דעצעמבער 1918—1920, שפּעטער אין דעם קאָמוניסטיש=פּעדאַגאָגישן זשורנאַל „פּעדאַגאָגישער בּיולעטען" אַלס פאַקטישער רעדאַקטאָר. האָט אויך איבערגעזעצט ק. י. שעלאַווינס — „דער אַרבעטער=קלאַס און זיין פּאַרטיי" (קאָאָפּ' פ"ג „קולטור=ליגע", קיעוו 1925), ל. פּאַפּערנאַס „אַלעפבייס פון מאַרקסיזם" (דערז' פ"ג, 1926), אייניקע בראָשורן איבער קאָאָפּעראַציע, ב. שטיפס בראָשורן וועגן דאַשעווסקין. האָט פאַרעפנטלעכט אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן ש"ע אין דעם זמ"ב „צום אָנדענק פון ש"ע". אָן זיין וויסן האָבן די ציוניסטן אָפּגעדרוקט זיינעם אַ רעפעראַט וועגן נאַציאָנאַלפאָנד א"ט „גאולת הארץ"; אַ בראָשור זיינע „די יידישע פּראָגראַמען און זייער באַדייטונג", וואָס איז שוין געווען אויסגעזעצט, איז ניט אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין צוליב דעם דורכפאַל פון דער דרוקעריי (1905).

ד"ר משה זילבערפאַרב, משה גוטמאַן און י. בּרעגמאַן, אין זמ"ב „רויטער פּנקס", I; „יידישער אַרבעטער פּנקס", ז' 48, 73, 78.

שמערלער א. (17/VI 1883 —) געב' אין סאָלאָטווינע, מזרח=גאַליציע. געלערנט אין בית=מדרש אונטערן פּאָטערס השגחה, געהאַט אויסצושטיין געבּרענטע לייד צוליב דעם פאַרלאַנג צו לערנען שפּראַכן און אַלגעמיינע געגנשטאַנדן. 1902 אויסגעוואַנדערט מיט די עלטערן קיין אַמעריקע. 1914 זיך באַזעצט אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, שטודירט כעמיע אין טאָראָנטער פּאָליטעכניקום. אין דעם דערמאָנטן יאָר אָפּגעדרוקט די ערשטע אַרטיקלען — איבער אַרבעטער=פראַגן — אין „אידישען זשורנאַל", סוף 1915 אַריין אין צייטונג אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער, אויך מיטגעאַרבעט אין דעם מאָנאַטלעכן סאָציאַליסטישן זשורנאַל „די נייע צייט", איבערגעזעצט אַ סך זאַכן פון ענגליש און דייטש א"פ ה. רייס, אויך אייניקע גרע=

סערע ווערק, ווי אַלבערט עדוואַרדס סאָציאַליסטישן ראָמאַן „קאַמראַד יעטאַ", דזשעק לאָנדאָנס קורצע דערציילונגען א"פ יוסף נאַרדאָווסקי, אין די יאָרן 1917—18 געווען קאַנאַדער קאָרעספּאָנדענט פון „טאָג", שפּעטער—פון דעם טאָגבלאַט „די צייט" פון די פ"צ, צו וועלכער פּאַרטיי ער האָט געהערט נאָכדעם ווי ער איז פריער געווען טעטיק אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און אין דער טעריטאָריאַליסטישער.

שמערלער אליהו (חשוון 1873 —) געב' אין בראָדטשין, גאַליציע. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך 10 יאָר ביי זיין זיידן פון דער מוטערס צד, דעם באַרימטן גאון ר' פייוול הלווי שרייער, דעם רב פון שטעטל, גלייכצייטיק פלייסיק שטודירט אייראָפּעיִשע שפּראַכן און ליטעראַטורן, ווי אויך העברעיִש, 1893—95 שטודירט אין ווין, זיך צוגרייטנדיק צום ראַבינער-סעמינאַר, אָבער צוליב פאַמיליען-סיבות זיך עטאַבלירט אַלס סוחר אין באָטאָשאַן, רומעניע, נאָך דער געשעפטצייט ממשיך געווען זיינע תלמודישע שטודיען ביי זיין פעטערס ברודער ר' אהרן שרייער, דעם רב פון באָטאָשאַן, אין 5 יאָר אַרום — צוליב דעם עקאָנאָמישן קריזיס אין רומעניע — 1900 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער פירט אַ געשעפט פון קינדער- און דאַמען-קליידער, אין נ"י. — ש' האָט שוין אַלס 16יעריקער יִינגל פאַרפאַסט אין העברעיִש אַ ביאָגראַפיע פון ר' אברהם-דוב דעם מחבר פון „ספר דעת קדושים" א"אַ, א"ט „תולדות הראב"ד" (לעמבערג, תר"ן, אַרום ז' 75). אין רומעניע האָט ער פון צייט צו צייט געדרוקט מאמרים און שירים אין אלעזר רוקחס יידישער צייטשריפט אין יאַס, יידישע שירים געשריבן אויך אין אַמעריקע, אין דייטש פאַרפאַסט אַ היסטאָרישן ראָמאַן אויס דער צייט פון הורדוס I, א"ט Die Empörung oder Herodes und Hillel (געדרוקט אין ווין, אַרום 400 ז'), אין העברעיִש — „חיי גריץ" מיט אַ פאָרוואָרט פון ראובן ברייַנין און אַ צוגאָב פון פּראָפ' גאָטהאַרד דייטשס אַן אָפּהאַנדלונג וועגן גרעצן (נ"י, 1921, ז' 160) און „יסודי תורת המדות" — אַן איבערזעצונג פון ספּענסער מיט אַן אַריינפיר און אָנמערקונגען (וואַרשע, תרפ"ה, ז' 347). זיך אויך באַטייליקט אין „התורן", „הדואר" א"אַ.

שמ"ר (18/XII 1849 *—24/XI 1905) פס"נ פון נחום-מאיר שייקעוויטש. געב' אין נעסוויזש, מינסקער געגנט, אין אַ רייכער אָנגעזעענער משפּחה. זיין פאָטער יצחק, אַ בעל-חלומות, ווייניק צוגעפּאַסט צום פּראַקטישן לעבן, האָט גיך פאַרלוירן די רייכע ירושה און איז יונג געשטאָרבן.



זיין מוטער, האָדע, אַ טאָכטער פון דעם נעסוויזשער גביר, ר' גבריאל גאָלדבערג, האָט דערגרייכט די טיפע עלטער פון 104 יאָר (זי איז געשטאָרבן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין נ"י; איר פאָטער האָט דערלעבט 112 יאָר). דערצויגן געוואָרן אין שטרענג אָרטאָדאָקסישן גייסט, האָט ש' ביז 17 יאָר פאַרבראַכט אויף תלמוד און פוסקים, און די פרומע עלטערן, וועלכע האָבן געהאָפט, אַז זייער בכור וועט זיין אַ רב, האָבן אים אַפילו ניט געלאָזט אַריינקוקן

*) לויט „ספר זכרון"—ג' טבת תר"ט, לויט זיין אייגענער אויטאָביאָגראַפיע ג' טבת תרי"א (1850).

אין אַ מליצה=ספר, און אין דעם עלטער איז ער ניט געווען אימשטאַנד אָנצושרייבן אַפילו אַ יידיש בריוול. אָבער שוין פון יינגלווייז אויף אַרויסגעוויזן אַ זעלטענעם זכרון און אַ באַגאַבונג אַלס דערציילער (נאָך קיין 10 ניט אַלט פלעגט ער איבערראַשן זיינע חדר=חברים מיט זיינע מעשיות), און אַז עס זיינען אים געקומען אין דער האַנט אַריין די ראָמאַנען פון מאַפו און קלמן שולמאַן, האָט ער זיי ממש פאַרשלונגען, זיך מיט התמדה גענומען צום תנך און אין אייניקע חדשים אים געקענט אויף אויסווייניק, דאַן פאַרפאַסט אַ ראָמאַן אין 4 ט' א"ט „אהבת קדם" און אַ בוך שירים א"ט „הרי בשמים", אָבער אין דעם שטעטל ניט געהאַט זיי וועמען צו ווייזן אויף מבינות. דערפילט, אַז אים פעלט אַ לעבעדיקע שפּראַך — פון מענדעלסאָנס תנך = איבערזעצונג זיך אויסגעלערנט דייטש און געלייענט שיללערס ווערק, אויך די רוסישע קלאַסיקער. צו 20 יאָר חתונה געהאַט קיין פינסק מיט אַ טאָכטער פון דעם אַדוואָקאַט און קהלס=פירער מיכל בערטשינסקי, האָט ער זיך באַזעצט ביים שווער, אין פינסק זיך נאָענט באַפריינדעט מיט די אָרטיקע משכילים און שריפטשטעלער, ווי צבי הכהן שערעשעווסקי, משה=אהרן שאַצקעס, א. ד. דובזעוויטש, אברהם = חיים ראָזענבערג, וועלכער איז אויך געווען בערטשינסקיס אַן איידעם, הירש מאַסליאַנסקי א"אַ און צו יענער צייט אויך אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין „המליץ", וואו ער האָט צ"אַ פאַרעפנטלעכט אַ ריי איבערגעזעצטע פּאָפּולער=וויסנשאַפטלעכע און היסטאָרישע אַרטיקלען, ווי „תדמור" (פּאַלמיראַ) (1870, 6), „תולדות בנימין דיזראַעלי" (8), וועגן די מענטשנפרעסער אין אַפריקע (21), „קורות השפה הארמית" — פון Allg. Ztg. des Judenthums (45), „צענטוביא מלכת תדמור" (1872, 5 — 7), „גמול אכזרים" — פון דייטש (5–7, 15–16), די ביאָגראַפיע פון געאָמעטער מאיר=הירש (19), אויך בריוו פון פינסק (1871, 23— „עין האדם", 1872, 11, 19) אאַז"וו. אָבער זיצן אייביק אויף קעסט ביים שווער איז קיין תכלית ניט געווען, און מ'האָט אים געמאַכט אַ געשעפט פון ברעטער, און דאָ האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן די אומפּראַקטישקייט ש'ס, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן געליטן דערפון; ער האָט ניט געקענט קיין צורת מטבע, געהאַט אומבאַגרענעצטן צוטרוי צו מענטשן, אַלעמען געגלייבט, אַזוי אַז גאָר גיך האָט ער געפּטרט זיין נדן, איז אַוועק זוכן גליק קיין ווילנע צו זיין רייכן פעטער יחיאל וויגאָדסקי, מיטגעבראַכט אַ העברעיִשן ראָמאַן „זבחי האינקוויזיציה", וואָס ער האָט נאָך געהאַט אָנגעשריבן אין פינסק, מיט דעם ראָמאַן זיך געמאָלדן צו ש"י פין. פין האָט דעם ראָמאַן אָנגענומען, אָבער דאָס דרוקן אים האָט זיך פאַרשלעפּט צוליב מניעות מצד דער צענזור (ער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער א"ט „קין" אויף העברעיִש און א"ט „חתן דמים אָדער דיא בלוטיגע ליעבע" אויף יידיש). פ' האָט אָבער דערקענט די אייגנשאַפטן פון ש'ס שרייבן און אים פאָרגעלייגט צו פאַרפאַסן אַ מעשה=ביכל אויף יידיש. אויף מאָרגן האָט ש' אים געבראַכט די באַשטעלטע אַרבעט (דאָס איז געווען די דערציילונג „אַ טויטער בעולם הזה"). ווי דאָס רוב משכילים שעמענדיק זיך נאָך צו שרייבן יידיש, האָט ער זיך אויף דעם מעשה = ביכל געחתמעט מיט די לעצטע אותיות פון זיין טאָפּלנאָמען און פאַמיליע (לויט זיין

טאָכטער גיט אָבער איבער האָט ער מיט זיין פס"ב געוואָלט זיך אויסבאַהאַלטן פון די פינסקער לאַנדסלייט, וועלכע ער זאָל האָבן באַשריבן אין זיין ביכעלע „מחותנים פון שונאים"). דאָס מעשה=ביכל איז פינען שטאַרק געפעלן געוואָרן און ער האָט ש'ן באַצאָלט דעם העכסטן האָנאָראַר, — וואָס אייזיק=מאיר דיק האָט דאַן גענומען (?)—3 רובל, און אין משך פון 9 טעג האָט ש' דאַן אָנגעשריבן 9 מעשה=ביכלעך: „אַ טויטער בעולם הזה", „מחותנים פון שונאים", „אַ מיאוסער טעות", „אונגעריכטעס גליק", „חאַצקעל דער באָבעס", „לודוויג דער אייזערנער", „דאָס גן=עדן=פייגעלע", „די פרינצעסין אין וואַלד", „צוויי טעג און צוויי נעכט", אַלע אַ חוץ די לעצטע דריי — פון יידישן לעבן. דערווילע האָט ער באַקומען אַ שטעלע ביים פעטער, ביי זיינע פאָדריאַדן אין אָראַן (איצט אַ גרענעץ=פונקט צווישן פוילן און ליטע), דערנאָך געשיקט געוואָרן אַלס פאַרוואַלטער פון דעם פעטערס פאָדריאַד צוצושטעלן פיטערוואַרג פאַר אַ הוסאַרן=פאָלק אין יאַנאָווע, לובלינער גוב' בשעת דער רוסיש=טערקישער מלחמה, איז ער מיט דעם פאָלק אַוועק קיין רומעניע. אין בוקאַרעשט האָט ער באַזוכט דעם נאָרוואָס געגרינדעטן יידישן טעאַטער פון א. גאָלדפאַדען, וועלכער האָט אויף אים געמאַכט אַ גרויסן רושם. די דריי יאָר, וואָס ש' איז געווען אויף דער שטעלע ביי וויגאָדסקין, האָט ער גאָרנישט געשריבן און געזאָלט שוין בלייבן אַ סוחר. לויט זיין טאָכטער דערציילט — להיפך צו זיין אייגענער אַוטאָביאָגראַפיע — איז ער פון רומעניע, וואו אַלע מלחמה=ליוועראַנטן האָבן געמאַכט דאַן גאָלד, אַרויס מיט ליידיקן, די פאַמיליע איז געזעסן אין פינסק און מ'האָט איר גע=דאַרפט שיקן אויף דער הוצאה. דערווילע זיינען זיינע ערשטע געשיכטן פאַרשפרייט געוואָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד און האָבן געמאַכט דעם נאָמען שמ"ר אַזוי פאָפולער, אַז די באַרימטע ווילנער פירמע האלמנה והאחים ראָם האָט זיך געווענדט צו אים מיט אַ פאָרשלאָג, ער זאָל פאַר איר שרייבן ראָמאַנען. ער האָט זיך געוויינטלעך אין דעם פאָרשלאָג אָנגעכאַפט, און באַלד זיינען אַרויס זיינע ערשטע גרויסע ראָמאַנען („דער קאַטאָרזשניק", „דער פרומער מערדער", „דער בעל=תשובה", „דער טרייפניאַק", „דיא עגונה", „דער כשרער איד", „דיא בלינדע יתומה" א"אַ), וועלכע האָבן געהאַט אַ אומגעהייערן ערפאָלג ביים עולם, אַזוי אַז אַלע בוכהענדלער האָבן זיך געקערט צו אים, ער זאָל פאַר זיי שרייבן ראָמאַנען און דערציילונגען, און די ליטעראַטור איז פון דאַן אָן געוואָרן זיין פרנסה. — זיך באַזעצט אין אָדעס, דעם דעמאָלטיקן צענטער פון דעם יידישן טעאַטער, און אָנגעהויבן צו שרייבן פאַר דער יידישער בינע, צוערשט פאַר דער טרופע פון יהודה=יוסף לערנער, וועלכער האָט דאַן אַלס טעאַטער=דירעקטאָר דערפילט אַ מאַנגל אין פיעסן און האָט זיך געווענדט צו ש'ן נאָך טעאַטער=שטיק. ש' האָט דראַמאַטיזירט זיינע אייגענע ראָמאַנען, ווי „דער יידישער פריץ", „דער קאַטאָרזשניק", „דער פראָצענטניק", אויך „די קאָקעטע דאַמע", „דער בעל=תשובה", „דער מאַמעס זינדל אָדער דער חלום", „די געטרייע פרוי" (לויט מרמר), און זיי האָבן אויסגענומען ביים עולם. ווי ש' אַליין דערציילט, האָט אים לערנער געצאָלט 200 רובל אַ חודש טאַנטיעמע. דאַן האָט ש' אָרגאַניזירט אַן אייגענע טרופע, אָבער ער איז געווען אַ צו רויקער און שטילער מענטש, אַז ער זאָל

קענען אויסהאַלטן פון די אַקטיאָרישע
אינטריגעס און ער האָט זיך באַלד אָפּ=
געטרייסלט פון זיי (די דירעקציע האָט
איבערגענומען דער אַרטיסט היינע=חיימאָ=
וויטש). איבעריקנס איז פון די אַרכיוו=
מאַטעריאַלן, וואָס י. רימיניק האָט פאַר=
עפנטלעכט, צו זען, אַז זומער 1882 איז ש׳
נאָך געווען דירעקטאָר פון אַן אייגענער
טרופּע, מיט וועלכער ער האָט אַפילו
געמאַכט אַ טורנע איבער פאַרשיידענע
שטעט, למשל — פון בעסאַראַביע, שפּילנ=
דיק זיינע אייגענע פּיעסן. נאָכן פאַרבאָט
פון דעם יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד
האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ שווערע
צייט פאַר ש׳ן. ער איז געצוואונגען געווען
אָפּצושיקן די פאַמיליע קיין פּינסק (?),
און אַליין איז ער אַריבערגעפאָרן קיין
קיעוו (זאָל אויך האָבן אַ קורצע צייט
געלעבט אין סמילע, 1884 געווען אין
דאָרף בערעזאָווקע, פּאָלטאַווער גוב׳)
און נאָכדעם זיך באַזעצט אין ווילנע,
וואו ער האָט געשריבן זיינע ראָמאַנען
און דערציילונגען, דערהויפּט פאַר די
פאַרלאַגספירמעס ראָם און מ״ץ. און ווי
גיך ער האָט זיי ניט פאַרפאַסט, איז די
פאָדערונג אויף זיי געווען נאָך גרעסער,
און די פאַרשיידנסטע בוכדרוקער און פאַר=
לעגער אין ווילנע, וואַרשע, אָדעס, באַר=
דיטשעוו א״אַ האָבן זיי ביי אים באַשטעלט.
אין דער צייט פון דעם טעאַטער=אויפבלי
אין וואַרשע איז ש׳ געקומען אַהינצו און
און דאָרט אויך אויפגעפירט זיינע פּיעסן.
אַזוי האָט ש׳ געלעבט ביזן יאָר 1888,
האָבנדיק — לויט ש״ע — אָנגעשריבן
ביז צו יענער צייט אַ 50 ראָמאַנען,
לויט דער נאָטיץ אין „ספר זכרון״ —
ביז 100 דערציילונגען און ראָמאַנען און
אַ 20 טעאַטער שטיק, אַחוץ אַ ריי זאַכן
אין העברעיִש (לויט זיינעם אַ בריוו צו
דער מוטער איבער 150 ווערק. אָבער

צו דער צייט פון זיין אויסערגעוויינלעכער
פּאָפּולאַריטעט ביי דעם יידישן מאַסנ=
לעזער האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע
ליטעראַרישע קאַמפּאַניע קעגן ש׳ן, אָנ=
געפירט פון ש״ע, י״ח ראַבניצקי, דוד
פרישמאַן א״אַ יידישע און העברעיִשע
שריפטשטעלער. און הגם ישראל לעווי,
דער רעדאַקטאָר פון דעם דאַן איינציקן
יידישן אָרגאַן אין רוסלאַנד, „יידישעס
פאָלקסבלאַט״, האָט זיך טיילווייז געשטעלט
אויף ש׳ס זייט אין דער דאָזיקער מלחמה,
האָט זיך ש׳ דערפילט אין אַ קלעם.
דערווייל האָבן די יידישע אַקטיאָרן,
וואָס האָבן זיך עטאַבלירט אין נ״י און
געהאַט גרויס ערפאָלג מיט זיינע אַלטע
פּיעסן, אים איינגעלאַדן קיין נ״י, אין
דער נייער היים פון דעם יידישן טעאַ=
טער, און ש׳ האָט 1889 אויסגעוואַנדערט
קיין אַמעריקע, וואו ער איז אויפגענו=
מען געוואָרן מיט תּפילות ותשבחות
פון די דעמאָלטיקע יידישע צייטשריפטן
אין יידיש און אויך פון דעם טעאַטער=
עולם, וועלכער האָט אים געמאַכט שטור=
מישע אָוואַציעס אויף זיין קבלת=פּנים=
ספּעקטאַקל „די קאָקעטע דאַמען״. אין
נ״י איז ש׳ אַריין אַלס פּיעסנשרייבער
אין דעם „פּולינגס=טעאַטער״ פון דעם
אַקטיאָר היינע=חיימאָוויטש און זיין
ערשטע פּיעסע אין אַמעריקע „רבקה
אָדער אַ פונק יידישקייט״, וואָס האָט
געשילדערט די פּויליש=יידישע באַציִונ=
גען (?), האָט גאָר שטאַרק אויסגענומען.
אויך די פּיעסן „דער לעצטער יידישער
קעניג״, „צוויי מתים גייען טאַנצן״,
„צווישן צוויי פלאַמען״ האָבן געהאַט
גרויס ערפאָלג און אים אַריינגעבראַכט
אין 5 חדשים 1500 דאָלאַר. אָבער
ווי געוויינלעך מיט אים צוליב זיין
וועלט=פרעמדקייט האָט ער אין אַ יאָר
אַרום, שוין האָבנדיק אַראָפּגעבראַכט זיין

פאַמיליע פון פינסק, צוליב סיכסוכים מיט היינען צעריסן מיטן טעאַטער. ער האָט דאַן אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט א"ט „דער מענשענפריינד" — פאַר נייס, ליטעראַטור, קונסט און אונטערהאַלטונג (1889—91), די צייטונג דאָס רוב אַליין אויסגעפילט, אויף די 51 נומ׳ פון דער אויסגאַבע געפּטערט זיין ביסל געלט, דערהויפּט צוליבדעם, וואָס ער האָט געעפנט אַן אייגענע דרוקעריי, אויך די דרוקעריי שלעכט געפירט פינאַנציעל, ביז ער האָט זי פאַרקויפט זיין שוואָגער אברהם-חיים ראָזענבערג, וועלכער איז צו יענער צייט אַראָפּגעקומען קיין אַמעריקע. דאַן האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן פאַר צוויי פאַרלעגער ראָמאַנען אין וועכנטלעכע העפטן צו 2 בויגן אַ העפט, פאַר אַ האָנאָראַר פון 10 דאָלאַר אַ דרוקבויגן, אויך געדרוקט אַרטיקלען אין די צייטונגען. שפּעטער האָט ער זיך איינגעשאַפט אַ נייע דרוקעריי, 1893 — 94 אַרויסגעגעבן יום-טוב- און חודש-בלעטער אונטערן אַלגעמיינעם טיטל „לאַנד חכם" (למשל, דער „שרייער" — לכּבוד פּורים, „דער אַפּיקומן" — לכּבוד פּסח, „דער גן עדן" — לכּבוד שבועות, „דער כּל בוניק" — אַ זומער-בלאַט, „דער שופר", „דער אתרוגל", בסך-הכּל—12 ה׳, ז׳ 192), דאַן צוזאַמען מיט משה זייפערטן (מיט זייפערטן איז ש׳ געווען באַפריינדעט נאָך פון נעסוויזש, אים אַגב געוויזן זיינע ערשטע פּעדער-פּרוּוון; דאָס האָט שפּעטער זייפערטן ניט געשטערט צוצונעמען ביי ש׳ן אַ פּיעסע — „שומר ישראל" — און פאַרקויפן זי אַלס זיינע מאָגולעסקאָן, וואָס ס׳איז איבעריקנס דאַן געווען אַ שטיקל „מנהג" אין די יידישע טעאַטער-קרייזן אין אַמעריקע), אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ רייך אילוסטרירטע צייטשריפט א"ט „דער יודישער פּאָק / וואָכענבלאַט פיר וויטץ, הומאָר, סאַטירע, קריטיק אונד בעלעטריסטיק" (נומ׳ 1 — 29/XI 1894; אין די ערשטע נומערן האָט זיך אַלס אַרויסגעבער באַטייליקט אויך אַ געוויסער יצחק אַבראַמסאָן — איצט טעטיק ביים קינאָ). אין דעם דאָזיקן זשורנאַל (אַ קאָמפּלעקט געפינט זיך אין אַרכיוו פון ייוו"אָ) האָט ער, אַחוץ אַ גרעסערער זאַך אין המשכים א"ט „דער געלער גלגול / ראָמאַן פון אַ גרינעם למדן" און פאַרשיידענע אַנדערע דערציילונגען, אַרטיקלען, איבערגעזעצטע פאַבלען פון קרילאָוו אאַז"וו, פאַרעפנטלעכט אין יעדן נומער גאַנץ נישקשהדיקע סאַטירישע גראַמען מעניני דיומא א"ט „דער פּאָק לאַכט" (אָדער „דער פּאָק וויינט") א"פ ש... דאָך האָט דער דאָזיקער זשורנאַל, אין וועלכן עס האָבן זיך אגב פון צייט צו צייט באַטייליקט י. קאַצענעלענבויגן פון פּט"ב („דיא בלינדע מוטער"—פון בעראַנזשע), וויליאַם קייזער, אויך א"פ יצחק-זאב איזראַעל, מ. ווינטשעווסקי, א. מ. שאַרקאַנסקי א"אַ אויף דעם 20סטן ה׳ געמוזט זיך אָפּשטעלן, דערהויפּט צוליב דער גרויסער פּלאָג פון לייענען יידישע צייטשריפטן פאַר ניצגעלט און צוליב דער אומראַיעלקייט פון די צייטונגס-אַגענטן. ער האָט אויך געפּרוּווט אַרויסגעבן אייניקע אַנדערע צייטשריפטן, ווי דעם חודש-זשורנאַל „דיא נאַציאָן" (?), „דער טעלעפאָן" (?), „דער וועגווייזער", האָט זיך אויך באַטייליקט אין פאַרשיידענע יידישע און העברעישע אויסגאַבן, וואו געשריבן וויצן, דערציילונגען, הומאָרעסקעס, אַרטיקלען, שוין ניט ריידנדיק פון ראָמאַנען, וועלכע ער האָט אויך פאַרפאַסט פאַר די בוכהענדלער אין רוסלאַנד (די ערשטע פון זיי זיינען, ווייזט אויס, געווען „דער איד

און די גרעפין" אין „דיא אַמעריקאַנישע
גליקען", 1893) אָדער זיי אַליין אַרויס-
געגעבן אין העפטן (למשל, „צווישען
ליבע און ראַכע"—45 ה', „דער טויטער
גאַסט"—67 ה', „דער גוטער טייפעל"—
22 ה', „דער אַנטלאָפענער פון סיביר",
3 ה', „פון טראָן צום עשאַפאָט" — אַלע
ביז 1895) און פיל פיעסן פאַרן טעאַטער.
אָבער ביי דעם אַלעמען איז זיין מאַ-
טעריעלע לאַגע געווען זייער אַ שווערע,
בפרט אַז ער האָט אַלס ראָמאַנען-שריי-
בער אָנגעהויבן אויסצושטיין פון אַ קאָנ-
קורענץ פון ראָמאַנען-איבערזעצער, האָט
בשום אופן ניט געקענט מאַכן קיין
לעבן. באַקומען אַ גראָשענעם האָנאָ-
ראַר, ניט אויפגעמאָנט די טאַנטיעמע
פאַר זיינע פיעסן, אַלע וויילע מחמת
דחקות געמוזט אַרויסציען זיך אין
אַן אַנדערער דירה אאַז"וו. ביסלעכווייז
אָבער האָט זיך זיין מצב אָנגעהויבן
צו פאַרבעסערן. די קינדער זיינען אויס-
טערגעוואַקסן און אָנגעהויבן פאַרדינען,
ער האָט אויך אָנגעהויבן צו שרייבן
ראָמאַנען אין העפטן פאַר דעם באַ-
וואוסטן פאַרלעגער פון „מאָרגען זשור-
נאַל" יעקב סאַפּירשטיין, וועלכע האָבן
געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג. דאַן האָט ער
אָנגעשריבן זיין פּיעסע „די יידישע
עמיגראַנטן", פאַר וועלכער ער האָט
באַקומען 135 דאָלאַר און פון וועלכער
מאָגולעסקאָ זאָל האָבן, פאַר די 26
וואָכן וואָס די פּיעסע איז געגאַנגען,
געמאַכט 15,000 דאָלאַר. נאָך דעם שטור-
מישן ערפאָלג פון „די עמיגראַנטן" איז
ער ווידער צוריקגעקומען צום טעאַטער.
צו יענער צייט האָבן אויך געהאַט
אַ אויסערגעוויינלעכן ערפאָלג זיינע ראָ-
מאַנען „די גאָלדענע מדינה", ער איז
אַריין אַלס שטענדיקער ראָמאַנענשרייבער
„אין מאָרגען זשורנאַל", און דאָס אַלץ
האָט אים אויפגעריכט און די לעצטע
יאָרן פון זיין לעבן איז ער געווען
אפילו אַ גביר צווישן די יידישע שריפט-
שטעלער. — ש' איז בשעתו געווען דער
פּאָפּולערסטער נאָמען ביי דעם יידישן
מאַסנלייענער און אין אַ גרויסער מאָס
האָט ער דעם דאָזיקן מאַסנלייענער
טאַקע געשאַפן. זיינע השגות וועגן ליטע-
ראַטור זיינען געווען, מילד גערעדט,
גאַנץ נאַיווע, ער האָט אָבער ריכטיק
אָנגעטאַפּט די נייע קולטור-באַדערפעניש
פון דער יידישער מאַסע אין יענער
איבערגאַנגס-תקופה, ווען די גרויסע
ענדערונגען אין דעם סאָציאַלן און
קולטורעלן לעבן פון דעם רוסלענדישן
יידנטום האָבן צעטרייסלט די גאַנצקייט
און אָפּגעזונדערטקייט פון דער אַלטער
וועלט-באַנעמונג, און דאָס יידישע
פאָלקס-מיידל, דער יידישער פאָלקס-
מענטש בכלל, זיך שוין ניט קענענדיק
צופרידנשטעלן מיט די אַלטע יידישע
מוסר-ספרים און אַפילו מיט די דידאַק-
טישע ביכלעך פון אַ אייזיק-מאיר דיק,
האָט געזוכט אין דעם בוך היינטוועל-
טיקערע און שפּאַנענדיקערע טעמעס.
ווער עס זאָל באַפרידיקן דעם דאָרשט פון
דער יידישער פאָלקסמאַסע נאָך אַ בוך
איז אַזוי גוט ווי ניט געווען (אייזיק-
מאיר דיק, דער איינציקער יידישער
מאַסנשרייבער, איז שוין געווען אַלט),
אַזוי אַז פאַר ש'ן, וועלכער האָט פאַר-
מעגט די באַגאַבונג צו פאַראינטערעסירן
דעם עולם מיט אַ סיפור-המעשה, צו ריידן
מיט דעם ליטעראַריש-אומאַנטוויקלטן
המון אויף זיין שפּראַך, האָט זיך געעפנט
אַ ברייט און פריי פעלד. ש' איז נאָך
דיקן געווען דער ערשטער, וואָס האָט
אָנגעהויבן צוצושטעלן פאַר דער יידישער
פאָלקסמאַסע לייענשטאָף, געווען דער
ערשטער, וואָס האָט ניט נאָר געליווערט

פאַר איר מעשה=ביכלעך, נאָר אויך געשאַפן דאָס דיקע בוך, דעם ראָמאַן, און דורכדעם האָט ער באַקומען אויף דער יידישער מאַסע אַ אומגעהייערע השפעה. ער האָט צוגעצויגן צו דעם יידישן בוך די ברייטסטע שיכטן פון דעם פשוטן עולם, באַפרידיקנדיק זייער נאַטירלעכן דאָרשט צו לייענען אינטערעסאַנטע געשיכטן. מ׳האָט ש׳ן באַשולדיקט, אַז אַלע זיינע ראָמאַנען זיינען אַ גראָבע נאָכמאַכונג פון די שונד=ווערק פון די אַנדערע ליטעראַטורן. „...די העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען פון ש׳ — האָט געשריבן זיין הויפט=באַשולדיקער ש"ע אין זיין פאַמפלעט „שמר׳ס משפט" — וואו עס קומען פאָר פיל פאַרדרייטע פאַרפּלאָנטערטע אינטריגעס, רירנדע און האַרצרייסנדע סצענעס, וואו מע גַנבעט, מע גַזלט אינמיטן העלן טאָג, וואו מע טראָגט מתים פון די קברים, וואו מע שלאָגט זיך, מע הַרגעט זיך ביזן טויט איבער אַ שיין מיידל אַ ב ר ו נ ע ט י ן אָדער אַ פיינעם בחור אַ בלאָנדין און כדומה אַזעלכע ווילדע פאַנטאַזיעס, זענען באַצויגן פון פאַרשיידענע פּוסטע רוסישע, דייטשישע אָדער פראַנצויזישע ראָמאַנען פון קסאַוויע דע מאָנטעפּען, פּאָל דע קאָק..." אויב דאָס איז אַפילו אין אַ געוויסער מאָס אמת, האָט אָבער ש׳ געהאַט די פעיִקייט צוצופּאַסן זיך צו דעם יידישן מאַסנלעזער, אָנטאָן די העלדן פון זיינע ראָמאַנען, אמת — בלויז אויסערלעך, אין אַ יידישן לבוש (אין אַ הערה צו דוד=ישעיהו זילבערבושס בריוו צו אים, פאַרעפנטלעכט אין „בילדער פונ׳ם לעבען", 1884, IV, איז ש׳ מודה, אַז די סיטואַציעס פון „דער בלינדער יתומה" און „דער אַייזערנער פרוי" זיינען גענומען פון פרעמדע מקורים, אָבער בלויז די טרוקענע סיטואַציעס). עס איז איבעריק צו

זוכן אין ש׳ס ראָמאַנען לעבעדיקע טיפּן, וואָרהאַפטיקע שילדערונגען, אַ סימן אויף וועלכן עס איז פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז — בכלל די אַלע עלעמענטן, וואָס מיר פאַרבינדן מיט דעם באַגריף פון אַ ליטעראַריש ווערק. ש׳, „דער יצר=הרע פון דעם יידישן לעזער", לויט דעם אויסדרוק פון ש. ניגער, האָט באַטראַכט פאַר זיין הויפּטציל — דעם דאָזיקן לעזער צו באַפרידיקן, הגם ער איז גלייכצייטיק געווען איבערצייגט, אַז מיט זיינע ווערק ברענגט ער אויך נוצן דעם לעזער, און אַז זיינע העלדן „זיינען פונעם לעבן גענומען"... אין דער פאָררעדע צו „דער אַייזערנער פרוי" (1882) שרייבט ש׳: „אַזויא וויא אַלע געגענשטענדע וועלכע געפינען זיך אין דער וועלט קענען ניט אַלעמען צוא גלייך געפעלין, אַזוא זיינען די ראָמאַנען. ניט אַלע לעזער קען איין ראָמאַן געפעלין. איינינע זוכען אין אַראָמאַן ריכטיגע טיפין אונ בילדער פון לעבען, דיא איבעריגע ווערטער האָבין פאַר זייא קיין אינטערעס ניכט, אַנדערע זוכען אין דעם ראָמאַן נור הערצערגרייפענדע סצענען, און דער גרעסטער טהייל פון דיא לעזענדע פּובליקום ווילען לעזען עפּעס איבער נאַטירליכע עראייגניססע. — אום אַלעמענס פערלאַנג צוא ערפילען מוז דער פערפאַסער פאָן איין ראָמאַן אַלע מיטלען אָנווענדען יעדען צוא פרידען צוא שטעלין, ער מוז פאָן אַללעס צוא ביסלאַך אין זיין ראָמאַן אַריין שטעלין, בילדער פון לעבען, רירענדע סצענען, איבערנאַטירליכע עראייגניססע. — דאָס וועט זיין איין אַנטוואָרט פאַר דיא קריטיגער וועלכע שרייען גוואַלד פאַר וואָס שטעל איך אין מיינע ראָמאַנען אַריין איבערנאַטירליכע סצענען? יאַ ליבע ברידער איהר מוזט געוויס וויסען אַז ווען מיא גיט איין קינד אַמעדיצין אַיין, מוז

מאַן דאָס מיט עטוואָס זיססעס פערמישען. בילדער פון לעבען וויא זייא זיינען נור קונסטליך פאָרגעשטעלט זיינען דער בעסטער מעדיצין פאַר דיא מאַראַלישע קראַנקהייטען, נור דער פּראָסטער מענטש וויל אַזעלכע מעדיצינען ניכט איין נעמען דאַרום מוז מאַן איהם צוא ליב טאָן אונ געבען דאַצו עטוואָס פון דאָס וואָס ער האָט ליעב.״— דאָס אייגענע חזרט ער אויך איבער אין אַנדערע ערטער, למשל, אין זיין ענטפער דובנאָוון — „אַ פּאַטש פאַר אַ פּאַטש״ (אין „יודישען פאָלקסבלאַט״, 1887, ז׳ 150—151): „...מיך אינטערעסירט זעהר וועניג דאָס קריטיזירען פון די פרישגעבאַקענע שרייבערלעך, זיי קענען מיר בשום אופן ניט קאַליע מאַכין. קוים האָט דאָס פאָלק פערגעניגען פון מיינע ראָמאַנען, אונ קוים ווייס איך אַז איך האָב איינעם פון טויזענד געבראַכט נוטצען מיט מיינע ווערקע בין איך שוין צופרידען. איך געשטעה אַז איך ערלויב מיר מאַנכעס מאָל עטוואָס איבערצוטרייבין אין מיינע ראָמאַנען. דאָס איז אָבער נאָר דערפאַר וואָס איך קען אונזער לעזענדעס פובליקום. מע מוז אַקינד עטוואָס געבען זיעסעס ווען מע ווילל אים אַביטערע מעדיצין אַיינגעבען. איך ווייס אַז ווען מיר ווילין געבען דעם פאָלק לויטער מוסר וועט קיינער אין דער האַנד נעמען אַ בוך. עוד נער ישראל. דאָס יודישע פעבעל איז נאָך אַ קינד, מע מוז איהם צו ליעב טהון אונ געבען אַנגענעהמע זיעסע זאַכין ווען מיר וויללען איהם אַ ווירקענדע מעדיצין אַיינגעבען. פון דער מיינונג וועט מיך קיינער נישט אַראַבפיהרען. דאַמיט האָב איך אָנגעפאַנגען מיינע ראָמאַנען צו שרייבען, אונ דאַמיט וועל איך ענדיגען״... עס איז אַלזאָ דער באַקאַנטער רעצעפּט פון אייזיק־מאיר דיק וועגן דער „פאַרזיסונג״, אָן וועלכער דער לעזער קען ניט אַיינגעמען די ביטערע פילן פון מאָראַל און אויפקלערונג. און אַזוי ווי דיק, שטעלט אויך ש׳ אַריין אין זיינע ראָמאַנען שטיקער מוסר און חקירות, אָבער דער מאָראַליש־דידאַקטישער עלעמענט איז ביי אים ניט דער ערך פלאַכער און שפילט שוין כלל ניט אַזאַ הויפּט־ראָלע ווי ביי זיין פיל ערנסטערן פאָרגייער. ער זאָגט עס אָפן אַרויס אין דער פאָררעדע צו זיין ראָמאַן „דער בלוטיגער אַדיע״: „איך וועל אַייך ניט זאָגין ליבער לעזער, אַז איך בין אויסין גיוועזן שרייבענדיג מיין ראָמאַן צו מוסרין דאָס הייסט: איהר זאָלט זיך פון מיינע ווערטער אַשיינעם מוסר אַראָפּ נעמען וויא אַלע היינטיגע זאַרגאָניסע ראָמאַניסטען טוהען. ניין איך שווער אַייך בייא באָרד אונ פאות אַז איך האָב דאָס ניט געמיינט, דען איך בין — ניט קיין ליגען זאָגענדיק — קיין מגיד אויך קיין בדחן ניט, איך האָב דעם ראָמאַן געשריבין מיט דעם איינציגען ציל אַייך פערגעניגען פערשאַפען. צוא איר וועט האָבין פערגעניגען צוא ניט איז שוין ניט מיין גישעפט אַבי מיין כַּוָנה איז גיוועזן צוא גוטען, עס קען נאָך זיין אַז אַנדערע ווערין דאָ אַמוסר אויך געפינען״... נאָך אָפענער זאָגט ער זיך אַרויס אין דער הקדמה צו „פלטיאל אָקס״ (1887): „מיין ראָמאַן האָט אין זיך אַללעס, וואָס דאָס יודעשע פובליקום פאָדערט: ריהרענדע סצענען, גרויסע אינטריגען, ליעבעס געהיימניסע, איבעראַשענדע צו זאַמענטרעפונגען...״ דערבער איז די אויסערגעוויינלעכע אינטריגע אין ש׳ס ראָמאַנען — דער עיקר. ליבע, מאָרד, פאַרראַט, גיפט, וואונדערלעכע פאַרוואַנדלונגען פון ישיבה־בחורים אין באַראָנישע איידעמלעך, פון רויבער

אין מיליאָנערן אאַז״וו — דאָס איז דער אַקסעסואַר פון זיינע אומציילִיקע ראָמאַנען, ווי עס איז אויך צו זען אָפּט פון זייערע סענסאַציאָנעלע טיטלען („דער קאַטאָרזשניק״, „די אַייזערנע פרוי״, „דער אָרעמער מיליאָנער״, „די בלוטיקע ליבע״, „דער בלוטיקער אַדיע!״ אאַז״וו). אָבער ביי דער גאַנצער אומקינסטלערישקייט און אומנאַטירלעכקייט פון זיינע ראָמאַנען מיט זייערע ווילדע פאַרפּלאָנטערטע אינטריגעס, אוממעגלעכע סיטואַציעס, אומגעריכטע געשעענישן, שטייען זיי דאָך אין געוויסע פּרטים העכער פון דער אַ״ג בולוואַר=ליטעראַטור. זיי האָבן אָפּט נאַיִווערלעכע טענדענצן, און פאַר דעם אומוויסנדיקן יידישן לעזער האָבן זיי נאָך געהאַט די באַדייטונג, וואָס זיי פלעגן אים באַקאַנט מאַכן מיט נייע אומבאַקאַנטע באַגריפן און אָפּט האָבן זיי געדינט אַפילו פאַר אַ בריק, וואָס האָט געפירט צו השכלה און בילדונג. די העלדן פון ש״ס אומציילִיקע ראָמאַנען זיינען אַלע צוגעשניטן לויט איין שאַבלאָן — דעם שאַבלאָן פון דער סענטימענטאַלער שונד=ראָמאַנטיק מיט אירע צוויי קאַטעגאָריעס מענטשן: גוט, שיין, געבילדעט, אָרנטלעך — פון איין זייט, פאַרדאָרבן, פאַנאַטיש, פעיִק אויף כל דבר אסור — פון דער אַנדערער. אין זיין גאַנצן קנאַפער השגה פון עכטן רעאַליזם האָט ער זיך ניט געקימערט, וואָס ער זינדיקט קעגן דעם קינסטלערישן און רעאַליסטישן אמת; זיין פּרינציפּ איז געווען, אַז דער גוטער מוז ווערן באַלוינט, דער שלעכטער באַשטראָפט; אין דעם האָט ער געזען די מאָראַלישע באַרעכטיקונג פון זיינע ראָמאַנען, און, ווי זיין זון, אברהם שאָמער, האָט איבערגעגעבן ק. מרמרן, האָט ער חרטה געהאַט, וואָס צוויי פון זיינע דערציילונגען, „דער אוצר״ און „דער בלוטיקער אַדיע״, ענדיקן זיך מיט אַ שלעכטן סוף פאַר גוטע מענטשן. צ״אַ האָט ער דעם דאָזיקן קוק זיינעם אַרויסגעזאָגט אין דער הקדמה צו זיין ראָמאַן „באַראָן דע אַגילאַר״ (1883): „פיעלע פון מיינע לעזער האָבין געפרעגט, וואָרום מיינע ראָמאַנען ענדיגען זיך שטענדיג גוט. וואָרום טוה איך ניט נאָך דיא היינטיגע בייאמאָדישע ראָמאַניסטען, וואָס ענדיגען זייערע ראָמאַנען מיט איין הערצרייסענד סצענע, וויא דער גוטער האָט דעם שוואַרצען סוף אונ דער טוראַן טריאומפהירט? אויף דעם מוז איך זייא ענטפערין, אַז איך זעה קיין נוטצען ניט אין אַזעלכע ענדען. איך רעכין אַז פאַר דיא לעזער אין אַללגעמיין אונ פאַר דעם פעבעל בעזאָנדערס, איז פיעל גלייכער זייא זאָלין זעהען דעם גוטען אָרדֶענטליכען מענטשען בעלאָהנט מיט גוטעס, לעזענד אַזעלכע זאַכין (וויא דעם אָרדענטליכען פערלאָזט גאָטט ניט) האָט מאַן אויך בעשטענדיג בטחון אָן דעם אַללער הֶאכסטען, אונ אין דער ערגסטער צייט פערליערט מאַן דיא האָפנונג ניט...״ דער אידעענקרייז ש״ס איז אַ גאַנץ באַגרעניצטער, אַ נאַיִווּ קליינבירגערלעכער, די אידעאַלן — אָפּט ניט העכער פון די אידעאַלן פון דער אויפקומענדיקער יידישער בורזשואַזיע; אַ סוחר, אַ פאַבריקאַנט איז דער אידעאַלסטער העלד אין זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען (אָט איז, למשל, דער שלוס=זאַץ פון זיין דערציילונג — изъ староеврейскихъ нравовъ — ווי עס שטייט אין רוסישן אונטערטיטל — „יאָקעל מאָפּס״: „רבונו של עולם! — האָב איך דאַמאַלס געזאָגט — אשרי האיש וויל איז דעם מענטשען וואָס ער פערנעהמט זיך מיט מסחור דורך מסחור קאָן מען פאָרט קומען צום גליק, לא

כן ניט אַזוי זיינען דיא מלמדים און דיא ראָמאַנענשרייבער, זייא בלייבען קבצנים ביז אין טויט אַריין״...). ער איז באַגייסטערט פאַר אַ באַהעפטונג פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט מיט די נייע פאָרמען פון דער קולטור, ריכטיקער געזאָגט—פון דער ציוויליזאַציע. אין איינעם פון זיינע גלאַטער געשריבענע ראָמאַנען, „ביהנען אַרום האניג״, כאַראַקטעריזירט ער אַזוי זיינעם אַ העלד: „...אַדאָלף בראָמשטיין וואַר פון דיא יונגע לייט וואָס מיר באַגעגנען זעהער זעלטען היינטיגע צייט, ער וואַר פון דיא וועניגע פערזאָנען וואָס דיא בילדונג מיט דער פרומקייט האָבען זיך אין זיי צוזאַמען געפּאָאָרט, און איינס דאָס אַנדערע האָט ניט געשטערט אין זייערע אידעען, און דאָס האָט ער געהאַט צוא דאַנקען דער גוטער ערציהונג וואָס זיין קלוגער פאָטער דניאל בראָמשטיין האָט איהם געגעבען...״ (ז׳ 43). נאָך מער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער טענדענץ פון אונזער ראָמאַנענשרייבער איז דער סוף פסוק פון דעם זעלביקן ראָמאַן: „מיין גאָטט! — וואָס פאַר אַ חכם דער שמעון איז, ער האָט ניט געוואָלט מאַכין זיינע קינדער פאַר געבילדעטע זעהט ער טאַקי פון זייא נחת וויא אַפאָטער באַדאַרף זעהן אין קינדער, און וויא דום דיא איינפאַכע יודען זיינען וואָס ווילען זייערע קינדער מאַכען פאַר בעריהמטהייטען, זייא שטעלין זיך נור בדלות און האָדעווען אויס שונאים פאַר זיך...״ דער אינסטינקט פון אַ פשוטן פאָלקסמענטש האָט אים, ביי זיין גאַנצער התפעלות פאַר בילדונג, געטריבן אויסצולאַכן די „פוסטע אַריסטאָקראַטן״ („דאָס איז שאָן איין אַלטע זאַך — שרייבט ער ערגעץ — אַז בשעת עס ווערט אונזערע אַריסטאָקראַטען שלעכט אויף דיא הערצער דער מאָהנען זייא זיך אַז זייערע עלטער׳ן האָבען געהאַט אַגוטען גרויסען גאָט וואָס קאָן באַווייזען נסים און גרויסע וואונדער״...), זייער שטרעבן צו אויסערלעכער אַסימילאַציע, זייער שעמען זיך מיט יידישקייט, זייער ריידן אויף דער לאַנדשפּראַך, אַפילו ווען מ׳קען זי ניט, זייער יאָגן זיך נאָך לוקסוס אאַז״וו — אין דעם גייסט פון דער פאָלקסטימלעכער השכלה, פונקט ווי דער דאָזיקער גייסט קומט ביי ש׳ן צום אויסדרוק אין זיין אָפּלאַכן פון די, וואָס האָבן זיך פון קינדווייז אויף געהאָדעוועט אין בית־מדרש, געקוועטשט די באַנק, געגאַנגען אין אַלטמאָדישער טראַכט, ניט געהאַט קיין זין פאַר דעם מאָדערנעם לעבן. באַזונדערס האָט ער געווענדט די פיילן פון זיין סאַטירע קעגן דער פאַלשער פרומקייט („...דען זייט דיא מענטשהייט האָט אָנגעהויבען צו עקסיסטירען — שרייבט ער אין דעם פאָרוואָרט צו זיין זשורנאַל, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן און אַליין אינגאַנצן אויסגעפילט א״ט „בילדער פונ׳ם לעבען / חאַראַקטעריסטישע ערצעהלונגען, קאָמעדיען, פאָלקסליעדער, אַנעקדאָטין, גראָססע העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, עפיגראַמען״, אָדעס, 1883 — 84, 6 ה׳ צו 16 ז׳—שפּאַצירט אַרום דיא פאַלשקייט פערמאַסקירט אין אַ פרומער מאַסקע, צווישען די אָרדענטליכע לייט, און וואַרפט אַריין טויזענדער אונפראַקטישע מענטשין אין אונגליק אַריין״). זיין סימפּאַטיע פאַר דער ליידנדיקער אָרעמער יידישער מאַסע, זיין האַס קעגן די יידישע תקיפים און קהלסלייט, קעגן די אַ״ג „כשרע יידן״ („...אַ כשרער ייד—זאָגט ש׳ ערגעץ נאָך די משכילים — איז דער וועלכער גנבעט ניט, באַראַבעוועט ניט די וועלט, טוט לייטן טובות״ אאַז״וו) — איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך אין ש׳ן. און דערפאַר האָבן זיינע ווערק

ביי אַלע זייערע חסרונות דאָך אַריינגעבראַכט געוויסע פּראָגרעסיווע אָנשויונגען אין דער פּאַרוואָרלאָזטער און אָפּגעשטאַנענער יידישער מאַסע, געהאָלפן איר אַרויסצורייסן זיך פון דעם פּאַרגליווערטן קרייז אַלטפרענקישע באַגריפן און השגות, געוועקט אין איר אַ שטרעבונג צו אַ שענערן און בעסערן לעבן. און ס׳איז ניט קיין גוזמא די לעצטנס אַרויסגעזאָגטע מיינונג פון ראובן בריינין, אַז ש׳ איז געווען אַ קולטור־פאַקטאָר אויף דער יידישער גאַס; ער האָט געלערנט די יידישע מאַסע לייענען, דענקען און פילן; ער האָט אַריינגעטראָגן פאַרב אין דער אייזקאַלטער גרויער אַטמאָספערע פון קליינשטעטל און האָט געקוויקט די פאַנטאַזיע ביים דורכשניטלעכן מאַסעמענטש און ספעציעל ביים יונגן אַרבעטער און ביי דער אָרעמער מיידל, וועלכע זיינען ביידע געווען ווייט פון אַלע אַנדערע קוואַלן פון בילדונג. אויך ל. קאָברין אין זיינע זכרונות אָנערקענט דאָס פּאָזיטיווע אין ש׳ס טעטיקייט: „קיין יידישער שרייבער — שרייבט קאָברין — איז נאָך ניט געווען אַזוי באַרימט ווי ער, קיינער איז אַזוי פיל ניט געלעזן געוואָרן ווי ער. די ראָמאַנען זיינע זיינען אַריינגעדרונגען צו די אומאַנטוויקלטסטע שיכטן פון פאָלק און האָבן צווישן זיי געשאַפן לעזער פון דעם יידישן וואָרט, פון דעם יידישן בוך, און איך דענק, ממילא אויך פון דעם בעסערן יידישן בוך. — אין דעם איז אָן ספק ש׳ס גרויסער פאַרדינסט פאַר דער יידישער ליטעראַטור“. אָבער די גרויסע חסרונות פון ש׳ס ראָמאַנען און זייער אומגעהייערער ערפאָלג ביי דעם עולם האָבן בשעתו אַרויסגערופן אַ רעאַקציע קעגן זיי אין די ליטעראַרישע קרייזן. דער ערשטער קריטיקער ש׳ס, אַ געוויסער שמואל בערדיטשעווסקי אין „יודישען פּאָלקסבלאַט“, אָנערקענט נאָך ש׳ן אַלס אַ זעלטענעם שרייבער אין דעם „זשאַנר“, אָבער די רעדאַקציע, וועלכע איז נאָך דעמאָלט געלעגן אין די פּאַראַנטוואָרטלעכע הענט פון אַל. צעדערבוים, האַלט פאַר איר חוב צו באַמערקן אין אַ צושריפט, אַז ער, ש׳, „געהט אויף אַ פאַלשען וועג: „...וואָס טויגען די אויסגעטראַכטע ליעבע מעשיות מיט פאַנטאַזיעס, נאָכגעמאָלט נאָך די פראַנצאָזישע ראָמאַנע פון די פערציגער יאָהרען, נאָך דעם מוסטער פון אייזשען סיאו, דיומאַ, אונ אַנדערע? היינט זענין די צייטען אַנדערש, פאַנטאַזיעס דאַרף מען בכלל נישט ובפרט איז דאָס פאַר אונז יודען אַם וועניגסטען נעטהיג. דאָס פּראַקטישע לעבען ביעטעט גענוג שטאָף צו ערנסטע ראָמאַנע, צו בעשרייבעןווירקליכע העלדען און העלדינען, טאַקע צווישען יודען, אַז די לעזער אונ לעזערינען זאָלען קענען באמת ציהען דערפון מאָראַלישע פּרינציפּיען. די שטאָפּע אָבער וועלכע ה׳ שמ״ר וואָהלט פאַר זיינע ראָמאַנע, חאָטש זיי ווערען אָפּט בעאַרבייטעט מיט פיעל טאַלענט, פאַרדערבען נאָר דעם געשמאַק פון די לעזער אונ זענין דאָדורך גיכער שאָדליך אַלס נוצליך“... אַ סך שאַרפער איז אויפגעטרעטן קעגן ש׳ן ש. דובנאָוו א״פ קריטיקוס. און זיין אַטאַקע האָט אויפגעכאַפּט דער נייער רעדאַקטאָר פון „פאָלקסבלאַט“ י. לעווי, א״פ דער יידישער גזלן. איבערדרוקנדיק דובנאָווס אַרטיקל מיט אייגענע בטלנישע אָנפאַלן אויף ש׳ן און גלייכצייטיק שוין אויך אויף יידיש. לכתחילה האָט ש׳ געפּרוווט אָפּענטפערן זיינע קריטיקער אין „יודישען פאָלקסבלאַט“ גופא — אין זיין פעליעטאָן „אַ פאַטש פאַר אַ פאַטש“, און מ׳מוז מודה זיין, אַז זיין אָפּענטפער איז געווען

זייער אַ האַמעטנער; זידלענדיק קריטיקוסן פאַר זיין פאַרניכטנדיקער רעצענזיע אויפן „רייכן בעטלער“ און „הנדחת“, פאַר זיין פירהאַלטן אים, אַז אין „רייכן בעטלער“ איז קיין איין לעבעדיקער טיפּ ניטאָ, אויסער יאַכנע די טענדלערין, באַמערקט ש׳: „ווי עס שיינט האָט ער (ד״ה דובנאָוו!) אימער געשעפטע מיט מיט אַזעלכע פרויען דאַרום קאָן ער זיי“ — און דאַן גייט ער אַריבער צו פאַרטיידיקן די לעבנס־וואָרהאַפטיקייט פון זיינע העלדן: „נאָר ווער עס האָט געלעזען דעם ראָמאַן דער וועט באַלד פערשטעהן אַז דער ה׳ קריטיקוס האָט פון גרויס התלהבות שוין גאָר ניט געוואוסט וואָס צו רעדין. אַזעלכע מענשען ווי אלחנן קווינט (דער יודישער קולאַק), זיין ווייב קריינע (די פאַלשע אַריסטאָקראַטקע), זיין טאָכטער גיטעלע (פון די היינטמאָדישע יודישע מאַדמאָאַזעלן וואָס האָבען פיינט אַ יודען נאָך ערגער אַלס דער קריסט האָט זיי פיינד), די מוהמע בתיה (די וואַהרע יודישע גוטמוטהיגע פרוי), איהרע צוויי טעכטער (די אֶכטע יודישע אָרדענטליכע מעדכענס), אליעזר גוטמאַן (פון די האַלבע אַריסטאָקראַטען), זיין זוהן מיראָן (דער גוט ערצאָגענער סטודענט), די אָרימע רבקה מיט איהרע באָרפוסע קינדער (די יודישע אָרמסטע קלאַססע), אליה דער פעלשער (פון די חאַראַקטערלאָזע אינטריגאַנטין), העלענאַ פלאַנצבערג (איינע גוטערצאָגענע עכטע יודישע אַריסטאָקראַטקע) די אַלע פערזאָנען באַגעגנען מיר אויף יעדען טריט און שריט. — האָראַץ סאַליס מיט זיין זוהן לעאָ זענין די צוויי פערזאָנען וואָס איך האָב זיך ערלויבט פאָרצושטעלען עטוואָס איבערטרייבענד, אום דעם ראָמאַן אינטערעסאַנט צו מאַכען (ווי איך ערלויב זיך אין אַלע ראָמאַנען) אָבער ווען די זענפט (גאָרטשיצע) געפעלט מיר ניט קאָן איך זאָגען אַז דער גאַנצער מיטאָג טויג ניט? דאָס קאָן זאָגען נור אַ דומקאָפּ“. ש׳ס קריוודע האָט זיך אויך געהאַט אָנגענומען אין „פאָלקסבלאַט“ אַ פּס״נ „פרי עץ החיים“ (יעקב־מרדכי חאַלפּזאָן?) און אַפילו דער רעדאַקטאָר י. לעווי אַליין, אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט דער דאָזיקער מטורף אויך געמאַכט ש׳ן אויסצודרייען, און ש׳ האָט שוין געמוזט אַריבערטראָגן די פּאָלעמיק מיט זיינע קעגנערס אין די פאָררעדעס פון זיינע ראָמאַנען, דירעקט אַפּעלירנדיק צו זיינע טויזנטער לעזער, באַזונדערס זיך געמאַטערט אָפּצורעכענען מיט ש״ע, וועלכער האָט צו יענער צייט פאַרעפנטלעכט זיין פאַרניכטנדיקן פאַמפלעט „שמרס משפט“ (1888). אין דעם דאָזיקן פאַמפלעט האָט ש״ע פאָרמולירט פאָלגנדיקע באַשולדיקונגען קעגן ש׳ן: „א) אַז כמעט אַללע ראָמאַנען זענען, מחילה, געלאַטכענט פון פרעמדע ליטעראַטורען; ב) אַז אַללע ראָמאַנען זענען אויף איין שניט; ג) אַז דער ראָמאַנמאַכער גיבט נישט קיין רעאַלנע, קיין אמת׳ע בילדער פונ׳ם יודעשען לעבען; ד) אַז זיינע ראָמאַנען קעהרען זיך, דאַריבער, מיט אונז, יודען, כלל וכלל נישט אָן; ה) אַז די ראָמאַנען צוהיצען נור די פאַנטאַזיע און קיין שום מוסר, קיין שום מאָראַל קאָנען זיי ניט געבען. אַז סע געפינט זיך דאָרט נור ניבול פה מיט ציניזם; ז) אַז זיי זענען חוץ לזה זעהר שלעכט צונויפגעשטעלט; ח) אַז דער פערפאַססער איז, ווי עס ווייזט אויס, אַיין עם־הארץ; ט) אַז קיין חדר־יונגלאַך מיט דער וואַקסענע מיידלאַך טאָר מען זיינע ראָמאַנען בשום אופן נישט געבען; י) אַז סע וואָלט געווען אַ מצוה גדולה, אַז מע זאָהל איהם אַרויסרייכערן מיט אַללע ווילדע־משונה

ראָמאַנען פונ׳ם זשאַרגאָן דורך אַ לויטערער אַ בעשטענדיגער קריטיק". הגם די דאָזיקע שאַרפע קריטיק קעגן ש׳ן איז אין איר צייט געווען נייטיק, מוז מען אָבער מודה זיין, אַז אַ טייל באַשולדיקונגען פון ש״ע זיינען לחלוטין אומבאַגרינדעט, ווי, למשל, די באַשולדיקונג וועגן „ניבול־פה מיט ציניזם", פון וואָס עס איז ביי ש׳ן קיין זכר ניטאָ; אַלע זיינע ליבעס־געשיכטן זיינען צניעותדיק־סענטימענטאַל, דורכגעוועבט מיט דעם־אמת, געענוג מגושמדיקער, איבערטריבענער אידעאַליזאַציע פון דעם העלדנראָמאַן (כאַראַקטעריסטיש — איז ש׳ס ענטפער אין איינעם פון די בריוו פון זיין „פנקס": „דיין מלמד, רבי משה, האָט דיר געזאָגט, אַז לעזען ערצעהלונגען איז אַן׳אונפערצייהליכע זינדע. גלויב איהם ניט, איך זאָג דיר, דאָס פון לעזען שעהנע ערצעהלונגען, וואָס זיינען נור גוט אונ קונסטפאָל געשריעבען געוואָרען, האָט מאַן גרויסע נוטצען, דען זייא עפענען דיא אויגען, מאַן זאָל זעהן דעם אונטערשיעד פון גוטס צו שלעכטס אונ פון ליכטיג צו פינסטער. פון אַזאַ לעזען קאָן מאַן זיך אויך אויסלערנען שעהן שרייבען, אָבער זייא פאָרזיכטיג אונ לעז ניט ערצעהלונגען, וואָס ענטהאַלטען נבול פה, זאָלכע מעשיות צוהיטצען נור דאָס בלוט פון דיא איינפאַכע לעזער..."). דער שאַרפער אַרויסטריט פון דעם באַרימטן יידישן הומאָריסט האָט באַזונדערס שווער געטראָפן ש׳ן (אויך, משמעות, געשפילט ניט די לעצטע ראָלע אין זיין באַשלוס צו פאַרלאָזן רוסלאַנד), און ער האָט ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט אָנצופאַלן אויף ש״ע׳ן. אין דער פאָררעדע צו „דעם לעצטען יודישען קעניג" וואַרפט ער אויף דעם „פאָלקסבלאַט", וואָס די רעדאַקציע „קאָרמעט שוין צופיל אירע לעזער מיט ש״ע׳ס בדחנותע וויטצען... צו עס זיינען שוין קיין שענערע שמאַטעס דאָ וויא דעם ש״ע׳ס פלוידעריי? וועט ניט זיין קיין „שלום עליכם", וועט זיין „עליכם שלום" אָבער מען זאָל חאָטש קענען לעזען אַהאַלבע שטונדע און ניט גענעצין". ער שרייבט אויך אין דעם זעלבן ראָמאַן אַ ספּעציעלן משל „דיא מילבען און דער לייב" (די מילבן זיינען, הייסט עס, זיינע קריטיקער). אויסטענהנדיק זיך מיט ש״ע׳ן וועגן „ש׳ס משפט" אין דער פאָררעדע צו זיין ראָמאַן „דער מאָרד אויס ליעבע", פרוווט ער זיך טרייסטן: „איהר וויסטע קריטיקער רעדט אַייך טאַקי וואָס איהר ווילט, שרייט אין אַלע גאַסען אַז מיינע ראָמאַנען זיינען בָבא מַעשיות, גיט אויף מיר אַרויס משפטים וְויא אַייער האַרץ געלוסט, אונ איך וועל מיר טאָהן מיינס, איך וועל ווייטער שרייבען פאַר מַיינע לעזער מיינע בבא מעשיות וועלכע האָבין שוין גאָט זייא דאַנק טויזענדער מענטשען נוטצען געבראַכט, און וועלין אימער מער נוטצען בריינגען אַלס איהר מיט אַייערע נאַרעשע קריטיקעס". ערטערווייז קלינגט אין זיינע פּאָלעמישע אַרויסטרעטונגען דאָס געקרענקטע געפיל פון דעם באַליידיקטן שריפטשטעלער. אין דער פאָררעדע צום ראָמאַן „דער אונגעטרייער חתן" קלאָגט ער זיך, אַז זיינע קריטיקער האָבן גאָר ניט געלייענט זיינע ראָמאַנען, אַז דער אַרויסגעבער פון „פאָלקסבלאַט" האָט ניט אָנגענומען אַרטיקלען פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער, וועלכע האָבן געשריבן גוטס אויף זיינע ראָמאַנען, וואָס „האָבען איבעראַל בעזאָנדערס אין דיא פינסטערע קליינע פּאָלנישע און ליטווישע שטעטלאַך ליכט פערברייטערט" אאַז״וו (זע אויך זיינע הקדמות צו דעם 2טן ט׳ „דער רייכער

בעטלער״, צו „דער שלימזלדיקער האָז״, „אַ נאַר פון באָד אַרויס״, ז׳ 9—10, די פאַבל „דיא אייזלען״ צום צווייטן טייל „דער שטריינגער פעטער״ א״אַ). אַפילו שוין זייענדיק אין אַמעריקע, קען ער ניט פאַרגעסן די בלוטיקע באַליידיקונג און אין דער פאָררעדע צו דעם ראָמאַן „דיא אַמעריקאַנישע גליקען״ (1892) פרעגט ער איראָניש: „וואָס מאַכין בייא אַייך אין רוסלאַנד אונזערע זשאַרגאָנישע שרייבער, איך הָאב געמיינט אַז אַוועק פאָהרענדיג פון רוסלאַנד האָב איך זיי איבערגעלאָזט אַ ברייטע פעלד וואו צו ווייזין זייער טהעטהיגקייט, איך האָב גירעכינט אַז וויא באַלד זייא וועלין פון מיר פטור ווערין וועלין זייא ערשט בעווייזין וואָס זייא קאָנען, צום סוף זיינען זייא נאָר אַלע שטיל געוואָרין, אונ זאָגאַר פון דער נייער וועלט הער איך דיא געשרייען פון דיא רוסישע בוכהענדלער: גוואַלד, גיט אונז נייע ראָמאַנען, דען דיא לעזער רייסין אונז פאַר דיא פאָלעס מיר זאָלין זייא געבין עפעס צום לעזין אונ מיר האָבין ניט וואָס צום געבין. — וואָס מאַכען בייא אַייך דיא יידישע קריטיקער, דיא שלום־עליכם׳ס מיט די לאַנגע פינגער... וואָס מיט איין האַנד שרייבען זייא גאַנצע משפטים אונ מיט דער צווייטער אמת... [אָפּגעריבן פון דרוק]. — וואָס מיר אָנבלאַנגט, קאָן איך אַלע מיינע גוטע פריינד ערפרייען מיט דער גוטער נאַכריכט, אַז איך בין מיט אַמעריקא זעהר צופרידען, אונ אַז אַמעריקא איז מיט מיר צופרידען פערשטייא איך פון דעם וואָס מיינע ווערק וועלכע איך גיב דאָ אַרויס, ווערין צו חאַפּט אונ פערקויפט וויא קמיעות פון אַגוטין יודען״. דאַן ברענגט ער א״ט „חכם מה הוא אומר?״ אַ בריוו פון פּראָפ׳ געצל זעליקאָוויטש צו אים מיט די

גוזמאדיקסטע שבחים פאַר ש׳ן, וואָס „האָט אויסגעפלאָכטען אַ קרוין פון אונשטערבליכקייט פאַר אונזער זשאַרגאָן״... אָבער די דאָזיקע שבחים לעשן ניט אויס די עוולה, וואָס מ׳האָט אים, לויט זיין מיינונג, געטאָן, און אין זיין בריוו צו דער מוטער נאָך זיין קומען קיין אַמעריקע שרייבט ש׳: „...איך האָב אָנגעשריעבען איבער 150 ווערק, בוכהענדלער זיינען דורך זייא רייך געוואָרען, און איך אַליין האָב אימער גאָטט געדאַנקט, ווען איך האָב געקאָנט געבען גענוג ברויט מיין פאַמיליע; זאָגאַר דעם גוטען נאָממען, וואָס איך האָב דורך מיין שווערער אַרבייט ערוואָרבען, האָט מאַן מיר אויך ניט פערגונען אונ דיא אַללע וואָס האָבען זיך פון מיינע ווערק אויסגעלערענט אַביסעל שרייבען, האָבען מיך מיט שמוטץ בעוואָרפען. מאַן האָט אַללע קרעפטע אָנגעווענדעט דורך ליגענס און ניעדערטרעכטיגע קריטיקער אַיינצובילדען דעם פובליקום אַז מיינע ווערק האָבען טויזענדער בלינדע מענשען דיא אויגען געעפענט, און טויזענדער אונוויסענדע יודען האָבען דורך זייא אָנגעפאַנגען צו פערשטעהן, וואָס דיא וועלט אונ דאָס לעבען פאָרדערן פאָן זיי...״ נאָך רירנדער קלינגט זיין קלאָג אויף זיין שריפטשטעלערישן גורל אין זיין אַרטיקל „למי אני עמל?״ (אין נומ׳ 10 פון „לאַנד־חכם״ — „דער כל־בוניק / אַבלאַט פיר כלל ישראל״, יולי 1894): „אני הגבר, איך דער שרייבער פון דיעזע צייליען בין אַ לעבעדיגער עדות וויא שלעכט אונזער פובליקום בעהאַנדעלט דיא פערזאָנען, וואָס אַרבייטען פאַר זייא. אַלע ווייסען, אַז איך בין דער איינציגער ביי יודען, וואָס האָט איבער צווייא הונדערט ראָמאַנען אונד ערצעהלונגען אין העברעאיש און זשאַרגאָן

געשריבען פאַר דעם פאָלק ישראל. אַלע, זאָגאַר מיינע ערגסטע פיינד, וועלין מוזען צוגעבען, אַז מיינע ווערק האָבען אַ גרייסען ערפאָלג געהאַט אונ האָבען זעהער פיל נוטצען געבראַכט. נוא און וואָס וואַר דער לאָהן פאַר מיין אַרבייט? וועלכער טויגעניכטס עס האָט נור געקאָנט אויפהייבען אַ שטיין, האָט איהם מיר אין קאָפּף געוואָרפען. ווער עס האָט זיך נור פון מיינע ראָמאַנען אויסגילערנט שרייבען, האָט אויף מיר שלעכטס געשריעבען. אונזער פובליקום האָט מיט פערגיניגען צוגעקוקט, וויא דיא באַדיונגען בעוואַרפען מיך מיט שטיינער און קיינעם האָט דאָס אינטערעססירט, אין געגענטהייל פיעלע האָבען נאָך געפּאַטשט בראַוואָ״. אין יאָר 1898 — אפשר אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דעבאַטע, וואָס „די פרייע יידישע פאָלקסבינע״ האָט אַראַנזשירט וועגן ש׳ן, אַ דעבאַטע, אין וועלכער זיין זון, אברהם ש׳, איז אויפגעטרעטן אַלס פאַרטיידיקער און ל. קאָברין מיט יעקב גאָרדינען אַלס באַשולדיקער, גיט ש׳ אַרויס אַ פּאַמפלעט א״ט „יהי אור״, וואו ער טענהט זיך ווידער אויס מיט זיינע קריטיקער; ער זוכט ביי יעדן קריטיקער פערזענלעכע מאָטיוון, ווייזט אויך אויף, אַז אַ גאַנצע ריי פון זיינע קעגנערס, בפרט אין אַמעריקע, האָבן זיינע זאַכן ניט געלייענט, נאָר זיך פאַרלאָזן אויף זיינע קריטיקער אין רוסלאַנד, וואַרפט ווידער אויף ש״ע׳ן, אַז ער קען ניט שרייבן, אַז „שמרס משפט״ האָט פאַר אים געשריבן פרישמאַן, אַז „סטעמפעניו״, „יאָסעלע סאָלאָוויי״ זיינען רעדאַקטירט געוואָרן פון מענדעלען און ראַבניצקין אאַז״וו. — אויב ס׳איז אָבער טאַקע שווער — פון ריין ליטעראַרישן שטאַנדפונקט — צו געפינען אַ זכות אויף ש׳ס ראָמאַנען, מוז מען אָבער מודה זיין, אַז אין זיינע קלענערע דערציילונגען, וואָס ער האָט דערהויפּט געשריבן אין די ערשטע יאָרן פון זיין שריפטשטעלערישער טעטיקייט, דערהייבט זיך ש׳ צו אַ געוויסער ליטעראַרישער מדרגה און טייל פון זיי („מחותנים פון שונאים״, „ניט טויט ניט לעבעדיג״ א״א) אַנטהאַלטן גאַנץ לעבעדיקע שילדערונגען פון דעם יידישן אַלטמאָדישן לעבנסשטייגער, אָפט אויך באַהויכט מיט אַ גוטמוטיקן פאָלקסטימלעכן הומאָר; דער געזעלשאַפטלעכער אינטערעס פון די דאָזיקע דערציילונגען ליגט אויך אין דעם סאַטירישן טאָן, מיט וועלכן ער באַהאַנדלט די נעגאַטיווע ערשיינונגען פון דעם יידישן לעבן. — צווישן ש׳ס אומצייליקע ראָמאַנען און דערציילונגען זיינען פאַראַן אויך אַ ריי אַ״ג היסטאָרישע. זייענדיק איינער פון די ערשטע אין דער יידישער ליטעראַטור אויסצוניצן פאַר זיינע ווערק סיוזשעטן פון דער יידישער געשיכטע, האָט ער אין די פאָררעדעס צו זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען זיך אָפּגעשטעלט אויף זייער וויכטיקייט און ניצלעכקייט פאַרן פאָלק, „ווען דיא שרייבער זאָלין נור ניט איבער חאַפּין דיא מאָס פון דער פאַנטאַזיע, אונ זאָלן ניט אַרויס טרעטין פון דער ווירקליכקייט, דען דורך אַזעלכע ראָמאַנען בעקומען דיא לעזער אַבעגריעף אין זייער היסטאָריע, אונ זייא קענען זעהן דיא מעלות און חסרונות פון זייערע עלטערן, זייא קאָנען דאָ גיפינען אַלע אורזאַכין פון זייער גליק אונ אונגליק... אונ אַפילו דער לעזער וואָס אינטערעסירט זיך ניט מיט זיין פאַרגאַנגענע פאָלקסגעשיכטע וועט פון דעם ווערק (עס האַנדלט זיך וועגן דעם ראָמאַן „פאָן קליין צו דער קרוין״) פערגעניגען האָבין וויא פון אַשיינע אינטערעססאַנטע מעשה,

איהם וועט דאָס נאָך בעסער שמעקין ווייל זיא איז ניט קיינע אויסגעטראַכטע פוסטע מעשה זאָנדערן איינע וואַהרע ריכטיגע געשיכטע״. אויך אין די היסטאָרישע ראָמאַנען האָט ש׳ געזוכט צו געבן שפאַנענדיקן לייענשטאָף, אויסערלעכע אינטריגע, געבויט אויף ליבע, פאַרראַט, מאָרד. אַזאַ דאַנקבאַרן סענסאַציאָנעלן מאַטעריאַל האָט ער דערהויפט געפונען אין דער הורדוס־עפאָכע, וועלכע ער האָט באַאַרבעט אין אַ מין „טרילאָגיע״ (עס זאָל ניט קאָסטן צו טייער) — „פון קליין צו דער קרוין״, „דער מאָרד אויס ליעבע״, „דער קינדער־מערדער״. דער ראָמאַן „דער פאַלשער פרינץ״ איז געבויט אויף די דערציילונגען פון יוסיפוס פלאַוויוס וועגן אַרכעלאַאָס און דער פרינצעסין גלאַפירע; „אַ כלה פון דרייא חתנים״ — איז אַ שלומית־ראָמאַן; אין דער דערציילונג „דער עגיפטישער המן״ האָט ער פאַר אַ יסוד גענומען די לעגענדעס וועגן פטאָלאָמעאָס פילאָפאַטאָר („ספר מכבי״, 3); „דער לעצטער יידישער קעניג״ מיינט בר־כוכבאן; זיין ראָמאַן „דער געבילדעטער עם־הארץ״ איז „גיבויט אויף דער איבעראַל־גערימטער זאַגע פון דיא צווייא גרויסע יודישע גילערטע רבי יהודה הלוי אונ אברהם אבן עזרה און איך בין בייא זיך שטאָלץ מיט דעם ווערק. ווייל איך וויס שוין אז דיא לעזער וועלין מיט דער גרעסטער אינטערעסע אים לעזין אונ וועלין העכסט צופרידין זיין. דען אַלע קלאַסין לעזער וועלין דאָ גיפינען דאָס וואָס זייא האָבין ליב״ (אין דעם דאָזיקן בוך זיינען אגב אין נישקשהדיקע גראַמען איבערגעגעבן אויף יידיש די ערשטע סטראָפן פון ר׳ יהודה הלויס „ציון הלא תשאלי״). פון דער ספרדישער עפאָכע איז אויך זיין ראָמאַן „דער באַראָן דע אַגילאַר״. פון דער נייערער צייט האָט ער באַרירט די עפאָכע פון די כאַפערס אין די דערציילונגען „דער פאָימאַניק״ און „די שבתדיגע פעטש״, וואו ער שילדערט מיט מגושמדיקע פאַרבן דעם פאַנאַטיזם פון די עלטערן און די יסורים פון די עטוואָס אויפגעקלערטע קינדער. זייער שטרעבן צו ליבע אאַז״וו. — ש׳ האָט אויך געשפילט אַ ראָלע אַלס פאַרפאַסער פאַרן יידישן טעאַטער. זיינע ערשטע שטיק זיינען בלויז דראַמאַטיזירטע פאַרקירצונגען פון זיינע אייגענע ראָמאַנען, ווי „דער יודישער פרינץ אָדער „דער טרייפניאַק״, „דער בעל־תשובה״, „דער קאַטאָרזשניק״, „די אונגעטרייע חייב״ („דער בלוטיקער אַדיע״), „דער פראָצענטניק״ א״אַ. ער פלעגט אָבער אויך פאַריידישן פרעמדע פיעסן. זיין נאָענטקייט צו דער פסיכאָלאָגיע פון מאַסנמענטש, זיין אויסגעצייכנטער דיאַלאָג האָט זיך אויפן בעסטן אופן אַרויסגעוויזן אין באַאַרבעטן אויף יידיש גאָגאָלס „רעוויזאָר״; ער האָט דאָ ניט נאָר פאַריידישט די שפראַך, נאָר אויך די פערסאָנאַזשן און דאָס גאַנצע מיליע, צופאַסנדיק עס צום יידישן לעבן און צו די יידישע השגות און אַריינברענגענדיק געוויסע געזעלשאַפטלעכע טענדענצן. וואָס איז שייך בכלל זיינע פיעסן, כאַראַקטעריזירט זיי גאָרין אַזוי: „ש׳ס שטיקער שיידן זיך ניט אונטער פון זיינע ראָמאַנען. זיינע אַ שטיק איז אָנגעפיקעוועט מיט אַ סך באַגעבנהייטן, וועלכע דאַרפן האַלטן דעם צושויער געשפאַנט. די האַנדלונג אַנטוויקלט זיך ניט פון זיך אַליין, נאָר עס קומען איבעראַשונגען נאָך איבעראַשונגען, גראָד ווי אין די ראָמאַנען, און ערשט אין די שפעטערע יאָרן איז די האַנדלונג

אין זיינע שטיקער געווען עטוואָס איינפאַכער. — ש' איז געווען אַ שנעלער שרייבער און ער האָט געקענט שאַפן אַזוי פיל שטיקער, ווי אַ טעאַטער האָט געפאָדערט. אין דעם ערשטן סעזאָן, וואָס ער איז געקומען קיין נ"י, האָט ער געליפערט פאַרן טעאַטער 6 שטיקער, און פון זיין זייט וואָלט קיין מניעה ניט געווען, ווען דער טעאַטער וואָלט געפאָדערט מער. אָבער ש' איז געקומען אויף עטלעכע יאָר צו שפּעט און הגם זיינע שטיקער זיינען געווען יידישער ווי די אַנדערע, האָט ער זיך ביים טעאַטער ניט געקענט האַלטן"... — די שפּראַך ש'ס איז ניט איינהייטלעך; פון עכט פאָלקסטימלעכן סטיל פאַלט ער אָפט אַריין אין אַ וויסטן דייטשמעריש, בפרט אין די פּאַטעטישע ערטער, אין די ליבעס-ערקלערונגען פון זיינע העלדן, אין זיינע א"ג נאַטורבאַשרייבונגען (וועלכע ער לאַכט איבעריקס אַליין אויס — למשל, אין קאַפּיטל י"א פון דעם ראָמאַן „דיא רייכע ירושה", I, ז' 70, אָפּווייכנדיק פון דעם עצם סיפּור המעשה: „...איך האָב מיך פשוט פאַרזאַראַזעט פון היינטיגע מאָדישע שריפטשטעלער. דער טייפעל זאָל זייא וויסען וואָס פאַר איין פינסטערע מאָדע זייא האָבין אַרויס גיבראַכט אין דער בעלעטרישטישער וועלט. איידער זייא גייען צוא צו דער געשיכטע הייבין זייא אָן פאָר צושטעלין נאַטור-בילדער מיט זייטיגע זאַכין אַז מיא פאַרלירט אַזש דעם קאָפּ לעזענדיג דיא איבעריגע זאַכין, אונ מיא הייבט אָן צוא גענעצין אָדער צוא דרעמלען. גזלנים פייגערין זאָלט איהר! צוא דיא לעזער ווייסין ניט אַז דיא זאָננע שטראַהלט פרעכטיג, אונ דער מאָנד מיט דיא שטערין גלענצען, וואָס איהר רעדט דרייא שעה פון דעם וויא די זאָנע שיינט אונ דער מאָנד שימערט? ווייסין זייא דען ניט אַז זאָמער זיינען דיא וועלדער מיט פעלדער גרין אונ די פייגעלאַך זינגען וואָס איר מאַכט פון דעם אַגאַנצין וועזין אונ פאַרנעמט האַלבע קאַפּיטלאַך מיט דיא פאָרשטעלונגען? נוא איז שוין אַוואונדער וואָס בייא מיר האַפט זיך אויך אַמאָל אַרויס אַזעלכע פאָרשטעלונגען? איך בין דאָך אויך ניט מעהר וויא אַזינדיגער מחבר אונ נאָך אַזשאַרגאָנישער מחבר. זאָל איך זיין קליגער פון דער גאַנצער וועלט?"). דאָך קען מען אים ניט אָפּזאָגן אין אַ טיפער קענטעניש פון דעם ליטווישן יידיש, און מיט געוויסע באַוואָרענישן זיינען זיינע ווערק אַן אוצר פון דעם יידישן פאָלקס-לשון. ער האָט אויך אַריינגענומען אין זיינע ווערק עלעמענטן פון דער יידישער ליטעראַטור-שפּראַך, אויף וויפיל זי האָט זיך אויסגעבילדעט אין דרום-רוסלאַנד, און הגם זיינע השגות וועגן דער פראַגע פון סטיל און שפּראַך זיינען געווען קוריאָזע (זע זיין הקדמה צו זיין דערציילונג „דער נייער נגיד", 1879), האָט ער זיכער געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער שפּראַך-אַנטוויקלונג פון דעם יידישן מאַסנלעזער, באַקענענדיק אים מיט נייע ווערטער און באַגריפן. פאַר זיין באַציִונג צו דער שפּראַכפראַגע איז אינטערעסאַנט זיין אַרטיקל „ברייַנגט אונז דיא זשאַרגאָנישע שפּראַכע נוטצען" (אין „בילדער פונ'ם לעבען", II, 1883), וואו ער טרעט אַרויס קעגן די וואָס פאַראַכטן זייער מוטערשפּראַך, כאָטש זיי זיינען „גור מיט איהר זייער גאַנץ לעבין דורכגעגאַנגען", לאַכט אויס די וואָס מיינען אויפצוקלערן דאָס פּראָסטע פאָלק דורך העברעישע אָדער פרעמדשפּראַכיקע צייטונגען און ווערק.

בשעת וועז מ׳קען דאָס דערגרייכן נאָר דורך דער פאָלקס־שפראַך, וואָס דורך איר האָבן „זעהער פיעל אויטאָדידאַקטען זיך ערלערינט אין אַ קורצער צייט פיעלע וויכטיגע זאַכין וועלכע אונזערע זשורנאַליסטען און צייטונג שרייבער וואָלטען דאָס ניט אויסגילערינט אין הונדערט יאָהר", און האַלט פיר דער „חברה מפיצי השכלה בישראל", אַז אָנשטאָט צו פאַרשווענדן מאַ׳ן געלט אויף די העברעישע שרייבער זאָל זי בעסער שטיצן די יידישע שרייבער. פאַר זיין פובליציסטיק איז אויך כאַראַקטעריסטיש זיין אַרטיקל „אונזערע שרייבער" („בילדער פונ׳ם לעבען", IV), געווענדט סיי קעגן „דיא רעליגיעזע מחברים, וואָס בעגליקען זעהער אָפט זייער פאָלק מיט נייע שאלות ותשובות, מיט נייע פרושים אויף דעם ש"ס און אויף דיא פוסקים, מיט נייע דינים און חומרות" אאַז"וו, וואָס האָבן „געמאַכט דאָס גאַנצע יודישע לעבען וויא אַ פינסטערין קערקער...", ווערענד משה האָט שטרענג בעפאָהלען „לא תוסיפו עליהם", — סיי קעגן „דיא מפרשים פון דעם תנ"ך", און ער פרעגט די קשיא „וואָס פאַר נוטצען בריינגען דיא לעצטע מיט זייער פהילאָלאָגיע, וואָלט ניט גלייכער גיוועזן זיי זאָלין קלערין וועגין וויכטיגערע זאַכין? וויא צום בייאשפיל וויא אַזוי צופערבעססערין דיא יודישע קריטישע לאַגע? דוכט זיך מיא האָט זיך שוין גענוג איבערצייגט, אַז וויפיל פרושים וויפיל קאָמענטאַריום׳ס מיא וועט מאַכין אויף דעם ביבעל וועלין דיא אונפערשטענדליכע פסוקים אונפערשטענדיק בלייבין, און אַז מיא וועט זייא שוין פערשטעהען וואָס פאַר אַ גליק ליגט דאָ אין דעם?... וועלין שאָן דאַמיט אויסגעריססען ווערין דיא שלעכטע מידות וואָס דער לאַנגער גלות האָט אין אונז פערפלאַנצט?" אינטערעסאַנט איז זיין אַרטיקל „וועגען דער אַסימילאַטציע" („בילדער פונ׳ם לעבען", V — VI); די סיבה פון דער אונטערדריקונג פון יידן זעט ער אין דעם געזעץ, אַז דער שטאַרקער זאָל דריקן דעם שוואַכן, „דער שוואַכער מאָג גירעכט זיין וויא גאָטט אַליין. ער מאָג נעבאַך אויסגיסען דיא גאַל טענהנדיג און שרייענדיג..., וועט מען אים אַזוי הערין וויא פאַראַיאָהריגען שנייא, און מיא וועט געפינען אויף איהם אַזעלכע חטאים פאַר וועלכע מיא מוז איהם דריקען און שטיקען... מיר מאָגין זיך אויספיינען וויא מלאכים, האנדלען וויא הימלישע מענטשען וועט מען אַלס אין אונז געפינען פעלערין און מיא וועט אונז דריקען און שטיקען..." און ער קומט צום אויספיר, אַז „מיר וועלין אַזוי לאַנג ליידען ביז עס וועט זיין איינס פון דיא צווייא, ענטוועדער מיר וועלין אַמאָהל אויך ווערין בעלי־בתים (איך זעה אַפילו ניט אַרויס וויא אַזוי) און מיר וועלין חאָטש וויפיל עס איז קרעפטין האָבין. אָדער עס וועט קומען דיא צייט וואָס ישעיה הנביא האָט אַרויסגעזעהען, אַז פון אַללע נאַציאָנען וועט ווערין איינס. אַוואָלף וועט לעבין צוזאַמען מיט אַשעפעלע, אַלעמפערט מיט אַציגעלע, דאָס הייסט אַז דער שטאַרקסטער וועט אויפהערין צודריקען דעם שוואַכען..." — זייענדיק נאָענט צו דעם מאַסנמענטש, ניט האָבנדיק אין זיך די גאווה פון אַ מחבר, איז ש׳ מיט דעם לעזער אָפט זייער פאַמיליער, גוט־ברודעריש, הגם די דאָזיקע פאַמיליערקייט איז אָפטמאָל שוין צו פלעבעיִש, אַזוי ווייט, ער מאַכט חוזק פון זיינע אייגענע ראָמאַנען אין אַ גאַנצער ריי פון

זיינע פאָררעדעס (ווי צו „ראָשקעלע קאָזאַק“, „דער אוצר“, „דער פערפלעקטער יחוס“, „צווישען צוויי פלאַמען“ אאַז״וו). אין זיין לצנותדיקן פאָרוואָרט „אַן דיא לעזער!“ צו זיין ראָמאַן „דיא רייכע ירושה“ שרייבט ער, למשל: „אָנפאַנגס האָב איך טאַקי געמיינט, אַז איך מיין מיט מיין שרייבען נור טובות הכלל. ענדליך האָב איך מיך אין זיך אַליין איבער צייגט אַז ניט דאָס האָב איך געמיינט, איך האָב גאָר פשוט וויא אַזינדיגער בשר ודם געמיינט דאָס קערביל צו פערדינען...“ אאַז״וו. אין דער פאָררעדע צו דעם ראָמאַן „דער שטרענגער פעטער“ לְצעוועט ער בזה הלשון: „אַלע מיינע מעלות האָט איהר ליעבע לעזער געוואוסט, איהר האָט געוואוסט אַז איך קאָן מאַכין קליינע ראָמאַנען אונ גרויסע, אונ איך קאָן אויף פיהרען וויא אַשדכן ווענד מיט ווענד, בערג מיט בערג, אַייך איז אויך גיוועזן בעקאַנט אַז איך קאָן מאַכין דיא העלדין פון מיינע ראָמאַנען זאָל זיך שיסען, הייאנגען אונ זיך צעהן מיתות אָנטאָהן, נאָר איין זאַך האָט איהר ניט געוואוסט, אַז איך קאָן פון טויט לעבעדיג מאַכין, נוא יעצט האָב איך געוויזען אַז דאָס איז ביי מיר אויך פון דיא קליינע זאַכין, דאָ האָט איהר אַ געשיכטע וויא אַטויטע איז לעבעדיג געוואָרין“ אאַז״וו אאַז״וו — מיט דעם שלוס: „איך האָב קיין צייט אַגרעסערע פאָררעדע צוא מאַכין ווייל איך מוז מיך שוין זעצען שרייבען אַנייעם ראָמאַן...“ ש׳ איז געווען אומגעהייער פראָדוקטיוו, און זיין שנעלקייט אין שרייבן איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער פלעגט אָפטמאָל שרייבן עטלעכע ראָמאַנען פאַר אַמאָל. קאָברין דערציילט אין זיינע זכרונות, ווי אַזוי ש׳ האָט שמועסנדיק מיט אים גלייכצייטיק געשריבן „קאָפּיע“ פאַר צוויי וואַרטנדיקע זעצער, וואָס האָבן געזעצט צוויי זיינע פאַרשיידענע ראָמאַנען. ש׳ אַליין האָט זיך באַרימט, אַז אין צוויי נעכט ווערט ביי אים פאַרטיק דער גרעסטער ראָמאַן. לויט ק. מרמר האָט ש׳ פאַרפאַסט אַרום 205 ראָמאַנען און דערציילונגען אין יידיש, אַרום 50 פּיעסן, אַרום 15 ראָמאַנען און דערציילונגען און אָן אַ שיעור לידער אין העברעיש, אויסער אַ מאַסע זשורנאַליסטישע אַרטיקלען אין ביידע שפּראַכן, אויך א״פ שמעון־חיים קריטישאָוו א״אַ. אייניקע פון זיינע ראָמאַנע: לא די וואָס זיי פאַרנעמען 3 און אַפילו 4 טייל, האָבן נאָך אַ המשך אונטער אַן אַנדער טיטל (למשל, „דיא נייע וועלט“ — „דער פּרעזידענט“ — „אַבונק יודישקייט אָדער דער בלוט בלבול“). דער אָפּגאַנג פון ש׳ס ראָמאַנען איז געווען אומגעהייער. זיין ערשטער ראָמאַן, „דער קאַטאָרזשניק“, האָט גיך דערלעבט אַ דריטע אויפלאַגע צו 10 טויזנט עקז׳ און אומגעפּער אַזוי זיינען אויך געגאַנגען זיינע אַנדערע ראָמאַנען, וואָס פלעגן שיר ניט אַלע יאָר איבערגעדרוקט ווערן אין משך פון אַ לאַנגער צייט. זיינע ביכלעך האָבן אויך געגרייכט צו דעם יידישן לעזער אין גאַליציע, ווי עס זאָגט עדות דער בריוו פון דעם רעדאַקטאָר פון „האור“ דוד־ישעיהו זילבערבוש צו ש׳ן (פאַרעפנטלעכט אין „בילדער פונ׳ם לעבען“, 1884, IV). ש׳ איז געווען דער ערשטער יידישער שרייבער אין רוסלאַנד, וואָס האָט געקראָגן גענוג באַצאָלט פאַר זיין שרייבן און די פאַרלעגער האָבן אים געזוכט. אָנגעהויבן פון די ווילנער פאַרלעגער פין, אברהם שווינציאַנער, מ״ץ, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן ש׳ס ערשטע מעשה־ביכלעך, האָבן כמעט אַלע יידישע דרוקער אין ווילנע, וואַרשע,

אָדעס אַאַז״וו געזוכט צו דרוקן זיינע זאַכן. אַ געוויסע צייט איז ראָם געווען דער הויפּט־אַרויסגעבער פון ש׳ס ראָמאַנען. נאָכן טויט פון דער אלמנה דבורה ראָם, ווען די פירמע האָט אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירן מיט דעם מין ליטעראַטור, זייַנען די מאַטריצן פון אַ ריי ש׳ס ראָמאַנען אָפּגעקויפט געוואָרן פון דעם בוכהענדלער מרדכי קאַצענעלענבויגן, וועלכער האָט זיי איבערגעדרוקט יאָר אויס יאָר איין ביז פאַר דער מלחמה; און עד־היום ווערן נאָך זיינע מעשה־ביכלעך איבערגעדרוקט פון דער פירמע ראָזענקראַנץ־שריפטזעצער א״אַ און שפּאַרן לעצטנס אָן קיין גאַליציע, רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיע. די פאַרלעגער פלעגן אָפט אויף די שער־בלעטער פון זיינע דערציילונגען אַרויפשטעלן די באַצייכענונג ראָמאַן, עס זאָל בעסער גיין. די גרויסע פּאָפּולאַריטעט פון ש׳ס ראָמאַנען האָט ניט נאָר געשאַפן אַ גאַנצע חברה נאָכמאַכער, וואָס האָבן פּראָדוצירט אַנגראָ „העכסט־אינטערעסאַנטע ראָמאַנען" און המונישע מעשה־ביכלעך, נאָר האָט אויך געבראַכט דערצו, אַז זיין פּס״נ אָדער אַ וואַריאַציע פון אים פלעגט אָפט פּלאַגיירט ווערן פון די דאָזיקע ניט־איבערקלייבערישע פאַרפאַסער. אַזוי, למשל, האָט אַ געוויסער פּס״נ ש מ י ר פאַרפאַסט אַ גאַנצע ריי מעשה־ביכלעך, ווי „דער שאַך פערסקי", „מעשה פון פרומען ר׳ טוביה", „מעשה פון ענגלישע אָפיציערען", „מעשה פון עשרת השבטים אין סמבטיון", „מעשה פון דיא רויטע יודלעך", „מעשה פון פערציג גזלנים", „מעשה פון נבוכדנאצר מיט זיינע חלומות" (מ״ך). אַן אַנדערער האָט אַרויסגעגעבן אַ דערציילונג „מאַליאַטער גנב" (ווילנע, 1885) א״נ שייקעוויטש בן שמר; טייל אַזעלכע פאַרפאַסער פלעגן זייער נאָמען דרוקן מיט קליינע אותיותלעך, צושטעלנדיק דערביי, למשל, — „אויף דעם אָרט פון ש מ ר" — מיט גרויסע אותיות. — די לעצטע צייט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אויפגעלעבטן אינטערעס צו דער יידישער ליטעראַטור פון די פאַרגאַנגענע תקופות, האָט זיך אויך אויפגעוועקט אַ געוויסער אינטערעס צו דעם בשעתו פּאָפּולערן ראָמאַניסט. אַזוי, למשל, איז דעם 20/XII 1923, צו זיין 18טן יאָרצייט, אין נ״י אַראַנזשירט געוואָרן אַ גרויסער געדענק־אָוונט לכבוד שמ״ר, אויף וועלכן עס זיינען אויפגעטרעטן מיט רעדעס יוסף באַראָנדעס, ראובן ברייַנין, צבי־הירש מאַסליאַנסקי א״אַ; עס איז אויפגעפירט געוואָרן -- צום ערשטן מאָל — ש׳ס אַ קאָמעדיע „אוי, אוי, די ליבע", רעזשיסירט פון זיין זון אברהם ש׳, עס זיינען געזונגען געוואָרן לידער פון ש׳ס פּיעסן, מיט מוזיק פון יוסף רומשינסקי אַאַז״וו.—אין זיין פּערזענלעכן מגע־ומשא מיט מענטשן איז שמ״ר געווען אַ שטילער, אַ שווייגנדיקער, אָבער פול מיט הומאָר. „....דער אַלטער ש׳ — שרייבט קאָבּרין — האָט געמאַכט אויף מיר דעם בעסטן אייַנדרוק. ער האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון דעם היימישן יידישן באַלעבאָס, צי גאָר פון דעם געוואָרענעם היימישן שיינעם גביר — אַזאַ שטילע און נאַטירלעכע שטאָלץ און אַזאַ פיינע געלאַסנקייט אין זיין האַלטונג און אין זיין יעדער מינע". — די קינדער ש׳ס זיינען אַלע געבליבן פאַרבונדן מיט דער יידישער ליטעראַטור און מיט יידישע באַוועגונגען (זע שאָמער אברהם, מרים, ראָזע). — די יינגסטע טאָכטער זיינע, חנה (געב׳ 1/V 1889 אין אָדעס, דערצויגן אין נ״י, וואו זי האָט אויך באַקומען איר בילדונג), האָט פון קינדווייז

אויף אַרויסגעוויזן גרויסע מוזיקאַלישע פעיִקייטן, אָבער צוליב די מניעות מצד די עלטערן האָט זי ערשט 1914 (נאָכדעם ווי זי האָט 1910 חתונה געהאַט מיט מאָריס ראָטענבערג, איצט פּירער פון די ציוניסטן אין אַמעריקע) אָנגעהויבן איר קאַריערע אַלס זינגערין פון יידישע פאָלקסלידער און איז געוועזן איינע פון די ערשטע צו פּאָפּולאַריזירן דאָס יידישע פאָלקסליד אין אַמעריקע. זי האָט אויך פאַרפאַסט אַן אָפּערעטע א״ט „אַמאָל איז געווען אַ מעשה״, אין 3 אַ׳ און 9 בילדער, וועלכע איז צוזאַמענגעשטעלט דורכאויס פון פאָלקסלידער, געבונדן דורך אַ האַנדלונג. נאָך איר באַזוך אין א״י (1927) האָט זי געזאַמלט לידער, וואָס די „בלאָך פּאַבלישינג קאָ.״ האָט אַרויסגעגעבן א״ט Songs heard in Palestine. זי גיט אויך לעקציעס אויף יידישער מוזיק.

די ש׳-ביבליאָגראַפיע איז נאָך אַבסאָלוט ניט באַאַרבעט און ס׳איז ביז היינטיקן טאָג נאָך אוממעגלעך פעסטצושטעלן אפילו די טיטלען פון אַלע זיינע פאַרפאַסונגען. די רשימה, וואָס מיר גיבן דאָ אונטן, איז ניט קיין פולע און בלויז צום טייל פון אויטאָפּסיע; די דאַטן פון פּ״ג און יאָר פון דרוק, וואָס מיר ברענגען, זיינען דאָ, ליידער, אָפט צופעליקע און גיבן ניט אַלע-מאָל אָן די דאַטע פון דער ערשטער אויסגאַבע:

„אויס כּלה ווייטער מויד / איינע וואַהרע ערצעהלונג וועלכע קאַן הייסין ראָמאַן״, מץ, תרמ״ט, 1912, ז׳ 32; „די אונגליקליכע ליעבע אָדער דער כּשרער ממזר״, ראָמאַן אין 2 ט׳, וואַרשע, 1882, תרמ״ח און תרמ״ט; „דיא אונגליקליכע רחל״, וואַרשע; „דיא אומגליקליכע שיינדעלע״, וואַרשע; „דער אונגעטרייער חתן אָדער דער מאָדנער לעהרער״, ראָמאַן אין 3 ט׳, ראָם, 1884, 1888, ז׳ 90+86+88; „אונגעריכטער גליק / זייער איין שיינע געשיכטע, זיא וועט מאַכין דיא לעזער גרויסע פערגעניגין״, ווילנע, 1877, ז׳ 24, ראָזענקראַנץ-שריפטזעצער — 1923, ז׳ 32; „דער אוצר אָדער דער קאַלטער גזלן״, ראָמאַן אין 2 ט׳, ראָם, 1884, ז׳ 84+78, יוצא לאור ע״י יעקב דרוקקערמאַן מסדליקאָב; „דיא אייזערנע פרויא אָדער דאָס פערקויפטע קינד / איין וואונדער-שיינער ראָמאַן״ (מץ, 1882, 1903, ז׳ 156); „איציקל אָדער דאָס יודיש גליעד״, מץ, 1912, 1914, ז׳ 32; „דיא אַמעריקאַנישע גליקען / אַ ראָמאַן פון אידישען לעבען אין אַמעריקאַ״, אין 5 ט׳, מ. קאַצענעלענבויגען, 1895, 1912, ז׳ 92+96+100+72+70+II; „אַנגעפּייפט / איינע שיינע ערצעהלונג וועלכע קאַן הייסין ראָמאַן״, מץ, 1889, 1912, ז׳ 32; „דאָס אַנטיקעל אָדער די כּשרע מציאה / אַ ניי מאָדנער ראָמאַן״, מץ, תרמז, 1888; „דער אַנטלאָפענער סאָלדאַט״, וואַרשע, תרמ״ט, ווילנע, 1895; „דער אַנטלאָפענער פון סיביר״, ב״י; „דער אַנטלאָפענער קאַסיר״, פּ״ג בלעטניצקי, אָדעס; „דער אָרמער מיליאָנער״, לויט „שמרס משפט״ — איבערגעניצעוועט פון „די געהיימניס פון פּאַריז״ און פון דיומאַס „גראַף מאָנטע קריסטאָ״, וואַרשע, 1893; „דער באַראָן אונ דיא מאַרקיזה / אַ העכסט אינטערעסאַנטער ראָמאַן״, אָדעס, בלעטניצקי, 1902, ז׳ 74; „דער באַראָן דע אַגילאַר / איין אינטערעסאַנטער ראָמאַן״, פּ״ג ברידער חיים און פּרץ בלעטניצקי, וואַרשע, 1838, 2טע אויסגאַבע 1884, 1890, ז׳ 74; „ביהגען אָרום האָניג אָדער דיא רייכע מומע״, ראָמאַן אין 3 ט׳, ראָם, 1890, ז׳ 92+96+94; „דיא בלוטיגע ליעבע״, וואַרשע; „דער בלוטיגער אַדיע; אָדער גיפט אין גליקסבעכער / איין וואונדערליכער ריהרענדער ראָמאַן, וועלכער ווערדעט דעם לעזער פיעלע פערגעניגען פער-שאַפען״, 1879, תרמ״ט, מץ, 1911, ז׳ 88; „דער בלוטיגער קעניג״, ב״י; „די בלינדע יתומה אָדער צווישען טיגערן״, ראָמאַן, מץ, 1911, 1915, ז׳ 156; „דער בעל מופת״, דערצ׳, ווילנע (וואַרשע?), 1890; „דער בעל תשובה״, ראָמאַן, ווילנע, 1880, 1890, ז׳ 170; „בריינדעלע אָדער שלעכטע ספּעקולירטס״, מץ, 1896, 1912, 1914, ז׳ 32; „גאָלדהענדלער״, ראָמאַן, בלעטניצקי, ווילנע, 1896; „גאָלד פאַר שטיינער / איינע וואַהרע ערצעהלונג״, מץ, תרמ״ט, 1899, 1913, 1914, ז׳ 32; „דיא גאָלדענע קעלבער אָדער דער קצב אין סאַלאָן / ראָמאַן אין צוויא טהייל״, ראָם, 1887, 1890, ז׳ 88+102; „דער גאָלדענער פויגעל״, וואַרשע, 1888, ז׳ 48; „גוואַלד וואו איז מיין באָרד; / איין ראָמאַן״, מץ, 1886, 1895, 1911, ז׳ 79; „גוטער טייפעל״, ראָמאַן, ב״י; „אַ גט מיט אַ חתונה״, 1884; „גלות מאָסקווא״, ב״י; „דער גליקליכער פּאַסטוך״, ראָמאַן, ווילנע, 1879, ז׳ 40, ראָם, 1887, 1888, ז׳ 50,

ווארשע, 1894 ; „דיא גן עדן פייגעלע / אײנע הערליכע געשיכטע וואס עס האט גע-
טראפען אין א רוסישער שטאט מיט 140 יאר צוריק",
אויסגאבע שוּוענצאנער, 1878, 1881, 1888, מץ,
1908, 1912, 1914, ז' 32 ; „דער געבילדעטער
עם-הארץ / אהיסטארישער ראמאן", ראם, 1884,
1893, ז' 108, ארויסגעגעבן פון ב. קאפעלאוויטש,
דענעבארג ; „דער געבענטשטער פאטש / אײנע
וואהרע ערצעהלונג", 1887, 1888, ז' 64, הערויס-
געבער בוכהאנדלער ש. פאטאשניק מסלאוויטא ;
„געגטע מיידעל" (?) ; „געהיימע יודען", ראמאן,
נ"י, 1901 ; „געטרייע מוטער", ראמאן, ווארשע,
1897 ; „געלד פאר פעטש / אײנע וואהרע
ערצעהלונג", מץ, 1889, 1912, ז' 32 ; „דער
געמאכטער יורש / א היסטארישער ראמאן",
ווארשע, 1881 ; „די גערצאגינע" (? — זע גרינ-
בוים) ; „דער דערטרונקענער אין טייך ווייסיל",
ווארשע, 1885 ; „די דריי קמיעות", דערצ', ווילנע,
1878, 1898, ז' 30 ; „האלב מענש האלב אפפע
אדער וואו זוכט מאן דעם אמת / אײנע וואהרע
ערצעהלונג", ראם, תרמ"ח, תרמ"ט, ז' 66 ;
„האניג פון אלייב אדער ארדענטליך בעצאהלט /
אײנע וואהרע ערצייהלונג", מץ, ווילנע, 1888—9,
1896, 1914, ז' 32 ; „הימעל אונ ערד אונ שווינ-
דעל / אבילד פונֶם לעבען", ראמאן, ווילנע,
תרמ"ט, מץ, 1912, ז' 32 ; „די היינטמאדישע
כלה", ראמאן, 1881, 1887, ווארשע, תרמ"ט ;
„המנס מפלה אדער דער פסק / אײנע העכסט
אינטערעסאנטע ערצעהלונג" מץ, תר"ן, ז' 32 ;
„ווידוי פון אן ארעסטאנט", נ"י ; „זון פון
צוויי מאמעס", ראמאן, ווילנע, 1890 ; „דער
זיגעל" (?), מץ, ז' 32 ; „דער זשענ-
טעלמאן אדער סוף גנב לתליה / א העכסט
אינטערעסאנטער ראמאן אין 5 טהייל... פון
אמעריקאנישען... רומענישען יודישען לעבען",
ראם-קאצענעלענבויגען, 1899, ז' 56+48+52 ;
„חאצקיל דער באבעס זון / זייער אשיינע גע-
שיכטע / וואש איז גיוועזין, זיא איז זייער
גישמאק צום לעזין, מי קען פון איר לוסטיג
ווערין, אונ אויך פערגיסין טייכין טרערין, /
אשיינער מוסר איז אין איר אויך פאראן, פאר
דעם וואס איז ניט קיין בולוואן", פין, 1876
(צענזורירט $16/_{I}$ 1876), ז' 30, 1893, ז' 32 ;
„חאצקעלע דער קצין", ווילנע, 1886 ; „די
חליצה / איין אינטערעסנער ראמאן", פ"ג פון
בוכהענדלער ר' ברוך קאפעלאוויטש פון דענעבארג,
ווילנע, 1883, 1884, 1893 ; „דער חכם", ראמאן,
1884, ווארשע, 1890 ; „די חצופה אדער אן איבער-

קערעניש", דערצ' ווילנע, תרמ"ח ; „א חתונה אהן
א כלה / הומאריסטישע געשיכטע", ווארשע, 1892 ;
„אחתן אויף אווילע / אײנע וואהרע שיינע ערצעהלונג
וועלכע קאן הייסין ר א מ א ן", 2טע אויפלאגע—מץ,
תרמ"ט, 1889, 1899, 1912 ; „חתן דמים אדער
די בלוטיגע ליבע", ווארשע, תרמ"ט ; „דער
חתן קומט ! / אײנע לוסטיגע ערצעהלונג", ווילנע,
מץ, תרמ"ט, 1912 ; „א טאטע פון יענער וועלט",
ווילנע, פונק, תרמ"ט, 1895 ; „אטויטער בעולם הזה/
אגרויסער חטא ארויס גינומען פון דיא חטאים
וואס דער אפיקורס סאלאמאן בוימבלאט האט
גיטאן אין זיין לעבין. / ארויס גיגעבין אין
דער וועלט על ידי אחד מעשרה הבטלנים אשר
בקלויז ניפסק יהודה ב"ר שמריהו הנודע בשם
יודקע שמערקעס", פין (ראזענקראנץ—שריפטזע-
צער), 1892, (פון דער ווילנער אויסגאבע 1876),
ז' 24, 1923 ; „טויטער גאסט", נ"י ; „טייפעל
כאפט דעם מלמד", דערציילונג, ווילנע, 1886 ;
„דער טיראן— א ראמאן פון דער היינטיגער טי-
ראנישער רעגיערונג פון רוסלאנד", פ"ג יעקב
סאפירשטיין, נ"י, 1893, 80 העפטן ; „דער
טיראנישער ברודער אדער דער אפעקון",
ווארשע, דרוק גינס, 1883, תרמ"ט, ז' 44 ;
„טרייפניאק", ראמאן, ווילנע, 1894 ; „יאקעל
מאפס אדער פון לייד אין פרייד / אײנע וואהרע
ערצעהלונג", מץ, 1896, 1912, 1913, ז' 32 ;
„יודקע שמערקעס גליקען", הומאריסטישע דערצ',
נ"י ; „יודקע שמערקע פאהרט נאך אמעריקא",
נ"י ; „דער איד אונ די גרעפין אדער יודעלע
דער וועלט בערימטער חודאזניק / א העכסט אינ-
טערעסאנטער אונ רירענדער ראמאן פון דיא
רוסישע עמיגראנטען אין אמעריקא", אין 4 ט',
פ"ג מרדכי קאצענעלענבויגען, ווילנע, 1892 (?),
1912, ז' 92 + 96 + 92 + 132 ; „די
יודישע קעניגין / איין וואהרע ערצ'",
ווארשע, דרוק גינס, תרמ"ט, ז' 40 ; „דער אידע-
שער פריץ / דראמא אין פינף אקטען אין צעהען
קארטינעס", מץ, 1888, /189, ראם 1909, ז' 72 ;
„יחיאל בוף", דערצ', ווילנע, 1894 ; „דער
ישיבה-בחור / אײנע הומאריסטישע ערצעהלונג
וועלכע קאן הייסין ר א מ א ן", 2טע אויפלאגע—
ווילנע, תרמ"ט, 1912 ; „אכלה אויף פראקאט /
אײנע שיינע ערצעהלונג וועלכע קאן הייסין
ראמאן", 2טע אויפלאגע — מץ, תרמ"ט, 1895,
1912 ; „אכלה פון דרייא חתנים / אהיסטארישער
ראמאן", ראם, 1892, ז' 62 ; „דער כשרער יוד
אדער צוויי קעץ אין איין זאק", ראמאן, מץ,
1884, 1900, תרע"א, ז' 190 ; „דער כשרער ממזר",

ווארשע; „אלונג און לעבער אדער די אשת-איש׳-ניצע / אמעשה פון דער פערגאנגענהייט״, מץ, 1889, 1895, 1912, ז׳ 32; „לעבעדיקע מתים״ — קאמישער וואדעוויל, ב״י; „דער לעבעדיגער טויטער״—קאמעדיע, אדעס, 1883; „דער לעצטער יודישער קעניג / א היסטארישער ראמאן״, מ. קאצענעלענבאגען, 1911, ז׳ 100+122; „דיא מאדאם פלאטקע״, דערצ׳, מץ, תרמ״ט, 1912, ז׳ 32; „דער מארד אויס ליבע / איין היסטארישער ראמאן״ אין צוויי ט׳, ראם, 1890, ז׳ 112+136; „די מומע טאלצע״, ווילנע, 1888, תרמ״ט; „מחותנים פון שונאים / א קורצער ראמאן / פאהן שמ״ר״, ראזענקראנץ-פין, 1876, ז׳ 40, 1893, ז׳ 32; „א מיאוסער טעות / איין סאטירישע ערציילונג וואס דער בערימטער אפיקורס טאלאמאן בוימבלאט האט דער ציילט פאר זיין טויט דעם בטלן פון ניפסקער קלויז יודקע שמערקעס״, פין, ראזענקראנץ און שריפטזעצער, 1876, ז׳ 24, ווארשע, 1910; „א מענש אלס גאט״, דערצ׳ (ראמאן?), ווילנע, 1887, 1888; „אנאר פון באד ארויס / איינע שיינע ערצעהלונג״, מץ, תרן, 1912, ז׳ 32; „ניט טויט ניט לעבעדיג / ערצעהלונג פון דעם בטלן יודקע שמערקעס״, מץ, 1893, ז׳ 72; „דיא נייע וועלט אדער דער אידעשער לעבען אין אמעריקא / איין העכסט אינטערעסאנטער ראמאן״, אין 4 ט׳, ראם, תרנ״ד, מ. קאצענעלענבויגען, 1897, ז׳ 121; „דער נייער נגיד אדער דיא שלעכטע שטיפמוטער״, מץ, 1913, ז׳ 37; „נישט געשטויגען און נישט געפלויגען״, דערצ׳, ווילנע, 1890; „ניקאלאי דער ערשטער״, ב״י; „דער ספעקולאנט״, דערצ׳, ווילנע, 1886; „דיא עגונה״, ראמאן אין 2 ט׳, בלעטניצקי, שפעטערע אויסגאבע—ווילנע, 1894; „דער עגיפטישער המן / אדער די לאנגע נעז / היסטארישע ערצעהלונג״, ראם, 1889, ז׳ 52; „דער פאדריאטשיק״, ראמאן, 2טע אויסגאבע—ווארשע, 1884, תרמ״ט; „א פאטש פון זיין ליבן נאמען״, ראמאן, 2טע אויפלאגע — ווארשע, דרוק גינס, 1887, 1894, ז׳ 33; „דער פאימאניק אדער דאס העלדישע מעדכען״, ראם, 1892, 1897, ז׳ 42; „דער פוסטער מיוחס / א וואהרע ערצעהלונג״, ראם, 1887, ז׳ 58; „פלטיאל אקס דער אנטלאפענער קאססיר״, ראם, 1887, ז׳ 167, 2טע אויפלאגע — תרמ״ט; „דיא פסולע הושענא אדער אחתונה מיט גוואלד״, ווילנע, מץ, תרמ״ט, 1914, ז׳ 32; „די פעדלער״, ב״י; „דיא פרינצעסין אין וואלד אדער דאס וואלד-קינד / אוואונדערליכע געשיכטע וואס האט זיך געטראפין אין דר לאנד מאראקא אין

דעם 13 טען יאר הונדערט״, 1876, ז׳ 28, ל. מץ, 1879, 1886 א״א, ז׳ 32; „דער פרעזידענט אדער דער אידישער לעבין אין רומעניען / א העכסט אינטערעסאנטער ראמאן פון דעם אמעריקאניש-רומענישען יודישען לעבין״, אין 4 ט׳, מ. קאצענעלענבויגען, ווילנע, 1898, ז׳ 64+64+60+52; „דער פאלשער הערצאג״, א היסטארישע דערצ׳ (זע „שמרס משפט״), ווארשע, 1895; „דער פאלשער פרינץ / איינע היסטארישע ערצעהלונג״, ראם, 1888, 1891, 1892, ז׳ 72; „דאס פארדרייענעש״, ווילנע, תרמ״ט; „דער פערלארענער זאהן מיט דיא זיידענע העמדעלע / אהערליכע געשיכטע וואס עס האט זיך געטראפין אין האלאנד מיט אייניגע יאהרין צוא ריק״, אויפלאגע פאן אברהם צבי שווינצאנער מ״ס בווילנא, 1878, ז׳ 32, מץ, 1912, 1913; „דער פערלוירענער חתן״; „דער פערפלעקטער יחוס אדער פון דער חופה צום טויט״, ראמאן אין 2 ט׳, בלאטניצקי באדעסא, 1894, ווארשע, 1902, ז׳ 120; „די פארקויפטע כלה״, ראמאן, ווארשע, 1886, תרמ״ט; „פון גהינום אין גן-עדן אדער דער חלום / איינע העכסט אינטערעסאנטע ערצעהלונג״, מץ, תר״ן, 1912, 1913, ז׳ 31; „פון וואסער אין פייער / אבילד פונם לעבען״, מץ, 1895, 1912, 1913, ז׳ 32; „פון טראהן צום שפאס״, היסטארישער ראמאן, ב״י; „פאן קליין צו דער קרוין / איין היסטארישער ראמאן״, אין 2 ט׳, 2טע אויסגאבע — ווילנע, 1889, ז׳ 134+132; „א פונק יודישקייט אדער דער בלוט בלבול / א העכסט אינטערעסאנטער ראמאן אין 4 ט׳ פון דעם אמעריקאנישען אונד רומענישען יודישען לעבען״, ראם, 1899; „פיינער יונגערמאנציק״, דערצ׳, לעמבערג, 1883; „דער פרומער מערדער״, ראמאן, ראם, 1888, 1894, ז׳ 136 (זע ווייטער—„שודד ישר״); „צדקניות״, דערצ׳, מץ, 1885; „די צוויי גארענדיגע ליבע אדער געפעלט אייך מיין שוויגער״, ראם, 1888, ז׳ 78; „צוויא טעג און צוויא נעכט / צוויי שיינע ערציילונגען וואס דער אראבער מוראט האט דערציילט דעם קעניג ריכארד לעוועהערץ פון ענגלאנד / דער לעזער וועלכער וועט זיא לעזין וועט דעם גרעסטין פארגעניגין האבין״, דרוק ל. מץ, 1876, ז׳ 36, „פאר קויפט אויף אייביג לר׳ אברהם צבי שווינצאנער מ״ס בווילנא״; „דיא צוויא יתומים״, ווילנע; „צווייטער המן״, אפערעטע, ווארשע; „צווישען ליעבע און ראכע״, ב״י; „צווישען צוויא פלאמען אדער דער הפקר-יונג״, ראמאן אין צוויי ט׳, ראם, 1887, 1888, ז׳ 128+141, ווילנע, דרוק ציונסאן, 1912; „דער קא-

טארזשניק / איין העכסט אינטערעסאנטער ראמאן״, 1878 (?), הוצאה שניה עם הוספות—ווילנע, פונק, 1881 (אויסצוג ביי גרינבוים, ז׳ 75—76), ראם, 1888, 1889, 1910, ז׳ 144 ; „קאקעטע דאמען״, נ״י ; „קוגעל״, דערצ׳, ווילנע, 1890 ; „קלמן און זלמן/ איינע כאראקטעריסטישע ערצעהלונג״, 1895, מץ, 1912, 1913, ז׳ 32 ; „קעניג איבער נאכט״, נ״י ; „דער קעניג קאזימיר / א היסטארישער ראמאן״, ווארשע, גינז, 1905, ז׳ 40 ; „ראטהשילד / א בעשרייבונג פון ר׳ מאיר אנשעל ר׳״, נ״י ; „ראשקעלע קאזאק אדער אקלאפ נאך אקלאפ / אכאראקטעריסטישעס ערצאהלונג פאן יודישען לעבען וועלכעס קאן דינען אלס שפיעגעל פאר שלעכטע פרויען״, מץ, 1879, 1887, תרמ״ח, 1912, ז׳ 32 ; „ר׳ דניאל דער בעל נס / איינעווארע גישיכטע וועלכע עס איז גישעהן אין יאר 1200 / דא ווערט דער ציילט דיא גרויסע טובות וואס דער גוטער קיניג „לודוויג דער אייזערנער״ האט גיטאן צו זיין מדינה בעת עס איז אים נתגלה גיווארין דיא גאנצע פאלשין אונ אומרעכט וואס זיין פאלק האט גיליטין דורך זיינע שופטים גאר אן זיין ידיעה ביז עס איז אלץ קלאר גיקומן דורך דעם ר׳ דניאל דעם שמיד אונ עס איז פלוצלונג פערקערט גיווארין אלע ליידין צו פריידין : / איבערזעצט ע״י נחום מאיר שייקעוויץ (שמ״ר)״, מץ, 1884, 1886, 1895, 1912, 1914, ז׳ 32 ; „די רייכע ירושה אדער א מעשה אהן א סוף״, ראמאן אין 2 ט׳, ראם, 1886, ז׳ 86+96 ; „ריכארד צווישען שפאנישע רויבער / דאס איז אגעשיכטע גאר איין אנטיק, דא זעהט מען אז דער ערליכער האט טאקע גליק, אשווארצין סוף האבען די שלעכטע, אונ גאט איז שטענדיג מיט די גערעכטע״, ראזענקראנץ - שריפטזעצער, 1894, ז׳ 32 ; „דאס רעדעלע דרייט זיך״, דערצ׳, ווילנע, 1886 ; „דער רעוויזאר / אקאמעדיע אין 4 אקטען / אומגעארבייט פרייא פאן דער בעריהמטער רוסישער קאמעדיא „רעוויזאר״ (אדעס, 1883, ז׳ 56) ; „א רפואה פאר דער מכה״, 2טע אויפלאגע, תרמ״ט ; „דיא שבתדיגע פעטש / איין אינטערעסאנטע ערצעהלונג, מץ, 1913, ז׳ 32 ; „אשד אין זאק / איינע שיינע ערצעהלונג״, מץ, 1914, ז׳ 32 ; „שודד ישר אדער דער פרומער מערדער״, ווילנע, 1879, ז׳ 134 ; „שטיינערנער מענש״, ראמאן, נ״י ; „דער שטערענזעהער״, נ״י ; „דער שטרענגער פעטער אדער פון טויט לעבעדיג״, ראמאן אין 2 ט׳, צענזורירט אפריל 1888, ראם, 1890, ז׳ 128+158; „דיא שיינע (א?)מאליע״, ראמאן, שאכמאן אין אדעס, ווארשע, 1897, ז׳ 44; „אשיינע מעשה נאר אקורצע / איינע וואהרע ערצעהלונג״, ראם, 1887, ז׳ 67 ; „די שיינע רחלע / די געשיכטע קען אלס איין פערשפעקטיווע דינען, יודען! קוקט זיך איין דרינען, איר ועט אין איר ריכטיג זעהן, וואס פאר איין וועלט אמאל איז גיוועז, איר וועט דעם אלער העכסטין ליובין, וואס ער האט אייך פון אלע צרות אויס געהויבען״ — א מעשה פון דער אינקוויזיציע-צייט אין פארטוגאל״, מץ, 1912, ז׳ 32 ; „א שיינע ריינע כפרה״ — סאטירישע דערציילונג (זע „שמרס משפט״) ; „די שלימזל׳דיגע קנישיקלעך״—דערציילונג, ביילאגע צום „יודישען פאלקסבלאט״, 1888, ז׳ 16 ; „דער שלימזלדיגער האז״, מץ, 1886, תרס״ט, ז׳ 68 ; „דער שלימזלדיגער מזל טוב אדער אדעלע״, ראם, 1888, ז׳ 46+II ; „א שנעל אין באז / איינע וואהרע ערצעהלונג״, מץ, 1896, 1912, ז׳ 31 ; „שפאנישע אינקוויזיציאן / טראגעדיע אין 5 אקטען״, פ״ג ראבינאוויטש, נ״י, ז׳ 74 ; „א שפיצעל פון א שדכן / איינע לוסטיגע ערצעהלונג״ מץ, תר״ן, 1889, 1912, 1913, ז׳ 31 ; „א שפרונג אין הימעל אדער אויס גביר ווייטער שניידער״, ראמאן, מץ, תרמ״ז, 2טע אויסגאבע 1888, תרמ״ט ; „שרעקליכע געהיימניס״, נ״י ; „שרעקליכע געשיכטע״, דערצ׳, נ״י ; „דער שרעקלעכער בלוט בלבול פון טיסא עסלער (אונגארן)״, אדעס, 1884, ז׳ 90 ; „דער שרעקלעכער מערדער קריפאן״, ראמאן, ווארשע, 1908 ; „דער שרעקליכער מערדער ריכארד אדער דער זיעגעל / אשרעקליכע געשיכטע וועלכע האט זיך געטראפען פאן דאס יאהר 1780 ביז דאס יאהר 1800 אין פורטוגאל...״, מץ, 1885, 1912, 1914, ז׳ 31.

גארין פארצייכנט פאלגנדיקע טעאטערשטיק ש׳ס : „שפאנישע אינקוויזיציאן״, „דער מאמעס זינדל״, „דער מסור״, „דער יידישער פריץ״, „דער בעל-תשובה״, „דער פראצענטניק״, „דער קאטארזשניק״, „דער חלום״, „דער טעות״, „דער רעוויזאר״, „דער לעבעדיקער טויטער״, „אונגעטרייע ווייב״, „קאקעטע דאמע״, „צווישן צוויי פלאמען״, „הימל, ערד און שווינדל״, „צוויי מתים גייען טאנצן״, „דער פאראזיט״, „יהודית״, „די בלינדע פרינצעסין״, „אלטער״, „דער פארליבטער שנארער״, „די געהיימע יידן״, „דער פאסא״, „דער פלימעניק״, „דער זינדיקער רב״, „סאפא אדער די רויטע חופה״, „די חרטה״, „אני שלמה״, „זרובבל״, „די אלמנה״ ; „ציליע אדער גערעטעט דורך א קינד״, „דער נדר אדער עקיבא מיט זיינע

24000 תלמידים״, „די געטרײַ פרוי אָדער דער בלוטיקער אַדיע״—מעלאָדראַמע אין 5 א׳ (1887); „די לײַכטזיניקע אָדער פּרויענפאַרפירער״, „רבקה אָדער אַ יונג יידישקייט״, „דער לעצטער יידישער קעניג״ (1889); „באַראָן ראָטשילד״, „אסתּרקע אָדער די פּױלנישע קעניגין״ (1890); „טיטוס הרשע״ (1891); „רבי יהודה הלוי״ (1892); „דער געלט-קעניג״ — היסטאָרישע אָפּערע אין 5 א׳, 8 בילדער, „המן דער צווייטער אָדער דער קאַמישער הערשער״—היסטאָרישע אָפּערעטע אין 5 א׳, „שושנה אָדער דער ריכטער פון יריחו״— היסטאָרישע אָפּערע (1896); „די יידנפרעסער אָדער די געטויפטע מלכּה״ — היסטאָרישע אָפּערע אין 5 א׳, 8 בילדער (1897); „דבורה הנביאה אָדער יעל און סיסרא״, „קאַפּיטאַן דרייפוס״ (1898); „דער יידישער גראַף אָדער דאָס פאַר־ביטענע קינד״ — היסטאָרישע אָפּערע אין 5 א׳ (1899); „די יידישע עמיגראַנטן אָדער דער ביגאַמיסט״ (1900); „די גרינע אָדער דער פעטער אין אַמעריקע״—קאָמעדיע (אויפגעפירט מיט דוד קעסלערן); „די גאָלדענע מדינה״ (1901); „אַמעריקאַנער יידישקייט״ — דראַמע (1903); „אַ יידיש קינד״ — לעבנסבילד מיט געזאַנג, אַנטנומען (אויפגעפירט 1909). (אין זיין ראָ־מאַן „די חליצה״ ברענגט ש׳ אַ ליד פון זיינס אַ טעאַטערשטיק „יתומים״).

ש׳ האָט, ווי שוין דערמאָנט, אויך געשריבן אַ סך אין העברעיש, באַזונדערס אין די ערשטע יאָרן פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. ער האָט פאַרפאַסט ביז 200 שירים, געדרוקט דאָס רוב צום אָנהייב פון זיינע ראָמאַנען (ניט אַלעמאָל— אין אינעווייניקסטן צוזאַמענהאַנג מיט דעם אינ־האַלט פון ראָמאַן; אַזוי, למשל, באַמערקט ער אַליין אין אַ הערה וועגן זיין שיר „רחל מבכּה על בניה״— צו זיין ראָמאַן „די חליצה״ — אַז דער שיר האָט ניט קיין שייכות צום עצם סיפור המעשה און ער האָט אים אַריינגעשטעלט נאָר צוליב דער אַקטועלקייט), ווי אויך אין די יידישע צייטשריפטן, וואָס ער האָט אַרויס־געגעבן. פון זיינע דערציילונגען אין העברעיש זיינען אין באַזונדערע אויסגאַבן אַרויס: „קין או מות ישרים״, ראָמאַן אויס דעם יידישן לעבן אין פּאָרטוגאַל (וואַרשע, תּרמ״ז, ז׳ 176); „גלגל החוזר״, „עונות ראשונים״; אַ סעריע סיפּורים אין סאַטיריש-משׂכּילישן טאָן (פאַרפאַסס „בשפת בבל הבטלן הנכבד ר׳ יודקא שמערקעס מעיר בּירכּסף ועתה נעתק לשפת עבר צחה מאת נחום מאיר שייקעוויטש״ — וואַרשע, 1881): „אחרית צדיקים״ (איבערדרוק פון „הבוקר אור״, ז׳ 28), „טעות גוי״ (ז׳ 29), „כּויה תּחת כּויה״, (ז׳ 30), „מומר להכעיס״ (ז׳ 30); „אגודת רומנים / קבוצת ספורי־אהבים שונים / לקוחים מעולם המעשה, וביחוד מחיי בני ישראל״, אַנטהאַלט דעם ראָמאַן „הנדחת / ספור־אהבים נוסד על מעשה שהיה״ (I און II ט׳, ווילנע, 1886, ז׳ 101 און 100, III ט׳ — וואַרשע, 1887, ז׳ 110; אין דער „הקדמה קצרה״ צום דריטן טייל פאַרענטפערט ער זיך, אַז טאָמער וועט מען געפינען ביי אים וועלכע עס איז גריזן קעגן די שפּראַכגעזעצן, זאָל מען ניט פאַרגעסן, אַז ער איז איינער פון די קליינע פאַרפאַסערס, וואָס שרייבן זייערע סיפּורים אין יידיש, און ער האָט זיך שוין געהאַט מייאש געווען אין דער האָפענונג צו שרייבן אַ סיפּור אין העבּ־רעיש, אָבער אַ געוויסע סיבה האָט אים באַ־וואויגן צו פּרוּוון זיין כּוח אין דער שפּראַך, וואָס מיט איר האָט ער זיך אין דער יוגנט באַשעפטיקט מיט אַזאַ ליבשאַפט, און דאָס קטורת, וואָס מ׳האָט אים געריכערט פאַר די ערשטע חלקים, האָט אים דערוועקט אַרויסצוגעבן אויך דעם דריטן). אַ סך פון זיינע דערציילונגען זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיש ניט אָנצוגעבן דערביי זיין נאָמען (זע זיין התראה אין דער הקדמה צו „הנדחת״, I ח I); אַזוי איז, למשל, זיין ראָמאַן „די שיינע רחל״ איבערגעזעצט פון ח. ש. שפּירא אויף העברעיש א״ט „רחל היפה / ספר נפלא, יסודתו בדה״י ליהודים האנוסים בפורטוגל. מתורגם מאשכנזית לעברית״ (ירושלם תּרס״ד, ז׳ 26). לויט זיין אַוטאָביאָגראַפיע זיינען אייניקע פון זיינע ווערק אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש. אויף דייטש האָט ד״ר שלמה מאַנדעלקערן איבערגעזעצט זיין העברעיִשע סעריע סיפּורים פון יודקא שמערקעס אין דער Allg. Ztg. des Judenthums. אויף העברעיִש האָט ש׳ אויך פאַרפאַסט אַ בריוונשטעלער א״ט „פנקס פתוח / קבץ ספורים, משלים, שירים, מכתמים, מכתבים וידיעות מאמריקה בשפ״ע מקבילים אל הכתבים האלה בשפת זשאַרגאָן בשם „שמר׳ס פנקס״ אַלס פּאַראַלעל צו „שָמֶר׳ס פּנקס (דער צווייטער טהייל „שמר׳ס בריפענשטעלער״ / ענטהאַלט פערשידענע ערצעהלונגען, פאַבעלן, עפּיגראַממען, בריעף אונד וויכטיגע זאַכען פון אַמעריקאַ, געשריעבען אין אָרגאַן אויך אין העבּרעאיש אונטער דעם נאָממען „פ נ ק ס פ ת ו ח״ (פ״ג אונ אייגענטהום פון יוסף רעזני־

קאַמסקי ושותפו, ווילנע, 1902, ז' 84; דער ערשטער
טייל איז אַרויס א"ט „שמר'ס בריעפענשטעללער /
אַלערהאַנד בריעף פיר קליין אונד פיר גרויס, פיר
אָרם אונד רייך..." ז' 60; ש'ס בריוונשטעלער האָט
אויסגעהאַלטן 50 אויפלאַגעס). עס איז אויך צו דער־
מאָנען ש'ס אַ ליטעראַרישן קאַלענדער (תרמ"ח).

„ש'ס ביאָגראַפיע, ענטנאָמען פון זיין אויטאָביאָ־
גראַפיע וועלכע איז נאָך ניט געדרוקט", אין מיני־
קעס „ימים נוראים און סכות בלאַט", תרס"א, ז' 51—
52; ש'ס „בריעף פון אַמעריקאַ צו דער מוטער", אין
„ש'ס פנקס", ז' 57—84; ש'ס זכרונות וועגן יידישן
טעאַטער אין אָדעס, אין „מענשענפריינד"; „ספר
זכרון"; חכמי ישראל באמריקא"; American Je-
wish Year Book, תרס"ה; מאַקס זעליגמאַן, אין
JE, XI, ז' 92; צינבערג, אין EƏ, XVI, ז' 66—
67; id, אין Восходъ, 1903, III; קריטיקוס
(דובנאָוו), „די אָרעמע יידישע בעלעטריסטיק", ib,
1887, V, 2טע אָפטיילונג, ז' 6—21 (איבערגע־
דרוקט אין „יודישען פאָלקסבלאַט", 1887, 27—28);
id, 1888, X, ז' 11—12, XI, ז' 11—12, 22;
דוד פרישמאַן, אין „היום" (אַרונטערגעריסן זיין
ראָמאַן „הנדחת", וועלכער איז דערקעגן שטאַרק
געלויבט געוואָרן פון יל"ג אין „המליץ"); יעקב
מרדכי וואָלפזאָן, אַ רעצענזיע אויף „דעם שלימ־
מזלדיגען האָז", אין „יודישען פאָלקסבלאַט",
1887, 2; שמואל בערדיטשעווסקי, „געדאַנקען
וועגען ערציהונג אונ ליטעראַטור", ib, 1—3;
ש'ס ענטפער „אַ פּאַטש פאַר אַ פּאַטש", ib,
1887, 32; (י. לעווי?), „רעצענזיע" אויף
„אַ שפּרונג אין הימעל", „דאַס אַנטיקול" און
„דער פוסטער מיוחס", מיט אַ לאַנגער פּילפּולישער
חקירה וועגן פאַרדייטשמערישן די יידישע אָרטאָ־
גראַפיע, אין „ביילאַגע צום יודישען פאָלקסבלאַט",
1888, 11—12; „איינער פון די מיטאַרבעטער"
(י"ל קאַנטאָר?), „רעצענזיע" אויף „די גאָלדענע
קעלבער", ib, 16; יחזקאל ראָזענבערג (פון
מאָהליעוו־דניעפּער), „אונזערע נייע בעללעטרי־
סטיק", אַ שאַרפע און זאַכלעכע קריטיק פון
ש'ס ווערק, בפרט פון דער דערציילונג „די
חצופה" און פון דעם היסטאָרישן ראָמאַן „דער
לעצטער יודישער קעניג", ib, 24, 25, 26;
שלום־עליכם, „שָמַר'ס משפט, אָדער דער סוד
פּריסיאַזשניך אויף אַללע ראָמאַנען פון שי"מ"ר. /
סטענאָגראַפירט וואָרט־אַם־וואָרט דורך ש"ע (באַר־
דיטשעוו, דרוק פון יעקב שעפטיל, תרמ"ח,
ז' 104); מ. גרינבוים, Die jüdisch-deutsche
Literatur, ז' 71—77; ל. ווינער, YL; הוי־
טשינסאָן האַפּגוד, The spirit of the Ghetto,
ז' 272; אברהם רייזען, אין „וועג", סוף
1905; ד"ר מ. פינעס, „די געשיכטע פון דער
יודישער ליטעראַטור", I, ז' 147—153; אַ. ליט־
ווין, „ש' און זיין ראָמאַן", אין „לעבען און
וויסענשאַפט", 1910, X—XI; ב. גאָרין, „די
געשיכטע פון אידישען טעאַטער", I, ז' 64—65,
II, ז' 86—88; אפרים דיינאַרד, „זכרונות בת
עמי", ח' ב', ז' 153; ב. שעלווין, „עטליכע
בעטראַכטונגען צו זיין 18טען יאָהרצייט", אין
„מאָרגען זשורנאַל" פון 27/XII 1923; חיים
מאַליץ, „ש'ס ראָמאַנען און די פרויען", ib;
ב. י. גאָלדשטיין, „ש'ס תחית המתים" („אַ־
די ליבע"), אין „טאָג" פון 28/XII 1923;
י. בודזאָן, „מיינע זכרונות וועגן ש'ן", אין
„ווילנער טאָג", 1926; יצחק בלום, אין „טאָג"
פון 13/II 1928; ש. ניגער, „צוריק צום
אַלף־בית (ש' און שמ"ריזם אין דער יידישער
ליטעראַטור)", אין „טאָג", 1928 (איבערדרוק אין
„פרימאָרגן"); ש. ל. ציטראָן, „די געשיכטע
פון דער יידישער פּרעסע", ז' 156—177; ל. קאָברין,
„ערינערונגען פון אַ דראַמאַטורג"; י. רימיניק,
אין „טעאַטער־בוך", קיעוו, 1927; „שמר אָדער
בערגעלסאָן?" (די יידישע ליטעראַטור אין ראַטנ־
פאַרבאַנד), אין „ליטעראַרישע בלעטער", 1926,
ז' 64, ז' 92; ז. רייזען, „ש'ס טאָכטער וועגן
איר פאַרימסן פאָטער", אין דער בוענאָס־איירע־
סער „פּרעסע" פון 7/X 1928; „הספרות היפה
בעברית" (קאַטאַלאָג פון דער נאַציאָנאַלער אוני־
ווערסיטעטס־ביבליאָטעק אין ירושלים, תרפ"ז).

שניאור זאַלקינד (זאַלע) (1887 —
) געב' אין שקלאָוו, מאָה־
ליעווער גוב', אין אַ חסידישער פאַמי־
ליע, וואָס פירט איר יחוס פון דעם לי־

באַוויטשער רבין
שניאורסאָן. אויך
זיין מוטער, חיה־
פייגע, אין דער
יוגנט אַ בריה און
אַ שיינע, האָט
געשטאַמט פון
אַ באַלעבאַטישער
משפחה. זיין פאָ־
טער, יצחק־אייזיק, אַ סוחר פון אַנטיקן
און איידעלע שטיינער, פלעגט דריי־
פערטל פון יאָר פאַרברענגען אין מאָ־

סקווע, אין וואַרשע און אויף רייזעס אויפצוקויפן און צו פאַרקויפן זיין סחורה. די פאַרבן פון די איידעלע שטיינער, פון די בראָקאַטן, בראָנזן, אַלטן געבלאָזענעם זילבער, אַלטע מטבעות פון כּלערליי לענדער האָבן אויף ש׳ן אין דער פריער יוגנט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, און די להוטקייט נאָך פאַרבן און עקזאָטישקייט איז אים פאַרבליבן אין שרייבן אין העברעיִש, אַזוי ווי אין יידיש. ביז 11 יאָר איז ש׳ס דערציִונג געווען אַ שטרענג אָרטאָדאָקסיש־חסידישע, דערנאָך — אַ געמיש פון שטאָטישער שול און חדר. דער פאָטער, אַ ייד אַ למדן, דערהויפּט פאַרטאָן אין קבלה־ספרים, האָט מיט דעם קומעדיקן שרייבער אויך געלערנט די חסידישע וואונדער־מעשׂית און תּורה; דערפון — דער מיסטישער עלעמענט, וואָס האָט זיך שפּעטער פאַרפלאָנטערט אין זיינע ווערק, דאָס נאָכדענקען וועגן מה למטה, מה למעלה, וועגן תּכלית פון לעבן און טויט, וועגן מהות פון גוט און שלעכט אאַז״וו. די נייגונג צו שריפטשטעלעריי האָט זיך שטאַרק קענטיק געמאַכט ביי אַלע ברידער ש׳ס (פון די זעקס זין און איין טאָכטער איז זאַלקינד געווען דער פערטער), אָבער ניט ביי אַלעמען איז זי געקומען צו פולער אַנטוויקלונג; בלויז זיין יינגערער ברודער אליהו האָט זיך אין זיינע ווערק (אַ סך פון זיי זיינען געדרוקט) אַרויסגעוויזן פאַר אַן אויסגעשפּראָכענעם הומאָריסט און שאַרפן באַאָבאַכטער; ער איז אָבער אין בליענדיקן עלטער פון 26 יאָר אומגעקומען אין דער מלחמה (פראָנט און טיפוס). זאַלקינד אַליין האָט שוין צו 8—9 יאָר אָנגעהויבן צו שרייבן העברעיִשע און יידישע לידער און פּאָעמען, אין וועלכע יעדער פּרק האָט זיך געביטן אין פאָרם און קלאַנג לויטן אינהאַלט, וואָס ס׳איז שפּעטער געוואָרן כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קאָנסטרוקציע פון ש׳ס גרויסע ווערק (זע, למשל, זיין פּאָעמע „בהרים״). אַ גרויסע השפּעה אויף זיין ליטעראַרישער אַנטוויקלונג האָבן געהאַט מענדעלע מוכר־ספרים, ש״ע, יל״ג, בן־אביגדורס ביבליאָטעק (די אַ״ג „בן־אביגדורלעך״); פרישמאַן האָט אים אַנטציקט מיט זיין קלאָרקייט; פון פּרצעס שריפטן האָט אים איבערראַשט „דער גילגול פון אַ ניגון״; דאָס איז געווען דער רענעסאַנס פון די חסידישע מעשׂיות, וואָס אין דער פריער יוגנט, אונטערן דרוק פון דער סביבה, זיינען זיי ש׳ן פאַרהאַסט געוואָרן. דער דרוק פון דער פרומער סביבה און בפרט די ווירקונג פון זיינעם אַן עלטערן ברודער, וועלכער איז געווען אַ העברעיִשער לערער אין דרום־רוסלאַנד, האָבן דעם 13יעריקן ש׳ן באַוואויגן צו פאַרלאָזן דאָס עלטערנהויז און אָן שום מיטלען האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין אָדעס, וואו ח״נ ביאַליק האָט אים זייער פריינדלעך אויפגענומען. ער האָט זיך אויך באַקענט מיט מענדעלען, ליליענבלומען, ראַבניצקין, דובנאָוון און אַ סך אַנדערע יונגע און עלטערע יידישע און העברעיִשע שריפטשטעלער, וועגן וועלכע ער האָט שפּעטער אַ סך מאָל געשריבן. אין אָדעס האָט ער געלערנט אַלס עקסטערן און האָט ממש געהונגערט, ביז ער איז, זייענדיק צעקריגט מיט דער היים, געצוואונגען געווען אַריבערצופאָרן קיין וואַרשע. דאָ האָט ער באַקומען אַ שטעלע אין דער אַדמיניסטראַציע פון פ״ג „תּושיה״. צו דער צייט געהערט זיין דעביוט אין דער ליטעראַטור — מיט קינדערלידער אין דעם העברעיִשן קינדער־זשורנאַל „עולם קטן״ און מיט לידער אין מ. ספּעקטאָרס

„יודישער פאָלקסצייטונג". אין אַ יאָר
אַרום, סוף 1902, ניט קענענדיק מער
פאַרטראָגן דעם דרוק פון די „תושיה"=
באַלעבאַטים, וואָס האָבן אים געוואָלט
פאַרוואַנדלען אין אַ „משרת", האָט ער
פאַרלאָזט די שטעלע, געבליבן אָן אַרבעט,
ווידער געהונגערט, און דאַן האָט אים
פרץ צוגענומען פאַר זיין פערזענלעכן
סעקרעטאַר (דיקטירט אים דעם ערשטן
נוסח פון „דער גאָלדענער קייט" —
„חורבן בית צדיק"), אָבער אין דעם איז
פרץ קראַנק געוואָרן, איז ש' אַריבער
צו דוד פרישמאַנען אין „הדור" (צווייטע
אויסגאַבע) — דעם דעמאָלטיקן אַריס=
טאָקראַטישן העברעישן זשורנאַל פון
גוטן טאָן און גוטן געשמאַק. פרישמאַן
האָט ניט נאָר געדרוקט אַלץ, וואָס ש'
האָט אים געגעבן, נאָר אויך אים גע=
וויזן זיינע טעכנישע און אינהאַלטלעכע
פעלערן, געטיילט זיך מיט אים, ניט
קוקנדיק אויף זיין אייגענער שלעכטער
מאַטעריעלער לאַגע, מיט דעם לעצטן
רובל, און ביז זיין לעצטן אָטעם איז
ער געבליבן ש'ס בעסטער פריינד און
וועגווייזער. ש' האָט זיך אויך באַטיי=
ליקט אין אַנדערע העברעישע אויס=
גאַבן, ווי אין „הצפירה", אַחוץ שירים
געדרוקט אויך פעליעטאָנען, וואָס האָבן
געמאַכט אַ רושם מיט זייער פיינעם
הומאָר און שאַרפן כאַראַקטעריזירן.
6–1904 האָט ש' פאַרבראַכט אין ווילנע,
אין דער שטאָט, וועלכע ער האָט אין
יאָרן אַרום פאַרהערלעכט אין איינער
פון זיינע שענסטע פּאָעמען („ווילנה"):
„די שפע פון יידישע און העברעישע
שרייבער אין ווילנע, די ווילנער אינ=
טעליגענץ, די אייגנטימלעכע שיינקייט
פון דער שטאָט, פון איר סביבה, פון
אירע יידישע טעכטער מיט זייער טרוי=
עריקן חן"—האָבן דערוועקט אין אים אַ
גרויסן דראַנג צו ליטעראַרישער אַרבעט.
אין „הזמן" האָט ער פאַרעפנטלעכט
איינס פון זיינע ערשטע גרויסע ווערק
אין פּראָזע — דעם ראָמאַן „מות", וואָס
האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף די
העברעישע לעזער, אויך אַ ריי געלונ=
גענע פּאָעמען (אין מאָנאַטלעכן „הזמן").
אין ווילנע, וואָס איז צו יענער צייט
געוואָרן אַ צענטער פון דער יידישער
ליטעראַטור אַדאַנק דעם אויפקום פון
די פאַרשיידענע פאַרטיי=אָרגאַנען (אויך
די רעדאַקציע פון „הזמן" האָט דאַן
אַרויסגעגעבן אַ יידישע צייטונג „די
צייט"), הייבט זיך ש' אויך אָן אָפטער צו
באַטייליקן אין פאַרשיידענע יידישע אויס=
גאַבן, ווי „דער נייער וועג", „פאָלקס=
צייטונג", „דאָס יידישע פאָלק", שרייבט
יידישע נאָוועלן (צ"אַ „ברייגע די מויד"—
אין „יודישען פאָלק", 1906, 8–9), לידער
(צ"אַ „אַ שטיין" — ib, 19), איבערזעצט
(צוזאַמען מיט י"י שוואַרץ) ח"נ ביאַליקס
„ווינטער=לידער" (ib, 1907, 2). אונ=
טער דער ווירקונג פון דער רעוואָלוציע
און די פּאָגראָמען שרייבט ער דאַן,
אַחוץ דער העברעישער פּאָעמע „מתנה",
אָן די יידישע פּאָעמען „פייער", „מעשה
בראשית" („דאָס יודישע פאָלק", 1906,
15 — 17), „די פרייהייט" (ib, 22–23)
און די דערציילונגען „אויףביידע זייטען
פון דניעסטער" (ib, 1907, 16 — 19),
„די נקמה" א"אַ. 1906 פאָרט ש' צום
ערשטן מאָל אַוועק קיין אויסלאַנד, אין
דער שווייץ שרייבט ער די ערשטע
קאַפּיטלען פון דער שפּעטער באַרימטער
פּאָעמע „בהרים", פאָרט דאַן אַריבער
קיין פּאַריז, וואו ער שטודירט אין
אוניווערסיטעט פילאָסאָפיע, ליטעראַטור
און נאַטורוויסנשאַפט ביז צום דעם אויס=
בראָך פון דער וועלט=מלחמה. די דאָזי=
קע יאָרן, 1908 — 13, זיינען די פרוכט=

באַרסטע און דראַנגפולסטע צייט ביי ש'ן; ער שרייבט דאַן אָן זיינע בעסטע העברעיִשע ווערק („בהרים", „מנגינות ישראל", „בירח קול" א"אַ), באַזוכט גאַנץ אייראָפע, צפון-אַפריקע, קומט אַראָפ כמעט אַלע יאָר אָדער צוויי אַהיים, באַזוכט וואַרשע, אָדעס — די צוויי דעמאָלטיקע צענטערס פון אונזער ליטעראַטור, באַטייליקט זיך אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „מאָמענט", „צוקונפט" א"אַ צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס גיבן אים די נייטיקע מיטלען צום לעבן און צו באַאַרבעטן זיינע בעסערע ווערק. נאָך דעם אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה פאַלט ש' אַריין אין ציווילער געפאַנגענשאַפט אין דייטשלאַנד, וואו ער פלאָגט זיך אָפ פיר יאָר. סוף קריג פאָרט ער אַוועק קיין קאָפנהאַגן און פון דאָרטן קיין אַמעריקע, דאַן צוריק קיין אייראָפע, לעבט אַ פאָר יאָר אין בערלין, 1924 באַזעצט זיך ווידער אין פאַריז, וואו ער וואוינט עד-היום מיט זיין פרוי און קינד. — אין דער מאָדערנער העברעיִשער פאָעזיע פאַרנעמט ש' אַן אָרט סאַמע אויבנאָן, ווערט פאַררעכנט שיר ניט פאַר איר גרעסטן פאָרשטייער לעבן ביאַליקן און טשערניכאָווסקין. „צוזאַמען מיט טשערניכאָווסקין — שרייבט משה קליינמאַן — איז ש' געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשטרעבט און פאַרווירקלעכט די פאַרמענטשלעכונג פון דער העברעיִשער שאַפונג. די ערשטע צייט האָט ער מיט עקשנות אויסגעמיידט צו שרייבן אויף יידישע טעמעס. ערשט שפעטער דרינגען אין זיין ליד אַריין אַן אָפקלאַנג פון די נייע נאַציאָנאַלע און סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון, וועלכע האָבן דעמאָלט אַזוי טיף פאַרכאַפט די יידישע יוגנט אין רוסלאַנד. דער הויפט-אינהאַלט פון זיין ליריק איז די גרויסע ברייטע שיינע וועלט. נאָך אַלס אָנפאַנגער און שוין ביי די ערשטע שריט איז ש'ס פאַרנעם אַ ברייטער און וואַגנדיקער, זיין שטים איז אַ פעסטע, אַ געביטערישע, זיין וואָרט איז וואָגיק און זיין קוק איז וועלטיש. מען קען זאָגן, אַז ער איז דער אמתער וועלט-בירגער: אומעטום איז ער ווי ביי זיך אין דער היים, און ער האָט פונקט אַזוי פיל וואָס צו זאָגן וועגן האַרץ-געבערג און וועגן די שווייצער אַלפן, ווי וועגן זיין שקלאָוו און ווילנע. זיין פערז איז לייכט, גלאַט, אָן שום אָנשטרענגונג און זייער אָפט חנדלדיק-קאָקעט; ער וואַרפט שפריצן אויף אַ ברייטן ראַדיוס, ווי אַ מעכטיקער פאָנטאַן. — פאַרשטייט זיך, אַז מער פון אַלעמען קאָכט ער זיך אין די שיינקייטן פון דער נאַטור. ש'ס פייזאַזשן זיינען מייסטערווערק... מער פון אַלעמען פאַרכאַפט אייך די לעבעדיקייט פון זיין פאַנטאַזיע. ש'ס נאַטור-שילדערונגען זיינען ניט קיין מאָלעריי, דאָס זיינען לעבעדיקע סצענעס. די נאַטור-ערשיינונגען טרעטן ביי אים אויף ווי לעבעדיקע נפשות אויף אַ בינע און זיי שפילן אָפ פאַר אונז אַ לעבעדיק שפיל... די ריזן פון דער נאַטור שטייען אויף פאַר אונז אין דער גאַנצער מאַכט און פראַכט פון זייער אייביקייט און עלנטקייט. באַזונדערס באַליבט איז ביי ש' דער ווינטער און גאָר באַזונדערס דער שניי, דער געזונטער, לוסטיקער רוסלענדישער פרי-ווינטער-שניי... ש' פאַרשטייט ניט נאָר דאָס לשון פון חיות און עופות, און פון ביימער, נאָר אויך די שפראַך פונעם וואָלקן אין הימל און דער כוואַליע אין ים, אַפילו פונעם שטיין אין די בערג און אויך פונעם זונענשטראַל און פונעם נאַכט-שאָטן — און אַפילו פון דער שטומער

שטילקייט און פאַרגליווערטער שווייגעניש. — די נאַטור איז שיין, אָבער דער מענטש איז מיאוס, — אַלעמאָל ווידער קומט דער דיכטער צו דער דאָזיקער איבערצייגונג און מיט פייערדיקע ווערטער שטעמפּלט ער די שאַנד און די געפאַלנקייט פונעם מענטשן... מיט אַן אומדערבאַרעמדיקער האַנט רייסט דער דיכטער אַרונטער די מאַסקעס, וועלכע דער מענטש פאַרשטייט אויף זיך אָנצוטאָן, און ער בלייבט שטיין פאַר אונזערע אויגן אין זיין אימהדיקער נאַקעטקייט... ש'ס דיכטונג איז אינגאַנצן אַ פּראָטעסט אַקעגן די מענטשן פון זיין דור, באַזונדערס אַקעגן זייער שוואַכקייט, פחדנות און קריכעריי... אין דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין שאַפונג, די ערשטע צען יאָר פון אונזער יאָרהונדערט — זיך דערווייטערט פון נאַציאָנאַלע טעמעס, קומט ער שפּעטער אַלץ אָפטער צוריק צו זיי, און זיינע נאַציאָנאַלע פּאָעמען אין זיין באַנד שירים „גשרים" זיינען אַ מוסטער פון דער פיינסטער העברעיִשער ליריק". — אָבער הגם דער פּאַטאָס פון ש' דעם דיכטער, בפרט ביז די לעצטע יאָרן, ליגט אין זיין העברעיִשן שאַפן, פאַרנעמט ש' אַן אָנגעזעענעם אָרט אויך אין דער יידישער ליטעראַטור. אַן אַלגעמיינער איבערבליק איבער זיין יידישער דיכטונג וועט קענען געגעבן ווערן ערשט, ווען זיינע לידער און פּאָעמען, וואָס ער האָט פאַר די לעצטע 20 יאָר טיילווייז פאַרעפנטלעכט אין יידיש (אין „דער יודישער וועלט", „צוקונפט", „פאָרווערטס" א"אַ), וועלן געזאַמלט ווערן אין בוכפאָרם. אין זיין יידישן שאַפן פון דעם ערשטן פּעריאָד, פּונקט ווי אין דעם העברעיִשן, איז ש' געווען דער דיכטער פון דער געזונטער און קרעפטיקער יוגנטלעכקייט, וואָס האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון יאוש און איינזאַמקייט. דאָס געפיל פון טיפער בענקשאַפט און אומעט, מיט וועלכן עס זיינען דורכגעדרונגען אַזוינע לידער, ווי „די בענקשאַפט", „אַ שטיין", „דאָס ווייסע לעבן" א"אַ, שטערט ניט די אַקאָרדן, פול מיט לעבן און אומרו, וואָס קלינגען אין זיינע ליידנשאַפטלעכע יוגנטלעך-פּאַטעטישע פּאָעמען „פרייהייט", „פייער", „מעשה בראשית", אין זיינע לידער „קאַרשן", „פרילינג", „מאַרגעריטקעלעך" (זיין פּאָפולער געזאַנג-ליד) א"אַ, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן אַזעלכע פרישע, זאָרגלאָזע לאַכנדיקע טענער אין דער יידישער פּאָעזיע. — ש' דער נאָוועליסט האָט זיך צוערשט געפונען אונטער דעם אַיינפלוס פון לעאָניד אַנדרעיעוו. פאַר טעמעס פון זיינע ערשטע דערציילונגען האָט ער גענומען ניט דאָס געוויינלעכע און נאַטירלעכע, נאָר דעם אויסנאַמספאַל, וואָס מאַכט פון דעם געוויינלעכן מענטשן אַ טראַגישע אָדער טראַגיקאָמישע פיגור. דער יונגער ש' איז דער פסיכאָלאָג פון די נשמות, וואָס איבער זיי געוועלטיקט נאָר איין געפיל, איין ליידנשאַפט (די העלדן פון זיינע פּאָגראָם-דערציילונגען „אויף ביידע זייטן דניעסטער" און „די נקמה", „ברײנע די מויד"; דער העלד פון זיין גרעסערער דערציילונג „אַ טויט"). שפּעטער האָט ער געפונען אַ נייעם דיכטערישן אויסדרוק אין זיינע אידיליעס פון שטעטל, וועלכע ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן נאָך פאַר דער מלחמה (פון זיי לכתחילה פאַרעפנטלעכט בלויז אייניקע, ווי: „דער פּאָמעראַנץ", „צייטונגען", „אורי און פיני", „שבת'דיגער מוסר", „די בהמה", „איינגעמאַכטס"), אָבער ערשט זינט 1927, אַדאַנק דער אויפמונטערונג פון אַב' קאַהאַן, זיי אָנ-

געהויבן ענדגילטיק צו באַאַרבעטן און פאַרעפנטלעכן, ביז זיי זײַנען אויסגעוואַקסן צו אַ גרויס ווערק פון אַ 150 נאָוועלן, עסקיזן און הומאָרעסקעס — אַ מצבה אויף דעם אַמאָליקן ליטוויש=רייסישן שטעטל (שקלאָוו). די דאָזיקע סעריעס געשיכטן, בילדער, סצענעס און טיפן, געשילדערט מיט אַ פײַנעם הומאָר, האָבן געהאַט אַ אומגעהײַערן ערפאָלג בײַ די לעזער און ווערן זינט 1927 געדרוקט אַלע וואָך אין „מאָמענט", „פאָרווערטס", לאָנדאָנער „צײַט", „קענעדער אָדלער", בוענאָס=אײַרעסער „אידישער צײַטונג" א"אַ.—ש' האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און זכרונות איבער יידישע שריפטשטעלער, ווי: „פון זיידנס קוואַל"—אַ זאַמלונג אַנעקדאָטן און מעשהלעך מיט אַ שיר וועגן מענדעלע מוכר=ספרים „מענדעליס אָנדיינקען" אַלס עפּילאָג („כלל=ביבליאָטעק" פון „כלל=פ"ג", בערלין, 1922, ז' 64); „שלום=עליכמס אָנדיינקען", וואָס אַנטהאַלט אַ פּאָעמע א"ט „אַ ש"ע=דיינקמאָל" און אַ בינטל דערציילונגען „פון ש"ע'ס לעבן און שאַפן" (דערז' פ"ג, 1922, ז' 60, מיט רעפּראָדוקציעס פון לעאָ בוימאַנס ש"ע=סקולפּטור און פון ש"ע'ס קבר אויפן נ"י'ער בית=עולם); אַ סעריע אַרטיקלען איבער אַב. קאַהאַנס „בלעטער פון מיין לעבען" (אין „פאָרווערטס", דעצעמבער, 1927); „י"ל פּרץ אין פּריוואַט=לעבען" (ib, פון 8טן און 15טן אַפּריל 1928) א"אַ. — לעצטנס האָט ש' אויך געשריבן אייניקע אַרבעטער=לידער אין יידיש, האָט איבערגעזעצט אויף העברעיש אייניקע לידער פון אסתר שומיאַטשער אין „העולם" (1927, 15), פון וועלכער צייטשריפט ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער.

פון ש'ס ווערק אין ה ע ב ר ע י ש זײַנען אין בוכפאָרם ארויס: „עם שקיעת החמה" — לידער און פּאָעמען פון 1900—6 (פ"ג „תושיה", 1906, 127); „שירי ילדים" (פ"ג „האור", ווארשע, 1908); „מן החיים והמות" — סקיצן און דערציילונגען פון 1903 — 5 („ביבליותיקה עברית", 1910, ז' 238); „העת" — דערציילונג (1912, ז' 48); „גשרים" און „חזיונות" — לידער און פּאָעמען פון 1900 — 12 און 1912 — 21 (פ"ג „הספר", בערלין, 1923, ז' 359 און 319; פון „גשרים" איז אויך ארויס א פּראַכט-אויסגאַבע — די פּערטע — אין אלבאָם-פאָרמאַט); „ווילנה" — פּאָעמע (לוקסוס-אויסגאַבע אין פ"ג „הספר", מיט 10 צייכענונגען פון הערמאַן שטרוק, 1923, ז' 132); „במצר" — דערציילונגען, עסייען און לידער אין פּראָזע פון 1903 — 11 (דערז' פ"ג, 1923, ז' 302; אין דער הקדמה צו דעם דאָזיקן בוך זאַגט ש': „כניתי את קובץ זה בשם „במצר" מפני שברוב סיפוריו ורשימותיו עולים צללי אנשים הנתונים בין מצרי חיים, מקרה או סביבה"; דער גרעסטער טייל דערציילונגען פון דעם בוך זיינען אויך פארעפנטלעכט אין יידיש). אחוצדעם ווערן אין פ"ג „ועד היובל" און „דביר" צוגעגרייט צום ארויסגעבן נייע 7 ב' פון ש'ס העברעישע ווערק, וואָס אנטהאלטן אחוץ א גאנצער ריי גרויסע און קליינע פּאָעמען, סאָנאטעס, קינדער-לידער און קינדער-דערציילונגען — א גרויסע לירישע פּאָעמע אין 20 קאַפּ' „יערות או חרבן פוליסיה", דראַמאַטישע ווערק, אויך אין פערזן און קלאַסישער פאָרם, פעליעטאָנען און עסייען — צ"א וועגן גנעסין, פרישמאַן, ביאליק, מענדעלע, יהודה שטיינבערג, יעקב כהן, ברענער, בערשאדסקי, דאָסטאָיעווסקי א"א, א ראָמאַן אין 3 טייל וועגן די וואַגלענישן פון דעם נייעם דור א"ט „ספר הנדודים" („א מאָדערנער התועה בדרכי החיים"), א ראָמאַן פון יידישן קינסטלער-לעבן א"ט „בנות החזן" אאז"וו.

פון ש'ס ווערק אין י י ד י ש זײַנען אין בוכפאָרם ארויס בלויז א קליינער טייל, אי דאָס גאָר פון דעם ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן, דהיינו: „געזאַמעלטע שריפטען" (פ. שימינס „וועלט-ביבליאָטעק", ווארשע, 1909, אין 3 ב', צו אומגעפער 80 ז'); „א טויט / שריפטען פון א זעלבסט-מערדער א מטורף" (פ"ג „השחר", ווארשע, 1909; נייע אויסגאַבע א"ט „אַהין" — פ"ג „ילקוט", בערלין, 1923, ז' 188); אויך אייניקע איינצלנע אויסגאַבן, ווי „נקמה" (פ"ג „די וועלט", ווילנע, 1906, ז' 16); „פּראָזא און לידער" (פ"ג „בינשטאָק", אָדעס, 1912, ז' 41); 3 בענדלעך „דערציילונגען", „לידער און

פאעמען", „אויסגעוויילטע דערציילונגען" (אין דער אויסגאבע מאזאיק־ביבליאטעק", ווארשע). איצט גרייט ש' צו אין פ"ג פון ב. קלעצקין אן אויסגאבע פון זיינע יידישע ווערק (ביז 200 דרוקבויגן) אין 8 ב', היינו: „שקלאווער יידן" (26 נאוועלן), „פעטער זשאמע" (22 נאוועלן), „עם־הארצים" (35 נאוועלן), „דניעפער־געשיכטן" (30 נאוולן), „פאנדרעס צוריקקומען" (35 נאוועלן), „מענטשן און שטעט" — עסייען און געקליבענע פעליטאנען, איינדרוקן פון פאריז, לאנדאן, ניו־יארק, בערלין, „לידער און פאעמען", צוויי ליטעראטורן" — קריטישע ארטיקלען, אחוץ א ראמאן אין 3 ט' א"ט „א צימער" (I ט' — „דאס מיידל", II ט' — „דער פאלקסמענטש", III ט' — „דער קינסטלער"; דער ראמאן שפילט זיך אפ אין איין צימער), צוויי דראמען אין פערזן א"א.

א סך זאכן ש'ס זיינען איבערגעזעצט געווארן אין פארשיידענע צייטשריפטן און זשורנאלן אין פויליש, רוסיש, דייטש, פראנצויזיש, ענגליש, שוועדיש. צ"א איז זיין פאעמע „פרייהייט" איבערגעזעצט געווארן אין ווילנער טאגבלאט Свободное Слово, 1906, 181—182 (זע ש'ס פראטעסט־בריוו אין „דאס יודישע פאלק", 1907, 10). א זאמלונג פון זיינע דערציילונגען און לידער אין פראזע, איבערגעזעצט פון י. שעכטמאן ביי דער מיטווירקונג פון דעם אווטאר מיט אן אריינפיר פון דעם איבערזעצער, זיינען ארויס א"ט Разсказы אין פ"ג פון ש. זאלצמאן (בערלין 1923, ז' 240). א סך פון זיינע לידער און פאעמען זיינען אויך איבערגעזעצט געווארן ביי דער מיטווירקונג פון דעם מחבר פון פארשיידענע רוסישע דיכטער. פון ש'ס איבערזעצונגען אין פויליש איז צו דערמאנען Wilno — פון ד"ר שמעון לוסטיג (אין Nowe Zycie IV, ז' 82—89), אויך לידער — פון שאול וואגמאן (אין Nasz Przegląd), אין הירשהארנס אנטאלאגיע.

פון די איבער 100 ארטיקלען איבער ש'ן אין פארשיידענע צייטשריפטן אויף פארשיידענע שפראכן קענען מיר פארצייכנענען נאר א קליינעם טייל: ח"נ ביאליק, „ספרותנו הצעירה", אין „השלח"; ד"ר יוסף קלויזנער, פיר גרויסע ארטיקלען אין „השלח" און „העולם", ווי אויך אין זיין געשיכטע פון דער נייער העברעישער ליטעראטור; א. מייטעס, „האהבה בשירתנו הצעירה", אין „השלח", ל"ג; פ. ליאכאווער, „שירי ש'", אין „התקופה", ו'; א"ר פרידמאן, צ"א אין „העולם" און אין זמ"ב „קוהלת", תל־אביב; וולאדעק, „אונזערע יונגע שרייבער" (הירשביין, אנכי און ש'), אין „פאלקסצייטונג", 1907, 398, 413, 433; בעל־מחשבות, „געקליבענע שריפטען", I, ז' 189—300; ש. ניגער, וועגן „זיידנס קוואל", אין „דאס נייע לעבן", VI; id, „שריפטען פון א זעלבסטמערדער", אין „טאג" פון 23/III 1923, און אין „ביכער־וועלט", 1923, III—IV; הלל צייטלין, אין „מאמענט", 1922, 168; id, ש'ס „ווילנא", id, 1923, א"א; משה קליינמאן, „ש' אלס פאעט און שריפטשטעלער אין פראזע", אין „פארווערטס" פון 3/IV 1928; אברהם רייזען, „עפיזאדן פון מיין לעבן"; י"א לפידות, „דער מיטלאלטער" (וועגן ז. ש'ס „חזיונות"), אין דער קאונער „אידישער שטימע"; א. צ. ראמאנאווסקי, „ש'ס וועלט", אין „צייט" פון 6/I 1928; ד"ר ש. בערנשטיין, אין „צוקונפט", 1928, V; יצחק קאצענעלסאן, אין „לאדזער טאגעבלאט" פון 21/XII 1928; ש. גאמעלסקי, אין „מאמענט", פון 24/V און 1/VI 1928; ציננבערג, אין Свобода и Равенство 1907; id, אין ЕЭ, XVI; ד"ר א. גאלדשטיין, 4 גרויסע ארטיקלען אין Восходъ; ד"ר א. קאראלניק, אין דער Welt 1907; ד"ר א. סינגאלאווסקי, אין Ost und West; אויך ארטיקלען פון נתן ביסטריצקי, א"ל לייזעראוויטש — אין רוסיש, אין דער נ"י'ער „מנורה" אין ענגליש 1924, אין דער פאריזער „מנורה" אין פראנצויזיש 1926, צבי שווייד, צום 20יעריקן יובילײ פון זיין שאפן, אין Jüd. Rundschau, 1922; אחוץ א גאנצער ריי ארטיקלען אין יידיש א"א שפראכן צו דעם 25יעריקן יובילײ פון זיין ליטערארישער טעטיקייט סוף 1927, ווי אויך צו זיין באזוך אין ווארשע סוף 1928; ש'ס אינטערוויו אין „מאמענט", 1928, 273 און זיין ערקלערונג אין עטלעכע טעג ארום אין דער זעלבער צייטונג; „עין קורא", א', ז' 185—188.

שניאורסאָן דוב־בער (ט' כיסלוו 1773 — ט' כיסלוו 1827) — דער יינגסטער זון פון ר' שניאור־זלמן דעם בעל־התניא, דעם גרינדער פון ליטוויש־רייסישן חסידיש (חב"ד). ער האָט געלערנט תלמוד און קבלה אונטער דער השגחה פון זיין פאָטער צוזאַמען מיט זיין קומעדיקן קעגנער ר' אהרן סטאַראָסעלסקין.

נאָך דעם פּאָטערס טויט האָט ער זיך באַזעצט אין ליבאַוויטש (דערפֿאַר הייסט ער אויך דער ליבאַוויטשער) און איז געוואָרן דער פֿירער פֿון די ליטוויש-רייסישע חסידים. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלענט און קיין איין התמנות אין די חסידישע קהילות איז ניט באַזעצט געוואָרן אָן זיין הסכמה. זיינע פֿאַראָרדענונגען זיינען געווען קאַטעגאָרישע, אַזוי פּעסט איז ער ביי זיך געווען. ער האָט געחלומט וועגן רעפֿאָרמירן דעם עקאָנאָמישן מצב פֿון די יידן אין רוסלאַנד, האָט געזען צו ווירקן, אַז די יידן זאָלן אַוועקוואַרפֿן זייערע לופֿט-פּרנסות און זיך נעמען צו ערדאַרבעט און מלאכה (זע זיינע בריוו צו די חסידים, פֿאַרעפֿנטלעכט אין „המליץ" 1882). אויסגעצייכנט מיט זיין חוש פֿאַר פֿאָלקסטימלעכקייט, האָט דער ליבאַוויטשער אַחוץ זיינע חסידיש-קבלהשע ווערק אין לשון-קודש, געשריבן אויך חיבורים אויף יידיש, ווי, למשל, אַ באַזונדער ווערק וועגן דעם ענין פֿון תּפֿילה, וואָס צירקולירט אין געוויסע חסידישע קרייזן אַלס כּתב-יד. געדרוקט אויף יידיש איז זיין ספֿרל „פּוקח עורים / עם / דרכי תּשובה / צוויי מאמרי מוסר... / די צוויי מאמרים האָט הרב ר' דוב בער זצוק"ל מחבר געוועזען אויף עברי טייטש כּדי מזכּה צו זיין דעם המון עם וואָס ווילען תּשובה טהון זיי זאָלען וויסען ווי זיי זאָלען זיך נוהג זיין, זיי זאָלען קענען זיך אָברייסען פֿון הבלי התאוות ביים תּשובה טהון און מקשר זיין זיך צום אויבערשטן יתברך שמו וזכרו" (אַרויסגעגעבן אין אַ סך באַזונדערע אויסגאַבן, צ"אַ — פֿון יעקב ליינער פֿון ראַדזין, פּעטריקאָוו, 1910, ז' 24, אויך אַלס ביילאַגע צו אייניקע סידורים). אין דער הקדמה צו דעם ספֿר זאָגט דער מחבר: „...פֿאַר לומדים וואָס קענען לשון קודש בין איך ניט געקומען צו שטראָפֿין וואָרום עס איז מצוי פֿיל ספֿרי מוסר אויף לשון קודש..."; פֿונדעסטוועגן איז ער מוסיף, אַז „אַגב איז דאָס איין פּעולה אַפֿילו פֿאַר דעם למדן ווייל עס איז גיזאָגט אויף מוטער שפּראַך דרום דערוועקט זיך דאָס האַרץ פֿון מענשין מקיים צו זיין וואָס ער זעהט"... 1826 האָבן צוויי חסידים שאַנטאַזשיסטן אים געמסרט, אַז ער האָט אַ מגע-ומשא מיט די שונאים פֿון רוסלאַנד, פֿאַרוואָס ער איז געוואָרן אַרעסטירט און געבראַכט קיין וויטעבסק, אָבער אינגיכן איז ער באַפֿרייט געוואָרן פֿון תּפֿיסה, איידער די אויספֿאָרשונג האָט זיך געענדיקט. די באַשטענדיקע קלאַנגען, אַז די רעגירונג האָט בדעה אים ווידער צו אַרעסטירן, האָבן אַזוי געווירקט אויף זיין קראַנקן אָרגאַניזם, אַז ער איז בקרוב געשטאָרבן, און זיין קבר אין ליבאַוויטש פֿלעגט ביז גאָר דער לעצטער צייט צוציען מאַסן חסידים, פּונקט ווי ביי זיין לעבן פֿלעגט יעדער חסיד ביי אַ וועלכער עס איז צרה פֿאָרן צו אים. — זיין זון, ר' מנחם-נחום, איז געווען צדיק אין ניעזשין, אָבער ניט געהאַט קיין גרויסע השפּעה; די הנהגה איבער די ליטוויש-רייסישע חסידים האָט איבערגענומען זיין אייניקל ר' מנחם-מענדל בר' שלום-שכנא ש', אַן איידעם פֿון ר' דוב-בער מעזריטשער.

ЕЭ, XVI. 59—60.

שניאורסאָן פֿישל (אַרום 1887 —) געב' אין קאַמעניץ-פּאָדאָלסק, וואו זיין פֿאָטער, שניאור-זלמן, אַן אייניקל פֿון ר' יהודה-לייב קאָפּיסטער, דעם עלטסטן זון פֿון דעם באַרימטן חסידישן רבין ר' מענדל ליבאַוויטשער (דעם צמח צדק), האָט חתונה געהאַט

מיט אַ טאָכטער פון דעם אָרטיקן גביר
פישל ברייטמאַן; פאַרנומען זיך מיט
מסחר, האָט ער פאַרלוירן דעם נדן
און האָט אָנגענומען דאָס כסא־רבנות
אין דעם שטעטל

רעפּקי, שפּעטער
געווען רב אין
סטאַראָדוב און
די לעצטע 20 יאָר
פון זיין לעבן (ער
איז געשטאָרבן
אין 1928) — אין
האָמעל; מ׳האָט
אים אויך געהאַלטן פאַר אַ חסידישן
רבין, און ער האָט אויך געהאַט אַ פאַר־
שטענדעניש פאַר וועלטלעכע זאַכן, אַזוי
אַז ער איז געווען שטאַרק אָנגענומען
אין פאַרשיידענע קרייזן פון דער באַ־
פעלקערונג. דערצויגן געוואָרן פון אַ
יאָר צוויי ביז 11—12 אין רעפּקי און
דערנאָך אין סטאַראָדוב, האָט פישל דאָס
רוב די קינדהייט און יוגנט פאַרבראַכט
ביי דעם זיידן, דעם רעטשיצער רבין
ר׳ שלום־בער, האָט איינגעזאַפּט אין זיך
פון קינדווייז אויף דאָס חסידות פון
דער רביִיש־חבדישער סביבה, געלערנט
אין חדר און אונטערן זיידנס השגחה,
צו 16 יאָר באַקומען סמיכה אויף רבנות,
פלייסיק שטודירט חסידות, זיך אויך
אָפּגעגעבן מיט וועלטלעכע לימודים, צו
18 יאָר דורכגעמאַכט אַלס עקסטערן די
מאַטורע־עקזאַמענס און אַרום 1908 אַוועק
קיין בערלין, וואו ער האָט שטודירט
אויפן מעדיציניש פאַקולטעט, 1913 צו־
ריקגעקומען קיין רוסלאַנד, אויסגעהאַלטן
דעם מלוכה־עקזאַמען אין קיעוו, אָבער
מיט מעדיצינישער פּראַקטיק זיך ניט
פאַרנומען, נאָר זיך אָפּגעגעבן דער
וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, געאַרבעט
אַלס אַסיסטענט ביי דעם גרויסן רו־
סישן פּסיכיאַטער פּראָפ׳ בעכטעריעוו,
וועלכער איז געווען שטאַרק אויפמערק־
זאַם צו דעם יונגן געלערנטן און וועגן
אים געשריבן, געווען אָנפירער פון דער
פּסיכאָלאָגישער לאַבאָראַטאָריע אין פּט״ב,
נאָך דער רעוואָלוציע אַ געוויסע צייט
געלעבט ביי די עלטערן אין האָמעל,
וואו ער האָט מיט דער אונטערשטיצונג
פון אַ געזעלשאַפט אַרויסגעגעבן אין
רוסיש אַ גרויס ווערק איבער פּסיכאָלאָגיע
פון קינד (?); דאַן, אַרום 1918, געקומען
קיין קיעוו, וואו געווען אויסגעוויילטער
דעקאַן אויף דעם דורך אים געשאַפע־
נעם הייל־פאַקולטעט (דעם לערנפּלאַן
און פּראָגראַם פון פאַקולטעט האָט ש׳
שפּעטער פאַרעפנטלעכט אין „דער ניי־
ער שול״, ווילנע, אַפּריל, 1922), צו יע־
נער צייט אַרויסגעגעבן אַ העברעיִשן
זשורנאַל א״ט „קדימה״ פאַר פילאָסאָפיש־
רעליגיעזע פּראָבלעמען, געפּרוווט גרינדן
אַ ספּעציעלע דיסציפּלין—אַ וויסנשאַפט,
וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט די דאָזי־
קע פּראָבלעמען („רעליגיאָלאָגיע״), דע־
ביוטירט דאַן אין יידיש מיט די אַרבעטן
„קאַטאַסטראָפאַלע געשעענישן און זייער
ווירקונג אויף דער פּסיכיק פון קינד״,
אין דעם קיעווער חודש־זשורנאַל „שול
און לעבן״, VI—VII, 1919 (טיילווייז
איבערגעדרוקט אין דער ווילנער „נייער
שול״, 1920) און „קינדער־שאַפונג אַלס
עמאָציאָנאַלע שאַפונג (נייע אונטערזו־
כונגס־מעטאָדן)״, (ib, VIII—IX). 1921
פאַרלאָזט קיעוו, וואו ער האָט דורכגע־
מאַכט די שווערע צייטן פון דעם בירי
גער־קריג, אַ יאָר צייט פאַרבראַכט אין
וואַרשע, געווען לעקטאָר אויף העברעיִ־
שע און יידישע לערער־קורסן, פאַר־
עפנטלעכט אין „דער נייער שול״ די
אַרטיקלען „אינערציע, געוויינהייט און
אַוטאָמאַטיזם״ (1922, III — VI), „די

יידישע שול און די דעפעקטיווע קינדער" — רעזולטאַט פון אַ אַנקעטע-פאָרשונג, וואָס ער האָט אין אויפטראָג פון די פעדאַגאָגישע אַמטן פון ציש"אָ און „תרבות" דורכגעפירט אין יידישע און העברעישע שולן פון פוילן (VII, 1922), אויך אין בראָשור-פאָרם „די געזעלשאַפט, די שול און די דעפעקטיווע קינד" (פ"ג „שול און לעבען", וואַרשע, תרפ"ב), זיך אויך באַטייליקט אין אייניקע העברעישע אויסגאַבן, ווי, למשל, אין זשורנאַל „תרבות", תמוז 1923. אַרום 1923 זיך באַזעצט אין בערלין, האָט ער דאָרט געעפנט אַ באַראַטונגס-שטעלע פאַר קינדער ביי דער געמיינדע (זע די באַריכט-בראָשור ש'ס פאַר 1923 — 25 Heilpädagogisches Ambulatorium, אַרויסגעגעבן פון דער „פאָליקליניק פון דער יידישער קינדער-הילף" אין בערלין, ז' 40), אויפן פאָרשלאָג פון בערלינער „אָזע", 1923-24 פאַרפאַסט דאָס בוך „די קאַטאַסטראָפאַלע צייטן און די וואַקסנדיגע דורות / די ווירקונג פון סאָציאַלע קאַטאַסטראָפן אויף דער פסיכיק פון דעם נאָרמאַלן און אומנאָרמאַלן קינד" („יידישער ליטעראַרישער פ"ג", בערלין, ז' 243 + הייל-פעדאַגאָגישע אַנקעטעס); שפעטער איז דאָס בוך אויך אַרויס אויף דייטש, אַרויסגעגעבן פון דעם דייטשן פעדאַגאָג פראַנץ הילקער א"ט Die katastrophale Zeit und die heranwachsende Generation (פ"ג שוועטשקע און זון, בערלין). פון זיינע אַנדערע קינדער-פסיכאָלאָגישע און הייל-פעדאַגאָגישע אַרבעטן זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: Neue Bahnen der sozialen Erziehung (דערז' פ"ג); Psychologie des intimen Kinderlebens (דערז' פ"ג, אין 4 ט': I פסיכאָלאָגיע פון דעם געפיל און דער פאַנטאַזיע, II נייע מעטאָדן און פרינציפן פון דער אונטערזוכונג, III די וויסנשאַפט פון שפראַכלעכן שעפערטום פון דעם קינד, IV דאָס עמאָציאָנעלע שעפערטום פון דעם אַנאָרמאַלן קינד); דאָס זעלבע אין רוסיש א"ט Психологія интимной жизни ребенка (פ"ג Грани, בערלין). צוזאַמען מיט זיין פריינד פראָפ' דוד קאָיגען, מיט וועמען ער האָט מיטגעאַרבעט נאָך אין קיעוו, אַרויסגעגעבן אויך אייניקע נומ' פון אַ זשורנאַל פאַר סאָציאָלאָגיע און פעלקער-ספּיכאָלאָגיע א"ט Ethos, דערהויפט אָבער אויסגעאַרבעט און אַנטוויקלט די אידעען פון דער אַ"ג מענטש-וויסנשאַפט און מענטש-געזעלשאַפט, וואָס זיינען אויפגעקומען נאָך אין 1921, און דערמיט זיך געמאַכט אַ נאָמען אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט. אַרום 1927 באַזוכט לעטלאַנד און פוילן, וואו ער איז אויפגעטרעטן מיט רעפעראַטן וועגן מענטש-וויסנשאַפט און מענטש-געזעלשאַפט, אויך אָפגעהאַלטן קאָנפערענצן וועגן די פאָרשונגסמעטאָדן פונעם פסיכיש-גייסטיקן צושטאַנד פון דער יידישער יוגנט, וועגן קאָלעקטיווער קינדער-פסיכאָלאָגיע און קינדער-סאָציאָלאָגיע (זע צ"אַ זיין אַרטיקל אין ריגער „פריימאָרגן" פון 15/I 1927). דאַן אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער פירט מיט ערפאָלג אָן אַ פראָפאַגאַנדע פאַר זיינע נייע אידעען אין דער פסיכאָלאָגיע. די דאָזיקע אידעען האָט ער באַהאַנדלט אין אייניקע גרעסערע ווערק, וואָס זיינען אַרויס אויף יידיש, העברעיש, דייטש, ענגליש. זיין הויפטווערק אין דעם ענין „דער וועג צום מענטש / די יסודות פון מענטש-וויסנשאַפט און די לערע פון נערוועאישקייט" (ווילנער פ"ג ב. קלעצקין, 1927, ז' 184), איז אַן אָפגעשלאָסענער ציקל פון 10 לעקציעס, וואָס

ש׳ האָט געהאַלטן איז פאַרשיידענע
שטעט. I דער וועג צו מענטש=וויסנ=
שאַפט, II פסיכאָלאָגישע עקספּעדיציע,
III פסיכישער סקאָרבוט און לעבנס=
דראַנג, IV אויסנאַם=נאַטורן און אויס=
נאַם=צושטאַנדן, V ספערישער קאָעפי=
ציענט, VI די דריי אַרטן פון רעאַל=
פסיכישן לעבן (פאַקט=ווירקלעכקייט און
פיל=ווירקלעכקייט), VII אידעאַלע און
אוניווערסאַלע מעטאָדן פון ספערע=פאָר=
שונג, VIII וועגן נערוועזישקייט, זעלבסט=
מאָרד און מאָראַלישעס נויט=זינקען
אַלס פסיכישער סקאָרבוט, IX פסיכישע
מענטש=טעראַפּיע און מענטש=היגיענע,
X די לעצטע קאָנען זיין די ערשטע
(מענטשלעכע וויסנשאַפט און וויסנ=
שאַפטלעכע מענטש=קולטור). אונטער
דעם אייבערקעפּל „די לעצטע קאָנען
זיין די ערשטע!" איז אַרויס זיין קלע=
נערע דערגאַנצנדיקע אַרבעט „מענטש=
געזעלשאַפט (אַלגעמיינע ריכטליניען)"
(דערז׳ פ"ג, ווילנע, 1927, ז׳ 41; נאָך
פריער אַרויס אין העברעיש — א"ט
„חברת אדם / יסודות ועיקרים כלליים",
פ"ג „עבר", וואַרשע). אין דעם פאָר=
וואָרט צו דעם ביכל שרייבט ש׳: „די
אַלגעמיינע אַרבעט פון מענטש=קולטור
ווערט געפירט אין צוויי ריכטונגען...:
פון איין זייט ווערט אַלץ מער אויסגע=
בויט די אָביעקטיווע מענטש=פאָרשונג
אָדער מענטש=וויסנשאַפט, וואָס
וויל דערקענען דעם מענטשן נישט
איינזייטיק=דאָגמאַטיש, נאָר זי זוכט צו
פאָרשן די פערזענלעכקייט אין אירע
פילגעשטאַלטיקע טיפענישן, וועלכע פירן
צו די קאָסמיש=גייסטיקע אור=קוואַלן
פון נשמה=לעבן. פון דער אַנדערער זייט
אַנטוויקלט זיך אַ מענטש=געזעל=
שאַפט, וואָס זוכט וועגן און מיטלען,
ווי צו פאַרווירקלעכן פאַקטיש און פראַק=
טיש די שטרעבונגען פון מענטש=קול=
טור". אַרויסגייענדיק פון דעם גרונד=
געדאַנק, אַז „אין דעם מענטשן, פון
דעם מענטשן און דורך דעם מענטשן
קען מען קומען צו דער העכערער געט=
לעכקייט", שטרעבט „די מענטש=וויסנ=
שאַפט צו קענען דעם גאַנצן מענטשן,
צו אָבסערווירן דעם אינערלעכן אינטי=
מען מענטשנלעבן; דער סינטעז פון
גאָט און וועלט קען פאָרקומען אין
דער מענטשלעכער נשמה אינעווייניק;
די מענטשנגעזעלשאַפט שטייט אויף
דעם שטאַנדפּונקט, אַז אין דעם מענטשן
גופא געפינען מיר דעם מקור פון דער
גאַנצער גייסטיקייט". „להיפוך צו פרוידן
זעט ש׳ דעם מענטש אין זיין פילגע=
שטאַלטיקייט, דאָס אַלטע חבדיש=חסידי=
שע וועלט=געפיל גיסט זיך דאָ צונויף
מיט אייגענע עקספּערימענטאַל=פסיכאָ=
לאָגישע דערפאַרונגען... די חסידישע
„העלאת הניצוצות", דער קוק אויף
ירידה אַלס שטאַפּל צו שפּעטערדיקער
עליה — דאָס אַלץ נעמט אויף זיך אַ ניי
געשטאַלט און ווערט אַזוי צו זאָגן
וויסנשאַפטלעך אַקטואַליזירט אין ש׳ס
סיסטעם... דער מענטש — לערנט ש׳
דער אָפּטימיסט — ווערט געבוירן אַ באַ=
פליגלטער. וואָס שטאַרקער דער מענטש
איז, וואָס שאַפערישער, וואָס געניאַ=
לער — אַלץ ווייניקער קען ער שטיין
בלייבן אינמיטן: ער וויל אַרויף, און
קאָן ער עס ניט דערוויזן — מוז ער
אַרונטער. — אין זיין „מענטש=געזעל=
שאַפט" צייכנט ער אָן די וועגן, וואָס
דאַרפן פירן צו אַ נייער עקסטאַז=קול=
טור. אין דער קאַצניאָמערישער פרייד=
פאַרשוונדונג פון דער מאָדערנער גרויס=
שטאָט וויל ער אויפלעבן צוריק די
אור=פרימיטיווע שעפערישע טאַנץ=פרייד,
וואָס נאָר זי קאָן ברענגען די גאולה

פאַר די שעפערישע קרעפטן פונעם מענטש" (אהרן צייטלין). ש׳ס „מענטש־וויסנשאַפט" קען — לויט דער מיינונג פון דעם דירעקטאָר פון דעם אינסטיטוט פאַר אָנגעווענדטער פסיכאָלאָגיע אין בערלין פּראָפ׳ אָטאָ ליפּמאַן — אין אַ באַשטימטן זינען באַטראַכט ווערן אַלס פרוכט פון דעם זיווג צווישן עקספּערימענטאַלער פסיכאָלאָגיע און כאַראַקטעראָלאָגיע; זי שטעלט אַוועק דעם עקספּערימענט סאַמע אין מיטן פון דעם רעאַלן לעבן. — זיינע אידעען וועגן די עליות און ירידות פון דער נשמה האָט ש׳ געפּרוווט אויך פאַרקערפּערן אין אַ ריי בעלעטריסטישע ווערק, קודם־כּל אין „חיים גראַוויצער / (די געשיכטע פון דעם געפאַלענעם) / פון דער חבדישער וועלט" („אידישער־ליטעראַרישער פ"ג", בערלין, 1922, ז׳ 112), און דאָס צווייט: בוך א"ט „חיים גראַוויצער / (ראַנגלעניש פון דעם געפאַלענעם) / פון דער חסידישער וועלט)" (בערלין, 1926, ז׳ 287). אין „חיים גראַוויצער" האָט ש׳ געמאַכט אַ פּרווו אַריינצוברענגען אין דער יידישער ליטעראַטור אַ שטיק חבדיש לעבן. עס איז אַ געשיכטע פון איינעם פון די שאַרפסטע חבדישע קעפּ, וואָס אין זיין דאָרשט און רייסן זיך צו דערגרייכן מיט זיין מוח און פאַרשטאַנד דעם „אין עוד מלבדו", האָט ער אַריבערגעטראָגן די מחיצות און איז אַראָפּ פון וועג; דער מחבר ברענגט דערביי שטיקער חבדישע תורה און שילדערט אגב אייניקע טיפן און מאָמענטן פון דער חבדישער וועלט, לייגנדיק דאָס הויפּט־געוויכט אויף דער פילאָסאָפיע און דער אינערלעכער שטימונגסוועלט פון חבד. זיין צווייטע גרעסערע בעלעטריסטישע אַרבעט „קאַראַהאָד (די בלאָנזשענישן פון אברהם איציע דעם קירזשנער" (פ"ג ב. קלעצקין, 1928, ז׳ 128; צוערשט פאַרעפנטלעכט אין „מאָמענט", 1927, און נ"י׳ער „טאָג" — א"ט „דער קאַראַהאָדטאַנץ" — 1928) איז אַ שילדערונג פון אַ מענטשן, וואָס עס וואַקסן אין אים אייביקע ליידנשאַפטן און דעמאָנישע געהיימע כּוחות, און די דאָזיקע כּוחות, וואָס זוכן אַן אויסגאַנג אין דער פּרימיטיווער, פון שטאַרקע אינסטינקטן באַהערשטער נאַטור, דערוועקן אין אים אַ מעכטיקן פּראָטעסט קעגן דעם באַשעפער, וואָס לאָזט זיינע באַשעפענישן פוילן אין קבר און געפרעסן ווערן פון ווערים. ש׳ האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ ריי קלענערע דערציילונגען אין „מאָמענט", „טאָג" א"אַ. — ש׳ דער זוכער, ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען דעם מעכאַניזירטן קולטור־מענטש אין דעם מענטשן מיט בטחון און אמונה און רצון צו גוטס, קניפּט אָן זיין וויסנשאַפטלעכע און בעלעטריסטישע אַרבעט אין דער אינערלעכקייט פון חבד און דער רביישער גזע פון די ש׳ס: „עס איז כּמעט אַריין אין דער נאַטור פון אונזער גזע צו זוכן די בריקן צווישן די פאַרשיידנסטע אָפּגרונדן, צווישן קאָפּ און האַרץ, צווישן פאַרשטיין און פילן. איך בין דורכגעדרונגען פון מיין פּריסטער יוגנט מיט דער אידעע צו שיכּורן און ניט פאַרשיכּורט ווערן". — זיין ברודער, מ. ש נ י א ו ר ס אָ ן, איז אַ געוויסע צייט געווען סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע פאַר יתומים־פאַרזאָרגונג אין פוילן און האָט אויף דעם אַמט רעדאַקטירט זמ"ה א"ט „דאָס עלנדסטע קינד" (II — וואַרשע, 1927, ז׳ 48).

ש. ניגער, „חסידות, אמתע און ליטעראַרישע", אין „טאָג", 1922; נחמן מייזיל, אין „ביכער־וועלט" 1923, I — II; בעל דמיון, „מיט דער באַן קיין ליבאַוויטש", אין „דאָס פרייע וואָרט", בערלין, 1924; הלל צייטלין, „וועגן די לעצטע

וואָס קענען ווערען די ערשטע", אין „מאָמענט" 1927, 293, 299; אהרן צייטלין, אין „אונזער עקספּרעס" פון 13/III 1927; id (א. צ.), אין „דער יודישער וו לט", 1928, I; ב. צ. גאָלדבערג, אין „טאָג" פון 13/III 1927; רחל אויערבאַך, אין לעמבערגער „מאָרגען", 29; אבּ׳ גאָלדבע־ג, אין „מאָרגען זשורנאַל" פון 29/I און 5/II 1928; (איבּע דרוק איז „ליטעראַרישע בלעטער", 51 — 52); אהרן מארק, id, 1928, 19; נחמן מייזיל, ib, 33; פּראָפ׳ אָטטאָ ליפּמאַן, „פּ. ש׳ס מענטשוויסנשאַפט", פאָר אָרט צו דער דייטשער אויסגאַבּע פון ש׳ס בוך „דער וועג צום מענטש", איבּערגעזעצט פון ד"ר הערמאַן פראַנק, ib, 12; אחוץ זייער פיל אַרטיקלען אין פאַרשיידענע יידישע און פרעמדשפּראַכיקע צייטונגען.

שנייד יחיאל (1884 —) געבּ׳ אין גראָדעק, ביי לעמבערג. די ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן געשריבּן אין העברעיִש, אַרום 1905 אָנגעהויבּן אויך צו שרייבּן יידיש, אויך א"פ י. ש., י—ל ש—ד, בּן=דוב, אי"ש ליזענסק, 1910 — 12 געווען שטענדיקער מיטאַרבעטער פון העבּרעיִשע און יידישע צייטונגען, 1912 רעדאַקטירט אין לעמבערג דאָס וואָכנבלאַט „פאָלקספריינד", וואָס ער האָט איבּערגענומען ביי אברהם שעבּבאַך פון סאַנאָק, צוזאַמען מיט זיינע ביילאַגעס, דעם וויצבלאַט „דער עזות פּנים" און „דער יידישער סוחר". צו יענער צייט אויך אַרויסגעגעבּן אַ בוך א"ט „די וועלט / פאָפּולערע אַסטראָנאָמיע, / לויט די בעסטע און נייעסטע קוועלען בעאַרבּייט, מיט אילוסטראַציעס" (פ"ג „פאָלקספריינד", לעמבערג, 1912, ז׳ 71). די לעצטע יאָרן וואוינט ש׳ אין בערלין, וואו ער פירט אַ פעלץ-מכחר.

שניידער זעליג=יוסף (פאַר 1857 —) געבּ׳ אין ווילנע, ווילנער געגנט. שפּעטער געלעבּט אויך אין ווערשנע, קאָוונער געגנט. האָט פאַרפאַסט אייניקע ביכלעך פון דעם בטלנישבדחנישן שניט, צ"אַ „ראשון לציון", „שירי נעם" — אין העברעיִש, און אין יידיש: „מקל נעם"; „ר׳ מַני הקדוש / אַ וואַהרע געשיכטע געטראָפען אין ווילנער קאָוונער גובערניע ה׳ תק"ט. דעם ערסטען מאָל יעצט געדרוקט אין שזאַרגאָן לזכר הקדוש ר׳ משה צבי קיגעל הנהרג על קדוש השם ביום 7 אַפּריל 1903" (ווילנע, פ"ג גאַרבּער, עפעל ואַש, 1904, ז׳ 12); „ר׳ יהודה הלוי / פרייא בעאַרבּייטעט נאָך היינע" (ווילנע, 1904, ז׳ 24); „דער אַלטער מלמד" („אַ שיינע געשיכטע, / אין שירים=געדיכטע / דיא העלדין פערזאָנען וועט איר שוין ערקאָנען", מיט אַ העברעיִשן שיר אַלס הקדמה (ווילנע, 1905, ז׳ 32) — אַ שילדערונג פון דעם אַלטן חדר, אין גאַנץ שלעכטע גראַמען, אויך אַנדערע בטלנישבדחנישע פערזן. האָט אויך איבּערגעזעצט דעם סידור אין חרוזים א"ט „נעים זמירות".

שניידער מרדכי=בצלאל (יום=כיפּור 1865 —) געבּ׳ אין ליגום, לעבּן שאַוול, זאַמעט, אַלס זון פון אַ שניידער, אַ יודע=ספר. ביז 19 יאָר געלערנט תּלמוד אין פאַרשיידענע שטעט פון ליטע און קורלאַנד, אויך דערוואָרבּן חשובע ידיעות אין תּנך און דיקדוק, דאַן אויך אָנגעהויבּן צו לייענען די דייטשע קלאַסיקער, צו לערנען רוסיש און אַלגעמיינע לימודים, צו פאַרנעמען זיך מיטן שטודיום פון לאַטיין און גריכיש און שפּעטער — פון די סעמיטישע שפּראַכן. 1889 האָט ש׳ אָנגעהויבּן אַרויסצוגעבּן זיין „בית הספר" — פאַר דעם לימוד פון תּנך, העברעיִש און בּיבּלישער געשיכטע צוזאַמען מיט אַ גרויסן מעטאָדישן אַריינפיר און מיט אַ יידישער איבּערזעצונג פון די וואָקאַבּלען און איבּונגען; דאָס לערנבוך — אין 4 טייל — וואָס אַנטהאַלט גאַנץ חומש,

נביאים ראשונים, רות און אסתר, אויך פראַגמענטן פון פּירוש רש"י, פּרקי אבות, תלמוד און מדרש, האָט באַקומען אַ גרויסע פאַרשפּרייטונג אין אַלע טיילן פון דער וועלט, וואו יידן ריידן יידיש, און 1904 (תרס"ד) איז אַרויס אַ נייע איבערגעאַרבעטע אויסגאַבע — אין 3 אויסגאַבן — יידיש, רוסיש און דייטש, מיט אילוסטראַציעס. ער האָט אויך פאַרפאַסט אַ לערנבוך א"ט „בית מקרא" — צו לערנען העברעיש פאַר אָנפאַנגער (תרנ"ח, אין 2 ט', אין 2 אויסגאַבן—מיט איבערזעצונג אויף יידיש און אויף רוסיש), אויך אַ כרעסטאָמאַטיע אויף יידיש א"ט „ספורים ומכתבים" אין 2 ט' צום איבערזעצן אויף העברעיש, אַ לערנבוך פון העברעיש א"ט „המאלף" (1910, 2טע אויפלאַגע — 1915). די דאָזיקע לערנביכער זיינען ביז דער מלחמה געדרוקט געוואָרן אין צענדלינגער טויזנטער עקז', צ"אַ איבערגעדרוקט געוואָרן אָן דערלויבעניש—פון דער נ"יער „היברו פּאָבלישינג קאָ." („בית הספר / צו לערנען חומש און נביאים אידישע געשיכטע און העברעאיש / צוזאַמען מיט שעהנע בילדער מיט איבערזעצונג פון די ווערטער אין אידיש און ענגליש", 2 ט', 1911). אין משך פון איבער 20 יאָר זיך אָפּגעגעבן מיט דער וויסנשאַפטלעכער באַאַרבעטונג פון דער העברעישער שפּראַך אין צוזאַמענהאַנג מיט סעמיטאָלאָגיע, ביבל- און תלמוד-פאָרשונג און יידישער געשיכטע, האָט ש' אין רעזולטאַט דערפון פאַרעפנטלעכט זיין גרויס ווערק א"ט „תורת הלשון העברית בהתפתחותה ההיסטורית" (ווילנע, 1923 — 25, ז' 549), פאַרפאַסט אויך אַ „דקדוק עברי" פאַר העכערע קלאַסן גימנאַזיע און אַ „תורת הדקדוק" — פאַר פאָלקסשולן. האָט אויך פאַרעפנטלעכט פון צייט צו צייט מאמרים און אָפּהאַנדלונגען אין „הצפירה" (דער ערשטער — „לשאלת החנוך", תרמ"ח), „הזמן", „השלח" כ"ט און ל"ב (העברעישע רעצענזיעס אויף דיקדוק-ביכער), „התקופה" VI (פולשטענדיקע כאַראַקטעריסטיק פון יהושע שטיינבערגס טעטיקייט אויפן געביט פון העברעישער שפּראַכפאָרשונג), „תרבות", „היום", „העולם", „לשוננו", „סנה", „כתובים" א"אַ און אַליין רעדאַקטירט אַ צייטשריפט א"ט „שאלות היום", ווילנע, 1918, תרע"ט, וואו אַחוץ מאמרים און סיפורים אויך פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל צו דער פראַגע פון דער אונטערריכטשפּראַך אין דער יידישער שול. אין יידיש אין משך פון די יאָרן 1919 — 1928 פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען וועגן יידישע יום-טובים, היסטאָרישע אַרטיקלען און רעצענזיעס אין „טאָג", „אונזער פריינד", „צייט", „די נייע שול", זמ"ה „לעבען", „ווייטער-בוך" — אַלע — אויסגאַבן פון ווילנע, וואו ש' לעבט שוין זינט 1896. נאָך ניט פאַרעפנטלעכט אין יידיש: „די געשיכטע פון דער העברעישער שפּראַך און שריפט", „די יידישע יום-טובים און תעניתים היסטאָריש-וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט", „די באַציונג פון יידיש צו העברעיש און דייטש", אויך אייניקע דראַמען אין העברעיש.

שניידער שלמה (30/VIII 1897 —) געב' אין דיניוויץ, פּאָדאָליע. ביז 11 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך אין דער גימנאַזיע פון דער גובערניאַלער שטאָט קאַמעניץ, וואו עס האָט געלעבט זיין מוטערס פאָטער, דער למדן און גביר ר' אברהם אַרנהיים. סוף 1913 איבער דייטשלאַנד און שווייץ אויסגעוואַנדערט קיין קאַנאַדע, 1914 — 1919 געוואַנדערט איבער די פאַראייניקטע

שטאַט און קאַנאַדע, סוף 1919 זיך באַ-
זעצט אין מאָנטרעאַל. האָט דעביוטירט
מיט לידער אין „ניואַנסן" 1921, זינט
דאַן זיך באַטייליקט מיט לידער, דער-
ציילונגען, אַרטיקלען און איבערזעצונגען
אין פאַרשיידענע אויסגאַבן פון קאַנאַדע,
ווי „קענעדער אָדלער", טאָראָנטער „אידי-
שער זשורנאַל", „קאַנאַדער וואָכנבלאַט",
אַלמיס „דער קוואַל", זמ"ב „עפּאָכע", פון
וועלכער אויסגאַבע געווען מיטגרינדער,
ל. מעלצערס „אַרבייט", און שפּעטער אויך
אין די אויסגאַבן פון נ"י און לאָס-אַנגעלעס,
ווי „קינדער-זשורנאַל", „אויפקום", „אונ-
דזער בוך", לאָס-אַנגעלעסער „אידישער
פּירער" א"אַ. צוזאַמען מיט י"י סיגאַל
און א"ש שקאָלניקאָוו אַרויסגעגעבן אין
מאָנטרעאַל און שפּעטער אין טאָראָנטאָ
די ה' „רויערד", נאָך סיגאַלס אַוועקפאָר
פון מאָנטרעאַל איבערגענומען די רע-
דאַקציע פון די העפטן. געווען איינער
פון די ערשטע, וואָס האָבן פול כּוחות
אַוועקגעגעבן אויף צו שאַפן אַ יידיש-
קולטורעלע סביבה אין קאַנאַדע, גע-
האָלפן גרינדן און געשטיצט ביזן אַוועק-
פאָרן פון מאָנטרעאַל די דאָרטיקע יידיש-
וועלטלעכע שולן און די פאָלקסביבליאָ-
טעק, געווען פון די ערשטע לערער.
זומער 1924 אַריבערגעפאָרן קיין נ"י,
געווען טעטיק אַלס לערער און טוער
אין ש"ע-פאָלקס-אינסטיטוט. 1927 זיך
אַוועקגעלאָזט אויף אַ לענגערן „הייק"
איבער אַמעריקע און זיך אָפּגעשטעלט
אין לאָס-אַנגעלעס, קאַליפאָרניע, וואו
ער אַרבעט אין אַ יידישער שול. — פון
זיינע אָריגינעלע ווערק איז צו דער-
מאָנען זיין ציקל פון 5 מיסטישע דער-
ציילונגען „צלמים". ש' האָט איבערגע-
זעצט פון נאָרוועגיש — מיט דער דער-
לויבעניש פון מחבר — קנוט האַמסונס
ראָמאַנען „די ברכה פון דער ערד"
(פ"ג „קולטור-ליגע", וואַרשע, 1926) און
„קינדער פון דער צייט" (פ"ג „גראָהאַר
און סטאָדאָלסקי", נ"י, 1927). אַ גרויסן
ערפאָלג האָט געהאַט זיין בוך „שפּילע-
רייען / אויפגאַבן, רעטענישן, שפּילן און
קונצן" (פ"ג „מתנות", נ"י, אילוסטרירט
פון קאָזלאָווסקי און ש. גלידער, I ט' —
ז' 128). פון זיינע קינדער-זאַכן זיינען
באַזונדער אַרויס די פּיעסן „גרינס אויף
שבועות (שבועות-שפּיל)" (פ"ג „נייע
יידישע פאָלקסשול", ווילנע, ז' 20) און
„חנוכּה-געלט".

שניידער שמחה (1880 —)
געב' אין שטוטשין, ווילנער געגנט, אין
אַ באַלעבאַטישער משפּחה. געלערנט אין
חדר און ישיבה, דערנאָך געווען אַן
עקסטערן אין קאָוונע און באַקומען דעם
באַרוף לערער, זיך פאַרנומען מיט לע-
רעריי פון דער פּריסטער יוגנט, געווען
אויך לערער אין יידישע אַרבעטסשולן
אין אוקראַינע 1919—21, אַ קויפמאַן אין
לייפּציג, אַ שותּף אין אַ באַנק אין ווילנע,
לעצטנס לערער אין העברעישן סעמינאַר
און גימנאַזיעס אין ווילנע. אַחוץ שירים
און פּראָזע אין העברעיִש (דערהויפּט
אין די קינדער-אויסגאַבן „החבר",
„הפּרחים", „הצפירה לילדים", „שתילים",
„שבלים", „הכוכב", „בן כוכב" א"אַ)
פאַרעפנטלעכט אויך עטלעכע לידער אין
יידיש, ווי אין זמ"ה „ליעבע" פון משה
טייטש (1907), זמ"ה „פריהלינג" (פ"ג
„די וועלט") א"אַ.

שניידערמאַן שמואל-לייב (15/VI
1906 —) געב' אין קאַזמיר ביי
דער ווייסל אַלס זון פון אַ קאַמאַשנמאַ-
כער. ביז 15 יאָר געגאַנגען אין חדר און
גלייכצייטיק באַזוכט די אָרטיקע פּריוואַ-
טע מיטלשול. צוערשט אַריינגעצויגן אין
דער „השומר"-באַוועגונג, איז ער אינ-
גיכן אַריבער צו די פ"צ און אַ געוויסע

צייט אָנגעפירט מיט דער יוגנט־אָרגאַני־
זאַציע. 1925 געקומען קיין וואַרשע, גע־
געבן לעקציעס, געאַרבעט ביי קאָמאַשנ־
מאַכעריי. אין דער פרייער צייט—דער־
הויפט זיך אָפּגעגעבן דעם שטודיום פון
דער פּוילישער ליטעראַטור, שפּעטער
זיך אינגאַנצן געווידמעט דער ליטעראַ־
ריש־זשורנאַליסטישער אַרבעט. אָנגעהויבן
צו שרייבן לידער אין פּויליש און יידיש,
האָט ער דעביוטירט מיט א סאָציאַלן ליד
אין דעם חודש־זשורנאַל „אַרבעטער־
קולטור" 1923, דאַן געדרוקט לידער אין
לייפּציגער „אונזער לעבן" און „דער
אילוסטרירטער וואָך", לעמבערגער „פאָלק
און לאַנד", אין די אויסגאַבן פון די
רעכטע און לינקע פּ"צ „אַרבעטער־צײַ־
טונג", „באַפרייונג", „יוגנט־פאָן", „פריי־
הייט" א"אַ, צוזאַמען מיט א גרופּע יונגע
דיכטער געשאַפן דעם זשורנאַל „שפּראָ־
צונגען", 1926 צוזאַמען מיט מ. האַלצ־
בלאַט אַרויסגעגעבן דעם מאָנאַטלעכן
„אילוסטרירטן מאַגאַזין" (7 נומ׳), אין
דעם פּוילישן וואָכנבלאַט „קאָמעדיאַ"
א"ר פון אַנאַטאָל שטערן פאַרעפנטלעכט
א סעריע אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור
און קינאָ, צוזאַמען מיט א. בלאָנסקי
רעדאַקטירט א וואָכנבלאַט Kino i Teatr
(אַרויס 12 נומ׳), דאַן געשריבן דאָ א"פּ
עמיל ווישניעווסקי, אָנגעהויבן צו קומען
אין באַרירונג מיט די פאָרשטייער פון
דער פּוילישער ליטעראַרישער וועלט, אין
משך פון 1926—28 פאַרעפנטלעכט אין
די „ליטעראַרישע בלעטער" שמועסן מיט
די פּוילישע שריפטשטעלער און אָפּהאַנד־
לונגען איבער דער מאָדערנער פּוילישער
ליטעראַטור, אויך איבערזעצונגען פון
טובים, וויטלין, קאַדען־באַנדראָווסקי,
שטערן, איבערגעזעצט אויף יידיש קאַ־
זימיר וויעזשינסקיס ציקל ספּאָרט־לידער
„אָלימפּישער לאָרבער", פאַר וועלכן דער
דיכטער האָט באַקומען דעם ערשטן פּריז
אויף דער נאַציאָנאַלער אָלימפּיאַדע אין
אַמסטערדאַם („יידישע וועלט", 1928, VII),
גרייט אויך צו צום דרוק א באַנד איבער־
דיכטונגען פון די פּוילישע פּראָלעטאַרי־
שע דיכטער בראָניעווסקי, סטאַנדע,
וואַנדורסקי. לעצטנס באַטייליקט זיך אין
פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן,
ווי „מאָמענט", „היינט", „פאָלקסצייטונג",
Nasz Pızegląd, „ביכער־וועלט", „פּ. א.
ש.", Trybuna Akademicka (אין דער
יידישער אָפּטיילונג), „וועלט־שפּיגל",
„פרייע יוגנט", „יוגנט־וועקער" א"אַ, וואו
ער דרוקט ליטעראַרישע אַרטיקלען, אי־
בערזעצונגען, לידער און פּראָזע־זאַכן.
זינט 1928 א תלמיד פון דער פּוילישער
זשורנאַליסטישער הויכשול. א זאַמלונג
פון זיינע לידער איז אַרויס א"ט „גיל־
דערנע פייגל" (פּ"ג „סעמאַפאָר", וואַרשע,
1927, ז׳ 30, הילע געצייכנט וו. וויינ־
טרויב).

מ. ראַוויטש, אין „נייער פאָלקסצייטונג" פון
5/VIII 1927; „ליט. בלעטער", 1928, 23, ז׳ 450.

שנייפּאַל ש. ק. (1884 —)
פּס"נ פון ש. קאָזאַקעוויטש. געב׳
אין נאָוואָזיבקאָוו, טשערניגאָווער גוב׳.
באַקומען א גוטע יידישע דערציִונג און



צו גלייכער צייט
זיך אויך אָפּגע־
געבן מיט אַלגע־
מיינער בילדונג,
א געוויסע צייט
אויך באַזוכט א
רעאַלשול. צו 18—
19 יאָר איז ער
אַוועק קיין אָדעס,
וואו ער איז געוואָרן אַן אָפטער איינ־
גייער צו אחד־העם און ביאַליק, וועלכער
האָט אים אויך אויפגעמונטערט צום
שרייבן. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט

ער אָנגעהויבן אין העברעיש מיט אייניקע סקיצן אין „הצפה“ 1903. שפּעטער האָט ער אַ יאָר 5—6 פאַרבראַכט אין דייטשלאַנד און אַמעריקע, וואו ער האָט זיך באַטייליקט כמעט אין אַלע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן. אין משך פון צוויי יאָר איז ער געווען געהילפס־רעדאַקטאָר (סעקרעטאַר) פון דער „צוקונפט“, גלייכצייטיק געשריבן וועכנטלעך טעאַטער־אַרטיקלען און איבערבליקן אין דוד פּינסקיס וואָכנבלאַט „דער אַרבייטער“, דעם קאַמפּס־אָרגאַן פון יענער צייט פאַרן „יידיש־אַמעריקאַנישן רענעסאַנס“, געפירט דאָרט אַן אַטאַקע קעגן דעם שימל אין דעם יידישן רעפּערטואַר, אויך אין דער יידישער ליטעראַטור, זיך אויך באַטייליקט אין ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבען“, יעקב מילכס „די נייע וועלט“, אין „צייט־גייסט“, שיקאַגער „אַרבייטער וועלט“ א״אַ, געשריבן פעליעטאָנען אין „קונדס“, צונויפגעשטעלט דאָס זמ״ב צום 10יעריקן יובילײ פון אַרבעטער־רינג, אַלס לעקטאָר פון אַרבעטער־רינג באַרייזט אַמעריקע. 1909 איז ער אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דער טעגלעכער צייטונג „וואַרהייט“ געקומען קיין אייראָפּע, באַרייזט ליטע, פּוילן און רוסלאַנד, מיטגעאַרבעט אין „פריינד“, וואו צ״אַ פאַרעפנטלעכט אַ סעריע כאַראַקטעריסטיקעס פון יידישע פּערזענלעכקייטן אין אַמעריקע, ווי דוד פּינסקי, א. ליעסין, מ. ווינטשעווסקי, יוסף באַראָנדעס (טיילווייז אַריין אין מ. ספּעקטאָרס בוך „מאָמענט־פאָטאָגראַפיעס“ 1911), ווי אויך האַלב בעלעטריסטישע סקיצן אויס דעם לעבן פון דער יידישער ליטעראַרישער באָהעמע אין נ״י. רעדאַקטירט „דעם טאָג“ אין ווילנע און שפּעטער לויט דער רעקאָמענדאַציע פון י״ל פּרץ איינגעלאַדן אַלס רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער צייטונג „די פאָלקסשטימע“ אין באַרדיטשעוו, גלייכצייטיק ניט אויפגעהערט צו שרייבן פאַרן „פריינד“, פאַרן „היינט“ און פאַר די אַמעריקאַנישע אויסגאַבן ביז דער מלחמה און פאַרעפנטלעכט הונדערטער אַרטיקלען, פעליעטאָנען, נאָטיצן אין די פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן פון גאָר דער וועלט. בשעת דער מלחמה, ווען די צאַרישע מאַכט האָט ליקווידירט די גאַנצע יידישע פּרעסע, געשריבן וועכנטלעכע פעליעטאָנען א״ט Параллели אין Евр. Недѣля (אָנשטאָט דעם פאַרמאַכטן Восходъ), געווען איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער פון די יידישע זמ״ה פון פ״ג „טאָג“ — צו יענער צייט די איינציקע יידישע אויסגאַבן אין רוסלאַנד — וואו געשריבן די איבערבליקן „אין דער יידישער וועלט“, אַחוץ פעליעטאָנען און אייניקע סקיצן. שפּעטער געשריבן פעליעטאָנען פאַר „אונזער לעבען“ אין אָדעס, פאַרן וועכנטלעכן „פאָלקסבלאַט“ אין פּט״ב. אין דער צייט פון דער קערענסקי־רעגירונג געאַרבעט צוזאַמען מיט א. וויטערן און ש. ראָזענפעלדן אין דעם „קאָמיטעט צו אָרגאַניזירען דעם אַלרוסלענדישען יודישען צוזאַמענפאָר“, וועלכער האָט אויך אַרויסגעגעבן ש״ס פּראָפּאַגאַנדע־בראָשור „וועגען יודישען צוזאַמענפאָר“ (פּט״ב, 1917, ז׳ 8) — דער איינציקער אָנדענק פון דער דאָזיקער איניציאַטיוו. — אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע געשריבן אַ ריי פעליעטאָנען אין „קאָמפּאָן“ און „שטערן“, דערהויפּט באַרירנדיק דעם ביוראָקראַטיזם, דאָס פאַרשלעפּעניש, דאָס הפקרות און טיפּשות פון פאַרשיידענע סאָוועטישע באַאַמטע און טוער, אויך שטייגערבילדער, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט דאָס ליכט און שאָטן ביים „ראַנד פון אָנהייב“. האָט אויך פאַרפאַסט אַ קאָמעדיע אין

3 אַקטן א״ט „נעכטיקע טעג״, אין וועלכער ער האָט אין בולטע פאַרבן געשילדערט אַ שטיק לעבן פון דער יידישער בורזשואַזיע פון די יאָרן פון מיליטערישן קאָמוניזם אין דער סאָוועטישער אוקראַינע, די קאָמישע צעדולטע ספעקולאַציע, דעם נייעם מין „סאָוובורן״ (סאָוועטישע בורזשויען), סאָוובורישע מאַמזעלן און סאָוובורישע גאָלדענע יוגנט, וואָס האָבן זיך צוגעשמירט צו דער מלוכישער סאָוועטישער שיסל און חייזן זיך אַרויס מיט זייער גאַנצן רויבערישן ציניזם און פוסטקייט. די קאָמעדיע איז אומצייליקע מאָל געשפילט געוואָרן אין אוקראַינע מיט גרויס ערפאָלג, צ״אַ אין קיעווער יידישן מלוכה-טעאַטער „קונסט-ווינקל״ אונטער דער רעזשי פון דעם רוסישן רעזשיסער סאַמאַרין-וואָלאָזשסקי, און איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דער פרעסע. ער איז אויך געווען דער ליטעראַרישער אָנפירער און געשאַפן דעם רעפערטואַר פאַר דעם יידישן קליינקונסט-טעאַטער „בעזקער״ (אַ בעזעם און אַ קער), וועלכער האָט גאַסטראָלירט אין די מערסטע שטעט פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד מיט גרויס ערפאָלג אַלס נייע יידיש-טעאַטראַלישע ערשיינונג, אַלס טעאַטער פון שלאָגיקער אַקטועלער סאַטירע מיט אַ ליטעראַרישן און שאַרפזיניקן רעפערטואַר. שפעטער איינגעלאַדן געוואָרן פון דעם ראַט פון די פראָפפאַריינען אין כאַרקאָוו אַלס ליטעראַרישער לייטער פון דעם מוסטער-דראַמקרייז פאַר אוקראַינע. לעצטנס פירט ש׳ אָן מיט אַן אָפטיילונג אין „שטערן״, כאַרקאָוו, שרייבט פון צייט צו צייט פעליעטאָנען, זיך אויך באַטייליקט אין מינסקער „אָקטיאַבר״, „יונגער גוואַרדיע״, „זיי גרייט״ א״אַ. האָט איבערגעזעצט פאַרן צענטרפ״ג ביכער וועגן קאָאָפעראַציע אַוז״ו, אַרויסגעגעבן אַ ביכל וועגן מאָריס ווינטשעווסקי (פ״ג „קולטור-ליגע״, קיעוו). אַ ריי פון זיינע פעליעטאָנען און שטייגערבילדער זיינען אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין דער אוקראַינישער צייטונג Пролетарская Правда. אין זיין פראָדוקטיווער זשורנאַליסטישער טעטיקייט זיך באַנוצט מיט די פס״נ ש. ק. ש., שנעל, קאָזאַק הנגזל, לוואָוויטש, סניעגאָפאַדסקי, רייבין א״אַ.

ב. מארינסקי, „דער שוים פון לעבן״ (וועגן ש׳ס קאָמעדיע), אין „אונזער פאָלקסצייטונג״, 1923 (?), 110.

ש״ס-ראָמאַן (ש. סאָלאָמאָן) (9/X 1894—) געב׳ אין פאַשקאַן, רומעניע, אין אַ באַלעבאַטישער משפחה. באַקומען די ערשטע דערציִונג אין חדר, האָט ער שפעטער דורך זעלבסטבילדונג זיך באַקענט מיט דער יידישער און העברעיִשער ליטעראַטור, אויך מיט דייטש און רומעניש. ערב דער פעברואַר-רעוואָלוציע, ווען די רוסישע אַרמיי האָט געהאַט פאַרנומען גאַנץ מאָלדאָווע, האָט ער אויסגענוצט דעם רוסישן פאָסט-פאַרקער, כדי אַריבערצושיקן קיין רוסלאַנד ידיעות וועגן דער לאַגע פון די יידן אין רומעניע אין דער פאָרם פון לאַנגע קאָרעספאָנדענצן אין אָדעסער „אונזער לעבען״ א״ט „אין לאַנד פון טרערען״, וועלכע האָבן אגב באַוואויגן ש. האַכבערגן צו קומען קיין יאַס אויף אַן אויספאָרשונג און אָנצופירן צוזאַמען מיט דעם אונגענער רב ראַבעלסקי אַן אַגיטאַציע קעגן די רדיפות אויף די רומענישע יידן. בשעת דעם קערענסקי-רעזשים האָט ש׳ געלעבט אין אָדעס, שפעטער זיך באַזעצט אין בוקאַרעשט, וואו ער איז טעטיק אַלס ביוראָ-אָנגעשטעלטער. זינט 1920 האָט ש-ר׳ פון צייט צו צייט זיך באַטייליקט מיט ביאָביב-

ליאָגראַפישע אַרטיקלען, איבערזעצונגען
און קאָרעספּאָנדענצן אין דער יאַסער „ביב=
ליאָטהעק אידישע וויסענשאַפט״ א״ר פון
שמואל שוועמער, ווילנער „לעבען״ א״ר
פון מ. שאַליט („לידער און גימטריאות
וואָס האָבען אַ שייכות צו דער וועלט=
מלחמה״), קעשעניעווער „אונזער צייט״,
טשערנאָוויצער „אַרבייטער־צייטונג״ (צ״אַ
פראַגמענטן אויס דעם בוך פון דעם
רומענישן פּאַציפיסט י״ל בראַטעסקו=
וואָינעשט, וויצעפּאָרזיצער פון דער רו=
מענישער אַקאַדעמיע, „אין פרידנס=
דינסט״), בוקאַרעשטער „וועקער״, 1920—
1923, אין „דער נייער צייטונג״, טשער=
נאָוויץ (קאַרל דרימערס „פיר דורות״),
„אונזער וואָרט״ און „אונזער וועג״,
זינט 1924 קאָרעספּאָנדירט אין ווילנער
„טאָג״, אויך א״פ בן גולה, בן ישראל,
קליגער, סניגור, איבערגעזעצט אויף
רומעניש ש. אַנ—סקיס „דער בעל־תשובה״
(אין Cuvântul Nostru, 1926, 1—4),
שלום אַשס „מענטשן און געטער״ (אין
Egalitatea, 1926, 6–8), „גאָט פון
נקמה״ א״ט Dumnezeul Razbunării —
צוזאַמען מיט טשידעל־ראָמאַן (בוקאַ=
רעשט, 1928, מיט אַ ביאָגראַפישער
סקיצע פון שלום אַשן אַלס הקדמה),
אַרויסגעגעבן אַ פורים־בלאַט „דער המנ=
טאַש״ (ראָמאַן, 1921). נאָך ניט פאַר=
עפנטלעכט זאַמלונגען פון יידישן פאָלק=
לאָר פון כל המינים, יידישע עפּיגראַ=
מען, איבערזעצונגען פון רומעניש אויף
יידיש, צ״אַ די דראַמען ראָנעטי ראָ=
מאַנס „מנשה״, עמיל ניקאָלאַוס „קיינעמס
קינדער״, אַ. דאָמיניקס „שאַטנסאָנעט״
(פאַר דעם אַרטיסט באַראַטאָוו), י. ל.
קאַראַדזשיאַלעס „אַ בילבול״, נאָוועלן
פון גאַלאַ גאַלאַקטיאָן און קאַראַדזשיאַלע,
דאָס ווערק פון יעודזשען רעלגיס „דער
הומאַניטאַריזם און דער אינטעלעקטו=
עלער אינטערנאַציאָנאַל״, פון יידיש
אויף רומעניש — יצחק האָראָוויצעס טע=
אַטערשטיק „דאָס קול פון די שטומע״
און די אײנאַקטערס „דער שניי־מענטש״,
„וואָס מיר זענען, בלייבן מיר״, „ווען
דער לערער איז נישטאָ אין קלאַס״,
ד. מ. הערמאַלינס „פרייע ליבע״. גיט
זיך אָפּ מיט ביבליאָגראַפיע פון דער
יידישער ליטעראַטור און פרעסע אין
רומעניע, געזאַמלט און באַאַרבעט ביאָ=
גראַפישן מאַטעריאַל פאַר ז. רייזענס
לעקסיקאָן, פאַרעפנטלעכט אַ ביבליאָ=
גראַפישע רשימה „די יידישע פרעסע
אין רומעניע פון 1854 ביז 1926״ אין די
„פילאָלאָגישע שריפטן״ (III, ז׳ 525—
536) פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינ=
סטיטוט, איז סעקרעטאַר פון דער בוקאַ=
רעשטער סעקציע פון ייוו״א מיט באַרבו=
לאַזאַרעאַנו בראש.

שעכטמאַן יוסף (6/IX 1891 —
) געב׳ אין אָדעס. געענדיקט
די רוסיש־יידישע גימנאַזיע פון מ. אי=
גליצקי אין אָדעס, דעם יורידישן פאַקול=
טעט אין בערלין און דעם יורידישן פאַ=
קולטעט אין אָדעס (1915). זיין זשורנאַ=
ליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן 1909 אין
Разсвѣтъ, 1911 — 14 געווען בערלינער
קאָרעספּאָנדענט פון דעם דאָזיקן ציוניס=
טישן וואָכנבלאַט, ווי אויך פון דעם אָדע=
סער טאָגבלאַט Одесскія Новости, שפּע=
טער געאַרבעט אין די צייטונגען Утро
Юга, Ростовская Рѣчь, Приазовскій
Край (אין ראָסטאָוו), אין די ציוניסטי=
שע אָרגאַנען פון קיעוו „דער טעלע=
גראַף״ און „אויף דער וואַך״, 1918
צוזאַמען מיט ש. טשערנאָוויץ רעדאַק=
טירט דאָס ציוניסטישע וואָכנבלאַט אין
קיעוו „דאָס יודישע פאָלק״, געשריבן
אויך אין אָדעסער Евр. Мысль, 1921
עמיגרירט קיין אויסלאַנד, צוזאַמען מיט

י. קלינאָוו רעדאַקטירט דאָס טאָגבלאַט „דער איד“ אין קעשעניעוו, צוזאַמען מיט ש. געפּשטיין — דאָס וואָכנבלאַט Разсвѣтъ אין בערלין (1922 — 24), צוזאַמען מיט וו. לאַצקי-בערטאָלדי „דאָס טאָגבלאַט „דאָס פאָלק“ אין ריגע (1926), דאַן געווען רעדאַקטאָר פון Разсвѣтъ אין פּאַריז צוזאַמען מיט וו. זשאַבאָטינסקי און מ. בערכין, גלייכצייטיק שטענדיקער קאָרעספּאָנדענט פון אַ גאַנצער ריי יידישע צייטשריפטן, ווי די קאָוונער „אידישע שטימע“, וואַרשעווער „היינט“, נ״י׳ער „מאָרגען זשורנאַל“ און „טאָג“, בוענאָס-איירעסער „אידישע צייטונג“, מאָנטרעאַלער „קענעדער אָדלער“, אויך בערלינער Jüd. Rundschau א״אַ. פון זיינע אַרבעטן אין בוך- און בראָשור-פאָרם זיינען אַרויס: Евреи и украинцы (אָדעס, 1917); Національныя движенія в свободной Россіи (אָדעס, 1917); Под знаком Палестины (קיעוו, 1918); Первое Временное Еврейское Национальное Собрание на Украине (קיעוו, 1919; די אויסגאַבע איז פאַרניכט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס); Les pogromes en Ukraine sous les gouvernements ukraïniens (1917 — 1920) (פּאַריז, 1927), דאָסזעלבע אין ענגליש (לאָנדאָן, 1927); „ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די יידישע פּאָגראָמען אין אוקראַאינע“ (פּאַריז, 1927); גרייט אויך צו פאַר דעם פ״ג פון דעם „מזרח-יידישן היסטאָרישן אַרכיוו“ אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג „פּאָגראָמען פון דער פרייוויליקער אַרמיי“.— אַלס מיטגליד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז ש׳ 1917 — 18 געווען אַ מיטגליד פון דער אוקראַאינישער צענטראַלער און קליינער ראַדע, מיטגליד פון דעם פעלקער-ראַט פון דער רוסלענדישער רעפּובליק, דעפּוטאַט פון דער אוקראַינישער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און פון דעם אַלרוסלענדישן יידישן צוזאַמענפאָר, מיטגליד פון דעם ציוניסטישן צ״ק און פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט אין אוקראַינע, איינער פון די גרינדער פון דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג, מיטגליד פון רעוויזיאָניסטישן צ״ק, מיטאַרבעטער פון די רעוויזיאָניסטישע אָרגאַנען, ווי „די טריבונע“ א״אַ.

שעכטער בנציון (18/X 1891 —) געב׳ אין אַבערטין, מזרח-גאַליציע, אַלס זון פון אַ שוחט מיט אַ יחוס-בריוו ביזן בעש״ט. געלערנט אין חדר, גלייכצייטיק אַ יאָר צייט באַזוכט די באַראָן-הירש-שול, דאַן פאַרבראַכט עטלעכע יאָר אין די ישיבות פון הושט, סערעט, סטאַניסלע, בעלז, געוואָרן אַפילו אַ שטיקל מקורב ביים בעלזער רבין ר׳ ישכר-בער, אַרום 1908 אַוועק קיין ווין, וואו דורכגעמאַכט 4 קלאַסן רעאַל-גימנאַזיע, אַ געוויסע צייט געווען לערער אין אַ דאָרף, נאָך דער מלחמה געלעבט אין טשערנאָוויץ, געווען טעטיק אין דער פ״צ-באַוועגונג, 1921 זיך באַזעצט אין סטאַניסלע, קאָרעספּאָנדירט אין דעם אָרגאַן פון די רעכטע פ״צ „דער יודישער אַרבייטער“ פון לעמבערג, אין דעם וואָכנבלאַט „דער וואַנדערער“, 1923, א״ר פון יואל שווייגער, דאַן עמיגרירט קיין בוענאָס-איירעס, געווען אָנגעשטעלט אין דער יידישער בוכהאַנדלונג פון רעגאַלסקי און פיין, פאַרעפנטלעכט אין „דער פרעסע“ און אין דעם וואָכנבלאַט „פאַר גרויס און קליין“ בילדלעך, חסידישע מעשהלעך, אַרטיקלען, געווען סעקרעטאַר פון פויליש-יידישן פאַרבאַנד אין אַרגענטינע, צוזאַמען מיט ל. מלאך אַרויסגעגעבן 2 נומ׳ פון אַ צווייוואָכנבלאַט „דער אימיגראַנט“ (20/XII 1923—

5/I 1924), שפּעטער זיך באַזעצט אין פּײַסאַנדו, אורוגוואַי, אַנטוויקלט אַ געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט צו פאַר־שטאַרקן דאָ דעם יונגן יידישן ישוב, פאָרשטייער פון „עמיגדירעקט״ פאַרן לאַנד אורוגוואַי, מיטאַרבעטער פון זשורנאַל „די יידישע עמיגראַציע״, פון מאָנטיוועדעער וואָכנבלאַט „אונזער לעבן״.

שעכנער אליעזר (17/XII 1882 —) געב׳ אין יאַנאָוו־טרעמ־באָווילסקי, מזרח־גאַליציע. געלערנט אין חדר, אין דער פויליש־אוקראַינישער פאָלקסשול און אין מלוכישן לערער־סעמינאַר אין טאַרנאָפּאָל, דערנאָך גע־ווען לערער אין מלוכישע פאָלקסשולן, צולעצט אין לעמבערג. אַלס אָנפירער פון יתומים־הייזער אין ראַמאַנאָוו און לעמ־בערג פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין חודש־זשורנאַל „דאָס קינד״, 1926, אין ביאַלי־סטאָקער זשורנאַל „פאַרן יידישן קינד״. גע־שריבן די ביאָגראַפיעס פון יידישע שריפט־שטעלער אין די פויליש־יידישע צייט־שריפטן פאַר קינדער Haszachar און Chwilka, אויך אין אַ באַזונדער ביכעלע (O poecie Morrisie Rosenfeldzie ארויס־געגעבן אַלס נומ׳ 1 פון אַ Bibljoteczka dla Młodzieży פון דעם פאַרבאַנד פון די לערער פון דת משה אין די „פּאָוושעכ־נע״ שולן אין פוילן, לעמבערג, 1925, ז׳ 23. האָט אויך פאַרפאַסט אַ יידישע געשיכטע פאַר שולקינדער אין פויליש.

שעלווין בערנאַרד (IV / 1882 —) אַמעריקאַניזירטער נאָמען פון ברוך שעלעוויצקי. געב׳ אין אַ דאָרף ביי נעסוויזש, מינסקער געגנט. געלערנט אין חדר און די ישיבות פון נעסוויזש און סלוצק, שפּעטער אַלס עקסטערן דורכגע־מאַכט דעם קורס פון פיר קלאַסן גימנאַ־זיע. סוף די 90ער יאָרן זיך באַזעצט אין לאָנדאָן, וואו אָנגעהויבן זיין זשור־נאַליסטישע טעטיקייט אין העברעיִש אין יצחק סוואָלסקיס „היהודי״, דאַן געווען קאָרעספּאָנדענט פון „הצופה״ (1903) און שפּעטער — פון „הזמן״, „הצפירה״ און „היום״ א״ר פון י״ח זאַגאָראָדסקי, ווי אויך פון „דעם וועג״ א״ר פון צבי פרילוצקי (1905–6). ער איז אויך געווען געהילפסרעדאַקטאָר פון „המגיד״, בשעת זיין רעדאַקטאָר ד״ר ש. פוקס האָט זיך באַזעצט אין לאָנדאָן (1902). אין משך פון 1906 - 7 מיטרעדאַקטירט דאָס טאָג־בלאַט „דער אידישער עקספּרעס״ אין לאָנדאָן, 1908 אויסגעוואַנדערט קיין נ״י, וואו ער איז עד־היום שטענדיקער מיט־אַרבעטער פון דעם „מאָרגען זשורנאַל״ און „דעם אַמעריקאַנער״, פירער פון דער אָפּטיילונג פאַר מוזיק, שרייבט אויך פון צייט צו צייט אַרטיקלען איבער יידישע און העברעיִשע שריפטשטעלער. פון זיינע אַרבעטן איז צו פאַרצייכענען די סעריע אַרטיקלען „די געשיכטע פון דער ענטשטעהונג, וואוקס און ענטוויקלונג פון די אידישע אָרדענס״ — די איינציקע אַרבעט אויף דעם געביט (אין „אַמע־ריקאַנער״ 5/V 1916 — 16/II 1917), און „אחד־העם, זיין לערע און איינפלוס״— (ib 20/IV — 10/VIII 1917), „די צו־קונפט פון חזנות אין אַמעריקע״ (אין זמ״ב „די געשיכטע פון חזנות״), „ערנסט בלאָך, דער גרויסער יידישער מוזיקער״ (אין „ספר היובל של הדאר״). — איז געווען מיטגרינדער און סעקרעטאַר פון דעם ערשטן העברעער־פאַראיין אין לאָנ־דאָן, געגרינדעט דאָרט אויך אַ פאַראיין פון ליבהאָבער פון דער העברעיִשער ליטעראַטור צו קויפן יערלעך פאַר אַ באַשטימטן מינימום העברעיִשע ביכער. מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, מיטגליד פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמי־

טעט, זיך באַטייליקט אין אַ ריי ציוניסטישע קאָנגרעסן. לאַנגיעריקער דירעקטאָר פון דעם פאַרוואַלטונגסראַט פון „היאַס".

שעליובסקי מ״י (188...—)

געב׳ אין דער ליטע. געווען טעטיק אין דער ס״ס־באַוועגונג, נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אַוועק קיין אַמעריקע, וואו געווען צוזאַמען מיט זיין פרוי, דער באַוואוסטער פ״צ־פירערין, חייקע קאַהאַן, איינער פון די בויער פון דעם יידישן שולוועזן, פון וועלכן עס זיינען אַרויסגעוואַקסן די אַ״ג ש״ע־שולן לגבי די ציוניזירנדיקע באַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, דערנאָך פאַרשפרייט יידישע ביכער, אָרגאַניזירט ביבליאָטעקן אויף דער פראָווינץ, ביים אָנהייב פון דער וועלט־מלחמה געווען פאַרבונדן מיט דעם „ליטעראַרישן פאַרלאַג" פון ד״ר ק. פאָרנבערג, סעקרעטאַר פון זיין ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער מאָנאַטשריפט „ליטעראַטור און לעבען / די נייע אידישע וועלט". בשעת דעם אויפבלי פון דעם יידישן בוכהאַנדל אין אַמעריקע—צוזאַמען מיט דעם אַגענט פון דעם „ליטעראַרישן פאַרלאַג" ראַדינאָווסקי געגרינדעט דעם פ״ג „אידיש", וועלכער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן „אַלע ווערק פון אברהם רייזען" אין 12 ב׳. דער גרויסער ערפאָלג פון דער דאָזיקער אויסגאַבע (1916—17) האָט געגעבן דעם פ״ג די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אַ אינטענסיווע טעטיקייט און אין משך פון אַ פאָר יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן אַ ריי אָריגינעלע און איבערגעזעצטע ווערק, צ״אַ: היינריך היינעס ווערק, איבערגעזעצט פון ר. אייזלאַנד, אַפּראַנעל, ח״נ ביאַליק, י״ל ברוכאָוויטש, נ. גראָס, ל״מ הערבערט, נחום י., זישע לאַנדוי, ליליפוט, מאַני־לייב, ד. פינסקי, י. קיסין, מ. שווייד, א. רייזען, יוסף ראָלניק א״אַ, אין 8 ב׳: I — ד״ר נ. סירקין — „היינריך היינע דער טראַגישער דיכטער", ע. קאַלישער—„היינע, זיין לעבען און שאַפען", „מעמוארען" פון היינריך היינע, II — „רייזעבילדער", III — „איטאַליע", IV — „נאָוועלען"; V — „די ראָמאַנטישע שולע", VI — „דאָס בוך פון לידער", VII — „ראָמאַנצעראָ און געמישטע לידער", VIII — סאַטירישע פאָעמען („דייטשלאַנד", „אַטטאַ טראָל"); וועגן שרייבער און זייערע ווערק: „אַנאַטאָל פראַנס" — פון געאָרג בראַנדעס (יידיש א. פרומקין), „יעקב וואַסערמאַן" — פון א. גלאַנץ, „פרידריך ניצשע"—פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, „אַרטור שניצלער" — פון מ״י חאַימאָוויטש, „אַלעקסאַנדער קופרין" — פון מנחם, „עדגאַר עלען פאָו" — פון י. קיסין; „אַ געיעג נאָך ליבע" — ראָמאַן פון פאַולינע וואַלמי, נאָוועלן, עסייען און לידער פון עדגאַר פאָו אין 2 ב׳ (יידיש — לעאָן עלבע און י קיסין), „אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ"—פון פרידריך ניצשע (יידיש ד״ר ח. זשיטלאָווסקי), „די רויטע ליליע" — ראָמאַן פון אַנאַטאָל פראַנס (יידיש י. פאָדרוזשניק), „דועל"- ראָמאַן פון מ. קופרין (יידיש נחום יוד), „דאָס מיידעל פון וואַלד (אינגעבאָרג)" — פון בערנאַרד קעלערמאַן (יידיש זישע לאַנדוי), „דער וועג צו פרייהייט" — ראָמאַן פון אַרטור שניצלער (יידיש י. רעגאַלסקי און י. גאַרניצקי); „די גרינדער און בויער פון יודענטום / (דור דור ודורשיו) / אָדער די געשיכטע פון דער תורה שבעל פה / ערשטע סעריע: / פון גאָר דער ערשטער צייט ביז חורבן בית שני / אין צוויי ביכער" (1920, ז׳ IX+851, יידיש א. רובענטשיק); אַ סעריע אילוסטרירטע קינדער־ביכלעך א״ט „פאַר

אַ‏ייך און אַייערע קינדער" (10 נומ'), דוד פינסקיס דראַמען אין 5 ב', אַלע ווערק פון י"ל פרץ — אין 13 ב', אויך איינצלנע ביכער פון מנחם, ל. עלבע, אסתר שומיאַטשער, „די אַנטאָלאָגיע פון אידישער דיכטונג אין אַמעריקא" — פון זישע לאַנדוי. נאָך 1920 האָט דער פאַרלאַג „אידיש" צוליב דעם קריזיס אויפן יידישן ביכער=מאַרק אין אַמעריקע אויפגעהערט צו פונקציאָנירן. — פון ש'ס אָריגינעלע אַרבעטן איז אין בוכפאָרם אַרויס דער ראָמאַן א"ט „אין דער היים" („ליטעראַרישער פ"ג", ב"י, תרע"ו, ז' 127). ער האָט אויך פון צייט צו צייט געשריבן דערציילונגען אין דער „פ. אַ. ש." לעצטנס איז ער באַשעפטיקט אין דער געשעפטס=אָפטיילונג פון „טאָג".

שענבאַך אברהם (=חיים) (19/III 1883—) געב' אין סאָניק (סאַנאָק), מערב=גאַליציע, אַלס זון פון אַ סוחר. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע חסידישע דערציונג, אַלס אַוטאָדידאַקט געלערנט פרעמדע שפראַכן, געפאָרן צו פאַרשיידענע גאַליצישע צדיקים, צו 18 יאָר חתונה געהאַט, באַרייזט די מיטל=אייראָפעישע און באַלקאַנישע לענדער, 1909 געווען אַ דעלעגאַט צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַמבורג, זינט 1899 געשריבן פון צייט צו צייט מאמרים אין די בודאַפעשטער „יידישען טאַגעבלאַט", „אַלגעמיינע יידישע צייטונג", טשערנאָוויצער „יידישע נאַכריכטען", „פאָלקסבלאַט" און „יודישעס וואָכנבלאַט", פראָגער Jung Juda, פראַנקפורטער Israelit, קראָקעווער „המצפה", אויך א"פ אב"ן שה"ם, אחש"ה, א"ש, זינט 1909 אַרויסגעגעבן דאָס וואָכנבלאַט „דער פאָלקספריינד" אין סאָניק מיט די מאָנאַטלעכע ביילאַגעס „דער עזות=פנים" און „דער יודישער סוחר" (שפעטער איבערגענומען פון יחיאל שנייד), 1914—15 אין בודאַפעשט געגרינדעט 2 העברעישע שולן, דאַן ביז דער נאָוועמבער=רעוואָלוציע געווען אין מיליטערדינסט. לעצטנס באַשעפטיקט אַלס פאַרטרעטער פון מילן, לעדער, שוסטער=געצייג אאַז"וו.

שענירער שרה (VII/ 1883 —) געב' אין קראָקע אין אַ חסידיש=סוחרישער משפחה. פון די יינגסטע יאָרן אָן אַריינגעקלערט וועגן דער פראָבלעם פון צוציען די יידישע מיידלעך צו דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, האָט זי אין ווין, וואוהין זי האָט זיך בשעת דער וועלט=מלחמה עוואַקוירט (1915), אונטער דער ווירקונג פון די דרשות פון ראַבינער ד"ר פלעש, וואָס האָבן אין איר נאָך מער פאַרשטאַרקט איר פרומקייט, באַשלאָסן צו גרינדן אַ רעליגיעזע דערציונגס=אַנשטאַלט פאַר יידישע טעכטער, און נאָכן צוריקקומען קיין קראָקע, זומער 1918, האָט זי געעפנט אַן אָרטאָדאָקסישע שול א"נ „בית=יעקב" מיט 25 תלמידות, אין אַ שטיבל פון ד' אמות, וואו זי איז אַליין געווען די לערערין. אין 2 יאָר אַרום האָט די שול שוין געהאַט 280 שילערינס און דאַן איז די שול אַריבער אונטער דער אָנפירונג פון דער „אַגודה". זינט 1920 גייען פון דער שול אַרויס לערערינס פאַר די בית=יעקב=שולן אויך אין אַנדערע שטעט (די צאָל פון די דאָזיקע שולן אין גאַנץ פוילן גרייכט ביז 150). אַדאַנק דער שטיצע פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע פון אויסלאַנד (ביז 20,000 דאָלאַר) איז פאַר דער שול אין קראָקע און די סעמינאַר=קורסן אויסצובילדן „בית=יעקב"=לערערינס אויפגעבויט אַ גרויסער בנין. זייענדיק די אָנפירערין פון דער גאַנצער „בית=יעקב"=באַוועגונג — „צו דערציען די יידישע טעכטער אין

גייסט פון דער יידישער תורה און ישראלס היסטאָרישע אייביקייטס-אידעאַלן", באַטייליקט זיך ש' מיט אַרטיקלען אין חודש-זשורנאַל „בית-יעקב" א"ר פון א. ג. פרידענזאָן. זי האָט אויך געמאַכט אַ פּרווו „צו שאַפן אַ טראַדיציאָנעלע ליטעראַטור אין אַ צייטגעמעסערער פאָרם" פאַר קינדער און פאַר דער „אָרטאָדאָקסישער קינדער-ביבליאָטעק „בית יעקב" פאַרפאַסט אין גראַמען קליינע ביכעלעך, ווי „יהודית/ היסטאָרישע פאָרשטעלונג אין פינף סצענען", „דער כח פון הייליגען שבת / פאָרשטעלונג אין דריי בילדער" (קראָקע, תרפ"ה, ז' 32 און 29) א"א, אויך פאַרעפנטלעכט קינדערפּיעסן אויף היסטאָרישע טעמעס אין דעם אָרטאָדאָקסישן זשורנאַל „קינדער-גאָרטען" („אסתר", 1926, א"אַ).— זי וואוינט אין קראָקע, וואו זי איז דאָצענטין פון „בית-יעקב"-סעמינאַר און אַקטיווסטע טוערין פון דער אַגודיסטישער פרויענבאַוועגונג.

שענפעלד אברהם (II/ 1898 —) געב' אין בוקאַרעשט. מיטאַרבעטער פון רומענישע און רומעניש-יידישע צייטשריפטן, פאַר וועלכע ער האָט אויך איבערגעזעצט פון ש"ע, י. ל. פרץ, שלום אַש. זיך באַטייליקט אין איבערזעצן אויף יידיש די „רעוויסטעס" פון יאָן פריבעאַגו.

שע(ה)נפעלד (ראָזע) שושנה (ר"ח כסלוו 1884 —) געב' אין דראָהאָביטש, גאַליציע. איר פאָטער, יהודה שרייער, איז געווען אַ ייד אַ תלמיד-חכם, די מוטער — אַ שוועסטערקינד פון זידאַטשעווער צדיק ר' אייזיקל. געלערנט אין חדר חומש מיט רש"י, תנך, אויך שרייבן—דייטש, פויליש און יידיש. נאָך אין דער יוגנט זיך אויסגעצייכנט אַלס בריוושרייבערין פאַר כלה-מיידלעך, חתנים און פרויען צו זייערע מאַנען קיין אַמעריקע, אויך מיט אירע לידער, וואָס כּדחנים פלעגן זינגען אויף חתונות. 1912 אָפּגעדרוקט איר ערשטע סקיצע „דבורה" אין לעמבערגער „טאָגבלאַט". אין דעם אייגענעם יאָר אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און, זייענדיק אַ מאַמע פון קינדער און אַ ווירטין פון אַ הויז, די פרייע צייט אָפּגעגעבן זיך מיט שרייבן, געדרוקט סקיצן און דערציילונגען אויס דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע און דער אַלטער היים אין „מאָרגען זשורנאַל", „אַמעריקאַנער", „יידישען טאָגעבלאַט", „פרייהייט", קליוולענדער „אידישער וועלט", „פרויען זשורנאַל", אָן אַ קינסטלערישן ווערט, אָבער אין אַ גאַנץ ריינעם גוטן יידיש. אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן „בילדער פון לעבן" (נ"י, 1925, ז' 229, מיטן בילד פון דער פאַרפאַסערין).

שעפּנער ברוך (11/X 1893 —) געב' אין טאָמאַשאָוו-מאַזאָוועצק, ביי לאָדז, אין אַ חסידיש-נגידישער משפחה. באַקומען אַ שטרענג רעליגיעזע דערציִונג, צו-

ערשט געלערנט אין חדר אין לאָדז, וואוהין אַריבערגעפאָרן נאָך אַלס קינד, דערנאָך אין די לאָדזער און ליטווישע ישיבות, צו 14 יאָר צוריקגעקומען קיין לאָדז, געלערנט אין בית-מדרש און זיך געגרייט צו אַ רבנישער קאַריערע. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם באַזוך פון מענדעלע מוכר-ספרים אין לאָדז זיך פאַראינטערעסירט מיט ליטעראַטור און אָנגעהויבן בגנבה צו לייענען העברעיִשע ביכער, ביז מ'האָט אים גע-

פאַקט און אַרויסגעוואָרפן פון בית=מדרש,
צוליב דעם געמוזט אויך סוף=כל=סוף
פאַרלאָזן דאָס עלטערנהויז, אַנטלאָפן
קיין ווין, שוואַרצנדיק די גרענעץ, און
אַרבעטנדיק אַ האַלבן טאָג ביי פאַרשיי=
דענע שוואַרצע אַרבעטן — די איבעריקע
צייט אָפּגעגעבן אויף לייענען און לער=
נען, ביז אויך די עלטערן זיינען שלום
געוואָרן מיט דעם געדאַנק, אַז זייער ברוך
וועט שוין קיין רב ניט זיין, און זיי
האָבן אים אָנגעהויבן צו אונטערשטיצן.
פאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר אין ווין, האָט ש׳
פאַרן אויסבראָך פון דער מלחמה זיך
צוריקגעקערט קיין לאָדז און, פאַר=
נעמענדיק אַ בוכהאַלטער=שטעלע, זיך
שטאַרק אָנגעהויבן צו דערנעענטערן צו
דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג, אַריין
אין „בונד“, אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין
אַרבעט אין פאַרשיידענע אַרבעטער=
אַנשטאַלטן בשעת דער מלחמה אָנגע=
הויבן צו שרייבן באַריכטן און נאָטיצן
פון יידישן אַרבעטער=לעבן אין דער
לאָדזער יידישער פּרעסע, זיך באַטייליקט
כמעט אין אַלע ליטעראַריש=פּובליציס=
טישע אויסגאַבן, וואָס זיינען אַרויס אין
לאָדז פאַר די יאָרן 1914—1921, אויך אין
די בונדישע „לעבענס=פראַגען“ (1917),
דערהויפּט אָבער אין „לאָדזער פאָלקס=
בלאַט“ אין זיינע פאַרשיידענע גילגולים
(ווי „פאָלקסשטימע“ א״אַ), וואו געווען אַ
שטענדיקער מיטאַרבעטער. זינט אָנהייב
1922 איז ער אַ אינעווייניקסטער מיטאַר=
בעטער פון דער בונדישער „פאָלקסציי=
טונג“ אין וואַרשע, איר סיים=קאָרעספּאָנ=
דענט, באַזונדערס זיך אָבער געמאַכט
אַ נאָמען מיט זיינע אויסגעצייכנטע פּע=
ליעטאָנען א״פ בית=שין, שרייבט אויך
פּובליציסטישע אַרטיקלען, אויך א״פ
ב. ש., איבער טעאַטער אאַז״וו. סוף
1927 באַזוכט מערב=אייראָפּע און די
איינדרוקן פון זיין רייזע איבער=
געגעבן אין „פאָלקסצייטונג“, ווי אויך
אין פאָרלעזונגען אין פאַרשיידענע שטעט
פון פּוילן. — איז סעקרעטאַר פון דער
סעקציע פאַר פּראָפעסיאָנעלע ענינים ביי
דעם פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן
און זשורנאַליסטן אין וואַרשע.

שער (שערעשעווסקי) זעליג (10/VIII
1888 —) · געב׳ אין ראָזשינאָי,
גראָדנער געגנט, אין אַן אָרעמער אַרבע=
טער=פאַמיליע. ביז 15 יאָר געלערנט אין
די ישיבות פון ראָזשינאָי, סלאָנים, אין
ר׳ מעלהס קלויז אין ווילנע, דאַן גע=
וואָרן אַ וועבער, געווען טעטיק אין דער
ס״ס=פּאַרטיי, געווען אייניקע מאָל אַרעס=
טירט אויף קורצע טערמינען אין סלאָנים
און אין ביאַליסטאָק, אָנהייב 1909 אַוועק
קיין אַמעריקע, געאַרבעט אין די שעפּער
פון פרויענקליידער. האָט דעביוטירט
מיט אַ דערציילונג „אַ מאַמע“ אין דער
„פ. אַ. ש.“ פון 4/VIII 1918, זינט דאַן
זיך באַטייליקט מיט דערציילונגען און
סקיצן אין פאַרשיידענע טעגלעכע און
וועכנטלעכע צייטונגען פון אַמעריקע.
בשעת דער וועלט=מלחמה אַריינגעצויגן
אין דער אַמעריקאַנישער אַרמיי, זיך
באַטייליקט אין אייניקע שלאַכטן אויפן
פראַנצויזישן פראָנט, פאַרוואונדעט גע=
וואָרן, צוריקגעקומען קיין נ״י, פאַר=
עפנטלעכט אַ ריי מלחמה=דערציילונגען
אין „פאָרווערטס“ און „פ. אַ. ש“. 1921—
22 געווען אַ אינעווייניקסטער מיטאַרבע=
טער (פאַר אַרבעטער=ענינים) פון דעם
פ״צ׳יסטישן טאָגבלאַט „די צייט“, ביז די
צייטונג איז אונטערגעגאַנגען, שפּעטער
אַ קורצע צייט געאַרבעט אין „פרייהייט“
אַלס נייס=שרייבער און אין „טאָג“, דאַן
ווידער געווען אַ שניידער אין שאַפּ און
זינט אָנהייב 1926 אינעווייניקסטער מיט=
אַרבעטער פון „פאָרווערטס“, וואו ער

שרייבט אַרטיקלען איבער אַרבעטער=
ענינים און דערציילונגען פון יידיש=
אַמעריקאַנישן לעבן, אויך א״פ ש. זעליג,
ז. שעווסקי, זיגמונד, א. וועבער. אַן
אַקטיווער טוער אין דער יידישער אַר=
בעטער=באַוועגונג און דער סאָציאַליס=
טיש=טעריטאָריאַליסטישער פּאַרטיי אין
אַמעריקע, איז ער אין משך פון 2 יאָר
געווען סעקרעטאַר פון דעם בילדונגס=
קאָמיטעט פון אַרבעטער=רינג.

שערישעווסקי יוסף=אריה — פּאַר=
פאַסער פון אַ ביכל א״ט „הנודד / צעהן
נייע מוראַלישע לידער אין יודעשער
שפּראַך / דער נע וואַנדניק״ מיט אַ מאָטאָ
פון משלי „כציפור נודדת מן קנה כן
איש ממקומו״ (זשיטאָמיר, דרוק יצחק=
משה באַקשט, 1834, ז׳ איבער 72; אין
דעם עקזעמפּלאַר פון דער שטראַשון=
ביבליאָטעק אין ווילנע פעלן די לעצטע
זייטן; אין דער רשימה פון ש. ווינער
איז דאָס ביכל ניט פאַרצייכנט). דאָס
ביכל האָט אויך אַ צווייטן שער: „הנודד /
דער רייזינדער / אַ נייער גאַסט / קיקט
מיט פלייס / דיזען יאָר פערפאַסט / דיזע
גיטע נייס / לעזט יעדער מענטש יע=
דער יוד / פערגעניגין וועט איר האָבין
פיל / דורך דעם פרישין נייעם ליד /
גיטע זיטין אונ מוסר איז זיין ציל /
פאַן יוא״ש יליד וואשילישאק למשפחת
הוראדנא״. זיין נאָמען דעקט ער אויף
אין זיין ווידמונג צו זיין מוטער הדסה,
וואָס דערמיט עפנט זיך דאָס ביכל. פון
די הערות אין טעקסט איז צו זען, אַז
ער האָט געקענט גוט לערנען, פון די
לידער גופא — אַז ער האָט פיל פאַר=
בראַכט אין דער פרעמד, געוואַנדלט
„אין זאַמעט, ליטע אונ וואָלין״. אויך
דער לייטמאָטיוו פון דער געגראַמטער
„הקדמה — איינלייטינג״ — „טאָם דאָבראָ
גדיע ניעמאַ נאַס״— זאָגט דערויף עדות.
אין די צען לידער („דער רייזינדער,
דיא ערשטע זינד, דיא צווייטע זינד, דער
מבול, דער בלומען בוקעט, דיא אַלטע
וועלט, דער קעסט קינד, דיא פאַרטרי=
בענע פייגיל, דער צימביל, דיא טרערין״)
רעזאָנירט ער און מאָראַליזירט אַרום די
דערציילונגען פון חומש, פון דער יידי=
שער געשיכטע, פאַרגעסט ניט, ווי אַ
פּאַטריאָטישער משכיל, אָפּצוגעבן אַ שבח
„דעם גינעדיגען קיסר פון רוסלאַנד״,
רופט צו אחדות צווישן נאַציאָנען, צו
„פריינדשאַפט און ליבשאַפט איינס צום
צווייטין״, פאַרהערלעכט די ערדאַרבעט
אאַז״וו, אָבער דער ליטעראַרישער און
אויך שפּראַכלעכער ווערט פון ש׳ס גראַ=
מען איז אַ נישטיקער, און נאָר זעלטן
דערהייבט ער זיך צו אַ פּאָעטישער
סטראָפע.

שערלאַג מאַרעק (3/V.1 1878 —
) געב׳ אין כּראָסטקאָוו, גאַליציע.
צו 8 יאָר אַריבערגעפאָרן קיין וויגאָדע,
באַזוכט די גימנאַזיע אין סטרי, 1897
אַריבערגעפאָרן צו זיינע עלטערן קיין
ווין, וואו שטודירט יוריספּרודענץ, גע=
ענדיקט מיטן טיטל ד״ר און אָנגעקומען
אין אַ באַנק, זיך דערדינט ביז צו דעם
אַמט פון אַ דירעקטאָר, 1922 אַרויס
פון דער באַנק און זיך געווידמעט
דער אַדוואָקאַטור. ש׳ האָט פאַרעפנט=
לעכט דריי ביכער ליריק אין דייטש,
Einsamkeit — 1900, In der Fremde —
1914 און Heimaterde — 1921, אויך
נאָכדיכטונגען פון דער פּוילישער פּאָעזיע
אין בעטגעס Lyrik des Auslandes און
אין זיין ברודער לאָרענץ ש׳ס Anthologie
moderner polnischer Lyrik, אויך אָריגי=
נעלע שירים, נאָוועלן, סקיצן, עסייען
און רעצענזיעס אין פאַרשיידענע ווינער
טאָגבלעטער און צייטשריפטן (Jugend,

Literarisches Echo, Magazin für Literatur) א״אַ, אין אַלמאַנאַכן, אַנטאָלאָגיעס און יאָרביכער, ווי אויך כמעט אין אַלע דייטש- און פּויליש-יידישע בלעטער, צייטשריפטן און זמ״ב, ווי Ost und West, Welt, Menorah, Rocznik Żyd., Chwila, Nowy Dziennik א״אַ. נאָך ניט פאַרעפנטלעכט אַ הערצל-בוך, אַ בוך וועגן אַדאָלף שטאַנד, אַ דראַמע Das hohe Gefühl, פאַרפאַסט צוזאַמען מיט אַלפאָנס פּעצאָלד אַ אַנטאָלאָגיע פון דער מזרח-יידישער ליריק אין דייטש.

שערמאַן י. מ. (18/XI 1885 —) געב׳ אין דאָרף בורגיאַני, ניט ווייט פון פּאָסוואָל, ליטע, וואו זיין פאָטער, אַ בר-אורין, האָט געהאַלטן אַ פּאַקט. ביזן 17טן

לעבנסיאָר געלערנט אין פאַרשיידענע ישיבות, אין דער סלאָבאָדקער ישיבה אָנגעהויבן לייענען העברעיִשע ביכער, צו יענער צייט אויך אָנגעהויבן צו שרייבן דערציילונגען און שירים, סוף 1903 געקומען קיין דרום-אַפריקע, וואוהין זיין פאָטער האָט געהאַט אויסגעוואַנדערט מיט אַ קורצער צייט פריער, צוערשט געווען שוחט, אָבער זייענדיק שוין ניט פרום און ניט ליבנדיק די דאָזיקע אַרבעט — אָנגעקומען אויף אַ שטעלע אין אַ געשעפט, אין דער פרייער צייט ניט אויפגעהערט צו שרייבן לידלעך און סקיצן, זייער פיל געלייענט אין יידיש, העברעיִש און דייטש. דעביוטירט האָט ש׳ אין דעם העברעיִשן חודש-זשורנאַל „כנרת", אַרויסגעגעבן פון נ״ד האָפמאַן אין קייפּטאָון 1904—5, זיין ערשטע ליד און סקיצן אין יידיש פאַרעפנטלעכט אין יידישן וואָכנבלאַט „הכוכב" א״ר פון י. טרויב זינט 1906. 1910—13 געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם וואָכנבלאַט „די יודישע פאָהן" א״ר פון בנציון-זונדל הערש, וואו אַחוץ לידער געשריבן דערציילונגען א״פ אַ יודישער יונגל, צ״אַ אַ גרעסערע אַווטאָביאָגראַפישע דערציילונג „חיים-חייקל". איינע פון זיינע בעסטע דערציילונגען „פליכט און ליבע", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן אין מאַי 1913, ווען „די יודישע פאָהן" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָגבלאַט, איז געבליבן ניט פאַרענדיקט, ווייל די צייטונג האָט זיך דעם 27/VIII אָפּגעשטעלט. אינמיטן 1915 האָט ש׳ אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין דעם וואָכנבלאַט „דער אַפריקאַנער" א״ר פון ס. פּאָגעלסאָן, וואו געשריבן דערציילונגען, לידער, פעליעטאָנען, אָפּהאַנדלונגען (וועגן ממ״ס, ביאַליק), זינט פּאָגעלסאָנס טויט (אינמיטן 1919). געשריבן אין דער צייטשריפט די לייטאַרטיקלען, צוערשט א״פ ש׳, דערנאָך א״פ מ. י. זיך אויך באַטייליקט אין די חודש-זשורנאַלן „דאָס נייע וואָרט" (1916, אַרויס 6 ה׳) און „דרום-אַפריקע" (דעצעמבער 1922—אַווגוסט 1923, 9 ה׳; ביידע אַרויסגעגעבן פון דעם יידישן ליטעראַרישן פאַראיין אין יאָהאַנעסבורג), — די וויכטיקסטע יידישע ליטעראַרישע ערשיינונגען אין לאַנד, פון וועלכע געווען מיטרעדאַקטאָר, אויך געשריבן א״פ א. וו. ווייס, ב. בערמאַן, מ. י. זינגער, שמי אאַז״וו., אין דעם חודש-בלאַט פון די פּ״צ „אונזער וועג" 1919—21 א״ר פון ש. קאַרטון, אין דעם נ״י-ער „אידישען קעמפּפער" א״אַ. פון זיינע אַרבעטן איז צו דערמאָנען זיין אָפּהאַנדלונג „אידישע פאַרמעריי אין טראַנסוואַל" (אין „דרום-אַפריקע"). איינער פון די פּיאָנירן פון

דער יידישער קולטור־באַוועגונג אין דרום־אַפריקע, איז ער אַ צייט געווען סעקרע־טאַר און ביבליאָטעקאַר פון דעם „יידישן ליטעראַרישן פאַראיין", געהאַלטן רעפע־ראַטן אויף ליטעראַרישע און יידיש־היסטאָרישע טעמעס. 1928 באַנייט די אויסגאַבע פון דעם חודש־זשורנאַל „דרום־אַפריקע", גענומען דעם אַקטיווסטן אָנ־טייל אין דער גרינדונג פון דער ערש־טער יידיש־וועלטלעכער שול, וועלכע האָט זיך געעפנט אין יאָהאַנעסבורג אַדאַנק דער איניציאַטיווע פון מיכאל שור 1928.

שערמאַן יעפים (חיים־הערש) (VIII/8 1891 —) געבּ' אין כאָטין, בעסאַראַביע. זיין פאָטער, אַן אויפגעקלערטער שניט־סוחר, האָט גע־האַט אַ נייגונג צו שניצעריי, די מוטער איז געווען מוזיקאַליש, און פון ביידן האָט ער געירשנט די דאָזיקע נייגונגען. צו 10 יאָר געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער געענדיקט נ"יער קופּער־יוניאָן און באַקומען אויסצייכענונגען אין סקולפּטור און מאָלעריי, שטודירט אין דער אַקאַ־דעמיע פאַר קונסט און זיינס אַן אייל־בילד איז אָנגענומען געוואָרן אין דער „נאַציאָנאַלער אַקאַדעמיע" פון אַמעריקע, אויך באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ מעדאַיל. שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער מאָ־דערנער יידישער ליטעראַטור און אירע שעפער, האָט ש' געצייכנט די פאָרטרעטן פון זייער פיל יידישע שריפטשטעלער אין אַמעריקע (אַ סך רעפּראָדוקציעס פאַרעפנטלעכט אין „דער פעדער" א"אַ יידישע זשורנאַלן פון אַמעריקע).

שערשעווסקי צבי־הירש הכהן (1840—1909) געבּ' אין פּינסק. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג, געווען אין אָדעס אַ הויפּטמיטאַרבעטער פון „המליץ", בשעת די אָפטע נסיעות צעדער־בוימס אויסגעפירט די פליכטן פון אַרעדאַק־טאָר אויכעט. האָט זיך באַטייליקט כמעט אין אַלע העברעיִשע צייטשריפטן פון יענער צייט, וואו פאַרעפנטלעכט פּובלי־ציסטישע און וויסנשאַפטלעכע מאמרים און שירים, דערהויפּט א"פ יעבץ ישוע שר עשק. האָט אויך געשריבן שירים אין יידיש, ווי, למשל, אין „קול מבשר" 1871, 18 — „אויסבעססערונג־מיטטעל", וואו ער לויבט דעם „קול מבשר" פאַר זיין ווירקונג.

ספר זכרון; JE, XI; EƏ, XVI.

שפּיגעל ישעיה (1903—) געבּ. אין באַלוט, פאָרשטאָט פון לאָדז. זיין פאָטער און מוטער זיינען געווען אַרבעטער אין אַ וועב־פאַבריק. געלערנט אין תלמוד־תורה, דערנאָך אין אַ פאָלקס־שול, פון וואַנען מ'האָט אים אויסגעשלאָסן צו 13 יאָר פאַר זיין טבע צו חלשן. צוליב דער פאַראָרעמטקייט פון די עלטערן זיך געמוזט אַליין מפרנס זיין, געווען אַ טרעגער־יינגל, פלעגט אָפּטראָגן קוילן, קאַרטאָפל, פעקלעך פון די טראַמווייען. דאַן אָנגעקומען אין אַ גימנאַזיע און דער־גאַנגען ביזן 6טן קלאַס. האָט זינט 1921 פאַרעפנטלעכט לידער און פּראָזע אין פאַר־שיידענע לאָדזער אויסגאַבן, ווי „פאָלקס־בלאַט" א"ר פון ל. קאַהאַן, זמ"ה „ס'פעלד", V און VI, זמ"ב „שוועלן" I און II, וואָכנבלאַט „פרייטאָג", אויך אין דער נ"יער „פרייהייט". — איז באַשעפטיקט אַלס לערער פון יידיש אין דער אָוונט־שול א"ב פון ו. מעדעם אין לאָדז, ווי אויך אַלס פּריוואַטער לערער פון דער ענגלישער שפּראַך און ליטעראַטור.

שפּיגעל שמעון (חנוכה 1891—) געבּ' אין לאָדז. געענדיקט אַ טעכנישע מיטלשול. גאָר פרי אַרויס־געוויזן אַ אינטערעס פאַרן יידישן שפּריכ־

וואָרט און פאָלקסוויץ און געזאַמלט זיי, פאַרעפנטלעכט אַ טייל פון זיינע וויצנזאַמלונגען אין „דעם וועג“ פון 1/I 1907 אָוונט=אויסגאַבע און אין „לאָדזער פאָלקסבלאַט“ 1915 (1916?), זינט 1917 געווען אַ מיטאַרבעטער אין „לאָדזער טאַגעבלאַט“, זינט 1918 — אין „לאָדזער פאָלקסבלאַט“, 1919 אַרויסגעגעבן אין לאָדז 3 נומ׳ פון אַ זמ״ה א״ט „אשמדאי“ ביי דער מיטאַרבעט פון משה בראָדערזאָן, יצחק קאַצענעלסאָן, דעם גראַפיקער אַרטור שיק א״אַ, 1921 אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, געווען איינער פון די מיטגרינדער און מיטאַרבעטער פון אַ נייעם טאָגבלאַט „די מאָרגנפאָסט“, וואָס איז אַרויס גאָר אַ קורצע צייט, דערנאָך געאַרבעט אַ געוויסע צייט אין „יוד“ אַלס באַריכטגעבער, 1924 געאַרבעט אין דער דאַן געגרינדעטער „מאָרגנצייטונג“, וועלכע האָט אָבער אויך ניט געהאַט קיין אריכת=ימים, 1925 צונויפגעשטעלט די אילוסטרירטע וועכנטלעכע ביילאַגע פון „היינט“, דאַן געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער דאָזיקער צייטונג, וואו ער אַרבעט=מיט עד=היום, אויך א״פ שפּיפון, ראובן קנאַק=ניסל, ש. ש—ל, אבא אט. דער הויכער א״אַ. פון זיינע איבערזעצונגען איז אין בוכפאָרם אַרויס וואָלטערס ראָמאַן „צאַדיג“ (פ״ג „דער טורעם“, וואַרשע, 1921, ז׳ 127+1 באַמערקונגען). האָט אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע פאָלקלאָריסטיש=פילאָלאָגישע אַרטיקלען, ווי: „די יודישע ווערטער=פאַרבינדונגען“ („לאָדזער טאַגעבלאַט“, 1918), „מענדעלע און די אידישע שפראַך“ און „דעם זיידנס משלים, אַפאָריזמען און ווערטלעך“ (ib), „פּריזיוו און רעקרוטאַציע“ (אין זמ״ה „דער זשורנאַליסט“, לאָדז, 1919), „דער „בריה“ און דער „לא=יצלח“ אין דער אידישער שפראַך“ — אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערער ניט פאַרעפנטלעכער אַרבעט „דער יודישער וואָרט=אוצר אָדער דער פאַסטענדער אויסדרוק“ — אַ פּרווו פון אַ רשימה פון סינאָנימען אין „חודש“, 1921, III, ז׳ 142—144, „הומאָר און סאַטירע אין אידישען שפּריכוואָרט“ — אין „לאָדזער טאַגעבלאַט“, 1927, „ווערטערבוך לויט בעגריף=פאַמיליעס“ — אין זמ״ב „ביי אונז יודען“, 177—185, „ביבליאָגראַפיע און ביבליאָגראַפישע אינסטיטוטן“ — אין „ביכער=וועלט“, 1922, וועגן דער קינסטלערישער געשטאַלטונג פון דער יידישער שריפט -- אין יוביליי=נומער פון „היינט“, 1928.

שפּיגעלמאַן לייביש (24/VII 1884—) געב׳ אין דאָרף זשעזשושניע, קעלצער געגנט, אין אַ באַלעבאַטיש=חסידישער פאַמיליע. באַקומען אַ געוויינלעכע יידישע דערציונג, שפּעטער געלערנט אייראָפּעיִשע שפּראַכן. נאָך אַלס ייִנגל זיך באַטייליקט אין „עולם קטן“, האָט ער שפּעטער קאָרעספּאָנדירט אין „המליץ“, „הצפירה“, „פריינד“, „אונזער לעבען“, „דעם וועג“, יאַצקאַנס „טאַגעבלאַט“, „היינט“, זינט 21/VII 1911 אַרויסגעגעבן אין בענדין אַ „אַנאָנסען=בלאַט“, וואָס פלעגט אַלע פרייטאָג צוגעגעבן ווערן אומזיסט צו די יידישע צייטונגען, ביז דאָס בלעטל האָט אָנגעהויבן צו ערשיינען רעגלמעסיק אַלע פרייטאָג און זיך אָפּצוגעבן מיט לאָקאַלע און פּובליציסטישע ענינים. ערשט 1913 איז ש׳ן געלונגען צו באַקומען אַ קאָנצעסיע פון דער רוסישער רעגירונג אויף אַ יידיש וואָכנבלאַט א״ט „אונזער טעלעפאָן“, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען ביז 1919, ווען עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך דער פּוילישער מאַכט.

דאַן האָט ש׳ געגרינדעט דאָס וואָכנבלאַט „זאַגלעמביער צייטונג״, וואָס ערשיינט עד=היום.

שפּיזמאַן לייב (I/ 1903 —)
געב׳ אין וואַרשע. ביז 13 יאָר געלערנט אין חדר, דאַן זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט זעלבסטבילדונג. 1919 אַרויסגעגעבן די ערשטע נומ׳ פון דעם יוגנט=אָרגאַן פון די פּ״צ אין פּוילן א״ט „דער יונגער קעמפער״, זיך אויך באַטייליקט אין „אַלטניילאַנד״ א״ר טריוואַקס, 1920— נאָך דער שפּאַלטונג—צוזאַמען מיט ד״ר י. שיפּער און פּ. סאַמעט געשאַפן די אומאָפּהענגיקע פּראַקציע ביי דער פּ״צ=פּאַרטיי, אויף דער קראָקעווער קאָנפערענץ פון די פּ״צ — אַריין אין צ״ק, זינט דאַן שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם צענטראַלן אָרגאַן פון די רעכטע פּ״צ „דאָס אַרבעטער=וואָרט״, אויף דער פּ״צ=באַראַטונג אין באַזעל 1927 אויסגעוויילט אַלס סעקרעטאַר פון אָרגאַניזיר=ביוראָ פון יוגנט=וועלט=פאַרבאַנד פון די רעכטע פּ״צ, רעדאַקטירט זינט דאַן די חודש=שריפט „יוגנט = פרייהייט״ — „צענטראַל = אָרגאַן פון סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד פון דער יידישער אַרבעטער=יוגנט „פרייהייט״ אין פּוילן״—און די 2מאָנאַטלעכע אויסגאַבע „יונג און פריי״ — קינדער= און סקויטן = זשורנאַל; באַטייליקט זיך אויך אין „באַפרייונג=אַרבעטער=שטימע״, אין די העברעישע אויסגאַבן פון „החלוץ״, „העתיד״, „להבות״, אויך א״פ ל. שין, לשף, חן, א. שפּיז. האָט צ״אַ איבערגעזעצט פון דייטש דאָס בוך „די יידישע אַרבעטער=באַוועגונג אין ארץ=ישראל / איר געשיכטע און געגנוואַרט״ פון ד״ר וואַלטער פּרויס מיט אַ הקדמה פון ד. בן=גוריון (אַרויסגעגעבן פון וועלט=פאַרבאַנד „החלוץ״, וואַרשע, 1926, I בוך—ז׳ 79), „די אַרבעטער=יוגנט און דער וועלט=מצב פון סאָציאַליזם״ — אַ רעדע פון אָטאָ בויער („פרייהייט=ביבליאָטעק״, וואַרשע, 1927, ז׳ 31) און פאַרעפנטלעכט די בראָשורן „אמת און פאַנטאַזיע איבער דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד / (קרים און ארץ=ישראל)״ (וואַרשע, 1925, ז׳ 67) און א״פ ל. שין „באַראָכאָווס געדאַנקען=וועלט״ („פרייהייט״=ביבליאָטעק, וואַרשע, 1928, ז׳ 32).

שפּיטאַלני זרח (שבט 1870 — סוף 1928) געב׳ אין קליינעם שטעטל טרעסעני אַלס זון פון אַ מלמד (לייבעלע זעליגס). „ניט געהאַט ניט קיין ערציִונג און ניט קיין בילדונג״, האָט ער די איינציקע גייסטיקע השפּעה אין די גאָר יונגע יאָרן באַקומען פון שמרס און בלאָשטיינס ראָמאַנען, צו 15 יאָר



געוואָרן אַ בערשטער, צו 19 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער איז געווען באַשעפטיקט אַלס היטלמאַכער, נעמענדיק אַן אָנטייל אין דער יידישער אַרבעטער = באַוועגונג, אין אַרבעטער=רינג, אין די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. דעביוטירט אין דעם ב״י׳ער וואָכנבלאַט „דער סאָציאַל = דעמאָקראַט״ („דער אידישער סאָציאַליסט״?), 1913, האָט ער זיך באַטייליקט אין דער מאָנאַטלעכער אויסגאַבע פון די אַמעריקאַנער היטלמאַכער „קעפּמייקערס זשורנאַל״, שפּעטער — אין דער שיקאַגער „אידישער אַרבייטער וועלט״, אויך אין דעם מאָנאַטלעכן אָרגאַן פון די פרויען=מאַנטל=שניידער „דער ליידיס גאַרמענט וואָרקער״, אין דעם אָרגאַן פון דער מענער=שניידער=יוניאָן „דער אַרבעטער״,

אין דעם וואָכנבלאַט פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע „די נייע וועלט“, אין דעם דעטראָיטער טאָגבלאַט „דער וועג“, אין דעם וואָכנבלאַט פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד „דער וועקער“ און צולעצט אין „פאָרווערטס“. דערהויפּט האָט ער געשריבן פעליעטאָנען אונטער זיין אַמעריקאַניזירטן נאָמען ס. לעווינסאָן, אויך א״פּ בן=אריה, אַ קלאָרער פילאָזאָף, באַזונדערס פּאָפּולער געווען א״פּ אַ אידעל פון מיזורי. אַדאַנק דעם געזונטן פאָלקסטימלעך=הומאָריסטישן טאָן פון זיינע פעליעטאָנען האָט ער ענדלעך, אויף דער עלטער, באַקומען די מעגלעכקייט זיך אַרויסצורייסן פון שאַפּ, אַריינטרעטנדיק אין „פאָרווערטס“ אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער. צוזאַמען מיט זיין פרוי, אויך אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט ער באַרייזט די פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פון לאַנד און באַשריבן דאָס לעבן פון די יידישע מאַסן דאָרט. „זיין הומאָריסטישער טאַלענט — כאַראַקטעריזירט אים דער נעקראָלאָג=שרייבער אין „פאָרווערטס“ — האָט אַרויסגעשפּראָצט פון דעם איינגעבוירענעם אָפּטימיזם, פון דעם טיפן גלויבן אין דער מענטשלעכער נאַטור און אין דעם ענדלעכן זיג פון גערעכטיקייט, פון סאָציאַליזם, פון אַ בעסערער צוקונפט“... געשטאָרבן איז ער פּלוצלונג און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויף „הר=הכרמל“ פון דעם אַרבעטער=רינג=בית=עולם, צווישן די קברים פון די יידישע שריפטשטעלער און סאָציאַליסטישע פירער.

שפּילריין יצחק=מאיר (13/V 1891—) געב׳ אין ראָסטאָוו=דאָן אַלס זון פון אַ קאָמיסיאָנער=אַגענט און פון אַ צאַנדאָקטאָרין. געלערנט אין ראָסטאָווער גימנאַזיע, 1906 אויסגעשלאָסן געוואָרן, מאַטורירט אַלס עקסטערן, 1909—12 שטודירט אויפן פילאָסאָפישן פאַקולטעט אין היידעלבערג און לייפּציג, אויך די צייט פון דער וועלט=מלחמה פאַרבראַכט אין דייטשלאַנד, נאָכן צוריקקערן זיך קיין רוסלאַנד גענומען אַן אָנטייל אין דער גרינדונג און דער אַרבעט פון דער יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט אין טיפליס 1919—21, דאַן זיך באַזעצט אין מאָסקווע. האָט געלייענט אין מאָסקווער אוניווערסיטעט דעם ערשטן קורס פון יידיש און אויף יידיש, 1922—23, דערנאָך 1923—24, אין דעם לערניאָר 1927—28 געלייענט דאָרט די געשיכטע פון יידיש. 1922—24 געווען פאָרזיצער פון דער יידישער שפּראַכקאָמיסיע ביים פאָלקאָמבילד פון רספס״ר. פון זיינע אַרבעטן איבער יידיש האָט ש׳ פאַרעפנטלעכט: אַן אָפּהאַנדלונג איבער הערמאַן שטראַקס יידישן ווערטערבוך — אין בוערס Jude, 1916, I; וועגן דער אויסשפּראַך און טראַנסקריפּציע פון יידיש, ib, 1917, II; איבער די יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע אונטערזוכונגען פון נח פּרילוצקי אין Jüd Rundschau, 1918, 20; וועגן פאַרשרייבן יידישן פאָלקלאָר אין „עמעס“, 1924, 205; „אידיש“ — אַ קאָנספּעקט פון אַ קורס (פ״ג „שול און בוך“, 1926). זיין הויפּט=פאַך אָבער איז פּסיכאָטעכניק.

שפּירן צבי (22/V 1893) געב׳ אין טאַרנאָבזשעג, מערב=גאַליציע, אַלס זון פון אַ בוכהאַלטער, אַ חסידישן ייד, אָבער מיט מאָדערנע אָנשויונגען. געלערנט אין חדר און דער פאָלקסשול, דערנאָך שטודירט אין אַ קאָמערץ=שול, 1911—14 געווען בוכהאַלטער אין אַ באַנק. נאָך אַלס סטודענט אָנהייב 1910 אָנגעהויבן צו שרייבן אין קראָקעווער „טאָג“, האָט ער אין משך פון די דאָזיקע יאָרן

פאַרעפנטלעכט זייער פיל פעליעטאָנען
און פובליציסטישע אַרטיקלען אין דער
יידיש=גאַליצישער פרעסע, ווי קראָקע=
ווער „טאָג", לעמבערגער „טאָגבלאַט",
סאַנאָקער „פאָלקספריינד", אויך אין
ווילנער „שטערן" א"אַ. אָנהייב מלחמה
איז ער אַוועק קיין בודאַפּעשט, וואו ער
איז העכער פיר יאָר געווען רעדאַקטאָר
פון דער „אַלגעמיינער יידישער צייטונג",
אַ טאָגבלאַט אין דייטשער שפּראַך, אָבער
מיט יידישע אותיות (זע גראָסבערג לעאָ=
פאָלד); אָט דעם דאָזיקן קלעריקאַל=
בטלנישן אַנטי=נאַציאָנאַלן אָרגאַן האָט
ש' מאָדערניזירט און פאַרוואַנדלט אין
אַ ציוניסטישן אָפּיציאָז. אין דער
זעלביקער צייט האָט ער געשריבן
כסדר אין דער „וויענער מאָרגענציי=
טונג" (שפּעטער — „יודישע מאָרגענ=
פּאָסט"); זיינע אַרטיקלען איבער אונגאַרן
פלעגן אויך איבערגעדרוקט ווערן אין
אויסלענדישע צייטונגען. אין בודאַפּעשט
האָט ש' זיך אויך פאַרנומען מיט כלל=
ענינים און איז אַלס ציוניסטישער עסקן
אויפגעטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען אַלס
פאָלקס=רעדנער. אין 1918 האָט ער רע=
דאַקטירט אַ זמ"ה א"ט „יודישע זאַמעל=
ביכער" (אַרויסגעגעבן דורכ'ן פעראיין
„אחדות" פון די גאַליצישע ציוניסטען
אין בודאַפּעשט, תרע"ט, ז' 44), דאָס
ערשטע און ביזאַהער איינציקע מאָ=
דערנע בוך אין דער יידישער שפּראַך
אין אונגאַרן. נאָכדעם ווי די קאָמוניס=
טישע רעגירונג פון בעלאַ קון האָט 29/III
1919 „די אַלגעמיינע יידישע צייטונג"
אַלס קאָנפעסיאָנעלן אָרגאַן פאַרמאַכט,
האָט זי געפירט מיט ש'ן אונטערהאַנד=
לונגען וועגן אַרויסגעבן אַ נייע יידישע
צייטונג אין אַ ריינער ליטעראַרישער
שפּראַך, אויף מלוכה=הוצאות; די ציי=
טונג, א"ט „דער אמת", האָט געזאָלט זיין

אַ יידיש=נאַציאָנאַל אַ סאָציאַליסטיש,
אָבער צוליב דער קעגנערשאַפט פון דער
יידישער פראַקציע פון דער קאָמפּאַרטיי
איז אין לעצטן מאָמענט די זאַך בטל גע=
וואָרן (די פראַקציע האָט דאַן אין משך פון
6 וואָכן אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט „דער
קאַמפף" – דער לעצטער זכר פון יידישן
געדרוקן וואָרט אין אונגאַרן). ש' האָט
זיך אויך באַטייליקט אין „פראַגער יידישער
צייטונג", „לובלינער טאָגבלאַט", „דעם
יודישען קריגס=געפאַנגענעם", „מאָמענט"
א"אַ און אָנגעשריבן איי‌ניקע בראָשורן.
פילע פון זיינע נאָך ניט געדרוקטע
ווערק זיינען פאַרלוירן געגאַנגען בעת
דער רוסישער אינוואַזיע אין גאַליציע.—
נאָך דער מלחמה האָט ער זיך באַזעצט
אין מעליץ. אַלס אָנפירער פון אַ פאַר=
איי‌ניקטער יידיש=פוילישער אָפּאָזיציע
קעגן די אַלטע מושלים און שטאָט=תקיפים
איז ער סוף 1926 אויסגעוויילט געוואָרן
אַלס מיטגליד פון מעליצער שטאָטראַט,
שפּעטער געגרינדעט אַ קאָאָפּעראַטיווע
יידישע פאָלקסבאַנק, פון וועלכער ער
איז פאַרוואַלטונגסמיטגליד און פאַקטי=
שער אָנפירער. — באַטייליקט זיך פון
צייט צו צייט מיט אַרטיקלען און קאָרעס=
פּאָנדענצן אין „היינט", לעמבערגער
„מאָרגען", ב"יער „טאָג", אויך א"פ צבי
בן חיים, צ. ש., Z. S—n, פּרץביישן
(אַנאַגראַם פון צבי ש'). באַזונדערס
ווערטפול זיינען זיינע אַרבעטן צו דער
געשיכטע פון דער יידישער פרעסע,
דערהויפּט אין אונגאַרן, ווי זיין שטודיע
„די אידען און די אידישע צייטונגען
אין אונגאַרן. / די אָרטהאָדאָקסען, די
נעאָלאָגען און די קאָמוניסטען" („צו=
קונפט", 1923, V), „די ערשטע יידישע
טאָגצייטונגען" („היינט", יאַנואַר 1928),
„די ערשטע פוילישע צייטונג און אירע
יידישע קאָנקורענטן (פוילישע יידן אַלס

לעבעדיקע צייטונגען אין XVII י״ה)״ — (יובילײ־בוך פון „היינט״), „די יידישע שפּראַך אין אונגאַרן״ („לאַנדוי־בוך״), „די ראָלע פון נעמען אין אונזער מאַמע־לשון״ („פילאָלאָגישע שריפטן״, II), „אַ שטעטל אין גאַליציע (מעליץ), וואו די גויים ריידן יידיש״ (אין ב״י״ער „טאָג״) א״אַ.

שפּער יונה (אַרום 1895 —) געב׳ אין זאַמאָשטש, לובלינער געגנט. זיין פאָטער, אַ ייד אַ למדן און אַ משכיל, אַ שוועסטערקינד פון י״ל פּרץ, איז גע־ווען אַ וואַלד־סוחר. באַקומען אַ יידישע דערציִונג, האָט ער געענדיקט די קאָ־מערצשול, נאָך דעם אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה זיך עוואַקויִרט מיט די עלטערן קיין קאַטערינאָסלאַוו, נאָך דער רעוואָלוציע צוריקגעקומען קיין פּוילן, שטודירט אין קראָקעווער אוניווערסיטעט, 1920 געקומען קיין ווילנע, וואו ער האָט בשעת דער אַ״ג מיטל־ליטע פאַרנומען דעם אַמט פון אַ רעפערענט פאַר יידישע ענינים ביי דער רעגירונג פון גענעראַל זשעליגאָווסקי און געווען מיטאַרבעטער פון דעם טאָגבלאַט „נייער מאָרגן״ 1921, שפּעטער געווען לערער פון יידישער און פּוילישער ליטעראַטור אין יידישע מיטלשולן פון ווילנע און ביי־סווענציאַן, פון צייט צו צייט זיך באַטייליקט מיט ליטע־ראַריש־קריטישע אַרטיקלען אין פאַר־שיידענע אויסגאַבן פון ווילנע, ווי מ. שאַליטס „לעבען״, ווילנער „טאָג״, אויך אין „מאָמענט״ א״אַ, אַליין אַרויסגעגעבן אַ 3 נומ׳ פון אַ וואָכנבלאַט א״ט „די וואָך״, 1927 זיך באַזעצט אין לאָדז, וואו ער פאַר־נעמט דעם אַמט פון אַ רעפערענט פאַר יידישע ענינים אין דער וואָיעוואָדשאַפט. פון זיינע איבערזעצונגען זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: הענריק סיענקעוויטשעס ראָמאַן אין 3 ט׳ „די משפחה פּאָלאָנעצקי״ (פ״ג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1926), ק. טעטמייערס ראָמאַנען „דער מלאך המות״ (פ״ג ב. קלעצקין 1925) און „אומקום״ (דערז׳ פ״ג), וואַצלאַוו בערענטס ראָמאַן „פּרוכנע״ (דערז׳ פ״ג), פּאַראַדייס „די געשיכטע פון אַ ליכט״ (דערז׳ פ״ג), ראָמען ראָלאַנס „קאָליאַ ברעניאָן״ (פ״ג „טאָמאָר״ פון יוסף קאַמערמאַכער, ווילנע, 1927), ליסאַגאַרעס „די געשיכטע פון דער פּאַריזער קאָמונע״ (דערז׳ פ״ג), פּ. קראָפּאָטקינס „די געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע״ (I ט׳; דערז׳ פ״ג). האָט אויך איבערגעזעצט פראַגמענטן פון אַדאַם מיצקעוויטשעס עפּאָפּעע „פּאַן טאַדעוש״ (געדרוקט אין „ווילנער טאָג״ און אַריין אין דער כרעסטאָמאַטיע פון ש. באַסטאָמסקי — ז. רייזען „דאָס לעבעדיקע וואָרט״, לעצ־טע אויפלאַגעס) און לידער פון מאָדערנע פּוילישע דיכטער.

שפּראַך פּראָיִם (אפרים) (1890—) געב׳ אין טאָרטשין, וואָלין, אין אַ קליינהענדלער־פאַמיליע. פון 15 יאָר אָן געלעבט אויף אייגענע פאַרדינסטן פון שטונדן אַאַז״וו, 1912 געענדיקט גימנאַ־זיע, דערנאָך שטודירט מעדיצין אין בערן און פּראָג, אָבער דאָס שטודיום ניט פאַרענדיקט. — זינט 1905 זיך כסדר באַטייליקט אין יידישער קול־טור־אַרבעט אין פאַרשיידענע שטעט, אָנגעפירט מיט קרייזלעך, קורסן, אָוונט־שולן, געהאַלטן לעקציעס. — זיין ליטע־ראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן מיט איבערזעצונגען פון רוסיש און דייטש אויף יידיש, פאַרעפנטלעכט לידער פון נעקראַסאָוו און נאַדסאָן אין דער ביילאַגע צום „פריינד״ 1911 — 12, אין די יאָרן 1916 — 17, געפינענדיק זיך אַלס ציווי־לער געפאַנגענער אין פּראָג, ווין און לעמבערג — צוליב פרנסה געדרוקט אין

די דאָרטיקע און דייטש-יידישע צייט-
שריפטן אַרטיקלען וועגן יידישע שריפט-
שטעלער און יידישן פֿאָלקלאָר, אין
„לובלינער טאָגבלאַט" 1917 פֿאַרעפֿנט-
לעכט אַ גרויסע דערציילונג פֿון מאַקס
בראָד — „ערשטע שעה נאָכן טויט", זומער
1918 געאַרבעט 3 חדשים אין דער רע-
דאַקציע פֿון דער בונדישער „פֿאָלקס-
צייטונג" אין קיעוו, 1920 — 22 געווען
פֿאַרוואַלטער פֿון דער יידישער בילדונגס-
אַרבעט אין ראָסטאָוו-דאָן, אָדעס און
וויטעבסק, געלייענט קורסן פֿון געזעל-
שאַפֿט-קענטעניש אין יידישן פּעדטעכ-
ניקום, אויף פּעדאַגאָגישע קאָמיוגישע
קורסן, אין יידישע פּאַרטיישולן אאַז"וו,
געפֿירט אַגיט-אַרבעט אויף יידיש, 1922—
23 געווען מיטגליד פֿון רעדקאָלעגיע און
מיטאַרבעטער פֿון וויטעבסקער „רויטן
שטערן", שפּעטער זייענדיק אויף אַלגעמיין
פּאַרטיי־ישער אַרבעט — צונויפֿגעשטעלט
דעם ערשטן יידישן אַרבעטער-קאַלענדאַר
אין ראַטנפֿאַרבאַנד (צענטרפֿ"ג, מאָסקווע,
1924, ז' 340) און צוזאַמען מיט ש. רי-
וועס — דאָס ערשטע יידישע לערנבוך
פֿון פּאָליטאיוורע א"ט „קאַמף" — פֿאַר
שולן פֿון סאָצ' דערציִונג (דערז' פ"ג,
1925, ז' 400). פֿון נאָוועמבער 1925 ביז
פֿעברואַר 1928 געווען פֿאַראַנטוואָרטלע-
כער רעדאַקטאָר פֿון דעם כאַרקאָווער
טאָגבלאַט „דער שטערן" — אָרגאַן פֿון
צ"ק פֿון דער ק"פּ פֿון אוקראַינע און
פֿון אַלאוקראַינישן פּראָפֿראַט, געווען
אויך דער ערשטער רעדאַקטאָר פֿון דעם
ערשטן יידישן וואָכנבלאַט פֿאַר די פּוי-
ערים אין פּסס"ר א"ט „דער אידישער
פּויער", וועלכן רעדאַקטירט פֿון נאָוועמ-
בער 1926 ביז יאַנואַר 1927. מיטגליד
פֿון דער רעדקאָלעגיע פֿון דעם חודש-
זשורנאַל „די רויטע וועלט" און דער
יוגנט-צייטונג „יונגע גוואַרדיע". באַטיי-
ליקט זיך אַלס פּובליציסט אין אַנדערע
יידיש-סאָוועטישע צייטונגען, ווי מאָס-
קווער „עמעס". האָט געשריבן אויך א"פּ
פּ. ש., פּ — ע, א. ציגל, Ф. Языков.
פֿון זיינע אַרבעטן זיינען אַרויס אין
בוכפֿאָרם: „מאַטעריאַליזם — דעם פּראָ-
לעטאַריאַטס פֿילאָסאָפֿיע" — פֿון גאָרעוו
(אָדעס, 1922), „די יעסוידעס פֿון מאַרק-
סיזם" — פֿון אַגאָל (קיעוו, 1924); „ציאָ-
ניסטן, ווער זיינען זיי און וואָס ווילן זיי"
(פ"ג „שטערן", כאַרקאָוו, 1926, ז' 72;
צווייטע אויפֿלאַגע — פ"ג „קולטור-ליגע",
קיעוו, 1928).

שפּרינגבערג משה (מאָוריציאָ) נ.
(22/11 1890 —) געב' אין
זגוריצע, בעסאַראַביע, וואו זיין פֿאָטער
יעקב איז געווען אַרענדאַטאָר. נאָך די
פּאָגראָמען פֿון 1903 האָט די פֿאַמיליע
אויסגעוואַנדערט קיין צפֿון-אַמעריקע,
אָבער צוליב דער טראַכאָמע-קראַנקהייט
געמוזט בייטן דעם מאַרשרוט און געקו-
מען קיין אַרגענטינע. אין אַ פּאָר יאָר
אַרום זיך באַזעצט אין ראָזאַריאָ, וואו
באַזוכט אַ שול. זיין זשורנאַליסטישע
טעטיקייט אָנגעהויבן מיט טעאַטער-נאָ-
טיצן אין דעם טאָגבלאַט „La Provincia",
1911 אַרויסגעגעבן אַ אילוסטרירט וואָכנ-
בלאַט אין ראָזאַריאָ א"ט Iris, פֿאַרעפֿנט-
לעכט לידער אין שפּאַניש-יידישן זשור-
נאַל Iuventud, אַרטיקלען איבער יידישע
ענינים, איבערזעצונגען פֿון פּרץ הירש-
ביין, א. רייזען, י"ל פּרץ א"אַ. 1913,
ווען אין בוענאָס-איירעס האָט זיך ביס-
לעכווייז אָנגעהויבן אויסצוקריסטאַליזירן
דאָס יידישע לעבן, זיך באַזעצט אין
דער דאָזיקער שטאָט, צוזאַמען מיט זיין
ברודער, פּעדראָ, אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן
אַ יידישן זשורנאַל פֿאַר קונסט און ליטע-
ראַטור א"ט „שטראַהלען", 1914 מיט-
געאַרבעט אין בוענאָס-איירעסער „טאָג"

א״פ מנש, באַגלייט פּרץ הירשביינען אַלס סעקרעטאַר ביי זיין ערשטער נסיעה איבער אַרגענטינע, דאַן געאַרבעט ביז 1921 אַלס געשעפטספירער פון „דער אידישער צייטונג", זינט 1923 רעדאַקטירט דאָס אילוסטרירטע הומאָריסטישע וואָכנבלאַט „פּנים'ער און פּנים'לאַך".

Iuventud פון 1/X 1913 (רעצענזיע אויף דער אויפפירונג פון ש'ס איינאַקטער „סוקסעס" דורך דער טרופּע פון מאָריס מאָשקאָוויטש).

שפּרינגבערג פּעדראָ (פּנחס=דוד) (27/VIII 1888 —) געב' אין זגוריצע, בעסאַראַביע. געענדיקט די רוסישע שטאָטישע שול, זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג, צו 15 יאָר צוזאַמען מיט די עלטערן עמיגרירט קיין אַרגענטינע. 1908 צוזאַמען מיט אַ חבר יצחק איידלשטיין (אָדער עדעלשטיין, געב' אין קאַלאַראַש אַרום 1890) אַרויסגעגעבן אין בוענאָס=איירעס 3 נומ' פון אַ חודש=זשורנאַל א"ט „לעבן און פרייהייט" — „אַ מין אַנאַרכיסטיש=מיסטיש=יידיש=גויישע פאַרזעעניש אין פערזן און פּראָזע". צוליב זיין שייכות צו דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג — 1910 געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און 3 יאָר געלעבט אין סט'=גאַלען, שווייץ. צוריקגעקומען קיין בוענאָס=איירעס — 1913 אַרויסגעגעבן, אונטער דער פאַקטישער רעדאַקציע פון פּיניע כץ און ביי דער מיטווירקונג פון י. העלפמאַן, אַ חודש=זשורנאַל „שטראַלען", וואָס איז ביים דעמאָלטיקן צושטאַנד פון דעם יידישן זשורנאַליזם אין אַרגענטינע געווען אַ געוויסע דערגרייכונג (אַרויס 5 ה'), דאַן פאַרבראַכט 3 יאָר אין פּאַראַגוואַי אַלס פירער פון דער בילדער=אָפּטיילונג פון דער אָפּיציעלער טעגלעכער פּאַראַגוואַיער צייטונג El Diario. 1919 צוריקגעקומען קיין אַרגענטינע, וואו ער פאַרנעמט זיך מיט מסחר. זינט אָנהייב 1924 רעדאַקטירט די וועכנטלעכע ראָזאַריער אָפּטיילונג פון „דער אידישער צייטונג" (ראָזאַריאָ — אַ שטאָט פון דרייהונדערט קל"מ צו צפון פון בוענאָס=איירעס, מיט אַ 400,000 איינוואוינער, בתוכם אַ 10,000 יידן). אַ מיטגליד פון דער אַלוועלטלעכער טעאָסאָפישער געזעלשאַפט זינט 1918, איז ער שעפרעדאַקטאָר פון אַרגענטינישן טעאָסאָפישן זשורנאַל „טעאָזאָפּיאַ ען על פּלאַטאַ"—דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דער טעאָסאָפישער געזעלשאַפט, אַרגענטינער אָפּטיילונג, רעדאַקטירט אויך דעם יובל=נומער (צום 50סטן יאָר זינט דער גרינדונג פון דער אַלוועלטלעכער טעאָסאָפישער געזעלשאַפט, וואָס איר צענטראַלע איז אין אינדיע). זינט אָנהייב 1924 (וואָס ער וואוינט אין ראָזאַריאָ) אויך מיטאַרבעטער פון דער גרעסטער אָרטיקער צייטונג, דער עלטסטער אין אַרגענטינע, La Capital, אויך פון דעם וואָכנבלאַט El Liberal, וואו פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און נאָטיצן איבער יידישע ענינים, ציוניזם, טעאָסאָפיע, מוזיק און טעאַטער. זיינע פ"ס: אַ טרוימער, ר' דוד'ל, פּסעודאָנימאָ, מעפיסטאָ און טעאָסאָפאַ.

שפּריצער אביגדור (ז' אָדר 1898—) געב' אין אונאָוו, לעבן בעלז, וואו זיין פאָטער, מיכל, איז געווען ראש=הקהל. באַקומען אַ שטרענג חסידישע דערציִונג, פון קליינוויז אויף געפאָרן מיטן טאַטן צום בעלזער רבין, געלערנט גמרא און פוסקים ביים אונאָווער רב, פרי אָנגעהויבן צו לייענען די מיטלעלטערלעכע העברעישע ליטעראַטור, אויך שפּינאָזען, קאַנטן, טאָלסטאָיען, מאַרקסן, איבסענען אאַז"וו, דערנאָך אויך די יידישע ליטע=

ראַטור. בשעת דער מלחמה שיר ניט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פאַר מאַכן זיך אַליין אַ פּעלער. זינט 1919 אָנגעפירט אין זיין שטעטל די קולטור-אַרבעט ביי די צ"צ, פּ"צ, „יידישיסטן-פאַראיין", „יוגנט-בונד", „יד חרוצים", „בנות ציון" אאַז"וו, אָרגאַניזירט יידישע און העברעישע קורסן, שולן פאַר קינדער און דערוואַקסענע. 1926 אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע, וואו ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „דער אידישער צייטונג", דאָרט כּמעט וואָך איין וואָך אויס פאַרעפנטלעכט דערציילונגען, בילדער, איינאַקטערס, לידער און פּאָעמען, זיך אויך באַטייליקט פון צייט צו צייט אין וואָכנבלאַט „פּנים'ער און פּנים'לאַך", אין חודש-זשורנאַל „אויפגאַנג", אין „אַלמאַנאַך" פון פּויליש-יידישן פאַרבאַנד 1928 א"ר פון מ. ד. גיסער (אַ דראַמאַטישע פּאָעמע „מגילת רות"). פון זיינע גרעסערע דערציילונגען איז צו דערמאָנען: „ברויט", „באַליידיקט", „באַוואוסטזיניק"—פון יידישן לעבן אין אַרגענטינע, „אויפן הויכן באַרג" — אַ קינדער-מעשה — א"אַ. אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט אַ דראַמאַטישע פּאָעמע אין 4 אַ' א"ט „איוב" (לעמבערג, 1926, ז' 116), אין וועלכער ער האָט טעאַטראַליזירט דעם ספר איוב. נאָך ניט פאַרעפנטלעכט די דראַמען „דער תּליון", „מאָדערנע חתונה", „דער משפּט", „אין מיטן ים" (קינדער-איינאַקטער) א"אַ.

י. באַטאָשאַנסקי, אין „פּנים'ער און פּנים'לאַך", 1927, 140.

שקאָלניק אבא-הילל (ב' אדר 1880—) געב' אין פּלאַטעל, קאָוונער געגנט, וואו זיין פאָטער, ר' שלמה, פון דער משפּחה וויגאָדע, אַ זון פון ר' לייזער וועקשנער (ר' לייזער דער סופר), איז געווען רב אין משך פון 45 יאָר. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג אין חדר, האָט ער מיט זיין מוטער, אַ טאָכטער פון ר' אליהו מרגליות פון סאַלאַנט (ר' אליה ניישטאַטער), געלערנט יידיש שרייבן, חומש און אַ ביסל דייטש, פון 11 ביז 16 יאָר געלערנט אין די ישיבות פון די אַרומיקע ליטווישע שטעטלעך, דאַן זיך אויסגעלערנט פאַר אַ שוחט און אַוועק קיין ליבאַווע, געפּרוווט שרייבן לידער, דערציילונגען, אָבער לויט דער עצה פון ש"ע, וועלכער האָט באַזוכט ליבאַווע, זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן דערהויפּט מיט אַפאָריזמען, זיי געדרוקט זינט 1910 אין „היינט" (וואו געוואונען אַלע 3רובלדיקע פּרעמיעס אין די „פונקען"-קאָנקורסן), „מאָמענט", אין פאַרשיידענע יום-טוב-בלעטלעך. 1912 פאַרלאָזט רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ, וואו ער איז באַשעפטיקט אַלס ביזנעסמאַן. האָט אין פאַרשיידענע צייטונגען פון ב"י און דער אַמעריקאַנישער פּראָווינץ, אויך אין די זשורנאַלן „דער גרויסער קונדס", „דער קיבעצער", „דאָס וואָרט", „קונסט-פריינד", „אשמדאי" (בערלין) א"א פאַרעפנטלעכט איבער 3000 אַפאָריזמען („געדאַנקען-שפּליטער") און ווערטלעך.

שקאָלניקאָוו א. ש. (23/VIII 1896 —) געב' אין כיימעץ, מינסקער גוב', אין אַן אָרעמער שניידער-משפּחה. פון דער מוטערס צד אַן אייניקל פון אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט געלעבט 112 יאָר. ביז 9 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך צוליב שלעכטע אומשטענדן אָפּגעגעבן געוואָרן צו פאַרשיידענע בעל-מלאכות אויף דער לער, אָבער צו קיין שום מלאכה ניט אַרויסגעוויזן קיין

חשק, ביז ער איז אַנטלאָפן פון דעם פאָטערס הויז, אומגעוואַנדערט איבער רוסלאַנד, „וואו געטאָגט — דאָרט ניט גענעכטיקט", געשלאָפן אין שולן אויף די האַרטע בענק, אויף ביידעמער, ביים ברעג טייך, געחברט זיך מיט רוסישע „באָסיאַקעס", געשפאַנט מיט זיי פון שטאָט צו שטאָט דורך פעלדער און וועלדער, אָנגעשפאַרט קיין קיעוו צו זיינעם אַ ברודער, דערנאָך אַריינגעפאַלן צו אַ בעקער און געאַרבעט ביי אים שוין אַ לענגערע צייט, שפעטער אויסגעוואַנדערט קיין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע. האָט דעביוטירט מיט לידער אין די „ניואַנסען" 1921 און ווינער „קריטיק", שפעטער זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע אַנדערע אויסגאַבן, דערהויפט פון קאַנאַדע, האָט צוזאַמען מיט י״י סיגאַל און א. אלמי רעדאַקטירט דאָס גרויסע זמ״ב „עפאָכע", צוזאַמען מיט ישראל ראַבינאָוויטש א״אַ (חיים טאָלמאַטש און ה. הערשמאַן) — דעם פעריאָדיש-ליטעראַרישן זשורנאַל „קאַנאַדע" (3 ה׳ — 1925), און אַליין — דעם חודש-זשורנאַל „רויערד" (מאָנטרעאַל, 1927, אַרויס אַ פאָר ה׳). אין די דאָזיקע אַלע אויסגאַבן, ווי אויך אין „קענעדער אָדלער", „קאַנאַדער וואָכנבלאַט", טאָראָנטער „קאַמף", נ״יער „האַמער", „פרייהייט", זמ״ב „שריפטן" VIII — האָט ש׳ פאַרעפנטלעכט לידער און פאָעמען, אָבער אויך אייניקע מעשהלעך, מיניאַטורן און עסייען. אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט: „פאַר אַ ברענענדיגע זון"—לידער (מאָנטרעאַל, 1921, ז׳ 40); „לידער" (מאָנטרעאַל, 1926, ז׳ 160). „אין דעם דאָזיקן בוך—שרייבט ישראל ראַבינאָוויטש וועגן ש׳ס בוך „לידער" — מערקט זיך, אַז ש׳ האָט זיך גענומען אַרויסרייסן פון דעם סיגאַל-היפנאָז און אָנגעהויבן קומען צו זיך אַליין... ער באַזיצט אַ באַדייטנדע מאָס פון דיכטערישער אינטענסיוויטעט, אָבער עס פעלט אים עקסטענסיוויטעט, פרייער רוים... זיין אויג איז פיל שטאַרקער אַנטוויקלט ווי זיין אויער, און כאָטש עס זינגען אין אים עמפינדונגען מיט דער שפראַך פון בילדער און פאַרבן, פעלט אים די מוזיקאַלישע פעיקייט צו איינצאַמען זיינע זינגענדיקע זעונגען און שפילנדיקע ריטמען"...

א. אלמי, אין „קענעדער אַדלער", 1921; ח. טאָלמאַטש, אין „קאַנאַדער וואָכנבלאַט", 1926, 3; ב. קאַצענעלסאָן, אין „פעדער", 1925, VIII, ז׳ 29; מ. ווינאָגראַד, אין „אונדזער בוך", 1927, I, ז׳ 83; ישראל ראַבינאָוויטש, „אידיש-ליטעראַרישע טעטיגקייט אין קאַנאַדע", אין יובילייעם-נומער פון „קענעדער אַדלער" 2/IX 1927.

שקאַראָווסקי שַעיה (26/IX 1891 —) געב׳ אין שדה-לבן, קיעווער גוב׳, אַלס זון פון אַ יידישן פאָלקסלערער און געזעלשאַפטלעכן טוער אין שטאָט. זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט האָט ש׳ אָנגעהויבן 1909 אין דער קיעווער רוסישע פרעסע, 1910 אָפגעדרוקט אין קיעווער וועכנטלעכן זשורנאַל Огни אַ סעריע פון 24 אַרטיקלען א״ט „עסקיזן פון דער יידישער ליטעראַטור", 1915 געאַרבעט אין אָדעסער „אונזער לעבען", 1917 — 18 — אין דער קיעווער „נייער צייט", 1921 רעדאַקטירט אין אָדעס „די קאָמוניסטישע שטים" (צוערשט טעגלעך, דערנאָך אַ וואָכנבלאַט), וואו אַחוץ אַרטיקלען אויף פאָליטישע טעמעס פאַרעפנטלעכט אויך אַ ריי אַרטיקלען וועגן דער יידישער ליטעראַטור, וועגן ש״ע, פרץ, בערגעלסאָן א״אַ. 1921 — 23 געווען באַפולמעכטיקטער פון „יידגעזקאָם" און „אָרט" אויף פאָדאָליע און דער רומענישער גרענעץ, זיך באַטייליקט אין דער אָרטיקער רוסישער פרעסע, אין מאָסקווער „עמעס", קיעווער „קאָמפאָן" מיט

רייזע=איינדרוקן און בריוו פון פּאָדאָליע, איינצייטיק מיט דער הילפסאַרבעט צווישן די פּאָגראָם=געליטענע—געפירט אַ קולטור=אַרבעט אין וויניצע, געהאַלטן לעקציעס וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין פילע שטעט פון פּאָדאָליע. זינט דאַן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער יידיש=סאָוועטישער פּרעסע, אויך פון אָרטיקע רוסישע און אוקראַאינישע צייט=שריפטן, צ״אַ פאַרעפנטלעכט אין „עמעס״, כאַרקאָווער „שטערן״ אַרטיקלען, נאָטיצן, רייזע=איינדרוקן פון באַרדיטשעוו, פון ש״ע״ס היים, אין דער צווייוועכנטלעכער אוקראַאינישער Литературна Газета 1927—28 — אַ ריי „סילועטן״ פון די יידישע שרייבער, דערהויפּט פון די יינגסטע, אין „דער רויטער וועלט״ — אייניקע דערציילונגען. זיך אויך באַטייליקט אין דער קיעווער „פּראָלעטאַרישער פאָן״, „פּראָליט״. מיטגליד פון דער ייִדסעקציע פון וואוספּ״ (אַלאוקראַאינישע פּאַראייני=קונג פון פּראָלעטאַרישע שרייבער), אָנ=טיילנעמער פון דער ערשטער אַלאוקראַאי=נישער באַראַטונג פון יידישע פּראָלע=טאַרישע שרייבער. פון זיינע אַרבעטן זיינען אַרויס אין בוכפאָרם: „דער ער=שטער מאַי, זיין געשיכטע און באַדיי=טונג״ (מלוכה=פ״ג, אָדעס, 1921); „רע=געס״ — נאָוועלן (פ״ג „ווידערוואוקס״, קיעוו, 1922); „קאַיאַר / ראָמאַן אין 4 טיילן״ („צענטער=פ״ג, מאָסקווע, 1928, ז׳ 237), וואו עס ווערט געשילדערט דאָס יידישע לעבן אין אוקראַאינע פון די סוף=מלחמה=יאָרן און אָנהייב רעוואָלוציע (1916—19). וואוינט אין קיעוו.

שקליאַרסקי הירש (1891—) געב׳ אין סקידל, גראָדנער געגנט. גע=לערנט אין חדר און אַלגעמיינע לימודים ביי פּריוואַטע לערערס. פון קינדווייז אויף אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע נטיה צו מוזיק, צו 7 יאָר געזונגען ביי אַ חזן, און מבינים האָבן אים פאָראויסגעזאָגט אַ מוזיקאַלישע קאַריערע, אָבער צוליב מאַ=טעריעלע סיבות האָט ער ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו באַקומען אַ סיס=טעמאַטישע מוזיקאַלישע בילדונג. לעבנ=דיק שפּעטער אין וואַרשע, וואו ער איז געווען אָנגעשטעלט אין אַ ביוראָ, האָט ער בלויז אויפן אַווטאָדידאַקטישן אופן ניט אויפגעהערט צו לערנען און זיך צו אינטערעסירן מיט מוזיק און טעאַטער. בשעת דער מלחמה געווען לערער אין פאָלקסשולן, געגרינדעט קינדער=און מע=נער=כאָרן. 1921 אָנגעהויבן זיך צו באַ=טייליקן אין קאָוונער „נייעס״ א״ר פון ד״ר א. מוקדוני אַלס מוזיק=און טעאַטער=רעצענזענט, זינט 1923 מוזיק=און טעאַ=טער רעצענזענט פון דער קאָוונער „אי=דישער שטימע״, וואו אויך פאַרעפנט=לעכט אַ ריי אַרטיקלען וועגן טעאַטער און מוזיק, דאַסגלייכן אין קאָוונער „הד=ליטא״.

שקליאַרסקי משה=שמואל (כ״ח אדר א׳ 1888 —) געב׳ אין ראַטניצע, קאָוונער געגנט. אויסגעוואַנ=דערט קיין אַמעריקע 1907, האָט ער זינט 1912 זיך באַטייליקט אין „קונדס״, „פ. אַ. ש.״, „אונדזער בוך״, „וועגווייזער״ א״אַ. שפּעטער יאָרלאַנג געווען פאַר=בונדן מיט די יידישע פאַרלאַגן אַלס פאַרשפּרייטער פון דעם יידישן בוך, געווען פאַרוואַלטער פון דעם זשורנאַל „דאָס נייע לעבן״ 1922 — 23, אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה באַזוכט אויך אייראָפּע, ליטע, ווילנע. אַ גוטער קענער פון דעם יידישן פאַרלאַגסוועזן אין אַמעריקע, האָט ער אין זיין בראָ=שור „דאָס אידישע בוך אין אַמעריקע. / (אַ בלעטל געשיכטע״ (נ״י, יוני 1924, ז׳ מח — „געווידמעט די אידן אינ׳ם גלות

פּאַלעסטינע") געפּרווט קלאָר מאַכן די לאַגע און די צוקונפט פון דעם יידישן בוך אין אַמעריקע, ענטפערנדיק די אַלע פּובליציסטן און פאַרלעגער, וועלכע האָבן זיך באַנוגנט מיט באַקלאָגן דעם טרויעריקן מצב; דערביי גיט ער אויך אַ קורצן איבערבליק איבער דער געשיכטע פון דער יידישער פאַרלעגעריי אין אַמעריקע זינט 1913, דער יידישער בוכפאַרשפּרייטונג דורך אַגענטן אאַז"וו. אַלס דערגאַנצונג צו דער דאָזיקער אַרבעט איז צו באַטראַכטן זיין בראָשור א"ט „וועגן אידישע ביכער" (נ"י, נאָוועמבער 1928, ז' מו), — אַ זאַמלונג אַרטיקלען, וואָס זיינען פריער געדרוקט געווען אין די זשורנאַלן „אונדזער בוך", 1926, „פ. אַ. ש.", „אויפקום", „וועקער".

שרהזאָן (סאַראַזאָן) כּתריאל־צבי (12/XII 1834 * — 12/I 1905) געב' אין פּויזער, סוואַלקער געגנט. זיין פאָטער אליהו, רב און מגיד אין שטשוטשין, לאָמזשע, סוואַלק,

מישינעץ, פּרען און פּויזער, מחבר פון „עוגת אליהו" און „אגדת אליהו" — פירושים אויף דער הגדה של פסח (ער איז געשטאָרבן אין ירושלים אין עלטער פון 77 יאָר ט"ז אייר 1879), האָט אים געגעבן אַ שטרענג טראַדיציאָנעלע דערציִונג, געגרייט אים פאַר אַ רב, אויך אַליין מיט אים געלערנט תלמוד און גפ"ת, צו 16 יאָר אים חתונה געמאַכט מיט אַ טאָכטער פון ר' דוד יהלמשטיין אין סוואַלק, וואו ש' האָט זיך באַזעצט און זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט מסחר. 1866 האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, אָבער באַלד זיך צוריקגעקערט קיין סוואַלק, דערנאָך געפירט געשעפטן אין קיניגסבערג, געווען טעטיק אין דעם הילפסקאָמיטעט פאַר די יידישע עמיגראַנטן, וואָס פלעגן דורך קיניגסבערג פאָרן קיין אַמעריקע, 1871 צום צווייטן מאָל אַוועק קיין נ"י און 1874 האָט ער דאָרט צוזאַמען מיט זיין שוואָגער מרדכי יהלמשטיין געגרינדעט אַ וואָכנבלאַט „דיא יידישע גאַזעטטען" — „אָרגאַן פאַר אַלע יידישע אינטערעסען, אונאַבהענגיג און אונפּאַרטייאיש", וואָס האָט געעפנט אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע, זייענדיק די ערשטע צייטונג אין אַמעריקע, וועלכע האָט זיך באַפעסטיקט און האָט עקסיסטירט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט, אָנשלאָגנדיק אין אַלע פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון דער יידישער אימיגראַציע. זינט 1885 זיינען „דיא יידישע גאַזעטטען" ערשינען אַלס וועכנטלעכע אויסגאַבע פון דער ערשטער יידישער טעגלעכער צייטונג אין אַמעריקע, „יידישעס טאַגעבלאַטט", וואָס ש' האָט, נאָך דער פאַרשטאַרקונג פון דער יידישער אימיגראַציע, אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן, צוערשט א"ר פון מרדכי יהלמשטיין. א"ר פון יאָהאַן פּאַליי (זינט 1892) איז „דאָס יידישע טאַגעבלאַט" געוואָרן די פאַרשפּרייטסטע יידישע צייטונג און האָט געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן די ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע שטרעמונגען. נאָך פּאַלייס טויט (1907), ווען די רעדאַקציע איז אַריבער צו י"י זעווין (תשר"ק), האָט דאָס „טאַגעבלאַט" אָנגענומען אַ טאָלעראַנטערע ריכטונג, איז אָבער ווייטער פאַרבליבן דער אָרגאַן פון דעם אָרטאָדאָקסישן יידנטום, זיך

---

* לויט „חכמי ישראל באמריקא" — תקצ"ו, וואָס קען אויך זיין 1835, ווי ס'איז אָנגעגעבן אין JE.

יאָרנלאַנג גערעכנט פאַר איינער פון די איינפלוסרייכסטע יידישע צייטונגען אין אַמעריקע, זיך צעגייענדיק אין דער צייט פון איר גרעסטן ערפאָלג אין אַ צאָל פון איבער 70,000 עקז׳ און האָבנדיק אַלס הויפּטמיטאַרבעטער געצל זעליקאָוויטש, לעאָן זאָלאָטקאָף, תשר״ק, מ. זייפערט, מאָריס ראָזענפעלד, גדליה בובליק (לאַנגיעריקער רעדאַקטאָר) א״אַ. מיט דער צייט אָבער האָט דער טיראַזש פון „יידישען טאַגעבלאַט״ אָנגעהויבן צו פאַלן, ביז די עלטסטע יידישע צייטונג אין דער גאַנצער וועלט איז אין אַפּריל 1928 פאַרקויפט געוואָרן דורך אירע אַרויסגעבער יחזקאל שרהזאָן, דעם עלטסטן זון פון דעם גרינדער (געב׳ 15/IV 1863 אין סוּוואַלק) און לעאָן קאַמאַיקי, דעם איידעם און שותּף פון כּתריאל ש׳ (געב׳ אין ווילקאָווישקי, ליטע, 14/IV 1864, געוועזן פּרעזידענט פון דעם אָרטאָדאָקסישן „סענטראַל רעליף״ פאַר די מלחמה-קרבנות, אַקטיווער טוער פון „היאַס״ א״אַ פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן, געשט׳ אַרום 1928) צו די אַרויסגעבער פון „מאָרגען זשורנאַל״ און אויפגעהערט צו עקסיסטירן.— די ערשטע 20 יאָר פון זיין אַרויסגעבערישער טעטיקייט האָט כּתריאל ש׳ זיך שווער געראַנגלט פאַר דער עקסיסטענץ פון זיינע צייטונגען און ערשט אינמיטן די 90ער יאָרן האָט ער אָנגעהויבן מצליח צו זיין. ער האָט אויך געגרינדעט אָפּטיילונגען פון זיינע צייטונגען אין דער אַמעריקאַנישער פּראָווינץ, אין שיקאַגאָ („יידישע גאַזעטטען פון דער וועסט״, 1894—96, א״ר פון געצל זעליקאָוויטש), אין פילאַדעלפיע. אַלס אַקטיווער טוער פאַר דער העברעישער שפּראַך אין אַמעריקע (ער האָט צוזאַמען מיט י״ד אַייזענשטיין געגרינדעט די חברה „שוחרי שפת עבר ובית מקרא עברי״) אויסגעגעבן אַ סך געלט אויף דעם העברעישן וואָכנבלאַט „העברי״ (1891 — 98 א״ר פון גרשון ראָזענצווייג) א״אַ. ש׳ איז אויך געווען טעטיק אַלס כּלל-טוער, איינער פון די גרינדער פון דער ערשטער תּלמוד-תּורה אין נ״י אויף איסט-בראָדוויי (1883), פון „היאַס״ (1890), פון דער תּלמוד-תּורה א״נ פון משה מאָנטעפיאָרע, געווען פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט פאַר די פאַראומגליקטע פון קעשעניעווער פּאָגראָם, זיך באַטייליקט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און געפאָרן צו די קאָנגרעסן אין באַזעל און אין לאָנדאָן. פאַראייניקנדיק אין זיך דאָס, וואָס מ׳רופט תּורה מיט השכּלה, איז ער געווען שטאַרק אָנגענומען אין די אָרטאָדאָקסישע און יאַהודישע קרייזן; אין זיין לוויה האָבן זיך באַטייליקט אַ 50 טויזנט מענטשן און צווישן די, וואָס האָבן א׳ים מספּיד געווען, איז אויך געווען דער באַרימטער יאַהודישער פילאַנטראָפּ און באַנקיר דזשייקאָב שיף. — ניט כּתריאל ש׳ ניט זיין זון יחזקאל האָבן קיינמאָל ניט פיגורירט אַלס שרייבער, בלויז אַמאָל אין אַ יובל געשריבן וועגן דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע.

„חכמי ישראל באמריקא״ ז׳ 108—9; „יידישעס טאַגעבלאַטט״ פון יאַנואר 1915; JE, XI, ז׳ 59; EЭ, XIII; נ״ד האָפמאַן, „ספר הזכרונות״, ז׳ 100; ג. זעליקאָוויטש, „דער „גרענד אָלד מען״ פון איסט בראָדוויי״, אין יובילײ-נומער פון „טאָג״ פון 23/XI 1924; Who's Who in American Jewry (ביאָגראַפיע פון יחזקאל ש׳); יעקב מאַגידאָוו, „דער שפּיגל פון דער איסט סייד״, ז׳ 167—177 (יחזקאל ש׳) און 179—187 (לעאָן קאַמאַיקי).

שרייבער י. ז. — פּאַרפאַסער פון אַ מעשה-ביכל א״ט „בעשקאָווער מעשה / אַ געשיכטע״ (וואַרשע, 1863).

שרייער יצחק (X/20 1891—
) געב׳ אין וויזשניץ, בוקאָווינע.
זיין פאָטער, אַ ייד אַ משכּיל, איז געווען
אַן אייניקל פון דעם סאָטשעוועער רב
און אַ קרוב פון דעם באַוואוסטן רב פון
באָהאָראָדשאַני ר׳ פייוול הלוי שרייער—
אייגעם פון די ערשטע חובבי־ציון אין
גאַליציע און מחבר פון אַ סך ספרים.
באַקומען אַ יידישע דערציִונג, אַלגע־
מיינע בילדונג—אין גימנאַזיע אין טשער־
נאָוויץ, אונגאַריש־בראָד און ווין. נעמט
אָנטייל אין די באַדייטנדסטע דייטשע
צייטשריפטן, וואו ער שרייבט שירים
און רעצענזיעס. 1913—14 געלעבט אין
בערלין און לייפּציג, וואו ער האָט רע־
דאַקטירט דעם ליטעראַרישן טייל פון
דער מאָנאַטשריפט Die Freistatt פון
פריץ־מרדכי קויפמאַן (זע). האָט איבער־
געזעצט אויף יידיש „אויסגעקליבענע
מעשהלעך״—פון ברידער גרים (יידישער
קולטור־פ״ג, בערלין 1923, שירים פון מאָ־
דערנע דייטשע דיכטער; פון יידיש אויף
דייטש—און זייער גוט—מענדעלעס „פיש
קע דער קרומער״, „שלמה ר׳ חיימס״,
„מסעות בנימין השלישי״ (נאָך ניט אַרויס
אין בוכפאָרם), א. מ. פוקסנס „אויפן
בערגל״ — אין ווינער Menorah, שי־
רים פון דוד אייגהאָרן, מלך ראַוויטש
א״אַ, אויך פון די העברעיִשע דיכטער
ח. נ. ביאַליק, אברהם בן יצחק, דוד
פאָגעל א״אַ, וועלכע זיינען ערשינען אין
פאַרשיידענע צייטשריפטן. זיינע פס״נ:
אין יידיש — פּערעגרינוס, אין דייטש —
הערבערט אורפאַר. וואוינט אין ווין.

שרירא יהודה־לייב (צום גדליה
1851 — כ״ט תשרי 1912) געב׳ אין אָשמע־
נע, ווילנער געגנט. געלערנט אין חדר,
דערנאָך אין ר׳ מעלהס ישיבה אין וויל־
נע, אויך שחיטה און חזנות, שפּעטער
געווען חזן אין זעזמער און אין ניישטאָט־
סוגינד. 1891 אַוועק קיין דרום־אַפריקע,
געווען אַ שטיקל צייט חזן אין יאָהאַ־
נעסבורג, דאַן זיך באַזעצט אין קייפּטאָון,
וואו געווען אַן עסקן בצרכי צבור. אַן
אָרטאָדאָקס און אַ משכּיל, האָט ער נאָך
אין רוסלאַנד געשריבן מאמרים און שירים
אין די העברעיִשע צייטונגען, שפּעטער
זיך באַטייליקט אין דער יידישער פּרע־
סע פון דרום־אַפריקע, באַזונדערס אין
די אויסגאַבן פון נ״ד האָפמאַן „האור״,
„הערָאלד״, „טעלעגראַף״, „פאָלקס־צײ־
טונג״, „אַפריקאַנער״, „האוהב״, „כּנרת״,
אַחוץ מאמרים און שירים פאַרעפנטלעכט
אויך אַ הומאָריסטישע „אידישע ענציקלאָ־
פּעדיע״ (אין „אַפריקאַנער״).

נ״ד האָפמאַן, „ספר הזכרונות״, ז״ר 193—194.

שרעבערק שלמה־זאַנוול (X/
1877—) געב׳ אין פּאָסטאַוו,
ווילנער געגנט, וואו זיין פאָטער, שכנא,
אַ זון פון דעם רייכן חסידישן גוטסבאַ־
זיצער אליהו נאַרעטער (אָדער אליה
קראַקענער), איז אין משך פון 40 יאָר
געווען שוחט. געלערנט אין חדר, ישיבה
און מיטן פאָטער, צו 15 יאָר אָנגעקו־
מען אויף אַ שטעלע צו אַ ווילנער
מוכר־ספרים, אַרויסגעוויזן גרויסע פעיִ־
קייטן אויף זיין פּאָסטן, אַזוי אַז 1900
געגרינדעט אין ווילנע אַן אייגענע בוכ־
האַנדלונג מיט אַ פאַרלאַג. זיין פאַרלע־
גערישע טעטיקייט האָט ש׳ אָנגעהויבן
מיט העברעיִשע לערנביכער, כרעסטאָ־
מאַטיעס, תּנכן מיט איבערזעצונג, ווער־
טערביכער, רעליגיעזע פאָלקסביכער,
צ״אַ פון בנציון אַלפס, מזח א״אַ, אַזוי אַז
ביז 1908 האָט ער געהאַט אַרויסגעגעבן
איבער 100 ביכער אין העברעיִש און יידיש,
צ״אַ—די ערשטע לערנביכער פון יהודה
שטיינבערג, י״ב לעווינער, יעקב פיכמאַן,
נ. לעווין, יהושע שטיינבערג. זינט 1908
האָט ש׳ אויך אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן

מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, ווי די ווערק פון בעל=מחשבות, ש. ניגער, ליפּמאַן לעווין, פאַלק הײלפּערין, י"מ ווייסענבערג, לעוו טאָלסטאָי, עליזע אָרזשעשקאָ, דעם חודש=זשורנאַל „לעבן און וויסענשאַפט" א"ר פון אַ. ליטווין. פאַר בעל=מחשבותעס ווערק, וואָס די ערשטע אויסגאַבע פון זיי — אין אַ צאָל פון 2000 עקז' — איז קאָנפּיסקירט געוואָרן צוליב די אַרטיקלען וועגן שעדלעצער פּאָגראָם און מאַריע ספּירידאָנאָוואַ, איז ש' מיט בעל=מחשבותן פאַרמשפּט געוואָרן צו 2 חדשים פעסטונג יעדערער. 1910 האָט ש' אָפּגעקויפט ביי ש"י אַבראַמאָוויטשן אַלע זיינע ווערק פאַר 10000 רובל און צוזאַמען מיט יעקב לידסקי זיי אַרויסגעגעבן אין פ"ג „מענדעלע". 1911 געגרינדעט צוזאַמען מיט די פאַרלעגער י. לידסקי („פּראָגרעס"), א"ל שאַלקאָוויטש („תושיה"), ב. שימין, מ. קאַפּלאַן („השחר"), די גרויסע פאַרלאַגסגעזעלשאַפט „צענטראַל", סוף 1911 באַזוכט אַמעריקע, וואו געעפנט אַן אָפּטיילונג פון דער געזעלשאַפט. 1914 צוזאַמען מיט די שותפים אָפּגעקויפט דאָס טאָגבלאַט „דאָס לעבן" („דער פריינד") מיט דער אויסזיכט צו מאַכן זי פאַר אַ גרויסער פאַרשפּרייטער צייטונג, אין משך פון 2 חדשים פאַרגרעסערט איר טיראַזש 4 מאָל אַזוי פיל, אָבער ביים אויסברוך פון דער וועלט=מלחמה זי אָפּגעשטעלט. די צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע איבערגעלעבט אין ווילנע, 1919 געווען איינער פון די גרינדער פון דער דעמאָקראַטישער ווילנער צייטונג „טאָג", שפּעטער אין משך פון 2 יאָר אַרויסגעגעבן אַ ריי יידישע און העברעישע לערנביכער, ווי דובנאָווס „יידישע געשיכטע" אין 10 ט' (צוזאַמען מיט פ' מאַרגאָלין אונטער דער פירמע „היסטאָרישער פ"ג"), ציטראָנס יידישע און העברעישע ווערק א"אַ, שפּעטער אויך געוואָרן דער פאַרלעגער פון ש. אַנ-סקיס ווערק (אַרויס דערווײלע 15 ב'). 1922 ליקווידירט זיין בוכהאַנדלונג אין ווילנע — די גרעסטע אין גאַנצן צפון=מערבדיקן קאַנט— און אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, וואו ער פירט אָן די אַרבעט פון פ"ג „צענטראַל". 1924 באַזוכט אַמעריקע און קאַנאַדע, באַנייט אין ב"י די אָפּטיילונג, 1925 באַזוכט ארץ=ישראל, סעפּטעמבער 1926 געגרינדעט מיט די שותפים דעם פ"ג „אחיספר", וואָס האָט צ"אַ אַרויסגעגעבן די געזאַמלטע ווערק פון מ. ספּעקטאָר (אין 13 ב', דערפון 1 ב' „ספּעקטאָר=בוך", בס"ה 3700 ז'), פון יעקב דינעזאָן (אין 9 ב'), פון דעם לעבעדיקן (אין 7 ב'), פון ד"ר א. קאָראַלניק (אין 5 ב'); אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט די שותפים און דעם פ"ג ב. קלעצקין די קאָאָפּעראַטיווע בוכהאַנדלונג „ביכער". אין משך פון זיין פאַרלעגערישער טעטיקייט געשטאַנען אין שריפטלעכער און פערזענלעכער פאַרבינדונג מיט דאָס רוב יידישע און העברעישע שריפטשטעלער, האָט ער אין כתב=יד אַ בוך זכרונות וועגן זיי, אייניקע קאַפּיטלען אויך פאַרעפנטלעכט, ווי „זכרונות פון אַ יידישן בוכהענדלער"—פאַר דער צייט פון דער מלחמה און אָקופּאַציע, 1914—1921 (אין „פנקס" א"ר פון ז. רייזען), וועגן מ. ספּעקטאָר (אין „ספּעקטאָר=בוך"). האָט בסך=הכל אַרויסגעגעבן ביי 250 ביכער, אַחוץ זיין אָנטייל אין פ"ג „צענטראַל" און „אחיספר" א"אַ, אַ סעריע קינדער=ביכלעך אאַז"וו.

שרענצעל דוד=לייב (13/VII 1895—) געב' אין זלאָטשעוו, מזרח=גאַליציע, אַלס אַ זון פון אַ גאָלדשמיד. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר, דער=

נאָך באַזוכט די מיטלשול, אָבער צוליב דעם טויט פון זיין פאָטער געמוזט זי פאַרלאָזן. אַלס אַקטיווער סאָלדאַט פון דער עסטרייכישער אַרמיי געקעמפט אויפן איטאַליענישן פראָנט, אַוואַנסירט ביז דעם ראַנג פון אונטעראָפיציר. געווען טעטיק אין דער פ״צ-פּאַרטיי. האָט פאַרעפנטלעכט אַ זאַמלונג א״ט „אויס׳ן האַרצען (יוגענד-ליעדער)״ (פ״ג „קשר״, זלאָטשעוו, 1918, ז׳ 32).

ת.

תּלוש (1887 —) פס״נ פון **איסר מוסעלעוויטש**. געב׳ אין דענעבאָרג, לאַטגאַליע. זיין פאָטער, שלמה, האָט זיין גאַנץ לעבן געהאַלטן אַ שענק, און ווען מ׳האָט די שענק פאַרמאַכט, איז ער דעם אייגענעם טאָג פּלוצלונג געשטאָרבן, און די מוטער איז געבליבן מיט 9 קינדער אָן שום

מיטלען צום לעבן. איסר, דאַן אַ ייִנגל פון אַ יאָר 10—12, ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צו באַקומען אַפילו עלעמענטאַרע בילדונג, איז אַוועק אויף דער וואָלגע און דאָרט האָט אַ ייד אַ פאָטאָגראַף אים צוגענומען פאַר אַ לערנייִנגל. דעם באַלעבאָס איינציקע טאָכטער, אַ קליין מיידעלע, האָט אים אויסגעלערנט אַ ביסל לייענען און שרייבן רוסיש. דערנאָך איז ער פון זיי אַנטלאָפן, אַ לאַנגע צייט זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער וואָלגע מיט אַלערליי וואַגאַבונדן און גנבים, פון זיי געוואָר געוואָרן וועגן מאַקסים גאָרקיס ווערק, וועלכע האָבן אויף אים געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק. ענדלעך האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין דענעבאָרג, פון דאָרט אַוועקגעוואַנדערט איבער ליטע, דערנאָך געקומען קיין אָדעס, וואו אים איז עטלעכע וואָכן אויסגעקומען צו שלאָפן אין דרויסן, און אַמאָל אַפילו אָפּגעשטעלט אין גאַס אַ סטודענט און געבעטן ביי אים אויף אַ שטיקל ברויט. פאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר אין אָדעס, עסנדיק אין ביליגע קיכן און לערנענדיק אַרבעטער לייענען רוסיש, איז ער אַוועק קיין אויסלאַנד, אַ פּאָר יאָר געלעבט אין דער שווייץ, אין פּאַריז, שפּעטער אַוועק קיין ארץ-ישראל צו פאַרנעמען זיך מיט ערדאַרבעט, אין אַ יאָר אַרום פאַרלאָזט דאָס לאַנד און צוריקגעקומען קיין אָדעס, דאַן דעביוטירט מיט אַ האַלב פאַנטאַסטיש מעשהלע אין רוסיש פון דעם וועכטער-לעבן אויף די וויינגערטנער — אין Одесское Слово, 1909 (איבערגעזעצט אויך אין „העולם״). אַ ביסל שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן, האָט ער אַ חדשים זעקס אַרומגעשלעפּט זיך מיטן עטאַפּ איבער פאַרשיידענע טורמעס, דערנאָך אַנטלאָפן ווידער קיין א״י, געאַרבעט ביי דער יפוער גימנאַזיע אאַז״וו, קראַנק געוואָרן אויף דער מאַלאַריע, אַוועק קיין פּאַריז, פון דאָרט געוואַנדערט צו פוס איבער איטאַליע, שווייץ, עסטרייך, די גאַנצע צייט פון דער מלחמה פאַרבראַכט אין דער שווייץ, וואו געטאָן פאַרשיידענע שוואַרצע אַרבעטן, איבערגעפירט מעבל אויף אַ וועגעלע, געאַרבעט אַלס גערטנער, געווען אַ וואַנדער-פאָטאָגראַף, אַ דינער אין אַ משוגעים-הויז, אַ מאַנעקען פאַר די סטודענטן פון

אַ מעדיצינישער שול. אַדאַנק מאַקסים
גאָרקיס רעקאָמענדאַציע האָט דער
Ежемѣсячный Журнал א"ר פון מיראָ-
ליובאָוו אָפּגעדרוקט זיין גרעסערע דער-
ציילונג На старой родинѣ (1916),
און נאָך פריער האָט זיך אין העברעי-
שער איבערזעצונג אָפּגעדרוקט זיין לענ-
גערע דערציילונג „העלבון" אין „השלח"
(1914). אין יידיש האָט ת' דעביוטירט
ערשט אין 1920 אין „צוקונפט" מיט
דעם ראָמאַן אויס דעם ארץ-ישראלדיקן
לעבן א"ט „אַ פרעמדע" („געווידמעט
דעם ליכטיגען אָנדענקען פון יהושע
ברזילי"; אין זיין בוך איבערגעדרוקט
א"ט „דער ים רוישט"). דאַן געקומען קיין
אַמעריקע און, ביז צו יענער צייט האָבנדיק
געשריבן בלויז אין רוסיש, איז ער גע-
וואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון
דעם פּ"צ'יסטישן טאָגבלאַט „די צייט"
(1920 — 21), שפּעטער זיך באַטייליקט
מיט דערציילונגען און סקיצן אין פאַר-
שיידענע צייטונגען און זשורנאַלן, ווי
„צוקונפט", „טאָג", „מאָרגען זשורנאַל",
„גערעכטיגקייט" א"אַ. אויך איבערגע-
דרוקט געוואָרן אין פאַרשיידענע פּראָ-
ווינץ-צייטונגען פון פּוילן. זיין ערשטע
זאַמלונג נאָוועלן א"ט „דער ים רוישט"
(פ"ג „קולטור", ב"י, 1921, ז' 381),
וואו ער האָט געגעבן אַ אינטערעסאַנטע
גאַלעריע טיפּן, וואָס ער האָט געטראָפן
אויף זיינע וואַנדערונגען איבער דער
וועלט, אין א"י, אין די אימיגראַנטישע
קאָלאָניעס פון מערב-אייראָפּע, אויף דער
וואָלגע א"אַ. האָט געצויגן אויף אים די
אויפמערקזאַמקייט און ב. ריווקין האָט גע-
ווידמעט צ"אַ פאָלגנדיקע אָפּשאַצונג ת'ס
„פּערזענלעכע איבערלעבונגען פון אַ
וואַנדערער, און אויב ניט פּערזענלעכע
איבערלעבונגען, איז פּאַסירונגען, מיט
וועלכע ער איז געקומען אין באַרירונג—
אַ קוק געטאָן, אַ זיפץ געטאָן און זיך
פאַרטראַכט": „הינטער יעדער תּלושעס
ערציילונג איז דאָ פאַנטאַזיע און
שאָטנשפּיל, וואָס קען דערציילט און
געוויזן ווערן אָן ווערטער... ער
טראָגט אין די פּאַסירונגען מער
אַריין, ווי ער נעמט פון זיי — פריער
פון אַלץ טראָגט ער אין זיי אַריין זיין
איינזאַמקייט—די איינזאַמקייט פון איינעם,
וואָס בלאָנדזשעט איינער אַליין איבער
דער וועלט... ...ער כאַפּט די איינזאַמע,
פאַראיינזאַמט זיי נאָך מער און אַנטלייט
זיי דאָס אומגליק און גליק פון איינזאַמ-
קייט — און עס נעמט פּאַסירן מיט זיי...
איך מעסט ניט ת'ן מיט גאָרקין —
שרייבט ריווקין — איך זאָג נאָר, אַז ת'
געהערט צו דעם זעלבן טיפּ — ערציי-
לער-וואַנדערער... ניט פאַרגלייכנדיק ת'ן
צו גאָרקין, זאָג איך, אַז ביי ת'ן מערקט
זיך שוין די ווענדונג פון פאַנטאַזיע
צו לעבנסשילדערונג דאָרט, וואו ת'
קומט צו זיינע אייגענע איבערלעבונגען,
וואו ער אַליין איז די הויפּט-פיגור אין
זיין פאַנטאַזיע, ווי אין זיינע „איטאַל-
יענישע רייזען", אין זיינע ארץ-ישראל-
וואַנדערונגען, וואָס לויפן אַריין שטי-
קערווייז אין זיינע צוויי ראָמאַנען —
„דער ים רוישט" און „דער פאַרפאַלגטער"--
די מאַסנסצענעס, די אכסניות, די שמחות,
די פעלד-הוליאַנקעס — דאָרט, וואו ער
קומט אויף זיך אַליין אַלס די הויפּט-
פיגור פון דער פאַנטאַזיע, געווינט
די פאַנטאַזיע די פולע פרישקייט,
לעבעדיקייט, צאַפּלדיקייט און שפּראַכ-
לעכקייט פון אַן ערציילונג און
נאָך מער... עס שפּילט זיך פון אים
אַרויס דער צאַרטער, ווייכער, גוטמוטי-
קער, רירעוודיק-אומרויקער און פאַר-
חלומטער שטאָף, פון וועלכן טרעמפּס
און קונסט-נאַטורן זיינען געקנאָטן. זיינע

צוויי ראָמאַנען פֿון ארץ־ישׂראלדיקן לעבן „דער ים רוישט" און „דער פֿאַרפֿאַלגטער" האָבן דאָס בעסטע פֿון זיינע ערציילונגען — איינזאַמקייט, וויי, בענקשאַפֿט, צעשיידטע צעריסענע ליבעס, ליבעס וואָס ענדיקן זיך ניט קיין געענדיקטע"... ת' צייכנט זיך אויך אויס מיט זיין חוש פֿאַר דעם פֿאַרצייטיקן, פֿאַר דעם לעגענדאַרישן, וואָס קומט צום אויסדרוק אין זיינע מעשׂהלעך. פֿון זיינע אַמעריקאַנישע נאָוועלן איז אין בוכפֿאָרם אַרויס: „אַ זומפּ / ערצעהלונג פֿון אַמעריקאַנעם אידישען פֿאַרמער לעבען" (פּ"ג „זאַנגען", נ"י, 1924, ז' 72); אויף דעם פּאָן פֿון דעם לעבן אין אַ פֿאַרם האָט ת' דאָ אויפֿגעצייכנט די געשטאַלט פֿון דעם אונטערגייענדיקן מענטשן, דאָס צאַנקענדיקע לעבן אין דעם עלנטן מענטשן; „אַ זומפּ" איז אַ ליריש געזאַנג — אַ געזאַנג פֿון אונטערגאַנג, אין וועלכן ת' האָט אַרויסגעוויזן זיין כּוח דורך אַן איינפֿאַכער מעשׂה צו האַלטן אונדז געשפּאַנט, אַראָפּצולאָזן זיך אין דער טיפֿקייט פֿון אַ מענטשלעכער נשמה, אַ נשמה אין אַ פֿונאַנדערפֿאַלנדיקן גוף. — 1925 האָט ת' געגרינדעט אַ פּ"ג „צווייגן" פֿון קליינע בויגנדיקע 10סענטיקע ביכעלעך, באַוויזן אַרויסצוגעבן בלויז 10 נומ', וואָס אַנטהאַלטן דערציילונגען פֿון שלמה יודסאָן, ה. זעלטשענקאָ, מ. טשודנאָווסקי, רחל לוריע, מ. ווינאָגראַד, ד"ל מעקלער, מ. אָשעראָוויטש, ב. סמאָליאַר און פֿון ת' — „ווען מיר זיינען קינדער געווען (עסקיזן)", „דער חלום (דערציילונג")". — איינִיקע פֿון זיינע דערציילונגען זיינען אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין פֿראַנצויזיש, דייטש און ענגליש, צ"אַ — L'étranger „ראָמאַן פֿון דעם נייעם יידישן לעבן אין פּאַלעסטינע" — פֿאַרעפֿנטלעכט אין אַ גרויסער פֿראַנצויזישער צייטונג אין זשענעווע. זיינע אַ דערציילונג אויס דעם לעבן פֿון די חלוצים אין א"י איז דראַמאַטיזירט געוואָרן א"ט „דער פֿאַרפֿאַלגנער". — האָט צוזאַמען מיט לוי בערמאַן צוזאַמענגעשטעלט אַ לידער־זאַמלונג פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם דיכטער בערנאַרד לואיס א"ט „פֿלאַמטאַלין" (אַרויסגעגעבן פֿון בעסע גענדלער, נ"י, 1926, ז' 60). די לעצטע יאָרן איז ת' סעקרעטאַר פֿון דעם „י"ל פּרץ־שרייבער־פֿאַראיין" אין נ"י.

ב. ריווקין, „פּאַנטאָמינעס", אין „דער צייט", דעצעמבער 1921 (2 אַרטיקלען); א. אלמי, אין „פּ. א. ש."

תלפּיות שמואל (29/VI 1877—)

געב' אין ניישטאָט־סוגינד, קאָוונער געגנט, אין אַ חשובער פֿאַמיליע. געלערנט אין חדר און ישיבות, דריי יאָר פֿאַרבראַכט אין דער טעלזער ישיבה, פֿון וואַנען אָנגעהויבן צו קאָרעספּאָנדירן אין „הצפירה" (1892), דערפֿאַר פֿאַרלוירן זיינע טעג און געמוזט פֿאַרלאָזן די ישיבה, אַוועק קיין פּרייסן, אַ יאָר צייט געווען לערער אין אַ דייטשיידיש הויז, דאַן אַוועק צו זיין חבר און יוגנט־פֿריינד לייווקע איצלס (איצט פּראָפ' לואיס גינצבורג, אָנפֿירער פֿון דער שעכטער־ראַבינערשול), וועלכער האָט פֿון ניישטאָט־סוגינד געהאַט אויסגעוואַנדערט קיין אַמסטערדאַם, — אָבער אים שוין דאָרט ניט געטראָפֿן און אַוועק קיין ענגלאַנד, אין צוויי יאָר אַרום אויסגעוואַנדערט קיין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, וואו ער וואוינט עד־היום און דאָרט די לעצטע יאָרן רעדאַקטירט אַ אילוסטרירט וואָכנבלאַט „די פֿאָלקסצייטונג", אין יידיש און ענגליש. ער האָט רעגלמעסיק געשריבן „מכתבים מקאנאדא"

אין „המליץ", ביז די צייטונג האָט זיך פאַרמאַכט. געווען אויך אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון די העברעיִשע צייט־שריפטן אין אַמעריקע, פאַרעפנטלעכט אַ סך אַרטיקלען איבער חכמת ישראל אין די ענגליש־יידישע זשורנאַלן, די לעצטע יאָרן מיטגעאַרבעט אין „יידישען טאַגעבלאַט", וואו דערהויפּט פאַרעפנט־לעכט אַ סך אַרטיקלען איבער היסטאָ־רישע פּערזענלעכקייטן, פון צייט צו צייט אויך אין אַנדערע יידישע צייטונ־גען, אין „פאָרווערטס" א"פ ק. בער־נאַרד (למשל, אין זונטאָג־נומער פון 16/I 1927 — וועגן דעם אַמעריקאַנישן גר־צדק, דעם „ערשטן פּראַקטישן ציוי־ניסט"). — האָט גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין דער העברעיִשער דער־ציִונגס־אַרבעט, געווען איינער פון די ערשטע צו באַנוצן העברעיִש אויף עפנט־לעכע פאַרזאַמלונגען (נאָך אין 1898), איינער פון די גרינדער פון דער ציוי־ניסטישער אָרגאַניזאַציע אין קאַנאַדע, 1904—5 געווען טעטיק אין דער אַרבעט פאַ־ דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין קאַנאַדע און אַלס פאַרמיטלער צווישן דער קאַנאַדער רעגירונג און די גרופּעס יידן, וואָס זיינען געקומען זיך באַזעצן אַלס פאַרמערס אין צפון־קאַנאַדע, פאַר־עפנטלעכט אַ סך אַרטיקלען וועגן די מעגלעכקייטן פון דער לאַנדווירטשאַפט אין קאַנאַדע — אין „הצפירה", „הצופה", „העולם".

תַּמַרְת אהרן־שמואל (1869—) געב' אין אַ דאָרף ביים שטעטל מאַלטש, גראָדנער געגנט, אין אַן אָרע־מער, אָבער יחסנישער פאַמיליע. זיין פאָטער, משה־יעקב, אַן אייניקל פון דעם מאַלטשער רב ר' אַרעלע (וועלכער האָט אין די 40ער יאָרן פון פאַרגאַנגע־נעם י"ה געשעמט אין פּאָלעסיע אויף אַלס צדיק א"נ דער מאַלטשער מגיד), האָט געהאַלטן אַ שענקל; דעם זון האָט ער דערצויגן בלויז אויף לימודי קודש. שוין פון קינדווייז אויף האָט ת' זיך אויס־געצייכנט מיט זיין

ליבע צו דער נאַטור און רעלי־גיעזער התלהבות, פלעגט אַלע טאָג גיין אין דער־בייַיקן מאַלטש אין חדר, צו 13 — 14 יאָר שוין געלערנט פאַר זיך אין מאַל־טשער בית־מדרש, געשעמט אין דער סביבה אַלס מאַלטשער עילוי, אויפן 17טן יאָר חתונה געהאַט קיין מיליטשיץ, גראָדנער געגנט, צו 19 יאָר אַוועק קיין קאָוונע, וואו ער האָט פלייסיק געלערנט אין „כולל הפרושים", דערנאָך צוויי יאָר פאַרבראַכט אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, וואו ער האָט זיך נאָך מיט מער באַגייסטערונג איבערגעגעבן צו דעם לימוד התורה, אָבער גלייכצייטיק אויך געכאַפּט אַ שמעק פון השכלה, זיך אויך אַ ביסל אויסגעלערנט די רוסישע שפּראַך. שפּעטער זיך אויך פאַרפולקומט אין העברעיִש און אויך איינגעשאַפּט זיך אַ געוויסע מאָס וועלטלעכע בילדונג. 1893, נאָכן טויט פון זיין שווער, האָט ער איבערגענומען זיין כסא־הרבנות, אויף וועלכן ער איז געבליבן עד־היום. מיט דעם אויפקומען פון דעם פּאָליטישן ציוניזם האָט ת' זיך אַריינגעוואָרפן אין דער דאָזיקער באַוועגונג מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה; דערצו האָט אים נאָך דערנעענטערט צו דעם ציוניזם זיין פאַרביטערונג קעגן דעם פאַרשטיינערטן טייל פון דער אָרטאָדאָקסיע, וועלכער איז אַרויס קעגן די ציוניסטן מיט עבירות־

זוכעריי, און דאַן איז ער אַרויסגעטרעטן מיט זיין סעריע אַרטיקלען א״ט „שלומים לריב ציון״ א״פ אחד הרבנים המרגישים — אין „המליץ״, תּרנ״ט. די אַרטיקלען האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם און די קאָוונער ציוניסטן האָבן זיך אַפילו געווענדט צו דעם מחבר נאָך אַ דערלויבעניש זיי איבערצודרוקן אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע. אינגיכן אָבער האָט תּ׳ זיך אַנטטוישט אין דעם ציוניזם; דער ערשטער שטויס דערצו איז געווען אַ ציוניסטישער צוזאַמענפאָר אין ווילנע פון 7 גוב׳, אויף וועלכן ער איז אויך געווען איינגעלאַדן; די רוסישע שפּראַך, אין וועלכער די מנהיגים פון דער קאָנפערענץ האָבן די פאַרזאַמלונג אָנגעפירט, האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן ריס אין זיין פריערדיקער התלהבות און אין זיין גלויבן, אַז דער ציוניזם איז אויך אַן אויפלעבונג פון דעם יידישן גייסט. אין אַ חודש אַרום איז ער דורך די בריסקער ציוניסטן אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צום פערטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן, און די גאַנצע פוסטע אָפּיציאַליטעט, וואָס ער האָט פריער געטראָפן אויף דער ווילנער קאָנפערענץ, האָט זיך איבערגעחזרט נאָך אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב אויך דאָרט אויפן לאָנדאָנער קאָנגרעס; דאָס האָט אים נאָך מער אָפּגעשטויסן פון דער באַוועגונג און פון לאָנדאָן נאָך האָט ער אַוועקגעשיקט צו די קאָוונער ציוניסטן אַ פאַרבאָט איבערצודרוקן זיינע אַרטיקלען און האָט פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור א״ט „היהדות והחרות״ (1904), וואו ער איז שאַרף אויפגעטרעטן קעגן דעם פאַלש פאַרשטאַנענעם נאַציאָנאַליזם און קעגן דעם צעבלאָזענעם ציוניזם; אין אַנדערע אַרבעטן, סיי פּובליציסטישע סיי בעלעטריסטישע, געטאַדלט די, וואָס ניצן אויס די תּורה פאַר זייערע עגאָיִסטישע צוועקן, און זיינע אויספירונגען האָבן געפונען אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזן. 1912, ווען דער רב צעיר (חיים טשערנאָוויץ) האָט זיך געקליבן צו פאַרלאָזן אָדעס צוליב די נגישות פון דעם אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק, האָט ער זיך געווענדט צו תּ׳ן, ער זאָל קומען איבערנעמען די ישיבה, וואָס ער האָט דאָרט געגרינדעט און געפירט איניקע יאָר, תּ׳ איז שוין געהאַט אַוועקגעפאָרן קיין אָדעס, אָבער דערזען דאָרט דעם טומל פון דער גרויסער שטאָט, די אָפּגעפרעמדטקייט פון דער נאַטור, האָט ער ניט קוקנדיק אויף דער אַגיטאַציע פון די גבאים פון דער ישיבה, אויך פון מענדעלע מוכר־ספרים, ביאַליק א״אַ זיך צוריקגעקערט אין זיין קליינעם שטעטעלע מיט דעם קליינעם סאָסנע־וואַלד, וואו ער פאַרברענגט זיינע זומערן און שרייבט זיינע ווערק. דאָ האָט ער זיך אַלץ מער און מער געשטאַרקט אין זיין אינדיווידואַליסטישער שיטה, אין וועלכער דער קאַמף קעגן דער מענטשלעכער רישעות און קעגן דעם פּרינציפּ, אַז „דער ציל כשרט די מיטלען״, די שטרעבונג צו מאָראַלישער פאַרפולקומונג אויפן גרונד פון יידישקייט, „דורכגעפלאָכטן מיט די פיר הויפּט־אידעען פון יידישן לעבן — אָרטאָדאָקסיע, ציוניזם, פאָלקיזם און סאָציאַליזם״, פאַרנעמט אַ צענטראַלן אָרט. זיינע אידעען ברענגט ער פון צייט צו צייט צום אויסדרוק אין אַרטיקלען אין צייטונגען. געשריבן אין אַ פּראָסטן, ניט געשליפענעם יידיש, מאַכן זיי אָבער אַ שטאַרקן רושם מיט זייער דרייסטקייט און טעמפּעראַמענטפולן טאָן. אַזוי איז ער אין „פריינד״ 1911, 120, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם בייליס־פּראָ־

צעס אַרויסגעטרעטן מיט אַ שאַרפן אַרטיקל קעגן די יידישע טעלערלעקער, וואָס זיינען מצדיק הדין אויף די רדיפות, אַז מ׳רודפט יידן, ווייל דער יונגער דור איז, הייסט עס, פורץ בדת, און האָט רעוואָלטירט אויך קעגן די רבנים, וואָס זיינען אַרויס אין טלית און קיטל שווערן, אַז יידן באַנוצן ניט קיין קריסטלעך בלוט. נאָך אין דער קינדהייט האָט אויף אים אַ שטאַרקן רושם געמאַכט דער טויט פון דעם זון פון אַ שכן אַ פויער, וועלכער איז געפאַלן אין דער רוסיש-טערקישער מלחמה; ער האָט צוזאַמען מיט דער מוטער דער „גויע" ביטער מיטגעוויינט אויף דעם אומגעקומענעם, זינט דאַן געוואָרן אַ קעגנער און האַסער פון יעדן מין מיליטאַריזם, און אין זיין ספר „כנסת ישראל ומלחמות הגוים" (וואַרשע, 1920, ז׳ 84) ברענגט ער צום אויסדרוק זיין פראָטעסט קעגן דעם גרויל פון מלחמה, ווי אויך אַ געפיל פון צופרידנקייט מיט דעם באַנקראָט, וואָס די אייראָפעיִשע ציוויליזאַציע, „די פאַרפאָלגערין פון יידנטום", האָט געליטן דורך דעם וועלט-קריג, זוכט צו באַווייזן, אַז די מלחמה איז אַ אומפאַרמיידלעכער פועל-יוצא פון דעם גאַנצן פאַרדאָרבענעם לעבן, וואָס די אַזוי-גערופענע ציוויליזירטע פעלקער פירן; די גאַנצע האָפענונג אויף דער אויסלייזונג פון דער מענטשהייט פון דעם מלחמה-גרויל לייגט ער אויפן יידנטום, וואָס דאַרף זיין דער אַוואַנגאַרד אין דעם קאַמף קעגן מלחמות. זיין שנאה צו מלחמה האָט ער אויך אַרויסגעבראַכט אין זיין סעריע אַרטיקלען אין „ווילנער טאָג" (1926, 35—41) אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם געדאַנק און דער פראַקטיק פון זשאַבאָטינסקיס „יידישע לעגיאָנען". אַ ריי שאַרפע אַרטיקלען קעגן דעם טאַראַראַם-ציוניזם און קעגן דער ציוניסטישער פאָליטיק בכלל האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט אין דעם וואַרשעווער טאָגבלאַט „דאָס יודישע וואָרט" (1917, 219 — קעגן די ציוניסטישע תביעות צו דער שלום-קאָנפערענץ), אין דעם אָרגאַן פון די פאָלקיסטן „דאָס פאָלק" (1922), אין דעם ווילנער אָרטאָדאָקסישן וואָכנבלאַט „דאָס וואָרט", אין דעם אָרגאַן פון דער אַגודה „דער יוד" א״אַ. ער האָט זיך אויך באַטייליקט פון צייט צו צייט מיט אַרטיקלען אין „הצפירה" (תר״פ, „השתחררות המחשבה העברית"), ח״י בונינס „שאר ישוב" (1922), א. שטיינמאַנס „קולות" (1923, VI — VIII). עס איז אויך צו דערמאָנען זיין פאַמפלעט „פאַר׳ן צער פון אַ נרדף... / אַ בעלויכטונג אויפ׳ן „ראַדאָמער ענין", און אגב-אורחא אויך אויף נאָך אַ גאַנץ פעקל שמערצליכע ערשיינונגען מיט פערדריסליכע אינצידענטען וואָס זענען די לעצטע יאָהרען פאָרגעקומען אינ׳ם יודישען וועלטעל, נאָך וועלכע אַ דעזינפעקציע פון עטליכע עהרליכע און לאָגישע ווערטער איז זייער נויטיג" (פיעטריקאָוו, תרפ״ח). פון זיינע רבנישע ספרים זיינען געדרוקט: „מוסר התורה והיהדות" (ווילנע, דרוק ל. עפל), „יד אהרן, חדושי תורה" — מיט אַ הקדמה וועגן דער חשיבות צו לערנען תורה (תרפ״ג).

„לקסיקון ציוני".

תשב״ק (30/I 1872 — 5/X 1926) פס״נ פון ישראל-יוסף זעווין. געב׳ אין האַרקי, מאָהליעווער גוב׳, פון 6 יאָר אָן דערצויגן געוואָרן אין דעם דערבייִיקן שטעטל דריבין, וואו זיינע עלטערן האָבן אַרענדירט אַ בראַנפנזאַוואָד. זיין פאָטער, יהודה-לייב, איז געווען אַ רייכער סוחר, אַ חסיד, אַ גרויסער בעל-צדקה, פון וועמעס האַנט עס האָט געלעבט כמעט דאָס גאַנצע שטעטל;

אַ גרויסער למדן און דערצו אַ וועלט=
לעכער מענטש, וואָס זיין קענטשאַפט
פון רוסיש איז אים שטאַרק צוניצגע=
קומען יעדעסמאָל, ווען יידן האָבן גע=
דאַרפט אַ טובה

ביי די שטעטלשע
שררות, איז ער
יונג געשטאָרבן,
ווען ת׳ איז נאָך
קיין 10 יאָר ניט
אַלט געווען, האָט
איבערגעלאָזט
אויף זיין גערא=
טענעם זון אַ שטאַרקע השפעה, וועלכע איז
אים געבליבן אויף זיין גאַנץ לעבן (זיין אָנ=
דענק האָט ת׳ געווידמעט די „אגדות״). אויך
זיין מוטער פייגע, געב׳ מוראַווין, האָט
געשטאַמט פון אַ זייער באַוואוסטער האָר=
קער פאַמיליע פון תבואה=סוחרים און
בעלי=צדקה. פון קינדווייז אָן אַ קרענקלע=
כער, אַ הויקער (וואָס ער האָט באַקומען
צו 2 יאָר דורך אַ פאַל), האָט ישראל=יוסף
דאָך אַרויסגעוויזן גרויסע פעיקייטן און
ביז 17 יאָר מיט גרויס התמדה געלערנט
תלמוד און פוסקים, רוסיש און אַ ביסל
דייטש, פון העברעיש — שוין אָפּגע=
רעדט, אין דער דאָזיקער שפּראַך אגב
שוין צו 12 יאָר געמאַכט זיינע ערשטע
ליטעראַרישע פרווון. 1889 (לויט ח״י מיני=
קעס-- אויפן 17טן יאָר?) האָט ער אויס=
געוואַנדערט קיין אַמעריקע, די ערשטע
פיר יאָר געווען אַ פעדלער און אַדאַנק
זיין ענערגיע און ליבשאַפט צו יעדער
באַשעפטיקונג, מיט וועלכער ער האָט
זיך אָפּגעגעבן, האָט ער אפילו אין זיין
אָרעמער פעדלעריי מצליח געווען. אים
האָט אָבער געצויגן צום שרייבן און, ניט
אָפּלאָזנדיק זיין קרעמל אויף בויערי=גאַס
אין נ״י, האָט ער 1893 פאַרעפנטלעכט אין
„יידישען טאַגעבלאַט״ אַ קליינע סקיצע
„פערעלע און בלימעלע״ און דאַן אויך
אַנדערע. שוין זיינע ערשטע זאַכן האָבן
שטאַרק אויסגענומען, אַזוי אַז דאָס „טאַגע=
בלאַט״ האָט אים צוגעצויגן צו רעדאַקציאָ=
נעלער אַרבעט, און ער האָט זיך געוויד=
מעט אויסשליסלעך דער ליטעראַרישער
טעטיקייט, אין דער פרייער צייט זיך
אָפּגעבנדיק מיט לערנען ענגליש (די ער=
שטע ידיעות אין דער ענגלישער שפּראַך
האָט ער באַקומען אין אַ אָוונטשול
אַלס תלמיד פון אַב. קאַהאַן). ווען משה
פרימאַן האָט 1894 אַרויסגעגעבן די „אידי=
שע פרעסע״ אין פילאַדעלפיע, האָט ער
אַיינגעלאַדן ת׳ן אַלס רעדאַקטאָר, דאָס
וואָכנבלאַט האָט אָבער ניט געהאַט קיין
אַריכת=ימים, ת׳ איז צוריקגעקומען קיין
נ״י און איז ווידער אַריין אַלס רעדאַק=
ציאָנעלער מיטגליד פון „יידישען טאַגע=
בלאַט״, מיט וועלכער צייטונג ער איז
געבליבן פאַרבונדן ביזן טויט אַלס איינער
פון אירע הויפּט=מיטאַרבעטער אונטער
פאַרשיידענע פּס״נ (דערהויפּט — יוד=
קאָוויטש) און אַ געוויסע צייט (נאָך דעם
טויט פון פאַליי, 1907) אויך — רעדאַק=
טאָר. ער האָט זיך פון צייט צו צייט
באַטייליקט אויך אין אַנדערע יידישע
אויסגאַבן פון אַמעריקע, אין מיניקעס יום=
טוב=בלעטער, ווי אויך אין וואַרשעווער
טאָגבלאט „דאָס לעבען״ („דער פריינד״),
נאָכדעם ווי עס איז אַריבער צו דער פאַר=
לאַגסגעזעלשאַפט „צענטראַל״ (1914).
זינט 1924 געווען אויך אַ שטענדיקער מיט=
אַרבעטער פון „מאָרגען זשורנאַל״, וואו
ער האָט אין משך פון איבער צוויי יאָר
געשריבן פּאָפּולערע אַרטיקלען, דער=
הויפּט אין דער אָפּטיילונג „פאַר הויז
און פאַמיליע״, א״פּ ד״ר א. אַדעלמאַן,
אויך א״פּ מאיר זאָנענשיין. — מיט זיין
קלאָרער פאָלקסטימלעכער שפּראַך האָט
ת׳ פיל מיטגעהאָלפן צו דער אַנטוויק=

לונג פון דעם יידישן זשורנאַליזם אין אַמעריקע, פון וועלכן ער איז געווען איינער פון די בויער. ת' האָט געשריבן דערציילונגען, מעשהלעך, פעליעטאָנען (אַ לאַנגע צייט געפירט „דעם טאַגעבלאַט'ס פעליעטאָן"), באַטראַכטונגען, פאַרשיידענע זשורנאַליסטישע און פובליציסטישע אַרטיקלען אאַז"וו, האָט אויך פאַרפאַסט אייניקע ראָמאַנען, צ"אַ „פון אַכצעהן ביז דרייסיג" — אַ ראָמאַן פון יידיש־אַמעריקאַנישן לעבן (איינער פון זיינע לעצטע און גרעסטע ראָמאַנען, ווערט צוגעגרייט צום אַרויסגעבן אין פ"ג „היברו פּאָבלישינג קאָ."). אָבער אַ נאָמען האָט ער זיך דערהויפּט געמאַכט מיט די הומאָריסטישע געשיכטן אויס דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע, מיט וועלכע ער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע. ער איז בשעתו געווען דער הומאָריסט פון דער יידישער אַמעריקע און האָט מיט אַ גוטמוטיקייט, מיט פאַרשטענדעניש, מיט אַ פאַרגעבנדיקן טרויעריקלעכן שמייכל פאַר די נעגאַטיווע שטריכן פון דער יידישער אַמעריקאַניזאַציע געשילדערט די קאָמיזמען און פאַרקרימטקייטן פון דעם יידישן ישוב אין דעם נייעם לאַנד, און זיינע סעריעס דערציילונגען, הומאָריסטישע און ערנסטע, ווי „חיים דער קאָסטאָמער פעדלער", „דזשאָו דער ווייטער", „שמחה דער שדכן", „בערל דער בוטשער באָי", שטעלן מיט זיך פאָר די קאָמישע בילדער־גאַלעריע, וואָס די יידן האָבן אויפגעבויט אין אַמעריקע אין דער שטרעבונג אַריבערצופלאַנצן דאָס אַלטע לעבן אויף אַ נייעם באָדן. צווישן די הונדערטער אַנעקדאָטישע דערציילונגען האָט ת' אויך „אמת מייסטערהאַפטע הומאָרעסקן, דערציילונגען און פעליעטאָנען מיט לעבעדיקע מענטשן און מיט אַ סביבה, אָנגעוואָרפן ברייט און מיט אַ געניטער האַנט מיט איינער — צוויי פאַרבן, מיט אַ פּאָר געלונגענע שטריכן. — אין פאַרלויף פון דריי צענדלינג יאָר האָט ער אין די צייטונגען אָפּגעשפּיגלט דאָס יידישע לעבן און די פאַרענדערונגען אין דעם דאָזיקן לעבן. ער איז מיטגעגאַנגען מיטן אַמאָליקן ראַדיקאַל און האָט פאַרצייכנט זיין וועג פונעם אָרטאָדאָקסישן קלוב ביז גבאות אין אַן אָרטאָדאָקסישער שול. ער האָט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיטן פעדלער באַלד נאָכדעם ווי יענער איז מיט אַ יאָר 30 — 35 צוריק אַראָפּ פון דער אימיגראַנטנשיף, און האָט די באַקאַנטשאַפט אָנגעהאַלטן מיט אים אויך נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן אַ מיליאָנער און אַ „יאַהודי". ער איז נאָכגעגאַנגען אויף שריט און טריט דעם יידישן נייעם ישוב אין אַמעריקע און האָט אים, אויב ניט קינסטלעריש געמאָלן, לפּחות—געכאַפּט פון אים „שנעלפאָטאָגראַפיעס" — אין אַ קרומען שפּיגל. און אַז איר בלעטערט ת'ס שריפטן, גייט איר דורך אַלע עטאַפּן פונעם יידיש־אַמעריקאַנישן ישוב, זעט איר די מעטאַמאָרפאָזן פונעם יידישן עמיגראַנט אין אַמעריקע פאַר די לעצטע דריי־פיר צענדלינג יאָר. און דאָס איז אינטערעסאַנטע געשיכטע, אויב שוין ניט קיין גוטע ליטעראַטור" (אַ. וואָלינער). פון ת'ס סקיצן און דערציילונגען זיינען אין בוכפאָרם אַרויס: „געקליבענע שריפטן" (אַנטהאַלט 119 הומאָריסטישע און קאָמישע דערציילונגען פון די סעריעס „חיים דער קאָסטאָמער פעדלער", „דזשאָו דער ווייטער", „שמחה שמש" און „בערל דער בוטשער באָי"); „די בעסטע ערצעהלונגען פון תשר"ק", אין 4 ט': I „דאָס גאָלדענע לאַנד" —

דערציילונגען פון דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע, II „שפּאַס און ערנסט״ — מעשיות, משלים און פאַנטאַזיען, III „מענער און פרויען״ — טראַגעדיעס און קאָמעדיעס פון פאַמיליענלעבן, IV „אויף דער זייט ים״ -- בילדער פון אונזערע געלע און גרינע. — די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ת׳ זיך אָפּגעגעבן מיט אַריבערטראָגן אין יידיש די אַגדישע ווערק און אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אַרבעט אַרויסגעגעבן — מיט אַ זייער גרויסן ערפאָלג — „אַלע אגדות פון תלמוד / אַ זאַמלונג פון אַלע מעשיות, לעגענדען, פאַבעלען, אַלעגאָריען, אַנעקדאָטען, היסטאָרישע און ביאָגראַפישע ערצעהלונגען, פּאָעטישע און פילאָזאָפישע פּערל פון גאַנץ תלמוד בבלי און י ר ו ש ל מ י אין דריי טייל״ (נ״י, תרפ״ב, I און II — „בבלי״, ז׳ 328+20 און 335+17, III — „ירושלמי״ — ז׳ 11+145). אין דער „איינלייטונג״ צו דעם דאָזיקן גרויסן ווערק (I ט׳, ז׳ 1—10) דערציילט ת׳ צ״אַ: „אַלעס וואָס איז דאָ אין „עין יעקב״, אויסער די דרשות, איז אַריינגעגעבן אין דיזער זאַמלונג און אויך אַ גרויסע צאָל ערצעהלונגען, אגדות און משלים, וואָס זיינען אין „עין יעקב״ ניטאָ, יעדע מסכת — אין אַ בעזונדער אָבטהיילונג... דאָס איז די גרעסטע און פאָלקאָמענסטע זאַמלונג אגדות פון אַלע וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אויף דיזען געביט... אין דער איבערזעצונג האָב איך זיך געהאַלטען שטרענג ביים אָריגינאַל און ביי די מפרשים... מיין הויפּט־צוועק איז צו פּרעזענטיען דעם תלמוד און זיין אייגנאַרטיגען סגנון, אָדער סטיל... איך האָב זיך געהיט ניט צולייגען פון מיין אייגענע אויף אַ האָר, בלויז דאָרט וואו עס פאָדערט זיך אַן ערקלעהרונג, האָב איך דאָס געגעבען.

יעדער זאַץ איז איבערזעצט מיט דעם פּירוש צוזאַמען. עס הייסט, איך האָב דעם פּירוש (רש״י, תוספות אָדער מהרש״א) אַריינגעגעבן אין דער איבערזעצונג, צוזאַמענגעשמאָלצן ווי איין זאַך... אין דעם „אינהאַלט פערצייכניס״ האָב איך ביי יעדען מאמר אָנגעגעבן די קוועלען פון אַלע וואַריאַנטען וואָס איך האָב געברויכט אין די וואַריאַנטען...״ צום סוף פון דעם ווערק קומט אַ נאָכקאַפּיטל פון דעם מחבר א״ט „ווי זאָלען מיר פערשטעהן די אגדות? / לויט אַ מאמר פון ר׳ אברהם בן הרמב״ם און די ערקלעהרונגען פון אַנדערע גדולים״ (III ט׳, ז׳ 138 — 145). אַלס המשך פון זיין אַ״ג „עין יעקב אויף יידיש״ האָט ת׳ אין פיר יאָר אַרום פאַרעפנטלעכט אַ 4בענדיק ווערק א״ט „דער אוצר פון אַלע מדרשים / אַלע אגדות, ערצעהלונגען און משלים, אַרויסגענומען פון מדרש רבה, מדרש תנחומא, מדרש חמש מגילות, מדרש שוחר טוב, זוהר, מדרש אגדה, ילקוט שמעוני, ספר הישר, און פון אַלע אַנדערע מדרשים״ (נ״י, 1926, I — ז׳ 221, II — ז׳ 224, III — ז׳ 224, IV — ז׳ 199). פאַר דעם דאָזיקן ווערק (וואָס איז אגב געווידמעט דעם „אָנדענקען פון אַ נאָבעלען פריינד פּראָפ׳ אליעזר ־ גאָטהאַרד דייטש ז״ל וועלכער האָט מיך פיעל ערמוטהיגט אין מיין אַרבייט״) האָט ת׳ אויסגענוצט ניט נאָר אַלע מדרשים און מאספים פון מדרשים, ווי אייזענשטיינס „אוצר מדרשים״, נאָר אויך דעם „ספר המעשיות לר׳ נסים גאון״ א״אַ. די דאָזיקע 7 ב׳ „אגדות״ פון תלמוד און פון מדרשים איז געווען „דער רעזולטאַט פון אַכט יאָר שווערע אַרבעט, פון אַ סך ניט דערשלאָפענע נעכט און כמעט איבערנאַטירלעכע אָנשטרענגונג״. ת׳ האָט נאָך

געהאַט בדעה צו מאַכן אַן איבערזעצונג פון די שפּריכווערטער פון תּלמוד און מדרש, אָבער דאָס איז אים שוין ניט באַשערט געווען אויסצופירן. דערפאַר האָט ער נאָך באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן זיין 2בענדיק ווערק „אַלע משלים פון דובנער מגיד / געזאַמעלט און איבערזעצט פון זיינע ווערק „אהל יעקב“, „קול יעקב“, „כּוכב מיעקב“, „אמת ליעקב“ און „ספר המדות“ (נ״י, תּרפּ״ה, I — ז' 317, II — ז' 318). דאָס ווערק (וואָס איז אגב געווידמעט „צום אָנדענקען פון אַן אונפּערגעסענעם פריינד יעקב דינעזאָהן ז״ל, אַ שריפטשטעלער און פאָלקסלעהרער“) אַנטהאַלט 390 משלים און אַנעקדאָטן פון „דעם יידישן עזאָפּ“ ר' יעקב קראַנץ (געב' 1741 אין זשעטל, ווילנער געגנט, געשט' 18/XII 1804 אין זאַמאָשץ) און אויך אַן „איינלייטונג“ איבער זיין לעבן און שאַפן. פון זיינע אַנדערע אַרבעטן איז אין בוכפאָרם אַרויס: „מעשה'לעך פאַר קינדער“ (פ״ג „היברו פּאָבלישינג קאָ.“, נ״י, 1919, ז' VI+222, מיט אָריגינעלע צייכנונגען פון איזראַעל (לאָלאָ); די „מעשהלעך“ זיינען טיילווייז גענומען פון תּלמוד, מדרש, ילקוט און פון אַנדערע ספרים, אַנדערע זיינען באַאַרבעט פון אַנדערסען, ברידער גרים, וויקטאָר הוגאָ, בערטאָלד אויערבאַך, י״ב לעוונער, י. שטיינבערג, ש. בערמאַן, פון יידישע פאָלקסמעשיות א״אַ. אייניקע זיינען אויך אָריגינעלע פאַרפאַסונגען. — אין ת'ס צעבראָכענעם פאַרהויקערטן קערפּער איז געזעסן אַ גייסט פול מיט מוט, ענערגיע, אונטערנעמערישקייט, אַ דאָרשט צום שאַפן, אַ אָפּטימיזם און אַ ליבלעכקייט און אַ האַרציקע פריינדלעכע פשטות, וועלכע מעלות עס האָבן אים באַליבט געמאַכט ביי אַלע זיינע קאָלעגן. ער איז געווען אומגעהייער פּראָדוקטיוו און האָט פאַרפלייצט אי דאָס „טאָגעבלאַט“ אי דעם „מאָרגען זשורנאַל“ ווי פון אַן אמתן קוואַל פון מעשיות, עצות, געדאַנקען, און אַפילו אין דעם טאָג ווען ער איז געשטאָרבן זיינען אין ביידע צייטונגען געווען אַרטיקלען פון אים (פאַרן טויט האָט ער אגב אָפּגעדרוקט אין „אַמעריקאַנער“ אַ סקיצע, וואו ער דערציילט פון אַ יונגן שרייבער, וואָס האָט פאַר אַ געוויסן צוועק זיך אַ נאָמען געגעבן תּשר״ק, האָט זיך פאַרקילט, אַ טאָג שפּעטער געקראָגן לונגענאַנטצינדונג און איז באַלד געשטאָרבן; אַזוי פּלוצלונג איז טאַקע געקומען אויך תּשר״קס טויט). „אָבער די אַרבעט אין דער צייטונג, — שרייבט וועגן ת'ן א. וואָלינער — דער צוואַנג אומאויפהערלעך צו זיין אַ „האַנט“ אין רעדאַקציע האָט דערשטיקט זיין באַגאַבונג, און אויב „עס זעט זיך טאַלאַנט אַפילו אין די שוואַכסטע זאַכן“, איז אַפילו אין די בעסטע, כּמעט שלום-עליכמשע פילט זיך „די איילעניש, די אָפּגעלאָזנקייט און די נאַכלעסיקייט פון צייטונג-שרייבעריי. ...די שפּראַך איז נאַכלעסיק און פול מיט אַנגליציזמען און גערמאַניזמען, דער זאַץ איז אָפט שלעכט געבויט און דאָס גאַנצע ליידט פון פּילריידעריי... די חסרונות פון דער טעגלעכער צייטונג-שפּראַך פילן זיך אַפילו אין ת'ס „אגדות פון תּלמוד“, וואָס ער האָט, ווי עס זעט אויס, באַטראַכט פאַר דער סאַמע קרוין פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט; עס פעלט לייכטקייט, פליסיקייט, פאָלקסטימלעכקייט און פיינקייט, כאָטש די אַלע מעלות פאַרמאָגן גאַנץ אָפט זיינע געלונגענערע הומאָרעסקן“. — ת' האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ סך דערציילונגען אין העברעיש, אין

ראָזענצווייגס „העברי". זינט 1905 האָט ער אויך געשריבן אין ענגליש, צוערשט זיינע דערציילונגען, דאָס רוב — איבערזעצונגען פון זיינע יידישע געשיכטן, געדרוקט אין דער ענגלישער אָפּטיילונג פון „טאַגעבלאַט" און נאָכדעם אין וואָכנבלאַט American Hebrew, אין די אַמעריקאַנישע זשורנאַלן פון „סטריט ענד סמיט" (1908) א״אַ, פון 1914 ביז סוף 1917 געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער זונטאָג־אויסגאַבע פון דער גרויסער ענגלישער צייטונג New York Herold, וואו פאַרעפנטלעכט אַ 80 הומאָריסטישע דערציילונגען אויס דעם יידישן לעבן אין נ״י, ווי אויך צענדלינגער אַרטיקלען און אינטערוויוען וועגן פאַרשיידענע ענינים, ווי די בילדונגסיסטעם פון נ״י, דאָס אַרבעטער־לעבן, די שקלאַפעריי פון קליינע קינדער אין איטאַליענישן קוואַרטאַל, וואָס אַרבעטן ביי קינסטלעכע בלומען אאַז״וו. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אין ענגליש אַ בוך, וואָס האָט געהאַט ערפאָלג.

י״ח מיניקעס, אין „מיניקעס סוכות און ימים נוראים בלאַט", 1901; „חכמי ישראל באמריקא", ז' 49; ЕЭ, VII, ז' 772; בעל־מחשבות, „שריפטען", IV; פראָפ' גאָטהאַרד דייטש, אין Allg. Zeitung d. Judentums, 1913, X; בערנאַרד ג. ריטשאַרדס, קריטיש־ביאָגראַפישע אָפּהאַנדלונג אין Ivening Transcript פון 21/X 1910; נעקראָלאָגן אין דער יידישער פרעסע פון אַמעריקע פון אָקטאָבער 1926, צ״אַ: ב. שעלווין, „דער מאַן מיט'ן שטענדיגען שמייכעל", אין „מאָרגען זשורנאַל" פון 7/X; י. פישמאַן, ib; מרדכי מישקין, „זעווין דער שטילער אָפּטימיסט", ib; ע. בוכאַווער, ib; משה זש־סלין, „עטלעכע ווערטער פון אַ יוגנט־חבר", אין „ווילנער טאָג" פון 22/X 1926; א. וואַהלינער, אין „אונדזער בוך" 1925, V, ז' 296—299; ש. ניגער, אין „ליטעראַרישע בלעטער", 1926, 81 און 87.